ספר

# נופת צופים

חכו ממתקים וכולו מחמדים

## על חמשה חומשי תורה

דיא דברי מוסר פון זוהר הקדוש וואש האט געמאכט דער געטליכער תנא רבי שמעון בן יוחאי
האבין מיר אויש גיקליבין דיא דברים פשוטים · אונ האבין מעתיק געוועזין אויף עברי טייטש
אונ האבין גישטעלט אויף איטליכער סדרה פון וואך · צוא מאכין טרינקען דיא קוועלעדיגע וואשר
פון טיפען ברונען וואש זיינען זיסער אז האניק גאר דאש הייליגע גימיין · עש זאל פאר שטיין
גרויש אונ קליין · ובזכות זה וועלין מיר זוכה זיין אין ירושלים גיין · אמן וכן יהי רצון :

חברו הרב הדרשן הגדול **צבי הירש** בהר"ר ירחמיאל זצ"ל חאטש מקראקא בן המנוח הרב מוהר"ר **יוסי** זצ"ל מבינא

# ווילנא

בדפוס ר' יוסף ראובן בר' מנחם מן ראם
שנת **תרכ"ה** לפ"ק

**НОФЕТЪ ЦУФИМЪ**
т. е.
текущіе соты

**ВИЛЬНО**
Въ типографіи Р. М. Ромма.
1865.

Дозлвоено цензурою 26 Марта 1864 года, Вильно.

# בראשית

בבא אלהים את השמים ואת הארץ רבי שמעון זאגט עס שטייט ואשים דברי בפיך ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ ולאמר לציון עמי אתה פון דעם פסוק לערינט מען אפ וויא דער מענטש בדרך עוסק זיין אין דער תורה יומם ולילה דען הקב"ה אליין הערט צו זייער קול אונ פון איטליכין ווארט וואס דער מענטש איז מחדש אין דער תורה אונ אין קבלת סודות התורה ווערט דר פון בשאפן איין נייער הימיל דאס הייסט רקיע חדש דען מיר האבין גילערינט באותו שעה אז דיא דברי תורה גייען ארויש פון זיין מויל גייען זייא ארויף למעלה אונ שטעלין זיך פאר הקב"ה אזו נעמט הקב"ה דעם דיבור אונ קושט אים אונ קריינט אים מיט זיבעצינ קרוינען פון דיא אורות עליונים אונ איין דבר חכמה אז עש ווערט בנייט גייט דאש ארויף אונ שוועבט אין זיבעציג עולמות של מעלה אונ באהעפט זיך אין דיא סודות של מעלה פון הקב"ה אונ שוועבין אין דיא אכצין וועלטין וואס זיינען פאר הוילין פון אלע באשעפעניש דאס. אויף זייא איז גיזאגט גיווארין עין לא ראתה אלהים זולתך פון דארטין גייען דיא דברי תורה אונ שוועבין פאר הקב"ה אונ שטעלין זיך פאר איהם באותו שעה שמעקט ער זייא אונ עס איז צוא אים לריח ניחוח ליבער פון אלין וואס אויף דער וועלט אזו נעמט ער די דאזיגע דברי תורה אונ קריינט זיא מיט דריי הונדערט אונ זיבעציג טויזינט עטרות דער נאך שוועבט זיא למעלה ולמטה אונ עש ווערט דער פון איין רקיע חדש אונ אויך פון איטליכין ווארט פון דיא חידושי תורה אונ קבלת וסודות ווערין דער פון בשאפין הימלין אונ זיי הייסין שמים החדשים שמים וואש ווערין בשאפין פון די חידושי תורה פון דיא בעלי הקבלה אונ אז מען איז מחדש אין דיא נגלות פון דער תורה וואש האט ניט קיין סודות זייגען זייא עולה אונ עש ווערט דער פון ארץ חדשה דיא הייסין ארצות החיים אויף דעם האט ישעיה הנביא גזאגט כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה עומדים לפני עס האט בדארפט שטיין אשר עשיתי וואס איך האב בשאפין וואס שטייט אני עושה דאס איז טייטש איך וועל באשאפין פון דיא חידושי תורה וואס שטייען פאר מיר דרום שטייט אויך ואשים דברי בפיך ובצל ידי כסיתך לנטוע שמים וליסד ארץ עס וואלט בדארפט שטיין נטעתי שמים ויסדתי ארץ וואלט טייטש גיוועזן איך האב גיפלאנצט דיא הימלען אונ האב גיגרונדפעסטיגט דיא ערד עס שטייט אבער לנטוע שמים וליסוד ארץ דאס איז טייטש איך וועל פלאנצין הימלען אונ ערד אלע צייט פון דיא חידושי תורה זאגט זיין זון רבי אלעזר צוא אים דאס איז טייטש ווייטער ובצל ידי כסיתך דאס הקב"ה טוט אים בשיצין מיט דעם שאטין פון זיין האנט זאגט רבי שמעון בשעת הקב"ה האט מוסר גיוועזן די תורה צו משה רבינו האבין זיך די מלאכים אין אים מקנא גיוועזן אונ עס זיינען גיקומען כמה רבבות מלאכים עליונים אונ האבין אים גיוואלט פאר ברענען מיט דעם פייער פון זייער מויל ביז הקב"ה האט אים בדעקט אונ באשיצט אזו אויך אז איינער איז מחדש עפיס אין דער תורה אונ ער גייט ארויף אונ ווערט גיקריינט אזו טוט הקדוש ברוך הוא בדעקין דיא רייד דאס דיא מלאכים זאלין ניט ווישין כדי זייא זאלין זיך ניט מתקנא זיין אין אים ביז עש ווערט פון דיא חידושי תורה גימאכט ווערין שמים חדשים וארץ חדשה דרום זאגט דער פסוק ובצל ידי כסיתך לנטוע שמים וליסוד ארץ דאס הקב"ה בשיצט אויף אים צוא פלאנצין דיא שמים וארץ פון דער תורה דרום זאגט דער פסוק ולאמר לציון צוא זאגין צוא דיא שערים אונ דיא דברי תורה וואס זיינען גיצייכינט פון דיא תלמידי חכמים עמי אתה לייען ניט עמי נאר עמי דאס איז טייטש מיט מיר כלומר הקב"ה זאגט דער תלמיד חכם איז גלייך כביכול צוא מיר וויא איין שותף אזו וויא איך האב מיט מיין דיבור באשאפין שמים וארץ אזו וויא דער פסוק זאגט בדבר ה' שמים נעשו אזו אויך דער תלמיד חכם באשאפט מיט זיין דיבור שמים וארץ וואל צו די וואס זיינען עוסק בתורה דרום זאגט דער פסוק הוי מושכי העון בחבלי שוא ובעבותות העגלה חטאה ווייא צוא דיא וואס גיבין כח צוא דעם שטן דאס דורך דעם ווערט זיא גישטארקט ממית צו זיין די לייט דרום שטייט כי רבים חללים הפילה דאס איז די חטאה זיא ברייגגט אום דיא לייט ווער איז דאס גורם דאס מאכט דער תלמיד חכם וואש ער טויג נאך ניט צוא פסקנן אונ פסקת פאר דער צייט הקב"ה זאל אונז מציל זיין פון זייא זאגט רבי שמעון צוא זיין חברייא איך בעט אייך אז איר זאלט פון אייער מויל ניט ארויש לאזין קיין שום זאך וואס איר ווייסט דאס ניט רעכט אונ איר האט דאש ניט גיהערט פון קיין חכם גדול כדי איר זאלט ניט גורם זיין צו דער חטאה זיא זאל חס ושלום ניט ממית זיין פיל לייטין אום זיסט זאגין אלע חברים הקב"ה דער רחמן זאל אונז מציל זיין דער פון זאגט רבי שמעון קום אונ זעה אז הקב"ה האט דיא וועלט באשאפין מיט דער תורה אזו וויא דער פסוק זאגט ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום דיא תורה בארימט זיך אז זיא איז גיוועזן דאש כלי אומנות פון הקב"ה דאש ער האט פריער גיזעהען אין דער תורה אונ דער נאך האט ער באשאפין דיא וועלט כדי דיא לייט זאלין זיך פון אים אפ לערנען אז זייא זאלין פריער גוט אכטונג געבין אין דער תורה איידער זייא זאגין כדי זייא זאלין זיך ניט טועה זיין אין דער תורה אונ הקב"ה האט פיר מאל איין גיזעהען אין דער תורה איידער ער האט דיא וועלט בשאפין דרום שטייט אז ראה ויספרה הכינה וגם חקרה דער נאך שטייט ערשט ויאמר לאדם אונ דרום שטייט אויך פיר ווערטער צום ערשטין בראשית ברא אלהים את אונ דער נאך זאגט ער ערשט השמים ואת הארץ חאטשע בייא הקב"ה גישיקט זיך דאס חס ושלום ניט זאגין אז ער וואלט זיך חס ושלום טועה גיוועזן אז ער זאל ניט גיוועזן ארין קוקין אין דער תורה פון דעסט וועגין האט ער דאס גיטאן מען זאל זיך אפ לערנען חאטשע איינער איז א גרוישער למדן זאל ער זיך פארט היטין ער זאל זיך ניט טועה זיין אונ ער זאל ניט זאגין וואס ער ווייסט ניט קלאהר וויא עס גיהער צו זיין רבי חייא הייבט אן מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו קום אונ זעה בשעת הקב"ה האט גיוואלט דיא וועלט בשאפין האט ער אריין גיקוקט אין דער תורה אונ האט דיא וועלט באשאפין אונ אלע באשעפעניש אזו וויא דער פסוק זאגט ואהיה אצלו אמון לייענט ניט אמון נאר אומן דיא תורה זאגט איך בין גיוועזן דיא כלי אומנות פון הקב"ה בשעת בריאת העולם אונ בשעת ער האט גיוואלט

באשאפין דעם מענטשין האט דיא תורה גיזאגט פאר הקב"ה דוא ווילשט באשאפין דעם מענטשין אונ ער איז אן גיברייט צוא זינדיגין פאר דיר אונ אז דו וועסט אים דן זיין וועט דאך דיין מעשי ידיך זיין אום זיסט זאגט הקב"ה איך האב שוין באשאפין דיא תשובה איידער דיא וועלט איז באשאפין גיווארין ובשעת ער האט דעם מענטשין באשאפין האט הקב"ה גזאגט עולם עולם דו אונ דיינע אלע חלקים האבין קיין קיום ניט נאר אויף דער תורה דרום האב איך דעם מענטשין באשאפין ער זאל די תורה לערנען אונ אז ניט וועל איך דיך אום קערין לתוהו ובוהו אונ אליץ שטייט נאר פון דעם מענטשין וועגין אזו וויא דער פסוק זאגט אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה בראתי אונ דיא תורה שטייט אונ רופט אויש פאר די לייט זייא זאלין אין איר עוסק זיין אונ זיי נייגן ניט זייערע אויערין צו הערין קום אונ זעה ווער עס איז עוסק בתורה דער שטעלט דיא וועלט אונ איטליכע מעשה אויף זיין שטאנד אונ רעכטין תיקון אזו ווי עס בדארף צו זיין אונ אזו וויא דער מענטש איז באשאפין גיווארין אברים אברים איין אבר איבר דעם אנדערין אונ אלע גלידר מיט אנדר ווערין איין גוף אזו אויך אלע בריות אין דער וועלט זיינען פיל אברים אונ זייא אלע זיינען איין עולם דרום איז ניט דא איין אבר ביי דעם מענטשין וואס איז ניט דא אנטקעגן א בריה אויף דער וועלט אונ אליץ איז אנטקעגין דר תורה דען די תורה איז אויך אזו גלידר אונ שטיקער אונ שטייען איינר איבער דעם אנדערין אונ אז אלע זיינען אן גיברייט זיינען זייא איין גוף אונ דוד אז ער האט גיזעהן אין די מעשים פון הקב"ה האט ער גיזאגט מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך עס זיינען אין דער תורה רזין וסודות וואס זיינען פאר הוילין וואס דער מענטש קען ניט קומען מיט זיין שכל דער צוא אין דער תורה זיינען אלע דברים עליונים וואס זיינען אנפלעקט אונ וואס זיינען ניט אנפלעקט אין דער תורה זיינען כל הדברים עליונים ותחתונים אלע זאכין פון עולם הזה אונ פון עולם הבא דאס אליץ איז מרומז אין דער תורה אונ קיינער באגערט ניט ער זאל משגיח זיין דרינען צוא פאר שטיין אונ ווישין זייא דרום שטייט מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו קום אונ זעה עס איז גיוועזן שלמה המלך אונ האט גיוואלט ווישין קלאר דיא דברי תורה אונ דיקדוקי תורה אונ האט ניט גיקענט האט ער גיזאגט אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני איך האב גימיינט איך וועל פאר שטיין די תורה אבער היינט זעה איך אז זיא איז וויט פון מיר אונ דוד האט גיזאגט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך קום אונ זעה עס שטייט ביא שלמה וידבר שלשת אלפים משל ויהי שירו חמשה ואלף האבין דיא חכמים מפורש גיוועזן אז אין איטליכין משל איז גוועזן טויזנט מיט פינף טעמים היינט לערנן מיר אפ איין קל וחומר ומה דאך שלמה איז דאך נאר גוועזן איין בשר ודם זיינע רייד אזו טיף גיוועזן דיא תורה וואס הקב"ה אליין האט גירעט איז שוין אכל שכן אז איטליכער דיבור איז כמה משלים כמה שירות כמה שבחות כמה חכמות כמה רזין וסודות עליונים אונ דרום שטייט מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו : רבי פנחס בן יאיר איז גיוועזן דער שווער פון רבי שמעון בן יוחאי אונ בשעת רבי שמעון מיט זיין זון רבי אלעזר זיינען גיוועזן פאר בארגין אין איין הייל דרייצין יאר מחמת מען האט אים גימסרת אזו וויא עס שטייט אין דער גמרא אז ער האט שוין בדארפט ארויש גיין פון דער מערה האט זיך רבי פנחס גיטראפין צוא רבי רחומאי אויף דעם בארטין פון דעם ים גינוסר אונ ער איז גיוועזן איין אדם גדול אונ אגרוישער זקן אונ ער האט שוין ניט גיקענט רעכט זעהען אויף זיינע אויגין זאגט ער צוא רבי פנחס עס איז אמת וואס איך האב גיהערט אז רבי יוחאי אונזער חבר האט איין טייערין זון אזו האב איך גיזעהען מיט רוח הקודש אז איין אבן טוב גייט ארויש מיט גרויש ליכט אזו וויא דיא זון גייט ארויש פון איר פוטער פאס אונ דער לייכט דיא גאנצע וועלט אזו ער אויך אונ זיין ליכט שטייט פון דעם הימיל ביז צוא דער ערד אונ טוט דער וועקין מיט זיין ליכט אין אלע עולמות אונ דיא זעלביגע ליכט איז כולל אין דיין הויז אונ פון דער גרוישער ליכט גייט ארויש נאך איין קלענערע ליכט דער וועט דער לייכטין דיא גאנצע וועלט וואל צוא דיין חלק גייא ארויש מיין זון גייא ארויש אונ גייא נאך דעם אבן טוב וואס ער דער לייכט דיא גאנצע וועלט דען דיא שעה איז באגליקט צוא דיר : אזו איז רבי פנחס אוועק גיגאנגען אונ האט זיך גישטעלט לעבין איין שיף אריין צוא גיין אין איר אין דער שיף זיינען נאך דא צווייא לייט אזו זעהעט רבי פנחס צווייא פויגלען זיינען גיקומען אונ שוועבין אויף דעם ים זאגט ער צוא זייא פייגיל פייגיל האט איר גיזעהען דאס ארט פון בר יוחאי וויא ער שווייגט אביסיל אונ זאגט ווידער פייגיל פייגיל גייט אונ זאגט מיר איין ענטפער דיא פליהען איבער דעם ים אונ ער פארט אוועק אויף דער שיף וויא ער וויל ארויש גיין פון דער שיף אזו איז גיקומען צוא פליהען דיא צווייא פייגיל אונ איינער האט אין זיין מויל איין בריביל אונ אין דרינען איז גישריבין אז רבי שמעון מיט זיין זון רבי אלעזר זיינען פון דער הייל ארויש גיגאנגען אזו איז רבי פנחס גיגאנגען צוא אים האט ער אים גיפונען וויא זיין גוף איז פול מיט לעכער אונ שפאלטין דען ער איז דיא גאנצע צייט אין זאמד גיזעסין זאגט רבי פנחס ווייא צוא מיר וואס איך זעה דיך אין אזו איין גשטאלט זאגט רבי שמעון אשריך וואל צו דיר וואס דו זעסט מיך אין אזו איין אויפין דען דו זאלשט מיך אזו ניט זעהן וואלשטו מיך אין אזו איין מעלה ניט גיפינען דען פריער אז רבי שמעון האט גיפרעגט איין קשיא האט אים זיין שווער רבי פנחס גיענטפערט צוועלף תירוצים אונ אז רבי שמעון איז ארויש פון דר מערה אז רבי פנחס האט אים גפרעגט איין קשיא האט רבי שמעון אים געגנפערט פיר אונ צוואנציג תירוצים : פתח ר"ש הייבט אן דיא פרשה פון בראשית ברא אלהים וגו' אין דער פרשה

האט הקב"ה מרמז גיוועזן דיא מצות התורה בדרך כלל פקודא קדמאה דיא ערשטע מצוה פון אלעמען איז יראת ה' וואס זיא הייסט ראשית אזו וויא דער פסוק זאגט ראשית חכמה יראת ה' אונ זיא הייסט יראת ה' ראשית דעת די יראה איז מען זאל אריין גיין צו ווישין אמונת הקב"ה אויף דר מצוה פון יראה שטייט די גאנצע וועלט אונ די יראה איז גטיילט אויף דריי חלקים צוויי חלקים זיינען ניט קיין עיקר וויא עש באדרף צו זיין אונ איין חלק איז איין עיקר אונ די רעכטע יראה דען עס איז פאר האנדין א מענטש וואס ער פארכט זיך דרום פר הקב"ה כדי די קינדר זאלין אים ניט שטארבין אדר ער האט מורא פאר איין עונש הגוף אדר פאר געלט הקב"ה זאל אים ניט שטראפין אדר ער פארכט זיך פאר עונש עולם הבא אדער פאר דעם גיהנם דיא צווייא מיני יראה זיינען ניט קיין עיקר ושורש היראה אבער דער עיקר יראה איז צוא פארכטין זיך פאר הקב"ה מחמת זיין גרוישקייט דאס ער איז איין האר אונ איין גיוועלטיגער איבער אלע באשעפעניש אונ אלע זיינען אנטקעגין אים ניט גירעכינט אזו וויא דער פסוק זאגט וכל דיירי עלמא כלא חשיב :

דעם שיר של פגעים דאס הייסט ויהי נועם מען זאל זאגין קום אונ זעה ווען דער שבת גייט אריין אונ ווערט מקודש דען ווערט אויף דער וועלט סוכת שלום אונ ווערט פאר שפרייט אויף דער וועלט ווער איז דער סוכת שלום דאס איז שבת דען אלע שדים ורוחות רעות וקליפות אונ אלע צד הטומאה גייען אריין אין נוקבה דתהום רבה דען אז עס דער וועקט זיך דיא קדושה אויף דער וועלט ווערט דער רוח הטומאה בהאלטין אונ אנטלויפט פר דער קדושה דען איז דיא וועלט אין דער שמירה העליונה דרום בדארף מען ניט אויש לאזין אזו וויא אום דער וואכין שומר עמו ישראל לעד דען עש איז נאר מתוקן גיווארין אום דער וואכין אז דיא וועלט דארף האבין שמירה אבער אום שבת איז פאר שפרייט סוכת שלום ווערט דיא וועלט גיהיט אויף אלע זייטין אפילו די רשעים אין גיהנם אונ אלע עולמות עליונים ותחתונים זיינען גיהיט דרום זאגין מיר דיא ברכה הפורס סוכת שלום עלינו נאך וואש זאגט מען ועל ירושלים חייל ׃ דארטין איז דאש וואנונג פון דער סוכה דאש איז דיא שכינה דען סוכה איז טייטש לשון דעקין זיא בדעקט אויף אונז אונ איז מגין פון אלים בייזין דרום מוז מען אן בריישין דא אונ זאגין הפורס כדי זיא זאל אויף אונז מגין זיין וויא אמוטר אויף אירע קינדר ׃ קום אונ זעה בשעת דיא ישראל זאגין דיא ברכה אונ זיינען מזומן צוא דער סוכת שלום אונ זאגין הפורס דען נידערט אראפ דיא קדושה עליונה אונ פאר שפרייט אירע פליגיל אויף דיא ישראל אונ באדעקט זייא אונ אלע רוחות רעות ווערין אין גיטאן פון דער וועלט דען זיצין דיא ישראל אונטער דער קדושה פון זייער הערין אונ דיא סוכת שלום גיט נאייע נשמות צוא אירע קינדער דרום ווייל דיא נשמות רוען בייא איר אונ גייען פון איר ארויס דערקוויט זיא איטליכין איין נשמה יתירה וואס קומט פון עוה״ב אונ מיט דער נשמה יתירה זיינען זייא זיך משמח אונ מאכין פארגעסין פון זיך אלע דברי חול אונ אלע מורא אונ צער אזו וויא דר פסוק זאגט ביום הניח ה׳ לך מעצבך ומרגזך וגו׳ אונ אין ליל שבת מוז דער מענטש פאר זוכין פון אלע עסין דאס מען זאל וויסין אז דער סוכת שלום איז כלול פון אלץ אונ אלץ איז נכלל אין איר נאר מען זאל ניט פגום מאכין דיא סעודה פון אין דער פריא פון יום שבת אונ דער גימיינסטער מוז האבין צווייא תבשילים צוא איטליכער סעודה׳ אונ דיא מצוה פון נר שבת איז גיגעבין גיווארין צוא דיא ווייבער פון דעם עם הקדוש דאס זייא זאלין אן צינדין ליכט אום שבת׳ דיא חכמים האבין גיזאגט דעם טעם ווייל חוה האט פאר לאשין דאס ליכט פון דער וועלט אונ האט פינצטער גימאכט דיא וועלט מיט איר חטא דרום זאל זיא ליכט אן צינדין אויף שבת אבער דער רעכטער טעם איז ווייל דיא סוכת שלום רוט אויף אונז אום שבת מיט דיא נשמות דרום מוז דיא אשה טאן למטה אזו אגישטאלט וויא עס איז למעלה אן צו צינדין דיא ליכט דרום ווייל דיא צווייא נשמות פון דעם מענטשין לייכטין אום שבת דרום מוזין זייא אן צינדין צווייא ליכט אונ ווען דיא אשה צינט דיא ליכט גיהער זיא צו צינדין מיט שמחה ווייל עס איז לכבוד דער שכינה דרום איז זיא זוכה צוא הייליגע קינדער וואס זייא ווערין זיין דאס ליכט פון דער וועלט אונ תורה אונ יראה אונ ווערין דער לייכטין דיא וועלט מיט שלום אונ מיט דעם גיט זיא דעם מאן לאנג לעבין דרום גיהערין דיא ווייבער נזהר זיין אין דער מצוה פון ליכט צינדין אויף שבת ׃

אלה תולדות השמים והארץ בהבראם מיר האבין גילערינט אלה איז פוסל ראשונים עס האקט אפ דיא ערשטע דיא פסולת דיא עולמות וואס זיינען פריער גיוועזן דען הקב״ה האט פריער באשאפין עולמות אונ האט זייא חרוב גימאכט דרום זיינען דיא ראשי תיבות פון השמים והארץ ה״ו דאס זיי זיינען פריער חרוב גיווארין דאס איז על פי סוד ויאמר אלהים יקוו המים דיא תורה וואס זיא איז גיגליכין צוא וואסער זאל זיא איין גיזאמילט ווערין אל מקום אחד צוא דיא וואס זייער אחיזה איז אין ה׳ אחד דרום זאגט דער פסוק אלה תולדות השמים והארץ בה׳ בראם איז אקליינע ה׳ אונ עס איז די אותיות פון אברהם צו ווייזין דאס דיא תולדות וואס זיינען פון אברהם שטייט דורך דיא שמים וארץ ווייל זייא לערנען דיא תורה אונ ווייטער

איז גרויסע סודות ׃

ויטע ה׳ אלהים גן בעדן וגו׳ רבי שמעון זאגט מיר האבין דאך גילערינט דאס הקב״ה האט אלע עולמות באשאפין מיט די אותיות התורה אונ האט אויס גיקריצט דיא אונטערשטע וועלט אונ דעם גישטאלט פון דער אויבערשטער אונ האט גימאכט דעם גן עדן של מטה אונ דעם גישטאלט פון דעם גן עדן של מעלה אונ אז הקב״ה האט באשאפין

דעם עולם האט ער באשאפין אדם הראשון ׃

פתח ר״י הייבט אן והמה כאדם עברו ברית דיא ישראל האבין עובר גיוועזן דעם ברית אזו וויא אדם הראשון וואס הקב״ה האט אים בשאפין אונ האט אים גיקריינט מיט אלע עטרות של מעלה דאס ער איז כלול גוועזן פון אלע עולמות אונ אלע באשעפענעש עליונים ותחתונים דיא האבין זיך אלע פאר אים גיפארכטין אונ הקב״ה האט אים אריין גיבראכט אין גן עדן ער זאל דרינען אלע תענוגים האבין פון דיא עליונים אונ דיא מלאכי מעלה האבין אים ארום גירינגילט אונ האבין אים מודיע גיוועזן אלע סודות עליונים כדי ער זאל וויסין אלע חכמות אונ צו פאר שטיין אין דעם כבוד פון הקב״ה אונ אז ער האט גזינדיגט האט אים הקב״ה פון דעם גן עדן ארויס גיטריבין אונ האט אויף אים גילייענט איכה אזו וויא דער פסוק זאגט ויקרא ה׳ אלהים אל האדם ויאמר לו איכה אזו אויך האט הקב״ה גיבראכט דיא ישראל קיין ארץ ישראל אזו וויא דאס גן עדן אונ אז זייא האבין גיזינדיגט אונ האבין עובר גיוועזן דעם ברית פון דער תורה האט ער זייא ארויס גיטריבין אונ האט אויף זייא גיזאגט איכה איכה ישבה בדד ׃ דער נאך איז ער מגלה דיא היכלות זיבין היכלות איז פאר האנדין למעלה אין גן עדן העליון אונ אנטקעגין איז שבעה מדורין אין גן עדן התחתון דאס איז אלץ גישטעלט בסודות ורזין עילאין אונ אלץ איז איינש אנטקעגין דעם אנדערין אונ אלץ נאך זיין מעלה נאך אונ איין היכל אין אנדערין אונ איין חדר אין אנדערין אונ דרינען איז אדם הראשון גיוועזן אונ אז ער האט גיזינדיגט אונ איז פאר טריבין גיווארין האט הקב״ה דעם גן עדן אן גיברייט צוא דיא

נשמות פון צדיקים מיט זייא זיך משתעשע זיין ׃

היכל קדמאה דאס ערשטע היכל איז צו דיא צדיקים וואס פארכטין זיך פאר הקב״ה אונ פאר בייטין ניט די יראה אנטקעגן דר יראה פון דער קליפה׳ דאס היכל איז ווען דיא נשמות פון דיא צדיקים גייען ארויס פון דער וועלט אזו גייט איטליכע נשמה נאך זיין מעלה נאך אין דעם היכל אזו מוזין זייא דארטין זיצין אן גיקלייד אין אזו אמלבוש אונ גישטאלט וויא זיא איז גיוועזן אויף דער וועלט אין גוף אונ דארטין האט זיא דער ווייל גרויסע תענוגים ביז זיא זיצט דארטין נאך אירע מעשים נאך ביז זיא איז זוכה פון דארטין ארויף צוא קומען אין גן עדן העליון אונ דארטין ווערט זיא אן גיקלייד אין אמלבוש נאך אירע

מעשים נאך אונ דורך דיא מלבושים קען זיא זעהען אונ משיג זיין דיא צורות עליונים אונ דעם כבוד פון הקב"ה אונ אין דעם היכל זיינען דיא נשמות פון דיא פאר צייטיגע גרים זיי גייען אהין צו זעהן פון דארטין דעם כבוד פון הקב"ה אונ ווערין גיקלייד אין אמלבוש וואס לייכט אונ אנטקעגין דעם היכל איז איין טיר קעגין דעם גיהנם דארטין זעהען דיא נשמות פון דיא גרים פון דיא מצרים רשעים וואס מען איז זייא דן דורך מלאכי חבלה אין פייער אונ זייא פרייען זיך וואס זייא האבין דער קענט דעם בורא עולם אונ דרייא מאל אין טאג זיינען זייא זיך משתעשע אין דעם גרויסין תענוג פון דעם אור הגדול של מעלה אונ דער ראש איבער זייא איז עובדיה אונ אונקלוס הגר:

היכלא תניינא דער אנדער היכל איז אינווייניג ווייטר פון דעם ערשטין אונ דיא טיר איז נאהענט צוא דער מערת המכפלה דער היכל לייכט מיין פון דעם ערשטין אין דעם היכל זיינען דיא נשמות וואס האבין גיליטין אויף דער וועלט יסורים אונ האבין אויף זיך מקבל גיוועזן באהבה אונ האבין ניט מבטל גיוועזן פון דר תורה אונ תפלה אונ האבין מודה ומשבח גיוועזן צוא הקב"ה אין דעם היכל גאנץ אינווייניג זיינען דיא נשמות וואס האבין מקדש גיוועזן מיט זייער כח דעם שם הקדוש אונ האבין גיזאגט אמן יהא שמיה רבא מברך מיט כוונה דארטין זעהען זייא דיא גרויסע ליכט פון דיא אורות עליונים אונ זייער ממונה איז משיח ער גייט אונ איז זייא מנחם אונ גייט פון זייא ארויס אונ גייט אין דעם דריטין היכל ארין דארטין זיינען די וואס האבין גרויסע יסורים גיליטין אונ אלע נשמות פון דיא קליינע קינדער פון דעם רבי וואס זיינען גישטארבין אונ דארטין זיינען אויך דיא וואס האבין גיטרויערט אויף חורבן בית המקדש אונ האבין גילאזט טרערין מיט זייער גיוויין אונ משיח איז"י מנחם ער גייט ארויס פון זייא אונ גייט ארין אין פערטין היכל דארטין זייען אלע אבילי ציון וירושלים אונ אלע וואס זיינען דר שלאגין גיווארין דורך דיא אומות אשור ובבל אונ משיח ווינט אויף זייא · אזו קומען די נשיאים מזרע דוד אונ נעמען אים אן אונ טרייסטין אים ער הייבט אן צו וויינען דאס אנדרע מאל אונ דאס קול גייט ארויף אונ ער גייט אויך ארויף אונ זאמט אויבין ביז ראש חודש אזו נידערין מיט אים אראפ פיל אורות אונ לייכטונג וואס זייא דער לייכטין אלע היכלות אונ רפואות צוא דיא חלאים אונ ווייטאג אונ דער שלאגינע וואס זיינען אום גקומען אונ האבין גיליטין יסורים גקומען זיי אלע אראפ מיט משיח אזו טוט ער זיך אן איין מלבוש אויף דעם מלבוש זיינען אויס גיקריצט אלע וואס זיינען אום גיקומען דורך דיא אומות בבל ואשור אונ דאס קלייד גייט ארויף אונ קריצט אויס אונ צייכינט אלע צורות פון דיא הרוגים אונ דעם לבוש פון דעם מלך עליון אונ הקב"ה איז אן גיברייט דאס זעלביגע קלייד וואס ער איז גיוועזן אן גיקלייד בשעת ער האט דן גיוועזן דיא מצריים אונ ער קומט ווידער מיט פיל מלאכים אונ מרכבות של מעלה מיט מלבושים אונ איטליכער ברייננגט איין מלבוש אן צוא טאן דיא נשמות פון דיא הרוגים אונ אז זייא טועען אן דיא מלבושים האבין זייא גרויסע תענוגים פון דעם אור העליון אונ גאנץ אין ווייניג פון דעם היכל שטייען דיא עשרה הרוגי מלכות רבי עקיבא מיט זיינע חברים זייא גייען אויף צוא דער ליכט וואס הייסט אספקלריא המאירה אונ דאס לויטער ליכט פון כבוד עליון דאס אויף זייא האט דער פסוק גיזאגט עין לא ראתה אלהים זולתך:

היכלא חמישאה דאס פינפטע היכל דאס זיינען אלע בעלי תשובה וואס זייא האבין תשובה גיטאן אויף זייערע עבירות אונ זיינען גישטארבין בטהרה אונ אויך דיא וואס האבין מקדש השם גיוועזן אונ האבין אויף זיך מקבל גיוועזן מיתה פון גאטש וועגין הינטער דעם טויער שטייט מנשה מלך יהודה וואס הקב"ה האט אים מקבל גיוועזן בתשובה שלמה: אין ווייניג אין דעם היכל שטייען די גרוישע וואש האבין תשובה גיטאן אונ זייער נשמה איז זייא אויש גיגאנגען בשעת זייא האבין זיך בראטין אויף זייערע מעשים אונ זייא זיינען נהנה מאור העליון דרייא מאל אלע טאג קומט אין דעם היכל דאש אור עליון אונ איטליכער איז נהנה נאך זיין מדריגה נאך דאש היכל איז גרעשער פון יענים דאש אפילו צדיקים גמורים קענען אהין ניט ארייין גיין אונ קיין שום מדריגה איז ניט דא איבער זייא נייערט דיא חסידים:

היכל הששי דאס זעקסטע היכל איז דרינען דיא נשמות פון חסידים וואס האבין ליב גיהאט צוא גאט מיט גרוישע אהבה אונ אין דער טיר פון דעם היכל זיינען אלע דיא וואס האבין מייחד גיוועזן דעם יחוד פון קריאת שמע דער ממונה פון דעם היכל איז אברהם ביי איין טיר לימין של הקב"ה אונ אין דער אנדערער טיר שטייט יצחק וואס האט זיך גילאזט בינדין אויף דעם מזבח פאר איין קרבן שלם צוא הקב"ה אין דער דריטער טיר שטייט יעקב אין מיטין אונ זיינע צוועלף שבטים ארום אים אונ דיא שכינה אויף זייערע קעפ אונ ווען דיא ישראל זיינען בצרה חס ושלום דער וועקין זיך דיא דרייא אבות אונ זיינען מעורר דיא שכינה אונ זיא גייט ארויף גיקריינט אונ איז מגין אויף דיא ישראל אונ אזו וויא דיא היכלות זיינען בגן עדן של מטה אזו זיינען זייא בגן עדן של מעלה בסודות עליונים אונ אלע דיא זעקס היכלות זיינען אן גיקניפט אונ גיקריינט מיט דעם זיבטין היכל:

היכל השביעי דאס זיבעטע היכל איז גנוז וסתום פאר הוילין אונ פאר בארגין מיין פון אלע היכלות אונ דיא זעקס היכלות זיינען אלע אויף צוא וואנען אין זייא אבער ניט דאס זיביטע היכל: אונ דיא זעקס למטה זיינען אנטקעגין דיא זעקס למעלה דרום שטייט בראשית ברא בראשית מאכט ברא שית ער האט בשאפין זעקס · אונ עס שטייט שית צווישין צוויי מאל ברא צוא ווייזין אז דאס ווארט ברא גייט אראפ אונ ארוף גלייך וויא עס שטייט צווייא מאל שית מרמז צו זיין אז דיא זעקס זיינען גישטעלט אנטקעגין די זעקס וואס איז למעלה בסודות עליונים אונ אלע זיינען בסוד אחד וויא דיא בעלי הקבלה ווייזין אונ פאר שטייען דיא סודות וואס מען קאן ניט ארויס שרייבין אונ אנטקעגין דיא זיבין היכלות זיינען שבעה מדורים זיבין חדרים אין גן עדן התחתון איין מדריגה איבער דער אנדערער אזו וויא עש איז למעלה דיא זיבין היכלות אונ איינש איז בגרייפט אין אנדערין דאס אלע זאל זיין אין איין אחדות דאס ערשטע חדר איז למטה אין אפינצטער ארט אונ דארטין זיינען רוחות. אונ שטארקע שטורים ווינטין זייא ווערין ניט גיזעהן זייא האבין גאר קיין צורה ניט אונ אממונה איז איבער זייא ער הייסט ס"ה ער האט מיט זיך זיבעציג ממונים ושרים וואש זייא שוועבין אונ ווערין גיזעהן וויא פלאם פייער אונ ביי נאכט שוועבין זייא אונ ווערין גיזעהן אזו וויא פונקין אונ אלע אין דער פריא גייען זייא ווידער אין זייער נקב התהום אונ ווערין ניט גיזעהן · דאס אנדערע חדר איז איין ארט וואס דארט איז מער ליכט אבער ניט זייער ליכטיג אונ דאס חדר איז אן גיברייט צו

דיא מלאכים וואס זיינען ממונה אויף דיא מעשה בני אדם צוא זעהען
זייערע מעשים עדות צוא זאגין אונ אממונה איז איבר זייא ער הייסט
ק"ד אונ זייא הייבין אן שירה אונ ווערין שטיל אונ גייען אוועק אונ
ווערין ניט גיזעהן ביז דיא ישראל הייבין אן אונטין שירה זאגין דען
שטעלין זייא זיך אויף זייער ארט אונ ווערין גיזעהן אין ליכטיגער
גישטאלט וויא פריער דרייא מאל אין טאג זיינען זייא מקדש דיא
קדושה אונ אז דיא ישראל זיינען עוסק בתורה אזו שוועבין זייא אלע
ארויף אונ זאגין עדות אויף דיא ישראל · דאס דריטע חדר איז איין
ארט פון רויך אונ פייער דארט ווערט גיצויגין דער נהר דינור דאס
אין דעם פייער ווערין פאר ברענט. דיא רשעים אונ דארט זיינען די
מלאכי חבלה וואש זייא טרייבין ארייו די א רשעים אין דעם נהר דער
ממונה וואס אויף זייא איז דער סס"א דארט זיינען מקטריגים אויף
ישראל ווען דיא ישראל טוען תשובה קענען זייא גאר ניט טאן אונ
זייא אלע זיינען מצד החשך על פני תהום · דאס פערטע חדר איז ליכטיג
אונ עס דער לייכט צוא דיא מלאכים עליונים וואש זיינען מלאכי חסד
אונ דיא מלאכים הייבין אן שירה זאגין אונ לאזין ניט אויש אזו וויא
דיא מלאכים וואש זייא זאגין שירה אונ גייען ארייו אין נהר דינור
אונ ווערין דארט פאר ברענט אונ ווערין ווידער בשאפין אבער דיא
בלייבין אייביג אין זייער שטאנד דיא זיינען מלאכי רחמים אויף זייא
שטייט עושה מלאכיו רוחות אונ די טוען שליחות אויף דער וועלט אונ
ווערין ניט גיזעהן צוא קיין מענטשין. אונ זייער ממונה איז פ"ר ער האט
בייא זיך די שליסלען צו עפנען צוא די בעלי תשובה אונ צוא עפינען
די טירין עס זאל ארויף גיין די תפלות פר הקב"ה · דאס פינפטע חדר
איז ליכטיגער מער פון אלע דיא אייבערשטע עס זיינען דרינען
מלאכים אטייל פון וואשער אטייל פון פייער אמאל זיינען זיי מלאכי
רחמים אונ אמאל זיינען זייא מלאכי דין · דיא זיינען ממונה צוא
זינגין פאר זייער הערין-אטייל האלבע נאכט אונ אטייל אין דער
פריא אונ זייער ממונה איז ק"ד אונ אז עש קומט האלבע נאכט
אזו דער וועקט זיך דער צפון ווינט דאס דענשט מאל גייט
הקב"ה אין גן עדן ארייו משתעשע זיין מיט דיא נשמות הצדיקים
דען דער וועקט זיך דער רוח צפון צוא דיא וואש זיינען ממונה
דענשט מאל שירה צוא זאגין דען הייבין אלע אן זאגין שירה
אונ אז עש קומט דער אור הבוקר הייבין דיא אנדערע אן צוא זאגין
שירה אונ אלע כוכבי רקיע אונ אלע מלאכים של מטה העלפין זייא
שירה צוא זאגין אזו וויא דער פסוק זאגט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני
אלהים ביז דיא ישראל הייבין דער נאך אן צו זאגין שירות ותשבחות ·
דאס זעקסטע היכל איז קרוב למלכות שמים דארט זיינען דיא מחנה
שכינה אונ מעשה מרכבה אזו וויא דער פסוק זאגט זה הים גדול ורחב
ידים וגו' שם אניות יהלכון דאס קען מען ניט ארויש שרייבין · דאש
זיבעטע היכל איז איבער אלע דארטין ווערין נאר גיפונען נשמות
הצדיקים דאש זייא זיינען זיך דארט מתענג בתענוגים פון דעם כבוד
עליון דארט זיינען דיא גנזי שלום וברכה ונדבה אונ אזו אויך זיינען בארץ
התחתונה זיבין ארצות אלע אזו וויא אין גישטאלט למעלה אונ אלע
זיינען מודה ומשבח צוא הקב"ה אונ אזו וויא אויבין ווייסט קיינער
ניט דעם כבוד פון הקב"ה אונ אזו וויא דאס אייבערשטע היכל דיא
זעהן רעכט דעם כבוד פון הקב"ה וויא עס בדארף צוא זיין צוא
דינען אים אונ צוא לויבין אים אונ צוא דער קענען אים אזו אויך זיינען

דיא זיבין ערדין וואש הייסין ארץ אדמה גיא נשיה ציה ארקא תבל דאש
העכשטע איבער אלע איז תבל אונ אזו וויא דער מדור השביעי איז
איבער אלע מדורים צוא דיא נשמות הצדיקים אזו איז דא תבל דאש
אייבערשטע צוא דיא גופות הצדיקים אויף דעם עולם דאש אלץ זאל
זיין למטה אין גישטאלט פון למעלה אונ אז אדם הראשון האט גזינדיגט
שטייט כי שבע יפול צדיק אונ אז אדם הראשון האט מהרהר בתשובה
גיוועזן שטייט אויף אים וקם איז ער ארויף גיגאנגען אונ אז ער האט
אראפ גינידערט אויף דיא זיבין ערדין האט ער אויף איטליכין ארץ
גיטאן מעשים טובים אונ תולדות אטייל האבין גישפראצט אונ אטייל
ניט עש זיינען דארט בריות אטייל זיינען מיט צווייא קעפ אונ אטייל
מיט דרייא קעפ אזו איז ביז זיבין קעפ עש זיינען דא אזעלכע מקומות
וואש דארט לייכט דיא זון מיט דער לבנה כוכבים ומזלות אונ אין
אטייל ערטער איז פינצטער אונ אזו גיפינט זיך בייא דיא לייט אין
דעם עולם אטייל איז בייא זייא דיא ליכט מיט עשירות אונ אטייל
איז פינצטער מיט עניות אונ אטייל איז האלבעיארין מיט עניות אונ
האלב מיט עשירות דאש אלץ גיוועגט זיך אין מזל ווען זייא ווערין
גיבארין אין מילוי הלבנה אונ אין חסרון הלבנה אונ עס איז פאר
האנדין מקומות וואס אויף זייא שטייט והבור רק אין בו מים וואשער איז
ניט דא אבער נחשים ועקרבים איז דא דאש זיינען דיא רשעים וואש
זייערע הייזער זיינען פול מיט מלאכי חבלה דאש זיינען דיא נחשים
ועקרבים וואס בייסין מיט אלערלייא יסורים אין זייער גוף דאס מאכט
אלץ וואס זייא זיינען גיקומען אין גלגול מחמת עונות וואס זייא האבין
גיטאן איידער זייא זיינען גיקומען אויף דער וועלט אונ דרום ווערין
זייא גישטראפט דורך דיא בייזע לייט וואס זיינען נחשים ועקרבים
אונ זייא האבין מחלוקת אין זייער שטוב אונ שרייען צוא דיא שערי
גיהנם וויי וויי אונ אטייל זיינען וואס כל ימיהם איז בשמחה אונ
עשירות אלץ וואס איז אין דיא שבעה ארצות אין ארץ ישראל אזו
איז אין דיא שבעה מדורי גיהנם אונ אזו אויך גיפינט זיך אויך בייא
דיא לייט וואס ווערין גישטראפט אמאל בייא זייער לעבין אונ דיא
בעלי הקבלה פאר שטייען עש גאנץ וואול וויא עש איז נאר מען קען
עס ניט ארויס שטעלין :

קם רבי שמעון איז רבי שמעון אויף גישטאנען אונ האט גיזאגט וואול
איז צוא דיין חלק אדם הראשון דער אויס דער וויילטער
פון אלע בשעפינעש פון דער וועלט דען הקב"ה האט דיך גיגריישט
איבער אלע ער האט דיך ארייו גיבראכט אין גן עדן אונ האט דיר
דארט מתקן גיוועזן זיבין חופות דוא זאלשט זיך דרינען משתעשע זיין
אונ מתענג זיין אין דעם תענוג פון דעם גן עדן העליון וואש אויף דעם
גרוישן עונג האט דוד המלך גיבעטין צוא השי"ת לחזות בנועם ה' דאש
דער עונג איז העכער פון דיא שבעה רקיעים אונ עש ווערט אן גרופין
נועם ה' ולבקר בהיכלו דאס איז דער תענוג פון דיא שבעה רקיעים אונ זייא
שטייען איינער אנטקעגין דעם אנדערין אונ אין אלע בישטו גישטאנען
אין גן עדן אונ דיא זיבין חופות עליונים זיינען גישטאנען איבער דיר
כדי דוא זאלשט מיט זייא גיקריינט ווערין אין דיא זיבין חופות
התחתונים האט דיר הקב"ה גיגעבין דוא זאלשט זיך מיט זייא
משתעשע זיין אין אלע האט דיך הקב"ה גימאכט גיוועלטיגין דוא
זאלשט גאנץ זיין אין אלע ביז דיינע פיס זיינען נאך גיגאנגען נאך
דער עצה רעה פון דעם נחש בישטו ארויש גיטריבין גיווארין

 אונ

אונ האשט גורם גיוועזן מיתה צוא דיר אונ צוא גאר דער וועלט דוא האשט אוועק גילאזט דיא גרוישע תענוגים של מעלה ושל מטה אונ בישט נאך גיגאנגען נאך דיא תאוות הטומאה פון דעם נחש וואש ער הייסט ראש פתנים דאש דער גוף בהעפט זיך אין דריגען אבער ניט דער רוח אזו ווי עם שטייט ראש פתנים אכזר ענבימו ענבי רוש ביז עש איז גיקומען דער חסיד אברהם אונ האט אן גיהויבין דיא וועלט מתקן זיין אונ האט דיך ארויז גילאזט אין דער מחנה קדושה אונ האט מתקן גיוועזן למעלה ולמטה אונ די שבעה רקיעים עליונים אונ שבעה רקיעים התחתונים דאש דיא תחתונים זיינען היכלות צוא דיא רקיעים עליונים דאס זייא זאלין אלע זיין איין יחוד אונ איין חיבור אזו וויא מיר האבין שוין גישטעלט ביי יענע היכלות דרך כלל נאר דא וועלין מיר רעכט מפורש אונ מייחד זיין וויא עס דארף צוא זיין כדי אונזערע חברים זאלין זיך ניט טועה זיין אונ זאלין גיין בדרך הישר אונ וויא דער פסוק זאגט כי רשעים דרכי ה׳ צדיקים ילכו בם:

היכל הראשון היישט היכל לבנת הספיר דאס ערשטע היכל איז תחלת המדריגות עס שטייט ליכטיג גקריינט צו ווערן במדריגות עליונות דער ממונה דער פון היישט ס״ה ער שטייט אויף דער טיר פון דעם היכל אונ אז אלע נשמות ווילין ארויף גיין שטייט דער ממונה בצד זה אונ נאך אנדערע ממונים שטייען מיט אים אויטיל פייער אפ צוא רייניגין דיא זוהמא פון דער נשמה וואש זיא איז פאר פלעקט פון אירע עבירות אונ אלע ממונים זיינען פול אויגין איז דיא נשמה זוכה צוא גיין ווייטער עפינט ער איר דיא טיר גייט זיא ווייטער אבער אז זיא איז חלילה ניט זוכה אזו שטייט אויף דער אנדערער זייט איין ממונה מיט כמה אלפים ורבבות משחיתים אונ אז דער ממונה ס״ה וואש ער איז מצד הקדושה שטופט זיא ארויש אזו קומט דער אנדערער וואש ער איז מצד הטומאה אונ נעמט זיא אונ ברייגגט זיא אריין אין גיהנם אונ דארטין ווערט זיא גימישפט צוועלף חדשים כמשפט רשעים בגיהנם אונ דער ממונה ס״ה וואס ער איז מצד הקדושה שטייט ער אויף דער טיר פון דעם היכל אונ דיא תפלות אז זייא גייען ארויף אונ שפאלטין אלע הימלין אריין צוא קומען לפני המלך זיינען זיי תפלות רבים אזו עפינט ער זייא אויף דיא טיר אונ דיא תפלות גייען אריין אונ פון אלע תפלות ווערט גימאכט איין קרוין בראש צדיק חי עולמים אונ אז עש איז אבער איין תפלת יחיד קומט זיא ביז צוא דער טיר פון דעם ממונה ס״ה זעהט ער איז דיא תפלה ריין אונ זיא איז ראוי זיא זאל אריין קומען פאר דעם מלך הכבוד עפינט ער איר דיא טיר גייט זיא אריין ואם לאו שטופט ער זיא אראפ אזו נידערט זיא אראפ אונ שוועבט ארום אויף דער וועלט ביז זיא קומט צוא דעם רקיע התחתון דארטין איז אממונה ער היישט ט״ה ער נעמט אלע תפלות וואס זיי ווערן נדחה זיי הייסין תפלות הפסולין אונ האלט ביי זיך ביז דר זעלביגער מענטש ווערט בעטין השי״ת אויף זיינע מעשים אונ ווערט תשובה טאן אזו ווי עס גיהער צו זיין אונ ווערט מתפלל זיין אנדערע רעכטע תפלות אזו נעמט דער ממונה ס״ה אונ מישט זייא צוא נויף מיט דיא ערשטע תפלות אונ ברייגגט זייא אריין לפני המלך הקדוש אבער אז דער מענטש וואס זיינע תפלות זיינען נדחה גיווארן אונ טוט קיין תשובה ניט אונ איז זיך מושך לצד הטומאה אונ איז זיך דארטין מטמא אזו נעמט דיא קליפה צוא דיא תפלות אונ גייט מיט זייא ארויף אונ איז מזכיר זיינע עבירות פאר הקב״ה אונ איז מקטרג אויף אים אונ דרום אלע תפלות אונ אלע נשמות וואש גייען ארויף מוזין זייא קומען פאר דעם היכל אונ דער ממונה ס״ה זעהט צוא דיא תפלה אויב דיא נשמה איז ראוי צוא קומען פאר הקב״ה אויב ניט נאך דער טיר איז נאך איין טיר דאש זיא ווערט אלע טאג גיעפינט דרייא מאל בזמן התפלה אונ זיא ווערט ניט צוא גישלאסין אונ דיא טיר איז פאר דיא בעלי תשובה אונ פאר דיא וואש זייא וויינען אין זייער תפלה פאר השי״ת אונ אלע שערים אונ פתחים זיינען פאר שלאסין דאש מען לאזט ניט ארויף אן רשות אבער דיא טויערין וואש היישין שערי דמעות ווערין קיין מאל ניט פאר שלאסין אונ אז עס קומט ארויף אזו אתפלה וואש זיא איז גיוועזן מיט דמעות איז פאר האנדין אויבין איין מלאך וואש ער איז פון דיא אופנים ער שטייט אויף זעקס הונדערט חי״ות גדולות ער היישט רחמיאל נעמט ער דיא תפלה מיט טרערין אונ דיא תפלה איז עולה למעלה אונ ווערט מקושר למעלה אונ דיא דמעות ווערין אן גיצייכינט אין דער טיר. אונ דעסט גלייכין אויך אנדערע דמעות זייגען פאר צייכינט אויף דיא מרכבות עליונות זייא זאלין ניט אויש גימעקט ווערין אונ דיא טרערין וואס מען האט גילאזט למעלה ולמטה אז דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין אזו וויא דער פסוק זאגט (ישעיה לג) הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון אונ אויך דיא דמעות וואס מען לאזט אויף דעם טויט פון צדיקים דרום שטייט ומחה ה׳ אלהים דמעה מעל כל פנים דען אז משיח ווערט קומען וועט הקב״ה אפ מעקין דיא דמעות פון דעם פנים דאס מיינט מען דיא מרכבות העליונות אונ דער נאך וחרפת עמו יסיר מעל כל הארץ כי פי ה׳ דבר אין דעם היכל איז פאר האנדין איין חיה זיא הייסט בז״ק זיא איז שולט אויף דיא אופנים וואס שטייען דארטין אונ אלע תפלות ישראל וואס זיי קומען אין דער פריא אודער אלע האבין מתפלל גיוועזן אזו בלייבין זייא דארטין אונ דער בז״ק איז זייא דער וויל מתקן ביז אלע דאווענען אפ אזו קומט דער ממונה הגדול סנ״ד ער איז שולט אויף אלע אונ ער נעמט אלע תפלות אונ מאכט פון זייא איין כתר, צוא זיין הארין אונ אויך איז דער ממונה בז״ק אממונה אויף דברי תורה וואס זייא ווערין דער וועקט ביי נאכט אז דער רוח צפון דער וועקט זיך היינו בחצי הלילה אונ ווער עס שטייט אויף דיא צייט תורה לערנען אזו נעמט ער דיא תורה אונ לייגט זיא אריין אין איין רקיע וואס היישט ספר הזכרון וואס אלץ ווערט דריגען אן גישריבין אזו וויא דער פסוק זאגט ויכתב ספר זכרון לפניו ווייטער שטייט גרוישע סודות וואס מען קען ניט שרייבין:

היכל השני היישט היכל עצם שמים דאש אנדערע היכל איז נאך מער פאר הוילין וויא דאס ערשטע אין דעם היכל איז דא דרייא טירין אונ דער ממונה דער פון הייסט ח״פ ער איז ממונה אויף דריי זייטין וועלט דרום צפון מזרח · דרום אונ צפון זייגען דיא טירין צו גישלאסין אין מזרח זייט איז אפין אונ ער האט אונטער זיך צווייא ממונים זייא זיינען ממונה אויף דיא טירין וואש זיינען פאר שלאסין אונ אלע נשמות וואש זיינען אום גיקומען איבער זייערע עבירות ביי דעם בית דין אודער פון אנדערע הרוגים זיינען אלע אונטער דיא ממונים אונ דער ממונה וואס עס איז איבער זייא דער איז חוקק אונ צייכינט זייערע צורות אויף זיינע קליידער וואס זייא זיינען ברענענדיג פייער אונ גייט ארויף אונ ווייזט זייא צוא זיין הערין אזו נעמט ער דיא וואס זיינען נהרג גיווארין אונ איז זייא חוקק אויף זיין מלבוש אונ דיא וואס זיינען הרוגי בית דין גידערט דער ממונה אראפ

אונטער דיא צווייא טירין וואס זיינען פאר שלאסין אונ דיא צווייא ממונים שטייען אויף זייא אונ פון דארטין זעהען זייא דעם כבוד פון דיא מענטשין וואס האבין מקיים גיוועזן דיא תורה אונ האבין גיהיט דיא מצות ביז דער ממונה וואס איז לצד מזרח עפינט זייא אויף דיא טיר אונ נעמט זייא אריין אין היכל אונ ער האט אין זיין האנט איין אור החיים וואס ער איז מלא אורות ער הייסט כוס תנחומין כוס החיים דען דאס לייכט צוא זייא אונ גיט זייא לחיים דרום ווייל זייא האבין גיטרונקען איין כוס פון דעם עונש בית דין זיינען זיי זוכה אנטקעגין צו דעם כוס החיים אונ אנטקעגין בייא דיא קליפות בהיכל הטומאה איז דא איין אנדער ממונה ער הייסט כוס התרעלה כוס חמתו אזו וויא מיר האבין גילערינט אמאל איז יין אין אכוס לטובה אזו וויא עס שטייט ויין ישמח לבב אנוש אונ אמאל איז יין אין אכוס לרעה אזו ווי עס שטייט ויין חמר מלא מסך דען עס איז אלץ אין דער טומאה אזו וויא אין דער קדושה: אזו וויא עס שטייט את זה לעומת זה עשה אלהים היכלות הקדושים והיכלות הטמאים וואס זיי זיינען מטמא מענטשין אונ אלע זייערע ממונים זיינען לרעה אזו אויך איז דער יצר הרע אנטקעגין יצר טוב אונ אין דעם אור פשוט ווערט דער קאנט דאס חיים פון דער וועלט ווען דער עולם ווערט נידון בטוב אזו דער לייכט ער זיין אור דען ווערט גיפונן אייטל שמחה וחיים אויף דר וועלט ווייל דער עולם איז נידון גיווארין לזכות ווען דער עולם ווערט נידון בדין אונ דר צד הטומאה איז שולט אונ גישטארקט אונ דר אור ווערט נגנז אונ אפ גיטאן דען שטייט דער גאנצער עולם בדין אונ דארט שטייען אלע מלבושים פון דיא נשמות הצדיקים וואש זייא גייען ארויף צוא בעטין פון זייער הערין אונ אז דיא נשמת גייט ארויף אונ גרייכט צוא דעם היכל אזו קומט דער ממונה וואש איז גיזעצט גיווארין אויף דיא מלבושים ער הייסט צד"ק דען אין דער צייט אז דער מענטש טוט דיא מצות התורה בעולם הזה דען אין דעם גישטאלט וואש ער איז בשעת מעשה ווערט אים אמלבוש אין דריגען מתלבש צוא זיין אויף יענעם עולם אונ אז דיא נשמה גייט ארויף אויף יענעם עולם אזו נעמט דער ממונה דעם לבוש אונ גייט דער מיט צוא דעם נהר דינור דען דיא נשמה מוז זיך דארטין טובלין אונ לייטירין אונ אמאל ווערט זיא דארטין דער טרונקען אונ גייט שוין ניט ארויף נאר אלע אין דער פריא דערוועקט זיך אווינט פון דרום זייט דען שטייען אלע אויף אונ ווערין נתחדש אונ זאגין שירה אונ זינגען אזו וויא עס איז פאר האנדין אזעלכע מלאכים וואס מען איז זייא מעביר פון זייער ממשלה ווערין זייא דארטין פאר ברענט אונ דער נאך ווערין זייא נתחדש אזו וויא פריער אונ זאגין שירה אונ גייען אוועק אזו אויך דיא נשמות. אונ אז דיא נשמה איז ווערט אונ גייט ארויש פון דעם נהר דינור אזו נעמט זיא דער ממונה צד"ק אונ איז איר מלביש איר לבוש אזו ווערט זיא מתוקן אונ איז עולה לקרבן דורך דעם מלאך מיכאל הכהן של מעלה דאס זיא זאל שטיין אלע מאל פאר הקב"ה וואול צו דער נשמה וואס זיא איז אזו זוכה אונ אויף אלע איז דער ממונה א"ס אונ ער איז שולט אויף דעם היכל אונ דארטין ווערין באשאפין מושלים אחרים אויף דער וועלט דיא זיינען שרפים מיט שש כנפים זייא זאגין קדושה צוא זייער הערין דרייא מאל אין טאג זייא זיינען מדקדק מיט דיא צדיקים כחוט השערה אונ דיא שרפים שטייען צו שטראפין דיא לייט בעולם הזה ובעולם הבא אונ צו דיא וואס זיינען מזלזל אין אמענטשין. וואס ער האט פון אים גילערינט אפילו איין זאך אין דער תורה אונ צוא דיא מענטשין וואס זיי שאפין מיט אמענטשין וואס האט גילערינט ששה סדרי משנה פון גאטש וועגין אונ ווען דיא אורות לייכטין אלע באנאנדער גייט פון דעם אור ארויש איין חיה וואס זיא איז שולט אויף דיא מלאכים וואס זייא הייסין שרפים אונ פיר חיות זיינען אונטער איר די חיה הייסט יופ"י דיא חיה איז אממונה אויף דיא סודות החכמה וסודות התורה אין דער קבלה: אונ דרום בטרעפט דער מלאך קבל"ה אונ אלע מפתחות פון דער חכמה איז בייא איר דיא חיה שטייט צוא באגערין שכר פאר הקב"ה צוא געבין צוא דיא וואס לויפין נאך דיא חכמה פון קבלה אונ סודות צו לערנען פון איטליכין מענטשין כדי צוא קאנען זייער הערין אונ צוא דיא מענטשין וואס זייא גיבין שכר צוא דיא דאזיגע וואש לויפין נאך צו לערנען קבלה וסודות התורה אונ ווען דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט אזו גייט ארויש דיא חיה אויף פיר שרפים וואש זייא שוועבין אונ זיא שוועבט פאר אים אונ לאזט ניט קיין משחיתים אונ קליפות צוא טרעטין צוא אים אונ כמה מלאכי שלום רינגלען אים ארום אונ אז דיא שרפים ווערין גיזעהען אז זייא שוועבין פאר אים אזו ווערט פאר שטויסין אונ אונטער גיטאן דיא נחשים שרפים וואס זייא קומען פון דעם נחש וואש האט גורם גיוועזן מיתה אויף דער וועלט דאש זייא זאלין אים נים קאנען שולט זיין אונ דיא חיה הקדושה שטייט וויא דיא נשמה גייט ארויף פרעגט זיא דיא חיה אין די סודות הקבלה אונ אין דער חכמה וואש ער איז נאך גילאפין נאך איר אונ דער נאך גיט מען אים זיין שכר אונ אז ער האט גיקאנט לערנען קבלה מיט סודות התורה אונ האט זיך ניט באהעפט אין זייא אזו שטויסט מען דיא נשמה ארויש אונ זיא קומט שוין ניט אריין אונ שטייט אונטער דעם היכל בחרפה ובבושה אונ אז דיא חיה הייבט אן צוא נעמען אונ צוא רירין אירע פליגיל אזו רירין דיא שרפים וואס זייגען אונטער איר מיט זייערע פליגיל אונ פאר ברענען דיא נשמות ניט רעכט היינו זיא שטייט ניט אונ מען איז זיא דן אלע טאג זיא לייכט אונ לייכט ניט כלומר ניט רעכט אונ חאטשע זיא האט מעשים טובים העלפט עש ניט דען עש איז ניט פאר האנדין אזו איין שכר בעולם הבא וויא צוא דיא וואס זיינען משתדל בחכמת הקבלה צוא זעהען דעם כבוד פון זייער הערין דורך דיא סודות הקבלה אונ עס איז ניט דא קיין שיעור צום שכר וואס מען גיט צוא דיא מענטשין וואס זייא ווישין דיא חכמת הכבוד פון זייער הערין וואול צוא זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט (משלי ג') אשרי אדם מצא חכמה ואדם יפיק תבונה ווייטער זיינען גרוישע סודות וואש מען קען זייא גיט ארויש שרייבין מעסקי הנבואה:

היכל השלישי הייסט היכל נוגה דאס היכל שטייט אין בעסער ליכטיקייט פון דיא אייבערשטע אין דעם היכל זיינען פאר האנדין פיר טירין לצד מזרח מערב צפון ודרום אונ אויף איטליכער טיר איז דא איין באזונדער ממונה. די ערשטע טיר איז פון דרום זייט דארט איז איין ממונה ער הייסט מל"כ ער איז שולט אויף אלע בריבליך. אונ פתקין וואש גייען ארויש פון דעם בית דין של מעלה וויא דיא וועלט זאל גימשפט ווערין אונ אזו וויא אין דעם קוויטיל ווערט גישריבין איז ער דרויף משגיח מקיים צו זיין אונ אונטער אים זיינען צוויי סופרים איינער פון דער רעכטער זייט אונ איינער פון דער לינקער זייט אונ


דער

דער ממונה האט בכח צוא מתקן זיין דיא פתקין אונ אז זייא גייען ארויש פון זיין האנט ווערין זייא איבער גיענטפערט צוא דעם ממונה וואש איז אין דעם ערשטין היכל אונ אז דיא פתקין קומען שוין צוא אים אזו גייען זייא שוין ארויש אונ מען קען זייא שוין ניט אום קערין אונ תיכף איז פאר האנדין איין ממונה מצד הטומאה והקליפה כצר כח הדין הקשה דער איז זיך שוין ניט מרחם ער הייסט סנ"ג אונ ער איז ממונה איבער דער טיר פון דעם ערשטין היכל וואס איז בצד הטומאה בגיהנם אונ דארטין זיינען פאר האנדין כמה וכמה משחיתים וואס זייא שוועבין ארום אויף דער וועלט אונ זייא זיינען אן גיברייט צוא טאן דין אונ זייא שטייען פאר דעם ממונה ער זאל פריער איבער זעהען דיא קוויטלעך אונ די צוויי סופרים וואס זייא הייסין סמ"ק וק"מ זייא זיינען ממונה מתקן צוא זיין דיא פתקין אונ דער ממונה מל"כ איז איבער זייא אונ דיא היכלות שבטומאה וואס דארטין זיינען דער היפך פון דיא ממונים שבקדושה דען דיא היכלות שבטומאה זיינען ממונה נאר שלעכץ צוא טאן צוא מענטשין · קום אונ זעה דער ממונה סנ"ג נעמט דיא פתקין פון דעם גזר דין פון דעם ממונה וואס שטייט אין דר ערשטער טיר עפינט ער איין טיר לצד החושך וואס הייסט בור שחת דארטין זיינען פאר האנדין אלפים ורבבות וואס זייא זיינען אן גיברייט צוא נעמען דיא פתקין אונ דער ממונה איז אויף זיי דען גייען ארויש דיא כרוזים אונ רופין אויש דעם פסק דין · דרום שטייט דער ממונה מעיין צוא זיין אין דיא פתקין אונ מתקן צו זיין די פתקין פון דיא דינים איידער זייא גייען ארויש פון דעם פתח דען דער נאך קען מען שוין ניט איבער מאכין דיא אנדרע טיר איז לצד מזרח אין דער טיר הייגט דער מות וחיים דען דארטין ווערן גיחתמת אלע פתקין דען אז דיא פתקין ווערין שוין נגמר אזו וויא עס בדארף צוא זיין איז פאר האנדין איין ממונה ער הייסט גז"ד ער נעמט דיא פתקין אין דער אנדרער טיר אונ איין ממונה שטייט אויף דר טיר ער הייסט עזר"ד אונ איטלעכע טיר איז איר נאמען אזו וויא איר ממונה הייסט דער ממונה האט אונטר זיך צווייא שמשים איינר איז מימין אונ איינר איז משמאל מצד ימין איז תולה חיים ומצד שמאל איז תולה מות אונ זיי האבין צווייא חתימות אין זייערע הענט חותם חיים אונ חותם מות · חיים איז מימין אונ מות איז משמאל · דיא טיר איז פאר שלאסין אגאנץ יאר נאר שבת אונ ראש חודש ווערט זיא גיעפינט צוא ווייזין אז דער חותם פון חיים הייגט דארטין דען שבת וראש חודש הייגט דארטין נאר חיים אונ אום יום כפור דאס אלע ישראל שטייען בתפלות ובקשות ותחנונים אונ דינען פון השי"ת איז דיא טיר צוא גישלאסין ביז מנחה אונ נאך תפלת מנחה קומט ארויס איין רוח פון דעם בית דין וואס איז אין היכל זכות אונ עפינט דיא טיר אונ דער ממונה פון דער טיר שטייט אונ דיא שמשים שטייען אחד מימינו ואחד משמאלו אונ דיא חתימות פון חיים ומות איז ביא זייא אין דיא הענט אונ אלע בריב אונ אלע פסקים איז פאר זייא דען ווערין דיא בריב גיחתמית הן לחיים והן למות דרום זאגין מיר אין תפלת נעילה פתח לנו שער בעת נעילת שער כי פנה יום ווארום אין דער צייט ווערט דער שער גיעפינט דרום זאגט מען אויך בתפלת נעילה וחתמנו לחיים טובים : דיא דריטע טיר שטייט לצד צפון דיא טיר שטייט אין איר שטאנד צוא וויסין אלע וואס דער דין איז אויף זייא הן צוא שלאפקייט הן ווייטאג הן עניות אזעלכע דינים וואס זיינען ניט אויף מיתה ווען דיא טיר איז צוא גישלאסין דען איז דער דין אן גיצייכינט אויף דיא מענטשין וואס זייא האבין גיזינדיגט אונ האבין קיין תשובה ניט גיטאן דען תשובה שלימה איז מבטל דיא דינים דרום זאגט איוב (איוב יב) יסגור על איש ולא יפתח דאס מיינט ער אויף דער טיר ווארום ער איז אויך אזו נמסר גיווארין צום שטן ער זאל אים טאן יסורים אונ הרגנן האט דר שטן אים ניט גטארט אזו וויא עס שטייט ורק את נפשו שמור אויף דר טיר שטייט איין ממונה ער הייסט קפ"ץ ער איז ממונה אויף דער טיר צוא שליסין זיא אויף דעם מענטשין וואס ער איז ראוי צו דעם עונש כדי זיין תפלה זאל ניט מקובל ווערין ביז ער וועט תשובה טאן אונ אז עש וועט נגזר ווערין איין דין אויף קליינע קינדער וואס זייא האבין ניט חוטא גיוועזן איז אונטער אים דא איין ממונה ער הייסט עי"ר גייט ער ארויס אונ רופט אויס דעם דין לצד שמאל ביז עס דער וועקט זיך איין רוח וואס ער איז פגום וחסר דאס ער איז באשאפין גיווארין בשעת דיא לבנה איז גימינערט גיווארין אין דעם פערטין טאג ער הייסט אסכר"ה ער שטייט אין דריטין היכל הטומאה במדריגה הרביעי אונ איז ממונה אויף דיא קליינע קינדער ממית צוא זיין ער באווייזט זיך צום קינד וויא איין פרויא אונ שטילט זיך מיט אים ביז ער טייט אים דען גייט זיין נשמה ארויס אונ ער נעמט זיא אונ ברייגנט זיא פאר דעם ממונה וואס ער שטייט אין פערטין היכל אונ ער איז זיא מגדל אונ איז זיך משתעשע מיט איר ביז ער ברייגנט זיא פאר המלך הקדוש אלע שבת אונ ראש חודש אונ ער בענטש זיא · ובשעת דער רוגז אונ מדת הדין איז חלילה שולט אויף דר וועלט זעהט הקב"ה אויף אזעלכע קינדר אונ האט פון זייערט וועגין חס אויף דער וועלט אונ אזו איז אלע קינדר וואס זיי שטארבין פאר דרייצעהן יאר מיט אטאג ווערין איבער גיענטפערט אין זיינע הענט אונ דיא קינדער וואס זיינען אלט פון דרייצעהן יאר ביז צוואנציג דיא ווערין איבער גיענטפערט אין איין אנדערין רוח ער הייסט אגר"י ער קומט ארויס פון דעם נחש הקדמוני דאס איז דער יצר הרע וואס ער האט גורם גיוועזן מיתה אויף דער גאנצער וועלט אונ פון צוואנציג יאר אונ ווייטער ווערט ער שוין נידון בב"ד של מעלה וואס זייא הייסין זכות אונ ווערט נמסר ביד מלאך המות דען פון דרייצעהן ביז צוואנציג גייט אים נאך דער רוח אגר"י ער איז מסטרא דנחש דרום ווייל מען היט ניט אפ דאס קינד קליינער הייד דרום האט ער איין שליטה אונ וויא אזו מען זאל אים אפ היטין שטייט אין ספר הזוהר אונ תאמשי דער ממונה האט נאך אויף אים קיין רשות ניט שטייט יש נספה בלא משפט אונ עס שטייט והנה טוב מאוד דאס מיינט מען דעם מלאך המות דען ער איז זיך מקדים אונ נעמט אים צוא פאר דער צייט איידער ער זינדיגט אונ דער ממונה וואס שטייט אויף דער טיר דער ברייגנט ארויף דיא נשמה אבר ביז דרייצהן יאר ווערט ער צוא גינומען דורך אסכרה אין דעם פאטערש זינד אונ דיא היכלות זיינען איינס קעגין אנדערין דיא קדושה אנטקעגין דער טומאה את זה לעומת זה : דיא פערטע טיר איז מצד מערב דיא טיר שטייט צוא רפואות ער הייסט פתח הרפואות אין דער טיר שטייט איין ממונה ער הייסט פ"ד ער איז ממונה על כל הרפואות שבעולם אונ ער איז ממונה ארויף צוא ברייגען דיא תפלות פון דיא בעלי יסורים וחלאים ובעלי צער אונ גייט מיט זייערע תפלות ארויף צו ברייגען זייא פאר הקב"ה אונ ער הייסט מלאך מליץ אחד מני אלף אונ עס שטייט ויאמר פרעהו מרדת שחת מצאתי כופר דען ער איז עולה אונ איז אמליץ טוב פאר דעם מענטשין אונ איז מזכיר זיינע זכיות וואס ער האט גיטאן פאר הקב"ה דען דער

מלאך

דיבור ווערט געהייליגט דער שם הקדוש און אז זיי גרייכין צו די מלאכים וואס שטייען אויבין וואס זיי הייסין חברים נעמען זיי די תפלה און גייען מיט זיי ביז דעם פערטין היכל צו דעם פתח · און ווען די ישראל זייגען מתפלל ביי טאג זייגען די חברים מיט זיי און זייגען אויך משבח ומקדש שמו הגדול אבער ניט ביי נאכט אזו וויא אנדערע מלאכים וואס זאגן שירה ביי נאכט קום און זעה עס שטייט גוזל אביו ואמו ואומר אין פשע חבר הוא לאיש משחית האבין זייא דאך גיזעצט אין דער גמרא דאס גייט אויף דעם וואס ער עסט אן איין ברכה איז ער גוזל צו הקב"ה וואש ער איז אונזער פאטער און איז איין חבר צו דעם משחית דאש איז דער נחש וואש ער האט פאר מיטין די ברכות פון דער וועלט און דער אויך וואש עסט אן איין ברכה פאר מייט ער די ברכות פון דער וועלט דרום איז ער איין חבר צוא דעם איש משחית דרום בדארף איטליכער מענטש איין ברכה מאכין און מתפלל זיין צוא הקב"ה דען ווערט ער איין חבר צוא דיא אייבערשטע חברים קדושים עש שטייט וחובר חבר וואש מיינט מען דאש אלא דער וואש גייט נאך דער סטרא אחרא און איז חורש חרשים צוא טאן כישוף ציהט אויף זיך ארויף דעם רוח הטומאה און איז זיך מחבר· מיט דער חברותא פון דעם חבר רע און דער איש משחית רוט אויף אים בחברותא און פאר וואס הייסט דער שטן ויצר הרע חבר דען בשעת דער מענטש ווערט נאר געבארין איז ער זיך מחבר צוא אים און שטייט ביא אים אזו וויא איין חבר און דער נאך ווערט ער צוא אים איין איש משחית ער רעט אים אן צו שלעכץ און דער נאך גייט ער אליין ארויף און איז אויף אים מקטרג און נעמט רשות און נעמט ביא אים זיין נשמה אזו איז פאר האנדין דער היפוך פון דיא מלאכים חברים אין דער קדושה חבר טוב צוא טאן טובות מיט מענטשין בעוה"ז ובעוה"ב און דיא חברים שטייען אלע מאל אויף זייא צוא מגין זיין און צו העלפין זייא און מקדש און מזמר צוא זיין לשמו הגדול : און פון דיא י"ב שרפים גייען ווידער ארויש פיר ממונים אנדערע און זייא זיינן ממונה אויף אזעלכע וואש טראכטין שלעכטע עצות שלעכץ צוא טאן דעם צדיק חאטשע זייא טוען עש נאך ניט גייען דיא ממונים ארויף און זאגען דאש מודיע און זייגען דאש מבטל און זייא הייסין אראלים און חאטשי אלע אראלים זייגן דאך דרויף ממונה פון דעסט וועגין האט דאך איטליכער אבזונדער התמנות און אונטער זייא זייגען ווידער ממונות אן צאל און אן מספר און דיא פיר עמודים שטייען לארבע רוחות העולם איטליכער שטייט אויף איין זייט און זייא הייסין חרכים אזו וויא דער פסוק זאגט שיר השירים ב' מציץ מן החרכים דיא פיר שטייען אויף דיא לייט משגיח זיין וואש זייא טוען מעשים טובים און אויף דיא וואש האבין אין זין צוא טאן מעשים טובים חאטשע זייא קענען עס ניט טאן דער ממונה וואש איז לצד דרום דער שטייט משגיח צוא זיין אויף דיא וואש זייגען מנחם איין ארום מאן און דער וואש האט צער חאטשע ער קאן זייא ניט געבין קיין געלט און צוא דיא וואש גייען בדרך מצוה · און צוא דיא וואש טוען חסד מיט מתים און דער ממונה איז דער קיום פון עמוד האמת און איז ממונה דאש צוא גידיינקין למעלה און אויש צוא קריצין זיין גישטאלט למעלה צוא ברייגגין אים לעולם הבא און דער וואס שטייט לצד צפון דער שטייט משגיח צוא זיין צוא דיא וואש האבין אין זין גיהאט צו טאן שלעכץ און האבין ניט גיטאן אדער ער האט גיוואלט טאן דיא עבירה און האט זיך גובר גיווען אויף דעם יצר הרע און האט דאש ניט גיטאן דער וואס שטייט לצד מערב שטייט משגיח צוא זיין אויף דיא וואס זייא מידיי זיך אין דער תורה און ברייגגין זייערע קינדער צום רבי לערנען תורה און צוא דיא וואס זייגען משגיח אויף איין שלאפין אז ער זאל זאגין. ווידוי און תשובה טאן אויף זייערע עבירות דען דער וואש איז משגיח אויף איין שלאפין אז ער זאל זאגין ווידוי און תשובה טאן אויף זייגע עבירות איז ער אים גורם ניצול ווערין פון זיין שלאפקייט און ווידער גיזונד צו ווערין אויף דעם זאגט דער פסוק (תהלים מ"א) אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' וואס מיינט מען ביום רעה עס וואלט גיהערט צוא שטיין ביום רע אלא ביום אזו איין טאג וואס די רעה איז שולט אין אים צוא נעמען ביא אים זיין נשמה און דאס הייסט איין חולה אזו וויא עס שטייט (שמואל ב י"ג) מדוע אתה ככה דל בן המלך און ווער עס איז אויף אים משכיל און משגיח ער זאל תשובה טאן ביום רעה ימלטהו ה' ווייל ער האט אים מציל גיווען פון דעם שלאפקייט דורך זיין תשובה דער פאר אז עס ווערט נמסר דער דין ער זאל שולט זיין אויף דער וועלט וואס ער הייסט רעה און דיא אלע ממונים שטייען ביום ראש השנה וואס הקב"ה שטייט בדין אויף דער וועלט און דער שטן מיט אלע ומקטריגים קומן מקטרג זיין אויף דיא לייט דען זאמלען זיך איין אלע דיא ממונים און קריגען זייא מיט זייערע מעשים טובים וואס אויבין שטייען און קומן פאר הקב"ה אויף דער צייט שטייט משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים עס שטייט מציץ איז טייטש קוקין אזו וויא איינר קוקט דורך איין קליין לעכיל קאן ער ניט רעכט זעהן וואס ער בדארף אזו איז צוא דעם ערשטין אבער דער נאך משגיח מן החלונות קוקט ער דורך דיא פענצטער וואש איז גרויש ער עפינט אגרוישין שער מרחם זיך צוא זיין איבער אלע און אז הקב"ה איז משגיח אויף דער וועלט זעהט ער דיא חלונות און דיא חרכים און איז חס אויף דער וועלט דען ווען דיא ישראל בלאזין שופר אום ראש השנה דער וועקט דאש דעם שופר העליון און דאש קול של מטה איז מעורר דאש קול של מעלה אזו גייט ארויש אכרוז און רופט אויש אין אלע רקיעים און זאגט קול דודי הנה זה בא משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים ווייזין אלע דאש הקב"ה האט רחמנות אויף דער וועלט און זאגין צדיקים זייגען פיל. זוכה דאש זייא האבין איין עצה אויף דער ערד דאס זייא ווייזין דער מיט צוא דער וועקין דיא רחמים של מעלה דרום שטייט אשרי העם יודעי תרועה תרועה איז אמאל דיא טייטש צוא ברעכין אזו וויא עש שטייט תרועם בשבט ברזל דאס מיינט מען וואל צוא דיא צדיקים זייא ווייזין צוא ברעכין דעם כח הדין הקשה זייא זאלין דער מיט. ניט גימשפט ווערין פיל זייגען זוכה דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא דען זייא ווייזין דעם וועג פון הקב"ה צו גיין אין אים און מייחד זיין דעם יחוד אזו וויא עס בדארף צוא זיין און דיא ממונים וואש הייסין חלונות און חרכים שטייען אלע צו נעמען דיא תפלות פון צדיקים ארויף ברייגגין זיי ממטה למעלה אז הקב"ה זאל אויף זייא משגיח זיין און דרום מוז זיין אין איטליכין בית הכנסת פענצטער אבער אז עס איז קיין פענצטער ניט דא טאר מען דארט ניט מתפלל זיין ווארום דאס בית הכנסת של מטה איז אנטקעגין דאס בית הכנסת של מעלה וואס דריגען איז דא חלונות אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט אז אין בית הכנסת הגדולה של מעלה איז דא צוועלף חלונות אזו דארף אין בית הכנסת של מטה אויך זיין דען דיא עולמות זייגען איינש אנטקעגין אנדערין של מטה

אנטקעגין

אנטקעגין של מעלה דרום מוז אלץ גלייך זיין אונ אזו אויך איז גישטעלט גיוועזן דאש משכן מיט אלע כלים אזו וויא עש שטייט אין פרשת תרומה אונ דער כבוד פון הקב"ה איז עולה איבער אלע אזו איז אויך אממונה בה"ז ער איז ממונה אויף דיא וואש האבין רחמנות אויף איין עני אזו וויא דער פסוק זאגט אשרי משכיל אל דל אונ דרום שטייען דיא אלע אין דעם היכל אונ דאש היכל השלישי איז נכלל אין דעם אנדערין וואס איז איבער דעם דרום אשרי חלקם וואול צוא דיא לייט דיא וואס ווייסין דיא אוצרות וגנזי המלך. אונ מייחד צוא זיין צוא זייער הערין אונ מקדש צוא זיין זיין הייליגין נאמען אלע מאל דען ער וועט זוכה זיין צוא עולם הזה אונ עולם הבא :

היכל הרביעי דאש פערטע היכל הייסט היכל זכות דארט זיצט דאש בית דין של מעלה אונ זיינען גוזר אלע. דינים צוא אלע דורך דעם היכל ווערט דער קענט דיא ממשלה פון הקב"ה אויף דער וועלט דאש היכל שטייט צוא היטין דעם וועג פון דער תורה עש הייסט היכל זכות דען דרינען ווערט גימשפט אלע דינים אויף דער וועלט אונ אלע זכיות אונ אלע חובות אונ אלע עונשים אונ שכר טוב צוא דיא וואס היטין דיא תורה אונ דאס היכל זכות איז משונה פון אנדערע היכלות אונ איז כלול פון פיר היכלות אונ וויל עש איז אין דרינען דער רוח וואס הייסט זכות דרום הייסט דאש היכל זכות אונ הייסט א"ל דרויף זאגט דער פסוק ואל זועם בכל יום דיא פיר היכלות וואש זיינען דרינען נכלל האבין טירין פר דער ערשטער טיר שטייט איין ממונה ער הייסט סנ"ס אונ אנטקעגין איז אממונה אין היכל הטומאה מצד שמאל ער נעמט דיא דינים אונ דיא פסקים וואש מען פסקית דא אונ טוט זיא אויף דער וועלט אונ וויל ער נעמט זיא פון דעם מלאך סנ"ס דרום הייסט ער אויך סנ"ס אונ ער איז שולט אויף דיא אסכרה פון דיא קליינע קינדער אונ אז ער נעמט דעם כח הדין פון דעם היכל זכות רופט ער אים צוא דיא ממונים וואש שטייען אויף דיא צוועלף טירין אונ דער רוח זכות וואש אלע זיינען אין אים כלול גייען פון אים ארויש שבעים סנהדרין של מעלה פינקילדגע ליכט. אונ אלע שטייען אין זיין עיגול דאס הייסט קיילכדיג אזו ווי די סנהדרין של מטה זיינן גזעסין בעיגול אז איינר זאל דעם אנדערן זעהן אונ עס זאל ניט פר הולין ווערן אלע זכיות אונ אלע עונשין אונ אלע דינים פר אלע שטיין אורות פון זיי גייען ארויש נאך צווייא אורות ממונים דיא צוויי שטייען פאר זיי תמיד עדות צוא זאגין אונ שרייבין אלע פסקים לזכות אדער לחוב אונ אזו וויא עש איז ע"ב לצד ימין אזו איז ע"ב לצד שמאל אונ אין מיטין איז אויך דא ע"ב אין גאנצין איז דא צווייא הונדערט מיט זעכצין אונ דיא אלע רי"ו זיינען נכלל אין דעם רוח זכות פון דעם היכל ווערט אויך גמשפט הן טובות הן רעות נאר דריי זאכין דאש איז בני חיי ומזוני קינדער אונ לעבין אונ פרנסה לאו בזכותא הייגגט ניט אין דעם היכל זכות אלא במזלא נאר אין דעם אור וואש איז איבער דעם היכל וואש הייסט מזל"א פון דארט ווערט ארויש גיגעבין לעבין אונ קינדער אונ מזונות אונ אין איטליכן פתח איז איין ממונה פון דער ערשטער טיר הייסט ער גזר"י ער נעמט פון דעם בית דין וואש איז נגמר גיווארין אונ איז מודיע וואשעש איז נגזר גיווארין צוא דיא וואש שטייען אין דרויסין אונ זייא רופין אויש דעם גזר דין ביז עש ווערט גיהערט אין דיא הימלין אונ פון דיא הימלין גייט מען ארויש אונ מען רופט ביז עש ווערט גיהערט בכל הרקיעים אונ זייא

גידרין אראפ אונ זיינען מודיע צוא אלע תחתונים פון איין מדריגה צו דער אנדרר ביז עש ווייסין אלע פויגלין פון דעם הימל אונ די עופות פון דער ערד דיא זיינען עש מודיע אויף דער וועלט ביז עש נעמען דיא זאכין דיא משחיתים אונ זיינען עש מודיע צוא דיא לייט בחלום אונ דיא זאך ווערט מקוים לזמן קרוב אונ אז עש איז גיוועזן נביאים פון ישראל האבין זייא זייער נבואה גיהאט פון די צווייא עמודי עולם נביאי אמת ורבי אמת אונ אז דיא נבואה האט אויף גיהערט האבין זייא שוין נאר גיהאט במראה אדער בחלום דאש איז פון דער טיר וואש זייא זיינען מודיע צו די מלאכים דען איטליכע מדריגה אונ איטליכער פתח האט אונטער זיך ממונים פון איר צד אין אלע רקיעים אונ איינער איז מודיע דעם אנדרין ביז מען ווייסט למטה אטייל זיינען ממונים צוא היטין לייט פאר שדים אונ פאר קליפות אז דיא גייען אין וועג אטייל זיינען ממונים צוא העלפין צוא דיא לייט וואס ווילין זיך מטהר ומקדש זיין אטייל זיינען ממונים צו טאן נסים ואותות אויף דער וועלט אטייל זיינען משגיח צוא זיין אין דיא מעשים פון דעם מענטשין עדות צוא זאגין אויף זייא אונ אזו איז אפ גישייד כמה מדריגות אונ אלע מצד אמונת הקדושה אזו איז אויך דר צד הטומאה עס שיידין זיך אפ כמה מדריגות פון אירע היכלות אויף אלע מדריגות זיינען שלעכין צוא טאן אלע מענטשין אונ אפ צוא קערין דיא לייט פון הקב"ה מדרך טוב לדרך רע אונ אטייל זיינען מטמא צו זיין דעם מענטשין וואש ער וויל זיך מטמא זיין אזו וויא מיר האבין גילערנט בא ליטמא פותחין לו אונ זייא הייסין צואה רותחת אזו וויא דער פסוק זאגט צא תאמר לו אונ איינש איז אנטקעגין דעם אנדערין דיא מדריגות הקדושה זיינען צוא דיא וואש ווילין זיך מטהר זיין דאש זייא זאלין זייא העלפין אונ אנטקעגין איז דיא טומאה צוא דיא וואש ווילין זיך מטמא זיין אין דער אנדערער טיר שטייט איין ממונה ער הייסט דהר"י ער איז ממונה ארין ברייגען דיא זכיות פון אלע לייט ער ברייגגט זייא ארין ווען מען איז דן דעם מענטשין אונ אז דיא זכיות זיינען מיין איז ער ממונה אויף זיין שכר טוב פון דיא זכיות אונ איז מוציא דעם דין אונ איז אים מוסר צום מלאך פ"די וואש ער איז אין ערשטין היכל אזו וויא אויבין איז גישטאנען דען איז ער אים פודה מרדת שחת דען אז דער מענטש קומט צוא דעם גילעגער דאש הייסט אז ער ווערט קראנק איז גלייך וויא ער איז תפוס דען מען איז אים דן אין דעם היכל אזו קומען אלע חובות אונ אלע זכיות וואש ער האט גיטאן אויף דער וועלט אונ אז ער ווערט גימשפט אויף גוטץ אזו ווערט נמסר זיין דין לצד ימין צוא דעם מלאך דהר"י אונ ער איז מודיע אז זיין דין איז לטובה ביז ער ווערט גיזונט אונ דר פסק דין גייט אראפ פון איינעם צוא דעם אנדערין הן לטובה הן לרעה ווערט אלץ דער קענט פון איינעם צוא דעם, אנדערין ביז עש ווערט מפורסם בכל מקום אין דער דריטער טיר איז אממונה וואש הייסט גד"י דער איז לצד שמאל ער איז ממונה ארין ברייגין כל העונות וכל הרעות וואש דער מענטש האט זיך אין זייא בהעפט אונ ברייגגט זייא ארין אין אוואג שאל צוא וועגין זייא מיט דיא זכיות פון דעם ממונה וואס ער שטייט פריער אונ דיא וואג שאלין שטייען אין דער פערטער טיר דארטין וועגט מען אלע זכיות אונ חובות פון מענטשין דורך דיא צווייא ממונים אונ אז דיא זכיות זיינען מנצח זיינען ווידער פאר האנדין אנדערע ממונים לצד ימין וואש זייא נעמען זייא אונ

זיינן

זיינען מעביר פון אים אלע רעות אונ חלאים ביז ער ווערט גיהאלפן אונ אז דיא עונות וועגין איבער איז שוין דא כמה ממונים לצד שמאל אונ זיין מזל ווערט גישלאפט אזו נידערין דיא פון צד שמאל אונ נעמין זיין נשמה זכאה וואול איז דער חלק פון דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא · אין דער פערטער טיר שטייט דיא וואג שאל וואש דארט ווערט אלטין גיטאן דער ממונה דער פון הייסט אזג"י אונ האט אונטער זיך צוויא ממונים איינער לצד ימין אונ דער אנדערער לצד שמאל דער פון צד ימין הייסט הר"י אונ דער פון צד שמאל הייסט רגרו"ד דער איז מכריז לצד ימין אונ דער אנדערער לצד שמאל אונ אלע זיינען נכלל אין דעם היכל זכות אונ אז אלע ווערין אין אים נכלל גייט ארויש אחיה קדושה זיא הייסט רעמ"י די חיה שטייט משגיח צוא זיין מיט דיא עיני ה' דיא ממונים וואש שוועבין ארום אויף דער וועלט אונ זעהען אויש דיא פאר בארגענע זאכין פון דער וועלט אונ משגיח זיין אויף דיא מעשים וואס ווערין גיטאן ברצון ובלב שלם חאטשע דער מענטש טוט דאס ניט רעכט נאר וייל עס איז ברצון טוב אונ מיט דעם גאנצין הארצין אונ דיא חיה איז משגיח אויף דיא תפלות דען אלע תפלות פון לייט שטייען אין זיין האנט אונ ער לייגט זייא אריין אין דעם היכל אונ זייא ליגין דארטין פערציג טאג משגיח צוא זיין אין זייא אונ נאך פערציג טעג נעמט דיא חיה אלע תפלות ובקשות אונ לייגט זיא פאר דיא סנהדרין של מעלה וואס זייא זיינען דארטין אין דעם היכל אונ זייא זיינען עס דן דען איז דער רוח וואש הייסט זכות וואס ער איז דר כלל פון דיא ע"ב אורות פון דיא סנהדרין איז ער מעיין אין זייא אויב זייא זיינען לזכות אדר לחוב אויב עס איז לזכות גייט די תפלה ארויש אונ איז זיך מתגלגל אונ עס גייען ארויש מיט איר צוועלף אורות ממונים אונ איטליכר איז תובע אונ בגערט אז די שאלה זאל מקוים ווערן אונ זיא ווערט מקוים הינטער דער חיה זיינען ווידער פיר שרפים פון פלאם פייער זיי זיינען אין די פיר זייטין פון דער וועלט זייא זיינען ממונה משגיח צוא זיין אויף דיא וואס היטין שבת וויא עס בדארף צו זיין אונ ווען די פיר שרפים ציען גייט פון זיי ארויש ע"ב גלגלים פון פייער אונ פון זייא ווערט גימאכט דער נהר דינור וואס דארטין זיינען אלף אלפים ישמשוניה זייא זיינען דארטין צוא טאן זייער שליחות אונ דיא פיר שרפים זיינען משגיח אויף די וואס טוען זיך אן תענוגים אום שבת אונ וויא עס איז רעכט אונ דיא חיה שטייט אויף זייא אונ זייא ציען אונטער איר אלע טאג אונ דער פון ציט זיך דער נהר דינור אונ פאר ברענט כמה רוחין וכמה מושלים ושרים של מעלה אונ אז עס קומט שבת גייט ארויש איין כרוז אונ דער נהר דינור ווערט גישטילט אונ אלע דינים וכעס וזעם ווערין אלע גישטילט אונ דיא חיה איז עולה אויף דיא פיר שרפים אונ גייט אריין אין מיטין היכל דאש ארט הייסט עונג דען אז עש קומט שבת ווערין מסודר אלע שולחנות פון דיא מענטשין וואש גרייטין אן אלע מאכלים אויף שבת אונ דיא הײשין בני היכלא דמלכא אונ דרויף זיינען ממונים אלף אלפים ורבוא רבבות אונ דיא חיה גייט אויף דיא פיר שרפים אויף אלע ערטער אונ איז משגיח אויף אלע טישין אונ וויא אזו מען איז אים מענג מיט תענוגים אונ דיא חיה בענטשט דיא לייט אונ דיא אלף אלפים זאגין דרויף אמן אונ דאש איז דיא ברכה אז תתענג על ה' והרכבתיך על במתי ארץ והאכלתיך נחלת יעקב אביך וגו' אונ אלע זאגין אז תקרא וה' יענה תשוע ויאמר הנני דאש זאגט דיא חיה מיט אלע וואש זיינען אונטער

איר אונ דער אייבערשטער רוח הקודש ווען דער טיש איז מיט תענוגים אלע דרייא סעודות פון שבת נאך דער דריטער סעודה נאך זייערע ברכות וואס זייא בענטשין אים לאזט ער אויש אונ זאגט אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח כבוד ה' יאספך אונ דיא שבעים סנהדרין וואש זיינען דארטין בימין ובשמאל ובאמצע זאגין אלע הנה כן יבורך גבר ירא ה' אבער ווען דער טיש איז ניט מיט תענוגים וויא עש געהער צוא זיין דען איז דיא חיה מיט אירע פיר שרפים מיט דיא אלף אלפים ורבוא רבבות שטויסין זייא ארוים אונ זיינען זייא דוחה צוא דיא משחיתים אונ דיא משחיתים גייען אונ ברייגגען זייא אריין צוא זייער ארט דאס איז דער היפוך פון עונג דאש הייסט נג"ע אונ אז זייא ברייגגען עש אריין אהין הייבין זייא אלע אן צוא זאגין ויאהב קללה ותבואהו ולא חפץ בברכה ותרחק ממנו ינקש נושה לכל אשר לו ויבוזו זרים יגיעו אל יהי לו מושך חסד וגו' · השם ישמרנו רחמנא יצילנו דער רחמן זאל אונז מציל זיין דען דער עונג פון הקב"ה איז אז דער מענטש איז מענג דעם שבת דרום דער וואש איז מענג שבת ויום טוב איז דיא פיר שרפים וואש שטייען אונטער דער חיה שטייען זייא אנטקעגין דעם נהר דינור אונ לאזין ניט זייער נשמה זאל פאר ברענט ווערין בשעת זיא טובילת זיך אזו וויא אויבין איז גישטאנען · אונ הינטער דיא פיר חיות שטייען אין דרויסין כמה ממונים אונ רופין אויש אלץ וואס אין דריגען ווערט גיפסקת נאר דרייא זאכין ניט בנים · וחיים · ומזוני · דען דאס הייגגט ניט אן אין היכל זכות נייערט אין דעם מזל עליון וואס דער פון ציהט זיך אונ דריגען הייגגט חיים של מעלה אונ מזונות אונ בנים אונ ווען דער מענטש ליגט קראנק ווערט ער יוא דארט נידון אויב דוא וועשט פרעגין אז ער ווערט דארט נידון אויף לעבין נמצא הייגגט שוין לעבין אן אין זייא אונ וואש זאגשטו אז עס הייגגט אן אין מזל העליון · אלא אזו איז אז דער מענטש ליגט קראנק איז מען אים דארטין דן אונ אז עש ווערט נגזר אויף אים לחיים אזו ציהט זיך דער חיים אראפ פון מקור החיים וואס הייסט מזלא אזו ווערט ער גיזונד אונ אז עש ווערט נגזר אויף אים חס ושלום למיתה גיט מען אים שוין ניט קיין חיים פון אויבין זכאין וואול צוא די צדיקים וואש זייא ווייסין דעם וועג פון דער תורה אונ זיינען דורך דעם זוכה לחיי העולם הבא אונ אויף זיי שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ :

היכל חמישי דאש פינפטע היכל הייסט היכל אהבה דער היכל שטייט צוא לייכטין דיא היכלות וואס אונטער דעם זיינען בסוד תיחוד והאמונה עש איז דריגען דא איין טיר אונ דרויף איז איין ממונה ער הייסט סניגור ער שטייט אויף צו זיין איין סניגור אונ איין פיר שפרעכר אויף צדיקים צוא ברייגגען אויף זייא טובות דאש דיא קליפות זאלין ניט קענען אין זייא שולט זיין אין דעם היכל איז פאר האנדין איין ממונה ער איז כולל ארבע גונין דאש הייסט ער האט אין זיך פיר גישטאלטין ווייש אונ שווארץ גרין אונ רויט אונ ער הייסט טור"י ער איז גרעשער פון אלע חיילות וואש זיינען אונטער אים ער עפינט אונ שליסט צוא אלע טירין עליונים וואש זיינען בייא אים אין זיין רשות דרייא מאל אין טאג אונ אלע חיילות תחתונים זיינען נכלל אין אים אונ שטייען הינטער אים אונ ווערין גישפייזט פון אים ער איז ממונה איבער אלע סודות פון זיין הערין ער הייסט אהבה דרום הייסט דאש היכל אהבה דען דארט זיינען פר בארגן אלע סודות עליונים הגדולים · דיא זיינען ממונה איבער אלע סודות ורזין צוא וועמין עס בדארף זיי

בהעפטין

בהעפטין דרויף זאגט דער פסוק שם אתן את דודי לך דער איז דער שומר עליון ער הייסט שומר ישראל שומר הברית פון דארטין גייט ארויש איין רוח מקיים זיין דיא נשמות מיט דעם נפש צוא אלע לייט דען עס ווערט גינעבין דורך זייא אונ דרויף שטייט כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם דען אין דעם היכל שטייען אלע נשמות אונ אלע גופים עליונים וואש דיא נשמות זיינען זיך למעלה אין זייא מתלבש אונ זיינען אן גיברייט אראפ צוא נידערין צוא דיא לייט מיום שנברא העולם אונ דאש היכל איז מקבל אלע נשמות וואס קומען ארויש פון דעם נהר דינור וואש ער ציהט זיך פון דעם גן עדן העליון אונ דרום איז דאש היכל קיין מאל ניט ליידיג אונ אז משיח וועט קומען וועט זיך דער וועקין די צוויי היכלות היכל אהבה אונ היכל זכות וואס זייא זיינען גיגליכין צוא צווייא בריסט אויף זייא שטייט שני שדיך כשני עפרים תאומי צביה אונ פון דארט קומען ארויס אלע אורות וואש זיי הייסין להט החרב המתהפכת אונ פאר וואש הייסט עס חרב המתהפכת ווייל עש קערט זיך אום צוא פיל גישטאלט אונ דאס דער וועקט צוא טאן דאש שליחות פון גאט ב״ה אונ אזו וויא דאש ב״ד של מעלה וואש זיינען אין היכל זכות אונטער דעם היכל אהבה איז דארטין דער להט החרב המתהפכת אזו אויך דאש ב״ד של מטה דארפין זיך אלע מאל דער מאנען דאש דיא חרב איז איבער זייא אונ אז דער רוח טוט טרעטין אויש ציהען אורות לכל צד אזו ווי די בריסט טוט אויש ציהען מילך אזו קומט ארויס פון דעם רוח אנאנדערע חיה זיא איז ממונה אויף דעם להט החרב המתהפכת אונ דיא חיה איז ממונה ווען עש ווערט נגזר אהונגער אויף דער וועלט זיא זאל אויש ציהען איין רוח מזונות צוא דיא בני אמונה זייא זאלין ניט שטארבין מחמת הונגער אונ טוט אונטער לעהגן דיא ערד ווען דער רוח הטומאה איז שולט וואש זייא הייסין שוד וכפן דרויף זאגט דער פסוק לשוד וכפן תשחק דען די צווייא משחיתים זיינען ממונה בהרעב איינער איז ממונה אז דיא לייט זאלין שטארבין פאר הונגער אונ איינער איז ממונה אז וואש דיא לייט עסין זאלין זייא ניט זאט זיין אין דעם היכל זיינען צווייא ממונים זייא שטייען אלף ורבוא רבבות זייא הייסין גפנים אונ אלף ורבבות וואס זייא הייסין רמונים אונ אלע שטייען באהבה וחבה אונ זיי דער וועקין איין אהבה צווישין די צדיקים אונ צווישן הקב״ה אונ אז עס דר וועקט זיך דאש ליבשאפט מלמטה למעלה ומלמעלה למטה דען ווערט דאש היכל דער פילט פון כמה טובות אונ כמה חסדים אונ כמה רחמים דען בהעפט זיך די אהבה של מטה מיט דער אהבה של מעלה אין איין דבקות פון זייא גייען ארויש צווייא ממונים אונ זייא שטייען משגיח צוא זיין אויף דיא וואש זיינען מיחד דעם יחוד פון הקב״ה מיט אהבה אונ זיינען זיך דרויף מוסר נפש באהבה אויף יחוד שמו הקדוש בתפלה ובקריאת שמע אזו גייען זייא ארויף אונ זאגין עדות אין דיא לייט וואש טוען חסד אויף דער וועלט אזו גייען דיא חסדים ארויף אין דעם היכל ארין גיקריינט ווערין אונ דער נאך גייען זייא נאך העכער ארויף גיקריינט ווערין אין דער אהבה עליונה ממדת הקב״ה אליין אונ אויף דעם שטייט גישריבין (תהלים קח) כי גדול מעל שמים חסדך אונ אויף דעם היכל שטייט מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה בוז יבוזו לו:

היכל הששי הייסט היכל רצון דען דארטין איז דער רצון פון הקב״ה וואש ער הייסט מוצא פי ה׳ דארטין איז די שמחה פון דעם דביקות פון דער וועלט אויף דעם שטייט כחוט השני שפתותיך אין דעם מוצא פי ה׳ שטייען אלע תפלות ובקשות פון דר וועלט אונ אז עש קומט דר זמן פון דעם יחוד אזו ווערט אלע שלימות גיפונען אונ אלע פנים ווערין דער לייכט אונ אלע תפלות גייען ארויף דען דענשט מאל איז איין עת רצון אונ דרויף שטייט ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון אין דעם היכל זיינען זעקס טירין פיר זיינען אויף דיא פיר זייטין פון דער וועלט היינו מזרח מערב דרום צפון אונ אחד למעלה ואחד למטה אונ דער ממונה וואס ער איז ממונה אויף אלע טירין הייסט ער רז״ ער איז ממונה אויף אלע די רזין וסודות עליונים וואש ווערין איבער גיענטפערט מפה אל פה בסוד דביקות האהבה אונ דיא סודות שטייען ניט מגלה צו זיין נאר בשעת אז דיא טירין ווערין גיעפינט דען ווייזין אלע היכלות אונ אלע רוחות אונ אלע חיות אונ שיירות אז דיא שערי רצון זיינען גיעפינט גווארין אונ עס גייען ניט ארין אין דיא שערים נאר דער רצון התפילות דער רצון פון שיר ושבח צוא הקב״ה דער רצון פון דיא נשמות הקדושים העליונים אונ דער רוח איז נמסר אין זיין רשות אלע סודות פון דיא נשמות וואש דער וועקין מיט גלוסטקייט ואהבה של מטה ושל מעלה מיט איין מאל דאס זיינען דיא גאנץ הויכע נשמות היינו רבי עקיבא מיט זיינע חברים אזעלכע נשמות וואס ווערן ניט גיגייט צו וואשין זיך אין נהר דינור אזו וויא אנדערע נשמות מוזין פריער זיך טובלין אונ וואשין אין נהר דינור אזו וויא אויבין איז גישטאנען קום אונ זעה דער רוח ציט אויף צוועלף אורות וואס שטייען אונטער אים אונ זייא זיינען שולט לארבע רוחות העולם בצד דרום דאס איז צד ימין שטייט איין אור עליון דאש איז מיכאל שר הגדול דאס איז דער גרוישער כח פון אור העליון וואס ער קומט מצד דרום דאש דער אור שטייט בתוקפו מצד ימין אונ ער איז איין אפוטרופוס הגדול פון ישראל דען ווען דר צד הטומאה שטייט מקטרג זיין אויף די ישראל אזו שטייט מיכאל השר הגדול צוא טענען מיט אים אונ ווערט איין סניגור אונ איין פיר שפרעכער מציל זיין דיא ישראל פון דעם שטן השונא אבער בשעת אז דער בית המקדש אין ירושלים איז חרוב גיווארין דען האבין גובר גיוועזן דיא חטאים דענשט מאל האט דער צד הטומאה גובר גיוועזן אויף דיא טענות פון ישראל אונ אויף מיכאל דרום שטייט השיב אחור ימינו מפני אויב ומצד צפון שטייט איין אנדערר אור דער איז גבריאל ער נעמט דיא דינים פון דעם היכל הרביעי אונ גיט זייא אפ דעם ממונה וואס ער שטייט אויף דער טיר אונ דארטין בייא דער טיר שטייען אנדערע ממונים מצד הטומאה וואס זייא ווילין נעמען דעם דין בייא דעם ממונה וואס ער נעמט דיא דינים צוא טאן אונ צוא צייטין טוט גבריאל אליין דעם דין אונ ער איז דעם דין ניט מוסר צוא דעם צד הטומאה אונ אז ער אליין טוט דעם דין חאטשע עס איז דאך דין איז דאס דאך מיט חסד אונ דער בייא איז ארפואה דען גבריאל איז כלול פון חסד אונ דין עיין לק׳ פ׳ תציה אונ דרום טוט ער אמכה אונ דיא רפואה איז דער בייא אונ דא איז מקוים דער פסוק (דברים ואו) כי כאשר ייסר איש את בנו ה׳ אלהיך מיסרך אונ דאס זיינען יסורים של אהבה דאס איז כלול מצד ימין ומצד שמאל בצד מזרח שטייט אנאנדערר ער הייסט רפאל ער איז ממונה אויף כל הרפואות אונ פיר צוא ברייגען פאר דעם הערין דער וואס האט אלאנגע קריינק אזו קומט ער פאר הקב״ה מקרב זיין דעם קין פון דעם חלאת דאס זיי האבין שוין משלים גיוועזן זייער חלאים רעים ונאמנים אונ

אלע טאג רינגילט ער ארום דיא וועלט משלים זיין דיא רפואה בפקודת הקב"ה אונ דער רפאל האט איין אחיזה מצד מכאל מימין ומצד גבריאל משמאל אונ ער איז ממונה בשעת דער מענטש ווערט נידון לחיים פון דעם פערטין היכל אזו איז ער זיך מקדים צוא טאן ארפואה אונ דיא רפואה קומט מצד הדוחק דרום ווייל ער איז כלול פון ימין ושמאל דרום איז דיא רפואה מצד ימין אונ דער דוחק מצד שמאל אונ דרום אז דיא רפואה קומט זיא מצד הדוחק אונ מצד מערב איז איין אור ער הייסט נוריאל אונ אוריאל אונ ער איז דער כלל פון אלע אונ אשליח צוא אלע אונ דיא פיר ממונים מלאכים מיכאל גבריאל רפאל נוריאל זיי זיינן דער יסוד ואמונים צוא דיא פיר יסודות צוא וואש איטליכער מענטש האט וואשער פייער ווינט ערד עם שטייט (קהלת ח) ושבח אני את השמחה אשר אין טוב לאדם תחת השמש כי אם לאכול ולשתות ולשמוח והוא ילונו בעמלו כל ימי חייו איז דאך קשה פאר וואס האט שלמה המלך גילויבט דיא מענטשין וואס זייא זיינען פריילעך אלא ער מיינט דיא שמחה פון הקב"ה וואס זיא איז שולט בשבתות וימים טובים איז מיין פון אלע מעשים טובים פון וואס ער טוט נאר עסין אונ טרינקען אונ פריילעך זיין אונ ווייזין אשמחה אין דער צייט כדי ער זאל האבין אחלק לעולם הבא: והוא ילונו בעמלו והוא מיינט מען הקב"ה וואס היישט הוא ער טוט דיך בלייטין אריין צוא ברייננען דיין נשמה לעולם הבא · נאך אפשט איז והוא גייט אויף דעם מענטשין דער מענטש וואס עסט אונ טרינקט בשבת ויום טוב אונ איז זיך משמח ילונו טוט ער דאס אנטלייען צוא הקב"ה אונ הקב"ה גיט אים אפ כפלי כפליים · אונ מיט צווייא ערלייא זאכין טוט דער מענטש לייען צוא הקב"ה איינש וואס ער גיט דעם ארימאן אונ האט אויף אים חס אונ איינש וואס ער איז מוציא הוצאות אויף שבת ויום טוב אזו וויא דער פסוק זאגט מלוה ה' חונן דל גמולו ישלם לו אונ דיא פיר מלאכים האבין איטליכער בייא זיך נאך צווייא דאס אלע זיינען דיא י"ב מנהיגי המרכבה אונ אנטקעגין זייא איז גיוועזן דיא דגלים דאש ישראל זיינען גיגאנגען אין דער מדבר דרייא שבטים אויף איטליכער זייט איז אליץ גיוועזן אנטקעגין דיא י"ב מלאכים אונ אלע זאכין של מטה ושל מעלה איז אליץ איינש אנטקעגין אנדרין · פון דעם היכל גייען ארויש אלע תפלות ובקשות וואש ווערין גיטאן באהבה אז זייא קומען אין דעם היכל באהעפטין זיך אלע אין הקב"ה ובכל זמן ובכל יום איז הקב"ה זיך משתעשע מיט דיא נשמות פון צדיקים אויף דעם שטייט אז תתענג על ה' ווייטער שטייט דער סוד פון די שבעה היכלות אונ וויא אנדערע תפלות זיינען גישטעלט גיווארין נאך דיא היכלות אונ עולמות אליץ ע"פ סודות נעלמות אונ צום סוף זאגט ער וואול צו דעם מענטשין וואש ער קען זיין תפלה רעכט מכוין זיין זיין מחשבה ורצון מיט זיין קול ודבור דאש איז דער גאנצער יחוד השם דען זיין תפלה איז ניט חוזר צו ריק אום זיסט אונ ווערט מקובל אונ אז הקב"ה איז גוזר איין גזירה איז ער זיא מבטל אויף אים שטייט ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך אונ אלע מקטריגים ווערין אונטער אים אונטער גיטאן אונ זייער חלק איז דיא עונות וואש ער איז מתודה נעמט דער מקטרג זיך פאר זיין חלק אזו וויא דער שעיר לעזאזל איז אום יום כפור אויף אלע עבירות אונ ווען דער מענטש איז ניט מתודה איז ער אויף אים איין מקטרג אונ קען אים בייא קומען · אזו איז אויך גיוועזן בייא דעם קרבן דיא מחשבה טובה מיט דעם רצון איז גיוועזן צוא הקב"ה אונ דיא ווידוי איז גיוועזן צוא דעם חלק פון דעם שטן דאס מיינט דער פסוק (משלי כה) אם רעב שונאך האכילהו לחם אונ דער סימן איז יבוא המלך והמן היום אל המשתה אזו וויא אסתר האט אן גיברייט דעם מלך מיט המן צוא דער סעודה אזו האט מען דעם שטן אויך זיין חלק גיגעבין דיא ווידוי פון אלע חטאים אונ עבירות · וואל צוא דעם מענטשין וואס ער ווייסט צוא גיין בדרך אמת אונ דער וואס ווייסט ניט מסדר זיין דעם שבח פון הקב"ה איז בעסער ער זאל גאר ניט גיוועזן גיבארין ווערין וואל צוא דעם מענטשין וואס ער קען מקשר ומייחד זיין מיט זיינע כוונות בתפלה אין אלע עולמות וואל צוא אים בעולם הזה ובעולם הבא ע"כ ביז אהער זיינען מפורש דיא היכלות פון דער קדושה:

והנחש היה ערום מכל חית השדה זאגט רבי יצחק דער נחש איז דער יצר הרע רבי יהודה זאגט עס איז גיוועזן איין נחש ממש · וויא זיי זיינן גיקומען פאר רבי שמעון האט ער גיזאגט עס איז אליץ איינש. דר ס"מ האט אראפ גינידערט אונ האט גירייטין אויף איין נחש אונ פאר זיין גישטאלט זיינען אלע בריות אנטלאפין גיווארין · אונ זייא זיינען גיקומען מיט זייערע רייד צוא דער אשה אונ האבין גורם גיוועזן מיתה צוא גאר דער וועלט אונ ער האט מיט זיין חכמה פאר דארבין דעם ערשטין אילן דאס איז אדם הראשון אזו איז דער חטא גיהאנגען אויף דעם ס"מ ביז עס איז גיקומען איין אנדער אילן הקדוש דאס איז יעקב אבינו ער איז גיוועזן דאס שיינקייט פון אדם הראשון אונ האט פון עשו וואס ער איז גיוועזן דער כח פון דעם ס"מ פאר מיטין דיא ברכות וואס יצחק האט אים גיוואלט בענטשין למטה אונ פון זיין כח למעלה אונ יעקב האט זיך ווידער זיינש אפ גינומען דען אלע קללות וואס ער האט אים פריער גורם גיוועזן זיינען אלע פאר קערט גיווארין צוא ברכות:

ותפקחנה עיני שניהם פרעגט רבי חייא זיי האבין דאך פריער מיין שכל גיהאט פון מלאכים וואש זאגט דער פסוק אז זייא זיינען ערשט נאך דעם חטא קלוג גיווארין · אלא אזו מיינט דער פסוק עש איז גיווארין אפין זייערע אויגין אז זייא האבין גיזינדיגט וידעו כי ערומים הם כלומר אצונד האבין זייא גיזעהען וויא אזו זייא האבין פוגם גיוועזן דען מען האט בייא זייא צוא גינומען זייער גרויש ליכטיקייט וואש זייא האבין פריער גיהאט אונ זיינען בדעקט גיוועזן מיט אורות של מעלה אונ היינט האט מען עש בייא זייא צוא גינומען אונ זיינען גיבליבין נאקעט דער פון אונ האבין אן גיקלייד דיא עלי תאנה דאס איז דיא בלעטער וואס זייא האבין מיט דעם חוטא גיוועזן אונ האבין גיגעבין כח צוא דיא קליפות אונ זייא זיינען גיווארין גישטארקט דרום האבין זייא זיך גיוואלט אן קליידין מיט דיא בלעטער פון דעם בוים דאס זאל אויף זייא מגין זיין אונ דיא וועלט איז גיבליבין בקללה ביז דיא ישראל זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני דענשט מאל האט אליץ איין תיקון גיהאט נאך דעם האט הקב"ה אן גיקלייד צוא אדם הראשון וחוה מיט לבוש עור איז טייטש הויט אבער פריער האבין זייא גיהאט איין כתנות אור דאש לבוש איז גיוועזן פיל גרוישע אורות אפילו דיא מלאכים עליונים זיינען אראפ גיקומען נהנה צוא זיין פון דעם לבוש אור וואס זייא האבין פריער גיהאט אזו וויא דער פסוק זאגט (תהלים ח') ותחסרהו מעט מאלחים וגו' אונ דער נאך האבין זייא נאר גיהאט כתנות עור וואס דר גוף האט דר פון הנאה ניט דער נפש דער

נאך

נאך האבין זייא גיהאט צווייא זין קין איז גיוועזן מצד זוהמת הנחש וואס פון אים קומען ארויש אלע מיני שדים ורוחות רעות וקליפות וכל רשעים וחצופים ועזי פנים שבעולם אונ הבל איז גיוועזן מצד אדם מצד הטוב והרחמים זיינען זייא ניט גיבליבין ביז עס איז גיבארין גיווארין שת דאס דער עולם איז פון אים גיפלאנצט גיווארין אונ אלע צדיקים אונ אז קין האט גיזינדיגט האט ער מורא גיהאט וויל ער האט גיזעהען אויף זיך פיל חיילות ומחנות פון דינים וואס ווילין אים אום ברייאנגען ביז ער האט תשובה גיטאן האט אים הקב"ה גיגעבין איין צייכין פון זיינע אותיות התורה

דאס האט אויף אים מגין גיוועזן:

וישכן מקדם לגן עדן וגו' ואת להט החרב המתהפכת דאס זיינען דיא כוחות הדינים וואס זייא ברייאנגען דיא מעשים פון דיא מענטשין ארויף מען זאל זייא דן זיין אונ ווערין פאר קערט צוא פיר ארלייא גישטאלטין צוא בצאלין די רשעים צוא צייטין ווערין זייא מאנזבלין אונ צוא צייטין ווייבר צוא צייטין פלאם פייער אונ צוא צייטין רוחות דאס קיינער קען זייא ניט דער קענען אונ דאס איז אלץ לשמור את דרך עץ החיים דורך זייא ווערט דיא תורה גיהיט אונ זייא צאלין צוא דיא רשעים זייא זאלין שוין ניט טאן אזו וויא צום ערשטין זייא היישין להט החרב דאס איז פלאם פייער דאש קומט על ראש רשעים בגיהנם דרום שטייט ולהט אותם היום הבא דאס מיינט מען דעם להט החרב אויף דעם שטייט אין (ישעיה ל"ד) חרב לה' מלאה דם קום אונ זעה אז אדם הראשון האט גיזינדיגט האט ער אויף זיך גיצויגין כמה מיני רעים אונ כוחות הטומאה אונ דרום האט ער זיך פר אלע גיפארכט אונ האט ניט גיקענט בשטיין אנטקעגין זיי שלמה המלך האט גיוואוסט די חכמה עליונה אונ הקב"ה האט אויף אים גיטאן עטרת וכתר מלכות אונ די גאנצע וועלט האבין זיך פאר אים גיפארכטן אונ די גאנצע וועלט איז גיוועזן אונטער אים אונ אז ער האט גיזינדיגט האט ער אויף זיך מושך גיוועזן אלע מיני רעים וכוחות הטומאה ובעלי דינים דען האט ער זיך פאר אלע גיפארכטין ווארום זייא האבין אים גיקענט שלעכץ טאן אונ דיא גדולה וואש איז בייא אים גיוועזן האט מען בייא אים צוא גינומען דרום אין וואש פאר איין וועג דער מענטש גייט אונ אין דעם וועג וואש דער מענטש בהעפט זיך פון דארטין איז ער אויף זיך מושך דעם כח וממונה אזו האט אדם מושך גיוועזן דעם כח הטומאה האט ער אים מטמא גיוועזן אונ גאר דיא וועלט דאש איז דער נחש הרע דען ער איז טמא אונ האט מטמא גיוועזן דיא גאנצע וועלט דען מיר האבין גילערנט אז דער נחש דאש איז דער מלאך המות ווען ער נעמט ארויש דעם מענטשין דיא נשמה בלייבט דער גוף טמא אונ ער איז מטמא דאש גאנצע הויז אונ צוא אלע וואש גינעהנין צו אים אזו וויא דער פסוק זאגט (במדבר יט) כל הנוגע במת בנפש וגו' ווארום אז ער נעמט ארויש דיא נשמה איז גיגעבין גיווארין רשות צוא דער צד הטומאה זייא זאלין רוען אויף אים דען אז דער נחש רירט אן אין אים ווערט ער תיכף טמא דרום האבין זייא שוין איין שליטה אונ דרום וויא דער נחש רירט זיך צו איז טמא קום אונ זעה די גאנצע וועלט אז זייא שלאפין בייא נאכט זיינען זייא טועם טעם מיתה אונ וויל זיי זיינען טועם איין טעם מיתה דרום שוועבט דער רוח הטומאה אויף דער וועלט אונ איז מטמא דיא וועלט אונ אלע מענטשין אונ רוט אויף דיא הענט פון דיא מענטשין דרום זיינען זייא טמא אונ ער חאפט זיך אויף אונ דיא נשמה גייט ווידער אריין צוא ריק צוא אים איז וואס ער רירט אן מיט דיא הענט איז ער מטמא וויל דרויף רוט דער רוח הטומאה דרום זאל דער מענטש ניט נעמן אין דער פריא דעם מלבוש פון אזו אהאנט וואס האט זיך ניט גיוואשין דען ער איז אויף זיך מושך דעם רוח הטומאה אונ איז זיך נאך מער מטמא אונ דער רוח הטומאה האט רשות צוא רוען אויף אזו איין ארט וואס ער גיפינט אצייכין וואס קומט פון זיין זייט אונ דרום זאל זיך דער מענטש וואשין פון אזו אמענטש וואס האט זיך שוין גיוואסין ווארום אז ער וואסט זיך פון אזו אמענטשין וואס ער האט זיך נאך ניט גיוואשין דען ציהט ער אויף זיך ארויף דעם רוח הטומאה אונ ער האט רשות צוא רוען אויף אים דרום גיהער זיך דער מענטש צוא היטין אויף אלע זייטין פון דעם רוח הטומאה פון דעם נחש הרע ער זאל אויף אים ניט שולט זיין אונ הקב"ה איז אן גיברייט לעתיד לבא דיא אלע כוחות הטומאה מבער זיין פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט אין (זכרי' יג) ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ דענשט מאל ווערט מקוים ווערין בלע המות לנצח:

והאדם ידע את חוה אשתו ותהר ותלד את קין · רבי אבא הייבט אן עש שטייט (קהלת ג') מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה דער פסוק ווערט גידרשת אין פיל גישטאלט דען דיא תורה האט שבעים פנים קום אונ זעה ווען אמענטש גייט בדרך האמת אונ גייט אין רעכטין וועג אזו ציט ער אויף זיך דעם רוח הקודש פון צד ימין פון אויבין אונ ווערט בהעפט אין דער קדושה וואס ווערט ניט אפ גיטאן פון אים דען דאש קינד וואש קומט ארויש פון אים ציט ער אויף אים דיא קדושה אונ דאש קינד ווערט גיהייליגט אין דער קדושה פון זייער הערין אזו וויא דער פסוק זאגט והתקדשתם והייתם קדושים אבער ווען אמענטש גייט ניט אין רעכטין וועג אזו ציט ער אויף זיך ארויף דעם רוח הטומאה אונ איז אין אים בהעפט דרום שטייט לא תטמאו בהם ונטמתם בם הבא לטמא' פותחין לו וואס דער מענטש נעמט זיך פיר אזו ווערט ער גיהאלפין דער צוא אונ דער וואס גייט אין דעם וועג פון דעם רוח הטומאה איז דאס קינד וואס ער איז מוליד ציט ער ארויף אויף אים דם רוח הטומאה דרום שטייט מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה דאס איז טייטש הקב"ה ווייש וואול דעם רוח פון דעם מענטשין וואס ער בהעפט זיך לצד ימין פון גאט ב"ה דען גייט זיין נשמה ורוח ארויף אונ ווען דער מענטש איז זיך מדבק צוא דעם צד שמאל אין דער טומאה · דער נידערט אראפ וויל זיין וואונונג איז מיט דער טומאה ורוח הבהמת היורדת למטה גייט אויף דעם מענטשין אדם הראשון · וויל ער מיט חוה האבין חוטא גיוועזן אונ האט מקבל גיוועזן דיא טומאה פון דעם נחש דרום האבין זיי גיהאט איין זון פון דער טומאה דאס איז קין אונ אז ער האט תשובה גיטאן האט ער גיהאט איין זון פון דער קדושה דאס איז הבל · רבי אלעזר זאגט פריער האט בהעפט דער נחש זיין זוהמא אין חוה דער נאך האט זיך אדם מיט איר מזדווג גיוועזן דרום האט זיא גיהאט צווייא זין איינער מצד הטומאה פון דעם נחש דאש איז קין אונ איינעם מצד הקדושה מצד אדם הראשון דאס איז הבל אונ דרום וויל קין האט אין זיך גיהאט דיא טומאה פון דעם נחש דאס איז גיוועזן דער כח פון דעם יצה"ר וואש ער איז דער מלאך המות דרום האט ער גיהרגית זיין ברודער הבל אונ פון אים קומען אלע בייזע וואונונג פון מזיקים אונ שדים אונ רוחות אויף דר וועלט דרום אז קין מיט הבל האבין גיבראכט קרבנות האט איטליכער גיבראכט פון זיין ארט וואס ער האט אין

דריגען איין אחיזה דרום שטייט ויהי מקץ ימים דאס איז דער כח פון דעם מלאך המות וואס ער איז קץ כל בשר ער גיט איטליכן זיין קץ האט ער געבראכט זיין קרבן פון דיא פירות פון דער ערד אזו וויא עס שטייט (ישעיה ג') אוי לרשע רע כי פרי מעלליו יאכלו דיא פרי פון זיינע מעשים איז דער מלאך המות פון דעם האט קין מקריב געווען אבער הבל הביא גם הוא ער האט געבראכט פון זיין צד הקדושה דרום שטייט וישע ה' אל הבל ואל מנחתו צוא הבל אונ צוא זיין מנחה האט זיך הקב"ה געקערט ואל קין ואל מנחתו לא שעה צוא קין אונ צוא זיין מנחה האט ער זיך ניט געקערט אונ האט זיא ניט מקבל געווען דרום שטייט ויחר לקין מאוד ויפלו פניו עס האט אים זייער באנק געטאן האט אים הקב"ה געזאגט הלא אם תטיב שאת ווען דוא וועסט תשובה טאן וועסט דוא דער הויבן ווערין למעלה אונ דיין נשמה וועט ארויף גיין אונ וועט ניט נידערין וויא איין בהמה וואש נידערט אראפ · רבי יוסי זאגט איך האב אזו געהערט דעם פשט אם תטיב שאת אז דוא וועשט תשובה טאן וועט אפ געטאן ווערין דער רוח הטומאה פון דיר ואם לא תטיב לפתח חטאת רובץ אונ אז דוא וועסט קיין תשובה ניט טאן וועסטו באצאלט ווערין אין דער טיר פון דעם דין של מעלה דער דין וואס איז אין דיר באהעפט ער וועט דיר באצאלין · רבי יצחק זאגט קום זעה בשעת אז קין האט געהרגית צוא הבל האט אים הקב"ה געשאלטין נע ונד תהיה בארץ וואו אהין ער איז געגאנגען אויף אלע פיר זייטין פון דער וועלט האט אים דיא ערד ניט געוואלט צוא נעמען אזו האט ער זיך געקלאפט אין זיין קאפ אונ האט תשובה געטאן האט אים הקב"ה האלב געשיינקט ווארום ער האט אים פריער געזאגט נע ונד דר נאך שטייט וישב בארץ נוד קדמת עדן האט אים באגעגינט אדם הראשון אונ פרעגט אים מיין זון וויא אזו איז דיין דין נגמר געווארין האט אים קין געזאגט מחמת איך האב תשובה געטאן האט מיר הקב"ה מוחל געווען · זאגט אדם הראשון אזו איז גרויס דער כח פון תשובה איך האב גאר ניט געוואוסט אזו האט ער אן געהויבן זאגין מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה' וגו' עס איז גוט צוא לויבין גאט אונ צוא באקענען זיין זינד פאר אים עס הייסט ער זאל תשובה טאן דען דורך דעם איז ער מוחל אלע זיינע עבירות :

ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה' פון וואנען האט ער געבראכט זאגט דער פסוק מקץ הימים פון דעם פסולות פון דעם איבער בלייבונג גלייך וויא איין מענטש וואש טוט תשובה אז ער איז שוין אלט אז ער האט שוין קיין כח ניט צוא טאן קיין שלעכץ אבער אין זיין יוגינט האט ער קיין תשובה ניט געטאן דרום זאגט דער פסוק מפני שיבה תקום איידער דוא ווערסט אלט זאלסטו אויף שטיין תשובה צוא טאן · אונ דרום ווייל קין האט פון דעם פסולות געבראכט זיין מנחה איז זיא ניט מקובל געווארין אזו וויא עש שטייט ואל קין ואל מנחתו לא שעה אבער הבל האט געבראכט פון דעם בעשטין אזו וויא עס שטייט מבכורות צאנו ומחלביהן דרום שטייט וישע ה' אל הבל ואל מנחתו גאט האט יוא אן גינומען זיין מנחה ויחר לקין מאוד עש האט צוא קין זייער פאר דראסין וואס זיין קרבן איז ניט מקובל געווארין האט הקב"ה צוא אים געזאגט למה חרה לך וואס פאר דריסט דיך הלא אם תטיב שאת אז דוא וועסט תשובה טאן אויף דיינע מעשים וועסטו מקובל ווערין אונ אז ניט וועסטו נידערין אין גיהנם · רבי אלעזר זאגט מען באדארף ניט פאר הוילין דיא סודות שאת איז דיא אותיות פון אשת דרום ווייל ער האט עובר געווען אויף דעם פסוק ואל אשת עמיתך לא תתן שכבתך אונ ער איז געלעגין בייא זיין ברודערש ווייב זיא איז געבארין געווארין אין איינעם מיט הבל דרום שטייט ויקם קין אל הבל אחיו פריער איז ער אויף געשטאנען אונ האט מזנה געווען מיט זיין ווייב אונ דער נאך האט ער אים געהרגת אונ דאס איז דער סוד פון דער זאך משה רבינו איז געווען דיא נשמה פון הבל אונ דער מצרי וואש משה האט אים געהרגת איז געווען דיא נשמה פון קין דרום שטייט ויפן כה וכה וירא כי אין איש וואס איז כה וכה זאגין אונזערע חכמים כה ער האט געזעהן וואס ער האט אים געטאן אין שטוב מיינט מען ער האט מזנה געווען מיט זיין ווייב וכה ער האט געזעהן וואס ער האט אים געטאן אין פעלד אונ משה האט געזעהן לכל צד ווארום אמאל איז פאר האנדין אז פון איין רשע קומט ארויס איין זרע כשר אבער דא האט משה געזעהן אז ביז ששים רבוא וועט פון אים ניט ארויס קומען קיין גר דרום ויך את המצרי האט ער אים געהרגית · אונ ווידער איז מרומז אם תיטיב שאת דאש הקב"ה האט אים געוויזין אז דער נאך וועלין זיינע קינדער זיין מלכים אונ וועלין האלטין דיא ישראל אין גלות דרום האט ער אים געזאגט אז דוא וועסט גוטש טאן מיט זייא אין גלות וועל איך דיינע קינדער אויך סובל זיין אונ וועל מאריך אפי זיין אונ אויב ניט לפתח חטאת רובץ איז דיא טיר פון דעם גיהנם געעפינט צוא דיר צוא נעמען איין נקמה צוא דיר אונ צוא דיינע קינדער דאס זיינען סודות בקצרה ודרך נגלה זאגט רבי שמעון צו זיין זון רבי אלעזר געבענטשט בישטו מיין קינד צוא הקב"ה דאס דער רוח הקודש טוט זיך דער וועקין בייא דיר צוא מגלה זיין אזעלכע חידושים וואס זיינען נאך ניט געהערט געווארין · זאגט ער בוודאי איז דאס מרומז קול דמי אחיך צועקים אלי דאס איז דאס בלוט פון דיא ישראל וואש דיא קינדער פון קין דאש איז דאש ערב רב וועלין זייא אין גלות גזלנין אויף זייא שטייט כי מלאה הארץ חמס מפניהם דאש וואש קין האט געהרגית הבל איז דאש מרומז אז דיא קינדער פון קין דאש איז דאש ערב רב וועלין צוא נעמען דאס געלט פון ישראל וואש קומען ארויש פון הבל דאש הייסט דמי אונ איין עני איז גלייך וויא איין מת דרום שטייט קול דמי אחיך צועקים אלי הקב"ה האט געזאגט צוא קין דוא קומסט ארויש פון דער זוהמת נחש בישטו גלייך וויא דער נחש האט גורם מיתה געווען צוא אדם דרום שטייט בייא אים ארור אתה מכל הבהמה אזו האסטו אויך געטאן זיינע מעשים אונ האשט דיין ברודער געהרגית אונ עש שטייט פוקד עון אבות על בנים הקב"ה באצאלט דעם חטא פון דיא פעטער אויף דיא קינדר ווען זייא טוען אויך זייערע מעשים דרום לא תוסיף תת כחה לך דאש דוא וועשט ניט זוכה זיין מעמיד זיין שרים איך האב געזאגט צוא אדם וירדו בדגת הים ובעוף השמים ובבהמה דאש מיינט מען אזעלכע מענטשין וואס זיינען גלייך צוא בהמות וחיות זייא זיינען אונטער דיא מזלות דיא אלע וועלין קומען צוא דיר זיך נוקם זיין אין דיר אונ דיך הרגנין אונ דוא וועשט זיין נע ונד נע ונד איז מרומז עון נדה דאש ער קומט ארויש פון דעם טומאת הנחש וואש ער איז טומאת הנדה אונ דוא בישט נע בעוה"ז ונד בעוה"ב :

ויאמר קין אל ה' גדול עוני מנשוא קין האט שוין חרטה געהאט אונ האט תשובה געטאן דרום שטייט וישם ה' לקין אות דא איז מרומז מיט דעם ווארט אות דעם ברית מילה דאש הייסט ברית קודש דאש קין וועט זיין צד הטוב דאש פון אים וועט ארויש קומען יתרו וואש ער האט זיך מגייר געווען אונ האט אויף זיך מקבל געווען דעם אות ברית מילה דרום שטייט ובני קני חותן משה וחבר הקני נפרד מקין ער האט זיך אפ געשייד

פון

פון קין קני איז דיא אותיות קין זיין צד הטוב איז אפ גישייד גיווארין אין יתרו דארפין איז קין מתוקן גיווארין פון זיין חטא אונ איז גיווארין נק"י ריין אונ יתרו האט זוכה גיוועזן דאש זיינע קינדער זיינען גיזעסין אין לשכת הגזית מיט דיא סנהדרין דאס האט הקב"ה גיוויזין צוא קין אז ער וועט דער נאך מקובל ווערין בתשובה · האט קין גיזאגט אז הקב"ה איז מקבל דיא רשעים בתשובה מכל שכן צדיקים ויצא קין מלפני ה' דער מיט איז ער ארויש גיגאנגען פון פאר גאט מיט זיין דין אונ האט אויף זיך מקבל גיוועזן אלץ וואס הקב"ה האט אויף אים גוזר גיוועזן אונ דרום שטייט וישב בארץ נוד הקב"ה האט אויף אים פריער גוזר גיוועזן נע ונד מסילא וועט עש וואלט אים דער זעהען וואלט אים גיהרגת היינט אז ער האט תשובה גיטאן האט אים הקב"ה גיגעבין איין אות דאש איז די ואו דאש איז מרמז אויף אות מילה איז גווארין פון נד אותיות נוד אונ ניט דאש אליין נאר הקב"ה האט אים נאך גיגעבין קדמת עדן דאס וועגין דער תשובה האט ער זוכה גיוועזן צום גן עדן:

ויאמר ה' לקין אי הבל אחיך רבי שמעון זאגט האט דען הקב"ה ניט גיוואוסט וואו הבל איז אמער עס איז דאך ניט פר האנדין קיין שום זאך אויף דער וועלט וואש עש זאל חס ושלום פאר הוילין ווערין פון אים אזו וויא עש שטייט (ירמיה ב ג) אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה' דאש איז טייטש אמענטש זאל זיך פאר בארגין אין איין פאר בארגעניש וואלט איך דען ניט גיזעהען אזו זאגט גאט אלא רבי שמעון זאגט וויא צו דיא לייט דיא נארעשע זיי האבין פאר שטאפטע הערצר פאר שטאפטע אויגין זייא זיינען אזו וויא דיא בהמות וואש זייא עסין שטרויא פון דער תבואה אזו זיינען דיא לייט וואש זייא פאר שטייען נאר דעם פראסטין פשט פון דער תורה אונ זייא מיינען דיא תורה איז נאר איין מעשה · אבער דיא חכמים דיא בעלי הקבלה פאר שטייען סודות התורה דאס איטלעכש ווארט איז פיל שמות הקדושים אונ אלע עולמות זיינען מיט זייא באשאפין גיווארין · דיא זיינען רעכטע לייט אונ ניט קיין בהמות · קום אונ זעה הקב"ה האט גיפרעגט צוא קין אי הבל אחיך וואו איז דיין ברודער גלייך וויא ער האט חס ושלום ניט גיוואוסט וואו ער איז אלא אי הבל איז טייטש הקב"ה האט גיזאגט צוא קין ער האט פוגם גיוועזן אין דיא שמות הקדושים · אויך ווערט גידרשית דיא פרשה פון קין והבל בדרך סוד קין איז דער יצר הרע אונ הבל איז דער יצר טוב · דרום הייסט ער הבל ווארום הבל איז דיא אותיות פון הלב [illegible] זייא זאגט דער פסוק לב חכם לימינו · דאש הארץ פון דעם חכם איז אויף דער רעכטער זייט ולב כסיל לשמאלו אונ דאש הארץ פון דעם נאר איז אויף דער לינקער זייט עש איז פאר האנדין איין הבל וואש גייט ארויש פון דעם מויל פון דעם מענטשין אונ עס איז פאר האנדין הבל טוב דאש איז הבל תורה דאש איז גיגליכין צו איין פלאם פייער אזו וויא עש שטייט קול ה' חוצב להבות אש פון דעם הבל ווערט גיבויט שמים חדשים אזו וויא אויבין שטייט אונ עס איז ווידער פאר האנדין איין הבל וואש ער איז שלעכט דרויף איז גיזאגט גווארין הבל המה מעשה תעתועים דאש איז דאש הבל פון לשון הרע אונ פון שקרים אונ דעם הבל נעמען דיא מלאכי חבלה אונ פלאנצין דער מיט פאלשע הימלין אונ ערד דרום האט שלמה המלך גיזאגט יש הבל אשר נעשה על הארץ ווייטער זיינען גרוישע סודות פון דעם סוד פון הבל פון מענטשין אונ דרויף ברייגט ער דארט איין מעשה עש איז גיוועזן אמענטש פון דיא בעלין קבין דאש מיינט מען

דיא וואס גייען אויף שטאלצין האט ער בגעגינט צווייא תלמידי חכמים זאגט דער מענטש צוא זייא שלום עליכם וואו אהין גייט איר ענטפרין זייא אים מיר גייען צוא דעם אונ צוא דעם ארט אונ דאש איז גיוועזן ערב שבת זאגט ער צו זייא איך גייא אויך אהין אויב איר ווילט וועל איך אייך ברייגען אהין אויף שבת זאגין זייא צוא אים וויא קען דאש זיין מיר פארין מיט פערד אונ דוא גייסט צוא פוס אין דעם האבין זייא גיזעהן וויא דער מענטש לויפט גיך וויא אשטערין אונ ער האט זייא גימאכט מיט שמות זאלין האבין קפיצת הדרך זיינען זייא גקומן צוא דער מערה אין איין רגע זאגט ער צוא זייא איר רבנן גייט ארין זיינען זייא אים נאך גיגאנגען פון איין הייל אין דער אנדערער ביז זייא זיינען גיקומען אין אפוים גארטין האט זיך בעלי קבין אויש גיטאן פון דעם גוף אונ האט זיך אן גיטאן אין אנדר גוף אונ זיין פנים האט גילייכטין אזו וויא דיא זון אונ האט זיך גיזעצט אויף איין כסא מלכות אונ הינטער דער שטול שטייען דרייא הונדערט תלמידים אונ זאגין דעם פסוק אין קהלת הבל הבלים פיל מאל אן חשבון · פרעגן אים דיא רבנן וואס איז דאס איז דען ניט פאר האנדין קיין אנדער פסוק אין קהלת אזו וויא דער פסוק הבל הבלים מיד באלד איז ער אויף גישטאנען פון דער שטול אונ האט זייא גינומען בייא די הענט אונ האט זייא ארין גיפירט אין זיבין היכלות אין איטליכין היכל שטייט אן גישריבין הבל הבלים אונ אין זיבעטין היכל איז גיוועזן איין אדלער אונ אקרון איז אין זיין מויל אונ אויף אים איז גישטאנען אטויב אונ אויף דער קרון איז גיוועזן אן גישריבין ווער עש ווייסט ניט דעם סוד פון דיא זיבין הבלים וואש שטייט אין קהלת איז אויף אים גיזאגט גיווארין והזר הקרב יומת אפרעמדער וואש גינעהנט אהער זאל גיטייט ווערין וויא דיא רבנים האבין דאש דער זעהן זיינען זייא אוועק גיגאנגען הינטער זיך זאגט צוא זייא דער בעלי קבין איר זייט דיא חכמים פון דעם דור איך בין אייך נאך גיגאנגען ביז אהער הערין פון אייך חכמת התורה צום סוף זייט איר קיין חכמים ניט איר זאלט ווישין אז מיט דעם פסוק האב איך דאש גאנצע בנין גימאכט אונ מיט דעם שוועב איך אויש דיא גאנצע וועלט מיט איין שוועב אונ צוא צייטין מיט צווייא שוועב אונ צוא צייטין מיט דרייא ביז זיבין שוועב אונ מיר זיינען אין לאנד אטייל בעלי קבין אונ דעם פסוק האב איך בקבלה פון מיין פאטער אונ ער האט בקבלה פון זיין פאטער · האט זיי דער בעלי קבין אום גיקערט בהרף עין אויף זייער ארט דאס מיינט שלמה המלך יש הבל אשר נעשה על הארץ זאגין זייא צוא אים רבי זאגט אונז חאטשע איין רמז אין דעם פסוק כדי דיא חכמה זאל ניט זיין צוא גידעקט פון דיא בעלי הקבלה אונזערע חברים זאגט ער צוא זייא · רבנן עש איז בוודאי גרוישע סודות אין דעם פסוק פון דעשט וועגין וועל איך פארט זאגין ברמיזא · זיבין הבלים זיינען פאר האנדין אין דעם פסוק וואש קהלת האט גיזאגט הבל איז איינש הבלים איז צווייא איז שוין דרייא הבל הבלים איז ווידער דרייא איז זעקס הכל הבל איז זיבין דאש איז אנטקעגין דיא זיבין שמות הקדושים וואס זיינען גיזאגט גיווארין במעשה בראשית מען דארף צוא ווישין אז עס איז ניט פאר האנדין קיין ווארט אין דער תורה וואש עש איז ניט מרומז אין דעם סודות נפלאות וואול צוא דיא מענטשין וואש זייא פאר שטייען:

הן גרשת אותי היום מעל פני האדמה עש זיינען פאר האנדין זיבין ערדין איינע

איינע איבער דער אנדערער זייא הייסן ארץ · אדמה · ארקא · גיא · נשיה · תבל · ציה · אונ תבל איז דיא אייבערשטע פון אלע דרויף שטייט והוא ישפוט תבל בצדק אז אדם הראשון איז פאר טריבן גיווארין פון דעם גן עדן איז ער פאר ווארפין גיווארין אין דעם ארט וואס הייסט ארץ דאש איז איין מקום חושך וואש דארטין לייכט ניט דיא זון וויא אדם איז אהין גיקומען האט ער זיך זייער גפארכטין אונ דארטין טוט פלאמען דאש פייער פון דעם להט החרב המתהפכת אונ וויא שבת איז אויש גיגאנגען אונ ער האט תשובה גיטאן האט אים הקב"ה שוין העכיר גימאכט אין דעם ארט וואש הייסט אדמה דרום שטייט לעבוד את האדמה דארט לייכט דאש גישטאלט פון דיא כוכבים ומזלות אונ דארטין איז דאש וואוננג פון דיא לייט וואש זיינען ארויש גיקומען פון אדם הראשון אונ דיא הונדערט מיט דרייסיג יאר אז ער האט זיך פורש גיוועזן פון זיין ווייב · עש איז ביא זייא ניט פאר האנדין קיין שמחה קיין מאל אונ זייא שוועבין פון דארטין ארויש אויף דער וועלט וואו מענטשין זיינען זייא פאר קערין לצד הרע אונ גייען צוא ריק זייא זיינען דארט מתפלל תפלות · אונ דארטין זייען זייא אונ עסין נאר ווייץ מיט דיא אלע זיבין מיני תבואה איז דארט ניט פאר האנדין · אויף דעם ארט איז קין והבל גיבארין גיווארין אונ אז קין האט גיזינדיגט האט אים הקב"ה אראפ גינידערט אויף דעם ארט וואש הייסט ארץ דרום זאגט קין הן גרשת אותי היום מעל פני האדמה דו האשט מיך פאר טריבן פון דעם ארט וואש הייסט אדמה והייתי נע ונד בארץ והיה כל מוצאי יהרגני ווארום דארטין איז להט החרב המתהפכת דרום האט ער זיך פאר זייא גיפארכטין אונ אז ער האט מהרהר בתשובה גיוועזן האט אים הקב"ה אויף גיבראכט אין דעם ארט וואש הייסט ארקא איז ער דארטין גיוועזן אונ האט גיהאט דארטין קינדער אונ אין דעם ארט איז ליכטיג פון דער זון אונ דארטין זייען זייא זריעות אונ פלאנצין אלע בוימר חוץ דיא זיבין מיני תבואה איז דארט אויך ניט פאר האנדין · אונ דיא קינדער פון קין זיינען מיט צווייא קעפ · אטייל זיינען הויך אונ גרויש אונ אטייל זיינען קליינע זייא האבין ניט קיין דעה מיושבת צוא צייטין זיינען זייא מצד הטוב אונ צייטין מצד הרע · אונ האבין קינדער אונ שטארבין אזו וויא אנדערע לייט · רבי שמעון זאגט דיא ארקא איז אזו איין ערד וואש איז אויש גימישט פון חשך אונ פון אור אונ דארטין זיינען צווייא ממונים איינער איז אין חושך אונ איינער איז אין אור דארטין זיינען זייא מקטרג איינער אין דעם אנדערין אונ בשעת קין איז גיקומען אהין האבין זייא ביידע זיך משתף גיוועזן אונ האבין גימאכט שלום דען זייא האבין גיזעהן אז קין וועט האבין קינדער מיט צווייא קעפ איינער מצד אור אונ איינע מצד חושך אונ ווען דער אור איז שולט איז דער כח מנצח דער אנדערין דרום האבין זייא גימאכט אלץ איינש אונ דער ממונה פון אור הייסט קסט"י אונ דער פון חשך הייסט עפר"י אונ זייער צורה איז פון מלאכים קדושים מיט זעקס פליגיל איינער בצורת שור אונ איינר בצורת נשר אונ אז זייא זיינען בנאנד האבין זייא צורת אדם ווען זייא זיינען בחושך זיינען זייא זיך מתהפך אזו וויא דיא צורה פון אשלאנג מיט צווייא קעפ אונ גייען אזו וויא אנחש אונ שוועבין אין תהום אונ וואשין זיך בים הגדול אונ אז זייא קומען צוא דעם ארט פון עזא ועזא"ל דער שרעקין זייא זיך אונ דער וועקין זיך אונ שפר נגין אין דיא הרי חושך פאר מורא אונ זייא מיינען אז הקב"ה בגערט זיי פעדערין צום

דין אונ די צוויי ממונים שוועבין אין ים הגדול אונ פליהן פון דארטין אונ גייען ביא נאכט צוא דער נעמה דיא מוטער פון דיא שדים וואש די מלאכים האבין זיך טועה גיוועזן אין איר אזו וויא עש שטייט ויראו בני האלהים את בנות האדם אונ זייא ווילין צוא איר גינעהנען שפרינגט זיא אויך אוועק אויף זעקס טויזנט מייל אונ מאכט זיך אין וויא פיל ארלייא ציורים כדי דיא לייט זאלין זיך טועה זיין נאך איר אונ דיא צווייא ממונים שוועבין אויף דער גאנצער וועלט אונ קערין זיך ווידער אום אויף זייער ארט אונ זייא דער וועקין צו דיא קינדער פון קין מיט דעם יצר הרע צוא גיוויינען קינדער · דער הימיל וואס דארט איז ניט אזו וויא דיא הימלען אונ דיא ערד איז ניט אזו וויא דיא ערד זיא ציהט ניט אויש אזו גיך קיין תבואה אזו וויא דיא ערד אונ אויף די צוויי ממונים עפר"י וקסט"י זאגט דער פסוק (ירמיה י') אלהא דשמיא וארקא גו' דאש מיינט מען זייא וועלין פאר לארין ווערין אונ וועלין שוין ניט שולט זיין אדם הראשון איז גיוועזן אין דעם ארט אדמה ביז ער האט גיוואונען זיין זון שת אונ פון דארטין איז ער ארויף גיגאנגען דרייא מדריגות פון קין ביז ער א'ז גיקומען צוא דעם ארט וואש הייסט תבל וואש דאש איז דיא גרעשטע מדריגה איבער אלע · וויא ער איז גיקומען צוא דעם ארט פון דעם בהמ"ק וואש ער ווערט אויך גירופין מיט דעם נאמען ארץ אונ אדמה האט ער שוין איבער גישפרונגין דרייא מדריגות ג"א נשי"ה צי"ה : (גיא) איז איין גרויש אונ אברייט ארט דארט איז דיא ליינג אונ ברייט פון דעם גיהנם · אונ אין גיא נשיה ציה דארט זיינען פאר שפרייט גיווארין דער דור הפלגה וואש זייא האבין דעם מגדל גיבויט אונ זייא האבין דארטין גיוואונען קינדער וויל זייא האבין דער צערינט דעם מלך עליון אונ וויל גיא איז נאהנט צום פייער וואש ברענט תמיד אין גיהנם דרום זיינען דארטין דיא לייט גרוישע עשירים זייא האבין דארט עפרות זהב אונ אבנים טובות אונ ווען איינער פון דאנען קומט אהין גיבין זייא אים וואש ער וויל אונ זייא ברייננגין אים אויף צוא צייטין צוא דעם ארט נשיה דען פאר געסט ער אלץ אונ נאך דעם גייט ער אראפ צוא דעם ארט גיא אונ ווייסט ניט וואו ער איז גיא איז אין מיטין פון דיא שבעה ארצות דאש איז גיא בן הנום אונ פון דארטין גייט ארויש איין רצועה אהער אונ עש הייסט אויך גיא בן הנום אונ דארט איז דיא טיר פון דעם גיהנם אונ אלע לייט וואש וואנען דארט ווייסין אלע חכמות אונ דארט זייען זייא אונ פלאנצין נאר קיין ווייץ מיט דיא זיבין מיני תבואה איז דארט ניט דא אין דעם ארט נשיה זיינען קליינע אונ קורצע מענטשין אונ האבין ניט קיין נאז נאר צווייא לעכר דר אטום זאל ארויש גיין אונ וואש זיי טוען פר געסין זיי תיכף דרום הייסט עש נשיה דאש איז טייטש פאר געסין זייא זייען אונ פלאנצין בוימער אונ האבין אויך ניט דיא זיבין מיני תבואה · ציה איז איין ווישט ארט דען ציה איז טייטש וויסט אונ טרוקין דארט זיינען לייט אין שיין גישטאלט אונ דרום וויל עס איז איין טרוקין לאנד דרום אז זייא ווערין גיוואר פון קאלטע וואשער אזו גייען זייא דורך דער וואשר אונ זייא זיינען בני אמונה דאש הייסט בגלייבטע מענטשין מער פון די אנדערע לייט אונ צווישין זייא איז פאר האנדין שיינע דירות אונ גרויש עשירות אונ זייא זייען ווייניג וויל דאש ארט איז טרוקין אונ פלאנצין בוימער אונ זיינן ניט מצליח אונ זייער חשק איז נאר אהער · פון אלע זייערע ערדין עסין זייא ניט קיין ברויט נאר דיא וואש וואנען אין תבל דיא איז איבער אלע אזו וויא עש שטייט והוא ישפוט תבל

בצרק און דער הבל איז איש גמישט דאס דרינגן זיינען דיא גשטאלטין פון אלע ערדין און אויך אלע נעמען פון ששה ארצות איז פאר האנדין אין דרינן תהומין און מקומות וואש ווערין אזו גירופין וויא די ארצות אין אלע אירע ערטער איז אויך פאר האנדין בריות משונות איינש פון דעם אנדערין אזו וויא דארטין דרויף האט דוד גיזאגט מה רבו מעשיך ה׳ :

רבי יצחק זאגט פון דער צייט וואס קין האט גהרגת צו הבל און איז גיזעסין אין זעם לאנד גוד האט זיך אדם אפ גשייד פון זיין ווייב נאך די הונדערט מיט דרייסיג יאר האט זיך אדם ווידר מדבק גוועןמיט זיין וייב און האבין גיהאט שת אבער קין והבל זיינען ניט גוועןאין דעם גישטאלט פון אדם נאר בדמות עליונים און בייא שת שטייט ויולד בדמותו כצלמו זאגט רבי שמעון וויל אין דיא ק״ל שנה האט ער פון זיך אפ גיטאן דיא זוהמא פון דעם נחש דרום אז ער האט זיך דער נאך בהעפט צוא חוה האט ער גיהאט בדמותו כצלמו איטליכער מענטש וואש איז מטמא זיין וועג אזו ציהט ער אויף זיך ארוף רוחות הטומאה און זייא ווערין בהעפט אין אים · וואול צוא דיא צדיקים וואש גייען בדרך הישר זיינען צדיקי אמת אויף זייא און אויף זייערע קינדר שטייט כל ישראל וכו׳ ירשו ארץ זאגט רבי חייא נאך וואש שטייט ואחות תובל קין נעמה וויל זייא האבין אלע מזנה גוועןמיט דער נעמה און דיא בני האלהים עז״א ועז״אל האבין זיך נאך איר טועה גיוועןזיא אין דיא מוטער פון די שדים און זיא איז ארויש גיגאנגען מצד קין און זיא מיט לילי״ת איז ממונה אויף אסכר״ה פון דיא קליינע קינדער רבי אבא פרעגט מיר האבין דאך גילערינט אז דיא שדים שטארבין פאר וואש שטארבט זיא ניט און לעבט נאך · זאגט רבי חייא די דרייא נעמה ולילית ואגרת בת מחלת וואש זייא קומען ארויש פון איר כח דיא וועלין לעבין ביז הקב״ה וועט מבער זיין דעם רוח הטומאה פון דער וועלט · זאגט רבי שמעון ווייא צוא דיא לייט וואש זייא ווישין ניט און זיינען ניט משגיח און קוקין ניט און זייא זיינען פאר שטאפט דען ווען מען זאל גיוועןגעבין רשות דיא אויגין צוא זעהען וואלטין זייא זיך ניט גיקענט פאר וואונדרין וויא אזו מען האט אקיום אויף דער וועלט פאר דיא שדים און פון דער נעמה קומען ארויש די שדים דרום מוז מען זיך מטהר זיין אין וואשער אפ צוא טאן איר טומאה :

זה ספר תולדות אדם רבי יצחק זאגט הקב״ה האט גיוויזין צו אדם הראשון אלע צרות פון אלע דורות און פון אלע מושלים וואש וועלין זיין אויף ישראל וויא ער האט גיוויזין צוא דוד אז ער וועט זיין אין נפל און וועט גאר ניט לעבין האט ער אים פון זיינע יארין גישיינקט זיבעציג יאר דרום האט דוד גיזאגט (תהלים צ״ב) כי שמחתני ה׳ בפעליך דיין ווערג האט מיך משמח גיוועןבמעשי ידיך ארנן דען אדם איז גיוועןדיא מעשי ידיו פון הש״י ווארום אדם האט גידארפט לעבין טויזנט יאר האט ער אים אוועק גישיינקט זיבעציג יאר און אז אדם איז גיקומען צוא דעם דור פון רבי עקיבא האט ער זיך גיפרייט מיט זיין תורה און האט זיך מצער גיוועןמיט זיין טויט דען ער איז גיוועןפון דיא עשרה הרוגי מלכות דאס שטייט זה ספר ווארום אז אדם איז גיוועןאין גן עדן האט אים הקב״ה אראפ גישיקט איין ספר דורך דעם מלאך רז״י ער איז דער ממונה אויף אלע סודות עליונים הקדושים און דרינען איז גיוועןע״ב מיני חכמות וואש מען האט ניט מגלה גיוועןצוא דיא קדושים עליונים און אלע ע״ב חכמות איז נחתם גיוועןאין דעם ספר וויא דער ספר איז גיקומען צו אדם האבין זיך צו אים איין גיזאמלט די מלאכים עליונים צוא הערין און ווישין דיא סודות האבין זייא גיזאגט רומה על השמים אלהים על כל הארץ כבודך : באותו שעה איז גיקומען צוא אים דער מלאך הדר״ר הקודש און האט אים גיזאגט דוא אדם פאר בארג דעם כבוד פון דיין הערין דוא זאלשט נאר אליין לערנען אין אים אזו האט ער אים פאר בארגין דער נאך אז ער האט גיזינדיגט און האט עובר גיוועןדיא מצוה פון זיין הערין איז דער ספר אוועק גיפלוגין פון אים האט זיך אדם גיקלאפט אין קאפ ארייןאון האט גיוויינט און איז אריין גגאנגן אין מי גיחון דאס איז איין טייך פון די פיר טייכין וואס גייען פון דעם גן עדן און איז גיזעסין אין אים ביז אין האלז און דאש וואשר האט אים גימאכט שפאלטין און זיין לייב און זיין צורה איז נשתנה גיווארין באותו שעה האט הקב״ה מרמז גיוועןצוא רפאל האט ער אים ווידער גיבראכט דאש ספר און ער האט אין אים גילערינט איז דאס ספר גיגאנגען בירושה צוא זיין זון שת ביז צוא אברהם אבינו האט ער אויך גילערינט אין אים און האט פון דארט גזעהען דעם כבוד פון הקב״ה אויך האט מען גיגעבין איין ספר צו חנוך וואש ער האט דארט גיזעהען בכבוד הקב״ה און אלע אוצרות עליונים זיינען היינט איבר גיענטפערט צוא אים ער איז אמלאך און טוט דאש שליחות פון הקב״ה און ער נעמט אלע טאג מאה ברכות און איז קושר קשרים צוא זיין הארין און הקב״ה האט אים ארויף גינומען ער זאל פר אים משמש זיין אזו וויא דער פסוק זאגט כי לקח אותו אלהים בשעת הקב״ה האט אים ארויף גינומען האט ער אים גיוויזין כל אוצרות עליונים און דעם עץ החיים מיט אלע בלעטער און צווייגין דאש זיי זיינען גרוישע סודות :

זכאין זיינען דיא חסידי עליונים וואש צוא זייא איז נתגלה גיווארין די חכמה עליונה און עס ווערט פון זיי איביג ניט פאר געסין אזו וויא דער פסוק זאגט סוד ה׳ ליראיו ובריתו להודיעם רבי יצחק זאגט פון שת זיינען ארויש גיקומן אלע צדיקים וחסידים דער נאך האבין זייא זיך מתפשט גיוועןאון האבין מוליד גיוועןאון האבין זיך גילערינט מלאכות דיא וועלט מכלה זיין מיט כלי זיין שפיזין און שווערדין דאש דורך דעם האט מען ניט גיאקערט און גיזייט קיין פעלדר ביז נח איז גקומן און האט זייא מתקן גוועןדי כלים פון אקערין און דער נאך האבן זייא שוין גיאקערט ווארום פריער האט מען גאר ניט גיקענט אקערין אפילו זייא זאלין גיוועןהאבין מיט עפעס מחמת דיא ערד איז גיוועןפאר שאלטין אז מען האט גיזייט ווייץ האט גיוואקסין דערנער און דר נאך שטייט שוין עוד כל ימי הארץ זרע וקציר מען האט שוין גיזייט און עש האט גיוואקסין תבואה : זאגט רבי אליעזר הקב״ה איז אן גיבריט צו געבין איין רוה אויף דער וועלט מען זאל איביג לעבין אזו וויא דער פסוק זאגט ומחה ה׳ אלהים דמעה מעל כל פנים וחרפת עמו יסיר וכו׳ כי פי ה׳ דבר רבי אליעזר זאגט אין דיא טעג פון דור אנוש זיינען דיא לייט זייער קלוג גיוועןאון האבין מיט זייערע חכמות גיקאנט אויף האלטין דיא חילות השמים זייא זאלין ניט קענען מיט זייער כח טאן ווארום אז אדם איז פאר טריבין גיווארן פון דעם גן עדן האט ער אויף זיך גיצוגין דיא כוחות החיצונים וואש זייא הייסין שרפי אילנות בלעטער פון דעם בוים פון דיא קליפות וויא ער האט אין דרינען עוסק גיוועןאזו האבין זייא זיך אין דרינען מדבק און עוסק גיוועןביז אנוש איז גיקומען און האט גיזעהען אז דיא חכמה איז זייער חשוב אזו האבין זייא אלע אין דרינען עוסק גיוועןאון דיא חכמה האט זיך מתפשט גוועןביז דעם דור המבול

אונ

און אלע זייערע מעשים איז אלץ געווען צוא שלעכץ און אז נח'האט זייא געשטראפט זייא זאלין תשובה טאן האבין זייא זיך געשטארקט אנטקעגין אים מיט זייערע חכמות און האבין געזאגט דער מדת הדין קען אין זייא ניט שולט זיין וייל זייא קענען מיט זייערע חכמות דוחה זיין אלע בעלי דינים דאש זייא זאלין אין זייא קיין דין ניט טאן און פון דור אנוש האבין זייא אז געהויבין עוסק זיין אין דער חכמה דרום זאגט דער פסוק אז הוחל לקרא כולם בשם ה' רבי יצחק זאגט אלע צדיקים וואש זיינען געווען אין דער צייט האבין אין זייא געווערט היינו ירד מתושלח חנוך און זייא האבין דיא צדיקים ניט געהערט ביז עש האט זיך פון זייא מתפשט געוועז אזעלכע רשעים וואש האבין מורד געווען אין זייער הארין און האבין געזאגט מה שדי כי נעבדנו וויא קומט עש צו זיי זאלין ריידין אזעלכע נארישקייט אז מען זאל ניט דינען צוא הקב"ה נאר זייא האבין געוואוסט מיט זייער חכמה אלע שרים וממונים של מעלה אויף וואס איטליכער איז ממונה אפילו דיא קינדער האבין געוואוסט איטליכין מלאך אויף וואס ער איז געזעצט אויף פייער אדער וואשער האבין זיי זיך פר זיכערט אז הקב"ה וועט וועלין ברייננגען אויף זיי דעם מבול וועלין זייא משביע זיין דיא שרים וממונים אויף צוא האלטין עס זאל אויף זיי ניט קומען דרום האבין זייא ניט געקוקט אין דעם וועג פון השי"ת און האבין ניט פאר שטאנען אז הקב"ה איז איין מושל איבער אלע און פון אים קומט דר דין אויף דער וועלט און זיי האבין געמיינט אז עס איז אלץ געווענט אין דיא שרים ומלאכים ביז הקב"ה האט אום געקערט די וועלט צו וואשער אזו וויא זיא איז פריער געווען און האט פארט דיא גאנצע וועלט ניט חרוב געמאכט ער האט משגיח געווען אויף איר ברחמים אזו וויא עש שטייט ה' למבול ישב שטייט דער שם פון רחמים און שטייט אלהים דער שם פון דין • השי"ת האט אויף זייא געבראכט דעם מבול ביז דיא ערד איז פאר דארבין געווארין און דער רוח הקודש האט אויש גערופין אלע טאג יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם און הקב"ה האט זייא געווארט און מאריך געווען איבער דיא צדיקים וואש עש איז צווישין זייא געווען ירד משותלח חנוך נאך זייער טויט האט ערשט הקב"ה גינידערט דעם דין אויף דער וועלט זיינען זייא פאר לארין געווארין אזו וויא דער פסוק זאגט וימחו מן הארץ: ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו כי לקח אותו אלהים רבי יוסי האט אן געהויבין

עש שטייט עד שהמלך במסבו נרדי נתן ריחו דעם פסוק האט מען שוין מפורש געווען • אבער קום און זעה אזו איז דער סדר פון הקב"ה בשעת דער מענטש איז זיך מדבק אין הקב"ה • און הקב"ה מאכט זיין וואנונג אויף אים און אז הקב"ה ווייסט ער וועט דער נאך זינדיגין איז הקב"ה זיך מקדים און נעמט אים אוועק פון דער וועלט פאר דער צייט און נעמט אים אוועק דעם ריח הטוב דרום שטייט עד שהמלך במסבו אז הקב"ה רוט נאך אויף דעם מענטשין וואס ער איז זיך מדבק אין אים נרדי נתן ריחו דאס זיינען זיינע מעשים טובים דאס איבר זיי מוז ער אוועק גיין פון דער וועלט פאר זיין צייט כדי ער זאל ניט זינדיגין און אויף דעם האט שלמה געזאגט יש הבל שנעשה על הארץ אשר יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים עס איז פאר האנדין צדיקים וואס עס פירט זיך מיט זייא אזו וויא מיט רשעים דאס זייא מוזין שטארבין פאר דער צייט איבער זייערע מעשים טובים וויל הקב"ה האט זייא ליב נעמט ער זייא אוועק כדי זייא זאלין ניט זינדיגין ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים עס איז פאר האנדין רשעים וואס הקב"ה דער לייגערט זייערע

טעג און טוט זייא ניט קיין שלעכץ עס איז אלץ לטובה כדי זייא זאלין תשובה טאן אדער עס וועט פון זייא ארויש קומען איין זרע כשר • קום און זעה חנוך איז געווען איין צדיק און אז הקב"ה האט גיזעהען דאס ער וועט לבסוף זינדיגין דרום האט אים הקב"ה אוועק גינומען דרום זאגט דער פסוק דודי ירד לגנו הקב"ה גידערט אין זיין גן עדן ללקוט שושנים אויש צו קלייבין דיא רויזין וואס זייא שמעקין אצונד קלייבט ער זייא אויש פון דער וועלט כדי זייא זאלין ניט זינדיגין דרום שטייט בייא חנוך ואיננו כי לקח אותו אלהים ער האט ניט לאנג געלעבט וויא אנדערע מענטשין רבי אלעזר זאגט הקב"ה האט ארויף גינומען חנוך צוא זיך און האט אים געמאכט פאר איין מלאך ער הייסט מט"ט שר הפנים און האט אים מוסר געווען אלע אוצרות און סודות עליונים און צוויא און פערציג שליסלען פון סודות זיינען נמסר געווארין אין זיינע הענט און דאס איז טייטש ואיננו ער איז ניט געשטארבין ווי אלע מענטשין נייערט הקב"ה האט אים ארויף געבראכט אויף דעם הויכין הימיל און האט אים געמאכט פאר איין שר עולם איבער אלע מלאכים:

וירא ה' כי רבה רעת האדם וגו' רק רע כל היום רבי יהודא הייבט אן עש שטייט כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע דעם פסוק האט מען שוין מפורש געווען אבער קום און זעה ווער עש איז זיך מדבק אין דעם יצר הרע און צייט זיך נאך אים ווערט ער טמא און מען איז אים מטמא זייא האבין אלע שלעכץ געטאן פון דעסט וועגין איז ניט געשטילט געווארין זייער שלעכץ ביז זייא האבין שופך דם געווען אום זיסט דאש זייא האבין זיך מטמא געווען דרום שטייט רק רע כל היום עש איז ניט נגזר געווארין זייער דין נאר אויף דעם רע אזו וויא עש שטייט ויהי ער בכור יהודה רע בעיני ה' מיינט מען דאך דארטין ער האט זיך מטמא געווען אזו דעם רע מיינט מען אויך אזו • פרעגט רבי יוסי וואש איז דר חילוק פון רשע צו רע אמער איין רשע איז דאך איין רע • זאגט רבי יהודה רשע הייסט אפילו ווען ער הייבט נאר אויף דיא האנט אויף זיין חבר דרום האט משה געזאגט רשע למה תכה רעך דוא ווילשט שלאגין דיין חבר בישטו שוין איין רשע אבער רע הייסט דער וואס איז זיך מטמא ער גייט ניט אריין פאר הקב"ה בהיכל המלך און איז ניט זוכה צוא זעהן פני השכינה ער איז זיך מטמא און גיט איין כח צוא דער טומאה וואס הייסט רע אזו וויא עס שטייט רק רע כל היום מיר זעהען בשעת יעקב אבינו האט געוואלט בענטשין דיא קינדער פון יוסף האט זיך דיא שכינה פון אים אפ געטאן האט ער געמיינט אז עס איז חס ושלום דא איין פסול אין זיינע קינדער דאס דורך דעם האט זיך דער רוח הטומאה אין זייא געשטארקט מכל שכן דער וואס איז זיך מטמא טוט זיך בוודאי דיא שכינה פון אים אפ טאן • קום און זעה אז דער מענטש איז זיך מטמא ווערט ער ניט גידאכט פאר הקב"ה צו גוטין נאר תמיד ווערט ער גידאכט צוא שלעכץ דרום שטייט (משלי י"ט) ושבע ילין בל יפקד רע אז ער איז זאט מיט דער תורה און טוט מעשים טובים ווערט ער ניט גידאכט צוא שלעכץ דרום שטייט דא רק רע כל היום ער הייסט רע און ניט רשע און עס שטייט גם כי אלך בגיא צלמות וגו':

וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ וגו' רבי יצחק הייבט אן שטייט הוי מושכי העון בחבלי השוא (ישעיה ה') דאס זיינען דיא לייט וואס זינדיגין פאר זייער הערין אלע טאג און אין זייערע אויגין איז דאס גירעכינט וויא אפאלש שטריקיל פון פאוטינא און מיינען אז הקב"ה איז ניט משגיח דרינען און זייא זינדיגין אזו פיל ביז זייא

ליכטיקייט פון אויבן אז זיא האבין דא גיוואונגן קינדער האט זייא הקב"ה גינומען אונ האט זייא ארין גיבראכט הינטער דיא הרי חשך דאש זייא הייסין הררי קדם אונ האט זייא אן גיבונדין מיט אייזערנע קייטין אונ דיא בני קין זיינען איין גיזונקין גיווארין אין תהום רבה בלעם הרשע האט גיזאגט מן ארם ינחני בלק מלך מואב מהררי קדם אונ אזו וויא זייא האבין תחילת מורד גיוועזן אין הקדוש ברוך הוא אזו זיינען זייא היינט אויך נאך מורד אונ לערנען כישוף אונ זיינען מכחישים פמליא של מעלה אונ ווען זייא זאלין ניט זיין פאר שלאסין אין דיא אייזערנע קייטין וואלטין זייא חרוב גימאכט דיא וועלט אונ דארטין אין דיא הרי חושך ציהען זייא זייער חיות פון צפון זייט דאש פון דארטין האבין אלע קליפות חיות :

ויאמר ה' אמחה את האדם רבי יוסי הייבט אן עש שטייט (ישעי' נה) כי לא מחשבותי מחשבותיכם קום אונ זעה אז אמענטש וויל זיך נוקם זיין אין דעם אנדערין שווייגט ער אונ זאגט ניט פריער אויש כדי יענער זאל זיך ניט היטין פאר אים אבער הקב"ה איז ניט אזו ער טוט ניט קיין משפט אויף דער וועלט ביז ער רופט פריער אויש אונ איז מודיע צוא אלע · ווארום קיינער קען אים ניט ווערין ער זאל ניט טאן אונ קיינער קען זיך ניט היטין פאר הקב"ה ווארום מען קען ניט באשטיין אנטקעגין אים · הקב"ה האט גיזאגט צוא נח אמחה את האדם ער האט זייא מודיע גיוועזן דורך נח אונ האט זייא התראה גיטאן עטליכע מאל אונ זייא האבין ניט גיוואלט פאלגין דער נאך האט ער אויף זייא גיבראכט דעם מבול זיינען זייא פאר לארין גיווארין פון דער וועלט :

ויקרא שמו נח לאמר זה ינחמנו רבי יוסי זאגט חן איז דיא . אותיות פון נח ביא דיא צדיקים ווייזט זייער נאמען אויף גוטש פון נח איז גיווארין מצא חן אונ ביא דיא רשעים ווייזט זייער נאמען אויף שלעכץ אזו וויא עש שטייט ויהי ער בכור יהודה רע בעיני ה' איז פון דעם נאמען ער גיווארין רע אז נח איז גיבארין גיווארין האט ער גיזעהען אז דיא לייט זיינען גרוישע רשעים האט ער זיך פון זייא פאר בארגין אונ האט דארטין גידינט השי"ת ער האט גילערנט אין דעם ספר פון אדם הראשון אונ פון חנוך · קום אונ זעה וויא אזו האט נח גיוואוסט אז מען דארף מקריב זיין קרבנות נאר ער האט גילערנט אין דיא ספרים האט ער דארטין גיפונען מיט זיין חכמה אז דיא וועלט האט נאר אקיום אויף דיא קרבנות אונ ווען דיא קרבנות זאלין ניט זיין וואלט די וועלט קיין קיום ניט גיהאט אונ דיא עליונים וואלטין אויך קיין קיום ניט גיהאט :

## מדרש הנעלם

בראשית ברא אלהים וגו' רבי יוחנן הייבט אן עש שטייט בחכמה יבנה בית אמענטש דארף צוא זיין איין חכם אויף דער וועלט היינו פריער בויען אשטוב דער נאך פלאנצין אוויין גארטין ער זאל האבין פרנסה דער פון דער נאך זאל ער נעמען אווייב מיט איר האבין קינדער ווען ער זייא דער מיט מפרנס זיין · ניט אזו וויא דיא שוטים וואש טוען פאר קערט · דען רבי סימון האט גיזאגט דער וואס נעמט פריער אווייב אונ האט זיא ניט מיט עפעס מפרנס צוא זיין היישט ער פרייא פון מצות אזו וויא דער פסוק זאגט במתים חפשי ווארום וויל ער דארף תמיד נאר עוסק זיין אין דער פרנסה · ניט בעבודת הבורא איז ער פרייא פון מצות אזו וויא איין מת · רבי יהודה זאגט עש איז גלייך וויא ער נעמט איין אפ גאט צוא זיך · דען רבי יהודה האט גיזאגט תחילת פלעגין דיא חכמים וחסידים נעמען ווייבער · אונ פלעגין פארט אוועק לאזין חיי עולם הזה אונ האבין עוסק גיוועזן בתורה ובמצות אין עבודת הבורא אבער בזמן הזה דאש דיא וועלט איז טרוד נאך פרנסה דרום מוז דער מענטש פריער בויען אשטוב אונ אן גרייטין פון וואנען ער זאל פרנסה געבין זיין ווייב אונ קינדער אונ דער נאך זאל ער נעמען איין ווייב אזו קען ער דינען זיין הערין אונ עוסק זיין בתורה אזו וויא דיא חכמים האבין גיזאגט אם אין קמח אין תורה : רבי יהודה זאגט אז אמענטש נעמט איין ווייב היישט ער עבד ה' דען זיין הארץ איז שוין ריין פון עבירות ער דארף ניט קוקין אויף קיין פרעמדע ווייבער אונ איז מקיים ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם דרום גיהער דער מענטש פריער בויען איין הויז אונ זיך זעהען איין פרנסה אונ דער נאך נעמען איין ווייב מיר זעהען דאך הקב"ה האט פריער גיבויט דיא וועלט אונ האט זיא גיגרונד פעסטיגט אונ האט אן גיגרייט אלערלייא פרנסות בהמות חיות עופות פיש ירקות בוימער דער נאך האט ער דעם מענטשין באשאפין מיט זיין ווייב · אונ אדם האט גיוואונען קינדער אונ האט גימאכט איין ישוב אויף דער וועלט אין דעם בית וואש הקב"ה האט גיבויט אונ דרום שטייט בראשית דאש מאכט בית ראש אונ איטליכר מענטש גיהער זעהן אז ער זאל זיך קובע זיין צייטין צוא דער תורה חאטשי ער איז עוסק בדרך ארץ ומלאכה אדער משא ומתן פון דעשט וועגין זאל ער זיך מאכין אלע טאג איין צייט צוא לערנען שיגיעת שניהם משכחת עון · אויב אמענטש וויל זאגין איך בין איין מיוחס פון אגרוישער משפחה עש איז ניט שיין איך זאל טאן אמלאכה · דרום האט זיך הקב"ה גיפעדערט אונ האט אליין גיטאן אמלאכה אזו וויא עש שטייט בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ דרום גהער מען זיך אפ לערנען פון השי"ת אויך צוא טאן אמלאכה · אונ דרום האט ער באשאפין אדם צום הינטערשטין אז ער האט שוין אלץ גימאכט שמים וארץ וכל צבאם ער האט אים גיזאגט ביז אהער האב איך עוסק גיוועזן במלאכה אונ פון היינט אונ ווייטער זאלשט דוא שוין עוסק זיין במלאכה דרום שטייט בראשית צום ערשטין איידער ער האט באשאפין איין מענטשין ברא אלהים האט גאט אלדינג באשאפין · רבי יוחנן זאגט נאך וואש איז דער מענטש באשאפין גיווארין בצלם אלהים אזו וויא עש שטייט ויברא את האדם בצלמו עש איז איין משל צוא איין מלך וואש ער איז מושל אויף איין מדינה האט ער גבויט אלערלייא בנינים אונ אפ גאסין צוא דער שטאט אונ דיא גאנצע מדינה איז משועבד גיוועזן צוא אים אמאל האט ער צום הויף גירופין דיא גאנצע מדינה אונ האט איבער זייא גיזעצט איין שר אונ האט זייא גיזאגט ביז אהער האב איך מיך מטריח גיוועזן צוא אלע אייערע בדערפנעש פאר ריכטין צוא מאכין טירין שלעסער אפ גאסין פון היינט אונ ווייטער איז דער שר גלייך אזו וויא איך ער וועט מושל זיין אויף דער מדינה גלייך וויא איך צוא בויען אונ אויך אלע זאכין דער נאך האט ער דעם שר אויך אזו אן גיזאגט ער זאל משגיח זיין אויף דער מדינה צוא בויען אונ צוא פאר ריכטין דיא שלעסער פון דער מדינה אונ אלץ זאל צוא אים משועבד זיין אונ מען זאל פאר אים מורא האבין אזו וויא פאר דעם מלך אליין אזו אויך האט הקב"ה אן גיזאגט בשעת ער האט באשאפין אדם הראשון אונ דרום שטייט ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ אונ דרום שטייט אויך בצלם אלהים עשה את האדם :

רבי יוחנן איז גיגאנגען פון קיסר קיין לוד אונ רבי חייא בר אבא איז

אויך

איך גיוועהן מיט אים זיינען זייא גיקומען צוא איין פעלד זאגט רבי יוחנן דאש פעלד איז גיוועהן מיינש האב איך עס פאר קויפט כדי איך זאל דער מיט זוכה זיין צוא דער תורה זאגט רבי חייא אונ וויינט פאר וואש האסטו עש דיר ניט גילאזט אויף דיין עלטער זאגט ער איך האב פאר קויפט אזאך וואש איז בשאפן גיווארין אין זעקס טאג אונ האב דער פאר גיקויפט אזאך וואש איז בשאפן גיווארין אין פערציג טאג אזו וויא דער פסוק זאגט ויהי משה בהר ארבעים יום וארבעים לילה אונ איך האב מיר גיקויפט חשובה זאכין אונ גרוישע דאש איז עצה תושיה חכמה וגבורה אזו וויא דער פסוק זאגט לי עצה ותושיה אני בינה לי גבורה אז רבי יוחנן האט גילערינט תורה האט זיין פנים גלויכטין וויא דיא זון אויף אים האט מען גילייענט דעם פסוק ואוהביו כצאת השמש בגבורתו רבי יצחק זאגט דיא תורה הייסט תושיה דאש איז טייטש שלאף דען זיא מאכט דעם מענטשין שלאף דאש איז אז ער הייבט ערשט אן צוא לערנען אבער אז ער לערנט שוין שטייט לי גבורה דען צו[illegible] ערשטין מוז ער מלחמה האלטין מיט דעם יצר הרע אונ מוז זיך פייניגין זיין גוף אונ זיצין אין בית המדרש ביז ער ווערט גיוויינט מיט תורה אונ חכמה אונ מעשים טובים באקומט ער דיא גבורה צוא האלטין מלחמת ה' אזו וויא דער פסוק זאגט על כן יאמר בספר מלחמות ה':

ויאמר אלהים יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד ותראה היבשה רבי תנחום הייבט אן עס שטייט הצדיק אבד ואין איש שם על לבו אנשי החסד נאספו באין מבין כי מפני הרעה נאסף הצדיק מיר האבן גלערינט אז הקב"ה זעהט אז עש איז ניט דא קיין צדיקים אויף דער וועלט אונ עש איז דא פיל רשעים דענטשט מאל טוט ער איין דין אין זייא זאגט רבי תנחום אזו וויא דיא מעשה הגוף איז מיט דער נשמה אזו טוט הקב"ה מיט דער וועלט דען אז דער מענטש זינדיגט נעמט ער ארויף זיין נשמה אזו אויך דער צדיק איז דיא נשמה פון דעם רשע דרום נעמט צוא הקב"ה דעם צדיק וואש ער איז דיא נשמה דאש מיינט דער פסוק יקוו המים אל מקום אחד מים מיינט מען דיא צדיקים זייא זאלין איין גיטאן ווערין צוא יענער וועלט דאש איז איין מקום מיוחד צוא דער נשמה אזו בלייבט דער וגוף טרוקין אן דער נשמה ותראה היבשה דיא רשעים וועלין שוין ווערין אן גיזעהן צום דין ווארום עש איז שוין קיינער ניט דא ער זאל אויף זייא מגין זיין אונ קיין מעשים טובים האבין זייא אויך ניט עש זאל אויף זייא מגין זיין דרום ווערין זייא גיזעהן: אויך שטייט אז אהרן איז גישטארבין ויראו כל העדה כי גוע אהרן לייען ניט ויראו נאר ויראו זיי זיינען ווארין גיזעהן דען דער מגין איז גישטארבין ווארום כל זמן דיא צדיקים זיינען אין דור קען דער מדת הדין אין זייא ניט שולט זיין אזו וויא דער פסוק זאגט ויאמר להשמידם לולא משה בחירו וגו' אונ ווען הקב"ה טוט איין דין אין דיא רשעים נעמט ער פריער אוועק די צדיקים עש איז אמשל צוא איין עשיר ער האט איין גארטין אמאל איז ער ארײן גיגאנגען אין גארטין האט ער גיזעהן דארטין דערנער האט ער זייא גיהיישין אפ האקין דער נאך האט ער דארט דער זעהן שיינע רוזין האקסין זאגט ער פון וועגין דיא רוזין וועל איך שוין דארט לאזין דיא דערנער אויך שטיין דער נאך אז די רוזין האבין אן גיהויבין זייער שמעקין האט ער זייא אויש גירסין אז ער האט זייא שוין אויש גריסין זאגט ער אצונד איז שוין צייט אז מען זאל דיא דערנער אויש רייסין פון דאנען אזו, אויך דיא צדיקים אז זייא ווערין אפ גיטאן פון דיא רשעים טוט ערשט הקב"ה איין דין אין דיא רשעים דאש מיינט דער פסוק דודי ירד לגנו לערוגת הבושם לרעות בגנים וללקוט שושנים:

שאל ר' יצחק האט גיפרעגט צוא רבי אלעזר אז זייא זייגען גיגאנגען אין דער מדבר אונ האט אים גיזאגט איך וועל דיך איין שאלה פרעגין נאר דוא זאלשט מיר הײשין האט ער צוא אים גיזאגט פרעג דען דוא בישט כדאי צוא פרעגין וואש דוא ווילשט האט ער אים גיפרעגט עש שטייט וירא אלהים כי טוב איז משמע אז ער האט שוין אלדינג בשאפין האט ער ערשט גיזעהן אז עש איז גוט אונ פריער האט ער חס ושלום ניט גיוואוסט אז עס איז גוט זאגט רבי אלעזר דאש איז איין אזהרה צוא מענטשין אז אמענטש ווערט לערנען במעשה בראשית די מעשים פון איטליכין טאג ווערט ער וועלין פרעגין ווארום דאש איז אונ דאש איז דרום שטייט וירא אלהים כי טוב עש איז השי"ת אזו וואל גיפעלין בדארפשטו ניט פרעגין דרויף איך לערינט אונז דיא תורה דרך ארץ אז אמענטש זאל זיך ניט בארימען מיט זיין זאך איידער עס ווערט פארטיג דען טאמער ווערט אין דריגען זיין אחסרון ווערט ער בלייבין אליגנער דרום חאטשע השי"ת האט דאך פריער גיוואוסט אז עש איז גוט האט ער פארט ניט גישטעלט אז עש איז גוט ביז ער האט עש גומר גיוועזן אזו גיפינען מיר כמה מאל אין דער תורה אויך ביא סדום שטייט ארדה נא ואראה חאטשע הקב"ה האט אלץ גיוואוסט אונ האט ניט גידארפט אראפ נידערין שרייבט אונז דיא תורה כדי מען זאל זיך פון אים אפ לערנען דען דאש בית דין זאל ניט פסקנן איין דין דורך זייער שכל נייערט רעכט חוקר ודורש זיין אזו וויא דער פסוק זאגט ודרשת וחקרת ושאלת היטב אין דעם איז אן גיקומען רבי אבא פרעגין זייא אים דיא שאלה האט ער זייא גיזאגט דרום שטייט וירא אלהים כי טוב דען ער האט אלץ גימאכט דורך זיין גיבאט היינו דיא ערד זאל טאן איר זאך דאש וואשער זאל טאן זיין זאך אונ אז זייא האבין גיטאן זיין רצון שטייט וירא אלהים גאט האט גיזעהן כי טוב אז זייא האבין גוט גיטאן זייא האבין אים גיפאלגט דרום שטייט וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד ער האט גיזעהן אז אלע זאכין וואש ער האט בשאפין איז גיוועזן זייער גוט צוא שטיין אין זייער בשטאנד אזו וויא היינט זאלין ניט משנה זיין:

תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערינט אלע טאג גייט ארויש אכרוז אונ זאגט דער וועקט זיך בני קדושים עליונים אונ טוט דיא עבודה צוא אייער הערין דאש ער האט אייך גיגעבין אנשמה הקדושה וואש זיא איז אפ גישייד גיווארין פון דעם כסא הכבוד רבי אלעזר זאגט עש שטייט ויפח באפיו נשמת חיים דאש דיא נשמה הקדושה וואש זיא קומט פון דעם כסא הכבוד · ביי אדם שטייט ויהי האדם לנפש חיה דאס נפש חיה איז נאר איין נפש וואש עש איז בשאפין גיווארין פון דער ערד ניט פון דעם כסא הכבוד דען דיא תורה קלאגט זיך אויף אים אונ זאגט הקב"ה האט אים גיגעבין איין נשמת חיים הקדושה כדי ער זאל האבין חיי העולם הבא צום סוף האט ער פאר זינדיגט אונ איז נאר גיבליבין ביא דעם נפש חיה וואש איז פון דער ערד דרום קלאגט די תורה נאך אזו אנשמה וואש ער האט גיהאט זאל ער היינט נאר האבין אנפש חיה אונ הקב"ה זאגט דוא אדם איך האב דיר גיגעבין איין נשמת חיים דען זיא גיט חיים צוא אירע בעלים דאש זיא איז בשאפין גיווארין פון מיין כסא הכבוד אונ דורך דיינע חטאים בישטו נאר גיבליבין ביי דעם נפש חיה וואש זיא איז בשאפין גיווארין פון דער ערד חייך שווער איך בייא דיין לעבין אז דער וואש ווערט עוסק זיין אין דער תורה, אונ

ווערט זיא היטן װעל איך אים געבן דיא חשובה נשמה וואש זיא איז
פון מיין כסא הכבוד אונ ניט חיים צוא זיין הערין אונ דער וואש וועט
ניט היטין דיא תורה וועט ער נאר האבין אנפש חיה וואש זייא האבין
זיך אויש דער וועלט דאש זייא ווערין פאר לענד מיט איר דרום זאגט
קהלת מי יודע רוח בני האדם העולה למעלה דאס איז דיא היליגע נשמה דאש
זיא גייט ווידער ארויף למעלה פון דיא צדיקים וואש זייא היישין אדם
ורוח הבהמה היורדת למטה לארץ דאש איז דיא נפש חיה וואש ער איז בשאפין
גיווארין פון דער ערד · זאגט רבי אלעזר ביז דרייצען יאר האט דער
מענטש נאר דעם נפש חיה דער נאך איז ער זוכה גיט מען אים דיא
נשמה הקדושה וואש זיא איז מכסא הכבוד :

רבי שמעון האט אמאל גימאכט אגרוישע סעודה אונ האט גירופין אויף
דער סעודה חכמי המשניות אונ פיל תנאים אונ האט בדעקט דיא
שטוב מיט טייערע כלים דער נאך האט ער גיזעצט דיא רבנים אויף
איין זייט אונ האט זיך גיזעצט אויף דער אנדערער זייט אונ איז זייער
פריילעך גיוועזן האבין אים דיא רבנים גיפרעגט וואש בישטו היינט
מער פריילעך פון אלע טעג האט ער זייא גיזאגט היינטיגין טאג נדרין
אראפ נשמות קדושות אויף דיא ארבע כנפות החיות צוא מיין זון
רבי אלעזר דרום בין איך היינט זייער פריילעך דען דאש איז דיא
רעכטע שמחה אונ דער נאך האט ער גיזעצט זיין זון רבי אלעזר לעבן
זיך אונ זאגט צו אים זעה מיין קינד דען היינטיגין טאג וועשטו בקומען
איין היליגע נשמה עליונה אזו זאגט רבי שמעון איין זאך איז גיווארין
דיא שטוב ארום גירינגילט מיט אייטל פייער זיינען דיא רבנים ארויש
גינאנגען האבין זייא גיזעהן אז אגאנצין טאג איז ארויש גיגאנגען
ארויך פון דער שטוב דער וויל איז אהין גקומן רבי יוסי ברבי שמעון
בן לקוניא האט ער גיפונען צוא דיא רבנים זייא שטייען אונ פאר
וואונדערין זיך זייער פרעגט ער צוא זייא וואש איז דאש זאגין זייא
דער רויך איז פון אש של מעלה דען מען קריינט היינט רבי אלעזר
מיט אהייליגע קרוין דר וויל זעהן זיי דאש עס איז אראפ פיר פליגיל
פון דעם נשר של אש אונ האט ארום גירינגילט צוא רבי אלעזר מיט
זיין פאטער רבי שמעון · אונ רבי יוסי איז דארטין גיזעסין ביז דאש
פייער איז אוועק גינאנגען איז ער אוועק גינאנגען צוא רבי שמעון זאגט
רבי שמעון צוא רבי יוסי וואש ווילשטו זאגט רבי יוסי איך וואלט
גערין גיגעבין מיין טאכטער צוא דיין זון רבי אלעזר זאגט רבי
שמעון לאז אזו זיין האט ער גירופין דיא רבנים אונ האט פאר זייא
אשידוך גטאן זיינען זייא דארט גיזעסין דרייא טאג אונ האבן גלערינט
תורה זייא האבין ניט גילאזט קיין סוד אין משניות וואס רבי שמעון
האט זייא ניט גיזאגט כל ימיו אלע טאג פון רבי שמעון האט מען ניט
גיזעהן קיין רעגין בויגין דען זיין זכות האט מגין גיוועזן אויף דעם דור ·
רבי יצחק זאגט דיא נשמה איז תמיד אין איר בשטאנד זיא האט אקיום
אויף אייביג אבער אויף דעם נפש חיה שטייט הכרת תכרת הנפש ההיא
עונה בה פרעגט רבי יוסי אז דער נפש חיה איז אזו וויא איין רוח פון
אבהמה ווארום מאכט דער תרגום אויף דעם פסוק ויהי האדם לנפש חיה
לרוח ממללא דאש איז טייטש איין נפש וואש ער קען ריידין אונ
אז עש איז יוא גלייך צוא אבהמה ווארום ריידין דיא בהמות
ניט זאגט רבי יצחק וויל זייער גוף איז גיקנאטין גיווארין פון גרעבערער
ערד פון דעם מענטשין אונ ווידער זייא קענען ניט קוקין אויף דעם
הימיל · זייא זאלין זיין פון אזו איין ערד וויא דיא מענטשין אונ זאלין
קוקין אויף דעם הימיל אזו וויא מענטשין וואלטין זיי אויך גקאנט ריידין ·
זאגט רבי יוסי דער טעם וואש דוא זאגשט וויל זיי זיינען פון גרעבערר
ערד וויא דיא מענטשין גיפעלט מיר אבער וואש דוא זאגשט וויל
זייא קענען ניט קוקין אויף דעם הימיל וויא מענטשין דרום קענען זיי
ניט ריידין גיפעלט מיר נישט וואש האט זיך גיוועגדין זייער ריידין אין
דעם · זאגט רבי יצחק דאש איז אגרוישע הילף צו דיא מענטשין וואש
קענען קוקין אויף דעם הימיל · קום אונ זעה אז נבוכדנצר איז פאר
טריבין גיווארין פון מענטשין אונ איז גיווארין איין חיה האט ער קיין
הילף ניט גיהאט ביז ער האט גיקוקט אויף דעם הימיל אזו וויא דער
פסוק זאגט אנא נבוכדנצר מלכא עיני לשמיא נטלית ומנדעי יתוב עלי דער נאך אז
ער האט אין הימיל ארייין גיקוקט איז ער ווידער צוא זיין שכל גיקומען
אבער פריער איז ער גיוועזן איין חיה רעה :

ותרא האשה כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעינים ונחמד העץ להשכיל ותקח מפריו
ות[illegible]ל קום אונ זעה דאש דיא לייט ווייסין ניט אונ זיינען ניט
משגיח בשעת הקב"ה האט בשאפין צוא אדם האט ער אים מכבד
גיוועזן בכבוד עליון אונ ער האט פון אים באגערט אז ער זאל זיך אין
אים באהעפטין כדי ער זאל זיין איין יחיד ולב אחד דאש היישט ער זאל
קיין מאל ניט נשתנה ווערין אין זיין אמונה אזו וויא דער פסוק זאגט
ועץ החיים בתוך הגן דאש איז אלץ ביחוד דער נאך האבין זייא זיך אפ
גיקערט פון דער אמונה אונ האבין גילאזט שטיין דעם אילן היחוד מכל
האילנות אונ האבין זיך באהעפט אין דעם עץ הדעת טוב ורע אזו איין ארט
וואש איז זיך משתנה אונ פאר קערט זיך פון איין גישטאלט צום אנדרין
מטוב לרע ומרע לטוב אונ זייא זיינען אראפ פון זייער מדריגה אונ האבין
זיך באהעפט אין פיל מדריגות נידעריגער אונ האבין גילאזט שטיין
דיא מדריגה וואש איז איבער אלע וואש עש איז איין יחוד עש ווערט
קיין מאל ניט פאר ענדערט אזו וויא דער פסוק זאגט (קהלת ז׳) אשר עשה
האלהים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים הקב"ה האט זייא בשאפין צוא
זיין איין רעכטער יחוד אן איין שום שינוי אונ זיי האבין זיך באהעפט
אין וויפיל שנוים דרום איז גיווארין זייער הארץ אזו וויא דר צד וואש
זייא האבין באגערט אמאל לטוב אונ אמאל לרע האט הקב"ה צוא
זיי גזאגט איר האט פאר לאזט דעם צד החיים ועץ החיים אונ האט זיך
מדבק גיוועזן אין צד המות דאש איז דער עץ הדעת טוב ורע וואש
דאש איז איין מות אנטקעגין דיר אזו וויא דער פסוק זאגט (משלי ה׳) רגליה
יורדות מות דרום איז נגזר גיווארין דער טויט אויף אים אונ אויף גאר
דער וועלט אונ אז דוא וועשט פרעגין אז אדם האט גיזינדיגט וואש
האט דיא גאנצע וועלט גיזינדיגט וואש זייא זאלין שטארבין איב דוא
וועשט זאגין אז אלע בריות האבין אויך גיגעסין פון דעם עץ הדעת
עש איז ניט אזו אלא בשעת אז אדם איז בשאפין גיווארין אונ האט
אן גיהויבין ארום צוא גיין האבין זיך אלע בריות פאר אים גיפארכטין
אונ זיינען אים נאך גיגאנגען אזו וויא קנעכט גייען נאך זייער הערין
אונ ער האט צוא זייא גיזאגט בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה׳ עושנו קומט
מיר וועלין זיך בוקין צו אונזער גאט וואש ער האט אונז אלע בשאפין
זיינען זייא אלע אים נאך גיגאנגען אונ אז זייא האבין גיזעהען אז ער
בוקט זיך צום צד טוב ורע אונ באהעפט זיך אין דרינען האבין זייא אלע
אים נאך גיצויגין דרום האט ער גורם גיוועזן מיתה צוא זיך אונ צוא גאר
דער וועלט דען אדם איז פאר ענדערט גיווארין אמאל לטוב אונ אמאל
לרע פעמים לרחמים ופעמים לדין פעמים לנחת ופעמים לרוגז פעמים לחיים ופעמים למות

אונ ער איז ארויס געבליבן שטיין תמיד אויף איין שטאנד דרום הייסט דאש להט החרב המתהפכת ווייל עש פאר קערט זיך פון טוב לרע אונ פון רחמים לדין אונ פון שלום צוא מלחמה דאש ארט האט עש אים גורם געווען וואש ער איז זיך אויך מהפך אזו וויא מיר האבין געזאגט אונ דער מלך עליון וואש ער איז זיך מרחם אויף זיינע מעשה ידיו האט ער דרויף אן געזאגט ועץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו אונ ער האט דאש ניט מקבל געווען אונ האט גיפאלגט זיין ווייב דרום האט ער גורם געווען מיתה צוא זיך אונ צוא גאר דער וועלט אונ איז פאר טריבין געווארין אויף אייביג פון דעם גן עדן קום אונ זעה לעולם הבא שטייט כי ימי העץ ימי עמי דיא טעג פון מיין פאלק וועלין זיין אזו וויא דיא טעג פון דעם עץ וואש איז מיוחד וואש איז זיך קיין מאל ניט משנה אונ דער נאך שטייט בלע המות לנצח וכו׳:

## פרשת נח

אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו דיא תוספתא אין זהר פרעגט וואש שטייט נח נח צווייא מאל · אלא איטליכער צדיק האט אין זיך צווייא נשמות איינע פון עוה״ז אונ דיא אנדערע פון עוה״ב דרום רופט אים הקב״ה מיט זיין נאמען צווייא מאל אזו וויא מיר גיפינען אברהם אברהם יעקב יעקב משה משה שמואל שמואל שם שם נאר בייא יצחק שטייט איין מאל יצחק ווייל ער איז געבונדין געווארין אויף דעם מזבח איז אים ארויש גיגאנגען זיין נשמה אונ איז ארין גיגאנגען אין דעם איל וואש מען האט מקריב געווען אויף זיין ארט דער נאך האט זיך ווידער אום גיקערט צו אים נאר זיין נשמה פון עוה״ב דרום גיפינען מיר ניט אז הקב״ה איז מיחד זיין נאמען אויף איין צדיק וואש ער לעבט צוא הייסין אלהי פלוני נאר אז ער שטארבט אבער בייא יצחק גיפינען מיר אז הקב״ה האט געזאגט צוא יעקב אנכי אלהי אברהם אביך ואלהי יצחק אונ יצחק האט נאך גילעבט נאר ווייל זיין נשמה פון עוה״ז איז שוין בייא אים ניט געווען פון דער עקידה אן דרום איז גלייך וויא ער איז שוין געשטארבין:

אלה תולדות נח רבי אבא זאגט וואש שטייט אלה דאש ווארט פסולת דיא זאכין וואש פריער נאר דרום זאגט ער אלה דיא זיינען רעכטע תולדות אבער ניט דיא וואש פריער דען ייענע זיינען געווען רשעים דרום ווייל אדם הראשון האט גיזינדיגט הייסין אלע מענטשין בני האדם דאש איז ניט קיין מעלה נאר לגנאי אזו וויא איינער זאגט דאש זיינען דיא קינדער פון דעם חוטא אבער אז נח איז געבארין געווארין הייסין אלע קינדער בני נח דיא קינדר פון נח אלה תולדות נח דיא קינדר האט נח מגדל געווען אויף דער וועלט אונ ניט אזו וויא דיא תולדות פון אדם הראשון וואש הקב״ה האט זייא מעביר געווען פון דער וועלט אונ ער האט גורם געווען מיתה צו אלע לייט · זאגט רבי יוסי אמער עס שטייט דאך שוין דער נאך וירד ה׳ לראות את העיר ואת המגדל אשר בנו בני האדם אונ עש שטייט ניט בני נח · זאגט רבי אבא אקום אונ זעה עש שטייט בן חכם ישמח אב ווען ער איז א גוט קינד טוט איטליכער דער מאנען דעם פאטער צוא גוטין אבער ווען ער איז א שלעכט קינד דער מאנט איטליכער זיין פאטער צוא שלעכטין אזו דא אויך ווייל דער דור הפלגה האבין מורד געווען אין הקב״ה רופט ער זייא בני אדם זייא זיינען אזו וויא אדם דרום שטייט דא אלה תולדות נח דאס זיינען דיא תולדות וואס זיינען ארויס גיגאנגען פון דער תיבה אבער ניט דיא תולדות פון אדם הראשון וואש מען האט אים פאר טריבין פון דעם גן עדן · קום אונ זעה אז אדם זאל געווען האבין קינדער אין גן עדן וואלטין דיא ניט געווען פאר דארבין געווארין לדור דורות אונ דיא ליכט פון דער לבנה וואלט אייביג ניט געווען קלענער געווארין אונ אלע וואלטין געווען געבליבין אויף אייביג אונ זייא וואלטין געווען אין גרויש ליכט מער פון דיא מלאכים אין געשטאלט אונ אין חכמה אזו וויא עש שטייט בצלם אלהים ברא אותם אבער אז ער האט געזינדיגט אונ ער האט גימוזט ארויש גיין פון דעם גן עדן אזו זיינען זייא געבליבין אזו וויא עש באדארף צוא זיין אונ האבין שוין קיין קיום ניט פרעגט רבי חזקיה וויא אזו וואלט אדם הראשון געווען גיקענט האבין קינדער אין גן עדן ער זאל ניט געווען זינדיגין וואלט ער זיך קיין יצר הרע ניט גיהאט ער וואלט דאך געווען געבליבין אן קינדער · דעסט גלייכין ווען דיא ישראל זאלין געווען בלייבין בייא זייער מדריגה פון מתן תורה דאש זיי האבין קיין יצר הרע ניט גיהאט אזו וואלטין זייא אליין געבליבין אונ קיין דורות וואלט שוין ניט געווען נאך זייא ביז זייא האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל האבין זייא אויף זיך משך געווען דעם יצר הרע ענטפערט אים רבי אבא אז אדם הראשון זאל ניט געווען זינדיגין וואלט ער ניט גיהאט קיין קינדר מצד יצר הרע אזו וויא היינט נאר ער וואלט געווען גיהאט קינדער מצד רוח הקודש הייליגע אזו וויא דיא מלאכים קדושים וואש זייא לעבין אייביג אונ זייא וואלטין ניט גיהאט קיין יצר הרע אבער אז ער האט געזינדיגט אונ האט גיהאט קינדער חוץ דעם גן עדן אונ האט ניט זוכה געווען קינדער האבין אין גן עדן דרום האבין זייא קיין קיום ניט גיהאט אין געווארצילט ווערין אויף דער וועלט ביז נח איז ארויש גגאנגען פון דר תיבה פון דארטין זיינען ארויש גגאנגען אלע דורות אונ פון דארטין זיינען זייא פאר שפרייט געווארין אויף אלע פיר זייטין פון דער וועלט:

וירא אלהים את הארץ והנה נשחתה ווארום איז דיא ערד פאר דארבין · כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ ווייל דיא לייט האבין פאר דארבין זייער וועג מטמא זיך צו זיין רבי חייא הייבט אן עס שטייט (יונה ג׳) וירא אלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה קום אונ זעה בשעת דיא לייט זיינען פרום אונ היטין די מצות פון דר תורה אזו ווערט גישטארקט די ערד אונ אלע שמחות הערט אויף איר גיפונען ווארום ווייל דיא שכינה רוט אויף דער ערד דען זיינען עליונים ותחתונים אין שמחה אבער אז דיא לייט פאר דארבין זייער וועג אונ היטין ניט די תורה אונ זינדיגין פאר הקב״ה אזו זיינען זייא דוחה דיא שכינה כביכול פון דער וועלט אזו רוהט דר שטן אונ קליפות אויף דר ערד אונ די ערד ווערט פר דארבין פון זיי אונ עס קומט איטל קללות איבער דעם גזל ושנאת חנם ולשון הרע אבער ווען דיא מענטשין זיינען פרום גיבין זייא ארייין איין כח וגבורה אין דער פמליא של מעלה אזו וויא עס שטייט תנו עוז לאלהים אונ דורך זייערע מעשים טובים האט דיא וועלט א קיום אונ דיא קליפות געוועלטיגין ניט אויף דער ערד · פרעגט ער וויא אזו קען זיין אז דיא קליפות זאלין האבין אשליטה אין ארץ ישראל אונ מסלק זיין דיא שכינה פון דארטין אמער מיר האבן דאך גלערינט אז אין ארץ ישראל רוען ניט קיין קליפות · אונ אויף ארץ ישראל איז ניט דא קיין שום ממונה נאר דורך הקב״ה אליין: קום אונ זעה אז קיין קליפה קען מאקע ניט שולט זיין אין ארץ ישראל נאר איין שעה קומט אמאל אויש אז דר משחית קומט אונ איז שולט ממית זיין מענטשין אזו וויא מיר גיפינען בייא דוד המלך עליו השלום אז דער דבר איז געווען אין זיינע צייטין

שטייט

שטייט וירא דוד את מלאך ה' עומד וחרבו שלופה בידו דרום גיפינן מיר אז אמאל ווערט דיא ערד פון ארץ ישראל פאר דארבין · זאגט רבי אלעזר אפילו אין דר צייט פון דעם דבר איז אויך ניט גיוועזן דורך דעם מלאך המות נאר פון הקב"ה ווארום עש שטייט דא מלאך ה' אונ שטייט ווידער המלאך הגואל אונ שטייט ויסע מלאך האלהים הין גוטין אדער שלעכין איז קיינר ניט שולט אויף דעם נאר הקב"ה אליין אויב דוא ווערסט פרעגין עש שטייט דאך (איכה א') כי ראתה גוים באו מקדשה די אומות זיינען גיגאנגען קיין ארץ ישראל אונ האבין חרוב גימאכט דאש בית המקדש אז דיא שרים של מעלה האבין דארטין קיין שליטה ניט וויא אזו האבין די אומות גיקענט חרוב מאכין דאש בהמ"ק · קום אונ זעה עש שטייט כי אתה עשית דאס איז טייטש הקב"ה אליין האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש אונ ווידר שטייט עשה ה' אשר זמם הקב"ה האט גיטאן וואש ער האט גטראכט ווייטער זיינען סודות · רבי שמעון זאגט די לייט האבין גיזינדיגט אונ די ערד איז פאר דארבין גיווארין אזו וויא דר פסוק זאגט וירא אלהים את הארץ והנה נשחתה דען דער עיקר פון דער ערד זיינען דיא לייט אונ מיט דעם וואש זייא האבין זיך מטמא גיוועזן אויף דער ערד האבין זייא דיא ערד מטמא גיוועזן אזו וויא עש שטייט ותטמא הארץ ואפקוד עונה עליה זא"ט רבי יצחק צו רבי שמעון פאר וואש האט הקב"ה דן גיוועזן זייא מיט וואסר אונ ניט מיט פייער אדער מיט אנדערע זאכין זאגט רבי שמעון דרויף ווייל זייא האבין פאר גאסין דאס בלוט פון מענטשין אזו וויא וואסער הייסער היי"ד דרום האט זייא הקב"ה באצאלט מיט הייסע וואסער וואש דיא הויט איז פון זייא אפ גיקראכין מיט דער מאס וואש זייא האבין גיזינדיגט זיינען זיי גיצאלט גיווארין ווארום אויף אלע עבירות קען מען תשובה טאן אבער אויף דער עבירה מוז ער שטארק תשובה טאן ער זאל האבין איין כפרה דען ער פאר דארבט זיך אונ איז מטמא די ערד אונ פאר דארבט זיא :

רבי חייא אונ רבי יהודה זיינען גיגאנגען אין וועג זיינען זייא גיקומען צוא גאנץ הויכע בערג האבין זייא דארטין גיזעהען גרושע ביינער וואש זייא זיינען נאך גילעגין פון דעם דור המבול זיינען זייא גיגאנגען דרייא הונדערט טריט אויף איין ביין האבין זייא זיך זייער פאר וואונדערט דרויף אונ זאגין דרום האבין אונזרע חכמים גיזאגט אז דער דור המבול האבין זיך פאר קיין דין ועונש ניט גיפארכטין אזו וויא דער פסוק זאגט (איוב כח) ויאמרו לאל סור ממנו ודעת דרכיך לא חפצנו דען דיא וואשער איז גיקומען פון דעם תהום האבין זייא מיט זייערע פיס צוא גישטאפט דעם תהום ביז דיא וואשער איז ארויש גיקומען גאנץ הייס דאס די פיס זיינען פאר ברענט גיווארין דער פון אונ זייא זיינען גיפאלין אונ זייא זיינען גישטארבין דער תוספתא פון דעם זוהר שרייבט עס גייט ארויש איין קול פון די קולות של מעלה דאס קול צוא ברעכט בערג אונ שטארקע שטיינער אונ רופט אויש אלע טאג אויף דיא רשעים זייא האבין אויגין אונ זעהען ניט אונ האבין אויערין אונ הערין ניט אונ זיינען דוחה פון זיך דיא היילגע נשמה מיט זייערע עבירות אונ דרום ווערין זייא ניט אן גישריבין בספר החיים אזו וויא עס שטייט ימחו מספר חיים ועם צדיקים אל יכתבו אבער אז דער מענטש איז מטהר זיין נפש ורוח אזו רוט דיא נשמה צווישין זייא וויא צוא דיא רשעים אז זייא גייען אוועק פון דער וועלט זייא ווערין איבער גיענטפערט אין דער האנט פון דעם שר של גיהנם ער הייסט דומ"ה אונ זיי ווערין דארטין פר ברענט אין פייער אונ גייען ניט ארויש פון דארט נאר אום שבת וראש חודש אזו וויא דער פסוק זאגט (ישעיה סו) והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר להשתחות לפני אמר ה' אונ נאך שבת וראש חודש גייט ארויש איין קול פון צפון זייט ישובו רשעים לשאולה דיא רשעים זאלין זיך ווידער קערין אין גיהנם אריין אזו זאמלין זיך איין פיל כתות מלאכי חבלה פון אלע פיר זייטין אונ שלאגין זייא אונ טרייבין זייא ווידער אין גיהנם אריין אונ דרייא מאל אין טאג אז דיא ישראל זאגין אמן יהא שמיה רבה מברך ווערט הקב"ה אויף זייא מלא רחמים אונ איז מרמז צוא דעם מלאך וואס ער איז ממונה אויף דעם גיהנם ער הייסט ש"ה אונ האט אין זיין האנט דרייא שליסלען אזו עפינט ער אויף דיא דרייא טירין וואס זיינען אין דער זייט צוא דער מדבר אזו זעהען זייא דיא ליכט פון דער וועלט אונ אז דער רויך קומט אונ פאר שטעלט זייא דעם וועג זייא זאלין ניט זעהען דאס ליכטיקייט איז פאר האנדין דרייא ממונים וואס זייא קערין אוועק דעם רויך אויף זיין ארט אזו ווערט ליכטיג אויף אנדער האלב שעה דאס ווערט גיטאן דרייא מאל אין טאג · וואל איז צוא דיא צדיקים וואש זייערע וועגין זיינען ליכטיג לעולם הבא אויף אלע זייטין אזו וויא דער פסוק זאגט (משלי ד) ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום רבי אבא זאגט אין גיהנם זיינען פאר האנדין זיבין חדרים איינער איבער דעם אנדערין וואל צוא דיא צדיקים וואס זיינען ניט מטמא זייער וועג אונ זייער נשמה מיט זייערע מעשים אבער ווער עס איז זיך מטמא אונ טוט ניט קיין תשובה אז ער שטארבט נידערט מען אים אין גיהנם אריין ביז דער אונטערשטער מדריגה עס איז פאר האנדין צווייא חדרים איינש לעבין אנדערין זייא הייסין שאול ואבדון ווער עס קומט אין דעם גיהנם פון שאול קומט ער דארטין אפ זיין עונש ביז ער קומט צוא איין העכערין גיהנם ביז ער קומט איבער אלע אבער אז ער קומט צוא דעם גיהנם וואס ער הייסט אבדון קומט ער שוין קיין מאל ניט ארויש פון דארטין דרום הייסט ער אבדון איז טייטש פאר פאלין · קום אונ זעה נח האט איין התראה גיטאן אין זיין דור זייא זאלין תשובה טאן דען עש וועט קומען חלילה אויף זייא איין מבול האבין זייא אים ניט גיוואלט הערין ביז הקב"ה האט אויף זייא גיבראכט דעם דין פון דעם גיהנם דען עש איז דא איין גיהנם פון פייער אויף דיא מענטשין וואש האבין עובר גיוועזן אויף מצות לא תעשה אונ האבין גיווארימט מיט דער עבירה איז מען זייא דן זעקס חדשים אין פייער אונ ווידער איז פאר האנדין איין קאלטער גיהנם דארט איז מען דן דיא וואש האבין עובר גיוועזן אויף מצות עשה דאס איז מחמת עצלות ער האט אקאלטע טבע דרום איז מען אים דן אין קאלטער וואשער אונ מיט דיא ביידע האט מען דן גיוועזן דער דור המבול מיט פייער אונ מיט וואשער ביז זייא זיינען גישטארבין אונ פאר לארין גיווארין פון דער וועלט דער נאך האט שוין דיא וועלט גיהאט איין קיום דורך נח דען ער איז אריין גיגאנגען אין דער תיבה מיט אלע מינים וואס איז בשאפין גיווארין אויף דער וועלט · רבי חייא זאגט דרייא הונדערט יאר פאר דעם מבול האט זייא נח איין התראה גיטאן אויף זייערע מעשים אונ זייא האבין אים ניט גיוואלט צו הערין ביז הקב"ה האט זייא גימאכט פארלירין · עש שטייט פריער ויראו בני האלהים את בנות האדם דען זייא זיינען ארום גיגאנגען נאקעט פאר אלע אונ דורך דעם איז גיווארין פיל זנות אונ זיינען נאך גיגאנגען דעם יצר הרע אונ האבין דוחה גיוועזן דיא שכינה

פון דער וועלט מחמת זייא האבין זיך מטמא געוועזן מיט זנות שטייט קץ כל בשר בא לפני דאס איז דער יצר הרע דער שטן דער מלאך המות וואס דער סוף פון איטליכן איז דורך אים דרום הייסט ער קץ · בא לפני ער איז געקומען פאר מיר מקטרג צוא זיין אויף זייערע שלעכטע מעשים אונ וויל נעמען פון מיר רשות זייא זאלין געשטראפט ווערין דרום וויל דער קץ איז געקומען פאר מיר גיב איך אים רשות והנני משחיתם את הארץ עשה לך מאך דיר איין תיבה צו פאר בארגין זיך דרינען פאר דעם שטן ער זאל ניט קענען. אין דיר שולט זיין קום אונ זעה מיר האבין געלערינט אז מען האט שוין געגעבין רשות צום משחית צוא פייטין איין שטאט אדער איין מדינה טאר מען זיך אויף דער גאס ניט ווייזין וויל ער האט דענשט מאל רשות צוא פאר דארבין אלע לייט וואש ער זעהט דרום האט אים הקב"ה געהייסן מאכין איין תיבה: אויב דוא וועשט פרעגין עש איז נאר וואסער געוועזן וויא קומט אהין איין משחית דער מלאך המות זאלשט ווישין אז עש איז ניט דא קיין שום דין אויף דער וועלט וואש איז ניט דורך דעם מלאך המות אזו אויך איז ער געגאנגען אין דער וואסער פון דעם מבול אויב דוא וועשט פרעגין דער משחית האט דאך געזעהען דיא תיבה זאלשטו ווישין אז ער האט קיין שליטה ניט סידין ער זעהט דעם מענטשין אין פנים דרום בשעת מכת בכורות אין מצרים שטייט ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בוקר וויל דער משחית איז דארט געוועזן:

רבי חייא ור' יוסי זיינען געגאנגען אין וועג זיינען זייא געקומען אויף דיא בערג פון אררט האבין זייא דארטין געזעהן דיא סימנים פון דור המבול זאגט רבי חייא צוא רבי יוסי דיא צייכין פון דעם דור המבול לאזט הקב"ה בלייבין בנו לדורות כדי מען זאל זעהען אז זייערע חטאים וועלין ניט אפ געמעקט ווערין דען אזו איז דער סדר פון הקב"ה דעסט גלייכין ביא צדיקים וויל הקב"ה אז זייער געדעכעניש זאל בלייבין לדור דורות אונ דרום שטייט ביא דיא רשעים נכתם עונך לפני רבי יוסי זאגט וויא צוא דיא רשעים וואש ווילין ניט קיין תשובה טאן אויף זייערע עבירות כל זמן זיי זיינען אויף דר וועלט וואלט זיי הקב"ה מוחל געוועזן אונ וואלט אויף זייא מגין געוועזן אבער אז ער שטארקט זיך אין דיא עבירות אונ טוט ניט קיין תשובה אזו אז ער שטארבט פאלט ער אריין אין גיהנם · קום אונ זעה דער דור המבול וויל זייא האבין געשטארקט זייערע הערצער צו טאן זייערע עבירות בפרהסיא דרום האט זייא הקב"ה געשטראפט אויך בפרהסיא · רבי יצחק זאגט אפילו אז אמענטש טוט איין עבירה שטילער הייד שטראפט אים אויך הקב"ה בפרהסיא אזו וויא מיר געפינען ביא איין סוטה · אזו אויך דער דור המבול זיינען אויך געשטראפט געווארין בפרהסיא דען מחמת דער הייסער וואשער איז זייא זייער הויט אונ פלייש צוא גאנגען אונ דיא בייגער זיינען צוא פאלין געווארין אונ עס איז מקוים געווארין וימחו מן הארץ אונ זייא זיינען פאר לארין געווארין פון דער וועלט אונ פון יענער וועלט · רבי יהודה זאגט אין דער צייט וואס זייא זיינען פאר לארין געווארין איז הקב"ה טרויעריג געוועזן וואס איז ניט דא קיינער זאל אויף זייא מגין זיין חאטשע עס איז דאך געוועזן נח נאר נח איז גינוג געוועזן וואס ער האט אויף זיך אליין מגין געוועזן אונ האט מעמיד געוועזן קינדער אויף דער וועלט דרום שטייט כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה דאס מיינט דער פסוק נאר אין דעם דור איז ער געוועזן איין צדיק רבי יוסי זאגט בדור הזה איז איין שבח אפילו אין דעם דור פון רשעים איז ער געוועזן אצדיק חאטשע ער האט ניט געהאט פון וועמען זיך אפ צו לערנען גוטש מכל שכן ער זאל געוועזן זיין אין איין דור פון צדיקים וואלט ער בוודאי געוועזן אצדיק נאר פאר וואס האט ער ניט מגין געוועזן אויף דער וועלט וויל קיין צעהען צדיקים זיינען ניט געוועזן אויף דער וועלט אזו וויא מיר געפינען ביא סדום אז אברהם האט נאר געבעטין אויף צעהען צדיקים · אבער דא איז דאך נאר געוועזן ער אונ זיינע דרייא זין מיט זייערע ווייבער · רבי אלעזר האט געפרעגט צוא זיין פאטער רבי שמעון מיר האבין דאך געלערינט ווען עש איז דא איין דין אויף דער וועלט אונ דער דין גייט ארויש אויף זייא אזו נעמט הקב"ה צו דעם צדיק פריער פון דער וועלט אונ ער שטארבט פאר זייא פאר וואש איז נח ניצול געווארין האט ער אים געענטפערט מיר האבין דאך געלערינט וויל הקב"ה האט געוואלט פון נח מוציא זיין זרע אויף דער וועלט אונ ווידער דער דין האט אין אים קיין שליטה ניט געקענט האבין וויל ער איז געוועזן באהאלטין אין דער תיבה · קום אונ זעה עס שטייט בקשו צדק בקשו ענוה אולי תסתרו ביום אף ה' אונ נח האט באגערט צדק אונ ענוה אונ איז געוועזן פאר בארגין אין דער צייט פון צארין דרום האט דער שטן ניט געקענט מקטרג זיין אויף אים · רבי יצחק זאגט נח איז דורך דעם ניצול געווארין וויל ער האט אין זייא התראה געטאן אלע טאג אונ זייא האבין אים ניט געוואלט פאלגין האט ער מקיים געוועזן דעם פסוק (יחזקאל ג') ואתה כי הזהרת רשע ולא שב כרשעו וגו' ואתה את נפשך הצלת דער פון לערנען מיר אפ ווען איינער שטראפט איין רשע חאטשע דער רשע איז ניט מקבל דיא שטראף באדארף ער אים פארט שטראפין ווארום דער מיט איז ער זיך מציל ער ווערט ניט נתפס אין זיין חטא אונ דער רשע ווערט אליין געשטראפט אויף זיינע עבירות:

רבי יצחק הייבט אן עס שטייט (ישעיה סג) מוליך לימין משה זרוע תפארתו בוקע מים

קום אונ זעה דעם חילוק פון משה צוא איין אנדערין בשעת דיא ישראל האבין געזינדיגט האט הקב"ה צוא אים געזאגט לאז מיך וועל איך דיא ישראל פאר לענדין אונ וועל דיך מאכין צוא איין גרויש פאלק האט משה געזאגט וויא אזו קען איך דאס טאן פון מיינט וועגין אצונד וועלין דיא גאנצע וועלט זאגין איך האב זייא אום געבראכט אזו ווי נח האט געטאן בשעת הקב"ה האט אים געזאגט איך וועל ברענגין אמבול אויף דער וועלט אונ דוא זאלשט דיר מאכין איין תיבה דוא זאלשט ניצול ווערין האט ער ניט מתפלל געוועזן אונ האט ניט געבעטין פאר זיי צו הקב"ה אונ האט זיי געלאזט פר לארין ווערין פון דר וועלט דרום הייסט דער מבול אויף דעם נאמען פון נח אזו וויא דער פסוק זאגט כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי מעבור מי נח על הארץ דרום הייסט דאס מי נח ווארום ער האט גורם געוועזן דעם מבול וויל ער האט ניט מתפלל געוועזן אויף זיין דור זאגט משה אזו וועט מען דאך אויף מיר אויך זאגין דאס איך האב געמאכט פאר לירין דיא ישראל פון דער וועלט דרום איז בעסער איך זאל שטארבין אונ ניט לאזין די ישראל פאר דארבין ווערין מיד ויחל משה האט ער אויף זייא מתפלל געוועזן זאגט רבי יצחק דער אן הייב תפלה איז געוועזן למה ה' יחרה אפך בעמך איז קשה וואס האט משה גזאגט למה ווארום בישטו ברוגז אויף זיי אמער זיי האבין דאך גדינט דאס עגל איז דאך השי"ת גרעכט נאר מיר האבין געלערינט אז איינער וויל שלום מאכין צווישין איינעם וואס האט געזינדיגט אנטקעגן אנדרין זאל ער פאר דעם גירעכטין מענטשין

קליין

קליין מאכין דיא זינד אונ אנטקעגין דעם וואס איז אום גירעכט גרויש מאכין דיא זינד אזו האט משה גיטאן אנטקעגין הקב"ה האט ער קליין גימאכט אונ האט גיזאגט למה אונ אנטקעגין דיא ישראל האט ער גימאכט גרויש אזו וויא דער פסוק זאגט אתם חטאתם חטאה גדולה אונ משה איז ניט אוועק גגאנגן ביז ער האט זיך מוסר נפש גוועזן אזו וויא עס שטייט ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך אונ הקב"ה האט זייא מוחל גיוועזן אזו וויא עס שטייט וינחם ה' על הרעה אבער נח האט ניט אזו גיטאן ער האט נאר גיזעהען ער זאל ניצול ווערין דרום תמיד אז דער מדת הדין איז שולט אויף דער וועלט זאגט דער רוח הקודש וואו נעמט מען אזו איין צדיק וויא משה איז גיוועזן דרום שטייט ויזכר ימי עולם משה עמו רבי יצחק זאגט חאטשע נח איז גיוועזן איין צדיק ופון דעסט וועגין איז ער ניט ראוי גיוועזן אז הקב"ה זאל מציל זיין דיא וועלט פון זיינט וועגין ווארום משה האט ניט אן גיהאנגען אין זיין זכות נייערט אין זכות אבות אזו וויא עש שטייט ער האט גיזאגט זכור לאברהם ליצחק וגו' אבער נח האט ניט גיהאט אין וועמען אן הייגען זאגט רבי אלעזר דאך האט ער גיזאלט מקריב זיין דעם קרבן וואש ער האט מקריב גיוועזן נאך דעם מבול וואלט הקב"ה פארט מוחל גיוועזן זאגט רבי יהודה דיא רשעים האבין אלע טעג דער צארינט צוא הקב"ה זאל ער מקריב זיין אקרבן · ער האט נאך מורא גיהאט פאר זיין לעבין אויך וייל דיא רשעים האבין דער צערינט להקב"ה אלע טאג : רבי יוסי איז גיוועזן שכיח פאר רבי שמעון פרעגט ער צוא רבי שמעון פאר וואש האט הקב"ה פאר לענט אלע בהמות וחיות ועופות אין דור המבול ווען דיא לייט האבין גיזינדיגט וואש האבין דיא בריאות גיזינדיגט ענטפערט אים רבי שמעון עם שטייט כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ זייא האבין אויך פאר דארבין זייער וועג אונ האבין מזנה גיוועזן איין מין מיט דעם אנדרין : רבי פנחס זאגט עש איז אמשל איין מלך האט חתונה גימאכט זיין זון בשעת חתונה איז ער גיווארין ברוגז אויף זיין זון אונ האט אים גיהרגית דער נאך איז ער גילאפין אויף דער חתונה אונ האט צוא בראכין אלע כלים אונ צוא ריסין אלע מלבושים אונ זאגט דען דיא אלע זאכין האב איך נאר גימאכט פון מיין קינדש וועגין חיינט אז ער איז שוין טויט וואש טויג מיר דיא אלע זאכין אזו אויך בייא דעם דור המבול אז דיא מענטשין זיינען אויש גישטארבין זיינען שוין דיא אנדרע בשעפניש אויך נהרג גיווארין : קום אונ זעה דיא רשעים האבין גימאכט אז אלע בעלי חיים בהמות חיות ועופות האבין אויך פאר דארבין זייער וועג אונ האבין מכחיש גיוועזן מעשה בראשית דרום האט הקב"ה גיזאגט איר ווילט מכחיש זיין מיין ווערק דער פאר ומחיתי את כל היקום וועל איך אויש מעקין אין גאנצין מיין ווערק אונ איך וועל אום קערין דיא וועלט אזו וויא זיא איז פריער גוועזן אייטל וואשר · אונ ווייטער וועל איך בשאפין אנדערע בריות וויא עש דארף צו זיין : כי לימים עוד שבעה אנכי ממטיר על הארץ ארבעים יום וארבעים לילה פר וואס פערציג

טאג נאר צוא שלאגין רשעים אזו וויא מלקות וואש בייא זייא שטייט ארבעים יכנו זאגט רבי חייא דיא וועלט איז גיוועזן אין עניות זינט אדם הראשון האט גיזינדיגט ביז נח איז גיקומען אין דיא וועלט ווידער מיושב גיווארין · רבי יוסי זאגט די וועלט איז ניט גיווארין מיושב אונ איז ניט ארויש גיגאנגען פון דעם זוהמת נחש ביז דיא ישראל זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני אונ האבין גיהאט איין אחיזה אין דעם עץ החיים איז ערשט דיא וועלט רעכט מיושב גיווארין אונ אז דיא ישראל זאלין ניט גיוועזן זינדיגין מיט דעם עגל וואלטין זייא ניט גיוועזן גישטארבין דען דיא זוהמת הנחש איז פון זייא בטל גיווארין בשעת קבלת התורה אונ אז זייא האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל אזו זיינען דיא לוחות צוא בראכין גיווארין וואש אויף זייא איז גיוועזן דאש חרות פון אלע זאכין אונ דיא לוים זיינען אויף זייא אויף גישטאנען אונ האבין דיא רשעים גיהרגית אזו האט זיך דער וועקט דער נחש הרע אונ איז אלץ פאר זייא גיגאנגען אונ האט דאך אין זייא ניט גיקאנט שולט זיין וייל זייא זיינען גיוועזן אן גיגורט מיט כלי זיין דאש זיינען די שמות הקדושים וואש זייא האבין מקבל גיוועזן אויף דעם בארג סיני אונ אז משה האט זייא גיזאגט ועתה הורד עדיך מעליך האבין זייא אפ גיטאן דאש צירונג דאש מיינט מען דיא שמות הקדושים אזו איז ווידער רשות גיגעבין גיווארין צוא דעם נחש ער זאל ווידער אויף זייא שולט זיין דרום שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב עש איז גיווארין אוועק גינומען זייערע צירונג דורך ק"ך רבוא מלאכי חבלה אזו איז ווידער דער נחש אויף זייא גיקומען זאגט רבי חייא נח איז דאך איין צדיק גיוועזן פאר וואש האט ער ניט מבטל גיוועזן דעם טויט פון דער וועלט זאגט רבי יוסי דרום וייל דיא זוהמא פון דעם נחש האט זיך נאך ניט אויף גיהערט פון דער וועלט אונ ווידער זייא האבין קיין אמונה ניט גיהאט אין הקב"ה אונ האבין זיך בהעפט אין דיא קליפות חיצונות אונ ווידער וייל נח האט אויך גיצויגין דעם נחש אויף דער וועלט דער מיט וואש ער האט זיך אן גיטרונקין מיט וויין אזו וויא עש שטייט וישכר ויתגל בתוך אהלו אונ מחמת עש איז נאך קיין תורה ניט גיוועזן אויף דער וועלט דרום האט נח זייא ניט גיקאנט מציל זיין אזו וויא זייא גייען דער זעהען זייא גיין איין יהודי פרעגין זייא אים ווער בישטו זאגט ער איך בין אשליח מצוה איך זיץ אין דער שטאט כפר דראמן אונ אצונד איז פר סוכות דארף מען האבין דיא פיר מינים פון לולב מיט איין אתרוג גייא איך זייא ברייגגן איין אתרוג מיט דיא פיר מינים וויא זייא גייען זאגט דער יהודי צו זייא ד' מינים שבלולב קומען איבער בעטין להקב"ה ער זאל געבין רעגין ווארום נעמט מען זייא דווקא בחג הסוכות אונ ניט אנדער יום טוב זאגין זייא צוא אים דיא רבנן האבין דאך שוין גיזאגט דעם טעם נאר האשטו עפעס נייעש זאג אונז ענטפערט ער זייא דיא שטאט וואו איך זיץ איז אקליין ארט מיר אלע זיינען עוסק בתורה אונ מיר האבין בייא אונז רבי יצחק ברבי יוסי ער זאגט אונז אלע טאג נייע תורה האט ער אונז גיזאגט דרום נעמען דיא ישראל דיא פיר מינים אום סוכות צוא ווייזין אז מיר האבין זוכה בדין גיוועזן אום יום כפור אונ דרום נעמט מען דיא פיר מינים כדי מיט דעם זאל מען איבער בעטין להקב"ה מיט דעם סוד פון דעם שם הקודש וואש איז מרמז אויף דיא פיר מינים אונ דורך דעם וועלן מיר שולט זיין אונ מיר וועלין דער וועקין אויף אונז דיא היליגע קוועלינדיגע וואשער דרום איז דענצמאל גיוועזן אין בית המקדש ניסוך המים דער נאך האט ער זייא גיזאגט גרוישע סודות זאגט רבי חייא אונ רבי יוסי הקב"ה האט אונז אן גיברייט דעם וועג וואול צוא דיא לייט וואש זיינען עוסק בתורה אונ רבי יוסי לייענט אויף אים דעם פסוק וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך וויא זייא זיינען גיקומען ווייטער אין פעלד האבין זיי זיך גזעצט זאגט דער יהודי ווארום שטייט וה' המטיר על סדום שטייט דא דער שם הוי"ה אונ בייא דעם דור המבול

שטייט אלין דער שם אלהים אלא יהי׳ איז טייטש ער מיט זיין בית דין אונ אלהים איז טייטש נאר דאש בית דין אליין בייא סדום האט זיך דער דין דער וועקט נאר אויף זייא אונ ניט פאר לענדין דיא גאנצע וועלט דרום האט זיך הקב״ה מיט זייא משתף גיוועזן כדי עש זאל זיין רחמים בייא דעם דין אבער בייא דעם מבול איז דיא גאנצע וועלט פר דארבין גיווארין חאטשע נח מיט זיינע קינדער זיינען ניצול גיווארין זיינען זייא דאך גיוועזן בהאלטין אין דער תיבה אבער אלדינג וואש איז גיוועזן אויף דער וועלט איז דאך פאר דארבין גיווארין דרום שטייט אלהים אונ דער נאך אז דער רוגז פון אלהים איז גישטילט גיווארין שטייט ויזכור אלהים את נח ואת כל החיה אונ וייל הקב״ה איז פר הוילין אונ איז אויך אנפלעקט מכח זיין בית דין אונ ער איז פאר הוילין אין דעם ארט וואו אלע ברכות קומען פון דארט דרום אלע זאכין וואש זיינען פאר הוילין רוט דרויף דיא ברכה אונ וואש עס איז אנפלעקט קען דרויף קומען איין עין הרע ווינט רבי יוסי אויף דיא סודות וואש ער האט דארט גיזאגט אונ זאגט וואול צוא דעם דור וואס רבי שמעון איז צווישין זייא אין זיין זכות האט אונז הקב״ה צוא גישיקט דיא סודות פון אזו אגרוישין מענטשין וואול צוא דיא ישראל וואש הקב״ה האט זייא גיגעבין דיא תורה הקדושה אונ זייא זיינען עוסק אין איר טאג אונ נאכט אז זייא זיינען גיקומען צוא רבי שמעון אונ האבין אים דער צייליט דיא אלע זאכין וואש ער האט גיזאגט זאגט רבי שמעון בוודאי האט ער רעכט גיזאגט :

ויבא נח ואשתו ונשי בניו רבי חייא הייבט אן עש שטייט אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה׳ וויא אזו האבין דיא מענטשין אזעלכע פאר שטאפטע הערצער אונ פאר מאכטע אויגין אונ זיינען ניט משגיח צוא ווישין דעם כבוד פון זייער הערין הקב״ה אזו וויא דער פסוק זאגט הלא את השמים ואת הארץ אני מלא דאש גאנטש כבוד איז פול אויף דעם הימיל אונ אויף דער ערד אונ זייא ווילין זיך פאר בארגין פון מיר מיט זייערע עבירות אונ זאגין מי יראני ומי ידעני דאש קיינער וויישט ניט אונ זעהט ניט והיה במחשך מעשיהם אונ זייא פאר בארגין זיך מיט זייערע מעשים פאר הקב״ה עש איז איין משל צוא איין מלך וואש ער האט גיבויט איין פאלעץ אונ האט דארט גימאכט פאר בארגענע היילין אונ אין איין צייט ארום האבין זייא מורד גיוועזן אין אים אונ האבין זיך פאר בארגין אין דיא היילין זאגט דער מלך דיא היילין האב איך דאך אליין גמאכט אונ איר מיינט אז איך וויש פון זייא ניט אונ איז גיקומען אויף זייא מיט זיין חיל אזו אויך זאגט הקב״ה איך האב אליין בשאפין דעם אור אונ דעם חושך מיט אלע פאר בארגעניש אונ איר ווילט זיך פאר בארגין פון מיר דרום שטייט אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו ווען א מענטש זינדיגט צוא הקב״ה אין פאר בארגעניש איז אים הקב״ה מפרסם אונ אז דער מענטש בהעפט זיך אין הקב״ה בהאלט אים הקב״ה ווען דער מדת הדין איז שולט אויף דער וועלט ער זאל אויף אים ניט קענען שולט זיין ביום אף ה׳ אונ אז דער מדת הדין זאל אים זעהען וואלט ער אין אים שולט גיוועזן דרום האט רבי שמעון גיזאגט איטליכער מענטש וואש האט איין שלעכט אויג איז אויף אים שולט דאש עין רע פון דעם משחית ומחבל דרום זאל איין מענטש נזהר זיין ער זאל זיך ניט מקרב זיין צוא אים כדי ער זאל ניט ניזוק ווערין פון אים ומכל שכן ער זאל זיך פאר בארגין פאר דעם שטן ומלאך המות ווען ער האט רשות צוא פאר דארבין דיא וועלט דרום שטייט בייא בלעם ונאום הגבר שתום העין ער האט גי[illegible] איין שלעכט אויג אויף וואש ער האט גיקוקט האט ער אויף גיצויגין דרויף דעם רוח פון דעם משחית דרום האט ער זייער גיוואלט זעהן דיא ישראל מיט זיין עין הרע כדי ער זאל זייא פאר לענדין דער מיט דרום שטייט וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו ער האט אויף גיהויבין דיא אויגין צו זעהען זייא מיט זיין שלעכט אויג האט ער גיזעהען אז די שכינה דעקט זייא צוא אונ רועט אויף זייא וויא איין מוטער הויערט אויף אירע קינדער אונ דעקט זייא צוא מיט אירע פליגיל אזו זיינען גיוועזן צוועלף שבטים אונטער דער שכינה ואזו וויא דיא מרכבה עליונה דרום שטייט כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו ער האט גיזעהן דיא שכינה הויערט אויף זייא דרום שטייט ותהי עליו רוח אלהים עליו איז ניט דיא טייטש אויף בלעם נאר עליו מיינט מען אויף דיא ישראל איז גיוועזן דער רוח אלהים דרום האט ער זייא גאר ניט גיקענט טאן דרום אויך האט הקב״ה גהייסן צוא נח אז ער זאל זיך פר בארגין פון דעם שטן כדי זיין עין הרע זאל אויף אים ניט שולט זיין אונ אז נח האט גיזעהן אז דער מלאך המות קומט אין דער וואשער איז ער אריין גיגאנגען אין דער תיבה אונ האט זיך דארט פאר בארגין צוועלף חדשים דען אזו איז דער דין פון די רשעים אין גיהנם צוועלף חדשים :

וימח את כל היקום אשר על פני האדמה רבי אבא זאגט דער פסוק ווייזט אונז אז הקב״ה האט צום ערשטין מעביר גיוועזן אלע ממונים של מעלה אזו וויא דער פסוק זאגט יפקוד ה׳ על צבא המרום במרום פריער טוט הקב״ה בפוילין דיא צבא מרום אין הימיל אונ וויא אזו איז אים הקב״ה מעביר ער פירט אים איבער דורך פייער אזו וויא עש שטייט כי ה׳ אלהיך אש אוכלה הוא דאש פייער פאר ברענט אנדער פייער דרום שטייט וימח את כל היקום דאס מיינט מען דיא ממונים פון אויבין אונ דער נאך מאדם עד בהמה עד רמש ועד עוף השמים וימחו מן הארץ דאש זיינען די אונטערשטע :

וישאו את התיבה ותרם מעל הארץ רבי אבא הייבט אן רומה על שמים אלהים על כל הארץ כבודך וויא צוא דיא רשעים וואש זייא זינדיגין אונ דער צערינגען זייער הערין אלע טאג אונ מיט זייערע זינד זיינען זייא דוחה דיא שכינה פון דער וועלט דרום שטייט ותרם מעל הארץ דיא שכינה האט זיך דער הויבין אונ אפ גיטאן פון דער וועלט דענשט מאל האבין שוין דיא קליפות מיט דעם מדת הדין שולט גיוועזן אויף דער וועלט ביז די רשעים זיינען פאר לענט גיווארין אזו איז ווידער דיא שכינה גיקומען אויף איר ארט פרעגט רבי יוסי אין ארץ ישראל זיינען דאך אלע רשעים פאר לענדין גיווארין פאר וואש איז דיא שכינה ניט ווידער גיקומען אויף איר ארט אזו וויא פריער ענטפערט רבי אבא עס איר אבר אין דרינען ניט גיוועזן קיין צדיקים דען וואו צדיקים זיינען רוט דיא שכינה אפילו אין חוץ לארץ כל שכן אין ארץ ישראל אונ פון די עבירות וואש זיינען דוחה דיא שכינה איז דער וואש איז זיך מטמא אונ ער איז ניט זוכה צוא זעהן פני השכינה אונ ניט צוא קומען אין זיין היכל דרום שטייט בייא דעם דור המבול וימחו זייא זיינען פון אלדינג אפ גימעקט גיווארין קום אונ זעה אז הקב״ה וועט מחיה מתים זיין וועט ער בשאפין איין נייעם גוף צוא דיא מתים פון חוץ לארץ וואו עש גיהער צוא זיין דען איין ביינדיל בלייבט איבער אין די ערד וואש עש ווערט ניט פאר פוילט ווערט דאש אזו וויא זויער טייג וואש מאכט דאס גאנצע טייג אויף גיין אזו דורך דעם ביינדיל ווערט גיבויט דער גאנצער גוף אבער דיא נשמה וועט הקב״ה ניט געבין צוא איטליכין נאר אין ארץ ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט אין (יחזקאל לז) בפתחי את קברותיכם עמי והעליתי אתכם מקברותיכם עמי והבאתי אתכם אל אדמתכם דאש זייא



ווען

וועלין זיך קייקלין אונטער דער ערד דער נאך שטייט ונתתי רוחי בכם והייתם איך וועל דארט געבין מיין רוח וועט איר דארט לעבעדיג ווערין חוץ דער דור המבול וואש זייא האבין זיך שטארק מטמא גיוועזן אונ אויף זייא שטייט וימחו מן הארץ זייא זיינען אפ גימעקט גיווארין פון דער ערד וואש דער פסוק זאגט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ מיינט מען דעם ארץ החיים זיינען זייא פון דעם ארץ אפ גימעקט גיווארין אבער צו דעם משפט וועלין זיי אויך אויף שטיין אזו וויא דר פסוק זאגט (דניאל יב) ורבים מישני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם:

ויזכור אלהים את נח רבי אלעזר זאגט ווען דער מדת הדין איז שולט אויף דער וועלט גיהער דער מענטש ניט דר מאנען זיין נאמען פר הקב"ה אויבין דען ווען מען איז מזכיר זיין נאמען פר הקב"ה אויבין איז דער מדת הדין מקטרג אויף אים צוא גידיינקען זיינע עבירות וואס ער האט גיטאן מיר לערנען דאס אפ פון דער שונמית אזו וויא דער פסוק זאגט (מלכים ב) ויהי היום ויעבור אלישע שונם דאש איז גיוועזן אום ראש השנה דאס הקב"ה איז דן דיא וועלט האט אלישע צוא איר גיזאגט היש לך לדבר אל המלך טאמר האשטו עפעס צו ריידין צו דעם מלך דאס מיינט מען הקב"ה וואס ער ווערט דענשט מאל אן גירופין המלך הקדוש וועל איך פון דיינט וועגין בעטין האט זיא גיזאגט בתוך עמי אנכי יושבת איך וויל ניט מען זאל אויף מיר משגיח זיין אויף מיינע מעשים גייערט איך וויל זיין צווישין גאר דעם פאלק ווארום דער וואש איז זיך כולל צווישין כלל ישראל דער ווערט אויבין ניט דער מאנט צוא שלעכטש דרום כל זמן דער מדת הדין האט שולט גיוועזן האט הקב"ה אויבין ניט דער מאנט צוא נח נאר נאך דעם אז דער מדת הדין איז אוועק גיגאנגען שטייט ויזכור אלהים את נח האט ערשט הקב"ה דער מאנט דעם נאמען פון נח:

רבי חזקיה איז גיגאנגען אין וועג פון קפוטקיא קיין לוד האט אים בגעגינט רבי יוסי זאגט רבי יוסי צו אים איך פאר וואונדער זיך זייער אויף דיר וואש דוא גיישט אליין אונ מיר האבין דאך גילערינט אז אמענטש זאל אליין ניט גיין אין וועג זאגט רבי חזקיה איין יונגיל גייט מיט מיר ער וועט באלד קומען אהער זאגט רבי יוסי דרויף איז מיר נאך מער וואונדער וויא אזו גייסטו מיט אזו אמענטש וואש דוא קאנסט מיט אים ניט עוסק זיין בדברי תורה אין וועג: מיר האבין דאך גילערינט ווער עש גייט אין וועג אונ איז ניט עוסק בתורה קומט ער צוא איין סכנה זאגט ער דאש איז גיוויש אזו: דער ווייל קומט אן דאש יונגיל צוא גיין פרעגט אים רבי יוסי מיין קינד פון וואנען בישטו זאגט ער איך בין פון לוד אונ איך האב גיהערט אז דער תלמיד חכם גייט אהין אזו האב איך מיך אן גיבריט מיט אים צוא גיין צוא באדינען אים זאגט צוא אים רבי יוסי מיין קינד קאנשטו עפעס לערנען זאגט ער איך קאן וואל איך גידיינק ווען מיין פאטער האט מיט מיר גילערינט פרשת הקרבנות אונ אז ער האט גילערינט מיט מיין עלטרין ברודער האב איך אויך צוא גיהערט זאגט רבי יוסי מיין קינד זאג מיר עפעס וואס דו האסט גילערינט פתח הייבט ער אן עס שטייט ויבן נח מזבח לה' ויקח מכל הבהמה הטהורה ווארום האט נח מקריב גיוועזן איין עולה דען איין עולה קומט דאך נאר אז אמענטש האט גיזינדיגט מיט דער מחשבה · נאר דאס טראכטונג פון נח איז אזו גיוועזן · הקב"ה האט גוזר גיוועזן אויף דער גאנצער וועלט צו פאר דארבין אונ מיך האט ער מציל גיוועזן טאמער האב איך שוין מער קיין זכות ניט מיד באלד ויבן נח מזבח לה' האט ער גיבויט אמזבח וואס אדם הראשון האט אויף אים מקריב גיוועזן · אונ נאך וואס שטייט דאס לשון ויבן איז משמע ער האט גיבויט איין נייעם מזבח נאר דאס מזבח וואס אדם הראשון האט גימאכט האבין די דורות הרשעים צוא בראכין האט דאס נח ווידער גיבויט דאס איז איין סוד אונ עס איז נאך דא פיל סודות וואס דאס קינד האט מגלה גיוועזן איז רבי יוסי אויף גישטאנען אונ האט אים גיקושט אונ זאגט פיל גוטש איז גיוועזן בייא דיר אונ איך האב דער פון ניט גיוואושט זאגט רבי יוסי איך וועל שוין מיין וועג ניט גיין נאר מיט דיר דען דער וועג איז מיט דער שכינה אן גיבריט פאר אונז האט ער גינומען דאס קינד בייא דער האנט אונ איז גיגאנגען מיט אים זאגט רבי יוסי צוא אים זאג מיר וואס דיין פאטער האט גיזאגט האט דאס קינד אן גיהויבין מגלה זיין גרוישע סודות אויף דעם פסוק ישקני מנשיקות פיהו זאגט רבי יוסי צו דעם קינד וויא אזו איז דיין נאמען זאגט ער אבא איז מיין נאמען זאגט רבי יוסי צוא אים אבא איז טייטש אפאטער דוא זאלשט זיין אפאטער אין דער חכמה אונ מיט לאנגע יאר ער לייענט אויף אים דעם פסוק ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך:

ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ הקב"ה האט זייא גיבענטשט אז פון היינט אן אונ ווייטער זאלין זייא האבין דאש גישטאלט פון אמענטשין דען צוא ערשטין אז הקב"ה האט באשאפין אדם הראשון האט ער אים בשאפין אין דעם גישטאלט אונ אין דעם פארים פון הקב"ה אונ אז אלע באשעפענעש האבין אויף גיהויבין זייערע אויגין אונ האבין דער זעהען דעם היליגין גישטאלט כדמות של מעלה זיינען אלע דער ציטערט גיווארין אונ האבין זיך גיפארכטין פאר אים אונ אז זיי האבין גיזינדיגט איז דער גישטאלט פאר ענדערט גיווארין אונ איז שוין ניט גיוועזן בצלם אלהים אזו האבין זייא זיך שוין גיפארכטין פאר אלע חיות אונ באשעפענעש אונ אזו איטליכער מענטש אז ער איז ניט עובר אויף דער תורה ווערט זיין צורה ניט משתנה פון דעם צלם אלהים אונ אלע בריות פון דער וועלט האבין פאר אים מורא אבער אז ער זינדיגט ווערט ער אן דעם צלם אלהים אונ אלע בריות וחיות רעות זיינען אויף אים שולט אונ דרום ווייל נאך דעם מבול איז דיא וועלט בנייט גיווארין דרום האט זיי הקב"ה ווידער גיגעבין שליטה אויף אלע חיות ובריות אזו וויא דער פסוק זאגט וכל דגי הים בידכם נתנו אפילו דיא פיש אין וואשער זיינען אין אייער האנט גיגעבין גיווארין ומכל שכן אנדערע בריות:

ויחל נח איש האדמה ויטע כרם רבי יהודה אונ רבי יוסי קריגין אין דעם איינער זאגט דער בוים פון ווייןטרויבין איז פאר טריבין גיווארין פון דעם גן עדן האט אים נח דא גיפלאנצט אונ איינער זאגט ער האט אים דא גיפונען האט ער אים אויש גיריסין פון דעם ארט אונ האט אים ווידער גיפלאנצט אין דעם טאג האט דער בוים אויש גיצויגין בלעטער מיט וויין טרויבין אונ נח האט זייא אין דעם טאג גיטראטין מאכין וויין אויף טרינקען אונ האט גיטרונקען אונ איז שיכור גיווארין · רבי שמעון האט גיזאגט גרוישע סודות פון דעם כרם וואש ער איז גיוועזן דאש איז איין סוד פון דעם גפן וואש אדם הראשון איז דער מיט נכשל גיווארין אונ וואש דיא בני אהרן האבין גיזינדיגט קען מען עש ניט שרייבין עס איז אגרוישער סוד:

פתח ער האט אן גיהויבין אונ האט גיזאגט עס שטייט כי פשעי אני ארע

וחטאתי

וחטאתי נגדי תמיד. וויא אזוי דארף דער מענטש גיהיט זיין ער זאל ניט זינדיגין פאר הקב"ה דען אז דער מענטש זינדיגט ווערט זיין עבירה אן גיצייכינט למעלה אונ ווערט ניט אפ גימעקט נאר מיט גרויש תשובה אזוי וויא דער פסוק זאגט (ירמיה ב׳) כי אם תכבסי בנתר ותרבי לך בורית וגו׳ קום אונ זעה אז דער מענטש זינדיגט פאר הקב"ה איין מאל מאכט ער למעלה אצייכין אונ אז ער זינדיגט נאך אמאל ווערט דער צייכין מער גישטארקט אונ אז ער זינדיגט דאס דריטע מאל צוא שפרייט זיך דער פלעק זייער שטארק דעם דעם פערטע מאל שטייט שוין נכתם עונך לפני אז דוד המלך האט גיזינדיגט פאר הקב"ה מיט בת שבע האט ער גימיינט אז דער צייכין פון דער עבירה ווערט שטיין אויף אייביג אבער דער פסוק זאגט גם ה׳ העביר חטאתך לא תמות השם יתברך האט אפ גימעקט דיין צייכין אונ האט מעביר גיוועזן פון דער וועלט זאגט רבי מיר האבין דאך גילערנט אז בת שבע איז גיוועזן ראוי צוא דוד פון דער צייט אן אז מען האט דיא וועלט באשאפין פאר וואס האט הקב"ה זיא גיגעבין צוא אוריה החתי זאגט ער אזוי איז דער סדר פון הקב"ה מיט מענטשין חאטשע דיא אשה איז אן גיברייט צוא דעם מענטשין קען אנגדערר זיך פעדערין אונ זיא זיך געמעו פאר איין אשה אונ אז דיא צייט קומט אז יענער זאל זיא אפ נעמען אזוי מוז דר מענטש שטארבין וואס האט זיא פריער גינומן אונ ער ווערט נדחה פר יענם כדי ער זאל זיך אפ נעמען זיין בת זוג אונ דאס איז דר טעם וואש ארץ כנען איז פריער גיגעבין גיווארין צו כנען פאר דיא ישראל דאש איז אלץ ידוע צוא דיא מקובלים: קום אונ זעה חאטשי דוד האט מתודה גיוועזן אויף זיין חטא אונ האט תשובה גיטאן פון דעסט וועגין האט ער זיך פארט אלע מאהל גיפארכטין פאר זיינע זינד אונ פאר דעם חטא פון בת שבע טאמר וועט זיין חטא גורם זיין אונ וועט אויף אים מקטרג זיין בשעת הסכנה דרום שטייט כי פשעי אני אדע אננדער פשט איז כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד דאש האט ער גיזאגט אויף דעם חסרון הלבנה דאש די לבנה איז קלענער גיווארין דעם פערטין טאג אונ דוד האט זיא גיוואלט מתקן זיין מיט זיינע שירות אונ זיא איז ניט מתוקן גיווארין ביז שלמה המלך איז גיקומען איז זיא ערשט דער לייכט גיווארין אונ דיא וועלט איז מתוקן גיווארין דרום זיינען דיא ישראל גיזעסין פאר זיכערט אזוי וויא עם שטייט וישבו איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו. אויף דעם האט דוד גיזאגט וחטאתי נגדי תמיד דאס איז דער חטא הלבנה אונ דער רעכטער תיקון וועט ערשט זיין אז משיח וועט קומען דען וועט מקוים ווערין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ וועט דער מיעוט הירח רעכט מתוקן ווערין:

הוא היה גבור ציד לפני ה׳ דער נמרוד איז גיוועזן איין שטארקער מאן ווייל ער האט אן גיטאן דאס קלייד וואס הקב"ה האט אן גיטאן צוא אדם הראשון דען דורך דער קלייד האט נמרוד גיקענט חאפין אלע באשעפעניש אונ דרום האט ער גיהייסין נמרוד ווייל ער האט מורד גיוועזן אונ ווידר גישפעניגט פר הקב"ה אונ פאר די עליונים ותחתונים ער האט גיזאגט ער איז דער גיוועלטיגער פון דער וועלט ביז זייא האבין אלע אפ גיקערט פון הקב"ה אונ האבין גידינט עבודת כוכבים זאגט רבי שמעון אין דיא קליידער וויישין דיא חכמים גרוישע סודות: רבי חייא ור׳ יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג זאגט רבי חייא לאמיר אן הויבין מחדש זיין אין דער תורה האט רבי יוסי אן גיהויבין עש שטייט כי ה׳ אלהיך מתהלך בקרב מחניך להצילך הקב"ה איז גיגאנגען מיט דיא ישראל אין דער מדבר אזוי וויא עש שטייט וה׳ הולך לפניהם יומם אונ אויך גייט דיא שכינה מיט דעם מענטשין אזוי וויא עש שטייט וה׳ לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו אז דער מענטש איז פרום טוט הקב"ה גיין מיט אים צו העלפין אים אונ צוא בשיצין אים אין דער וועגין פאר אלע שלעכץ דרום גיהער זיך דר מענטש האלטין ריין אונ הייליג אזוי וויא עש שטייט והיה מחניך קדוש ווארום שטייט קדוש לשון יחיד עש וואלט בדארפט שטיין קדושים אלא דאש גייט אויף דיא איברים פון דעם מענטשין זיין גוף זאל זיין הייליג כדי דיא קדושה זאל קענען רוען אויף אים דרום זאגט דער פסוק ולא יראה בך ערות דבר וואש איז טייטש דבר אלא דבר מיינט מען דבור דאש דער מענטש באדארף היטין זיין דבור ער זאל ניט ריידין קיין ניבול פה אונ ליצנות אונ לשון הרע כדי ער זאל ניט מטמא זיין זיין מויל ווארום דיא שכינה גייט פון אים אוועק דרום שטייט ושב מאחריך ווען דער מענטש איז מטמא זיין גוף מיט זנות אונ הייליגט ניט זיין גוף אזוי רוט אויף אים ניט דיא קדושה דרום בדארפין מיר עוסק זיין בתורה דען דיא תורה קריינט דעם מענטשין אויף זיין קאפ אונ דיא שכינה ווערט ניט אפ גיטאן פון אים: רבי חייא הייבט אן עם שטייט ויאמר ה׳ הן עם אחד וגו׳ דר דור הפלגה האט גיפונען איין ארט פון דעם דור המבול אפ צו קערין פון הקב"ה אונ זיי האבין גרויש הצלחה גיהאט אין זייערע ווערג ווייל זייא זיינען גוועזן עם אחת ושפה אחת אונ האבין אלע גירעט לשון הקודש האט הקב"ה גיזאגט ווייל זיי זיינן איין פאלק אונ האבין איין הארץ אונ ריידין לשון הקודש דרום וועט דאך אלץ זיין וואס זיי ווילין איך וועל מבלבל זיין זייער לשון אונ זייערע מדריגות עליונות האט זיי הקב"ה מבלבל גיוועזן אונ האט זיי פאר שפרייט אויף דר וועלט הייגט לאמיר זעהן ומה דאך זיי האבין גילייקינט אין גאט נאר ווייל זייא זיינען גיוועזן מיט איין הארץ אונ האבין גירעט לשון הקודש האט קיין דין אין זייא ניט גיקענט שולט זיין ביז הקב"ה האט זייא מבלבל גיוועזן איז שוין אבל שכן מיר אונ די חבירים מיר זיינען בלב אחד אונ זיינען עוסק בתורה בלשון הקודש קען בוודאי דער מדת הדין ניט שולט זיין אין אונז זאגט רבי יוסי פון דאנען לערנען מיר אפ אז מחלוקת האט קיין קיום ניט דען ווייל זייא זיינען מיט צוא טיילטע הערצער ווארום זייא האבין דאך אמת גילייקינט אין גאט נאר ווייל זייא האבין גיהאט איין הארץ האט דער מדת הדין ניט שולט גיוועזן אין זייא זאגט רבי חייא מיר לערנען אפ אז אלץ איז גיווענט אין דבור פון דעם מענטשין דען וויא באלד גאט האט נאר זייער לשון פאר מישט זיינען זייא תיכף פאר שפרייט גיווארין אבער אז משיח וועט קומען שטייט כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה׳ אונ ווידער שטייט והיה ה׳ למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה׳ אחד ושמו אחד:

ויהי כל הארץ שפה אחת וגו׳ דער דור הפלגה האבין אלע גירעט בלשון הקודש וואש דאש לשון פאר שטייען דיא מלאכים זייא האבין קיין אנדער לשון ניט גירעט דרום שטייט ועתה לא יבצר מהם דען וועלין דיא דור הפלגה אלץ פועל זיין דען אז מען רעט אנאנדער לשון צוא דיא מלאכים זיינען זייא דרויף ניט משגיח דען מעשה שדים איז נאר איין פאר בלענדעניש פאר דיא לייט אונ ניט מער אונ זייא האבין גיוואלט דוחה זיין דיא קדושה אונ שטארקין דיא טומאה דען זייא האבין גיוואושט איטלעכין ממונה אויף וואש ער איז גיזעצט דרום האבין זייא מצליח גיוועזן אין דעם עיר ומגדל וואש זייא האבין גיבויט אונ וואש

גינאנגען בשלום אונ אויב ניט איז ארויש גיגאנגען איין פלאם פייער
פון דיא כרובים אונ האט אים פאר ברענט אזו איז אויך דיא כרובים
פון דעם גן עדן צוא לייטערין דיא נשמה אונ אז זיא איז זוכה גיט מען
איר איין בוך פאר איין סימן ארויין צוא גיין אין דיא שערי גן עדן
התחתון אונ דארטין איז פאר האנדין איין זייל פון ענן ונוגה גימישט
אונ עשן ונוגה איז ארום אזו וויא דער פסוק זאגט וברא ה׳ על מכון הר
ציון ועל מקראיה ענן יומם ואש נוגה אונ פון דארטין גייט זיא ארויף צוא דיא
שערי ירושלים איז זיא ניט זוכה בלייבט זיא דארטין אונ ווערט דארטין
אן גיזאגט פון דעם גוטש פון אויבין אבער ווען זיא איז זוכה גייט זיא
דורך דער זייל צוא דער דריטער טיר ער היישט זבול ביז ירושלים
איז זיא זוכה זיינען דארטין פאר האנדין שומרים עפינט מען איר
אויף דיא אלע טירין גייט זיא ארויין אונ אויב ניט פאר שליסט מען
דיא אלע טירין אונ מען נעמט ביא איר צוא דעם בוך וואש זיא האט
גיבראכט אסימן אונ מען שטויסט זיא ארויש אזו זאגט דיא נשמה
מצאוני השומרים הסובבים בעיר דאש זיינען דיא מלאכי השרת וואש זייא
היטין דאש בית המקדש וירושלים של מעלה נשאו את רדידי מעלי זייא
האבין ביא מיר צוא גינומען דעם סימן דאש היישט דער בוך שומרי
החומות דיא וואש זיינען שומרים אויף דיא חומות ירושלים ווען זיא איז
אבער זוכה אזו גייט זיא אריין אין דיא שערים אונ טוט לויבין צוא
הקב״ה אין בית המקדש וואש איז אויבין אונ מיכאל שר הגדול איז זיא
מקריב פאר אקרבן צוא הקב״ה דאש היישט אזו וויא איינער בריינגט
איין מתנה פאר איין מלך אונ מיכאל גייט מיט איר ביז צוא דער
פערטער אונ דיא פינפטע טיר אונ זאגט פאר הקב״ה רבונו של עולם
וואול צוא דיינע קינדער דיינע ליב האבער אברהם יצחק ויעקב וואול צוא
דיא צדיקים וואש זייא זיינען זוכה צוא קומען צוא דעם שער השביעי
וואש ער היישט ערבות דארטין זיינען גנזי החיים אונ נשמות הצדיקים אונ
דארטין ווערין זייא מלאכי השרת אונ לויבין פאר הקב״ה אונ ווערין
גישפייזט פון דעם לויטערין ליכט וואש זיא היישט אספקלריא המאירה אונ
דארטין איז דיא מנוחה פון חיי עולם הבא דרום זאגט ער אלה תולדות נח
דיא מנוחה ונחלה וואש אויף דעם שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך דער צוא
האט נח זוכה גיוועזן ווארום נח איש צדיק תמים ווייל נח איז גיוועזן אצדיק
תמים האט זיך הקב״ה משתעשע גיוועזן מיט זיין נשמה דרום שטייט את
האלהים התהלך נח דאש מיינט מען אויבין ניט אונטין · רבי יצחק זאגט
הקב״ה האט גישווארין אז ער באגערט ניט אין דעם טויט פון דיא
רשעים אזו וויא דער פסוק זאגט חי אני נאום ה׳ אלהים אם אחפוץ במות הרשע
וגו׳ הקב״ה וויל אז דער רשע זאל תשובה טאן ווערט ער לעבין בעולם
הזה ובעולם הבא וואול צוא דיא ישראל וואס מען זאגט זייא טוט
תשובה ווערט איר לעבין רבי יוחנן זאגט עש שטייט ועיני רשעים תכלינה
ומנוס אבד מנהם וגו׳ עש איז אמשל צוא גזלנים וואש זייא פלעגין רויבין
מענטשין אויף דעם וועג אמאל האט מען זייא ארין גיחאפט אין דער
תפיסה האבין זיך זייא באטראכט אז וועדליג זייער מעשים הרעים
וואש זייא האבין גיטאן ווערט מען זייא בודאי אן טאן גרושע
יסורים האבין זייא אונטער גיגראבין דאש תפיסה הויז אונ זיינען
אנטלאפין · גיווארין איינער צווישין זייא איז גיוועזן איין שוטה ער
האט אויך גיזעהען דיא לאך אונ איז ניט אנטלאפין גיווארין · צוא
מארגין איז גיקומען דער מלך זעהען דיא תפיסה פון דיא גזלנים
האט ער גיזעהען וויא זייא זיינען אלע אנטלאפין גיווארין נאר איינער

איז גיבליבין זאגט דער מלך דו האשט דאך אויך גיקאנט אנטלויפין
גלייך מיט זייא וואש זאל איך זייא טאן זייא זיינען דאך ניט דא
אבער דיר זאל מען דיינע אויגין אויש שטעכין דער נאך זאל מען
דיך הייננגען אזו אויך דיא רשעים וואש גייען אין דער פינצטער
מיט זייערע שלעכטע מעשים פאר הקב״ה נאר דיא קלוגע זאגין
וואש זאלין מיר טאן אז מיר זאלין פון דעם עונש ניצול ווערין לאמיר
טאן תשובה ותפלה ווערין מיר ניצול ווערין אבער דיא שוטים זייא
זעהען דער וועג פון תשובה איז פאר זייא אפין וואש אנדערע האבין
גיעפינט אונ זיינען ניצול גיווארין אונ זייא בגערין ניט זייא זאלין אויך
ניצול ווערין זאגט הקב״ה שוטים איירע ברידער האבין שון גיטאן
תשובה וואש זאל איך זייא טאן אבער איר האט דאך אויך גיזעהען דעם
וועג אונ איר האט אין דרינגען ניט גיוואלט גיין אונ ניצול ווערין פון
אייער דין וואס שטייט אויף זייא ועיני רשעים תכלינה זייערע אויגין זאלין
בלינד ווערין ומנוס אבד מנהם ותקותם מפח נפש לעולם הבא איז פאר לארן
זייער האפונג אזו אויך זיינען גיוועזן דער דור המבול זייא האבין גזעהן
אז נח מאכט איין תיבה אונ האט זייא אזו התראה גיטאן אונ האבין
פארט ניט גיוואלט קיין תשובה טאן דרום זאגט הקב״ה זייער הצלחה
איז שון פאר לארין ווייל זייא האבין קיין תשובה ניט גיטאן ותקותם מפח
נפש דאש זייא ווערין ניט אויף שטיין ליום הדין :

רבי יוסי אונ רבי חייא זיינען גיגאנגען אין וועג זאגט רבי חייא זאג
מיר פון דיא גוטע זאכין וואס דיין פאטער האט גיזאגט פון דעם
תענוג פון דער נשמה בעולם הבא זאגט רבי יוסי לאמיר פון דעם ארט
אוועק גיין ווארום דא איז ניט קיין רעכטע לייט זאגט רבי חייא אדרבה
ווייל מיר ווערין דא לערנען ווערין מיר פון זייא ניצול ווערין זאגט רבי
יוסי דאס איז ניט גיזאגט גיווארין אויף איין סכנה אזו וויא זייא גייען
זאגט רבי יוסי עש שטייט כרם היה לשלמה בבעל המון כרם מיינט מען דיא
נשמה דאש זיא איז גיפלאנצט גיווארין מתחת כסא הכבוד היה לשלמה
מיינט מען הקב״ה ער היישט שלמה ווייל ער איז דער שלום פון דער
וועלט בבעל המון מיינט מען דעם כסא הכבוד דאש ער איז שולט אויף
אלע חיילות השמים והארץ אונ ער איז דער הער איבער אלע ער גיט
דיא נשמה לנוטרים את פריו צוא דיא צדיקים וואש היטין דיא מצות ומאתים
לנוטרים את פריו דאש איז דער דין וואש דרינגען איז צווייא הונדערט
גלוסטיגע עולמות צוא די צדיקים וואש הקב״ה איז זיך בחצות הלילה
משתעשע מיט זייא אונ אז דוד המלך האט דאש גיזעהן האט ער
גיגלוסט דער צוא אונ האט גיזאגט רבש״ע אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך
וואול צוא דיא לייט וואש זיינען זוכה דארט צוא רוען זאגט רבי אבוהו
איטליכער מענטש גיהער נזהר זיין כל זמן דיא נשמה איז ביא אים
ער זאל ניט חוטא זיין אונ תמיד איבער קלערין אין זיינע מעשים כדי
ער זאל האבין זיין מעלה גלייך וויא אנדערע צדיקים אז דיא נשמה
ווערט ארויף גיין צוא זעהן פני השכינה זאל אים קיינער ניט קענען ווערין
מיר לערנען דאך פון דער תיבה אז בשעת נח איז אין איר ארין גיגאנגען
זיינען אלע בהמות וחיות ועופות וואש זייא האבין ניט גיזינדיגט אויך
ארין גיגאנגען אונ דיא תיבה האט זייא צוא גינומען אונ דיא וואש
האבין יוא גיזינדיגט [illegible]ייא די תיבה ארויש גישטויסין ומה דאך די
תיבה איז נאר איין האלץ איז אזו גיוועזן מכל שכן דיא שערי שמים
מיט דיא שומרים אונ דער כסא הכבוד נעמען בוודאי אן נאר אזו
אמענטש וואש ער האט ניט גיזינדיגט אונ ווער עש האט יוא גיזינדיגט

שטויסט

שטויסט מען אים ארויש רבי חייא זאגט נח איז געווען מקטני אמנה דאש הייסט אקליינער גלייבער ער איז ניט ארין גינאנגען אין דער תיבה ביז דיא וואשער זיינען שוין גרויש גיווארין דרום שטייט מפני מי המבול

זאגט רבי יצחק קום אונ זעה דאש רחמנות פון הקב"ה בתחלה האט ער ג' מאכט נידערין דאש וואשער מיט רחמנות כדי זייא זאלין דורך דעם תשובה טאן דרום שטייט ויהי הגשם עש איז נאר געווען אין רעגין ווען זייא תשובה טאן ווערט דאש זיין רעגין פון ברכה אונ אז זייא האבין קיין תשובה ניט גיטאן איז דער פון גיווארין איין מבול · רבי הייבט אן עס שטייט וירח ה' את ריח הניחוח וגו' אז נח איז ארויש גנאנגען פון דער תיבה האט ער גיזעהן דיא וועלט איז חרוב גיווארין האט ער אן גיהויבין צוא וויינען אונ האט גיזאגט רבונו של עולם פון וועגן דיא זינד פון דיא נארישע לייט האשטו חרוב גימאכט דיא גאנצע וועלט אמער וואלשטו בעסער ניט גיוועזן בשאפין דעם מענטשין אדער ניט בשאפין דיא וועלט האט ער גיבראכט אקרבן עולה אונ האט זיך גישטעלט מתפלל זיין איז דער רוח פון דער עולה ארויף גינאנגען צוא הקב"ה אונ עס איז אים גיווען זיס אונ גיליבט זאגט רבי דרייא ריחות זיינען אויף גינאנגען דער ריח פון דעם קרבן אונ דער ריח פון דער תפילה אונ דער ריח פון זיינע מעשים טובים אונ דער ריח פון נח איז גיליבטער גיווען צוא הקב"ה מער פון אלע דרום שטייט ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדו דעם ריח וואס נח האט פר מיר מקריב גיווען זאלט איר היטין דאש מיינט מען ריח עולה ותפלה ומעשים טובים ·

רבי איבו זאגט נח איז אגרוישער חכם גיווען אונ האט פאר שטאנען דאש לשון פון דיא עופות אונ פון אלע ברואים וואש זייא מיינען מיט זייער שרייען אונ מיט זייערע תנועות אונ אז ער איז גיווען אין דער תיבה האט ער גיזאגט עש איז ניט פאר האנדין קיין קלוגער עוף פון דעם ראב דאש פון זיינע סימנים קען מען פיל ווישין דרום האט ער אים גישיקט אין שליחות · פרעגט רבי חייא וואו האט ער אזו גיטאן אמער עש שטייט דאך לא תנחשו ולא תעוננו אונ אז מען קוקט אויף דיא סימנים פון דיא עופות איז מען דאך עובר אויף דעם לאו נאר דרום האט ער גישיקט דעם ראב ווארום ער האט זיך מצער גיווען וואש דיא וועלט איז פאר לארין גיווארין אונ האט גיזאגט רבונו של עולם דוא בישט דאך איין בעל הרחמים אונ היינט איז דאש רחמנות פאר קערט גיווארין צוא אכזריות אונ האשט זיך ניט מרחם גיוועזן איבער דיינע קינדער וואש דוא האשט זייא בשאפין דרום וועל איך שיקין דעם ראב וואש ער איז אויך איין אכזר אויף זיינע קינדער · פרעגט רבי יוסי נח איז דאך גיוועזן איין צדיק תמים וויא האט ער אזו גירעט אנטקעגין השי"ת אמער דאש הייסט דאך איין עזות אזו ריידין אנטקעגין השי"ת מהרהר זיין נאך זיינע מעשים זאגט רבי חייא ווייל ער האט דאש גירעט מחמת צער איז הקב"ה ניט ברוגז גיוועזן דען דער מענטש ווערט ניט גישטראפט אז ער רעט בשעת צער אזו וויא איוב האט גירעט אנטקעגין השי"ת מחמת זיין צער האט אויך השי"ת אויף אים ניט גיצערינט אזו וויא דער פסוק זאגט לא בדעת ידבר ודבריו לא בהשכל אונ דער ראב האט ניט גיוואלט גיין אין דעם שליחות פון נח ווייל ער איז גיוועזן אן גיברייט אויף אנדער שליחות צוא שפייזין אליהו הנביא אזו וויא עש שטייט והעורבים מביאים לו בשר ולחם דרום שטייט עד יבושת המים יבשת איז דיא אותיות פון תשבי דאש איז אליהו התשבי · אונ אז נח האט גיזעהן אז ער טוט ניט זיין שליחות האט ער גישיקט דיא טויב אונ דרום האט ער זיא גישיקט צו ווייזין כיונה פותה אין לב מחמת דעם גרוישין צער איז איר הארץ ניט פאר האנדין מיט איר · אונ ווידער מחמת דיא טויב איז מקבל אויף זיך איר טויט זיא שטרעקט אויש איר האלז מען זאל זיא קולין אונ עש איז ניט פאר האנדין צווישין אלע עופות איר גלייכין דרום זיינען דיא ישראל גיגליכין צוא אטויב דרום האט זיא נח גישיקט פאר איין סימן אז עש איז צוא אונז אויך אזו רעכט מקבל זיין דעם צער וואש הקב"ה האט אויף אונז גישיקט · ער וועט אונז אליין העלפין :

אמר רבי יוחנן בן נורי רבי יוחנן בן נורי האט גיזאגט הקב"ה האט גינומן שם בן נח אונ האט אים אפ גישייד פאר איין כהן לאל עליון אונ האט גימאכט רוען דיא שכינה אויף אים אונ האט אים גירופין מלכי צדק מלך שלם אונ זיין ברודער יפת האט ביא אים אין בהמ"ד תורה גילערינט ביז אברהם אבינו איז גיקומען אונ האט אויך דארט גילערינט תורה האט אים הקב"ה צוא זיך בהעפט אונ האט אין אלע פאר געסין האט אברהם מתפלל גיוועזן אז הקב"ה זאל תמיד מאכין רוען זיין שכינה אין דעם בית המדרש פון שם האט אים הקב"ה מודה גיוועזן אזו וויא עס שטייט אתה כהן לעולם על דברתי מלכי צדק זאגט רבי יוחנן יפת איז דאך גיוועזן עלטער פון שם נאר דרום האט הקב"ה בעסער ליב גיהאט צוא שם ווייל ער האט תמיד עוסק גיוועזן בתורה אונ האט זיך אפ גישייד פון דער וועלט אונ פון וועמין האט שם גיהאט דיא תורה נאר אדם הראשון האט זיין ספר גילאזט צוא זיין זון שת איז דער ספר גינאנגען בירושה ביז ער איז אן גיקומען צוא שם אזו וויא אויבין איז גישטאנען · זאגט רבי יוסי אז שת האט יוא גיהאט דיא תורה ווארום האט השי"ת גידארפט גיבאטין זיבין מצות צוא, דיא בני נח אמער זייא זיינען דאך פריער גישטאנען אין דער תורה נאר מחמת דעם צער פון דעם מבול האבין זייא פאר געסין דיא תורה האט זייא הקב"ה דער מאנט דיא זיבין מצות רבי יוסי זאגט ח"ו זייא האבין ניט פאר געסין דיא תורה נאר הקב"ה האט גיזאגט אז איך וועל זייא גיבאטין דיא גאנצע תורה ווערין זייא ניט וועלין האלטין אפילו איין מצוה אזו וויא מיר גיפינען מענטשין האבין גיזאגט ודעת דרכיך לא חפצנו דרום וועל איך זייא געבין חאטשע דיא זיבין מצות זייא זאלין דער תייל האלטין ביז עש וועט קומען איינער דאש מיינט מען אברהם אבינו ער וועט שוין האלטין דיא גאנצע תורה אזו וויא עש שטייט עקב אשר שמע אברהם בקולי וגו' בשעת אז אברהם האט גילערינט מיט שם האט ער אויף זיך מקבל גיוועזן צוא האלטין דיא גאנצע תורה :

תנו רבנן דיא רבנים האבין גילערינט בשעת אז נח איז ארויס גנאנגען פון דער תיבה אונ האט גיזעהן אז דיא גאנצע וועלט איז פאר דארבין גיווארן האט ער אן גיהויבין צוא וויינען אונ האט גיזאגט רבונו של עולם דוא בישט דאך איין רחום וחנון וואלשטו גידארפט אויף זייא רחמנות האבין פאר וואש האשטו זייא פר דארבין · האט אים הקב"ה גיענטפערט אצונד טושטו אויף זייא בעטין פאר וואש בשעת איך האב דיר גיזאגט כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה ואני הנני מביא מבול וגו' האשטו ניט גיבעטין אויף זייא נאר ווייל דוא האשט גיהערט אז דוא וועשט ניצול ווערין פון דעם מבול האט דיך ניט גיהארט אויף דער גאנצער וועלט · היינט אז אלדינג איז שוין פר לארין גיווארין הייבשטו ערשט אן צוא בעטין פאר זייא · זאגט רבי יוסי קום אונ זעה דעם חילוק פון

נח צוא שפעטערע צדיקים דען ער האט ניט מתפלל געוועזן אונ האט ניט מגין געוועזן אויף זיין דור · אבער אברהם אבינו אז הקב"ה האט אים געזאגט זעקת סדום ועמורה כי רבה שטייט ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע ער האט פיל געבעטן פאר זייא אז אפילו עס וועט מער ניט זיין צווישן זייא נאר צעהן צדיקים זאלין אלע ניצול ווערין · אונ ווידער בייא משה רבינו געפינען מיר אז הקב"ה האט אים געזאגט דיא ישראל האבין געזינדיגט מיט דעם עגל שטייט ויחל משה ער האט אזו לאנג געבעטן ביז ער האט זיך מוסר געוועזן פון זייערט וועגין בעו"הז ובעו"הב ער האט געזאגט אם תשא חטאתם ואם אין וגו' אונ ווידער שטייט ויאמר להשמידם לולי משה בחירו וגו' אזו אויך אלע צדיקים האבין מגין געוועזן אויף זייער דור אונ האבין ניט געלאזט דעם מדת הדין זאל שולט זיין אין זייא · אבער נח האט הקב"ה מיט אים לאנג גירעט פאר דעם מבול כדי ער זאל אויף זייא בעטין אונ ער האט זיך גאר ניט געקערט צוא דיא רייד נאר ער האט זיך געמאכט איין תיבה אונ דער גאנצער דור איז פאר לארין געווארין :

רבי שמעון מיט אלעזר זיינען געזעסין אין דער שטאט טבריא פרעגט אים רבי יהושע רבי פאר וואש האט נח ניט געבעטין אויף זיין דור · זאגט רבי שמעון ווייל ער האט זיך ניט געגלייבט ער זאל אליין ניצול ווערין דען השי"ת האט אים געזאגט כי אותך ראיתי צדיק וגו' האט ער זיך געטראכט ווייל דער גאנצער דור זיינען רשעים איז ער אנטקעגן זייא אצדיק דרום האט ער געזאגט הלוואי וואלט איך געקאנט בעטין איך זאל אליין ניצול ווערין וויא אזו קען איך נאך בעטין אויף דעם גאנצין דור זאגט רבי אלעזר פון דעשט וועגין וואלט ער פארט גידארפט בעטין אויף דער וועלט ווארום הקב"ה האט הנאה אז מען רעט גוטץ אויף זיינע קינדער מיר לערנען דאס אפ פון גדעון בן יואש ער איז ניט געוועזן אזו אגרוישער צדיק נאר ווייל ער האט גירעט גוטץ אויף די ישראל שטייט בייא אי[illegible]לו ה' לך בכוחך זה והושעת את ישראל מיד מדין וואש מיינט מען. לך בכוחך דאש איז דער כח וואש דוא האשט גירעט גוטץ אויף ישראל מיט דעם כח וועשטו זייא העלפין פון מדין זאגט רבי אלעזר חאטשע אייניר איז אצדיק גמור מער פון דער גאנצער וועלט נאר ער רעט רכילות אדער שלעכטץ אויף דיא ישראל איז זיין עונש גרעשער פון אלע ווארום מיר געפינען ניט איין גרעשערן צדיק פון אליהו הנביא אין זיין דור אונ ווייל ער האט גרעט שלעכץ אויף דיא ישראל אזו וויא עס שטייט כי עזבו בריתך בני ישראל את מזבחותיך הרסו ואת נביאיך הרגו בחרב האט דאש הקב"ה זייער גיהארט שטייט ווייטער וימצא מראשותיו עגות רצפים הקב"ה האט אים געזאגט דוא בישטו ווערט דוא זאלשט עסין אקיכיל וואש עש איז געבאקין געווארין אויף קולין ווייל דוא האשט גירעט שלעכץ אויף דיא ישראל שטייט ווייטער וילך בכח האכילה ההוא וגו' ארבעים יום איז דאך קשה וויא אזו געשיקט זיך אז ער האט גילעבט מיט דעם עסין פערציג טאג נאר אזו מיינט מען הקב"ה האט אים געוויזין די פערציג טעג אונ פערציג נעכט וואס משה רבינו איז געוועזן אויף דעם הימיל מקבל זיין דיא תורה דער ווייל האבין די ישראל געמאכט דאס עגל איז משה רבינו ניט אוועק געגאנגען ביז הקב"ה האט זייא מוחל געוועזן האט הקב"ה געזאגט צוא אליהו דוא וואלשט גידארפט אויך אזו טאן ווארום זייא זיינען מיינע קינדער דאש זייא האבין מקבל געוועזן דיא תורה אויף דעם בארג סיני דאש שטייט וילך בכח האכילה ההוא וגו' עד הר חורב דאש איז דער הר חורב וואש דיא ישראל האבין דארטין מקבל געוועזן דיא תורה זאגט רבי יצחק אליהו איז ניט אוועק געגאנגען פון דעם ארט ביז ער האט געשווארין פאר הקב"ה אז ער וועט תמיד זיין אמליץ אויף דיא ישראל אונ היינט ווער עש טוט איין מצוה ברייננגט עש אליהו פאר הקב"ה אונ זאגט דאש האט דער אונ דער געטאן אונ גייט ניט אוועק פון דעם ארט ביז דער זכות ווערט פאר שריבין אזו וויא דער פסוק זאגט ויכתב ספר זכרון לפניו זאגט רבי יהודה וואס איז געוועזין דער עונש פון נח פאר דעם וואש ער האט ניט געבעטין פאר זיין דור ער איז ארויש פון דער תיבה הינקעדיג אונ איז מבוזה געווארין אין דיא קינדערש אויגין אונ זיין זון חם האט אים געטאן וואש ער האט אים געטאן :

וישלח את העורב דאש גייט אויף דוד המלך וואש ער האט גירופין צוא הקב"ה אזו וויא איין ראב וואס ער שרייט תמיד אונ איז געוועזן איין נרדף אונ איז געלאפין איבער בערג אזו וויא איין ראב קום אונ זעה דעם חילוק פון מלכי בית דוד צווישין מלכי ישראל דען אז הקב"ה האט אראפ גינידערט צוא דוד המלך פון זיין מלוכה האט ער תיכף תשובה געטאן פאר הקב"ה נאך מער אפילו מנשה מלך יהודה וואש ער איז געוועזן אגרוישע רשע האט ער אויך תשובה געטאן דרום שטייט וישלח את העורב מרמז זיין אויף דוד אז ער האט אראפ גינידערט פון זיין מלוכה ויצא יצוא ושוב דאש מיינט מען ער האט תיכף תשובה געטאן ווארום ער האט געוואושט אז זיינע חטאים האבין אים דאש גורם געוועזן זאגט רבי פנחס הקב"ה האט געוואלט אז דיא ישראל זאלין תשובה טאן ער האט זייא פאר טריבין קיין בבל אזו וויא דער פסוק זאגט וישלח את היונה דאש מיינט מען דיא כנסת ישראל דען זיא איז גיגליכין צוא איין טויב ווייטער שטייט ולא מצאה היונה מנוח לכף רגלה זייא האבין אין בבל ניט געקאנט קיין קיום האבין ווארום דער מלך בבל האט אויף זייא זייער שווער געמאכט דעם עול גלות מיט הונגער אונ דארשט אונ האט געהרגת פיל צדיקים אונ מחמת דעם גלות שטייט ותשב אליו אל התיבה זייא האבין תשובה געטאן האט זיי הקב"ה מקבל געוועזן מיט זייער תשובה אונ האט זיי געבראכט קיין ארץ ישראל אונ אז זייא האבין ווידר געזינדיגט שטייט ויוסף שלח את היונה מאתו האט ער זיי ווידער פאר טריבין אין אפינצטערין גלות אריין דאס זייער פנים איז פאר פינצטערט געווארין מחמת גרוישע צרות דרום שטייט ותשב אליו היונה לעת ערב דאש זייער רוח הייסט דיא נשמה האט ניט געלייכט אזו וויא פריער אונ פיל צדיקים זיינען נהרג געווארין אונ זייערע טעג איז געווארין פינצטער מחמת גרוישע צרות האבין זיי געזאגט אוי נא לנו כי פנה היום דאש מיינט מען דיא צדיקים וואש האבין זיי געלייכטין אזו וויא דער טאג כי ינטו צללי ערב זיי זיינען גאר ווייניג איבר געבליבן והנה עלה זית טרף בפיה דאש מיינט מען אינדי צייטין פון חשמונאי דאס הקב"ה האט דער וועקט דיא חשמונאים אונ האבין איין גינומען דיא מלחמה אונ האבין אן געצונדין דיא ליכט פון בוים אייל אין בית המקדש אונ ווען דיא חשמונאים זאלין ניט געוועזן זיין וואלטין חלילה אלע ישראל נהרג געווארין אונ אלע מאל אז דיא ישראל האבין תשובה געטאן זיינען זייא אלץ אויש געלייזט געווארין נאר דער גלות האבין נאך דיא ישראל קיין תשובה ניט געטאן אונ עש היינגט אלץ אן אין תשובה וואלטין זיי תשובה געטאן וואלטין זיי נאר געוועזן טויזינט יאר אין גלות דרום שטייט וישלח את היונה ולא יספה שוב אליו עוד :

**ויאמר** ה׳ אל אברהם לך לך׳ פתח רבי חייא רבי חייא הייבט אן שמעו אלי אבירי לב הרחוקים מצדקה וויא שטארק איז דאש הארץ פון דיא רשעים זייא ווייסן דעם וועג פון דער תורה אונ ווילן ניט קליגין אין איר אונ זייער לייב איז שטארק זייא ווילן ניט טאן קיין תשובה דרום הייסן זייא אבירי לב דאס איז טייטש שטארקע הערצער רחוקים זייא זיינען ווייט פון השי״ת אונ פון דער תורה וואש זייא הייסן צדקה דרום האבין זיי קיין שלום ניט אזו וויא אין פסוק שטייט (ישעיה מה) אין שלום אמר ה׳ לרשעים אבער אברהם איז ניט גיוועין אזו וויא דיא רשעים אבירי לב אונ האט זיך מקרב גיוועין צוא הקב״ה דרום האט ער גיהייסן אברהם אוהבי דער גיליבטער צוא השי״ת אונ ער האט מקיים גיוועין אהבת צדק ותשנא רשע מער פון זיין גאנץ דור וואס זיי זיינען וויט גיוועין פון השי״ת אונ צדקה-אונ שלום פתח רבי יוסי הייבט אן (תהלים פד) מה ידידות משכנותיך ה׳ צבאות די לייט דארפין צו ווישן וויא אזו צו דינען צוא השי״ת דען אז השי״ת האט באשאפין דיא וועלט האט ער אויש גימישט פייער מיט וואשר אונ האט באשאפין דיא הימלען דרום הייסן זייא שמים דאש הייסט אש ומים אונ עס האט אלץ קיין קיום ניט נאר דורך דער תורה אז די ישראל זיינען עוסק אין דער תורה בלייבט אלץ שטיין אויף זיין באשטאנד׳ קום אונ זעה אז עש קומט האלבע נאכט גייט הקב״ה אריין אין דעם גן עדן זיך צו פרייען מיט די נשמות הצדיקים אונ אלע בוימר פון דעם גן עדן זאגין שירה אונ לויבין השי״ת אזו וויא דער פסוק זאגט אז ירננו כל עצי יער מלפני ה׳ דען גייט ארויש איין כרוז ווייא צוא דיא מענטשין וואש זייא שלאפין זייא ווייסן ניט אונ באגערין ניט זאלין זעהען אז זיי וועלין אויף שטיין אפ געבין דין וחשבון צוא הקב״ה אונ זייער גוף ווערט אן גירופין טמא אונ דיא הייליגע נשמה וועט שוועבין אויף דער וועלט אהין אונ אהער אונ קיין שער עפינט מען איר ניט מען ווארפט זיא אזו וויא אשטיין פון אשליידער דאש הייסט כף הקלע ווייא צוא זייא זייא וועלין ניט זעהען דעם תענוג פון דיא צדיקים אין גן עדן נאר מען וועט זייא איבער ענטפערין אין דיא הענט פון דעם מלאך דומה דער שר פון דעם גיהנם׳ זייא וועלין אראפ נידערין אונ ניט אויף גיין אזו וויא עש שטייט (איוב י״ב) כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה אין דער צייט אז דער כרוז רופט עש אויש דער וועקט זיך אפלאם פון צפון זייט אונ שלאגט אין אלע פיר זייטין פון דר וועלט אונ נידערט אין גירינכט צו ווישן דיא פליגיל פון דעם האן אונ ער הייבט אן צוא שרייען׳ אונ דער צוא דער וועקט זיך קיינער ניט נאר דיא צדיקים דער וועקין זיך אונ שטייען אויף אונ לערנען תורה׳ אונ השי״ת מיט דיא צדיקים וואס זיינען אין גן עדן פאר נעמען דיא תורה וואש מען לערינט אין דער צייט אזו וויא דר פסוק זאגט שיר השירים ה׳) היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמעני׃

**ויאמר** ה׳ אל אברם וואס שטייט פריער וימת הרן על פני תרח אביו נאך וואש דארף דאש שטיין׳ נאר ביז דער צייט פון הרן איז קיינער ניט גישטארבין פאר דעם פאטרש לעבין בשעת אז מען האט אברהם אריין גיווארפין אין קאלך אויבין האט זיך הקב״ה באוויזין צוא אברהם אונ האט אים מציל גיוועין אונ הרן איז אויך גישטאנען דארטין האבין דיא כשדים גיזאגט אז אברהם איז נצול גיווארין אין דעם זכות פון הרן מיד באלד איז ארויש אפלאם פייער אונ האט אים פאר ברענט׳ אונ אטייל זאגין דיא כשדים האבין גיזאגט אז אין דיא קינדר פון תרח איז ניט שולט קיין פייער דרום האט מען אריין גיווארפין הרן אין פייער אונ ער איז פאר ברענט גיווארין אונ זיין פאטער תרח איז דער בייא גישטאנען דרום שטייט על פני תרח אביו האבין שוין אלע אומות גיוואושט אז השי״ת האט מציל גיוועין אברהם פון דעם פייער׳ אונ אלע אומות האבין גיבראכט זייערע קינדער צוא אברהם אונ האבין גיזאגט מיר האבין גיזעהען אז דוא האשט גרויש בטחון אין השי״ת דרום בעטין מיר דיך לערין אונזערע קינדר אויך דעם גוטין וועג וואש דוא ווייסט׳ אויף זייא זאגט דער פסוק (תהלים מז) נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם׃

קום אונ זעה עס שטייט ויקח תרח את אברם בנו וגו׳ ויצאו אתם וגו׳ איז דאך קשה עש גיהער צו שטיין ויצאו אתו איז טייטש מיט אים׳ נאר דאש ווייזט אז תרח אונ לוט זיינען גיגאנגען מיט אברהם ושרה ווארום זייא האבין ניט גיוואלט זיין מיט די רשעים אונ תרח אונ לוט האבין ניט גיוואלט אוועק גיין׳ נאר אז תרח האט גיזעהען אז אברהם איז ניצול גיווארין פון דעם קאלך אויבין האט ער זיך באדאכט ער זאל טאן וואס אברהם וועט אים הייסן דרום שטייט ויצאו אתם דאש מיינט מען אברהם ושרה׳ אונ דער ווילין פון אברהם איז גיוועין גיין צוא דעם לאנד כנען מיד באלד ויאמר ה׳ אל אברם האט זיך השי״ת באוויזין צו אים׳ אונ האט אים גיזאגט גייא קיין ארץ כנען פון דאנען לערנען מיר אפ הבא לטהר מסייעין אותו ווער עש וויל זיך מטהר זיין העלפט אים השי״ת ער זאל דער צוא קומען׳ דען מען ווארט אויף דעם הימיל ביז דער מענטש דער וועקט זיך פון אונטין אזו וויא אליכט קען אנדערש ניט ברענען ביז מען צינט דאש אן אזו אויך דאש הייליגע פייער פון אויבין קומט ניט צוא דעם מענטשין ביז דער מענטש צינט דאש אן פון אונטין אונ וויל עש זאל אויף אים רוען׳ אזו אויך דיא נבואה האט ניט גירוט אויף קיין נביא ביז ער האט זיך פריער דער וועקט זיין ווילין דער צוא אזו וויא עש שטייט בייא אלישע והיה כנגן המנגן ותהי עליו רוח ה׳׃

רבי אלעזר האט גיפרעגט זיין פאטער רבי שמעון מיר זעהען דאך אז אלע זיינען ארויש גיגאנגען מיט אברהם אונ תרח האט נאך גידינט עבודת כוכבים בשעת ער איז גיגאנגען מיט אברהם זיין ווילין טאן אונ מיר גיפינען דאך אז הקב״ה וויל דיא רשעים זאלין טאן תשובה אונ ווארום האט ער גיזאגט צוא אברהם לך לך איז משמע ער אליין זאל גיין עש וואלט גידארפט שטיין לכו לכם איר זאלט גיין אברהם מיט תרח ווארום תרח האט דאך אויך גיוואלט גיין מיט אברהם׳ ענטפערט אים רבי שמעון דוא מיינסט אז תרח איז ארויש גיגאנגען תשובה טאן עש איז ניט אזו נאר ער האט גיוואלט אוועק גיין פון זיין דור וואש זייא האבין אים גיוואלט הרגנן בשעת זייא האבין גיזעהען אז אברהם איז ניצול גיווארין פון דעם קאלך אויבין האבין זייא גיזאגט דוא האשט אונז אפ גינארט אונ פאר פירט מיט דיינע עבודת כוכבים דרום איז ער ארויש גיגאנגען מחמת מורא אונ אז זייא זיינען גיקומען קיין חרן איז תרח דארטין גיבליבין דרום שטייט וילך אברם וכו׳ וילך אתו לוט אונ עש שטייט ניט תרח אבער דער נאך האט תרח אויך תשובה גיטאן דרום שטייט ואתה תבוא אל אבותיך בשלום הקב״ה האט אים איין בשורה גיזאגט אז ער וועט ליגין מיט זיינע עלטערין בשלום אונ אז תרח זאל קיין תשובה ניט גיוועין טאן וואש איז דיא בשורה ער וועט קומען צוא זיינע עלטערין איז דער פון גידרונגען אז ער האט רעכט תשובה גיטאן אונ איז גיווארין איין צדיק ואת הנפש אשר עשו בחרן דאש זיינען דיא שטאט לייט אונ זייער הויז גיזינד וואש אברהם ושרה האבין זייא

גיגעהגען איז לעבין איר גישטאנן איין מלאך אונ זיא האט אים גיהייסן ער זאל פרעה שלאגין אונ אברהם איז גיוועזן פאר זיכערט אגאנצע נאכט אז פרעה וועט צוא איר ניט קענען צוא טרעטין אונ דרום האט הקב״ה ניט גיהייסין צוא אברהם ער זאל גיין קיין מצרים מען זאל ניט זאגין אז הקדוש ברוך הוא האט אים גישיקט קיין מצרים כדי ער זאל אים דארפין אן טאן יסורים :

רבי שמעון איז גיגאנגען אין וועג · אונ מיט אים איז גיוועזן זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא אונ רבי יהודה בשעת זייא גייען זאגט רבי שמעון איך פאר וואונדר מיך אויף די מענטשין פון דר וועלט וואס זיי באגערין ניט צוא ווישין דיא תורה אונ אויף וואס האבין זייא אקיום :

פתח האט ער אן גיהויבין עס שטייט (ישעיה כו) נפשי איותיך בלילה אף רוחי בקרבי אשחרך קום אונ זעה ווען אמענטש לייגט זיך שלאפין בייא נאכט גייט פון אים די נשמה ארויש בלייבט נאר זיין גוף מיט אביסיל חיות · אלע נשמות גייען ארויף אבער ניט איטליכער איז זוכה צוא זעהען דעם לעבעדיגין גאט ווען דיא נשמה גייט ארויף אונ וויל גיין איין מדריגה נאך דער אנדערער אלץ העכער קומט זיא צום ערשטין צוא דיא רוחות הטומאה אונ זייא לאזין זיא ניט גיין ווייטר · איין ריינע נשמה וואס האט זיך ניט מטמא גיוועזן האט זיא קיין מורא ניט פאר דיא רוחות הטומאה · אבער ווען זיא איז חס ושלום ניט ריין אזו ווערט זיא פאר אום רייניגט אונ באהעפט זיך אין דיא רוחות הטומאה אונ קען ניט גיין ווייטער דארטין זיינען זייא איר מודיע אטייל זאכין וואס עס וועט באלד זיין וואס זייא הערין פון דעם הימיל אונ אמאל שפעטין זיי אונ לאכין אויש איר אונ זיינען איר מודיע דברים שקרים וכזבים פאלשע זאכין אזו גייט זיא ארום אגאנצע נאכט ביז דער מענטש חאפט זיך אויף אונ קומט ווידער אויף איר ארט · וואל צוא דיא צדיקים וואס הקדוש ברוך הוא איז זייא מגלה אין חלום זיינע סודות כדי זייא זאלן זיך ווישין צוא היטין פאר דעם מדת הדין · ווייא צוא דיא רשעים וואס זיינען זיך מטמא דעם גוף מיט דער נשמה · אבער דיא צדיקים ווען זיי שלאפן גייט זייער נשמה ארויף אונ איז זוכה צו זעהן דאס ארט פון גן עדן העליון אזו ווי דר פסוק זאגט לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו איטליכר מענטש האט איין חלק לעולם הבא אונ זיין חשק איז תמיד זיך צוא באהעפטין אין זיין חלק ווארום איטליכער חלק האט אין זיך איין קדושה עליונה דרום זאגט דוד המלך נפשי איותיך בלילה מיין נפש טוט גילוסטין באהעפטין זיך אין דיר · אונ דער נאך איז ער זוכה צוא איין רוח דער הייליגער חלק איז גרעשער פון דעם הייליגין חלק וואס הייסט נפש אונ דער נאך איז ער זוכה צוא דעם חלק וואס הייסט נשמה אונ ווער עס איז זוכה צוא דיא דרייא חלקים נפש רוח נשמה דער ווערט אן גירופין קדוש אהייליגער מענטש אונ תמים אגאנצער מענטש אונ דאס איז אלץ צוא טאן דעם רצון פון הקב״ה קום אונ זעה אזו וויא אליכט פון ריינעם וואקס ברענט זייער לויטער אזו אויך אז דער גוף איז ריין אונ לויטער פון טומאה לייכט אין אים דער אור הנשמה ליכטיג אונ ער ווערט אן גירופין קדוש אונ דרום שטייט נר ה׳ נשמת אדם אזו אויך בייא אברהם ער האט ניט גיקאנט קריגין קיין רעכטע נשמה ביז ער האט גימוזט גיפרובט ווערין דרום איז ער ארייון גיגאנגן קיין מצרים צווישין אזעלכע קליפות אונ רשעים אונ איז פארט באשטאנען בייא זיין צדקות אונ איז ארויש גיגאנגען בשלום אזו וויא עס שטייט ויעל אברם ממצרים דען האט ער זיך רעכט באהעפט אין דער קדושה · אונ ווייטער איז ער מגלה גרוישע סודות · איז אויף גישטאנען רבי אבא אונ רבי אלעזר אונ האבין גיקושט זיינע הענט זייא האבין גיוויינט אונ גיזאגט ווער וועט דער לייכטין דיא וועלט אז דוא וועשט שטארבין וואל איז צוא אונז וואס מיר האבין זוכה גיוועזן צוא הערין דיא סודות פון דיר וואל צוא דיא צדיקים זייא ווערין גיקריינט אין הקב״ה אונ הקב״ה אין זיי · וואל צו זיי בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא זאגט דער פסוק (ישעיה ס) ועמך כולם צדיקים וגו׳ אונ עס שטייט (משלי ד׳) ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום :

רבי שמעון איז גיגאנגען קיין טבריה אונ מיט אים איז גגאנגען רבי יוסי אונ רבי חייא אונ רבי יהודה · אויף דעם וועג איז אן גיקומען זיין שווער רבי פנחס האבין זייא זיך מתחבר גיוועזן אין אים אונ האבין אראפ גינידערט פון דיא אייזלען אונ האבין זיך גיזעצט אונטער דיא ביימער · זאגט רבי פנחס ווייל מיר זיצין יוא דא וויל איך הערין פון דיינע גוטע זאכין וואס דוא זאגשט תמיד · האט רבי שמעון אן גיהויבין עס שטייט וילך למסעיו וגו׳ ווארום שטייט למסעיו לשון רבים עס גיהער שטיין למסעו לשון יחיד אלא עס איז גוועהן צווייא מסעות איינש זיין ציען אונ איינש פון דער שכינה : דען איטליכער מענטש בדארף צוא זיין איין זכר ונקבה דען ווערט די קדושה גישטארקט אונ דיא שכינה רוט בייא זייא אונ כל זמן דער מענטש איז אין דער היים טוט זיך דיא שכינה ניט אפ פון דר שטוב פון וועגן זיין ווייב דען דיא אשה איז דער עיקר פון דער שטוב דרום שטייט בייא יצחק אבינו (בראשית כה) ויביאה יצחק האהלה שרה אמו ער האט דארטין איין ליכט גיברענט תמיד פון וועגין דער שכינה וואש זיא האט זיך קיין מאל ניט אפ גיטאן פון דעם אהל : אונ אז דוא וועשט פרעגין אז דיא שכינה איז מער ניט שורה נאר בייא איש ואשה היינט אז ער גייט אבער אין וועג ווערט דאך די שכינה פון אים אפ גיטאן · איז דר תירוץ איידער דער מענטש גייט אין וועג ארייין מוז ער פריער מתפלל זיין כדי דורך דעם איז ער מושך אויף זיך דיא שכינה כל זמן ער איז נאך אין דער היים בייא דער אשה רוט דאך אויף אים די שכינה · דרום קאן ער אויף זיך ממשיך זיין דיא שכינה דרום שטייט צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו דרום כל זמן דר מענטש איז אין וועג גהער ער זיך היטין פון איין עבירה דיא שכינה זאל פון אים ניט אוועק גיין אונ דיא שכינה היט אים אין וועג אונ שייד זיך ניט אפ פון אים ביז ער קומט צוא ריק אהיים גהער ער זיך משמח זיין בשמחה של מצוה היינו בזיווג אונ בשמחה וואש דיא שכינה איז ווידער בייא אים אונ מען גיט אים שלום אזו וויא דער פסוק זאגט (איוב ה׳) וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא אבער אז ער איז זיא ניט פוקד בזיווג האט ער איין חטא ווארום ער מינערט דיא קדושה עליונה ווארום דאש ווייב איז אים גורם ער הייסט אדם אבער אן אווייב הייסט ער ניט אדם אונ דיא ברכה איז ניט שורה בייא אים אזו וויא עש שטייט ויקרא את שמם אדם אונ ווען ער איז זיא פוקד איז ער משפיע אויף זיין קינד איין הייליגע נשמה דאש הייסט ער וועט האבין איין זון איין צדיק ער וועט הייסין איין זון צוא הקב״ה דרום שטייט וידעת כי שלום אהלך דען ווען דיא שכינה קומט מיט דיר וואס זיא הייסט שלום אין דיין גיצעלט ופקדת נוך ולא תחטא אונ ווייטער איז דרויף גרוישע סודות :

ומלכי צדק מלך שלם רבי אלעזר אונ רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גגאנגן אין וועג אונ מיט זייא איז גיוועזן איין יהודי ער האט זייא מגלה

גיוועז גרוישע סודות אין דער תורה דער נאך האט ער גיזאגט עש
שטייט אנכי אנכי הוא מוחה פשעיך למעני דאש איז טייטש הקב"ה מעקט אפ
די זינד זייא זאלין ניט גיזעהן ווערין וואס שטייט למעני דאש איז טייטש
פון מיינט וועגין קום אונ זעה דיא רשעים מאכין מיט זייערע עבירות
איין חסרון למעלה זייא זיינען פוגם אונ קיין רחמים קען אויף דער וועלט
ניט קומען דרום זאגט הקב"ה איך וועל אפ מעקין אייערע עבירות פון
מיינט וועגין כדי איך זאל קענען מיינע ברכות מיט מדת הרחמים
מגלה זיין אויף דער וועלט · קום אונ זעה וואו אהין אברהם איז גיגאנגען
זיינען ברכות אהין גיקומען אזו וויא דער פסוק זאגט והיה ברכה דוא
מאכשט אז ברכות וועלין קומען למעלה ולמטה פון דיינט וועגין אזו וויא
עס שטייט ונברכו בך כל משפחות האדמה דרום שטייט ומלכי צדק מלך שלם
דאש גייט אויף הקב"ה דאס דורך אברהם הייסט ער מלך שלם אגאנצער
מלך דען דיא צדיקים זיינען מתקן אלע פגמות הוציא לחם ויין דאס מיינט
מען דיא מזונות זאלין ניט פר מיטין ווערין פון דער וועלט אונ הקב"ה
גיט אים מעשר ווייטער זיינען גרוישע סודות פרעגט אים רבי אלעזר
וואס בישטו פאר אבעל מלאכה זאגט דער יהודי איך בין גיוועזן איין
מלמד מיט קינדער אצונד האבין זייא גינומען רבי יוסי דכפר חנן
אונ האבין אים אפ גיגעבין דיא קינדער אונ האבן מיר גיוואלט צאלין
אום זיסט האב איך ניט גיוואלט נעמען קיין געלט אום זיסט האב איך
מיך פאר דונגין צוא דעם חכם זאגט אים רבי אלעזר דוא בדארפשט
דיא ברכה פון מיין פאטער זיינען זייא גיגאנגען גלייך צוא רבי שמעון
זיינען זייא פאר אים גיזעסין אונ האבין פאר אים גילערינט אמאל
האבין זייא גילערינט דעם ענין פון וואשין זיך זאגט רבי שמעון דער
וואס וואשט זיך ניט אזו וויא דער דין איז אזוי ערט ער גישטראפט פון
אויבין בעולם הזה ובעולם הבא אונ ער אזוי איך זיך גורם ארומקיים
דאס איז דיא ראשי תיבות ע"ל נטילת ידים עני ער ווערט איין עני אונ
אזו וויא דער עונש איז אזו איז דער שכר פון דעם וואש איז זהיר אין
נטילת ידים איז ער אויף זיך מושך ברכות פון אויבין ער ווערט
גיבענטשט מיט עשירות אמאל האט רבי שמעון גיזעהן וויא דער
יהודי וואשט זיך מיט פיל וואשער האט רבי שמעון גיזאגט מלא ידיני
מברכותיך דאש איז דיא ראשי תיבות מי"ם כלומר ער זאל דער פילט
ווערין דורך דעם מיט עושר אונ אזו איז גיוועזן ער האט גיפונען איין
מציאה אונ ער איז גיווארין אגרוישער עושר אונ איז גיוועזן אגרוישער
בעל צדקה אונ האט גילערינט יום ולילה · האט רבי שמעון אויף אים
גילייענט דעם פסוק ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל דאס איז טייטש
דוא זאלשט זיך פרייען מיט גאט אונ מיט דעם הייליגין גאט פון דיא
ישראל וועשטו גילויבט ווערין :

אחר הדברים האלה היה דבר ה' אל אברם מיר האבין גילערינט עס גייט
ארויש איין בת קול אלע טאג אויף דעם בארג חורב אונ זאגט
וויא צוא דיא מענטשין וואש זיינען מבזה דיא תורה דען דיא וואש
זיינען עוסק בתורה אויף דער וועלט · אז ער שטארבט אונ גייט אויף
יענער וועלט גיט מען אים אויף אלע זייטין שלום אונ הקב"ה איז
אויף זייא אונ ער פארכט זיך פאר קיינעם ניט דרום שטייט אחר הדברים
האלה דאס מיינט מען דיא תורה וואש זיא הייסט הדברים האלה ווען ער
האט פיל תורה גילערינט דער נאך אז ער שטארבט איז זיך הקב"ה
מקדים צוא זיין נשמה אונ גיט איר שלום אונ איז איר מבשר בשורות
טובות אונ זאגט צוא דער נשמה וואס זיא הייסט אברם אל תירא אברם
פארכט דיך ניט אנכי מגן לך איך וועל דיך בשיצן פון אלע בייזע מקטרגים
אונ פאר אלע בייזע כוחות הטומאה אין גיהנם שכרך הרבה מאוד דיין שכר
איז זייער גרויש דען דער וואס איז עוסק אין דער תורה בעולם הזה
איז ער זוכה צוא ירשנן עולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט להנחיל אוהבי
יש דאש איז דיא ירושה לעולם הבא ואצרותיהם אמלא צוא דער פילין דיא
אוצרות אויף דער וועלט מיט עושר ומכל הטובות שבעולם דער וואס גייט
לימין הקב"ה איז ער זוכה לעולם הבא אונ דער וואש גייט לשמאל הקב"ה איז
ער זוכה צו עושר בעולם הזה · דען עס איז פאר האנדין לצד שמאל
אין דער קדושה אונ אין דער קליפה דרום זאגט דער פסוק אורך ימים
בימינה דאס היישט אז איינער לערינט פון גאטש וועגין אונ כדי ער זאל
ווישן צו טאן מצות ומעשים טובים גיט אים הקב"ה אריכות ימים לעולם
הבא איז שוין אבל שכן עושר וכבוד אויף דער וועלט ובשמאלה עושר וכבוד
אונ דר וואס לערינט ניט פון גאטש וועגין נאר פון עשירות וועגין ניט צו
ווישין אונ טאן צדקה ומעשים טובים פון דר תורה גיט מען אים עושר
וכבוד אויף דער וועלט פון דעם צד שמאל פון דער קליפה ויצר
הרע אונ ער טוט דער מיט שלעכטין אונ דער נאך ירשת ער גיהנם ·
אונ אז דוא וועשט וועלין פרעגין איז דען ניט פאר האנדין איין עושר
פון דעם צד שמאל פון דער קדושה איז דער תירוץ דער וואס איז
איין עני אונ לערינט פארט תורה אונ איז זיך ניט מבטל דורך עניות
דער איז דער נאך מקיים דיא תורה דורך עושר אונ דאש עשירות
איז פון דער קדושה · רבי אבא אז ער איז גיקומען קיין ארץ ישראל
האט ער אוים גירופין וועער עס וויל עושר מיט אריכות ימים זאל ער
קומען צוא מיר וועל איך מיט אים לערנען וועט ער האבין עושר מיט
עולם הבא זיינען אלע צוא אים גיקומען איין עם הארץ איז גיוועזן אין
זיין גאס איז ער גיקומען צוא אים אונ זאגט איך וועל זיך מידין אין
דער תורה כדי איך זאל זיין איין עושר זאגט רבי אבא צוא אים גוט
דוא וועסט זיין איין עושר וויא אזו היישטו בייא דיין נאמען זאגט ער
יוסי זאגט רבי אבא צו זיינע תלמידים לערינט מיט אים אונ איר זאלט
אים רופין יוסי מארי דעותרא ויקרא דער האר פון עושר אונ כבוד איז
ער גיזעסין אונ האט גילערינט אמאל איז ער גיקומען צוא רבי אבא
אונ זאגט צוא אים רבי וואו איז מיין עשירות וואש איר האט גיזאגט
אז איך וועל האבין פון דעם לערנען פאר וואונדערט זיך רבי אבא אונ
זאגט עש איז גידרונגען אז ער לערינט ניט לשם שמים אונ איז אוועק
גיגאנגען אין זיין חדר כדי ער זאל מתפלל זיין ער זאל שטארבין
דער וייל האט ער דער הערט איין בת קול זאגט זייא אים ניט מעניש
ווארום ער וועט זיין איין גרוישער למדן אונ איין צדיק איז ער ארין
גיגאנגען צוא ריק אונ זאגט צוא אים מיין קינד לערין איך וועל דיר
געבין עשירות דער וייל איז גיקומען איין מענטש אונ האלט אין
זיין האנט אבעכער פון גים גאלד אז ער האט אים ארויש גינומען איז
גיווארין דיא שטוב פול מיט ליכט פון דעם גאלד זאגט ער צוא רבי
אבא רבי איך וויל זוכה זיין צוא דער תורה נאר איך האב שוין ביז
אהער ניט גילערינט דרום וויל איך געבין איינעם דעם בעכער אונ
ער זאל פאר מיר לערנען תורה דען איך האב גירשת פון מיין פאטער
איין גרוישין אוצר ער האט גיהאט אויף זיין טיש אזעלכע דרייצעהען
בעכער דרום וויל איך זוכה זיין צו תורה האט רבי אבא גירופין דעם
רבי יוסי אונ זאגט אים נעם דעם בעכער אונ לערין תורה אונ רבי
אבא זאגט דעם פסוק לא יערכנה זהב וזכוכית ותמורתה כלי פז דער רבי יוסי

איז געזעסין אונ האט גילערינט אונ האט צוא גינומען דעם בעכער אמאל האט רבי יוסי גיקריגין גרויס חשקות אין דער תורה האט ער אן גיהייבין זייער צוא ווייניען האט אים רבי אבא דער זעהן זאגט ער אים וואס וויינשטו זאגט רבי יוסי וואס האב איך גיטאן איך האב אוועק גילאזט חיי עולם אונ בין עוסק בחיי שעה וואס הייסט פון דער וועלט וועגין איך וויל ניט דעם בעכער האט רבי אבא גיזאגט היינט זעה איך אז ער טוט עס לשם שמים האט רבי אבא גיזאגט צוא דעם פון דעם בעכער נעם אים אפ אונ צוא טייל דאס געלט ארימע לייט אונ איך וועל דיר געבין אגרויסין חלק אין דער תורה האט רבי יוסי אפ גגעבין דעם בעכער צוא ריק פון דעסטוועגין דענטשט מאל אן האט מען אים גירופין רבי יוסי בן פזי פון וועגין דעם בעכער פון פז אונ דער רבי יוסי מיט אלע זיינע קינדער זיינען אלע גיווארין גרויסע ת"ח אונ גדולים בתורה אונ עס איז קיין גרעסערער שכר ניט דא פון דעם וואס לערינט תורה אונ איז זיא מקיים דען זייא האבין דיא וועלט אונ יירשנן ייענע וועלט :

אחר הדברים האלה וגו' רבי יהודה הייבט אן אני לדודי ועלי תשוקתו דאס האבן מיר שוין לאנג מפורש גיוועזן עס קומט ניט קיין ברכות פון אויבין סיידין מען איז מעורר פון אונטין אונ קיין ברכות קומט ניט אויף איין ארט פון צער נאר דארט וואו עס איז דא שמחה אונ אויך קומט ניט אויף אליידיג ארט נאר אז עס האט אויף עפעס שורה זיין אזו וויא מיר גיפינען עס שטייט ביא אשת עובדיה אלישע האט איר גיזאגט (מלכים כד) הגידי לי מה יש לך בבית דען דיא ברכות של מעלה זיינען ניט שורה אויף אשלחן ריקם האט זיא גיזאגט איך האב מער ניט נאר אביסיל בוימיל וואס מען קאן דעם פינגער אויש שמירין זאגט איר אלישע נחמתני ווייל דוא האשט אביסיל עס זאל קאנען די ברכה שורה זיין ובפרט בוימיל קען בוודאי דיא ברכה שורה זיין אזו וויא דער פסוק זאגט כשמן הטוב על הראש שטייט ווייטער יורד על הזקן כי שם צוה ה' את הברכה פון דעם שמן של מעלה ווערין גיזאלבט דאס מלכות הקודש אונ ווייל עס איז למטה ביי דיר דא אביסיל בוימיל וועלין קומען דיא ברכות ממקור השמן של מעלה אונ אויך דער שלחן וואס דער לחם הפנים איז גילעגין אויף אים איז ניט גיוועזין ליידיג אפילו איין רגע דען פון אים איז אראפ גיקומען אלע מזונות אונ אלע ברכות דרום ווייל אלע זאכין מוז זיך מתעורר זיין פון אונטין דרום שטייט אני לדודי ועלי תשוקתו דיין חשק איז צוא מיר איך זאל מיך צום ערשטין דער וועקין בכדי איך זאל מיר מאכין איין ארט אראפ צוא ברייניגין אלע ברכות דבר אחר אני לדודי דען דיא שכינה ווערט ניט גיפונען וואו רשעים זיינען אבער אז דער מענטש קומט זיך מטהר זיין איז מען אים מטהר פון אויבין אונ די שכינה רוט אויף אים קים אונ זעה עס שטייט אחר הדברים האלה אז אברהם האט נאך גיזאגט דיא מלכים אונ האט זייא גיהרגת האט ער מורא גיהאט טאמער וועט מען אים אפ רעכענען פון זיין שכר וואס ער האט פרום גמאכט מענטשין אונ היינט האט ער גיהרגת זייער פיל מענטשין האט אים השי"ת גיזאגט אל תירא אברם דיין שכר איז נאך גאנץ גרויס אונ וועסט נאך נעמען פיל שכר דרויף ווארום עס וואלט פון זייא קיין גוטץ ניט גיוועזן אונ זייא אליין זיינען אויך גרוישע רשעים אונ הש"י האט גירעט מיט אים במחזה דאס איז דיא הינטערשטע מדריגה פון נבואה אונ אז אברהם האט זיך מל גיוועזן האט זיך הש"י מגלה גיוועזן צוא אים מיט אגרוישע מדריגה פון נבואה ווארום אז ער האט זיך מל גיוועזן האט ער שוין גיהאט איין אחיזה אין דעם שם הקדוש דען ווען דער ברית זאל ניט זיין וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט אזו וויא דר פסוק זאגט אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי :

והוא יהיה פרא אדם רבי שמעון זאגט וואל צוא דיא מענטשין דאס הש"ית האט זייא גירופין אדם אזו וויא דער פסוק זאגט ואתן צאני צאן מרעיתי אדם אתם פאר וואס הייסין זייא אדם ווייל עס שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם איר זייט באהעפט אין הש"ית אונ ניט דיא רשעים דרום הייסין זייא ניט אדם ווארום אז דער מענטש איז נכנס בבריתו של אברהם אונ איז זוכה מקיים צוא זיין דיא מצות התורה הייסט ער אדם :

רבי יהודה איז גגאנגען פון קפוטקיא קיין לוד צו זעהן רבי שמעון וואס ער איז דארט גיוועזן איז מיט אים גיגאנגען רבי חזקיה זאגט רבי יהודה צוא רבי חזקיה דאש וואש רבי שמעון האט גיזאגט אויף דעם פסוק והוא יהיה פרא אדם איז רעכט אין בסוד נאר וויא שיקט זיך דער סוף פסוק ועל פני כל אחיו ישכון זאגט אים רבי חזקיה איך האב דרויף ניט גיהערט אונ וויל נישט זאגין ווארום איך האב גילערינט עש שטייט וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל וואש משה האט גילערינט דאס מעגשטו זאגין אבער וואש משה האט נישט גיזאגט טארשטו ניט זאגין זאגט רבי יהודא עש שטייט כי היא חייך ואורך ימיך ווער עש איז זוכה צו דר תורה אונ איז זיך ניט פורש פון איר איז ער זוכה צוא צווייא ערלייא חיים בעולם הזה ובעולם הבא דרום שטייט כי היא חייך לשון רבים אונ דער וואש איז זיך פורש פון דער תורה איז גליך וויא ער איז זיך פורש פון חיים אזו אז מען איז זיך פורש פון רבי שמעון איז ער זיך פורש פון חיים ומה דאך אז ער האט שוין אן גיהייבין צוא זאגין אפשט קאן מען ניט גומר זיין איז שוין אכל שכן דיא תורה וואש זיא איז סתום וחתום על אחת כמה וכמה ווייא צוא דעם דור וואש רבי שמעון וועט אוועק פון זייא דען אז מיר זיינען גיוועזן פאר רבי שמעון איז גיוועזן אפין אלע סודות פאר אונז אונ אז מיר האבין זיך אפ גישייד פון אים איז אלץ גיווארין פאר הוילין פון אונז אונ אלע קוואלין פון חכמה איז גיווארין פאר מאכט פון אונז זאגט רבי חזקיה דרום שטייט ביא משה רבינו ויאצל מן הרוח אשר עליו ויתן על שבעים איש הזקנים וויא איין ליכט וואש מען צינט אן פיל ליכט פון איר אונ זיא ווערט ניט חסר אזו איז רבי שמעון דער הער פון אלע ליכט אונ זיין ליכט ווערט ניט אפ גיטאן פון אים אונ זיא בלייבט אין זיין שטאנד אונ אז זייא זיינען גיקומען צוא רבי שמעון האבין זייא אים גיפונען אז ער איז עוסק בתורה האט רבי שמעון צוא זייא גיזאגט איין אוצר איז בייא אייך גיוועזן אונ איז ווידער פון אייך פאר לארין גיווארין האבין זייא אים גיפרעגט אויף דעם סוף פסוק האט ער זייא גיזאגט דרויף גרוישע סודות זאגט רבי יהודה רבי שמעון איז גליך צוא איין קוואל ברונים וואש ער הערט ניט אויף צוא געבין קיין וואשער אזו אויך איז דער שכל פון רבי שמעון אונ ער איז אזו וויא ווין וואש שטייט אויף זיינע הייבין דאש ער איז תמיד גוט אונ וועפט ניט אויש ווייא צוא דער דור וואס רבי שמעון וועט אפ גיטאן ווערין פון זייא :

ויהי אברם בן תשעים ותשע שנה רבי אבא הייבט אן עס שטייט (שמואל ב כב) כי מי אל מבלעדי ה' ומי צור זולתי אלהינו ווער עס איז איין שליט אדער אממונה אויף דער וועלט דער קענט ער גאט ער ווייסט ער איז נאר גיזעצט אונ באפוילין פון גאט ער שטייט ניט אין זיין רשות ער קען אליין גאר ניט טאן אונ ווער איז איין תקיף אונ איין שטארק פעלזין וואס ער קען טאן איין שום זאך אן דעם ווילין פון

השי"ת

השי"ת נאך איין פשט איז כי מי אל ווער איז אין זיין רשות אונ ניט
אזו וויא זיין מזל אין הימיל ווייזט אויף אים אבער השי"ת איז אל דינג
משנה אזו וויא זיין ווילין איז ומי צור אונ ווער נאך האט אין זיך
אזו איין מעלה וויא השי"ת ער באשאפט איין צורה אין דער מוטער
לייב אונ גיט אריין אין אים אן נשמה בדמות עליון השי"ת באשאפט פון
דעם באהעפטין מאן אונ ווייב דאס קינד אונ איז כולל פון זייא ביידע
אזו וויא אונזערע חכמים האבין גיזאגט דרום גיהער זיך איטליכער
מענטש דיא צייט פון זיווג מקדש זיין כדי דאס קינד זאל זיין ארכטע
גישטאלט צייר שלם רבי חייא זאגט קום אונ זעה וויא גרויס זיינען
דיא וואונדער פון השי"ת דען ער באשאפט אמענטשין בדמות עליון אונ
אלע טאג איז השי"ת בורא עולמות ומזווג זווגים איטליכין וואס איז צוא
אים ראוי אונ איטליכער מאן אונ ווייב איז איין צייר למעלה איידער ער
באשאפט זייא זיינען זייא אויבין אין גישטאלט אזו וויא זייא זיינען
דער נאך · רבי שמעון זאגט עש שטייט זה ספר תולדות אדם השי"ת האט
גיוויזין צוא אדם אלע דורות אונ זייערע מנהיגים אין דעם גישטאלט
וואס זייא ווערין זיין אויף דער וועלט ווארום זייא שטייען אין דעם
גישטאלט פון בריאות העולם אן אזו אויך אלע צדיקים וואס
שטארבין זיינען אן גיברייט צוא ווערין אין דעם גישטאלט אונ אין
דעם מלבוש וואש זייא זיינען גיוועזן אויף דער וועלט אונ דאש
האט אלץ השי"ת גיוויזין צוא אדם הראשון בסודות עליונים קום אונ
זעה איידער דער מענטש ווערט באשאפין ווערט אוים גירופין למעלה
בת פלוני לפלוני אונ השי"ת ענטפערט איבער ביידע נשמות צוא דעם
מלאך וואס הייסט לילה דער איז ממונה איבער דעם טראגין פון
נשים דער נאך ווערין זייא צו שפרייט איטליכער אין איין אנדער גוף
אונ אמאל ווערט איינער באשאפין פאר דעם אנדערין אונ אז עס
קומט דיא צייט זייא זאלין זיך נעמען איז השי"ת מחבר ביידע אונ זייא
ווערין אזו וויא איין גוף אונ דרום שטייט אין כל חדש תחת השמש אז
דוא וועשט פרעגין אמער מיר האבין דאך גילערינט אז דער זיווג פון
דעם מענטשין איז נאך זיינע מעשים נאך דאס איז אמת אז זיינע
מעשים זיינען גוט באקומט ער דעם זיווג וואס מען האט אויף דעם
הימיל אוים גירופין אונ מען האט אים איבער גיענטפערט צוא דעם
מלאך לילה האט רבי חייא גיפרעגט אז זיין זיווג איז נאך זיינע מעשים
נאך וואס דארף אמענטש נאך זוכין נאך זיין זיווג האט אים רבי
אבא גיענטפערט מיר האבין דאך גילערינט תמיד זאל אמענטש פאר
קויפין וואס ער האט אונ זאל נעמען איין בת תלמיד חכם ווארום דיא
פקדונות פון גאט זיינען אויף גיהויבין בייא איין תלמיד חכם · תאנא
מיר האבין גילערינט בסודות המשניות דיא מענטשין וואס קומען אויף דר
וועלט קענען מיט תפלה צוא נעמען דעם זיווג פון יענעם אזו וויא
מיר האבין גיזאגט אין דער גמרא שמא יקדמנו אחר ברחמים אונ דרום
איז שווער פאר השי"ת דער זיווג אזו וויא קריעת ים סוף · רבי יהודה
האט גישיקט צוא רבי אלעזר אונ האט גיפרעגט דעם סוד פון
נשמות דאס ווייס איך נאר עס איז מיר קשה דער וואס האט שוין
גיהאט זיין זיווג וואו נעמט ער היינט איין זיווג האט ער אים
גיענטפערט עס שטייט בייא די בני בנימין (שופטים כא) מה נעשה לנותרים וואו
וועלין זייא נעמען ווייבער נאך דעם שטייט ותחטפו לכם איש את אשתו אונ
זייא האבין גיחאפט ווייבער וועלכע זייא האבין גיוואלט אזו דא אויך
אויף זייא איז גיזאגט גיווארין שמא יקדמנו אחר ברחמים טאמער וועט זייא

אנאנדערער פריער צו נעמען מיט תפלה אונ רחמים דרום איז דאס קשה
פאר השי"ת אזו וויא קריעת ים סוף · וואול איז צוא דיא וואס הקב"ה
האט זייא מגלה גיוועזין זיינע פאר בארגענע סודות אין דער תורה אונ
זיינע פאר בארגענע וועגין אויף זייא איז גיזאגט גיווארין תורת ה' תמימה
וואול צו די לייט וואס לערנען תורה אונ זיינען זיך ניט פורש פון איר
דען דער וואס שייד זיך אפ אפילו איין שעה פון דער תורה
איז גלייך וויא ער שייד זיך אפ פון דעם לעבין אזו וויא דער פסוק
זאגט כי היא חייך ואורך ימיך אונ עש שטייט אורך ימים בימינה אונ עש
שטייט אורך ימים ושנות חיים יוסיפו לך : רבי יוסי הייבט אן ועמך כולם צדיקים
לעולם ירשו ארץ (זכאין) פיל זיינען זייא זוכה דאס הקב"ה רופט זייא אן
צדיקים תאנא מיר האבין גילערינט אכט טויזינט אונ הונדערט מיט
פינף אונ צוואנציג מלאכים איז פאר האנדין זייא הייסין מארי דגדפין די
מלאכים שוועבין אויף דער וועלט אונ הערין אלץ וואס דער מענטש
רעדט אזו נעמען זייא דאש קול אונ ברייגגען עם ארויף אויף דעם
הימיל דען מיר האבין גילערינט עס איז ניט פאר האנדין איין שום
דיבור אז עס זאל ניט אויף גיין די מארי דגדפין זיי נעמען דאס קול
אונ טראגין עס פאר דעם בית דין של מעלה אונ זייא זיינען דאש
דן צוא גוטין אדער צוא שלעכטין אזו וויא דער דבור איז אזו וויא דער
פסוק זאגט אין (קהלת יב) כי עוף השמים יוליך את הקול וגו' ווען איז מען עס דן
רבי חייא זאגט בשעת דער מענטש ליגט אונ שלאפט אונ דיא נשמה
גייט פון אים אוועק אונ זאגט עדות אויף דעם מענטשין אזו וויא דער
פסוק זאגט אין (מיכה ז) משוכבת חיקך שמור פתחי פיך דאס איז טייטש פאר
דיא וואס ליגט אין דיין שויס דאס מיינט מען דיא נשמה זאלשטו
היטין פאר איר דיין מויל דען זיא וועט עדות זאגין אויף דיר · רבי
יהודה זאגט אויף אלע זאכין וואס דער מענטש טוט בייא טאג טוט
זיא אויף אים עדות זאגין בייא נאכט רבי אלעזר זאגט בשעת דער
טאג טוט אוועק גיין אונ דיא זון טוט אונטער גיין דיא ערשטע שעה
אין דער נאכט אזו גייט דער האר פון דיא שליסלען וואס ער איז
ממונה אויף דער זון גייט ער אריין אין צוועלף שערים וואס זייא
זיינען בייא טאג אפין אונ אז ער גייט אריין ווערין זייא פאר מאכט
אונ איין כרוז גייט ארוים אונ רופט אוים שטייט אויף איר שומרים אונ
נעמט צוא דיא שליסלען אונ נאך דעם כרוז זאמלען זיך איין אלע
שומרי שערים של מעלה אונ גייען ארויף אונ עם ווערט שטיל אונ עש
עפינט קייגער קיין מויל ניט דען הויבין זיך אן אלע כוחות הדינים דער
וועקין אונ זייא גייען אונ שוועבין אויף דער וועלט ביז דיא לבנה
הייבט אן צוא לייכטין · הייבין אן צוא בלאזין דיא דינים פון יבבה ויללה
מען זאל דער שרעקין דיא כוחות הדינים וואס זיינען שולט אויף דער
וועלט · אונ אז מען בלאזט דאס אנדערע מאל דער וועקין זיך דיא
מלאכים וואס זאגין שירה פאר השי"ת אונ זינגען שירות ותשבחות צוא
השי"ת אונ פיל הערין פון דינים דער וועקין זיך אויף דער וועלט אז
דיא לייט שלאפין אונ דיא נשמה גייט ארויף עדות זאגין פאר השי"ת
אויף אלע אירע מעשים פון דעם טאג אונ אפילו זיא ווערט מחוייב
בדין טוט השי"ת מיט איר חסד אונ זיא גייט ווידער אין גוף אונ אז
עש קו[illegible] אין מיטין דער נאכט גייט הקב"ה מיט דיא מלאכים אין גן
עדן אריין צוא פרייען זיך מיט דיא נשמות הצדיקים וואול צוא דיא
מענטשין וואס שטייען אויף האלבע נאכט לערנען דער איז בוודאי
איין בן עולם הבא אונ הקב"ה מיט אלע צדיקים הערין אים צוא אזו
וויא

וויא דער פסוק זאגט היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני אונ הקב"ה איז אויף אים ממשיך איין חוט של חסד דאס ער ווערט אייביג גיהיט אונ מען היט אים פון אויבין אונ אונטין ווייטער שטייען סודות:

רבי אבא איז גיגאנגען פון טבריא קיין טרוניא צוא זיין שווער אונ מיט אים איז גיוועזן רבי יעקב בר רב זיינען זייא גיקומען צום דארף טרשא זאגט רבי אבא צוא דעם בעל הבית האשטו בייא דיר איין האן · זאגט דער בעל הבית וואש באדארפט איר איין האן זאגט רבי אבא איך וויל אויף שטיין אין האלבע נאכט לערנען זאגט דער בעל הבית איך האב איין וואג וואס איך גיס דאס אן מיט וואשער אונ אגאנצע נאכט גייט דער פון טראפין אונ אז עש קומט אין מיטין דער נאכט ווערט עש ליידיג הייבט זיך עש אן צוא דרייען וויא א ראד אונ עש הייבט אן קלינגען אז מען הערט עש אין גאנצין הויז עש איז בייא מיר גיוועזן איין אלטער מאן ער פלעגט אויף שטיין אין האלבע נאכט אזו האט ער מיר דאס גימאכט האט רבי אבא גיזאגט גילויבט איז השי"ת וואש האט מיך אהער גיבראכט · אז עש איז גיקומען האלבע נאכט האט זיך דאס ראד אן גיהויבין צוא דרייען אונ קלינגען איז רבי אבא ורבי יעקב אויף גישטאנען אונ האבין גילערינט הערין זייא וויא דער בעל הבית מיט זיינע דרייא קינדער זיצין אין הויז אונ לערנען אונ זאגין עם שטייט חצות לילה אקום להודות לך אונ זאגין אויף דעם גרוישע סודות זאגט רבי אבא צוא רבי יעקב היינט וועלין מיר זיך באהעפטין מיט דער שכינה · זיינען זייא גיגאנגען צוא דעם בעל הבית אונ זאגין אים דוא האשט גוט גיזאגט נאר פון וועמען האשטו דאש גיהערט זאגט ער פון דעם אלטין אונ זאגט ווייטער סודות · שטייט אויף רבי אבא אונ האט אים גיקושט אונ זאגט גילויבט איז השי"ת וואס האט מיך גיבראכט אהער עס איז פאר רבי שמעון אויך אזו גיזאגט גיווארין · אונ דער בעל הבית זאגט ווייטער סודות אזו שטייט אויף רבי אבא אונ זאגט איך האב גימיינט אז דיא חכמה איז מער ניט פאר האנדין נאר בייא דיא גרויסע מענטשין היינט זעה איך אז אפילו די קינדער וואס זיינן אין דור פון רבי שמעון זיינען אויך זוכה צו חכמה עליונה ווייא צוא דעם דור וואס רבי שמעון וועט אוועק פון זיי · האט רבי אבא ארויף גילייגט ביידע הענט אויף דעם בעל הבית קאפ אונ האט אים גיבענשט אונ האבין ווייטער גילערינט ביז עס איז טאג גיווארין :

פתח האט רבי אבא אן גיהויבין עס שטייט ועמך כולם צדיקים וגו' איז דאך אקשיא נאך וואש שטייט ועמך כולם צדיקים זיינען דען אלע צדיקים עש איז דאך פאר האנדין צווישין זייא פיל רשעים וואס זיינען עובר אויף דער תורה נאר מיר האבין גילערינט וואול צוא זייא · זייא זיינען זוכה צוא מאכין איין באווילגטין קרבן צוא הקב"ה מיט דעם וואס זיי זיינן מל זייערע קינדער צו אכט טאג אונ מאכין זייא איין חלק להקב"ה זייא זאלין ווערין אן גירופין צדיקים דרום זיינען זייא זוכה צו יירשינן דאס ארץ החיים של מעלה · ולעולם ירשו ארץ מיינט מען דעם גן עדן וואול איז צוא דיא וואס היטין זייער הייליגין צייכין דען דער יהודי וואס לייקנט אין דעם הייליגין צייכין איז גלייך וויא ער לייקנט אין דעם נאמען פון דעם מלך אזו וויא עש שטייט (הושע ב') בה' בגדו כי בנים זרים ילדו איז טייטש אז זייא גיווינען קינדער פון פרעמדע פעלשין זייא אין זיין הייליגין נאמען רבי אבא זאגט בשעת דער מענטש ברייינגט זיין קינד מל זיין רופט השי"ת דיא פמליא של מעלה אונ זאגט זייא קומט אונ זעהט וואס מיין קינד טוט אויף דער וועלט באותו שעה קומט אן אליהו הנביא וואס שוועבט דיא וועלט מיט פיר שוועב אונ דרום האבין מיר גילערינט אז דער פאטער פון דעם קינד גרייט אן אשטול אונ זאגט זה הכסא של אליהו קומט צוא גיין אליהו אויף דעם ברית אונ דער נאך גייט ער ארויף אונ זאגט עדות פאר הקב"ה אז ישראל זיינען מקיים דעם ברית אונ אז ניט קומט ער ניט צוא גיין · קום אונ זעה עס שטייט אין פסוק מה לך פה אליהו השי"ת האט אים גיפרעגט וואש טושטו דא האט ער גיענטפערט קנא קנאתי לה' כי עזבו בריתך בני ישראל האט אים הקב"ה גיזאגט דא שווער איך בייא דיין לעבין דער פאר וואס דוא האשט גירעט אויף דיא ישראל אונ זאגשט כי עזבו בריתך זאלשטו תמיד שטיין ווען דיא ישראל וועלין מל זיין זייערע קינדער אונ דאס מויל וואס האט גירעט שלעכץ זאל אליין עדות זאגין אז דיא ישראל זיינען מקיים דעם ברית אונ זיינען מל זייערע קינדער דרום דארף מען מאכין אשטול פון זיינט וועגין ער זאל קומען צוא גיין דער וייל איז גיווארין טאג האבין זייא גיוואלט אוועק גיין זאגט דער בעל הבית צוא זייא אז איר האט שוין אן גיהויבן מוזט איר גומר זיין זאגט רבי אבא וואס איז דען זאגט דער בעל הבית איר וועט מארגין זעהען אליהו ווארום איך מאך מארגין איין ברית מילה אונ בעט אייך איר זאלט זיך אויף האלטין בייא מיר זאגט רבי אבא דאש איז דאך אמצוה צוא זעהען דיא שכינה וועלין מיר ווארטין זייא האבין גיווארט אגאנצין טאג אויף דער נאכט האט דער בעל הבית גירופין זיינע גוטע פריינט אונ האבין אגאנצע נאכט גילערינט קיינער האט ניט גישלאפין זאגט דער בעל הבית איך בעט אייך איר זאלט זאגין נייעס פון דער תורה האט איטליכער גיזאגט תורה :

פתח הייבט איינער פון זייא אן צוא זאגין עס שטייט (תהלים צד) לולי ה' עזרתה לי כמעט שכנה דומה נפשי מיר האבין גילערינט פאר וואש האבין דיא יהודים ניט קיין גיהנם ווארום זייא האבין גיהיט דעם הייליגין צייכין מיר האבין גילערינט בשעת דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט קומען אים אקעגין מלאכי דין אונ ווילין צו נעמען די נשמה אונ אז זייא זעהען דעם הייליגין צייכין שיידין זייא זיך אפ פון אים אונ ער קומט ניט אריין אין דער האנט פון דעם מלאך דומה ווארום דער וואס קומט אריין אין זיין האנט פירט ער אים אין גיהנם אריין אונ פאר דעם הייליגין צייכין האבין מורא עליונים ותחתונים אז קיין בייזער דין זאל אין אים ניט שולט זיין אז ער איז זוכה ער זאל אים רעכט היטין אונ אז דוד המלך האט אים ניט גיהיט האט מען בייא אים דיא מלוכה צוא גינומען אונ מען האט אים אוועק גיטריבין פון ירושלים ער האט נאך מורא גיהאט ער זאל ניט נמסר ווערין אין דיא הענט פון דעם מלאך דומה וועט ער שטארבין פון ביידע וועלטין וביז הקב"ה האט אים איין גוטע בשורה גיזאגט אזו וויא עס שטייט גם ה' העביר חטאתך לא תמות אין דער צייט האט ער גיזאגט לולי ה' עזרתה לי ווען הקב"ה זאל מיר ניט גיוועזן העלפין כמעט שכנה דומה נפשי וואלט מיין נפש אריין גיקומען אין דער האנט פון דומה דער שר פון גיהנם : פתח אידך האט ווידער איינר אן גיהויבין עש שטייט ויאמר דוד והראני אותו ואת נוהו וואס איז טייטש ואת נוהו ער האט דען באגערט צוא זעהן הקב"ה אלא מחמת דוד האט פוגם גיוועזן אין דעם אות ברית אונ איז פאר טריבין גיווארין פון ירושלים האט ער גיבעטין ער זאל ווידער קומען צוא

דער

דער מדריגה פון דעם אות דאס הייסט בחינת צדיק אונ ואת נוהו הייסט
ירושלים ער זאל ווידער קומען קיין ירושלים צו זיין מלוכה: פתח
האט ווידער איינער גיזאגט עס שטייט ומבשרי אחזה אלוה וואס הייסט
פון מיין לייב טו איך זעהן גאט אלא דורך דעם ברית קודש דאס הייסט
בשר אז מען היט עס אזוי ווי עס באדארף צו זיין איז מען זוכה צו
זעהען די שכינה אונ אז מען היט אים ניט שטייט מנשמת אלוהי יאבדו
(וכאין) די צדיקים זיינען זוכה זייא האבין איין אחיזה אין השי"ת
בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם
חיים כלכם היום זייא זאגין ווייטער איטליכער גרוישע סודות פרעגט רבי
אבא ווי קומט דאס איר זייט אזעלכע גרוישע חכמים אונ איר זיצט
דא האבין זייא גיזאגט אז די פייגלען פליהען אוועק פון זייער
נעסט ווייסין זייא ניט וואו אהין צו פליהען אזוי ווי עס
שטייט כצפור נודדת מקנה כן איש נודד ממקומו אזוי איז אונזער מנהג
ביז האלבע נאכט שלאפין מיר אונ דער נאך לערנען מיר ביז טאג אונ
דער ריח השדה אונ די נהרות טל איז אונז מרחיב אונזער הארץ אונ
אויף דעם איז אמאל גיוועזן אגרוישער מדת הדין דען דא איז אמאל
גישטארבין פיל גדולים וחשובים לומדי תורה פון וועגין ביטול תורה דרום
זיינען מיר עוסק בתורה יום ולילה אונ דאס ארט איז אונז מסוגל צו
לערנען אונ דער וואס שייד זיך אפ פון דעם ארט איז גלייך ווי
ער שייד זיך אפ פון דעם לעבין הייבט רבי אבא אויף זייני הענט
אונ בענטשט זייא זיינען זייא גיזעסין ביז עס איז גיווארין טאג אז
עס איז טאג גיווארין האבין זייא גיזאגט צו די קינדער גייט ארויש
אונ זעהט אויב עס איז שוין ליכטיג אונ איטליכער פון אייך זאל זאגין
איין נייע זאך פאר דעם אדם גדול דאס מיינט מען רבי אבא זאגט
איינער עס איז אן גיברייט עס זאל הייסט אראפ גידערין אפייער פון
דעם הימל זאגט דער אנדערער עס וועט אריין אהער אין שטוב זאגט
דער דריטער עס וועט פאר ברענגען איין אלטין מאן אין דער שטוב
זאגט רבי אבא רחמנא ליצלן גאט זאל אונז מציל זיין דער פון זייא
פאר וואונדערין זיך אונ קענגען ניט ריידין מחמת פחד זאגט רבי אבא
וואס עס וועט זיין פון אויבין זאל מען ווישין אונטין אונ עס איז
אזוי גיוועזן עס האט דעם טאג ארום גירינגלט די שטוב פייער פון
אויבין אונ זייא האבין דארטין גיזעהען פני השכינה אונ רבי אבא איז
גיוועזן רויט פון דעם פייער אונ פון דער שמחה של תורה דעם גאנצין
טאג איז קיינער ניט ארויש גיגאנגען זייא האבין זיך משמח גיוועזן
גלייך ווי זייא וואלטין היינטיגין טאג די תורה מקבל גיוועזן אונ דאס
הויז איז גיוועזן ארום גירינגלט אגאנצין טאג מיט איין פייערדיגין
זייל דער נאך האבין זייא גאר ניט גיוואוסט אויב עס איז טאג אדער
נאכט האט רבי אבא גיזאגט ווייל מיר זיינען אלע דא זאל איטליכער
זאגין חידושי תורה כדי מחזיק טובה זיין צום בעל הברית האט
איינער אן גיהויבין עס שטייט (תהלים ס"ה) אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך
נשבעה בטוב ביתך קדוש היכלך אונ זאגט אין דעם פסוק גרוישע סודות אונ
דרום די חסידים הראשונים אז מען האט גיבראכט דאס קינד צו
דער מילה האבין זייא גיזאגט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך אונ די
מענטשין וואס זיינען דער ביי גישטאנען האבין גיזאגט נשבעה בטוב
ביתך קדוש היכלך דער נאך האט ער גיזאגט די ברכה אשר קדשנו במצותיו
וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו אונ דער עולם האט גיזאגט כשם שנכנס
לברית וכו' אונ דער וואס זאגט ניט אזוי דער איז ניט זוכה צו זעהען

די צעהען חופות וואס הקב"ה וועט מאכין צו די צדיקים אין גן
עדן אונ דרום זאגט דער פסוק אשרי תבחר וגו' צעהען ווערטער דאס
ווייזט אז איטליכס ווארט וועט זיין איין חופה דאס איז אגרוישער
סוד וואל צו אייך בעולם הזה ובעולם הבא דאס די תורה איז גלייך
ביי אייך ווי איר וואלט היינט גישטאנען אויף דעם בארג סיני
צו מקבל זיין זיא פתח האט ווידער איינער אן גיהויבין עס שטייט
ויהי אברהם בן תשעים שנה ותשע שנים וגו' איז קשה האט זיך דען ביז אהער
ניט באוויזין צו אים הקב"ה וואס זאגט ער ויהי אברם וגו' וירא ה' איז
משמע אבער פריער האט זיך הקב"ה ניט באוויזין צו אים אמער עס
שטייט דאך ווי פיל מאל ווי גאט האט מיט אים גירעט נאך איז
קשה וואס ציילט ער זייני יארין נאך איז קשה ביי תשעים וואס
איז לשון רבים זאגט ער שנה אונ ביי תשע וואס איז לשון יחיד זאגט
ער שנים אלא ביז אהער איז ער ניט גיוועזן גימלת דרום שטייט
ביז אהער ניט דאס לשון וירא אונ אז ער האט זיך שוין מל גיוועזן
שטייט שוין דאס לשון וירא ער האט זיך שוין באוויזין צו אים אצונד
איז גיוועזן די צייט יצחק זאל גיבארין ווערין וואס ער איז זרע קודש
דרום האט הקב"ה אים גיהיישין זיך מל זיין דרום ציילט ער זייני יארין
אונ זאגט ביי תשעים שנה דען אלע יארין פון פריער איז גיוועזן אזוי
ווי איין יאר אונ ביי תשע זאגט ער שנים ווייל די ניין יארין זיינען
גיוועזן גירעכינט פאר פיל ווייל ער האט זיך אין זייא מל גיוועזן ויאמר אליו
אני אל שדי פאר וואס ביז אהער האט ער ניט גיזאגט צו אים
אני אל שדי אלא מיר האבין גילערינט הקב"ה האט באשאפין מדריגות
פון כוחות החיצונים וואס זייא זיינען אונטער דער קדושה וזה לעומת
זה עשה אלהים וכאין זאגט רבי אבא אונ ווייטער איז גרוישע סודות
איר בעולם הזה ובעולם הבא אונ איך בין אזכאי אז איך האב זוכה
גיוועזן דער צו צו הערין אזעלכע סודות אונ חידושי התורה איר זייט
קדושים קינדער פון דעם המלך הקדוש אונ דער בעל ברית
האט זוכה גיוועזן צו זעהען די שכינה פנים בפנים אשרי חלקו
ואשרי חלקינו אונ אויף דעם קינד וואס איז גיבארין גיווארין איז
גיזאגט גיווארין דער פסוק כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף
עשיתיו אונ דער פסוק וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך דער נאך האבין
זייא צו רבי אבא בגלייט דרייא מייל אויף דעם וועג זאגין זייא
דער בעל הברית האט דאס אלץ זוכה גיוועזן ווייל ער האט מקיים
גיוועזן איין מצוה פרעגט רבי אבא וואס פאר אמצוה זאגט
דער בעל הבית מיין ברודער איז גישטארבין אן קינדער האב איך
גינומען זיין ווייב אונ דעם קינד האב איך אנאמען גיגעבין נאך מיין
ברודער זאגט רבי אבא ווייטער זאלסטו אים רופין אידי אונ דאס איז
רבי אידי בר יעקב האט אים רבי אבא גיבענטשט אונ איז אוועק
גיגאנגען · ווי רבי אבא איז גיקומען פאר רבי אלעזר האט ער פאר
רבי אלעזר דער ציילט די גאנצע מעשה אונ פאר רבי שמעון האט
ער מורא גיהאט צו זאגין אמאל איז ער גישטאנען פאר רבי שמעון
זאגט רבי שמעון וואס מיינט דר פסוק ויפול אברם על פניו וידבר אלהים לאמר
אני הנה בריתי אתך איז משמע אייער ער האט זיך מל גיוועזן איז ער גיפאלין
אויף דעם פנים אז גאט האט מיט אים גירעט · אונ דער נאך שטייט
הנה בריתי אתך איז משמע אז ער איז שוין גיוועזן גימלת · איז דאך
אקשיא פון דעם סוף פסוק אויף דעם אן הויב פסוק זאגט רבי אבא
אויב עס איז ניחא אז איך זאל זאגין פאר דעם הער די חשובי רייד
וואס

וואש איך האב גיהערט זאגט רבי שמעון זאג זאגט רבי אבא איך פארכט מיך זייא זאלין ניט נענש ווערין דורך דעם · זאגט רבי שמעון חס ושלום משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה׳ דאש איז טייטש פאר איין שמועה רעה זאלין זייא ניט מורא האבין דען זיין הארץ זאל אים זיין פאר זיכערט אין גאט האט ער אים דער ציילט דיא גאנצע מעשה אונ אלע דברי תורה זאגט רבי שמעון איך בין גוזר אז דוא זאלשט זיך מידין אלע היינטיגע דרייסיג טאג אין זייער תורה אונ זאלשט דאס פאר געסין דען עס שטייט אל תמנע טוב מבעליו איז טייטש אז דו זאלשט ניט פאר מיידין קיין גוטץ פון דעם וואס בייא אים איז דאס גוט · אונ אזו איז גיוועזן · נאך זאגט רבי שמעון איך בין גוזר אז מיט זייער תורה זאלין זייא פאר טריבין ווערין קיין בבל אונ זאלין פאר טריבין ווערין צווישין דיא חכמים · רבי אבא האט זיך זייער מצער גיוועזן דרויף אמאל זעהט אים רבי שמעון זאגט אים רבי שמעון איך זעה אין דיין פנים אז דו האסט גרויש דאגה אויף אזאך זאגט רבי אבא ניט פון מיינט וועגין נאר פון יהודים וועגין בין איך זיך מצער זאגט רבי שמעון חס ושלום זייא זאלין נענש ווערין · נייערט דיא סודות זיינען בייא זייא זייער אנטפלעקט אונ זייא דארפין זייא באהאלטין אונ אז זייא וועלין פאר טריבין ווערין צוא דיא רבנים פון בבל וועלין זייא זיך פון זיי אפ לערנען אז זיי זאלין ניט אזו מגלה זיין דיא סודות דען אזעלכע דברים דארפין ניט מגולה ווערין נאר צווישין אונז דען הקב״ה האט מסכים גיוועזן אז דיא סודות זאלין נאר בייא אונז מגולה ווערין רבי יוסי זאגט עס שטייט אין (ישעיה נח) אז יבקע כשחר אורך דען הקב״ה איז אן גיבערייט אויש צוא רופין דיין ליכט. וועט דער לייכטין אזו וויא דער מארגין שטערין דאס הייסט דיין מזל וועט זיין גרויש אונ דיין רפואה וועט דיר באלד שפראצין אונ עס וועט פאר דיר גיין דיין צדקה אונ דער כבוד ה׳ וועט דיך איין זאמלען:

## מדרש הנעלם

רבי יהודה פתח רבי יהודה הייבט אן עס שטייט אין (שיר השירים) הנצנים נראו בארץ עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו זאגט רבי יהודה קום אונ זעה וויא אמענטש גיהער נאר. עוסק זיין בתורה ובמצות יומם ולילה דען דיא מעלה פון דער תורה איז איבער אלע מעלות דען בייא דעם איז פאר האנדין צווייא גרויסע מעלות לעבין מיט עשירות אזו שטייט אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד אונ כבוד מיינט מען עשירות ווארום איין עושר האט כבוד אונ דאס איז אליץ דורך דער תורה · דען אלע נאכט נעמט דער מלאך מט״ט אלע נשמות הצדיקים אונ ווייזט זייא פאר הקב״ה אונ די מלאכים ווארטין מיט זייער שירה זאגין ביז עס זאמלען זיך איין אלע נשמות הצדיקים אונ הייבין אן זאגין שירה באנאנד צוא הקב״ה דרום שטייט הנצנים נראו בארץ מיינט מען דיא מענטשין פון דער ערד וואס זיינען עוסק בתורה לשמה עת הזמיר הגיע מיינט מען דיא צייט איז גיקומען זינגען זמירות ותשבחות צוא דעם באשעפער · דורך וועמען ווערין דיא אלע זאכין זאגט ער פון וקול התור דאס איז דער מלאך מט״ט וואס זאמילט איין אלע נשמות הצדיקים זאלין זאגין שירה צוא הקב״ה דרום שטייט יעלזו חסידים בכבוד דורך דעם מלאך מט״ט וואס ער הייסט כבוד ירננו על משכבותם טוען זייא זינגען בייא נאכט אז דיא מענטשין שלאפין רבי יעקב זאגט אלע נשמות הצדיקים זיינען באשאפין גיווארין מתחת כסא הכבוד דען דיא נשמה פירט דעם גוף אונ ווייזט

אים צוא טאן דעם רצון הבורא · דען אז הקב״ה שיקט אראפ דיא נשמה אין גוף ארייין שטייט ויאמר ה׳ אל אברם דאס מיינט מען הקב״ה זאגט צוא דער נשמה וואס זיא הייסט אברם דאס איז צווייא ווערטער א״ב ר״ם דיא נשמה הייסט אב ווייל זיא איז איין פאטער צוא דער גוף רם הייסט זיא ווייל זיא איז פון איין הויך ארט דרום הייסט זיא אברם אונ השי״ת זאגט איר אן זיא זאל היטין דיא תורה מיט דיא מצות אונ ענטפערט איר איבער הונדערט שליסלען דאס הייסט מען זאל מאכין אלע טאג הונדערט ברכות מיט איטליכער ברכה ציהט ער אויף זיך איין שליסיל דרום שטייט לך לך עס באטרעפט הונדערט אונ אזו זאגט הקב״ה לך גייא ארויס מארצך פון דיין לאנד דאש מיינט מען דעם גן עדן וממולדתך פון דיין משפחה מיינט מען דיא מלאכים פון דעם הימיל מבית אביך מיינט מען אלע כחות הקדושה : אל הארץ אשר אראך אויף דער ערד אין וועלכין גוף איך וועל דיר ווייזין דער נאך בענטשט הקב״ה דיא נשמה מיט זיבין ברכות (א) ואעשך לגוי גדול איז איין ברכה (ב) ואברכך · (ג) ואגדלה שמך · (ד) והיה ברכה · (ה) ואברכה מברכיך · (ו) ומקללך אאור (ז) ונברכו בך כל משפחות האדמה וילך אברם גייט דיא נשמה אראפ כאשר דבר אליו ה׳ אזו וויא השם יתברך האט גיהייסין וילך אתו לוט גייט מיט אים תיכף דער יצר הרע וואס ער הייסט לוט דען ער איז דער נחש וואש ער האט אן גירעט צוא אדם הראשון אז ער זאל עסין פון דעם עץ הדעת אונ דאס ווארט לוט איז טייטש פאר שאלטין דען ער איז פאר שאלטין גיווארין · ווארום אויף ארור מאכט דער תרגום ליט אונ ביז דרייצעהען יאר וואס זייא הייסין שני ערלה גיוועלטיקט דער יצר הרע אליין אין דעם מענטשין דער נאך קומט דער יצר הטוב אונ דער שורש נשמה וואס ער הייסט חמש ושבעים שנה אין דער צייט בצאתו מחרן גייט זיא ארויס פון דעם יצר הרע הענט וואס הייסט חרן ער איז נאר צארענדיג אונ פול מיט דין דען די קדושה קומט צוא דעם מענטשין איין בייגין דעם יצר הרע אונ דיא נשמה דער וועקט אים דינען צוא השי״ת אונ פירין אים אין רעכטין וועג ויקח אברם את שרי אשתו דער גוף איז אנטקעגין דער נשמה וויא איין נקבה אנטקעגין איין זכר · דרום זאגט דער פסוק ויקח אברם דיא נשמה נעמט את שרי אשתו דאס מיינט מען דעם גוף פון דרייצעהען יאר אונ ווייטער וגם את לוט דער יצר הרע ווערט ניט אפ גיטאן פון אים ואת כל רכושם אשר רכשו אלע אירע מעשים טובים וואס זיא האט גיטאן נאך דרייצעהען יאר מיט דעם כח פון דער נשמה ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ דיא אלע מצות וואס ער האט גיטאן ביז דרייצעהען יאר וואס זיינען נאר גיוועזן מיט דעם יצה״ר דרום זיינען זייא ניט קיין רעכטע מעשים · אונ דאס פאר ריכט אליץ דיא נשמה אונ פירט דעם מענטשין אין רעכטין וועג מיט תשובה ומעשים טובים אונ גייט אין שול אונ אין בית המדרש ארייין כדי דער יצר הרע זאל בטל ווערין דרום שטייט ויעבור אברם בארץ עד מקום שכם דאס הייסט ער איז גיגאנגען אין בית המדרש ארייין דארטין רוט דיא שכינה אזו וויא עס שטייט בייא יוסף ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך · עד אילון מורה דאס איז דער בית המקדש וואס דארטין זיינען דיא מורה הוראות פון דער וועלט מיינט מען דיא סנהדרין זיינען דארטין גיזעסין אונ מיט דעם ווערט דער יצר הרע אונטער טעניג אזו וויא איין קנעכט · דרום הייסט ער כנעני אז ער טוט מעשים טובים ווערט אליץ פאר ריכט · אונ אז ניט הייסט ער כנעני דאס הייסט אסוחר וואס ער ריגגילט ארום הין אונ הער · אזו איז ער פריער רעט ער אן מען זאל טאן איין עבירה דער נאך גייט ער ארויף אויף דעם הימיל אונ

איז מקטרג אויף דעם מענטשין אונ נעמט רשות אונ גייט אראפ צוא
נעמען ביי דעם מענטשין די נשמה שטארבט דער מענטש אונ ווערט
ערד אזו וויא פריער איידער ער איז געבארין געווארין אונ אז דיא
צייט קומט דער מענטש זאל שטארבין וילך למסעיו דאס איז טייטש
ער גייט אוועק פון דער וועלט וואס זיא ווערט אן גירופין נגב ער גייט
עד בית אל אונ וויל גיין למקום אשר היה שם אהלו בתחלה בין בית אל ובין העי
דאס מיינט מען ער וויל גיין אין גן עדן אריין וואש דארפין פרייד
זיך השי"ת מיט דיא נשמות הצדיקים איז זיא זוכה קומט זיא אל מקום
המזבח אשר עשה שם וואס הקב"ה האט גימאכט בראשונה צוא דעם ערשטין
אונ דר מלאך מיכאל שטייט אונ ער גינעהענט דיא נשמות הצדיקים
לריח ניחוח צו אגישמאקין ריח איז זיא זוכה אהין צו קומען ויקרא שם אברם
בשם ה' אונ ווערט נצרר בצרור החיים דאס איז אלץ אז ער האט מתקן
גיוועזן דעם גוף אזו וויא מען דארף ער האט איין גיבויגין דעם יצר
הרע אונ אז אפילו ער קומט מקטרג זיין העלפט אים זיין נשמה
דרום שטייט ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט דאש מיינט
מען דער יצר טוב מיט זיינע חיילות קריגט זיך מיט דעם יצר הרע מיט
זיינע חיילות דען איטליכער וויל מען זאל אים פאלגין איבר דעם איז
דער גוף אין צער אויף דער וועלט:

ויאמר אברם אל לוט זאגט דיא נשמה צום יצר הרע איך בעט דיך אל נא
תהי מריבה בינינו ווארום זאלשטו מיט דיינע חיילות קריגין מיט
מיר אונ מיט מיינע חיילות כי אנשים אחים אנחנו מיר זיינן דאך קרובים
דען דער יצר טוב איז בייא דער רעכטער זייט פון דעם מענטשין
אונ דער יצר הרע איז בייא דער לינקער זייט דרום זיינען זייא קרובים
דאס הייסט נאהענט וויא דען הלא כל הארץ לפניך הפרד נא מעלי עש איז
דאך דא גינוג רשעים אויף דער וועלט גייא דיר צוא זייא דען זייא
וועלין דיך פאלגין נאך זאגט ער צוא אים אם השמאל אז דוא וועסט
מיך אן ריידין איך זאל עובר זיין איין לאו אין דער תורה וועל איך
דיך ניט פאלגין ואימינה ואם הימין אונ אפילו אז
דוא וועסט מיך אן ריידין איך זאל טאן אמצוה וועל איך דיך אויך
ניט פאלגין דען אמאל רעט אן דער יצר הרע אז מען זאל טאן
אמצוה פון גדלות וועגין אדער עש זאל דער פון ארויס קומען איין
עבירה אונ ער האלט אזו לאנג מלחמה ביז ער זעהט אז ער קען
גאר ניט פועל זיין שטייט ויפרדו איש מעל אחיו גייט ער אוועק פון אים
דרענסט מאל ואברם יושב בארץ הנגב זיצט ער בשלוה אונ ער איז
זוכה צוא זיצין אין גן עדן וואס ער איז פון דרום זייט דאס הייסט
פון דער רעכטער זייט צוא הקב"ה אונ דער נאך שטייט ואברם כבד מאוד
במקנה דאס מיינט מען ער האט זייער פיל מצות ומעשים טובים אונ
לוט דאס איז דער יצר הרע איז זיך מחבר מיט דיא רשעים דרום
שטייט ויאהל עד סדום אונ ווייטער שטייט ואנשי סדום רעים וחטאים לה' מאוד
וייל דער יצר הרע רעט זייא אן צוא ווידער שפעניגין אין גאט ברוך
הוא כדי ער זאל זייא מאכין פאר לירין אונ אז דיא נשמה בלייבט
שוין אן דעם יצר הרע אונ דער גוף בלייבט שוין ריין פון עבירות טוט
הקב"ה זיין וואונונג בייא אים אונ איז זוכה צוא ירשנן ירושה עליונה
ותחתונה דרום שטייט ווייטער וה' אמר אל אברם אחרי הפרד לוט מעמו שא נא
וגו' לך אתננה קום התהלך בארץ וגו' זייא דיך משתעשע אין ארץ החיים
מיט אנדערע צדיקים ביז ער קומט צוא דעם מזבח לה' דורך דעם
מלאך מיכאל אזו וויא אויבין איז געשטאנען אונ לוט בלייבט בייא

דיא רשעים אונ זייא זינדיגין דורך אים ביז זייא האבין שוין קיין
תרופה ניט דרום שטייט וישמע אברם כי נשבה אחיו דער צדיק דער הערט
אז דער יצר הרע איז גיפאנגען גיווארין מיט גרוישע עבירות וויא ער
דער הערט דאס וירק את חניכיו ילידי ביתו גייט ער מיט נאך צדיקים
וואס זיינען מחונך במצות וירדוף עד דן אונ יאגט נאך דיא רשעים צוא
שטראפין זייא אונ זייא מחזיר בתשובה זיין אונ איז זייא מודיע דעם
דין פון דעם גיהנם אונ פון עולם הבא אונ לאזט זייא ניט אפ טאג
אונ נאכט ויחלק עליהם לילה זייא שטייען אויף האלבע נאכט צו שטראפין
זייא ביז זייא זיינען זייא מחזיר בתשובה שטייט ווייטער וירדפם עד חובה
אשר משמאל לדמשק זייא האבין דיא רשעים גישטראפט ביז זייא זיינען
גיגאנגען מיט חובה וואס איז פון דער לינקער זייט דאס הייסט מצד
יצר הרע אונ האבין זיך ניט באהעפט לצד הימין מצד היצר טוב
עס שטייט ווייטער וישב את כל הרכוש אשר רכש דאס מיינט מען זייא זיינען
חוזר בתשובה שלימה וגם את לוט ואת רכושו השיב זייא אונ דער יצר
הרע זיינען חוזר בתשובה זאגט רבי חייא דער צדיק וואס האט
גישטראפט די רשעים אונ האט זיי מחזיר בתשובה גיוועזן אז די נשמה
גייט ארויס פון זיין גוף גייט אים אנטקעגין מיכאל כהן גדול וואס ער איז
מקריב דיא נשמות הצדיקים אונ גיט אים שלום דרום שטייט ומלכי צדק
מלך שלם דאס מיינט מען מיכאל ער איז דער ראש פון דיא שערי שלום
וצדק אונ זאגט צוא אים שלום איז דיין קומען זאגט רבי חייא פון דאנען
לערנען מיר אפ אז איינר קומט פון דעם וועג אונ איינר גייט אנטקעגין
אונ גיט אים שלום איז גלייך וויא ער גיט אים עסין אונ טרינקען דרום
שטייט לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים
האבין דען דיא ישראל באדארפט לחם ומים זייא האבין דאך גיהאט
דעם מן וואס ער איז בעסער פון אלע אכילות אויך האבין זייא גיהאט
דעם באר של מרים נאר וייל זייא האבין זייא ניט מקדים בשלום
גיוועזן איז גלייך וויא זייא האבין זייא גיווינציגט זייער לחם ומים אזו
אויך מיכאל בענטשט דיא נשמה אונ זאגט צוא אים ברוך אברם לאל
עליון קונה שמים וארץ וואול צוא דיר וואס דוא האסט דער צוא זוכה גיוועזן
אונ דער נאך זאגט ער אים וברוך אל עליון אשר מגן צריך בידיך גיבענטשט
איז גאט וואס ער האט דיר מוסר גיוועזן דיא רשעים אין דיין האנט
דוא זאלשט זייא מחזיר בתשובה זיין ויתן לו מעשר מכל דאס מיינט
מען הקב"ה גיט צוא דער נשמה מעשר דאס הייסט איין אות ה' פון
זיין כסא הכבוד וואס ער האט מיט דעם אות דיא וועלט באשאפין אונ
קריינט דיא נשמה דען ווערט זיא גאנץ אונ הייסט שוין אברהם אונ
דער מיט ווערט זיא צרורה בצרור החיים דרום שטייט מעשר מכל דאס
מיינט מען פון השי"ת וואס הייסט כל רב חסדא זאגט ווען השי"ת
וויל טאן איין דין אין דיא רשעים בארט ער זיך פריער אין די נשמות
הצדיקים אזו וויא עש שטייט מנשמת אלוה יאבדו דאס הייסט אז דיא
נשמה פון דיא רשעים באדארפין פאר לארין ווערין זייא פאר
לארין דורך דער נשמה פון דעם צדיק אונ דער שר של גיהנם שטייט
פאר דיא נשמות הצדיקים אונ בעט זייא זאלין ניט מתפלל זיין פאר
דיא נשמות הרשעים נייערט זייא זאלין זייא אריין געבין אין זיינע
הענט אריין וועלין זייא מאכין זיי נידערין אין גיהנם דרום שטייט ויאמר
מלך סדום אל אברם תן לי הנפש והרכוש קח לך דער מלך סדום מיינט מען דעם
גיהנם ער בעט צוא אברם דאס איז דער צדיק גיב מיר דעם נפש
פון דיא רשעים וועל איך זייא דן זיין אונ זייא ניט מציל מיט

דיין תפלה והרכוש אונ דיא וואס האבין תשובה גיטאן נעם דיר צוא מציל זיין זייא פון גיהנם ויאמר אברם אל מלך סדום הרימותי ידי אל ה' וג' דא שווער איך דיא מענטשין וואס איך האב זייא אלע טאג התראה גיטאן אז זייא זאלין תשובה טאן אונ האב זייא גיזאגט אז זייא וועלין קיין תשובה ניט טאן וועלין זייא אריין פאלין אין גיהנם אונ זייא האבין מיך ניט גיוואלט פאלגין שווער איך אויב איך וועל זייא מציל זיין פון דיין רשות מיט תפלה נעם דיר זיי זיי זיינען אין דיין רשות · רבי יהושע בן לוי זאגט אמאל בין איך גיוועזן ביא דער טיר פון דעם גיהנם האב איך גיזעהען וויא מען איז דן דיא רשעים אונ זייא שרייען וויא צוא אונז דען דיא צדיקים פלעגין אונז תמיד שטראפין אונ מיר האבין זייא ניט גיוואלט צוא הערין אונ דער נאך האב איך ווידער גיהערט איין קול שרייט דוא רבי יהושע בר ליואי האלט צוא דיין מויל אונ שטאפ עש צוא דען דוא האשט נאך קיין רשות ניט אזו וויא אנדרע צדיקים צוא בעטין אויף זייא שטייט ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגלי הצדיקים נאך איין פשט איז הרימותי ידי אל ה' דיא נשמה שווערט אז זיא זאל ניט מציל זיין דיא רשעים וואס האבין קיין תשובה ניט גיטאן בלעדי רק אשר אכלו הנערים קום אונ זעה וויא אזו דיא תורה איז גיליבט פאר גאט דורך איר איז אמענטש זוכה לחיי עולם הבא אונ דער וואס לערינט מיט אנדערין איז ער נאך מער זוכה דרום שטייט רק אשר אכלו הנערים דאש מיינט מען דיא וואס האבין גילערינט תורה מיט אנדערע אונ מיט קינדער איז זייער שכר כפול זייא זיינען אין גן עדן מיט דער שכינה ווען רבי שמעון פלעגט גיין זעהען דיא קינדער ביא זייער רבי פלעגט ער זאגין איך וועל גיין זעהען די שכינה דרום זאגט דיא נשמה צום שר של גיהנם אלע וועל איך ניט מציל זיין נאר רק אשר אכלו הנערים דיא וואש האבין גילערינט תורה מיט אנדערע דיא וועל איך מציל זיין פון זיין האנט אונ ניט איך אליין וועל זייא מציל זיין נאר דיא אבות וואס הייסין ענר אשכל וממרא יקחו חלקם וועלין זייא אויך נעמען זייער חלק זייא וועלין אויך העלפין מציל זיין צוא זייא :

# פרשת וירא

וירא אליו ה' באלוני ממרא רבי חייא האט אן גיהויבין עם שטייט (שיר ה) הנצנים נראו בארץ דאס מיינט מען אז השי"ת האט די וועלט בשאפין האט ער גיגעבין דיא ערד דעם גאנצין כח וואס זיא דארף כדי עש זאל קענען פון איר ארויש שפראצין פירות פון דעשט וועגין ביז אדם הראשון איז בשאפין גיווארין האט פון איר גאר ניט גישפראצט דעשט גלייכין דיא הימיל האבין ניט גיגעבין קיין רעגין ביז אדם הראשון איז גיקומען אזו וויא עם שטייט וכל שיח השדה טרם יצמח דאס איז טייטש אלע גראזין האבין ניט גישפראצט ביז אדם הראשון איז גיקומען ער זאל ארבעטין דיא ערד מיד באלד הנצנים נראו בארץ האט אן גיהויבין אלשדינג צוא שפראצין עת הזמיר הגיע עם איז גיקומען דיא צייט דיא ערד זאל שירה זאגין פאר השי"ת ווארום אדם הראשון איז בשאפין גיווארין אבער אז אדם הראשון האט גיזינדיגט איז ווידער אלץ אפ גיטאן גיווארין אונ דיא ערד איז גישאלטין גיווארין אזו וויא עם שטייט ארורת האדמה בעבורך אויך שטייט כי תעבוד את האדמה לא תוסף תת כחה לך וקוץ ודרדר תצמיח לך דער נאך איז נח גיקומען אונ האט צוא גיגרייט איין אקער אייזין מען זאל אקערין האט ווידער אן גיהויבין וואקסין התבואה דער נאך אז נח האט אויך גיזינדיגט אזו וויא עם שטייט וישת מן היין וישכר ויתגל בתוך אהלו איז ווידער אפ גיטאן גיווארין דער כח פון דער ערד ביז אברהם אבינו איז גיקומען מיד באלד הנצנים נראו בארץ האט ווידער אן גיהויבין צו שפראצין עת הזמיר דיא צייט פון בשניידין איז גיקומען מיינט מען הקב"ה האט גיהייסין אברהם זאל זיך מל זיין הגיע האט גיגרייכט דורך אים האט דיא וועלט אקיום גיהאט דען איידער אברהם איז גיקומען איז גיוועזן פאר הוילין אלע ליכטיקייט אויבין אונ אונטין אונ אז אברהם האט זיך מל גיוועזן האט ער אויש גיראמט אלע טומאות וקליפות פון דער וועלט אונ עס איז אנטפלעקט גיווארין אלע ליכטיקייט דרום שטייט וירא אליו ה' הקב"ה האט זיך צוא אים אנטפלעקט מיט דער מרכבה עליונה :

וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו רבי אבא האט אן גיהויבין עש שטייט מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו קום אונ זעה דען די מענטשין פון דער וועלט זעהן ניט אונ באגערין גאר ניט זיך דער וועקין צוא טאן תשובה ווארום דיא טעג פון דעם מענטשין גייען אוועק אונ אז עש קומט דיא צייט ער זאל שטארבין שטייען דיא טעג נאהונט צוא הקב"ה דרום שטייט ויקרבו ימי ישראל למות עס האבין גיגרייכט דיא טעג פון ישראל צוא שטארבין כל זמן דער מענטש לעבט טראכט ער גאר ניט נאך וואס ער איז באשאפין גיווארין אונ לאזט אוועק זיינע טעג ליידיג אן תורה אונ מצות אונ דער מאנט זיך ניט אז ער וועט שטארבין אונ וואו אהין ער וועט קומן דען ניט איטליכע נשמה איז זוכה ווידער קומען אויף איר ארט וואס זיא איז פון דארטין גינומען גיווארין נאר וואס פאר איין ארט זיא פאר דינט אויף דער וועלט אהין קומט זיא אויף יענער וועלט קום אונ זעה אז אמענטש איז זיך מדבק אין דער קדושה אונ וויל זיך תמיד באהעפטין אין השי"ת דער נאך אז ער שטארבט לאזט מען אים ארויף גיין צוא דער קדושה וואש ער האט זיך גיצויגין אויף דער וועלט רבי אבא זאגט אמאל בין איך גיוועזן אין דעם ארט פון דיא בני קדם האבין זייא מיר גיזאגט דיא חכמה וואס זייא האבין גיהאט פון דיא ערשטע צייטין אונ האבין גיהאט ספרים של חכמה האבין זייא מיר גיוויזין איין ספר איז אין אים גישטאנען אזו וויא דיא מחשבות וואס דער מענטש האט אויף דער וועלט אזו ציהט ער אויף זיך איין ווילין פון יענער וועלט טראכט ער תמיד אין דער קדושה ציהט ער אויף זיך קדושה אונ אויב חלילה ניט איז פאר קערט אונ דער עיקר פון אלע זאכין איז דיבור ומעשה ומחשבה דורך דיא דרייא זאכין ציהט ער אויף זיך הן פון דער קדושה אדער פאר קערט חלילה · איז זיין מחשבה אין דער קדושה אז ער שטארבט ווערט ער איין ממונה צוא דינען פאר השי"ת צווישין אנדערע מלאכים אזו וויא דער פסוק זאגט (זכרית ו) ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה דעשט גלייכין האט ער זיך באהעפט אויף דער וועלט אין שלעכץ גיט מען אים דארטין איין באהעפטונג צווישין דיא מזיקים וואס הייסין נגעי בני אדם אונ אז ער שטארבט נעמען אים זיין חברותה מיינט מען דיא נגעי בני אדם אונ שלעפין אים אין גיהנם אריין דארטין וואו אלע רשעים זיינען מען זאל אים דן זיין דער נאך ווערט ער אויך איין מזיק אזו וויא זייא · דיא זאכין האב איך גילערינט אין זייערע ספרים וואס זייא האבין מיר גיוויזין זאג איך צוא זייא דיא זאכין גלייכין זיך אויש מיט אונזער תורה נאר פון דעסט וועגין זאלט איר זיך דער ווייטערין פון דיא ספרים פון דיא בני קדם ווארום מען קען חלילה דורך זייא פאר פירט ווערין פון השי"ת · אונ דיא חכמות

של בני קדם האבין זייא גירשת פון אברהם אבינו אזו וויא דער פסוק זאגט ולבני הפלגשים נתן אברהם מתנות דער נאך האבין זייא זיך גינומען צוא פיל זייטין אפ קערין פון השי"ת אבער דיא קינדער פון יצחק דער חלק פון יעקב זיינען ניט אזו וויא דער פסוק זאגט ויתן אברהם את כל אשר לו, ליצחק׳ כל אשר לו מיינט מען דיא קדושה וואש ער האט זיך בהעפט אין השי"ת אזו וויא עש שטייט והנה ה׳ נצב עליו השי"ת שטייט אויף אים · האט ער דאש אלץ איבער גיענטפערט צוא יצחק אונ יצחק האט דאש איבר גיענטפערט צוא יעקב אזו וויא עש שטייט ואתה עבדי יעקב דרום זאל איטליכער מענטש בהעפטין זיין מחשבה צוא השי"ת דרום שטייט מי יעלה בהר ה׳ ווער וויל זיך בהעפטין אין השי"ת שטייט דער נאך נקי כפים ובר לבב דער וואש האט ריינע הענט אונ אלויטר הארץ ער האט ניט קיין בייזע גידאנקען · נאר זיין ווילין איז צוא דינען להשי"ת אשר לא נשא לשוא נפשו ער האט זיך ניט פאר אום ווערדיקט נאר ער טוט מעשים טובים זאגט אויף אים דר פסוק ישא ברכה מאת ה׳ קום אונ זעה בשעת אברהם האט זיך מל גיוועזן איז צוא אים גישיקט גיווארין דרייא מלאכים אויפינטליך זייא זאלין אים געבין שלום אפשר איז דיר קשה וויא קען מען זעהן מלאכים עש שטייט דאך עושה מלאכיו רוחות נאר אז זייא זיינען ארונטר גיקומען האבין זייא זיך אן גיקלייד אין דעם אויר פון דער וועלט זיינען זייא אויש גיוויזין גיווארין וויא מענטשין אונ חאטשע אברהם איז שלאף גיוועזן איז ער זייא גילאפין אנטקעגין אזו וויא זיין מנהג איז גיוועזן · רבי שמעון זאגט פריער האט ער גימיינט זייא זיינען מענטשין דער נאך אז ער האט גיזעהען אויף זייא דיא שכינה האט ער פאר שטאנען אז זייא זיינען מלאכים אונ זייא האבין גיוואוסט וואו שרה איז אונ האבין פארט גיפרעגט אויף איר קום אונ זעה עס שטייט ועברתי בארץ מצרים אני ה׳ נאך וואס האט השי"ת באדארפט אליין גיין קיין מצרים הרגנן דיא בכורים נאר די מלאכים ווייסין ניט הער עש איז איין בכור אונ ווער עס איז ניט קיין בכור נאר השי"ת אליין ווארום זייא ווייסין ניט קיין שום זאך נאר וואס מען ענטפערט זייא איבער אז מען דארף עפעס ברייגגען אויף דער וועלט רופט מען אויש אין הימיל דער פון ווייסין דיא מלאכים אויך אז עס איז חלילה איין מגפה אויף דער וועלט האט דער מלאך המות איין שליטה באדארף זיך דער מענטש פאר בארגין אין שטוב זיך ניט ווייזין אויף דער גאס ווארום מען קען חלילה פאר דארבין ווערין אבער פאר השי"ת קען מען זיך ניט באהאלטין אזו וויא דער פסוק זאגט אם יסתר איש בכסתרים ואני לא אראנו נאום ה׳ דרום האבין דיא מלאכים גיפרעגט אויף שרה זייא האבין אן איר ניט גיוואלט זאגין דיא בשורה האט זייא אברהם גיזאגט הנה באוהל האבין זייא גיזאגט שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך קום אונ זעה דעם דרך ארץ פר דעם עסין האבין זייא ניט גיוואלט זאגין דיא בשורה כדי מען זאל ניט מיינען מחמת דער גוטער בשורה גיט ער זייא עסין נאר דער נאך אז זייא האבין שוין אפ גיגעסין שטייט שוב אשוב וגו׳ ויאכלו כדי עס זאל זיין אברהם איין כבוד האבין זייא זיך גימאכט גלייך וויא זייא עסין רבי אליעזר זאגט זייא האבין טאקע רעכט גיגעסין דען זייא זיינען אש אוכלת אש אין דער סעודה איז פאר האנדין גרוישע סודות אלע עסין וואריג האט אברהם אפ גיהיט עס זאל זיין טהור אונ אז איינער איז גיוועזן טמא האט ער ניט גיקאנט צוא טרעטין צו זיין הויז האט אברהם גוואושט אז ער איז טמא האט אים אברהם גהייסן ווארטן זיבין טאג אונ האט אים גיטובילת אדער ער האט אים תיכף אויף דער נאכט גיטובילת אזו וויא אין דער תורה שטייט אברהם האט אזו גיטאן צוא מאנזבלין אונ שרה צוא דיא ווייבער אויך ער האט גיפלאנצט אבוים אונ דורך אים האט ער פאר שטאנען אין וואס דער מענטש האלט זיך אן ציא אין דער קדושה אדער חלילה פאר קערט איז דער מענטש גיוועזן פון דער קדושה האט דער בוים צוא שפרייט זיינע צווייגין אויף אים אונ האט גימאכט אשיינעם שאטן אונ אז ניט האט דער בוים צוא נויף גינומען דיא צווייגין האט שוין אברהם גיוואושט אז דער מענטש האט איין אחיזה אין דער טומאה אזו האט ער אים גישטראפט ביז ער האט תשובה גיטאן אונ אונטער דעם בוים איז גיוועזן איין קוואל ברונען אונ ווער עס האט זיך באדארפט תיכף טובלין זיינען אים דיא וואשער אנטקעגין גילאפין אונ אויב ניט זיינען זייא גיווארין טרוקין האט ער גימוזט ווארטין זיבין טאג אונ אפילו אז דיא מלאכים זיינען צוא אים גיקומען האט ער זייא אויך בודק גיוועזן אזו וויא עס שטייט יוקח נא מעט מים אונ ווידער שטייט והשענו תחת העץ דאס מיינט מען ער האט זיי גיהייסן צוא גיין צום בוים אויך מיינט מען והשענו איר זאלט זיך אונטער לעהנען אין הקב"ה וואס ער הייסט עץ החיים ער איז דאס לעבין פון אלע באשעפעניש קום אונ זעה אדם הראשון האט גיזינדיגט מיט דעם עץ הדעת אונ האט גורם גיוועזן מיתה צו דער גאנצער וועלט דרום איז גיקומען אברהם אונ האט מתקן גיוועזן דעם חטא אונ האט די מענטשין בהעפט אונטער דעם עץ החיים אונ האט דער גאנצער וועלט מודיע גיוועזן דיא אמונה פון גאט ב"ה ויאמר שוב אשוב אליך איז דאך קשה שוב אשוב איז טייטש איך וועל מיך אום קערין איז משמע אז עש איז בייא אים אין דיא הענט דער מפתח פון קינדער אמער מיר האבין דאך גילערינט אז דער שליסל פון קינדער אונ פון רעגין אונ פון תחיית המתים איז נאר בייא השי"ת אין דיא הענט ניט בייא קיין שום מלאך עש וואלט בדארפט שטיין שוב ישוב הקב"ה וועט קומען אלא הקב"ה איז גישטאנען איבער דיא מלאכים אונ ער האט גיזאגט שוב אשוב אונ דרום שטייט סתם ויאמר ווארום דאש גייט אויף הקב"ה והנה בן לשרה ווארום שטייט ניט הנה לך בן ווארום שטייט לשרה כדי ער זאל ניט מיינען פון הגר דרום שטייט לשרה אשתך דוא וועסט האבין איין זון פון שרה:

והנה בן לשרה ר"ש הייבט אן עס שטייט ב, יכבד אב ועבד אדוניו בן יכבד אב מיינט מען יצחק ער האט ערליך גיהאלטין זיין פאטר בשעת ער האט אים גיוואלט מקריב זיין אויף דעם מזבח פאר איין קרבן איז ער אלט גיוועזן זיבין אונ דרייסיג יאר אונ אברהם איז אלט גיוועזן הונדערט זיבין אונ דרייסיג יאר ממילא אז יצחק זאל גיוועזן איין שטופ טאן צוא אברהם מיט איין פוס וואלט ער דאך אים ניט גיקענט בינדן אונ מקריב זיין אונ ער האט זיך אבר גלאזט בינדן אונ ארויף לייגן אויף דעם מזבח אזו וויא איין לעמיל כדי ער זאל טאן דעם ווילין פון זיין פאטער ועבד אדוניו גייט אויף אליעזר עבד אברהם אז ער איז גיקומען קיין חרן האט ער בייא זיך גיהאט פיל כסף וזהב אונ אבנים טובות האט ער דאך גיקאנט זאגין איך בין צו אברהם איין קרוב אדער איין ליב האבר אונ ער האט מכבד גיוועזן זיין הערין אונ האט גיזאגט איך בין איין קנעכט אונ דער מיט האט דער נביא גישטראפט דיא ישראל אונ האט צוא זייא אזו גיזאגט איר שעמט זיך זאגין אז איך בין אייער פאטער

אדער איר זייט מיר קענטבט דרום זאגט ער אם אב אני בין איך אייער פאטער איה כבודי וואו איז מיין כבוד בין איך איין האר וואו איז מיין מורא דרום שטייט והנה בן לשרה אשתך ער וועט זיין איין רעכטער זון דען פון זיינט וועגין איז שרה געשטארבין אז מען האט איר גיזאגט פון דער עקידה :

וישקיפו על פני סדום רבי אלעזר זאגט זעה וויא השי"ת איז זיך נוהג מיט מענטשין מיט גוטשקייט ומכל שכן דער וואס גייט אין זיין וועג דען אז הקב"ה איז דן דיא וועלט איז ער צום ערשטין מזכה דעם מענטשין מיט איין מצוה כדי דער דין זאל ניט קענען אין אים שולט זיין מיר האבין גילערינט בשעת הקב"ה האט אמענטשין ליב שיקט ער אים צוא איין מתנה דאס איז דער ארומאן כדי ער זאל מזכה זיין דעם עני אונ ווער עס איז מזכה דעם עני איז הקב"ה אויף אים מושך איין חוט של חסד אויף דער רעכטער זייט אונ ער פאר שפרייט זיך אויף זיין קאפ אונ צייכינט אים כדי אז עס וועט קומן איין פורענות אויף דער וועלט זאל דער משחית אים ניט אן רירין דען דער משחית וועט אויף הויבין זיינע אויגין אונ וועט זעהען דעם צייכין אויף אים וועט ער זיך פון אים אפ שיידין אזו אויך הקב"ה האט גיוואלט ברייננגען איין דין אויף סדום דרום האט ער צוא אברהם מזכה גיוועזן מיט דיא אורחים כדי דער זכות זאל בייא שטיין צוא לוט ער זאל ניצול ווערין אזו אויך אלע מענטשין וואש זייא טוען צדקה מיט דיא ארימע לייט אז עש קומט איין דין ווערט ער דורך דעם ניצול פון דעם טויט אזו וויא דער פסוק זאגט (משלי ב') וצדקה תציל ממות דען אלע שעה וואש דער מענטש איז זוכה שרייבט מען עש אויף תיכף למעלה · דרום שטייט ויקומו משם האנשים דאש מיינט מען פון דער סעודה וואש אברהם האט זייא גימאכט אונ האט זוכה גיוועזן דורך דעם אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט · דרום שטייט ויאכלו חאטשע זייא זיינען דאך גיוועזן מלאכים פון פייער נאר עש איז פאר ברענט גיווארין דרום שטייט ויאכלו אזו וויא מיר גיפינען בייא דיא קינדער פון אהרן ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו ווייל זייא האבין נהנה גיוועזן פון דעם אור השכינה שטייט דאש לשון ויאכלו אזו דא אויך ווייל אין דעם זכות פון דער סעודה וואש ער האט אויף זייא גימאכט איז דער וועקט גיווארין דער חסד לאברהם וואס השי"ת שפייזט דיא גאנצע וועלט אויך דיא מלאכים ממילא זיינען דיא מלאכים דורך דעם גישפייזט גיווארין דרום שטייט ויאכלו דאש גייט אויף אויבין זייא האבין אויבין נהנה גיוועזן פון דעם זכות · דרום גהער איטליכער מענטש טרינקען פון איין כוס של ברכה ווייל ער איז בימין דורך דעם איז ער זוכה דיא ברכה עליונה וואס זיא איז מצד הימין פון הקב"ה אונ דער מיט איז ער מעורר רחמים דרום שטייט ויקומו משם האנשים וישקיפו השקיפה ממעון קדשך אזו וויא עס שטייט דען זייא האבין גיבעטין השי"ת זאל קוקין אויף סדום מיט מדת הרחמים אונ דורך דעם איז לוט ניצול גיווארין :

ואברהם הולך עמם אונ אברהם איז גיגאנגען זייא בלייטין : רבי יהודה פרעגט אז אברהם האט גיוואוסט אז זייא זיינען מלאכים נאך וואש האט ער זייא בדארפט בלייטין · זאגט רבי אלעזר חאטשע ער האט גיוואוסט אז זייא זיינען מלאכים נאר ווייל ער איז גיוויינט גיוועזן אז ער זאל איטליכין בלייטין דרום האט ער זייא אויך בלייט דרום גהער איטליכער מענטש זהיר זיין אז ער זאל דעם חבר בלייטין דען דאש איז דער עיקר דרום אזו וואו ער איז גיגאנגען האט זיך גאט

ב"ה צו אים בוויזין דען ווען איינר בלייט איין אורח איז ער ראוי דיא שכינה זאל זיך בהעפטין אין אים צוא מגין זיין אויף אים : רבי חייא הייבט אן עש שטייט (עמוס ג') כי לא יעשה ה' אלהים דבר כי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים וואול צוא דיא צדיקים דען הקב"ה איז זייא מגלה זיינע סודות וואס ער טוט אין הימיל אונ אויף דער ערד טוט ער אלץ דורך דיא צדיקים אונ פאר הוילט ניט פון זייא אונ ער איז זיך משתף מיט זייא כדי דיא רשעים זאלין ניט האבין קיין פתחון פה אונ תרעומות אויף הקב"ה דען זייא האבין ניט גיוואושט פון דעם עונש דרום איז השי"ת מודיע דיא צדיקים כדי זייא זאלין זייא אן זאגין תשובה טאן אונ אז זייא פאלגין ניט נאך דעם אז דער דין קומט אויף זייא האבין זייא שוין קיין תרעומות ניט · רבי אלעזר זאגט ווייא צוא דיא רשעים זייא היטין זיך ניט פון זינד ומה דאך הקב"ה וואס זיינע מעשים זיינען דאך אמת אונ זיינע וועגין זיינען דין פון דעסט וועגין טוט ער ניט קיין דין ביז ער איז מגלה צוא דיא צדיקים כדי דיא לייט זאלין ניט האבין קיין פתחון פה מכל שכן דיא לייט געהערין זיך בוודאי היטין אז מען זאל קיינער פון זייא ניט ריידין אזו וויא עס שטייט והייתם נקיים מה' ומישראל ומכל שכן דיא רשעים געהערין זיך בוודאי היטין דער מדת הדין זאל ניט האבין אויף זייא קיין פתחון פה אויף זייערע מעשים הרעים · רבי יהודה זאגט עש שטייט וה' אמר המכסה אני מאברהם דען הקב"ה האט צו אברהם גיגעבין גאנץ ארץ ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה דער נאך האט הקב"ה גיוואלט איבר קערין דיא שטעט פון סדום האט הקב"ה גיזאגט איך בדארף עס אים מודיע זיין דען עס איז דאך זיינע שטעט · אויך איז ער דער פאטער פון אלע פעלקער אונ דרום הייסט ער אברהם דאס מאכט אב המון גוים דרום גהער איך דעם פאטער מודיע זיין אז איך וויל זיינע קינדער אום ברייננגין דרום שטייט המכסה אני מאברהם רבי אבא זאגט קום אונ זעה וואס פאר אגרוישער ענוו אברהם איז גיוועזן חאטשע הקב"ה האט מיט אים אזו פיל גירעט אונ האט גיזאגט זעקת סדום ועמורה כי רבה אונ האט אים גיזאגט אז ער וויל ברייננגין איין דין אויף סדום אונ פון דעסט וועגין האט ער אים ניט גיבעטין אויף לוט ער זאל אים מציל זיין דען ער האט ניט בגערט קיין שכר אויף זיינע מעשים · דרום האט הקב"ה גישיקט לוט מציל זיין דרום שטייט ויזכור אלהים את אברהם וישלח את לוט וגו' אשר ישב בהן לוט אין דיא שטעט האבין פיל רשעים גיוואונט נאר לוט האט גיהאט אביסיל זכות דאס ער האט אביסיל גילערינט בייא אברהם דען עס איז דאך קשה ווארום שטייט אשר ישב בהן ער איז גיזעסן אין זייא איז ער דען גיזעסין אין אלע שטעט נאר ווייל ער איז קיין גרוישער צדיק ניט גיוועזן נאר דער זכות פון אברהם האט אויף אים מגין גיוועזן ווייל ער האט בייא אברהם גילערינט תורה אונ האט אים משמש גיוועזן דער וואס איז משמש איין תלמיד חכם איז דאס אויף אים מגין אונ ווידער מחמת ער לערינט זיך אפ פון זיינע מעשים דען אז ער האט גיזעהן אז אברהם איז מכניס אורחים האט ער אויך אזו גיטאן חאטשע ער האט זיך ניט אפ גילערינט אין גאנצין האט ער פארט דיא מדה גיהאט דרום האט זיין זכות מגין גיוועזן וואס ביז אהער איז דיא שטעט ניט חרוב גיווארין דרום שטייט בהן איין לשון רבים ווייל ער האט מגין גיוועזן אויף אלע שטעט איז גלייך וויא ער איז גיזעסין אין אלע שטעט :

ואברהם היו יהיה לגוי גדול וואס איז דער טעם וואס השי"ת האט אים

הײנט

חיינט גיבענטשט צוא ווייזן חאטשע השי"ת זיצט בדין אויף איינעם טוט ער מיט דעם אנדערן חסד עס איז בייא אים קיין שום שינוי ניט פאר האנדין ער איז בדין אויף דעם אונ רחמים אויף דעם אין איין רגע רבי יהודה זאגט עס שטייט ואני תפלתי לך ה' עת רצון צוא צייטין איז ער אין רצון אונ צוא צייטין ניט · צו צייטין הערט ער צוא אונ צוא צייטין ווערט ער גיפונען צוא דיא וואס בעטין אים אונ צוא צייטין ניט אזו וויא עס שטייט דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב רבי אלעזר זאגט עס איז איין חילוק פון איין יחיד צוא איין צבור אויך צווישין איין שטאט אונ צווישין דער גאנצער וועלט דרום וייל אברהם איז גיוועזן אזו וויא דיא גאנצע וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט אלה תולדות השמים והארץ בהבראם אונ בהבר"אם איז דיא אותיות אבר"הם אויך האבין מיר גילערינט אז אין איטליכין דור מוז זיין דרייסיג צדיקים וואס אויף זייא שטייט דיא וועלט אזו וויא דער השבון פון יהי"ה בטרעפט דרייסיג אונ אברהם איז גישטאנען אנטקעגין אלע דרייסיג דרום האט אים הקב"ה גיבענטשט ואברהם היו יהי"ה רבי שמעון איז אמאל ארויס גיגאנגן אויף דער גאס האט ער גיזעהן וויא עס קומט אן ארויס פינצטערגעש אויף דער וועלט זאגט ער צוא זיין זון רבי אלעזר קום וועלין מיר זעהן וואס הקב"ה וויל טאן אויף דער וועלט וויא זייא גייען זעהן זייא איין מלאך ער איז אזו גרויס וויא איין גרוישער בארג אונ פון זיין מויל גייט ארויס איין פלאם פייער פרעגט אים רבי שמעון וואס איז דיין בגער זאגט דער מלאך איך בין גיקומען חרוב מאכין דיא וועלט וייל אין דעם דור איז ניט דא קיין דרייסיג צדיקים דען הקב"ה האט גיזאגט צוא אברהם ואברהם היו יהיה דאס מיינט מען אברהם באשטייט פאר דרייסיג צדיקים ממילא בדארף זיין אין איטליכין דור דרייסיג צדיקים זאגט רבי שמעון צוא אים איך בעט דיך אז דוא זאלסט גיין צו הקב"ה אונ זאלשט אים זאגין איך בר יוחאי בין דא אויף דער וועלט איז שוין גינוג איז דער מלאך גיגאנגען אונ האט גיזאגט רבש"ע דוא ווייסט דאך וואס רבי שמעון האט מיר גיזאגט האט הקב"ה צוא אים גיזאגט גייא אונ מאך חרוב דיא וועלט אונ הער ניט צוא בר יוחאי וויא דער מלאך איז גיקומען אויף דער וועלט האט אים ר"ש דער זעהן זאגט רבי שמעון צוא אים אויב דוא וועשט ניט אוועק גיין וועל איך אויף דיר גוזר זיין אז דוא זאלשט ניט אריין קומען אין הימיל אונ זאלשט קומען אויף דעם ארט וואו עז"א ועזא"ל זיינען דרום זאלשטו ווידער ארויף גיין צוא הקב"ה אונ זאגין אז עס איז ניט דא קיין דרייסיג צדיקים איז גינוג צוואנציג אזו ווי עס שטייט לא אשחית בעבור העשרים אונ אז עס איז ניט דא קיין צוואנציג צדיקים איז גינוג צעהן אונ אז עס איז קיין צעהן אויך ניט דא איז גינוג איך מיט מיין זון רבי אלעזר עס שטייט דאך על פי שנים עדים יקום דבר דורך צווייא עדות זאל בלייבין שטיין די וועלט וואס זיא ווערט אן גירופין דבר אזו וויא עס שטייט בדבר ה' שמים נעשו אונ אז קיין צווייא איז אויך ניט דא איז גינוג איך אליין איך בין צדיק יסוד עולם אונ עס שטייט דאך וצדיק יסוד עולם אונ איין צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט באותו שעה איז ארויס גיגאנגען איין קול פון דעם הימיל אונ האט גיזאגט וואויל צוא דיין חלק רבי שמעון דאס הקב"ה איז גוזר איין גזירה אונ דוא בישט זיא מבטל אויף זייא שטייט רצון יראיו יעשה הקב"ה טוט דעם רצון פון זיינע צדיקים וואס זייא פארכטין זיך פאר אים :

ויאמר ה' אל אברהם זעקת סדום ועמורה כי רבה הקב"ה האט גיזאגט צו אברהם עס איז פאר מיר גיקומען דאס גישרייא וואס זייא טוען צוא דער גאנצער וועלט דאס דיא גאנצע וועלט האבין זיך פאר מיטין פון צוא פארין קיין סדום אזו וויא דער פסוק זאגט (איוב כ"ח) פרץ נחל מעם גר הנשכחים מני רגל דען זייא האבין גימאכט צווישין זיך אז איינער וועט קימען אהין ווער עס וועט אים געבין עסין אונ טרינקין זאל מען דעם מענטשין אין וואשער אריין ווארפן דרום איז קיינער צו זייא ניט גיקומן אונ אז איינער איז צו זייא גיקומן פלעגין זייא אים אוים הונגעריגין אונ זיין פנים איז פר ענדערט גיווארין ביז ער איז גישטארבין אזו וויא דער פסוק זאגט נתיב לא ידעו עיט איין פויגיל האט דארט קיין וועג ניט גיוואוסט ארדה נא ואראה הכצעקתה איז קשה ווארום שטייט איין לשון יחיד עס וואלט בדארפט שטיין הכצעקתם דאס גישרייא פון דער גאנצער וועלט דען די גאנצע וועלט האט דאך אויף זייא גשריען ענטפערט רבי שמעון דאס גייט אויף דעם גישרייא פון דעם מדת הדין דאס דער מדת הדין האט תמיד גישריען פאר הקב"ה ער זאל אין זייא טאן משפט מיט דין אויך האבין מיר גילערינט אז דער מדת הדין האט פיל מאל גישריען פאר הקב"ה אז ער זאל טאן איין דין אויף דיא שבטים וואס האבין פאר קויפט יוסף קיין מצרים איז דער פון אויך גידרונגען אז דער מדת הדין שרייט פאר הקב"ה הבאה אלי דאס גייט אויף דעם מדת הדין ווארום בייא נאכט איז דער מדת הדין שולט אזו וויא עש שטייט בערב היא באה ובבקר היא שבה דאש איז טייטש בייא נאכט קומט אן דער מדת הדין אונ אין דער פריא גייט ער אוועק אונ דאס איז דער טעם וואש איין חולה ווערט בייא נאכט שלאפר וייל דער מדת הדין איז דענשט מאל מקטרג אויף אים דרום שטייט הכצעקתה איין לשון נקבה דאס גייט אויף דעם מדת הדין :

ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע רבי יהודה זאגט וואו האט מען נאך גיזעהען אזו איין דער בארימיגער פאטער וויא אונזער פאטער אברהם איז גיוועזן קום אונ זעה עש שטייט בייא נח ויאמר אלהים לנח קץ כל בשר בא לפני דאס הייסט עס איז גיקומען דער סוף פון אלע מענטשין איך וועל זייא אלע אום ברייגגען אונ נח האט אויף זייא גאר ניט מתפלל גיוועזן אבער אברהם וויא באלד השי"ת האט אים גיזאגט זעקת סדום ועמורה כי רבה שטייט תיכף ויגש אברהם ער האט גינעהענט מתפלל צוא זיין פאר זייא · רבי אלעזר זאגט אברהם האט נאך אויך ניט גוט גיטאן ווארום ער האט נאר גיבעטין ער זאל ניט איין טאן קיין צדיק מיט קיין רשע גלייך אבער משה רבינו בשעת הקב"ה האט אים גיזאגט סרו מהר מן הדרך עשו להם עגל מסכה שטייט תיכף ויחל משה וגו' אונ איז ניט אוועק גיגאנגען ביז הקב"ה האט אים גיזאגט סלחתי כדבריך דרום איז ניט גיפונען גיווארין אין קיין שום דור קיין רועה נאמן אזו וויא משה רבינו אונ ווארום האט אברהם נאר גיבעטין אויב עס וועט זיין צעהען צדיקים זאלין זייא מציל זיין צו סדום אונ ניט אויף ווינציגער זאגט רבי יצחק ער האט גימיינט דיא עשרת ימי תשובה דאס איז פון ראש השנה ביז יום כפור אבער אויף וויניגער האט ער שוין ניט גיקענט בעטין וייל קיין אנדער צייט איז שוין ניט דא אויף קיין תשובה אז מען טוט דיא צייט קיין תשובה ניט :

ויבאו שני המלאכים סדומה בערב רבי יוסי זאגט פריער שטייט ויילך לו כאשר כלה לדבר עם אברהם אונ אז דיא שכינה האט זיך שוין אפ גיטאן פון אברהם האט זיך אברהם אפ גיקערט צוא ריק צוא זיין ארט זיינען שוין דיא מלאכים גיגאנגען קיין סדום אונ אז זייא זיינען גיקומען

סיין

קיין סדום האט זייא לוט דער זעהען איז ער זייא אנטקעגין גילאפין אונ וויא קומט דאס איז ער דען אלע אורחים אנטקעגין גילאפין אונ האט זייא גיגעבין עסין אונ טרינקען ומה דאך דיא טאכטער פון לוט האט נאר אשטיקיל ברויט גיגעבין איין עני האבין די שטאט לייט זיא איין גישמירט אין האניק אונ האבין זיא גישטעלט צווישין בינען ביז דיא בינען האבין זיא אויף גיגעסין אונ וויא אזו האט ער גיקענט פאר דיא שטאט לייט אורחים אריין נעמען אונ זייא געבין עסין אלא דאס איז גיוועזן ביא נאכט האט ער גימיינט אז קיינער וועט ניט זעהען אונ פון דעסט וועגין האט ער מיט זייא ארום גירינגילט זיין שטוב רבי יצחק זאגט דרום איז ער זייא אנטקעגין גילאפין ווייל ער האט גיזעהען אז אברהם איז זיי אנטקעגין גילאפין · רבי חזקיה זאגט ער האט אויף זייא גיזעהען דיא צורה פון אברהם רבי יוסי זאגט ער האט גיזעהן דיא שכינה אויף זיי דרום האט ער גיזאגט סורו נא אדוני אונ דרום זאגט ער סורו קערט אפ אונ זאגט ניט גשו גינעהענט אלא מחמת ער האט זיי גיהייסין ארום רינגלען כדי קיינער זאל זיך ניט שטויסין דרום זאגט ער סורו קערט אפ פון דעם גלייכין וועג :

רבי חזקיה הייבט אן עס שטייט כי הוא לקצות הארץ יביט תחת כל השמים יראה דען איטליכער מענטש בדארף תמיד קוקין בעבודת הבורא אונ זאל עוסק זיין בתורה יום ולילה דען אז ער איז עוסק בתורה ובמעשים טובים טוט זיך השי"ת מיט אים בארימען למעלה ולמטה דען דיא תורה איז איין עץ חיים צוא דיא וואס זיינען עוסק אין איר צוא געבין זייא חיים בעולם הזה ובעולם הבא קום אונ זעה השי"ת קוקט אויף דער גאנצער וועלט צוא געבין זייא מזונות אונ אלץ וואס זייא באדארפין אזו וויא עס שטייט עיני ה' אלהיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה תחת כל השמים ער זעהט אויף דער גאנצער וועלט צוא געבין זיי מזונות וואס איטליכער באזונדר באדארף אזו וויא עס שטייט פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון אנאנדר פשט איז השי"ת זעהט אויף דער וועלט וואס זיא שטייט אונטער דעם הימיל אונ זעהט אלע מעשים וואס איטליכער באזונדער טוט · קום אונ זעה אז השי"ת האט גיזעהען דיא מעשים פון סדום האט ער גישיקט דיא מלאכים צוא פאר דארבין זייא וירץ לקראתם וגו' פאר וואס האט אברהם זייא גיהייסין פריער אפ וואשין די פיס דר נאך אריין גיין אונ לוט האט פריער גיזאגט נעכטיגט איבר דער נאך לאזט איר אפ וואשין אייערע פיס דאס איז כדי דיא שטאט לייט זאלין ניט וויסין אז זייא האבין ביא אים גינעכטיגט ויאמרו לא כי ברחוב נלין ווייל מען האט דארטין קיינעם ניט אריין גילאזין אין קיין שטוב אריין דרום האבין זייא גיזאגט מיר וועלין אויף דער גאס נעכטיגין וה' המטיר על סדום פאר וואס שטייט דא דער שם הוי"ה וואס דער שם איז רחמים ווייל ביא דעם דין איז גיוועזן רחמים אויך אזו וויא עס שטייט ויהי בשחת אלהים וגו' ויזכור אלהים את אברהם וישלח את לוט אונ לוט איז ניצול גיווארין וועגין רחמים דען עס איז דער נאך פון אים ארויש גיקומען צוויא אומות אונ דוד ושלמה :

ויהי כהוציאם אותם החוצה קום אונ זעה בשעת דער דין איז שולט אויף דער וועלט באדארף זיך קיין מענטש ניט ווייזין אויף דער גאס ווייל בשעת דער דין איז שולט איז ביא דעם משחית קיין חילוק ניט צווישין איין צדיק אונ צווישין איין רשע · דרום האט נח גימוזט זיין אין דער תיבה בשעת דעם מבול אונ אין מצרים האט השי"ת גיזאגט צוא דיא ישראל ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר אונ דרום שטייט ביא לוט אל תביט אחריך גינוג אז דוא וועסט ניצול ווערין בזכות אברהם בישטו ניט כדאי אז דוא זאלסט נאך זעהען אין זייער פורעניות :

רבי יצחק אונ רבי יהודה זיינען גיגאנגען אין וועג זאגט רבי יהודה דעם דין וואס השי"ת האט גיטאן אין דור המבול אונ סדום איז דאס גיוועזן איין דין של גיהנם דיא רשעים פון דעם גיהנם ווערין אויך נידון מיט דעם דין פון וואסער אונ פייער ווארום פריער ווערין דיא רשעים גימשפט אין גיהנם צוועלף חדשים דארטין ווערין זייא גילייטערט אונ דער נאך ברייגנט השי"ת צוא דיא צדיקים זייא זאלין שטיין אויף דער טיר פון דעם גיהנם זייא זאלין זעהען זייער דין אזו בעטין דיא צדיקים אויף זיי צו השי"ת ער זאל זייא שוין ארויף נעמען אזו האט הקב"ה אויף זייא רחמנות אונ ברייגנט זייא אויף זייער ארט וואו זייא באדארפין צוא זיין אונ פון דעם טאג אן האט שוין זייער גוף מנוחה אין קבר אונ דיא נשמה קומט אויף איר ארט קום אונ זעה אפילו דר דור המבול איז אויך גמשפט גיווארין אין פייער מיט וואשר פון אויבין איז גקומען קאלטע וואשר אונ פון אונטין היישע אזו ווי פייער ווייל דער דין של מעלה איז אזו דרום שטייט ביא זייא גפרית ואש :

ותבט אשתו מאחריו עס וואלט בדארפט שטיין מאחריה זיא האט הינטער איר גיזעהן אבער מאחריו איז טייטש הינטער אים אלא מען מיינט אונטער דעם משחית ומחבל ווארום כל זמן אז מען זעהט ניט דעם משחית אין דיא אויגין קען ער אים גאר ניט טאן אבער אז זיא האט גיקוקט הינטער אים איז אויס גיקומען אין דעם פנים פון דעם משחית דרום איז זיא גיווארין איין שטיק זאלץ רבי חייא זאגט זייא זיינען גיוועזן צרי עין דאס היישט קמצנים אויף ארימע לייט אונ רשעים מיט דעם גוף אונ מיט דעם געלט אונ דר וואס האט ניט קיין רחמנות אויף איין ארום מאן איז ווערט ער זאל ניט האבין קיין קיום אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט אונ דער וואס האט רחמנות אויף ארומע לייט איז ער ווערט ער זאל האבן איין קיום אונ לעבין אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט :

ויעל לוט מצוער וגו' רבי יצחק הייבט אן עס שטייט (איוב לז) והוא בסבות מתהפך בתחבולות לפעלם וגו' הקב"ה איז מסבב סבות אויף דער וועלט מיט אלע מעשים וועדליג דיא מענטשין פירין זיך אויף דער וועלט זיינען זייא פרום אונ טוען גוטע מעשים איז הקב"ה זיך נוהג מיט זייא מיט חסד אויב חלילה זייא זיינען ניט פרום פירט ער זיך מיט זייא מיט דעם מדת הדין אזו וויא איינער מאכט איין כלי איז ביא אים אין דיא הענט צוא מאכין אזו וויא ער וויל קום אונ זעה וויא אזו הקב"ה איז מסבב סבות ווארום איידער אברהם האט זיך מל גיוועזן האט ער גיהאט ישמעאל פאר איין זון דער נאך אז ער האט זיך מל גיוועזן האט ער ערשט גיהאט יצחק וואס ער היישט זרע קודש ער איז גיהיילינגט פון אויבין דאס קיין שום שלעכטץ האט זיך אין אים ניט בהעפט אונ ווידער האט ער מסבב גיוועזן עס זאל ארויס קומען צוויי אומות פון לוט מיט זיינע טעכטער דורך דעם וואש זייא זיינען גיקומען אין דער מערה אריין :

רבי שמעון זאגט שטייט ולא ידע בשכבה ובקומה דאש מיינט מען לוט האט ניט גיוואוסט אז הקב"ה וויל עס זאל פון אים ארויס קומען דוד ושלמה אונ אנדערע מלכים דען אלע זיינען ארוים גיקומען פון רות המואביה וואס ביא איר שטייט ותשכב מרגלותיו אונ ווידר שטייט ביא איר ותקם בטרם יכיר איש את רעהו וגו' דאס מיינט מען ולא ידע בשכבה ובקומה היינו ער האט ניט גיוואוסט אז פון אים וועט ארויס קומען רות וואס ביא איר שטייען דיא צווייא לשונות ותשכב ותקם קום אונ זעה דאש

פרומקייט וואס אברהם איז געוועזן שטייט דאך פריער ארדה נא הקב"ה האט אים מגלה געוועזן אז ער וועט שטראפין דיא שטאט פון סדום דער נאך האט ער גזעהן אז עס איז אויף גגאנגען ארויך פון סדום אונ האט אלץ ניט גיבעטין אויף לוט וואס ער איז געוועזן זיין ברודערש זון אפשר מיינשטו אז ער איז בייא אים גאר ניט חשוב געוועזן ער זאל אויף אים בעטין מיר זעהן דאך אז אברהם האט זיך מוסר נפש געוועזן צו האלטן מלחמה מיט פינף מלכים כדי ער זאל מציל זיין לוט פון זייערע הענט נאר ווייל אברהם האט זייער ליב גיהאט צו הקב"ה אונ לוט איז ניט געוועזן ערליך ער האט ניט קיין מצות גיטאן דרום האט ער אויף אים ניט גבעטן הן בתחלה והן בסוף:

ויאמר אברהם אל שרה אשתו אחותי הוא איז קשה מיר האבין דאך גלערנט אז הקב"ה טוט אמענטשין איין מאל איין נס זאל ער דאך דאש אנדערע מאל ניט סומך זיין אז מען וועט אים טאן איין נס ווארום אז ער ברייגנט זיך אריין במקום סכנה גייען פון אים אוועק אלע זכיות וואס ער האט פון פריער דרום האט יעקב גזאגט קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אונ אברהם האט ערשט גיהאט אין מצרים איין נס אונ איז ניצול גיווארין נאך וואס האט ער זיך נאך אמאל אריין גיבראכט אין איין מקום סכנה אונ זאגין אחותי היא נאר אברהם האט זיך ניט סומך געוועזן אויף איין נס דער מיט וואס ער האט גיזאגט אחותי היא ווארום ווייל דיא שכינה איז תמיד געוועזן מיט שרה דרום האט ער גיזאגט אחותי אזו וויא עס שטייט אמר לחכמה אחותי את דאס מיינט מען דיא שכינה אונ אויף איר זכות האט ער זיך סומך געוועזן:

ותרא שרה את בן הגר המצרי ת מצחק רבי שמעון זאגט דאס דער ציילט מיר דעם פסוק דעם שבח פון שרה ווייל זיא האט גיזעהן פון אים אז ער דינט עבודת כוכבים דרום האט זיא גיזאגט צוא אברהם ער זאל אים ארויס טרייבין ווארום ער איז ניט פון זיין חלק דען ער טוט ניט קיין גוטע מעשים נאר וועדליג זיין מוטער זייגען זייגע מעשים כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני איך ווייש דאך וואול אז ער וועט ניט ירשנן מיט מיינע קינדער אויף דער וועלט אונ ניט אויף יענער וועלט אונ הקב"ה האט אויך מסכים געוועזן צוא אירע רייד אזו וויא דער פסוק זאגט כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה כי ביצחק יקרא לך זרע הקב"ה האט גיוואלט אפ שיידן דיא קינדער באזונדער ווארום איידער ער האט דיא וועלט בשאפין זייגען דיא ישראל פריער אויף גיגאנגן במחשבה אזו וויא דער פסוק זאגט קודש ישראל לה' ראשית תבואתה דרום האט דאש אלץ קיין קיום ניט גיהאט ביז יעקב איז גיקומען אויף דער וועלט דרום שטייט כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה צום ערשטן אז שרה האט זיא פאר טריבן שטייט כי שמע אלהים את עניך דער נאך שטייט ותלך ותתע במדבר באר שבע איז טייטש זיא איז ווידער שלעכט גיווארין דרום שטייט כי שמע אלהים את קול הנער אבער ניט איר קול חאטשע זיא האט גיוויינט האט מען דאס אלץ ניט גיהערט באשר הוא שם דיא חכמים זאגין ער איז נאך ניט געוועזן קיין בר עונשין ווארום דאש בית דין של מעלה שטראפט ניט קיין מענטשין פאר צוואנציג יאר ניט אזו וויא דאש בית דין של מטה וואש שטראפט פון דרייצעהן יאר אונ ווייטער פרעגט רבי אלעזר וויא אזו קומט ווידער וואס איינער שטארבט פאר צוואנציג יאר דען ער איז דאך ניט קיין בר עונשין אונ פון דעם פאטערש רשות איז ער אויך שוין ארויס גיגאנגען פון דרייצעהן יאר אונ ווייטער ער זאל פר אים ניט גישטראפט ווערין ענטפערט אים רבי שמעון ער שטארבט דרום ווייל הקב"ה האט אויף אים רחמנות ער זאל שטארבין איין צדיק ווארום ער זאל נאך געוועזן לעבין וואלט ער גיווארין איין שלעכטער פרעגט ווידער רבי אלעזר אז ער איז אבער שוין געוועזן אשלעכטער וויא אזו קען ער שטארבין מען שטראפט דאך אים נאך ניט זאגט רבי שמעון אויף אים שטייט יש נספה בלא משפט ווען עס קומט איין משפט אויף דער וועלט אונ דער מחבל בגעגינט אים נעמט ער אים צוא פון דער וועלט פאר דער צייט דען ער איז אויבין ניט גיאכט מחמת זיין שלעכין אויף אים זאגט דער פסוק עונותיו ילכדנו את הרשע אונ ניט מחמת דעם משפט פון ב"ד של מעלה דרום שטייט את הרשע עס איז מיר מרבה אזעלכין וואס ער איז פאר צוואנציג יאר אונ איז איין רשע דרום שטייט כי שמע אלהים את קול הנער באשר הוא שם:

## מדרש הנעלם

וירא אליו ה' באלוני ממרא דיא רבנים הייבין אן דעם פסוק (שיר א') לריח שמניך טובים שמן תורק שמך מיינט מען דיא נשמה בשעת זיא גייט ארויש פון דער וועלט אויף דעם הימל · קומט זיא הקב"ה מבקר זיין · רבי שמעון זאגט אז עש איז איין נשמה פון איין צדיק וואש זיא איז ראוי צוא זיצין במחיצת השכינה רופט הקב"ה צוא דיא אבות אונ הייסט זייא גיין זיא מבקר זיין אונ מקדים זיין שלום · ענטפערין דיא אבות עש איז בעסער דאש קינד זאל גיין צוא דעם פאטער: רופט הקב"ה צוא יעקב אונ זאגט אים דוא האשט דאך גיהאט צער גידול בנים זיי דו איר מקבל פנים אונ איך וועל אויך גיין מיט דיר אזו וויא דער פסוק זאגט מבקשי פניך יעקב סלה רבי אלעזר הגדול האט אמאל זייער שטארק גילערנט דער ווייל איז גיקומען צוא אים רבי עקיבא זאגט רבי עקיבא צוא אים אין וואש איז דער הער עוסק זאגט ער אין דעם פסוק וכסא כבוד ינחלו דאש גייט אויף יעקב אבינו השי"ת האט אים גימאכט פאר איין באזונדער כסא הכבוד מקבל צוא זיין דאש לערנן פון דער נשמה פון דעם צדיק אונ הקב"ה גייט מיט אים מקבל פנים זיין די נשמות הצדיקים אונ אז דיא נשמות הצדיקים זייגען זוכה צוא זעהען דעם אור השכינה בוקין זייא זיך פאר אים אונ זאגין דעם פסוק ברכי נפשי את ה' ה' אלהי גדלת מאוד וכו' זאגט רבי עקיבא דעם גאנצין שבח פון ברכי נפשי ביז הללו זאגט אלץ דיא נשמה צוא הקב"ה אונ הקב"ה שטייט לעבין איר אונ זיא לויבט צוא השי"ת אפילו אויף דעם גוף וואס ער איז גיבליבין אויף דער ערד דרום שטייט ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו אונ השי"ת גייט מיט איר דרום שטייט וירא אליו ה' באלוני ממרא דאס גייט אויף דעם צדיק אונ אז אברהם ויצחק זעהען דאש בעטין זייא פון אים אז זייא זאלין אויך גיין מיט אים מקבל פנים זיין דיא נשמה פון דעם צדיק דרום שטייט וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו דאש מיינט מען אברהם יצחק ויעקב מיד באלד וירץ לקראתם מפתח האהל וישתחו ארצה בוקט זיך די נשמה צוא זייא ווייל זיא זעהעט מיט זייא דיא שכינה דרום שטייט אויף דער נשמה על כן דרום עלמות אהבוך דאס מיינט מען דיא אבות האבין דיך ליב · ד"א נאך איין פשט איז אויף דער פרשה דיא רבנים זאגין בשעת דער מענטש באדארף שטארבין איז דער יום הדין הגדול דען איידער דיא נשמה צוא שייד זיך מיט דעם גוף זעהט זיא דיא שכינה אזו וויא דער פסוק זאגט כי לא יראני האדם וחי אמענטש זעהט מיך ניט בייא זיין לעבין אבער פאר דעם טויט זעהט ער יוא · אונ דיא שכינה קומט מיט דרייא מלאכים מקבל צוא זיין דיא נשמה כחום היום

דאס מיינט מען דיא היץ פון דעם יום הדין וואס דיא נשמה צוא שייד זיך מיט דעם גוף וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים דאס זיינען דיא דרייא מלאכים וואס זייא זיינען בודק אלע זיינע מעשים וואס ער האט גיטאן אויף דער וועלט אונ ער איז אלץ מודה אונ די נשמה גייט ניט ארויש ביז ער איז אלץ מודה דענטמאל איז זיא זיך משמח אונ גילוסט ארויש צוא גיין פון דעם עולם ההבל אונ צוא גיין אויף דעם עולם התענוג דאס איז עולם הבא :

תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערינט אז רבי אליעזר הגדול איז שלאף גיוועזן איז גיוועזן פרייטיג אונ זיין זון הורקנוס איז גיזעסין פאר אים אונ ר"א האט אים מגלה גיוועזן גרוישע סודות אונ פאר בארגענע אונ הורקנוס האט זייא ניט גיוואלט מקבל זיין ווייל ער האט גימיינט אז רבי אליעזר איז ניט קלאר אונ דער נאך אז ער האט גיזעהן אז ער איז יוא קלאר האט ער מקבל גיוועזן פון אים הונדערט אונ איין אונ אכציג סודות עליונים אין דער תורה אונ אז ער איז גיקומען צום סוד פון אבני שיש טהור האט רבי אליעזר אן גיהויבין צוא וויינען אונ האט גיזאגט הער צוא מיין זון הורקנוס איך זעה אז דוא וועשט אויך גיך אוועק גיין פון דער וועלט · דער ווייל זיינען אן גיקומען דיא חכמי הדור אים מבקר חולה זיין האט ער זייא אן גיהויבין צוא שילטין פאר וואש זייא זיינען ביז אהער צוא אים ניט גיקומען אים משמש זיין דען מיר האבין גילערינט ווער עש איז משמש איין תלמיד חכם איז גרעשער וויא ער לערינט מיט אים · דער ווייל איז רבי עקיבא אן גיקומען פרעגט ער אים עקיבא וואָרום בישטו ביז אהער ניט גיקומען מיך משמש זיין זאגט רבי עקיבא רבי איך האב קיין צייט ניט גיהאט · זאגט רבי אליעזר צוא אים איך פאר וואונדער מיך אויב דוא וועסט שטארבין מיט דיין טויט ׃ אונ האט אים גישאלטין אז זיין טויט זאל זיין ערגער פון אלע האט רבי עקיבא זייער גיוויינט אונ זאגט רבי לערין מיט מיר תורה האט רבי אליעזר גיעפינט זיין מויל אונ האט אן גיהויבין זאגין מעשה מרכבה איז אראפ איין פייער אונ האט זיי ביידע ארום גירינגגילט · וויא די אנדרע חכמים האבין דאס דער זעהען האבין זייא גיזאגט פון דאנען איז גידרונגען אז מיר זיינען ניט ווערט צוא הערין דיא סודות התורה זיינען זייא ארויש גיגאנגען אונ רבי אליעזר האט צוא רבי עקיבא מגלה גיוועזן גרוישע סודות וחדושים אונ דאס פייער איז אוועק גיגאנגען האט ער מיט אים גילערינט אין איין זאך דרייא הונדערט הלכות פסוקות אונ ער האט גילערינט מיט אים דיא טעמים פון שיר השירים אונ רבי עקיבא האט גיוויינט איז גיקומען צו ריק דאס פייער פון אויבין אונ האט זייא ווידער ארום גירינגגילט וויא ער איז גיקומען צוא דעם פסוק סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני האט ער זיך ניט גיקענט איין האלטין פאר גיוויין אונ האט אן גיהייבין זייער וויינען אונ שרייען אונ האט ניט גיקענט ריידין מחמת דער מורא פון דער שכינה וואש זיא איז דארט גיוועזן אונ רבי אליעזר האט מיט אים גילערינט אלע סודות פון שיר השירים אונ שמות ורזין עלייניס אונ ער האט אים בשווארין אז ער זאל ניט משמש זיין מיט דיא שמות כדי הקב"ה זאל חס ושלום ניט חרוב מאכין דיא וועלט פון וועגין דער קדושה וואש אין שיר השירים איז אונ אז רבי עקיבא איז ארויש גיגאנגען האט ער אן גיהויבין שרייען אונ וויינען אונ האט אזו גיזאגט וויא איז צוא דער וועלט זייא וועלין בלייבין איין יתום פון דיר · אלע חכמים זיינען ארייין גיגאנגען אונ איטליכר האט גיפרעגט אונ ער האט אלץ גיענטפערט · ביז ער איז גיווארין גוסס האט ער ארויש גינומען זיינע הענט אונ האט זייא ארויף גילייגט אויף זיין הארצין אונ האט אזו גיזאגט וויא איז צוא דיר וועלט וואס איך גייא אוועק פון דיר אלע אורות עליונים ורזין עליונים גייען אוועק פון דיר עולם התחתון וויא צוא דיר וויא צוא אייך צווייא הענט וואס איר זייט צווייא תורות איר וועט פאר געסין ווערין פון דער וועלט · דען רבי יצחק האט גיזאגט אז אלע יארין פון רבי אליעזר האט דיא תורה גילייכטין אזו וויא דער טאג וואס מען האט זיא גיגעבין אויף דעם בארג סיני · דער נאך האט ער גיזאגט דיא תורה וואס איך האב גילערינט פון מיינע רבנים אונ דאס וואס איך האב אליין פאר שטאנען ווען אלע מענטשין פון דער וועלט זאלין זיין שרייבר וואלטין זייא דאס ניט גיקענט אויש שרייבין אונ מיינע תלמידים האבין פון מיר ניט מחסר גיוועזן נאר אזו וויא מען טוט ארייין פארב אין איין אויג אונ איך פון מיינע רבותי האב מחסר גיוועזן אזו וויא איינר טרינקט אפ פון דעם ים · דער נאך האבין זייא אים גיפרעגט איין דין פון חליצה האט ער זייא גיזאגט גרוישע סודות אונ האט אגישריי גיגעבין דאס ווארט טהור אונ דער מיט איז אים זיין נשמה ארויש גיגאנגען אונ רבי עקיבא איז בשעת מעשה ניט גיוועזן ׃ נאך שבת איז רבי עקיבא גיווואר גיווארין אז רבי אליעזר איז נפטר גיווארין האט ער זיינע קליידער צוא ריסין אונ האט צוא ריסין זיין פלייש אונ האט גישריען אונ גיזאגט הימלען הימלען זאגט צו דר זון אונ צו דר לבנה אז דיא ליכט וואס האט מיין גילייכט פון זייא איז פינצטער גיווארן רבי יהודה זאגט אז דיא נשמה פון דעם צדיק באדארף ארויש גיין איז דאש שמחה צוא אים ווייל ער איז בטוח אז ער וועט מקבל זיין שכר אזו וויא דער פסוק זאגט וירא וירץ לקראתם דיא נשמה דער זעהט דיא שכינה לויפט זיא ארויש אנטקעגין בשמחה מקבל זיין איר פנים וישתחו ארצה אונ בוקט זיך צוא דער ערד · רבי יוחנן הייבט אן עס שטייט (שיר ב') עד שיפוח היום ונסו הצללים דאס גייט אויף אמענטשין דען ער איז אויף דער וועלט גלייך ווי איין שאטן אזו וויא קהלת האט גיזאגט ואלו חיה אלף שנים פעמים אמענטש זאל לעבין צווייא טויזינט יאר איז ביום המיתה גלייך ווי איין שאטן גייט אוועק אויף איין רגע · רבי שמעון בן פזי זאגט דיא נשמה פון דעם מענטשין טוט אים איין התראה אונ זאגט אים עד שיפוח היום ונסו הצללים דיא וועלט איז גלייך וויא איין אויגין בליק אונ ווי איין שאטן וואס ער פאר גייט באלד דרום בעט איך דיך סוב ודמה לך דודי לצבי או לעופר האילים זייא גלייך וויא איין הירש אונ וויא איין יונגע אינד וואס זייא זיינען גרינג אויף זייערע פיס צוא לויפן אונ דוא זאלשט לויפין צוא טאן דעם רצון הבורא צוא ירשנן עולם הבא דאס איז על הרי בשמים וואס הייסט הר ה' דיא בערג פון תענוג :

ואל הבקר רץ אברהם אז רב דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל האט ער עס מפורש גיוועזן דאס דיא נשמה האט גיפונען איין הילף צוא דעם גוף דאס וואס דא אין פרשה דער איז מרומז דר רמז פון קרבנות אונ חאטשע דיא קרבנות וועלין בטל ווערין אבער דיא תורה וועט ניט בטל ווערין ווער עס איז ניט עוסק אין קרבנות זאל ער עוסק זיין אין דער תורה פון קרבנות רבי יוחנן זאגט אז הקב"ה האט גיזאגט צוא משה דיא פרשה פון קרבנות האט משה גיזאגט צוא הש"י דאס איז רעכט אז דער בית המקדש וועט שטיין אונ דיא ישראל וועלין

זיין אין ארץ ישראל · אבער אז די ישראל וועלן ניט זיין אין ארץ ישראל וואס וועלן זיי טאן האט אים השי"ת געענטפערט לאזין זייא עוסק זיין אין דער תורה וועל איך זייא מוחל זיין זייערע עבירות מער פון אלע קרבנות פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט זאת התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם ולמלואים כלומר אז מען לערנט די תורה פון עולה אדער פון מנחה אדער פון די אנדערע איז גלייך וויא מען איז מקריב אלע קרבנות · רבי ברוספדאי זאגט ווער עס זאגט מיט זיין מויל די קרבנות אין שול אדער אין בית המדרש אונ איז זיך מכוון דריגען איז דרויף פאר האנדין איין בריתות ברית אז אלע מלאכים וואס דער מאנען זיינע עבירות אונ זייגען אויף אים מקטרג היינט זאלין זייא אים ניט קענען טאן קיין שעדין נאר גוטין אזו וויא אין דער פרשה שטייט אז די נשמה פון דעם צדיק וואס זיא הייסט אברהם זעהט והנה שלשה אנשים נצבים עליו אז דרייא מלאכים שטייען אכטונג געבין אויף דעם משפט פון זיינע עבירות וואס טוט ער וימהר אברהם האהלה איילט ער אין געצעלט אפין אין שול אדר אין בית המדרש אריין לערנען די תורה פון מנחות אזו וויא עס שטייט מהרי שלש סאים קמח אין די תורה פון קרבנות אזו ווי עס שטייט ואל הבקר רץ אברהם דען קענען זיי אים גאר ניט טאן אדרבה זיי זייגען אים מבשר גוטע בשורות אונ בענטשין אים אזו וויא עס איז מרומז אין דער פרשת תצוה אז קטורת איז מבטל דען ניט גינוג וואס די צדיקים זייגען מבטל די שלעכטע גזרה · נאך מער דיא אלע מקטרגים בענטשין זייא נאך דרום שטייט וימהר אברהם ער האט געאילט טאהן תשובה צוא לערנען פרשת הקרבנות דער נאך ויאמר אליו זייגען אלע מסכים בפה אחד ויאמר שוב אשוב אליך כעת חיה זייא זאגין אים דוא ווערסט לעבין · אונ אז דיא מלאכים זעהן אז ער האט זיך גינומען איין גוטע עצה צוא טאן תשובה · גייען זייא פון אים אוועק אונ גייען בייא טראכטין די עבירות פון די רשעים דרום שטייט תיכף ויקומו משם האנשים וישקיפו על פני סדום רבי יהודה זאגט אזו איז דער סדר פון איין צדיק אז ער זעהט אז מען הייבט אן אויבין בייא טראכטין זיין משפט איילט ער תיכף תשובה טאן מיט תפלות אונ פאסטין אונ צדקה געבין אזו וויא עס איז מרומז אין דעם פסוק למען אשר יצוה את בניו וגו' לעשות צדקה ומשפט ביז דיא מקטריגים גייען אוועק פון אים דער נאך איז ער מתפלל אויף דיא רשעים זייא זאלין ניט אריין גיין אין גיהנם אריין אזו וויא עס שטייט (תהלים לה) ואני בחלותם לבושי שק אונ בעט ניט דיא רשעים זאלין שטארבין · ווארום ווען הקב"ה זאל גיוועזן צו געמען תרח פון דער וועלט בשעת ער איז גיוועזן איין רשע וואלט דאך אברהם אבינו מיט כל ישראל אויף דער וועלט ניט גיוועזן אונ מען וואלט די תורה ניט מקבל גיוועזן דרום זייגען דיא צדיקים מתפלל זייא זאלין תשובה טאן · רבי אבא הייבט אן עס שטייט ואלה הגוים אשר הניח ה' לנסות בהם את ישראל איך האב גיזעהען אז דיא וועלט האט מער קיין קיום ניט נאר איבער דיא מענטשין וואס זייא גיוועלטיגין אויף דעם יצר הרע דען יוסף הצדיק האט דרום זוכה גיוועזן צוא דער מלוכה ווייל ער האט באצוואונגען דעם יצר הרע מיר האבין גילערינט דער וואס נעמט איין דיא מלחמה פון דעם יצר הרע איז זוכה צוא מלכות שמים ווארום הקב"ה האט נאר באשאפין דעם יצר הרע מען זאל מיט אים פרובין מענטשין אזו וויא עס שטייט כי מנסה ה' אלהים אתכם · נאר נאך וואס דארף השי"ת דעם מענטשין פרובין כדי דער מענטש זאל ניט האבין קיין פתחון פה צוא זאגין איך וואלט גיוועזן איבער גישפארט דעם יצר הרע ווייזט מען אים דיא מלחמה צוא זעהן וויא אזו ער וועט זיך נוהג זיין · דרום שטייט ולוט ישב בשער סדום דאס איז דער יצר הרע ער זיצט דארטין צוא פרובין זייא · רבי זאגט עס שטייט ורשעים כים נגרש אז אפילו מען משפט דעם רשע איז ער מעיז פנים אונ בלייבט ביי זיין שלעכץ דרום שטייט טרם ישכבו ואנשי העיר אנשי סדום נסבו על הבית דיא רשעים רינגלען ארום זיך שטארקין אויף דער קדושה אונ אויף דעם יצר טוב רבי יצחק זאגט אזו וויא השי"ת האט באשאפין איין גן עדן התחתון אויף דער ערד אזו וויא עס שטייט ויטע ה' אלהים גן בעדן מקדם אזו האט ער באשאפין איין גיהנם התחתון אזו וויא עס שטייט (איוב כב) ארץ עיפתה כמו אופל אונ ווידער האט ער באשאפין איין גן עדן אויף דעם הימיל פון וועגין דיא נשמות הצדיקים גמורים זייא זאלין דארטין גישפייזט ווערין פון דעם גרוים ליכטיקייט וואס דארטין איז פאר האנדין אזו וויא עס שטייט והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ה' אלהיך אויך אין קהלת שטייט והרוח תשוב אל האלהים אויך האט ער באשאפין איין גיהנם אויף דעם הימיל אזו ווי עס שטייט ואת נפש איביך יקלענה בתוך כף הקלע מען ווארפט די נשמה אזו וויא מען ווארפט איין שטיין מיט איין שליידער · אונ דער גיהנם התחתון איז צו די רשעים גמורים משפט מען זיי מיט פייער אזו ווי עס שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי וגו' ואשם לא תכבה אונ דער גיהנם איז צוא דיא פושעי ישראל וואס האבין עובר גיוועזן אויף תורה ומצות אונ האבין קיין תשובה ניט גיטאן ווערין זייא דארטין גישליידערט אונ רינגלען ארום די גאנצע וועלט אזו ווי עס שטייט סביב רשעים יתהלכון זיי ווערין דארטין גימשפט צוועלף חדשים דער נאך קומט ער אויף זיין ארט וואו ער איז ווערט · דער פסוק זאגט אשר האף ה' באפו ובחמתו מיינט מען עס איז פאר האנדין רשעים וואס וועלין ניט אויף שטיין ליום הדין ווארום באפו מיינט מען בעולם הזה ובחמתו איז בעולם הבא:

רבי יעקב זאגט דיא רשעים פון יהודים וואש האבין פאר אום ווערדיקט דעם הייליגין צייכין אונ האבין מחלל שבת גיוועזן בפרהסיא אונ חול המועד אונ האבין גילייקינט בתורה ובתחיית המתים דיא גייען אין גיהנם אריין אונ ווערין דארטין גימשפט לדורי דורות אבער זייא וועלין אויף שטיין לתחיית המתים אונ אויף זייא האט דניאל גיזאגט ורבים מישני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם נאך שטייט והיה דראון לכל בשר מיינט מען עס וועט אויף זייא קומען אזו פיל צרות אז אלע מענטשין וועלין זאגין די ראון הייסט אז מען זעהט זייא זאגט מען לאז שוין זיין גינוג זייער משפט אבער אויף די צדיקים שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ וגו':

ויעל לוט מצוער רבי אבוהו זאגט קום אונ זעה דער יצר הרע וועט ניט בטל ווערין פון דר וועלט ביז דר צייט וואס שטייט אין (יחזקאל א) והסירותי את לב האבן מבשרכם חאטשי דער יצר הרע זעהט וויא מען משפט דיא רשעים אין גיהנם גייט ער פארט ארויס אויף דער וועלט צוא פאר פירין דיא מענטשין מיט זיינע נארעשקייט דרום שטייט ויעל לוט מצוער מיינט מען דער יצר הרע שטייט אויף דעם טויער פון דעם גיהנם אונ אין פרשת לך לך האבין מיר גיזאגט פאר וואס הייסט דער יצר הרע לוט ווארום ער איז דער נחש הקדמוני וואס איז פאר שאלטין גיווארין אונ אויף דעם ווארט ארור מאכט דער תרגום ליט · רבי יהודה זאגט דרייא הנהגות איז פאר האנדין בייא דעם מענטשין איינס איז הנהגת השכל והחכמה דאס איז דער כח פון דער נשמה הקדושה · דאס אנדערע איז

הנהגת התאוה דאס דער מענטש גלוסט צוא אלע זאכן דער כח גיט דעם מענטש לוסט צוא טאן אל דינג · אונ דאס דריטע איז נפש המתאוה דער האלט דעם גוף ער זאל זיך גרויש האלטין אונ דאס איז דער כח הנפש והגוף · זאגט רבי יהודה דער יצר הרע גיוועלטיגט מער ניט נאר אין דיא צווייא כוחות הנהגת התאוה ונפש המתאוה דרום שטייט ותאמר הבכירה אל הצעירה אבינו זקן מיינט מען דער נפש המתאוה זאגט צוא דעם הנהגות התאוה לכה נשקה את אבינו יין קום מיר וועלין ביידע נאך גיין נאך תאוות היצר הרע זיינען זיי ביידע מסכים אונ באהעפטין זיך אין דעם יצר הרע דורך עסין אונ טרינקען ווייטער שטייט ותקם הבכירה ותשכב את אביה מיינט מען בשעת דער מענטש ליגט אויף דעם בעט דער וועקט דער נפש המתאוה דעם יצר הרע טראכטין אין נארעשקייט פון דעם יצר הרע ביז ותהרין שתי בנות לוט מאביהן דיא ביידע כוחות ווערין טראגין פון זייער פאטער דער יצר הרע דאס הייסט זייא באהעפטין זיך אין אים · רבי יצחק זאגט אלע צייט איז דער יצר הרע ניט מפתה דעם מענטשין נאר דורך אכילה ושתיה אונ מחמת שמחה פון וויין אבער בייא איין צדיק שטייט צדיק אוכל לשובע נפשו ער ווערט קיין מאל ניט שיכור · רבי יהודה זאגט איין תלמיד חכם וואס ער שיכרת זיך אן איז אויף אים גיזאגט גיווארין דער פסוק נזם זהב באף חזיר אונ ער איז נאך מחלל שם שמים דער מנהג פון רשעים איז נאר שמחה פון וויין זייא דער וועקן אויף זיך דעם יצר הרע אזו וויא עס שטייט ולא ידע בשכבה ובקומה דער יצר הרע איז ניט משגיח בשכבה דאס מיינט מען עולם הזה ובקומה דאס איז עולם הבא · רבי אבוהו זאגט בשעת מען ברייננגט אריין דיא רשעים אין גיהנם ברייננגט מען דעם יצר הרע אויך ער זאל זייא זעהן דרום שטייט ולוט בא צוערה דאס איז דער יצר הרע וואס ער הייסט לוט קומט ער אין דעם צער פון גיהנם אונ אז ער זעהט דעם צער פון דיא רשעים פאלט אויף אים איין פחד מיט איין ציטערניש ער מיינט מען וועט אים אויך דן זיין אונ אז ער זעהט אז מען משפט אים ניט גייט ער ווידער ארויש אן צוא ריידין דיא מענטשין צו שלעכץ רבי יצחק זאגט אז ער פארכט זיך אזו וויא עס שטייט כי ירא לשבת בצוער ווארום רעט ער ווידער אן מענטשין צוא שלעכץ נאר אזו איז דער סדר פון דיא רשעים אז ער זעהט איין דין פארכט ער זיך אונ דער נאך איז ער ווידער וויא פריער אזו איז דער יצר הרע אויך · רבי יצחק זאגט עס איז איין משל צוא גזלנים וואס ליגין אויף דעם וועג אונ קלייבין אויש איין קלוגין מענטשין וואס ער האט אין זיך וויבע רייד אונ שיקין אים ארויש אויף דעם וועג אונ ער באקומט עטליכע מענטשין הייבט ער אן צוא ריידין מיט זייא מיט ווייכע רייד אונ ווערט בייא זייא וויא אקנעכט אונ באדינט זייא אונ זייא גלויבין אין אים אונ ער פאר פירט זייא צוא דעם וועג פון די גזלנים אונ אז זייא קומען אהין שפרינגט ער ארויס צום ערשטין אונ הרגית זייא אונ זייא שרייען ווייא צוא אונז וואס מיר האבין דיר גיגלויבט אונ האבין דיך גיפאלגט אונ אז ער הרגית זייא גייט ער ווידער ארויס אויף דעם וועג אונ רעט איבער אנדערע מענטשין די וואס זיינען קלוג ווייסין אז ער האט שוין פאר פירט וויא פיל מענטשין מיט זיינע ווייכע רייד אונ דער נאך האט ער זייא גיהרגית ווילין זייא שוין אים ניט פאלגין אונ דער ווייטערין זיך פון זיין וועג אזו איז אויך דער יצר הרע פון דיא גזלנים דאס זיינען דיא קליפות ער גייט צוא מענטשין אונ רעט זיי איבער מיט ווייכע רייד ער מאכט זיך פאר איין קנעכט צוא אים אונ ווייזט זייא אזעלכע זאכין וואס זיינען אסור צוא

אים אונ רעט אים אן אז ער זאל אראפ ווארפין פון זיך דעם עול תורה אונ זאל מיט זייא איין עבירה טאן אונ דיא שוטים גייען נאך נאך אים אונ פאלגין אים אונ גייען אין זיין וועג דער נאך הרגית ער זייא צום ערשטין דען דער יצר הרע איז דער מלאך המות דער נאך פירט ער אים אליין אין גיהנם צוא זיין חברותה דיא מלאכי חבלה וויא דער רשע קומט אהין שרייט ער נאך וואס האב איך אים גיפאלגט אונ דער נאך גייט ער ארויס פון דעם גיהנם אונ חאפט אנדערע מענטשין מיט זיינע גוטע רייד · דיא וואס זיינען קלוג גייען ניט אין זיינע וועגין אונ פאלגין אים ניט וואול צוא זייא אונ וואול צוא זייער חלק · רבי יוסי זאגט איך בין אמאל גיגאנגען קיין בבל האב איך גיזעהען וויא שיינע בחורים גייען צווישין שיינע ווייבער אונ האבין ניט גיזינדיגט מיט זייא האב איך גיזאגט צוא זייא איר פארכט אייך ניט פאר דעם יצר הרע זאגין זייא מיר קומען ניט ארויס פון קיין שלעכטע מחשבות נאר פון קדושה דען רבי יהודה האט גיזאגט דער וואס איז זיך מקדש בשעת הזיווג גייען פון אים ארויס פרומע קינדער וואס זייא האבין קיין מורא ניט פאר דעם יצר הרע אזו וויא דער פסוק זאגט והתקדשתם והייתם קדושים נאך האט ער גיזאגט אז איינער גייט אין איין שטאט אונ זעהט שיינע ווייבער זאל ער זיינע אויגין אוועק טאן פון זייא אונ זאל זאגין די שפראך סך טפאן אגזר אגזר גא גריד גא חקיל פוק פוק דאבוי קדושא דשבתא הוא ווארום מחמת דער היץ פון דעם וועג קען דער יצר הרע אין אים שולט זיין דרום זאל ער דאס זאגין וועט ער ניצול ווערין :

## פרשת חיי שרה

ויהיו חיי שרה רבי חייא זאגט אונזערע חכמים האבין גיזאגט אז בשעת יצחק איז גיבונדין גיווארין אויף דעם מזבח איז יצחק אלט גיוועןזיבין אונ דרייסיג יאר אונ אין דער צייט איז שרה גישטארבין דרום שטייט ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה ער איז גקומען פון הר המוריה פון דער עקידה צוא באקלאגין שרה אונ דער פסוק ווייזט מיר אז אזו וויפיל יצחק איז אלט גיוועןהיינו זיבין אונ דרייסיג יאר אזו פיל איז גיוועןאיר לעבין אבער איידער יצחק איז גיבארין גיווארין איז בייא איר גלייך גיוועןוויא זיא איז גישטארבין דען אז איינער האט קיין קינדער ניט איז גלייך וויא ער איז גישטארבין אזו וויא רחל האט גיזאגט צוא יעקב הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי דרום זאגט דר פסוק ויהיו דאס באטרעפט זיבין אונ דרייסיג חיי שרה דאס איז גיוועןדאס לעבין פון שרה אבער ביז זיא האט גיהאט צוא יצחק איז גלייך גיוועןוויא זיא האט ניט גילעבט :

ויקם אברהם מעל וגו׳ ער איז אויף גישטאנען צו קויפין די מערת המכפלה׳

רבי יהודה זאגט אברהם האט גיהאט איין סימן אין דער מערת המכפלה אונ זיין הארץ האט אהין גיגלוסט ווייל ער איז דארטין אמאל גוועןהאט ער דארטן גזעהן צו אדם וחוה׳ אונ חיא אזו האט ער גוואושט אז דאס זיינען אדם וחוה · ער האט דארטין גיזעהן אז עס עפינט זיך איין טיר אין גן עדן אריין אונ דאס גישטאלט פון אדם האט זיך פאר אים גישטעלט · קום אונ זעה דער וואס זעהט דאס גישטאלט פון אדם הראשון דער מוז שטארבין אונ איטליכער מענטש איידער ער שטארבט זעהט ער צוא אדם הראשון אבער אברהם האט אים גיזעהן אונ איז גיבליבין לעבין ער האט דארטין גיזעהען איין ליכט ברענט אין דער מערה דרום האט אברהם זייער גיגלושט צוא דער מערה אונ דרום האט ער ניט גיבעטין תיכף אויף דער מערה כדי זייא זאלין

זיך ניט מארקין אז ער האט גרויש חשק דער צוא דרום האט ער דיא בני חת גיבעטין פריער זיא זאלין אים געבין אשטיקיל ערד צוא באגראבין זיא אונ אז ער האט גיהערט אז זיא האבין אים גיזאגט אין דעם בעסטין קבר באגראב דיין מת דרום האט ער זיא שוין גיבעטין אז זיא זאלין בעטין פון זיינט וועגין צוא עפרון בן צוחר דען איך טוא עס ניט פון מיינט וועגין נאר פון אייער כבוד וועגין כדי איך זאל זיין אפ גישייד פון אייך אונ דאס האט ער אלין גיטאן כדי זיא זאלין זיך ניט מארקין אז ער האט גרויש לוסט צוא דער מערה · רבי אלעזר זאגט בשעת דיא מלאכים זיינען גיוועזין ביא אברהם האט זיך דער מלאך רפאל גימאכט פאר איין פר דאס הייסט איין אקס אונ דרום הייסט ער רפאל דאס מאכט פר אל אונ אברהם איז אים נאך גילאפין, צוא חאפין איז ער אנטלאפין אין דער מערת המכפלה דרום שטייט ואל הבקר רץ אברהם ווייא ער איז גיקומען אין דער מערה האט ער דארטין גיזעהען וואס ער האט גיזעהען אונ ער פלעגט שוין גיין תמיד אהין מתפלל זיין דען ער האט דארטין גיזעהען גרויש ליכט אונ האט גישמעקט אגוטין ריח אונ השי"ת האט מיט אים דארטין גירעט דרום האט ער גרויש חשק גיהאט צוא דער מערה · אויב דוא ווערשט מיינן עפרון האט דארטין אויך עפעס גיזעהען · עפרון האט קיין זכות ניט גיהאט ווארום דיא קדושה האט זיך בהאלטין נאר צוא איר הער אברהם אבער עפרון האט נאר גיזעהען אין איר פינצטערנעש דרום האט ער זיא פאר קויפט אונ האט גיגעבין צוא אברהם מיין וויא פיל ער האט אליין גיוואלט דען אברהם האט ביא אים גיקויפט די מערה אליין אונ עפרון האט אים נאך צוא גיגעבין דאס פעלד אויך ווייל זיא איז ביא אים נמאס גיוועזן אונ אז אברהם איז גיקומען דאס ערשטע מאל אין דער מערה האט ער גיזעהען איין גרויש ליכט אונ דיא ערד האט זיך אויף גיהייבין אנטקעגין אים האט זיך אנטפלעקט צווייא קברים פון אדם וחוה אונ אדם האט זיך בוויזין צוא אים אונ ער האט גילאכט אנטקעגין אים אזו האט ער גיוואוסט אז ער ווערט דארטין אויך בגראבין ווערין · זאגט אברהם צוא אים איך בעט דיך זאג מיר אויב איך וועל דא אויך ליגין זאגט אדם צוא אברהם הקב"ה האט מיך דא בהאלטין אונ איך בין גילעגין באהאלטין ביז אהער אזו וויא איין פרי וואס ליגט באהאלטין אין איר שאלעכץ ביז דוא בישט גיקומען אויף דער וועלט האב איך אין דיא גאנצע וועלט איין קיום פון דיינט וועגין אונ דרום שטייט ויקם השדה והמערה וכל אשר בו אלשדינג וואס דארטין איז גיוועזן דאס מיינט מען אדם הראשון דען אברהם האט זיין חטא מתקן גיוועזן דרום וואס פריער איז גיוועזן פאר בארגין האט דאס היינט אלץ איין תקומה גיהאט דרום שטייט ויקם רבי שמעון זאגט בשעת אברהם האט ארין גיטראגין שרה אין דער מערה ארייין זיינען אויף גישטאנען אדם וחוה אונ האבין ניט גילאזט מען זאל זיא דארטין באהאלטין זייא האבין גיזאגט מיר זיינען נאך בחרפה פון אונזער חטא וואס מיר האבין גיגעסין דעם עץ הדעת אונ היינט אז אזעלכע צדיקים וועלין זיין מיט אונז ווערט דאך נאך גרעשער זיין אונזער חרפה האט זיי אברהם גיענטפערט איך בין אן גיברייט מתפלל זיין אויף אייך איר זאלט שוין מער ניט פאר שעמט ווערין דרום שטייט ואחרי כן קבר אברהם את שרה דער נאך אז אברהם האט אויף זיך מקבל גיוועזן מתפלל צו זיין איז אדם גיגאנגען אויף זיין ארט אונ חוה אויף איר ארט דרום שטייט את שרה מיינט מען זייא האבין אלע אקיום גיהאט מיט שרה דורך אברהם אזו ווי עס שטייט אלה תולדות השמים והארץ בהבראם מיינט מען אדם וחוה וואס זיינען גיוועזן תולדות שמים וארץ זייא קומען ניט ארויש פון קיין מענטשין האבין זייא אקיום גיהאט דורך אברהם דאס ווייזין דיא אותיות בהבראם באברהם אבער ביז אברהם האבין זייא קיין קיום ניט גיהאט ווארום ער איז דער עיקר :

ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל רבי יהודא הייבט אן עס שטייט אין תהלים אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך וואול צו דעם מענטשין וואס זיינע וועגין זיינען רעכט פארטיג פר הקב"ה דען בגערט ער אין אים אונ איז אים מקרב צו זיך אברהם האט תמיד גיגלוסט זיך מקרב זיין צו הקב"ה נאר מיט איין מאל קען מען ניט קומען צו דער מדריגה עליונה נאר אלע טאג איז ער גיגאנגען פון איין מדריגה צוא דער אנדערער ביז אויף דער עלטער איז ער ערשט גיקומען צוא דער מדריגה העליונה דרום שטייט ואברהם זקן אז אברהם איז אלט גיווארין בא בימים איז ער גיקומען צו דר גרוישער מדריגה וואש זיינען מדריגות עליונות דערנאך מאל שטייט וה' ברך את אברהם בכל הקב"ה האט אים גיבענטשט מיט דער ברכה פון בכל אזו הייסט דאש ארט וואש פון דארטין גייען ארויש אלע ברכות · אבער וואול איז צוא דיא בעלי תשובה זיא זיינען גרעשער פון צדיקים ווארום איין צדיק קען מיט איין מאל ניט קומען צוא איין מדריגה עליונה נאר אויף דער עלטער אזו וויא אברהם איז גיקומען דער צוא אויף דער עלטער : אויך ביא דוד שטייט והמלך דוד זקן בא בימים · ער איז אויך נאר גיקומען דער צוא אויף דער עלטער אבער דיא בעלי תשובה זיינען תיכף זוכה צוא דער מדריגה עליונה : רבי יוסי זאגט מיר האבין גילערינט אויף דעם ארט וואו דיא בעלי תשובה שטייען האבין קיין צדיקים גמורים קיין רשות ניט צוא שטיין איטליכער האט זיין מדריגה וואש ער איז ראוי דרום שטייט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך וואול צוא דעם מענטשין וואש ער איז זיך מקדש אויף דער וועלט איז הקב"ה מקרב זיין נשמה אז זיא גייט ירשנן איר ירושה וואש עש איז איר ראוי לעולם הבא אונ איז זוכה צוא דער קדושה וואס דיא מלאכים זיינען זוכה · דעסט גלייכין אז איינער פאר אום ווערדיגט זיך חלילה אויף דער וועלט ציהט ער אויף זיך ארויף רוחות הטומאה אונ אז ער שטארבט שלעפין אים דיא רוחות הטומאה אין גיהנם ארין אבער ווער עס הייליגט זיך אויף דער וועלט איז ער צווישין דיא הייליגע מלאכים אזו וויא עש שטייט ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה דאס איז דיא מדריגה פון חצר עס איז אזו וויא איין הויף פאר דער שטוב דרום שטייט ישכון חצריך אזו וויא ביא דעם משכן האבין דיא לוים גירוט אין חצר · ווידער איז פאר האנדין איין גרעשערע מדריגה וואס ווערט אן גירופין בית דרום שטייט נשבעה בטוב ביתך ווייטער איז נאך פאר האנדין גרעשערש נאר גאר ווייניג עס הייסט קדוש היכלך דאס הייסט אינעווייניג אזו וויא ביא דיא לוים שטייט והחונים לפני המשכן אהרן ובניו עס איז פאר האנדין כמה היכלות כמה מעלות כמה מדורין כמה נהורין איינער איבער דעם אנדערין זיינען ניט גלייך איינער צוא דעם אנדערין איינער ווערט פאר שעמט פאר דעם אנדערינש ליכט וואס עס איז העכער · אונ אזו וויא דיא מעשים פון דער נשמה אויף דער וועלט זיינען אפ גישייד איינש פון דעם אנדערין אזו אויף יענער וועלט זיינען אפ גישייד אירע אורות עליונים אז דער מענטש שלאפט אויף דעם בעט גייט די נשמה ארויף זעהן דעם כבוד פון הקב"ה אונ אלע רוחות הטומאה

רופין אויש ראמט אויש דיא טומאה ווארום דער מענטש איז ניט פון אונזערע לייט גייט דיא נשמה ארויף צווישין דיא הייליגע מלאכים אונ מען איז איר דארטין מודיע דברים של אמת אונ אז זיא גייט ווידער אראפ ווילין דיא רוחות הטומאה אויך ווישין וואס זיא האט אויבין גיהערט זיינען זייא זיך צוא איר מקרב אונ זיינען איר מודיע אנדערע זאכין ווערין דיא הייליגע רייד פון אויבין מיט זייערע רייד פון דיא מלאכי חבלה אויש גימישט אזו וויא תבואה צווישין שטרוי אונ ווער עס איז אגרוישער צדיק האבין זייא קיין רשות ניט צוא פאר מישין דיא הייליגע רייד פון אויבין מיט זייערע רייד אבער אז די נשמה איז חס ושלום אום ריין אזו באהעפטין זיך אין איר אלע רוחות הטומאה וואס זייא זיינען אין דער אונטערשטער מדריגה אונ וויא באלד דיא נשמה קומט ארויף חאפין זייא זיא אמאל זאגין זייא איר דיא זאכין וואס זייא הערין מאחורי הפרגוד וואס עש וועט זיין אויף דער וועלט אונ אמאל זאגין זייא איר גרויש ליגין זייא לאכין אונ שפעטין אויש איר · דאס איז אז דער מענטש שלאפט אזו אויך אז דער מענטש שטארבט אונ דיא נשמה וויל ארויף גיין חאפין זיא כמה מלאכי חבלה אונ גיבין זיא אפ צוא דעם מלאך דומ״ה אין דיא הענט אריין ער זאל זיא פירין אין גיהנם אריין. אונ רופין פריער אויף איר אויש אזו טוט מען דיא מענטשין וואס זיינען עובר אויף דער תורה אונ שטעבין מיט איר אויש דיא גאנצע וועלט אונ דער נאך ווארפט מען זיא אין גיהנם אריין אזו פירט מען זיא צוועלף חדשים דער נאך קומט איטליכער אויף זיין ארט וואס ער איז ראוי אבער דיא נשמות פון צדיקים גייען גלייך ארויף אזו וויא מיר האבין גיזאגט נאר אין דיא אינעווייניגשטע מדריגות איז קיינער ניט זוכה נאר דער וואס לערינט חכמת הקבלה וסודות התורה ווארום זייא ווישין זיך רעכט צוא באהעפטין אין דער קדושה אויף זייא שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו דאס קיין אויג האט אין דעם קיין השגה ניט אפילו קיין נביא קען ניט רעכט פר שטיין די זאך ער זאל קאנען זיין האר נאר דורך קבלה אונ סודות התורה מיט דיא לייט באריממט זיך השי״ת אלע טאג אונ איז תמיד מיט זייא זייערע נשמות גייען ארום אלע טויערין אונ מען ווערט זייא ניט וואל איז זייער חלק אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט אזו אויך אברהם האט זיך באהעפט אין השי״ת בימים עליונים דאס זיינען דיא מדריגות עליונים וואס זייא הייסין ימים דען ער האט זוכה גיוועזן צוא דיא מדריגות עליונים וואס פון דארטין קומען ארויש אלע ברכות דרום שטייט ואברהם זקן בא בימים וה׳ ברך את אברהם בכל דאש ווארט בכל איז דאש ארט פון אלע ברכות:

רבי יצחק זאגט עס שטייט וישב העפר על הארץ כשהיה הקב״ה האט בשאפין אדם הראשון האט ער גינומען ערד פון דעם בית המקדש אונ האט גיבויט זיין גוף פון אלע פיר זייטין פון דער וועלט דר נאך האט הקב״ה אים אריין גגעבן איין רוח חיים אזו וויא עס שטייט ויפח באפיו נשמת חיים איז ער אויף גישטאנען לעבעדיג אונ האט גיוואוסט אז ער איז כלול מעליונים ותחתונים ער איז גיוועזן באהעפט אין דער קדושה אונ האט גיוואושט דיא חכמה עליונה אזו אויך איטליכער מענטש איז נכלל ממעלה וממטה אונ דיא וואש זיינען זיך מקדש אויף דער וועלט אז ער האט אקינד ציהט ער אויך אים אראפ איין קדושה פון אויבין אונ היישט אקינד צוא השי״ת ווייל דער גוף איז הייליג גיט מען אים איין נשמה אויך פון אויבין דער נאך אז דער מענטש שטארבט אונ דארף אפ געבין דין וחשבון אויף זיינע מעשים וואש ער האט גיטאן אז דיא נשמה איז גיוועזן אין גוף צוא שיידין זיך דיא ביידע דיא נשמה גייט אויף איר ארט אונ דער גוף קערט זיך אום צו איר ערד איטליכער קערט זיך אום צוא זיין ארט וואו ער איז גינומען גיווארין אונ דאש איז אלץ פאר בארגין בייא הקב״ה ביז ער וועט מחיה מתים זיין דעם זעלביגין גוף מיט זיין נשמה אונ דעמאלט וועט הקב״ה בייא נייען דיא וועלט אונ וועט מאכין נידערין איין טל פון אויבין אונ וועט מיט אים מחיה מתים זיין אזו וויא דער פסוק זאגט כי טל אורות טלך דער טל קומט פון דיא אורות עליונים אונ פון דעם עץ החיים וועט ארויש גיין לעבין אויף דער וועלט אונ וועט ניט אויף הערין ווארום היינט אז דער יצר הרע מיט דיא קליפות זיינען דא אויף דער וועלט איז דיא לבנה ניט גאנץ אונ דער עץ החיים איז ניט שולט אבער אז הקב״ה וועט מעביר זיין דיא קליפות וועט דיא לבנה ווערין גאנץ אזו וויא עס שטייט והיה אור הלבנה כאור החמה רבי חזקיה זאגט אז דוא ווייסט ווילין זאגין אז אלע גופות שטייען אויף אבער אז עס איז גיוועזן איין נשמה אין צווייא גופות וויא אזו וועט זיין זאגט רבי יוסי דיא גופות וואס האבין ניט מצליח גיוועזן אויף דער וועלט צוא מקיים זיין תורה ומצות איז גלייך וויא זייא זיינען גאר ניט גיוועזן וועלין זייא ניט אויף שטיין אויף זייא שטייט והיה כערער בערבה ולא יראה כי יבא טוב ער וועט ניט זעהען דאס גוטץ פון תחיית המתים אונ דער הינטערשטער גוף וואס האט מצליח גיוועזן דער וועט אויף שטיין אונ וועט דער לייכטין דאס ליכט וואס הקב״ה האט באהאלטין בששת ימי בראשית צוא דיא צדיקים אזו וויא עס שטייט וירא אלהים את האור כי טוב מיד באלד וועט הקב״ה מחיה מתים זיין. אונ עס וועט זיין אזו וויא עס שטייט וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה אונ עס וועט בלייבין נאר טוב אונ דער רע וועט אוועק גיין אונ דיא ערשטע גופות וואס האבין ניט מתקן גיוועזן אויף דער וועלט וועלין זיין גלייך ווי זייא זיינען ניט גיוועזן בעולם הזה · רבי יצחק זאגט הקב״ה וועט אויף זייא אויך געבין איין אנדער רוח וועלין זייא זוכה זיין וועלין זייא מיט דיא צדיקים אויף שטיין אונ אויב ניט וועלין זייא ווערין אש אונטער די פיס פון צדיקים אזו וויא עש שטייט (דניאל יב) ורבים מישני אדמת עפר יקיצו אלע וועלין אויף שטיין אונ וועלין זיך שטעלין פאר הקב״ה אין זייער צאל אזו וויא עס שטייט המוציא במספר צבאם אונ דיא מתים פון ארץ ישראל וועלין פריער אויף שטיין אונ דיא מתים פון חוץ לארץ וועט הקב״ה בשאפין זייערע גופים אונ וועט זייא אריין געבין איין רוח אונ זייא וועלין זיך קייקלען אונטער דער ערד קיין ארץ ישראל אונ דארטין וועלין זייא מקבל זיין זייערע נשמות אונ דארטין וועלין זייא האבין איין קיום רבי אלעזר אונ רבי יוסי זיינען אמאל ביידע גיגאנגען בייא נאכט אונ האבין גילערינט תורה זאגט רבי אלעזר אז הקב״ה וועט מחייה מתים זיין וועלין אלע גישטאלטין שטיין פאר אים אין דעם גישטאלט וואס זיינען גיוועזן אויף דער וועלט אונ הקב״ה וועט איטליכין רופין בייא זיין נאמען אויף דער צייט שטייט וחרפת עמו יסיר דעם יצר הרע וואס ער האט פאר פינצטערט דאס פנים פון דיא לייט וועט ער אפ טאן פרעגט רבי יוסי פאר וואס אז דער מענטש לעבט איז ער ניט טמא אונ אז ער שטארבט איז ער טמא זאגט רבי אלעזר ווייל דער יצר הרע נעמט בייא אים דעם רוח מיט דער נשמה איז ער זייא מטמא דרום בלייבט דער גוף טמא אבער דיא היידין וואש

זיינען געוועזן אין ארץ ישראל ווייל זייער גוף האט מטמא געוועזן ביי זייער לעבין דרום אז זייער נשמה איז פון זייא אוועק געגאנגען איז דער גוף געבליבין אן טומאה דרום האט אברהם אן געזאגט צוא זיין קנעכט אליעזר אז ער זאל ניט נעמען קיין ווייב צוא זיין זון יצחק פון זייא דען ווער עס האט זיך בהעפט אין זייא האט ער זיך מטמא געוועזן אונ האט גימאכט איין גרוישין פגם למעלה אונ חאטשע ער האט אים בשווארין פון דעסט וועגין האט ער נאך תפלה גיטאן ער זאל אים צו שיקין דעם מלאך הברית צוא היטין זיין ברית קודש ער זאל זיך ניט מטמא זיין צווישין זייא אונ דער זכות פון אברהם איז גישטאנען צוא אליעזר אונ דיא ערד איז אים אנטקעגין גיקומען אונ אין דעם טאג וואס ער איז ארויס גיגאנגען איז ער גיקומען צוא בתואל דרום שטייט ואבא היום אל העין היינט בין איך ארויס גיגאנגען אונ היינט בין איך גיקומען :

# פרשת תולדות

אלה תולדות יצחק בן אברהם רבי יוסי זאגט פאר וואס שטייט ביז אהער ניט בן אברהם נאר דא ווייש איך דען ניט אז ער איז געוועזן דער זון פון אברהם נאר אז אברהם איז געשטארבין איז געבליבין זיין צורה ביי יצחק אונ איטליכער וואס האט גיזעהן צוא יצחק האט ער גימיינט דאס איז אברהם דרום איטליכער וואס האט גיזעהן צוא יצחק האט ער עדות גיזאגט אז ער איז דער זון פון אברהם רבי יצחק איז אויף געשטאנען ביא נאכט צוא לערנען תורה אונ רבי יהודה איז געוועזן אין דער שטאט קסרין זאגט רבי יהודה איך וועל מיך גיין מחבר זיין מיט רבי יצחק צוא לערנען תורה איז ער גיגאנגען אונ זיין זון רבי חזקיה איז אויך געוועזן מיט אים אונ ער איז נאך געוועזן גאר יונג אז ער איז גיקומען צוא דער טיר הערט ער וויא רבי יצחק זאגט עש שטייט ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלהים את יצחק בנו איז קשה נאך וואש האט הקב"ה בדארפט בענטשין צוא יצחק אלא ווייל אברהם האט אים ניט גיבענטשט כדי עשו זאל ניט ווערין גיבענטשט ווייל דיא ברכות וועלין זיין אויף אלע זיינע קינדער אונ עשו איז דאך זיין זון דרום האט אברהם אפ גיגעבין צוא הקב"ה דיא ברכות ער זאל אליין בענטשין וועמען ער וויל דרום שטייט וישב יצחק עם באר ער איז גיזעסין דאש מיינט מען דיא שכינה וואש זיא איז גיגליכן צוא איין קוואל ברונען לחי ראי וואש אלע חיות אונ אלע ברכות קומען פון דארט ארויש דרום הייסט זיא באר לחי ראי אזו וויא פון איין ברונען גייט וואשער תמיד פון דעם קוואל אזו גייט תמיד ברכות פון דער שכינה ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו יצחק איז גיזעסין מיט רבקה צוואנציג יאר אונ זיא האט קיין קינד ניט גיהאט אזו האט ער תפלה גיטאן ווייל השי"ת גלוסט צו דער תפלה פון צדיקים דען דורך דעם ווערט גימערט ברכות אובין פון זייערע תפלות קום אונ זעה אברהם האט ניט מתפלל געוועזן וועגין קינדער חאטשע ער האט גזאגט הן לי לא נתת זרע דאש איז ניט געוועזן בדרך תפלה נאר ער האט דער צוילט פאר הקב"ה אבער יצחק האט מתפלל געוועזן ווייל ער האט גיוואושט אז עש וועט ארויש גיין פון אים יעקב מיט צוועלף שבטים נאר ער האט ניט גיוואושט אויב זייא וועלין זיין פון רבקה אדר פון אנדער ווייב דרום שטייט לנוכח אשתו דיא קינדער זאלין ארויש גיין פון איר ויתרוצצו הבנים בקרבה דאש איז לשון שטויסין זייא האבין מלחמה גיהאלטין דען יעקב האט ניט גיוואלט האבין מיט אים אין איינעם קיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא

ווייל עשו איז געוועזן דער כח פון דעם נחש הקדמוני דרום איז יעקב גיגאנגען מיט אים מיט רמאות אזו וויא עש שטייט ועם עקש תתפתל מיט איין קרומען מענטשין זאלשטו זיך אויך קרימען כבטן עקב את אחיו דארט האט אים יעקב גיווארפין צו דער ערד צוא מאכין אים אונטער טעניג אונטער דער קדושה דרום האט מען אום יום כפור גיבראכט איין שעיר לעזאזל דען דער שעיר איז געוועזן צום ס"ם דער שר פון עשו דען מיט דער חכמה האט מען אים אפ גישייד פון דער קדושה אונ מיט דעם שעיר האט מען אפ גיטאן אלע עבירות פון ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט ונשא השעיר עליו את כל עונותם דאש מיינט מען אז ער זאל ניט קענען מקטרג זיין אויף דיא ישראל דרום איז קיין חידוש ניט וואש יעקב איז גיגאנגען מיט עשו מיט רמאות דען יעקב איז געוועזן דער כח פון אדם הראשון אונ עשו איז געוועזן דער כח פון דעם נחש אונ ווייל ער האט גורם געוועזן צוא אדם הראשון קללות דרום האט ער אים אויך פאר פירט מיט רמאות :

ויקרא שמו יעקב הקב"ה האט אים גירופין יעקב דרום שטייט ניט ויקרא יצחק אונ ווידער שטייט ויקרא לו אל אלהי ישראל מיינט מען אויך דער גאט וואס איז אלהי ישראל האט אים גירופין אל הקב"ה האט אים גיזאגט איך בין איין אל בעליונים אונ דוא בישט איין אל דאס הייסט איין שטארקער בתחתונים דרום האט זיך יעקב מתגבר גוועזן אנטקעגין עשו מיט חכמה צוא פאר מיידין אים פון דיא ברכות :

ויגדלו הנערים ויהי עשו איש יודע ציד איטליכער איז גגאנגען נאך זיין אחיזה נאך יעקב איז גיגאנגען אין בית המדרש לערנען אונ עשו איז גיגאנגען אויף דעם פעלד דען דארט האלטין זיך אויף דיא קליפות ורוחות רעות האט ער זיך צוא זייא בהעפט אונ אז דוא וועשט פרעגין די שכינה איז דאך תמיד געוועזן מיט יצחק פאר וואס האט ער עשו ליב גיהאט אונ האט ניט גיוואושט פון זיינע שלעכטע מעשים אלא דיא שכינה איז ניט געוועזן ביי אים וויא אזו האט ער גיקענט בענטשין צוא יעקב · אלא דיא שכינה איז טאקע תמיד געוועזן ביא אים נאר זיא האט אים ניט גיוואלט מגלה זיין אז עשו איז אשלעכטער כדי יעקב זאל נעמען די ברכות אן זיין ווישין נאר אין ווישין פון השי"ת אונ אזו האט גימוזט זיין דיא ברכות זאלין צוא גינומען ווערין מיט רמאות ווייל עשו איז דער נחש אונ אזו וויא ער איז גיגאנגען אנטקעגין אדם מיט רמאות אזו האט מען זיך מיט אים אויך נוהג געוועזן ברמאות אונ אז יעקב איז גיקומען נעמען די ברכות איז די שכינה אויך מיט אים גיגאנגען האט יצחק דר זעהן אז ער איז ראוי לברכה דרום האט ער אים גבענשט :

ויזד יעקב נזיד יעקב האט גיוואושט אז עשו איז אן גיהאלטין אין דין דרום האט ער אים גיגעבין עסין לינדזין ער זאל אים שלאף מאכין זיין כח · אונ דער קראפט זאל צו בראכין ווערין עס איז אלץ געוועזן מיט חכמה וואורום דורך דעם האט ער זיך פר קויפט פר איין קנעכט אונ האט אים אפ גיגעבין דיא בכורה דען מאלט האט יעקב גיוואושט אז זיינע קינדער וועלין מקריב זיין אין בית המקדש איין שעיר אונ איינש וועלין זייא אוועק שיקין לעזאזל ער זאל אויך פאר קערט ווערין צוא איין קנעכט אונ וועט ווערין איין מליץ אויף ישראל רבי יהודה זאגט ביא לבן איז אויך אזו געוועזן ווייל ער איז געוועזן אגרוישר מכשף אזו וויא עס שטייט נחשתי ויברכני ה' בגללך אונ איז גיגאנגען מיט גרויש רמאות דרום חאטשע יעקב איז געוועזן איש תם דאס הייסט אגאנצר מאן פון דעסט וועגין האט ער גימוזט זיך פירין מיט אים ברמאות

אזו

אזו שטייט עם חסיד תתחסד אז יענער איז פרום זאלשטו זיך מיט אים פירין מיט פרומקייט ועם עקש תתפתל אונ מיט אקרומען מענטשין דאס הייסט ארמאי זאלשטו זיך מיט אים אויך נוהג זיין ברמאות :

ויהי רעב בארץ רבי יצחק זאגט עס שטייט ה' צדיק יבחן קום אונ זעה דען אלע משפטים וואס השי"ת טוט איז אלץ אמת אזו שטייט הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט דען הקב"ה האט ניט גישטראפט אדם הראשון ביז ער האט אים גיבאטין איין מצוה וואס זיא איז גוועזן פון זיין טובה וועגין ער זאל ניט אפ קערין פון השי"ת מיט דעם וואס ער הועט עסין פון דעם עץ הדעת טוב ורע האט ער ניט מקיים גיוועזן נאר ער האט עובר גיוועזן אויף דעם דרום האט אים הקב"ה גישטראפט אונ דאך ניט אזו וויא אים איז גיקומען ווארום ער איז ווערט גיוועזן אז תיכף זאל ער שטארבין האט אים הקב"ה דער לייננערט דעם צארין חאטשע ער האט אים גיזאגט ביום אכלך מות תמות האט אים הקב"ה גירעכינט וועדליג זיין טאג הייסט טויזינט יאר דרום האט ער אזו פיל גילעבט · נאר זיבעציג יאר האט ער אוועק גישיינקט צוא דוד המלך ווארום ער האט מער ניט גיהאט קיין לעבין חוץ דיא זיבעציג יאר וואש אדם האט אים גישיינקט אזו אויך איטליכין מענטש איז הקב"ה ניט דן אויף זיינע שלעכטע מעשים וואס ער טוט אלע מאל ווארום די וועלט וואלט ח"ו קיין קיום ניט גיהאט נאר ער דער לייננערט אים זיין צארין טאמער וועט ער תשובה טאן אזו שטייט חי אני דאס שווער איך אז איך וויל ניט דער רשע זאל שטארבין נאר ער זאל תשובה טאן כדי ער זאל האבין עולם הזה מיט עולם הבא · אדער דרום איז ער אים מאריך אף טאמער וועט פון אים ארויס קומען גוטע קינדער אזו וויא מיר זעהן פון תרח איז ארויס גיקומען אברהם אבינו דער שורש פון דער גאנצר וועלט אונ מיט דיא צדיקים איז הקב"ה מדקדק אויף זייערע מעשים וואס זייא טוען זאלין ניט אפ קערין אין דער לינקער זייט אדער אין דער רעכטער זייט חאטשע הקב"ה ווייסט וואול אז זייא ווערלין ביא שטיין אויף זיין פרוב פון דעסט וועגין פרובט ער זייא כדי ער זאל אויף הויבין זייער קאפ אנטקעגין דיא מקטריגים מיט דעם יצר הרע אזו שטייט ביי אברהם והאלהים נסה את אברהם דאס ווארט נסה איז טייטש ער האט אויף גהויבן אזו ווי עס שטייט הרימו נס דרום שטייט ה' צדיק יבחן הקב"ה פרובט דעם צדיק ער זאל אים דער הויבין בעולם הזה ובעולם הבא אזו אויך האט הקב"ה גיבאטין צוא אדם הראשון ער זאל ניט עסין פון דעם עץ הדעת כדי ער זאל בלייבין במדריגה העליונה אונ אז ער האט ניט מקיים גיוועזן אונ האט זיך בהעפט צוא דעם כח פון דעם יצר הרע האט ער גינידערט למדריגה התחתונה דעסט גלייכין נח פריער איז ער גיוועזן איין צדיק תמים דער נאך האט אים דער יצר הרע פאר פירט ער זאל זיך אן טרינקין מיט וויין · אבער אברהם חאטשע ער האט גינידערט קיין מצרים וואס עס איז פול מיט טומאה האט ער זיך פארט בהעפט אין דער קדושה אזו שטייט ויירד אברם מצרימה ויעל אברם אזו וויא ער איז אריין גיגאנגען בשלום מיט דער קדושה אזו איז ער בשלום ארויש גיגאנגען אונ יצחק איז בכוונה גיגאנגען קיין פלשתים בשעת הונגער כדי ער זאל גיפרובט אונ גילייטערט ווערין אונ איז אויך אריין גיגאנגען אונ איז ארויס גיגאנגען בשלום דרום האט ער גיזאגט אויף זיין ווייב אחותי היא דאס האט ער גימיינט די שכינה אזו וויא עס שטייט אמור לחכמה אחותי את אזו ווי עס שטייט אין פרשת לך · עס איז איין גרוישר סוד דרום שרייבן מיר דאס בקיצור :

ויצו אבימלך אבימלך האט אן גיזאגט זיין פאלק אז קיין שום מענטש זאל אים ניט אן רירין אונ ווער עס וועט אים אן רירין זאל גטייט ווערין קום אונ זעה וויא לאנג הקב"ה האט גיווארט דיא רשעים דיא פלשתים אז דיא ישראל זאלין ביא זייא ניט צוא נעמען זייער לאנד ווייל זייא האבין גיטאן טובות מיט דיא אבות אבימלך האט גיזאגט צוא יצחק הנה ארצי לפניך מיין לאנד איז פאר דיר וואו דוא ווילשט מעגשטו זיך בזעצין · רבי יהודה זאגט וויא צוא דיא רשעים דאש אפילו זייער טובה איז אויך ניט גאנץ פריער האט עפרון גיזאגט צוא אברהם אדוני שמעני השדה נתתי לך איז טייטש איך שיינק דיר דער נאך שטייט וישקול אברהם לעפרון וגו' עובר לסוחר אזו אויך אבימלך אין ערשטין האט ער גיזאגט מיין לאנד איז פאר דיר דער נאך האט ער גיזאגט לך מעמנו גייא אוועק פון אונז · רבי אלעזר זאגט דאס איז דיא טובה וואס ער האט אים אוועק גישיקט בשלום מיט גאר זיין געלט דער נאך איז ער גיגאנגען מיט אים כורת ברית זיין · ווייטער שטייט גרוישע סודות אויף דיא בארות וואש די אבות האבין גיגראבין דער מיט בהעפט מען זיך אין דער אמונה פון הקב"ה אזו אויך ווער עש גייט אין ציצית מיט תפילין בהעפט ער זיך אויך אין דער אמונה שלימה פון הקב"ה אונ ווער עס לייגט ניט טלית ותפלין אונ גייט אן ציצית רוט אויף אים ניט דיא רעכטע אמונה אונ עס טוט זיך אפ פון אים זיין יראת שמים אונ זיין תפלה ווערט ניט אן גינומען פאר הקב"ה :

ויקרא את עשו בנו הגדול רבי אלעזר הייבט אן אשרי אדם עוז לו בך מסילות בלבבם וואול צוא דעם מענטש וואס ער האט בטחון אין הקב"ה ניט אזו וויא חנניה מישאל ועזריא האבין תחלת גיזאגט דער גאט וואס מיר דינען אים וועט אונז מציל זיין · קום אונ זעה אז הקב"ה טוט ניט קיין נס דעם מענטשין וואס פאר לאזט זיך אז מען זאל אים טאן איין נס ווארום אז זייא האבין גיזעהען עס איז שלעכט וואס זייא האבין גיזאגט האבין זייא תי כף חרטה גיהאט אונ האבין גיזאגט דער מלך זאל וויסין הן הקב"ה וועט אונז מציל זיין והן ער וועט אונז ניט מציל זיין ווערלין מיר זיך אלץ ניט בוקין צוא דיין עבודת כוכבים דרום זאל זיך אמענטש ניט פאר לאזין אויף איין נס נאר ער זאל זיך פאר זיכרין אונ שטארקין אין דער אמונה פון הקב"ה ער זאל אים העלפין צוא גיין אין זיין וועג ווארום אז אמענטש קומט זיך מטהר זיין אויף דער וועלט העלפט מען אים פון אויבין דרום שטייט עוז לו בך מסילות בלבבם וואול צו דעם מענטשין וואס שטארקט זיך נאר אין הקב"ה ניט אין קיין אנדערין כדי ער זאל גיין אויף דעם וועג פון השי"ת בכל מקום וואו ער דארף · נאך איין פשט איז צוא שטארקין זיך אין דער תורה וואס זיא הייסט עוז אזו שטייט ה' עוז לעמו יתן וואול דעם מענטשין וואס לערינט תורה נאר לשם שמים ווארום אז ער לערינט ניט לשם שמים וואלט אים בעסער גיוועזן ער זאל גאר ניט גיוועזן גיבארין ווערין דען ער איז נאר באשאפין גיווארין לערנען תורה אונ צוא פאר שטיין דיא גדולה אונ דיא מעלה פון השי"ת קום אונ זעה דיא מעשים פון יעקב זיינען גאנץ גיוועזן צוא גאט דרום האט זיך דיא שכינה פון אים ניט אפ גיטאן אונ אז יצחק האט גירופין עשו צוא בענטשין האט דיא שכינה מודיע גיוועזן צוא רבקה אונ זיא האט מודיע גיוועזן צוא יעקב דען אויב עשו זאל חם ושלום גיוועזן גיבענטשט ווערין פון יצחק וואלט יעקב חס ושלום קיין שליטה ניט גיהאט אויף דער וועלט אפילו איין טאג דרום איז דאש אלץ

גיוועזן פון הקב"ה אז אזו זאל זיין עס שטייט ורבקה אוהבת את יעקב אונ וויל זיא האט אים ליב גיהאט דרום האט זיא אים גיהיישן מאכין צווייא ציקעלעך אונ עס איז גיוועזן ערב פסח וואס דענשט מאל איז מען מבער דעם חמץ דאש מיינט מען דעם יצר הרע דרום האט זיא גימאכט צווייא תבשילין רבי יהודה זאגט דאש האט מרמז גיוועזן אז אום יום כפור וועט מען מקריב זיין צווייא ציקעלעך איינש להי' אונ איינש לעזאזל דרום האט יעקב גינומען צווייא ציקעלעך איינש מקריב זיין צו הקב"ה אונ איינש מכניע זיין עשו מיט זיינע חיילות אונטר יעקב דרום שטייט שני גדיי עזים אונ יצחק האט פון ביידע גיגעסין ויבא לו יין ער האט אים גיבראכט דעם יין העליון הקדוש פון דעם גן עדן ותקח רבקה את בגדי עשו וגו' אשר אתה בבית דיא קליידער האט עשו צוא גינומען בייא נמרוד זיא זיינען גיוועזן דיא קליידער פון אדם הראשון וואס השי"ת האט זיא אים גימאכט אונ נמרוד פלעגט חאפין חיות מיט זיא דען אויף דיא קליידער איז גיוועזן אויס גימאלט אלע חיות פון דער וועלט פלעגין די חיות זיך אהין איין זאמלען אונ עשו האט מיט נמרוד איבר דיא קליידער מלחמה גיהאלטין ביז ער האט אים גיהרגית אונ האט דיא קליידער צוא גינומען דרום שטייט ויבא עשו מן השדה והוא עיף ער איז גיוועזן מיד פון רציחה אונ עשו פלעגט אויך גיין מיט דיא קליידר חיות חאפין אונ ער פלעגט זיא תמיד געבין באהאלטין צוא רבקה אונ אין דעם טאג האט ער זיא ניט מיט גינומען דרום האט זיא זיא גיגעבין צוא יעקב אונ ווען עשו פלעגט זיא אן טאן פלעגין זיא ניט שמעקין אבער אז יעקב האט זיא אן גיטאן האבין זיא גישמעקט פון דעם ריח גן עדן דען יעקב איז גיוועזן דיא נשמה אונ דאס שיינקייט פון אדם הראשון זיינען דאך דיא קליידער ווידר גיקומען אויף זייער ארט דרום האבין זיא גישמעקט וויא אין גן עדן זאגט רבי יוסי מיר האבין דאך גילערנט אז דאש שיינקייט פון אדם הראשון האט טונקיל גימאכט דאס ליכטיקייט פון דער זון איז יעקב דען אויך גיוועזן אזו שיין זאגט רבי אלעזר דאס איז גיוועזן אידער אדם האט גיזינדיגט האט קיינער ניט גיקענט קוקן אין זיין צורה אריין נאך מער וויא אין דער זון אבער אז ער האט דער נאך גיזינדיגט איז טונקיל גיווארן זיין צורה אונ זיין הויט איז גאר גיווארן הונדערט איילין · ווייטער זאגט ער גרויסע סודות פון דעם שיינקייט · אונ אז יצחק האט גישמעקט דעם ריח האט ער גיזעהן אז ער איז ראוי צוא דיא ברכות אבער ער זאל ניט גיוועזן שמעקין וואלט ער אים ניט גיוועזן גיבענטשט דרום שטייט וירח את ריח בגדיו ויברכהו ער האט גישמעקט דעם ריח פון זיינע קליידער דרום האט ער אים גיבענטשט ויאמר ראה ריח בני אטייל זאגין דאש גייט אויף יצחק ער האט דאש גיזאגט · אונ אטייל זאגין ווען עש שטייט ניט ויאמר יצחק אונ עש שטייט סתם ויאמר גייט דאס אויף דער שכינה דיא שכינה האט גיזאגט זעה דער ריח פון מיין זון איז כריח שדה אזו וויא דער ריח פון דעם גן עדן וואש הייסט שדה דרום ויברכהו האט ער אים גיבענטשט :

ויתן לך האלהים מטל השמים רבי אלעזר הייבט אן עש שטייט שיר המעלות אל ה' בצרתה לי קראתי וגו' דיא שירה האט יעקב גיזאגט ווארום בשעת יצחק האט גיזאגט צוא יעקב גינעהען אהער וועל איך דיך טאפין ציא דוא בישט עשו איז ער בשעת מעשה גיוועזן אין אגרוישער צרה ער זאל אים ניט דער קענען דרום האט ער מתפלל גיוועזן צו גאט אונ האט גיזאגט בצרתה לי קראתי ויענני איך האב גירופין צו גאט אין מיין צרה אונ ער האט מיר גיענטפערט אונ איך בעט דיך זייא מיך מציל משפת שקר מלשון רמיה דאס איז עשו דער נחש הקדמוני דען ער האט מיט זיין רמאות דאס הייסט לשון רמיה גיבראכט קללות אויף דער וועלט מיט דעם וואס ער האט אדם הראשון אן גירעט צוא איין עבירה · קום אונ זעה בשעת יצחק האט גיזאגט צוא עשו גייא אין פעלד אונ חאפ מיר איין חאפונג ער זאל גיוועזן זאגין ואברכך וואלט גינוג גיוועזן אבער אז ער האט גיזאגט לפני ה' פאר גאט וועל איך דיך בענטשין באותו שעה איז דער ציטערט גיווארין דער כסא הכבוד אונ האט גיזאגט היינט וועט עשו דער נחש הקדמוני נעמען אלע ברכות אונ יעקב וואס ער איז אדם הראשון זאל בלייבין אזו באותו שעה איז גיקומען דיא שכינה מיט מיכאל פאר יעקב אונ אז יעקב איז אריין גיגאנגען איז דער גן עדן אויך מיט אים אריין גיגאנגען אונ אז עשו איז אריין גיגאנגען איז דער גיהנם מיט אים אריין גיגאנגען דרום שטייט ויחרד יצחק חרדה גדולה ער האט זיך זייער דער שראקין ער האט ניט גיוואושט אז עשו איז אזו פיל אין דער טומאה דרום האט ער גיזאגט גם ברוך יהיה איך האב רעכט גיטאן וואס איך האב גיבענטשט צוא יעקב ווארום פון דיא טעג פון אדם הראשון אן איז ראוי גיוועזן אז יעקב זאל נעמען דיא ברכות פון עשו מיט רמאות מדה כנגד מדה ווייל עשו איז גיוועזן דער נחש הקדמוני וואש ער האט גורם גיוועזן קללות מיט זיין שפת שקר ולשון רמיה אויף דעם נחש שטייט ויאהב קללה ותבואהו ולא חפץ בברכה ותרחק ממנו אונ ווידר שטייט ארור אתה מכל הבהמה ומכל חית השדה אונ יעקב איז ארויס פון דיא קללות וואס אדם הראשון איז גישאלטין גיווארין אונ זיא זיינען פאר קערט גיווארין צו ברכות דרום זאגט דוד המלך מיט רוח הקודש מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה דער נחש האט מרמה גיוועזן צוא אדם אונ האט גיבראכט קללות אויף דער וועלט דער נאך איז גיקומען יעקב אונ האט צו גינומען דיא ברכות וואש ער האט זייא באדארפט האבין אונ איר קללה איז איר גיבליבין דען וואש דער נחש עסט פילט ער איין טעם פון ערד ויתן לך האלהים מטל השמים ומשמני הארץ ער איז גיבענטשט גיווארין פון אויבין אונ פון אונטין כחבור אחד קום אונ זעה בשעת דער נחש האט גיבראכט דיא קללות אויף דער וועלט איז דיא ערד גישאלטין גיווארין אז זיא זאל ניט מאכין וואקסין קיין תבואה אזו וויא עס באדארף צוא זיין דרום האט ער אים גיבענטשט משמני הארץ אויך האט אים הקב"ה גישאלטין בעצבון תאכלנה דרום האט ער אים גיבענטשט מטל השמים אונ אנטקעגין דער קללה בזעת אפך תאכל לחם האט ער אים גיבענטשט יעבדוך עמים הקב"ה האט דאס אלץ גיטאן אז יעקב זאל זיין מצד הקדושה זאגט רבי חזקיה מיר זעהען דאך אז יצחק האט צו עשו אויך גיזאגט הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל זאגט רבי שמעון עש איז ניט גלייך איינש צו דעם אנדרין בייא יעקב שטייט ויתן לך האלהים גאט זאל דיר געבין אבר בייא עשו שטייט הנה עס וועט זיין משמני הארץ אונ עש שטייט ניט האלהים דורך גאט אונ ווידר בייא יעקב שטייט מטל השמים ומשמני הארץ אונ בייא עשו שטייט פריער ומשמני הארץ אונ דר נאך ומטל השמים עש איז פיל אפ גישייט איינש פון דעם אנדערין יעקב האט דיא ברכה משמים וארץ של מעלה אונ עשו האט משמים וארץ של מטה חאטשי עש שטייט והיה כאשר תריד ופרקת עלו אז יעקב וועט ניט רעכט האלטין דיא תורה זאל עשו אוועק נעמען דיא ברכות דאס איז נאר למטה האט ער גיקענט נעמען · אבער למעלה האט ער ניט גיקענט נעמען אזו וויא עש שטייט

כי

כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו רבי יוסי האט גיפרעגט צוא רבי אלעזר האשטו ניט גיהערט פון דיין פאטער פאר וואס דיא ברכות פון יעקב זיינען ניט מקוים גיווארין אונ דיא ברכות פון עשו זיינען יוא מקוים גיווארין האט ער אים דרויף גיזאגט גרוישע סודות :

## פרשת ויצא

ויצא יעקב ויפגע במקום רבי יצחק זאגט ער האט באגעגינט דעם הר המוריה וואש דער נאך איז דארטין גישטאנען דאש בית המקדש אונ ער האט דארטין מתפלל גיוועז · רבי יהודה זאגט יעקב האט נאך גיקאנט ווייטער גיין ווארום עס איז גיוועזן נאך גרוישער טאג נאר מען האט אים פון אויבין ניט גילאזט · רבי יוסי זאגט ער האט דארטין מתפלל גיוועזן ווארום עס האט אים זייער באנק גיטאן נאך וואש דיא בני עשו ציילין דאש יאר נאך דער זון אונ זיינע קינדער ציילין נאך דער לבנה ווארום עשו איז דער עלטערער ברודער ער היישט גדול ציילט ער צוא דער זון וואש זיא איז גרעשער אזו וויא עש שטייט את המאור הגדול אונ יעקב ווערט אן גירופין קטן דרום ציילט ער ווערליג דיא לבנה דאס זיא ווערט אן גירופין קטן ואת המאור הקטן לממשלת הלילה דרום האט אים באנק גיטאן וואש הקב"ה האט בייא אים צוא גינומען דיא מעלה פון דער זון דרום שטייט וילן שם כי בא השמש ווילן איז טייטש קריגין ער האט זיך מתרעם גיוועזן כי בא השמש וואש הקב"ה האט בייא אים צוא גינומען דיא מעלה פון דער זון אונ האט דארטין אם גיגעבין צוא עשו מיד תיכף ויקח מאבני המקום האט ער גינומען דיא שטיינער פון צוא קאפין זיך מצער זיין אזו וויא משה האט גיטאן אז ער האט מלחמה גיהאלטין מיט עמלק שטייט ויקחו אבן וישימו תחתיו וישב עליה :

ויחלום והנה סולם מצב ארצה רבי יצחק איז אמאל גיזעסין דער ווייל איז דורך גיגאנגען איין מענטש מיט צווייא קינדער זאגט איינר צוא דעם אנדערין דיא וועלט וואלט קיין קיום ניט גיהאט ווען ניט דער ווינט אונ ער איז מגלה גרוישע סודות זאגט רבי יצחק אזעלכע טייערע סודות זיינען בייא אייך אונ איך זאל מיט אייך ניט גיין · זאגין זייא דוא גייא דיר דיין וועג אונ מיר מוזין גיין אין שטאט אריין אויף דער חתונה פון איין קינד איז רבי יצחק אוועק גיגאנגען אונ איז גיקומען פאר רבי שמעון אונ האט אים דער ציילט די גרוישע סודות פון זיי : זאגט רבי שמעון זייא האבין רעכט גיזאגט דיא רייד זיינען פון דיא אייניקלעך פון רבי צדוק חלשא דרום האט מען אים גירופין חלשא דאש היישט שלאפקייט ווייל ער האט גיפאסט פערציג יאר אז ירושלים זאל ניט חרוב ווערין ער האט מפורש גיוועזן אויף איטלעכער זאך פון דער תורה גרוישע סודות אונ האט דאש מוסר גיוועזן צוא דיא קינדער · אין אקליינר צייט ארום האט רבי יצחק ווידר באגעגינט דעם מענטשן מיט איין זון האט ער אים גיפרעגט וואו איז דער אנדערער האט ער אים גיזאגט איך האב אים חתונה גימאכט איז ער גיבליבין אין שטאט בייא זיין שווער · וויא ער האט אים דער קאנט זאגט ער צוא אים פאר וואש האשטו מיך ניט גיבעטין אויף דער חתונה האט ער אים גיזאגט דא שווער איך אז איך האב דיך ניט גיבעטין אויף דער חתונה איבער דרייא טעמים איינש איך האב דאך דיך ניט גיקאנט טאמער בישטו איין גרוישער מענטש וועל איך דיר ניט קאנען אן טאן כבוד אזו וויא מען דארף אונ דאס אנדערע מיר זיינען גיוועזן היילינדיג אין וועג האב איך דיך ניט גיוואלט מטריח זיין אונ דאס דריטע כדי דוא זאלשט ניט פאר שעמט ווערין ווארום בייא אונז איז דער מנהג דער וואס עסט אויף סעודת חתן וכלה גיט ער זייא מתנות טאמער האסטו ניט קיין געלט וואלשטו דאך פאר שעמט גיווארין · האב איך אים גיזאגט הקב"ה זאל דיך אזו דן זיין לטובה : פרעג איך אים וויא אזו איז דיין נאמן זאגט ער צדוק ווטא עס הייסט דער קליינער צדוק אין דער צייט האב איך פון אים גילערינט דרייצעהען סודות אין דער תורה אונ דרייא סודות האב איך גילערינט פון זיינע זין דעם סוד פון נבואה אונ דעם סוד פון חלום אונ וואס איז דער חילוק צווישן נבואה אדער חלום אונ פאר וואס איין נבואה איז נאר אויף איר ארט וואו אהין זיא גיהערט אבער דער חלום איז אויף דער גאנצער וועלט צוא איטליכין נאך זיין מדריגה אזו וויא עס שטייט ויחלום והנה סלם מוצב ארצה האט ער דרויף גיזאגט גרוישע סודות :

אם יהיה אלהים עמדי פרעגט רבי יהודה אמער הקב"ה האט גיזאגט צוא יעקב אזו פיל הבטחות אונ ער זאגט אויב הקב"ה וועט זיין מיט מיר בלשון ספק נאר ווייל עס איז גיוועזן איין חלום וואס דער שטייגר איז פון אים עס זאל זיין אביסיל אמת אונ אביסיל שקר דרום האט ער גיזאגט אז עס וועט מקוים ווערין וועל איך ווישן אז עס איז אמת רבי חייא מיט רבי חזקיה זיינען גיזעסין אונטער איין בוים איז רבי חייא אנטשלאפין גיווארין האט ער גיזעהן צוא אליהו זאגט אים אליהו פון אייער תורה לייכט דאס גאנצע פעלד אונ אצונד בין איך גיקומען דיר זאגין אז ירושלים וועט באלד חרוב ווערין מיט אלע ערטער פון דיא חכמים אצונד האט מען גיגעבין רשות צוא דעם ס"מ ער זאל חרוב מאכין ירושלים מיט אלע שטארקע פון דער וועלט דרום בין איך גיקומען צוא דיא חכמים מודיע זיין אז מען הערט אויף צוא לערנען גייט אוועק דאס לעבין פון דער וועלט דרום זאלט איר מיט אייער לערנען דער לייגערין דיא יארין פון ירושלים דען דיא תורה איז איין עץ חיים אונ ווען דיא חכמים לערנען האט דער ס"מ קיין שליטה ניט דרום שטייט הקול קול יעקב דאס איז דיא תורה וואס זיא הייסט קול יעקב אבער ווען זיי לערנען ניט איז שולט והידים ידי עשו דר ווייל האט זיך רבי חייא אויף גיכאפט אונ דער ציילט דאס דיא חכמים זאגין דיא חכמים דאס הייסט איטליכער אזו שטייט אם ה' לא ישמר עיר מיינט מען דיא תורה וואס זיא הייסט מיט דעם שם הוי"ה אז זיא היט ניט שוא שקד שומר העלפין ניט אלע שטארקע שומרים

וירא והנה באר בשדה רבי יהודה הייבט אן עס שטייט מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו איז דאך קשה אז איין זון יאגט נאך אונ וויל הרגנן דארף מען דאך צוא ויינן ווארום האט ער גיזונגען נאר דוד המלך האט גימיינט אז הקב"ה וועט אים שטראפין אויף יענער וועלט פאר דעם חטא פון בת שבע הייגט אז ער האט גיזעהן אז מען בצאלט אים אויף דער וועלט האט ער זיך זייער גיפרייט · אונ ווידער ער האט גיזעהן אז גרעשערע פון אים זיינען אויך אנטלאפין גיווארין פאר זייערע פיינט · יעקב איז אנטלאפין פר זיין ברודר עשו אזו וויא עס שטייט ויברח יעקב שדה ארם משה איז אנטלאפין פר פרעה אזו וויא עס שטייט ויברח משה מפני פרעה נאך מער יעקב מיט משה זיינען אליין אנטלאפין אונ מיט דוד זיינען אנטלאפין אלע גרוישע לייט אונ זיינען גישטאנען פון אלע זייטין צוא היטין אים דרום האט דוד גיזונגען שירה :

ותצא לאה לקראתו ותאמר אלי תבוא איז דאך קשה דאש ווייזט איש ווי איין

עזות ריידין אזעלכע רייד · נאר פון דאנען לערנען מיר אפ איר גרויש פרומקייט דען זיא האט דאש גיט גיזאגט איר שוועסטער רחל אין די אויגין נאר זיא איז אים אנטקעגין גיגאנגען אונ האט אים דאש גיזאגט שטילער הייד ער זאל דער פון אויך ווישין אז עש איז מיט דעם ווילין פון רחל אזו וויא עש שטייט כי שכור שכרתיך נאר זיא האט מורא גיהאט איר שוועסטער רחל זאל ניט פאר שעמט ווערין אונ ווידער ווייל איר גיצעלט איז פריער גיוועזן פאר רחלש גיצעלט דרום איז זיא גיגאנגען אנטקעגין אים כדי רחל זאל גאר ניט ווישין אונ זיא זאל ניט דארפין ארויש גיין צוא רחל אין גיצעלט אריין · אונ ווידער לאה האט זיך גיטראכט אפילו עש הייסט ניט קיין עזות אים ארויש רופין פון רחלש גיצעלט איז אבער ניט כדאי אזעלכעש טאן אנטקעגין אשוועשטער איבער דיא אלע זאכין האט זיא זיך מקדים גיוועזן אנטקעגין גיין אונ זיא האט גיזעהען אז דער עיקר השבטים וועלין פון איר ארויש קומען אונ דרום האט זיא זיי גיגעבין נעמען על פי סודות של חכמה רבי יוסי זאגט וויא אזו האט זיא גיוואושט אז יעקב קומט אן נאר דאס אייזיל וואס יעקב האט דרויף גירייטין האט אן גיהויבין צוא שרייען האט זיא דער קענט אז יעקב קומט אן דרום שטייט יששכר חמור גרם דער חמור האט גורם גיוועזן זיא זאל אים ארויש גיין אנטקעגין אונ פון דער נאכט איז גיבארין גיווארין יששכר כי שכור שכרתיך איך האב דיך גיהונגען מיט די דודאים פון מיין זון איך האב איר גיגעבין איין סגולה צו קינדער אבער יעקב האט גיוואוסט אז קינדער האבן איז נאר גיווענט אין מזל עליון פון הקב״ה · אונ ווייטער זאגט רבי יהודה גרוישע סודות אויף דעם פסוק מושיבי עקרת הבית אם הבנים שמחה דרום שטייט ויזכור אלהים את רחל דיא זכירה איז גיוועזן פון הקב״ה ניט פון דיא דודאים:

רבי יהודה אונ רבי חזקיה זיינן גיגאנגן פון קפוטקיא קיין לוד זאגט רבי יהודה לאמיר עוסק זיין בתורה אזו וויא עס שטייט הבו גודל לאלהינו זאגט רבי חזקיה מיר זאלין זיין דרייא וואלט רעכט גיוועזן איינער וואלט גיזאגט · אונ צווייא וואלטין צוא גיהערט · זאגט רבי יהודה דאס איז נאר ביא בענטשין ווייל אז איינר דער מאנט דעם שם בדארפין צווייא ענטפערין אמן אזו וויא עס שטייט כי שם ה׳ אקרא אז איך וועל דער מאנען דעם שם הבו גודל לאלהינו זאלט איר געבין איין גרוישקייט צוא גאט אבער ביא תורה אפילו צווייא לערנען גיבין זיא אויך איין גודל אונ איין שבח פון דער תורה צוא גאט זאגט רבי חזקיה מיר האבין גילערינט עס איז פאר האנדין איין זכירה לטובה אזו וויא עש שטייט ויזכור אלהים את נח ויזכור אלהים את בריתו אונ איין פקידה לטובה פקוד פקדתי אתכם אונ ווידער איז פאר האנדין איין זכירה לרעה ויזכור כי בשר המה איך איין פקידה לרעה ופקדתי בשבט פשעם עש איז סודות עליונים דיא זכירה ופקידה לטובה איז מצד הקב״ה אונ דיא זכירה ופקידה לרעה איז מצד אלהים אחרים איינש אנטקעגין דעם אנדרין אונ איינש דער היפוך פון דעם אנדרין וואל צו דעם וואש זיין חלק איז אין דער קדושה אונ ניט אין דער טומאה חס ושלום אונ האלט מלחמה אנטקעגין דער טומאה ער זאל זיא ביא קומען אזו וויא יעקב האט גיטאן תחבולות ער זאל שולט זיין אויף דעם כח פון עשו פריער מיט דער בכורה דער נאך מיט דער ברכה וואל צוא דיא צדיקים וואס זייא ווערין ניצול פון דער טומאה אונ זיינען מושל אויף איר · קום אונ זעה אז איין מענטש איז מתפלל זאל ער ניט זאגין זכרני ופקדני ווארום עס איז פאר האנדין איין זכירה ופקידה לרעה וועלן דיא מקטריגים נעמען זיינע רייד אונ וועלין דארטין דער מאנען זיינע חטאים אונ דורך דעם קענען זייא אים מזיק זיין נייערט אז ער איז אגרוישער צדיק וואס מען קען גאר אויף אים ניט גיפינען קיין חטאים אזו וויא עזרא האט גיזאגט זכרה לי אלהי לטובה דרום אז א מענטש איז מתפלל זאל ער זיך כולל זיין בלשון רבים אזו וויא אלישע האט גיזאגט צוא שונמי״ת אום ראש השנה היש לך לדבר אל המלך טאמער האסטו עפעס צוא ריידין אונ בעטין צוא דעם מלך עולם דאס איז השי״ת וועל איך פאר דיר מתפלל זיין האט זיא אים גיענטפערט בתוך עמי אנכי יושבת איך וויל ניט דוא זאלסט פאר מיר אליין בעטין אונ מיך דער מאנען דען מען וועט אויף מיר מזכיר זיין מיינע עבירות נאר איך וויל זיין צווישין מיין פאלק וועט מען אויף מיר ניט מזכיר זיין מיינע עבירות:

ולבן הלך לגזוז את צאנו ותגנוב רחל את התרפים רבי יוסי זאגט די תרפים זיינען גיוועזן איין עבודת כוכבים אונ פר וואש הייסין זיי תרפים ווארום תורף איז טייטש איין לשון בזיון דרום האט רחל זיך גיזעצט אויף זיי אונ לבן האט גיזאגט למה גנבת את אלהי אונ לבן איז גיוועזן אגרוישער מכשף ער האט דורך זייא גיוואושט וואש ער האט גיוואלט: רבי יהודה זאגט זייא זיינען גימאכט גיווארין אין איין גיזעצטער צייט אונ דער בעל מלאכה וואש מאכט עש מוז ווישין וועלכע שעה עש צוא מאכין אונ אין וועלכע ניט דרום הייסט עש תרפים דאש איז לשון הרפה ידך לאז אפ דיינע הענט עש איז היינט ניט דיא צייט צו מאכין · אונ דיא תרפים ריידין תמיד אונ גיבין עצות צום מענטשין אויף שלעכין דרום האט רחל מורא גיהאט זייא זאלין ניט געבין שלעכטע עצות צוא לבן שלעכין טאן צוא יעקב דרום האט זיא זיך גיזעצט אויף זייא · האבין זייא שוין ניט גיקאנט ריידין דרום האט לבן דרייא טאג ניט גיוואוסט אז יעקב איז אנטלאפין דרום שטייט ויוגד ללבן ביום השלישי כי ברח יעקב · רבי יהודה זאגט לבן האט זיך אן גיברייט מיט צווייא זאכין אנטקעגין יעקב איינש מיט גרויש כישוף אונ דאס אנדערע מיט כלי זיין ער זאל אים אום בריינגען פון דער וועלט דרום שטייט ארמי אובד אבי אונ אז הקב״ה האט דאס גיזעהען האט ער אים גיזאגט השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע אונ לבן האט גיזאגט יש לאל ידי איך האב בכח דיר שלעכין צוא טאן ווייל ער האט זיך פאר זיכערט אין זיין כישוף · קום אונ זעה לבן איז גיגאנגען אין איין טאג וואש יעקב איז גיגאנגען אין זיבין טעג ווייל ער האט צוא יעקב גיוואלט הרגנן פאר דעם וואס ער איז אנטלאפין אונ פאר דעם וואס ער האט צוא גינומען דיא תרפים אונ חאטשע רחל האט דאך מתכוין גיוועזן צו גוטין כדי ער זאל זייא ניט דינען פון דעסט וועגין איז זיא גישטראפט גיווארין אונ איז גישטארבין אויף דעם וועג אונ האט ניט זוכה גיוועזן אויף צו ציהען איר זון בנימין אונ זיא איז מיט אים ניט גיוועזן אפילו איין שעה אויף דער וועלט ווייל זיא האט איר פאטער מצער גיוועזן:

ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים רבי אבא הייבט אן עס שטייט זכר ונקבה ברא אותם קום אונ זעה וויא אזו מען באדארף צוא לערנען תורה וויא צוא דיא מענטשין וואס לערנען ניט קיין תורה זייא האבין פאר שטאפטע הערצער אונ פאר שטאפטע אויגין דיא תורה שרייט פאר זייא לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי דיא תורה שרייט מען זאל לערנען תורה בנגלה ובנסתר זיא איז גיגליכין צוא ברויט אונ ויין


אונ

און קיינער איז ניט משגיח אויף איר קום און זעה אין דעם פסוק איז
דא גרוישע סודות און דער פשוטער פשט איז אויך גוט וארום וייל
אדם הראשון מיט חוה זיינען גיוועזן בזווג אחד דרום שטייט ויברך אותם
האט זייא הקב"ה גיבענטשט וייל עס איז ניט שורה קיין ברכה
דארטין וואו עס איז ניט דא קיין זכר ונקבה איז ניט שורה דיא ברכה ·
קום און זעה אז יעקב איז גיגאנגען קיין חרן איז ער גיוועזן אן איין ווייב
דרום אז ער האט מתפלל גיוועזן האט מען אים ניט גיענטפערט נאר
דורך איין חלום אבער היינט אז ער האט שוין גיהאט ווייבער און
דיא שבטים שטייט שוין ויפגעו בו מלאכי אלהים זייא האבין אים גיבעטין
דען דורך יעקב מיט זיינע שבטים האבין אלע חיילות של מעלה
גיהאט שפע און ווידער פריער איז דיא שכינה נתגלה גיווארין צוא
אים נאר אין חלום אבער אז ער האט שוין גיהאט דיא ווייבער איז זיא
נתגלה גיווארין צוא אים אין מיטין טאג במראות העין און יעקב האט
דיא מלאכים דער קענט וייל ער האט זייא דענשט מאל גיזעהען און
דרום האט ער זייא גירופין מחנים דאס איז לשון מחנות וייל ער האט
זייא גיזעהען אין דער נידעריגע מדריגה און אין דער הויכער מדריגה
נאך וואש האבין זייא זיך באוויזין צוא אים און וואס האבין זייא פון
אים גיבעטין אלא זייא האבין גיוואורט אז בנימין זאל גיבארין ווערין
דען ווען זייא שוין זיין דיא גאנצע מרכבה צוא דער שכינה למטה
אזו וויא זיי זיינען איין מרכבה למעלה וואורום יעקב מיט זיינע צוועלף
שבטים זיינען אזו וויא אין דער צאל פון אח"ד וואס איז למעלה אזו
וויא עס שטייט ושב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד ער וועט בטוח זיין און
קיינער וועט אים ניט קענען דער שרעקין וייל דיא שכינה טוט אויף
זייא רוען וויא למעלה אויף דער מרכבה עליונה :

## פרשת וישלח

**וישלח** יעקב מלאכים רבי יהודה הייבט אן עש שטייט (תהלים לא) כי מלאכיו
יצוה לך לשמרך בכל דרכיך וויא באלד דער מענטש ווערט גיבארין
קומט צוא אים דער יצר הרע ער זאל אלע מאל מקטרג זיין אויף אים
אזו וויא עס שטייט לפתח חטאת רובץ דאס איז דער יצר הרע און דער
יצר טוב קומט ערשט צו דרייצין יאר דענטשט מאל זיינען זייא ביידע
בייא אים דער יצר טוב גייט פון דער רעכטער זייט און דער יצר הרע
בייא דער לינקער זייט וויל דער מענטש זיין ערליך איז דער יצר
הרע כפוף אונטער אים און דער יצר טוב איז שוין שולט אויף דעם
יצר הרע און דיא ביידע זיינען אן גיברייט צוא היטין אים אין אלע
זיינע וועגין אזו וויא עס שטייט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך רבי
אלעזר האט דעם פסוק מפורש גיוועזן אויף יעקב הקב"ה האט אים
אן גיברייט מלאכים און שמירות דען ער איז גיקומען גאנץ מיט דיא
שבטים אזו ווי עס גהער צו זיין אזו וויא דאס גלייכין פון דער מרכבה
עליונה דרום שטייט ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים וויא באלד ער
איז ניצול גיווארין פון לבן און האט זיך פורש גיוועזן פון אים האט זיך
באלד בהעפט צוא אים דיא שכינה מיט אירע הייליגע חיילות אים
ארום רינגלען דרום שטייט ויאמר יעקב כאשר ראם מחנה אלהים זה און פון
דיא מלאכים האט ער גישיקט צוא עשו אזו שטייט וישלח יעקב מלאכים
רבי חזקיה פרעגט ווידער אז דיא שכינה מיט דיא מלאכים זיינען
מיט אים גיוועזן וארום שטייט ויותר יעקב לבדו ער איז גיבליבין נאר
אליין זאגט רבי יהודה וייל ער האט זיך אריין גיבראכט אין איין
מקום סכנה דען האט ער גיזעהן אז זייא האבין זיך אלע פון אים אפ

גיטאן און ער איז גיבליבין אליין אזו ווי עס שטייט קטונתי מכל החסדים ומכל
האמת דאס זיינען דיא הייליגע חיילות וואש זייא האבין זיך פון אים
אפ גישייד · רבי יצחק זאגט דרום האבין זייא זיך פון אים אפ גשייד
וארום עס איז גיוועזן איין גזר מן השמים אז עס זאל צוא אים קומען
דער שר פון עשו און אז זייא זאלין גיוועזן מיט אים זיין וואלט ער ניט
גיוועזן גיקאנט קומען דרום האבין זייא זיך פון אים אפ גישייד און
זיינען גיגאנגען זאגין שירה וארום עס איז גיוועזן זייער צייט צוא
זאגין שירה דער נאך זיינען זייא וצוא אים ווידער גיקומען דרום
שטייט קטונתי מכל החסדים ומכל האמת רבי אבא פרעגט נאך וואס האט
יעקב גישיקט זיינע מחנות צוא עשו ער זאל אים נאך דער וועקין דיא
שנאה נאר יעקב האט גיוואושט אז ער איז מקיים כיבוד אב דרום
כל זמן דער פאטער האט גילעבט האט ער פאר אים קיין מורא ניט
גיהאט וארום ער קען אים גאר ניט טאן רבי שמעון זאגט עס שטייט
(משלי יב) טוב נקלה ועבד לו ממתכבד וחסר לחם דער פסוק שמועסט פון דעם יצר
הרע וואס ער האלט זיך גרויש און פירט דעם מענטשין אויך מיט
גרוישקייט דער נאך איז ער אויף אים מקטרג ביז ער פירט אים אריין
אין גיהנם אריין דרום שטייט טוב נקלה ועבד לו עס איז בעסער דער
וואס פאלגט ניט דעם יצר הרע און האלט זיך ניט גרויש נייערט ער
וויל תמיד טאן דעם רצון פון השי"ת ווערט דער יצר הרע פאר קערט
צוא אים פאר איין קנעכט און דער מענטש האט איבער אים ממשלה
אזו וויא עס שטייט ואתה תמשל בו איז דאס בעסער ממתכבד פון דעם
וואס האלט זיך גרויס וחסר לחם און ווערט אן דיא אמונה פון השי"ת
וואס זיא הייסט לחם · נאך איין פשט איז עס גייט אויף יעקב אבינו
עליו השלום ער האט בעסער גימאכט וואס ער האט זיך מכניע גיוועזן
צו עשו און האט זיך גימאכט ווי איין קנעכט צו אים כדי דער נאך זאל
עשו צו אים זיין איין קנעכט ממתכבד וחסר לחם ער האט דער מיט גמאכט
אז עשו זאל זיין דער נאך איין חסר לחם דען יעקב האט גיוואושט אז
עשו דארף אזו צוא זיין און עס איז גיוועזן מיט גרויש חכמה וארום
עשו זאל גיוועזן פאר שטיין וואס יעקב האט אים גיטאן דר מיט וואס
ער האט זיך צוא אים מכניע גיוועזן וואלט ער זיך אליין ממית גיוועזן
און וואלט ניט גיקומען צוא אים וארום אין דעם איז גוועזן גרויס חכמה
דרויף זאגט דער פסוק ה' יחתו וגו' :

עם לבן גרתי רבי יהודה זאגט נאך וואס האט אים יעקב דער ציילט אז
ער האט גיוואנט מיט לבן נאר לבן האט גיהאט איין שם אויף דער
וועלט אז ווער עס פאלט אריין צוא אים אין די הענט קען שוין פון אים
ניט ארויש ער איז גיוועזן דער פאטער פון בעור און בעור איז גיוועזן
דער פאטער פון בלעם הרשע איז לבן נאך גיוועזן מער פון זייא דען
זייא האבין ערשט בייא אים מקבל גיוועזן · וועמען לבן האט גיוואלט
שלעכץ טאן האט מען זיך פאר אים ניט גיקאנט בהאלטין דרום האט
יעקב בפוילין דאס ערשטע ווארט עם לבן גרתי מיט אזו איין מענטש וואס
דיא גאנצע וועלט פארכט זיך פאר אים האב איך מיט אים גיוואנט
אלאנגע צייט ניט איין חודש אדר איין יאר נאר ואחר עד אתה צוואנציג
יאר האב איך מיט אים גיוואנט · אפשר מיינסט דוא איך האב פאר
אים מורא גיהאט און האב אים גאר ניט גיטאן זאג איך דיר ויהי לי שור
וחמור דאס זיינען דיא ערשטע קליפות אז זייא בהעפטין זיך א ן איינעם
קען דיא וועלט קיין קיום ניט האבין דרום שטייט לא תחרוש בשור ובחמור
און איך האב זייא מכניע גיוועזן אויך דיא וואס היישין צאן ועבד ושפחה
דאס זיינען דיא כוחות הטומאה וואס הקב"ה האט גישלאגין אין

מצרים

מצרים אזו וויא עש שטייט בכור בחמת בכור חשפחה האב איך דיא אלע מכניע גיוועזן מיר האט זיך עשו פאר אים גיפארכטין מער וויא יעקב האט פאר אים מורא גיהאט · עס איז איין משל איין מענטש איז גיגאנגען אין וועג האט ער בגעגינט נאך אמענטש פרעגט ער אים פון וואנען בישטו זאגט ער איך בין מתיל פלוני זאגט ער צוא אים גיעהן ניט צו מיר ווארום איך האב אשלאנג טייט ער ווער עס גנעהנט צוא מיר · האט זיך דער מענטש זייער דער שראקין אונ האט זיך אום גיקערט צוא זיין חיל אונ האט זיא דער צוילט האבין זייא זיך זייער דער שראקין זאגט זייער עלצטער איך וועל גיין צו אים אונ וועל אים איבער בעטין וויא דער מענטש דער זעהט דעם עלצטין מיט זיין פיל חיל טראכט ער זיך היינט וועט ער מיך הרגנן איז ער אים אנטקגן גילאפין אונ האט זיך כורע ומשתחוה גיוועזן צוא אים אונ צוא זיין חיל האט זיך דער עלצטער גיטראכט עס זאל זיין אמת אז ער האט אזו איין ברענדיגין שלאנג וואלט ער זיך צוא מיר ניט גיבוקט · איז דער עלצטער בייא זיך זייער גרויס גיווארין אונ זאגט דער פאר וואש ער איז זיך צוא מיר אזו שטארק מכניע וועל איך אים ניט הרגנן אזו איך יעקב אבינו האט גישיקט צוא עשו זאגין עם לבן גרתי איך האב גיוואנט מיט לבן צוואנציג יאר איך האב בייא מיר אשלנג וואס טייט מענטשין דאס מיינט מען ויהי לי שור וחמור אז עשו האט דאס דער הערט טראכט ער זיך ווער קען בשטיין אנטקעגין אים ער קאן מיך ממית זיין מיט זיין מויל איך וועל אים גיין איבער בעטין וויא יעקב האט אים דער זעהן וירא יעקב מאוד ויצר לו דער נאך שטייט וישתחו ארצה ער האט זיך גיבוקט צוא אים האט זיך עשו גיטראכט עס זאל זיין אמת וואש ער זאגט וואלט ער זיך צוא מיר ניט גיבוקט אונ איז גיווארין בייא זיך זייער גרויס אונ האט אים ניט גיהרגית · אויך אז לבן האט אים נאך גיאגט האט אים הקב"ה גיזאגט השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע אמער לבן האט דאך ניט גיהאט קיין חיל בשעת ער האט אים נאך גיאגט אונ יעקב האט גיהאט אגרעשערע מחנה פון אים פאר וואש האט ער מורא גיהאט אונ הקב"ה האט גימוזט מזהיר זיין צוא לבן דרום האט הקב"ה צוא אים גיזאגט זאלשט זיך היטין צוא ריידין מיט יעקב מטוב עד רע אזו אויך בלעם הרשע אז ער האט גיוואלט די ישראל פאר לענדין מיט זיין כישוף האט ער דער נאך גיזאגט כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל ווער קאן זייא עפס טאן אז מיין זיידע לבן האט זייא ניט גיקאנט שלעכץ טאן וויא אזו זאל איך זייא עפעס טאן · דרום האט יעקב גיזאגט ויהי לי שור וחמור אונ הקב"ה האט מיך מציל גיוועזן פון לבן :

וישובו המלאכים אל יעקב לאמר באנו אל אחיך אל עשו : איז דאך קשה ווייס איך דען ניט אז עשו איז זיינער אברודער וואס שטייט אחיך עשו האט גידארפט שטיין אחיך אליין אדער עשו אליין נאר אזו איז דער פשט מיר זיינען גיקומען צוא דיין ברודער מיינסטו דוא אפשר ער האט שוין תשובה גיטאן אונ גייט שוין בדרך הישר זאגין מיר דיר אל עשו ער איז נאך עשו הרשע אזו וויא פריער אונ אפשר מיינשטו דוא ער גייט אליין וארבע מאות איש עמו ער גייט מיט פיר הונדערט מענטשין זייא האבין אזו גיזאגט כדי ער זאל מורא האבין אונ זאל מתפלל זיין צוא הקב"ה דען הקב"ה גלושט צו דיא תפלות הצדיקים אונ ווערט נקריינט מיט זייערע תפלות דער מלאך סנ"ד נעמט אלע תפלות פון די ישראל אונ [illegible] אקרון צו הקב"ה נאר עס איז דאך קשה יעקב האט גי[illegible] אזו פיל מלאכים מיט זיך אונ האט פארט מורא גיהאט פאר עשו נאר דיא צדיקים ווילין זיך ניט סומך זיין אויף איין נס נאר זייא טוען תפלה צו הקב"ה · רבי יהודה הייבט אן עס שטייט אשרי אדם מפחד תמיד וואל צו דיא ישראל דאס הקב"ה האט זייא גיגעבין דיא תורה של אמת דען דורך דעם זיינען זיי זוכה לחיי עולמים דען דר וואס איז עוסק בתורה ציט הקב"ה אויף אים חיים עליונים אונ ברייננט אים לחיי עולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט (דברים ל"ו) כי היא חייך ואורך ימיך ובדבר הזה תאריך ימים זיא גיט אים חיים בעולם הזה ובעולם הבא רבי אלעזר זאגט ווער עס איז דא עוסק אין דער תורה איז זיין טויט ניט דורך דעם יצר הרע וואס ער איז דער נחש אונ דער מלאך המות נאר זיין טויט איז בנשיקה אזו וויא יעקב אבינו אזו וויא עס שטייט ישקני מנשיקות פיהו דאס הייסט דורך גאט אזו וויא עס שטייט בייא אהרן וימת על פי ה' דאס איז לשון בהעפטין עס בהעפט זיך דאס נפש אין דעם שורש וואש ער האט למעלה דרום דיא צדיקים וואש זיינען עוסק בתורה אז זייא שטארבין איז זייער גוף ניט מטמא אונ זייא זיינען טהור · אזו וויא דיא רבנים האבין אמאל גיזעהן אליהו איז גישטאנען אויף איין בית הקברות האבין זייא צוא אים גיזאגט דער האר איז דאך איין כהן טארשטו דאך דא ניט שטיין האט ער צוא זייא גיזאגט דיא צדיקים זיינען ניט מטמא אז זייא שטארבין אויך האבין מיר גילערינט אז רבי איז גישטארבין איז בטל גיווארין דיא כהונה דאש הייסט אפילו כהנים האבין זיך גימעקט מתעסק זיין מיט אים ווייל קיין טומאה האט אויף אים ניט גירוט מכל שכן יעקב ער איז גיוועזן דר עץ החיים נאך וואש האט ער זיך גיפארכטין אונ ווידער איז קשה השי"ת האט דאך אים גיזאגט הנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך אונ ווידער איז קשה ער האט דאך בייא זיך גיהאט דיא חיילות ומלאכים הקדושים אלא יעקב האט זיך ניט גיוואלט סומך זיין אויף קיין נס ווארום ער האט גימיינט ער איז ניט ראוי צוא קיין נס ווייל ער האט ניט מקיים גיוועזן קיין כיבוד אב ואם אונ האט ניט עוסק גיוועזן אין דער תורה אונ האט גינומען צווייא שוועסטער אונ חאטשע מיט דעם אמת האט ער דאך חלילה ניט גיזינדיגט אזו וויא אונזערע חכמים פאר ענטפערין דאס פון דעסט וועגן בדארף זיך אמענטש תמיד פארכטין פר השי"ת אזו ווי דר פסוק זאגט אשרי אדם מפחד תמיד קום אונ זעה דיא תפלות פון דיא אבות זיינען דער קיום פון דער וועלט אונ אלע מענטשין לעבין דורך זייא אונ עש ווערט קיין מאל ניט פאר געסין דער זכות פון דיא אבות · אויך ווען דיא ישראל זיינען אין איין צרה זעהט הקב"ה אין דער צורה פון יעקב וואס זיא איז אויבין אויס גיקריצט אין כסא הכבוד אונז דורך דעם האט ער רחמנות אויף דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט וזכרתי את בריתי יעקב · יעקב איז גיוועזן דאס שיינקייט פון אדם הראשון וואש אויף אים שטייט בצלם אלהים עשה את האדם דער וואס האט גיזעהן צוא יעקב האט ער גיזעהן די אספקלריא המאירה · רבי יהודה זאגט איך האב גיהערט אז דער וואס זעהט אין חלום יעקב אויס גיצירט מיט זיינע מלבושים איז אסימן אז מען האט אים מוסיף גיוועזן חיים · רבי שמעון זאגט מיר האבין שוין לאנג גיזאגט אז אידער דוד המלך איז בשאפן גיווארין האט ער גאר קיין לעבין ניט גיהאט אויף דער וועלט ער וואלט גיוועזן גיבארין גיווארין אונ תכף גישטארבין האט אדם הראשון אים גישיינקט פון זיינע יארין זיבעציג יאר דען אדם האט בדארפט לעבין טויזנט יאר ער האט נאר גילעבט ניין הונדערט

מיט דרייסיג יאר דרום זאגט דער פסוק חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים עולם ועד דאס גייט אויף דוד המלך · דען אז הקב"ה האט בשאפין דעם גן עדן אונ האט אריין גיבראכט דיא נשמה פון דוד האט ער גיזעהען אז דוד האט קיין חיים ניט אויף עולם הזה אונ האט אים אזו בשאפין אן חיים ביז השי"ת האט בשאפין צוא אדם הראשון האט ער גיזאגט דוד איז דאך מיין קים ווארום אד"ם מאכט אדם דוד משה דרום האט ער אים גיגעבין פון זיינע יארין דען זיא זיינען ביידע איין שורש אונ אז אדם האט גיזינדיגט האבין דיא אבות אים גימוזט שיינקין יארין אברהם האט בדארפט לעבין הונדערט מיט אכציג יאר האט ער אים גישיינקט פינף יאר יעקב האט אויך אזו פיל בדארפט לעבין האט ער נאר גילעבט הונדערט זיבין אונ פערציג יאר אונ ניין אונ צוואנציג יאר האט ער אים גישיינקט יוסף האט בדארפט לעבין אזו פיל וויא יעקב האט ער נאר גילעבט הונדערט מיט צעהען יאר האט ער אים גילאזט זיבין אונ דרייסיג יאר טרעפט דאש אן זיבעציג יאר נאר יצחק האט אים ניט גילאזט קיין יארין ווייל ער איז ניט גיוועזן פון דעם ארט פון חיים אבער דיא אבות איז גיוועזן זייער אחיזה אין דעם ארט פון חיים דרום האבין זיא אים גיגעבין חיים · קום אונ זעה דיא תפלה פון יעקב האט אים גיהאלפין אז ער זאל ניצול ווערין פון עשו זיין זכות האט ער ניט גיוואלט אפ ניצין ער האט אים גילאזט צוא זיינע קינדער אונ יעקב האט זיא צוא טיילט אויף צווייא מחנות וישם את השפחות ואת ילדיהן ראשונה דיא שפחות מיט זייערע קינדער האט ער גישטעלט צום ערשטין אונ האט גיזאגט אם יבא עשו אז עשו וועט קומען צוא זיא אונ וועט זיא שלאגין וועלין חאטשי דיא איבעריגע אנטלויפין איז דאך קשה וויא אזו האט דאש יעקב גיטאן ער זאל שטעלין צום ערשטין דיא בני השפחות כדי מציל זיין דיא איבעריגע אלא יעקב האט גיזעהען אז דיא שכינה האט זיך אפ גיטאן פון אהל רחל אונ פון אהל לאה אונ האט גירוט אויף דיא בני השפחות האט ער גיזאגט איך זעה אז זיא זיינען גיהיט פון השי"ת דרום האט ער זיא גישטעלט צום ערשטין אונ דער נאך האט ער אן גיהויבין מתפלל זיין אונ האט אזו גיזאגט אלהי אבי אברהם ואלהי אבי יצחק וגו' קטונתי מכל החסדים יעקב האט גיזאגט אלין וואש דוא האשט מיר צוא גיזאגט איז נאר גיוועזן אויף איין תנאי אונ איך בין גימינערט פון זכיות דען אלין וואש דוא האשט מיט מיר גיטאן ביז אהער איז נאר גיוועזן פון דיינט וועגין איך בין דעם ירדן אריבער לידיג אונ היינט בין איך צווייא מחנות ביז אהער האט ער מסדר גיוועזן דעם שבח פון הקב"ה דער נאך האט ער אן גיהויבין צוא בעטין הצילני נא מיד אחי ומיד עשו פון דאנען לערנען מיר אפ אז אמענטש וויל מתפלל זיין פאר הקב"ה אויף זיין באדערפעניש זאל ער פריער זאגין דעם שבח פון הקב"ה אונ דער נאך זאל ער בעטין פון זיינט וועגין אזו וויא יעקב האט גיטאן אויך לערנען מיר אפ פון יעקב אז אמענטש זאל ארויס זאגין זיין בקשה רעכט אזו וויא יעקב האט גיזאגט הצילני נא אונ אז דוא וועשט מיר זאגין איך האב דיך שוין מציל גיוועזן פון לבן זאג איך דיר מיד אחי אונ אויב דוא וועשט מיינען אנדערע קרובים זאג איך דיר מיד עשו אונ פאר וואש בעט איך דיך כי ירא אנכי אותו ווארום איך פארכט מיך זייער פאר אים דרום גיהער מען ניט סתם מתפלל זיין נאר רעכט ארויס רידין ווייל דיא מלאכים וואס זיינען מקבל דיא תפלות

קענען משנה זיין מחמת קטרוג אבער אז ער וועט מפורש זיין דיא תפלה וועלין זיא שוין ניט קענען משנה זיין :

ויאבק איש עמו עד עלות השחר רבי שמעון זאגט אמענטש איז דאך נאר פלייש אונ בלוט וויא קען ער זיך ראנגלען מיט אמלאך וואש ער איז נאר רוח אונ אש אזו וויא עס שטייט עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט אלא פון דאנען לערנען מיר אפ אז דיא מלאכים קומען אויף דער וועלט קליידין זיא זיך אויך אן איין גוף פון דער וועלט אזו אויך ביא דיא מלאכים וואש זיינען גיקומען צוא אברהם אבינו שטייט ויאכלו זיא האבין גיגעסין כדי זיא זאלין ניט משנה זיין פון דעם מנהג פון דער וועלט אזו אויך משה רבינו אז ער איז גיקומען אויף דעם הימל שטייט לחם לא אכל ומים לא שתה ער האט אלע פערציג טעג ניט גיגעסין כדי ער זאל ניט משנה זיין פון דעם מנהג פון יענער וועלט אזו אויך דער מלאך האט זיך אן גיקלייד אין איין גוף פון דער וועלט דרום האט יעקב זיך גיקענט מיט אים ראנגלען דען ער איז גיוועזן דער שר פון עשו דרום האט ער זיך גישטארקט אנטקעגין יעקב די גאנצע נאכט אונ אז עס איז גקומן אין דר פריא איז זיין כח שלאף גיווארין ווייל זיין כח איז נאר ביא נאכט אונ דר כח פון יעקב איז גיווארין גשטארקט ווייל זיין כח איז נאר ביא טאג אזו וויא דר פסוק זאגט משא דומה אלי קורא משעיר שומר מה מלילה דאס מיינט מען עשו וואס ער היישט שעיר איז זיין כח ביי נאכט דרום האט דר שר גיזאגט צוא יעקב שלחני כי עלה השחר אונ יעקב האט אים גיזאגט איך וועל דיך ניט אוועק שיקין כי אם ברכתני עס וואלט באדארפט שטיין תברכני וואלט די טייטש גיוועזן דוא זאלסט מיך בענטשין וואס שטייט ברכתני דאס איז טייטש דוא האשט מיך שוין גיבענטשט אלא יעקב האט צוא אים גיזאגט דוא זאלסט מסכים זיין אויף דיא ברכות וואש מיין פאטער האט מיך גיבענטשט אונ דוא זאלשט ניט מקטרג זיין אויף זייא דרום האט אים דער שר גיזאגט לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל דער מלאך זאגט מיר מוזין דיך דינען ווייל דוא בישט אויבין גיקריינט מיט דער מדריגה פון ישראל דרום שטייט ויברך אותו שם ער האט מודה גיוועזן אויף דיא ברכות וואש יצחק האט אים גיבענשט · רבי שמעון זאגט עס שטייט ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו קום אונ זעה וויא איין מענטש דארף זיך אן ברייטין צוא גיין אין וועג פון השי"ת אונ צוא לערנען תורה אונ מצות דען איטליכער מענטש האט צווייא מלאכים וואש זיא זיינען תמיד מיט אים איינער פון דער רעכטער זייט אונ איינער פון דער לינקער זייט אונ זאגין עדות אויף אלע זאכין וואש דער מענטש טוט דאש מיינט מען דעם יצר טוב מיט דעם יצר הרע · איז דער מענטש זיך מטהר אונ גייט אין גוטין וועג שטארקט זיך דער יצר טוב אויף דעם יצר הרע אונ דער יצר הרע ווערט צוא אים פאר איין קנעכט אונ מאכט מיט אים שלום דרום זאגט שלמה ברצות ה' דרכי איש היישט אז דער מענטש גייט אין רעכטין וועג גם אויביו ישלים אתו מיינט מען דער יצר הרע מאכט מיט אים שלום אונ ווערט צוא אים פאר איין קנעכט אונ דער וואש גייט חלילה אין דעם וועג פון דעם יצר הרע שטארקט ער זיך אויף דעם יצר טוב אזו ווי עס שטייט טוב נקלה ועבד לו עס איז בעשער אז דער נקלה דאש מיינט מען דעם יצר הרע איז איין עבד צוא אים דרום ווייל יעקב זיינען אלע זיינע וועגין גיוועזן צוא הקב"ה אונ זיין בטחון איז נאר גיוועזן צוא אים דרום אויביו מיינט מען דער שר של עשו ישלים אתו האט אויך מ"ט אים שלום גימאכט אונ וויא דער שר

האט

האט אזו גיטאן האט שוין עשו אליין אויך גימוזט אזו טאן ער האט מיט אים שלום גימאכט אונ האט אים מודה גיוועזן אויף דיא ברכות דרום זאגט ער צוא יעקב יש לי רב אחי יהי לך אשר לך עס זאל בייא דיר בלייבין דיא ברכות אבר ווען דער שר זאל ניט גיוועזן קיין שלום מאכין וואלט עשו אויך קיין שלום ניט גימאכט ווארום אל דינג גיוועזן זיך נאר אין דיא שרים של מעלה:

הוא עבר לפניהם וישתחו ארצה רבי אלעזר זאגט עס שטייט לא תשתחוה לאל אחר כי ה' קנא שמו יעקב איז דאך גיוועזן דער אויש דער ווילטער אונ דער בעסטער פון דיא אבות וויא קומט דאש ער זאל זיך בוקן צוא דעם רשע וואש ער איז גיוועזן באהעפט אין איין אל אחר אונ דער וואס בוקט זיך צוא אים איז גלייך וויא ער בוקט זיך חלילה לאל אחר וועשטו וועלין זאגין תעלא בעידניה סגיד ליה דאש הייסט איין פוקס אין דער צייט ווען ער איז איין מלך מוז מען זיך צוא אים בוקין עש איז דאך אבער ניט גלייך דער פוקס איז ניט קיין אל אחר אבער צוא איין אל אחר טאר מען זיך אבער ניט בוקן מען גיט דאך חלילה איין כח אין דער טומאה · נאר קום אונ זעה דוד המלך האט גיזאגט צוא נבל הכרמלי ער איז גיוועזן איין רשע ואמרתם כה לחי ואתה שלום וביתך שלום איז דאך אויך דיא קשיא וויא גישיקט זיך דוד המלך זאל אים זאגין ואתה שלום מיר האבין דאך גילערנט אז מען טאר ניט קיין רשע שלום געבין אונ נבל איז דאך גיוועזן איין רשע נאר דוד האט גיזאגט דעם פסוק צוא הקב"ה ואמרתם כה לחי מיינט ער צוא דעם חי עולמים הקב"ה וואס לעבט אייביג אונ נבל האט גימיינט אז ער זאגט דאש צו אים אויך בייא יעקב שטייט וישתחו ישראל על ראש המטה אז יעקב איז שלאף גיוועזן האט ער זיך גיבוקט האט יוסף גימיינט ער בוקט זיך צוא אים אונ דער אמת שטייט דאך על ראש המטה מיינט מען דיא שכינה אזו דא אויך שטייט והוא עבר לפניהם הוא מיינט מען דיא שכינה איז גיגאנגען פאר אים אזו וויא עס שטייט הוא עשנו האט זיך יעקב נאר גיבוקט צוא דער שכינה זיבין מאל דרום שטייט ניט וישתחו לעשו נייערט עס שטייט עד גשתו עד אחיו ער האט מער קיין כבוד ניט גיגעבין נאר צו הקב"ה וואול צו די צדיקים וואש זייערע מעשים זיינען נאר לכבוד השי"ת ניט אפ קערין חלילה פון זיין וועג:

## פרשת וישב

וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען רבי חייא זאגט עס שטייט רבות רעות צדיק ומכולם יצילנו ה' קום אונ זעה וויא פיל מקטריגים דער מענטש האט זינט ער קומט אויף דער וועלט וויא באלד ער ווערט נאר גיבארין קומט שוין דער יצר הרע אונ ברענגט אין אים ער איז ערגער פון איין בהמה ווארום איין בהמה אז זיא ווערט גיבארין איז איר טבע זיא זאל אנטלויפין פאר פייער אונ היט זיך דער פון אונ איין קינד איז דער שטייגער לויפט אין פייער אריין ווארום עס איז אלץ איבר דעם יצ"הר וואש אין אים איז קערט אין אים צו בייזין אזו ווי עס שטייט טוב ילד מסכן וחכם דאס איז דער יצר טוב וואש ער קומט ערשט צוא דעם מענטשין צו דרייצעהן יאר דרום הייסט ער ילד איין יונג קינד איז בעסר ממלך זקן וכסיל מיינט מען דעם יצר הרע ער קומט צוא דעם מענטשין תיכף וויא ער ווערט גיבארין דרום הייסט ער איין אלטער אונ ער ווייסט ניט וויא אזו זיך צוא פירין אזו האט שלמה המלך גיזאגט כסיל בחושך הולך דער יצר הרע קומט ארויש פון דעם ערשטין חשך ער האט גאר ניט גיזעהן קיין ליכטיגקייט קום אונ זעה דרום קומט ער פריער צו דעם מענטשן כדי ער זאל מיט אים גיוואונט ווערין אונ ער זאל אים גלויבין דער נאך אז דר יצר טוב קומט אן קען ער אים שוין ניט גלויבין ער איז אויף אים גלייך וויא איין משא אויך האבין מיר גילערנט ווער עש איז איין קלוגער רשע אז ער האט אמשפט מיט זיין חבר איז ער זיך מקדים צו דיינים פר זיין חבר כדי ער זאל זיך גרעכט מאכן אזו ווי עס שטייט צדיק הראשון בריבו דער וואש קומט צו דעם ערשטין איז גירעכט אזו איז אויך דר יצה"ר וואש ער איז דר נחש אזו ווי עס שטייט והנחש היה ערום ער איז גיוועזן אקלוגר קומט ער אין ערשטין צו דעם מענטשן מיט די פאלשע טענות דר נאך אז דער יצר טוב קומט איז אים שוין שווער צו גלייבין דרום שטייט וחכמת המסכן בזויה מיינט מען דעם יצר טוב ווארום ווייל דר יצר הרע איז פריער גיקומען זיינען שוין דר נאך זיינע רייד פאר שעמט דרום וועלכר דיין וואס הערט צו די טענות פון איין בעל דין איידר דר אנדערער איז גיקומען איז גלייך וויא ער איז מקבל אויף זיך אלהים אחרים צו דר קדושה נאר אזו וויא עס שטייט ובא רעהו וחקרו דר אנדרר קומט אונ ווייזט אויש אז עס איז אלץ שקר דאש איז דער וועג פון איין צדיק ער גלויבט ניט דעם יצר הרע וואש ער איז איין קלוגער רשע נאר ער ווארט ביז דער יצר טוב קומט חאטשע זייא ליידין פון דעם יצר הרע פיל שלעכטץ איז זייא הקב"ה מציל פון זיינע הענט דרום שטייט רבות רעות צדיק ומכולם יצילנו ה' ווארום הקב"ה באגערט אין דעם צדיק אונ העלפט אים בעולם הזה ובעולם הבא וואול זייער חלק קום אונ זעה וויא פיל שלעכץ עש איז גיקומען אויף יעקב אבינו ווייל ער האט זיך ניט גיוואלט באהעפטין אין דעם יצר הרע אונ האט זיך מרחיק גיוועזן פון אים אונ הקב"ה האט אים גיהאלפין אונ האט אים מציל גיוועזן פון אלע שלעכץ ביז דער יצר הרע האט זיך דער ווייטערט פון אים אזו אויך אלע צדיקים ליידין פון אים גרוישע צרות איין צרה נאך דער אנדרער ביז זייא גייען ארויש פון זיינע הענט אונ ירשינן עולם הבא יעקב אבינו האט גיזאגט לא שלותי איך האב ניט גיהאט קיין פריד בייא לבן הארמי דען איך האב ניט גיקאנט ניצול ווערין פון אים ולא שקטתי אונ איך בין ניט ווארין גישטילט פון דעם שר של עשו פריער האט ער מיך זייער מצער גיוועזן דער נאך האב איך גיהאט דעם צער פון עשו ולא נחתי איך האב ניט גיהאט קיין מנוחה פון צרות פון דינה אין שכם ויבא רוגז דער נאך האב איך גיהאט דעם צער פון יוסף וואש איז גרעשער איבער אלע רבי יוסי זאגט עס שטייט הצדיק אבד ואין איש שם על לב הקב"ה איז משגיח אויף דער גאנצער וועלט אונ אז ער זעהט אז מענטשן פירין זיך ניט אין רעכטין וועג אונ דער משפט איז אן גיברייט אויף זייא צוא קומען נעמט ער צוא דעם צדיק פון צווישין זייא ווארום כל זמן דער צדיק איז צווישין זייא קאן דער מדת הדין ניט שולט זיין אויף דר וועלט אזו וויא עס שטייט ויאמר להשמידם לולי משה בחירו דרום שטייט כי מפני הרעה נאסף הצדיק איידר דאס שלעכץ דארף קומן ווערט דער צדיק איין גיטאן כדי ער זאל ניט קאנען מגין זיין אויף דעם דור קום אונ זעה יעקב איז גיוועזן דער בעסטר פון די אבות אונ ער איז ראוי גיוועזן צו ליידין דעם גלות וואס הקב"ה האט גיזאגט צוא אברהם בברית בין הבתרים נאר מחמת ער איז גיוועזן איין צדיק האט ער אויף גיהאלטין דעם מדת הדין אפילו דער הונגער האט אויך גיהערט פון זיינט וועגין אז ער איז גיקומען קיין מצרים אזו אויך יוסף וואס ער איז גיוועזן אזו וויא דאס

גישמאלט פון יעקב כל זמן ער האט גילעבט האט זיך דער גלות ניט אן גיהייבין אזו ווי עס שטייט וימת יוסף נאך זיין טויט שטייט הבה נתחכמה לו אז אויך כל זמן דער צדיק איז אויף דער וועלט קען דער מדת הדין ניט שולט זיין אונ הקב"ה איז מגין אויף דער וועלט פון זיינט וועגן דרום שטייט וישב יעקב בארץ מגורי אביו מיינט מען ער איז אלין גיזעסין אין דעם פארבט פון דעם מדת הדין אונ האט אים אויף גהאלטין:

אלה תולדות יעקב יוסף ווער עס האט גיזעהען דאס פנים פון יוסף האט ער גיזאגט דאס איז דיא צורה פון יעקב דרום שטייט ביא קיינעם ניט ואלה תולדות יעקב ראובן אדער שמעון נאר ביא יוסף בן שבע עשרה שנה רבי אבא זאגט הקב"ה האט מרמז גיוועזן אזו וויא יוסף איז אלט גיוועזן זיבעצין יאר אז ער איז פאר לארין גיווארין דרום האט דאך יעקב אויף די זיבעצין יאר גיוויינט דער פאר האט אים הקב"ה אפ גיגעבין זיבעצין יאר גוטע אין מצרים מיט גרויש שמחה יוסף איז גוועזן איין מלך אונ אלע קינדר זיינן פר אים גיוועזן דרום שטייט ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה דען דאס איז גיוועזן זיין רעכט לעבין:

ויחלום יוסף חלום קום אונ זעה ווען אמענטש וויל זיך לייגין שלאפין זאל ער פריער אויף זיך ממליך זיין עול מלכות שמים דער נאך זאל ער זאגין איין פסוק פון רחמים אזו וויא אונזערע חכמים האבין גישטעלט דאש לייענען פון קריאת שמע דען אז דער מענטש שלאפט גייט זיין נשמה ארויף אונ שוועבט אויף יענעם עולם איטליכער נאך זיין מדריגה נאך אונ הקב"ה איז מודיע צוא דער נשמה מיט דער מדריגה פון חלום וואש עש וועט זיין אויף דער וועלט אדער זאכין וואש ער האט אין זין גיהאט ביא טאג אונ עס איז פאר האנדין פיל מדריגות אין חלום אויך איז פאר האנדין איין מדריגה פון חזיון אונ איטליכער איז זוכה נאך זיין מדריגה נאך אונ אמענטש טאר זיין חלום ניט זאגין נאר צוא זיין ליב האבער ווארום עש קען חס ושלום פאר קערט ווערין אונ דרום ווייל יוסף האט זיין חלום גיזאגט צוא זיינע ברידער וואש האבין אים פיינט גיהאט האט ער גורם גיוועזן אז דער חלום איז אויף גיהאלטין גיווארין צווייא אונ צוואנציג יאר אבער ער זאל ניט גיוועזן זאגין פאר זייא וואלט ער באלד גיוועזן מקוים גיווארין אונ ווידער זייא זאלין אים גיוועזן בשיידין דעם חלום אנדרש וואלט אויך מקוים גיווארין נאר זייא האבין אים תיכף גיזאגט המלוך תמלוך עלינו דרום איז דאש מקוים גיווארין נאר אין אלאנגער צייט ארום:

רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גיוועזן ביי רבי שמעון זאגט רבי חייא מיר האבין גילערינט איין חלום וואש מען איז אים ניט פותר איז גלייך וויא איין בריב וואש מען לייענט זיא ניט דרויף פרעג איך וציא ער ווערט גאר ניט מקוים וציא ער ווערט יוא מקוים נאר ער וייש ניט זאגט רבי שמעון ער ווערט יוא מקוים נאר דער מענטש וייש ניט דען עש ווערט אלץ למעלה אויש גירופין עש איז ניט פאר האנדין קיין שום זאך אויף דער וועלט עש זאל ניט הייגין אין איין חלום אדער אין איין כרוז אזו ווי עש שטייט כי לא יעשה ה' דבר וגו' השי"ת טוט ניט קיין שום זאך סיידין ער רופט עש פריער אויש אויבין אונ פון דארט איז זיך עש מתפשט צוא דיא נביאים אונ אז עש איז ניט דא קיין נביאים ווייזין דיא חכמים אונ אז קיין חכמים איז אויך ניט דא ווייזט מען עס דורך איין חלום אונ אז דער חלום איז אויך ניט חיים מען עש דורך עופות השמים:

רבי יהודה הייבט אן עש שטייט תורת ה' תמימה משיבת נפש ווער עס איז זיך מבטל פון דער תורה איז גלייך וויא ער מאכט חרוב די וועלט קום אונ זעה וויא אמענטש באדארף צוא לערנען תורה דען אז ער לערינט תורה האט ער חיים בעולם הזה ובעולם הבא קום אונ זעה אפילו דער וואס איז ניט עוסק בתורה אזו וויא עס באדארף צוא זיין האט ער אויך איין שכר טוב אויף דער וועלט אונ מען איז אים ניט דן אויף יענער וועלט אזו ווי עש שטייט אורך ימים בימינה ווער עס לערינט תורה לשמה האט ער אורך ימים אויף יענער וועלט וואס זיא הייסט אורך ימים ובשמאלה עושר וכבוד ווער עס איז ניט עוסק אין דער תורה פון גאטש וועגין האט ער איין שכר טוב אונ שלוה אויף דער וועלט אונ דער וואס לערינט לשמה אז ער באדארף שטארבין גייט דיא תורה פאר אים אונ איז מגין אויף אים כדי דיא שרי הדינים זאלין ניט קענען גינעהענען צוא אים אונ אז דער גוף ליגט אין קבר היט דיא תורה אים אונ אז דיא נשמה גייט ארויף אויבין גייט דיא תורה פאר איר אונ כמה שערים ווערין צוא בראכין פאר איר ביז זיא קומט אויף איר ארט אונ דיא תורה שטייט אויף דעם מענטשין ביז ער וועט אויף שטיין צוא תחית המתים אונ דיא תורה איז אמליץ יושר פאר אים אזו וויא דער פסוק זאגט בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך: בהתהלכך מיינט מען אז דו וועסט גיין אין קבר בשכבך מיינט מען אז דוא וועסט לערנען אין קבר והקיצות מיינט מען תחיית המתים אז דוא וועשט אויף שטיין וועט זיא זיין אמליץ יושר אונ פאר דיר ריידין דאס הייסט תשיחך רבי אלעזר זאגט היא תשיחך מיינט מען אז דער מענטש וועט אויף שטיין תחיית המתים וועט ער קענען דיא גאנצע תורה אונ וועט זיא ניט פאר געסין אונ ער וועט אלץ ווישין וואס ער האט פריער גילערינט אונ דאס וואס ער האט פריער ניט גיקענט משיג זיין אונ רעכט קענען וועט דאש אלץ אריין גיין אין זיין הארצין אונ וועט אלץ קענען אונ גרייכין אונ דיא תורה וועט אין אים ריידין דרום שטייט היא תשיחך רבי יהודה זאגט דער וואס איז עוסק בתורה אויף דער וועלט איז ער זוכה אין איר משתדל זיין אויף יענער וועלט קום אונ זעה דער וואש איז ניט משתדל אין דער תורה אויף דער וועלט אונ גייט בחושך אז ער גייט אוועק פון דער וועלט נעמט מען אים אונ מען ברייננגט אים אריין אין דעם אונטערשטין גיהנם וואס ער הייסט בור שאון מטיט היון אזו וויא דער פסוק זאגט ויעלני מבור שאון מטיט היון דרום ווער עס איז זיך ניט משתדל אויף דער וועלט אין דער תורה שטייט דרויף ויקחהו וישליכו אותו הבורה דאס מיינט מען דעם גיהנם וואס דארטין איז מען דן דיא מענטשין וואס האבין ניט עוסק גיוועזן אין דער תורה דרום שטייט והבור רק דער גיהנם נעמט נאר אזעלכע מענטשין וואס זיינען גיוועזן ליידיג פון דער תורה וואס זיא הייסט מים אונ אין דעם בור איז פאר האנדין אזעלכע משחיתים וואס האבין איין פנים וויא נחשים ועקרבים קום אונ זעה וויא אזו עש איז גרויש דער עונש פון ביטול תורה דען וויא פיל עבירות דיא ישראל האבין גיטאן זיינען זייא ניט פאר טריבין גיווארין ביז זייא האבין מבטל גיוועזן דיא תורה אונ האבין זיך אפ גיטאן פון איר אזו וויא עס שטייט מי חכם ויבן את זאת על מה אבדה הארץ ויאמר ה' על עזבם את תורתי רבי יוסי זאגט פון דאנען לערנען מיר עס אפ דען עס שטייט לכן גלה עמי מבלי דעת זייא זיינען דרום פאר טריבין גיווארין ווייל זיי זיינען גיוועזן אן דער תורה וואס זיא הייסט דעת דען אלץ שטייט נאר אויף דעם קיום התורה דיא תורה איז דער

סיום

קיום פון אלע עולמות עליונים ותחתונים אזו וויא דער פסוק זאגט אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי :

# פרשת מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם רבי יהודה הייבט אן עש שטייט (איוב כ"ח) קץ שם לחושך ולכל תכלית הוא חוקר ארץ אופל וצלמות דער פסוק איז אזו גיזאגט גיווארין קץ דאש איז דער שטן ער איז דער קץ פון אלע דען ער שוועבט אויף דער וועלט אונ איז דער נאך מקטרג פאר הקב"ה אונ ער וויל נאר אלע זאכין פאר לענדין ער הייסט אבן נגף ווארום דיא רשעים ווערין גישטרויכילט דורך אים אונ שטייען אין ארץ עיפתה אין איין גרויש פינצטערנעש קום אונ זעה וויא איין מענטש באדארף זיך משתדל זיין אין דער תורה דען דורך דער תורה ווייש ער וויא אזו צוא רידין צוא השי"ת דען דיא תורה רופט אויש אלע טאג מי פתי יסור הנה אונ אז אמענטש איז עוסק אין דער תורה ווערט ער בהעפט אין דעם עץ החיים אזו וויא דער פסוק זאגט עץ חיים היא למחזיקים בה אונ אז אמענטש איז בהעפט אין דעם עץ החיים אויף דער וועלט איז ער גישטארקט אין דעם עץ החיים אויף יענער וועלט אויך דען אין דעם עץ החיים איז דאך פאר האנדין כמה מדריגות בלעטער אונ צווייגין אונ דער שורש אונ דער גוף פון דעם בוים אונ אלע צדיקים זיינען בהעפט אין דעם עץ החיים אטייל אין גוף אליין אונ אטייל אין דיא צווייגין אונ אטייל אין דיא ווארצלען בין כך ובין כך ווערט גיפונען אז אלע זיינען בהעפט אין עץ החיים אונ ווער עש איז עוסק בתורה איז בהעפט אין דם גוף אליין עש שטייט מלך במשפט יעמיד ארץ דאש מיינט מען דוד המלך ווארום עש שטייט ויהי דוד עושה משפט וצדקה מיט זיין משפט האט ער גימאכט דיא וועלט זאל איין קיום האבין איש תרומות יהרסנה מיינט מען רחבעם המלך · קום אונ זעה אפילו עס ווערט נגזר איין פורעניות אויף דער וועלט ווערט עם אויף גיהאלטין בזכות הצדיקים כל זמן דוד המלך האט גילעבט האט ער אויף גיהאלטין דעם פורעניות פון דער וועלט אונ אפילו בשעת ער איז גישטארבין שטייט וגנותי על העיר הזאת להושיעה למעני ולמען דוד עבדי אויך כל זמן יעקב מיט יוסף האבין גילעבט האט זיך דער גלות ניט אן גיהויבין ואיש תרומות יהרסנה מיינט מען פרעה וויל ער האט גישטארקט זיין הארץ אנטקעגין משה איז חרוב גיווארין דאס לאנד מצרים אונ דורך יוסף האט דאס לאנד אקיום גיהאט אונ דאס איז גיוועזן דער חלום דרום שטייט ויהי מקץ שנתים ימים דאס האט גורם גיוועזן ופרעה חולם :

ויהי בבוקר ותפעם רוחו רבי יוסי זאגט דרום שטייט ביי נבוכדנצר ותתפעם רוחו אונ ביי פרעה שטייט ותפעם וויל נבוכדנצר האט ניט גוואושט דעם חלום מיט דעם פתרון שטייט ותתפעם עש האט אים צוויא מאל גיקלאפט אבר פרעה האט גיוואושט דעם חלום נאר דעם פתרון האט ער ניט גיוואושט שטייט ותפעם עס האט אים נאר איין מאל גיקלאפט וישלח ויקרא את כל חרטומי מצרים ואת כל חכמיה מיינט מען דיא כישוף מאכער מיינט מען דיא שטערין זעהער אונ אלע האבין ניט גיוואושט רבי יצחק זאגט חאטשע מיר האבין גילערינט אז איין חלום איז וועדליג אשליכש מדריגה · נאר איין מלך איז העכער פון אלע מענטשין דרום איז זיין חלום העכער פון אלע מענטשין דרום שטייט אשר האלהים עושה הראה את פרעה ניט צוא קיין אנדערין מענטשין · בייערט צוא דיא נביאים וחסידים וחכמים פון דעם דור · עש שטייט אותי השיב על כני ואותו תלה פון דאנען לערנען מיר אפ אז דער חלום איז נאר גיוועגט אין דעם מענטשין וואס איז אים פותר ווארום עס וואלט גידארפט שטיין אותי השבת על כני ואותו תלית וויל ער האט דאך גירעט מיט פרעה אליין דארף ער דאך זאגין מיך האשטו גיזעצט אויף איין שטול אונ אים האסטו גיהאנגען נאר וואס דען שטייט אותי השיב על כני דאס גייט אויף יוסף וויל ער האט אזו פותר חלום גיוועזן איז דאס אזו מקוים גיווארין ווארום כל החלומות הולכין אחר הפה אונ אזו שטייט ויהי כאשר פתר לנו כן היה דרום שטייט אותי השיב דאס גייט אויף יוסף ער האט דאס גימאכט מיט זיין פתרון :

וישלח פרעה ויקרא את יוסף ויריצוהו מן הבור רבי אבא הייבט אן עם שטייט רוצה ה' את יראיו את המיחלים לחסדו קום אונ זעה וויא הקב"ה באגערט אין דיא צדיקים וויל זייא מאכין שלום איבין אונ אונטין אונ זייא פארבטין זיך פאר אים צוא טאן זיין ווילין למיחלים לחסדו מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואש לערנען תורה ביי נאכט ציהט אויף זיי הקב"ה ארויף זיין גינאד ביי טאג אזו וויא עם שטייט יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס לערנען ביי נאכט מיט גיזאנג דרום שטייט ניט ביראיו אונ עם שטייט את יראיו ווארום עס איז גלייך וויא איינר באוויליגט דעם אנדערין מיט גוטע רייד אזו אויך וויל יוסף איז גיוועזן טרויעריג אין דר תפיסה דער נאך אז פרעה האט נאך אים גישיקט שטייט ויריצוהו איז טייטש לשון איבער בעטין פרעה האט אים מפייס גוועזן מיט רייד פון שמחה דר פרייען זיין הארץ:

ויצא יוסף מלפני פרעה ויעבר בכל ארץ מצרים אנדערע מענטשין האבין איין גיזאמילט תבואה איז פאר פוילט גיווארין אבער יוסף האט איין גיזאמילט תבואה אונ זיא איז ניט פאר פוילט גיווארין · רבי שמעון זאגט הקב"ה האט אלץ מגלגל גיוועזן אזעלכע סיבות כדי עש זאל מקוים ווערין וואס ער האט גיזאגט צוא אברהם בברית בין הבתרים ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה וואלט עש גיקאנט אויש קומען יעקב זאל קומען קיין מצרים מיט אייזערנע קייטין מקיים זיין דעם גלות פון דעם ברית בין הבתרים נאר מחמת הקדוש ברוך הוא האט ליב גיהאט דיא אבות האט ער אזו גיפירט אז יוסף זאל ווערין אין מצרים איין מלך איז שוין יעקב מיט אלע שבטים ארין גיקומען בכבוד גדול קיין מצרים ומחמת הקדוש ברוך הוא האט צוא גיזאגט צוא אברהם זייא זאלין ארויש גיין פון מצרים מיט פיל געלט דרום האט השי"ת גישיקט איין הונגער אויף דער וועלט דאש גאנצע גאלד אונ זילבער פון דער וועלט זאל קומען קיין מצרים · אונ אזו איז תמיד דער סדר פון הקב"ה ער שיקט דיא רפואה פאר דער מכה דער נאך אז עש איז שוין גיווארין מצרים פול מיט כסף וזהב · האט ער ארין גיבראכט יעקב קיין מצרים מיט גרויש כבוד כדי עש זאל מקוים ווערין דיא רייד פון ברית בין הבתרים :

וירא יעקב כי יש שבר במצרים רבי חזקיה זאגט ווען עש איז איין צער אויף דער וועלט זאל זיך אמענטש ניט ווייזין אויף דער גאס ער זאל ניט נתפס ווערין דורך זיינע זינד דרום האט יעקב גיזאגט צוא זיינע קינדער למה תתראו ווארום זאלט איר גיוויזין ווערין פאר מענטשין נאך איין פשט איז אז יצחק איז גישטארבין האט זיך יעקב מיט עשו גיטיילט מיט דער ירושה האט עשו אפ גיגעבין צוא יעקב גאנץ ארץ ישראל נאר אויף דעם תנאי ער זאל אויף זיך נעמען דעם גלות דרום זאגט יעקב צוא דיא קינדער כי יש שבר למה תתראו דער בראך פון דעם

גלות וועט זיין נאך וואש זאלט איר זיך ווייזן פאר דעם דין של מעלה טאמער וועט גיפונען ווערין אויף איך איין קטרוג רדו שמה ער האט זייא מרמז גיוועזן אז זייא וועלין זיין אין גלות אזו וויא דיא צאל פון רד"ו דאס הייסט צווייא הונדערט מיט צעהען יאר :

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו רבי אלעזר זאגט עש שטייט למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני קום אונ זעה עש איז פאר האנדין דרייא וואש פארכטין זיך אונ ווייסין ניט פאר וואש אזו וויא דיא חכמים זאגין נאר עש איז נאך פאר האנדין וואש פארכטין זיך אונ ווייסין ניט פאר וואס · דאש מיינט מען זיי פארכטין זיך פאר זייערע עבירות אונ ווייסין ניט אויב זייא האבין גיזינדיגט אונ טראכטין גאר ניט זייא זאלין תשובה טאן בימי רע מיינט מען דעם יצר הרע פאר וואש הייסט ער ימי רע ווארום ער האט אזעלכע טעג וואש מען גיט אים רשות ער זאל מענטשן מטמא זיין וואש זיי האבין אפ גיקערט פון דרכי השי"ת דען דער וואש איז זיך מטמא אויף דער וועלט איז מען אים מטמא פון אויבין דאש הייסין ימי רע אונ זייא זיינען ממונה אויף אזעלכע קליינע עבירות וואש דער מענטש האלט זייא פאר גאר נישט אונ טרעט זיי מיט די פיס זיינען זיי אים מטמא ווארום אין וואש פאר איין וועג אמענטש וויל גיין אזו פירט מען אים פון אויבין קומט דער מענטש זיך מטהר זיין איז פאר האנדין אזעלכע וואש זייא העלפין אים דער צוא · מיר האבין גילערינט אז דער מענטש שטייט אויף אין דער פריא דארף ער תיכף דיא הענט וואשין מיט אגרוישער כלי אונ מקבל זיין דיא וואשער פון אזו איין מענטש וואש ער האט זיך שוין גיוואשין אויך דארף מען דיא רעכטע האנט פריער וואשין פאר דער לינקער האנט כדי דער צד ימין זאל זיך שטארקין על צד שמאל דאש הייסט דער יצר הרע כדי מען זאל אים ניט געבין איין ארט ער זאל חס ושלום שולט זיין אויף אים דעסט גלייכין דארף זיך אמענטש צוא היטין פאר דיא קליינע עבירות וואש ער האלט זייא פאר גאר נישט אזו וויא מיט דעם וואשין תאטשי איין מענטש האלט דאס פאר נישט זעהען מיר דאך אז אונזרע חכמים האבין אויף דעם זייער מזהיר גיוועזן אונ דרום פארכטין זיך מענטשין אונ ווייסין ניט פאר וואש דען זייא האבין גילאזט דעם צד שמאל מיינט מען דעם יצר הרע זאל זיך שטארקין אויף דעם צד ימין בקומט ער אויף אים איין שליטה אונ דיא ימי רע קומען אונ שרעקין אים דרום פארכט ער זיך · דוד המלך האט זיך תמיד גיהיט פאר אזעלכע זאכין צו זינדיגין מיט זייא אונ האט תמיד נאך גיזוכט פאר ריכטין דיא זאכין איידר ער איז גיגאנגען מלחמה האלטין דרום האט ער שוין פאר דיא פיינד קיין מורא ניט גיהאט אין דער מלחמה · קום אונ זעה עס איז גיוועזן פיר מלכים וואש איטליכר האט ניט באגערט דעם אנדרינש באגער · דוד האט באגערט ער זאל נאך יאגין זיינע פיינט אונ זאל זיך ניט אום קערין פון דער מלחמה ביז ער זאל זייא אין גאנצין פאר לענדין פאר וואש האט ער גיבעטין עש זאל אזו זיין דרום וויל ער האט זיך אלע מאל גיהיט פאר דיא עבירות אונ האט ניט גיגעבין קיין ארט די פיינט זאלין קענען אויף אים שולט זיין דרום האט ער באגערט זייא צוא יאגין ניט זייא זאלין אים יאגין מכח זיין זינד · אונ דער מלך אסא האט שוין ניט אזו באגערט ער האט זיך שוין מער גפארכטן חאטשי ער האט אויך מפשפש גיוועזן זיינע מעשים אבער ניט אזו וויא דוד דרום האט ער באגערט אז ער זאל יוא יאגין זיינע פיינט אבער השי"ת זאל זיי שלאגין אזו וויא עש שטייט וירדפם אסא אסא האט זייא נאר נאך גיאגט אבער השי"ת האט זייא גישלאגין אבער בייא דוד שטייט ויכם דוד דוד האט זייא אליין גישלאגין פון איין אבינט צום אנדרין · יהושפט מלך יהודה האט אנדערש באגערט ער האט גיזאגט צוא השי"ת איך קען זייא ניט יאגין אונ שלאגין בוודאי ניט נאר איך וועל מתפלל זיין אונ דוא זאלשט זייא שלאגין דען ער האט זיך ניט אזו מפשפש גיוועזן וויא אסא האט אים השי"ת אזו גיטאן אזו וויא עש שטייט ובעת החלו ברינה ותפלה נתן ה' מארבים על בני עמון חזקיהו מלך יהודה האט אנדערש גיזאגט צוא השי"ת רבונו של עולם איך קען ניט מתפלל זיין אונ מכל שכן נאך יאגין אונ שלאגין דען ער האט זיך גיפארכטין פאר זיינע קליינע עבירות וואש מיר האבין אויבין גישריבין האט אים הקב"ה אויך גיפאלגט אזו וויא עש שטייט ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור חזקיה איז גילעגין אויף זיין בעט אונ הקב"ה האט זייא ממית גיוועזן אונ פון זייא קען מען זיך איין קל וחומר נעמען ומה דאך אזעלכע גרוישע צדיקים האבין זיך גיפארכטין פאר זייערע עבירות מכל שכן אנדערע לייט גיהערין בוודאי מורא האבין פאר זייא דרום גיהער דאך איטליכר מענטש צוא היטין אפילו פאר אזעלכע קליינע זאכין אונ צוא מתקן זיין זייא כדי דיא שלעכטע טעג זאלין אויף אים קיין שליטה ניט האבין דען זייא האבין גאר קיין רחמנות ניט · קום אונ זעה עש שטייט ויכר יוסף את אחיו אז זייא זיינען אריין גיפאלין אין זיינע הענט האט ער אויף זייא רחמנות גיהאט וויל ער איז גיוועזן איין גאנצער מאן מיט אלע מדות אבער שמעון ולוי וויל זייא האבין גיהאט איין אחיזה אין דעם דין הקשה דרום האבין זיי זיך ניט מרחם גיוועזן אויף יוסף אז ער איז אריין גיפאלין אין זייערע הענט דרום זאגט דוד למה אירא איך טוא מיך פארכטין בימי רע פון דיא שלעכטע טעג עון עקבי דורך דיא קליינע עבירות וואש מען טרעט מיט דיא פיס דרום שטייט הוי מושכי העון בחבלי השוא דאש איז טייטש וויא גישריען אויף דיא מענטשין וואש זייא ציהען אויף זיך אזעלכע קליינע עבירות וואש זיינען בייא זייא אין דיא אויגין גלייך וויא אשלאף שטריקיל היינו זייא מיינען אז דאש איז גאר קיין עבירה ניט אונ דער נאך ווערט עש כעבותות העגלה אזו וויא דער שטריק פון איין וואגין וואש ער איז גראב דען דער שטן ווערט גישטארקט אונ פירט אים אראפ פון עולם הזה אונ פון עולם הבא · וואול צוא דיא צדיקים וואש זייא היטין זיך פאר אלע עבירות אונ זיינען תמיד מפשפש דאס הייסט זייא זוכין נאך טאמער האבין זייא עפעש גיטאן טוען זייא דרויף תיכף תשובה כדי עש זאל ניט זיין אויף זייא קיין קטרוג בעולם הזה ובעולם הבא דען דיא תורה ווייזט זייא דעם רעכטין וועג וואס זאלין גיין אין אים אזו וויא עש שטייט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום :

ויאסור אותו לעיניהם פאר זייערע אויגין האט ער צוא שמעון גיבונדין אבער אז זייא זיינען אוועק גגאנגען האט ער אים אפ גיבונדין אונ האט אים גגעבין עסין אונ טרינקען · אויב דוא וועסט זאגין יוסף האט דאש איבער דעם גיטאן ווייל עס שטייט אם רעב שונאך האכילהו לחם אז דיין שונא איז הונגעריג זאלשטו אים געבין עסין חס ושלום אז יוסף הצדיק זאל דאש איבר דעם טאן דען עש שטייט ווייטער כי גחלים אתה חותה על ראשו נאר ער האט דאש גטאן אזו וויא מען גיהער צו טאן צו איין ברודער עש שטייט וימלאו את כליהם בר האט ער אויך דאש אלץ גיטאן וויא מען גיהער צוא טאן צוא ברידער · קום אונ זעה דיא אלע זאכין וואש יוסף האט גיטאן צוא זיינע ברידר אונ דיא אלע זאכין פון

יוסף

יוסף מיט דיא ברידער נאך וואש האט אזו באדארפט צוא זיין דען די תורה איז איין תורה של אמת, עש איז ניט דא איין ווארט אין איר וואס עש זאל ניט זיין סודות עליונים אלא אזו וויא עש שטייט אל תאמר אשלמה רע קוה אונ זעה הקב״ה האט גימאכט דעם מענטשין ער זאל זיך שטארקין אין דער תורה אונ צו גיין בדרך אמת לצד ימין אונ ניט לצד שמאל ווארום דיא אחוזה פון ישראל איז בצד ימין דרום מוז זיין צווישין זייא אהבה ושלום וואש דאש איז בצד הימין והחסד אבער ניט שנאה ומחלוקת חס ושלום ווארום דורך שנאה ומחלוקת ווערט שלאף דער צד ימין ח״ו אונ דרום איז דער יצר טוב מצד ימין אונ דער יצר הרע מצד שמאל פון דעם מענטשין אונ דיא ישראל מוזין שטארקין דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע מיט זייערע מעשים טובים אונ אז דער מענטש קערט זיך חס ושלום לצד יצר הרע לשמאל ווערט דער יצה״ר געשטארקט אויף דעם יצר טוב דער יצה״ר מנוול איז ניט גאנץ נייערט פגום אבער דורך דיא עבירות מאכט מען אים גאנץ דרום זאל דער מענטש זעהען אז דער יצר טוב זאל ווערין גאנץ דורך זיינע מעשים טובים אבער ניט דער יצר הרע דרום זאגט שלמה אל תאמר דוא זאלשט ניט זאגין אשלמה רע איך וועל דעם יצר הרע גאנץ מאכין קוה אל ה׳ ויושע לך האף צוא גאט ער וועט דיר העלפין אז דוא זאלשט גיין בדרך הישר. נאך איין פשט איז אל תאמר אשלמה רע דוא זאלשט ניט זאגין איך וועל באצאלין שלעכץ דעם וואש האט מיר גיטאן גוטץ ווארום עש שטייט משיב רע תחת טובה דער וואס באצאלט שלעכץ פאר גוטץ לא תמוש רע מביתו וועט זיך קיין שלעכץ ניט אפ טאן פון זיין שטוב חס ושלום. אזו אויך חאטשי יענער האט דיר שלעכץ גיטאן זאלשטו אים פארט ניט באצאלין קיין בייז נייערט וויא דען קוה אל ה׳ ויושע לך האף צוא גאט ער וועט דיר דער פאר העלפין אונ דער פסוק גייט אויף יוסף הצדיק חאטשי זיינע ברידער האבין אים גטאן שלעכץ פון דעסט וועגין האט ער זיי ניט גוואלט באצאלין קיין שלעכץ בשעת זייא זיינען גיוועזן אין זיינע הענט ווייל ער האט זיך גיפארכטין פאר השי״ת. אזו וויא עש שטייט את האלהים אני ירא ער האט תמיד [illegible] צוא השי״ת אונ ניט גינוג ער האט זייא קיין שלעכץ ניט גיטאן נאר ער האט זייא נאך גוטש גיטאן אזו איז דער סדר פון די צדיקים דרום האט הקדוש ברוך הוא אויף זייא חס בעולם הזה ובעולם הבא. רבי אבא איז אמאל גיזעשין אויף דעם טויער פון לוד האט ער גיזעהען וויא א מענטש האט זיך גיזעצט אין איין גהוב פון איין שטיין ער איז גיוועזן מיד פון דעם וועג אונ איז דארטין אנשלאפין גיווארין דער ווייל זעהט רבי אבא וויא איין שלאנג גייט צוא אים וויא ער איז גיקומען נאהנט [illegible] צוא אים איז ארא[illegible] גיפאלין איין צווייג פון איין בוים אונ האט [illegible] שלאנג גיהרגית וויא דער מענטש חאפט זיך אויף זעהט ער [illegible] דער שלאנג ליגט טויט וויא ער איז אויף גשטאנגען פון זיין ארט איז אי[illegible]גיפאלין דער בוים הינטער אים אונ ער איז ווידער ניצול גיווארין איז רבי אבא גיגאנגען צוא אים אונ זאגט צוא אים זאג מיר דיינע מעשים דען איך האב דא גיזעהן וויא השם יתברך האט דיר גיטאן צווייא ניסים דאש איז גיוויש ניט אום זיסט זאגט דער מענטש כל ימי בין איך מיך נוהג אז אמענטש האט מיט מיר גיטאן איין רעה האב איך אים ניט גיטאן צוא ריק קיין רעה נאר איך האב אים נאך תכף מוחל [illegible] אליין נאר פון דעם טאג אן האב [illegible] משתדל [illegible] טאן

טובות וויא רבי אבא האט דאש דער הערט האט ער אן גיהויבין וויינען אונ האט גיזאגט דאש איז דאך נאך גרעשער פון יוסף הצדיק דען יוסף האט עש גיטאן אנטקעגין זיינע ברידער אונ ער טוט אנטקעגין פרעמדע עש איז רעכט וואס הקב״ה האט דיר גיטאן אזעלכע גרוישע ניסים:

פתח ער האט אן גיהויבין עש שטייט (משלי ל״ז) הולך בתום ילך בטח דער מענטש וואש גייט בדרך תורה גייט ער זיכערליך קיין שום דין קען אין אים ניט שולט זיין ומעקש דרכיו יודע אונ דער וואש קערט אפ מדרך אמת אונ בגערט וואס בייא זיין חבר איז ווערט ער דער קענט אין דיא אויגין פון דיא שרי הדין עס ווערט ניט פאר לארין פון זייא זיין גישטאלט צוא ברייגנין עש פאר הקב״ה אונ מקטרג זיין אויף אים נוקם צוא זיין זיך אין אים אבער דער וואס גייט בדרך הישר איז הקב״ה אויף אים מגין אונ איז מכסה אויף אים דיא שרי הדינים זאלין פון אים ניט ווישין אונ דער קענען אים ווּאל צוא דיא לייט וואס גייען בדרך הישר זייא זיינען פאר זיכערט בעולם הזה ובעולם הבא:

# פרשת ויגש

ויגש אליו יהודה רבי אליעזר הייבט אן עם שטייט כי אתה אבינו אברהם לא ידענו וגו׳ קום אונ זעה הקב״ה האט בשאפין דיא וועלט אונ איטליכער טאג האט גיטאן זיין ווערג אזו וויא עש איז ראוי גיוועזן אונ אז עס איז גיקומען דער זעקסטער טאג האט הקב״ה גיוואלט בשאפין דעם מענטשין איז גיקומען דיא תורה פאר הקב״ה אונ זאגט רבונו של עולם דעם מענטשין וואש דו[illegible]שט בשאפין איז אן גיברייט דער צערענען דיך אונ א[illegible] ניט דער לייגערין דיין צארין זאלשטו אים תכף [illegible] בעסער אז דוא זאלשט אים גאר ניט בשאפין [illegible]ה גיענטפערט ווער איך דען אום זיסט אן גירופין ארך אפים איך דער לייגער מיין צארין אונ שטראף ניט תכף. אונ אלץ איז בשאפין גיווארין מיט דער תורה דען אידער הקב״ה האט דיא וועלט בשאפין זיינען אלע אותיות פון דער תורה גיקומען פאר הקב״ה אונ זיינען איינס גיגאנגען צוא ריק על סדר תשר״ק היינו אין ערשטין איז גיקומען דיא ת״ו אונ האט גיזאגט רבש״ע איז דיין רצון זאלשט מיט מיר בשאפין דיא וועלט האט הקב״ה גיזאגט ניין ווארום דורך דיר זיינען די צדיקים אן גיברייט צו שטארבן אזו ווי עס שטייט והתוית תיו על מצחות האנשים האלה וממקדשי תחלו לייענט ניט ממקדשי איז טייטש מיין בית המקדש נייערט ומקודשי דאס הייסט פון מיינע הייליגע צדיקים זאלט איר אן הייבין צוא הרגנן דרום קען איך מיט דיר ניט בשאפין דיא וועלט. דער נאך זיינען ארין גיגאנגען דיא אותיות שר״ק האט מען זייא גיענטפערט איר זייט ניט ראוי מען זאל מיט אייך דיא וועלט בשאפין ווארום פון אייך לייענט מען אותיות שקר זיינען אלע אותיות נדחה גיווארין אפילו אות כ״ף וואש בשעת זיא איז ארייין גיגאנגען איז ווארין דער ציטערט צווייא הונדערט טויזינט וועלטין אזו וויא עס שטייט אין זוהר פרשת בראשית ביז עש איז ארייין גיקומען דאש אות בית, אונ מיט איר איז בשאפין גיווארין דיא גאנצע וועלט ווייל זיא איז איין סימן ברכה דרום הייבט זיך דיא תורה אן מיט דעם אות בית בראשית חאטשע דיא אלף איז דאס ערשטע אות פון דעם אלף בית איז פארט מיט איר ניט בשאפין גיווארין דיא וועלט ווייל מיט איר ווערט גילייענט דאס ווארטין ארור וואלט חלילה

דיא קליפות גיהאט איין אן האלט מחמת זייא היישין דעם נאמען • קום אונ זעה חאטשע דיא וועלט איז בשאפין גיווארין מיט דער מדריגה פון אברהם האט ער פארט זיך ניט משתדל גיוועזן צו בעטין אויף אונז בשעת הקב"ה האט אים גיוויזין דעם גלות בברית בין הבתרים אויך האט ער גיזאגט לו ישמעאל יחיה לפניך דרום שטייט כי אתה אבינו אברהם לא ידענו וישראל לא יכירנו אונ יעקב חאטשע ביא אים אין דער האנט זיינען גיוועזן אלע ברכות האט ער פארט אלע קינדער ניט גיבענטשט ביז ער האט זייא אפ גיגעבין צו דער שכינה זיא זאל זייא בענטשין אזו ווי עס שטייט ויכל יעקב לצות את בניו אונ שטייט ניט לברך ווארום ער האט גיבאטין דיא שכינה זאל זייא בענטשין דען דיא אלע ברכות וואס שטייען אין פרשת ויחי איז ניט גיוועזן צו אלע שבטים ווארום מען גיפינט דארט מער ניט נאר ראובן שמעון לוי דרום האט זיך יעקב אויך צו אונז ניט גימאכט דער קענען נייערט כי אתה אבינו דוא הקב"ה אליין בישט אונזער פאטער אונ אונזער משגיח צו בענטשין אזו וויא איין פאטער איז משגיח אויף זיין קינד זעהען וואש ער דארף גואלנו מעולם שמך דוא בישט אונזער גואל אזו שטייט המלאך הגואל דאש איז דיין נאמען דרום בעטין מיר לייז.אונז אויש מיט דיין נאמען אויך זאגין אונזערע חכמים מען טאר ניט מפסיק זיין צווישין גאל ישראל אונ צווישין שמונה עשרה אזו אויך טאר מען ניט מפסיק זיין צווישין תפלין של יד אונ צווישין של ראש איז אלץ צו ווייזין אז עש איז איינש דרום זאגין מיר גואלנו מעולם שמך דיא גאולה מוז זיין נאהנט צו דער תפלה וואש דאש איז דיין נאמען רבי יצחק מיט רבי יהודה זיינען גיזעסין איין [illegible] אונ האבין גילערינט זאגט רבי יצחק צו רבי יהודה איז אזו ווי [illegible] גילערינט אז הקב"ה האט בשאפין דיא וועלט אונ [illegible] גישט[illegible]ן יעגר וועלט כדי עש זאלין ביידע זיין איינש זאגט רבי [illegible] בודאי איז אזו זייא זיינען ביידע גלייך אונ האט בשאפ[illegible] מענטשין איבער אלע אזו שטייט אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה בראתי איך האב בשאפין דיא ערד פון וועגין דעם מענטשין וואס גייט ארום אויף איר דען ער איז דער קיום פון דער וועלט דער נאך האט רבי יהודה גיזאגט גרושע סודות וויא אזו דיא נשמה דארף בשאפן ווערן קום אונ זעה אז הקב"ה האט דעם מענטשין בשאפין האט ער איין גיזאמילט ערד פון אלע פיר זייטין פון דער וועלט אונ האט אים גימאכט במקום בהמ"ק של מטה אונ איין נשמה האט ער אים גיגעבין פון דעם בהמ"ק של מעלה וואס זיא איז נכלל פון דרייא מדריגות היינו נפש רוח ונשמה • נפש איז דיא אונטערשטע מדריגה רוח איז גרעשער פון נפש ער איז דער קיום פון דעם נפש אונ דיא נשמה איז העכער פון דיא אלע מדריגות אונ זיינען אלע ארויין גיגעבין אין דעם מענטשין צו טאן דעם רצון פון השי"ת אין ערשטין איז ביא דעם מענטשין דער חלק וואש היישט נפש דער מיט ווערט ער גיבארין אונ אז ער איז מטהר דעם נפש אונ האלט אים בקדושה ובטהרה אזו ווערט ער גיקריינט מיט דעם חלק וואש היישט רוח דער נאך אז ער בריית זיך אן צו דינען להשי"ת איז ער זוכה צו דעם חלק הנשמה הקדושה דיא גרעשטע מדריגה פון אלע אונ ער ווערט גיקריינט מיט דער מדריגה הקדושה פון אלע זייטין אונ איז זוכה דורך דעם לעולם הבא אונ היישט איין ליב האבער צו השי"ת אזו ווי עס שטייט להנחיל אוהבי יש דאס מיינט מעדי וואס זיינען זוכה צו דר היליגער נשמה פרעגט רבי יצחק וויא קאן דאס זיין אז די נשמה

איז אזו א גרוישע מדריגה מיר גיפינן דאך ביי דעם דור המבול שטייט כל אשר נשמת רוח חיים באפיו זיינען אויש גישטארבין אונ זייא זיינען דאך גיוועזן רשעים ווארום שטייט ביא זייא נשמת זאגט רבי יהודה צו אים דער פסוק גייט ניט אויף דיא רשעים נייערט אויף דיא צדיקים וואס זיינען גיוועזן צווישין זיי היישט חנוך אונ ירד נאך אזעלכע צדיקים זיי זיינען גישטארבין אז עס איז נאך גיוועזן טרוקין איידער דער מבול איז גיוועזן כדי זייא זאלין ניט האבין קיין צדיק זאל אויף זייא מגין זיין דרום האט זייא הקב"ה פריער אוועק גינומען אויף דעם שטייט נשמת רוח חיים דאס מיינט מען דיא צדיקים זיינען גישטארבין פאר דעם מבול אז עס איז נאך טרוקין גיוועזן ווייטער זיינען דא סודות ביז עס קומט צו דער זאך פון יהודה מיט יוסף וואס זיינען ביידע גיוועזן צדיקים אונ זייא זיינען גורם כמה טובות אויף דער וועלט שלום צו אלע שבטים אונ שלום צו יעקב דאס זיין רוח האט אקיום גיהאט דורך דעם אזו שטייט ותחי רוח יעקב אביהם : רבי יהודה מיט רבי יוסי זיינען גיקומען אין דער שטאט כפר חנן וויא זייא זיצין אויף דער הארבעריג קומט ארין איין מענטש וואס האט גיהאט אין דרויסין איין אייזיל מיט משא זאגט רבי יהודה צו רבי יוסי מיר האבין דאך גילערינט אז דוד האט נאר גישלאפין וויא איין פערד דאס איז גאר ווייניג וואס דען שטייט חצות לילה אקום להודות לך איך שטייא אויף האלבע נאכט דיך צו לויבין אמער אז ער האט אזו ווייניג גישלאפין איז ער דאך פריער אויף גישטאנען זאגט דער מענטש צו אים אז עס איז גיווארין נאכט האט ער זיך גיזעצט מיט זיינע שרים דן זיין משפטים אונ האט עוסק גיוועזן אין דער תורה ביז עס איז גיווארין ניט חייט צו האלבע נאכט האט ער גישלאפין ביז האלבע נאכט אונ אז עס איז גיווארין האלבע נאכט איז ער אויף גישטאנען אונ האט עוסק גיוועזן בתורה אונ אין שירות ותשבחות צו הקדוש ברוך הוא דרום ווייל דוד המלך איז חי וקים לעולמי עולמים דרום האט ער זיך גיהיט אז ער זאל ניט טועם זיין טעם מיתה דען דער שלאף איז איין זעכציגט חלק פון דעם טויט אונ פון ניין אונ פופציג מינוט אונ ווייטער איז מען שוין טועם איין טעם מיתה דרום האט זיך דוד גיהיט אז ער זאל ניט שלאפין קיין זעכציג מינוט כדי ער זאל בלייבין חי אונ ער זאל ניט שלאפין לייניגער מיט איין מינוט כדי ער זאל ניט פאר זוכין דעם טעם מיתה אונ עס זאל ניט שולט זיין אויף אים קיין שום זאך נאר חיים עליונים אונ אז עש קומט די מיטין נאכט אונ דיא קדושה עליונה הויבט זיך אן מתעורר זיין אונ דער מענטש שלאפט אויף זיין בעט אונ באגערט ניט צו דער וועקין זיך אין כבוד הקדוש ברוך הוא איז ער מקושר אין מות אונ איז באהעפט אין דער טומאה דרום איז דוד אויף גישטאנען משגיח צו זיין אין כבוד הקדוש ברוך הוא אלע[illegible] צו באהעפטין איין חי מיט דעם אנדערין דען דוד איז חי וקים לעולם זיינען גיקומען רבי יוסי אונ רבי יהודה אונ האבין אים [illegible]קושט אונ האבין אים גיפרעגט וויא אזו איז דיין נאמען זאגט ער חזקיה זאגין זייא צו אים יתישר חילך ותתקן אורחותיך כלומר דוא זאלשט ווייטער גישטארקט ווערין אין דער תורה זאגט רבי יהודה צו אים ווייל דוא האשט שוין אן גיהויבין צו זאגין זאג אונז ווייטער פון דיא סודות עליונים האט ער זייא גיזאגט גרוישע סודות דער ווייל איז גיקומען רבי אלעזר אז ער האט זייא דער זעהען [illegible] דיא שכינה איז בודאי דא אין וואס זיט איר [illegible] דער ציילט חזה נאנצע מעשה זאגט

רבי

רבי אלעזר בנו דאי האט ער רעכט גיזאגט האבין זיא זיך מתחבר גיוועזן אין איינעם אונ האבן עוסק גיוועזן בתורה הייבט אן רבי אלעזר עס שטייט ה' אלהי ישועתי יום צעקתי בלילה נגדך קום אונ זעה דוד המלך אין אויף גישטאנען האלבע נאכט אונ האט עוסק גיוועזן אין שירות ותשבחות משמח צוא זיין הקב"ה דען איבין הויבין אן האלבע נאכט כמה מלאכים צוא זאגן שירה בשמחה אונ וויא פיל מינים אויף אלע זייטין לויבין אונ זינגען שירה אונ אז אמענטש טוט אויף דער ערד אויך לויבין אין דער צייט צוא גאט באגערט הקב"ה אין אים אונ אלע מלאכים הקדושים וואס זיי לויבין צוא הקדוש ברוך הוא פאר געמען זיין קול וואס ער לויבט צוא הקב"ה דען דאס איז דער עיקר שלימות וואס דער שבח פון הקב"ה גייט ארויף פון דער ערד קום אונ זעה דוד האט גיזאגט ה' אלהי ישועתי וגו' ווען איז הקב"ה מיין הילף דעם טאג וואס איך פעדער מיך פריער ביי נאכט מיט שירות ותשבחות צוא אים דען דער וואס פעדערט זיך ביי נאכט צוא לויבין צוא השי"ת ווערט ער גישטארקט ביי טאג פון דעם יד ימין של הקב"ה אונ עס ווערט אויף אים גיצויגין איין חוט של חסד דרום זאגט דוד ווען איז הקב"ה אויף מיר מושך איין חוט של חסד צעקתי בלילה נגדך אז איך האב פריער דיא נאכט גישריען צו דיר שירות ותשבחות אונ האב עוסק גיוועזן אין דער תורה דרום זאגט ער לא המתים יהללויה עס גיהערין צוא לויבין הקב"ה די לעבעדיגע ניט וואס שלאפין מער פון גיין אונ פופציג מינוט דען דער מענטש איז אויף זיך מושך דעם מות אבער ואנחנו מיר וואס שלאפין ניט קיין זעכציג מינוט איז דאך אויף אונז ניט שולט דער מות נברך יה מיר וועלין לויבין גאט אונ וועלין זיך באהעפטין אין אים וואש ער הייסט חי דרום שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום זייא זאגין ווייטער גרוישע סודות זאגט רבי יהודה וואל צוא דיא צדיקים זייא זיינען מרבה שלום אויף דער וועלט דען זייא ווישין מייחד זיין דעם יחוד דען איידער יהודה מיט יוסף זיינען זיך צוא נויף גיקומען איז קיין שלום ניט גיוועזן אויף דער וועלט אונ אז זייא זיינען זיך צוא נויף גיקומען איז גיווארין שלום אונ שמחה איז גימערט גיווארין למעלה ולמטה:

ולא יכול יוסף להתאפק לכל הנצבים עליו רבי חייא הייבט אן עש שטייט פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד קום אונ זעה הקב"ה האט בשאפין די וועלט אונ האט גימאכט גיוועלטיגין דעם מענטשין ער זאל זיין אמלך איבער אלע אונ פון דיא מענטשין ווערט אפ גשייד כמה מינים צדיקים אונ רשעים אונ קלוגע אונ נארין אונ אלע זיינען אקיום אויף דער וועלט אטייל זיינען עשירים אונ אטייל עניים כדי מען זאל זיך מזכה זיין איינש פון דעם אנדרין דען דורך צדקה איז דער מענטש זוכה לחיי עולם אונ ווערט מקושר צוא דעם עץ החיים אונ ניט דאש אליין נאר ער איז מקיים דיא גאנצע וועלט אזו וויא עש שטייט פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד אז ער גיט צדקה איז ער מקיים די וועלט אונ דיא צדקה שטייט איביג אונ ווייטער שטייט רשע יראה וכעס דאש מיינט מען דיא קליפות דרום שטייט מתן בסתר יכפה אף אף מיינט מען די קליפות זייא ווערין בטל מחמת צדקה רבי יוסי הייבט אן עס שטייט ביי אליהו ויקרא אל ה' ויאמר הגם על האלמנה אשר אני מתגורר עמה הרעות להמית את בנה קום אונ זעה צווייא האבין גירעט אנטקעגין הקב"ה משה אונ אליהו משה האט גיזאגט [illegible] הרעות לעם הזה ווארום האסטו שלעכין גיטאן צוא דעם פאלק אונ [illegible] אליהו האט אויך גיזאגט ווארום האסטו שלעכין גיטאן צו פישין איר זון אונ זייא ביידע האבין גיזאגט איין זאך משה האט גיזאגט נאך וואס האסטו געגעבין רשות צו דער קליפה וואס זיי זיינען פון דעם יצחד אז זיי זאלין שולט זיין אויף די ישראל אונ אליהו האט אויך אזו גיזאגט נאך וואש האסטו גיגעבין רשות צוא דער קליפה זיא זאל צוא נעמען דיא נשמה פון דעם קינד דרום זאגט אליהו הגם על האלמנה דען הקדוש ברוך הוא האט גיזאגט צוא אליהו איך האב גיבאטין איין אלמנה זיא זאל דיך שפייזין אונ דער וואש שפייזט זיין חבר וואש ער איז הונגריג דער האט איין אחיזה אין דעם עץ החיים אונ איז גורם חיים זיך אונ זיינע קינדער אונ היינט דיא אלמנה וואש האט מיך גישפייזט זאל שולט זיין דער רע אין איר קינד אטער ווען איינער איז מקיים איין נפש אויף דער וועלט גיהער ער צוא האבין חיים אונ צוא באהעפטין זיך אין דעם עץ החיים אונ עס זאל ניט שולט זיין אין אים קיין מות דרום זאגט ער למה הרעות קום אונ זעה אז דער מענטש גייט לצד ימין אין רעכטין וועג אזו היט אים הקב"ה אלע מאל אונ דער צד הרע קען אין אים ניט שולט זיין ער ווערט אנטער גיטאן פאר דעם מענטשין אבער דער וואס גייט חס ושלום לצד שמאל דער ווערט אפ גטאן פון דער שמירה פון השם יתברך אונ אז דער יצר הרע זעהט אז אויף אים איז קיין שמירה ניט דא אזו איז ער שולט אויף אים אונ קומט אים פארלענדין אזו נעמט ער איבין רשות אונ ער נעמט ביי אים זיין נשמה משה האט גיזאגט למה הרעות לעם הזה דען עס איז גיגעבין גיווארין רשות צו דעם צד הרע אז ער זאל משעבד זיין מיט דיא ישראל אין גלות נאך איין פשט איז למה הרעות ער האט גיזאגט ווי פיל זיינען אויס גשטארבין אונ איבער גיענטפערט [illegible] אין דער האנט פון דעם יצר הרע קום אונ זעה בשעת [illegible] דער וועקט זיך ווערט גיפונען כל טוב אונ אלע ברכות [illegible] וועלט אונ עס איז אלץ שטיל דרום זאגט מען ברוך שם כבוד [illegible] עולם ועד שטיל כדי מכוון צוא זיין דעם יחוד אזו וויא עס גיהער צוא זיין רבי חייא פרעגט אמער אליהו איז דאך אויף אזו איין מדריגה גיוועזן אז ער האט גוזר גיוועזן אונ הקב"ה האט מקיים גיוועזן דען ער האט גוזר גיוועזן אז עס זאל ניט זיין קיין רעגין איז אזו גיוועזן ווארום האט ער מורא גיהאט פאר איזבל דען אז זיא האט גישיקט מען זאל אים הרגנן איז ער אנטלאפין גיווארין וואס האט ער זיך גיהאט פאר איר צוא פארכטין ענטפערט רבי יוסי דיוויל דיא צדיקים זיינען ניט מטריח צוא הקב"ה דארט וואו איין היזק איז שכיח אזו אויך שמואל הנביא אז ער איז גיגאנגען זאלבין דוד פאר אמלך האט ער גיזאגט צוא הקב"ה וויא אזו קען איך גיין דוד זאלבין פאר איין מלך אז שאול וועט גיוואר ווערין וועט ער מיך הרגנן האט אים הקב"ה גיזאגט נעם מיט דיר איין רינד אונ זאג דוא גיישט מקריב זיין איין קרבן דען דיא צדיקים ווילן ניט מטריח זיין צוא הקב"ה דארט וואו עס איז שכיח איין היזק ווייטער זאגט ער גרוישע סודות וואש אליהו איז גיווארין איין מלאך שטייט ביי אים והנה רכב אש וסוסי אש ער האט אים גיטאן זיין גוף אונ איז גיווארין אזו וויא איינער פון דיא היילינע מלאכים אזו וויא אנדערע קדושים עליונים זיינן אונ טוט אויף דר וועלט דאס שליחות פון הקב"ה ווארום פריער אז הקב"ה האט זיך צו אים בווייזן אונ האט אים גיפרעגט וואס טושטו דא אליהו האט ער גיזאגט קנא קנאתי האט אים הקב"ה גיזאגט עד מתי ביז וואנן נאך וועשטו זאגן אז די ישראל זיינן ניט פרום ווארום

שטייט ויאסר כי עזבו בריתך בני ישראל די ישראל האבן פר לאזט דעם ברית
זייא זיינען זיך ניט מל האט הקב"ה אים גיזאגט דא שווער איך בייא
דיין לעבין דער פאר ווען דיא ישראל וועלין מקיים זיין דיא מצוה פון
ברית מילה זאלשטו דער בייא זיין דרום אז עס איז איין ברית מילה
דארף מען מאכין איין שטול צוא אליהו אזו איך וועלכער מענטש ער
איז מקנא קנאת ה' צבאות אזו וויא פנחס אונ אליהו האבין גיטאן האט
דער מלאך המות אין אים קיין שליטה ניט אזו וויא אין אנדערע
אונ איז תמיד בשלום אזו וויא עס שטייט בייא פנחס הנני נותן לו
את בריתי שלום:

ויפול על צוארי בנימן אחיו ויבך רבי יצחק זאגט אונזערע חכמים האבין
גיזאגט יוסף האט דרום גיוויינט וויל עס וועט צווייא מאל
חרוב ווערין דאש בית המקדש וואש שטייט אין זיין חלק אונ ער
ווערט אן גירופין צואר אזו ווי עס שטייט כמגדל דוד צוארך בנוי לתלפיות דער
בית המקדש איז גיגליכין צוא איין האלז וואש אויף אים הייננט אלע
צירונג אונ שוינקייט פון דעם גוף אזו איז דער בית המקדש דאש
שוינקייט פון דער גאנצער וועלט אונ אז דער בית המקדש איז חרוב
גיווארין שטייט על צוארנו נרדפנו אויף דעם בית המקדש וואש ער איז
דער צואר פון דער וועלט זיינען מיר גיווארין נאך גיאגט עש היישט
מיר זיינען שוין מיד אים צוא בויען צווייא מאל ולא הונח לנו אונ זייא
לאזין אונז אים ניט בויען אונ ער בלייבט חרוב אזו וויא דער האלז
אז ער ווערט פאר דארבין איז שוין דער גאנצער גוף פאר דארבין
אונ מיאוס אזו אויך אז דער בית המקדש איז חרוב אונ פינצטער
גיווארין איז די גאנצע וועלט אויך פינצטער גיווארין אונ לייכט שוין
ניט · אונ דיא הימלען אונ ערד אונ שטערין זיינען פינצטער גיווארין
דרויף האט יוסף גיוויינט אויך אונ [illegible] ים דען זייא וועלין
פאר טריבין ווערין אין גלות אריין [illegible] אז דאס בית המקדש איז
חרוב גיווארין זיינען אלע שבטים פאר [illegible] צו שפרייט גיווארין
צווישין אלע אומות דרום שטייט וינשק לכל אחיו ויבך עליהם פריער האט
ער גיוויינט אויף דעם חורבן בהמ"ק אונ אויף גלות פון דיא עשרת
השבטים ואחרי כן דברו אחיו עמו פאר וואס שטייט ניט בייא זייא אז זייא
האבין אויך גיוויינט נאר ער האט דאס אלין גיוואוסט ברוח הקודש
אונ זייא האבין ניט גיוואוסט דרום האבין זייא ניט גיוויינט · והקול נשמע
בית פרעה ווארום שטייט והקול דרום זאגט רבי אלעזר דאס איז דר קול
פון הימל וואס האט גיוויינט אויף חורבן בהמ"ק אין גלות ישראל
ווארום דא שטייט והקול אונ דארט שטייט קול ברמה נשמע אזו ווי דארט
מיינט מען דעם קול אזו דא מיינט מען אויך דעם קול רבי אלעזר זאגט
עס שטייט נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה' וגו' קום אונ זעה איטליכער
מענטש וואס דאוינט שמונה עשרה פאר הקב"ה מוז ער פריער זאגין
אנדערע ברכות אלע טאג אונ מתפלל זיין אין דער צייט וואס מען
דארף אין דער פריא אונ בייא טאג אונ אויף דער נאכט אונ ער טאר
ניט מאכין הערין זיין קול אין דער שמונה עשרה דער חבר זאל הערין
אונ ווען ער טוט ניט אזו ווערט זיין תפלה ניט אן גינומען פר השי"ת ·
וירא את העגלות אשר שלח יוסף ווארום בשעת אז ער איז אוועק פון דעם
פאטער האבין זייא גילערינט דיא פרשה פון עגלה ערופה האט ער
אויך היינט דאס גישיקט פאר איין סימן · קום אונ זעה אז יוסף האט
זיך אפ גישייד פון יעקב איז ער אוועק גיגאנגען אן עסין אונ אן לויה
היישט בלייטין דרום איז גיוועזן וואש עס איז גיוועזן אונ בשעת יעקב
האט גיזאגט טרף טורף יוסף שטייט ווייטער כי ארד אל בני אבל שאולה ווארום
איך האב דאס אליין גורם גיוועזן איך האב גיוואוסט אז דיא ברידר
האבין אים פיינט אונ האב אים פארט גישיקט צוא זייא אונ ווידער
איך האב אים ניט בלייט וואלט דאס אויך גוועזן אפ גיהיט פון שלעכץ
אנכי ארד עמך מצרימה פון דאנען לערנען מיר אפ אז דיא שכינה איז גוועזן
מיט דיא ישראל אין מצרים אונ וואו הין דיא ישראל ווערין פאר
טריבין גייט דיא שכינה אויך מיט זייא אונ אז דיא ישראל וועלין
ארויס גיין פון דעם גלות שטייט והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה דאש
איז בקיצור ווארום עס שטייט דרויף גרוישע סודות:

## פרשת ויחי

ויחי יעקב בארץ מצרים פאר וואש זיינען דיא צווייא סדרות אין איינעם
פאר שטאפט עש איז ניט פאר האנדין קיין הפסק אין דער תורה
צווישין זיי אזו וויא אנדערע סדרות ווארום אז יעקב איז גישטארבין
האט זיך אן גיהויבין דער גלות פון מצרים אונ זייערע אויגין זיינען
פאר שטאפט גיווארין איבער דעם גלות מיט דעם שעבוד · רבי
שמעון זאגט פריער שטייט וישב ישראל בארץ מצרים אונ דער נאך שטייט
ויחי יעקב צוא ווייזין אזו וויא זייא זיינען גיוועזן גיוואונט מיט תענוגי
מלכות אזו אויך איז יעקב גיוועזן אין מצרים אין תענוגי מלכות דרום
שטייען דיא סדרות נאהונט איינש לעבין דעם אנדרין · אונ דרום
שטייט ויחי דען אלע זיינע טעג זיינען גיוועזן אין צער אזו וויא עש
שטייט לא שלותי ולא שקטתי אבער דיא טעג וואש ער איז גיוועזן אין מצרים
האט ער גיהאט איין גוט לעבין דאש איז בייא אים גיוועזן דער עיקר
לעבין אז ער האט גיזעהען אז דער זון איז איין מלך אונ זיינע קינדר
זיינען אלע צדיקים אונ זיינען אין תענוגי מלכות זייא האבין גילעבט
אזו וויא מלכים אונ ער איז גיזעסין צווישין זייא אזו וויא גוטער ווין
שטייט אויף זיינע הייבין שטיל דרום שטייט ניט קיין צווישין שייד
צווישין ויפרו וירבו אונ צווישין ויחי יעקב איינש הייננט אן אין דעם אנדרין
ווייל זייא האבין זיך גימערט מיט נחת אין זייער גוט גוועזן זייער לעבין
שבע עשרה שנה זאגט רבי שמעון דאש ווייזט חאטשע אלע יארין פון
יעקב זיינען גיוועזן מיט פיל צער אונ אז ער האט דער זעהען יוסף איז
בייא אים גלייך גיוועזן וויא ער האט קיין מאל קיין צער ניט גיהאט אונ
עש האט זיך אים גידאכט וויא ער זעהט רחל ווארום יוסף איז גיוועזן
אין איר שיינקייט גלייך מיט איר · אונ בשעת יוסף איז אוועק פון אים
איז יוסף אלט גיוועזן זיבצעהן יאר · אונ אין גאנצין לעבין האט ער
ניט גיהאט אזו אגרוישין צער וויא דיא זיבצעהן יאר האט ער אלץ
גיוויינט אויף דיא זיבעצין יאר דרום האט אים הקב"ה גיזאגט איך
וועל דיר געבין אנדערע זיבעצעהן יארי ויוסף ישית ידו על עיניך דו וועסט
האבין אזעלכע זיבצעהן יאר מיט גרויש תענוג דרום שטייט ויחי יעקב
בארץ מצרים׳ שבע עשרה שנה:

תניא מיר האבין גילערינט דיא גאנצע צייט איז דיא שכינה מיט אים
גיוועזן וואס זיא היישט דרום שטייט חיים ותחי רוח יעקב אביהם פון דר
צייט אן וואס ער איז גיוואר גיווארין אז יוסף לעבט האט זיין רוח
אויך גילעבט אבער פריער איז ער גיוועזן גלייך וויא אטויטער מענטש
ווארום דער רוח הקודש פון אויבין איז ניט שורה אויף דעם וואס
ער איז בצער זאגט רבי יוסי דיא שכינה רוט ניט נאר אויף אזו
איין ארט וואס איז גאנץ אן צער אבער ניט דארט וואו עש איז צער
אונ

אונ פריערקייט נייערט דארט וואו עס איז שמחה דרום זינט יוסף איז פאר לארין גיווארין איז יעקב ניט פריילך גיוועזן דרום האט אויף אים ניט גירוט דיא שכינה רבי אבא זאגט עס שטייט עבדו את ה' בשמחה באו לפניו ברננה עש איז ניט דא קיין שום עבודה פאר גאט נייערט מיט שמחה וויל דיא שכינה רוט ניט דארטין וואו עש איז קיין שמחה ניט דא דרום שטייט בייא אלישע והיה כנגן המנגן ותהי עליו רוח אלהים אז ער האט גישפילט אונ איז גיווארין פריילך איז אויף אים גיקומען דיא נבואה פון גאט :

ויקרבו ימי ישראל למות פרעגט רבי חייא עש שטייט ויחי יעקב בארץ מצרים פאר וואש בייא זיין לעבין רופט ער אים יעקב אונ בייא זיין טויט רופט ער אים אן ישראל אמער ישראל איז דאך אגרעשערע מעלה פון יעקב אונ אגרעשערע מדריגה · זאגט רבי יוסי עש איז רעכט וואָרום עש איז דאך קשה וואש שטייט ויקרבו ימי עש האבין גינעהענט די טעג פון ישראל צו שטארבין אמער אמענטש שטארבט דאך אין איין טאג אונ אין איין שעה ורגע עש וואלט באדארפט שטיין ויקרב יום ישראל למות עש האט גנעהנט דער טאג פון ישראל צו שטארבין אלא מיר האבין גילערינט אז עש קומט דיא צייט פון דעם מענטשין צוא שטארבין אזו ווערין גיציילט אלע טעג וואש ער האט גילעבט פאר הקב"ה אונ אז זייא גינעהענען פאר הקב"ה גידאכט אונ גיציילט ווערין אזו באלד שטארבט דער מענטש · וואול צוא דעם מענטשין וואש זיינע טעג קומען פאר הקב"ה אן חרפה אונ קיין שום טאג פון זיינע טעג ווערט ניט פאר שטויסין למעלה מיט גרויש חרפה וואול צו די צדיקים דאש זייערע אלע טעג גייען פאר הקב"ה דרום שטייט בייא דיא צדיקים דאש וואָרט קריבה ויקרבו ימי ישראל ויקרבו ימי דוד זייא האבין גינעהענט אלע פאר הקב"ה אן חרפה מחמת זייא האבין גיטאן אלע טאג מעשים טובים אבער וויא צוא דיא רשעים וואס בייא זייא שטייט ניט קיין קריבה זייא זאלין גינעהענען פאר הקב"ה ווייל זייא זיינען מיט חטאים דרום ווערין זייא ניט גיציילט פאר הקב"ה אונ ווערין ניט גידאכט למעלה דען דיא טעג פון דיא רשעים זיינען פאר דארבין אונ גיפיינט פאר הקב"ה אויף זייא שטייט דרך רשעים באפילה לא ידעו במה יכשלו אבער בייא יעקב שטייט ויקרבו ימי ישראל זייא האבין גינעהנט אן חרפה נייערט גאנצע טעג מיט גרויש שמחה ווייל זייא זיינען אלע גיוועזן גאנץ דרום שטייט דא ישראל דאש איז אהעכערע מדריגה אונ אז דוא ווערסט פרעגין עש שטייט דאך ויעקב איש תם אונ תם איז דאך טייטש גאנץ פון דעסט וועגין שטייט יעקב דער תירוץ איז קריבת הימים איז אגרעשערע מדריגה פון תם דרום מוז דא שטיין ישראל· רבי יוסי זאגט בשעת דיא טעג קומען גיציילט ווערין פאר הקב"ה איז פאר האנדין אמאל בייא איין זכאי אז זיינע טעג זיינען רחוק אונ בייא איין זכאי וואש זיינע טעג זיינען קרוב אונ ווערין ניט דער ווייטערט אונ זיינען נאהענט פאר אים אן חרפה וואול צוא זיין חלק דרום שטייט ויקרבו ימי ישראל זייא זיינען גיוועזן נאהענט :

ויקרא לבנו ליוסף פרעגט רבי יצחק איז דען יוסף אליין גיוועזן זיין זון אונ דיא אנדערע שבטים ניט אלא זאגט רבי אבא יוסף איז גיוועזן זיין זון מער פון אלע וואָרום מיר האבין גילערינט בשעת דאש ווייב פון פוטיפר האט אים מצער גיוועזן אז ער זאל מיט איר זיין שטייט ויבא הביתה לעשות מלאכתו ואין איש מאנשי הבית שם עש וואלט באדארפט שטיין ואין איש בבית וואלט משמע גיוועזן אז קיינער איז ניט גיוועזן אבער היינט איז משמע קיין שטוב מענטשין איז ניט גיוועזן אבער אנדערע מענטשין איז יוא גיוועזן אלא דיא צורה פון יעקב האט זיך דארטין באוויזין צוא אים דרום שטייט מאנשי הבית פון דיא שטוב מענטשין איז ניט גיוועזן אבער דיא צורה פון יעקב איז יוא גיוועזן אונ אז יוסף האט דער זעהען דיא צורה פון יעקב שטייט פאר אים האט ער מיט איר ניט גיזינדיגט קום אונ זעה עש שטייט וימאן ויאמר האט הקב"ה גיזאגט דא שווער איך בייא דיין לעבין ווייל דוא זאגשט וימאן דוא ווילשט ניט דען דער פאר וועט אויף דיר קומען איין אנדערער וימאן צוא בענטשין דיינע קינדער אונ דורך דעם וועלין זייא גיבענטשט ווערין אזו וויא דער פסוק זאגט וימאן אביו ויאמר ידעתי בני ידעתי וואָרום זאגט ער ידעתי צווייא מאל נאר אזו זאגט ער איך וויש וואול בשעת אז דוא האשט גיזעהען מיין צורה אונ האשט ניט גיזינדיגט וויש איך פון דענשט מאל אז דוא בישט מיין זון : נאך איין פשט איז וואש עש שטייט לבני ליוסף וואָרום ווער עש האט דער זעהען יוסף האט ער עדות גיזאגט אז ער איז דער זון פון יעקב דען זייא האבין ביידע איין צורה גיהאט אונ ווידער מחמת יוסף האט אים גישפייזט אויף דער עלטער דרום ווערט ער גירופין זיין זון מער פון אלע אונ ער האט גירופין צוא יוסף מער פון אלע ווייל יוסף האט מער מאכט גיהאט ער זאל אים טראגין קיין ארץ ישראל : רבי יוסי זאגט אמער יעקב האט דאך גיוואושט אז זיינע קינדער וועלין דא זיין אין גלות וואָרום האט ער ניט גיוואלט באגראבין ווערין אין מצרים אונ האט זיך גיהייסין טראגין קיין ארץ ישראל אמער וואלט דארטין זיין זכות מגין גיוועזן עש שטייט דאך כרחם אב על בנים אונ וואו איז דער רחמנות אז ער האט זיך גיהייסין פון דארטין אוועק טראגין אלא מיר האבין גילערינט בשעת ע[illegible]ערט קיין מצרים האט ער זיך זייער גיפארכטין אונ האט [illegible] מער וועלין מיי.ע קינדער חס ושלום דארטין פאר לאָרין [illegible] אונ וועלין זיך באהעפטין צוא דיא מצרים אונ טאמער וועט זיך דיא שכינה אפ טאָזין זיי עם שטייט ויאמר אלהים לישראל במראות הלילה אל תירא מרדה מצרימה כי לגוי גדול אשימך שם פארכט זיך ניט וואָרום איך וועל דיך מאכין צוא איין גרויש פאלק אונ איך וועל דארטין זיין מיט זייא האט יעקב ווידער גיזאגט איך פארכט מיך טאמער וועל איך דארטן באגראבין ווערין אונ וועל ניט זוכה זיין צוא באגראבין ווערין מיט מיינע עלטערין האט השי"ת צוא אים גיזאגט אנכי איך וועל דיך אויף ברייננען פון מצרים גם עלה איך וועל דיך אויף ברייננען צוא באגראבין ווערין מיט דיינע אבות אונ דרום האט ער זיך גיהייסין אויף ברייננען פון מצרים קיין ארץ ישראל ווייל ער האט מורא גיהאט דיא מצרים זאלין אים ניט מאכין פאר איין אפ גאט אונ ער האט גיזעהען אז הקב"ה וועט דער נאך גיצאָלט ווערין פון אלע אפ געטער אונ ווידער מחמת ער האט גיזעהען אז דיא שכינה וועט זיין מיט דיא ישראל דרום האט ער שוין ניט באדארפט רחמנות האבין אונ ליגין לעבין זייא · אונ ווידער ער האט גיוואלט אז זיין גוף זאל ליגין צווישין דיא אבות ווייל ער איז גיוועזן דאש שיינקייט פון אדם הראשון אונ זיין גוף איז גיוועזן פון דעם כסא הכבוד הקדוש דרום האט ער ניט גיקענט ליגין צווישין דיא רשעים אין מצרים נייערט צווישין דיא אבות דען ער איז גיוועזן דער כלל פון זייא אברהם ליגט מימין אונ יצחק לשמאל אונ יעקב אין מיטין נמצא איז ער דער כלל פון ביידע דרום שטייט ושכבתי עם אבותי דען עש איז

צווישין

צווישן זייא קיין צווישן שייד ניט דא חם ושלום דרום האט מען אים תיכף באדארפט טראגין אונ לייגין צווישן זייא ויקרא לבנו ליוסף וואש באדארף שטיין לבנו אלא ווייל זיין ווילין אונ זיין מחשבה איז נאר גיוועזן צוא רחל דרום האט ער פון אים מער הנאה גיהאט וויא פון אלע קינדער דרום האט לאה גיזאגט צוא רחל המעט קחתך את אישי דען דער גאנצער ווילין פון יעקב איז נאר גיוועזן אין רחל דרום שטייט ביא יוסף בנו · רבי שמעון הייבט אן עש שטייט הנסתרות לה' אלהינו קום אונ זעה וויא דער מענטש באדארף נזהר זיין פון עבירות אונ זאל זיך היטין ער זאל חלילה ניט עובר זיין דעם ווילין פון השי"ת דען מיר האבין גילערינט אז אלץ וואס דער מענטש טוט אויף דער וועלט ווערט עש אן גישריבין איין ספר אויף יענער וועלט אונ גייט אריין בחשבון לפני המלך אונ אלץ איז אנטפלעקט פאר השי"ת אזו וויא דער פסוק זאגט אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו אונ אז עש איז יוא אזו וויא אזו זאל זיך דער מענטש ניט פארכטין צוא זינדיגין פאר זיין הער · אויך האבין מיר גילערינט אז אפילו וואש דער מענטש האט במחשבה צוא טאן איין עבירה ווערט אלץ ניט פאר לארין פון הקב"ה קום אונ זעה אז יעקב האט זיך מייחד גיוועזן אן ערשטין מיט לאה ער האט גימיינט דאש איז רחל ווארום רחל האט איר מוסר גיוועזן דיא סימנים וואש יעקב האט איר גיגעבין אונ דעמאלט איז ראובן גיבארין גיווארין דרום האט ער גיזאגט צוא ראובן כחי וראשית אוני אבער השי"ת ווייש דאך אלע פאר בארגענע זאכין האט ער אויף גיבראכט דעם רצון פון יעקב אויף זיין ארט אונ האט גיגעבין דיא בכורה פון ראובן צוא יוסף ווארום יעקב האט זיך פארט גיטראכט עש איז רחל אונ ווייל דיא מחשבה איז אזו גיוועזן דרום האט יוסף גירשית דיא בכורה וואש [illegible] פון רחל אונ דרום הייסט ער ראובן דאש הייסט ראו בן זעהט איין זון אונ הייסט ניט ראובני זעהט מיין זון ווייל זיא האט דאש אלץ גיוואוסט · מיר האבין גילערינט אז דיא מחשבה פון יעקב איז חס ושלום ניט גיוועזן צוא זינדיגין ער זאל ווישין אז דאש איז לאה אונ טראכטין אויף אנאנדערער אזו וויא דער שטייגער פון דיא רשעים דיא קינדער ווערין אן גירופין מיט אנאנדער נאמען דרום שטייט ויקרא לבנו ליוסף דען ער איז זיין זון מתחלה ועד סוף :

בפרשת תרומה שטייט גרוישע סודות פון דיא קליפות אונ איז דארטין מאריך אז קיין קליפות קען ניט אריין קיין ארץ ישראל אונ דרום דיא קליפות פון דיא זיבין אומות וואש זיינען דארטין גיוועזן אז זייערע נשמות זיינען ארויש גיגאנגען פון זייא האט ארץ ישראל זייא ניט מקבל גיוועזן אונ זיא האט זייא דוחה גיוועזן ארויש אונ זיינען ארום גיגאנגען ביז זייא זיינען ארויש גיקומען אויש ארץ ישראל אונ דיא נשמות ישראל וואש זיינען דארטין גיוועזן זיינען אריין גיגאנגען לקדושה דען כל מין חוזר למינו אונ דיא נשמות וואש זיינען ניט אין ארץ ישראל אונ זיינען ארויש גיגאנגען פון דעם רשות הקליפות גייען זייא ביז זייא קומען אהין וואול צוא דעם מענטשין וואש זיין נשמה גייט ארויש בארץ הקדושה איז אין אים ניט שולט קיין רוח הטומאה דרום שטייט אז מען האט גיהאנגען איין מענטשין זאל מען אים דעם זעלבין טאג באגראבין כדי מען זאל דיא ערד ניט מטמא זיין ווארום ביא נאכט איז גיגעבין גיווארין רשות צו די קליפות צו שוועבין אויף דער וועלט אבער אין ארץ ישראל האבין זיי קיין רשות ניט צו שוועבין נאר אז זייא האבין איין כלי זיין צו גיין אהין דרום שטייט כי קבר תקברנו ביום ההוא ולא תטמא את אדמתך וואול דיא גופים פון דיא צדיקים וואש זייא האבין זיך ניט אריין גילאזט אין דיא נארישע תאוות פון דיא קליפות איז אויף זייא דיא קליפות ניט שולט אבער דיא וואש גייען נאך תענוגי עולם הזה אונ האבין זיך מטמא גיוועזן דעם גוף מיט זייערע מעשים רעים אז דיא נשמה גייט ארויש פון זייא האבין דיא קליפות אין זייא איין אחיזה זייא מטמא זיין אבער דיא צדיקים וואש האבין זיך קיין מאל ניט נאך גיגעבין תענוגי עולם הזה נאר אין שבת ויום טוב קען דער רוח הטומאה אויף זייא ניט שורה זיין · ווער עש שטארבט אין מצרים אונ זיין גוף ווערט טמא פון דעם רוח הטומאה וואש ווערט אין אים באהעפט קען ער ניט ריין ווערין ביז דר גוף ווערט פאר פוילט אונ אז מען ברייננט איין גוף טמא פון מצרים קיין ארץ ישראל אים צוא באגראבין דארטין זאגט אויף אים דער פסוק אין דעם לאנד איז קיין רוח הטומאה ניט שולט אונ איר ברייננט מיר אריין דעם גוף טמא איר זייט מטמא מיין לאנד נאר הקב"ה טוט פון דעסט וועגין איין רפואה צו דעם גוף ער זאל גיך פאר פוילט ווערין היינו ער מאכט ווייען איין גוטין ווינט דאש איז דוחה דעם רוח הטומאה פון דעם גוף נאר יוסף חאטשי ער איז גישטארבין אין מצרים האט פון דעסט וועגין אויף אים ניט שורה גיוועזן דער רוח הטומאה ווארום פאר זיין לעבין האט ער זיך ניט גיצויגין נאך דעם רוח הטומאה אונ פון דעסט וועגין האט ער פארט ניט גיוואלט מען זאל זיין גוף טראגין קיין ארץ ישראל נאר זיינע ביינער דרום האט ער גיזאגט והעליתם את עצמותי מזה מיינע ביינר זאלט איר אויף ברייננגען ניט דעם גוף פאר וואש האט יעקב זיך גיהייסין טראגין קיין ארץ ישראל ווייל ער איז ניט גישטארבין אונ זיין גוף איז גיבליבין אין זיין שטאנד ווייל עש איז ניט גיפונען גיווארין קיין פסול אין זיינע קינדער אלע צוועלף שבטים מיט זייערע קינדער ביז זיבעציג זיינען אלץ גיוועזן צדיקים דרום האט ער זיך ניט גיפארכטין פאר דעם צד הטומאה ער זאל אויף אים שולט זיין אונ ווידער מחמת זיין שוינקייט איז גיוועזן אין גישטאלט פון אויבין אונ דאש שוינקייט אונ אלע אברים איז גיוועזן אין גישטאלט פון אדם הראשון דרום שטייט ושכבתי עם אבותי ונשאתני ממצרים איר זאלט דעם גאנצין גוף טראגין פון מצרים קיין ארץ ישראל · דרייא חלקים איז פאר האנדין אין דעם מענטשין זייא הייסין נפש רוח ונשמה אונ אלע זיינע[illegible] אין איינעם אונ אין דרייא ערשטער איז איר כח דער נפש איז אין קבר ביז דר גוף ווערט פר פוילט אונ מיט דעם נפש באווייזט זיא זיך צווישן דיא לעבעדיגע כדי מען זאל ווישין זייער צער אונ צוא בעטין השי"ת אויף זייא · דער רוח גייט אריין תיכף אין גן עדן התחתון אונ דארטין ווערט ער איש גימאלט אין גישטאלט פון איין גוף פון דער וועלט אונ האט דארטין הנאה פון זיו הגן אונ אין שבת ויום טוב וראש חודש גייט זיא ארויף אין גן עדן העליון אונ האט דארטין הנאה דער נאך קערט זיא זיך ווידער אום צוא איר ארט אונ אויף דעם שטייט והרוח תשוב אל האלהים · אונ דיא נשמה גייט תיכף ארויף אויף איר ארט פון וואנען זיא איז ארויש גינומען גיווארין אונ כל זמן דיא נשמה איז ניט ארויף גיגאנגען אויף איר ארט ווערט דער רוח ניט גיקריינט אין גן עדן התחתון אונ דער נפש ווערט ניט מיושב אויף איר ארט אונ אז דיא נשמה קומט אויף איר ארט דען האבין אלע מנוחה אונ אז דיא וועלט איז בצער אונ מען גייט אויף דעם בית הקברות בעטין

דר וועקט זיך דער נפש וואס אין קבר אויף דעם גוף אונ דר נפש דר וועקט דעם רוח אונ דער רוח דער וועקט דיא נשמה אונ דיא נשמה שטעלט זיך פאר הקב"ה דענשט מאל האט הקב"ה רחמנות אויף דער וועלט אונ כל זמן דיא נשמה גייט ניט ארויף אויף איר ארט דא גייט דער רוח אונ שטעלט זיך אויף דער טיר פון דעם גן עדן אונ מען עפינט אים ניט אויף דיא טיר אזו גייט ער אונ שוועבט אונ קיינער איז אויף אים ניט משגיח אונ ער זעהט וויא דיא ווערים עסין דעם גוף אונ ער קלאגט אויף דעם גוף אונ שוועבט אליין אויף דער וועלט ביז די נשמה קומט אויף איר ארט קומען זייא אלע אויך אויף זייערע ערטער דען זייא זיינען אלע אן גיקניפט איינש אין דעם אנדערין דער נפש שפייזט דעם גוף אונ איז איין שטול צוא דעם רוח דען זיא ווערט גישפייזט צוא דעם רוח אונ ווערט דער לייכטין פון אים אונ דער רוח איז איין שטול צוא דער נשמה דאס דער רוח ווערט דער לייכט פון איר ליכט אונ אפילו זייא צוא שיידין זיך זיינען זייא פארט ניט אין גאנצין אפ גישייד · דער נפש איז בייא דעם גוף אין קבר · דער רוח איז אין גן עדן התחתון · דיא נשמה איז אין גן עדן העליון אונ כל זמן דיא בייגער זיינען נאך אין קבר איז דער נפש אליין דארטין אונ דיא נשמה ווערט גיקרייגט מיט איין היילגע קרוין אונ דער רוח שטייט באור העליון היינו אונ שבת ויום טוב וראש חודש לייכט דער נפש אונ פינקילט פון זייא אונ ווערט מגולה מיט אלע בייגער אזו וויא צוא דעם ערשטין אונ זייא גייען ארויף אונ לויבין צוא השי"ת אזו וויא דער פסוק זאגט כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך אונ דרום שטייט ניט אמרות נייערט תאמרנה זייא וועלין דער נאך זאגין ה' מי כמוך אונ אז מען זאל געבין רשות צוא דיא אויגין זאלין זעהען וואלטין זייא גיזעהען אום שבת ויום טוב וראש חודש אזו וויא צורות שטייען אויף דיא קברים אונ זיינען מודה ומשבח צוא הקב"ה אבער דאס טפשות אונ שטות דאס איז מעכב אז זייא זאלין ניט ווישין אונ זיינען ניט משגיח אויף וואס זייא שטייען אויף דער וועלט אונ באגערין ניט משגיח צוא זיין בכבוד מלך עליון אויף דער וועלט ומכל שכן בעולם הבא אונ זיינען ניט משגיח צוא ווישין אז דיא נאכט פון ראש השנה ווערט דיא וועלט גימשפט אונ דיא כסא הדיינים שטייען פאר דעם מלך עליון דן צוא זיין דיא וועלט דען שוועבין אלע נפשות מתפלל צוא זיין אויף דיא לעבעדיגע אונ די נאכט פון הושענא רבה אז דער דין איז שוין ארויש גיגאנגען גייען זייא אונ שוועבין צוא הערין אונ צוא ווישין וואס פאר איין דין איז נגזר גיווארין אויף דער וועלט אונ צוא צייטין זיינען זייא דאס מודיע דיא לעבעדיגע אין חלום אזו וויא דער פסוק זאגט בחלום חזיון לילה בנפול תרדמה על אנשים איז דער נפש מודיע צוא דיא לייט כדי זייא זאלין זיך מקבל זיין מוסר אונ תשובה טאן אונ אין דער נאכט וואס דיא קוויטליך פון דעם פסק דין גייען ארויש אזו ווערט אפ גיטאן דער צל פון די מענטשין וואס זייא באדארפין שטארבין דאס יאר אונ דער נפש וואס מיר זאגין אויבין שוועבט אונ איין ממונה וואס ער התמית נידערט אראפ אין דער נאכט אונ כמה אלפים ורבוא רבבות מיט אים אונ נעמען דעם צל פון איטליכין באזונדער אונ ברענגען אים ארויף למעלה אונ דער נפש שוועבט אונ זוכט דעם צל אונ קערט זיך ווידער אום אין קבר אונ רופט אויש אז דער מענטש וועט צוא אונז קומען איז ער איין צדיק פרייען זיך אלע אונ אויב ניט שרייען אלע וויא אונ אז מען ברענגט ארויף דעם צל ברענגט מען אים צוא דעם עבד נאמן מט"ט אונ ער נעמט דעם צל אונ ברענגט אים אויף אויף זיין ארט ומאותו שעה גרייט מען שוין אן איין ארט צוא דער נשמה אונ איין ארט צוא דעם רוח אין גן עדן תחתון אונ איין ארט צוא דעם נפש ער זאל האבין איין מנוחה אונ נהנה זיין בשעת ער שוועבט אונ גייט דען עש איז פאר האנדין איין נפש וואש ער האט קיין מנוחה ניט דאש איז דער נפש וואש ער ווערט פאר שניטין פון דעם גוף דער האט קיין מנוחה ניט ער גייט ארום אונ שוועבט אונ איז זיך מתגלגל אויף דער גאנצער וועלט אונ האט קיין מאל קיין מנוחה ניט יום ולילה דאש איז דער ערשטער עונש אויף דעם נפש שטייט והכרתי אותה מקרב עמה דער נפש האט קיין שום זכרון ניט למעלה אונ ווידער איז פאר האנדין איין נפש וואש ער ווערט ניט אזו פאר שניטין וויא יענער אויף דעם שטייט ונכרתה הנפש ההוא מלפני אני ה' וואש מיינט מען מלפני דאס מיינט מען דער רוח רוט ניט אויף אים ער האט קיין שותפות ניט צוא ווישין וואס למעלה איז אונ ווייסט ניט וואס אויבין איז ווייל דר רוח רוט אויף אים ניט אונ איז אים ניט מודיע ער איז גלייך וויא איין נפש פון איין בהמה אבער דער נפש וואס ער האט יוא מנוחה דער גייט אונ שוועבט אויף דער וועלט באגעגינט ער דעם ממונה דומ"ה מיט זיינע חיילות ושרים נעמען זייא דעם נפש אונ ברייינגען אים אין אלע טירין פון דעם גן עדן אונ ווייזין אים דעם כבוד פון דיא צדיקים אונ דעם כבוד פון זיין רוח אונ דער נפש איז זיך מדבק מיט זיין רוח מיט זיין לבוש דען רעט דער רוח מיט איר אין וועלט זאכין · זכאין דיא צדיקים וואס זיינען יראי השם אויף דער וועלט אונ גייען מיט דרייא מנוחות אויף יענער וועלט :

קם רבי שמעון איז אויף גישטאנען אונ בענטשט צוא רבי אבא אונ זאגט זכאין זייט [illegible]נדער אונ זכאה בין איך דאס מיינע אויגין זעהן דאס ד[illegible]קמות עליונים זיינען צו אונז אן גיבריים אונ דער לייכטין אונז לעולם הבא · רבי שמעון זאגט וואל צוא דער נשמה פון יעקב חאטשע זיא איז אויש גיגאנגען אין מצרים איז זיא פארט ניט אויש גיגאנגען ברשות אחר אזו וויא מיר האבין גילערינט אז זינט דיא וועלט איז באשאפין גיווארין איז נאך ניט גיוועזן אזו איין מטה שלימה וויא דיא מטה פון יעקב איז גיוועזן אז זיא איז גאר אוועק פון דער וועלט איז דיא נשמה תיכף נתקשר גיווארין אין איר ארט אזו וויא אויבין איז גישטאנען אונ אז יעקב איז ארין אין דער מערה איז דארטין גיפונגען גיווארין אלע רוחות פון דעם גן עדן אונ דיא מערה האט גילייכט מיט פיל ליכט אונ איין ליכט האט גיברענט אונ אז דיא אבות זיינען גיקומען צוא יעקב אונ האבין דער זעהען דיא אלע מצרים וואס זיינען מיט אים גיקומען איז תיכף אפ גיטאן גיווארין דאס ליכטיקייט פון דער ליכט אונ אז יעקב איז ארין אין דער מערה האט זיך דאס ליכטיקייט ווידער אום גיקערט אזו וויא עס איז גיוועזן תמיד אונ דיא מערה האט קיין מאל ניט מקבל גיוועזן קיין שום מענטשין אונ זיא וועט קיין מאל ניט מקבל זיין נייערט די אבות גהערין דארטין צוא ליגען אונ אלע נשמות הצדיקים מוזין דורך גיין דורך דער מערה כדי דיא אבות זאלין זעהען זייערע קינדער וואס זייא האבין גילאזט אויף דער וועלט אונ זאלין זיך משמח זיין פאר הקב"ה רבי אבא פרעגט וואס איז דאס פאלמעסין וואס מען האט גיפאלמעסט צוא יעקב אויב דוא וועסט זאגין דרום ווייל מען האט אים באדארפט פירין אויף דעם וועג אמאי יוסף איז דאך גיבליבין אין מצרים אונ פון

דעסט וועגין שטייט וימת יוסף ויחנטו אותו אונ מען האט אים גיבאלזאמירט אלא מען האט דאס גיטאן כדי דער גוף זאל איין קיום האבין אזו וויא צוא דיא מלכים טוט מען היינו מען האט אים גיבאלזאמירט מיט דיא בעסטע אוילין אונ מיט דיא טייערע בשמים גימישט אונ דורך דעם האט דער גוף איין קיום פיל צייט דען דיא ערד פון ארץ ישראל אונ פון מצרים פאר לענדין גיך דעם גוף האט דאש גימאכט איין קיום צום גוף אונ יעקב האט גימוזט זיין בקיום גוף ונפש ווייל ער האט גזעהן דער גוף פון דיא איבעריגע אבות איז גאנץ דרום האט זיין גוף אויך גימוזט זיין גאנץ דעסט גלייכין יוסף איז אויך גיוועזן אין דעם גלייכין פון יעקב דרום איז ער אויך גיבליבין בקיום גוף ונפש קיום הגוף איז גידרונגען פון ויחנטו אותו אונ קיום הנפש שטייט ויושם בארון במצרים ווייל ער איז גיוועזן איין צדיק איז תיכף זיין נשמה מקושר גיווארין אין דער שכינה אזו שטייט והנה ארון-ברית ארון כל הארץ דרום ווייל ער האט אפ גיהיט דעם היליגן צייכן שטייט אויף אים ויושם מיט צווייא יודין אזו ווי איין צדיק וואס ער ירשה'ט דעם ארץ החיים למעלה אזו זאגט דער פסוק ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר :

סליק ספר בראשית

# פרשת שמות

ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו • והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע וגו' והמשכילים דאס זיינען דיא וואס קליגין אונ זיינען עוסק בתורה צוא לערנען דיא סודות הקבלה יזהירו כזוהר הרקיע דיא וועלין לייכטין אונ פינקלען אזו וויא דיא איבערשטע ליכט וואס לייכטין אויש דעם כנהר היוצא מעדן דאס פון דר ליכט ווערן גשפייזט אלע עולמות אונ זיינן נהגה דער פון וואס דארטין זייגען נסתם כל רזין דאורייתא אונ דארטין לייכטין שמש וירח כוכבים ומזלות עליונים אזו וועלין לייכטין די בעלי קבלה ווייטער זייגען סודות ביז ואלה שמות בני ישראל איך האב דאס גישריבין דרך נגלה להוריע שבחת של תורה ועוסקיה רבי שמעון האט אן גיהויבין עס שטייט היה היה דבר ה' אל יחזקאל ווארום שטייט צווייא מאל היה אונ ווידר יחזקאל איז גיוועזן איין נביא נאמן ווארום האט ער אלץ מגלה גיוועזן וואס ער האט גיזעהן ווען איין מלך פירט אייגעם אין זייגע חדרים אונ היכלות [illegible] אים זייגע פאר בארגענע זאכין גישיקט זיך ניט ער זאל מגלה זיין וואס ער האט גיזעהן אונ ווידער משה רבינו עליו השלום האט מער גיזעהן אונ האט גאר ניט מגלה גיוועזן אונ ווידר מיר האבן דאך גלערינט אז די שכינה רוט ניט אין חוץ לארץ וויא אזו האט יחזקאל דאס אלץ גיקאנט זעהען אין חוץ לארץ אונ ווידער דיא רייד זייגען אזו וויא אייגער איז ניט מיט קיין גאנצער דיעה נאר יחזקאל איז בודאי גיוועזן איין נביא נאמן אונ אלץ וואש ער האט גיזעהען איז גיוועזן באמונה אונ הקב"ה האט אים גיהייסין מגלה זיין עש האט גימוזט אזו זיין זאגט רבי שמעון מיר זעהען דאך וועד עש איז תמיד גיוואונט מיט צער אונ עגמת נפש אז עש קומט אים אן איין צער קען ער דאש פאר נעמען אונ זאל עש ליידין אבער ווער עש איז ניט גיוואונט מיט צער נאר מיט תענוגים אז עש קומט אויף אים איין צער קען ער דאש גאר ניט ליידין אונ פאר נעמען דרויף מוז מען וויינען דיא ישראל וואס האבין גינידערט קיין מצרים זייגען גיוועזן גיוואונטליך מיט צער דען אלע יארין פון יעקב זייער פאטער איז אלץ גיוועזן מיט צער ויסורים דרום האבין זייא גיקאנט פאר נעמען דעם גלות פון מצרים אבער דער צער פון גלות בבל איז גיוועזן זייער אגרוישער צער אויף דעם האבין גיוויינט די מלאכים פון דעם הימל אזו וויא עס שטייט הן אראלם צעקו חצה מלאכי שלום מר יבכיון אונ די מענטשין האבן אויך גיוויינט אזו וויא עס שטייט על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון פאר וואס איז דאס אלץ ווייל זייא זייגען גיוויינטליך גיוועזן מיט גרוישע תענוגים וויא דר פסוק זאגט בני ציון היקרים המסולאים בפז אונ אצונד האבן זייא גינידערט אין גלות בבל אונ האבין גיטראגין מיל שטיינער אויף זייערע אקסלען אונ די הענט גיבונדין אהינטר זיך אז זיי זיינן גיקומן קיין גלות בבל האבין זייא זיך גיטראכט אז הקב"ה וועט זייא שוין חלילה פאר לאזין אויף אייביג מיר האבין גילערינט אז אין דער צייט האט הקב"ה גירופין זיין גאנצע פמליא של מעלה אונ זיין חייל מיט אלע שרים פון אויבין אונ האט זייא גיזאגט וואס טוט איר דא אויף דעם הימיל דען מייגע קינדער זייגען אין גלות שטייט אויף וועלין מיר אלע איך וועל אויך מיט אייך נידרין אין גלות אזו ווי עס שטייט כה אמר ה' למענכם שולחתי בבלה פון אייערט וועגין האב איך גינידערט קיין בבל אזו זאגט הקב"ה והורדתי בריחים כלם דאש מיינט מען אלע מרכבות וחילות עליונים האבין איך אלע גינידערט קיין בבל אין דער צייט האבין זיך גיעפינט דיא הימלן אונ דיא נבואה האט גירוט אויף יחזקאל אונ האט גיזעהן וואס ער האט גיזעהן אונ זאגט צוא דיא ישראל איר זאלט ווישין אז אייער האר מיט אלע זייגע חיילות זייגען גיקומען מיט אייך וואונען אין גלות האבין זייא ניט גיוואלט גלייבין ביז ער האט גימוזט מגלה זיין אונ האט גיזאגט וארד וארא איך האב אראפ גינידערט האב איך גיזעהען אזו וויא איך זאג אייך אונ דאש וואש ער האט מגלה גיוועזן איז אלץ גיוועזן כדי דיא ישראל זאלין גלייבין וועלין זייא זיך משמח זיין אז זייא האבין שוין גיהערט דיא רייד פון יחזקאל האבין זייא זיך שוין גאר ניט גיזארגט אויף דעם גלות זייא האבין שוין זיך פאר זיכערט אז הקב"ה וועט זייא דארט ניט לאזין מיר האבין גילערינט אין אלע ערטער וואו דיא ישראל זייגען פ[illegible] מפריבין גיווארין איז דיא שכינה אויך גיוועזן מיט זייא דאס שטייט בייא גלות מצרים ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איז דאך קשה עס שטייט דאך שוין בני ישראל וואס דארף שטיין את יעקב עס וואלט בדארפט צוא שטיין אתו נאר אלה שמות בני ישראל מיינט מען די חיילות עליונים האבין גינידערט קיין מצרים מיט דער שכינה אונ מיט יעקב • רבי חייא הייבט אן עס שטייט אל תלחם לחם רע עין דיא הנאה אונ דאס ברויט פון דעם מענטשין וואס איז איין רע עין איז ניט גוט צוא עסין אדער הנאה האבין דען וואלטין דיא ישראל ניט גיוועזן גיגעסין פון דעם לחם מצרים וואלטין זייא ניט גיבליבין אין גלות מצרים אונ וואלטין ניט גיהאט קיין צרות זאגט רבי יצחק עש איז אבער דאך אזו נגזר גיווארין בברית בין הבתרים ענטפערט רבי חייא עש איז רעכט עס שטייט דען כי גר יהיה זרעך בארץ מצרים עש שטייט דאך נאר בארץ לא להם זיי זאלן זיין אין איין אנדר לאנד אבר ניט אין אזו איין צרה וויא אין מצרים רבי יצחק זאגט דר מענטש וואס ער איז אבעל נפש דאס הייסט ער עסט פיל אונ מיין פון אנדערין אדער ער

גייט נאך וואש זיין הארץ גרוסט אים אז ער בגעגינט איין רע עין דאס היישט אמענטש איין קמצן זאל ער זיך פון אים דר ווייטרין אונ זאל ניט עסין פון זיין ברויט דען עש איז ניט דא קיין ערגערער ברויט אויף דער וועלט וויא פון דעם רע עין אזו וויא עס שטייט כי לא יוכלון המצרים לאכול את העברים לחם כי תועבה היא למצרים :

תלתא עש איז פאר האנדין דרייא זאכין וואש זיינען דוחה די שכינה פון דער וועלט אונ מענטשין שרייען אונ זייער קול ווערט ניט גיהערט איינש איז דער וואש ליגט בייא איין נדה דען עס איז ניט פאר האנדין קיין שטארקערע טומאה אויף דער וועלט פון טומאת נדה ער ווערט טמא אונ אלע וואש גינעהענען צוא אים ווערין טמא אונ וואו זייא גייען לויפט דיא שכינה אוועק פון זייא אונ ניט דאש אליין נאר ער איז נאך גורם חלאים רעים אויף זיך אונ אויף זיינע קינדער וואש ער גיווינט דער נאך דען אז דער מענטש גינעהנט צוא דער נדה שפרינגט אויף אים דיא טומאה אונ ער ווערט טמא אין אלע אברים אונ דיא קינדער וואש ער האט דער פון ציהט ער זיך דרויף דער רוח הטומאה אונ ער איז כל ימיו בטומאה ווייל דער בנין ויסוד פון אים איז גיוועזן בטומאה אזו וויא עש שטייט ותהי נדתה עליו אונ דאש אנדרע איזדער וואש איז גילעגן בייא איין מואבית אונ מיר האבין גילערינט עש איז ניט דא קיין קנאה פאר הקב״ה וויא דיא קנאה פון דעם וואש איז פוגם דעם ברית קודש דען דאש איז דער קיום פון דעם שם הקודש אונ דער סוד אמונת היחוד עש שטייט אין פסוק ויחל העם לזנות אל בנות מואב שטייט תיכף ויחר אף ה׳ בישראל אונ דיא ראשי העם האבין גיוואושט דער פון אונ האבין זייא ניט גיווערט דרום זיינען זייא צום ערשטין גישטראפט גיווארין אזו וויא עש שטייט קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה׳ נגד השמש זאגט רבי אבא דער ברית היישט שמש דרויף שטייט כי שמש ומגן ה׳ אלהים אזו וויא די זון לייכט צו דר וועלט אזו לייכט דער ברית צוא דעם גוף אזו וויא איין פאנציר איז מגין אונ בשיצט אויף דעם מענטשין אזו אויך דער ברית קודש איז אמגין אויף דעם מענטשין אונ דער וואס היט דעם ברית קודש אזו וויא עס בדארף צו זיין קען קיין שום נזק אין דער וועלט צוא אים ניט גינעהענען דרום שטייט נגד השמש אונ אין איטליכין דור ווערין דיא ראשים ומנהיגים גענש דער פאר אז זייא ווייזין אז מען זינדיגט מיט דעם אונ זייא דרשנן ניט פון [illegible] וועגין אויף דעם פגם הברית אונ דער וואס איז מיט אפרעמדער זאגט אויף אים דער פסוק לא יהיה לך אלהים אחרים על פני לא תשתחוה להם ולא תעבדם כי אנכי ה׳ אלהיך אל קנא עס איז דרויף איין קנאה פון הש״ית אונ מחמת דעם ווערט דיא שכינה נדחה דען דער וואס איז פוגם אונ איז משקר אין דעם ברית וואס איז גחתמת אין דעם לייב פון דעם מענטשין איז גלייך וויא ער לייקינט אין חותם המלך אונ אין דעם שם הקודש אונ דער וואס לייקינט אין חותם המלך לייקינט ער דאך אין דעם מלך אליין אונ ער האט ניט קיין חלק באלהי ישראל נייערט מיט גרויש תשובה קען ער זיך ווידער מתקן זיין אונ דאש דריטע איז דער וואס איז ממית זיינע קינדער וואס זיין ווייב טראגט אונ ער איז גורם אז זייא זאלין שטארבין אין אירע גידערים ער איז סותר דעם בנין פון הש״ית דען אנדער גזלן הרגת פרעמדע לייט אונ ער הרגת זיינע אייגינע קינדער דרייא רעות טוט ער וואס דיא וועלט קען עס ניט ליידין אונ דריבער ווערט דער עולם צוא גאנגען איינציג ווייש אונ מען ווייש ניט אונ הש״ית ווערט אפ גיטאן פון דער וועלט אונ עס קומט אויף דער וועלט חרב רעב מות איין שווערד אונ הונגער אונ טויט זייא זיינען סותר דעם בנין פון דער וועלט זייא זיינען דוחה די נשמה זיא שוועבט אין דער וועלט אונ גיפינט ניט קיין מנוחה אונ דרויף ווייינט דער רוח הקודש אונ דיא וועלט ווערט גימשפט מיט אלע דינים ווייא איז צו דעם מענטשין עס וואלט בעסער גיוועזן ער זאל גאר ניט גיוועזן בשאפין ווערין אויף דער וועלט וואול צו די ישראל אז זייא זיינען גיוועזן אין מצרים זיינען זייא ריין גיוועזן פון דיא דרייא פון נדה אונ פון זנות מואבית אונ פון ממית זיין דיא קינדער חאטשע עס איז נגזר גיווארין אז מען זאל זייערע קינדער אין טייך ארין ווארפין [illegible] פארט ניט גפונען גיווארין צווישין זייא אז זייא זאלין הרגן זייערע קינדער אין דער מוטרש לייב ומכל שכן דער נאך ובזכות זה זיינען זייא ארויס גיגאנגען פון דעם גלות פון וואנען איז גידרונגין אז פון נדה האבין זייא זיך גיהיט זאגט רבי חייא פון דעם פסוק עס שטייט ויעש כיור נחושת ואת כנו נחושת במראות הצובאות דרום האבין דיא ווייבר זוכה גיוועזן אז מען זאל מאכין דעם כיור פון זייערע שפיגיל ווייל זייא האבן זיך גיהיט פון נדה אין מצרים אונ אז זייא האבין זיך מטהר גיוועזן פלעגין זייא קומען צוא זייערע מאנען גיצירט אונ האבין גיקוקט מיט זייערע מאנען אין שפיגיל אונ האבין זייא דורך דעם מעורר גיוועזן צוא פריה ורביה אונ פון מואבית זיינען זייא גזהר גיוועזן ווארום עש שטייט יצאו כל צבאות ה׳ אונ ווידער שטייט שבטי יה עדות לישראל דער שם יה איז איין עדות צוא דיא ישראל אז זייא האבין ניט מזנה גיוועזן אזו ווי עש שטייט ואלה שמות בני ישראל שבטי בני ישראל דבר אל בני ישראל אז דוא וועסט פרעגין עס שטייט דאך והוא בן איש מצרי עס איז נאר איינר גיוועזן האט אים דיא תורה מפרסם גוועזן דרום שטייט וועד ער איז גיוועזן ושם אמו שלומית בת דברי למט[illegible] [illegible]א האבין ניט ממית גיוועזן זייערע קינדר אין דער מוטרש בויך [illegible]ערט זייא האבין עוסק גיוועזן בפריה ורביה אזו וויא עס שטייט ובני ישראל פרו וישרצו וירבו פון דיא אלע דרייא זיינען דיא ישראל גיהיט גיוועזן בשעת זייא זיינען ארין גיגאנגען קיין מצרים עס שטייט בני ישראל אונ אז זייא זיינן ארויש גיגאנגען שטייט אויך בני ישראל בייא דעם ארין גיין שטייט ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה אונ בייא דעם ארויס גיין שטייט ובני ישראל יוצאים ביד רמה רבי שמעון זאגט אז דיא שכינה האט גינידערט קיין מצרים האט זיא מיט איר גיפירט צוויא אונ פערציג מלאכים הקדושים וואס איטליכער האט גיהאט איין אות פון דעם שם הקודש מיט זיך אונ זייא אלע האבן גינידערט מיט יעקב קיין מצרים דרום שטייט ואלה שמות וגו׳ ואלה בטרעפט צווייא אונ פערציג דאס איז אנטקעגין די צוויי אונ פערציג מלאכים וואס האבין מיט זייא גינידערט :

רבי יצחק איז גישטאנען פאר רבי אלעזר בן ערך אונ האט גיזאגט די שכינה האט גינידערט קיין מצרים אזו וויא עס שטייט ואמר אנכי ארד עמך מצרימה זאגט רבי אלעזר קום אונ זעה אז דיא שכינה האט גינדערט מיט יעקב קיין מצרים האט מיט איר גינידערט טויזנט הייליגע מרכבות דרום שטייט בייא זייער ארויש גיין כשש מאות אלף רגלי דיא זיינען אלע ארויס גיגאנגען מיט די ישראל ווארום אזו וויא די ישראל זיינען אונטין ארויש גיגאנגען אזו זיינען למעלה דיא שש מאות אלף מרכבות אויך ארויס גיגאנגען אונ דיא ישראל האבין דאס גיזעהן אונ גיוואושט אז זייא האבין זיך אויבין פאר זאמט פון זייערט וועגין דרום שטייט ולא יכלו להתמהמה זיי האבין זיך ניט גיקאנט זאמען אונ עש

שטייט ניט ולא רצו זייא האבין ניט גיוואלט ווארום אין אמת האבין זייא זיך ניט גיקאנט זאמען איבער דיא מלאכים אונ דרום שטייט ואת יעקב אונ שטייט ניט אתו ווארום דאש גייט אויף דיא מרכבות פון איבין וואש זיינען גיקומען מיט יעקב זאגט רבי יהודה עש איז איין קל וחומר ומה דאך אז יעקב איז גיצול גיווארין פון לבן שטייט ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים איז שוין אבל שכן אז ער האט גינידערט קיין מצרים אונ הקב"ה האט אים גיזאגט אנכי ארד עמך מצרימה איז דאך רעכט אז דיא קנעכט זאלין אויך מיט אים נידערין ׳ רבי חייא איז גיגאנגין פון אושא קיין לוד ער האט גירימין אויף איין אייזיל אונ רבי יוסי איז אויך מיט אים גיוועזן האט רבי חייא אראפ גינידערט [illegible] גענומט אן רבי יוסי בייא דער האנט אונ זאגט צוא אים דיא מענטשין זאלין ווישין דעם כבוד וואש יעקב האט גיהאט בשעת הקב"ה האט אים גיזאגט אנכי ארד עמך מצרימה וואלטין זייא גיקושט דיא ערד פון דרייא מייל ביז זיין קבר דען דיא מארי מתניתין האבין מפורש גיוועזן דעם פסוק ויצא משה לקראת חותנו אז אהרן האט גיזעהען אז משה גייט אנטקעגין איז ער מיט זיין זון אלעזר מיט אלע נשיאים וזקנים אונ כל ישראל זיינען נאך גיגאנגין ווארום ווער איז דען אזו אמענטש זאל זעהען אז אזעלכע גרוישע לייט גייען אונ ער זאל ניט גיין ׳ קענין מיר פאר שטיין אז מחמת דעם כבוד פון משה איז אזו גיוועזן מכל שכן ועל אחת כמה וכמה אז הקב"ה האט גינידערט קיין מצרים מיט דיא ישראל האבין בוודאי מיט אים גינידערט אלע היילגע מלאכים ומרכבות עליונים ותחתונים דרום שטייט הבאים מצרימה את יעקב רבי אבא הייבט אן עש שטייט אתי מלבנון כלה אתי מלבנון תבואי מיר האבין גילערינט רבי יצחק זאגט ווייא צוא דיא לייט זייא ווישין ניט אונ טראכטין ניט וויא אזו צו דינען צו השי"ת אלע טאג גייט ארויש איין בת קול פון דעם בארג חורב אונ זאגט ווייא איז צוא דיא לייט פון זייער דינשט צוא השי"ת ווייא איז צוא דיא לייט פון דעם בזיון פון דער תורה דען איטליכער מענטש וואש לערינט תורה אונ טוט גוטע מעשים אויף דער וועלט דער ירשת עולם הבא אונ דער וואש לערינט ניט קיין תורה אונ טוט ניט קיין מעשים טובים דער האט ניט דיא וועלט אונ ניט יענע וועלט פרעגט אים רבי יהודה מיר האבין דאך גילערינט אז איטליכער מענטש האט איין חלק לעולם הבא וועדליג ער איז ווערט נאך זיינע מעשים נאך זאגט רבי יצחק אונזערע רייד איז נאר גיזאגט גיווארין אז ער לערינט גאר ניט אונ האט גאר ניט קיין מעשים טובים דער האט ניט ביידע וועלטין זאגט רבי יהודה ווען דיא לייט זאלין ווישין דאש ליבשאפט פון הקב"ה צוא דיא צדיקים וואלטין זייא גישריען וויא דיא לייבין אונ לעמפערטין נאך יאגין צוא טאן דעם רצון פון הקב"ה ווארום מיר האבין גילערינט בשעת הקב"ה האט גינידערט קיין מצרים האט ער גירופין צוא זיין פמליא וחיילות של מעלה אונ האט זיי גיזאגט נידערט קיין מצרים ווארום איך וועל אויך מיט אייך גידערין ווייטער זיינן אביסיל סודות:

רבי חייא זאגט פאר רבי שמעון ווארום האט דיא תורה צום ערשטין גיציילט דיא בני יעקב צוועלף שבטים אונ דער נאך זיבעציג מענטשין אזו וויא עש שטייט כל הנפש הבאה למצרימה שבעים נפש ענטפירט אים רבי שמעון דאש איז צוא ווייזין אז עש איז גיוועזן זיבעציג אומות אונ דיא ישראל זיינען אויך זיבעציג נאך האבין מיר גלערינט אל דינג וואש עש איז פאר האנדין אונטין אזו איז אויבין אויך אזו אין דער מרכבה עליונה זיינען צוועלף ממונים וואש זיי האבין זייער כח פון די צוועלף צירופים פונדם היילגין נאמן פון דאנן צו טיילט זיך דר כח צו די זיבעציג שרים אונ די צוועלף ממונים לייכטין צו די צוועלף מזלות אונ אלע פיר זייטין פון דר וועלט אזו זיינען די ישראל גוועזן למטה דרום זיינען זייא אין ערשטין גיציילט גיווארין צוועלף אונ דער נאך זיבעציג דרום שטייט יצב גבולות עמים למספר בני ישראל אויך שטייט כי בארבע רוחות השמים פרשתי אתכם ווארום שטייט ניט כארבע נאר בארבע דאש ווייזט מיר אזו וויא דיא וועלט קען ניט זיין אן פיר זייטין אזו איז ניט מיגלעך גיוועזן בשעת מתן תורה אן דיא ישראל:

ויקם מלך חדש רבי אבא האט אן גיהויבין צוא זאגין אשריכם זורעי על כל מים משלחי רגל השור והחמור וואול צוא דיא ישראל וואש הקב"ה האט אין זייא באגערט בשעת מתן תורה אונ האט זייא צוא זיך מקרב גיוועזן אזו שטייט ובך בחר ה׳ להיות לו לעם סגולה אויך שטייט כי חלק ה׳ עמו יעקב חבל נחלתו אונ דיא ישראל זיינען באהעפט צו הקב"ה אזו וויא עס שטייט ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים כולכם היום אונ דרום איז זייא וואול גיוועזן וויל זייא זייען על כל מים דאש מיינט מען זייא טוען צדקה דיא מעלה איז על כל מים דאס היישט עולם הבא:

ויקם מלך חדש אין ספר רב המנונא סבא האבין מיר גילערינט דיא מצרים זיינען ניט גיווארין קיין מלך איבער דער גאנצער וועלט נאר פון וועגין דיא ישראל וואש זיינען אהין גיקומען אין גלות אריין אונ דאש שטארקייט פון בבל איז נאר גיוועזן גישטארקט פון וועגין דיא ישראל אנטיוכוס איז אויך ניט גישטארקט גיווארין איבער אלע אומות נייערט פון וועגין דיא ישראל זייא זאלין זיין בייא זייא אין גלות דען די דאזיגע אומות זיינען גיוועזן נידעריגר פון אלע אומות נאר פון וועגין דיא ישראל זיינען זייא חשוב גיווארין אונ דרום שטייט בייא דיא מצרים מבית עבדים וויל זייא זיינען עבדים צוא אלע אומות ׳ בייא בבל שטייט אויך הן ארץ כשדים זה עם לא היה אויך בייא דיא וואש האבין דעם בית המקדש חרוב גימאכט שטייט הנה קטן נתתיך בגוים בזוי אתה מאוד דרום שטייט ויקם מלך חדש וויל אז דיא ישראל זיינען גיקומען קיין מצרים איז גיווארין צוא דעם מלך מצרים איין קימה וגדולה צו מושל זיין איבער אלע אומות דען צום ערשטין האט מען געבין למעלה צום שר איין כח וגדולה דער נאך האט זיין אומה אונטן גיהאט דיא ממשלה דרום שטייט ויקם מלך חדש על [illegible] דער ממונה פון מצרים איז נייא גיווארין דען פריער האט ער ניט גיהאט דיא ממשלה איבער אלע אומות אונ דער נאך האט ער מושל גיוועזן איבר אלע אומות אזו איז מקוים גיווארין תחת שלש רגזה ארץ תחת עבד כי ימלוך רבי חייא זאגט דרייסיג טאג פריער איידר עש קומט צו איינעם גוטש אדער איין בראך רופט מען פריער אויש אויבין אונ אמאל ווערט דיא זאך איבער גיענטפערט אין מויל פון דיא יונגע קינדער אונ אמאל צוא דיא מענטשין וואש האבין קיין שכל ניט אונ אמאל ווערט עש איבר גיענטפערט צו דיא עופות השמים אונ זייא רופין עש אויש אויף דער וועלט אונ קיינער איז דרויף ניט משגיח אונ אז דיא מענטשין פון דער וועלט זיינען זוכה אונ פרום ווערט עש איבר גיענטפערט צוא דיא צדיקים פון דעם דור כדיי זייא זאלין עש מודיע זיין צוא דער וועלט כדיי זיי זאלן תשובה טאן צו השי"ת אבר אז קיין צדיקים זיינן ניט דא ווערט עש איבר גיענטפערט צוא דיא וואש מיר האבין פריער גיזאגט:

רבי אלעזר און רבי חייא און רבי יוסי זיינען אמאל געשטאנען אויף
דעם טויער פון לוד זאגט רבי יוסי איך וועל אייך זאגן וואס איך
האב היינטיגן טאג געזעהען · איך האב געזעהן איין עוף איז געפלויגן
און האט דרייא מאל אויף געהויבן זיין קאפ און איז איין מאל
אראפ גינידערט און האט גיזאגט עליונים עליונים וואש זייא שוועבן
אין הימיל לימין · דרייא אויף גירעכטע הארץ איז אויף דער ערד און
איינער וואש איז גיזעסין וועט שוין מער ניט זיצין מען איז אים מעביר
אין ברענענדיג פייער מען פירט איבער זיין ממשלה פון אים און אויך
זיין קיום און דרייא עמודים שלטונים עליונים שטייען אויף אויף דער
וועלט אזו האט דאש עוף גיזאגט · אזו האב איך אויף גיהויבן מיין
קול צוא דעם עוף און האב גיזאגט עוף זאג מיר דעם זעלביגן
וואש מען איז אים מעביר פון זיין שטאנד און ווער זיינען דיא
שלטונים וואש העלין אויף שטיין אויף דער וועלט אזו האט דאש
עוף מיר גיווארפין דרייא פעדערין פון זיין רעכטין פליגיל און איין
פעדער פון זיין לינקין פליגיל און איך ווייש ניט וואש דאש איז
מרמז · האט רבי אליעזר גינומען דיא דרייא פעדערין און האט זייא
גישמעקט איז ארויש גיגאנגען בלוט פון זייגע נאז לעבער אזו האט
רבי אלעזר גיזאגט עש וועט אויף שטיין דרייא שרים און וועלין גוזר
זיין גזירות רעות אויף ישראל דער נאך האט רבי אליעזר גינומען
דעם פעדער פון דעם לינקין פליגיל און האט אים גישמעקט אזו איז
ארויש גיגאנגען איין שווארץ פייער האט רבי אליעזר גיזאגט עס איז
אפ גיטאן גיווארין דיא ממשלה פון מצרים און עש איז אן גיבריט צו
זיין איין מלך וואש איז גיוועזן בימי חורבן און אנטיוכוס איז פון דיא
דרייא ער וועט שולט זיין אין זיי ער וועט ברעכין בנינים און וועט ווידר
בויען האט רבי אלעזר גיווארפין דיא פעדערין אויף דער ערד זייגען
דיא דרייא פעדערין גיפלויגין אויף דעם לינקין האט רבי אלעזר גיוויינט
דער ווייל איז דורך גיגאנגען איין קינד און לייענט דעם פסוק משא מצרים
הנה ה׳ רוכב על עב קל ובא מצרים און דער נאך איז גיגאנגען נאך איין קינד
און האט גילייענט דעם פסוק ארץ מצרים לשמה תהיה דער נאך גייט נאך
א קינד און זאגט דעם פסוק ואבדה חכמת מצרים האבין זייא ווידר גיזעהן אז
דער לינקער פליגיל איז פאר ברענט זאגט רבי אלעזר דאש קול
פון דעם עוף און דאש וואש דיא קינדער האבין גיזאגט איז דאש
אגאנצע חכמה און איין נבואה און השי״ת וויל אונז מגלה זיין פאר
הויליגע סודות · דיא ממשלה פון מצרים איז בוודאי אפ גיטאן גיווארין
און איין מלך פון דיא דרייא וועט מושל זיין און וועט ברעכין בנינים
און בויען בנינים זאגט רבי יוסי עש איז פיל חכמה אבר דיא חכמה
פון רבי אלעזר איז גרעשער פון אלע און השי״ת וויל מגלה זיין
צוא דיא לייט פאר הויליגע זאכין וואש ער וועט טאן אזו וויא דער
פסוק זאגט כי לא יעשה ה׳ דבר כ״א גלה סודו אל עבדיו הנביאים און איין
חכם איז גרעשער פון אנביא מיט אלע זאכין דען אויף איין נביא
רוט דער רוח הקודש אויף אצייט אבער פון איין חכם ווערט דער
רוח הקודש ניט אפ גיטאן אייביג און זייא ווייסין וואש למעלה ולמטה
איז נאר זייא ווילין ניט מגלה זיין זאגט רבי אבא ווען עש זאל ניט
זיין קיין חכמים אויף דער וועלט וואלט מען ניט גיוואוסט וואס די תורה
איז און וואס זיינען דיא מצות פון השי״ת און עש וואלט קיין חילוק
ניט גיוועזן צווישין דעם רוח פון אמענטשין און צווישין אבהמה ·
זאגט רבי יצחק ווען הקב״ה ברענגט איין דין אויף איין אומה טוט

ער פריער דעם דין אין זייער שר וואש איבער זייא איז גיזעצט
למעלה אזו וויא דער פסוק זאגט יפקוד ה׳ על צבא מרום פריער אויף
דעם שר פון דעם הימיל און דער נאך ועל מלכי האדמה באדמה און
וואש איז דער דין וואש מען טוט אויבין צוא דעם שר מען פירט
אים איבער אין נהר דינור דאש איז איין טייך פון פייער אזו ווערט
זיין ממשלה אפ גיטאן פון אים און מען רופט תיכף אויש אין
הימיל דיא ממשלה פון דעם און דעם איז אפ גיטאן גיווארין און
דאש קול גרייכט אין אלע הימלען ביז עש גרייכט צוא דיא מלאכים
וואש זיינען ממונה אויף דער וועלט אזו רופין זייא אויש אויף דער
גאנצער וועלט ביז עש קומט אן צוא דיא עופות און צוא דיא קינדער
און צוא דיא טפשים פון דיא מענטשין דבר אחר אנאנדער פשט איז
ואלה שמות בני ישראל רבי אלעזר בן ערך ווען ער פלעגט קומען צו דעם
פסוק פלעגט ער וויינען דען רבי אלעזר האט גיזאגט בשעת דיא
ישראל זיינען גיגאנגען אין גלות האבין זיך איין גיזאמילט אלע
נשמות פון דיא שבטים אין דער מערת המכפלה און האבין גישריען
און האבין גיזאגט סבא סבא רחמי דער בארימט זיך וויא אפאטער איבר
קינדער איז מען דען ניט משעבד מיט אייערע קינדער מיט מידיקייט
און הארטיקייט אפרעמד פאלק טוען אין זייא נקמות · אין דער
צייט איז דער וועקט גיווארין דער רוח פון דעם אלטין יעקב
אבינו ער האט גינומען רשות און איז אראפ גינידערט און הקב״ה
האט גירופין אלע מרכבות וחיילות ומלכם בראשם און האבין אלע גינידערט
מיט יעקב און מיט דיא שבטים קיין מצרים דאש מיינט דער פסוק
הבאים מצרימה את יעקב ראובן וגו׳ זאגט רבי אבא אויף דעם איז גיזאגט
כרחם אב על בנים רבי יהודה בר שלום איז גיגאנגען אונטער וועגינש מיט
רבי אבא זיינען זייא אריין גיגאנגען אין איין ארט צוא עסין דער נאך
זיינען זייא גיגאנגען אויף דער גאס און האבין זיך גיליגט שלאפין
מיט דיא קעפ אויף איין בערגיל און דאש איז גיוועזן איין קבר · איידר
זייא זיינען אנטשלאפין גיווארין האבין זייא גיהערט איין קול פון דעם
קבר איין מענטש איז גגאנגען אין דר ערד אריין ער האט דאס גמיינט
אויף זיך דען דאש איז שוין צוועלף יאר אז איך בין ניט אויף גיוואכט
גיווארין נאר איצונד דען איך האב ערשט דער זעהן דאס געשטאלט פון
מיין זון זאגט רבי יהודה צוא אים ווער בישטו זאגט ער איך בין איין
יהודי דען איך בין אין נזיפה און קען ניט קומען אויף יענר וועלט איבר
מיין זון דאס איין עובד כוכבים האט אים קליינר הייד אוועק גיגנבית
און אלע טאג שלאגט ער אים איז ער זייער אין צער און מחמת זיין
צער קען איך ניט קומען אויף מיין ארט · און זינט איך ליג דא אויף
דעם ארט בין איך ניט אויף גיוואכט גיווארין נאר איצונד זאגט ער צו
אים איר ווייסט דען פון דעם צער וואס קומט אויף די לעבעדיגע ענטפרט
ער אים איר לעבעדיגע דא שווער איך מיין קבר זאל צו פירט ווערין א
זאל ווערין אויס גילידיגט פון מיר דען ווען ניט אונזר גיבעט וואש מיר
בעטין אויף דיא לעבעדיגע וואלטין זייא קיין קיום ניט גיהאט אפילו
איין טאג אויף דער וועלט און איצונד בין איך אויף גיוואכט גיווארין
דען זייא זאגין מיר אלע טאג אז מיין זון וועט באלד קומען אהער
נאר איך וויים ניט וויא אזו ער וועט קומען צי לעבעדיג אדער טויטער
הייד זאגט רבי יהודה צוא אים וואס איז אייער טאן אויף יענער
וועלט · דער ווייל האט דער קבר גיטאן שטורימען און זאגט שטייט
אויף און גייט אוועק דען איצונד שלאגט מען מיין זון האבין זייא

זיך זייער פאר וואונדערט אונ זיינען אוועק גילאפין פון דארטין אין
האלבין תחום שבת אונ זיינען דארטין גיזעסין ביז דר מארגין שטערין
איז אויף גיגאנגען אז זייא זיינען אויף גישטאנען אוועק גיין האבין זיי
גיזעהען איינעם לויפין אונ עש האט זיך אים גיגאסין דאס בלוט פון
זיין אקסיל האבין זייא אים צוא גיהאלטין אונ ער האט זייא דער
ציילט דיא גאנצע מעשה זאגין זייא צוא אים וויא אזו איז דיין נאמען
זאגט ער לחמא בר ליואי זאגין זייא איינער צוא דעם אנדערין דער
מת איז גיוועזן ליואי בר לחמא אונ האבין שוין מורא גיהאט מיט אים
מער צוא ריידין אונ האבין זיך ניט אום גיקערט • זאגט רבי אבא
דאס וואס זייא האבין גיזאגט אז זייערע תפלות זיינען מגין אויף דיא
לעבעדיגע פון וואנען ווייס איך דאס ווארום עס שטייט ויעלו בנגב ויבא עד
חברון זאגט רבי יהודה קום אונ זעה צווייא זאכין האט הקב"ה צוא
גיזאגט צוא יעקב איינש ער זאל אים היטין אין גלות אונ דאס
אנדערע ער זאל אים אויף ברייניגען פון זיין קבר צוא זעהן דיא שמחה
של חברותא הקדושה וואס זייא וואוגען מיט זיינע קינדער אזו וויא עס
שטייט אנכי ארד עמך מצרימה דאס איז איינש אונ ווידר שטייט והעלתי אתכם
מקברותיכם עמי אונ נאך שטייט ששם עלו שבטים שבטי יה :

ויאמר אל עמו זאגט רבי שמעון מיר פאר שטייען אזו וויא עש שטייט
אין דער פרשה מלך מצרים סתם מיינט מען זייער שר וואס
זיי האבין אויבין אין הימיל אונ אז עס שטייט פרעה מלך מצרים מיינט
מען דעם מלך מצרים וואס הייסט פרעה דרום זאגט זייער שר דעזער
האט זייא אריין גישיקט אין זייער מחשבה צוא זאגין הנה עם בני ישראל
רב ועצום ממנו דאס הייסט דיא ישראל זיינען שטארקער פון אונזער שר
וואס אויף דעם הימיל זאגט רבי יצחק זיא גאנצע וועלט ציהען זייער
כח פון זייער שר וואס אויבין אין הימיל אבער דיא ישראל ציהען
זייער כח פון הקב"ה דרום הייסין זייא עם ה' גאטש פאלק ניט אפאלק
פון דיא שרים דרום שטייט כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם
ה' אלהינו זאגט רבי אבא עש וואלט גידארפט שטיין הנה עם ישראל אדער
הנה בני ישראל נאך וואס שטייט עם בני ישראל מיינט מען דיא מצרים
האבין גיטראכט אז זייא זיינען ניט עם ה' גייערט זייא זיינען דאס פאלק
וואס הייסין אויף דעם הימיל ישראל רבי יוחנן פרעגט צוא רבי יצחק
מיר זעהן בלק האט גזאגט הנה עם יצא ממצרים ווארום שטייט ניט עם בני
ישראל זאגט רבי יצחק בלק איז גיוועזן אגרוישער כישוף מאכער אונ
אזו איז דער סדר פון דיא כישוף מאכער זייא נעמען אזו איין זאך
וואש קיין חסד איז דער בייא ניט פאר האנדין דרום דער מאנען זייא
אויך ניט אין זיין טאג דעם פאטערש נאמען נאר דער מוטערש נאמען
וואס דער בייא איז קיין חסד ניט פאר האנדין דען אזו איז דער סדר פון
דיא שדים וואס זייא דער מאנען אין דיא זאך וואס מען זאגט זייא •
[illegible]יז דאס שקר זיינען זייא מודיע זייערע שקרים איז עס אמת אלץ וואס
זייא זאגין צוא צוא איין קליינער צייט איז אמת • ומכל שכן צוא טאן
איין מעשה :

רבי אבא זאגט בלק האט זייא דער מאנט דרך בזיון הנה עם דאש הייסט
מיר ווייסין ניט ווער זייא זיינן אונ פון וואנען זיי זיינן זאגט רבי
יוחנן פאר וואש זיינען דעמאלט גיוועזן עמון ומואב פון דיא זיבציג
שרים גיהיט אונ דאש פאלק פון הקב"ה זיינען ניט גיוועזן גיהיט זאגט
רבי עש איז גלייך ווי איין ארום מאומיט איין עושר דר ארומן מוז זיינש
אפ היטין אונ דער עושר היט זיינש ניט אפ ומכל שכן דיא ישראל

זיינען דאש פאלק פון דעם אייבערשטין וואש ער האט ליב דין ואמת
אונ צום ערשטין משפט ער זיינע בני בית פריער פון אנדערין דען זייא
דארפין זיין מער גיהיט פון עבירות אזו וויא עס שטייט רק אתכם ידעתי
מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם: רבי יוסי מיט רבי חייא
זיינען גיגאנגען אין וועג רבי יוסי האט שטיל גשוויגין אונ האט גיטראכט
אין וועלט זאכין אונ רבי חייא האט גיטראכט אין דברי תורה וויא
זייא גייען זעהט רבי יוסי וויא אשלאנג לויפט אים נאך זאגט ער צוא
רבי חייא זעהעשטו וויא דער שלאנג לויפט מיר נאך זאגט ער איך
זעה ניט איז רבי יוסי אנטלאפין גיווארין אונ דער שלאנג איז אים נאך
גילאפין דער ווייל איז רבי יוסי גיפאלין אונ דאס בלוט האט אים
גירונען פון דער נאז האט ער גיהערט וויא מען זאגט רק אתכם ידעתי מכל
משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם האט רבי יוסי גיזאגט ומה
דאך איך האב נאר מבטל גיוועזן איין שעה פון דער תורה איז מיר אזו
צוא האנדין גיקומען מכל שכן דער וואס איז זיך גאר פורש פון איר
קומט אים בוודאי אנטקעגין ניט קיין גוטץ • האט ער אן גיהויבין צוא
זאגין עש שטייט כי ה' אלהיך ברכך בכל מעשה ידיך ידע לכתך במדבר נאך שטייט
המוליכך במדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב נאך וואס זאגט ער נחש שרף ועקרב
נאר דאס איז מען זאל דורך זייא שטראפין דיא ישראל ווען זייא זיינען
זיך פורש פון דעם עץ החיים אונ אזו וויא עס שטייט כי היא חייך ואורך ימיך
זאגט רבי חייא עש שטייט חושך שבטו שונא בנו דער וואס פאר מייט דיא
רוט פון זיין זון איז אסימן אז ער האט אים פיינט ומכל שכן די תלמידי
חכמים וויל בוודאי השי"ת ניט אז זייא זאלין זיך אפ שיידין פון דעם
עץ החיים אפילו איין רגע :

ויאמר אל עמו ער האט זיי גיגעבין איין עצה זייא זאלין טאן שלעכטץ
צוא דיא ישראל • רבי תנחום זאגט דיא מצרים האבין גיזעהן
אין דיא שטערין אז זייא וועלין לסוף גישלאגין ווערין • איבער דיא
ישראל דרום האט ער גיהייסין צוא טאן אויף זייא שלעכץ מיר האבין
גילערנט בשעת הקב"ה האט איבער גיענטפערט דיא ישראל צוא
דיא מצרים האט ער אויף זייא גוזר גיוועזן זיבין גזירות אזו וויא דער
פסוק זאגט וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה את כל
עבודתם אשר עבדו בהם בפרך אונ אנטקעגין דעם האט ער זייא גיגעבין
זיבין ברכות אזו וויא עס שטייט ובני ישראל • פרו • וישרצו • וירבו • ויעצמו
במאוד • מאוד • ותמלא הארץ אותם • הבה נתחכמה לו הבה איז [illegible]טש אן בריימין
אונ לשון מסכים זיין זייא דען זייא האבין אלע מסכים גיוועזן צוא טאן
איין דין אונ זייא האבין גיזאגט פן ירבה טאמער וועלין זייא זיך מערין
האט הקב"ה גיזאגט כן ירבה זייא וועלין זיך בוודאי מערין ויקוצו מפני בני
ישראל דען דיא מלאכים האבין גישטאכין דיא מצרים אזו וויא מיט
דערנער רבי יצחק זאגט דיא מחשבה פון דיא מצרים איז גיוועזן צוא
פאר מיידין דיא ישראל פון פריה ורביה אונ פרעה האט זייא איין
עצה גיגעבין אונ האט צוא זייא גיזאגט עס וועט גיבארין ווערין צוא
דיא ישראל איינער וואס וועט טאן איין דין אין אייערע אפ געטער •
רבי יוחנן זאגט בשעת משה האט גיזאגט ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים
איז דער שר פון מצרים וואס ער הייסט דומה גיגאנגען פיר הונדערט
מייל אונ איז גיקומען פאר הקב"ה האט הקב"ה צוא אים גיזאגט עש
איז גיקומען דיא צייט אז איך זאל זיך אין דיא מצרים נוקם זיין אונ
פריער אין דיר אזו וויא עש שטייט יפקוד ה' על צבא המרום במרום באותו
שעה איז צוא גינומען גיווארין דיא שררה פון אים אונ דער ממונה'

דומה איז גיוואָרין איין שר של גיהנם צו דן זיין די רשעים אין גיהנם · רבי יהודה זאגט ער איז איין ממונה אויף דיא מתים · רבי חנינא זאגט עש שטייט ובאלהיהם עשה ה׳ שפטים איז קשה איז דען גיטאן גיוואָרין איין דין אין דיא אפּ געטר פון גאָלד אונ זילבער אונ האָלץ אלא זאגט רבי יוסי דיא וואָס זיינען גיוועזן פון גאָלד אונ זילבער זיינען צו גאַנגען גיוואָרין אונ פון האָלץ איז פאר פוילט גיוואָרין · זאגט רבי אליעזר דיא אפּ געטר פון מצרים איז גיוועזן איין לעמעלע דרום האט הקב״ה גיבאָטין צו בראָטין עס אין פייער צו מקיים זיין פסילי אלהיהם תשרפון באש כדי דיא מצרים זאלין שמעקין דען גיבראָטינש שמעקט אויך דיא ביינער פון דעם קרבן פסח האט מען גיוואָרפין אויף דער גאס וואס איז נאך ערגער גיוועזן ביי זייא וויא אלץ וואס ער האט זייא גיטאָן דרום שטייט שפטים רבי יהודה זאגט עס שטייט ובאלהיהם עשה שפטים מיינט מען דעם שר של מעלה אזו וויא עס שטייט יפקוד ה׳ על צבא המרום במרום אונ דאס אלץ האבין גיוואוישט זייערע חכמים ומכל שכן זייער שר דרום האבין זייא גיזאגט הבה נתחכמה לו רבי יוחנן זאגט דיא מצרים האבין גיהאט פיל ערלייא אפּ געטער אונ דער טייך נילוס איז אויך גיוועזן זייער אפּ גאט אונ אין אלע האט הקב״ה גיטאן שפטים אונ דער אפּ גאט איז צום ערשטין גישלאָגין גיוואָרין דרום איז דער טייך גיוואָרין פריער פול מיט בלוט אונ דער נאך שטייט ויהי הדם בכל ארץ מצרים דבי אליהו זאגין וואָרום שטייט ובעצים ובאבנים דאס לערינט אונז אז דיא אפּ געטער פון עצים ואבנים טובים האבין פון זיך גילאזט בלוט רבי שמעון זאגט דער עיקר שלאָגין פון דיא מצרים אליין איז גיוועזן אין ים אזו וויא עס שטייט ולא נשאר בהם עד אחד אונ פריער איז גיטאָן גיוואָרין דינים אין זייערי אפּ געטער דרום שטייט הבה נתחכמה לו פן ירבה והיה כי תקראנה זייא האבין דורך כשוף גיזאגט וואס עס וועט אויף זייא זיין דער נאך זאגין זייא ונוסף גם הוא על שונאינו דאס מיינען זייא מחנות מלאכים וועלין רועען צווישין זייא ונלחם בנו אזו וויא עש שטייט ה׳ ילחם לכם ועלה מן הארץ אזו וויא עש שטייט ובני ישראל יוצאים ביד רמה :

וילך איש מבית לוי רבי אליעזר הייבט אן עש שטייט שיר השירים אשר לשלמה מיר האבין גילערינט בשעת הקב״ה האט באשאפין דיא וועלט מיט זיין ווילין האט ער באשאפין דיא הימלען מיט זיין רעכטע האנט אונ דיא ערד מיט זיין לינקער האנט אזו וויא עס שטייט אף ידי יסדה ארץ וימינה טפחה שמים אונ האט באשאפין טאג אונ נאכט אונ מלאכים וואס זיינען ממונה צו זאגין שירה ביי טאג אונ מלאכים וואס זאלין זאגין שירה ביי נאכט אונ אלע מלאכים פאר נעמען דיא שירה פון דיא ישראל רבי יצחק זאגט דיא מלאכים וואס זאגין שירה ביי נאכט פאר נעמען דיא שירה פון דיא ישראל ביי טאג דרום שטייט חברים מקשיבים לקולך אונ דיא וואס זאגין שירה ביי נאכט דיא שירה איז גרעשער פון אלע בעלי השיר אז דיא לעבעדיגע הייבין אן צו זאגין שירה. זיינען דיא עליונים משיג וואס זייא האבין פריער ניט משיג גיוועזן אפילו הימיל אונ ערד זיינען אויך מוסיף כח דער פון זאגט רבי נחמיה וואול צו דעם וואס ער איז זוכה צו וויסין דיא שירה אונ צו פאר שטיין אונ איז משיג גרויש חכמה וכח וגבורה צו וויסין מה שהיה ומה שעתיד להיות אונ דוד האט עס גיוואושט אונ האט מתקן גיוועזן פיל שירות ותשבחות אין ספר תהלים אונ האט מרמז גוועזן וואש עש וועט זיין אונ האט מוסיף גיוועזן כח וגבורה מיט רוח הקודש צו וויסין ענייני תורה וחכמה אונ האט עש אלץ מתקן גיוועזן אין תהלים אונ שלמה האט נאך מער זוכה גיוועזן מיט דעם שיר השירים ער האט מתקן גיוועזן גרנישע חכמות אונ פיל משלים דרום זאגט ער עשיתי לי שרים ושרות כלומר איך האב גיפארשט צו ווישין פון דיא שירים עליונים אונ פון דיא וואש זיינען אונטער זייא דרום זאגט ער שיר השירים כלומר דאש איז דער שיר פון דיא שירים של מעלה דאש איז אזו איין שיר וואש דרינען איז כלול אלע עניינים תורה אונ חכמה כח אונ גבורה דאש וואש איז שוין גיוועזן אונ דאש וואש עש וועט זיין דער שיר וואש דיא עליונים זינגען רבי אליעזר זאגט דיא שירים של מעלה זיינען גישטאנען ביז לוי איז גיבארין גיוואָרין פון דער צייט אונ ווייטער האבין זייא דיא שירים גיזאגט אז משה איז גיבאָרין גיוואָרין אונ אהרן איז גיזאלבט גיוואָרין אונ דיא לוים זיינען גיהיילגט גיוואָרין זיינן ערשט די שרים גיקומען אויף זייער משמר אונ אז לוי איז גיבארין גיוואָרין האבין אלע שרים של מעלה גיזאגט דעם שיר מי יתנך כאח לי יונק שדי אמי אמצאך בחוץ וגו׳ אונ פון לוי זיינען ארויש גיקומען דיא לוים וואס זיינען גיוועזן משוררים אונטין אין בית המקדש אונ זייא זיינען גיהיילט גיוואָרין אונ זיינען גישטאנען אויף זייערע משמרות אנטקעגין דיא שרים של מעלה וואש זאגין שירה זיינען דיא עולמות גיוואָרין חברים אלע זיינען גיוואָרין איינש אונ איין מלך רוט אויף אלע זייא הייסין לוים דאס איז טייטש באהעפט אזו וויא לאה האט גיזאגט הפעם ילוה אישי אלי אזו אויך האט זיך דיא שכינה באהעפט מיט דיא קינדער פון לוי משה אהרן ומרים מיט זייערע קינדער אונ דיא משוררים של מעלה זיינען ניט גישטאנען אויף זייער משמר ביז דיא דרייא זיינען גיבארין גיוואָרין דאס איז משה אהרן ומרים וואס זייא האבין אלע גיזאגט שירה דרום שטייט שרים זינגערש דאס איז משה מיט אהרן וואס זיי האבין אלע גזאגט אז ישיר וגו׳ ושרות זינגערש מיינט מען מרים אזו וויא עס שטייט ותען להם מרים שירו לה׳ וגו׳ תנא מיר האבין גילערינט אז לוי איז גיבארין גיוואָרין האט אים הקב״ה גינומען אונ האט אים בוחר גיוועזן מער פון אלע ברידער דער נאך האט ער גיוואונען קהת אונ עמרם משה אהרן ומרים אונ אז עמרם האט זיך אפּ גישייד פון זיין ווייב אונ האט זיא ווידער צו ריק גינומען אין דער צייט האבין דיא מלאכים גיזאגט שירה אויף דעם הימיל האט הקב״ה אויף זייא אן גישריען זיינען זייא שטיל גיוואָרין ביז הקב״ה האט גינייגט זיין רעכטע האנט אויף עמרם מיט דיא קינדער אונ פאר וואס הייסט ער עמרם ווייל פון אים איז ארויש גיקומען עם רם אהויך פאלק העכער פון אלע הויכע אונ וואָרום שטייט ניט זיין נאמען נאר עס שטייט וילך איש ווייל ער איז גיגאנגען בצנעה שטילער הייד אונ האט יוכבד צו ריק גינומען קיינער זאל ניט ווישין דרום שטייט ניט זיין נאמען נאר וילך איש :

ויקח את בת לוי אונ שטייט ניט איר נאמען אויך ווייל זיא איז צו אים גיקומען בצינעא רבי אבהו זאגט וילך איש דאש איז גבריאל ער האט זייא צו אננדער גיבראכט רבי יהודה זאגט עמרם אליין האט זיא צו ריק גינומען נאר דריבער שטייט ניט זיין נאמען צו ווייזין עש איז גיוועזן מן השמים וואָרום עמרם האט ניט גיקאנט גווינען משה ביז ער האט גינומען איין חלק פון דער שכינה דרום ביי אהרן ומרים שטייט ניט דער זיווג פון עמרם מיט יוכבד נאר ביי משה אונ דרום

שטייט ותרא אותו כי טוב הוא דען הקב"ה האט מייחד גיוועז זיין נאמען אויף איר אזו וויא עס שטייט טוב הוא לכל דער טוב פון הקב"ה איז גיוועז בייא משה:

דבר אחר וילך איש דאס איז גבריאל וואס הייסט איש אזו ווי עס שטייט והאיש גבריאל וגו' ויקח את בת לוי מיינט מען דיא נשמה דען מיר האבין גילערנט בשעת דער גוף פון איין צדיק דארף גיבארין ווערין אויף דער וועלט רופט הקב"ה צוא גבריאל אונ הייסט אים נעמען דיא נשמה פון גן עדן אונ גיט זיא אריין אין דעם גוף פון דעם צדיק וואש ווערט גיבארין אונ ער איז דרויף ממונה זיא צוא היטין · וועשטו פרעגין אמער דער מלאך וואש איז ממונה איבער דיא רוחות הצדיקים הייסט דאך לילה וואש ער איז ממונה אויף דעם טראגין פון איין אשה וואש דען זאגשטו אז ער הייסט גבריאל נאר גבריאל הייסט אויך לילה ווארום ער איז מצד שמאל:

וילך איש מבית לוי מיינט מען עמרם ויקח את בת לוי דאס איז יוכבד · איין בת קול האט אראפ גינידערט אונ זאגט ער זאל זיא צו ריק נעמען דען עס האט גיגרייכט דיא צייט מען זאל דיא ישראל אויש לייזין פון מצרים דורך דעם זון וואש זייא וועלין האבין אונ הקב"ה האט זייא גיהאלפין דיא שכינה זאל זיך ניט אפ טאן פון זייער זון משה וואס איז גיבארין גיווארין מחמת זייער ווילין איז גיוועז צו בהעפטין זיך מיט דער שכינה אזו וויא עש שטייט והתקדשתם והייתם קדושים ווען אמענטש הייליגט זיך אויף דער וועלט הייליגט מען אים פון יענע וועלט אזו וויא דער ווילין פון דעם מענטשין איז צוא בהעפטין זיך מיט דער שכינה אזו ווערט דיא שכינה ניט אפ גיטאן פון זייערע מעשים זאגט רבי יצחק וואל צוא דיא צדיקים וואס זייער רצון איז תמיד זיך מדבק זיין להקב"ה אזו איז זיך הקב"ה צוא זייא מדבק אונ פאר לאזט זייא ניט אבער ווייא צוא דיא מענטשין וואס זייער רצון איז ווייט פון הקב"ה נאך מער זיינען זיך חלילה מדבק צוא דער טומאה מיט דיא קליפות · קום אונ זעה עמרם האט זיך בהעפט צו הקב"ה איז פון אים ארויס גיקומען משה רבינו וואס דיא שכינה האט זיך פון אים ניט אפ גיטאן ביז אייביג וואול איז זיין חלק:

ותהר האשה ותלד בן ותרא אותו כי טוב הוא פר וואס איז ער גיוועז גוט ווארום ער איז גיבארין גיווארין גימלת דער הייליגער צייכין פון דעם מענטשין הייסט טוב אזו וויא עש שטייט אמרו צדיק כי טוב רבי יוסי זאגט אז משה איז גיבארין גיווארין איז גיווארין ליכטיג אין דער גאנצר שטוב דען דא שטייט כי טוב אונ בשעת הקב"ה האט באשאפין דאס ליכטיקייט שטייט אויך וירא אלהים את האור כי טוב · ותצפנהו שלשה ירחים דאס ווייזט אז ער וועט דער קענען דאס גרוישע ליכט בייא דער הייליגער תורה וואס ער האט מקבל גיוועז אויף דעם בארג סיני בחודש השלישי וואס דעמאלט האט זיך דיא שכינה צוא אים בווייזין אונ האט אויף אים גירופט פאר אלע ישראל אזו וויא עס שטייט ומשה עלה אל האלהים ויקרא אליו ה' · ולא יכלה עוד הצפינו דען ביז אין דער צייט פון קבלת התורה האט מען אלץ נים גיוואושט וואס משה האט גירעט מיט הקב"ה דרום שטייט משה ידבר והאלהים יעננו בקול:

ותקח לו תיבת דאש ווייזט מיר אויף דעם ארון הקודש מיט דיא לוחות ותחמרה ווייזט מיר אז עש איז גיוועזן באדעקט מיט גאלד פון אינעווייניג אונ פון דרויסין בחמר ווייזט אויף די מצות עשה ומצות לא תעשה וואש הקב"ה האט דרויף מחמיר גיוועזן ותשם בה את הילד דאש זיינען דיא ישראל וואש דער פסוק גלייכט זייא צוא איין קינד אזו וויא עש שטייט כי נער ישראל ואהבהו · ותשם בסוף דאש זיינען די מצות פון דער תורה וואש זיינען ניט אזו אגרושער חיוב צו טאן אין דער מדבר ביז סוף פערציג יאר אז די ישראל זיינען שוין אריין גיגאנגען קיין ארץ ישראל ווארום דארט איז פאר האנדין פיל מצות וואש זיינען ניט נוהג אין חוץ לארץ על שפת אויף דיא לעפצין פון דיא לומדים וואש פסקנען שאלות צוא דיא ישראל: ותתצב אחותו מרחוק דאש מיינט מען די הייליגע חכמה וואש הייסט אחות אזו וויא עם שטייט אמור לחכמה אחותי את ווען די ישראל זינדיגין חלילה איז דער מדת הדין אויף זייא מקטרג דען עס שטייט די שכינה מיט דער הייליגר חכמה פון דר ווייטין אזו וויא עס שטייט מרחוק ה' נראה לי דעמאלט ותרד בת פרעה כל זמן אז די ישראל זיינען צדיקים איז די שכינה ביי זייא נאהונט אבער אז זיי זיינען זיך חלילה מרחק פון דער תורה קומט דער מדת הדין דאש הייסט ותרד בת פרעה לרחוץ צוא וואשין זיך אין בלוט פון דיא ישראל אויף דעם ביוש פון דער תורה על יד היאור מיינט מען דיא לומדים אונ דיא מורה הוראות וואש מאכין שלאף אירע הענט אונ ווילין ניט לערנען ערינשט דיא תורה · זאגט רבי יהודה אלע זאכין הייגגט אן אין תשובה אונ אין תפלה פאר הקב"ה ומכל שכן אז ער ווייגט אין זיין תפלה איז בוודאי זייער גוט ווארום אלע טויערין זיינען אויבין ניט פאר שלאסין פאר דיא טרערין פון מענטשין זייא זאלין אריין גיין דרום שטייט ותפתח דאס איז דיא שכינה זיא שטייט תמיד מלמד זכות זיין אויף דיא ישראל אזו וויא אמוטער איבער די קינדער ותראהו את הילד דאס זיינען דיא ישראל וואס זיינען גיגליכין צוא איין ילד שעשועים ווען אפילו זייא זינדיגין טוען זייא תיכף תשובה אונ וויינען פאר הקב"ה אונ בעטין פאר אים אזו וויא איין קינד פאר איין פאטער דרום שטייט והנה נער בוכה ער וויינט פר הקב"ה אונ עס ווערט תיכף אפ גיטאן אלע גזירות רעות פון דער וועלט אזו וויא עס שטייט ותחמול עליו זיא איז זיך מרחם אויף זייא מיט דעם מדת הרחמים אונ זאגט מילדי העברים זה די זיינען ניט פון דיא וואס האבין הארטע הערצער אונ קשה עורף נייערט פון דיא עברים טהורי לב פון זייערע אבות ואמהות ווייכע הערצער תשובה טאן פאר הקב"ה ותקרא את אם הילד זיא האט אויך גיוויינט אזו וויא עס שטייט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה מאנה להנחם זייא וויינען ביידע אין איינעם זאגט רבי יהודה לעתיד שטייט בבכי יבאו ובתחנונים אובילם בזכות דעם גיוויין פון דער מוטער רחל וועלין זייא קומען אונ וועלין זיך איין זאמלין פון דעם גלות זאגט רבי יצחק דיא גאולה פון ישראל הייגגט נאר אן אין וויינען ווען זייא וועלין פאר לענדין דיא טרערין וואס עשו האט גיוויינט פאר זיין פאטער יצחק אזו וויא עס שטייט וישא עשו את קולו ויבך זאגט רבי יוסי דיא טרערין וואס עשו האט גילאזט האבין גימאכט נידערין דיא ישראל אין גלות אריין· אבער מיט דעם וויינען פון דיא ישראל וועט משיח קומען אזו וויא דער פסוק זאגט בבכי יבאו ובתחנונים אובילם:

ויהי בימים הרבים ההם רבי יהושע זאגט עס איז שוין גיוועזן דער סוף פון דעם גלות מצרים אזו וויא עס שטייט · וימת מלך מצרים דער שר פון מצרים האט אראפ גינידערט פון זיין גדולה אונ איז אראפ גיפאלין פון זיין גאוה דען אז ער האט איין מפלה גיהאט האט זיך הקב"ה דער מאנט אין דיא ישראל אונ האט צוא גיהערט זייער תפלה זאגט רבי

יהודה

יהודה כל זמן דער שר פון מצרים האט גיהאט ממשלה איז ניט צוא גיהערט גיווארין דאס גישרייא פון דיא ישראל אונ אז דער שר איז אראפ גיפאלין שטייט וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה ותעל שועתם אל האלהים אבער ביז דער צייט זיינען זייא ניט גיענטפערט גיווארין מיט זייער גישרייא זאגט רבי אלעזר קום אונ זעה די מדה פון הקב"ה ווען הקב"ה וויל זיך מרחם זיין אויף דיא ישראל נייגט ער אונ נידערט אראפ דעם מדת הדין · רבי יהודה זאגט עס שטייט והנה מצרים נוסע אחריהם האט דאך רבי יוסי גיזאגט אז דאס איז דער שר פון מצרים אונ דוא זאגשט וימת מלך מצרים מיינט מען דעם שר זאגט רבי יצחק אדרבה דאס איז נאך איין ראיה צוא דעם דען דא שטייט וימת מלך מצרים אונ דארט שטייט והנה מצרים נוסע אונ עס שטייט ניט מלך מצרים ווייל מען האט אים שוין אראפ גינידערט פון זיין גדולה אונ ווארום שטייט וימת נאר אזו וויא ביי משה שטייט כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך מיינט מען דאך דארט אז זייא האבין אראפ גינידערט פון זייער גדולה אונ אז דיא גדולה ווערט אפ גיטאן למעלה ווערט עס למטה אויך אפ גיטאן · רבי יוסי זאגט עס שטייט הנה יום בא לה' והיה יום אחד יודע לה' איז קשה זיינען דען אנדערע טעג ניט צוא השי"ת זאגט רבי אבא פון דאנען לערנען מיר אפ אז איבער אלע טעג איז די ממשלה פון דיא מזלות אונ שרים של מעלה אבער דער טאג וואש משיח וועט קומען וועט זיין דיא ממשלה פון דעם טאג צוא גאט אליין צוא טאן איין דין · רבי אבא זאגט אז השי"ת טוט איין דין אין דיא שרים של מעלה שטייט כי רותה בשמים חרבו איז דען דא איין שווערד צוא הקב"ה זאגט רבי יצחק אמאי עש שטייט דאך חרב לה' מלאה דם אויך שטייט וחרבי תאכל בשר זאגט רבי חייא דער חרב איז טייטש דין דאש הייסט גלייך וויא איין שווערד אזו וויא עש שטייט וירא דוד את מלאך ה' עומד והרבו שלופה בידו האט דען דער מלאך גיהאט איין שווערד אין זיין האנט נאר דאש מיינט מען דעם דין רבי יהושע בן לוי זאגט דער מלאך המות האט מיר גיזאגט ווען איך זאל ניט חס האבין אויף די לייט וואלט איך זייא אנטפלעקט דעם בית השחיטה אין זייער האלז בשעת איך קולע זייא אזו וויא איין שוחט אנטפלעקט ביי איין בהמה אונ רבי אבא זאגט דער גמר דין הייסט חרב דרום שטייט וחרבו שלופה בידו פרעגט מען ווייטער אין זוהר אי הכי אז חרב מיינט מען טאקע ארעכטע שווערד ווארום שטייט וישב חרבו אל נדנה ער האט אום גיקערט זיין שווערד אין איר שייד אריין זאגט רבי אבא דארט מיינט מען אויך אזו דער גמר דין האט זיך אום גיקערט צום בעל דין אונ צוא דעם ארט וואו ער איז גינומען גיווארין :

ויפן כה וכה משה האט גיזעהן אין דיא פינף אונ צוואנציג אותיות פון שמע ישראל וואס דיא ישראל זאגין אלע טאג צווייא מאל מיט דעם האט ער גיהרגת דעם מצרי דרום שטייט ויפן כ"ה וכ"ה ויך את המצרי ער האט אין אים ניט גיזעהן דעם כ"ה וכ"ה רבי אבא זאגט כ"ה פריער האט ער גיזעהן אויב ער האט מעשים טובים וכ"ה אונ אויב עס וועט ארויש קומען פון אים איין גוט קינד וירא כי אין איש ער האט גיזעהן ברוח הקודש אז עס וועט פון אים ניט ארויש קומען קיין גוט קינד דרום האט ער אים גישלאגין דען רבי אבא האט גיזאגט עס זיינען כמה רשעים אויף דער וועלט וואס פון זייא קומט ארויש צדיקים מער וויא פון איין צדיק אונ דער צדיק וואס קומט ארויס פון ארשע האט מער מעלה פון איין אנדערין דען דאס איז איין טהור פון איין טמא טוב פון רע אור פון חושך חכמה פון טפשות דאס איז בעסער פון אלץ אונ אז משה האט גיזעהן ברוח הקודש אז עס וועט פון אים ניט ארויס קומען קיין זרע כשר דרום האט ער אים גיהרגת · אונ הקב"ה האט גיוואלט אז ער זאל גיין צוא דעם באר וואס ער האט אין יעקב בגעגינט אזו וויא עס שטייט וישב על הבאר אונ ביי יעקב שטייט אויך וירא והנה באר בשדה דאס איז אלץ גיוועזן איין באר אונ חאטשע משה מיט יעקב זיינען גיוועזן אין איין מדריגה צוא בהעפטין זיך צוא איין באר פון דעסט וועגין איז דיא מדריגה פון משה פארט גרעשער גיוועזן רבי יוסי אונ רבי יצחק זיינען גיגאנגען אין וועג פרעגט רבי יוסי דער באר וואש משה אונ יעקב זיינען ביי אים גיוועזן איז דאס גיוועזן דער באר וואס אברהם אונ יצחק האבין גיגראבין ציא ניין זאגט רבי יצחק בשעת דיא וועלט איז באשאפין גיווארין איז דער באר אויך בשאפין גיווארין אונ ערב שבת פאר נאכט איז זיין מויל בשאפין גיווארין דאס איז דער באר וואס יעקב אונ משה האבין גיזעהן :

ולכהן מדין שבע בנות זאגט רבי יהודה וויא אזו קען זיין אז דאש איז דער ברונען פון יעקב אמער ביי יעקב שטייט דאך דאש אלע פאסטעהער האבין זיך גימוזט איין זאמלען אראפ צו נעמען דעם שטיין אונ דא שטייט אז דיא טעכטער פון יתרו האבין צוא זייא ניט בדארפט נאר זייא האבין אליין אן גישעפט זאגט רבי חייא יעקב האט דעם שטיין אראפ גינומען פון דעם ברונען דען ביי דיא פאסטעהער שטייט והשיבו את האבן זייא פלעגין ווידער אום קערין דעם שטיין אויף דעם ברונען אונ ביי יעקב שטייט שוין ניט וישב את האבן ווייל תחלת זיינען דיא וואשער גיוועזן נידעריג אבער אז יעקב איז גיקומען צוא אים זיינען די וואשער אויף גיגאנגען צוא אים אזו אויך צוא משה דרום איז שוין ניט גיוועזן דר שטיין דרום שטייט ותבאנה ותדלנה זייא האבין תיכף אן גישעפט דען עש איז שוין קיין שטיין ניט גיוועזן · רבי אלעזר אונ רבי אבא זיינען גיגאנגען פון טבריה קיין צפורי האט זייא בגעגינט איין יהודי אונ האט זיך בהעפט צוא גיין מיט זייא זאגט רבי אלעזר איטליכער פון אונז זאל זאגין דברי תורה הייבט אן רבי אלעזר עס שטייט ויאמר אלי הנבא בן אדם אל הרוח ואמרת אל הרוח פון דעם פסוק לערנן מיר אפ פון וואנען דר רוח קומט ארויס דען וויא אזו האט יחזקאל גיקענט נביאות זאגין אויף דעם רוח אמער עס שטייט דאך אין אדם שליט ברוח לכלוא את הרוח אלא נאר איין מענטש קען ניט שולט זיין אויף דעם רוח אבער הקב"ה איז שולט אויף אלץ אונ אויף דיא רייד האט ער נביאות גיזאגט · שפרינגט דער יהודי אוועק פון אים · זאגט רבי אלעזר וואס האשטו דער זעהן זאגט דער יהודי איך האב איין זאך דער זעהן זאגט רבי אלעזר וואס איז זאגט ער אז דער רוח ווערט אן גיקלייד אין א גוף פון מענטשין אויף דער וועלט וואלט באדארפט שטיין כה אמר ה' מגן עדן באי הרוח דען די רוחות קומען דאך פון דעם גן עדן פון דארטין זיינען זייא זיך מתלבש אויף דער וועלט אין א גוף זאגט רבי אלעזר אז דער רוח גייט ארויס פון דעם גן עדן זיך מתלבש זיין אין איין גוף מוז ער פריער ארויף גיין צו דעם כסא הכבוד וואס ער שטייט אויף דיא פיר עמודים וואס דאס איז דער מקור פון די פיר יסודות וואס איטליכר מענטש האט אין זיך דאס איז מים רוח אש עפר אונ דער רוח מוז פריער נעמען פון דעם כסא הכבוד כח אונ חיות פון דיא פיר יסודות כדי ער זאל קענען האבין דאס חיות פון מענטשין וואס ער איז פון דיא פיר יסודות דער נאך איז ער זיך מתלבש

אין איין גוף · זאגט דער יהודי דאש שפרינגען וואש איך האב גישפרונגען וויל איך האב גיזעהען איין זאך פון דעם גן עדן דען אמאל בין איך גיגאנגען אין דער מדבר האב איך גיזעהען איין בוים ער איז גיוועזן זייער גילוסטיג צוא קוקין אויף אים אונ אונטער אים איז גיוועזן איין היל האב איך גינעהענט צוא אים האב איך גיזעהען אז פון דער היל גייען ארויש כל מיני ריח בשמים פון דער וועלט אזו האב איך מיך גישטארקט אונ בין אריין גיגאנגען אין דער היל במדריגות הידועים איך בין גיקומען אויף איין ארט וואס דארטין איז גיוועזן פיל ביימער אונ ריח ובשמים וואס איך האב ניט גיקענט סובל זיין דארטין האב איך גיזעהען איין מענטש אונ ער האט גיהאט אין זיין האנט איין רוט אונ איז גישטאנען אויף איין טיר אונ אז ער האט מיך דער זעהען האט ער זיך גיזעצט לעבין מיר אונ האט זיך פאר וואונדערט אונ זאגט צוא מיר וואס טושטו דא אונ ווער בישטו בין איך גיוועזן זייער אין פחד אונ זאג צוא אים מיין הער איך בין פון דיא חברים של רבי שמעון בן יוחאי אזו אונ אזו האב איך גיזעהען אונ בין אריין גיגאנגען אין דער מערה אונ האב גינידערט אהער · זאגט ער צוא מיר וויל דוא ביסט פון דער חברייא נעם דאס בינדיל כתבים אונ גיב צו דער חברייא וואש זייא זיינען מקובלים אונ ווייסין סודות פון דיא רוחות הצדיקים אונ ער האט גיקלאפט אויף מיר מיט דער רוט אזו בין איך אנטשלאפין גיווארין האב איך גיזעהען אין שלאף כמה חיילות ושיירות וואש זיינען גיקומען אין דעם ארט אריין אונ דער אייגענער מענטש שלאגט מיט דער רוט אונ זאגט צוא זייא גייט אין דעם וועג פון דיא ביימער · אין דעם וויא זייא גייען הייבין זייא אן צוא פליהען אין דער לופטין אונ גייען ארויף איך ווייש ניט וואו אהין זייא פליען אונ איך האב גיהערט פון זייא גרוישע קולות אונ ווייש ניט ווער זייא זיינען אזו האב איך זיך אויף גיחאפט פון דעם שלאף אונ האב שוין מער ניט גיזעהען אונ פארכט מיך זייער אויף דעם ארט אין דעם האב איך גיזעהען דעם אייגענעם מענטשין זאגט ער צוא מיר וואש האשטו גיזעהען זאג איך צוא אים איך האב גיזעהען אין שלאף אזו אונ אזו. זאגט ער צוא מיר אין דעם וועג גייען די רוחות פון די צדיקים אין גן עדן אונ דאס וואס דוא האסט גיהערט פון זייא דאס איז וואס זייא שטייען אין גן עדן אין דעם גישטאלט פון דר וועלט אונ פרייען זיך מיט דיא רוחות הצדיקים וואס גייען דארטין אהין דען אזו וואול וויא דער גוף ווערט גיבויט אויף דער וועלט פון פיר יסודות אזו מוז דארטין דער רוח גיבויט ווערין פון דער נשמה פון דיא פיר יסודות פון די אוירים פון גן פון וואנען דער מקור קומט ארויש דאש פנימיות אונ חיות פון אלע פיר יסודות אונ דאש בינטיל כתבים נעם צוא אונ גיב דער חברייא אונ גייא דיר דיין וועג איז גיקומען רבי אלעזר מיט דיא חברים אונ האבין אים גיקושט אויף זיין קאפ זאגט רבי אלעזר בריך רחמנא גילויבט איז השי"ת וואש ער האט דיך אהער גישיקט בוודאי איז דאש די לויטערע זאך אונ הקב"ה האט מיר אין מיין מויל גיגעבין דעם פסוק · אונ ער האט זייא גיגעבין דאש בינטיל כתבים · וויא רבי אלעזר נעמט זייא אין דער האנט אונ עפינט דיא כתבים איז גיקומען איין פייער אונ האט אים ארום גירינגילט ער האט דרינען גיזעהען וואש ער האט גיזעהען אונ עש איז ארויש גיפלוגין פון זיינע הענט האט רבי אלעזר גיוויינט אונ האט גיזאגט ווער קען בשטיין אין דיא גנזי אוצרות דיא בהעלטנש פון דעם מלך אזו וויא עש שטייט ה' מי יגור באהלך ומי ישכון בהר קדשך ווער קאן וואונען אין דיינע גיצעלטין אונ ווער קאן רוען אויף דיין בארג וואול דעם וועג אונ דיא שעה וואס איך האב דיך באגעגינט אונ פון דער צייט אן האט זיך רבי אלעזר זייער משמח גיוועזן אונ האט גאר ניט גיזאגט פאר דיא חברים · וויא זייא גייען באגעגענען זייא איין קוואל ברונים וואסער האבין זייא זיך דארטין גישטעלט אונ האבין גיטרונקען דיא וואסער זאגט רבי אלעזר וואול איז דאש חלק פון דיא צדיקים · יעקב איז אנטלאפין גיווארין פאר זיין ברודר האט זיך אים גיטראפין איין קוואל ברונים פון וואשער וויא דאס וואשער האט אים דער זעהן האבין זייא דער קענט זייער הארין אונ האבין זיך גיפרייט מיט אים אונ זיינען אויף גיגאנגען אנטקעגין אים אונ דארטין האט ער באקומן זיין בת זוג · משה רבינו איז אנטלאפין פאר פרעה האט זיך אים אויך גיטראפין דער ברונים וואסער האבין אים דיא וואשר אויך דער קאנט אונ זיינען אים אנטקעגין גיקומען · אונ אז משה האט דאס דער זעהן האט ער גיוואוסט אז דא וועט ער באקומען זיין בת זוג ווארום דער רוח הקודש האט זיך קיין מאל פון אים ניט אפ גיטאן אונ האט גיוואושט אז צפורה וועט זיין זיין בת זוג · זאגט דער מענטש צוא רבי אלעזר איך האב אזו גילערינט דאש יתרו איז גיוועזן איין כומר צוא דיא עבודת כוכבים אז ער האט דער זעהען אז עס איז אין איר קיין ממש ניט האט ער זיך פון איר פורש גיוועזן אזו האבין זייא אים אין חרם אריין גילייגט אונ אז זיינע טעכטער זיינען גיקומען אן שעפין וואשער האבין זייא דיא פאסטעכער אוועק גיטריבין · וויא משה האט גיזעהן ברוח הקודש אז איבער דעם טרייבט מען זייא אוועק מיד תיכף שטייט ויקם משה ויושיען איז משה אויף גישטאנען אונ האט זייא גיהאלפין וישק את צאנם אונ האט אן גיטרייננקט זייערע שאף ווארום ער האט זיך מקנא גיוועזן פון וועגין הקב"ה · זאגט רבי אלעזר דוא בישט ביא אונז אונ מיר ווייסין ניט דיין נאמען זאגט ער מיין נאמען איז יועזר בן יעקב זיינען גיקומען די חברייא אונ האבין אים גיקושט אונ זאגין דוא בישט ביא אונז אונ מיר האבין גאר ניט גיוואושט פון דיר וואש דוא בישט זיינען זייא שוין אנאנצין טאג גיגאנגין באנאנד · אויף דעם אנדרין טאג האט ער זייא בלייט דרייא מייל אונ איז זיך אוועק גיגאנגען זיין וועג :

ותאמרן איש מצרי הצילנו דער רוח הקודש האט אויש זייא גירעט זייא האבין אליין ניט גיוואוסט וואס זייא זאגין דער מצרי וואס משה האט גיהרגעט אין מצרים דאס האט גורם גיוועזן משה זאל קומען צוא אונז עס איז אמשל איין מענטש זיצט אין דער מדבר אונ וויל זייער עסין פלייש אונ קען ניט באקומען · אמאל דער זעהט ער ווי איין בער יאגט נאך איין שעפסלע האט זיך דר מענטש גישטארקט אנטקעגין דעם בער אונ האט דאס שעפסלע מציל גיוועזן אונ ער האט דאס גיקוילעט אונ האט דאס אויף גיגעסין :

ומשה היה רועה את צאן יתרו רבי שמעון הייבט אן עש שטייט דודי לי הרועה בשושנים ווייא צוא דיא לייט וואס גיבין ניט אכטונג אונ ווייסין גאר ניט דען אין דער צייט אז עס איז אויף גיגאנגען אין דער מחשבה פון הקב"ה צוא באשאפין דיא וועלט זיינען אלע עולמות אויף גיגאנגען אין זיין מחשבה אונ מיט דער מחשבה זיינען אלע עולמות באשאפין גיווארין אזו וויא עס שטייט כולם בחכמה עשית אונ מיט דער מחשבה פון דר חכמה אונ מיט דר רעכטער האנט האט ער באשאפין

יענע וועלט אונ מיט דער לינקער האנט האט ער באשאפן דיא וועלט אזו וויא עס שטייט אף ידי יסדה ארץ מיינט מען דיא לינקע האנט וימיני טפחה שמים איז: דיא רעכטע האנט זייא זיינען אלע באשאפין גיווארין אין איין שעה אונ אין איין רגע אונ האט גימאכט עולם הזה אנטקעגין עולם הבא אונ אלץ וואס עס איז אויף דעם הימיל איז אנטקעגין פאר האנדן אויף דר וועלט אונ וואס עס איז אויף דער וועלט איז פר האנדן זיין גלייכין אין ים עס איז אלץ איינש ער האט באשפין אויבין מלאכים אונ אויף דער וועלט האט ער אנטקעגין באשאפין מענטשין אונ אין ים איז אנטקעגין דער לויתן אזו וויא עס שטייט לחבר את אוהל להיות אחד דאס איז אלץ איינש קעגין דעם אנדערין בייא דעם מענטשין שטייט כי בצלם אלהים עשה את האדם נאך שטייט ותחסרהו מעט מאלהים אונ האט אויש דער ווילט אין דיא צדיקים · דיא אייבערשטע מלאכים רופט ער זייא ניט אן בנים מיינע קינדער אונ דיא צדיקים רופט ער בנים אזו וויא עס שטייט בנים אתם לה׳ אלהיכם ער רופט זייא קינדער אונ זייא רופין אים פאטר אזו ווי עס שטייט כי אתה אבינו דרום שטייט דודי לי ואני לו ער האט מיך אויש דער ווילט אונ איך האב אים אויש דער ווילט הרועה בשושנים חאטשע ארום דיא רויזין זיינען פאר האנדין דערנער פון דעסט וועגין האט הקב״ה אונז גיטאן שפייזין אין ארץ ישראל צווישין דיא עובדי כוכבים דאס קיינער האט זייא ניט גיקאנט עפעש טאן נאך איין פשט איז ווארום הייסט הקב״ה רועה בשושנים אזו וויא איין רויז איז רויט אונ איר זאפט איז ווייש אזו אויך הקב״ה פירט דיא וועלט מיט דעם מדת הדין וואס איז רויט אונ מיט דעם מדת הרחמים וואס ער איז ווייש אזו וויא עס שטייט אם יהיה חטאיכם כשנים כשלג ילבינו:

רבי אבא איז גיגאנגען אין וועג מיט רבי יצחק אזו וויא זייא גייען זיינען זייא גיקומען צוא רויזין ביימער האט רבי אבא גינומען איין רויז אונ איז אוועק גיגאנגען האט אים באגעגינט רבי יוסי זאגט ער צוא אים דיא שכינה איז בוודאי דא אונ איך זעה אין דיא הענט פון רבי אבא דאס ער האט נאר גינומען דיא רויז כדי ער זאל פון איר אפ לערנען גרויש חכמה · זאגט רבי אבא זעץ דיך אנידער מיין קינד האבין זייא זיך גיזעצט האט רבי אבא איין שמעק גיגעבין די רויז אונ זאגט דיא וועלט האט בוודאי מער קיין קיום ניט נאר אויף דעם ריח דען מיר זעהען אז דער נפש האט נאר איין קיום אויף דעם ריח · דרום גיהער מען צוא נעמען איין הדס צוא הבדלה במוצאי שבת צוא שמעקין דער פון · ער הייבט אן עס שטייט אני לדודי ודודי לי ווער איז מיר גורם וואס איך בין לדודי אונ מיין דודי איז צוא מיר ווייל ער איז הרועה בשושנים ער פירט דיא וועלט אזו וויא ארויז שמעקט מען אונ זיא איז רויט אונ דיא וואשער וואס מען קוועטשט אויש פון איר איז ווייש אונ איר ריח ווערט ניט פאר ענדערט אזו אויף דעם אויפין פירט השי״ת דיא וועלט דען ווען ניט אזו וואלט חלילה אזינדיגער מענטש קיין קיום ניט גיהאט דען דער חוטא הייסט אדום רויט אזו וויא עש שטייט אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו אונ אז דער חוטא איז מקריב איין קרבן שפריינגט מען פון אים דאס בלוט וואס איז רויט אויף דעם מזבח וואס דער מדת הדין איז אויף אים רויט אונ דר ריח קומט אויף פון אים ווייש דען עס ווערט פאר קערט פון רויט צוא ווייש פון דעם מדת הדין ווערט רחמים · אויך זאגט רבי יצחק אזו וויא איין רויז איז רויט אונ ווייש אזו אויך דער ריח הקרבן איז פון רויט אונ ווייש · קום אונ זעה די קרייטעכער פון דיא קטורת אטייל זיינען ווייש היינו ווארעך אונ אטייל זיינען רויט דאס איז מר דרור אונ דער ריח גייט אויף פון ביידע רויט אונ ווייש אזו אויך איז הקב״ה זיך נוהג מיט דער וועלט בשושנים וואס זיינען רויט אונ ווייש אזו וויא עס שטייט להקריב לי כל חלב ודם אזו אויך אז אמענטש פאשט איז ער מקריב זיין חלב ודם דאס חלב איז ווייש אונ דאס בלוט איז רויט אונ הקב״ה איז אים מכפר אונ אזו וויא ארויז איז רויט אונ קען ווייש ווערין דורך פייער אזו איז דער קרבן ווייל מיר האבין היינט קיין קרבן ניט איז דר תענית איין קרבן · זאגט רבי יהודה דורך דעם תענית פון דעם מענטשין ווערין זיינע אברים שלאף אונ דר יסוד האש איז זיך גובר אויף אים מיט דעם אש איז ער מקריב זיין חלב ודם דאס הייסט מזבח כפרה דרום אז רבי אלעזר האט גיפאסט האט ער מתפלל גיוועז אונ האט גיזאגט רבונו של עולם עס איז אנטפלעקט פאר דיר אז איך האב מקריב גיוועזן צוא דיר מיין חלב ודם אונ האב זיי גימאכט דער היצען מיט דעם שלאפקייט פון מיין גוף עס זאל זיין באוויליגט דר ריח וואס גייט היינט ארויש פון מיין מויל וויא דער ריח פון איין קרבן וואס איז אויף גיגאנגען אויף דעם מזבח אונ דו זאלסט מיך באוויליגין נמצא ווערט גיפונען אז אמענטש פאסט איז ער מקריב זיין חלב ודם אונ דאש אש אונ דער ריח וואש גייט פון זיין מויל איז איין מזבח כפרה דרום האט מען מתקן גיוועזן דיא תפלות אויף דעם אורט פון איין קרבן נייערט ער זאל אין זייא מכוין זיין אזו וויא מיר האבין גיזאגט · רבי יצחק זאגט עש שטייט כל דבר אשר יבוא באש תעבירו באש וטהר אזו אזאך וואש עש איז דורך דעם פייער טרייף גיווארין זאל עש דורך דעם פייער כשר ווערין ממילא אזו וויא דער מענטש אז ער טוט איין עבירה דער היצט ער זיך מיט דעם יצר הרע אזו איז ווידער זיין כפרה דורך דעם וואס ער דער היצט זיך מיט דעם פאסטין אדער מיט תורה לערנען אדער מיט מעשים טובים ווערט ער טהור · רבי יוסי זאגט אז דער בית המקדש איז גישטאנען פלעגט דער מענטש מקריב זיין אקרבן פלעגט מען אים דורך דעם מכפר זיין זיינע עבירות היינט איז די תפלה מכפר אויף דעם ארט פון דעם קרבן:

דבר אחר נאך איין פשט איז אזו וויא רויזין וואקסין צווישין זייא דערנער אזו אויך פירט הקב״ה דיא וועלט צדיקים מיט רשעים אונ אזו וויא רויזין קענען ניט האבין קיין קיום סיידין דורך דיא דערנער אזו אויך ווען דיא רשעים זאלין ניט זיין וואלטין דיא צדיקים ניט רעכט דער קענט גיווארין דען רבי יהודה האט גיזאגט אז ווען עס זאל ניט זיין קיין רשעים אויף דער וועלט וואלטין דיא צדיקים גאר ניט דער קענט גיווארין אונ דורך זייערע מעשים רעים דער קענט מען דיא צדיקים:

דבר אחר נאך איין פשט איז הרועה בשושנים דאש מאכט שש שנים השי״ת איז מנהיג דיא וועלט מיט זעקס יאר אונ דאש זיבעטע יאר איז שבת צו גאט דאש הייסט שמיטה · אדער הרועה בשושנים מיינט מען דיא וואס לערנען תורה דען שונים איז טייטש לערנען אין דעם זכות פירט הקב״ה דיא וועלט:

ומשה היה רועה את צאן יתרו רבי חייא הייבט אן עס שטייט מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר וגו׳ אזו וויא איין פאסטעך פירט זיינע שאף אויף איין רעכטער אונ איין פעטע פאשע לעבין טייכין פון וואשער אונ ער מאכט רעכט פארטיג זייער גאנג אזו איז אויך הקב״ה דרום שטייט בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני רבי יוסי זאגט דער סדר פון איין פאסטוך איז

צוא פירן זיינע שאף מיט ערליכקייט צוא מציל זיין זייא פון גזל זייא זאלין ניט עסין פון פרעמדע פעלדער אונ האט אין זיין האנט איין רוט כדי זייא זאלין ניט גייגין רעכט אונ לינק אזו אויך הקב"ה איז רועה דיא ישראל ער פירט זייא אויף איין רעכטין וועג אונ דיא רוט פון דין איז אין זיין האנט זייא זאלין זיך ניט גייגין אן דער זייט :

דבר אחר איין אנדער פשט איז ומשה היה רועה וגו' רבי יוסי זאגט דער וואס איז איין קלוגער פאסטוך צוא פירין זיינע שאף דער איז אן גיברייט צוא מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים אבער דער וואס איז איין שוטה איז אויף אים גיזאגט תקוה לכסיל ממנו זאגט רבי יהודה משה איז גיוועזן איין חכם צוא פירין זיינע שאף אזו אויך דוד איז גיוועזן איין חכם גדול אונ האט גיפירט זיינע שאף כדין דרום האט אים הקב"ה גימאכט פאר איין מלך אויף כל ישראל ווארום אזו ווי עס שטייט רועה צאן ער האט גיפאסעט שאף פר וואש ניט רינדער זאגט רבי יהודה דיא ישראל הייסין צאן אזו וויא עש שטייט ואתנה צאני צאן מרעיתי אונ ווידער שטייט כצאן קדשים כצאן ירושלים אזו וויא דורך דיא שאף וואש מען איז מקריב אויף דעם מזבח האט מען איין כפרה אזו דער וואש איז מנהיג דיא ישראל אויף איין גוטין וועג איז מען זוכה דורך זייא לחיי עולם הבא אונ ווידער אזו וויא אז דיא שאף גיווינען קליינע שעפשעליך נעמט זייא דער פאסטוך אויף זיינע הענט אונ טראגט זיי נאך זייער מוטר אונ איז זיך מרחם אויף זיי אזו בדארף דער מנהיג ישראל פירין די לייט מיט רחמנות אונ ניט מיט אכזריות אזו אויך האט משה גיזאגט כי תאמר אלי שאהו בחיקך אונ אזו וויא איין גוטער פאסטוך איז מציל די שאף פון חיות רעות אזו אויך דער מנהיג ישראל איז זייא מציל מדין של מטה ומדין של מעלה אונ איז זייא מדריך לחיי העולם הבא אונ אזו איז גיוועזן דער רועה נאמן משה רבינו הקב"ה האט גיזעהן וויא אזו ער פירט דיא שאף וועט ער מנהיג זיין מיט דער מידה דיא ישראל דרום שטייט ומשה היה רועה את צאן יתרו אונ עס שטייט ניט צאנו זיינע שאף דען אזו איין גרויסער עושר וויא יתרו איז גיוועזן אונ האט אים גיגעבין זיין טאכטער פאר אווייב מן הסתם האט ער אים שאף אויך גיגעבין נאר משה האט ניט גיוואלט פאסין זיינע שאף מיט דיא אין איינעם מען זאל ניט זאגין פון וועגין זיינע שאף דרום פאסעט ער זייא אויף גוטע פאשע דרום שטייט נאר צאן יתרו אבער ניט זיינע כהן מדין זאגט רבי תנחום תאטשי יתרו איז גיוועזן איין עובד כוכבים פון דעסט וועגין ווייל ער האט מיט משה חסד גיטאן דרום האט ער אים גיפאסעט זיינע שאף אזו וויא עש בדארף צוא זיין אויף גוטע פאשע :

וינהג את הצאן אחר המדבר רבי יוסי זאגט פון דעם טאג אן וואש משה איז גיבארין גיווארין האט זיך דער רוח הקודש ניט אפ גיטאן פון אים אונ ווייל ער האט גיזעהן אז אין דער מדבר וועלין דיא ישראל מקבל זיין דיא תורה אונ מצות דרום האט ער גיפירט זיינע שאף הינטער דער מדבר אונ האט ניט גיוואלט אריין פירין זייא אין דערט מדבר ויבא עד הר האלהים חורבה ער איז אליין ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג עש איז איין משל צו איין מאגנעט וואס ציהט צוא זיך אייזין וויא באלד ער דער זעהט אים שפרינגט ער אויף אים אזו אויך משה רבינו אז ער האט דער זעהן דעם בארג סיני דאש איז דער הר חורב איז ער גישפרונגען אויף אים דרום שטייט ויבא עד הר האלהים חורבה זאגט רבי אבא משה רבינו אונ דער בארג סיני זיינען ביידע אן גיברייט גיוועזן מששת ימי בראשית אונ אין דעם טאג וואס משה איז גיקומען צו דעם בארג האט ער אן גיהויבין צו שטורימען אנטקעגין משה אז ער האט דאס דער זעהן איז ער גישפרונגען אויף אים אונ האבין זיך ביידע גפרייט זאגט רבי ינאי משה האט תיכף גוואוסט אז דער בארג איז הר האלהים מיר האבין גילערינט דען משה האט אויף דעם בארג גיזעהן עופות פליהען אונ שוועבין זייא האבין צוא שפרייט דיא פליגיל אונ גייען ניט ארויף אויף דעם בארג צוא שטעלין זיך אויף אים זאגט רבי יצחק ער האט גיזעהן עופות פליהן פון דארטין אונ פאלין פאר זיינע פיס מיד תיכף האט ער דאס פאר שטאנן אונ האט גלאוזט די שאף שטיין הינטער דר מדבר אונ ער אליין איז אהין גגאנגען:

תנו רבנן דיא רבנים האבין גילערינט אין דער צייט וואס משה איז גיקומען צוא דעם בארג סיני נאך וואש האט זיך הקב"ה צוא אים באוויזין בלהבת אש מיט פלאם פייער דאש איז דאך דר מדת הדין זאגט רבי יצחק עס איז גיוועזן דיא צייט פון מנחה וואש אין דער צייט איז ער שולט נאר פאר וואש האט זיך השם יתברך צוא אים פייער ניט באוויזין פאר דער צייט נאר דער עיקר איז אזו וויא עס שטייט ויבא עד הר האלהים חורבה דער נאך שטייט ובחורב הקצפתם את ה' אונ ווידר שטייט וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה ווייל זיי וועלין זיין דער נאך אזו וויא דערנער אזו וויא עס שטייט קוצים כסוחים באש יצתו דאש האט אים הקב"ה גיוויזין אז זייא וועלין דער נאך זינדיגין אונ וועלין זיין וויא דערנר צוא פאר ברענען אין פייער זאגט רבי יהודה פון דאנען לערנען מיר אפ דאש רחמנות פון הקב"ה איז אויף דיא רשעים דען אזו וויא עס שטייט והסנה בוער באש דער מדת הדין ברענט אזו וויא פייער פון דעם גיהנם אויף דיא רשעים וואס זייא זיינען וויא איין דארין אבער דאס רחמנות פון הקב"ה איז והסנה איננו אוכל דאס קיין מאל פאר דארבט ער זייא ניט מחמת דעם מדת הרחמים וואס ער האט אויף זייא רחמנות :

וירא מלאך ה' אליו בלבת אש פאר וואס האט זיך הקב"ה צוא משה באוויזין מיט פייער ניט אזו וויא צוא אנדערע נביאים זאגט רבי יהודה משה איז ניט גלייך צו אנדערע נביאים ווארום אנדערע מענטשין אז זיי גינעהנגען צוא פייער ווערין זייא פאר ברענט אונ משה האט גינעהנט צוא דעם פייער אונ איז ניט פאר ברענט גיווארין אזו וויא עס שטייט ומשה נגש אל הערפל אשר שם האלהים דרום שטייט וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה זאגט רבי אבא עס שטייט ביי משה כי מן המים משיתיהו מען האט אים פון דעם וואסר ארויס גצויגן אונ ווער עס ווערט אויס גצויגן פון וואסער דער פארברט זיך ניט פאר פייער דען מיר האבין גילערינט פון דעם ארט וואס משה איז באשאפין גיווארין איז פון דארטין קיין שום מענטש ניט באשאפין גיווארין ער איז גיוועזן גיגרונד פעסט אין אלע מדות ומדריגות דרום שטייט בכל ביתי נאמן הוא וואול איז זיין חלק אז הקב"ה זאגט אליין אויף אים אזו איין עדות זאגט רב דימי עש שטייט דאך ולא קם נביא עוד בישראל כמשה האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט נאר ביי דיא ישראל איז ניט גיוועזן אזו איין נביא וויא משה רבינו אבער ביי די אומות איז גיוועזן איין נביא כמשה אונ דאס איז בלעם זאגט ער דוא זאגשט בוודאי רעכט אונ ווייסט ניט צוא ענטפערין וויא רבי שמעון איז גיקומען פרעגין זייא אים דאס ענטפערט ער זייא חס ושלום עס זאל גלייך זיין גוט גיווירץ אונ שמעקינדיגער אייל צוא שלעכט גיווירץ אזו אויך חס ושלום מען זאל גלייכין בלעם צוא משה נאר אזו איז דער פשט ביי דיא אומות איז בלעם חשוב גיוועזן

אזו

אזו וויא משה בייא דיא ישראל אבער זייא זיינען ניט גלייך ווארום משה איז גיוועזן אין דיא מדריגות העליונים הקדושים פון הקב"ה אונ בלעם האט משמש גיוועזן במדריגות התחתונים וואס זייא זיינען ניט היילג דען הקב"ה האט אלץ באשאפין זה לעומת זה אזו וויא אין דער קדושה אזו איז דאס בקליפה כקוף בפני אדם אזו וויא איין נאף דאש הייסט אבוזאנע אנטקעגין אמענטשין אזו איז דיא טומאה גיוועזן דיא מדה פון בלעם אנטקעגין דיא מדה פון משה פון דר קדושה דרום שטייט ואת בלעם הקוסם הרגו בחרב רופט ער אים שוין אן כישוף מאכער וועשטו וועלין מיינען ער איז גרעשער גיוועזן גייא אונ פרעג זיין אייזיל וועשטו ווישין דעם אמתופון זיין גרוישקייט איז גיקומען רבי יוסי אונ האט אים גיקושט זיינע הענט אונ זאגט איצונד איז מיין גילוסטיקייט פון מיין הארץ ארויס גיגאנגען אונ פון דאנען זאל מען ווישין אז עס איז פאר האנדין עליונים ותחתונים ימין ושמאל רחמים אונ דין אונ על כל פנים זיינען אפ גישייד דיא נביאים עליונים פון דיא נביאים התחתונים דיא היילגע נביאים פון דיא ניט היילגע נביאים זאגט רבי יהודה אזו וויא משה איז אפ גישייד גיוועזן פון אלע נביאים וואש אין דער קדושה דען ער איז גיוועזן העכער פון אלע היילגע נביאים אזו איז בלעם אין דער טומאה אויך העכער גיוועזן מער פון אלע נביאים חרשים מכשפים די נבואה וואס ניט היילג ועל כל פנים משה איז גיוועזן למעלה אונ בלעם איז גיוועזן למטה דאש זיינען כמה מידות וואס זיינען אפ גישייד איינש פון דעם אנדערין זאגט רבי יהודה משה האט זיך גיטראכט טאמער חס ושלום וועלין דיא ישראל פאר דארבין ווערין אין דר שווערר ארבעט פון די מצרים דרום שטייט וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה וירא והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל דאש הייסט ווען אפילו זייא וועלין זיין בייא פרעה אין דער האנט אזו וויא איין דארין אין פייער וועלין זייא פארט ניט פאר דארבין ווערין פיל זוכה זיינען דיא צדיקים דאס הקב"ה האט זייא אפ גישייד בשעת מתן תורה פון אלע רשעים די היידין וואס זיינען גיוועזן אין ארץ ישראל אונ האט זייא גירופין בנים אזו וויא עש שטייט בנים אתם לה' אלהיכם נאך שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום :

# פרשת וארא

וידבר אלהים אל משה רבי אבא זאגט עש שטייט אין פסוק בטחו בה' עדי עד כי ביה ה' צור עולמים איטלעכער מענטש גיהער זיך כל ימיו צוא שטארקין אונ פאר זיכערין אין הקב"ה דען אזו האט דוד גיזאגט אלהי בך בטחתי וגו' ווער עס טוט זיין בטחון אונ זיין שטארקייט אין הקב"ה וויא עס דארף צוא זיין קען אים דיא גאנצע וועלט קיין שלעכץ ניט טאן אונ ווער עס טוט זיין שטארקייט אין דעם שם הקודש וויא דער פסוק זאגט כי ביה ה' צור עולמים דען מיט דיא צוויא אותיות זיינען אלע וועלטין באשאפין גיווארין עולם הבא איז גיווארין באשאפין מיט דער יו"ד אונ עולם הזה איז באשאפין גיווארין מיט דער ה"א דיא וועלט איז באשאפין גווארין מיט דין אונ אויף דין שטייט די וועלט אזו ווי עס שטייט בראשית ברא אלהים מיינט מען דעם מדת הדין כדי דיא מענטשין זאלין זיך נוהג זיין בדין אונ זאלין ניט ארויש גיין פון דעם רעכטין וועג · אונ דרום וויל משה רבינו האט פריער גיזאגט למה הרעות לעם הזה איז גיקומען צו אים די גזרה פון דין דרום שטייט תיכף וידבר אלהים אל משה דאש איז בקיצור ווארום עש איז דא אין דעם גרוישע סודות :

וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב זאגט רבי חייא יעקב איז גיוועזן דער בחיר שבאבות דרום שטייט ביי אלע אל אן איין ואז אבער ביי יעקב שטייט ואל מיט איין וא"ו צוא ווייזין דאש ער איז דער גאנצער פון אלע אבער ער איז דאך ניט גלייך גיוועזן צוא משה רבינו דרום האבין זיי נאר גיזעהען מיט דער מדריגה פון אל שדי אונ משה האט גיזעהען מיט דעם שם הויה אזו וויא עס שטייט ושמי ה' לא נודעתי להם וגם הקימותי את בריתי אתם לתת להם את ארץ כנען דען ווער עש איז גיוועזן גימלת דער האט גיירשת דאס לאנד ארץ ישראל עש האט קיינער ניט גיירשת נאר דער וואש איז איין צדיק אונ דער יהודי וואש ער איז גימלת הייסט ער איין צדיק אזו וויא עס שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ ווען איז דאש אזו אז ער היט דעם היילגין צייכין אונ איז אים ניט פוגם חלילה אזו וויא מיר גיפינען בייא יוסף ער האט ניט גיהייסין איין צדיק ביז ער האט גיהיט דעם היילגין צייכין אונ האט אים ניט מטמא גיוועזן בייא אשת פוטי פרע פון דענמאלט אן הייסט ער יוסף הצדיק רבי חזקיהו זאגט עס שטייט אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון וויא אזו זיינען דיא לייט זייער פאר שטאפט זייא ווייסין ניט אונ זעהען ניט אויף וואש זייא האבין אקיום אויף דער וועלט דען אז הקב"ה האט באשאפין דעם מענטשין האט ער אים באשאפין אין זיין גישטאלט אונ האט אים מתקן גיוועזן אין זיין תיקון אונ האט אים באשאפין פון דעם ארט וואו דער בית המקדש איז אונ דארטין האבין זיך באהעפט דיא פיר זייטין פון דער וועלט דאש איז דיא פיר יסודות מים אש רוח עפר פון דעם איז דער גוף באשאפין גיווארין אונ זיין נשמה איז פון דעם בית המקדש של מעלה אונ דאש איז נכלל גיווארין אין עפר מיט דיא איבעריגע דרייא יסודות דאש זיינען דיא נשמות פנימיות דורך דעם איז דער מענטש גיווארין כלול פון דיא עליונים מחמת דער נשמה אונ פון די תחתונים מחמת דעם גוף דרום שטייט אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון ואין ברוחו רמיה וואול צוא דעם מענטשין וואש עש איז קיין חטא ניט דא אין זיין רוח דער הייסט אדם אזו אויך משה איז העכער גיוועזן אין דער מדריגה פון דיא אבות דען אזו וויא דער בן אדם איז זיין נשמה דאש פנימיות פון זיין גוף אזו איז משה גיוועזן דאש פנימיות פון דיא אבות דאש הייסט דיא נשמה פון דיא אבות דרום שטייט וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי וגו' דאש איז גישריבין בקיצור דרך נגלה :

לכן אמור לבני ישראל אני ה' והוצאתי אתכם פרעגט רבי יהודה דער פסוק שטייט פאר קערט פריער זאגט ער והוצאתי אונ דער נאך והצלתי אונ דער נאך וגאלתי ער וואלט בדארפט פריער זאגין וגאלתי איך וועל זייא אויס לייזין דער נאך והוצאתי איך וועל זייא אויס ציהין דער נאך והצלתי אלא ער האט זייא גיוואלט פריער זאגין די בעסטע בשורה זאגט רבי יוסי אמער דיא בעסטע בשורה איז דאך גאר ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלהים ווארום זאגט ער דאש צום הינטערשטין זאגט רבי אבא דיא צייט איז בייא זייא גיוועזן דיא בעסטע בשורה אז זייא וועלין ארויס גיין דען זייא האבין גימיינט אז זייא וועלין שוין קיין מאל ניט קענען ארויס גיין פון מצרים וויל זייא האבין גיזעהן אז דיא וואס זיינען גיוועזן תפוס אין מצרים האבין דיא מצרים גבונדן מיט כישוף אז זייא זאלין שוין אייביג ניט קענען ארויס גיין פון מצרים דרום דיא בשורה פון והוצאתי איז גרעשער גיוועזן פון אלץ דרום האט ער זייא גיזאגט והוצאתי אתכם אונ אז איר וועט מורא האבין טאמער וועט

מען אייך נאך יאגין צו שלעכץ טאן דרום זאגט ער והצלתי אתכם מעבודתם איך וועל אייך שוין גאר מציל זיין פון זייא אונ אז איר וועט זאגין אז מיר וועלין שוין ארויס גיין אונ ניצול ווערין פון זייא עס וועט אבער ניט זיין קיין גאולה דרום זאגט דער פסוק וגאלתי אתכם בזרוע נטויה אויב איר וועט זאגין אז מיר וועלין יוא ניצול ווערין הקב"ה וועט אונז אבער ניט נעמען פאר קיין פאלק אונ אנגדער מלך וועט אונז נעמען אין גלות דרום זאגט ער ולקחתי אתכם לי לעם אונ אויב איר וועט זאגין אז ער וועט אונז יוא נעמען פר אפאלק ער וועט אונז אבר ניט ברייננגן קיין ארץ ישראל דרום זאגט ער והבאתי אתכם אל הארץ וגו׳ :

ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלהים וידעתם כי אני ה׳ אלהיכם דיא מצוה איז דיא ערשטע מצוה פון אלע מצות דאס מען זאל קענען צוא הקב"ה בדרך כלל ובדרך פרט · בדרך כלל איז מען זאל ווישן אז ער איז איין שליט עליון דער האר פון דער וועלט אונ האט אלץ בשאפין הימעל אונ ערד אונ אלץ וואש עש איז דא אויף זייא אונ האט בשאפין דעם מענטשין פון דער ערד אונ האט אין אים אריין גיגעבין איין נשמת חיים דאש איז בדרך כלל · אז דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האבין זייא ניט גיקענט צוא הקב"ה אונ אז משה איז גיקומען צוא דער ערשטער מצוה וואש ער האט זייא גילערינט שטייט וידעתם כי אני ה׳ אלהיכם המוציא אתכם וגו׳ אונ ווען ניט דיא מצוה וואש ער האט צוא זייא גיזאגט וואלטין זייא ניט גיוועז גיגלייבט אין אלע ניסים וגבורות וואש ער האט זייא גיטאן אין מצרים אונ אז זייא האבין דאש גיוואוסט בדרך כלל דען איז גיטאן גיווארין צו זייא ניסים וגבורות אונ צום סוף פערציג יאר אז זייא האבין עוסק גיוועז במצות התורה אונ משה האט מיט זייא גילערינט סייא דיא מצות וואש זיינען נוהג נאר אין ארץ ישראל אונ סייא דיא מצות וואש זיינען נוהג אין חוץ לארץ אויך האט ער זייא שוין גילערינט בדרך פרט דרום האט ער זייא גיזאגט וידעת היום והשבות אל לבבך וגו׳ אונ זאגט היום דאס הייסט נאר היינט אבער פריער האט איר קיין רשות ניט גיהאט צוא ווישן כי ה׳ הוא האלהים דאש איז בדרך פרט אין דעם פסוק איז פאר האנדין כמה רזין וסודות דרום איז דיא ערשטע מצוה צוא קענען הקב"ה בדרך כלל ופרט דער סוד פון אני ראשון איז בכלל אונ ואני אחרון איז בפרט אונ אלץ איז נכלל אין איין סוד אז דער מענטש ווייסט בכלל אז ער איז משלים אלע זיינע רמ"ח אברים מיט נדיא שס"ה גידים מיט מצות התורה דיא רמ"ח מצות עשה איז אנטקעגין דיא רמ"ח אברים אונ דיא שס"ה מצות לא תעשה איז אנטקעגין דיא שס"ה גידים אונ אז דער מענטש איז משלים די שס"ה מצות לא תעשה וואש זייא זיינען אנטקעגין די שס"ה טעג וואש איז אין יאר אזו ווערט ער גיבענטשט פון זייא דען דורך אים ווערין די שס"ה ימים גיבענטשט דרום ווערין זייא אים איין רפואה צוא זיינע שס"ה גידים דרום שטייט ביומו תתן שכרו דאש מיינט מען זיין שכר איז פון דיא טעג אליין זייא זיינען איין רפואה צוא אים וואול צוא דיא ישראל דען דורך די מצות התורה ווערין זייא גירופין אדם אזו וויא עש שטייט אדם אתם זייא זיינן ברוגמת אדם של מעלה דורך דיא מצות התורה וואש זיינען אין דער צאל שס"ה רמ"ח דאש איז תרי"ג מצות הייסט ער אדם דרום שטייט אדם אתם אזו אויך אז השי"ת האט גיגעבין דיא תורה צוא דיא ישראל האט ער גיזאגט אנכי בדרך כלל אונ ה׳ אלהיך בדרך פרט עס איז אלץ איינש דען עס איז פאר האנדין אפיקורסים וואס זייא זאגין אז עס איז דא צוויא רשויות חז איינער טוט גוטץ אונ איינער טוט שלעכץ דרום איז דער עיקר יחוד צוא אונזער אמונה כי ה׳ הוא האלהים מיט דעם שם הוי"ה איז הקב"ה פועל רחמים אונ מיט דעם שם אלהים איז הקב"ה פועל דין אונ דאס קען אמענטש זעהן אין זיך אליין דען דיא רמ"ח אברים זיינען אנטקעגין רמ"ח מצות עשה וואס זיינען מצד ימין אין דער צאל פון אברהם וואס עס בטרעפט רמ"ח דאס איז מצד החסד אונ דיא שס"ה גידין זיינען אנטקעגין דיא שס"ה מצות לא תעשה מצד שמאל אונ אלע זיינען דאך נכלל אין מענטשין דרום שטייט והשבות אל לבבך דער מענטש זאל זעהן אין זיין הארצין דען ער טוט צוא איינעם גוטץ אונ צוא איינעם שלעכץ אונ דאס איז דאך פון איין כח אזו איז דער כלל ופרט אלץ אין איין יחוד ה׳ אחד ושמו אחד נאר דארט וואו די קדושה הייסט ראשון איז דורך חסד וטוב · אונ וואו זיא הייסט אחרון איז דין ומשפט דרום שטייט אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלהים :

וידבר ה׳ אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל ואל פרעה מלך מצרים רבי יוסי זאגט ער האט גיבאטין צוא משה אונ צוא אהרן פון דיא בני ישראל וועגין אז זייא זאלין דיא בני ישראל פירין בנחת אזו וויא עש גיהער צוא זיין אונ אויף פרעה האט ער זייא גיבאטין אז זייא זאלין אים נוהג כבוד זיין ווייל ער איז איין מלך זאגט רבי ייסא ווארום שטייט דא תיכף אלה ראשי בית אבותם אלא הקב"ה זאגט צו משה חאטשע זייא זיינען היינט בעבודה קשה זאלשטו זייא פארט פירין בנחת אלה ראשי בית אבותם די וואס דוא זעהשט זיינן ראשי בתי אבות זיי קענען זיך רעכט מייחס זיין נאך זייערע בית אב זייא האבין זיך ניט פאר מישט מיט די מצרים זיי זיינן גיבליבין שטיין אין זייער הייליגין שטאנד אונ זייא האבין זיך ניט מתחתן גיוועזן מיט דיא מצרים · רבי אבא זאגט דרום זאגט דער פסוק דא אלה ראשי בית אבותם ווייל דער פסוק וויל מייחס זיין צוא משה ואהרן אונ ווייזין זייער מעלה אז זייא זיינען ראוי אוים צוא ציהן דיא ישראל פון מצרים אונ צוא ריידין פאר פרעה אונ צוא בצווינגין אים מיט דעם שטעקין ווייל צווישין אלע ראשי ישראל איז ניט גיוועזן זייער גלייכין קום אונ זעה עס שטייט ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לאשה ותלד לו את פינחס אלה ראשי אבות הלוים איז קשה ער איז דאך נאר גיוועזן איינער וואש זאגט ער אלה לשון רבים איז משמע פיל נאר דרום זאגט ער בייא פינחס לשון רבים ווייל ער האט במעשה זמרי דער האלטין כמה אלפים ורבבות מישראל דען דורך אים האט די מגפה אויף גיהערט דרום איז דער זכות פון רבים אין אים דרום זאגט ער אלה בלשון רבים אונ ער האט אויך מקיים גיוועזן דיא ראשי אבות הלוים דרום שטייט סתם ראשי אבות הלוים אויך ווייזט אונז דיא תורה מיט ותלד לו את פינחס אלה ראשי אבות הלוים אז דאש זיינען דיא נשמות פון די צוויי ראשי הלוים דאס זיינען נדב ואביהוא זיינען זייא אריין אין פנחס דרום זאגט ער את פינחס אלה ראשי ער האט מתקן גיוועזן וואס זייא האבין מקלקל גיוועזן דען זייא האבין מקלקל גיוועזן דעם יסוד הברית פון זיין ארט אבער פנחס האט מקיים גיוועזן דעם ברית דרום האט ער זוכה גיוועזן צוא זייערע נשמות דרום איז דא דער פסוק מרמז וואס עס וועט זיין אויב דוא וועשט פרעגין נאך וואס איז דאס דיא תורה דא מרמז אלא אז השי"ת האט גיזאגט ואזכור את בריתי האט ער גיזעהן וויא דיא בני אהרן וועלין מקלקל זיין איך דעם ברית דרום האט ער גיזאגט יאך וואס זאל איך אים שיקין אהין קיין מצרים אוים לייזין דיא ישראל מחמת איך גידיינק מיין בריתות

ברית וואס איך האב כורת גיוועזן מיט דיא אבות צום סוף וועלין אים דיא בני אהרן מקלקל זיין דרום האט ער שוין צוא אהרן ניט גיוואלט שיקין. אז ער האט אבער גיזעהן אז ער וועט האבין פנחס וואס ער וועט מתקן זיין דעם ברית האט ער שוין גישיקט אהרן קיין מצרים דרום זאגט ער הוא אהרן ער איז דער ערשטער אהרן הוא אהרן ומשה זייא זיינען ביידע נכלל אין איינעם דרום שטייט הוא אונ ניט הם וייל זייא זיינען ביידע איינש דרום זאגט ער מיט אלשון יחיד :

רבי אלעזר אונ רבי אבא האבין אמאל גינעכטיגט אין לוד זיינען זייא אויף גישטאנען בייא נאכט צו לערנען תורה הייבט אן רבי אלעזר עש שטייט וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלהים עש וואלט בדארפט שטיין וידעת היום כי ה' וגו' והשבות וגו' אלא וואול צוא דיא וואש זיינען עוסק בתורה משה האט אזו גיזאגט אויב דוא ווילשט ווישין אז ה' הוא האלהים וועשטו דאש ווישין פון דיין הארצין דען דו האשט דאך צווייא הערצער דער יצר טוב אונ דער יצר הרע אונ זייא ווערין נכלל אין איינם אזו דער מה"ד אונ מדה"ר איז איינש זאגט רבי אלעזר דיא רשעים מאכין איין פגם למעלה דאש דער יצר הרע ווערט ניט נכלל בימין אין יצר טוב איבער זייערע עונות נאר דער פגם איז צוא זייא אונ ניט צו הקב"ה זייא טוען זיך דער מיט שלעכץ דרום שטייט שחת לו לא בניו מומם זייא טוען נאר זיך דאש דיא ברכות קענען אויף זייא ניט נידערין אבער דיא הימלען זיינען צוא זיך אליין מקבל דיא ברכות דרום שטייט ועצר את השמים דיא ברכות ווערין אין דיא הימלען פאר האלטין זייא קענען ניט אראפ נידערין אונ דאש מאכין די רשעים וואש זייא זיינען ניט כולל דעם יצר הרע אונ דעם יצר טוב ביי ערט זייא מאכין איין צווישין שייד צווישין זייא אונ באהעפטין זיך אין דעם יצר הרע :

ואמרת אל אהרן קח את מטך פאר וואס האט ער ניט גיהייסין נעמען דעם שטעקין פון משה נאר ווייל דער שטעקין פון משה איז גיוועזן הייליגער פון אהרן ווייל ער איז גינומען גיווארין פון דעם גן עדן העליון מיט דעם שם הקודש דרום האט הקב"ה ניט גיוואלט אז דיא מכשפים זאלין מיט זייערע שטעקין מטמא זיין דעם שטעקין פון משה אונ ווידער ווייל אהרן איז גיוועזן מצד ימין דרום האט ער מיט זיין שטעקין גימאכט אונטער טעניג דיא מצרים וואס זיינען מצד שמאל אונ עס איז אנטפלעקט גיוועזן פאר הקב"ה אז דיא מצרים וועלין איך מאכין פון זייער שטעקין שלאנגען אונ וואס האבין זייא גימאכט שלאנגען איז דאס דען צחידוש גיוועזן בייא פרעה נאר פון דארטין איז גוועזן די התחלה צוא שלאגין זייא דען דיא ממשלה פון פרעה איז גיוועזן פון דעם נחש אונ אז זייא האבין גיזעהן אז פון דעם שטעקין פון אהרן איז גיווארין איין נחש האבין זייא זיך גיפרייט ווייל דער ראש החכמה פון זייא איז דער נחש אבער אז עס איז ווידער גיווארין פון דעם שלאנג אשטעקין איין עץ יבש אונ האט זייערע שטעקין איין גישלונגען האבין זייא זיך פאר וואונדערט אונ האבין גיזעהן אז עס איז דא איין האר ער איז מושל איבער אלע כשפים דען זייא האבין תמיד גימיינט אז איבער זייא איז קיין מו"של ניט דא דרום איז דאס גיוועזן דער נס ויבלע מטה אהרן את מטותם עס שטייט ניט נחש אהרן נאר משה דען דער נאך אז ער איז שוין ווידער גיווארין איין שטעקין האט ער זייערע שטעקין איין גישלונגען דרום האט אהרן גיטאן צווייא נסים איינש למעלה אונ איינש למטה · למעלה איז צוא ווייזין אז דער תנין העליון אין דער קדושה איז שולט אויף זייא אונ למטה אז איין האלץ איז שולט אויף זייערע שלאנגען · אונ פרעה איז אגרוישער חכם גיוועזן מע"ר פון זייא אלע האט ער דער פון גיזעהן אז דער שולט העליון איז הקב"ה ער איז שולט איבער אלע למעלה ולמטה זאגט רבי יוסי אויב דוא וועסט וועלין זאגין אז דאס וואס דיא מכשפים מאכין איז נאר אחיזת עינים עס ווייזט זיך נאר אויש אזו אונ אזו איז ראוי צוא זייא אז מיט זייער כישוף מאכין זייא יענעם בלינד עס ווייזט זיך נאר אויש דרום זאגט דער פסוק ויהיו לתנינים זייא זיינען טאקע רעכטע שלאנגען גיוועזן · אונ דער נאך האט דער שטעקין פון אהרן זייערע שטעקין איין גישלונגען :

רבי חייא איז גיזעסין אמאל אין דעם טויער פון אושא האט ער גיזעהן וויא רבי אלעזר מיט רבי אבא גייען אונ איין עוף שוועבט נאך רבי אלעזר זאגט רבי אבא צוא רבי אלעזר אפילו אין וועג גילוסטין אלע דיר נאך צוא גיין האט ער זיך אום גיקערט צוא דעם עוף צוא זעהען אים זאגט רבי אלעזר עס איז בוודאי איין שליחות צוא מיר מיט דעם עוף דען הקב"ה טוט מיט אלע שליחות ער האט פיל שלוחים אונ אפילו מיט דעם וואס האט ניט קיין רוח חיים האט ער אן גיהויבין עס שטייט כי אבן מקיר תזעק וכפיס מעץ יעננה וויא אזו דער מענטש זאל נזהר זיין פון צוא טאן עבירות אונ אויב ער וועט זאגין ווער וועט אויף אים עדות זאגין דיא שטיינער אונ דאס האלץ פון זיין הויז וועט אויף אים עדות זאגין אונ צוא צייטין טוט הקב"ה מיט זייא שליחות קום אונ זעה דער שטעקין פון אהרן איז דאך גיוועזן איין טרוקין האלץ פון דעסט וועגין האט הקב"ה גיטאן מיט אים דעם אן הויב ניסים אונ צווייא שליחות איז מיט אים גיווארין איינש ער איז גיוועזן איין עץ יבש אונ אין איין שעה איז ער גיווארין איין בריה אונ האט גיקריגין אין זיך איין רוח חיים זאגט רבי אלעזר פאר פלוכט זאל ווערין דער רוח פון דיא וואס זאגין אז הקב"ה קען ניט מחיה מתים זיין ווארום וויא קען ער מאכין פון דיא טויטע איין נייע בריה דיא טפשים רשעים זיינען וייט פון דער תורה אונ זיינען זיך מרחיק פון איר דען לאזין זייא זעהען אין דיא הענט פון אהרן איז גיוועזן אשטעקין איין עץ יבש האט הקב"ה אין איין מינוט גימאכט פון אים איין נייע בריה משונה מיט איין גוף ורוח מכל שכן דיא גופות וואס אין זייא איז שוין גיוועזן רוחות אונ נשמות קדושים אונ האבין עוסק גיוועזן אין דער תורה ומצות יום ולילה אונ הקב"ה האט זייא פאר בארגין אין דער ערד אונ לעתיד אז דיא צייט וועט קומען צוא מחדש זיין דיא וועלט איז שוין מכל שכן אז זייא וועלין ווידר ווערין איין בריה חדשה זאגט רבי חייא ניט דאס אליין נאר אפילו דער אייגענער גוף וואס ער איז דא גיוועזן וועט ער ווידער אויף שטיין אזו וויא דער פסוק זאגט יחיו מתיך נבלתי יקומון אונ עס שטייט ניט יבראו ער וועט ערשט באשאפין אבר עש שטייט יחיו דיא גופות אליין וועלין לעבעדיג ווערין דען איין ביינדיל בלייבט אין דער ערד וואס ווערט אייביג ניט פר פוילט אונ צו תחיית המתים וועט הקב"ה מאכין דעם גוף אזו וויא טייג אונ דאש ביינדיל אזו וויא זויער טייג אונ דאס ביינדיל וועט מאכין אויף גיין דעם גאנצין גוף אונ דער גוף וועט זיך דער פון דער הויבין אונ וועט זיך משפשט זיין פון אלע זייטין אונ דער פון וועט דער גוף ווערין גיגרונד פעסט מיט אלע זיינע אברים דער נאך וועט אים הקב"ה געבין זיין רוח זאגט רבי אלעזר דוא זאגשט גוט קום אונ זעה מיט

וואס

וואס וועט דאס בייגדיל ווייך ווערין מיט טל אזו וויא עס שטייט כי טל אורות טליך :

ויאמר ה' אל משה אמור אל אהרן קח את מטך ונטה את ידך וגו' ועל כל מקוה מימיהם ויהיו דם זאגט רבי יהודה וויא אזו האט אהרן גיקענט גיין אין דיא אלע ערטער אונ ווידער עס שטייט דאך וימלא שבעת ימים אחרי הכות ה' את היאור איז דאך משמע אז דער טייך אליין איז גישלאגין גיווארין אונ דא שטייט אויף אלע וואשערין זאל אהרן גיין אונ זייא וועלין אלע ווערין בלוט אלא מימי מצרים מיינט מען דעם נילוס אליין אונ פון דער טייך נילוס איז אלע וואשערין גישלאגין גיווארין אונ אהרן האט נאר דעם נילוס אליין גישלאגין דרום שטייט ולא יכלו מצרים לשתות מים מן היאור רבי יצחק זאגט ווען הקב"ה וויל שלאגין איין אומה מיט דם שיקט ער אויף זייא איין אומה אויף מלחמה אז זייא זאלין נהרג ווערין אונ ווארום האט הקב"ה אזו ניט גיטאן בייא פרעה דרום ווייל דיא ישראל זיינען גיוועזן צווישין זיי וועלין זייא צער האבין דרום האט הקב"ה גישלאגין זייערע טייכין מיט בלוט אז זייא זאלין ניט קענען טרינקען ווייל זייער ממשלה אונ כח של מעלה איז גיוועזן פון דעם צד אונ הקב"ה האט גיוואלט צום ערשטין שטראפין זייער כח אונ זייערי אפ גאטין דרום איז דער נילוס זייער אפ גאט צום ערשטין גישלאגין גיווארין אונ פון אלע זייערע אפ געטר האט גיקוועלט בלוט דרום שטייט והיה דם בכל ארץ מצרים ובעצים ובאבנים קום אונ זעה דיא ממשלה פון פרעה איז גיוועזן מיט וואשער אזו וויא עש שטייט התנין הגדול הרובץ בתוך יאוריו דרום איז דער טייך פאר קערט גיווארין צוא בלוט דער נאך מיט צפרדעים זיי זיינען ארייין אין זייערע גידערים אונ האבין גישריען מיט שטארקע קולות אונ זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון דעם טייך אויף דער יבשה אונ האבין גישריען אויף אלע זייטין ביז זייא זיינען גיפאלין אין זייערע הייזער אזו וויא טויטע אונ דער טעם פון אלץ איז דאס השי"ת האט זייא גישלאגין מיט צעהען מכות דאס איז אלץ גיוועזן פון זיין יד החזקה וואס ער איז שולט איבער אלע שרים אונ כוחות פון דיא מצרים כדי צוא מבלבל זיין זייער דעה דען זייא האבין ניט גיוואוסט וואס זייא זאלין טאן אונ מיט אלע זייערע מדריגות אונ כוחות אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען עפעס צוא טאן האבין זייא ניט גיקענט טאן דען דיא יד החזקה האט אויף זייא שורה גיוועזן דרום שטייט ושרץ היאור צפרדעים ועלו ובאו בביתך :

רבי שמעון הייבט אן עס שטייט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה איז קשה אמער רחל האט נאר גהאט יוסף ובנימן ווארום וויינט רחל מער אויף אירע קינדער וואס זיינען אין גלות מער פון לאה אמער לאה האט דאך מער קינדער גיהאט אלא אונזערע חכמים האבין גיזאגט אזו וויא עס שטייט ועיני לאה רכות ווארום זיינען אירע אויגין טונקל גיוועזן ווייל זיא איז גישטאנען אויף דיא וועגין אונ האט נאך גיפרעגט אויף דיא מעשים פון עשו האט מען איר גיזאגט זיינע שלעכטע מעשים האט זיא זיך זייער גיפארכטין אז זיא זאל ניט אריין פאלין אין זיין גורל ווייל זיא איז עלטער דרום האט זיא תמיד דרויף גיוויינט האט הקב"ה צוא איר גיזאגט דוא שטייסט בפרשת דרכים אונ ווייגשט דוא זאלשט ניט אריין פאלין צוא עשו הרשע אונ דיין שוועסטער רחל וועט שטיין בפרשת דרכים אונ וועט וויינען אויף גלות ישראל אונ אזו איז תמיד אז דיא ישראל זיינען אין גלות טוט רחל וויינען אויף אירע קינדער אונ ווייל זיא טוט זייער שרייען מיט קולות אויף דעם גלות ישראל דרום האט הקב"ה גישיקט קיין מצרים דיא קולות אזו וויא עס שטייט והיתה צעקה גדולה במצרים אשר כמוהו לא נהייתה אונ הקב"ה האט זיי אן גיברייט אנדערע קולות פון צפרדעים זייא האבין גישריען אין זייערי גידערים אונ די מצרים זיינען גיפאלין אויף דר גאס טויט עס איז נאר גיוועזן איין צפרדע נאר זיא האט גיוואוגען אונ האט דער פילט גאנץ מצרים מיט צפרדעים אונ אלע האבין זיך מוסר נפש גיוועזן אין פייער אזו וויא דער פסוק זאגט ובתנוריך ובמשארותיך זייא זיינען גיוועזן אין אויבן אונ זייא האבין גיזאגט באנו באש ובמים ותוציאנו לרויה אונ אז דוא וועסט פרעגין וואס האט דאס גיהארט דיא מצרים אז זייא זיינען גיגאנגען אין פייער אלא ניט אלע זיינען גיפייגערט אין פייער אונ דיא וואס זיינען יוא גיפייגערט זיינען זייא אריין גיגאנגען אין ברויט אריין וואס זיינען גיוועזן אין אויבין אונ זיינען דארטין צוא שפאלטין גיווארין אונ פון זייא איז ארויש גיגאנגען אנדערע פרעש אונ זיינען אריין גיגאנגען אין זייערע גידערים אונ האבן דארטן גשפרונגען אונ גשריען ביז זייא זיינען גשטארבן אונ דאס איז ערגער גיוועזן בייא זייא פון אלץ קום אונ זעה עס שטייט ושרץ היאור צפרדעים ועלו ובאו בביתך ובחדר משכבך ועל מטתך פרעה איז פריער גישלאגין גיווארין פון אלע אונ מער פון אלע יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם גילויבט זאל זיין דער נאמען פון השי"ת אויף אייביג דאס ער גידיינקט דיא מעשים פון דיא מענטשין וואס זייא טוען עס שטייט בייא שרה ויראו אותה שרי פרעה ויהללו אותה אל פרעה ותקח האשה בית פרעה אין דעם פסוק שטייט דרייא מאל פרעה עש איז גיוועזן דרייא פרעה איינער וואס האט גינומען שרה אונ איינער אין דער צייט פון יוסף אונ איינער אין דער צייט פון משה וואס משה האט אים גשלאגן מיט מכות מיט זיין שטעקן · אונ פרעה וואס ער האט גינומען שרה צוא זיך אונ זיא איז דאך גיוועזן אגרוישע יפת תואר האט ער גיהייסין דיא מיילערש אז זייא זאלין אפ מאלין איר צורה אויף דער וואנט אין זיין חדר איז נאך ניט גינוג גיוועזן פאר אים האט ער גיהייסין אפ מאלין איר צורה אויף איין טאביל אונ פלעגט דעם טאביל נעמען צוא זיך אונ דיא מלכים וואס זיינען נאך אים גיוועזן אז זייא האבין דער זעהען דיא צורה האבין זייא זיך גיפרייט דרויף ווען זייא זיינען צוא איר גיגאנגען האבין זייא דער פון הנאה גיהאט דרום איז דער מלך מער גישלאגין גיווארין פון אלע אזו וויא עס שטייט ובחדר משכבך ועל מטתך פריער אין זיין חדר אונ זיין בעט דער נאך שטייט ובבית עבדיך ובעמך אונ בייא זייא שטייט ניט ועל מטתך אזו וויא עש שטייט בייא דעם מלך פרעה :

רבי אבא זאגט עש שטייט כל הנחלים הולכים אל הים וגו' ער האט ביז האלב נאכט גיזאגט סודות ווארום אין דער צייט דער וועקט זיך דער יחוד וקדושה של מעלה זאגין דיא מלאכים שירה ביז עס גייט אויף דער מארגין שטערין ווערט טאג אזו וויא עס שטייט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים אונ אז דער מארגין שטערין גייט אויף זאגין שירת דיא עליונים ותחתונים דעסט גלייכין דיא ישראל אונטין זאגין אויך שירה אזו וויא דער פסוק זאגט דיא וואס גלוסטין צוא גידיינקען להקב"ה תמיד אונ שטייען אויף האלבע נאכט אונ גיבין ניט קיין שטיל שווייגין צוא זייער הארצין אונ אז דער מארגין שטערין גייט אויף זיינען זייא זיך מקדים אין שול אריין אונ דאווענען תפלת שחרית אונ נאך האלבין טאג תפלת המנחה אונ אז דיא זון גייט אונטער בייא נאכט דאווענען זייא תפלת ערבית אויף זייא איז גיזאגט דער פסוק המזכירים את ה'

אל

אל דמי לכם זייא גידיינקען להקב"ה אונ עש איז ניט קיין שטיל שווייגונג צוא אייך דאס זיינען דיא ישראל וואס הקב"ה האט זייא גידאכט אין מצרים · אונ עס איז ניט קיין שטיל שווייגונג צוא אייך דאס איז אויף פרעה דיא ניט קיין שטיל שווייגונג אונ זיינען ניט שטיל יומם ולילה דאס זיינען דיא צפרדעים דיא פרעש האבין קיין מאהל ניט גישוויגן וייל דיא מצרים האבין זיך גישטארקט אויף דעם עם קדוש וואש שווייגין ניט שטיל יומם ולילה צוא לויבין להקב"ה עש איז קיינער גיט גיוועזן אין מצרים זאל קענען ריידין מיט דעם אנדערין פון וועגין דאס גישרייא פון דיא צפרדעים פון זייא זיינען דיא מצרים פאר דארבין גיווארין אונ מחמת זייערע קולות זיינען אויס גשטארבן ילדים ונערים אויב דוא וועסט פרעגין ווארום האבין דיא מצרים ניט גיהרגת דיא צפרדעים נאר עס איז גיוועזן איין מכה וואס מען האט פון איר ניט גיקאנט אנטרונען ווערין דהיינו אז איינער האט גיווארפין אשטיין אויף איין צפרדע אוידער ער האט זיא גיהרגת מיט איין שטעקין איז זיא צוא שפאלטין גיווארין אונ עס איז ארויס פון איר זעקס אויף איר ארט אונ האבין זיך צוא שפרייט אונ צו קראכין אויף דער ערד דאס זייא האבין שוין ניט גיקאנט גיין אונ טרעטין אויף דער ערד איבער זייא דרום האט מען זייא ניט גיטארט אן רירין · קום אונ זעה פון דעם איבערשטין ים גייען ארויס כמה גרוישע טייכין אונ קליינע טייכלעך זייא ציהן אונ צוא טיילין זיך אויף פיל זייטין אונ איטליכער איז מגדל אנדערע מיני פיש וואס זיי זיינן שלוחים פון הקב"ה אונ אזו וויא אונטין גייען ארויס ופון דער וואשער אלערלייא מינים אזו האט איטליכש זיין כח למעלה אין איבערשטין ים וואס זייא זיינען שלוחים צוא טאן דעם ווילין פון הקב"ה וואס זיינן ממונה ברוח החכמה דרום האבין מיר גילערינט יש מים עס איז פר האנדין וואשר וואש עש איז מגדל חכמים אונ עש איז פאר האנדין וואשער וואש עש איז מגדל טפשים אונ דיא וואשער פון מצרים האט מגדל גיוועזן מכשפים אונ צעהן מדרגות פון כישוף איז אזו ווי עס שטייט קוסם קסמים מעונן ומנחש וחובר חבר ושואל אוב וידעוני ודורש אל המתים דאש זיינען צעהען מיני חכמות פון כישוף אין דער צייט האט הקב"ה גישטרעקט זיין פינגער אונ האט צוא מישט דיא אלע וואשערין פון מצרים איז פאר מיטין גיווארין דיא דגים עליונים פון דיא כוחות אונ עש איז גיווארין פאר קערט דיא וואשער צוא בלוט אויך אלע בעך וואשער זיינען פאר קערט גיווארין דען דיא חכמה איז פון זייא אוועק גינומען גיווארין פון זייערע כוחות למעלה וואש זיינען אנטקעגין דיא צפרדעים וואש שרייען · זייערע ממונים האבין שוין ניט גיהאט זייער כח האבין זייא גישריען דאש זייא קענען שוין מיט זייער כח גאר ניט טאן · אויך מיט דער מכה פון ערוב האט ער למעלה זייער כח אין ים פאר מישט זייער חכמה דאש זייא האבין זיך ניט גיקאנט אין דעם בהעפטין אונ דיא וואש האבין פאר דארבין זייער וועג עש הייסט ערוב צוא מישט גלייך וויא כלאים מין בשאינו מינו אזו זיינען זייא פאר מישט גיווארין למעלה · הקב"ה האט זייא מבלבל גיוועזן אין איין מאל כדי זייער שטארקער כח זאל אויך מבולבל ווערין אונ אלע נסים וגבורות וואש הקב"ה האט גיטאן אין מצרים איז נאר גיוועזן מיט איין האנט אך האט אויף זייא גיהויבין דיא האנט פון אויבין אונ פון אונטין אונ פון דארט איז פר לארין גיווארין די חכמה פון מצרים אזו וויא עס שטייט ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר נאך שטייט וסכסכתי מצרים במצרים

איך וועל צוא מישין דיא מצרים פון אונטין מיט דיא מצרים אובין דען די איבערשטע חיילות האבין צו שאפין אויף דיא אונטערשטע אזו זיינען אלע פאר מישט גיווארין אונ אז דיא כוחות אונ דיא שרים של מעלה זיינען פאר מישט גיווארין האבין שוין דיא מצרים זיך ניט גיקאנט בהעפטין אין זייער כישוף ווארום דיא כוחות של מעלה זיינען פאר מישט אונ מבולבל גיווארין דרום האט הקב"ה אויף זייא גיבראכט דעם ערוב וואש זייא זיינען פאר מישט גיווארין איינר מיט דעם אנדערין אזו אויך דיא מכה פון כינים דען עש קאן ניט גיטאן ווערין אונטין קיין שום זאך אז עס זאל ניט אין דעם אריין קומען דער כח פון אויבין אונ אלץ וואס אונטין איז פאר האנדין איז אלץ אין גישטאלט וויא זיין כח איז אויף דעם הימיל · קום אונ זעה עס איז פר האנדין זיבין הימלין אונ אנטקעגין זיינען זיבין לענדער איטליכש לאנד פון דיא זיבין שטייט אונטער זיין כח פון דעם שר של מעלה אונ זייא צוא שיידין זיך אויף שבעים שרים זייא רינגלען ארום גאנץ ארץ ישראל אויף דעם הימיל · אזו אויך אויף דר ערד האט איטליכר זיין גבול אונ זיין תחום אזו אויך איז דער גבול פון מצרים אובין האט הקב"ה גיטאן זיין צייכין אונ דרינן זיינען דארט גיווארין פלאם פייער איז אלץ וויא עס איז גיוועזן וואשער איז אויס גיטריקינט גיווארין אזו אויך אונטין האט אהרן גישלאגין דיא וואשער צוא ווייזין אז ער איז דיא רעכטע האנט פון הקב"ה אזו וויא עס שטייט ימינך ה' תרעץ אויב דיא רעכטע האנט צוא ברעכט אלע פיינד אונ דיא גרוישע שטעט אזו וויא עס שטייט ונהפכו נחליה לזפת ועפרה לגפרית אונ דרום איז גיווארין

פון דער ערד די מכה יפון כנים אין מצרים :

רבי יהודה מיט דר חברייא זיינען גיגאנגען אונטער וועגין זאגט רבי חייא ווען דיא חברייא גייען אונטער וועגין דארפין זייא גיין מיט איין הארץ אונ ווען זייא באגעגענען אדער זייא גייען מיט רשעים אזעלכע וואס גייגין אוועק מהיכל המלך מוז הקב"ה זיך אפ שיידין פון זייא · מיר לערנען דאס אפ פון כלב אזו וויא עס שטייט ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו וימלא אחרי דאס מיינט מען דעם רוח אחרת וואס ער האט זיך אפ גישייד פון דיא מרגלים :

פתח האט ער אן גיהויבין עס שטייט ויעלו בנגב ויבא עד חברון ער האט זיך אפ גישייד פון די מרגלים אונ איז אליין גיגאנגען קיין חברון צוא פאר שפרייטין זיך דארטין אויף דיא קברי אבות אין חברון אונ עס איז אים גיגעבין גיווארין דיא שטאט פאר איין ארב אזו וויא עש שטייט ולו אתן את הארץ אשר דרך בה פר וואס האט מען אים גגעבן חברון אמער ער איז דאך נאר גגאנגען מתפלל זיין אויף דיא קברי אבות · ער זאל ניצול ווערין פון דיא מרגלים · נאר איך האב גיהערט אזו אגלייכין עס שטייט וישאל דוד בה' לאמר האעלה באחת ערי יהודה ויאמר ה' עלה ויאמר אנה אעלה ויאמר חברונה איז דאך דיא קשיא נאך וואס האט דוד גידארפט גיין קיין חברון דארטין אליין זיין זיבין יאר איין מלך אונ דער נאך אז איש בושת איז גשטארבן איז ער ערשט גווארן איין מלך אין ירושלים איבער אלע ישראל אמער דוד איז דאך נאך גיזאלבט גווארין פאר איין מלך אז שאול האט גלעבט · אונ דענמאלט אז דוד איז גגאנגען קיין חברון איז דאך שוין שאול גוועזן גשטארבן פאר וואש איז דוד ניט גווארין תיכף איין מלך איבער אלע ישראל נאך וואש איז ער גגאנגען קיין חברון אונ איז דארט גוועזן זיבן יאר · נאר דער טעם איז ווארום דיא מלוכה פון דוד האט קיין קיום ניט גיהאט נאר

פון

פון דיא אבות דרום האט ער ניט גקאנט זיין קיין רעכטער מלך ביז ער האט זיך בהעפט מיט דיא אבות וואס ליגן אין חברון אזו אויך כלב ער איז פון יהודה וואס ער איז דער שורש פון דוד דרום האט אים גילייכט דער רוח חכמה צוא גיין קיין חברון וואס דאס איז זיין ארט אונ דאס איז גפאלין אין זיין חלק צוא יירשנן אונ דיא מקובלים פאר שטייען די סודות אין גאנצין :

רבי חייא אונ רבי חזקיה זייען גיגאנגן פון קפוטקיא קיין לוד אונ מיט זייא איז גיגאנגען איין יהודי אונ זיין אייזיל האט גיטראגין משא פון סחורה · אזו וויא זייא גייען זאגט רבי חייא צוא רבי חזקיה עפין דיין מויל צוא זאגין עפעש פון דיא גוטע דברי תורה וואש דוא זאגשט אלע טאג פאר רבי שמעון בן יוחאי דאש הייליגע ליכט הייבט ער אן עש שטייט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום דאש זיינען דיא וועגין פון דער תורה דען דער וואש גייט אין איר וועג טוט הקב"ה אויף אים מאכין רוען דאש זיסקייט פון דער קדושה אונ זיא טוט זיך פון אים ניט אפ אייביג וכל נתיבותיה שלום אונ אלע שטעגין פון דער תורה זיינען אלע שלום · שלום למעלה שלום למטה זיא איז צוא אים שלום בעולם הזה אונ שלום בעולם הבא אונ ער זאגט ווייטער גרוישע סודות זאגט דער יהודי דרכיה דרכי נועם דאש מיינט מען עולם הבא אז דער סוד פון עולם הבא דער וועקט זיך איז זיך מתעורר כל טוב וכל שמחה אונ גרויש אורות דרום היישט עש נועם דרום האבין מיר גילערינט אז עש גייט ארויין שבת האבין אלע רשעים אין גיהנם אויך מנוחה אונ חירות אונ אז שבת גייט אוועק זיינען מיר מעורר צוא דער וועקין דאש חירות העליון פון עולם הבא כדי מיר זאלין ניצול ווערין פון דעם עונש פון דיא רשעים ווארום דענשט מאל הייבט מען זייא ווידער אן דן צוא זיין דרום זאגין מיר בשעת מעשה ויהי נועם וגו' דאש זיסקייט פון עולם הבא וואש היישט נועם אונ דאש איז דאש חירות פון אלע זאל עש אויף אונז רוען וכל נתיבותיה שלום אלע אירע שטעגין פון אלע זייטין איז מקבל דער צדיק וואס היישט שלום ער מאכט שלום אויבין אונ אונטין אונ מאכט איין יחוד אונ דער לייכט אלע עולמות מיט זיין גרויס כח · אונ ער זאגט ווייטער גרוישע סודות זיינען גיקומען רבי חייא אונ רבי חזקיה אונ האבין אים גקושט אונ זאגן צו אים אזעלכע פאר בארגענע סודות זיינען בייא דיר פאר בארגין אונ מיר האבין עס ניט גיוואוסט זייא גייען ווייטער ביז זייא קומען צוא איין פעלד האבין זייא דארט גיזעהן בהמות ליגין טויט זאגן זייא דא איז בוודאי איין דבר פון בהמות זאגט דר יהודי דאס וואס איר האט גזאגט אז הקב"ה האט ממית גוועין אלע שאף אונ רינדער אין מצרים עס איז גיוועין דרייא ערלייא מיני מיתות בייא דיא בהמות איינש פון דבר אונ איינש פון ברד אונ איינש פון בכור בהמה אונ וואס איז גוועין זייער מיתה אלא עס שטייט פריער הנה יד ה' הויה במקנך אשר בשדה ווארום שטייט ניט בייא אלע יד ה' אזו וויא דא אלא אין איין האנט איז דא פינף פינגער אונ פריער שטייט אצבע אלהים הוא אונ דא שטייט יד ה' דען דאס איז גיוועין דיא פינפטע מכה אונ איטליכער פינגער האט ממית גוועין איין מין דרום שטייט דא פינף מינים דרום שטייט בסוסים ובחמורים בגמלים בבקר ובצאן עס זיינען פינף מינים צוא פינף אצבעות וואס היישין יד דרום שטייט הנה יד ה' הויה במקנך נאך דעם האבין זיך פאר קערט דיא אותיות פון דבר אונ עס איז גווארין דער פון ברד אונ האט אלץ ממית גיוועין וואס עס איז איבער גבליבין · וואס איז דער חילוק צווישן זייא אלא אז דבר איז גיוועין זיינען זייא גיפאלין בנחת אונ זיינען פון זיך אליין מת גווארין אונ דער ברד איז גוועין מיט שטארקע רוגזה אונ האט אלץ ממית גיוועין · ושרץ היאור צפרדעים אין זוהר פרשת פינחס שטייט רבי פינחס הייבט אן עס שטייט לדוד ה' לא גבה לבי ולא רמו עיני ולא הלכתי בגדולות וגו' דעם פסוק האט דוד גזאגט בשעת ער איז גגאנגען אויף דעם ברעג פון דעם ים האט ער גיזאגט רבונו של עולם איז דען נאך גוועין אזו אמענטש וואס ער זאל זאגין צוא דיר אזו פיל שירות ותשבחות וויא איך האב צוא דיר גזאגט איז גקומען איין צפרדע אונ זאגט צוא אים · דוד זייא זיך ניט אזו פיל מתנאה איך האב מער גטאן פון דיר איך האב זיך מוסר נפש גוועין אויף דיא רייד פון מיין הער מקיים צוא זיין דען עס שטייט ושרץ היאור צפרדעים וגו' בין איך אין פייער גגאנגען צוא מקיים זיין דיא רייד פון השי"ת אזו וויא מיר האבין אויבין גזאגט אונ ניט דאס אליין נאר איך בין משבח ומזמר בייא טאג אונ בייא נאכט אונ שווייג ניט שטיל באותו שעה האט דוד גיזאגט ה' לא גבה לבי ולא רמו עיני מיין הארץ איז ניט גרויש אונ מיינע אויגין זיינען ניט דער הויבין מחמת גאות ולא הלכתי בגדולות :

# פרשת בא

ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה רבי יהודה הייבט אן עש שטייט אשרי העם יודעי תרועה יי באור פניך יהלכון דיא לייט בדארפין זייער נזהר זיין צוא גיין אין דיא וועג פון הקב"ה אונ צו היטין דיא מצות התורה כדי דורך דעם וועלין זייא זוכה זיין צוא עולם הבא אונ וועלין ניצול ווערין פון אלע מקטריגים למעלה אונ אז זייא טוען יוא דיא מצות התורה אונ גייען בדרך הישר אונ יראת השי"ת האבין זייא פיל מליצים אויבין אזו וויא עס שטייט אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף שטייט ווייטער ויחננו ויאמר פדעהו מרדת שחת מצאתי כופר דרום וואל איז צוא דיא מענטשין וואס היטין דיא מצות התורה · פרעגט רבי חייא נאך וואס באדארף דער מענטש האבין איין מלאך פאר אמליץ עס שטייט דאך כי ה' יהיה בכסלך ושמר רגלך מלכד אונ ווידער שטייט ה' ישמרך מכל רע דען הקב"ה אליין זעהט אלץ וואס דער מענטש טוט אויף דער וועלט סייא גוטש אונ סייא שלעכץ · זאגט רבי יהודה עש איז אמת עס שטייט אבער אז הקב"ה דאט גיזאגט צום שטן אויף איוב וגע אל עצמו ואל בשרו אונ שטייט אז ער האט גיזאגט צום שטן ותסיתני בו לבלעו חנם דוא האשט מיך אום זישט אן גירייצט אויף איוב איך זאל ברייננגען אויף אים יסורים פון דאנען איז גידרונגען אז הקב"ה גיט דעם שטן רשות אפילו אויף אזעלכין וואש באדארף ניט פאלין אין זיינע הענט קען ער אויך מקטרג זיין אויף אים אונ דאש איז פאר בארגענע זאכין וואש דער מענטש טאר אין דעם ניט טראכטין דיא חוקות התורה באדארף ניט איטליכר וויסן נייערט דיא צדיקי אמת וואס ווייסין סודות התורה אונ גייען בדרך חכמה צו פאר שטיין דיא הייליגע זאכין פון דער תורה :

ועבר ה' לנגוף את מצרים זאגט רבי יוסי דער פסוק איז קשה אזו וויא עס שטייט וראה את הדם ופסח איז משמע אז ער וועט זעהען דאש בלוט פון דעם קרבן פסח אין דרויסין וועט ער איבער היפין דיא שטוב ער זאל ניט שלאגין אין איר דיא בכורים אמער באדארף דען השי"ת איין סימן חלילה אונ אויב דוא וועשט זאגין חייל דאש בלוט איז

גוועין

גיוועז פון אמצוה נאך וואס האט מען עס באדארפט געבין אין דרויסין
אונ אויף דרייא ערטער אויף דער טיר אונ אויף דעם בייא שטידיל אונ
אויף די שתי מזוזות אמער עס שטייט והוא גלי עמיקתא ומסתרתא השם יתברך
אנטפלעקט אלע פאר בארגענע זאכין אלא מיר האבין גילערינט
עש שטייט וירא ה׳ ויגאץ אונ ווידר שטייט וירא ה׳ כי רבה רעת האדם בארץ
עס ווערט אויבין גיטאן השגחה אויף איין מעשה וואס מען טוט למטה
אבער אויף איין מחשבה רעה איז מען ניט משגיח נייערט אמחשבה
צוא עבודת כוכבים אזו וויא עס שטייט השמרו לכם פן יפתה לבבכם וסרתם
ועבדתם אלהים אחרים שטייט דא מחשבה אבר אויף אנאנדר מחשבה רעה
ניט אבר אז מען טוט חלילה איין עבירה במעשה איז זיך מתעורר דיא
השגחה של מעלה דרום הן גוטין אדר שלעכץ הייגנט אלץ אן אין דיא
מעשים פון דער וועלט · זאגט רבי יוסי אלע מארקין פון מצרים זיינען
פול גיווען מיט עבודת כוכבים אונ אלע הייזער זיינען גיווען פול מיט
כישוף וואס זייא האבין גיקניפט אלע כוחות החיצונים אונ האבין אויף
זיך ארויף גיצויגין דעם רוח הטומאה דרום שטייט ולקחתם לכם אגודת אזוב
וטבלתם בדם אשר בסף והגעתם אל המשקוף ואל שתי המזוזות דאס אגודת אזוב
איז גיווען דער מיט אויס ראמען דעם רוח הטומאה אונ דיא דרייא
ערטער משקוף ושתי המזוזות ווייזין אויף דער רעכטע אמונה איינש
אויף איטלעכער זייט אונ איינש אין דער מיטין דאש ווייזט אויף איין
גרויסין סוד היחוד דרום שטייט ופסח ה׳ על הפתח אז דוא ווערסט אויף זייא
אן צייכענען דעם סוד פון דעם שם הקודש ולא יתן המשחית לבוא אל בתיכם
לנגוף ווייטער זיינען סודות · זאגט רבי אבא אין עטלעכע ערטער
גיפינען מיר אז הקב״ה האט רחמנות אויף זיינע קינדער בויט איין
מענטש איין הויז זאגט הקב״ה שרייב אויף מיין נאמען אונ זעץ אים
איין אויף דעם טיער ווערסטו אין איר זיצין אינוויניג אונ איך ווער
דיך היטין פון דרויסין · אזו אויך דאש בלוט וואס דיא ישראל האבין
גישפרייגט אויף זייערע בייא שטידלעך אונ אויף דעם משקוף איז
אן גיצייכינט גיווארין דער סוד היחוד של מעלה אז דוא ווערסט זיין אין
שטוב ווערשטו גיהיט ווערין דרום שטייט ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד
בוקר אונ ווייטער שטייט וראה את הדם על המשקוף וגו׳ :

ויהי בחצי הלילה וה׳ הכה כל בכור רבי חייא מיט רבי יוסי זיינען גגאנגען
פון אושא קיין לוד אונ רבי חייא האט גירייטין אויף איין אייזיל .
זאגט רבי יוסי עס איז צייט מיר זאלין דא רוען אונ מתפלל זיין תפלת
המנחה דען מיר האבין גלערינט אייביג זאל דער מענטש גווארינט
זיין אין תפלת המנחה דען אין דער צייט האט דער מדת הדין איין
שליטה אויף דער וועלט דרום דארף דער מענטש זייער מכוין זיין אין
דער תפלה · זאגט רבי חייא! צוא רבי יוסי ווארום שווייגשטו ·
זאגט רבי יוסי איך האב באטראכט אין מיין שכל אז דיא וועלט האט
קיין קיום ניט נאר אויף דיא ראשי הדור ווען זייא זיינען צדיקים אז וואול
איז דעם פאלק אונ דער וועלט אבער ווען זייא זיינען ניט קיין צדיקים
ווייא צוא דעם פאלק אונ צוא דער וועלט זאגט רבי חייא בוודאי עס
איז אזו · פון וואנען ווייסין מיר דאש ווארום עס שטייט גישריבין
ראיתי את כל ישראל נפוצים אל ראשי ההרים בצאן אשר אין להם רועה ויאמר ה׳ לא אדונים
לאלה ישובו איש לביתו לשלום עס שטייט ישובו איז טייטש זייא זאלין זיך אום
קערין עס וואלט גידארפט שטיין ישבו בביתו ווארום זייא זיינען דאך
גווען אויף זייערע ערטער נאר מיר האבין גלערינט ווען דער ראש פון
דעם פאלק איז ניט גוט ווערט דאס פאלק גשטראפט איבער אים אזו

וויא עס שטייט ויאמר דו׳ אני הוא אשר חטאתי ואלה הצאן מה עשו דוד האט
גזינדיגט אונ דיא ישראל זיינען גשטראפט גווארין איבער אים אבער
ווען דער ראש ווערט נתפס אונ גשטראפט ווערט דאס פאלק ניצול
דען דער מדת הדין איז ניט שולט אויף זייא אזו וויא עס שטייט ויאמר
ה׳ לא אדונים לאלה דאס הייסט וואלטין זייא ניט גיהאט אדונים ישובו איש
לביתו לשלום וואלטין זייא אלע גהאלפין גווארין דען אירע ראשים וואלטין
נתפס גווארין איבער זייא אפילו יהושפט איז אויך אויף אים נגזר
גווארין ער זאל גשטראפט ווערין ווען ער זאל ניט גוועז תפלה טאן
ווייל ער האט זיך באהעפט צוא אחאב אזו וויא עש שטייט ויזעק יהושפט
דאש הייסט ער האט גשריען מיט תפלה צוא הקב״ה וויא זייא גייען
אזו איז גווארין שפעט אונ עס איז נאכט גווארין זאגין זייא וואס זאלין
מיר טאן זאלין מיר ווייטער גיין איז שוין פינצטער זאלין מיר דא זיצין
איז אבער איין גרויסער פחד · זיינען זייא גיגאנגען אין זייט פון
וועג אונ האבין זיך גזעצט אונטער איין בוים לערנען תורה אונ האבין
שוין ניט גשלאפין וויא עס איז גקומען אין מיטין דער נאכט זעהן זייא
לויפין איין הונט לעבין זייא אונ האט גשריען מיט גרוישע קולות איז
רבי חייא אונ רבי יוסי אויף גשטאנען אונ זיינען דר ציטערט גווארין
הערין זייא איין קול האט אויש גרופין אונ זאגט מתערין קומו נניימין אתערו
דאס הייסט וואכענדיגע שטייט אויף שלאפענדיגע וואכט אייך אויף
עולמות ברייט אייך אן אנטקעגין אייער האר דען איין קול איז ארויס
גיגאנגען ממעון קדשו פון זיין היילינגין וואונונג גיט ער זיין קול ווארום
אזו וויא עס שטייט קול ה׳ יחולל אילות ויחשוף יערות דען אייער האר גייט
אין גן עדן אין זיין היכל אריין זיך פרייען מיט דיא נשמות פון צדיקים
אזו וויא עס שטייט ויבא מלך הכבוד ובהיכלו כולו אומר כבוד זעצין זיך רבי חייא
מיט רבי יוסי זאגט רבי חייא איצונד איז האלבע נאכט וואול איז
אונזער חלק אז מיר האבין זוכה גיוועז דאס צוא הערין · זאגט רבי
יוסי עטלעכע מאל האב איך גפרעגט די זאך אזו ווי עש שטייט ויהי בחצי
הלילה וה׳ הכה כל בכור בארץ מצרים פאר וואס איז דאס גוועז בייא נאכט
אמער עש זאל גיוועזן זיין בייא טאג וואלט דאך דער נס גרעשער
מפורסם גוועז · אונ ווידער פאר וואש זיינען גשטארבין דיא שלאפע
וואס זיינען אחר הרחיים ווארום זיינען ניט גישטארבין מלכים ושרים דוכסים
אונ גבורי מלחמה אזו וויא עס איז גוועזן בייא סנחרב אזו וויא עס שטייט
ויצא מלאך ה׳ ויך במחנה אשור אונ מיר האבין גלערינט אז זייא זיינען גוועזן
אלע גרויסע לייט אונ דאש איז גוועזן דיא גבורה אז נאר אשליח פון
הקב״ה האט זייא אלע גיהרגית ומכל שכן בייא פרעה איז דאך גוועזן
דיא גבורה פון הקב״ה אליין וואלט דאך גידארפט נאך גרעשער
זיין זאגט רבי חייא דוא פרעגשט רעכט איך האב אויף דעם גאר ניט
געהערט אונ איך וויל אויף דעם גאר ניט זאגין נאר ווייל מיר האבין זוכה
גוועזן צוא דיא אלע זאכין אונ דער וועג איז אן גבריית פאר אונז איך
האב גהערט רבי שמעון איז מטהר דיא מארקין אין טבריה דארף
מען גיין צוא אים · זיינען זייא גזעסין ביז עס איז טאג גווארין זיינען
זייא אויף גשטאנען אונ זיינען אוועק גגאנגען וויא זיי זיינען גקומען צו
רבי שמעון האבין זייא אים גפונען זיצין אונ איין ספר פון אגדה אין
זיין האנט הייבט ער אן צוא זאגין אזו וויא עס שטייט כל הגוים כאין נגדו
מאפס ותוהו נחשבו לו אונ ווען עס שטייט שוין וכל הגוים כאין נגדו נאך וואש
דארף מיר נאך שטיין מאפס ותוהו נחשבו לו אונ האט דרויף גזאגט גרויסע
סודות זאגט רבי חייא אויב עס איז דעם האר לרצון וועלין מיר זאגין

אין זאך נאך וואס מיר זיינען אהער גיקומען עס שטייט ויהי בחצי הלילה וגו׳ אונ וואס מיר האבן גהערט פון דעם האר וועט זיך שיקין צוא דער זאך אונ אונזער וועג איז אן גיבריים פאר אונז צו קומען פאר דיר צוא פרעגין:

פתח ער הייבט אן עס שטייט מי כה׳ אלהינו המגביהי לשבת המשפילי לראות בשמים ובארץ דאס איז טייטש ווער איז אזו וויא אונזער גאט וואס ער גייט אויף אונ הערט גיקריינט צוא זיצין בסתר העליון הקודש מיט דעם אויבערשטין אור איבער אלע אורות וואס דער לייכטין אלע כתרים עטרות אונ ער נידערט אין זיינע מדריגות מכתר לכתר מנר לנר פון איין ליכט אין אנדרן אכטונג געבן אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט אזו וויא עס שטייט ה׳ משמים השקיף על בני אדם קום אונ זעה עש שטייט ויהי בחצי הלילה עש וואלט גדארפט צוא שטיין בחצות הלילה אדער כחצות אזו וויא משה האט גיזאגט גייט דען דער בייא אן דיא קשיא פון אונזער חברייא וואש מיר האבן משה פאר ענטפערט כדי דיא כישוף מאכער פון פרעה זאלין ניט זאגן משה איז איין גרוישער שקרן דיא קשיא איז אויף דרייא אופנים ווארום אפילו דיא ישראל וואלטין דאך אויך אזו גיזאגט איינש ווען עס איז אזו וואלט גדארפט שטיין ויאמר כחצות הלילה ווארום שטייט כה אמר ה׳ אזו וואול וויא זייא וואלטין גרעט אויף משה אזו וועלין זייא ריידין אז הקב״ה האט אויך חלילה ניט מכוון גוועזן אונ ווידער איז קשה משה האט דאך גזאגט עד בכור השפחה אשר אחר הרחיים אונ עס איז דאך ניט אזו גיוועזן נאר עד בכור השבי אשר בבית הבור וועלן דאך דיא ישראל אויך אזו זאגן וויל זיינע רייד זיינען ניט מקוים גווארין ווידער איז קשה משה האט גזאגט פון גאטש וועגן בחצות הלילה אונ נאך דעם שטייט ויהי בחצי הלילה אונ נאך מער אייער שאלה איז מיר איין משא אז קיין בהמה קען עש ניט פאר טראגן דען ווארום איז גוועזן מכות בכורות אין האלבע נאכט אונ ניט בייא טאג אלא עס איז איין גרוישער סוד צווישין דיא סודות עליונים אונ דיא בעלי הקבלה פאר שטייען עש אונ אלץ איז אן גקניפט אין דעם נביא נאמן דאס איז משה רבינו וואול איז זיין חלק אויף אים שטייט יפיפית מבני אדם. דוא ביסט שענר פון שת אונ חנוך וואס זיינען גוועזן בני אדם הוצק חן בשפתותיך דאס מיינט מען מער פון נח מיט זייני קינדער וואס האט זיך גגאסין חן אין זיינע לעפצין אזו וויא עש שטייט ונח מצא חן על כן משחך אלהים אלהיך מער פון אברהם אונ יצחק שמן ששון איין פריילכקייט מער פון יעקב מחבריך מער פון אנדערע נביאים אונ אזו אגרוישר מענטש וואס ער איז אויף גגאנגן אין אזו איין מדריגה וואס קיין שום מענטש האט ניט זוכה גוועזן זאל ער ניט וויסין וואס ער זאגט אלא אזו האבן מיר גלערינט הקב״ה האט זיי גוואלט ווייזין אז אלץ איז אין זיין רשות צו טאן חסד צו איטליכין וואס איז ראוי אונ וויל ביז האלבע נאכט איז שולט דער מדת הדין אונ אלע כשפים אונ קליפות האבן זייער כח ביז האלבע נאכט אין האלבע נאכט דר וועקט זיך פיל חסד דען אין דער צייט גייט הקב״ה אין גן עדן אריין זיך משתעשע זיין מיט דיא נשמות הצדיקים אונ איין כרוז גייט ארויש עורי צפון ובואי תימן הפיחי גני יזלו בשמיו יבא דודי לגנו ויאכל פרי מגדיו וואש מיינט מען ויאכל פרי מגדיו ער זאל עסין די זיסע פירות דאש מיינט מען די נשמות הצדיקים וואש מען איז זייא מקריב צוא גינעהען פאר אים בחצי הלילה אונ דאש איז איין קרבן דענטשט מאל אבער אנאנדער מאל איז טאקע קרבנות ממש דרום האט הקב״ה גיוואלט טאן איין דין צוא דיא מצרים אונ

חסד צוא דיא ישראל דרום שטייט ויהי בחצי הלילה וה׳ הכה כל בכור ער אונ זיין בית דין דאש איז דער מדת הדין דרום זאגט משה כחצות דאש הייסט אזו וויא דיא נאכט צוא טיילט זיך אין דער צייט וועל איך ביידע טאן אזו ווי עש שטייט ויפן פרעה ער האט אוועק גיקערט זיין הארץ פון דער מחשבה ויבא אל ביתו ולא שת לבו גם לזאת ער האט ניט גיטאן צוא זיין הארץ צוא פארכטין זיך פאר דעם מדת הדין וואש הקדוש ברוך הוא וועט אים מיט זיין גאנץ לאנד חרוב מאכין כל בכור אפילו דיא מדריגות עליונים ותחתונים וואש האבן שולט גוועזן אין מצרים זיינען גבראכין גווארין פון זייער מדריגה דרום שטייט בארץ מצרים אונ דאס איז דער פסוק מרמז ווער זיינען זייא גוועזן מבכור פרעה היושב על כסאו עד בכור השפחה אשר אחר הרחיים וכל בכור בהמה אונ נאך דעם שטייט עד בכור השבי אשר בבית הבור דא זיינען מרומז זייערע פיר חיילות אונ מחנות כוחות החיצונים וואש דיא אלע האבין כח צוא טאן כישוף אונ דיא בכור השבי אשר בבית הבור וואש זייא קומען פון דער בכור השפחה וואס דארפין האבין זייא כח גיהאט מיט כישוף צוא מאכין אז וועלכער וואס איז אין דער תפיסה דער זאל קיין מאל ניט ארויש גיין לחירות אונ אויף דעם איז גוועזן דער בטחון פון דיא מצרים וואס זייא האבין ווידער גישפעניגט דיא רייד פון הקב״ה ניט ארויש שיקין די ישראל פון זייער עבודה אבער הקב״ה האט מיט דעם גוויזין זיין ממשלה אז ער איז אליין איין מושל אונ ער האט אלץ בשאפין אונ ער האט אלע זייערע כוחות צוא בראכין אונ האט דיא ישראל פארט ארויס גיצוגין דרום ווערט דאס גידעכנעש פון יציאת מצרים ניט אפ גיטאן פון דיא ישראל אויף אייביג אפילו ביז דיא הינטערשטע דורות וועט אלץ גידאכט ווערין יציאת מצרים אונ דיא גבורות פון הקב״ה דען עס זאלין אפילו גיוועזן קומען אלע מלכים פון דער וועלט אונ אלע חכמים וואלטין זייא ניט גיוועזן גיקענט ארויס ציהין דיא ישראל פון מצרים אזו וויא עס שטייט אובין אבער הקב״ה האט זייא אלע צוא בראכין אונ האט צוא ריסין זייערע קשרים ארויס צוא ציהן דיא ישראל דרום שטייט מי לא ייראך מלך הגוים כי לך יאתה כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך׳ בכה רבי שמעון רבי שמעון האט גיוויינט אונ הייבט אויף זיין קול אונ זאגט איר מיינט דאס הקב״ה האט זיך וויא פיל מאל בארימט אין דער תורה מיט יציאת מצרים אזו וויא עס שטייט אשר הוצאתיך מארץ מצרים אונ ווידער שטייט זכור את היום הזה אשר יצאת מארץ מצרים אונ נאך וויא פיל מאל שטייט אלץ דער מאנט אין דער תורה יציאת מצרים אלא מיר האבין גילערינט עס זיינען צעהן מדריגות אין דער טומאה אזו וויא אין דער קדושה דען השי״ת האט גמאכט איינש אנטקעגין אנדערין אונ אלע זייערע מדריגות זיינען סתום נאר דיא דרייא וואש מיר האבין אויבין גיזאגט וואש הייסין בכור פרעה בכור שפחה וכל בכור בהמה דאש זייא זיינען דיא דרייא קשרים פון דיא דרייא מדריגות וואש דיא מצרים האבין גימאכט מיט כישוף אז די ישראל זאלין ניט קענען ארויש גיין אייביג פון דעם שעבוד מצרים אבער מחמת דעם זכות פון אברהם יצחק ויעקב זיינען אויף גיקניפט גיווארין דיא דרייא קשרים פון כישוף אונ ער האט אין זייא נקמות גיטאן דען הקב״ה האט גידיינקט דרייא קשרים פון יחוד הקדושה אזו וויא עש שטייט ויזכור אלהים את בריתו את אברהם דאש איז איין קשר קדושה את יצחק איז דער אנדערער קשר ואת יעקב איז דער דריטער קשר דרום אלע ימים טובים אונ שבתות זיינען איין זכר צוא יציאת מצרים

דען וואלט ניט גיוועזן יציאת מצרים וואלט ניט גיוועזן דאש היטונג פון שבתות ויום טוב דען דיא ימים טובים זיינען גישטעלט אנטקעגן דיא אבות אונ איבער אלע דרום מוז מען דער מאנען זכר ליציאת מצרים שבת אונ יום טוב אונ דאס איז אויך דער יסוד אונ דער עיקר פון דר תורה אונ דאס שלימות פון דיא ישראל דאס הקב"ה האט זייא ארויס גינומען פון דיא כוחות הטומאה וואס זייא זיינען גיוועזן דרינען פאר בונדין אונ האט זייא דער הויבט אונ בהעפט אין זיך איבר אלע שרים של מעלה אונ איבער אלע כוחות צוא האלטין זיין וועג פון דער תורה אונ מצות אונ צוא היטין דיא שבתות וימים טובים וואס האבן איין אחיזה אין דיא אבות עליונים וואס אין זייער כח וזכות זיינען צוא בראכין גיווארין זייערע כוחות הטומאה וואס זיינען גיוועזן דרינען פר בונדין אז זייא זאלין אייביג ניט ארויס אונ דיא שבתות וימים טובים זיינען אנטקעגין דיא כוחות הקדושה וואס זייא האבין צוא בראכין די כוחות הטומאה וואס איז איינש אנטקעגין דעם אנדערין אונ דאש וואס איר האט גיפרעגט ווארום איז ניט גיוועזן דיא גאולה בייא טאג דענטמשט מאל איז מער פרסום הנס עס שטייט היום אתם יוצאים איז משמע בייא טאג זיינען זייא ארויס גיגאנגען אונ ווידר שטייט הוציאך ה' אלהיך ממצרים לילה איז משמע אז ער האט זיי ארויס גצויגין פון מצרים בייא נאכט אלא מיר האבין גילערינט דאס די עיקר גאולה איז גוועזן בייא נאכט דען דער כח וואס איז שולט בייא נאכט דאס קניפט אויף אלע קשרים אונ טוט אלע נקמות אונ בייא טאג האט ער זייא ארויס גיצויגין אופינטליך ביד רמה אזו וויא דער פסוק זאגט ובני ישראל יוצאים ביד רמה אונ ווידער דיא קדושה פון בייא נאכט האט אויף גיקניפט אלע קשרים פון דיא מצרים אונ האט גיטאן נקמות אונ דינים אין זייא אונ ביי טאג האט ער אנפלעקט אונ האט מפרסם גיוועזן די ניסים ונקמות וואס זיינען גישעהן אזו וויא עס שטייט ובני ישראל יוצאים ביד רמה נאך שטייט ומצרים מקברים את אשר הכה ה' בהם כל בכור דאס איז דער פרסום הנס אזו זיינען גיקומען רבי חייא מיט רבי יוסי אונ צוא שפרייטין זיך פר אים אונ קושין זיינע הענט אונ האבין גיוויינט פאר שמחה אונ זאגין דיא צורות הקדושים דאס זיינען עליונים ותחתונים דיא ריכטין אויף זייער קאפ פון זיינט וועגין דאס היישט דורך דיין תורה לייכשטו די עליונים ותחתונים אונ גישט זייא איין כח אויף צוא ריכטין זייער קאפ צוא זיין אנטקעגין די קליפות אזו וואול ווי הקב"ה האט גמאכט ירושלים של מטה אין גישטאלט של מעלה אזו האט גמאכט רבי שמעון בן יוחאי דיא הייליגע טויערין מיט דיא טויערין עס קאן אהין ניט ארייין גיין ווער עס וויל נאר אז דיא טויערין ווערין אים גיעפינט במעלה עליונה אונ ווערין אים אן גיברייט דיא מעלות אונ מדריגות פון דער טויער אויך שטייט יראה כל זכורך את פני האדון ה' ווער איז דער פני האדון דאס מיינט מען רבי שמעון בן יוחאי זאגט רבי שמעון איך האב נאך ניט אויס גזאגט דיא זאך וואס איר האט מיך גיפרעגט מיר האבין גילערינט והי' הכה כל בכור הש"ת האט גישלאגין דיא אלע וואש מיר האבין גזאגט אונ זייא זיינען גישטארבין זיי האבין בייא נוצט אונ אן גיבונדין מיט דיא כוחות ומדריגות הטומאה אטייל האבין בייא נוצט זייערע מדרגות עליונים אונ אטייל האבין גינוצט מיט די מדרגות התחתונים וועדליג זייערע מדריגות זיינען זייא תחתונים דען דאש גאנצע לאנד מצרים זיינען גוועזן אין אלע מדריגות הטומאה זיינען גישלאגין גווארין אזו ווי עס שטייט כי אין בית אשר אין שם מת אונ זיינען גמשפט גווארין בשעת אז זייא האבן זיך איין גזאמלט אין זייערע הייזער איז גיוועזן דער אור הנר פון דער שכינה דאס איז גוט צוא דער בדיקה מבער זיין דעם חמץ היישט דיא קליפות דענמאלט האט מען אלע גימשפט אונ מיר האבן גלערינט דאס דיא נאכט האט גילייכטין אזו וויא דער טאג אין תקופת תמוז כדי דאס גאנצע פאלק זאל זעהן וויא אזו הקב"ה משפט זייא אזו וויא עס שטייט ולילה כיום יאיר כחשיכה כאורה אונ בשעת זייא זיינען ארויס גגאנגען פון זייערע הייזער האבין זייא גיפונען אין אלע גאסין כולם מתים פאר אלע אין דיא אויגין אונ עס איז ניט גוועזן ווער עס זאל בגראבין אונ דאס איז זייא נאך ערגער גוועזן פון אלצדינג וואס זיי האבן גיזעהן דיא ישראל גייען אלע ארויס פאר זייערע אויגין אין איין זייט אונ אויף אנגדער זייט האבן זיי גזעהן ליגין זייערע מתים אונ דאס איז אלץ גוועזן איין פרסום הנס עס איז נאך ניט גוועזן זינט דיא וועלט איז בשאפן גווארין קום אונ זעה וואש עס שטייט ליל שמורים לה' להוציאם וגו' איז דאך קשה פריער זאגט ער ליל איז טייטש איין נאכט דער נאך זאגט ער שמורים לשון רבים עס וואלט גידארפט צוא שטיין שמור אונ פאר וואס דער נאך זאגט ער הוא הלילה ניט ליל איך טאר ווייטער ניט שרייבין ווארום ער זאגט גרוישע סודות עס שטייט כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות אזו וויא ביי יציאת מצרים שטייט ליל אונ לילה אזו וועט דארטן אויך זיין ליל ולילה דרום שטייט שומר מה מלילה שומר מה מליל אונ ווידער שטייט אמר שומר אתא בוקר וגם ליה

דאס איז אויך בקיצור דרך נגלה גישריבין גיווארין:

## רעיא מהימנא

וישא העם את בצקו טרם יחמץ דיא מצוה ווייזט מען זאל מבער חמץ זיין דען דיא מצוה איז איבער גיענטפערט גיווארין צוא די ישראל אזו וויא עס שטייט וישא העם וגו' נאך שטייט שאור לא ימצא בבתיכם אונזערע חכמים האבן גזאגט דעם חילוק פון חמץ ומצה דען מצה איז אנטקעגן יצר טוב אונ חמץ איז אנטקעגין דעם יצר הרע נאך דעם איז איין מצוה צוא דער מאנען יציאת מצרים עס איז איין חיוב אויף איטליכן מענטשין צו דער ציילין דעם שבח אייביג דען אונזערע חכמים האבן מפורש גוועזן אז דער מענטש וואס דער ציילט יציאת מצרים אונ פרייד זיך מיט דער שמחה מיט וואש ער דער ציילט איז ער אן גיברייט זיך פרייען מיט דער שכינה לעולם הבא אונ צוא מאכין אים אגרעשערע שמחה ווייא צוא אנגדערין דען ער פרייט זיך מיט הקב"ה אונ הקב"ה פרייד זיך מיט זיין דער ציילין אין דער צייט זאמלט איין הקב"ה זיין פמליא של מעלה אונ זאגט זייא גייט אונ הערט וויא מיינע קינדער דער ציילין מיין שבח אונ פרייען זיך מיט מיין גאולה אזו זאמלין זיך אלע איין אונ בהעפטין זיך מיט דיא ישראל אונ הערין דאש דער ציילונג דעם שבח פון דער גאולה פון זייער הארין אונ לובין צוא הקב"ה אויף אלע נסים וגבורות וואש ער האט גיטאן אויף דער ערד צוא זיינע בשעפינעש דען ווערט גימערט כח וגבורה אובין מיט דעם דער ציילונג אזו וויא איין מלך וואש האט הנאה אז מען זאגט אים דעם כח פון זיינע מעשים וואס ער האט גטאן אונ מען לויבט אים דורך דעם פארכטין זיך אלע פר אים אונ זיין כבוד ווערט דער הויבין העכער איבער אלע דרום גיהערט מען צוא דער ציילין יציאת מצרים אזו אויך איז איין חיוב אויף דעם מענטשין דער ציילין פאר הקב"ה אונ מפרסם זיין אלע נסים וואס ער האט גטאן אויב דוא

 וועשט

וועשט פרעגן ווארום איז דאס איין חיוב אמער הקב"ה ווייסט דאך אליין וואול וואס עס איז גוועזן אונ וואס עס וועט זיין וואס איז דער פרסום הנס · אלא ווּדאי דער מענטש מוז מפרסם זיין דיא נסים אונ ארויס צוא ריידין אלץ וואס ער האט גטאן דען דיא רייד וואס ער זאגט אויף דער וועלט גייען ארויף אויף דעם הימיל אונ דיא פמליא של מעלה זאמלין זיך איין אונ זעהן דיא רייד אונ גיבין אויך איין לויב צוא הקב"ה אונ זיין כבוד ווערט גיגרייסט בעולם הזה ובעולם הבא דעשט גלייכין ווען איינער איז מתודה אויף זיינע עבירות וואס ער האט גטאן · איז דאך קשה נאך וואס דארף דער מענטש מתודה זיין דען הקב"ה ווייסט דאך וואול אליין פון דיא אלע זאכין וואס דער מענטש האט גיטאן אונ וועט טאן נאר מחמת דר שטן ומקטרג שטייט אובין אלע מאל פאר הקב"ה אונ איז מקטרג אונ ברייגגט ארויף דיא עבירות פון דיא לייט כדי צוא ברייגגין אויף זייא איין עונש אונ אז דער מענטש איז זיך מקדים אונ איז מתודה אויף ·איטליכער עבירה האט שוין דער מקטרג קיין· פתחון פה ניט אויף אים מקטרג זיין אונ קען שוין ניט פעדערין אויף אים קיין עונש ער ווערט פון אים אפ גישייד אין גאנצין אונ גייט דאך אוועק איז ער חוזר בתשובה אונ טוט שוין ווייטער דיא עבירות ניט איז גוט אונ אויב חלילה ניט ער איז נאר מתודה אונ קיין תשובה טוט ער ניט דערנאמאלט האט דער מקטרג נאך מער פתחון פה אונ זאגט רבש"ע דער דאזיגער מענטש איז גקומען פאר דיר מיט זיין עזות פנים אונ האט גזאגט אזו אונ אזו האט ער מורד גוועזן אין זיין הערין אונ האט פארט קיין תשובה ניט גיטאן · דרום גיהער דער מענטש זיך אפ היטין פון דיא אלע זאכין אונ זאל זיך איין גיוויינען צוא זיין איין עבד נאמן צוא הקב"ה :

פקודא נאך דעם שטייט איין מצוה פון פסח אז מען זאל גידיינקין לדורי דורות אז דיא צייט זיינען מיר ארויס גגאנגען פון דעם רשות פון דיא קליפות וואס הייסין חמץ אונ זיינען בהעפט גיווארין אין דר קדושה וואס הייסט מצה דאס איז דר יסוד אמונה ויחוד של מעלה · ויאמר ה' אל משה זאת חוקת הפסח דאס איז דיא מצוה אז מען זאל קולין דעם קרבן פסח פערצהן טאג אין ניסן צווישין טאג אונ נאכט איין זכר צוא פסח מצרים אונ דער חיוב איז אויף אלע אזו ווי עס שטייט ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים אונ מען זאל אים היטין פון צעהן טאג אין ניסן ביז פערצעהן דען די צייט לייכט דיא לבנה אונ ווערט פול אין דעם פופציטין טאג אונ דרום זאל מען אים קולין צווישן טאג אונ נאכט דען דיא צייט זיינען דיא דינים שולט אונ די קליפות האבן כח שולט צוא זיין אונ זיינען גורם דעם מיעוט הירח דאס דער אור פון דער לבנה איז ניט פול · דרום האט השי"ת גהייסין אז זייא זאלן זיך פריער מל זיין אונ אפ טאן די ערלה פון דעם ברית אונ דר ריח פון דעם גבראטענש איז צו הנאה האבן דער פון לריח ניחוח אונ דרום שטייט וכל ערל לא יאכל בו עס טאר ניט עסין פון אים נאר דער וואס איז גימלת דער קען צוא ברעכין דעם כח פון דער ערלה אונ דעם כח פון דער עבודת כוכבים פון מצרים וואס איז גיוועזן איין ש"ה וואש דאש בטרעפט ערל"ה אבער איין ערל האט ניט גיטארט עסין אונ אז הקב"ה איז גקומען קיין מצרים האט ער גיזעהן אויף דיא טירין דעם דם פסח ודם מילה וואש זייא האבין זיך מל גוועזן עס שטייט ולקחתם לכם אגודת אזוב וטבלתם בדם אשר בסף דער אזוב איז גיוועזן צוא מכפר זיין דעם רוח הטומאה אונ אלע רוחות רעות האט עש מעביר גיוועזן מיט זיין התעוררות

וואש מען האט גיטאן מיט אים למטה אונ בגאולה העליונה וואש וועט זיין לעתיד לבא וועט הקב"ה ברייגגען דעם יצר הרע אונ וועט אים שעכטין אונ אצונד בייא דעם קרבן פסח שטייט ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל דאש איז איין זכר אויף לעתיד אויף דעם זמן הגאולה העליונה וואש וועט זיין אויף דיא ישראל · מען האט גישפרייגגט מיט דעם דם על המשקוף ועל שתי המזוזות מיהאט גיוויזין דעם צייכין פון דם הברית אונ דער משחית איז גיקומען אונ האט דער זעהען דאש בלוט האט ער זיך אוועק גיצויגין דער פון אזו וויא דער פסוק זאגט ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם אונ ווען הקב"ה האט אליין גישלאגין דיא בכורים וואש שטייט ולא יתן המשחית איז דאך משמע אז דער משחית איז גיגאנגען אלא הקב"ה האט בוודאי אליין ממית גיוועזן דיא בכורי מצרים נאר דער משחית איז גיגאנגען צוא גיפינען איין ארט ארין צוא גיין דאש ער זאל אויך קענען משחית זיין אונ אז ער האט גיזעהען דעם בראך פון דער ערלה אויף ביידע זייטין פון פסח אונ פון מילה איז ער אנטלאפין גיווארין אונ האט זיך אפ גישייד פון זייא אונ וויל הקב"ה האט ממית גיוועזן אלע בכורים פון דיא מצרים דרום האט ער גיגעבין דיא בכורים פון דיא ישראל פאר איין פדיון כדי דער שטן זאל ניט האבן איין פתחון פה אויף ישראל אונ אין אלעמען האט הקב"ה גיהיט צוא דיא ישראל וויא איין פאטער היט זיינע קינדער :

בבית אחד יאכל דיא מצוה איז צוא עסין דעם קרבן פסח על מצות ומרורים דאס איז צוא ווייזין אז דיא שכינה איז אויך גיוועזן אין דעם ביטערן גלות מיט זייא אזו וויא עס שטייט וימררו את חייהם בעבודה קשה אונ זייא האבן גיגעסין דעם קרבן פסח צוא ווייזין אלץ וואס דיא מצרים האבן זייא גיטאן אין שעבוד הגלות אונ וואס מען טאר ניט צוא ברעכין דיא ביינער פון אים צוא ווייזין זייער בזיון אונ חרפה דאס זייער אפ גאט איז גיוועזן איין שעפשעלע אונ אז זייא האבין קיין ביינער ניט צוא בראכין האבין זייא דאך זייא ניט גיקענט עסין אונ האבין זייא גימוזט ארויש ווארפין אויף דער גאס דרך בזיון דרום שטייט איר טארט ניט צוא ברעכין דיא ביינער אבער דיא הינט זיינען גיקומען אונ האבין זייא צוא בראכין אונ אז דיא מצרים זיינען גיקומען אונ האבן גיזעהען אז דיא הינט שלעפין דיא ביינער פון איין ארט אויף דעם אנדערין האבין דיא מצרים באגראבין דיא ביינער אין דער ערד כדי דיא הינט זאלין זייא ניט קענען גיפינען אונ דאס איז גיוועזן דער רעכטער ביטול עבודת כוכבים ווייל זייא האבין זייא אליין באגראבין אין דער ערד אונ הקב"ה איז גרויש גיווארין מיט דעם העכשטין כבוד וגדולה אונ דיא קליפות זיינען זייא[illegible]ונטער טעניג גיווארין אונ דער ביטול פון זייערע אפ געטער איז גיוועזן דירך זייא אליין דרום שטייט ועצם לא תשברו בו :

וכל פטר חמור תפדה בשה דיא מצוה איז צוא לייזין דעם פטר חמור מיט איין שה אונ ווער עס לייזט אים ניט אויש זאל ער אים אפ האקן זיין האלז אונ האקן אזו וויא עס שטייט ואם לא תפדה וערפתו אונ דער טעם איז דען מען באדארף דעם יצר הרע מחזיר בתשובה זיין אונ ער זאל ווערין איין יצר טוב דרום שטייט אעשה לו עזר כנגדו איז ער זוכה איז ער אים אליין איין הילף צוא דער קדושה אונ אויב ניט איז ער אים איין שונא מקטרג· צוא זיין אויף אים זייא זיינען אין דעם גישטאלט דער יצר טוב איז כשה אונ דער יצר הרע איז כחמור איז ער זוכה אונ איז חוזר בתשובה אפילו ער איז כחמור איין עם הארץ

תפרה ווערט ער אויש גילייזט פון דעם גלות וויא איין שה דאס זיינען די ישראל וואס הייסין שה שה פזורה ישראל אבער אז ער איז ניט חוזר בתשובה שטייט ועדפתו ער איז איין קשה עורף זייא ווערין צום סוף אויש גימעקט ווערין פון דעם ספר החיים אונ אויף זייא איז גיזאגט גיווארין מי אשר חטא לי אמחנו מספרי ׃ והיה לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך דיא מצוה פון תפילין היישט קדושה אונ פאר דיא שיינקייט פון אלע גישטאלט למעלה אונ מען באדארף צוא לייגין תפילין של יד ושל ראש איינגש נאך דעם אנדערין תיכף אונ קיין צווישין שייד ניט מאכן צווישין זייא ווער עס ווערט גיקריינט מיט דיא תפילין דער שטייט אין דמות עליון אונ איז בצלם אלהים אונ דאס היישט מקבל גיוועזן אויף זיך עול מלכות שמים שלימה באהבה אונ ער איז אין דעם דיוקן עליון ׃ אויף אים איז גיזאגט גיווארין וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך ויראו ממך אונ דאס איז גרו שע סודות ׃

# פרשת בשלח

ויהי בשלח פרעה את העם רבי שמעון הייבט אן עס שטייט תפלה לחבקוק הנבא על שגיונות אין דעם פסוק איז קשה ווארום שטייט נאר ביי חבקוק תפלה מער וויא ביי אלע נביאים פאר וואס שטייט ניט תפלה לישעיהו אדער תפלה לירמיהו אדער אנדערע נביאים אלא מיר האבין גילערינט אז אלישע הנביא האט זוכה גיוועזן איין מדריגה מער פון אלע נביאים נאר אחוץ משה רבינו אונ פון דעסט וועגין האט ער ניט גיוואלט מטריח זיין זיין האר אזו וויא עס שטייט ויהי היום ויעבור אלישע שונם ושם אשה גדולה ווארום רופט ער זיא גדולה ווארום זיא איז גרויש גיוועזן מיט אירע מעשים טובים זיא איז חשוב גיוועזן ביא דעם גאנצין דור ׃ אונ וייל זיא איז גיוועזן דיא עקרת הבית אונ דער מאן איז ניט שכיח גיוועזן אין דער היים דרום שטייט נאר דער מאנט איר נאמען ניט זיין נאמען ׃ אונ אויך דרום היישט זיא אשה גדולה זיא איז גרעשער אונ בעסער גיוועזן פון אלע נשים וואס אין דער וועלט דען אנדערע ווען זיי זעהען איין אורח דער שרעקין זייא זיך אונ זיינען זיך מצער ומכל שכן עס זאל זייא קאסטין געלט ׃ אבער דיא שונמית האט זיך גיפרייט אז זיא האט גיהאט איין אורח אונ האט אויש גיגעבין געלט כדי זיא זאל אים כבוד אן טאן אזו וויא עס גיהער צוא זיין דרום איז דאס גאנצע הויז נאר גילויבט דורך דער אשה ותאמר אל אישה הנה נא ידעתי כי איש אלהים קדוש הוא וויא אזו האט זיא גיוואושט אז ער איז הייליג האבין אונזערע חכמים גיזאגט זיא האט אים פאר שפרייט איין ווייסין לייליך אונ ער איז גיוועזן ריין אונ ווידער איז אויף זיין טיש קיין פליג ניט גיפלויגין ׃ נאר עס איז קשה עס איז פאר האנדין נאך אזעלכע מענטשין וואס האבין אין זיך דיא זאכין אונ ווידער וואס זאגט זיא הנה נא ידעתי איז משמע נאר זיא אליין ווייסט אמער אלע מענטשין האבין אים גיזעהען עסין אויף דעם טיש נאר דער פון האט זיא גיוואוסט ווארום דער סדר איז איין מענטש שטייט אויף פון דעם שלאף גייט ניט קיין שיינער ריח פון דעם גילעגער אונ אז ער איז אויף גישטאנען איז גיגאנגען פון דעם גילעגער איין ריח גן עדן האט זיא גיזאגט ווען ער זאל ניט זיין איין הייליגער מענטש אונ די קדושה פון זיין האר זאל ניט זיין אויף אים וואלט אויף אים ניט גיוועזן דער רוח הקודש ׃ דרום האט זיא גיוואלט אים אפ שיידין ער זאל האבין איין באזונדער חדר ווארום עס איז אים קיין כבוד ניט צוא זיין מיט

אלע מענטשין אין איינעם ׃ האט זיא גיזאגט נעשה נא עליית קיר קטנה ונשים שם מטה ושולחן וכסא ומנורה מיר גיפינען אז דיא פיר זיינען דער תיקון פון דער קדושה עליונה אונ נאך וואס האט זיא גיזאגט פריער מטה דער נאך שולחן ׃ ווארום איין גילעגער איז ביא אמענטשין חשובער פון אלצדינג ויהי היום דיא חבריא זאגין עס איז גיוועזן יום טוב פון ראש השנה וואס דיא עקרות ווערין גידיינקט אין דעם טאג ׃ אונ אלע מענטשין ווערין אויך דער מאנט אין דעם טאג דרום האט ער זיא גירופין אונ זאגט הנה חרדת אלינו את כל החרדה הזאת דוא האסט מיר אפ גיגעבין איין באזונדער חדר ׃ דרום מוז איך היינט אכטונג געבין אין דין דאס הקב״ה איז דן דיא גאנצע וועלט ׃ וייל איך בין אפ גשייד אויף דעם ארט דארף איך אכטונג געבן פרונג של עולם ׃ מה לעשות לך היש לך לדבר אל המלך או אל שר הצבא איז זיא דען גיוועזן איין יוצא ונכנס ביא דעם מלך זיא זאל צוא אים דארפין וואס ער האט זיא אזו גיפרעגט נאר אין דעם טאג ווערט הקב״ה אן גירופין המלך הקדוש המלך המשפט ער זיצט בדין דרום האט ער זיא גיפרעגט אויב ער זאל ריידין פון אירט וועגין פאר דעם מלך עליון האט זיא גיענטפערט בתוך עמי אנכי יושבת דאס מיינט זיא בשעת עס איז איין משפט אויף דער וועלט זאל זיך איין מענטש ניט אפ שיידין פון מענטשין כדי ער זאל ניט אליין גידאכט אונ גיצייכינט ווערין למעלה דען אין דער צייט פון משפט דיא אלע וואס ווערין דער קענט אונ פאר צייכינט למעלה פאר זיך זעלבירט ווען ער זאל אפילו זיין איין צדיק ווערט ער נתפס דרום זאל זיך איין מענטש ניט אפ שיידין פון אלע לייט דען אויף איין רבים האט הקב״ה רחמנות ער איז זיך אויף זייא מרחם דרום האט זיא גיזאגט בתוך עמי אנכי יושבת איך וויל אליין ניט דער מאנט ווערן נאר צווישין מיין פאלק אזו וויא איך האב גיטאן ביז אהער ׃

ויאמר גחזי אבל בן אין לה זאגט אלישע זיא וועט בוודאי גיהאלפין ווערין וייל דער היינטיגער טאג איז גורם דאש אלע עקרות ווערין גידאכט אונ נפקד למעלה פאר הקב״ה ויאמר למועד הזה כעת חיה את חובקת בן ער האט דריבער גיזאגט למועד ווארום דאש קינד האט נאר גילעבט איין קליינע צייט דען דער נאך איז ער גישטארבין וייל ער האט גיזאגט את חובקת בן ער איז גיגעבין גיווארין נאר צוא איר אליין ניט צוא איר מאן אונ דער וואש איז פון אזו איין צד איז ער מקושר צוא דעם טויט ער האט ניט קיין רעכט לעבין ׃ דרום שטייט ביא אברהם למועד הזה אשוב אליך צוא דיר אונ ניט צוא איר ותעל ותשכיבהו על מטת איש האלהים וויא דאש קינד איז גישטארבין האט זיא אים גילייגט אויף זיין בעט וייל זיא האט גיזעהן אין דרינען דיא קדושה אזו וויא אויבין איז גישטאנען ויאמר לה השלום לך השלום לאישך השלום לילד וייל זיא איז גיוועזן דיא עקרת הבית איז זיא גיקומען אליין אן איר מאן האט אלישע גיזאגט הקב״ה האט פון מיר פאר הוילין אונ האט מיר ניט גיזאגט דען פאר וואס איז דאס אזו גיוועזן ווארום הקב״ה האט גיזאגט אפילו איך וועל אים זאגין וועט דאס קינד אויך מוזין שטארבן ווארום זיין נבואה איז אזו גיוועזן את חובקת בן אזו וויא מיר האבן אויבן גזאגט זאגט אלישע צוא זיין משרת גחזי ער זאל נעמען דעם שטעקין אונ גיין אהין אים מאכין לעבעדיג זאגט דיא שונמית חי ה׳ וחי נפשך אם אעזבך אז ער האט ווידער גישיקט זיין משרת גחזי אין שליחות פאר וואס האט זיא אים ניט גיוואלט אפ לאזין נאר זיא האט גיקענט דאש

רשעות

רשעות פון גחזי אז ער איז ניט ווערט עס זאל דורך אים איין נס גטאן
ווערין וישם פיו על פיו ועיניו על עיניו נאך וואס האט ער אזו גיטאן ווארום
ער האט גיוואוסט אז דאס וואס ער האט גיזאגט את חובקת בן האט אים
גורם גיוועזן די מיתה ווייל ער איז מקושר אין צד הדין דרום האט ער גיוואלט
אים ארויף ציהען איין רוח של מעלה וועט ער האבין איין רעכט לעבן
ער האט אבער אים ניט גיקאנט אפ רייסין פון זיין ארט פון דעם כח
הדין דרום האט ער אים דער וועקט איין רוח של מעלה דאס ער
זאל זיין מצד הרחמים איז ער אין דעם מקושר גיווארין דען ווען ער
זאל אזו ניט גיוועזן טאן וואלט ער ניט גיקאנט לעבעדיג ווערין אונ
דאס קינד איז גיוועזן חבקוק הנביא ווארום הייסט ער חבקוק עס איז
טייטש צוויא מאל האלזין אונ ניט חיבוק עס שטייט דאך את חובקת
נאר ביא אים איז גיוועזן צווייא ארלייא איינש פון דער מוטער אונ
איינש פון אלישע דרום זאגט ער תפלה לחבקוק הנביא דען זיין גיבארין
איז בתחילה גיוועזן מצד התפלה על שגיונות אין דעם דאזיגין טאג וואש
אלע שגיונות פון דער וועלט היינגען אן אין אים דרום אז דיא
נבואה איז גיקומען אויף אים האט ער זיך גיפארכטין פאר דעם דין
עס איז איין משל אז איינעם האט איין הונט גיביסין דר נאך פארכט
ער זיך אפילו פאר זיין גישרייא זאגט ער ה' שמעתי שמעך יראתי ה'
פעלך בקרב שנים חייהו ער האט דאס אויף זיך מתפלל גיוועזן פעלך
היישט איך בין דיין ווערג דוא האסט מיך באשאפין זאלשטו מיך
געבין צוא דיא שנים העליונים וואס אין זייא היינגט אן דאס לעבין
אונ איך זאל ניט שטארבין אזו וויא פריער דרום ווען ער האט
גיוואלט זאגין נביאות האט ער גינומען איין כלי זמר צוא זינגען אזו
וויא עס שטייט ביא דוד שגיון לדוד ער האט ניט גיבראכט די כלי
זמר ער זאל זיך מעורר זיין מיט שירה וזמרה מבטל צוא זיין פון זיך
דיא רוחות הדינים · אונ אזו אויך אלע נביאים ביא אלישע שטייט
ועתה קחו לי מנגן דורך דער שירה וזמרה האבין זייא אויף זיך גיבראכט
דיא נבואה אבער משה האט קיין התעוררות ניט באדארפט האבין
ווייל זיין מדריגה אונ זיין נבואה איז גרעשער גוועזן פון אלע נביאים
וואול איז זיין חלק · קום אונ זעה אז דיא ישראל זיינען ארויש
גיגאנגען פון מצרים איז אין זייא זייער רוח צוא בראכין גיווארין אונ
זייא האבין גיהערט דיא שבחות אונ האבין זיך ניט גיקענט משמח
זיין דען בשעת אז אלע חיילות ומרכבות של מעלה זיינען ארויש
גגאנגען מיט דער שכינה האבין זיי אלע גיזונגען שירות ותשבחות
צוא הקב"ה דען האט הקב"ה דער וועקט דעם רוח פון דיא ישראל אז
זייא זאלין הערין דיא שירות ותשבחות אונ זייער רוח איז פארט
גיבליבן אין זייא אונ איז ניט ארויש גיפלוגין פון זייא דער סדר איז
אמענטש אז ער הערט אויף צוא ארבעטין דער פילט ער ערשט דאס
מידיקייט אזו אז זייא זיינען ארויס גגאנגען פון מצרים האבין זייא פאר
זוכט דעם טעם מיתה אונ הקב"ה האט זייא גהיילט אזו וויא עס שטייט
וה' הולך לפניהם יומם אונ אלע וועגין האבין זייא אויף גבראכט ריחות פון
רפואה אונ דיא ריחות האבין זיי גהיילט אונ דורך דעם קול פון שירות
ושבחות וואס זייא האבן דער הערט האבן זייא זיך גפרייט דען האט
גרוט אין זייא זייער רוח · אונ פרעה מיט זיינע חיילות זיינען נאך
גגאנגען צוא באלייטין זייא ביז זייא זיינען ארויס גגאנגען פון מצרים
אונ אזו וויא פרעה מיט זיין חיל האבן אונטין באלייט דיא ישראל אזו
אויך אלע שרים של מעלה וואש זיינען ממונים איבר זייא אונ איבער

אנדערע אומות האבין אלע באלייט די שכינה מיט די ישראל ביז זיי
האבן גרוס אין איתם אזו וויא דר פסוק זאגט ויהי בשלח פרעה את העם וגו' :
ויהי בשלח פרעה וואש שטייט פריער ויקם פרעה לילה הוא וכל עבדיו קום אונ
זעה דיא נקמה עליונה וואש הקב"ה האט גיטאן אין מצרים
זיינען דרייא ערלייא מיתות גיוועזן איינש וואש זייא האבין גיטאן
אין דיא גבורים אין מצרים וואש זייא האבין זייא גיהרגית אונ איינש
וואש הקב"ה האט זייא גיטייט האלבע נאכט אונ איינש בשעת פרעה
האט גיזעהען דעם טויט ביי זיך אין שטוב אונ אין דיא קינדער
אונ אין דיא קנעכט איז ער אויף גישטאנען אונ האט זיך מזרז גיוועזן
אונ האט גיטייט זיינע שרים אונ דוכסים אונ אלע וואש האבין אים
גימאכט פאר איין מלך אויף דעם פאלק אזו וויא דר פסוק זאגט עדות
אז פרעה איז אויף גשטאנען ביא נאכט דאס מיינט מען אזו וויא דיא
נאכט האט גיטאן אין דיא בכורים וואס הקב"ה האט זייא גיטייט אזו
איז פרעה אויך אויף גשטאנען אונ האט גיטאן נקמות אין זיינע שרים
ודוכסים אזו וויא דער סדר איז פון איינעם אז מען שלאגט אים מיט
איין שטיין שלאגט ער דעם אנדערין אזו איז אויך גיוועזן פרעה אונ דר
נאך איז ער גגאנגען אויף דעם מארק אונ האט אויס גירופין צוא דיא
ישראל קומו צאו מתוך עמי שטייט אויף אונ גייט ארויס פון מיין פאלק איר
האט גיטייט אלע שטאט לייט איר האט גיטייט אלע מיינע הערין אונ
דוכסים אונ אין גאנצין מיין הויז גיזינט אזו וויא דער פסוק זאגט
ויקרא למשה ולאהרן לילה אונ האט זייא גיזאגט עס איז אלץ אין אייער
האנט וברכתם גם אותי איר זאלט מיר אויך בענטשין אונ זאלט מיך ניט
טייטין אונ דער נאך האט ער זייא אליין באלייט אונ האט זייא אויש
גיצויגין פון זיין לאנד אזו וויא דער פסוק זאגט ויהי בשלח פרעה את העם :
ויסב אלהים את העם פרעגט רבי יהודה פאר וואס אז דיא ישראל זיינען
אין מצרים שטייט שלח את עמי כי אם מאן אתה לשלח את עמי בני בכורי
ישראל חאטשי אין דער צייט זיינען זייא נאך ניט גוועזן גימלת אונ
זיינען נאך ניט גיוועזן אן גקניפט אין הק'בה אזו וויא עס גיהער צוא
זיין אונ איצונד זיינען זייא דאך שוין יוא גוועזן גימלת אונ האבין
גמאכט איין קרבן פסח אונ זיינען שוין גוועזן אן גקניפט אין הקב"ה
צום סוף רופט ער זייא עם אלא מחמת עס איז גוועזן אין זייא באהעפט
אונ אויס גימישט דער ערב רב דרום רופט ער זייא אן סתם עם דרום
שטייט ויגוף ה' את העם על אשר עשו את העגל : ויקהל העם על אהרן : וירא העם כי
בשש משה אונ נאך פיל מאל דאס מיינט מען אלץ דאס ערב רב
זייא היישן עם :

רבי יצחק אונ רבי יהודה זיינען גגאנגען פון אושה קיין לוד אונ מיט
זייא איז גוועזן יוסף טייעא מיט גמלים אונ זייא האבן גטראגין
משאות וויא זייא גייען האט דר סוחר יוסף דר זעהן איין כותית האט
גקליבין ירקות אויף דעם פעלד אזו איז ער אנטלאפן פון זייא אונ
האט זיך גשטארקט אויף. איר האבן זיך רבי יהודה אונ רבי יצחק
זייער פאר וואונדערט אונ זאגין מיר בדארפין זיך אום קערין פון דעם
וועג דען הקב"ה האט אונז גוויזין אז מיר זאלין זיך ניט מתחבר זיין
מיט אים אזו וויא זייא האבין אוועק גיקערט פון דעם וועג האבין
זייא אן גיהויבין נאך קלערין נאך אים האבין זייא דער קלערט אז
ער איז איין ממזר ער איז דער זון פון אמצריות אונ דער פאטער איז
אויך איין פסול זרע גיוועזן זאגין זייא בריך רחמנא דשזיב לן גילויבט איז
גאט וואש ער האט אונז מציל גיוועזן · הייבט אן רבי יצחק עש שטייט
לדוד

לדוד אל תתחר במרעים וואָרום שטייט מרעים אונ ניט חטאים אדר רשעים אלא מרעים איז טייטש זייא איבלען צוא זיך אליין אונ צוא דיא וואש זייא בהעלפטין זיך מיט זייא רבי יהודה זאגט דרום שטייט מרעים זייא זיך מרחיק פון צוא זיין מיט זייא גיזעלין אונ חברים כדי דורך זיינע מעשים רעים זאלשטו ניט נתפס ווערין · קום אונ זעה וואלטין ניט וגיוועזן דער ערב רב באהעפט מיט דיא ישראל וואלטין דיא ישראל ניט גיוועזן גיזינדיגט מיט דעם עגל אונ עש וואלט ניט גיוועזן גישטארבין אזו פיל פון דיא ישראל אונ זייא וואלטין ניט גורם גיוועזן וואש זייא האבין גורם גיוועזן דען דער חטא אונ דיא מעשה האט גורם גיוועזן דעם גלות צוא דיא ישראל דען מיר האבין גילערינט בשעת הקב״ה האט אויש גיצוגין די ישראל פון מצרים האט ער זייא גיוואלט מאכין אזו ווִיא מלאכים אונ צוא מאכין זייא חירות פון אלץ זייא זאלין זיין פרייא פון מיתה אונ פרייא פון גלות אזו וויא עש שטייט חרות על הלוחות לייען ניט חרות נאר חירות ווער עש וויל זיין פרייא פון אלעם זאל ער עוסק זיין בתורה וואש איז אויף דיא לוחות אונ אז זייא האבין גטאן דיא מעשה העגל האבין זייא זיך ווידער גורם גוועזן מיתה אונ גלות אונ דיא לוחות הראשונות זיינען צוא בראכין גוואָרין אונ כמה אלפים פון דיא ישראל זיינען גישטארבין דאש האט אלץ גימאכט וואש זייא האבין זיך מחבר גיוועזן מיט דעם ערב רב אונ איך דורך דעם ווערין זייא ניט גירופין בני ישראל אונ ניט עמו נאר סתם העם אויב דוא ווערשט פרעגין עש שטייט דאך ווייטער וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים דאש איז אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען איידער זייא האבין זיך נאך באהעפט מיט דעם ערב רב רופט ער זייא בני ישראל אבער דער נאך רופט ער זייא שוין נאר העם אזו וויא עש שטייט ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלהים רבי יוסי פרעגט עש שטייט כי כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפון לראותם עד עולם איר ווערט שוין דיא מצרים ניט זעהען אונ דער נאך האבין זיי דאך יוא גיזעהען אלע טאג דעם ערב רב זאגט רבי יהודה עש שטייט ערב רב אונ עס שטייט ניט מצרים דען עס האבין גיוואונט אין מצרים אנדערע אומות אויך אונ ווידער זייא זיינען דאך גוועזן גימלת אונ אז זייא האבן זיך גימלת זיינען זייא שוין ניט קיין מצרים משה האט גהיישין זייא מקבל זיין דרום זאגט דער פסוק צוא משה לך רד כי שחת עמך סרו מהר מן הדרך אשר צויתם צויתם דאס איז טייטש דוא האסט גהיישין זייא מקבל זיין:

וחמושים עלו בני ישראל זייא זיינען גוועזן איין פינפט חלק פון דיא ישראל רבי יוסי זאגט פינף זיינען גיוועזן פון ישראל אונ איינער פון זייא רבי יהודה זאגט איין פופציגט חלק זאגט רבי שמעון וחמושים מיינט מען ווייל עש האט אויף זייא גלייכטין דער יובל וואש היישט שנת החמשים דרום זיינען זייא ארויש גיגאנגען ביובל בחושבן חמשים אונ ווען דאש זאל ניט גיוועזן זיין וואלטין זייא ניט ארויש גיגאנגען דרום האבין זייא זיך גימוזט פאר זאמען פון יציאת מצרים ביז מתן תורה פופציג טעג אין דער צייט האבין זייא ערשט מקבל גיוועזן דיא תורה דען פון דעם ארט וואש דיא תורה איז ארויש גיגאנגען למעלה היישט יובל וואש זיא האט זייא אויש גצוגין פרייא דרום שטייט וחמשים עלו חסר ואו צוא ווייזין צוא לייענן חמשים איבער דעם זיינען זייא ארויש גיגאנגען פון מצרים אונ דעם כח פון יובל וואש היישט חמשים:

ויקח משה את עצמות יוסף עמו פאר וואס האט משה אויף גבראכט דיא בייגער פון יוסף ווייל ער איז גיוועזן דער ערשטער וואש האט גנידערט אין גלות מצרים אונ ער האט מוסר גוועזן דעם סימן פון דער גאולה אונ האט גזאגט ואלהים פקוד יפקוד אונ דר נאך אז משה איז גקומן זייא אויס לייזין אונ האט זייא גזאגט דאס לשון פקד פקדתי האבן דיא ישראל גגלייבט אז ער איז איין נביא אמת אונ ווידער יוסף האט באשווארין דיא ישראל זאלין זיינע בייגער אויף ברייגען פון מצרים אזו וויא עש שטייט כי השבע השביע את בני ישראל וה׳ הולך לפניהם יומם רבי יוסי זאגט עס שטייט למנצח על אילת השחר מזמור לדוד מיר זעהן וויא אזו דיא תורה איז גיליבט פאר הקב״ה דען איטליכר מענטש וואש איז עוסק בתורה איז גיליבט אויבין אונ אונטין הקב״ה פאר נעמט זיינע רייד אונ פאר לאזט אים ניט בעולם הזה ובעולם הבא אונ מען מוז עוסק זיין בתורה יומם ולילה אזו וויא עש שטייט והגית בו יומם ולילה נאך שטייט אם לא בריתי יומם ולילה אונ אזו וויא דער טאג אן דער נאכט היישט ניט גאנץ נאר ביידע אין איינעם באננד היישט איין טאג אזו אויך מוז דיא תורה גיפונען ווערין בייא דעם מענטשין יום ולילה כדי עש זאל בייא אים שכיח זיין דער רוח הקודש אונ דאש שלימות יום ולילה אונ מיר האבין גילערינט דאש דער עקר נאכט היישט נאר פון דער אנדערער העלפט אן ווייטער חאטשע דיא ערשטע העלפט היישט אויך נאכט אבער אין דער אנדערער העלפט גייט הקב״ה אין גן עדן ארייין זיך פרייען מיט דיא צדיקים דרום זאל איין מענטש אויף שטיין אונ עוסק זיין בתורה אזו וויא מיר האבין גילערינט אז הקב״ה מיט אלע צדיקים וואש אין גן עדן הערין אלע צו זיין קול אזו וויא עס שטייט היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני היושבת בגנים מיינט מען דיא כנסת ישראל וואש זיא לויבט להקב״ה בתורה בלילה וואול דעם מענטשינש חלק וואש פעדערט זיך אויף שטיין בייא נאכט לויבין להקב״ה בתורה אונ אז דער מארגין שטערין גייט אויף אזו פרייען זיך די כנסת ישראל מיט הקב״ה אונ ציהען איין חוט של חסד אויף זיך אונ אויף די וואש לערנן תורה בייא נאכט אזו וויא עם שטייט יומם יצוה ה׳ חסדו ובלילה שירה עמי דרום היישט זיא אילת השחר אין תחלת הלילה ווערין אלע טוערין פאר שלאסין חמור נוער כלבים צועקים אונ אז ער שטייט אויף חצות לילה עוסק זיין בתורה איז וואול זיין חלק אונ אין דער פריא איז הקב״ה מיט דער שכינה זייער פריליך אונ גיט מתנות לכל בני היכלין · ווייטער זיינען סודות:

ויי הולך לפניהם יומם דען הקב״ה מיט זיין ב״ד אונ מיט דער שכינה האבין זיך בהעפט מיט דיא אבות יומם מיינט מען דעם כח פון אברהם וואש היישט יום בעמוד ענן מיינט מען יצחק לנחות הדרך מיינט מען יעקב אזו וויא עס שטייט ויעקב הלך לדרכו · ולילה בעמוד אש להאיר מיינט מען דוד המלך דאש איז די מרכבה הקדושה צו דר שכינה מיט דעם זיינען די ישראל גיגאנגען מיט אלע שלימות אונ דיא אבות זאלין זעהען דיא גאולה פון דיא קינדער אזו וויא הקב״ה האט מבטיח גיוועזן צו יעקב ואנכי אעלך גם עלה דרום שטייט דאש ווארט גם קומט מרבה זיין דיא גאנצע מרכבה ללכת יומם ולילה נאך וואש זיינען זייא גיגאנגען בייא נאכט זייא וואלטין גידארפט גיין נאר בייא טאג ניט בייא נאכט עש זאל גלייך זיין וויא זייא אנטלופין אונ ווידער הקב״ה האט דאך זיי גיהיט נאך וואש זיינען זייא גיגאנגען בייא נאכט נאר דער טעם איז גיוועזן כדי זייא זאלין זיין אין רעכטין שלימות ביום ובלילה אונ די מצרים זאלין זיך טועה זיין אונ מיינען דאש דיא ישראל האבין פאר זייא מורא אונ אנטלופין פון זייא דרום ווערין זייא דיא ישראל נאך

יאגין

זאגין וועט גיערליכט ווערין דער כבוד פון הקב"ה :

ויוגד למלך מצרים כי ברח העם פון וואנען האט ער גוואושט נאר זיינע חכמים ומכשפים האבין זיך איין גזאמילט צוא אים אונ האבין אים מודיע גוועזן ווארום דיא כישוף מאכער האבין גזעהן וויא דיא ישראל גייען טאג אונ נאכט אין וועג האבין זייא גיזאגט אז דיא ישראל זיינען בוודאי אנטלאפין גיווארין · אויך האבין זייא גזעהן אז זייא גייען ניט אין גלייכין וועג אזו וויא עס שטייט וישובו ויחנו לפני פי החירות דרום האבין זייא זיך גטראכט אז זייא אנטלויפין אונ האבין גזאגט צוא פרעה · ויקח שש מאות רכב בחור ער האט אלץ גטאן מיט חכמה ער האט גינומען שש מאות אנטקעגין דיא ישראל וואס בייא זייא שטייט שש מאות אלף רגלי אונ דיא שלישים וואס איבער אלע איז גוועזן אנטקעגין דיא מדריגות עליונות · רבי חייא זאגט מיר האבין גילערינט אז הקדוש ברוך הוא גיט ממשלה צוא דיא שרים של מעלה גיט ער צוא זיין פאלק אויף דער וועלט אויך ממשלה ובשעת אז ער נידערט דעם שר למעלה ווערט זיין אומה אויך גינידערט למטה ויקח שש מאות רכב בחור מיינט מען איר ממונה למעלה וואס ער האט גיפירט דיא מרכבות פון אנדערע אונ דיא אלע זיינען גיפאלין דער נאך אונ דיא חיילות פון סיסרא דרום שטייט בחור וכל רכב מצרים :

ופרעה הקריב רבי יוסי זאגט ער האט גינעהנט דאס הארץ פון דיא ישראל צוא הקב"ה דען דורך אים האבין זייא תשובה גיטאן אזו וויא עס שטייט אין פסוק ה' בצר פקדוך צקון לחש מוסר למו ווען עס גייט וואול צוא דיא ישראל גידיינקין זייא ניט אין הקב"ה נייערט ווען עס איז איין צרה חלילה אויף זיי דערמאלט דר מאנן זיי זיך אין הקב"ה דרום שטייט צקון לחש זייא זיינען מתפלל תפלות ובקשות אונ שרייען מיט זייער קול ווען איז דאס מוסר למו ווען הקב"ה שלאגט זייא מיט זיין רצועה · אין דער צייט שטייט אויף הקב"ה אויף זייא מיט רחמנות אונ עס איז פאר אים חשוב דאס קול ער זאל גיצאלט ווערין פון זייערע פיינט אונ אויף זיי ווערט ער דר פילט מיט רחמנות זייא ווערין וויא איין טויב · דען דאס אונזערע חכמים האבין גיזאגט דאס משל אזו אויך זיינען דיא ישראל גיוועזן בייא דעם ים דער ים האט אויף גיבראכט זיינע אינדרין האבין זייא זיך זייער גיפארכטין אונ אז זייא האבין אויף גיהויבין זייערע אויגין האבין זייא דער זעהען דען פרעה מיט זיינע חיילות ווארפין שטיינער אונ פאלין אזו וויא עס שטייט וייראו מאוד וואס האבין זיי גיטאן ויצעקו בני ישראל אל ה' האבין זיי גישרייען צוא גאט נמצא ווער האט גורם גיוועזן וואס דיא בני ישראל האבין גישרייען צוא גאט · דאס איז פרעה · דרום שטייט ופרעה הקריב ער האט זייא גינעהענט צוא הקב"ה מיט דעם וואס ער האט זייא נאך גייאגט :

ויאמר משה אל העם אל תיראו רבי שמעון זאגט וואול דעם חלק פון דיא ישראל וואס משה דער רועה איז גינאנגען צווישן זייא עש שטייט ויזכור ימי עולם משה עמו הקב"ה האט גיזאגט ימי עולם משה עמו פון דאנען לערנען מיר אפ אז משה איז גלייך וויא דיא גאנצע וועלט אונ ווידער לערנען מיר אפ אז דער רועה אונ מנהיג פון דעם פאלק איז גלייך וויא דאס גאנצע פאלק איז ער זוכה איז דאס גאנצע פאלק זוכה איז ער ניט זוכה איז דאס גאנצע פאלק אויך ניט זוכה · אונ ווערין גישטראפט דורך אים · התיצבו וראו איר בדארפט קיין מלחמה ניט האלטין דען הקב"ה האלט מלחמה פון אייערט וועגין אזו וויא דער פסוק זאגט ה' ילחם לכם ואתם תחרישון קום אונ זעה אין דער נאכט האט הקב"ה איין גיזאמילט די פמליא של מעלה אונ האט בן גוועזן דעם דין פון די ישראל אונ עס זאל חלילה זיך ניט גיוועזן מקדים זיין דיא אבות פאר דיא ישראל צוא טענן וואלטין דיא ישראל חלילה ניט גיוועזן ניצול גיווארין פון דעם דין · רבי יהודה זאגט דער זכות פון יעקב האט מגין גיוועזן אויף דיא ישראל אזו וויא עס שטייט לולי ה' שהיה לנו יאמר נא ישראל דאס מיינט מען דיא ישראל סבא יעקב אבינו · רבי אבא הייבט אן עש שטייט אם תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי פיל זוכה זיינען דיא צדיקים דאס הקב"ה באגערט אין זייא אונ מחמת זיין ליבשאפט האט ער זייא מקריב גיוועזן צוא זיך אונ האט גיגעבין דיא תורה אונ שבת וואס ער איז הייליגער פון אנדערע טעג אונ איז איין מנוחה וחדוה ושמחה אונ שבת איז אזו חשוב וויא דיא גאנצע תורה אונ ווער עס היט שבת איז גלייך וויא ער היט דיא גאנצע תורה וקראת לשבת עונג ער איז דער עונג פון אלע · עונג פון דעם נפש וגוף עונג פון דיא עליונים ותחתונים עש שטייט וקראת דוא זאלשט רופין וואס שטייט וקראת אלא דוא זאלשט אן בריישין דעם שבת אזו וויא מען בריישט אן איין אורח חשוב אין זיין הויז ער זאל אן גרייטין זיין טיש אין הויז אונ זיינע מאכלים ומשקים מער פון אנדערע טעג וקראת לשבת דוא זאלשט רופין שבת נאך פון פאר נאכט אן ולקדוש ה' מכובד דאס מיינט מען אז די נאכט פון שבת מיט דעם טאג איז אלץ איינש ניט אזו וויא אטייל האבין זיך טועה גיוועזן אז דיא קדושה פון דער נאכט איז ניט אזו גרויש וויא דיא קדושה פון דעם טאג : ממצוא חפצך ודבר דבר אזו וויא מיר האבין גיזאגט אז דער דיבור פון שבת זאל ניט זיין אזו וויא דער דיבור של חול דען דער דיבור גייט ארויף אונ איז מעורר חול אונ ניט קודש דען אז איינער בריינט אן צוא זיך איין אורח באדארף ער מיט אים עוסק זיין אונ ניט מיט אנדערין אזו אויך שבת איז וויא איין אורח וואס איז קודש דרום גיהער מען ניט שמועסין דברי חול קום אונ זעה דען איטליכער דיבור וואס גייט ארויש פון דעם מויל פון דעם מענטשין גייט עס ארויף אונ איז מעורר אזו וויא דער דיבור איז · איז ער גוט דער וועקט ער גוטש איז ער ח"ו רע דער וועקט ער רע אונ ווער עש זיצט אין עונג שבת איז אסור אויף אים צו דער וועקין איין שמועס פון דער וואכין דען ער איז פוגם אין דעם הייליגין שבת דען ווער עש שטייט בייא דער שמחה פון דעם מלך גישיקט זיך ניט צוא לאזין שטיין דעם מלך אונ שמועסין מיט אנדערין אונ אין אלץ מוז מען טאן איין מעשה אונ מעורר זיין התעוררות צו וואס מען בדארף אונ אום שבת מיט פיל מילי דשמיא אונ וואס השי"ת האט גיהייסן אונ ניט מיט אנדערע זאכן קום אונ זעה אז פרעה האט גינעהנט צו די ישראל מלחמה האלטין מיט זייא האט הקב"ה ניט גיוואלט אז זייא זאלין דר וועקין אונטין איין מלחמה ווייל די אבות האבן זיך שוין אויבן מקדים גיוועזן אונ זייער זכות איז גישטאנען פאר הקב"ה דרום שטייט ה' ילחם לכם ואתם תחרישון מען באדארף שוין ניט אייער התעוררות למטה : רבי יוסי מיט רבי יהודה זיינען גינאנגען אין וועג זאגט רבי יוסי צוא רבי יהודה מיר האבין גילערינט אז דארטין וואו עס שטייט דער שם הוי"ה איז רחמים חאטשע השי"ת האט מיט זייא מלחמה גיהאלטין אונ האט גיטאן אין זייא איין דין דאך איז דער דין גוועזן מיט רחמים · אונ דא שטייט ה' ילכם לכם אונ מיר זעהען דא ניט קיין שום רחמים דען עס שטייט דאך ולא נשאר בהם עד אחד עס איז אפילו איינער פון זייא ניט גבליבן זאגט רבי יהודה די רייד האב איך גהערט פון רבי שמעון

אז אפילו דא איז אויך גיוועזן דער דין מיט רחמים דאס דער ים האט זייא צוא גידעקט אונ זיינען גישטארבין דער נאך האט זייא דער ים ארויש גיווארפין אונ הקב"ה האט באגערט אין זייער כבוד אונ זיינען גיקומען צוא קבורה אונ דיא ערד האט זייא ניט גיוואלט מקבל זיין ביז הקב"ה האט איר אויש גישטרעקט זיין רעכטע האנט האט זיא זייא שוין מקבל גיוועזן אזו וויא עס שטייט נטית ימינך תבלעמו ארץ איז דאך דאס אויך גיוועזן דין מיט רחמים דען האטשע הקב"ה טוט איין דין דאך האט ער חס אויף זיינע מעשה ידיו דרום שטייט ה' ילחם לכם ואתם תחרישון וואל צוא דעם חלק פון ישראל דאס הקב"ה האט זייא אויש גיקליבין צוא זיין חלק ונחלה · רבי יהודה הייבט אן עס שטייט ויתפלל יונה אל ה' אלהיו ממעי הדגה אונ פריער שטייט וימן ה' דג גדול לבלוע את יונה אונ ווידער וואס שטייט ער האט אן גיבריוט דעם פיש צוא יונה עס וואלט באדארפט שטיין וימן ה' את יונה לדג ווייל ער האט דאך יונה אן גיברייט צום פיש אונ האט יונה גישיקט צוא אים אלא וודאי דער פיש איז גיוועזן אן גיברייט צוא היטין יונה מער וויא אנדערע פיש דאס יונה זאל זיך אין אים בהאלטין · אונ אז ער איז ארייין גיקומען אין דעם פיש האט ער גיזעהען דורך זיינע גידערים דיא ברייט פון דעם ים דען דער בויך פון דעם פיש איז גיוועזן וויא אגרוישער היכל אונ זיינע צווייא אויגין האבין גילייכטין וויא דיא זון אונ איין אבן טוב איז גיוועזן אין זיינע גידערים וואס ער האט צוא אים גילייכט אונ ער האט גיזעהען אלץ וואס איז דא אין ים אונ אין תהום אויב דו וועסט פרעגין וואס שטייט דער נאך יונה האט גיזאגט קראתי מצרה לי איז דאך משמע אז עס איז אים דארטין איינג גיוועזן אלא אז דער פיש האט אים אויש גיוויזין אלץ וואס עס איז דא אין ים איז ער דער נאך גיפייגערט האט ער ניט גיקענט סובל זיין איז אים דארטין דרייא טאג זייער שלעכט גיוועזן דען ער האט ניט גיקענט פאר בעמען דאס סרחון דען איז ער גיוועזן אין איין צרה · רבי אלעזר זאגט אז יונה האט גיזעהען אז אים איז זייער גראס האט ער זיך משמת גיוועזן האט הקב"ה גיזאגט איך האב דיך אהער ניט גיבראכט דו זאלשט פריילעך זיין וואס האט הקב"ה גיטאן האט ער דעם פיש גיטייט אונ דיא פיש פון דעם ים זיינען גיקומען ארום אים אונ האבין אים גיביסין פון אלע זייטין האט זיך יונה זייער גיפארכטין דרום שטייט ויתפלל יונה אל ה' אלהיו ממעי הדגה פריער שטייט דג ווייל ער איז לעבעדיג גיוועזן אונ דער נאך שטייט דגה ווייל ער איז שוין מת גיוועזן אזו וויא עס שטייט והדגה אשר ביאור מתה דרום שטייט קראתי מצרה לי אונ עס שטייט ניט הייתי בצרה איך בין גיוועזן אין איין צרה אדער ישבתי בצרה נאר איך האב גירופין פון דער צרה ווייל דיא פיש האבין אים מצער גיוועזן מבטן שאול שועתי פאר וואס שטייט ניט מבטן דג אדער מבטן ה' אלא בשעת ער האט מתפלל גיוועזן איז דר פיש שוין מת גיוועזן אונ הקב"ה האט מקבל גיוועזן זיין תפלה אונ האט דעם פיש לעבעדיג גימאכט אונ דער פיש האט אים אויש גישפויגין אויף דער יבשה אלע האבין גיזעהען אז וויא דער פסוק זאגט ויאמר ה' לדג ויקא את יונה אונ ווייטער זאגט ער סודות :

ואתה הרם את מטך ונטה את ידך הייב אויף דיין שטעקין וואס דער שם הוי"ה שטייט אויף אים אונ נייג דיין האנט בצד הקודש אונ אז דיא וואשער וועלין דער זעהען דעם שם הקודש וועלין זייא אוועק לויפין דרום שטייט ונטה את ידך נייג דיין האנט אויף איין זייט דען דיא אנדערע זייט וועסטו באדארפין אננדער מאל צוא אנדערי וואסער זאגט רבי אלעזר עס שטייט דאך מטה אלהים זאגט רבי שמעון עש זיינען גיוועזן צווייא אין ספר רב המנונא סבא שטייט עס איז אלץ גיוועזן איינער · נאר סייא של הקב"ה אדער של משה איז גיוועזן צוא דער וועקין דין וגבורה דרום שטייט ונטה את ידך איז טייטש דיין לינקע האנט צוא טאן דין ובקעהו אונ שפאלט אים · עש איז דאך אונטין גוועזן דער תהום · נאר הקב"ה האט גיטאן נס בתוך נס אזו וויא עס שטייט קפאו תהומות בלב ים אונ זייא זיינען גיגאנגען בתוך הים ביבשה דרום שטייט ויבואו כל בני ישראל וגו' :

ויסר את אופן מרכבותיו רבי שמעון זאגט עש שטייט וארא החיות והנה אופן אחד בארץ אונ ער האט אין דעם גידרשת מעשה מרכבה של מעלה קום אונ זעה דאס הקב"ה ווייזט אין אלצדינג זיין ממשלה וויא ער איז מושל בכל אונ זיין ממשלה ווערט ניט אפ גיטאן לעולם ולעולמי עולמים ער האט גימאכט איין ממשלה מיט דיא אבות אונ נעמט אברהם אונ איז מיט אים מקיים דיא וועלט אזו וויא עס שטייט אלה תולדות השמים והארץ בהבראם איז דיא אותיות באברהם ער האט גינומען יצחק אונ האט מיט אים גיפלאנצט דיא וועלט דאס ער איז דער קיום פון דער וועלט אזו וויא עש שטייט ואת בריתי אקים את יצחק ער האט גינומען צוא יעקב אונ האט אים גיזעצט לעבין זיך אונ איז זיך מיט אים משתעשע ומתפאר אזו וויא עס שטייט ישראל אשר בך אתפאר קום אונ זעה ווייל יעקב האט זיך אן גיהאלטין אין דעם עץ חיים וואס דארטין הייסט ניט קיין מיתה דרום איז יעקב ניט גשטארבן ווייטער קאן מען ניט שרייבין בדרך נגלה איבער דיא סודות המרכבה · קום אונ זעה דיא מרכבה וואס איז גיוועזן ממונה אויף מצרים זיא האט גיוועלטיגט איבער אנדערע מרכבות אונ אז פון דער מרכבה איז צוגינומען גיווארין איר ממשלה זיינען אלע ארויש גיגאנגען פון איר ממשלה אזו וויא עס שטייט על מצרים על פרעה ועל הבוטחים בו דרום שטייט שמעו עמים ירגזון וגו' אין דער צייט זיינן אלע גיקומען צו העלפין די מצרים אז זייא האבין גיהערט דיא גבורה וואס הקב"ה האט גיטאן במצרים איז שלאף גיווארין זייער כח פון דיא אלע וואס האבין זיך אין איר אן גיהאלטין אונ אז דער כח איז צוא גיבראכין גיווארין למעלה זיינען אלע דיא וואס האבין אין איר אחיזה למטה אויך צוא בראכין גיווארן דרום שטייט ויסר את אופן מרכבתיו וינהגהו בכבדות אז דער אופן איז צוא בראכין גיווארין האבין זייא שוין ניט גיקענט ווייטער גיין אונ דרום שטייט ניט אופני גאר אופן ווייל אלע זיינען גיוועזן באהעפט אין דעם אופן וואול דאש חלק פון ישראל בייא זייא שטייט בו תדבק אויך שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום אין הקב"ה ממש אויך שטייט כי חלק יי עמו ער האט זיי אויש גיצויגין מזרע יעקב בחר לו יה אונ שטייט כי חלק יי עמו ער האט זיי אויש גיצויגין מזרע קודש צוא זיין חלק דרום האט ער זייא גיגעבין דיא תורה הקדושה עליונה הגנוזה דיא וואש איז גיוועזן באהאלטין צווייא טויזנט יאר אידער דיא וועלט איז בשאפין גיווארין אונ וועגין זיין ליבשאפט האט ער זיא גיגעבין צו דיא ישראל מקיים זיין וואש אין איר שטייט אונ זיך באהעפטין אין איר זאגט רבי יצחק בשעת אז הקב"ה האט גיוואלט מעביר זיין די חיילות פון פרעה אונטין האט ער אין ערשטין אפ גיטאן זייער כח אויבין ווייל דער כח וממשלה פון אלע מרכבות איז גיוועזן למעלה ווארום דיא קדושה האט זיך מתלבש גיוועזן אין זייא למעלה דאש דיא שכינה איז גיוועזן אין מצרים פון דעם האבין זייא אלע גיהאט איין כח אונ האבין גיפירט דיא מרכבות אבער אז

הקב"ה האט אפ גיטאן דעם רוח קדושה פון זייער כח למעלה ביז דיא קדושה איז ארויש גנאנגען פון זיי דא האבין אלע מחנות ניט גיקענט גיין אונ פירין דיא אנדערע אונ אז זייא האבין ניט גיקענט דאש טאן אזו האט מען מעביר גיוועזן דעם ממונה פון מצרים פון זיין ממשלה מיט ברענעדיגע פייער איז די ממשלה פון מצרים אפ גיטאן גיווארן:

אמר רבי יצחק בשעת די ישראל האבין גינעהנט צו דעם ים האט הקב"ה גירופין דעם גרוישין ממונה פון דעם ים אונ זאגט אים בשעת איך האב דיא וועלט בשאפין האב איך דיך גיזעצט פאר איין ממונה אויף דעם ים אז דיא וואשער זאלין זיך שפאלטין פאר מיינע קינדער ווען זייא ווערין דארפין היינט איז גיקומען דיא צייט דאס זייא דארפין דיך איבער פארין דארפשטו זיך שפאלטין פר זייא אזו וויא עס שטייט וישב הים לפנות בוקר לאיתנו לאיתנו איז דיא אותיות לתנאו צוא זיין ערשטין תנאי וואס הקב"ה האט מיט אים גיהאט בשעת בריאת העולם אונ אז דיא ישראל האבין גיזעהן דיא אינדין אונ דיא גלגלים פון דעם ים האבין גיטאן שטורימען אנטקעגין זייא אונ פון הינטין האבין זייא גיזעהן פרעה מיט זיינע חיילות האבין זייא זיך זייער גיפארכטין אונ האבין גישריען צוא הקב"ה אין דער צייט שטייט הים ראה וינוס דאש מיינט מען ער האט דער זעהן ארונו של יוסף וואס בייא אים שטייט וינס ויצא החוצה וויל ער האט ניט גיוואלט זיין מיט אשת פוטיפרע דרום האט זיך דר ים אנטקעגין אים גישפאלטין:

ויאמר מצרים אנוסה מפני בני ישראל אין דעם איז גרוישע סודות רבי חייא מיט רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין דער מדבר זאגט רבי חייא צו רבי יוסי קום וועל איך דיר זאגין ווען הקב"ה איז מעביר איין ממשלה פון דער וועלט איז ער פריער מעביר זיין שר אין הימיל אונ איז אים ניט מעביר ביז ער זעצט איין אנדערין אויף זיין ארט כדי עס זאל ניט אפ גיין איין ממשלה אין הימיל זאגט רבי יוסי עש איז בוודאי אזו אונ זאגט סודות אונ דער וויל האבין זייא דער זעהן איין מענטש קומט אונ דיא משא איז פאר אים זאגט רבי חייא מיר דארפין אוועק גיין ווייטר ווארום טאמער איז ער איין עובד כוכבים אדער איין עם הארץ איז דאך אסור מיט אים צו בהעפטן אויף דם וועג זאגט רבי יוסי מיר וועלין דא ווארטין ביז ער וועט קומען צוא אונז וועלין מיר זעהן טאמער איז ער אגרוישער מענטש אין דעם גייט ער פיר פאר זייא אונ זאגט דען מען דארף דעם וועג ארום רינגלען מיט איין אנדער זייט איך וויל צו איין חברותא ווארום איך וייש אנדערין וועג וועלין מיר דארטן ארויש גיין אונ וויל אייך זאגין ווייל איך וויל ניט שולדיג זיין דורך אייך זאל איך עובר זיין אויף ולפני עור לא תתן מכשול דען איר זייט אין דעם וועג וויא איין בלינדער איר זאלט ניט ברייננגען אייער נפש אין איין סכנה זאגט רבי יוסי בריך רחמנא גילויבט איז הקב"ה דער בעל הרחמים וואש מיר האבין דא גיווארט האבין זייא זיך מיט אים בהעפט בנאנד זאגט דער מענטש צוא זייא איר זאלט ניט ריידין ביז מיר וועלין דאש איבער גיין אונ דער ציילט זייא אזו אין יענעם וועג וואש מיר האבין אוועק גילאזט איז איין מאל גיגאנגען איין כהן חכם מיט איין כהן עם הארץ איז דער עם הארץ אויף גישטאנען אונ האט דעם אנדערין גיהרגת אויף דעם ארט פון דעם טאג אן אונ ווייטער ווער עס גייט אויף דעם ארט איז ער זיך מסכן נפש דען דארטין איז פאר בארגין גזלנים אונ הרגנן אלע לייט וואס זייא קומען צוא דעם ארט דיא חכמים ווייזין דאס ארט אונ וועלין דארט ניט גיין דען הקב"ה בגערט אלע טאג דאס בלוט פון דעם כהן חכם וואס איז דארט גיהרגת גיווארין אונ ער הייבט אן זאגין סודות אויף דעם פסוק עוד היום בנוב לעמוד נאך זאגט ער קום אונ זעה דער פסוק רופט אן גבעת שאול פאר וואס הייסט דאס ארט אזו נאר ווייל שאול האט גיהרגת דיא שטאט נוב עיר הכהנים האט זיך דער מדת הדין גובר גיוועזן אויף דער וועלט אונ האט גיהרגת שאול מיט זיינע קינדער אונ האט פון אים גימאכט פאר לירין דיא מלוכה אונ כמה אלפים מישראל זיינען דריבער אום גיקומען אונ ביז אהער איז דער חטא ניט גישטילט ביז סנחרב איז גקומען אונ האט אלע גמאכט ציטערין אזו אויך זינט דער כהן איז דארט אום גיקומען איז קיינער דארט ניט איבער גיפארין כדי ער זאל זיך ניט מסכן נפש זיין זאגט רבי חייא צוא רבי יוסי האב איך דיר דען ניט גיזאגט טאמער איז ער אגרוישער מאן ער הייבט אן עס שטייט (משלי ג׳) אשרי אדם מצא חכמה וואול איז צוא אונז מענטשין וואס מיר האבין דיך גיפונען אונ ווישין פון דברי חכמה ואדם יפיק תבונה אונ מיר האבן גיווארט צוא מחבר זיין זיך מיט דיר אונ אויף דעם שטייט אז הקב"ה בריט אים אן אויף דעם וועג דיא פני שכינה אונ אויף דעם שטייט ואורח צדיקים כאור נוגה דער מענטש הייבט אן לדוד מזמור ליי הארץ ומלואה אונ זאגט דרויף גרוישע סודות:

ויסר את אופן מרכבותיו זיין ממונה איז למעלה אפ גיטאן גיווארין דרום האט ער למטה איין מפלה גיהאט אזו וויא זיין ממונה איז גיקומען אין ים העליון אזו איז ער גיקומען דא בים התחתון וינהגהו בכבדות פאר וואש האט ער אים גיפירט מיט שווערקייט אלא פון דאנען לערנען מיר אפ אזו וויא דער מענטש פירט זיך דא אזו פירט מען אים פון אובין עש שטייט בייא פרעה ויכבד את לבו דער פאר האט מען אים פון אובין אויך גיפירט מיט שווערקייט ויאמר מצרים אנוסה מפני בני ישראל דאש האט גיזאגט דער שר פון מצרים אויבין זאגט רבי יוסי עש איז דאך קשה ווען מען האט אים מעביר גיוועזן פון זיין ממשלה וויא אזו האט ער גיקאנט נאך יאגין דיא ישראל אלא וודאי עש איז אלץ פריער אזו גיוועזן אבער אז זייער כח מיט דעם שר של מעלה איז צו בראכין גיווארין איז בטל גיווארין זייער כח פון אונטין דרום האבין זייא גיזאגט כי ה׳ נלחם להם במצרים דאש מיינט מען אין דעם שר של מעלה אובין:

ויושע ה׳ ביום ההוא וגו׳ וירא ישראל את מצרים מת וגו׳ עש שטייט מצרים לשון יחיד דאש איז דער שר של מעלה פון דיא מצרים האט הקב"ה גיוויזין צוא דיא ישראל אז ער האט דעם שר איבער גיפירט אין נהר דינור אונ אז מען פירט איינם למעלה איבער פון זיין ממשלה הייסט ער מת וירא ישראל רבי יצחק זאגט מיר גיפינען ניט אז איינער זאל האבין אין זיך אזו איין שטארקייט אנטקעגין הקב"ה אזו וויא פרעה זאגט רבי יוסי אמער סיחון ועוג האבין זיך אויך גישטארקט זאגט רבי יצחק עש איז ניט אזו דען סיחון ועוג האבין זיך נאר גישטארקט אנטקעגין דיא ישראל אבער פרעה האט זיך גישטארקט אנטקעגין הקב"ה דען ער האט אלע טאג גיזעהען דיא גבורות אונ האט קיין תשובה ניט גיטאן רבי חזקיה זאגט עש שטייט אחת היא על כן אמרתי תם ורשע הוא מכלה אונ ער זאגט דרויף גרוישע סודות · זאגט רבי חייא איוב איז גשלאגין גיווארין מיט זיינע יסורים אין דער צייט וואש ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים אונ ער זאגט עש איז אלץ גלייך פאר הקב"ה תם ורשע איז גלייך דען פרעה האט זיך גישטארקט

אנטקעגין

אנטקעגין הקב"ה וישראל אונ האט גיזאגט מי ה' אשר אשמע בקולו אונ איך האב ניט גיטאן דער ווידער השי"ת זאל איך גישטראפט ווערין גלייך מיט אים דער פון זעה איך אז תם ורשע הוא מכלה. ווארום דאש וואש עש שטייט הירא את ה' מעבדי פרעה דאש מיינט מען איוב זאגט רבי יהודה דיא אבני ברד וואש זיינען גיוועזן אין מצרים אונ משה האט זייא אויף גיהאלטין אין דער לופטין האבין זייא דער נאך ממית גיוועזן דיא אמורים בימי יהושע · דער פסוק איז קשה תחלת שטייט וירא ישראל את היד הגדולה אונ דער נאך שטייט וייראו העם את ה' זאגט רבי יהודה ישראל מיינט מען ישראל סבא דאש איז יעקב אבינו וואש ער האט גינידערט אין גלות מיט זיינע קינדער צוא ליידין דעם גלות אונ ער אליין האט גיזעהען אלע נקמות וגבורות וואש הקב"ה האט גיטאן אין דיא מצרים דרום שטייט וירא ישראל דאש מיינט מען יעקב וואש ער הייסט ישראל אונ הקב"ה האט גינומען דעם זקן אונ האט אים גיזאגט שטייא אויף אונ זעה דיינע קינדער זיינען שוין ארויס גגאנגען פון דעם שטארקין פאלק אונ זעה דיא גבורות וואס איך האב גיטאן אין דיא מצרים פון וועגין דיינע קינדער דאס האט רבי יוסי גזאגט בשעת יעקב איז גגאנגען אין גלות אריין קיין מצרים איז אויף אים גיפאלין אגרוישע מורא אונ איין ציטערנעש האט הקב"ה צוא אים גיזאגט אל תירא מרדה מצרימה ווייל ער האט זיך גיפארכטין דרום האט השי"ת צו אים גיזאגט פארכט דיך ניט האט יעקב גיזאגט איך פארכט מיך פאר דעם גלות דאש מיינע קינדער זאלין חלילה דארטן גנט פאר דארבין ווערין האט הקב"ה גיזאגט צוא אים אנכי ארד עמך מצרימה זאגט יעקב איך פארכט מיך אז איך זאל דארט ניט בגראבין ווערין אונ וועל חלילה ניט קומען צוא מיינע אבות אונ וועל ניט זעהען דיא גדולה פון מיינע קינדער אונ דיא גבורות. וואס דוא וועסט זייא טאן האט הקב"ה גיזאגט צוא אים אנכי אעלך גם עלה אעלך איך וועל דיך אויף ברייננגין צוא זעהן זייער גדולה אונ דיא גבורות וואס איך וועל טאן צו זייא גם עלה איך וועל דיך אויף ברייננגין צוא דיא אבות זאלשט מיט זייא בגראבין ווערין · אין דעם טאג וואס דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האט הקב"ה גינומען צוא יעקב אבינו אונ האט גיזאגט שטייא אויף אונ זעה די גאולה פון דיינע קינדר אונ די כוחות וגבורות וואס איך האב גטאן אונ יעקב איז דארט גוועזן אונ האט דאס אלץ גיזעהן דרום שטייט וירא ישראל את היד הגדולה דאס איז יעקב אבינו · רבי יצחק זאגט עס שטייט ויוציאך בפניו בכוחו הגדול ממצרים וואס שטייט בפניו דאס מיינט מען פאר יעקב וואס ער האט זייא אליין גיבראכט קיין מצרים אין גלות אריין דרום האט הקב"ה פאר אים דאש אלץ גיוויזין רבי חזקיה זאגט בפניו מיינט מען אברהם אזו וויא עס שטייט ויפול אברהם על פניו ויאמר הלבן מאה שנה יולד וועל איך דען צוא הונדערט יאר האבין איין קינד האט הקב"ה צוא גיזאגט חייך דא שווער איך ביא דיין לעבין אז דוא וועשט זעהען כמה חיילות ומחנות וואש וועלין פון דיר ארויש גיין · אונ בשעת הקב"ה האט אויש גיצוגין דיא ישראל פון מצרים אלע שבטים אלפים ורבבות האט הקב"ה אויף גיבראכט צו אברהם אז ער זאל זייא אלע זעהען דרום שטייט ויוציאך בפניו פאר אברהם רבי אבא זאגט אלע אבות זיינען דארט גיוועזן ביא דער גאולה דרום שטייט בפניו דאש זיינען דיא אבות זאגט רבי שמעון אזו איך תמיד איז דיא גאולה אין דעם זכות פון דיא אבות אזו וויא דער פסוק זאגט וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור דא זיינען אלע אבות אונ וואש שטייט והארץ אזכור אלא דאש איז דוד המלך דאש ער האט זיין אחוזה למעלה אין ארץ החיים אונ ער איז אין איין מדריגה מיט דיא אבות אונ דורך זייא אלע איז תמיד דיא גאולה צוא דיא ישראל · רבי יוסי האט גיפרעגט עש שטייט וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים משה האט פריער גיזאגט לא תוסיפון לראותם עוד עד עולם זייא וועלין שוין אייביג ניט זעהן דיא מצרים אונ דא שטייט אז זייא האבין זייא דער נאך גיזעהן אלא ער האט גימיינט איר וועט זייא ניט זעהן לעבעדיג אבער טויט וועט איר זייא זעהן דרום שטייט כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם אזו וויא איר זעהט זייא היינט לעבעדיג וועט איר זייא שוין ניט זעהען ווייטער זיינען סודות :

אז ישיר משה ובני ישראל וגו' ווארום שטייט ניט שר ער האט גיזונגין אבער ישיר איז טייטש ער וועט זינגין אלא לעתיד לבוא חאטשע אלע צדיקים זיינען שוין נפטר גיווארין אונ זיינען אויף גיגאנגען במדריגות של מעלה אונ זיינען נתקשר גיווארין בצרור החיים וועלין זייא אלע צוא תחיית המתים לעבעדיג ווערין אונ וועלין זינגען דיא שירה רבי שמעון זאגט פון דאנען לערנען מיר אפ עש שטייט יוסף ה' שנית לקנות את שאר עמו דאס זיינען דיא צדיקים וואס הייסין שאר עמו דען מיר האבן גלערינט דיא וועלט האט קיין קיום ניט נייערט אויף דיא וואש מאכין זיך פאר שיריים דאש הייסט איין איבער בלייבונג אונ האלטין פון זיך גאר ניט אויב דוא וועסט פרעגן אז זייא זיינען שוין בצרור החיים אן גבונדין אונ זיינען זיך שוין מענג בעולם העליון ווארום נדערט זייא הקב"ה אראפ אויף דער ערד גייא אונ לערין אפ פון דיא ערשטע צייטן דען צוא דעם ערשטן זיינען נאך גוועזן אלע רוחות ונשמות במדריגות העליונות למעלה אונ הקב"ה האט זייא אראפ גנידערט אויף דער ערד מכל שכן אצונד דאס הקב"ה וויל גלייך מאכין דיא קרומע וועג דען אזו שטייט כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא אויב דוא וועסט זאגין דיא מענטשן וואש זיינען גשטארבן מכח דער עצה וואס דער נחש האט גורם מיתה גיוועזן זייא האבין גאר קיין חטא ניט גיהאט נאך וואס זאלין זייא אויף שטיין נאר דיא דארפין אויך אויף שטיין לתחיית המתים זייא זאלין זיין דיא בעלי עצה פון דעם מלך המשיח דרום האבין מיר גלערינט אז משה וועט זאגין שירה לעתיד לבא אזו וויא עס שטייט כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות דאס הייסט איך וועל משה אליין ווייזין דאס אנדרע מאל דען דרויף שטייט אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה' מיינט מען דיא כנסת ישראל מיט משה וועלין זינגען צוא הקב"ה :

תנינן מיר האבין גילערינט איטליכער מענטש וואס זאגט אלע טאג שירה מיט כוונה איז ער זוכה לעתיד לבא דען אין דער שירה שטייט וואס עס האט זיך גיטאן אונ וואס עס טוט זיך אין היינטיגער וועלט אונ וואס עס וועט זיך טאן אונ אין דער שירה איז דער יחוד אונ דיא רעכטע אמונה אונ עס איז אין איר פון ימות המשיח דען אין איר גיווענט זיך אריין ברייננגען פאר הקב"ה אלע שירות פון דיא עליונים ותחתונים : ויאמרו לאמר צוא זאגין לדורי דורות דען דיא שירה וועט ניט פאר געסין ווערין פון זייא אייביג אונ ווער עס איז זוכה זאגין די שירה אויף דער וועלט איז ער זוכה זיא צוא זאגין אויף יענער וועלט אונ לימות המשיח מיט דער גרוישע שמחה פון הקב"ה דרום שטייט לאמר צוא זאגין דיא היינטיגע צייט אונ זאגין אין ארץ ישראל אז די ישראל

וועלין דריגען זיצין צוא זאגין אין גלות צוא זאגין לעולם הבא :

אשירה לה׳ כי גאה גאה ער הערשט אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט סוס ורוכבו רמה בים ער האט מעביר גיוועזן זייער ממשלה פון אונטין אונ דעם כח פון זייער שר אויף דעם הימיל וואס זייער אן האלטין איז אין דעם גיוועזן זיינען אלע איבר גיענטפערט גיווארין בים העליון אזו וויא די ישראל האבין גיוואלט אונ גיבעטין פון הקב״ה אז אלע זאלין איבר גיענטפערט ווערין אין זייער האנט אזו האט הקב״ה גיטאן דרום שטייט סוס ורוכבו די אונטערשטע אונ זייער כח למעלה וואס רייט דרויף אלע אין איינעם זיינען גיווארפין אין ים אויבין אונ אונטין די תחתונים אין ים אונ די עליונים בנהר דינור וים העליון אזו וויא אויבין איז גישטאנען :

זה אלי ואנוהו רבי יוסי זאגט עס גיהער איטליכער מענטש זייער ליב האבין להקב״ה דען דיא גרעסטע עבודה איז מאהבה אונ דער וואס דינט להקב״ה מאהבה ווערט אן גירופין דער ליב האבער פון הקב״ה אונזערע חכמים האבין גיזאגט דאס וואס עס שטייט רעך ורע אביך אל תעזב גייט אויף קרבנות ניט פאר לאזין צוא הקב״ה נייערט צוא דינגען אונ זיך באהעפטין אין אים אונ טאן זיינע מצות אים מקריב זיין קרבנות הוקר רגליך מבית ריעך איז טייטש רייס אוים דעם יצר הרע ער זאל דיך ניט דער היצין אונ ניט גיוועלטיגין אין דיר אונ זאלשט ניט טראכטין אין דיין הארץ שלעכץ וועסטו ניט דארפין ברייגגן קיין קרבנות עולות דרום שטייט רגליך איז טייטש דיין גיוויינונג דאס אמענטש איז גיוואונט אונואיז ניט נזהר פון שלעכטע מחשבות דער נאך ווערט דען פון איין מעשה דיא מחשבה איז נאר אזו וויא פים צוא דער מעשה אזו וויא אן פים קען מען ניט גיין עפעס טאן אזו קען מען ניט טאן קיין מעשה אן איין מחשבה מבית ריעך מיינט מען דיא נשמה הקדושה וואס הקב״ה האט זיא דיר גיגעבין וואס ער הייסט ריעך דרום זאל מען דינגען להקב״ה מאהבה אזו וויא עס שטייט ואהבת את ה׳ אלהיך וגו׳ • זה אלי ואנוהו אלע ישראל האבין גיזעהן ביא דעם ים וואס יחזקאל הנביא האט ניט גיזעהן אפילו דיא קינדער וואס זיינען נאך גיוועזן אין זייער מוטערש לייב האבין גיזעהן דיא שכינה אונ האבין גילויבט להקב״ה האבין אלע גיזאגט זה אלי ואנוהו אלהי אבי וארוממנהו :

רבי יהודה איז גיזעסין פאר רבי שמעון אונ זאגט עס שטייט קול צופיך נשאו קול יחדו ירננו צופיך מיינט מען די וואס האפין אז הקב״ה וועט זיך מרחם זיין צוא בויען דאס בהמ״ק נשאו קול מיינט מען איטליכין מענטשין וואס וויינט אונ הויבט אויף זיין קול אויף דעם חורבן בית המקדש דער איז זוכה צוא דעם וואש ווייטער שטייט יחדיו ירננו באנאנד וועלין זייא זינגען אונ וועלין זוכה זיין צוא זעהען דאס בית המקדש גיבויטער הייד מיט שמחה אונ אז הקב״ה וועט זיך ווידער קערין קיין ציון וועלין זייא זאגין זה אלי ואנוהו אזו וויא עס שטייט זה ה׳ קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו :

מרכבות פרעה וחילו ירה בים אז הקב״ה דער וועקט איין מלחמה ווערין צוא בראכין מדריגות עליונים ותחתונים דען איז גיוועזן מרכבות פרעה וחילו וגו׳ רבי יהודה זאגט עס שטייט ראוך מים אלהים ראוך מים יחילו אף ירגזו תהומות בשעת די ישראל האבין גידארפט גיין איבר דעם ים האט הקב״ה גיזאגט צוא דעם שר של ים צוא טייל דיין וואסער כדי מיינע קינדער זאלין דורך גיין זאגט ער דיא גאולה של רוגז וואס עס איז איצונד וואלט רעכט גיוועזן דיא זאלין אום קומען דען דיא ישראל האבין אויך גידינט עבודת כוכבים אין מצרים זאגט הקב״ה איך האב דרויף באשאפין דעם ים אונ האב מיט אים אתנאי גיהאט ער זאל איצונד גישפאלטין ווערין וואס האט הקב״ה גיטאן האט ער דער וועקט איין שטארקייט זיינען דיא וואסער איין גשרומפין גיווארין דרום שטייט ראוך מים אלהים וגו׳ דאס דיא וואסער האבין אים דער זעהן זיינען זיי דער ציטערט גיווארין אונ הקב״ה האט אים גיהייסין הרגנן די חיילות אונ זאל זייא דער נאך ארוים ווארפין אונ דער נאך האט ער זיי צוא גידעקט אזו וויא עס שטייט מרכבות פרעה וגו׳ אונ אזו וויא הקב״ה האט צו בראכין אלע מרכבות הטומאה וואס איבער זייא מיט זייערע כוחות למעלה אזו זיינען אונטן אויך צו בראכן אונ פאר לארין גיווארין :

תניא מיר האבין גילערינט רבי אבא זאגט וואול צוא דיא וואס זיינען זוכה צוא זאגין דיא שירה אויף דער וועלט דער איז זוכה צוא זאגין אויף יענער וועלט דיא שירה איז גיבויט גיווארין מיט צוויא אונ צוואנציג היילינגע אותיות וואש אויבין זיינען זייא אויש גיקריצט אין עשרה מאמרות אונ עש איז אלץ גיצייכינט מיט דעם שם הקודש אונ דאש איז דאש גאנצקייט פון דם היילינגן שם זאגט רבי שמעון אין דער צייט אז דיא ישראל זיינען גישטאנען ביא דעם ים אונ האבין גיזאגט דיא שירה האט זיך הקב״ה צו זייא אנפלעקט מיט אלע זיינע מרכבות וחיילות דאס זייא זאלין דער קענען זייער מלך וואס ער האט זיי גיטאן ניסים וגבורות אונ איטליכער האט גיזעהן בנבואה מער אז אלע נביאים האבין גיזעהן • מען זעהט אין דער שירה אז איין רייד גהער זיך ניט אן מיט דער אנדערער אונ וואס דער האט גיזאגט האט דער אנדערער אויך גיזאגט אונ איינער האט ניט גיפעדערט איין ווארט פאר זיין חבר נייערט עס איז אלץ גיוועזן במשקל אחד אלע מיט אמאל גלייך דען דער רוח הקודש האט גירעט פון אלע מיילער גלייך וויא פון איין מויל אפילו דיא קינדער וואס זיינען גיוועזן אין זייער מוטערש בויך האבין אלע גלייך גיזאגט דיא שירה מיט אמאל אונ האבין אלע גיזעהען וואס יחזקאל הנביא האט ניט גיזעהען אלע האבין גיזעהען גלייך בשיינפערלעך אונ אז זייא האבין אלע גלייך אוים גילאזט זיינען אלע רייד זים גיווארין אין זייער נפש אונ האבין נאך גיגלוסט צוא זעהען דעם גרויסין תענוג צוא זעהען דיא שכינה אונ האבין ניט גיוואלט אוועק גיין פון דארטין מחמת גרויש ליבשאפט אונ תענוג באותו שעה האט משה גיזאגט צוא הקב״ה מחמת גרויש ליבשאפט וואש דיינע קינדער האבין צוא דיר אונ ווילין קוקין אין דיר ווילין זייא ניט אוועק גיין פון דאנען וואש האט הקב״ה גיטאן האט הקב״ה באהאלטין זיין כבוד כביכול צוא דער מדבר האט משה זייא גיזאגט אז זייא זאלין ווייטער ציהען אונ זייא האבין ניט גיוואלט ביז ער האט זייא גיוויזין דעם כבוד פון השם יתברך איז אין דער מדבר מיד באלד מחמת גרויש אהבה ורצון וואש זייא האבין גיקוקט האט זייא משה גימאכט ציהן אזו וויא עס שטייט ויסע משה את ישראל משה האט גימאכט ציהען דיא ישראל מים סוף ויצאו אל מדבר שור וואס הייסט מדבר שור אלא שור איז טייטש קוקין אין דער מדבר וואס זייא האבין דארטין באגערט צוא קוקין אין זיין זיו כבודו דאס לויטערקייט פון כבוד הקב״ה • רבי יוסי הייבט אן עס שטייט מזמור שירו לה׳ שיר חדש כי נפלאות עשה הושיעה לו ימינו וזרוע קדשו. דעם מזמור האבין שוין דיא חכמים מפורש גיוועזן אז דאס האבין גיזאגט די פרות וואס האבין גיפירט דעם ארון פון דיא פלישתים אזו וויא עס שטייט וישרנה הפרות

בדרך וישרנה איז פייטש זייא האבין גיזונגען שירה אויף דעם וועג וואז זייא האבין דעם ארון גיפירט · דא איז צוא פרעגין וואס דער ציילט דער פסוק פאר אחידוש אז דיא בהמות האבין שירה גיזאגט אמער אלע באשעפעניש סייא למעלה אונ סייא למטה זאגין דאך שירות · איוב דוא וועסט זאגין אלע שירות זאגין דיא שרים פון איטליכין מין אונ דא האבין דיא פרות אליין גזאגט שירה וויל דער ארון הקודש מיט דיא לוחות התורה זיינען מיט זייא גוועזן · וודאי איז אזו וויל דער ארון מיט דער תורה איז אויף זייא גיוועזן דרום האבין זייא פון זיך זעלבערט גזונגען שירה אונ אז מען האט פון זייא דעם ארון אראפ גנומען זיינען זייא שוין גוועזן וויא אנדערע בהמות אונ האבין שוין קיין שירה ניט גזאגט בייא אנדערע מזמורים שטייט מזמור לדוד אדר לדוד מזמור אונ דא שטייט גאר ניט דער נאמען פון דוד אלא דער מזמור איז אן גיבערייט מיט דעם רוח הקודש לעתיד צוא זינגען אין דער צייט אז הקב"ה וועט דיא ישראל אויף ריכטין פון דער ערד דען וועט עס זיין חדש דען עס איז נאך אזו איין שירה ניט גזאגט גוואורין מיום שנברא העולם · רבי חייא זאגט אז עס וועט זיין תחיית המתים דען וועט עס זיין חדש דאס אזעלכעש איז נאך אויף דער וועלט ניט גוועזן רבי יוסי זאגט אין דר צייט אז הקב"ה וועט טאן נחמות אויף דר וועלט דערנשט מאל וועט דיא שירה גזאגט ווערן דער נאך וועלן זיך דער וועקין דיא מתים פון דער ערד אונ דיא וועלט וועט באנייט ווערין מיט ארעכטין קיום וואס עס איז נאך ניט גוועזן דאס דיא טומאה אונ דער נחש וואס האט גורם גיוועזן מיתה אויף דער וועלט אונ האט פינצטער גימאכט דאס פנים פון דיא לייט וועט עס שוין בטל ווערן אונ הקב"ה וועט זייא שוין מבער זיין פון דער וועלט אזו וויא עס שטייט בלע המות לנצח אונ ווידער שטייט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ :

וילכו שלשת ימים במדבר ולא מצאו מים זייא האבין ניט גיהאט קיין תורה וואס זיא הייסט מים אזו וויא דער פסוק זאגט הוי כל צמא לכו למים זאגט רבי יוסי זייא האבין דאך אין דער צייט נאך ניט מקבל גוועזן דיא תורה זאגט רבי אלעזר זייא זיינען ארויש גנאנגען אין דער מדבר צו זעהען וואו אהין איז גקומען דער כבוד השכינה האבן זייא זיא ניט גפונען דרום שטייט ולא מצאו מים דאס מיינט מען דיא תורה · אונ דער כבוד השכינה הייסט תורה וויא זייא זיינען גנאנגען אין דער מדבר האט אויף זייא אנפלעקט דער רשות פון שרים חיצונים וואש רוט אין דער מדבר אונ זייא האבן אין דיא חיצונים באגעגינט האבן זייא גזעהען אז דאס איז ניט דאס אור זיו יקרו פון דער קדושה דרום שטייט ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם דאש מיינט מען דיא השגה פון דיא חיצונים איז ביטער אונ זייא האבן דא ניט גיהאט דעם תענוג פון פריער דאש זייא האבן גזעהען דיא קדושה אויף דעם ים אונ ניט דאס אליין נאר דיא חיצונים האבן נאך אויף זייא מקטרג גוועזן אזו וויא עס שטייט ווייטער ויצעקו אל ה' זייא האבן גשריען צו גאט ויורהו ה' עץ דען האט זיך באוויזן צוא זייא דאס לויטערע אור פון הקב"ה דאס איז עץ חיים דרום שטייט וימתקו המים דיא ביטערע מים דאס איז דער קטיגור איז זיס גוואורין אונ איז גוואורין איין מליץ טוב פאר זייא · זאגט רבי אבא תחילת זיינען די ישראל אריין גגאנגען אין ברית פון הקב"ה אונ זיינען אבער ניט רעכט אריין גגאנגען וויל זיי האבן זיך נאר גימלת אן פריעה אונ אז זייא זיינען גיקומען קיין מרה האבין זייא זיך רעכט [illegible] גוועזן מיט מילה ופריעה דרום שטייט שם שם לו חק ומשפט דארטין האט ער זייא גטאן חק מיט [illegible] דאס איז מילה ופריעה וואס הייסט חק ומשפט אזו וויא דיא מקובלים ווייסן :

כי אני ה' רופאך אין פרשת בלק שטייט אויף דעם פסוק רבי אלעזר הייבט אן ה' בוקר תשמע קולי בוקר אערך לך ואצפה דוד האט גיבעטין דער עת רצון וואש ער איז תמיד אין דער פריא דאש דער חסד דער וועקט זיך אויף דער וועלט אונ הקב"ה טוט אלע טובות סייא צוא צדיקים אונ סייא צוא רשעים דען איז דיא צייט פון תפלה צוא מתפלל זיין פאר דעם מלך הקודש דען זיא ווערט מקובל דרום אז עש ווערט טאג האבין אלע חולים איין נחת רוח דאש עש ווערט זייא גרינגער אונ אויך דער זמן תפלה איז מגין אויף זייא מכל שכן דיא וואש זיינען בעלי תשובה אונ זיינען מתפלל פאר דעם מלך הקודש דען אין דער צייט גייט ארויש איין ממונה דאש איז רפאל מצד דרום ער איז ממונה אויף אלע רפואות אונ אז דיא תפלה קומט פאר הקב"ה דען בפוילט הקב"ה צוא זיין בית דין אז זייא זאלין אים ניט אן הויבין מיט דין דען דאש חיים איז ניט אין זייער האנט נייערט אין דער האנט פון הקב"ה אונ דווייל עש איז אין דער צייט איין עת רצון דאש הקב"ה בגערט אין דעם זכות פון מענטשין אונ אז ער איז מתפלל איז גוט אונ אז ניט זאגט הקב"ה טאמער וועט ער תשובה טאן אונ האט חס אויף אים · אונ אז עס ווערט טאג ווערין דיא פויגיל גיהערט אזו וויא עס שטייט אשר שם צפרים יקננו אונ דיא פויגיל לויבין פאר הקב"ה אזו וויא זייערע כוחות ושרים של מעלה אונ דער אילת השחר דער וועקט זיך אונ זאגט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך דען גייט ארויש דער זעלביגער ממונה אונ טוט וואס מען הייסט אים אויב דוא וועסט מיינען דאש דיא מיני רפואות זיינען אין זיין האנט עש איז ניט אזו נייערט ביד המלך הקדוש אונ אז הקב"ה בפוילט דעם ממונה דיא רפואה טאן צו דעם מענטשין אזו גייט דער ממונה ארויש אונ אלע מקטריגים וואס זיינען ממונה אויף דיא חלאים רעים פארכטין זיך פאר אים דען דער רוח וואס גייט ארויש מצד דרום דער גרייכט צוא דעם מענטשין דען האט ער איין רפואה אונ אלץ איז ביד הקב"ה דרום האט דוד גיזאגט ה' בוקר תשמע קולי אונ דרום שטייט דא כי אני ה' רופאך ווייל דיא רפואה איז ביד הקב"ה אונ ניט בייא קיין אנדערין :

בזוהר חדש רבי יצחק הייבט אן צוא זאגין וויא אזו גיהער איטליכער מענטש מהדר זיין אין זיינע מעשים אונ צוא גידיינקען דריגען אלע טאג ווייל הקב"ה האט אים גיגעבין דיא ריינע נשמה צוא ווישין אונ דער קענען זיין באשעפער אונ צוא זעהען אין זיינע וואונדער וואס ער טוט אלע טאג אונ ער ווייט אלע טאג פיר ווינטין פון אלע פיר זייטין וועלט · דער מזרח ווינט ווייט פון דער פריא ביז האלבין טאג דאס מיט אים גייט ארויש פון דעם אוצר החמדה וואס איז בשער המזרח זיינען דריגען פאר האנדין טויזינט אונ פינף אונ זבעציג רוחות פון רפואה גייען אין דער וועלט אריין אונ דער מלאך וואס איז דער ממונה הייסט מיכאל אויף אים זאגט הקב"ה כי בלאכי ילך איז די אותיות מיכאל אונ ווען עש דער וועקט זיך דער ווינט גאנץ פריא ווער עש גייט אין דער צייט אין וועג אליין אונ איז זיך מכוין צוא דעם ענין דען אלע ברכות וואש מען בענטשט אים אין דער צייט ווערן מקוים אונ ער פרייד זיך דעם טאג · דער מערב ווינט ווייט פון האלבין טאג ביז נאכט גייט מיט אים ארויש תכ"ה ווינטין צוא מאבין בליהן גראזין אונ בוימער אונ דער ממונה דרויף איז רפאל דאס איז לצד מערב

מערב · זאגט רבי יוסי מיר האבן גילערינט אז רפאל איז דער ממונה אויף רפואות וואס דען זאגסטו אז דער ממונה פון מזרח זייט הייסט מיכאל · זאגט רבי יוחנן דיא מעשים פון הקב"ה צו דעם מענטשן איז אלץ ער זאל אים דער קענען דאס ער שלאגט אונ היילט ווידער· זאלין האבין זייער בטחון נאר צוא אים ניט אויף איין מלאך אדער איין שר דרום טוט זייא הקב"ה צוא צייטין פאר בייטין כדי ער זאל ניט זאגין דער מלאך האט מיר גיגעבין דיא רפואה נייערט עס איז אלץ בייא הקב"ה אין דער האנט דרום פאר בייט ער דיא רוחות ביז דער מענטש איז מתפלל אונ טוט תשובה באפוילט הקב"ה דיא רפואה זאל אויף אים קומען אונ דער מלאך וואס דרויף איז גיזעצט גיט דיא רפואה מיט דעם ווילין פון הקב"ה ניט מיט זיין ווילין · זעה דאס רחמנות פון הקב"ה ער שלאגט ניט דעם מענטשין ביז מען וועגט פריער איבער זיינע מעשים אפשר איז ער גאר ניט שולדיג אונ דער ממונה פון דעם איז מיכאל איז דאס רחמנות פון הקב"ה חאטשע דער דין קומט דורך מיכאל קומט דיא רפואה אויך דורך אים אז ער איז אים מתקן זיינע מעשים אונ טוט תשובה פאר זיין הארין · דר דרום ווינט ווייט תחלת הלילה ביז האלבע נאכט דען גייען מיט אים ארויס עה"ר ווינטין צוא-פעט מאכין דיא ערד אן צוא ווארימען דיא קעלט פון דער וועלט אונ דער ממונה הייסט עו"רי דער ווינט איז שווער צוא שלאפע מענטשין אונ אבער צוא דער גאנצער וועלט איז ער גוט אין דער צייט איז מען דן די רשעים אין גיהנם אונ די גאנצע וועלט ליגן אונ שלאפן אונ קיינער איז ניט מתפלל אויף זייא דער צפון ווינט ווייט פון האלבע נאכט ביז טאג עס גייט מיט אים ארויש דרייא מאל מאה אלפים שלעכטע ווינטין ער איז שווער פאר אלע נאר צו דיא שלאפע איז ער גוט פאר גרויש קעלט אונ היץ וואס זיי האבין · אין דער צייט גייט הקב"ה ארויש פון זיינע פיל גילושטיגע וועלטין אונ קומט זיך משתעשע זיין מיט דיא צדיקים אין גן עדן אונ איין כרוז רופט אויש פאר אים אונ זאגט עורי צפון ובואי תימן דאס מיינט מען דער וועק זיך דו צפון ווינט צוא קומען אויף דער וועלט אונ צוא דער וועקין דאס גישמאקייט פון דיא בשמים אין גן עדן אזו וויא עס שטייט הפיחי גני יזלו בשמיו אזו וויא מיר האבין גילערינט ווען דער צפון ווינט ווייט אונ הקב"ה קומט אריין אין גן עדן דען גיבין אלע בשמים אונ אלע בוימער אין גן עדן זייער גישמאקין ריח אונ זאגין שירה פאר הקב"ה אזו וויא עס שטייט אז ירננו כל עצי יער מלפני ה' אונ אלע צדיקים זיינן נהנה פון דעם ליכט פון אויבין אונ ווערין דער פון גישפייזט אונ זינגען אונ לויבין אין גן עדן פאר זייער באשעפער דרום שטייט יבוא דודי לגנו ויאכל פרי מגדיו דאס ווארט ויאכל גייט ניט אויף הקב"ה נייערט וויא איינער זאגט דער הער זאל קומען וועט דער גאסט עסין ווען הקב"ה קומט אין גן עדן אריין ויאכל וועלין זיינע פרי מגדיו עסין דיא פירות פון הקב"ה דאס מיינט מען דיא צדיקים וועלין עסין דאס הייסט וואס זייא זיינען נהנה מזיו השכינה איז גלייך וויא זייא וואלטין גיגעסין אזו אשטייגער שטייט בייא דיא בני אהרן ויחזו את האלהים ויאכלו איז אויך טייטש זייא האבין נהנה גיוועזן מזיו השכינה :

תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערינט אין דער צייט אז דער צפון ווינט הייבט אן צוא וויען ווערין דער ציטערט אלע הימלען וחיות הקודש ואופנים וצבא השמים זייא ציטערין אונ הייבין אן צוא זינגען גיזאנג אונ לויב צוא הקב"ה וואש האט בשאפין דיא וועלט מיט זיין זאג ביז הקב"ה גייט אריין מיט דיא צדיקים דען קומט אריין פלאם פייער פון דיא גלגלי החיות ער גייט ארויש אין דער גאנצער וועלט אונ קומט אונטער דיא פליגל פון דעם האן אונ מחמת גרויש פארכט הייבט ער אן קלאפין מיט דיא פליגל אונ שרייען · אונ ווער עש האט חכמה ותבונה אין זיין הארץ דער וועקט ער זיך אויף שטיין לערנען אונ זיין קול ווערט גיהערט אין גן עדן אונ הקב"ה הערט זיין קול פרעגין אים דיא צדיקים אונ זאגין רבונו של עולם ווער איז דאס זאגט הקב"ה דאס איז דער מענטש וואס דיא היילגע נשמה איז בייא אים אונ איז עוסק בתורה הערט צוא אלע צוא זיין קול דען עס איז מיר זייער ניחא אונ ליבער מער אז אלע שירות ותשבחות וואס מען זאגט פאר מיר אויף דעם הימיל דרום שטייט היושבת בגנים איז טייטש לשון גנות וחרפה חאטשע ער זיצט אין דעם עולם השפל איז ער פארט עוסק בתורה חברים מקשיבים לקולך פאר נעמען זיין קול וואס עש איז זייער זיס אונ וויל אז עש איז אזו השמיעיני מאך מיר הערין אונ הייב אויף דיין קול פון דער תורה וואס דוא לערינשט וועל איך דיר געבין שכר טוב לעולם הבא · אונ דרום איז דוד המלך אויך אויף גישטאנען האלבע נאכט אין דער צייט וואש דער רוח צפון וויאט אונ זיין פידל האט גיהאנגין איבער זיין בעטיל אזו וויא עש שטייט אין דער גמרא ברכות · עס שטייט יוצר הכל יוצר איז טייטש איין טעפר צוא ווייזין אזו וויא איין טעפערקען צוא ברעכין אונ ווידער גאנץ מאכין אזוי וויא ער וויל אזו אויך הקב"ה ער שלאגט אונ היילט ווידער ער ברעכט אונ בויט ווידער · דרום איז וואול צוא דיא לייט וואס זייער האפין איז צוא הקב"ה אונ לערנען תורה דאס דורך דעם באקומען זייא איין נשמה וואס זויא העלפט אים לחיי עולם הבא דרויף שטייט הבא לטהר מסייעין לו ווייא צוא דיא רשעים וואס זיינען ניט זוכה צו דר נשמה ווערן זיי פר לארין לעולמי עולמים דרום שטייט כי אני ה' רופאך אונ שטייט ניט סתם אז ער איז איין רופא לכל העולם אלא רופאך דיין היילער נאר צוא דיא צדיקים איז ער דער רופא חולים :

הנני ממטיר לכם לחם מן השמים רבי יוסי הייבט אן פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון וואש שטייט פריער עיני כל אליך ישברו אלע בשעפעניש האפין אונ הייבן אויף זייערע אויגן צו הקב"ה אלע וואס זיינן בני אמונה גהערן זייא אלע טאג מתפלל זיין אויף מזונות וויל דער וואס עס איז מתפלל צוא הקב"ה אויף מזונות איז גורם אז איטליכער טאג ווערט גיבענשט פון דעם אילן העליון וואס פון אים קומען אלע מזונות דרום שטייט ברוך ה' יום יום אונ חאטשע דער מענטש איז איין עושר מוז ער פארט אלע טאג מתפלל זיין אויף מזונות כדי עס זאל גיפונען ווערין מיט אים אלע טאג דיא ברכות מלמעלה אונ דרום באדארף דער מענטש ניט אפ קאכין מזונות פון איין טאג אויף דעם אנדערין אזו וויא דער פסוק זאגט ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו חוץ ערב שבת באדארף מען אן בריטין אויף שבת אזו וויא אונזערע חכמים האבין גזאגט דען ווערט הקב"ה גיפונען אלע טאג מלא ברכות אונ דרום שטייט פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון פון דעם רצון אונ מחשבה פון הקב"ה וואס אלע ברכות קומן ארויש פון דארטין ווער עש איז מתפלל אויף מזונות אונ אלע טאג פר הקב"ה ווערט ער גירופין צו הקב"ה בן הנאמן דר וואר הפטיגער זון דאס פון זיינט וועגין ווערט גיפונען ברכות למעלה · רבי אבא הייבט אן עס שטייט רוצה ה' את יראיו את המיחלים לחסדו וויא אזו גיהערין דיא לייט צוא גיין אין דעם וועג פון דעם מלך הקדוש אונ פון דער תורה כדי

עס

עס זאל חעדין גיפונען ברכות למעלה ולמטה דען מיר האבין גילערינט עס שטייט ישראל אשר בך אתפאר הקב"ה זאגט איך ווער בארימט בוודאי למעלה וועגן ישראל למטה וואס איז דר פאר אונ דאס שיינקייט דאס איז ער ווערט מקושר מיט די תפילין תאנא מיר האבין גילערינט עש שטייט רוצה ה' את יראיו הקב"ה באגערט אין דיא וואס ציהען אויש דעם רצון עליון דאס זיינען די יראיו · המיחלים וואס האפין צוא זיין חסד אונ בעטין אלע טאג צוא הקב"ה אויף מזונות רבי ייסא סבא האט ניט מתקן גיוועזן זיין טיש אלע טאג ביז ער האט פריער גיבעטן פר הקב"ה אויף מזונות ער האט גיזאגט מיר וועלין ניט מתקן זיין דיא סעודה ביז זיא וועט אונז פריער גיגעבין ווערין פון דעם מלך אונ נאך דער תפלה האט ער גווארט איין שעה אונ האט גזאגט אצונד איז דיא צייט אז זיא ווערט אונז גיגעבן פון דעם מלך מכאן והלאה ברייט אן דיא סעודה אונ אזו איז דער דרך פון דיא יראי חטא אבער דיא רשעים וואס גייען אין דיא קרומע וועגין ניט אין וועג פון דער תורה שטייט אויף זייהוי משכימי בבוקר שכר ירדופו דרום שטייט רוצה ה' את יראיו את המיחלים לחסדו זייא האפן צו הקב"ה דען ווערין די בני אמונה דער קענט דען זיי בעטין אלע טאג אויף מזונות דרום שטייט למען אנסנו הילך בתורתי אם לא הקב"ה טוט זייא פרובין אויב זייא זיינען בני אמונה ולקטו דבר יום ביומו דוקא נאר אויף איין טאג אבער ניט פון איין טאג אויף דעם אנדערין רבי יצחק זאגט עס שטייט צדיק אוכל לשובע נפשו ווען עסט דער צדיק אז זיין נפש איז זאט פון תפלה אונ תורה · זאגט רבי שמעון קום אונ זעה אז הקב"ה האט גיגעבן די תורה צו די ישראל האט ער זיי צום ערשטן גיפרובט אויב זייא זיינען בני אמונה של הקב"ה אונ צוא ווישין דיא רשעים וואס זיינען ניט קיין בני אמונה · מיט וואס האט ער זייא גיפרובט מיט דעם מן דרום שטייט בייא דעם מן למען אנסנו אונ דיא וואס זיינען יוא בני אמונה גיוועזן האט זייא הקב"ה גיצייכינט מיט דעם רושם פון כתר של חסד אזו ווי דער פסוק זאגט למיחלים לחסדו אונ דיא וואס זיינען ניט גיוועזן קיין בני אמונה האט הקב"ה אפ גיטאן פון זייא דעם כתר עליון אונ מען האט אים גירופין ובטן רשעים תחסר אונ פון דעסט וועגין חאטשע דיא רשעים האבין פיל גיקליבין לא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר וועד עס האט איבעריג גיקליבין איז בייא אים ניט איבער גיבליבין אונ ווער עס האט ווייניגער גיקליבין איז בייא אים ניט אפ גיגאנגען אונ דער מן איז גיוועזן מעלה ריח מכל בשמים של גן עדן דען דורך דארט האט דער מן אראפ גינידערט למטה אונ וואס פר איין טעם מען האט גיוואלט האט מען גפילט אונ גשמעקט אונ ער האט גילויבט למלך הכבוד דען אזו איז דער מן צו אים גיוועזן איין ברכה אין זיינע גידערים אונ דורך דעם מן האט ער משיג גיוועזן אונ האט גיזעהן מה למעלה בחכמה עליונה אונ דרום האבין זייא גיהייסין דור דעה אונ זייא זיינען גיוועזן דיא בני אמונה אונ צוא זייא איז גיגעבין גיווארין דיא תורה משיג זיין דרינען אונ צוא ווישין אירע וועגין אונ דיא וואס זיינען ניט גיוועזן קיין בני אמונה שטייט אויף זיי שטו העם ולקטו וטחנו ברחים או דכו במדוכה ווער האט זייא אזו פיל מטריח גיוועזן צוא מאלין עס אדער צוא קלאפין אין איין שטוסיל ווייל זייא זיינען ניט גיוועזן קיין בני אמונה אזו הייסט אויך דיא וואס זיינען ניט בני אמונה אונ בגערין ניט צוא גיין אין זיינע וועגין דיא מוזין זיך מטריח זיין יום ולילה נאך זייער פרנסה טאמער וועלין זייא ניט האבין קיין ברויט צו עסין ווער איז דאס גורם ווייל זייא זיינען ניט קיין בני אמונה אזו אויך שטו העם דיא רשעים וואס זיינען ניט קיין בני אמונה האבין זיך גימוזט מטריח זיין קלאפין אין איין שטוסיל אדער מיט איין מיל שטיין אונ נאך אנדערע טרחות אונ עס איז צום סוף ניט גוט גיוועזן נאר כטעם לשד השמן ניט מער נאר אזו וויא מען מאכט טייג מיט בוימיל דאס האט זייא גורם גוועזן ווייל זייא זיינען ניט גיוועזן קיין בני אמונה זאגט רבי יוסי נאך וואס שטייט לשד השמן אטייל זאגין עש איז טייטש לשון קנעטין אזו וויא מען קנעט מיט בוימיל אונ אטייל זאגין עס איז טייטש איין שד אזו וויא איין שד ווערט גיזעהן אין פיל ארלייא גישטאלטין אזו איז גיוועזן דער מן אלערלייא טעמים :

רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג זאגט רבי יוסי צוא רבי חייא כל זמן מיר זיינען אין וועג טוט הקב"ה מיט אונז נסים אונ איצונד איז אונז דער וועג ווייט מיר וועלין עוסק זיין בתורה וועט זיך הקב"ה מיט אונז באהעפטין הייבט אן רבי חייא אונ זאגט סודות פון מצות אונ סודות פון לחם עוני · וויא זייא גייען הערין זייא איין קול זאגט איר מושלים רוחות ומזיקים וואש אין קרומין וועג גייט ארויף אונ נידערט ניט אראפ אין אונזערין גיצעלט · זאגט רבי יוסי ווייל הקב"ה באגערט אן אונזער וועג ענטפער מיר וועלין עפעש זעהען נייש אדער עש וועט אונז איין נס גישעהן גייען זיי אונ זעצין זיך בייא איין שפאלט פון איין שטיין איז ארויש גיקומען צוא זייא אמענטש אונ זייא זיינען זייער דער שראקין גיווארין זאגט רבי יוסי חער בישטו זאגט ער איך בין פון דיא לייט וואש זיינען אין ארקא דאש איז פון דיא זיבין לענדער וואש אויבין איז גישטאנען אין פרשת בראשית זאגט רבי יוסי צוא אים איז דען דארטין אויך דא מענטשין זאגט ער עש איז בייא אונז פאר האנדין מענטשין זייא זייען פעלדער אונ שניידין אונ עסין · איין טייל זיינען אין איין אנדער גישטאלט וויא איך בין דא בין איך ארויף גיקומען צוא זעהען דאש לאנד וואש איר זייט דרויף ווארום עש האט אגרושין שם בייא אונז · זאגט ער זייא הייסט ארץ אלהא עש איז ארץ החיים אזו וויא דער פסוק זאגט ארץ ממנה יצא לחם פון דעם לאנד גייט ארויש ברויט אבער פון דיא זעקס לענדער וואס אויבין איז גישטאנען גייט ניט ארויש קיין ברויט ווען אפילו עש גייט ארויש פון זייא ברויט איז דאש גיט פון דיא זיבין מינים דגן חטה ושעורה וגו' וויא זייא ריידין אזו איז דער מענטש ווידער אריין גגאנגען אין זיין ארט האבן זייא זיך זייער פאר וואונדערט אונ זאגין הקב"ה וויל אונז בוודאי דער וועקין אויף איין זאך · זאגט רבי חייא בוודאי אויף דעם פסוק וואס דו האשט דא גיזאגט גידיינק איך אז איך האב גיהערט פון איין זקן איין גרוישע זאך איין רעכטין טעם אויף פסח ווארום האט זייא הקב"ה גגעבן אין ערשטן דעם לחם עוני פון פסח אונ דער נאך דעם מן וואס עס איז גיוועזן לחם מן השמים עס איז דרויף פאר האנדין גרוישע סודות · נאך מיין האט ער גיזאגט ווען דער מענטש גייט ארוים אויף דער וועלט קריגט ער קיין שכל ניט ביז ער עשט ברויט אונ אז ער פאר זוכט דעם טעם פון ברויט קריגט ער ערשט שכל צו ווישין אלצדינג אונ אלץ דער קענען אזו וויא מען דארף · אזו אויך אז דיא ישראל זיינען ארויש גגאנגען פון מצרים האבין זייא ניט גיוואושט פון ידיעת הקב"ה ביז ער האט זייא גימאכט פאר זוכין פון דעם מן וואס ער איז מן השמים · אזו וואול וויא איין קינד קען ניט האבין קיין שכל צוא ווישין וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט ביז ער פאר זוכט דאס ברויט פון דער וועלט אזו

אויך

אויך דיא ישראל האבין ניט גיקענט [illegible] זיין אונ פאר שטיין ייענע וועלט ביז זייא האבין פריער גימוזט עשין דעם מן מן השמים האבין זייא ערשט גיוואושט אונ דער קענט אלע סודות וואס עס איז פאר האנדין אויף ייענער וועלט · ווייטער קאן מען ניט שרייבין אונ דאש איז אויך גישריבין גיוואהרין קצת בדרך נגלה :

ויאמר ה' אל משה עבור לפני העם רבי חייא זאגט עס שטייט חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם וואול צו די צדיקים וואס הקב"ה בגערט זייער כבוד מיין אז זיין כבוד-קום אונ זעה עס זיינען כמה מענטשין וואש האבין מחרף ומגדף גיוועזן אנטקעגין הקב"ה אזו וויא סנחרב האט גזאגט מי בכל אלהי הארצות אונ הקב"ה האט אים פארט ניט גשטראפט ביז ער האט פושט יד גוועזן אין יחזקיהו המלך שטייט ערשט ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור אונ ווידער ירבעם האט גדינט עבודת כוכבים ער האט מקטיר ומזבח גוועזן צוא איר האט אים אלץ הקב"ה ניט גשטראפט · אונ אז עידו הנביא איז צוא אים גיקומען נביאות זאגין האט ירבעם אנטקעגין אים אויס גישטרעקט זיין האנט עס שטייט ותיבש ידו ולא יכול להשיבה אליו זיין האנט איז אים פאר דארט גוואורן ער האט זיא ניט גקאנט ברייגין צוא זיך · אזו אויך פרעה האט מחרף ומגדף גוועזן אונ האט גזאגט מי ה' אשר אשמע בקולו האט אים הקב"ה גישוויגין ביז ער האט ניט גוואלט ארויש שיקין די ישראל פון מצרים שטייט שוין עודך מסתולל בעמי וגו' הנה יד ה' הויה במקנך וגו' אזו אויך אין אלע ערטער גיפינען מיר אז הקב"ה איז מער מקפיד אויף כבוד הצדיקים וויא אויף זיין כבוד · משה רבינו האט גזאגט עוד מעט וסקלוני נאך אביסיל וועלין מיך די ישראל פר שטיינען ענטפערט אים הקב"ה עס איז אצונד ניט דיא צייט איך זאל מאגען דיין בזיון גאר עבור לפני העם גייא זיך דורך פאר דעם פאלק וועלין מיר זעהן ווער עס וועט אנטקעגין דיר זיך שטעלין ער זאל דיר עפעס שלעכץ טאן שטייסט דוא דען אין זייער רשות דוא שטייסט דאך אין מיין רשות ומטך אשר הכית בו את היאור קח בידך והלכת ווארום האט ער גהיישין נעמען דעם שטעקין נאר ווייל ער איז גוועזן גוואונטליך מיט נסים אונ דער שם הקודש איז אויף אים גשטאנען · ווייטער זיינען סודות :

ויבא עמלק זאגט רבי שמעון עש איז ניט פאר גאנגין איין ווארט אין דער תורה עש זאל ניט זיין אין דעם רזין וסודות עליונים של חכמה וואש זייא זיינען מקושר אין שם הקודש הקב"ה כביכול זאגט ווען דיא ישראל זיינען חלילה ניט פרום דא ווערט גישטארקט דער כח פון דעם דין הקשה קום אונ זעה בשעת די ישראל האבין גיזינדיגט וואש שטייט תיכף ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים דאש מיינט מען זייא האבין שלאף גימאכט זייערע הענט פון דער תורה אונ פון דער קדושה כביכול ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק פאר וואש האט משה גיהייסין יהושע זאל מלחמה האלטין מיט עמלק אונ ניט ער אליין נאר משה וואול זיין חלק האט פאר שטאנען אונ האט גיוואושט דעם עיקר טעם פון דער זאך דרום זאגט משה איך וועל מיך אן בריטין צוא דער מלחמה פון אויבין האלטין מלחמה מיט זיין שטארקין כח וואש הייסט ס"מ הרשע אונ דוא יהושע בריט זיך אן צוא דער מלחמה מיט עמלק אויף דער וועלט דרום שטייט והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל האט זיך גישטארקט דער כח של ישראל אויבין דרום האט משה ניט גיוואלט אליין מלחמה האלטין מיט עמלק כדי ער זאל זיין גרייט צוא דער מלחמה של מעלה וועלין זייא שוין מנצח זיין למטה · רבי שמעון זאגט דיא מלחמה איז גיוועזן למעלה ולמטה אנטקעגין הקב"ה דאס דר מדת הדין האט זייער מקטרג גיוועזן אנטקעגין דעם מדת הרחמים ווייל דיא ישראל זיינען ניט פרום גיוועזן אונ עמלק האט גינומען מענטשין אונ האט זייא אפ גישניטין דיא ערלות אונ האט גיווארפין אנטקעגין הימל ער האט גיזאגט נעם דיר וואס דוא האשט בגערט · רבי שמעון זאגט דוא זאלשט דיר ניט האלטין פאר גרינג דיא מלחמה פון עמלק דען זינט דיא וועלט איז בשאפין גוואהרין ביז דעם זעלביגין טאג פון גוג ומגוג וועט ניט גיפונען ווערין אזו איין מלחמה אונ ניט מחמת זיינע גרוישע חיילות וגבורות וואס זיינען זייער שטארק אונ פיל גוועזן נאר ווייל זיא איז גוועזן פון אלע זייטין אנטקעגין הקב"ה :

ויאמר משה אל יהושע פאר וואש האט משה אויש דער ווילט צו יהושע זאל גיין מלחמה האלטין ניט קיין אנדרין ער איז דאך דעמאלט גיוועזן נאך גאר יונג עש איז דאך גיוועזן שטארקע יונגע לייט פון אים ווארום האט זייא משה ניט גישיקט נאר משה האט דאש אלץ מיט חכמה פאר שטאנען אונ האט גיזעהן וויא עמלק קומט אנטקעגין ישראל אונטין אזו דער וועקט זיך אויבין זיין שר ס"מ הרשע ער זאל אים העלפין זאגט משה צוא דער מלחמה דארף מען האבין יהושע ווייל ער הייסט נער ער איז למעלה אין דער מדריגה וואש ער האט גיזאגט נער הייתי אז יהושע איז ארויס גיגאנגען אנטקעגין עמלק למטה איז ארויס גיגאנגען זיין כח למעלה אנטקעגין דעם ס"מ אונ חאטשע זיין כח איז גיוועזן אים למעלה האט ער אים פארט ניט גיקאנט בייא קומען אן דעם כח פון משה רבינו דרום זאגט משה בחר לנו אנשים צדיקים בני צדיקים וואס זייא זיינען ראוי צוא גיין מיט דיר וידי משה כבדים איז טייטש לשון כבוד אונ הייליג זייא האבין זיך ניט מטמא גיוועזן כל ימי חייו זיינען זייא ווערט דעם כבוד צוא האלטין מלחמה של מעלה ויקחו אבן וישימו תחתיו ער זאל זיך מצער זיין מיט דיא ישראל אין אייגעם והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל דאס ער האט גישטארקט דיא רעכטע האנט מיינט מען דעם מדת החסד אויף דער לינקער האנט מיינט מען דעם מדת הדין אונ האט זיך מכוין גיוועזן מיט דעם פאר שפרייטונג פון דיא הענט אז דיא ישראל זאלין גובר זיין למעלה וכאשר יניח ידו אין דער צייט ווען דיא ישראל שווייגין שטיל פון תפלה טאן האט משה ניט גיקאנט אויף ריכטין זיינע הענט למעלה וגבר עמלק פון דאנען לערנען מיר אפ אפילו ווען דיא כהנים שטייען אויף דעם דוכן צוא שפרייט דיא הענט בייא דיא קרבנות מתקן זיין אונ ברייגין ברכות אויף דיא ישראל קענען זייא גאר ניט פועל זיין מיט זייערע מעשים ביז דיא ישראל זיינען אויך מתפלל מיט זייא אין זייער תפלה ויהי ידיו אמונה עש גיהער צוא שטיין ויהיו אונ זייא זיינען גיוועזן איין לשון רבים ווייל עש שטייט ידיו ביידע הענט וואש עש שטייט ויהי איין לשון יחיד אלא עש הייסט אלץ אן אין דער רעכטער האנט דער ימין איז עיקר פון אלע אזו וויא עש שטייט ימינך ה' נאדרי בכח ימינך ה' תרעץ אויב . כי מחה אמחה מחה איך וועל אפ מעקין למעלה אמחה איך וועל אפ מעקין למטה זכר זיין זכרון למעלה ולמטה רבי יצחק זאגט עש שטייט מחה אמחה איז טייטש איך וועל אפ מעקין אונ עש שטייט מחה תמחה דוא זאלשט אפ מעקין אלא הקב"ה האט גיזאגט איר זאלט אויש מעקין זיין נאמען למטה אונ איך וועל אים אויש מעקין למעלה רבי יוסי זאגט עמלק האט מיט

זיך גיבראכט אנדערע אומות מלחמה צוא האלטין מיט דיא ישראל האבין זיך יענע זייער גיפארכטין צוא גיגעהענן צוא דיא ישראל נאר ער האט גיגעהנט מלחמה האלטין דרום ויחלש יהושע יהושע האט צוא בראכין זייער כח למעלה מלחמה לה' בעמלק מדור דור זאגט רבי יהודה עש איז ניט דא אין קיין שום דור אויף דער וועלט וואש עש זאל ניט זיין פון דיא זרע רשעים של עמלקים אונ הקב"ה האלט מיט זייא מלחמה רבי יצחק זאגט מדור דור איז טייטש לשון דירה פון דעם וואנונג של מטה צו דעם וואונונג של מעלה אויף זייא שטייט יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם דאס מיינט מען בעולם הזה ובעולם הבא אויף דעם זאגט ער ברכי נפשי את ה' הללויה:

## להפטורה דיומא

בפרשת לך לך שטייט וויא רבי אבא מיט נאך פיל תלמידי חכמים זיינען גוועזן אין איינעם אויף איין ברית מילה האט איטליכער גזאגט דברי תורה אונ רבי אבא הייבט אן עס שטייט אין (שופטים ה') בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה' וואס האבן דבורה וברק גזעהען וואס זייא האבן אן גהויבין זייער שירה מיט דעם פסוק אלא מיר האבן גלערינט דיא וועלט האט קיין קיום ניט נייערט אויף דעם ברית אזו וויא עס שטייט אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי דען שמים וארץ האבן נאר איין קיום דורך דעם ברית דרום אז כל זמן דיא ישראל זיינען מקיים דעם ברית האבן זייא איין קיום אונ עס קען קיין שום אומה אין זייא ניט שולט זיין אונ אז ניט האבן זייא קיין קיום ניט אונ דיא ישראל האבן אין דיא טעג פון סיסרא מבטל גוועזן דאס זייא האבן ניט מקיים גוועזן מצות פריעה דרום שטייט וישכחו ישראל את ה' וימכור אותם ביד סיסרא ביז דבורה איז גקומען אונ האט מתנדב גוועזן כל ישראל צוא מקיים זיין דיא מצות פריעה דען זיינען אלע שונאים אונטער טעניג גווארין צוא זייא אונ דרום האט הקב"ה גזאגט צוא יהושע ושוב מול את בני ישראל שנית וויא אזו ווילשטו די ישראל ברייננגען קיין ארץ ישראל אז זייא זיינען פאר שטאפט אונ האבן ניט קיין מצות פריעה אונ כל זמן זייא האבן ניט מקיים גוועזן דיא מצות פריעה האבן זייא ניט גקאנט ארין קיין ארץ ישראל אזו דא אויך אז זייא האבן זיך מתנדב גוועזן דערה צוא דורך דבורה דרום זאגט דבורה בפרוע פרעות בישראל דען זיינען דיא שונאים אונטער טעניג גווארין ווייל זייא האבן מקיים גוועזן פריעה הייבט אן דער אנדערער אונ זאגט עס שטייט ויהי בדרך במלון ויפגשהו ה' ויבקש המיתו ער האט גוואלט ממית זיין צוא משה זאגט הקב"ה דוא ווילשט גיין קיין מצרים אויש לייזין דיא ישראל אונ ווילשט מכניע זיין אזו איין מלך גדול אונ דוא האשט דיין זון ניט מל גוועזן תאנא מיר האבן גלערינט עס איז אראפ גקומען גבריאל מיט אפלאס פייער צוא פאר ברענען אים אונ האט אים גיוויזין איין נחש שרף אים איין צוא שלינגען אונ צוא פאר דארבין אים פאר וואש איז גוועזן איין נחש אלא הקב"ה זאגט דוא ווילשט ממית זיין דעם נחש הגדול ותקיף אונ האשט דיין קינד ניט מל גיוועזן ביז צפורה האט עש פאר שטאנען ברוח הקודש אונ האט גנומען איין שארף שטיינדיל אונ האט אים מל גיוועזן אזו וויא עש שטייט ותקח צפורה צור ותכרת את ערלת בנה הייבט אן דער אנדערער אונ זאגט עש שטייט ויאמר יוסף אל אחיו גשו נא אלי ויגשו נאך וואש האט ער זייא גירופין צוא זיך אמער זייא זיינען דאך נאענט גיוועזן בייא אים אלא בשעת ער האט גיזאגט אני יוסף אחיכם האבן זייא זיך פאר וואונדרט אונ דער שראקין דען זייא האבין גיזעהן אז ער איז איין מלכות זאגט ער צוא זייא דאש וואס איך האב זוכה גוועזן צוא מלכות ווייל איך האב גיהיט דעם ברית דרום זאגט ער גשו נא אלי ויגשו דען ווער עס היט אפ דעם ברית אונ איז אים ניט מטמא ארין צוא ברייננגען ברשות אחר איז ער זוכה למלכות אונ דאס לערין איך אפ פון בועז עס שטייט חי ה' שכבי עד הבוקר דער יצר הרע האט אים גוואלט אן ריידין צוא רות האט ער גשווארין חי ה' אז ער וועט אים ניט פאלגן דרום האט ער זוכה גוועזן אז פון אים זיינען ארויש גקומען מלכים ומושלים איבר אלע מלכים אונ פון אים וועט זיין מלך המשיח וואס ער ווערט גרופין בשם הקב"ה אונ דער וואס איז פוגם דעם ברית איז משקר אין מלכות הקודש מן השמים נלחמו הכוכבים ממסילותם נלחמו עם סיסרא וגו' מיר האבן גלערינט באותו שעה אז דיא ישראל האבן זיך מדבק גוועזן צוא אנפלעקן דעם רושם הקודש מילה ופריעה אין זייער לייב דען האט דיא וואס הייסט חרב נוקמת נקם ברית איין גזאמילט אלע חיילות אונ אלע וואפונג אונ אלע כלי זיין צוא מלחמה האלטין מיט סיסרא אונ די שטערין האבן ומן השמים גגעבין פייער אויף סיסרא מיט זיין חיל אונ איטליכר שטערין האט איין באזונדר נאמן אונ ווערט דער מיט גרופין זאגט הקב"ה צוא זייא ברייט אייך אן צו נוקם זיין איין נקמה פון וועגין מיינע קינדר צווייא נקמות בין איך אן גברייט צו טאן אין זייא איינס פון דיא זעקס הונדערט רכב בחור וואס פרעה האט גצויגין דיא הארין פון מצרים אויף דיא ישראל צוא נאך יאגן זייא אונ מלחמה האלטין מיט זייא אונ איין נקמה וואס זייא האבן אצונד צרות אן גטאן צוא מיינע קינדר דרום זיינען זייא גימשפט גווארין מיט צווייא דינגים איינש מיט וואסער אונ דאס אנדרע מיט פייער מיט וואסער אזו וויא עס שטייט נחל קישון גרפם אונ מיט פייער אזו וויא עס שטייט מן השמים נלחמו הכוכבים אונ צווישין דיא שטערין איז גוועזן איין שטערין וואס איז ניט גקומען צוא דער נקמה איז ער פאר פלוכט גווארין אויף אייביג ווען ער הייבט אן צוא לייכטן קומען דיא אנדרע שטערין אונ שלינגן אים איין אונ אלע זיינע חברותא ווערין מיט אמאל פאר לארין אזו וויא דער פסוק זאגט אורו מרוז אמר מלאך ה' איז דען רשות צוא איין מלאך צוא פלוכין אלא דאס איז גוועזן דער מלאך וואס ער שטייט בייא דיא ישראל ויסע מלאך האלהים ההולך לפני מחנה ישראל וגו' וואס אלע כלי מלחמה זיינען אין זיין האנט דרום שטייט כי לא באו לעזרת ה' דיא ישראל זיינען ארויס גיגאנגען פון מצרים לעזרת ה' בגבורים אונ בייא די שטייט גבורים זיי האבן מלחמה גהאלטין מיט סיסרא דאס איז דער מלאך ה' וואס ער הייסט המלאך הגואל וגו':

# פרשת יתרו

וישמע יתרו כהן מדין חותן משה רבי חזקיה הייבט אן עס שטייט וישא אהרן את ידו עס שטייט ידו אן איין יו"ד דאש איז טייטש איין האנט דאס מיינט מען מען גהער אויף צו הויבין דעם ימין אויף דעם שמאל· מיר האבן גפונען אין ספר פון שלמה המלך איין זאך דאס איטלעכער וואס הויבט אויף זיינע הענט ארויף אום זיסט ניט בשעת דאוונען דער מענטש איז פאר פלוכט פון אויבין· דען דרויף זיינען גזעצט צעהן ממונים ווען דער מענטש הייבט אויף דיא הענט בשעת דאוונען אדער בשעת ברכה· זאלין זייא צוא נעמען דיא דאזיגע תפלה אדר ברכה אונ גיבין איין כח אז דער שם הקודש זאל גווערדיגט ווערין

אונ ווערט געבענטשט פון אונטין אונ פון אלע זייטין אונ זייא ווערין דרויף געזעצט צוא נעמען דיא ברכות למעלה אונ צוא בענטשן דעם דאזיגן מענטשן וואס האט געבענטש אזו וויא עס שטייט ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם דרום זאל דער מענטש זיך אפ היטין ער זאל אויף הויבין דיא הענט נאר בשעת תפלה וברכה ובקשה אונ ניט אום זיסט · דען דיא דאזיגע ממונים זייגען אן גברייט אונ דער וועקין זיך צוא דעם וואס הויבט דיא הענט אויף אום זיסט זאלין אים שילטין מיט רמ"ח קללות אונ דרויף שטייט ויאהב קללה ותבואהו דא איז שורה דער רוח הטומאה אויף דיא הענט וויא דער סדר פון אים איז צוא זוכין זיך איין ארט וואס איז ליידיג אבער קיין ברכה רוט ניט אויף איין ליידיג ארט דרום שטייט הרמותי ידי אל ה' אל עליון מאכט דער תרגום בצלו הייסט מיט תפלה ווארום אום זיסט וואלט ער ניט אויף גהויבין דיא הענט אונ אין דעם אויף הויבונג איז דא גרויסע סודות אונ בשעת זייא זייגען פאר שפרייט אונ אויף גיריכט ארויף ערלייכט דר מענטש צוא הקב"ה בכמה סודות עליונים אזו וויא עס שטייט בפרשת בראשית ער זאגט עס שטייט ולא יראו פני ריקם דאס ווייזט מען זאל ניט אויף הויבין די הענט אום זיסט נאר בתפלה ברכות ובקשות צו דער וועקין אירע כוחות למעלה דאס דרויף ווייזין דיא פינגער דען ווערט דער צד הטומאה אונטער טעניג אונ לויבין צוא הקב"ה קום אונ זעה אזו וויא עס איז אין דער קדושה איין מלך אונ איין כהן אזו איז אויך גוועזן בצד הטומאה איין מלך זקן וכסיל אונ אונטער אים איין כהן און אזו וויא עס שטייט ויאמר אפרים אך עשרתי מצאתי און לי אונ אז דער מלך וכהן פון דיא קליפות זייגען אונטער טעניג אונ צוא בראכן גווארן אונ לויבין צוא הקב"ה דען איז הקב"ה איין שליט ומושל אליין למעלה אזו וויא עס שטייט ונשגב ה' ביום ההוא לבדו אונ אזו וויא אויבין אזו איז אונטין פרעה איז גוועזן איין מלך אונ האט גזאגט צום ערשטן לא ידעתי את ה' דער נאך האט ער מודה גוועזן אונ האט גזאגט ה' הצדיק אונ איז צוא בראכין גווארין אויך יתרו דער כהן און האט אויך גלויבט צוא הקב"ה דען ווערט הקב"ה דער הויבין מיט זיין ווערדיקייט איבר אלע למעלה ולמטה אונ אייהער זייא האבן מודה גוועזן האט מען ניט געקאנט געבן דיא תורה נאר אז יתרו איז גקומען אונ האט גזאגט עתה ידעתי כי גדול ה' מכל אלהים ברוך ה' וגו' איז דער הויבין גווארין דער כבוד פון הקב"ה דער נאך האט הקב"ה גיגעבין דיא תורה אונ זיין גאנצע ממשלה איז גווארין איבער אלע דרום שטייט יודוך עמים אלהים יודוך עמים כולם אונ זאגט גרוישע סודות איז גיקומען רבי אלעזר אונ קושט אים זיינע הענט אונ זאגט וואול אונזער חלק וואס מיר האבן געהערט דיא סודות דאס ליכט פון דער תורה גייט ארויף עד רום רקיע וכסא הכבוד ווער וועט נאך דיר דער לייכטן דאש ליכט פון דער תורה ווייא איז דען נאך דיר וועט דער עולם זיין וויא איין יתום אבר דייגע רייד וועלין לייכטן אויף דר וועלט ביז משיח וועט קומען דעמאלט שטייט ומלאה הארץ דעה וגו' :

וישמע יתרו האט דען נאר יתרו אליין געהערט אונ ניט דיא גאנצע וועלט עס שטייט דאך שמעו עמים ירגזון נאר אלע אומות האבין גהערט אונ זייגען ניט צוא בראכן גווארן אבער יתרו איז צוא בראכן אונ אונטער טעניג גווארין פאר הקב"ה צוא זיין עבודה זאגט רבי אבא אויף דיא ערטער האבין מיר גלערינט אלץ וואס הקב"ה טוט למעלה ולמטה איז אמת עס איז ניט פאר האנדין איין זאך דער מענטש זאל דאס פון זיך מדחה זיין אונ דריגען נוהג זיין בזיון. ווארום עש איז אלץ אמת אונ דיא וועלט דארף דאש האבן דען אמאל איז רבי אלעזר גגאנגען אין וועג אונ רבי חזקיה איז אויך מיט אים גוועזן האבן זייא גזעהען איין שלאנג שטייט אויף רבי חזקיה צוא דער שלאגן אים זאגט רבי אלעזר לאז ער שטיין זייא אים ניט ממית זאגט רבי חזקיה עס איז דאך איין שלעכטע זאך וואס עס איז מזיק מענטשין זאגט רבי אלעזר עס שטייט דאך אם ישוך הנחש בלא לחש דער שלאנג בייסט ניט קיין מענטש ביז מען הייסט אים מן השמים אונ מען גיט איר רשות זיא זאל ממית זיין דעם מענטשין אין איין מאל קען זיך טרעפן אז זיא ווערט איין שליח יענעם מציל זיין פון אנדערע זאכין אונ הקב"ה טוט דורך איר נסים צוא מענטשין אונ אלץ איז כבוד פון הקב"ה ומעשה ידיו אונ דיא וועלט דארף דאש האבין ווארום דען ניט וואלט דאס הקב"ה ניט בשאפין דרום גיהער דער מענטש ניט נוהג זיין קיין בזיון אין דעם ער זאגט ווייטער עס שטייט וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד טוב דאס איז דער מלאך החיים מאוד איז דער מלאך המות דרום שטייט וירא אלהים הקב"ה דער לייכט אלע אורות למעלה ולמטה אונ אין אלע באשעפעניש קום אונ זעה יתרו האט איין עצה געגעבין צוא משה אויף דינים אונ משפטים דען עש האט אזו גמוזט זיין דאס ער האט מסדר גוועזן דיא תיקוני דינים פאר משה צוא ווייזין כי המשפט לאלהים הוא אונ ניט צוא דער צד הטומאה חלילה אונ דינים זייגען נאר גוועזן צוא דיא ישראל אזו וויא עס שטייט חקיו ומשפטיו לישראל דרום זאל א מענטש ניט נוהג זיין בזיון אין דעם אנדערין ווען אפילו ער איז איין חשוב אונ יענער איז איין שפל דאך זייגען זייגע רייד עפעס גאכט אזו וואול וויא משה האט פאר נומען דיא רייד פון יתרו דרום שרייבט דיא תורה אן וישמע משה לקול חותנו צוא לערנען אונז דרך ארץ :

וישמע יתרו כהן מדין ער הייבט אן צוא זאגין עס שטייט על כן אודך בגוים ה' ולשמך אזמרה דוד המלך האט דאש גזאגט ברוח הקודש בשעת ער האט גזעהען אז דער עיקר איז דאס הקב"ה ווערט אויף גיריכט במעלה העליונה בכבוד למעלה ולמטה דעסט גלייכן איז גפאלין דער פחד ומורא אויף דעם גאנצין עולם אלע אומות האבן גציטערט פאר הקב"ה אונ אז יתרו וואס ער איז גיוועזן דער גרעשטער מכשף איבער אלע כומרים פון זייער עבודת כוכבים איז גיקומען צוא משה איז גישטארקט גיווארין דיא ממשלה אונ דער כבוד פון הקב"ה איבער אלע דען אז אלע האבין גיהערט אונ גיזעהן אז יתרו וואס ער איז דער גרעסטער חכם אונ איין ממונה איבער אלע עבודת כוכבים אונ איז פארט גיקומען דינן צוא הקב"ה אונ זאגט עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלהים דען האבן אלע זיך מרחיק גוועזן פון זייערע עבודת כוכבים אונ האבן מודה גוועזן אז עס איז אין זייא קיין ממש ניט דען איז גיהערט גווארן דער כבוד פון הקב"ה אין אלע זייטין דרום איז דיא פרשה אן גצייכנט גווארן אין דער תורה אונ דיא התחלה פון דער פרשה הייבט זיך אן מיט וישמע יתרו דען יתרו איז גיוועזן אייגער פון דיא יועצי פרעה דען פרעה האט גיהאט דרייא יועצים בלעם איוב יתרו דען יתרו האט גיוואושט אלע עבודות פון אלע עבודת כוכבים אונ אלע ממונים וואס מען זאל צוא אים דינען אונ משמש זיין פאר אים בלעם איז גיוועזן איין חכם אין אלע כשפים עס איז פאר האנדין כשפים וואש מען מוז זייא טאן מיט מעשה אונ אזעלכע וואס מען טוט מיט דיבור איוב האט זיך גיפארכטין ביראה אונ מיט יראה איז דער עיקר קונה

צוא

צוא זיין צוא זיך הן בקדושה והן בטומאה קען דער מענטש אויף זיך ניט ציהען דעם רוח של מעלה אונ מקרב זיין זיך דער צו בייערט מיט יראה אונ מוז זיך מכוין זיין דאס הארץ אונ זיין רצון מיט יראה אונ שברון לב דען איז ער אויף זיך מושך מלמעלה דעם רוח של מעלה אונ דעם רצון [illegible]אס ער באדארף אונ ווען ער טוט ניט זיין רצון מיט יראה צוא דער זעלביגער זאך קען ער זיין ווילין ניט טאן צו באהעפטן זיך אין דער זאך סייא אין דער קדושה אונ סייא אין דער טומאה ומכל שכן דיא דברים עליונים באדארפין בוודאי האבין יראה אונ אמה אונ רצון יתרו האט באדארפט האבין יראה צוא זיין עבודה צוא דיא קליפות דען עס סייא ווען מען באדארף צו זייא אונ ווען מען באדארף אפילו ניט האבין צוא זייא באדארף מען אלץ האבין דיא יראה כדי ווען דער מענטש וועט באדארפין צוא זייא זאל ער באהעפט זיין אין זייא בלעם אין זיינע כשפים אזו וויא מיר האבין גיזאגט איוב מחמת גרויש מורא וואס ער האט גיהאט האט ער זיך גפארכטן פאר הקב"ה וייל ער האט גזעהען דיא ניסים וגבורות וואס הקב"ה האט גיטאן אין מצרים אזו האט ער באלד חוזר גיוועזן צוא הקב"ה אונ יתרו האט נאך אלץ ניט חוזר גיוועזן ביז דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים אונ אלע קשרים אונ אלע כשפים וואס דיא מצרים האבין גיטאן אז דיא ישראל זאלין ניט קענען ארויש גיין האט אלץ ניט גהאלפן אונ זיינען פארט ארויש גיגאנגען אונ דער נאך האט ער דיא מצרים נאך דער טרונקען אין ים דערנמאלט האט ער ערשט חוזר גיוועזן צוא עבודת השי"ת אבער בלעם הרשע האט ניט חוזר גוועזן אונ ער האט זיך באהעפטאין טומאה אונ אין שלעכץ פון אלע קליפות אונ חאטשע אזו האט ער דאך גיזעהען אז זיין נבואה פון די קליפות היינגט אן אין דרינגען איין קליינער אור וואס זייער חיות היינגט דרינגען אונ דורך דעם האט ער גיזעהען זיין נבואה אזו וויא איינער וואס שטייט הינטער דער וואנט אונ זעהט פון ווייטין ער האט גיזאגט אונ האט ניט גיוואושט וואס ער זאגט דארטין האט ער גיזעהען זיין נבואה מיט פאר מאכטע אויגין דרום שטייט ביא אים שתום העין וואל דעם חלק פון משה דאס ער האט דיא מעלה גיהאט איבער אלע נביאים אין דר קדושה עליונה אונ האט גיזעהן וואס איז צו קיין שום נביא קיין רשות ניט גיוועזן צוא זעהען:

ואת שני בניה זאגט רבי חייא פאר וואש שטייט בניה אירע קינדער אונ ניט בניו זיינע קינדער אלא וייל זיא האט זיך מיט זייא מתעסק גיוועזן וייל משה איז ניט גיוועזן אין דער היים דרום רופט זייא דער פסוק אן בניה זאגט רבי שמעון דאש וואש שטייט ויבא יתרו ובניו איז ניט טייטש דיא קינדער פון משה נייערט פון יתרו דען ער מיט זיינע קינדער זיינען זיך גיקומן מגייר צו זיין דען איידער משה איז צוא אים גיקומען האט ער קיין זון ניט גיהאט אונ דרום האבין דיינע טעכטער גיפאסעט זיינע שאף אונ אז משה איז גיקומן צו אים האט ער שוין גיהאט זכרים אונ אזו אויך יעקב אז ער איז גיקומען צוא לבן האט ער אין זיין זכות גיהאט בנים זכרים דרום שטייט ויבא יתרו חותן [illegible] ובניו מיט זיין גאנצין הויז גיזינד מגייר צוא זיין אונ צוא קומען תחת כנפי השכינה אונ דיא קינדער פון יתרו האבין זיך אויך מגייר גיוועזן דרום שטייט ובני קני חותן משה עלו מעיר התמרים דאש מיינט מען דיא שטאט יריחו:

פתח ער הייבט אן עש שטייט והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ה' וגו' דער פסוק איז שוין גידרשית גיווארן אין פיל ערטער דען אברהם האט גירופין דיא קדושה הר ה' אזו וויא עס שטייט בהר ה' אזו וויא איין בארג איז הפקר צוא איטליכין אזו איז דיא קדושה הפקר צוא איטליכין אונ זיא איז פרייא צו באהעפטין זיך אין איר אונ זיא מקבל זיין אל בית אלהי יעקב יעקב האט דיא קדושה גירופין בית ער האט גיזאגט אין זה כי אם בית אלהים זיא הייסט הר אונ בית דאס איז אלץ אייניש דען מען גייט אויף פון דעם בארג אין הויז אריין נאר דאס איז צוא ווייזין זיא הייסט הר נאר צוא אלע היידין וואס זיינען גיקומן זיך מדבק זיין תחת כנפי השכינה אבער צוא דיא ישראל הייסט זיא בית אזו וויא איין הויז וואנט מען אזו אויך הייסט דיא שכינה בית צו דיא ישראל זיא איז צוא דיא ישראל אזו וויא איין אשה מיט איר מאן אין איין חדר מיט חדוה ושמחה אונ הויערט אויף זיי וויא איין מוטער אויף אירע קינדער קום אונ זעה דא שטייט ויבא יתרו חותן משה ובניו ואשתו ווען עס שטייט שוין אז ער איז גיקומען צוא משה וואס באדארף נאך שטיין אל המדבר מיר ווייסין דאך אליין וואול אז משה איז גיוועזן אין דער מדבר אלא צו ווייזין וואו אהין זייא זיינען גיקומען צו באהעפטין זיך אל המדבר הר האלהים דאס איז דיא מדריגה פון דיא גרים וואס זיינען גיקומען תחת כנפי השכינה דאס איז בדמות הר צוא זייא דרום זאגט ער אל משה ער זאל זייא מגייר זיין אונ צוא ברייגגען זייא תחת כנפי השכינה זייא זיינען גיקומן אל המדבר דאס איז ה"ר האלהים דאס הייסט צו זייא נאר הר ווער עס איז גיקומען דארטין איז ער גיוועזן איין גר צדק ער האט דרום גיהייסין גר וויל ער האט פאר לאזט זיין פאלק אונ זיינע אבות אונ איז גיקומען צוא אפרעמד ארט וואס ער האט ניט גיוואוסט פון זיין לעב טאג אן דרום הייסט ער גר:

רבי יצחק אונ רבי יוסי זיינען גיזעסין איין טאג אונ האבין עוסק גיוועזן אין דער תורה אין דער שטאט טבריה דער וייל איז רבי שמעון בן יוחאי גיקומען צוא זייא פרעגט ער זייא אין וואש זייט איר עוסק זאגין זייא אין דעם פסוק וואש מיר האבין פון דעם [illegible] גילערינט פרעגט ער זייא וועלכער זאגין זייא דעם פסוק זה ספר תולדות אדם וגו' [illegible] האט גיוויזין צוא אדם הראשון אלע דורות וואס זיינען אן גיבריים צוא קומען אויף דער וועלט אונ אלע חכמים אונ פרנסים וואש זיינען אן גיבריית צו איטליכין דור ווייטער זיינען סודות וואש איז מרומז אין דעם פסוק זה ספר וגו' דאס איז צוא ווישין אין דער צורה פון איטליכין מענטשין גרוישע חכמות וואש ווערין גיזעהען אין זיבין ערטער פון דעם מענטשין אין דיא האר אונ אין דעם שטערין אין דיא אויגין אונ אין פנים אונ אין דיא לעפצין אונ אין דיא אויערין אין דיא קריצין פון זיינע הענט אונ דיא זיבין ערטער ווערט ביא דעם מענטשין דער קענט אלע זאכין אונ דאש האט יתרו גיזאגט צוא משה דאס ער זאל פאר שטיין דיא חכמה ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל יראי אלהים אנשי אמת שונאי בצע דרום זאגט ער ואתה תחזה איז טייטש דו זאלשט זעהען אונ זאגט ניט ואתה תבחר דו זאלשט אויש קלייבין אלא נאך זיין פאר שטאנד נאך צוא זעהען אין דיא לייט אלע זייערע מדות דאס איז צוא פאר שטיין ואתה תחזה צוא דער קענען אין דיא האר פון דעם מענטשין מכל העם אין דעם שטערין אנשי חיל אין פנים יראי אלהים אין דיא אויגין אנשי אמת אין דיא לעפצין שונאי בצע אין דיא צייכין וואס זיינען פאר האנדין אין דיא הענט שטריכלעך אין דיא אלע ריין מען דר קענען אלע מעשים [illegible] מדות פון דעם מענטשין איב

עס איז אויך אים שורה דער רוח חכמה אבער משה האט ניט גידארפט דער קענען אין דיא חכמות נייערט עס שטייט ויבחר משה אנשי חיל מכל ישראל ווייל דער רוח הקודש איז ביי אים גיוועזן דרום האט ער גיוואוסט אין איין אויגין בליק דרום האט ער גיזאגט כי יהיה להם דבר בא אלי עס וואלט גידארפט צוא שטיין באו אלי לשון רבים זייא קומען צוא מיר נאך וואס שטייט בא אלי לשון יחיד ער קומט צוא מיר נאר דאס גייט אויף דעם רוח הקודש אז מענטשין קומען צוא מיר זיך לאדין קומט תיכף דער רוח הקודש צוא מיר דורך דעם האט ער אלץ גיוואוסט אונ האט ניט גידארפט קענען חכמת היד וחכמת הפרצוף וואס יתרו האט אים בארואטין ווארום ער האט אליין גיוואוסט תיכף וויא ער האט נאר דער זעהען מיט זיינע אויגין דעסט גלייכין שלמה המלך מיט זיין שטול חאטשע דר רוח הקודש האט אויף אים ניט גירוט אזו וויא משה רבינו פון דעסט וועגין ווען ער האט גינעהענט צוא דער שטול איז אויף אים גיפאלין איין אימה אונ איין ציטערנעס אונ דער מיט האט ער גימשפט אן עדות דען דיא שטול איז גיוועזן פון פיל ארלייא גישטאלטין אונ ווער עס איז גיקומען פאר דער שטול מיט שקר האט דאס גישטאלט גישטורמעט האט שלמה גיוואוסט אז ער קומט מיט שקר ווארום דיא אימה פון דער שטול איז גיפאלין אויף אלע מענטשין אין דעם האט שלמה גיוואוסט ווער עס איז גירעכט · אזו אויך דער מלך המשיח מיט דעם ריח וועט ער אלץ דער שמעקין אזו וויא עס שטייט והריחו ביראת ה׳ למראה עיניו ישפוט דיא האבין גימשפט דיא וועלט אן עדות אונ אן התראה אבער אנדערע לייט מוזין דן זיין דורך עדות בדין תורה דיא חכמים וואס ווערין דער קענט אין דעם גישטאלט וואס אויבין שטייט פון חכמת הפרצוף והידים צו געבין רפואה צו דיא לייט היילין זייערע נפשות וואל איז זייא בעולם הזה ובעולם הבא ווייטער זיינען רזין דרזין סודות ונפלאות פון דער חכמת היד והפרצוף צוא ווישין אלץ וואס מען קאן עס ניט שטעלין אויף טייטש והמשכילים יבינו :

[illegible]דש השלישי לצאת בני ישראל וגו׳ די תורה איז גיגעבין גיווארן אין חודש סיון וואס ער איז מזל תאומים הייסט [illegible] מען פה ולשון צוא לערנען דיא תורה יומם ולילה אונ דיא [illegible] איך תאומים תורה שבכתב ותורה שבעל פה אויך איז דיא תורה נכלל פון דרייא · תורה · נביאים · וכתובים · אונ איז גיגעבין גיווארין צו איין פאלק וואס עס איז גידריט · כהנים · לוים · וישראלים · אונ אין דריטין חודש אויף דעם איז אלץ איין טעם · זאגט רבי חייא דיא צייט וואס דיא ישראל זיינען גיקומען צו דעם בארג סיני האט הקב״ה איין גיזאמילט אלע ישראל אונ האט אין זייא ניט גיפונען קיין פסול נאר זרע אמת גיהייליגט בני אבות אין דער צייט האט הקב״ה גיזאגט צוא משה אצונד וויל איך געבין דיא תורה צוא דיא ישראל דארפשטו זייא צוא ציהען צוא מיר מיט דער אהבה פון דיא אבות אונ זייא איין שליח נאמן צו ציהען די ישראל נאך מיר :

ומשה עלה אל האלהים וואל איז דער חלק פון משה וואס ער האט זוכה גיוועזן צוא דעם כבוד אז דיא תורה אליין זאגט אויף אים דאש עדות ומשה עלה וגו׳ קום אונ זעה דעם חילוק פון משה צו אנדערע לייט וואס דער שטייגער איז זיינען עולה לגדולה הייסט עשירות אדער מלכות אונ דעסט גלייכין אבער משה איז עולה לגדולה גיוועזן מיט דעם וואס שטייט ומשה עלה אל האלהים וואל זיין חלק וואס ער האט דער צוא זוכה גיוועזן זאגט רבי יוסי פון דאנען האבין דיא חכמים אפ גילערינט הבא לטהר מסייעין לו אין ערשטין שטייט ומשה עלה אל האלהים ער ווערט גירופין אין שם אלהים דער נאך האט ער זוכה גיוועזן צוא גירופין ווערין מיט דעם שם הקודש דרום שטייט ויקרא אליו ה׳ הקב״ה האט אים גירופין מיט זיין נאמען רבי יצחק זאגט עס שטייט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך וואל איז דעם מענטשין וואס הקב״ה [illegible]ערט אין אים אונ איז אים מקרב צו רוען אין זיין היכל דען איטליכער וואס בגערט אין עבודת הקב״ה דער ווערט גיצייכינט מיט דעם צייכין פון אויבין צוא ווערין דער קענט אונ לאזין ווישין דאס ער איז דער אויש דער ווילטער פון דעם מלך הקדוש העליון ער זאל רוען אין זיין וואנונג דען בייא וועמען דער צייכין ווערט גיפונען אונ גיזעהען דער גייט דורך אלע שערים של מעלה אונ קיינער קאן אים ניט ווערין · רבי יהודה זאגט וואל איז דער חלק פון משה אויף אים שטייט אשרי תבחר ותקרב אויך שטייט בייא אים ומשה נגש אל הערפל ונגש משה לבדו אל ה׳ והם לא יגשו דרום שטייט ויקרא אליו ה׳ מן ההר לאמר כה תאמר לבית יעקב דאש זיינען דיא נקבות ותגיד לבני ישראל דאס זיינען דיא זכרים :

תניא רבי יוסי זאגט אמאל בין איך גגאנגען אונטער וועגין איז מיט מיר גוועזן מיין זון רבי חייא וויא מיר גייען · האבין מיר דער זעהן איין מענטש קלייבט קרייטעכער אויף רפואות אונ צוא לחשים היישט צוא שפרעכין · האבין מיר אים גיפרעגט וואס טויג דיר דיא קרייטעכער האט ער ניט גיענטפערט ער האט אפילו דעם קאפ ניט אויף גהובין האב איך אים נאך אמאל גזאגט דיא רייד אונ האט אלץ ניט גיענטפערט זאג איך צוא מיין זון רבי חייא דער מענטש גיהער האבין פאר שטאפטע אויערין אדער אנרוישער שוטה · אדר אגרושער חכם · האבין מיר זיך לעבין אים אנידער גיזעצט נאך דעם אז ער האט שוין אן גקליבן דיא קרייטעכער האט ער גינומען בלעטער פון וויין שטאק אונ האט זייא צוא גדעקט אונ זאגט צוא אונז איך זעה אז איר זייט יהודים · אונ דיא וועלט זאגט אז יהודים זיינען זייער קלוג · איך זאל ניט חס אונ רחמנות האבין אויף אייך וואלט איר אצונד דער ווייטערט גווארן פון מענטשין אזו וויא איין מצורע וואס מען איז אים מרחיק פון אלע מענטשין · דען איך זעה עס איז אין אייער גוף אריין גגאנגען איין ריח פון קרייטעכער וואס לעבין אייך איז גוועזן נאהונט · וועט איר קראנק זיין דרייא טעג · דרום עסט אויף די וואלד קנאבלעך וועט איר גהיילט ווערין האבין מיר גגעסין דיא וואלד קנאבלעך וואס ער האט גיהאט גרייט זיינען מיר אנטשלאפין גווארין אונ דער שוויים האט אונז באגאסין האט גווערט איין צייט דער נאך האבין מיר זיך אויף גיחאפט זאגט דער מענטש צוא אונז אצונד איז הקב״ה גיוועזן מיט אייך אונ האט אייך גהאלפין מיט גליק וואס איר האט מיך דא גטראפן דען די רפואה פון אייער גאט איז דורך מיר גשיקט גווארן ווי מיר זיינען אוועק גגאנגען זאגט ער צו אונז דען איטליכער מענטש זאל עוסק זיין מיט דעם אנדערין מענטשין נאך זיין סדר נאך איין זכר מעדליג זיין סדר אין נקבה נאך איר סדר איין חשובר מאן נאך זיין סדר זאג איך צוא מיין זון רבי חייא בני דאש מיינט דער פסוק כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל דאס מיינט מען צוא דיא בני יעקב נאך זייער כח אונ צוא דיא בני ישראל נאך זייער כח זאגט ער צוא אונז דאש וואש איר האט גזעהן אז איך האב ניט אויף גהובין מיין קאפ אונ האב מיט אייך ניט גירעט דרום ווייל איך בין איין חכם אונ פאר שטייא אין גראזין מיין וויא אלע מענטשין חאס איז אין דור איך האב

עם

עס גלערינט פון מיין פאטער · אלע דרכים פון דיא קרייטעכער וואש אין זיא איז אמת אונ מיין וואנונג איז בייא זיא אגאנץ יאר · אונ דאס קרייטכר וואס איר האט גזעהן וואס איך האב עס צוא גידעקט מיט דיא בלעטער פון איין וויין שטאק · עס איז אין מיין שטוב דא איין ארט אין צ[...] זייט דארט איז איין מיל מיט איין קוואל אונ פון דער מיל גייט ארויס איין מאן מיט צווייא קעפ אונ איין בלייזע שווערד איז אין זיין האנט אונ אזו איז ער אונז אלע טאג מצער אונ דר שרעקט אונז דרום האב איך אויף גיקליבן דיא קרייטער · גייט מיר נאך ווערט איר זעהן דעם כח פון דיא קרייטכר אונ וואס הקב"ה האט מגלה גיוועזן אויף דער וועלט אונ קיין מענטש ווייסט ניט זיין וועג זייא זייגן אן אויגין אן הערצער זייא פאר שטייען ניט זיינען מיר נאך אים נאך גינאנגען וויא מיר גייען אויף דעם וועג האט ער גינידערט אין איין לאך אין דער ערד אונ האט גיטאן דיא קרייטכר אויף דער לאך איז ארויס גינאנגן איין שלאנג אונ זיין קאפ איז זייער גרויס האט ער גנומען איין שטריק אונ האט גבונדין דעם שלאנג וויא איין ציקלע מיר האבין זיך זייער גיפארכטין אונ ער זאגט גייט מיר נאך אונ מיר גייען ביז צוא זיין הויז האבין מיר גיזעהן דאס זעלביגע ארט אין דער פינצטער אונטער איין וואנט ער האט גינומן איין ליכט אונ האט גברענט מיט דעם פייער ארום דעם ארט פון דער מיל זאגט ער צוא אונז וואס איר וועט זעהן זאלט איר זיך ניט פארכטין אונ רעט ניט· אין דעם האט ער אויף גיבונדין דעם שלאנג פון זיין קנופ אונ האט צו קלאפט דיא קרייטכר אונ האט גיטאן אויף דעם קאפ פון דעם שלאנג אזו איז דר שלאנג אריין גנאנגען אין דעם קוואל פון דער מיל אזו האבן מיר גהערט איין קול וואס דאס גאנצע ארט איז דער ציטערט גוואורן מיר האבין פאר מורא גוואלט ארויס גיין האט ער אונז אן גנומען בייא די הענט אונ זאגט פארכט אייך ניט גנעהענט צוא מיר · אין דעם גייט ארויש דער שלאנג אונ דאש בלוט רינט פון אים גנעמט ווידער דער מענטש אונ טוט ווידער קרייטכין אויף זיין קאפ אזו וויא פריער דער שלאנג גייט ווידער אריין אין מיל אריין אונ זאמט אביסל דער נאך האבין מיר גזעהן אז עס איז ארויש גנאנגען פון דעם קוואל איין מאן מיט צווייא קעפ אונ דר שלאנג איז אים גלעגן ארום זיין האלז ער גייט אריין אין קוואל אונ גייט ארויש אזו איז גיוועזן דרייא מאל אונ האט גיזאגט וקיטא וקיטא דאש היישט איין שפלה בריה ווייא צו דער מוטער וואס זיא האט אים גיבראכט אויף דעם ארט אין דעם איז דיא מיל אויש גריסין גוואורן פון איר ארט אונ דר מאן איז ארויש גיגאנגען מיט דעם שלאנג אונ זיינען ביידע גפאלין טויט אונ אויף אונז איז גפאלין איין גרוישע מורא אזו זאגט דער מענטש צוא אונז דאש איז אלץ פון דעם קרייטכין וואש איך האב גקליבן פאר אייך דרום האב איך מיט אייך ניט גרעט אונ האב ניט אויף גהויבין מיין קאפ בשעת איר האט גנעהענט צו מיר · אונ ער זאגט וואלטין די לייט גיוואושט אונ פר שטאנען אלץ וואס הקב"ה האט גפלאנצט אויף דער וועלט אונ אלץ וואס עס ווערט גיפונען אויף דער ערד וואלטין זייא גיוואושט דעם כח פון זייער הערין בחכמה גדולה אבער הקב"ה האט עס דריבער פאר בארגין פון דיא לייט כדי זייא זאלין ניט אפ קערין פון זיין וועג אונ זאלין זיך ניט פאר זיכערין אין דער חכמה אונ וועלין פאר געסין אין אים · אונ אז מיר זיינען גיקומען פאר רבי שמעון בן יוחאי אונ מיר האבין אים דאס דער ציילט זאגט ער פאר גוויש אז דר מענטש איז אגרוישער חכם דען עס איז ניט דא קיין שום גראז אויף דר וועלט וואס זאל אין דריגן ניט זיין איין גרושע חכמה אונ איין כח גדול אין הימיל קום אונ זעה פון דעם קראטיך וואס הייסט אזוב וויא הקב"ה האט גהיישן מטהר זיין דעם מענטשן האט ער אלץ גהיישן נעמן דעם אזוב וואס איז דר טעם דען מיט דעם דר וועקט זיך זיין כח למעלה וואס ער איז אויף אים ממונה דען איז דאס מבער דעם רוח הטומאה אונ דר מענטש ווערט גירייניקט אונ אויף דיר זאג איך בריך רחמנא גלובט איז השי"ת דער רחמן וואש האט דיך מציל גיוועזן · אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים ווארום זאגט ער על כנפי נשרים זאגט רבי יהודה עש זוקומט מיר צוא ווייזן אז השי"ת איז זיך מרחם אויף דיא ישראל אזו וויא איין אדלער איז זיך מרחם אויף זיינע קינדער אונ איז בדין אויף אנדערין אזו אויך איז הקב"ה ברחמים על ישראל אונ בדין גיוועזן אויף דיא מצרים · ויהי ביום השלישי רבי אבא הייבט אן אחות לנו קטנה דאש מיינט מען דיא כנסת ישראל וואש זיא איז בהעפט צוא הקב"ה ושדים אין לה דאס איז וואס מיר האבין גילערינט אז דיא ישראל זיינען גיקומען צו דעם בארג סיני האבין זייא קיין מעשים טובים ניט גיהאט קיין שום זכות עש זאל אויף זייא מגין זיין דרום זאגט ער ושדים אין לה זייא האבן ניט קיין בריסט אזו וויא בריסט זיינען דאס שוינקייט פון דער אשה אזו האבין זייא קיין שום שוינקייט ניט גיהאט מיט מעשים טובים מה נעשה לאחותנו ביום שידובר בה וואש זאלין מיר טאן מיט דיא רייד פון דער תורה בשעת הקב"ה וועט זיך צוא זייא בווייזין אויף דעם בארג סיני צוא ריידין מיט זייא דיא תורה אזו וועט זיך אוועק פליהען פון זייא זייערע נשמות רבי יוסי זאגט בשעת דיא ישראל זיינען גיקומען צום בארג סיני נאך די דרייא נעכט וואס זייא האבין זיך פורש גיוועזן פון זייערע ווייבער זיינען גקומען דיא מלאכים עליונים אונ האבין מקבל גיוועזן דיא ישראל באהבה דיא מלאכים זיינען מקדש דעם שם העליון למעלה אונ דיא ישראל זיינען מקדש דעם שם הקודש למטה מיט גרויש הייליג אונ זיינען גיקריינט גיווארן מיט זיבעציג כתרים אין דר נאכט אונ דיא מלאכים עליונים האבין גיזאגט אחות לנו קטנה ושדים אין לה דאש היישט עס איז אין זייא ניט דא קיין זכות ומעשים טובים מה נעשה לאחותנו דאס הייסט וואש פאר איין כבוד זאלין מיר אן טאן ביום אין דעם טאג וואש הקב"ה וועט זיך צו זייא אנטפלעקין מיט זיין תורה רבי שמעון זאגט בשעת הקב"ה האט זיך גוואלט צוא זייא אנטפלעקין אויף דעם בארג סיני האט ער גירופין צוא דער פמליא של מעלה אונ האט גיזאגט צוא זייא אצונד זיינען דיא ישראל וויא קינדער זייא ווייסין נאך ניט מיינע מנהגים וחוקים אונ איך וויל מיך מגלה זיין צוא זייא אונ אז איך וועל זיך מגלה זיין צוא זייא מיט כח וגבורה וועלין זייא ניט קענען ליידין דרום וועל איך מיך צוא זייא בווייזין מיט רחמים כדי זייא זאלין עס קענען ליידין אונ מקבל זיין מיינע חוקים דרום שטייט ויהי ביום השלישי בהיות הבוקר דא האט זיך דער וועקט דער זכות פון אברהם אונ זיין חסד וואש הייסט בוקר וואס ביי אים שטייט וישכם אברהם בבוקר ווייטער זיינן סודות זאגט רבי יוסי ברבי יהודה פנים בפנים האבין דיא ישראל גיזעהן דיא לויטערע ליכט פון זייער הערין אונ עש איז ניט גוועזן צווישן זייא קיין הינקידיגער אונ קיין שטומער אונ קיין בלינדער דען עס שטייט וכל העם רואים את הקולות קיין קרומער ווארום עס שטייט ויתיצבו בתחתית ההר קיין אפ גיהאקטער עס שטייט נעשה ונשמע איז משמע זייא האבן גקאנט

אלצדינג

אלצדינג טאן אן איין חסרון אבער לזמן העתיד שטייט אז ידלג כאיל פסח ותרון לשון אלם דאס זעלביגע מאל אז משיח וועט קומען וועט דער הינקענדיגער שפרינגין אונ דער שטומער וועט זינגין:

וידבר אלהים את כל הדברים וגו׳ רבי יהודה זאגט עס שטייט מי ימלל גבורות ה׳ ישמיע כל תהלתו אין וויא פיל וועגין גיפינען מיר אז דיא תורה איז מזהיר דעם מענטשין ער זאל ניט זינדיגין אונ ווי פיל וועגן שטייט אז זיא גיט אים עצות ער זאל ניט אפ קערין פון די רעכטע וועגין ימין ושמאל • וויא ער זאל תשובה טאן פאר הקב״ה אונ ער זאל אים מוחל זיין מיר האבן גלערינט דרייא הונדערט אונ דרייצין מיני עצה גיט דיא תורה, דעם מענטשן אז ער זאל זיין גאנץ מיט הקב״ה דען ער וויל מיט אים מטיב זיין בעולם הזה ובעולם הבא • דיא וועלט איז אנטקעגן יענע וועלט גלייך ווי איין פיר הייזיל אנטקעגן איין פאליץ דרום איז עולם הבא של הקב״ה • אונ ווען דער צדיק איז זוכה איז דאס זיין חלק • דען מיר האבין גלערינט עס שטייט על כן לא היה ללוי חלק ונחלה עם ישראל פר וואס איז דאס אזו ווארום ה׳ הוא נחלתו וואל דעם חלק פון דעם וואס איז זוכה צוא ירשנן דיא ירושה עליונה אזו איז ער זוכה אויף דער וועלט מכל שכן ווער עס איז זוכה לעולם הבא אונ צו דעם בית המקדש של מעלה אזו וויא עס שטייט ונתתי להם בביתי ובחומותי יד אונ דארטן על אחת כמה וכמה וואל דעם צדיק וואס ער איז זוכה צוא וואנען עם המלך אין זיין הויז • זאגט רבי שמעון וואל דעם צדיק וואס ער איז זוכה צוא דעם וואס שטייט אז תתענג על ה׳ ווארום שטייט ניט עם ה׳ נאר על ה׳ דאס איז דער מיט וואס עליונים ותחתונים ווערין גיצויגין דער פון אונ גלוסטין דער צוא דרויף האט יעקב גזאגט מאין יבא עזרי אויך שטייט ועד עתיק יומין מטא וקדמוהי הקרבוהי דאס גלוסטיקייט אונ גאר דער תענוג איז צוא לויבין צוא דעם לויטערקייט וואס די לויטערע ליכט גייט ארוים פון דארט אונ וואס פון דארט ווערין גיצויגין אלע אורות וכתרים • ווייטער זיינען סודות:

וידבר אלהים דאס איז איין לשון אוים רופין דתניא מיר האבן גלערינט בשעת אז הקב״ה האט זיך אנפלעקט אונ אן גהובין צוא ריידין מיט דיא ישראל האבן זיך דיא עליונים ותחתונים דער שראקין אונ דיא נשמות ישראל זיינען אוים גגאנגען אונ דאס הייליגע ווארט האט גשוועבט מלמעלה למטה אונ עס איז גווארן אוים גיקריצט אויף אלע פיר זייטין פון דער וועלט אונ עס איז ווידר ארויף גגאנגן אוים שעפין דיא אורות עליונים אונ פון דעם טל של מעלה אונ האט ארוים גירינגילט דיא ישראל אונ האט זייא ווידער אום גיקערט דיא נשמות אונ איז אוים גיקריצט גיווארין אויף דעם רעכטין ארט אין דיא לוחות אבן אזו איז גוועזן איטליכער דבור ודבור זאגט רבי שמעון איטליכער דבור איז גוועזן פיל פון אלע טעמים אויף דער זאך אונ פון אלע גזירות שכר ועונש אין אלע רזין וסודות נסתרים אזו וויא איין אוצר וואס עס איז פול פון אלעם גוטין אזו איז גוועזן איטליכער דבור ודבור וואש עש איז ארויש גיגאנגען פון הקב״ה אונ בשעת דר דבור איז ארוים גיגאנגען האט ער אוים גיוויזין נאר פאר איינעם אונ אז ער איז אוים גקריצט גיווארין אין דיא לוחות איז אויש גיזעהען גיווארין אין דעם דיבור שבעים ענפים וואס איז דרויף ארויף גגאנגען אונ ניין אונ פערציג קרוינען פון איין זייט אונ ניין אונ פערציג קרוינען פון דער אנדערער זייט אזו וויא איין האמער שלאגט אין איין שטיין צוא טיילט ער זיך אויף עטליכע פונקין אזו וויא עס שטייט וכפטיש יפוצץ סלע אונ

אלע ישראל האבן גזעהען עין בעין אונ האבן זיך זייער גפרייט אונ אלע דורות אחרונים וואס זיינען גבארין גווארין אונ דיא וואס וועלן גבארין ווערין זיינען דארטין גוועזן אונ אלע נשמות האבן מקבל גוועזן דיא תורה אויף דעם בארג סיני אזו וויא עס שטייט כי את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה אונ איטליכער האט מקבל גוועזן די תורה נאך זיין מדרגה פון דער נשמה איז גוועזן אונ אלע האבן גזעהען אונ מקבל גוועזן דיא הייליגע רייד את כל הדברים זייא זיינען נכלל גווארין פון אלע טעמים אונ סודות גזירות ועונשין לאמר דאס זיא זאל זיין זייער ירושה אזו וויא עס שטייט תורה צוה לנו משה מורשה אויב דוא וועסט וועלין מיינען אז אלע סודות וואס דוא לערינשט מענשטו מגלה זיין צו איטליכן דרום שטייט אנכי ה׳ אלהיך אזו וויא איך בין פאר בארגין אונ פאר הוילין פון אלע אזו זאלין מיינע רייד אויך זיין פאר בארגין אונ פאר הולין אין דיין הארצין ניט אנפלעקט צוא איטליכין דיא סודות התורה:

רבי יצחק זאגט ווארום האט הקב״ה גיגעבין דיא תורה אין פייער אין איין פינצטערנעש אזו וויא עש שטייט וההר בוער באש עד לב השמים חושך ענן וערפל צוא ווייזין דער וואש עש איז עוסק בתורה ווערט ער ניצול פון דעם אש של גיהנם אונ פון דעם פינצטערנעש של צרות וואס דיא עובדי כוכבים האבן פאר פינצטערט דיא ישראל דען מיר האבן גלערינט אז הקב״ה האט גיזאגט צוא אברהם כל זמן דיינע קינדער וועלין עוסק זיין בתורה וועלין זייא ניצול ווערין פון דעם גיהנם אונ פון דעם גלות אונ אז ניט מוזין זייא זיין אין גיהנם אונ אין גלות זאגט אברהם דיינע רייד זיינען בוודאי רעכט • נאר עס איז פארט ניט מיגלעך צוא פאר בינדין זייא מיט צווייא זאכין עס איז ניט מיגלעך זיי זאלין האבין ביידע גיהנם מיט גלות נאר אויב דיר איז ניחא בעסער זאלין זייא זיין אין גלות אונ זאלין ניצול ווערין פון דעם גיהנם. אונ אין גלות זאלין זייא זיין ביז זייא וועלין תשובה טאן פאר דיר • זאגט הקב״ה צוא אים עס זאל אזו זיין בוודאי אזו וויא עס. שטייט אם לא כי צורם מכרם דאס איז אברהם אזו וויא עס שטייט הביטו אל צור חצבתם צור מיינט מען אברהם ער האט זייא מוסר גיוועזן אין גלות אריין וה׳ הסגירם הקב״ה האט אויך מיט אים מסכים גיוועזן • רבי יהודה זאגט פון דער צייט וואס דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים ביז מען האט גיגעבין דיא תורה האט גיווערט פופציג טעג קעגין דיא שנת היובל דען דער יובל האט זיי פרייא גמאכט אונ האט זייא אוים גיצויגין פון מצרים דרום שטייט אין דער תורה דער מאנט פופציג מאל יציאת מצרים ווארום זיי זיינען גקריינט גווארן מצד היובל ווייטער זיינן סודות:

תנא רבי יצחק זאגט פון דער צייט וואס הקב״ה האט זיך באוויזין אויף דעם בארג סיני איז דער בארג דער ציטערט גיווארין אונ אלע בערג פון דער וועלט זיינען אויך דער ציטערט גיווארין זייא האבין זיך גיהויבין ארויף אונ אראפ ביז הקב״ה האט אויף זייא גישטארקט זיין האנט זיינען זייא ערשט גיווארין אזו וויא פריער אונ עס איז ארויש גיגאנגען איין קול אונ האט אויש גירופין מה לך הים כי תנוס וגו׳ זיינען זייא גיקומען אונ האבין גיזאגט מלפני אדון חולי ארץ מלפני אלוה יעקב:

רבי חייא זאגט דיא אותיות וואס זייא זיינען איין גיקריצט גיווארין אין דיא הייליגע לוחות זיינען זייא גיזעהען גיווארין פון ביידע זייטין אויף דער זייט איז גשטאנען אנכי ה׳ אלהיך אונ אויש די איינגעבע אותיות האט מען גילייענט אויף דער אנדערער זייט לא תרצח אונ אויף דער זייט איז גישטאנען לא יהיה לך אונ דיא איינגעבע אותיות האט מען גילייענט

גילייענט אויף דער אנדערער זייט לא תנאף אזו איז גיוועזן אלע פינף אנטקעגין די פינף זייא זיינען גיוועזן גשריבן בנגד דאס אלע מענטשין וואס האבן דאש גיזעהן האבין זייא עדות גיזאגט אז דאס איז מכתב אלהים בוודאי · דאש איז גישריבן בקיצור וויא אזו דיא לוחות זיינן גיוועזן :

וירד משה אל העם ויאמר אליהם אונ עס שטייט ניט וואס ער האט צוא זייא גיזאגט זאגט רבי יצחק דער סדר פון דער וועלט איז ווען עס קומט אויף איין מענטשין פלוצלונג אגרויסע פרייד אדער אגרויס צער וואס ער האט דער פון פריער ניט גיוואוסט קען ער עס ניט פאר נעמען דען זיין הארץ פאלט פון אים אוועק לפי שעה אבער אז ער ווייס פריער דער פון אזו שטייט עס אויף איין שטאנד אונ ער קען עס שוין יוא סובל זיין מכל שכן דא וואס משה האט זייא אלץ גיזאגט וואס דער נאך וועט זיין אונ האט זייער הארץ גישטארקט אונ זייא האבן פארט ניט גקענט דער נאך עס פאר נעמען איז שוין אבל שכן אז ער זאל זייא פריער גאר ניט גיזעהן זאגין דרום שטייט צום ערשטן וידבר אליהם משה ער האט זייא פריער גשטארקט זייער הארץ אונ דער נאך וידבר אלהים את כל הדברים פון דעסט וועגין האבין זייא עס פארט ניט גיקענט פאר נעמען דען רבי יוסי האט גיזאגט אז דיא [illegible] האבן גהערט די רייד פון הקב״ה איז ארויס גפלויגן זייערע נשמות אונ זיינען ארויף גיגאנגען ביז דעם כסא הכבוד צוא בהעפטין זיך דארטין האט דיא תורה גזאגט [illegible] הקב״ה רבונו של עולם בין איך דען אום זיסט באשאפן גוואורן צוויא טויזנט יאר איידער דוא האסט באשאפן דיא וועלט שטייט דען אום זיסט פיל מאל אין דער תורה צו ריידן צו דיא בני ישראל וויא זיינען די בני ישראל באותו שעה האט די תורה ווידר אום גקערט די נשמות פון די ישראל איטליכן אין זיין גוף ארויין דרום שטייט תורת ה׳ תמימה משיבת נפש דיא תורה אליין האט אום גקערט דיא

נשמות צוא דיא ישראל :

תאנא מיר האבין גלערינט אין דער צייט וואס הקב״ה האט גזאגט אנכי זיינען אלע מצות פון דער תורה וואש האבן איין אחיזה אין המלך הקדוש העליון נכלל גוואורין אין דעם ווארט אנכי אזו וויא מיר האבן גלערינט אלע מצות פון דר תורה זיינען באגריפן אין המלך הקדוש אונ עס איז ניט דא קיין שום מצוה וואס זיא האט ניט קיין אחיזה אין הקב״ה דען אזו וויא עס איז דא ביא אמענטשין רמ״ח אברים שס״ה גידין אזו זיינען רמ״ח מצות עשה אונ שס״ה מצות לא תעשה אלע אין איינעם טרעפין אן תרי״ג אונ איטליכע מצוה פון זייא האבין איין אחיזה אין דיא אורות הקדושים פון הקב״ה אזו וויא עש שטייט נעשה אדם בצלמנו כדמותנו · אונ עש שטייט ומבשרי אחזה אלוה פון מיין פלייש אונ מיין גוף דער קענט מען השי״ת חאטשי ביא הקב״ה גשיקט זיך חלילה ניט מצייר זיין חס ושלום אזו אגלייכין ווייל הקב״ה האט ניט קיין גוף אונ ניט חלילה קיין שום דמות הגוף פון דעסט וועגין דורך דעם קענען מיר פאר שטיין דיא אורות עליונים הקדושים אונ דעסט גלייכין · נמצא אז דיא תרי״ג מצות האבין איין אחיזה אין הקב״ה אליין דרום ווער עש איז עובר איין מצוה פון דער תורה איז ער פוגם חס ושלום אין דעם וואש הייסט דמות פון הקב״ה אין דעם זעלביגין אבר וואס זיא האט איין אחיזה כביכול למעלה דרום שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי שטייט בי דאש איז טייטש אין מיר זעלבערט וויא צוא דיא רשעים וואס זיינען עובר אויף דער תורה זייא ווייזן גאר ניט וואס פאר איין פגם זייא מאכן למעלה · רבי שמעון האט גזאגט דאס ארט וואס דער מענטש איז פוגם למעלה דאס אליין איז מגולה אונ מפורסם זיינע זינד רבי שמעון זאגט הקב״ה אליין איז מגלה זיינע זינד דען אנטקעגן הקדוש ברוך הוא האט ער חוטא גוועזן דרום אנפלעקט ער זיינע זינד אזו וויא עס שטייט יגלו שמים עונו והארץ מתקוממה לו דיא שמים זיינען מגלה זיינע זינד אונ אז זייא זיינען מגלה זיינע זינד אזו טוט די ארץ זיין דין אונ זיין עונש · עס שטייט ככד ה׳ מהונך דאס מיינט מען זאלשט ערליך האלטן צוא גאט דורך דער תורה ומצות וועט אים מקוים ווערין אזו וויא דער פסוק זאגט אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד :

לא תעשה לך פסל וכל תמונה זאגט רבי יוסי אלע גשטאלטין מעג מען מאכן נאר איין גשטאלט פון איין מענטשין טאר מען ניט דען דער גשטאלט פון אמענטשן איז שולט אין אלע גשטאלטין רבי יצחק זאגט עס שטייט אל תתן את פיך לחטיא את בשרך איטליכר מענטש גהער גזהר זיין ער זאל ניט עובר זיין אויף דער תורה אונ ער טאר ניט אויס ציהן קיין דברי תורה פון זיין מויל וועלכעס ער ווייסט ניט קלאר אונ האט דאס ניט מקבל גוועזן פון זיין רבי דען וועלכער מענטש וואס זאגט דברי תורה אונ [illegible] ניט מקבל גוועזן פון זיין רבי איז ער עובר אויף לא תעשה לך [illegible] אונ הקב״ה איז אן גבריים פון אים גצאלט ווערן לעולם הבא אונ אז דיא נשמה וועט וועלן אויף גיין אויף איר ארט וועט מען זיא אוועק שטויסן פון איר ארט אין דר זייט ארויין אונ וועט פאר דארבן ווערין פון איר ארט וואס הייסט צרור החיים דאס ארט פון אלע נשמות רבי יהודה זאגט מיר לערנען דאש אפ פון דעם פסוק למה יקצוף אלהים על קולך דאס איז דיא נשמה וואש הקב״ה איז אויף איר ברוגז איבער דעם קול פון דער תורה וואס זיא האט ניט רעכט גזאגט רבי חייא זאגט מיר לערנען דאס אפ פון דעם פסוק כי ה׳ אלהיך אל קנא ער איז מקנא פון זיין נאמען וועגן הן אז ער מאכט איין גשטאלט וואש ער לייקנט אין דעם נאמען פון הקב״ה והן פון דער תורה וועגן וואס ער האט ניט רעכט גזאגט דען מיר האבן גלערינט אז דיא גאנצע תורה איז אלץ שמות הקדושים עס איז ניט פאר האנדן איין ווארט אין דער תורה וואס זאל ניט נכלל ווערין איין שם הקדוש דרום גיהער מען גזהר זיין מען זאל ניט לייקענען חלילה אין דיא הייליגע שמות דאש הייסט מען זאל זיך ניט טועה זיין אין דער תורה ווארום ווער עש לייקנט חלילה במלך עליון לאזט מען אים ניט ארין גיין בהיכל מלך אונ ווערט פאר דארבין פון עולם הבא רבי אבא זאגט דא שטייט לא תעשה לך פסל אונ ביא דער תורה שטייט אויך פסל לך שני לוחות אבנים דאש הייסט דוא זאלשט ניט מאכין איין פסל וואש דער ביא שטייט פסל לך הייסט אזו איין תורה וואס דוא ווייסט ניט פון דיין רבי ווארום כי ה׳ אלהיך אל קנא איך וועל אליין גצאלט נעמען פון דיר אויף יענער וועלט בשעת דיין נשמה וועט וועלין ארין גיין פאר מיר זיינען אן גברייט כמה ובמה מחבלים צוא נעמען דיין נשמה אונ פירין זיא אין גיהנם ארין רבי יצחק זאגט עס שטייט לא תעשה לך פסל אונ דאס מיינט מען אז איין מענטש זאל ניט לייקענען חלילה אין דעם קשר וואס דער מענטש האט זיך מקשר גוועזן להקב״ה מיט דעם וואס ער איז ארין גגאנגען בבריתו של אברהם אבינו אונ ווער עס לייקנט אין דעם לייקנט ער חלילה אין הקב״ה רבי יהודה זאגט פון דעם פסוק איז דאס גדרונגען עס שטייט בה׳ בגדו כי בנים זרים ילדו ווער עס לייקנט אין דעם

ברית

ברית לייקנט ער חלילה אין הקב"ה ווארום דר ברית האט איין אחיזה אין הקב"ה אונ עס שטייט לא תעשה לך פסל וכל תמונה :

לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא רבי שמעון זאגט עס שטייט ויאמר אליה אלישע מה אעשה לך הגידי לי מה יש לך בבית אלישע האט איר גזאגט טאמער האשטו עפעס וואס דיא ברכה פון הקדוש ברוך הוא זאל שורה זיין דרויף דען מיר האבן גלערינט אז איין מענטש טאר ניט מאכין איין ברכה אויף איין ליידיגין טיש ווארום דיא ברכה של מעלה קען ניט שורה זיין אויף אליידיג ארט דרום דארף דער מענטש מסדר זיין זיין טיש גאנץ שיין אונ זאל אויף אים בענטשן אונ ווען ער האט ניט מיט עפעס מסדר זיין זאל ער איבער לאזין פון זיין עסין צוא דעם בענטשן · אונ אז דיא שונמית האט גזאגט צוא אלישע אז זיא האט בוים אייל האט ער גזאגט דרויף וועט בוודאי שורה זיין דיא ברכה שלימה פון דאנען לערנען מיר אפ אז מען טאר ניט דער מאנען דעם הייליגן שם אויף איין ליידיג ארט אונ ווער עס דער מאנט דעם הייליגן שם ליידיג וואלט אים בעסער גוועען ער זאל ניט באשאפן ווערן · רבי אלעזר זאגט מען טאר ניט דער מאנען דעם הייליגן נאמען פון הקב"ה צום ערשטן איידער ער זאגט פריער אנדערע ווערטער ווארום מיר זעהען אין דער תורה ווערט דער מאנט דער שם נאך [illegible] צווייא ווערטער בראשית ברא אונ דער נאך זאגט ער דאש ווארט אלה[illegible]שמעון זאגט הקב"ה דער מאנט ניט זיין נאמען נייערט אויף איין עולם שלם דען אין מעשה בראשית שטייט ניט דער מאנט דער שם הוי"ה ביז דיא וועלט איז פארטיג גיווארין מיט אל דינג שטייט ערשט דער נאך ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים אבער פריער איידער זיא איז פארטיג גיוועזן שטייט נאר דער שם אלהים דרום זאל דער מענטש אויך ניט דער מאנען דעם שם אויף איין ליידיג ארט דרום שטייט לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא דיא זאך האבין די חכמים גיזאגט בשעת הקב"ה האט גיפלאנצט דיא וועלט האט ער גינומען איין שטיין וואס דרויף איז גיוועזן אויש גיקריצט דעם הייליגער שם אונ האט דאש שטיינדיל אריין גיווארפין אין דעם תהום אריין אונ ווען די אונטערשטע וואשער ווילין ארויף גיין דער זעהען זייא דעם שם הקדוש אויף דעם שטיין אויש גיקריצט קערין זייא זיך אום צוא ריק אונ דאס שטיינדיל שטייט נאך עד היום אין דעם תהום · אונ אז דיא מענטשין שווערין אמת גייט אויף דער שטיין אונ איז מקבל דיא שבועה אונ קערט זיך ווידער אום אונ שטייט ווייטער אויף דעם תהום אונ דיא וועלט האט אקיום · אבער בשעת מענטשין שווערין אום זיסט אונ חלילה פאלש אזו גייט דער שטיין ארויף צוא נעמען דעם שקר אונ די וואשר גייען ארויף אונ שוועבין אונ די אותיות פון דעם הייליגין שם פליהן אוועק אונ ווילין פאר פלייצין דיא וועלט אזו וויא צום ערשטין איז די וועלט גיוועזן וואשר ביז הקב"ה בריט אן איין ממונה וואס איז ממונה אויף דיא ו' מפתחות סוד שם הקודש נעמט ער דאס שטיינדיל אונ קריצט ווידער אים די אותיות אזו וויא פריער האט ווידר די וועלט אקיום · אונ דיא וואשר קערין זיך אום דרום שטייט לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא דאס הייסט דוא זאלשט ניט גורם זיין אז דיא אותיות זאלין חס ושלום ארויף קומען פון שבועת שוא וועגין :

זכור את יום השבת לקדשו דאס איז דער כלל פון דער גאנצער תורה אונ אלע סודות התורה היינגין אן אין שבת ווער עס היט שבת איז גליך וויא ער היט דיא גאנצע תורה :

כבד את אביך ואת אמך דוא זאלשט זייא ערליך האלטין מיט אלערלייא כבוד דאש הייסט זאלשט זייא משמח זיין מיט דיינע מעשים טובים אזו וויא עש שטייט גיל יגיל אבי צדיק איז דאש דער כיבוד אב ואם · זאגט דער רעיא מהימנא דאש איז משה רבינו רועה נאמן כבד את אביך מיינט מען הקב"ה מען זאל אים ערליך האלטין מיט ריינע קליידער צוא דער נשמה מיט כמו מצות · כבד את ה' מהונך דאש מיינט מען תורה ומצות אזו שטייט אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד דען קיין מענטש הייסט ניט קיין עני נאר אז ער איז ליידיג פון תורה ומצות אונ דאש עשירות פון דעם מענטשין איז נאר תורה ומצות דרום שטייט כבד את ה' מהונך דוא זאלשט ניט לערנען כדי מען זאל דיך דער פאר ערליך האלטין אדער מען זאל דיך רופין רבי נאר אזו וויא עס שטייט גדלו לה' אתי אונ אזו וויא איין זון איז מחויב בכבוד אב ואם וייל זייא האבין אין אים איין חלק דאס ווייסע פון דיא אויגין אונ דיא ביינער מיט דיא אברים איז פון דעם פאטער אונ דאס שווארץ אפיל פון דיא אויגין מיט דיא האר אונ פלייש מיט דער הויט איז פון דער מוטער אזו אויך דארפן דיא פאטער אונ מוטער מגדל זיין זייערע קינדער בתורה ובמעשים טובים אזו וויא עס שטייט ששנתם לבניך אונ אז דער [illegible]ער לערינט מיט אים ניט קיין תורה אזו גליך וויא ער האט אים גמאכט פאר איין פסל דרום שטייט דער בייא לא תעשה לך פסל אונ דער נאך ווערט דער זון איין בן סורר ומורה ער איז מבזה דיא פאטער אונ מוטער וייל ער איז איין עם הארץ ער איז חשוד אויף אל דינג אפילו צו הרגנן איין מענטשן אונ מזנה זיין אונ דינען עבודת כוכבים ווען איינער גייט אויף אזו איין ארט וואו מען קאן אים ניט אונ וועט קיין ברכה ניט מאכין ווארום ער איז איין עם הארץ וועט מען מיינען ער איז פון דיא היידין · עד כאן רעיא מהימנא · כבד את אביך אזו וויא דר פסוק זאגט כבד את ה' מהונך דו זאלשט ערליכין צוא הקב"ה פון דיין געלט אונ פון דיין שמחה דאס הייסט זאלשט אים דינען מיט שמחה אזו זאלשטו משמח זיין דיין פאטער אונ מוטער מיט דיינע מעשים טובים ווארום אזו וויא איין מענטש איז מחויב ערליך האלטין אונ מורא האבן פר הקב"ה אזו איז ער מחויב ערליך האלטין אונ מורא האבן פאר פאטער אונ מוטער דען די דרייא זיינען חברותה אין דעם מענטשין למען יאריכון ימיך דען עס איז פר האנדן ימים למעלה וואס דאש לעבין הייגט אן אין דעם ווייטער זיינען סודות :

לא תרצח לא תנאף לא תגנוב צווישין דיא דרייא איז דער טראפ מפסיק צוא ווייזין אז עש איז פאר האנדין אין זייא חילוקים אמאל טאר מען זייא ניט טאן אונ אמאל מעג מען זייא טאן דען עש זאל ניט זיין קיין הפסק וואלט דיא וועלט קיין תקומה ניט גיהאט לא תרצח איז משמע מען טאר קיינעם ניט הרגנן אפילו אז ער איז עובר איין עבירה וואש ער איז דרויף חייב מיתה דרום שטייט איין פסיק צוא ווייזין אמאל איז אסור אונ אמאל איז מותר לא תנאף עס זאל ניט שטיין קיין פסיק אין מיטין וואלט משמע גיוועזן אז עש איז אסור מוליד זיין קינדער אונ זיך משמח זיין אפילו מיט זיין ווייב אבער דער טראפ איז מפסיק צו ווייזין מיט אפרעמדע טאר מען ניט אבער מיט זיין ווייב מעג מען לא תגנוב עש זאל ניט זיין קיין פסיק וואלט אסור גיוועזן אפילו צוא גנבנן דיא דעה פון זיין רבי אין דער תורה אדער דיא דעה פון אחכם · אדער אדיין אז עס קומט פאר אים איין משפט פון רמאים אזו מוז ער גנבנן דיא דעה פון זייא כדי דער

משפט

משפט זאל ארויס גיין קלאר · אבער הייגט אז עש איז דא איין פסיק חייזם דאס אז אמאל איז מותר הייגו אזעלכעש וואש שטייט אויבין מעג מען לא תענה ברעך עד שקר דא שטייט שוין ניט קיין פסיק וייל מען טאר קיין מאל ניט קיין פאלש עדות זאגין אונ מיט דברי תורה האט הקב"ה גימאכט רזין עליונים אונ האט גילערינט די לייט איין וועג מתקן צוא זיין אונ גיין אין אים אזו וויא דער פסוק זאגט אני ה' מלמדך להועיל מדריכך בדרך תלך אונ אזו אויך לא תחמוד איז אויך קיין פסיק ניט דא · אויב דוא וועשט מיינען וייל עש איז קיין פסיק ניט דא טאר מען ניט גילוסטין אפילו קיין דברי תורה קום אונ זעה בייא אלע שטייט דער איסור דרך כלל לא תרצח לא תנאף לא תגנוב אונ עש שטייט ניט וואש איז משמע אלין אבער דא שטייט ארויש דרך פרט לא תחמוד בית רעך לא תחמוד אשת רעך שדהו ועבדו ואמתו ושורו וחמורו וכל אשר לרעך אלע זאכין וואש צו דיין חבר ·איז אסור צוא גלושטן אבער דיא תורה דאש איז תמיד דאש גלוסטיקייט אונ אורך ימים בעולם הזה ובעולם הבא דאס איז מען מחויב צוא גלוסטין דיא עשרת הדברות זיינען דרך כלל פון דער תורה פון אלע מצות · אונ דער כלל פון למעלה ולמטה · אונ דער כלל פון עשרה מאמרות וואס דיא וועלט איז מיט זייא בשאפין גיווארין · זייא זיינען גיוועזן אוים גיקריצט אויף דיא לוחות אבנים אונ אלע סודות זיינען אין זייא מרומז אין איטליכין אות · אונ דיא ישראל האבין דאס גיזעהן אונ האבין עס אלין גיוואושט וויא דיא תרי"ג מצות זיינען נכלל אין דיא עשרת הדברות אלין איז צוא זייא גיזעהן גיווארין אונ עש האט גילייכט צו זייערע אוגין אלע סודות התורה די רזין עליונים ותחתונים זייא האבין גיזעהן בשיינפערליך דאס לויטערע ליכט פון דעם כבוד פון הקב"ה אונ אזו אטאג איז ניט גוועזן זינט דיא וועלט איז בשאפין גיווארין אזו וויא דער טאג וואס הקב"ה האט זיך אין אים אנטפלעקט צוא דיא ישראל אויף דעם בארג סיני אויב דוא וועשט פרעגין מיר האבין דאך גילערינט אז איין שפחה האט גיזעהן אויף דעם ים וואש יחזקאל האט ניט גיזעהן · אבער דער טאג וואש זייא זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני איז ניט אזו גיוועזן דען דעם טאג איז אוועק גיגאנגען דיא זוהמה פון דעם נחש אונ אלע גופות פון דיא ישראל זיינען גילייטערט גיווארין מיט דעם לויטערקייט פון דיא מלאכים עליונים ווען זייא זיינען זיך מתלבש אין דיא לבושים וואש זיינען לויטער ווען זייא בדארפין טאן דאס שליחות פון זייער הערין אונ מיט דיא לבושים גייען זייא אריין אין פייער אונ פארשפין זיך ניט דעשט גלייכין דער מלאך וואש האט זיך בוויזין צוא מנוח איז אריין גיגאנגען אין פלאם פייער אונ איז דורך דעם ארויף גיגאנגען אויף דעם הימל אזו וויא עש שטייט ויעל מלאך ה' בלהב המזבח אונ אזו אויך אז פון דיא ישראל האט זיך אפ גיטאן דיא זוהמא פון דעם נחש איז זייער גוף גיבליבן לויטער אן איין שום אונרייניקייט אונ זייערע נשמות זיינען אין זייא גיוועזן וויא דער זוהר הרקיע מקבל צוא זיין דאש אור אונ האבין גיקוקט אין דעם כבוד פון זייער הערין וואש אויף דעם ים איז ניט גיוועזן אזו אגלייכין דען אויף דעם ים איז נאך ניט אפ גיטאן גיווארין פון זייא דיא זוהמה פון דעם נחש אונ אויף דעם בארג סיני האבין אפילו דיא ולדות אין זייער מוטערש בויך גיזעהן דעם כבוד פון זייער הערין אונ איטליכער האט מקבל גיוועזן דיא תורה אזו וויא עש איז צוא אים ראוי גיוועזן אין דעם טאג איז גיוועזן איין שמחה פאר הקב"ה מער פון דעם טאג וואש דיא וועלט איז בשאפין גיווארין דען דענשט מאל איז די וועלט נאך ניט גיוועזן אויף איר שטאנד ביז דיא ישראל האבין מקבל גיוועזן דיא תורה אזו וויא דער פסוק זאגט אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי אונ אז דיא ישראל האבין מקבל גיוועזן דיא תורה אויף דעם בארג סיני דען איז ערשט דיא וועלט מבושם גיווארין אונ דיא שמים וארץ זיינען גיבליבין שטיין אין איין קיום אונ הקב"ה איז גיווארין דער קענט למעלה ולמטה אונ זיין כבוד איז אויף גיגאנגען אויף אלע אונ אויף דעם טאג שטייט ה' מלך גאות לבש לבש ה' עוז התאזר אונ עוז איז טייטש דיא תורה אזו וויא דער פסוק זאגט ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום :

וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך תנא מיר האבין גילערינט ווער עש איז מקריב זיין קינד אים מל זיין איז גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן אלע קרבנות פון דער וועלט פאר הקב"ה אונ גלייך וויא ער וואלט גיבויט איין מזבח פאר הקב"ה דרום מאכט מזב"ח מילה זמנה ביום ח' דרום מוז מען מסדר זיין איין מזבח הייגו איין כלי מיט ערד אונ דרויף מל צוא זיין דען איז דאס נחשב פאר הקב"ה גלייך וויא ער וואלט דרויף גיקולט עולות וקרבנות אונ דאס איז פאר הקב"ה מער ניחא פון אלע קרבנות דרום שטייט ואם מזבח אבנים תעשה לי וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך שטייט וייטער בכל המקום אשר אזכיר את שמי דאס מיינט מען מילה וואס דרויף שטייט סוד ה' ליראיו ובריתו להודיעם דרום וואול צוא דעם מענטשין וואס ער איז מקריב זיין קרבן בשמחה פאר הקב"ה אויף אים איז גיזאגט וגיווארין וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו וגו' :

# פרשת משפטים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם רבי שמעון זאגט אין דער פרשה איז מרומז דיא דינים פון דער נשמה וויא אזו זיא איז מקבל איר עונש אונ ער זאגט דרויף גרוישע סודות וויא אזו אמענטש קען בקומען אגרוישע נשמה פון הקדוש ברוך הוא וואש ער וועט הייסין איין בן צוא הקדוש ברוך הוא אזו וויא עש שטייט בנים אתם לה' אלהיכם אויף דעם זאגט דער פסוק נעשה אדם בצלמנו כדמותנו וירדו בדגת הים דער איז זוכה גוועלטיגן אין אלע הימלן אונ אין אלע שרפים ואופנים וחיות הקודש אויף דעם זאגט דער פסוק כי ימכור איש את בתו לאמה איש מיינט מען הקב"ה ער הייסט איש מלחמה · את בתי מיינט מען דיא נשמה אונ אז ער זינדיגט מוז ער גשטראפט ווערין דרום שטייט ווייטער לא תצא כצאת העבדים זיא זאל ניט ארויס גיין אזו וויא דיא מדריגות נשמות וואס זייא הייסין עבדים ושפחות שפחה אמה · אגרוישין כלל מוז מען מודיע זיין אז עס קומען אמאל אראפ אויף דער וועלט נשמות הייליגע אונ בהעפטין זיך וואו דיא תלמידי חכמים גייען אין וועג אונ לערנן מיט זייא אונ זייא ווייזן זיך וויא סוחרים גייען מיט אייזלין אונ פירן סחורה דרום שטייט אין דער גמרא אונ פיל מאל אין זוהר אז זייא האבין גיזעהן איין טייעא דאס הייסט איין סוחר :

פתח דר סבא הייבט אן עס שטייט אם רעה בעיני אדוניה אשר לא יעדה והפדה לעם נכרי לא ימשול למכרה בבגדו בה דיא פרשה איז גירעט וגיווארן אויף דעם אייבערשטין סוד וואס מיר האבין גיזאגט אויף דעם פסוק וכי ימכור איש את בתו וגו' רבון העולמים ווער פארבט זיך ניט פאר דיר דען דוא בישט שולט איבער אלע מלכים פון דער וועלט אזו וויא

דער פסוק זאגט מי לא יראך מלך הגוים כי לך יאתה כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך וויא פיל זיינען פאר האנדין אויף דער וועלט וואש זייא גרייזין אויף דעם פסוק אונ זאגין איין פשט אויף אים אבער ער איז ניט גוט וויא אזו זייא זאגין אים י דען עס איז קשה דער סוף פסוק כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך דאס איז אלויב צוא אמענטש אז מען זאגט זיין גלייכין איז ניט דא אבער בייא הקב"ה וויא גשיקט זיך דאס צוא זאגין אמער. דיא גאנצע וועלט איז אנטקעגין אים גאר ניט וויא גישיקט זיך צוא זאגין אויף השי"ת וואס ער האט גאר קיין גלייכין ניט חס ושלום צו קיין מענטשן זאל ער זאגן אז צווישן אלע חכמים פון גוים איז ניט דא זיין גלייכין עס איז אגרוישע תמיה אלא אזו איז דער פשט מי לא יראך מלך הגוים דער מלך הגוים גייט ניט אויף הקב"ה נאר אזו זאגט ער איז דען פאר האנדין איין מלך הגוים וואס ער זאל זיך פאר דיר ניט פארכטין אונ ציטערן דעשט גלייכין זאגט דער פסוק הללו עבדי ה' הללו את שם ה' ווער עס ווייסט ניט דעם פשט זאגט ער אזו הללו עבדי ה' לויבט דיא עבדי ה' דרום זאגט ווייטער דער פסוק הללו את שם ה' מען זאל ווישין אז דער פשט איז דיא עבדי ה' זאלין לויבין דעם נאמען פון השי"ת אזו דא אויך מי לא יראך מלך הגוים מיינט מען אז דאס גייט אויף הקב"ה ער הייסט מלך הגוים דרום זאגט ווייטער דער פסוק כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך ווען זייא זעהען מיט זייער חכמה אונ זעהען דיינע גבורות אונ דיינע מעשים דען זיינען זייא מודה צוא דיר אונ זאגין מאין כמוך אז קיינער קען זיך צוא דיר ניט גלייכין דרום זאגט ער כי בכל חכמי הגוים דורך זייער חכמה פאר שטייען זייא אז זיי זאלין מודה זיין צו דיר אז עס איז ניט דא דיין גלייכין דיא רבנן פרייען זיך אונ וויינען [illegible] האבין ניט גירעט אזו וויינט דער סבא אזו וויא פריער אונ הייבט אן עס שטייט ותאמר שרה לאברהם גרש את האמה הזאת ואת בנה האבין די רבנים גיזאגט שרה האט גיוואלט אויש ראמען דיא ע"ג פון איר שטוב דרום האט הקב"ה גיזאגט כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה דא שטייט וכי ימכור איש את בתו לאמה ווען דיא נשמה קומט צווישין דיא קליפות וועשטו וועלין מיינען זיא האט כח צוא נעמען אפילו אזעלכע קינדער וואס זייא וועלין זיין צדיקים דער נאך דרום זאגט דער פסוק אם רעה בעיני אדוניה דווקא אז דער האר פון דער וועלט זעהט אז זייא וועלין שלעכט זיין וועסטו וועלין מיינען אז זיא נעמט זייא צוא בלייבין זייא חלילה בייא איר דרום שטייט אשר לו יעדה שטייט לו מיט אנאו והפדה השי"ת לייזט זייא אויש אונ נעמט זייא בישיבה של מעלה אזו אויך אנדערע נשמות וואס קומען אין איר רשות אריין וועשטו וועלין זאגין ווייל זייא ווערין פאר צוקט אין איר רשות ווערין זייא חלילה פאר פאלין זאגט ער לעם נכרי לא ימשול למכרה אז זיא גייט ארויש איז זיא הקב"ה מלביש אין איין טייערין לבוש אונ דורך דעם לבוש ווערט זיא גיהיט דער שם פון דער לבוש טוט זיא היטין דען אלץ איז ברשותו של הקב"ה חאטשע זיי ווערן אפט פר צוקט איז לפי שעה איבער דעם דור וואס זיינען ניט אין דער צייט אז הקב"ה האט באשאפין דיא וועלט האט ער באשאפין אלע נשמות וואס זיינען אן גיברייט גיוועזן צוא גיגעבין ווערין צוא דיא מענטשין דער נאך אין דעם גישטאלט וויא זייא דארפין צוא זיין אונ בשעת עס קומט דיא צייט זייא זאלין אראפ גיין אויף הער וועלט רופט הקב"ה צוא דער נשמה אונ זאגט איר גייא צוא דעם ארט אין דעם גוף פלוני אזו זאגט זיא רבונו של עולם פון אזו אוועלט וואס איך בין דא זאל איך אוועק גיין

אין אזו אוועלט וואס מען וועט אין איר ארבעטין אונ איך וועל פאר שעמט ווערין צווישין זייא זאגט הקב"ה צוא איר פון דעם טאג וואס דוא בישט באשאפין גיווארין בישטו אן גיברייט גיוועזן צוא גיין אויף דער וועלט אזו מוז דיא נשמה אראפ נידערין אונ אריין גיין אין דעם גוף דרום זאגט די תורה זעהט וויא אייער האר האט אויף אייך רחמנות דיר גוטע פעריל וואס ער האט גיהאט האט ער זיא אייך פאר קויפט אום זיסט אז איר זאלט מיט איר ארבעטין אויף דר וועלט דרום שטייט וכי ימכור איש דאס איז הקב"ה ער וועט אייך פאר קויפין את בתו לאמה מיינט מען דיא הייליגע נשמה פאר איין דינסט איר זאלט מיט איר ארבעטין בעט איך אייך בשעת אז עס וועט קומען די צייט אז זיא וועט דארפין ארויש גיין פון אייך לא תצא כצאת העבדים זאל זיא ניט ארויש גיין איין גיריכט אין זינד נייערט איר זאלט זיא אפ געבין פרייא אז קיינער זאל אין איר ניט קענען קיין שליטה האבין נאר לויטער אונ ריין הקב"ה זאל זיך מיט איר פרייען אונ זאל איר געבין איין גוטין שכר פון דעם לויטערקייט פון דעם גן עדן אזו וויא עס שטייט והשביע בצחצחות נפשך אבער אם רעה בעיני אדוניה ווען זיא איז איין גיריכט מיט זינד אונ ווערט ניט גיזעהען מחמת אומריינקייט ווייא צוא דעם גוף ער ווערט פאר לארין פון דער דאזיגער נשמה אויף אייביג דען ווען דיא נשמות גייען ארויף ריין פון דער וועלט גייט איטליכע נשמה ארויף בספר של מלך איטליכער גחתמת מיט זיין נאמען מען זאגט דאס איז דיא נשמה פון דעם מענטשין אונ זיא איז אן גיברייט צוא דעם גוף וואס זיא האט גלאזט דרום שטייט אשר לו יעדה מיט אנאו אבער אז זיא גייט ארויש פאר שמירט מיט עבירות שטייט אשר לא יעדה מיט איין אלף זיא איז שוין ניט ראוי צוא דעם גוף אונ איז שוין פאר לאזט פון אים אבער אז זיא איז ריין שטייט והפדה וועט ער זיא אויש לייזין פון דעם גיהנם אזו וויא עש שטייט פדה נפשי מעבור בשחת אונ ווידער והפדה דאש איז איין עצה צוא אים ער זאל זיך אויש לייזין מיט תשובה דאש הייששט אין צווייען והפדה ער זאל זיא אויש לייזין מיט תשובה דער נאך והפדה וועט ער זיא אויש לייזין פון דעם גיהנם לעם נכרי לא ימשול למכרה ווער איז עם נכרי דען וויא זיא גייט ארויש פון דער וועלט אונ גייט ארויף אז זיא איז זוכה זיינען פאר האנדין כמה חיילות קדושים וואש שטייען אין וועג פון דעם גן עדן צוא באהעפטין זיך אין איר אונ ברייינגען זיא אריין אין גן עדן איז זיא חלילה ניט זוכה זיינן אן גיברייט כמה חיילות נכרים מלאכי חבלה אין איר זיך נוקם זיין אונ אריין ברייינגען זיא אין גיהנם דרום זאגט דר פסוק לעם נכרי לא ימשול למכרה בבגדו בה דיא הייליגע נשמה וועט ניט ווערין איבער גיענטפערט צוא זייא בבגדו בה ווייל זיא גייט אין דעם קלייד וואס הקב"ה האט זיא אן גיקלייד אזו קען קיינער קיין שליטה ניט האבין אין איר אז זיא איז זוכה ואם לבנו ייעדנה קום אונ זעה וויא דער מענטש דארף גיזהר זיין ער זאל ניט אפ קערין פון דעם גוטין וועג אויף דר וועלט דען ווען דר מענטש איז זוכה אונ היט זיא אויף דער וועלט אזו וויא עס גיהער צוא זיין אזו באגערט הקב"ה אין אים אונ בארימט זיך מיט אים אלע טאג בפמליא של מעלה אונ זאגט זעהט דאס הייליגע קינד וואס איך האב אויף דער וועלט אזו אונ אזו טוט ער אונ אזו זיינען זיינע מעשים ווען דיא נשמה גייט ארויש לויטער אונ ריין אזו דער לייכט זיא הקב"ה מיט ווי פיל ערלייא ליכט ער רופט אויש אלע טאג אונ זאגט דאס איז דיא נשמה פון מיין זון דרום שטייט ואם לבנו יעדנה כמשפט הבנות יעשה לה וואס איז דער

משפט הבנות דאס איז אגרוישער סוד צוא דיא חכמים עס איז פאר האנדין אויבין איין היכל וואס הייסט היכל אהבה וואס אין דעם זיינען פאר בארגין אלע אוצרות של מעלה דארטין גייען ארין דיא נשמות וואס זיינען דיא ליב האבער פון דעם מלך ווען דער מלך עליון קומט ארין אונ גיפינט זייא דארטין איז ער זיי מחבק אונ מנשק אונ ברענגט זייא אויף מיט זיך אונ איז זיך מיט זיי משתעשע דאס הייסט כמשפט הבנות אזו וויא איין פאטער טוט זיין גיליבטע טאכטער ער גיט איר גרוישע מתנות אזו אויך טוט הקב"ה צו דער נשמה אזו וויא עס שטייט יעשה למחכה לו אזו וויא ער איז זיך משלים אויף דער וועלט אזו איז אים הקב"ה משלים אויף יענער וועלט אזו וויא עס שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך ע"כ דער סבא טוט זיך פאר שפרייטין אונ מתפלל זיין ער וויינט אזו וויא פריער אונ זאגט אם אחרת יקח לו וואס מיינט מען אם אחרת ווען דען הקב"ה געבין צוא דיא צדיקים איין אנדער נשמה דער נאך אונ ניט דיא ערשטע נשמה וואס זיא האט זיך משלים גיוועזן מיט אים אונ האט גיטאן דעם ווילין פון הקב"ה אויב עס איז ווידער אזו איז דאך חס ושלום גאר קיין הבטחה ניט צוא דיא צדיקים ער הייבט אן צוא זאגין עס שטייט וישוב העפר אל הארץ כשהיה והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה דעם פסוק האט מען גידרשט אויף חורבן בית המקדש דאס דיא ערד איז ווידער גיווארין אזו וויא זיא איז גיוועזן אזו וויא עס שטייט והכנעני אז בארץ אז דיא קליפות האבין ווידער דרויף אשליטה [...] והרוח אונ דיא שכינה דאס איז דער רוח הקודש תשוב האט זיך ווידער גיקערט אז זיא האט דאס דער זעהען דאס איז זיא האט גיצויגין צעהען מסעות פון דעם קודש הקדשים אונ האט אלץ גימיינט אז דיא ישראל וועלין נאך תשובה טאן פאר הקב"ה אונ אז דער צד הקליפות האבין שולט גיוועזן אין ארץ ישראל איז זיא ווידער ארויף גיגאנגען אונ האט זיך אפ גיטאן אזו האבין דיא רבנים מפורש גיוועזן דעם פסוק · קום אונ זעה דער רוח פון אצדיק דער ווערט גיקריינט אין זיין גישטאלט בגן עדן של מטה אונ אלע שבת אונ יום טוב אונ ראש חודש ווערין זייא גיקריינט אונ זיינען אן גיבריט אונ צוא שפרייטין זיך ארויף גיין אין גן עדן העליון אונ אזו וויא הקב"ה טוט מיט דיא נשמות אין גן עדן העליון וואס זייא זיינען דארטין אזו טוט ער צוא דיא רוחות בגן עדן של מטה אז זייא גייען ארויף פאר אים אונ מען זאגט דאס איז דער רוח של פלוני מיד תיכף קריינט הקב"ה צוא דעם רוח אונ איז זיך מיט אים משתעשע אויב דוא ועסט זאגין פון וועגין דעם רוח טוט הקב"ה ניט צוא דער נשמה אזו וויא ער האט פריער גיטאן עס איז ניט אזו נייערט שארה כסותה ועונתה לא יגרע די דרייא זיינען גרוישע סודות וואס איז אויבין אין גן עדן העליון וואס הייסט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו אונ זיא ווערט דער לייבט מיט אלע פאר בארגענע ליכט פון דעם עץ החיים דאס ווערט אלץ ניט גימינערט פון דער נשמה דאס איז אלץ איין נשמה פון אצדיק אבער אז דיא נשמה איז ניט אזו וויא עס דארף צוא זיין ווערט פון איר גימינערט דיא דרייא זאכין אונ זיא האט אפילו ניט איינש פון דיא דרייא דרום זאגט דער פסוק ואם שלש אלה לא יעשה לה הייסט זיא איז ניט זוכה דער צוא ויצאה חנם שטויסט מען זיא ארויש פון אויבין אין כסף דער כסף איז טייטש גלוסטיקייט אזו וויא עס שטייט נכספה וגם כלתה נפשי איז דאך דארטין די טייטש גלוסטין דאס מיינט מען זיא איז ניט זוכה צוא דיא גלוסטיגע עולמות פון דעם גן עדן ער זאגט

ווייטער גרוישע סודות דער נאך זאגט ער אזדער מענטש ווערט אלט דרייצעהען יאר ווערט ער איין בן צו דער שכינה אז דוד איז אלט גיווארן דרייצעהען יאר האט ער גיזאגט ה' אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך דרום ווייל פריער איז ער ניט גיוועזן קיין בן דאס איז ווייל עס האט נאך אויף אים ניט גירוט די היליגע נשמה דען די ערשטי דרייצן יאר הייסין שני ערלה דרום פון דעם אן הייב פערצעהען יאר זאגט הקב"ה אני היום ילדתיך דאס הייסט ער האט זוכה גיוועזן צוא דער נשמה הייסט ער שוין בן צוא הקב"ה דרום זאגט דער פסוק ואם לבנו ייעדנה פון דרייצן יאר אונ ווייטער וואס ער איז שוין ארויש גיגאנגען פון דיא שני ערלה כמשפט הבנות יעשה לה אזו וויא מען טוט אנדערע היליגע נשמות דען מיר האבין גילערינט אלע טאג פון דיא דרייצין יאר זעהט הקב"ה דאש קינד וויא ער גייט ארויש פון דיא קליפות אונ גייט אלע טאג אין בית המדרש צוא זיין רבי אונ צוא ברעכט דיא קליפות וואס ער איז דרינגען וואס טוט הקב"ה צו דר נשמה פירט ער זיא אין זיין חדר אונ גיט איר מתנות גדולות אונ צירט זיא מיט דעם צירונג של מעלה ביז זיא גייט לחופה נאך דרייצין יאר׃

אם אחרת יקח לו קום אונ זעה אום שבת אז דיא ישראל זיינען מקדש אין שול אזו קומען אראפ נשמות יחידות פון דעם עץ החיים אונ רוען אויף זייא אגאנצין שבת אונ אז שבת גייט אוועק גייען ווידער אלע נשמות ארויף אונ זייא ווערין גיקריינט מיט היליגע עטרות דורך דיא חידושי תורה וואס דער מענטש איז מחדש אום שבת אונ אויף דיא עטרות וואס דיא נשמה איז מקבל זאגט דער פסוק אם אחרת יקח לו חאטשע עס איז אים אן גבריט שארה כסותה ועונתה אזו וויא אויבין שטייט פון דעסט וועגין לא יגרע ווערט פארט ניט גימינערט זיא באהלט דיא עטרות פון די חידושי תורה אונ פון פריער זאגט דער סבא איך מוז דאך ווייטער זאגין כדי איך זאל ניט עובר זיין אויף דעם פסוק אל תמנע טוב מבעליו דאס הייסט מען זאל ניט פאר מיידין דאס גוטץ פון הקב"ה אונ הקב"ה איז דאך דא אונ אויך ווען איר זאלט ניט זיין קיין זכאים וואלט איר מיך ניט באגעגינט ער זאגט ווייטער סודות פון דער נשמה עס איז איין משל איין אהובה אונ איין יפת תואר ויפת מראה איז פאר בארגין אין איין היכל אונ זיא האט איין ליב האבער אונ דיא לייט ווייסין ניט אירע פאר בארגענעש וואו זיא זיצט פאר בארגין נייערט איר ליב האבער וואס זיין לב ונפש איז אלץ צוא איר אונ ווייסט אז פאר גרויש ליבשאפט וואס זיא האט אים וועט זיא זיך צוא אים בווייזין צוא דער וועקין דאש גרויש ליבשאפט אונ ער גייט צוא דעם הויז אונ רינגילט עש ארום אויף אלע זייטין ער הייבט אויף זיינע אויגן אויף אלע זייטין זיא ווייסט דאך וואול אז דער אוהב האפט זיא צו זעהען אונ ער גייט ארום דעם הוז וואש טוט זיא עפינט זיא דיא טיר פון דעם היכל וואו זיא איז פאר בארגין אונ ווייזט איר פנים צוא איר ליב האבער אונ ווערט תיכף פאר הולין · אלע וואש זיינען דער בייא זעהען גאר ניט נאר דער אוהב אליין · אזו איז דיא תורה זיא ווערט ניט אנפלעקט נאר צו אירע ליב האבער ווייל זיא ווייש וואול אז דער ליב האבער איז עובר ושב הין אונ אהער ער לערינט אונ וואלט גיגערין צוא פאר שטיין דאש פנימיות פון דער תורה וואס איז פר הולין אין דעם מלבוש הנגלה דען בווייזט זיא זיך אויף איין ארט אין סוד אונ פאר דעקט זיך ווייטר אלע לייט לערנען דאס אונ פאר שטייען עס ניט נייערט ער אליין אונ זיין לב



ונפש

ונפש איז אלץ צוא דער תורה אונ זיא איז זיך מגלה צוא איר ליב האבער בתחלה ווייניג קום אונ נעה אזו איז דער סדר פון דער תורה בתחלה אז זיא הובט זיך אן אנטפלעקין צו אים ווייזט זיא זיך ברמיזה פר שטייט ער עס איז גוט אונ אויב ניט שיקט זיא צו אים אונ בפעלט צוא אים לאז דער שוטה קומען אזו וועל איך מיט אים ריידין דאש מיינט דער פסוק מי פתי יסור הנה רופט זיא אים צוא זיך אונ הייבט מיט אים אן צוא ריידן אונטער דעם פרוכת ביז ער הייבט אן צוא פר שטיין דיא תורה דרך דרש דער נאך טוט זיא מיט אים ריידן אידלער דאש איז אגדה דער נאך אז ער איז שוין גיוואנט מיט איר בווייזט זיא זיך צוא אים פנים אל פנים אונ רעט מיט אים אלע רזין סתימין אונ אלע אירע פאר בארגנש אלע וועגין וואס זיא האט אין הארץ אונ עס איז פר בארגין מימים קדמונים אונ דענשט מאל איז ער אגאנצר מענטש איין בעל תורה ער איז דר העיר פון דעם הויז אלע אירע סודות ווייסט ער אונ עס ווערט ניט פר הולן פון אים אונ זיא זאגט בתחלה האב איך דיר גוויזין דרך רמז דאס איז אלץ גוועזן רזין סודות עליונים דער עיקר איז מען זאל ניט מוסיף זיין אונ ניט מינערין אפילו איין אות אין דער תורה דרום גיהער דער מענטש רודף זיין נאך דער תורה צו זיין איר ליב האבער וועט זיא זיך צו אים אנטפלקן ער זאגט ווייטר גרושע סודות מען קען זיי ניט ארויס שרייבן דר נאך קושט ער זיי אונ בענשט זיי אונ זיא זיינען אוועק גגאנגען אז זיא זיינען גיקומען צוא רבי שמעון דער ציילין זיא אים וויא דער סבא האט זיא מגלה גיוועזן סודות התורה האט ער זיך זייער גפרייט אונ פאר וואונדערט זיך אונ זאגט איר זייט גיוועזן מיט איין אריה עליון גבור חזק אזו אשטארקער לייב וואס כמה גבורים זיינען אנטקעגן אים נישט אין דער תורה אונ איר האט אים באלד ניט דער קענט איך פאר וואונדער מיך וויא אזו איר זייט ניצול גווארן פון זיין עונש נייערט הקב"ה האט אייך בגערט מציל זיין ער לייענט אויף זיא דעם פסוק ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום וגו' אונ עס שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ וגו' ע"כ מן ר' ייסא סבא:

## רעייא מהימנא

פקודא די מצוה נאך דעם איז מען זאל אום קערן איין אבידה אונ דר נאך איז א מצוה מען זאל איין גזילה אום קערן זאגט דר בוצינא קדישא רבי שמעון צו משה רבינו וואס ער הייסט רעיא מהימנא דוא רועה נאמן הקב"ה וועט דיר אום קערן דיין אבידה וואס דוא האשט פאר לארין איבער דעם ערב רב וואש זייא האבין גימאכט דאש עגל דריבער איז גיפאלין דיין כלה דאש זיינען דיא לוחות אזו וויא דער פסוק זאגט וישלך מידיו את הלוחות דרום איז צוא דיר גיזאגט גיווארין לך רד הקב"ה האט דיר מרמז גיוועזן דיא ירידה בגלות הרביעי עס שטייט הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר דא איז מרומז דיינע גלגולים דוא מוזט נידערין אין גלות וועגין דיין כלה בת יחידה דיא היליגע וואש עס שטייט נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל אונ אז דוא וועשט צוא איר נידערין אין גלות וועט זיא דורך דיר אויף שטיין דאש איז השבת אבידה אונ דיא תורה איז אויף גינאנגען אנטקעגין דיר וואו דיא וואשער פון דעם באר אונ אזו אויך וועט דיר הקב"ה אום קערן דיין גזילה עס שטייט ויגזול את החנית מיד המצרי המצרי בטרעפט משה אונ אין גלות וועט ער אפ שיידין ערי מקלט צוא בשירמן דיך פון פיל נאך יאגער וואש יאגין דיך נאך וואש האט קיין סוף ניט דען דוא האשט אין מצרים אום גיבראכט דעם מצרי וואש אין אים איז גיוועזן דער נחש הקדמוני מיט אירע חיילות אונ דוא האשט אים גיהרגית פאר דער צייט אונ האשט זיך ניט גיפארכטין פאר אלע נאך יאגער וואש האבין דיך נאך גיאגט כמה נשים נעמ"ה אגר"ת לילי"ת אונ הקב"ה האט דיר גיגעבין ערי מקלט בשירמעט צוא ווערין פון זיא דאש זיינען דיא שערי תשובה ׳ ווייטער קען מען ניט שרייבין בדרך נגלה עש זיינען גרוישע סודות עליונים:

ואל משה אמר עלה אל ה' ער זאל מיט זייא ארין גיין בברית דען אצונד האבין זייא מקיים גיוועזן מצות פריעה דען אין מצרים האבן זייא זיך נאר מל גיוועזן אן פריעה אונ אצונד שטייט שם שם לו חוק ומשפט זייא האבין מקיים גיוועזן מצות פריעה ושם נסהו מיט דעם אות ברית קודש אצונד האבין זיי כורת ברית גיוועזן דורך משה אזו וויא עס שטייט ויקח משה חצי הדם וישם באגנות וחצי הדם זרק על המזבח ונגש משה לבדו אל ה' וואל צו דעם חלק פון משה וואס ער האט גיהאט אזו איין מדריגה צו גנעהנן אליין צוא גאט וואס קיינער האט דאס ניט זוכה גיוועזן אונ דיא ישראל האבן אצונד זוכה גוועזן וואס זייא האבן ביז אהער ניט זוכה גיוועזן ׳ באותו שעה האבן זייא גיקריגין איין קיום בקיום: העליון הקודש אונ מען האט זייא אבשורה גזאגט אז הקב"ה וועט רוען צווישין זייא אין בית המקדש אזו ווי עס שטייט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם:

ויראו את אלהי ישראל ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר אין דעם גשטאלט וואש הקב"ה וועט לעתיד בויען דאש בהמ"ק אזו וויא עש שטייט ויסדתיך בספירים ׳ ואל אצילי בני ישראל וכו' דאש זיינען נדב ואביהוא וואש זייא האבין נהנה גיוועזן מזיו השכינה וואלט זייא תיכף גיקומען זייער עונש נאר הקב"ה האט זייא גיווארט אויף איין שפעטער צייט רבי זאגט ויאכלו זייא האבין בוודאי גיגעסין אונ האבין זיך גישפייזט דער מיט אונ זייא זיינען אצונד ראוי גיוועזן דער צוא אונ דער מיט האבין זייא נאר ניט גיזינדיגט נייערט דער נאך האבין זייא גיזינדיגט רבי אלעזר זאגט אפילו דיא ישראל זיינען א"ך ראוי גיוועזן דער צוא מקושר זיין אין דער שכינה מכח דעם ברית וואש זייא האבין מקיים גיוועזן אונ האבין דיא תורה מקבל גיוועזן אונ האבין דיא זכיה ניט גהאט צוא זעהן אזו ווי די צייט ביז לעתיד לבא איז הקב"ה אן גבריים זיך אנטפלעקין צוא דיא ישראל מיט אלע זיינע כבוד צוא ווערן גזעהן עין בעין אזו וויא עס שטייט כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון נאך שטייט ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדו וגו':

ויבא משה בתוך הענן ער הייבט אן עס שטייט אמרתי לא אראה יה יה בארץ החיים לא אביט אדם עוד עם יושבי חדל וויא גאר זיינען פאר שטאפט דיא לייט וואש זייא ווייסין ניט אונ זיינען ניט משגיח אין דער תורה אונ ווילין נאר זעהען וועלט זאכין אונ עש ווערט פאר געסין פון זייא דער רוח החכמה דען ער ווערט גמשפט נאך זיינע מעשים נאך אונ דארף אפ געבן דין וחשבון פאר הקב"ה אז ער שטארבט אונ זעהט וואש ער זעהט איידר ער קומט אויף יענר וועלט קומט ער פאר אדם הראשון ער זיצט פאר דיא טויערין פון דעם גן עדן צוא זעהען אלע וואש היטין דיא מצות פון הקב"ה אונ ער פרייד זיך מיט זייא אונ כמה צדיקים שטייען ארום אים זייא הייסין יושבי חדל אונ ניט יושבי חל׳ חייל זייא זיינען ניט גוועזן אזו וויא איין חולדה אווייזילע וואש עש שלעפט אונ לאזט ליגין ׳ אונ ווייסט ניט פאר וועמען ער האט דאש אן גיגרייט נייערט יושבי חדל אזו וויא עש שטייט חדלו לכם

מן האדם פאר מייד איך פון דעם גיהנם אונ שטארקט זיך צוא זיין אין גן עדן אונ ווידר יושבי חדל איז טייטש בעלי תשובה וואס האבן זיך פר מיטין פון דעם וועג פון די רשעים דרום זיצן זיי אויף דער טיר פון דעם גן עדן אונ זיינען זיך משמח מיט די וואש קומען אין גן עדן אריין קום אונ זעה חזקיה המלך האט גדארפט שטארבין האט ער מתפלל גיוועזן צוא הקב"ה האט ער אים מוסיף גוועזן פופצין יאר אונ ער זאגט אמרתי לא אראה יה איך האב גימיינט איך וועל שוין ניט זוכה זיין צו זעהן יה בארץ החיים ווען דיא נשמות גייען ארויף אין צרור החיים צוא זעהן דאש גרוישע אור וואס הייסט אספקלריא המאירה מוזן זיך דיא נשמות צום ערשטן אן קליידן מיט דעם מלבוש פון אירע מעשים טובים אזו אויך משה האט ניט גקאנט ארויף גיין ביז ער איז גקומן אין איין ענן אונ דאס איז גוועזן צוא אים איין מלבוש דרום האט ער גזעהן וואס ער האט גזעהן דרום זאגט ער אמרתי איך האב גמיינט איך וועל שוין ניט זוכה זיין צוא זעהן אדם הראשון מיט דיא יושבי חדל וואס זיינן מיט אים וייל ער האט ניט גנומן קיין אשה ער זאל האבן מיט איר קינדר דרום האט אים ישעיה הנביא גזאגט צו לביתך כי מת אתה ולא תחיה כי מת אתה מיינט מען בעולם הזה ולא תחיה איז בעולם הבא אונ דער נאך אז ער האט גנומן די טאכטער פון ישעיה האט ער גזאגט דאס וואס אויבין שטייט אמרתי וגו' ומה דאך חזקיה וואס האט גהאט זכות אבות אונ איז גוועזן אגרושר צדיק וחסיד האט ער אזו גזאגט איז שוין אכל שכן אנדרע וואס האבן ניט קיין זכות אבות אונ זינדיגין פאר הקב"ה וויא וועלין זייא נעמן אובין איין לבוש צוא דער נשמה וואס דער לבוש הייסט חלקא דרבנן חאל דער חלק פון די צדיקים וואס הקב"ה האט פון זייערט וועגן בהאלטין כמה טובות ותענוגים לעולם הבא אויף זייא שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך:

# פרשת תרומה

וידבר ה' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה דיא ישראל זיין

אפ גשייד גתארן צוא מיר נאר איך האב איבר זייא צוא שאפין ניט דיא שרים של מעלה רבי יוסי זאגט עס שטייט ויקחו לי תרומה דאש מיינט מען ווער עס איז זיך משתדל אונ וויל טאן איין מצוה מוז ער זעהן עס זאל ניט זיין חלילה אום זיסט אן געלט אונ אן כח נייערט וועדליג זיין כח אונ זיין פר מעג אזו וויא עס שטייט איש כמתנת ידו כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך וועשטו וועלין פרעגין עס שטייט דאך אבר לכו שברו ואכלו ולכו שברו בלא כסף ובלא מחיר יין וחלב דאס גייט דאך אויף דיא השתדלות פון הקב"ה זאגט ער עס אלא זאל זיין אום זיסט אן געלט דאס השתדלות פון דער תורה איז פרייא ווער עס וויל אין דעם זוכה זיין קען ער דר קענן דיא השתדלות פון הקב"ה דעם דאזיגין מענטשין איז גרינג ווער עס וויל קען דער צוא זוכה זיין אן געלט אבער אזעלכע השתדלות וואס הייסט אן אין איין מעשה טאר מען ניט נעמן אום זיסט דען ער קען ניט זוכה זיין דורך דער מעשה ער זאל אויף זיך ציהן דעם רוח הקודש נאר אז ער טוט דאס מיט געלט אין דעם ספר שלמה המלך שטייט דארט אזו ווער עס וויל זיך משתדל זיין אפ טאן דעם רוח הטומאה פון זיך אונ אים אונטר טעניג מאכין דען דיא מעשה וואש ער וויל מיט איר פועל זיין מוז ער זיא קויפין פאר געלט וויא פיל מען וויל פאר דער מנוח נאר דער רוח הטומאה איזו אן גיבוייט אום זיסט אנשכר ער רוט אויף דעם מענטשין אונ רעט זייא איבער צוא וואגען מיט זייא אונ פירט זייא אראפ פון דעם רעכטין וועג כדי ער זאל טאן זיין וואונג בייא זייא אבער דער רוח הקודש איז ניט אזו נייערט בשכר שלם אונ מיט פיל השתדלות אונ מיט גרויס טרחא אונ זאל זיך מתקן זיין בקדושה ובטהרה פון זיין גוף אונ מיט דעם רצון פון דעם הארץ נאך דעם הלואי זאל דאס אים העלפין אז דער שם הקודש זאל מאכין זיין וואונג בייא אים אונ אז ער איז שוין זוכה דער צוא מוז ער זיך פירין צוא גיין בדרך הישר ניט אפ קערין לימין ושמאול אונ אז ניט טוט זיך דיא קדושה תיכף אפ פון אים אונ ווערט שוין ווייט אפ גיטאן פון אים אונ קען שוין אזו גיך ווידער ניט בקומען דיא דרגה דרום שטייט ויקחו לי תרומה מאת כל איש פון דעם וואס הייסט איש איין שטארקר מענטש וואס שטארקט זיך איבער דעם יצר הרע אונ באגערט מיט זיין ווילין אונ הקב"ה וואס הייסט לב אזו וויא עס שטייט לך אמר לבי נאך שטייט צור לבבי וטוב לב וייטב לבו דאש מיינט מען אלץ הקדוש ברוך הוא אזו דא אויך אשר ידבנו לבו מיינט מען צו הקב"ה וואס ער איז דאס לב תקחו את תרומתי נאר דארטין ווערט גפונען אונ פון וואנען ווייסן מיר אז הקב"ה מאכט זיין וואונג בייא זייא אז מיר זעהען אז דער ווילן פון דעם מענטשין איז מיט שמחה צוא הקדוש ברוך הוא דען ווייסן מיר אז דיא שכינה רוט אויף אים דען מוז מען דעם מענטשן קויפן פאר געלט אונ נאך זוכין מען זאל זיך מיט אים באהעפטן אדער צוא לערנען מיט אים דרום האבן דיא חכמים גזאגט וקנה לך חבר מען מוז אים קויפן צוא זוכה זיין בשכינה אונ מען מוז נאך יאגין נאך איין זכאי אונ אזו אויך דער זכאי מוז נאך יאגין נאך איין רשע אים צוא קויפין ער זאל פון אים מעביר זיין דיא זוהמא אונ דיא קליפות אונטער טעניג מאכן אונ זאל אים מתקן זיין דאס נפש איז גלייך וויא ער האט אים באשאפן אונ דער שבח וואש דורך אים גייט אויף צו הקב"ה איז מער וויא אנאנדר שבח ווייל ער איז גורם מכניע זיין דעם צד הטומאה אונ דער הויבין דעם כבוד פון הקב"ה דרום שטייט בייא אהרן ורבים השיב מעון ער האט פיל ווידער גיקערט פון זינד אונ עש שטייט בריתי היתה אתו החיים והשלום קום אונ זעה ווער עש איז איין רשע מחזיר למוטב ער זאל אוועק לאזן דעם שלעכטן וועג דער איז עולה אויף דרייא מעלות וואש איין אנדערער איז דער צו ניט זוכה איינש ער איז גורם מכניע זיין דעם צד הטומאה אונטער דער קדושה אונ איז גורם דאס הקב"ה איז עולה בכבודו אונ איז גורם מקיים צוא זיין די וועלט אין קיום של מעלה ושל מטה אויף אזו אמענטשין שטייט בריתי היתה אתו החיים והשלום ער איז זוכה צוא זעהען איינקליך אונ איז זוכה לעולם הזה ולעולם הבא אלע דינר של מעלה קענען אים ניט דן זיין בעולם הזה ובעולם הבא אונ ער גייט אריין אין די דרייצין שערים אונ קיינער ווערט אים ניט אויף אים שטייט גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך כלומר דאש איז אלץ זוכה דער וואש מאכט דער לייכטין דעם רשע פון זיין פינצטערנעש:

## תוספתא

מצוה דיא מצוה ויקחו לי תרומה איז צוא לערנען אלע טאג דעם שורש פון דער אמונה עליונה צוא ווישין דעם וועג פון הקב"ה דען דער וואס איז עוסק בתורה איז ער זוכה בעולם הזה ובעולם הבא אונ ווערט ניצול פון אלע מיני בייזע מקטריגים דען דיא תורה איז דער עיקר פון דער אמונה ווער עס איז עוסק אין דער תורה איז ער עוסק

ביחוד

ביחוד עליון · הקדוש ברוך הוא מאכט רוען זיין קדושה אויף אים און ער ווערט ניט אפ גיטאן פון אים און ווער עס וויישט דיא דברי תורה גיהער מען דאך נאך צו לערנען די זעלביגע רייד פון אים און מקיים צו זיין זיי מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי דאס איז די תורה פון דעם ים החכמה דיא תורה איז איין עץ חיים צוא געבין חיים צוא אלע וואס שטארקין זיך אין איר אזו וויא דער פסוק זאגט עץ חיים היא למחזיקים בה ער איז זוכה זיך מקשר זיין אין דער תורה עליונה און אין דער וועלט שווייגט ער ניט און אפילו אין קבר טוט ער ריידין מיט זיינע לעפצן אזו וויא דער פסוק זאגט דובב שפתי ישנים :

וזאת התרומה אשר תקחו וגו' דאס איז דאך גלערינט גווארין אז הקב"ה האט זיך אנפלעקט אויף דעם בארג סיני און האט געגעבין דיא תורה צוא דיא ישראל און עשרה מאמרות איז איטלעכער דיבור גווארין איין קול און דאס קול האט זיך צוא שייד אויף זיבעציג קולות און אלע האבן גלויבט און גפונקילט צוא דיא אויגין פון אלע ישראל און זייא האבן גזעהען עין בעין דיא ליכט פון כבוד עליון אזו וויא דער פסוק זאגט וכל העם רואים את הקולות און דאס קול האט התראה גטאן אין איטלעכין באזונדער פון דיא ישראל און האט צו אים גזאגט בישטו מיך מקבל אויף דיר מיט אזו פיל מצות התורה וואס איז אין מיר נכלל האט ער גיזאגט יוא האט זיך דאס קול אום גיקערט אויף זיין קאפ און האט זיך ארום גדרייט ארום זיין קאפ און האט צוא אים גזאגט בישטו מיך מקבל מיט אזו פיל עונשים אין דער תורה האט ער ווידער גזאגט יוא דערנאך האט דאס קול ווידער אום גקערט און איז גקומען אין זיין מויל אזו וויא דער פסוק זאגט ישקני מנשיקות פיהו און דיא ישראל האבן דיא צייט גזעהען איין אור וואס ער איז כולל אלע אורות און זייא האבין גיגלושט דער צוא און איצונד זאגט הקב"ה צוא זייא דאס ליכט וואס איר האט גזעהן אויף דעם בארג סיני וואש אייער חשק איז דער צוא זאלט איר דאס מקבל זיין און נעמט עס אייך דרום זאגט ער תקחו את תרומתי ווייטער זיינען גרווישע סודות אזו קומען דיא חברייא און קושין אים אויף זיין קאפ און זייא קומען פאר רבי שמעון און זיינען פאר אים מסדר דיא רייד ווייזט רבי שמעון און זאגט איך וייש בוודאי אז דער רוח הקודש העליון רוט אויף אייך וואול צוא דעם דור וואס זעהט דאס דען עס וועט שוין אזו איין דור ניט זיין ביז דיא צייט וואס משיח וועט קומען דען וועט זיך דיא תורה אום קערין צוא איר ארט וואול צוא דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא :

כתוב עס שטייט גשריבין ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור זאגט רבי שמעון דאס אור האט הקב"ה באהאלטין צו דיא צדיקים לעולם הבא אזו וויא מען האט גזאגט עס שטייט אור זרוע לצדיק און דער אור האט ניט משמש גוועזן אויף דער וועלט נייערט דעם ערשטין טאג דער נאך איז ער פאר בארגן גווארין זאגט רבי יהודה ווען דער אור זאל גוועזן באהאלטין ווערין אין גאנצין וואלט דיא וועלט ניט גקענט שטיין אפילו איין רגע נאר הקב"ה האט עס באהאלטין און האט עס גיזייט וויא מען זייט תבואה און עס מאכט פירות און דער פון בלייבט דיא וועלט אויף זיין קיום און עס איז ניט דא קיין שום טאג וואס עס זאל ניט ארוים גיין פון דעם אור און דער פון האט ער איין קיום און אויך אלע ערטער וואס זיינען עוסק בתורה ביינאכט אזו גייט ארוים פון דעם אור און ווערט גיצויגין אויף זייא דרום שטייט יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי אין דעם טאג וואס דאס משכן איז אויף גשטעלט גווארין שטייט ולא יכול משה לבוא אל אוהל מועד כי שכן עליו הענן דער ענן איז גוועזן פון דעם ערשטין אור איז ער היינט ארויס גיקומען מיט דער שמחה פון דער שכינה אז זיא איז אריין גגאנגען אין משכן פון משה און פון דעם טאג אן וואס דער אור איז באהאלטין גווארין איז ער ניט אנפלעקט גווארין נייערט ער איז מחדש אלע טאג מעשה בראשית · רבי יוסי האט זיך גימיט אין דער תורה און מיט אים איז גיוועזן רבי יצחק און רבי חזקיה זאגט רבי יצחק מיר זעהען אז דאס מעשה משכן איז גלייך גיוועזן צו מעשה בראשית אזו וויא די חכמים האבין גיזאגט אבער צוא פאר שטיין רעכט דיא סודות קענען מיר ניט זאגט רבי יוסי ברייננט אויף דיא רייד צוא דעם הייליגין רבי שמעון בן יוחאי דען ער טוט רעכט אן גרייבין דאס גקעכטש און מאכט עס זיס און גשמאק מיט דעם טעם אזו וויא הקב"ה האט אן גיגרייט מיט זיינע מדריגות ער קען רעכט קאכין קיין שום מענטש באדארף שוין אין דרינען קיין זאלץ ניט אריין טאן כלומר אז ער איז מגלה איין סוד באדארף שוין ווייטער מער קיין טעם ניט האבין ווייל ער איז מגלה מיט אלע סודות וטעמים און נאך מער פון זיין עסין וואס ער מאכט קען א מענטש עסין און טרינקען און צוא דער פילין זיך זיין בויך מיט אלע תענוגים שבעולם און זאל נאך איבער לאזין אויף אים ווערט מקוים ויתנו לפניהם ויאכלו ויותירו כדבר ה' ער הייבט אן עש שטייט וה' נתן חכמה לשלמה כאשר דבר לו וגו' דעם פסוק האבין מיר שוין גילערינט אויף וויפיל ערטער נתן איז טייטש ער האט אים גשיינקט אזו וויא איינער גיט צוא זיין ליב האבער א מתנה ער האט אים גגעבין שלימות החכמה עושר און כבוד וממשלה דיא אלע זיינען נכלל אין דער חכמה ויהי שלום בין חירם ובין שלמה ווייל זייא האבין זיך מגלה גיוועזן אלע סודות וואס אנדערע לייט האבין ניט גיוואושט דען שלמה האט גיזעהען אז אפילו זיין דור וואס איז אין אים מער שלום וויא אין אנדערע דורות איז פארט ניט גיוועזן דער רצון פון הקב"ה אז דיא חכמה זאל אנפלעקט ווערין אין דער תורה וואס זיא איז סתום ונעלם האט ער אין דער תורה גיעפינט פתחים מיט זיין חכמה און פון דעסט וועגין איז זיא דאך פאר הוילין נאר צוא דיא חכמים וואס זיינען זוכה צוא דיא סודות התורה זיינען זייא מגמגם אין זייא און קענען ניט רעכט עפענען זייער מויל אבער דער דור וואס רבי שמעון איז דרינען איז דער ווילין פון הקב"ה אז עס זאל אנפלעקט ווערין פון וועגין רבי שמעון די סודות התורה דורך אים אבער איך טוא מיך פאר וואונדערין אויף דיא היינטיגע חכמי הדור אז זייא זאלין רוען אפילו איין רגע פון עוסק זיין בתורה כל זמן רבי שמעון לעבט נאך אויף דער וועלט ווייא צוא דעם דור וואס רבי שמעון וועט אוועק גיין פון דער וועלט און דיא חכמים וועלין זיך מערין און דיא סודות התורה וועלין פאר געסין ווערין פון דער וועלט זאגט רבי יצחק וודאי איז אזו דען אמאל בין איך גיגאנגען אין וועג מיט אים האט ער נאר גיעפינט זיין מויל אין דער תורה האב איך גיזעהען וויא איין עמוד הענן איז גישטאנען מלמעלה למטה און איין אור גדול האט גילייכט אין דעם עמוד הענן האב איך מיך זייער גפארכטין און האב גיזאגט וואול צוא דעם מענטשין וואס עס איז אים אן גיבריית אזעלכעש אויף דער וועלט וואס שטייט ביים משה וקמו כל העם והשתחוו איש פתח אהלו עס איז רעכט גוועזן צוא משה וואס ער איז גיוועזן איין נביא נאמן אויף דער גאנצער וועלט און דאס דור האבין מקבל

מקבל גיוועזן דיא תורה אויף דעם בארג סיני אונ האבין גיזעהען כמה ניסים וגבורות אין מצרים אונ אויף דעם ים דאס האט צו זייא בדארפט אזו זיין אבער בדור הזה איז נאר דער זכות פון רבי שמעון אזו פיל גורם אונ עס ווערין גזעהען נסים נאר דורך אים :

ותכלת זאגט רבי יצחק תכלת ווערט גיפארבט פון דעם פיש וואש ווערט גיפונען אין ים כנרת אין חלק פון זבולון דיא פארב האט מען גימוזט האבין ביא דעם משכן דען דער גשטאלט פון תכלת האט גימוזט דרויף גיזעהען ווערין ער הייבט אן עס שטייט ויאמר אלהים יהי רקיע דער רקיע איז באשאפין גווארין אין דעם אנדערין טאג מצד השמאל דאס מיט אים איז באשאפן גווארין דער גיהנם אונ דרום שטייט ניט ביא דעם אנדערן טאג כי טוב ווייל עס איז באשאפן גווארין דער מלאך המות וואס ער הייסט חושך דאס ער מאכט פינצטער דאס פנים פון דיא לייט אויב דוא וועסט פרעגין עס שטייט דאך וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד זאגין דאך אנדערע חכמים אז דאס מיינט מען דעם מלאך המות ער איז זייער גוט ווארום שטייט ניט כי טוב ביא דעם אנדערין טאג איבער דעם מלאך המות נאר דער סוד איז דער פון דער מלאך המות איז בוודאי זייער גוט ווייל דורך אים זעהן דיא מענטשן אז זייא וועלין שטארבן דרום זיינען פיל מענטשן חוזר בתשובה פאר זיין מורא אוך פארכטן זייא זיך צו זינדיגן פיל פארכטן זיך פאר הקב"ה ווייל זיין רצועה איז פאר זייא צוא שלאגן דער מיט וויא גוט איז דיא רצועה צוא דיא לייט אז איבער איר זיינען זייא גוט אונ גייען אין רעכטין וועג וויא עס גיהער צוא זיין דרום שטייט והנה טוב מאוד אבער וואס מיר האבן גלערינט פון דער היילינגער ליכט רבי שמעון בן יוחאי והנה טוב דאס איז דער יצר טוב מאוד דאס איז דער מלאך המות ער איז זייער גוט ווארום אז הקב"ה האט באשאפין דיא וועלט האט ער אלץ מתקן גוועזן איידער אדם הראשון איז באשאפין גווארין דער נאך האט ער אים באשאפין אונ מתקן גוועזן בדרך אמת אזו וויא עס שטייט אשר עשה האלהים את האדם ישר וגו' דער נאך אז ער האט גזינדיגט איז ער פאר טריבין גיווארין פון דעם גן עדן · איין גן עדן האט הקב"ה גיפלאנצט למטה אזו וויא עס שטייט ויטע ה' אלהים גן בעדן מקדם אונ ער איז אין דעם גישטאלט פון גן עדן של מעלה אונ אלע גישטאלטין פון גן עדן של מעלה זיינען גוועבט אונ גמאלט אין גן עדן של מטה אונ אלע צורות אונ גשטאלטן וואס זיינען פאר האנדן אויף דער וועלט דיא זיינען אלע דארטין אויש גימאלט אונ דאס ארט איז איין וואונונג צוא דיא רוחות הקדושים הן צו דיא וואס זיינען שוין גוועזן אויף דער וועלט והן צו דיא וואס זיינן נאך ניט גוועזן אונ די וואס זיינן אן גיברייט צו קומען אויף דר וועלט אונ דארטן זיינן אלע רוחות זיך מתלבש אין אזעלכע מלבושים וגופים וואס זיינן גוועזן אויף דר וועלט אונ דארטן זעהן זיי די ליכט פון זייערע הערין ביז זייא קומען אויף דער וועלט אין דעם גוף ולבוש החומר אריין אזו ווערין זייא אויס גיטאן אונ ציהן אראפ פון זיך יענם לבוש אונ זיינען זיך מתלבש אין דעם גוף אריין אונ ווען דיא צייט קומט ער זאל אוועק גיין פון דער וועלט גייט ער ניט אוועק ביז דער מלאך המות קומט צוא גיין אונ ציהט אויש דעם רוח פון דעם לבוש הגוף פון דער וועלט אזו גייט דער רוח ווידער אין גן עדן אריין אונ איז זיך מתלבש אין דעם לבוש פון פריער וואס ער איז איידער וואס ער האט גיהאט איידער ער איז גיקומען אויף דער וועלט אונ עס איז קיין גרעשערע שמחה ניט פאר האנדין צוא דעם רוח אין דער צייט אז ער איז זיך ווידער מתלבש אין דעם לבוש פון דעם גן עדן אונ פרייט זיך זייער וואס ער האט זיך אויס גיטאן פון דעם גוף אונ דורך יענעם לבוש פון דעם גן עדן ווייסט זיא סודות עליונים אונ זעהט · אונ דורך דעם האט דער רוח כמה תענוגים ווער איז דאש גורם אז דער רוח זאל האבין אזעלכע תענוגים דאס האט אלץ דער מלאך המות גורם גיוועזן וואס ער האט זיא אויס גצויגין פון דעם גוף עולם הזה אונ הקב"ה טוט זייער איין טובה גדולה זיינע בשעפניש וואש ער בשאפט זייא איין לבוש איידער ער ציהט זייא אויס פון דעם גוף עולם הזה אונ זייא בקומען איין בעשערין לבוש חוץ פון דיא רשעים וואס האבין ניט גיטאן קיין תשובה שלימה צוא הקב"ה זייא קומען נאקעט אן איין לבוש בעולם הזה אונ גייען אוועק אן אלבוש פון דער וועלט מיט חרפה ובושה אויך איז פאר האנדין אזעלכע וואס ווערין גימשפט אין גיהנם וואס איז אויף דער וועלט מיט דעם אש של מעלה אטייל פון זייא שרייען אונ גייען אויף פון דעם גיהנם דאס זאגין דיא רשעים וואש האבין מהרהר בתשובה גיוועזן אונ האבין ניט גיקאנט טאן קיין גאנצע תשובה דיא איז מען דן אין גיהנם אונ דער נאך זיינען זייא מצפצף אונ גייען אויף · קום אונ זעה דאס רחמנות וואש הקב"ה האט אויף זיינע בריות אפילו ווען ער איז אנרוישער רשע ווייל ער האט נאר מהרהר בתשובה גיוועזן אונ מער האט ער ניט גיקאנט טאן אונ איז גישטארבין איז ער בוודאי מקבל זיין עונש ווייל ער איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט אן תשובה אבער די מחשבה טובה גייט ארויף פאר הקב"ה אונ נידערט אראפ אונ צוא ברעכט אלע כוחות פון דיא שערי גיהנם ביז זיא קומט אויף דעם ארט וואו דער רשע איז אין גיהנם אונ דער וועקט אים דיא מחשבה וואס ער האט גיהאט פריער דען ער איז מצפצף ועולה אונ גייט ארויש פון דעם גיהנם וואס הייסט שאול אבער דער מענטש וואס האט ניט גיהאט קיין מחשבה טובה תשובה טאן דער ווערט פאר לארין פאר הקב"ה וואו"ל צוא דעם מענטשין וואס טראכט גוטע מחשבות פאר הקב"ה דען רעכינט מען אים דאס גלייך וויא ער וואלט מקיים גיוועזן אבער אשלעכטע מחשבה איז הקב"ה ניט מצרף למעשה נאר דיא מחשבה פון עבודת כוכבים אונ האבין ניט מהרהר בתשובה גיוועזן דיא גידרין אין גיהנם לדורי דורות אונ גייען שוין קיין מאל ניט ארויס פון דעם שאול אויף זייא שטייט כלה ענן וילך כן מוריד שאול לא יעלה אונ אויף דיא וואס זיינען מהרהר בתשובה שטייט ה' ממית ומחיה מוריד שאול ויעל רבי יהודה זאגט דער דין פון דעם גיהנם האבין מיר גילערינט דאש מען איז דן דיא רשעים אין דעם פייער פון דעם גיהנם ווארום דארט איז אפייער וואש ברענט טאג אונ נאכט אזו וויא דיא רשעים ווארימין זיך מיט דעם פייער פון דעם יצר הרע עובר זיין אויף דער תורה אין דער צייט דער היצן זייא דעם גיהנם · אמאל האט מען גיוואלט הרגנין דעם יצר הרע אזו האבין זייא אים אריין גיבראכט אין נוקבא דתהומא רבה אונ האבין אים פאר חתמית בחותם של ברזל איז אין דער צייט פאר לאשין גיווארין דאש פייער פון דעם גיהנם ווייל קיין יצר הרע איז ניט גיוועזן אויף דער וועלט אונ האט ניט גיברענט אבער אז דער יצר הרע איז ווידער אראפ גיקומען אויף דער וועלט האבין זיך דיא רשעים אן גיהויבין מיט אים דער היצן מיט זיין פייער צוא זינדיגן האט ווידר אן גיהויבן דאש פייער פון דעם גיהנם צוא ברענן ווארום דער גיהנם ברענט נאר פון דער היץ פון דיא רשעים וואש זייא דער היצן זיך

מיט דעם יצר הרע דרום ווערט דאש פייער פון דעם גיהנם ניט פארלאשין טאג אונ נאכט עש איז פאר האנדין זיבין מדורי גיהנם אונ דער יצר הרע האט אויך זיבין נעמין אזו וויא עס שטייט ווייטער בפרשת קרח:

ואת המשכן תעשה עשר יריעות רבי יהודה זאגט עס שטייט ברוב עם הדרת מלך דאש זיינען דאש שיינקייט פון הקב"ה נאך מער ווען הקב"ה קומט אין שול אונ דאש פאלק קומען אלע מיט אמאל אונ זיינען מתפלל אונ לויבין צוא הקב"ה דען איז דאש איין שיינקייט צו הקב"ה אונ דעמאלט ווערין צוא בראכין אלע שלטונות של מעלה פון זייער מעלה אונ אלע ממונים וחיילות של מעלה וואש זיינען גיוועזן מתוקן בתיקון המלך דרום ווייל אז דיא ישראל זיינען מסדר למטה זייערע תפלות ובקשות צוא הקב"ה אזו זיינען אלע חיילות עליונים מסדר זייערע שבחות מתקן צוא זיין דעם תיקון הקודש מיט זייערע תקונים של מעלה דען דיא חיילות עליונים זיינען חברים צוא דיא ישראל משבח צוא זיין צוא הקב"ה מיט אמאל אויף צוא ברייניגן דעם כבוד הקב"ה למעלה ולמטה מיט איין מאל אונ אז דיא עליונים ברייטין זיך אן צוא זיין חברים צוא דיא ישראל- אונ דיא ישראל קומען ניט אין שול אריין מסדר צוא זיין זייערע תפילות ובקשות אונ צוא לויבין למלך עליון דען ווערט צוא בראכין דאש שלטונות פון דיא הייליגע קדושים עליונים פון זייער תיקון דען זייא קענען ניט עולה זיין מיט זייער תיקון אזו וויא עס גיהער צוא זיין דען דער שבח פון הקב"ה איז נאר אז דיא עליונים ותחתונים לויבין אים מיט איין מאל אין איין שעה אונ אפילו עס איז ניט דא קיין פיל מענטשין אין שול נאר צעהן זיינען שוין דיא חיילות עליונים אן גיברייט צוא זיין חברים מיט זייא ווייל דער תיקון של מעלה איז בעשרה דרום אז עס קען ניט זיין מער פון צעהן איז גינוג צעהן דרום שטייט אויך בייא דעם משכן ואת המשכן תעשה עשר יריעות:

ועשית את הקרשים למשכן עצי שטים עומדים אליך אזו וויא עס שטייט למעלה שרפים עומדים ממעל לו דען דיא מעשה קרשים איז אליך גיוועזן אזו וויא למעלה דרום אזו וויא בייא זייא שטייט עומדים אזו שטייט בייא דיא קרשים אויך עומדים דען אלע מלאכים וחיילות של מעלה מוזין שטיין אזו וויא דער פסוק זאגט ונתתי לכם מהלכים בין העומדים האלה עס שטייט מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר מיר האבין דאך גילערינט וויא עס שטייט פריער מזמור אונ דער נאך לדוד ווייזט עס אז דיא שכינה איז פריער גיקומען צוא אים איידער ער האט גיזונגען דעם מזמור אונ אז עס שטייט לדוד מזמור איז צוא ווייזין אז ער האט פריער גיזונגען אונ פאר וואס האט זיך דא דיא שכינה מקדים גיוועזן דרום ווייל דער מזמור רעט פון מזונות אונ אלע מזונות נידערין דורך דער שכינה דרום האט זיא זיך גפעדערט זאגט דוד ה' רועי אזו ווי איין פאסטוך פירט זיינע שאף אויף איין גוטער פאשע אזו איז הקב"ה מיין שפייזר· אנאנדער פשט איז ה' רועי מיר האבין גילערינט אז די מזונות פון דעם מענטשין איז שווער פאר הקב"ה אזו וויא קריעת ים סוף איז דא אין דעם צווייא פשטים איינש ווייל אלע מעשים פון הקב"ה זיינען בדין ובצדק אונ אויף דין צדק שטייט דיא גאנצע וועלט אונ אלע צייט איז ער דן צוא דער גאנצער וועלט צוא דיא צדיקים אונ צוא דיא רשעים אזו וויא עס שטייט כי צדיק ה' צדקות אהב אונ אז ער איז דן דיא מענטשין אונ זעהט כמה רשעים וחוטאים איז אים שווער צוא געבין צוא זייא שפייז דען ער שפייזט דאך די רשעים אויך אלע צייט אונ דאש טוט ער שוין לפנים משורת הדין אונ שפייזט זייא בחסד עליון דורך דעם חסד וואש ציהט זיך צוא דער גאנצער וועלט אונ צוא אלע חיות אין וואלד ובהמות ועופות מקרני ראמים עד ביצי כנים עש איז ניט דא קיין שום בריה דיא גרעשטע אונ דיא קלענשטע וואש ער שפייזט זייא ניט דרום איז דאש שווער פאר הקב"ה צוא געבין זייא מזונות מחמת זייערע שלעכטע מעשים אזו וויא עש איז פאר אים שווער גיוועזן קריעת ים סוף דען בשעת הקב"ה האט גיוואלט שפאלטין דעם ים צוא דיא ישראל איז גיקומען רה"ב דער שר פון מצרים אונ האט בגערט איין דין פאר הקב"ה אונ האט גיזאגט רבש"ע ווארום ווילשטו טאן איין דין צוא דיא מצרים אונ צוא דיא ישראל ווילשטו שפאלטין דעם ים זייא זאלין דורך גיין אמער זייא זיינען דאך אלע גלייך חייבים פאר דיר אונ דיינע וועגין זיינען דורך דין אונ אמת דען די דינן עבודת כוכבים אונ דיא דינען אויך עבודת כוכבים דיא זיינען נואפים אונ דיא זיינען נואפים די זיינען שופכי דמים אונ דיא זיינען שופכי דמים באותו שעה איז שווער גיוועזן פאר הקב"ה צוא שפאלטין דעם ים אונ ווען ער זאל ניט גוועזן נעמען דעם זכות פון אברהם וואלטין אלע חלילה גיוועזן פארלארין גיווארין אין ים אונ די גאנצע נאכט איז הקב"ה גיוועזן בדין אויף דיא ישראל דען מיר האבין גילערינט וואס מיינט דער פסוק ולא קרב זה אל זה כל הלילה פון דאנען לערנען מיר אפ אז דיא גאנצע נאכט זיינען גיקומען מלאכים אונ האבין גיוואלט זאגין שירה פאר הקב"ה האט הקב"ה צוא זייא גיזאגט מיין מעשי ידי ווערין דער טרונקען אין ים אונ איר ווילט זאגין שירה פאר מיר דרום ולא קרב זה אל זה כל הלילה עס שטייט ויהי באשמורת הבוקר הקב"ה האט גיקוקט בזכות אברהם וואס ער האט זיך גיפעדערט גאנץ פריא צוא טאן דעם ווילין פון הקב"ה אזו וויא עש שטייט וישכם אברהם בבוקר אזו זיינען דיא וואשער אוועק גילאפין פאר דיא ישראל דרום שטייט וישב הים לפנות בוקר לאתנו דאש. איז דיא אותיות לתנא"ו דען הקב"ה האט איין תנאי גיהאט מיט דעם ים בשעת ער האט אים בשאפין אז ער זאל זיך שפאלטין פאר דיא ישראל אונ ווידער לאתנו מיינט מען בזכות אברהם וואש ער הייסט איתן האזרחי דורך אים איז דער ים צוא שפאלטין גיווארין דרום אזו אויך איז שווער מזונות צוא געבין איבער דעם דין דען דער דין לאזט ניט אז מען זאל געבין מזונות צוא דיא רשעים אזו וויא עס איז גיוועזן בייא קריעת ים סוף דאס דער דין האט ניט גילאזט אז דיא ישראל זאלין ניצול ווערין ווייל זייא האבין אויך גיזינדיגט · אונ אזו אויך האבין מיר גילערינט זיווגים איז שווער פאר הקב"ה ער זאל מזווג זיין איין זכר ונקבה אזו וויא קריעת ים סוף אזו וויא בייא קריעת ים סוף האט ער אויף דער זייט גיטייט דיא מצרים אונ אויף דער זייט האט ער מקיים גיוועזן צוא דיא ישראל אזו אויך בייא זיווג שטייט מוציא אסירים בכושרו"ת האבין מיר גילערינט אז בכושרות מאכט בכי ושירות דאס הייסט גיוויין אונ גיזאנג דער מאן שטארבין אונ ער גיט זיין ווייב צוא אנאנדערין תאטשע ער איז איין רשע איז אים אמאל אן גיברייט איין אשה טובה אונ עס איז בדין אבער דאס איז גרויש סודות דער נאך זאגט ער ווען דיא ממונות של מעלה נידערין אראפ אזו זאגין דיא מלאכים שירה דיא מחנה זאגט קדוש אונ רופין צוא דער אנדערער אונ זייא זאגין אויך קדוש אונ אזו אויך דיא דריטע ביז אלע מיט אמאל זאגין

קדוש קדוש קדוש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו אונ אלע זיינען מחובר איינר מיט דעם אנדערן דרום שטייט ביי דיא קרשים פון דעם משכן וואס זייא זיינען גיוועזן אנטקעגין דיא מלאכים משולבות אשה אל אחותה כן תעשה לכל קרשי המשכן אונ אזו וויא למעלה שטייען זייא גלייך ניט איין גבויגן אזו אויך ביי דיא ברעטער שטייט קרשי המשכן עומדים אונ עס איז גיוועזן שתי ידות לקרש האחד איטליכער עק איז כולל גיוועזן פון זיך אונ פון זיין חבר אזו אויך איז דיא תורה כי טוב סחרה מסחר כסף ומחרוץ תבואתה דער לערינט מיט דעם וואס ער ווייסט אונ דער מיט דעם אזו ווערין זייא מחובר אונ גיפלאכטן איינער מיט דעם אנדערן דער האט זיין תורה אונ אויך וואס ער האט גילערינט פון זיין חבר אונ דער אנדערער איז אויך אזו:

געשית קרסי נחושת חמשים רבי אלעזר אונ רבי אבא זיינען אין איינעם גיזעסין איין נאכט וויא עס איז נאכט גיווארין זיינען זייא ארייןגיגאנגען אין איין גארטין לעבין ים של טבריה האבין זייא גיזעהען וויא צווייא שטערין גייען איינער פון דער זייט אונ איינער פון דער זייט אונ האבין זיך בגעגינט אונ זיינען פאר בארגין גיווארין זאגט רבי אבא וויא גרויש זיינען מעשה הקדוש ברוך הוא בשמים ממעל ועל הארץ מתחת ווער קען ווישין וואס דאס בטייט זאגט רבי אלעזר איך האב זייא דאך יוא גיזעהען אונ האב אין זייא אכטונג גיגעבין אונ איך האב משגיח גיוועזן אין כמה מעשים אחרים וואס הקב"ה טוט תמיד:

פתח ער הייבט אן גדול אדונינו ורב כח ווייסט מען דען ניט אז הקב"ה איז גדול ורב ועליון אונ וואס האט דוד פאר איין שבח גיזאגט דער מיט אלא וואס שטייט פריער מונה מספר לכוכבים לכולם שמות יקרא ווען עס וואלטין זיך איין זאמלען דיא גאנצע וועלט וואס איז גיוועזן פון אדם הראשון אן ביז משיח וועט קומען אונ זאלין אלע ציילין די שטערין וואלטין זייא ניט גיקענט איבער ציילין אזו וויא דער פסוק זאגט וספור את הכוכבים אם תוכל לספור אותם אונ ביי הקב"ה שטייט מונה מספר לכוכבים לכולם שמות יקרא ער ציילט איבער אין איין רגע אלע שטערין אונ רופט זייא איטליכין מיט איין נאמען דרום וויל ער איז גדול ורב כח אונ אזו וויא קיינער קען ניט ציילין דיא שטערין נאר ער אליין אזו וויא עס שטייט ביי אים לתבונתו אין מספר קום אונ זעה עס שטייט המוציא במספר צבאם לכולם בשם יקרא אלע שיירות וכוכבים וחיילות ציילט הקב"ה אונ איטליכין בזונדער רופט ער אן מיט איין נאמען אונ עס ווערט אפילו איינער פון דיא כוכבים ומזלות ניט גיבראכט פאר הקב"ה וואש זייא זאלין ניט גיזעצט ווערין פאר הערין ופקידים ושרים וואש זאלין משמש זיין אויף דער וועלט איטליכין וויא עש איז ראוי צוא אים אונ עש איז ניט דא קיין שום גראז אויף דער וועלט וואש איז דרויף ניט שולט איין כוכב ומזל ברקיע אונ אויף איטליכין כוכב ומזל איז איין שר וממונה וואש ער איז משמש פאר הקב"ה איטליכר וויא עש איז צוא אים ראוי אלע כוכבים ומזלות פון דעם הימל זיינען משמש אויף דער וועלט עש שפראצט אונ וואקסט ניט קיין גראז אונ ביימער נאר אזו וויא דער כח פון דעם שטערין וואס אויף אים איז למעלה אונ אזו האט עס אויף דער וועלט איין סגולה אדער רפואה צוא אלע זאכין: דיא גרוישע ממונים פון דיא חילות כוכבים ומזלות גייען אלע ארויש בתחלת הלילה ביז דריי שעה אן אפערטיל דער נאך גייען ארויש גאר קליינע ממונים אונ אלע ווערין ניט גיזעהען לבטלה עס איז פאר האנדין אטייל שטערן וואס זיינען משמש אגאנצע נאכט צוא שפראצין אונ מגדל זיין אויף דעם וואס זייא זיינען ממונה אונ עס איז פאר האנדין שטערין וואס זיינען נאר משמש ווייניג פון דער נאכט אז ער זעהט זיך נאר מיט זיין עשב אדער דשא אויף וואס ער איז גיזעצט האט ער שוין אפ גיטאן זיין דינסט אונ טוט שוין מער ניט בנאכט קיין שום זאך אז זייא טוען אפ דיא דינסט פון הקב"ה אזו גייען זייא אריין אויף זייער ארט ווייטער זאגט ער גרוישע סודות פון דיא שטערין:

רבי שמעון זאגט עס שטייט ולא אמר איה אלהי עושי הנותן זמירות בלילה דען די כנסת ישראל טוען לויבין צו דעם מלך שהשלום שלו אזו ווי איין ליכט וואש שטילט ניט אזו אויך טוט זיא תמיד לובן מקבל צוא זיין דאש אור שמחת עליון אלע שטערין וואש לייכטין ביא נאכט די זאגין אלע שירה אונ לויבין אונ זינגן צוא הקב"ה כל זמן זייא ווערין גיזעהען אין הימל דען דיא מלאכים זאגין שירה אלע דרייא משמרות פון דער נאכט דען אז עש ווערט נאכט זיינען זיך מתפשט אלע קליפות ורוחות רעות אויף דער וועלט אונ אז דיא קליפות ורוחות רעות זיינען זיך מתפשט אונ דער וועקין זיך אויף דר וועלט אזו ווערין אלע לייט אנטשלאפין אונ זיינען טועם איין זעכציג חלק פון דעם טויט אונ אז דיא ששים רבוא מלאכים ווילין זאגין שירה קענען זייא ניט זאגין ביז זייא שיידין זיך אפ פון דיא קליפות אונ אז זייא ווארפין דעם שלאף אויף דיא לייט אזו זיינען שולט אויף זייא דיא קליפות אונ ווערין טמא נאר חוץ אין ארץ ישראל דארטין האבין זייא קיין שליטה ניט נאך דעם אז דיא מלאכים שיידין אפ דיא רוחות רעות זייא זאלין שולט זיין למטה אזו זאגין זייא שירה אונ לויבין פאר הקב"ה אזו אויך די ישראל קענן זיך למטה ניט מדבק זיין בהקב"ה ביז זיי מוזין פריער פון זיך דיא טומאה אוועק שטופין אונ גיבין אים אפ זיין חלק אזו וויא אום יום כפור גיט מען דעם שעיר לעזאזל אונ דעסטגלייכין אין דער צייט זיינען זייא זיך מדבק להקב"ה דען הקב"ה האט אים גימאכט ארום דער קדושה אזו וויא איין מלך לייגט אנידער איין שלאנג אויף איין קעסטיל פון אבנים טובות כדי קיינער זאל ניט קענען קומען צוא דער קעסטיל אונ אז עס קומט דער ליב האבער פון דעם מלך זאגט אים דער מלך אז דוא וועסט וועלין גיין צוא דעם קעסטיל זאלסטו דעם שלאנג אזו אונ אזו טאן וועסטו קענען דעם שלאנג אוועק טרייבין אונ וועסט ניצין פון מיין אוצר אזו אויך זאגט הקב"ה צוא דיא ישראל אונ צוא דיא מלאכים ווען זייא ווילין זיך מדבק זיין אין דער קדושה קענען זייא ניט איבער דיא קליפות ביז זייא שטוסן זייא אוועק לחוץ אוב דוא וועשט פרעגין עש איז דאך פר האנדן מלאכים של אש אונ פייער איז דאך ניט מקבל קיין טומאה קום אונ זעה עש שטייט עושה מלאכיו רוחות דיא מלאכים פון דרויסין זיינען רוח אונ משרתיו אש לוהט דיא איניווייניגשטע זיינען אש אונ דיא קליפות זיינען אויך רוח הטומאה דרום מוזין זייא ארויש שטוסן דיא טומאה פון זיך:

פתח ער האט אן גיהויבן עס שטייט הללויה אודה ה' בכל לבב בסוד ישרים ועדה דיא חכמים זאגין אז דוד המלך האט גיזאגט תהלים מיט צעהן מיני שבח אונ איבער אלע איז דאס ווארט הללויה דער איז כולל דעם שם ושבח אין איינעם אודה ה' בכל לבב איז צווייא הערצער דער יצר טוב מיט דעם יצר הרע דען פון דעם יצר טוב קומט ארויש דעם

מענטשין גוטס דארף: ער דרויף מאכין חטוב והמטיב אונ פון דעם יצר הרע קומט דעם מענטשין שלעכץ דארף דער מענטש דרויף מאכין ברוך דיין אמת . בסוד ישרים ועדה דאס זיינען דיא ישראל וואס ווייסין דיא רזין וסודות פון הקב"ה אונ זאמלען זיך איין אנאנצע עדה הייסט צעהן מענטשין לויבין צוא הקב"ה דרום גיהער מען לויבן הקב"ה אויף גוטס אונ אויף שלעכץ אונ גיהער אלץ מפרסם זיין אויף דער וועלט: אויב דוא וועסט וועלין זאגין הקב"ה ווייסט דאך אלץ דינג נאך וואס דארף מען מפרסם זיין צווישין מענטשין נאר מיט דעם ווערט גהערט דער כבוד פון הקב"ה אז מען איז מפרסם איין נס אויף דער וועלט דרום שטייט בייא הקב"ה והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי לעיני גוים רבים וידעו כי אני ה' זאגט רבי יצחק פאר צייטין האט איין מענטש גיזאגט צוא זיין חבר זאג מיר אווארט דברי תורה אונ איך וועל דיר דער פאר געבין איין מנה כסף היינט זאגט אמענטש צוא זיין חבר נעם דיר איין מנה כסף אונ לערין דיר אליין תורה אונ קיינער וויל זיך ניט קערין אונ נייגין זיינע אויערין צוא הערין חוץ דיא זעלביגע קדושים וואס זיינען גאר ווייניג אויף דער וועלט דען מיט זייא בארימט זיך הקב"ה אזו וויא עס שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשי ידי להתפאר:

# פרשת תצוה

ואתה הקרב אליך רבי שמעון זאגט עס איז אלץ איין קריבה ווער עס ווייסט מייחד זיין דעם יחוד השם צוא דינען זיין האדין דען אין דער צייט אז דיא קרבנות זיינען גיוועזן האט דער כהן גימאכט איין יחוד בכל העולמות דרום שטייט דא ואתה הקרב אליך דען אהרן האט גימאכט פיל יחודים אין אלע עולמות אונ עס איז אלץ דער לייכט גיווארין אפילו דיא קליפות האבין אויך הנאה גיוועזן פון דיא קרבנות אונ דער מיט וואס זייא האבין הנאה גיהאט האבין זייא [illegible] אפ גיטאן פון דעם אור הקדושה אונ זיא איז דער לייכט גיווארין אונ דרום אז דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים איז דער אור הקדושה ניט רעכט ליכטיג גיוועזן ביז הקב"ה האט אפ גיגעבין דעם שטן זיין חלק ער זאל צוא איוב [illegible]ם אן טאן אונ בתוך כך וויא דער שטן האט זיך מיט אים מתעס[illegible]ען איז דיא טומאה אפ גיטאן גיווארין פון דיא ישראל אונ זיינען ריין גיווארין פון דער טומאה מיט דעם קרבן פסח דרום שטייט פסח לה' אלהיך דרום האבין זייא אים גימוזט עסין היילינדיג כדי דער שטן זאל ניט מקטרג זיין אויף זייא אונ כל זמן איוב איז גיוועזן בייא אים אין דער האנט האט ער זיך פון זייא אפ גיטאן אונ זייא האבין גיקאנט רעכט זיך מדבק זיין אין הקב"ה וואל צוא דיא וואס ווייסין רעכט מייחד זיין דעם יחוד פון הקב"ה וויא עס דארף צוא זיין עס שטייט אלהי מסכה לא תעשה לך את חג המצות תשמור וויא גישיקט זיך דיא ביידע באננד נאר דיא חכמים האבין גיזאגט ווער עש עסט חמץ אום פסח איז גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים ווארום חמץ איז דער יצר הרע אונ עבודת כוכבים אונ אז דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים זיינען זייא ארויש גיגאנגען פון רשות פון דיא קליפות וואס זייא הייסין חמץ לחם רע עבודת כוכבים אונ הייסט שאור דען דער יצר הרע איז בייא דעם מענטשין אזו וויא זויער טייג אז מען טוט דאס אין טייג ארייין גייט עס אויף ביסלעך ווייש אזו אויך גייט דר יצר הרע אריין אין מענטשין ביסלעך ווייס ביז ער ווערט פאר מישט אין גאנצין אזו וויא זויער טייג אין דעם טייג דרום שטייט לא יהיה בך אל זר דען אין דיר וואקסט דער אל זר דער יצר הרע דאס מיינט מען את חג המצות תשמור דאס איז דער יצר טוב צד הקדושה אלהי מסכה לא תעשה לך הייסט דיך אליין זאלשטו ניט מאכין פאר איין עבודת כוכבים מחמת דעם וואס ער פר מישט זיך אין דעם גאנצין גוף הייסט ער אליין איין עבודת כוכבים דרום שטייט לך:

רבי יהודה זאגט עס שטייט חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה נחשב הוא דעם פסוק האבין דיא חכמים מפורש גיוועזן אבער עס איז דאך קשה אז דער מענטש שייד זיך אפ פון זיין חבר דען שייד זיך דער חבר אויך אפ פון אים וועלין דאך איבער דעם ניט קענען זיין קיין מענטשין באננד נאר דיא חכמים האבין גיזאגט אז דאס גייט אויף דעם מענטשין וואס פעדערט זיך גיין צום חבר אים געבין שלום איידער ער האט גידאווינט אזו ווייזט ער אז דער מענטש איז בייא אים מיין חשוב חלילה פון הקב"ה איך האב דאס מפורש גיוועזן אין איין אנדער פסוק עס שטייט מברך רעהו בקול גדול בבוקר השכם קללה תחשב לו דאס מיינט מען אויך אזו אז ער גייט גאנץ פריא צוא דעם חבר אין שטוב אריין אים געבין שלום· איז שוין דיא ביידע פסוקים זייער רעכט נאר נאך וואס שטייט אשר נשמה באפו אלא דאס מיינט מען הקב"ה זאגט אן דעם מענטשין ער זאל זיך אפ היטין פון די מענטשין וואס קערין אפ פון דעם גוטין וועג צוא גיין אין שלעכטין וועג אונ זיינען מטמא זייער נפש מיט דער טומאה פון דיא קליפות דען הקב"ה האט בשאפין דעם מענטשין בדמות עליון אונ האט אים אריין גיגעבין איין רוח הקודש וואס ער איז נכלל אין דרייא ערלייא זייא הייסין נפש רוח ונשמה אונ דיא העכשטע מדריגה איז נשמה אונ ווען ער מאכט דיא נשמה הקדושה אריין גיין אין דער עבודה פון דער קליפה איז ער זיא מטמא אונ זיא גייט ארויש פון עבודת הקב"ה דען דיא דרייא נפש רוח נשמה איז אלץ איינש זייא זיינען זיך משתדל אין איינעם צוא רוען בייא דעם מענטשין אונ אויף דעם איז גיזאגט גיווארין הלך את חכמים יחכם ווען דוא זעהשט אמענטשין וואש ער האט אין זיך אלע דרייא מדריגות נפש רוח ונשמה איידער דוא ווייסט רעכט זיינע מעשים אויב דו זאלשט זיך מקרב זיין צוא אים מיט וואש ווערשטו אים דער קענען אויב ער האט גיהיט דיא נשמה הקדושה אונ זיא איז בייא אים ווערשטו אים דער קענען מיט זיין רוגז דען מיט דעם רוגז האט ער דיא נשמה אויש גריסין פון איר ארט אונ האט אריין גיבראכט אויף איר ארט איין אל זר דיא קליפה אז דער מענטש היט דיא נשמה הייסט ער עבד ה' אונ ער איז אגאנצער מענטש אבער אז ער היט זיא ניט אונ מחמת זיין רוגז רייסט ער זיא אויש אונ ברייננגט אריין דעם אל זר דיא קליפה איז בוודאי דער מענטש מורד אין זיין הערין מען טאר זיך ניט מקרב זיין צוא אים אונ זיך ניט מחבר זיין מיט אים אונ ער הייסט טורף נפשו באפו ער ריישט אויש דיא נשמה מיט זיין צארין אונ עס רוט אויף איר ארט איין אל זר דרום זאגט דער פסוק חדלו לכם פאר מייד אייך מן האדם פון אזו אמענטשין אשר נשמה באפו וואס ער האט פאר צוקט זיין נשמה מחמת זיין כעס אונ האט זיא מטמא גיוועזן מיט דעם אל זר כי במה נחשב הוא לייען במה ער איז נחשב וויא איין עבודת כוכבים אונ דער מענטש וואס רעט מיט אים אונ איז זיך מחבר מיט אים איז גלייך וויא ער איז זיך מחבר אין איין עבודת כוכבים מייל דער

אל זר דער עבודת כוכבים רוט בייא אים אונ ניט דאס אליין נאר ער האט אויש גירישן די קדושה עליונה די הייליגע נשמה פון איר ארט אונ האט גימאכט רוהן אויף איר ארט דעם אל זר וואס עס שטייט אל תפנו אל האלילים אונ אזו אויך טאר מען ניט קוקין אויף זיין פנים אויב דוא ווילשט פרעגין אמער עס איז דאך אמאל בייא די רבנן אויך דא איין רוגז נאר דער רוגז פון די רבנן איז גוט אויף אלע זייטין דען מיר האבין גילערינט די תורה איז אש אונ די תורה מאכט זייא ברענען אזו וויא עס שטייט הלא כה דברי כאש נאם ה׳ דער רוגז פון די רבנן איז בדברי תורה אונ צוא געבין כבוד צוא דער תורה אונ דאס איז עבודת הקב״ה דרום שטייט כי ה׳ אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא אבער ווען דער רוגז איז ניט וועגין הקב״ה נאר וועגין אנדערע זאכין איז גאר ניט דא אזו אזינד עס זאל היישין עבודת כוכבים ממש אזו וויא דאס אונ מען טאר גאר צוא אים ניט גינעהנען אויב דוא ווילשט מיינען אז די נשמה גייט נאר אוועק פון אים לפי שעה אבער זיא קומט ווידער צוא ריק עס איז ניט אזו דרום וויל ער רייסט אויש די קדושה פון דער נשמה פון זיין ארט אונ עס קומט איין אל זר אונ נעמט צוא דאס ארט אונ ווערט דארט גישטארקט אונ לאזט זיא שוין ניט צוא ריק נייערט אז דער מענטש טוט תשובה אויף אלע זיינע עבירות אונ צוא רייסט דעם אל זר פון זיך אויף תמיד אונ ער איז זיך משתדל צוא ווערין גיהייליגט אונ צוא ציהן אויף זיך די קדושה נאך דעם הלואי וואלט ער גיווארין גיקריינט מיט דער נשמה זאגט רבי יוסי ער ווערט ממש גיהייליגט זאגט רבי יהודה קום אונ זעה בשעת ער רייסט אוים די נשמה אונ דער אל זר רוט אויף איר ארט דען ווערט ער טמא אונ איז מטמא אלע זיינע אברים אונ אויך די אלע וואס גינעהנן צוא אים אונ די קדושה לויפט אוועק פון אים אונ עס איז זייער שווער אז ער זאל זיא שוין ווידער אום קערין סיידין אז ער הייליגט זיך זייער זאגט רבי יוסי כמה טמאים ווערין זיך דאך גריינקט זאגט רבי יהודה אנדער טומאה קען ניט מער טאן וויא זיא איז נאר מטמא דעם גוף פון דרויסין דרום קען ער ווידער טהור ווערין אבער די טומאה פון כעס איז מטמא דעם גוף פון איניווייניג אונ פון דרויסין אונ איז מטמא דעם נפש דרום שטייט חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו מען זאל זיך היטין פאר אים דרום שטייט אלהי מסכה לא תעשה לך דוא בישט זיך אליין מטמא מיט דעם אל נכר אונ דער נאך שטייט את חג המצות תשמור דאס איז דער צד הקדושה דוא זאלשט זיך

נאר מקדש זיין :

ועשית ציץ זהב טהור ווארום הייסט ער ציץ דען ציץ איז טייטש קוקין מיט דעם ציץ האט מען גיקוקט אונ דער קענט דעם מענטשין וואס ער איז אין ציץ זיינען גיוועזן אויש גקריצט די אותיות פון דעם שם הקודש אונ ווען איין זכאי איז פאר אים גישטאנען זיינען גיווארין די אותיות וואש זיינען גיוועזן גיקריצט זיינען ארויס בולט אונ האבין גילייכט אין זיין פנים אזו האט ער גיוואוסט אז הקב״ה בגערט אין אים אונ ער איז איין בן עולם הבא אונ אז אמער [illegible] גישטאנען פר אים אונ זיין פנים האט ניט גוויזין דעם מראה [illegible] וואס פריער אזו האט דער כהן גיוואושט אז ער איז איין עזות מצח [illegible] מוז אויף אים מכפר זיין אונ מתפלל זיין פאר אים · קום [illegible] די חכמים האבין דאך גיזאגט אז די וואס זיינען עזות מצח [illegible] האבין קיין בושה ניט האבין זייא ניט קיין חלק לעולם הבא אבער זייא האבין ניט גימיינט די עזות מצח וואס זיינען גיוועזן צווישין די ישראל דען אז זייא האבין נאר גיזעהן אין ציץ איז זייער הארץ צוא בראכין גיווארין אונ האבין תשובה גיטאן אויף זייערע מעשים דען דער ציץ איז גישטאנען פאר איין צייכין דער וואס האט אים גיזעהן האט ער זיך גשעמט אויף זיינע מעשים דרום האט דער ציץ מכפר גוועזן אויף עזות מצח די אותיות פון דעם שם הקודש איז גיוועזן איין ציץ אוים גיקריצט אונ זייא האבין גילייכטין אונ גפינקלט אונ ווער עס האט גיקוקט אין דעם פינקלען פון די אותיות איז זיין פנים פאר ענדערט גווארין מחמת אימה ומורא אונ זיין הארץ איז אים צוא בראכן גווארין מחמת פחד אונ איז אונטער טעניג גיווארין פאר זיין הערין דרום האט דער ציץ מכפר גוועזן · אונ אזו אויך די קטורת ווער עס האט גשמעקט דעם ריח אזו האט עס אים גילייטערט מיט לויטערקייט צוא דינען זיין הערין אונ האט פון אים אפ גיטאן די זוהמא פון דעם יצר הרע אונ זיין הארץ איז גאר גיוועזן צוא דינען צוא הקב״ה דען עס איז ניט דא אויף דר וועלט עס זאל צו ברעכן דעם יצר הרע אזו וויא קטורת · קום אונ זעה עס שטייט קח את המחתה ותן עליה אש מעל המזבח ושים קטורת ווייל כי יצא הקצף מלפני ה׳ החל הנגף דען עס איז ניט דא קיין גרעשער בראך צוא די קליפות וויא די קטורת אונ עס איז ניט דא אזו איין גליבטע זאך פאר הקב״ה וויא קטורת אונ די קטורת האבין מבטל גיוועזן אלע מיני כשפים אונ שלעכטע זאכין אונ עס איז איין גזירה פאר הקב״ה אז דער וואס לייענט אלע טאג במעשה הקטורת דער ווערט ניצול מכל מיני כישוף שבעולם אונ פון אלע פגעים והרהורים רעים אונ פון דינים רעים אונ פון מות אונ ווערט ניט ניזוק דעם גאנצין טאג דאס די קליפות קענען אויף אים ניט שולט זיין נאר דאס איז אז ער איז זיך רעכט מכוין אין די קטורת · זאגט רבי שמעון די לייט זאלין ווישין וויא די מעשה הקטורת איז חשוב פאר הקב״ה וואלטין זייא גינומען איטליכין דיבור אונ וואלטין זיך גימאכט עטרות אויף זייער קאפ אזו וויא איין גילדענע קרוין אונ ווער עש איז זיך דרינען משתדל אונ איז זיך דרינען מכוין אלע טאג האט ער איין חלק בעולם הזה ובעולם הבא אונ טוט אפ פון זיך דעם טוט אונ ווערט ניצול מכל דינים פון דער וועלט ומרוחות רעות ומדינה של גיהנם · אונ ווען מען האט מקטיר גיוועזן קטורת אונ דער רויך איז אויף גיגאנגען גלייך אזו וויא איין זייל אזו האט דער כהן גיזעהן די אותיות פון דעם שם הקודש פאר שפרייט אונ גיפלויגן אין איר אונ זיינען ארויף גיגאנגען למעלה דורך דער זייל דער נאך האבין זיך ארום גירינגילט כמה מרכבות הקדושים אונ האבין זיך משמח גיוועזן למעלה אזו וויא מיר האבין שוין מפורש גיוועזן אויף אנדער ארט עש שטייט מזבח מקטר קטורת אין דעם פסוק איז קשה דען עש איז דאך גיוועזן צווייא מזבחות מזבח העולה אונ מזבח הקטורת דער מזבח העולה איז גיוועזן בחוץ אונ דער מזבח הקטורת איז גיוועזן בפנים ווארום רופט מען מזבח הקטורת דאש ווארט מזבח איז דאך דער טייטש לשון שעכטן אונ אויף אים האט מען דאך ניט גישעכט נייערט אויף דעם מזבח החיצון נאר ווייל עש האט גיבונדן אונ מבטל גיוועזן כמה רוחות רעות וקליפות דאש זייא האבין ניט גיקאנט שולט אונ מקטרג זיין דרום הייסט דאש מזבח ווארום זייא זיינען גיוועזן אזו וויא גיקוילט דורך די קטורת אונ אז דער יצר הרע האט דער זעהן די מעשה הקטורת האט ער זיך אפ גיטאן אונ איז אנטלאפין גיווארין ער האט ניט גיקאנט גנעהנען צוא דעם משכן



אונ

אונ דרום ווייל קיינער האט ניט זוכה געוועזן צוא דער שמחה של
מעלה וואס דיא קטורת האבין דער וועקט נייערט הקב"ה אליין איז
דאס זייער חשוב געוועזן בייא הקב"ה אונ ווייל אין דעם מזבח איז גפונן
געווארין איין ברכה איז ער דריבער געשטאנען אינווייניג פאר הוילין
אונ פאר שטעלט פון דעם אויג עס שטייט בייא אהרן ויעמד בין המתים
ובין החיים ותעצר המגפה ער האט גבונדין דעם מלאך המות אונ האט אים
מכניע געוועזן ער זאל ניט קענען שולט זיין אונ טאן איין דין אונ מיר
האבין דעם סימן בקבלה אז מען זאגט מעשה הקטורת בכוונה וברצון
הלב איז אין דעם ארט ניט שולט קיין מלאך המות אונ עש ווערט
קיינער ניט ניזוק · קום אונ זעה דער מענטש וואש דינים לויפן אים
נאך דער מוז זאגין קטורת אונ זאל תשובה טאן צוא זיין הערין דען
דאש איז אים איין הילף אז דיא דינים זאלין זיך פון אים אפ טאן אונ
אז ער געוויינט זיך זאגין קטורת צווייא מאל אין דער פריא אונ פר
נאכט טוען זיך בוודאי אפ דיא דינים פון אים אזו וויא עס שטייט
בבוקר בבוקר וגו' בין הערבים יקטירנה וגו' אונ דאס איז דר קיום למעלה ולמטה
אזו וויא עס שטייט קטורת תמיד לפני ה' דאס איז למעלה לדורותיכם דאש
איז למטה אבער אז מען דער מאנט ניט דיא מעשה הקטורת רוען
דארטין דיא דינים של מעלה אונ פיל מיתה איז חלילה שכיח דרום
שטייט קטורת תמיד לפני ה' דיא קטורת איז דער קיום אונ חשובר פאר
הקב"ה מער וויא אלע עבודת פון דר וועלט חאטשע תפלה איז חשוב
אבער קטורת איז נאך חשובר, קום אונ זעה דעם חילוק צווישין
תפלה אדער קטורת דען דיר תפלה האט מען מתקן געוועזן אויף דעם
ארט פון קרבנות וואס דיא ישראל האבין מקריב געוועזן אונ אלע
קרבנות אליין זיינען ניט גלייך צוא קטורת אונ ווידער תפלות זיינען
גאר מתקן וואס מען דארף אבער קטורת איז מתקן אונ קושר קשרים דער
תרגום מאכט אויף קשר קטר איז טייטש ער קניפט אונ איז מייחד
אלע אורות צוא דער לייכטין מער פון אלצדינג עס איז מעביר דיא
זוהמא אונ איז מטהר דעם משכן דאס ער ווערט דער לייכט אונ
מקושר דרום מוז מען צום ערשטין מעביר זיין דיא זוהמא פון דער
וועלט דאס איז דער רעכטער תיקון פון אלע טאג קום אונ זעה דיא
קטורת האט מען מקטיר געוועזן פר דעם קרבן תמיד דרום געהער מען
זאגן די מעשה הקטורת פריער פאר דעם דאוונען ושירות ותשבחות
דען דאס קען ניט אויף גיין אונ דיא תפלה קען ניט מתוקן ווערין ביז
מען מוז פריער אפ טאן דיא זוהמא וטומאה דען גייט דיא תפלה ארויף
אן קטרוג אונ ריין דאס מען איז פריער מעביר אלע חצונים וואול צוא
די ישראל בעולם הזה ובעולם הבא דען זייא ווייסין מתקן זיין למעלה
ולמטה אזו וויא מען דארף אין דעם מדרש הנעלם שטייט רבי תנחום
זאגט אמאל בין איך גיגאנגען אין וועג האב איך בגעגינט אליהו
פרעג איך אים זאג מיר מיין האר וועלכש איז גוט פאר דיא מענטשין
פון דער וועלט האט ער מיר גיזאגט הקב"ה האט גוזר געוועזן בשבועה
אז אין וועלכער צייט וואס דיא לייט וועלין דער מאנען דיא קרבנות
אזו וויא משה רבינו האט זייא גיזאגט צוא דיא ישראל אזו אפילו דיא
אלע מלאכים וואס דער מאנען תמיד די זינד פון מענטשין זאלין אים
מזכיר זיין לטובה אונ אויך אין דער צייט אז עס איז שכיח חלילה
מיתה אויף דער וועלט איז נגזר געווארין אונ איין כרוז איז ארויש
גיגאנגען איבער אלע חילות השמים ווען מיינע קינדער גייען אין
בתי כנסיות ובתי מדרשות אונ זאגין דאס ענין פון קטורת הסמים

מיט רצון כוונת הלב אזו ווערט בטל דער טויט פון זייא זאגט רבי
יצחק קום אונ זעה עס שטייט ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה וגו' פרעגט
אים אהרן נאך וואס זאל איך נעמן די מחתה האט אים משה גענטפערט
כי יצא הקצף מלפני ה' [illegible]אס שטייט דער נאך וירץ אל תוך העדה והנה החל הנגף
בעם אונ ווייטער שטייט ויעמד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה דער משחית
ומחבל האט ניט גיקאנט שולט זיין אונ איז דער מיט בטל געווארין:
רבי אחא איז גיגאנגען קיין כפר טרשא איז ער גיקומען אין איין
הארבריג הערט ער וויא דיא מענטשין זאגין עש איז גיקומען
איין גרוישר מאן דארפין מיר גיין צוא אים בעטין ער זאל אונז איין
עצה געבין וועגין דעם טויט עש איז שוין זיבין טאג וואש ער שטארקט
זיך אלע טאג אונ הערט ניט אויף זאגט ער זייא זאלין גיין אין שול
אריין אונ בעטין פאר הקב"ה ער זאל זיך אויף זייא מרחם זיין וויא
זייא גייען קומען מענטשין אונ זאגין דער אונ דער איז גישטארבין אונ
דער איז נוטה למות זאגט רבי אחא עש איז אצונד קיין צייט ניט צוא
גיין אין שול אריין מתפלל זיין נאר איר זאלט פון אייך אפ שיידין
פערציג מענטשין זייער פרומע לייט אונ איך וועל מיך מצרף זיין מיט
אייך אונ צוא טיילט אייך צוא צעהען מענטשין אויף אלע פיר זייטין
פון דער שטאט אונ זאגט דעם ענין פון קטורת הסמים מיט כוונה ורצון
הלב וואש דאש האט הקב"ה גיגעבין צוא משה אונ אזו זאלט איר
טאן דרייא מאל האבין זייא אזו גיטאן אונ זיינען איבער גיפארין אויף
אלע פיר זייטין פון דער שטאט אונ האבין אזו גיזאגט דער נאך זאגט
ער צוא זייא גייט צוא דיא לייט וואש זיינען נוטים למות אונ שייד
זייא אפ אין זייערע הייזער אריין אונ זאגט אויך אזו דער נאך זאלט
איר זאגין דיא פסוקים ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה וגו' ביז ותעצר
המגפה האבין זייא אזו גיטאן אונ עש איז פון זייא בטל געווארין דער
טויט דער נאך האבין זייא גיהערט איין קול עש האט אזו גיזאגט סיתרא
סיתרא קמייתא חולי חולי איר אייבערשטע בעלי דינים בלייבט אויבין אונ
נידערט ניט אראפ דען דער דין מן השמים האט שוין דא קיין
שליטה ניט דען זייא ווייסין אים מבטל זיין דער ווייל איז רבי אחא
אנשלאפין געווארין הערט ער אז מען האט אים גיזאגט אז דוא
האשט שוין גיטאן דארפסט דוא גיין צוא זייא אונ זאגין זייא זאלין
תשובה טאן ווארום זייא זיינען רשעים איז ער אויף געשטאנען אונ
האט זייא מחזיר בתשובה געוועזן האבין זייא אויף זיך מקבל געוועזן אז
זייא וועלין זיך אייביג ניט מבטל זיין פון דברי תורה אונ האבין פאר
ענדערט דעם נאמען פון דער שטאט זיי האבן איר גגעבין איין אנדער
נאמען מתא מחסיא דאס מיינט מען דאש איז די שטאט וואס הקב"ה
האט אויף איר חס ורחמנות גהאט אונ האט זיא מציל געוועזן פון דעם
טויט · דער זוהר איז מאריך פון דיא בגדי כהונה מיט דעם חושן דער
נאך זאגט ער אחור וקדם צרתני ותשת עלי כפכה עס שטייט בשעת הקב"ה האט
בשאפין צו אדם הראשון האט ער אים בשאפין פון צווייא גישטאלטין
פון איין זכר אונ [illegible] איין נקבה ביז הקב"ה האט זייא צו שייד אונ האט
זיא פאר אים [illegible] פנים אל פנים אזו האבין זייא גימערט צווישין
[illegible] אהבה [illegible] האבין גוואונען קינדער דער נאך אז זייא האבין
גיזינדיגט אונ דער שלאנג איז גיקומען האט חוה גיוואונען דער נאך
קין פו[illegible] זוהמא פון דעם שלאנג ער איז גיוועזן אין גישטאלט פון
עליונים [illegible] אונ דרום ווייל ער איז גיוועזן פון דער זוהמא פון
דעם נחש איז ער גיוועזן דער ערשטער וואש האט גיהרגית זיין ברודער

הבל

הבל מיר האבין גיפונען בספרים קדמונים בשעת קין האט גיוואלט הרגנין זיין ברודער הבל האט ער אים גיביסין מיט דיא ציינער אזו וויא אשלאנג ביז ער האט אים גיהרגית דרום וייל ער איז גיקומען מצד הנחש דען איטליכער קערט זיך צוא זיין שורש אונ אז אדם האט גיזעהען אז הבל איז נהרג גיווארין אונ קין איז פאר טריבין גיווארין האט ער גיזאגט נאך וואש זאל איך ווייטער קינדער האבין האט ער זיך אפ גישייד פון חוה הונדערט אונ דרייסיג יאר אונ דער נאך האט ער זיך בטראכט אונ האט גיוואונען מיט חוה דעם זון שת כדמותו כצלמו ווארום דיא קינדער פון פריער זיינען ניט גיוועזן אין זיין גישטאלט דאש שטייט היינט לזאת יקרא אשה דרום שטייט אחור וקדם צרתני אונ אזו אויך האט זיך דער כהן גדול אן גיטאן אין דיא אורים ותומים אונ חושן ואפוד דאש איז אויך גיוועזן אחור וקדם דאש איז אלץ גיוועזן מיט פיר רינגען אזו וויא דיא ארבע רגלי מרכבה למעלה אונ אופנים וחיות הקודש אונ אזו כל מעשה משכן איז אלץ גיוועזן אין גישטאלט פון דיא אורות ומקדש של מעלה דאס דיא שכינה זאל אויף אים רוען אזו וויא למעלה :

# פרשת כי תשא

וידבר ה׳ אל משה לאמר כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם ונתנו איש כופר נפשו וגו׳ רבי אבא ורבי יוסי זיינען גיגאנגען פון טבריה קיין צפורי האבין זייא אויף דעם וועג דער זעהן צוא רבי אלעזר ורבי חייא זאגט רבי אבא מיר וועלין זיך דא משתתף זיין מיט דער שכינה האבין זייא גיווארט ביז זייא זיינען צוא גיגאנגען אז זיי זיינען גיקומען זאגט רבי אלעזר עס שטייט עיני ה׳ אל צדיקים ואזניו אל שועתם דער פסוק איז קשה איז דען הקב״ה משגיח אויף דיא צדיקים ער זאל זייא גוטש טאן אמער מיר זעהען דאך כמה צדיקים וואס זייא האבין ניט קיין עסין אפילו איין ראב אין פעלד וואס זאגט דער פסוק עיני ה׳ אל צדיקים אלא קום אונ זעה אלע בריות פון דער וועלט ווערין דער קאנט מען זאל אויף זייא משגיח זיין הן זיי זיינען מצד הקדושה אונ הן מצד הטומאה דיא וואס זיינען מצד הקדושה ווערין זייא דער קענט מלמעלה צוא משגיח זיין אויף זייא מצד הקדושה אונ דיא וואס זיינען מצד הטומאה ווערין זייא אויך דער קענט מלמעלה מען זאל אויף זייא משגיח זיין פון דעם צד הטומאה אונ וויא דער צד הקדושה איז שולט קען דער צד הטומאה ניט שולט זיין אונ קען דער צוא ניט גינעהענען אונ קען אים ניט דוחה זיין פון זיין ארט דרום זאגט ער עיני ה׳ אל צדיקים דען דער צד הטומאה קען אויף זיי ניט שולט זיין אונ איצונד איז איין הייליגע חברותה אונ איין סיוע משמים דא אונ ניט חס ושלום קיין שום צד הטומאה אונ קיין דבר רע קען אויף אייך ניט שולט זיין זאגט רבי אבא מיר האבין דאך גילערינט אויף אלע זאכין וואו דער צד הקדושה רוט דרויף חאטשי עס ווערט גיציילט פון דעסט וועגין ווערין דיא ברכות דער פון ניט פאר מיטין זאגט רבי אלעזר יוא עס איז גיוויש אזו זאגט רבי אבא דיא ישראל זיינען דאך קודש אונ קומען מצד הקדושה אזו וויא עס שטייט קודש ישראל אונ ווידער שטייט והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני פאר וואס אז דוד המלך האט זייא גיציילט איז אין זייא גיוועזן איין דבר אזו וויא עס שטייט ויתן ה׳ דבר בישראל מן הבוקר ועד עת מועד זאגט רבי אלעזר וייל ער האט ניט גינומען פון זייא קיין שקלים אויש צו לייזין זיי עס שטייט ונתנו איש כופר נפשו לה׳ בפקוד אותם ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם דען מען מוז געבין דעם כופר פון קודש אונ ער האט ביי זייא ניט גינומען קום אונ זעה ישראל זיינען קודש וואס שטייען ניט בחשבון דרום מוזין זייא געבין שקלים איין אויש לייזונג אז מען ציילט זייא דאס איז כופר נפש דען דאס כופר זאל גיציילט ווערין דרום זיינען זייא ניט עולה בחשבון וויא זייא גייען הייבט אן רבי אלעזר עס שטייט והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר וואס מיינט מען כחול הים אלא דרויף איז צווייא פרושים דען דיא אינדין פון דעם ים אז זייא גייען אויף מיט רוגז אונ ווילין פאר פלייצין דיא וועלט אז זייאנדער זעהען דעם זאמד פון דעם ים וואס איז אויף דעם בארטין אזו קערין זייא זיך אום אונ ווערין גישטילט אונ קענען שוין ניט שולט זיין צוא פאר פלייצין אזו אויך ישראל זיינען כחול הים אונ ווען דינים קשים ווילין אויף גיין אונ באגערין צוא פאר פלייצין אונ שולט זיין אונ אז זייא דער זעהען וויא די ישראל זיינען אן גיקניפט אין הקב״ה ווערין זייא צוא בראכין אונ קערין זיך אום פון זייא אונ קענען שוין ניט שולט זיין אויף דער וועלט דאס איז איין פשט וואש זייא זיינען גיגליכין כחול הים אונ נאך איין פשט איז אזו וויא דאש זאמד פון דעם ים האבין דאך קיין צאל ניט אזו אויך ישראל האבין קיין חשבון ניט אונ שטייען ניט אין חשבון אונ ניט במדה מיט מאסין דרום שטייט אשר לא ימד ולא יספר דרום אז דוד האט זייא גיציילט אונ האט פון זייא קיין כופר ניט גינומען איז גיוועזן איין רוגז אונ עס זיינען פאר לארין גיווארין פון דיא ישראל כמה חיילות דרום שטייט ביי דעם משכן כל העובר על הפקודים קום אונ זעה קיין ברכה איז ניט שורה אויף אזו איין זאך וואס ווערט גיציילט דרום האט מען גיגעבין שקלים פאר כופר אונ קיין ציילין איז ניט גיוועזן ביז מען האט איין גיזאמילט דעם כופר אונ מען האט גיבענטשט דיא ישראל דער נאך האט מען גיציילט דעם כופר אונ דער נאך האט מען ווידער גיבענטשט דיא ישראל נמצא זיינען דיא ישראל גיבענטשט גיווארין בתחלה ובסוף דען האט שוין קיין טויט ניט גיקענט שולט זיין ווארום פאר וואס איז שולט דער טויט אז מען ציילט ווייל דיא ברכה רוט ניט אויף דעם וואס מען ציילט אונ אז דיא ברכה ווערט אפ גיטאן איז דער צד הטומאה שולט אונ קען מזיק זיין דרום נעמט מען כופר ופדיון נפש דאס אז מען זאל דעם כופר ציילין אונ ניט דיא ישראל רבי יוסי ורבי חייא זיינען גיגאנגען אין וועג דער וייל איז נאכט גיווארין האבין זייא זיך אנידער גיזעצט אז דער טאג האט אן גיהויבין צוא לייכטין זיינען זייא אוועק גיגאנגען זאגט רבי חייא זעה וויא דער צד פנים פון מזרח לייכט איצונד אונ דיא וואס זיצין בייא די הררי קדם לעבין מזרח דינגען צוא דער ליכט אונ אז דיא זון גייט אויף איז פאר האנדין אזעלכע וואס דינגען צוא דער ליכט אלוה דמרגלא דנהיר אויב דוא וועסט זאגין דאס דינסט איז אום זיסט עס איז ניט אזו נייערט זייא האבין דיא חכמה מימים קדמונים ישנים אז דיא זון באדארף אויף גיין איז גיזעצט איין ממונה אויף דער זון אונ עס גייט ארוים אותיות קדושות פון דעם שם העליון הקודש אונ זייא זיינען גיצייכינט אויף דעם ממונה אונ מיט דעם כח פון די אותיות הקדושים עפינט ער אלע פענצטער אין הימיל אונ דער ממונה איז איין ממונה אויף גאלד אונ מרגליות אדומים אונ דיא וואס וואונען בהררי קדם וואס דינגען צוא דעם גישטאלט האבין

זייא גירשת סימנים פון דיא קדמונים אונ גייען אונ ווייסין דיא נקודת השמש וואס ווערט דער פון דאס גאלד אונ דימענטין אונ גיפינגען זייא זאגט רבי יוסי וויא לאנג נאך וועלין דיא געצין דינגער זיין אויף דער וועלט אמער שקר האט דאך קיין קיום ניט ער הייבט אן עס שטייט שפת אמת תכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר קום אונ זעה דאס לויטערע אור וואס דיא שטערין אין הימיל לייכטין זיינגען דאך אמת נאר דיא שוטים דינגען צוא זייא אונ רופין זייא גאט וויל השי"ת פון זייערט וועגין ניט פאר לענדין דיא אלע נאר דיא וואס האבין גידינט צוא זייא דיא וועט ער מכלה זיין אונ אזו מיינט דער פסוק שפת אמת תכון לעד דאס זיינגען דיא וואס האבין איין שפת אמת אונ זאגין ה' אלהינו ה' אחד אונ אלץ איז אמת אונ לאזין אויש ה' אלהיכם אמת וועלין זייא זיין אן גיברייט אויף אייביג ועד ארגיעה לשון שקר עס וואלט באדארפט שטיין עד רגע אלא וויא לאנג וועלין דיא היידין איין קיום האבין ביז הקב"ה וועט זייא פאר דארבין אבער דיא צדיקים דיא שפת אמת בייא זייא שטייט עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו איך גידיינק איך בין אמאל גגאנגען מיט רבי אלעזר באגעגינט אים איין הייד פרעגט ער צוא רבי אלעזר דוא ווייסט פון דער תורה זאגט רבי אלעזר יוא איך וויש זאגט דער הייד צוא אים איר זאגט אייער אמונה איז אמת עס שטייט דאך שפת אמת תכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר אונ בייא אונז האט אלץ אקיום דרום שטייט תכון לעד אונ צוא אייך איז ווייניג גיוועזן מלכות אונ עס האט זיך באלד אפ גטאן אונ בייא אייך איז מקוים גיווארין ועד ארגיעה לשון שקר איין רגע האט איין קיום דער שקר אונ האט קיין באשטאנד ניט זאגט רבי אלעזר איך זעה אז דוא בישט איין חכם בתורה ווען עש זאל שטיין שפת אמת כוננת לעד וואלט דיא טייטש גיוועזן דעם אמת האשטו אן גיברייט אויף אייביג עס שטייט אבער שפת אמת תכון לעד עס וועט אן גיברייט ווערין אויף אייביג עס איז ערשט אן גיברייט צוא זיין דער שפת אמת אויף זיין שטאנד אונ וועט שפראצן פון דר ערד דען וועט זיין שפת אמת תכון לעד וויא דער הייד האט דאס דר הערט זאגט ער וואול צו דיר אונ וואול צו דיין פאלק וואס איר האט גירשית תורת אמת גייען זיי ווייטער אונ זיינגען גיקומן צו איין פעלד אונ האבין דארטין מתפלל גיוועזן אונ זאגין פון היינט אן אונ ווייטער וועלין מיר זיך מתחבר זיין מיט דער שכינה אונ וועלין עוסק זיין בתורה ער זאגט ווייטער גרויסע סודות · קום אונ זעה עס שטייט וירא העם כי בשש משה העם מיינט מען דאס ערב רב תאטשי עס איז גיוועזן כושיים ולודים כפתורים ותוגרמים אבער דאש ערב רב מיינט מען דיא וואס זיינגען גיוועזן נאר פון דיא מצרים אליין ווארום זייא זאלין גיוועזן זיין פון אנדערע אומות וואלט דאך גידארפט שטיין עלו ווארום שטייט עלה נאר עס איז גיוועזן איין עם ולשון איבער אלע מכשפים וחרטומים פון מצרים וואס אויף זייא שטייט ויעשו גם הם חרטומי מצרים זייא האבין גיוואלט נאך טאן דיא נסים ונפלאות פון הקב"ה וויא זייא האבין גיזעהען דיא נסים ונפלאות וואס משה האט גיטאן אין מצרים זיינגען זייא גיגאנגען צוא משה ער זאל זייא מגייר זיין האט אים הקב"ה ניט גיהייסין זאגט משה רבונו של עולם זייא ווילין זיך מגייר זיין ווייל זייא האבין גיזעהען דיינע גבורות אונ ווייטער אז זייא וועלין זעהען אלע טאג דיינע גבורות וועלין זייא ווישין אז עס איז ניט פאר האנדין קיין גאט חוץ דיר · אזו האט זייא משה מקבל גיוועזן · אונ אלע זיינגען גיוועזן מכשפים איבער זייא איז גיוועזן צווייא עלצטע זייא האבין גיהיישין יונים וימברים דיא קינדער פון בלעם הרשע אונ דרום האט מען זייא גירופין ערב רב ווייל זייא האבין גיהאט אנגיזעצטע צייט וואס פלעגין טאן זייער כישוף דאס איז גיוועזן פון תחלת דיא זיבעטע שעה ביז תחלת דער ניינטער שעה דרום הייסט דאס ערב רב איז טייטש אגרוישר נאבינט צווייא שעה נאך האלבין טאג אונ די קלענרע מכשפים האבין גיטאן זייער כישוף פון תחלת דער ניינטער שעה ביז האלבע נאכט אונ יענע היישין שוין ערב זוטא עס איז גיוועזן צווייא ערלייא ערב רב דרום שטייט וגם ערב רב עלה אתם זייער חכמה איז גיוועזן זייער גרויש זייא האבין גיזעהען אין דער מדריגה פון משה אבער אין דיא ערשטע זעקס שעה פון דעם טאג האבין זייא ניט גיקענט שולט זיין אויף דיא עליונים · אונ דיא צייט איז גיוועזן וואס משה האט גידארפט אראפ נידערין פון דעם בארג אונ וויא באלד זייא האבין גיזעהען אז משה קומט ניט מיד שטייט באלד ויבא העם אל אהרן דען מיר האבין גילערינט אז אין דער צייט האט משה מקבל גיוועזן אלע זאכין פון כלל ישראל וועגן אפילו מגילת אסתר אזו וויא עס שטייט וקבל היהודים עס וואלט גידארפט צוא שטיין זקבלו היהודים נאר דאס גייט אויף משה וואס ער איז גיוועזן דער כלל פון אלע ישראל ער האט מקבל גיוועזן דיא תורה אפילו מגילת אסתרי שטייט ווייטער זיי האבין גיזאגט צוא אהרן קום עשה לנו אלהים מיר זעהען אז דיא ישראל האבין דעם גאנצין כבוד אונ דאש גוטץ אונ אונז זייט איר מדחה לחוץ · דען בייא אייך שטייט וה' הולך לפניהם יומם הקב"ה גייט פאר זייא אזו ווילין מיר אויך האבין אזעלכן זאל גיין פאר אונז מיר וועלין פאר אים מאכן מיט אונזר כישוף וועט ער פאר אונז גיין אזו וויא בייא אייך דען דיא ענני הכבוד זיינגען נאר גיגאנגען פאר דיא ישראל אליין אזו שטייט וה' הולך לפניהם יומם אונ דאש ערב רב מיט דיא בהמות וצאן ובקר זיינגען גיגאנגען צוא דעם הינטערשטין · קום אונ זעה דיא גאנצע פערציג יאר וואש דיא ישראל זיינגען גיגאנגן אין דער מדבר איז אין דער מחנה ניט גיוועזן קיין שום לכלוך וטינוף דרום דיא בהמות וואס זייא האבין ניט גיגעסין פון דעם מן נאר דאס גראז פון דעם פעלד זיינגען זייא גיגאנגען חוץ למחנה · זאגט רבי אלעזר צוא רבי אבא וועדליג דו זאגסט ווייסט דאך אויש אז דאס ערב רב האבן ניט גגעסין פון דעם מן · זאגט רבי אבא בוודאי איז אזו גיוועזן נייערט זייא האבין גיגעסין פון דעם וואס דיא ישראל האבין זייא גיגעבין אזו וויא איינר גיט צוא זיין קנעכט פון דעם ערגשטין דרום שטייט ובני ישראל אכלו את המן נאר דיא ישראל האבין גיגעסין מן ניט דאס ערב רב מיט דיא צאן ובקר · זיינגן דאך דאש ערב רב אונטער טעניג גיוועזן צוא דיא ישראל · אונ איצונד האבין זייא באגערט צוא טאן אזו איין מעשה זייא זאלין ווערין גישטארקט מיט זייער צד הטומאה אונ האבין גיזאגט איידער מיר זאלין זיין איין פאלק בכלל אחד אדער מיר זאלין אויך האבין אזעלכין ער זאל פאר אונז גיין אזו וויא איר · האט אהרן גיזאגט זייא ווילין מכשיל זיין דאש הייליג פאלק · איידער דאש ערב רב זאלין זיין מיט זייא איין פאלק אונ אויש גימישט איז איין כלל איז בעשער זייא אפ שיידין פון דעם הייליג פאלק ביז משה וועט קומען · זיין כוונה איז גיוועזן לטובה נאר מחמת עש איז גיוועזן פיל לייט פון דיא ישראל וואס האבין זיך מיט זייא משתף גיוועזן מיט דיא הערצער דרום אז משה איז אראפ גיקומען האט ער זייא גימוזט מברר ומלבן זיין זייא לייטערין פון דעם חטא אונ האט זייא אן גיטרונקען מיט דער וואשער זייא בודק זיין אזו וויא סוטות

ביז דיא ישראל זייען לויטר גיווארין עש איז צווישין זייא גאר קיין פסולת ניט איבער געבליבין · אהרן האט גיזאגט פרקו נזמי הזהב האבין זייא דען קיין אנדער געלט ניט גיהאט נאר אהרן האט זיך גיטראכט זייא ווערין זיך בוודאי קריגין מיט דיא ווייבער אונ קינדער איידער זייא ווערין געבין דיא אויערינגלעך דער ווייל ווערט משה אן קומען · קום אונ זעה מיר האבין גילערינט אז דיא גרים זיינען אזו וויא צרעת אויף דעם לייב איז דאך שלעכט אזו זיינען זייא צוא די ישראל ומכל שכן דאש ערב רב זיינען נאך קיין רעכטע גרים ניט גיוועזן אזו וויא עש דארף צוא זיין · וואש האבין זייא גיטאן ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב אשר באזניהם זייא האבין אליין אראפ גינומען פון זייערע אויערין ויקח מידם ויצר אותו בחרט אהרן האט דאך ניט גיהאט פר דיא צוויא מכשפים ינים וימברוס איינער איז גישטאנען אונ דער אנדערער האט גימאכט זיין כישוף זייא האבין ביידע איין עצה גיהאלטין האט איינער גינומען צוויא חלקים גאלד אונ דער אנדערער האט גינומען איין שליש אויף דער אנדערער האנט דען אזו מוז זיין דער כישוף :

רבי שמעון וויינט אונ זאגט אי חסידא קדישא דוא אהרן משיח אלהי הגדול איבר דיין פרומקייט זיינען גיפאלין פיל מענטשין פון דיא ישראל אונ דוא האסט ניט גיוואוסט וואס זייא טוען וואס האבין זייא גיטאן וויא באלד עס איז גיקומען זעקס שעה אויף דעם טאג האבין זייא גינומען דאס גאלד וואס זייא האבין אראפ גינומען פון דיא אויערין ווארום עס שטייט ויתפרקו דען דער כישוף איז אזו דאס מען דארף ניט חס האבין אויף דעם געלט זייא האבין גיזאגט דיא שעה שטייט היינט צוא אונז מיר זאלין מצליח זיין מיר טארין דאס ניט זאמען עס איז קיין צייט ניט פאר האנדין מיר זאלין חס האבין אויף אונזר געלט מיד תיכף ויתפרקו כל העם גלייך אזו וויא עס שטייט מפרק הרים ומשבר סלעים זייא האבין מיט גוואלד אפ גירסין די אויערינגלעך פון זייערע ווייבערש אויערין אונ האבין זייא צוא ריסין דיא אויערין :

## פרשת ויקהל

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל רבי חייא זאגט עס שטייט ויאמר שאול אל הקיני לכו סורו רדו מתוך עמלקי פן אוסיפך עמו וגו' קום אונ זעה וואס עס שטייט ביי עמלק פקדתי כל אשר עשה עמלק לישראל וגו' איז דאך קשה פאר וואש אלע מלחמות וואש דיא אומות האבין מלחמה גיהאלטין מיט דיא ישראל איז פאר הקב"ה כביכול גאר ניט שווער גיוועזן אונ עש האט אים ניט גיהארט אזו וויא דיא מלחמה פון עמלק נאר ווייל דיא מלחמה פון עמלק איז בוודאי אויף אלע זייטין למעלה ולמטה דען אין דער צייט האט זיך גישטארקט דער נחש הרע אויף די ישראל למעלה ולמטה אזו וויא איין נחש ליגט אויף דעם וועג אזו האט עמלק ארויש גקוקט אויף די ישראל אונ האט זיך פר בארגן בפרשת דרכים דרום שטייט ווייטער אשר שם לו בדרך בעלותם ממצרים ער האט זיך פאר בארגין מטמא זיין דעם מקדש ה' אונ דיא ישראל · וויא אזו ווייש איך דאש ווארום עס שטייט אשר קרך בדרך אונ דארט שטייט מקרה לילה מיינט מען דאך טומאה אזו דא מיינט מען אויך טומאה אזו אויך שטייט ביי בלעם ויקר אלהים אל בלעם ויקר איז אויך טומאה · וועשטו ווערין פרעגין עס שטייט דאך ויקר אלהים ווי גישיקט זיך זאגין דאש לשון טומאה · נאר הקב"ה האט אים אן גיברייט דאש מקום טומאה אים מטמא זיין אונ אלהים מיינט מען זיין מדריגה וואש ער איז גיוועזן אין איר בהעפט דען בלעם האט גימיינט מיט דיא קרבנות ווערט ער עולה למעלה זיין מיד האט אים הקב"ה אן גיגרייט מדריגות הטומאה אזו וויא עש איז צוא אים ראוי אים מטמא זיין דרום שטייט ויקר אלהים אל בלעם אזו איז אויך דער פשט ביי עמלק אשר קרך ער האט דיר אן גיברייט דעם נחש למעלה ער זאל דיך מטמא זיין אויף אלע זייטין אונ ווען משה זאל זיך ניט גיוועזן שטארקין מיט זיין כח למעלה אונ יהושע למטה וואלטין דיא ישראל אים ניט גיקענט ביי קומען דרום היט צו אים הקב"ה דיא שנאה לדורי דורות · עש שטייט ויאמר שאול אל הקיני דער קיני מיינט מען יתרו אונ וויא קומען דיא קינדער פון יתרו צוא עמלק אמער זייא האבין דאך גיוויינט אין ירחו אזו וויא עש שטייט ובני קני חותן משה עלו מעיר התמרים את בני יהודה אלא פון דער צייט אן האבין זיי גירוט אין תחום פון עמלק ביז שאול המלך איז גיקומען עס שטייט ויסר קני מתוך עמלק דען דיא צדיקים וחסידים וואש זיינען צווישן רשעים ווערין זייא נתפס אין זייערע זינד אזו אויך ווען דאש ערב רב זאל ניט גיוועזן זיין צווישן דיא ישראל וואלטין דיא רשעים ניט גיוועזן גישטראפט גיווארין אין מעשה העגל · קום אונ זעה עש שטייט ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו עש שטייט כל איש איז משמע פון אלע אפילו פון דעם ערב רב דען הקב"ה האט גיוואלט מאכין דעם משכן מכל צד אזו וויא איין פרי איז ארום איין שאלעכץ אזו דיא ישראל זיינען אינווייניג אונ דאס ערב רב איז אין דרויסין ארום זייא דרום האט ער גיוואלט דאס ערב רב כולל זיין מיט דיא ישראל אונ דער נאך אז זייא האבין זיך באהעפט אין זייער מין הטומאה אין עגל אונ האבין גורם גיוועזן מיתה צוא דיא ישראל האט הקב"ה גיזאגט דער מעשה משכן זאל שוין נאר זיין פון דיא ישראל אן דעם ערב רב דרום שטייט ויקהל משה את בני ישראל אונ דער נאך שטייט קחו מאתכם תרומה לה' פון אייך אליין ניט אזו וויא פריער וואס שטייט מאת כל איש וגו' :

ויקהל משה וגו' פון וואנען האט ער זייא איין גיזאמילט אלא ווייל דאס ערב רב איז גיוועזן צווישין זייא דרום האט ער גימוזט דיא ישראל פון זייא אפ שיידין אונ באזונדר איין זאמלען : רבי אלעזר מיט רבי יוסי זיינען אמאל גיקומען פאר רבי שמעון זאגט רבי שמעון מיין זון אלעזר דוא אונ דיא גאנצע חבריא זיצט דא אין שטוב דרייא טאג אונ איר זאלט אייך ניט ארויש ווייזין אויף דער גאס ווייל דער מלאך המות איז איצונד שכיח אין שטאט אונ ווייל עס איז אים גיגעבין גיווארין רשות צוא פאר דארבין קען ער איטליכין פאר דארבין אונ ניט דאס אליין נאר אז א מענטש ווייזט זיך פאר אים גייט ער ארויף אונ דער מאנט זיינע עונות למעלה אונ איז מקטרג אויף אים אונ באגערט איין משפט פון הקב"ה אויף אים אונ ער גייט ניט אוועק ביז דער מענטש ווערט גימשפט אונ ער נעמט רשות צוא טייטין אים זאגט רבי שמעון דא שווער איך ביי דעם שם אלהים אז דאס רוב פון דער וועלט שטארבין פאר זייער צייט ווייל זייא ווייסין זיך ניט צוא היטין דען בשעת אז מען טראגט ארויש איין מת לבית הקברות איז דער מלאך המות שכיח צווישין דיא ווייבער דען אזו איז זיין סדר זינט ער האט איבער גירעט צוא חוה אונ האט מיט איר גורם מיתה גיוועזן צוא דער וועלט דרום אז ער טייט אמענטשין אונ ווייבר גיפינען זיך דער ביי גיפינט ער זיך צווישן זייא זינט מען טראגט אים ארויש ביז זייא קערין זיך אום אהיים דען האט ער רשות צוא מזיק זיין אונ דרום איז ער גורם מיתה צוא פיל לייט פאר זייער צייט

דרום שטייט ויש נספה בלא משפט אטייל שטארבין אן איין משפט אונ פאר זייער צייט אונ וויא אזו ווערט מען דער פון ניצול אז מען טראגט דעם מת צום קבר זאל זיך דער מענטש אום קערין זיין פנים אז דיא ווייבער זאלין גיין הינטער אים אונ אז זייא זייגען זיך מקדים זאל ער גיין הינטער זיך דאס ער זאל זייא ניט זעהען פנים בפנים אונ אז ער גייט צוא ריק זאל ער ניט גיין אויף דעם וועג וואו דיא ווייבר גייען אונ זאל זיי גאר ניט זעהן נייערט ער זאל גיין דורך אנאנדער וועג אהיים אונ מחמת דיא מענטשין ווייסין דאס ניט דרום שטארבין זייא פאר דער צייט זאגט רבי אלעזר אז עס איז אזו וואלט דאך גלייכער גיוועזן אז מען זאל גאר ניט מלוה זיין קיין מת זאגט רבי שמעון עש איז ניט אזו דען דער מענטש וואס איז אין דרינגען גיהיט איז ער זוכה לאריכות ימים ומכל שכן לעולם הבא קום: אונ זעה ניט אום זיסט האבין דיא חכמים קדמונים פאר צייטין מתקן גיוועזן אז מען האט ארויש גיטראגין דעם מת האבין זייא גיבלאזין מיט איין שופר אויב דוא וועסט מיינען מען האט דאש מתקן גיוועזן פון כבוד המת וועגין נייערט מגין צו זיין אויף דיא לעבעדיגע דער מלאך המות זאל אין זייא ניט שולט זיין אונ זייא זאלין זיך היטין פון אים:

פתח ער הייבט אן עס שטייט וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם והרעותם בחצוצרות על הצר מיינט מען דעם מלאך המות הצורר אתכם ער באליידיגט אייך תמיד ער איז ממית צדיקים וואס די לייט זייגען זיך מצער אויף זייער טויט מאי תקנתיה וואס פאר איין תקנה זאלט איר טאן והרעותם דאש איז ראש השנה ער איז איין יום הדין למעלה דער מלאך המות נידערט אראפ משגיח צוא זיין אויף דיא מענטשין אונ גייט ארויף למעלה מקטרג צו זיין אונ דיא ישראל ווייסין וואול אז דער מלאך המות נידערט אראפ זייגען זיי זיך מקדים מיט א שופר צו בלאזן אויף אים ער זאל צוא בראכין ווערין אונ זאל גאר ניט קענען טאן אונ דאש זאל מגין זיין אויף זייא ומכל שכן ווען ער טוט איין דין אונ הרגית מענטשין ומכל שכן אז מען גייט לבית הקברות דען בשעת דיא ווייבער גייען מיט דעם מת נידערט ער אונ איז שכיח בייא זייא אזו וויא דער פסוק זאגט רגליה יורדת מות ווען נידערין אראפ אירע פיס מות צוא דעם וואס ער היישט מות הקב"ה זאל אונז מציל זיין קום אונ זעה עס שטייט כן דרך אשה מנאפת דאס איז דער מלאך המות ער היישט אזו אכלה ומחתה פיה ער פאר ברענגט די וועלט אונ הרגית מענטשין פאר דער צייט ואמרה לא פעלתי און אונ ער זאגט ער טוט ניט קיין און רעכט דען ער באגערט דין אונ בדין אמת שטארבין זייא אונ בשעת דיא ישראל האבין גימאכט דאס עגל אונ עס זייגען אזו פיל חיל פון זייא אויש גישטארבין איז דער יצר הרע שכיח גיוועזן בייא זייא אונ אז משה האט דאש דער זעהען אז דער יצר הרע איז שכיח בייא דיא ווייבער. אונ צווישין מחנה ישראל מיד תיכף ויקהל משה את וגו' דאש זייגען דיא ווייבר האט ער אפ גישייד אונ איין גיזאמילט באזונדר אונ דער מלאך המות האט זיך ניט אפ גיטאן פון די ווייבר ביז דער משכן איז אויף גישטעלט גיווארין אפילו בשעת זייא האבין גיבראכט דיא נדבות המשכן האט ער זיך פון זייא ניט אפ גיטאן ביז משה האט זייא איין עצה גיגעבין אז זייא זאלין ניט קומען אלע בחבורותא מיט די ווייבר אונ זייא זאלין זיך ניט זעהן פנים בפנים נאר הינטר זייערע אקסלין זאלין גיין דיא ווייבער אזו וויא עס שטייט ויבאו האנשים על הנשים ווארום שטייט ניט עם הנשים מיט דיא ווייבער אלא זייער. קומען איז ניט גיוועזן מיט זייא אין איינעם דרום שטייט על הנשים פאר די ווייבער דרום וויל דער מלאך המות האט זיך פון זייא ניט אפ גיטאן ביז דער משכן איז אויף גישטעלט גיווארין דרום שטייט ויקם משה את המשכן ער האט דיא קליפה אפ גישייד פון דער קדושה · דיא חבריא זייגען דארט גיזעסין דעם גאנצין טאג אונ האבין עוסק גיוועזן אין דער תורה:

פתח רבי שמעון הייבט אן ויאמר ה' לנח בא אתה וכל ביתך אל התיבה דעם פסוק האבין שוין דיא חבריא מפורש גיוועזן אבער קום אונ זעה האט דען הקב"ה אים ניט גיקענט היישין גיין אויף אנאנדער ארט אונ דארט זאל קיין מבול ניט זיין אונ אזו וויא בייא גדעון שטייט ויהי חורב על הגזה לבדה אויף דער גאנצער וועלט איז גיוועזן טל אונ אויף דער וואל פון גדעון ניט אדער האט ער אים גיזאלט היישין גיין קיין ארץ ישראל דארט איז דאך קיין מבול ניט גיוועזן אזו וויא עס שטייט ולא גושמה ביום זעם דער רעגין פון דעם טאג פון דעם צארין דאש איז דער מבול איז אין ארץ ישראל ניט גוועזן אלא ווען דער משחית ומחבל נידערט אויף דער וועלט דער וואש פאר שליסט זיך ניט פאר אים אונ ער ווייזט זיך פאר אים איז ער מתחייב בנפשו ער הרגית זיך אליין מיר לערנען דאש אפ פון לוט עש שטייט אל תביט אחריך דער מלאך האט אן גיזאגט צו לוט דוא זאלשט ניט קוקין אהינטער וויל דער משחית גייט הינטער דיין אקסיל אונ אז דוא וועשט זיך אום קערין פנים אל פנים וועשטו גיזוק ווערין דרום שטייט בייא נח ויסגור ה' בעדו כדי דער מלאך המות זאל אים ניט זעהען אונ זאל ניט קענען שולט זיין אין אים · אונ די צייט וואש דיא חבריא איז גיוועזן פאר בארגין איז גישטארבין אין שטאט דרייצין מענטשין זאגט רבי שמעון בריך רחמנא גלויבט איז השי"ת וואש דער מלאך המות האט ניט גיזעהען אין אייער גישטאלט · דער זוהר איז מאריך אין דער קדושה פון שבת אונ אין דיא תפלות פון שבת אז דער שבת קומט אן רופט אויש איין כרוז אין אלע הימלן זייט אייך מתקן איר חיילות אונ מרכבות אנטקעגין אייער הערין דען גייט ארויס איין רוח מצד ימין ער היישט לבוש יקר ער איז זיך מתפשט איבר אלע חיילות ושירות דען ווערט דער שולחן פון דעם מלך אן גיברייט בשמחה וואל צוא דעם חלק פון דעם מענטשין וואס ער איז מסדר זיין טיש אזו וויא עס בדארף צוא זיין אונ דער טיש שטייט אן תרפה איטליכער נאך זיין פאר מעג נאך אונ אז שבת גייט ארין מוז זיך דער מענטש אפ וואשין דען אום דער וואכין איז שולט איין רוח חול אונ אום שבת בקומט ער איין רוח הקודש נשמה יתירה דרום גיהער ער זיך מקדש זיין אונ זיך אפ וואשין אין מרחץ אפ טאן פון זיך דעם שימוש של חול מקבל זיין דיא הייליגע נשמה יתירה וואס דורך איר ווערט פאר געסין אלע מיני צער דען דארטין וואו זיא איז אין איר ארט איז פול חדוה ושמחה דען אז די רוח ונשמה יתירה קומט אראפ וואשין זייא זיך אין דיא בשמים פון דעם גן עדן אונ נידערט צוא רוען אויף ישראל עם הקודש אונ אז זיא קומט אין גן עדן דער וועקין זיך אלע רוחות פון דעם גן עדן אונ זאגין אשריכם ישראל וואול צו אייך ישראל עם הקודש דאס דער רצון פון אייער האר טוט זיך אזו צוא אייך דער וועקין דרום שטייט ושמרו בני ישראל את השבת דאס ווארט את איז מרבה דעם רוח וואס נידערט אויף זייא אום שבת אז ער זאל אויך גיהיט ווערין מיט תענוגים אונ שמחה דאס חס ושלום קיין דאגה וצער אדער כעס ורוגז זאל ניט זיין בייא דעם מענטשין דען ער איז פוגם אין דעם רוח ונשמה יתירה ווארום דארט אין איר ארט איז פול חדוה ושמחה

דאס

דאס איז מרמז לא תבערו אש מען זאל ניט אן צינדין דעם כעס דאס איז דער כח פון דעם ס"מ אונ זיין כח איז פאר לאשין אונ שטיל דאס זייא קענען ניט שולט זיין אונ ווען דער מענטש האט אום שבת דאגה וצער וכעס שטארקין זייא זיך אויף דער היילגער נשמה דרום זאגט דער פסוק ושמרו בני ישראל את השבת אויך צוא היטין דיא נשמה ורוח יתירה אז דיא קליפות זאלין זיך אין אים ניט שטארקין אונ אן גיצונדין ווערין דרום שטייט כל שומר שבת מחללו מען דארף היטין דעם שבת אז דיא קליפות זאלין אים ניט פאר שוועכין אונ ווידער דער רוח וואש איז שולט אום שבת אויף דיא ישראל האט הנאה פון זייערע תענוגים באכילה ושתיה פון דיא דרייא סעודות וואס זייא זיינען אין דרייא מדריגות עליונות וואל צוא זייער חלק ווער עס איז מהנה דיא נשמה מיט תענוגים פון שבת דען דער רוח איז אגאנצע וואך נהנה פון דעם רוח העליון פון די אורות הקדושים אונ אום שבת נידערט זיא אראפ אונ ווערט גיוואשין אין גן עדן אונ זיא האט איין תענוג פון דעם עונג הגוף אונ דער רוח ווערט גקריינט מלמעלה ומלמטה אונ ווערט גזעהן אויף אלע זייטין מיט דער עטרה של מעלה ושל מטה אונ וויל זיא איז אין דער צייט בייא דעם מענטשין אזו מוז ער זיא היטין אונ זיא מענג זיין מיט אלע תענוגי אכילה ושתיה אונ מיט אלע מיני שמחה אונ טייערע מלבושים דען אזו ווערט זיא גיקריינט אונ גיהיט למטה אונ אין דעם ספר פון שלמה המלך אונ דאס היילגע ליכט רבי שמעון האט גיזאגט עס שטייט וביום השביעי שבת וינפש ווען דיא נשמה יתירה גייט אוועק נאך שבת זאגט זיא ווייא נפש זיא האט פאר לארין דעם נפש איז דאך קשה ווארום איז ווייא צוא דעם נפש עס גיהער זיין ווייא צוא דעם גוף דען דער גוף פאר לירט נאך שבת דעם נפש · נאר דער טעם איז דען דער נפש פון דעם מענטשין איז איין ארט צוא דעם רוח אזו וויא דער גוף איז איין ארט צוא דעם נפש אונ אגאנץ שבת רוט דער רוח יתירה אין דעם נפש דען ער האט גרויס תענוג דער פון דרום האבן מיר גלערינט אז אלע נפשות פון די ישראל ווערן גקריינט אום שבת דאס איז וואס דער רוח איז דרינען דרום איז רעכט וינפש עס איז ווייא צוא דעם נפש דען זיא פאר לירט נאך שבת דעם נחת רוח אונ איר מעלה וואס זיא האט גיהאט אגאנץ שבת אונ דרום וויל דער רוח רוט אום שבת דרום איז דיא צייט פון דיא תלמידי חכמים וחסידים וצדיקים זיך מזווג זיין אום שבת דען ער קאן אראפ ציהין נשמות קדושות צוא זיינע קינדער אונ אז דער רוח ונשמה יתירה קומן אראפ אונ רוען אויף דער וועלט אזו טוען זיך אפ אלע רוחות רעות אונ דיא מקטריגים פון דער וועלט דרום דארף מען ניט מתפלל זיין אויף שמירה דען דיא ישראל ווערין ממילא גיהיט מכח דעם רוח אונ דער סוכת שלום פאר שפרייט אירע פליגיל אויף דיא ישראל אונ ווערין גיהיט פון אלע זאבין · אויב דוא ווערסט פרעגין מיר האבן דאך גילערינט אז איין מענטש טאר ניט גיין אליין דיא נאכט פון מיטוואך אונ די נאכט פון שבת מחמת די מזיקים איז דאך קשה וואס דארף ער זיך צוא היטין אום שבת זייא זיינען דאך גיהיט פון אלע מקטריגים קום אונ זעה עס איז בוודאי אזו דיא נאכט פון מיטוואך האבין זייא בוודאי אשליטה וויל דיא נאכט איז דיא לבנה קלענער גיווארין דרום שטייט יהי מאורות ברקיע שטייט מארת אן איין ו' אז דרום האבין דיא מזיקים שדים וקליפות אשליטה אין דער נאכט · אונ דיא נאכט פון שבת וויל אלע ווערין פר שפרייט ארויס צו גיין אין נוקבא דתהום רבא אראפ דאס זייא קענען ניט שולט זיין דרום גיהער זיך דער מענטש אליין היטין דען תאמשע זייא האבין קיין שליטה ניט ווערין זייא צוא צייטין גיזעהן דרום אז דער מענטש איז אליין מוז ער זיך היטין דען שבת איז איין שמירה צו דעם עם הקודש אונ ווען שבת גייט ארייין אזו קריינט הקב"ה צוא איטליכן פון דיא ישראל דא מוזין זייא דיא עטרה היטין אונ תאמשע דיא קליפות זיינען דאך ניט שכיח אין ישוב נייערט אין דער מדבר אבער צו צייטין ווען אייגער איז אליין קען זיין רע מזלא דרום מוז זיך דער מענטש היטין אום שבת אונ שבת איז איין יום השמחה למעלה ולמטה צו אלע אונ עס ווערט אלץ גיהיט למעלה ולמטה אז דאס אור הקודש פון שבת קומט נייגען זיך דאס עם הקודש מקדים צוא גיין אין שול ארייין בשמחה גיקריינט צוא ווערין בכתרי כתרים קודש של מעלה מיט חשובה מלבושים אונ טוען לויבין בשירות ותשבחות מיט דעם רוח וואס שטייט אויף זייא למטה אונ דער שיר ושבח גייט ארויף למעלה אונ דיא עליונים ותחתונים זיינען אלע בשמחה אונ ווערין אלע מיט אמאל גיקריינט דען הייבין אן די עליונים אונ זאגין וואל צוא דעם פאלק דאס זייער האר ווערט גיקריינט אויף זייא אונ אלע חיילות הקדושים ווערין גיקריינט פון זייערט וועגין דער טאג פון שבת איז דער טאג פון דער נשמה ניט פון דעם גוף אז דאס פאלק גייען אין שול ארייין איז אסור משתדל זיין אונ צוא ריידין אפילו שול זאכין ומכל שכן מילי דעלמא נאר שירות ותשבחות אונ תפלות מיט תורה ווער עש איז עוסק אין מילי דעלמא דער איז מחלל שבת ער האט ניט קיין חלק בעמו ישראל צווייא מלאכים זיינען דרויף ממונים אום שבת אונ טוען זייערע הענט אויף זיין קאפ אונ זאגין ווייא צוא דעם מענטשין ער האט קיין חלק ניט אין הקב"ה דרום מוז מען זיך אלץ משתדל זיין מיט תפלות שירות ותשבחות פון זייער הארין אונ עוסק זיין בתורה אונ דער טאג איז פון דער נשמה וועגין אונ דרום לויבט מען מיט דעם שבח פון דער נשמה נשמת כל חי תברך את שמך וגו' ורוח כל בשר עש איז איין שבח מצד נשמה ורוח אונ דער טאג שטייט ברוח ונשמה אונ גייט בגוף אונ דאש שבח פון דעם היילגין טאג זאגט מען יוצר אור דאש איבערשטע ליכט וואש פון אים ווערין גישפייזט אונ דער לייכטין אלע חיילות ומרכבות ומזלות אונ אלע וואש זיינען שולט אויף דער וועלט דאש איז דער שבח עולם הבא אין דעם טאג אונ אזו אויך איז דער שבח פון אל אדון על כל המעשים דער שבח איז מיט כ"ב אותיות עליונים נאך דעם סדר אלף בית דאש זיינען גרוישע סודות דרויף ווען דער שבח גייט ארויף קומען ששים רבוא מרכבות עליונים אונ ברייננגין ארויף דעם שבח פון דעם היילג פאלק אונ עש ווערין גיקריינט כמה מרכבות עליונים וואש זיינען ממונה אויף דיא צדיקים אין ג"ע דיא ווערין אלע גיקריינט מיט דעם שבח אונ אלע מרכבות אונ אלע נשמות פון דיא צדיקים גייען אלע ארויף בשבח זה ביז אין דעם שורש פון דעם כסא הכבוד אונ אז דער שבח קומט לכסא הכבוד שטייט ער דארט ביז דיא ישראל זאגין דיא קדושה פון מוסף דען גייט דאס ארויף למעלה ולמעלה דאס איז דער שבח וואס איז העכער פון אלע שבחים ישמח משה איז דיא שמחה פון דיא אבות זייא זיינען זיך משמח מיט דעם מתנת חלקו פון משה דאס איז בקיצור מחמת עס איז גרוישע סודות וויטער שטייט דער סוד פון ספר תורה וואס מען לייענט אום שבת זיבין מענטשין אנטקעגין דיא זיבין קולות וואס שטייט אין מזמור לדוד

הבו לה' בני אלים און אום יום טוב רופט מען אויף פינף מענטשין און אום יום כפור זעקס און ראש חודש פיר דאס זיינען פיל סודות · די תיבה היישט דיא בימה וואס דיא ספר תורה ליגט דרויף און מען לייענט דארט דארף האבין ששה מדריגות היישט זעקס טרעפ אויף זייא ארויף גיין ניט מער אנטקעגין דיא זעקס טרעפ וואש איז גיוועזן בייא דער שטול פון שלמה המלך דאש איז אלץ איין סוד און בשעת מען לייענט דארף מען נאר צוא הערין דאש קול פון דעם קורא און בשעת מען ברייננט דיא ספר תורה צוא דער בימה דארפין זיין אלע אן גיגרייט צוא שטיין באימה וביראה ורתת וזיע און צוא הערין בכוונה גלייך וויא ער שטייט אויף דעם בארג סיני מקבל זיין דיא תורה מען דארף צוא הערין דאס לייענען און ניט עפענען דאס מויל אפילו בדברי תורה ומכל שכן אין אנדערע רייד נייערט צוא שטיין באימה ויראה אזו וויא עס שטייט ובפתחו עמדו כל העם ואזני כל העם אל ספר התורה זאגט רבי שמעון אז מען עפינט אויף דעם ארון הקודש ארויס נעמען דיא ספר תורה לייענן בצבור אזו ווערין גיעפינט דיא שערי רחמים און זיינען מעורר צוא דער וועקין איין אהבה למעלה אזו גיהער דער מענטש זאגן בריך שמיה וגו' און בשעת לייענען דארף דער קורא שטיין אויבין און אלע מענטשין פון אונטין אזו וויא בייא דעם בארג סיני ויתיצבו בתחתית ההר ומשה עלה אל האלהים און דער וואס ער לייענט זאל האבן זיין כוונה ורצון צוא דעם וואס ער לייענט און ער זאל ווישן אז ער איז דער שליח פון זיינע הערין צוא מאכין הערין צום גאנצין צבור דיא רייד דען ער שטייט העכער פון אלע אין דעם גישטאלט של מעלה אזו וויא הקב"ה האט גירעט אויף דם בארג סיני דרום ווער עש לייענט אין דער תורה גיהער ער זיך מסדר צוא זיין דיא סדרה אין דער היים און אז ניט זאל ער ניט לייענען אין דער תורה מיר לערנען דאס אפ פון הקב"ה ער האט פריער גילייענט אליין דיא תורה און דער נאך האט ער זיא גיזאגט צוא דיא ישראל אזו וויא עס שטייט אז ראה ויספרה הכינה וגם חקרה דער נאך שטייט ויאמר לאדם הן יראת ה' היא חכמה אויך איז אסור צוא דעם וואס לייענט אז ער זאל מפסיק זיין אין מיטין דער פרשה נייערט אויף דעם ארט וואו משה האט מפסיק גיוועזן אויך זאל ער ניט לייענען דיא סדרה פון אנדער וואך אין דעם שבת דען אז מען לייענט אויש כסדר דיא סדרות פון אגאנץ יאר און זיי ווערין גיקריינט פאר הקב"ה זאגט הקב"ה צוא זייא דוא ביסט פון דעם שבת און דוא פון דעם שבת באותו שעה רופט הקב"ה צו דעם מלאך יופ"י השר הגדול און צו דרייא און פופציג מרכבות הקדושים וואש זיינען אונטער אים און זעצט זייא פאר ממונים אז זיי זאלין משמש זיין די תורה און איטליכע מרכבה נעמט ער אויף איטליכר פרשה און איטליכער איז משמש די תורה זיין שבת דרום איז אסור צוא מישן איינש מיט דעם אנדערין און ניט מאכין אריין גיין איין מרכבה אין דער אנדערער אפילו ניט מיט איין ווארט און אפילו ניט מיט איין אות נייערט איטליכע פרשה וויא הקב"ה האט זיא גיטיילט און גיזעצט איטליכע פרשה אויף איר משמורה און דרום גייען אויף דיא זעלביגע רייד וואש מען האט זייא גילייענט בצבור אזו נעמט זיא דיא מרכבה וואש זיא איז ממונה אויף דר פרשה און ברייננט זיא אויף פר הקב"ה און די זעלביגע רייד ממש וואס ווערין גילייענט למטה שטייען פאר הקב"ה און זאגין מיר פרשה פלוני האט אונז גילייענט דער ציבור פלוני אזו און אזו איז גילייענט גיווארין וויא עס איז ראוי אזו גייען דיא רייד אויף און ווערין גיקריינט

על כסא הקודש און די מרכבה איז משמש פאר אים און אזו איז איטליכע מרכבה פון איטליכין שבת זייא ווערין אלע גיקריינט אין דעם כסא הקודש און מיט דעם גייען זייא ארויף למעלה למעלה און פון אלע ווערט גימאכט איין כלל אחד דרום וואול צוא דעם חלק וואס ער איז רעכט משלים אלע שבת זיין סדרה אזו וויא עס באדארף צוא זיין אז שבת גייט ארויש אזו מוזין דיא ישראל זאמען דעם שבת און מען זאל ניט דוחה זיין דעם הייליגין גאסט דרום זאל מען זיך ניט היילין מיט מעריב · און מען זאל אן הויבין והוא רחום יכפר עון דאס איז דער רעכטער תיקון וייל דיא קליפות עון משחית אף וחימה זייגען אנאנצין שבת גיוועזן פאר בארגין דרום זאגט מען והוא רחום אז זייא זאלין אויף אונז קיין שליטה ניט האבין · און בשעת דיא ישראל זאגין ויהי נועם ואתה קדוש זאגין אלע רשעים אין גיהנם וואול צוא אייך ישראל וואול צוא אייך צדיקים וואס היטין דיא מצות התורה וויא צוא אונז רשעים וואס מיר האבין ניט זוכה גיוועזן צוא היטין די מצות התורה · דען איז דאך דער ממונה רגמה מקדים און איין כרוז רופט אויש ישובו רשעים לשאולה און אלע מלאכי חבלה טרייבן זייא צוא ריק אין גיהנם אריין און קיינער איז זיך ניט מרחם איבער זייא וואול צוא דיא וואס היטין רעכט שבת אויף דער וועלט און זייגען זיך מתענג בתענוגים · דער וואש פאסט אום שבת דער וועקין זיך אויף אים צווייא פאר הש"ת איינר איז דער הייליגר רוח וואש ער האט הנאה פון דעם עונג שבת און ער האט אים ניט מענג גיוועזן און איינער איז דער ממונה וואש ער איז ממונה אויף דיא וואש פאסטין ער גהיישט סנג"ר און גייען ארויף פאר דעם מלך הקדוש און זיינען מעורר דין אויף אים דען דער רוח פון שבת גייט ארויף בחסרון וואש ער האט ניט גיהאט קיין עונג שבת למטה און אז ער איז ניט נשלם מלמטה איז דער רוח של מעלה אויך ניט נשלם מחמת דעם תענית דרום איז דער מענטש ראוי צוא מקבל זיין איין עונש און גישאלטין צוא ווערין נאר אז ער פאסט אפ אנדער טאג פון דער וואך אויף דעם תענית פון שבת צוא רייסט מען אים זיין גזר דין פון זיבעציג יאר עליונים עש איז אזו אמשל צוא איין מלך וואש ער פרייט זיך אויף זיין חתונה און אלע לייט פרייען זיך אויך מיט אים זעהעט ער אז אמענטש זיצט תפוס אין גרויש צער אזו הייסט אים דער מלך פרייא לאזין כדי אלע זאלין זיך משמח זיין מיט אים דרום ווער עס זיצט אום שבת אין איין תענית צוא רייסט מען אים זיין גזר דין הרעה כדי אלע זאלין פריילעך זיין בשמחת המלך עליון אבער דער נאך קערין זיך אום דיא ממונים וואס, זייא שטראפין מענטשין און בצאלין דעם מענטשין איין עונש וייל פון זיינט וועגן איז גיוועזן איין חסרון למעלה ולמטה וואס איז זיין תקנה וייל ער האט מבטל גיוועזן דעם עונג שבת און אום דר וואכין האט ער ניט גיפאסט האט ער דעם רוח חול יוא מענג גיוועזן און דעם רוח שבת ניט דרום זאל ער אום דער וואכין אפ פאסטין נאך אטאג כדי דער רוח חול זאל אויך זיין בתענית דאס איז אים איין רפואה אזו וויא די תורה האט מער מחמיר גיוועזן בייא איין גנב וויא בייא איין גזלן דרום וייל דער גנב פארכט זיך פאר מענטשין מיין וויא פאר גאט דרום באדארף ער צאלין כפל אזו אויך אז ער וועט אום שבת פאסטין און אום דער וואכין ניט אזו האלט ער חשובר דיא ימי החול פון שבת · וואול צו דעם מענטשין וואס ער איז משלים למטה דעם עונג העליון אזו וויא עס גיהער צוא

זיין · דער יום השבת ווערט גיקריינט מיט זיבעציג קריינען אונ דער שם הקודש העליון ווערט גשלם אויף אלע זייטין אלע מדריגות ווערין דער לייכט אונ אלע זיינען בחדוה אונ דער מענטש מוז עדות זאגין דיא נאכט פון שבת מיט דעם קידוש בשמחה אויף מעשה בראשית אונ ווער עס האט זיין מחשבה דער צוא איז אים הקב"ה מכפר זיינע עונות :

## פרשת פקודי

אלה פקודי המשכן משכן העדות דער רוח הקודש אליין האט גיוויזן צוא אלע דעם חשבון פון דעם כסף וזהב וואש די ישראל האבין מנדר גיוועזן אונ דער רוח הקודש האט גיזאגט וכסף פקודי העדה מאת ככר וגו' כל הזהב העשוי למלאכה דען הקב"ה האט בגערט אין דיא בעלי מלאכות אונ האט גיוואלט וויזין זייער נאמנות צוא אלע דרום שטייט אלה פקודי המשכן קום אונ זעה באותו שעה אז דער משכן איז אויף גישטעלט גיווארין האט דער שטן נישוועבט אונ האט גיוואלט גיפינען איין קטרוג אויף זייערע נאמנות ביז הקב"ה האט אים גימאכט אונטער טעניג פאר משה אזו האט ער גימאכט דעם חשבון בעל כרחו אזו האט ער זייער נאמנות אויף גיבראכט פאר אלע קום אונ זעה ווייל דאש משכן איז גיציילט גיווארין דרום האט משה גימוזט מתפלל זיין אז דיא ברכה זאל דרויף רוען דרום שטייט ויברך אותם משה וואש פאר איין ברכה האט זייא משה גיבענטשט יהי רצון עס זאל רוען דיא ברכה אין דר מעשה פון אייערע הענט דען איין זאך וואס מען ציילט איז דרויף ניט שורה קיין ברכה אונ דיא ברכה האט ניט גירוט אויף דעם חשבון ביז משה האט עס אן גיקניפט אונ מדבק גיוועזן למעלה דרום שטייט אלה פקודי המשכן משכן העדות אשר פוקד על פי משה אונ ווען עס זאל ניט גיוועזן גיציילט ווערין דורך משה וואלטין זייא קיין חשבון ניט גיקענט מאכין נייערט דיא מדריגה פון משה האט עס גיטאן ער האט גורם גיוועזן אז עס איז גיציילט גיווארין דרום שטייט אשר פוקד על פי משה קום אונ זעה בשעת דיא בעלי מלאכות האבין אן גיהויבין צו טאן דעם מעשה המשכן האבין זייא נאר אן גיהויבין אונ עס האט זיך שוין אליין גיטאן דרום שטייט ותכל כל עבודת משכן אהל מועד עס האט זיך אויש גלאזט די עבודה וואס דער משכן האט אליין גיטאן · אזו אויך ביי בריאות עולם שטייט אויך ויכלו השמים והארץ איז אויך דר טייטש זיי האבין זיך אליין משלים גיוועזן אזו אויך אז מען האט גיבויט דעם בית המקדש האבין אויך נאר דיא בעלי מלאכות אן גיהויבין אונ עס האט זיך אליין גיטאן דרום שטייט והבית בהבנותו עס זאל שטיין והבית אשר בניתי וואלט משמע גיוועזן אז מען האט אים גיבויט עס שטייט דאך אבער בהבנותו איז טייטש אין זיין טאן בויען פון זיך זעלבערט אזו אויך שטייט אבן שלימה מסע נבנה עס שטייט ניט בונה נייערט נבנה עס איז אליין גיבויט גיווארין אזו אויך אלץ וואס איז קודש איז אליין גיטאן גווארין :

ויקם משה את המשכן רבי יהודה הייבט אן עס שטייט אל תשמחי אויבתי לי כי נפלתי קמתי ווער איז דער אויב דער ס"מ אונ די וואש זיינען שונאים דער מלכות הקדושה זאגט דיא כנסת ישראל איר זאלט אייך ניט פרייען אויף מיין מפלה דען אז איך פאל שטייא איך ווידער אויף אבער אז איר ווערט פאלין ווערט איר שוין ניט אויף שטיין גם כי אשב בחושך ה' אור לי דען כמה פעמים אז די כנסת ישראל איז גיפאלין בגלות מצרים ובבל האבין זייא דיא שונאים גיוואלט פאר לענדין פון דער וועלט אונ האבין ניט גיקענט אזו וויא עש שטייט על עמך יערימו סוד וגו' אמרו לכו ונכחידם וגו' חאטשע זייא זיינען גיפאלין אין גלות זיינען זייא ווידער אויף גיגאנגען דרום אויך בגלות מצרים וואש משה האט זייא ארויש גיצוגין אונ הקב"ה האט זייא גיטאן נסים ונפלאות דענקשט מאל ויקם משה את המשכן ער האט זייא אלע מאל אויף גריכט ויכס הענן את אהל מועד אז דער ענן האט צוא גידעקט דעם משכן האט דיא שכינה גירוט אויף דער וועלט אונ דער רוח הטומאה איז צוא בראכין גווארין וואש ער איז מקבל בשרא אונ איז אפ גטאן גווארין נוקבה דתהומא רבה דרום שטייט ולא יכול משה לבא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן דען דער רוח הקודש האט גירוט אויף דער וועלט אונ דער רוח הטומאה איז אפ גיטאן גיווארין נאר די רשעים האבן אים ווידר אויף גצוגין אויף דער וועלט אונ ווען ניט וואלט ער שוין אויף דער וועלט ניט גוועזן אונ לעתיד איז הקב"ה אן גיברייט אים מעביר צוא זיין פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט בלע המות לנצח וגו' אונ ווידער שטייט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ

ברוך יי לעולם אמן ואמן ימלוך יי לעולם אמן ואמן :

חסלת ספר שמות

## פרשת ויקרא

ויקרא אל משה רבי חייא זאגט עס שטייט באתי לגני אחותי כלה אריתי מורי עם בשמי אכלתי יערי עם דבשי וגו' אכלו רעים וגו' איז דאך קשה ער זאגט פריער אכלתי איך האב גיגעסין אונ דער נאך זאגט ער אכלו רעים עסט איר ליב האבער איז דען אזו דער סדר אז איינער רופט מענטשן אויף איין סעודה זאל ער פריער עסין דער נאך זאל ער זייא געבין עסין · נאר וואול צוא דיא ישראל וואס הקב"ה האט גיוואלט זייא מזכה ומטהר זיין אונ ווייל ער האט גיוואלט אין זייא דרום וויל ער זיי אויף ברייננען פון אלע מקטריגים פון דער וועלט · קום אונ זעה דעם טאג וואס מען האט אויף גישטעלט דעם משכן למטה האט מען דעם משכן למעלה אויך אויף גישטעלט דרום שטייט סתם הוקם המשכן מיינט מען דעם משכן של מעלה אונ אין דעם טאג איז גיוועזן אגרושע שמחה פאר הקב"ה אונ אז מען האט מתקן גיוועזן דיא ביידע משכנות שטייט ולא יכול משה לבא אל אהל מועד אונ הקב"ה האט דאס גיזעהען האט ער גזאגט דר משכן איז דאך אויף גישטעלט גיווארין דורך משה זאל ער אליין שטיין אין דרויסין מיד ויקרא אל משה האט ער אים אריין גירופין אונ האט אים גיזאגט דער חינוך המשכן דארף זיין מיט איין סעודה דרום שטייט אדם כי יקריב מכם וגו' ווייטער איז ער מגלה גרושע סודות אויף דעם פסוק באתי לגני :

רבי שמעון איז גיגאנגען אין וועג קיין טבריה האט אים באגעגינט אליהו זאגט ער צוא רבי שמעון שלום זאל זיין צוא דעם הערין זאגט רבי שמעון אין וואס איז אצונד דיא שכינה עוסק אין הימיל זאגט ער אין דער פרשה פון קרבנות אונ זאגט פון דיינט וועגין חידושים וואס דוא האסט מחדש גיוועזן אין דער תורה וואול צוא דיר דרום בין איך גיקומען צוא דיר · איך זאל דיר מקדים זיין שלום

אונ דיך פרעגן איין זאך וואס עס איז גיפרעגט גיווארין במתיבתא דרקיע אונ דאס איז דיא שאלה מען האט גיפרעגט עס שטייט באתי לגני אחותי כלה אכלתי יערי עם דבשי וגו' דאס הייסט הקב"ה זאגט איך בין גיקומען צוא מיינע כנסת ישראל וואס הייסין כלה האב איך גיגעשין וויא גישיקט זיך דאס בעולם הבא האט ער גיגעסין אמער דארטין איז דאך ניט פאר האנדין קיין אכילה ושתיה נאך וואש שטייט אכלתי דאש איז גיפרעגט גיווארין בישיבה של מעלה זאגט רבי שמעון וואש האט הקב"ה דרויף גיענטפערט זאגט אליהו הקב"ה האט גיזאגט עס איז דאך פאר האנדין רבי שמעון בן יוחאי לאז ער ענטפערין דרום בין איך גיקומען צוא דיר דוא זאלשט דרויף ענטפערין זאגט רבי שמעון וויא גרויש איז דאש ליבשאפט וואש הקב"ה האט ליב דיא כנסת ישראל חאטשי ביי אים גישיקט זיך ניט קיין אכילה ושתיה נאר מחמת גרויש ליבשאפט האט ער משנה גיוועזן זיין רצון צוא טאן איר רצון ווארום דער סדר איז אזו צווישין חתן וכלה אויך לערנען מיר אזעלכש אפ פון דוד המלך ער האט גיזאגט צוא הקב"ה כתיב ילבשו צדק וחסידיך ירננו ער האט גידארפט זאגין ולויך ירננו ווארום דיא שירה האבין דאך דיא לוים גיזאגט ווארום שטייט וחסידיך נאר בשעת ער האט גיזאגט וחסידיך האט אים הקב"ה גיזאגט דוד מיין סדר איז ניט אזו האט דוד גיזאגט בעבור דוד עבדך אל תשב פני משיחך וויל איך האב דיך צוא מיר אן גיבייט דארפשטו מיר טאן מיין רצון ווארום דער דרך ארץ איז אז איינער בעט דעם אנדערין צוא זיך אויף איין סעודה טוט דער אורח זיין רצון אזו דארפשטו מיר טאן מיין רצון חאטשי דיין סדר איז ניט אזו ענטפערט אים הקב"ה אז דוא האשט מיך שוין אן גיבייט וועל איך טאן דיין ווילין דעסט גלייכין גיפינען מיר ביי דיא מלאכים וואס זיינען גיקומען צוא אברהם חאטשי אויף דעם הימיל איז דאך ניט פאר האנדין קיין אכילה ושתיה נאר אים צוא ליב האבין זייא גיגעסין אונ גיטרונקען אזו אויך הקב"ה מחמת גרויש אהבה וואש ער האט ליב דיא כנסת ישראל זאגט ער אכלתי וגו' זאגט אליהו צו רבי שמעון רבי דא שווער איך ביי דיין לעבין אז הקב"ה בעצמו האט גיוואלט דעם תירוץ זאגין נאר ער האט זיך ניט גיוואלט מחזיק טובה זיין פאר דיא כנסת ישראל דרום האט ער מיר גיהייסין דיך פרעגין כדי דוא זאלשט ענטפערין וואול צו דיר וואול דיין חלק דאש הקב"ה טוט זיך בארימען מיט דיר למעלה אויף דיר זאגט דער פסוק צדיק מושל ביראת אלהים:

אדם כי יקריב מכם קרבן ווער עס איז אגאנצער מענטש דער קען מקריב זיין אלע מדריגות עליונים אונ צו מאכן איין יחוד שלם אבער ווער עס האט ניט קיין אשה דער הייסט ניט קיין אדם שלם זיין קרבן איז ניט ווערט אונ דיא ברכות גיפינען זיך ניט ביי אים לא למעלה ולא למטה דען דיא שכינה רוט ניט אויף אים וייל ער הייסט ניט קיין אדם ער איז איין בעל מום אונ ווער עס איז איין פגום ווערט ער נדחה פון אלדינג אונ דרום נדב ואביהוא וייל זייא האבין קיין נשים ניט גיהאט אז זייא האבין גינעהענט צוא דער עבודה זיינען זייא גישטראפט גיווארין אזו וויא עס שטייט ותצא אש מלפני ה' ותאכל אותם דרום שטייט אדם כי יקריב מכם קרבן דאש איז זכר עם נקבה אזו וויא עס שטייט זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם רבי אחא איז גיגאנגען אין וועג אונ רבי יהודה איז אויך מיט אים גיוועזן זאגט רבי יהודה מיר האבין גילערינט אז א בתולה ווערט גיבענטשט מיט זיבין ברכות דאש איז אנטקעגין דיא כנסת ישראל וואש זיא הייסט בתולה אזו וויא עס שטייט ואתה בן אדם שא נא קינה על בתולת ישראל דאש גייט אויף די כנסת ישראל איז דאך קשה עש שטייט נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל איז משמע אז זיא וועט חס ושלום קיין תקומה ניט האבין אויף צוא שטיין אונ אליץ וואש דיא חכמים האבין גיזאגט אין דעם וואלט רעכט גיוועזן אז דיא פרשה זאל שטיין בדרך נחמה עש שטייט דאך אבער דער ביי קינה הייסט קלאג זאגט ער בוודאי איז אזו אונ מיר איז דאש אויך קשה גיוועזן זיינען מיר גיקומען מיט איין פינצטער פנים צוא רבי שמעון אים פרעגין זאגט ער אין דיין פנים ווערט דער קענט דיין הארץ זאג איך בוודאי איז אזו זאגט ער צו מיר זאג דיינע רייד האב איך אים גיזאגט עס שטייט נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל ווער עס איז ברוגז אויף זיין אשה אונ האט זיא אוועק גיטריבין פון זיך זאל ער זיא שוין אייביג נאר ניט אום קערין צוא זיך אויב עש איז חלילה אזו איז דאך וויא צו דיא ישראל וואס זיינען פאר טריבין גיווארין האט ער מיר גיזאגט האשטו דען ניט גיהערט דעם תירוץ וואש דיא חכמים האבין אויף דעם גיזאגט זאג איך צו אים איך האב גיהערט נאר עש איז מיר נאך ניט רעכט זאגט ער צוא מיר אלץ וואש דיא חכמים זאגין איז בוודאי רעכט אבער ווייא צוא דעם דור וואש זייערע פאסטעכער דאש הייסין דיא צדיקים זיינען ניט פאר האנדין צווישין זייא דען גייען דיא שאף אליין אונ ווייסין ניט וואו אהין זייא זאלין זיך קערין מען מוז מגלה זיין דעם פסוק צוא פאר שטיין קום אונ זעה אלע מאל וואש דיא ישראל זיינען פאר טריבין גיווארין האט הקב"ה גימאכט איין זמן ווען זייא וועלין ארויש גיין אונ אז עש איז גיקומען דער זמן האבין זיך דיא ישראל תיכף אום גיקערט אונ אין דם גלות האחרון וועלן זייא זיך שוין אליין ניט אום קערין אזו וויא פריער אונ דער פסוק ווייזט אויך אויש אזו ווארום ווען עש זאל שטיין אין פסוק נפלה ולא אוסיף להקימה בתולה ישראל וואלט די טייטש גיוועזן זיא איז גפאלין אונ איך וועל זיא שוין ניט אום קערין חס ושלום אבער היינט אז עש שטייט ולא תוסיף קום איז טייטש זיא וועט שוין אליין ניט אויף שטיין אזו וויא פריער נייערט הקב"ה אליין וועט זיא אויף שטעלן זיא זאל גיין אויף איר ארט עש איז איין משל צו אייזרייכר מאן וואש איז ברוגז גוועזן אויף זיין וייב האט ער זיא ארויש גטריבין אויף איין צייט זיא זאל צו אים ניט קומען אבער אז די צייט גייט אויש גייט זיא אליין צו ריק אזו איז גיוועזן צווייא דרייא מאל ער האט אליץ גימאכט איין זמן אבער אז דער זמן גייט אויש גייט זיא אליין צו ריק אויף איר ארט אמאל האט זיא דער רייכר מאן פאר טריבין אן איין צייט אונ איז זייער וייט גיוועזן פון פאלעץ זאגט דער רייכר מאן איצונד איז ניט אזו וויא פריער דען פריער פלעגט זיא אליין קומען אבר היינט וועל איך אליין גיין מיט מיינע בני היכלא צו ברייננגען זיא • אונ אז דער רייכר מאן קומט צוא איר אזו זעהט ער וויא זיא ליגט אויף דער ערד מיט גרויש שפלות ווער זעהט די צייט וויא דער רייכר מאן הייבט זיא אויף אונ בעט זיא איבר אונ ברייננגט זיא ווידער ארין אין זיין פאלעץ אונ טוט איר אן גרויש כבוד ווער האט אזו איין זכיה צוא זעהען דעם גרוישין כבוד אונ ער שווערט איר אז ער וועט זיא שוין קיין מאל ניט מרחיק זיין פון זיך אזו איז אויך הקב"ה כמה מאל אז ער האט פאר טריבין דיא ישראל האט ער זייא פאר טריבין אויף איין זמן אונ אז דער זמן איז אויש גגאנגען האט זיא זיך ווידער אליין אום גיקערט פאר דעם מלך אויף איר ארט אבער אין דעם הינטערשטין גלות וועט ניט זיין אזו אלא הקב"ה אליין וועט זיא אן נעמען אין אירע הענט אונ וועט זיא אום קערין צוא זיין

היכל

היכל אונ דרום שטייט ולא תוסיף קום זיא וועט שוין אליין ניט אויף שטיין אונ דרום שטייט ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת איך וועל זיא אליין אויף שטעלין ווער איז סוכת דוד דאש איז בתולת ישראל הנופלת וואש זיא פאלט אזו וויא עש שטייט נפלה דען זיא איז אראפ גפאלין פון איר הויכע מדריגה אין גלות אונ דער פסוק ווייזט אויף דעם כבוד ושבח פון כנסת ישראל אונ דיא זאך האב איך גילערינט פון רבי שמעון באותו שעה זאגט רבי יהודה דר מיט איז מיר פאר ענטפערט גווארין וואש איז מיר קשה גיוועזן אונ דאש איז בוודאי דער לויטערער פשט אונ דאש איז גלייך צוא דעם וואש מיר האבין גילערינט רבי יוסי זאגט הקב"ה איז אן גיברייט אויש צוא רופין אויף דיא כנסת ישראל התנערי מעפר קומי שבי ירושלים גלייך וויא איינער נעמט אן זיין חבר ביא זיין האנט אונ זאגט צוא אים שטייא אויף פון דער ערד אונ שאקיל זיך אפ פון דער ערד זאגט רבי אחא אזו אויך אלע בני היכלא פון דעם מלך וועלין אויך זאגין קומי אורי שטייא אויף מיין ליכט כי בא אורך דען דיין ליכט דאש מיינט מען הקב"ה אליין איז גיקומען צו דיר דענשט מאל וועט זיין איין שמחה אויף אלע אז ער וועט זיא איבר בעטין אזו ווי עש שטייט ותבא בת שבע אל המלך החדרה דאש איז איין רמז אויף כנסת ישראל אונ פאר וואש הייסט זיא בת שבע ווייל זיא ווערט גיבענטשט מיט זיבין ברכות זיא איז גיקומען אין חדר פון דעם מלך צום מלך אזו איז גיוועזן עטליכע מאל אזו וויא עש שטייט ותבא לפני המלך ותעמוד לפני המלך אבער לעתיד וועט דער מלך צוא איר קומען אונ וועט זיא מפייס זיין אזו וויא עש שטייט הנה מלכך יבא לך ער וועט צוא דיר קומען ניט דוא צוא אים יבא לך ער וועט קומען צו דיר דיך מפייס זיין אונ דיך אויף צו ריכטין אונ צו ברייגגען דיך אין זיין היכל אונ צו באהעפטין זיך אין דיר ביז אייביג אזו וויא דער פסוק זאגט וארשתיך לי לעולם וגו' באמונה אזו וויא זיא גייען באגעגנען זייא צוא רבי אבא ער גייט זייא אנטקעגין זאגין זייא דא גייט דער שר החכמה מיר [illegible] מקבל זיין פני השכינה וויא זייא האבין גינעהענט צוא אים איז רבי אבא אראפ גינידערט פון זיין אייזיל מקבל צו זיין זייער פנים אונ זיי האבין גיזאגט

גרוישע סודות:

אם עולה קרבנו מן הבקר וגו' זאגט רבי יוסי פאר וואש איז איין מענטש ערגער פון דעם אנדערין דען איינער ברייגגט איין קרבן עולה פון ארינד אונ דער ברייגגט פון איין שאף אונ דער פון איין עוף אלא דער וואש פאר מאגט באדארף ער ברייגגען פון איין רינד אונ דער וואש איז ארעמער ברייגגט ער פון אשאף אונ דער וואש איז גאר ארום ברייגגט ער פון איין עוף דען הקב"ה האט ניט מטריח גיוועזן אויף דעם מענטשין מער וויא ער פאר מאגט אזו וויא דר פסוק זאגט ואם דל הוא ואין ידו משגת רבי אליעזר זאגט דאש איז וועדליג דעם חטא דען איין עושר מחממת זיין עשירות אונ גאוה זינדיגט ער גיבער פאר הקב"ה דרום ברייגגט ער איין רינד איין מיטיל מעסיגער איז ניט אזו בגאוה דרום ברייגגט ער נאר אשאף איין ארימאן ער איז תמיד איין שפל רוח ברייגגט ער נאר איין עוף דען הקב"ה איז איטליכין דן מיט רעכטין משפט וויא ער זינדיגט אזו איין קרבן זאל ער ברייגגען רבי אליעזר האט גיפרעגט צוא זיין פאטר רבי שמעון מיר האבין גילערינט אז איבר דרייא עבירות קומט איין הונגער אויף דער וועלט אמער די דריי עבירות זיינן דאך נאר ביי די עשירים אונ אז עש קומט אהונגער שטארבין דאך אויש דיא ארימע לייט אונ דיא עשירים בלייבין וועלין זיי איצונד נאך מער זינדיגין זאגט רבי שמעון דוא האשט גוט גיפרעגט נאר דיא חכמים האבין עש שוין מפורש גיוועזן ווען הקב"ה וויל צוא דיא רשעים באצאלין דעם שכר פון זייערע מצות אונ זייא מאכין פאר לירין פון עולם הבא אזו גיט ער זייא שלום אונ איז זייא משלים מיט אלערלייא גוטין קום אונ זעה אלע לייט זיינען ניט אזו נאהענט צוא הקב"ה אזו וויא דיא עניים דען זייא זיינען דיא כלים פון הקדוש ברוך הוא וואש ער ניצט מיט זייא ווער זיינען זייא לב נשבר ונדכה ואת דכא ושפל רוח דאש זיינען דיא כלים פון הקב"ה אונ אז עש קומט איין רעב אויף דער וועלט דען ווייגען זייא פאר הקב"ה אונ הקדוש ברוך הוא הערט זייא צוא אונ צוא זייא איז ער נאהענטער פון אלע אזו וויא עש שטייט כי לא בזה ולא שקץ ענות עני דרום איז הקדוש ברוך הוא גוזר אויף דער וועלט מיתה אדער הונגער ווייא צו דיא רשעים וואש זיינען דאש גורם ווארום אז הקדוש ברוך הוא איז זיך מתעורר משגיח צו זיין אויף דער וועלט דען איז ער משגיח אויף דעם קול פון דיא עניים אזו וויא עש שטייט כי שמוע אשמע צעקתו עש שטייט צווייא מאל שמוע אשמע איינש ווייזט מיר צוא הערין זייער קול אויף וואש זייא שרייען אונ איינש איז צוא באצאלין צוא דיא וואש האבין גורם גיוועזן צוא דעם גישרייא אונ ווייטער שטייט ושמעתי כי חנון אני רחמנא ליצלן מעונש הזה דרום אז עש איז איין הונגער אויף דער וועלט איז ווייא צוא דיא רשעים עשירים וואש זייא האבין גורם גיוועזן צוא דעם גישרייא פון דיא ארימע לייט קום אונ זעה דער קרבן פון איין עני איז גרינגער פון אלע ווייל זיין הארץ איז אים צוא בראכין תאמשי ער האט איין מחשבה צוא זינדיגין פון דעשט וועגין מחמת זיין גרוישין צער אונ דער צער פון זיין הויז גיזינד טוט ער עש ניט מיט זיין גאנצין הארצין דרום איז זיין קרבן גרינגער דרום איז איטליכער קרבן גיוועזן גיצייכינט פאר דעם כהן עש איז אמאל גיוועזן איין מעשה איין עושר האט גיבראכט צווייא טויבין פאר אקרבן צו דעם כהן האט דער כהן צוא אים גיזאגט דער קרבן איז ניט דייגער איז ער אוועק גיגאנגען אהיים אונ איז גיוועזן טרויעריג פרעגט מען אים וואש בישטו אזו טרויעריג זאגט ער דער כהן האט ניט גיוואלט מקריב זיין מיין קרבן זאגין זייא וואש פאר איין קרבן האשטו גיבראכט זאגט ער צווייא טויבין זאגין זייא דאס איז דאך ניט דיין קרבן דען דער פסוק זאגט ואם דל הוא ואין ידו משגת אז ער איז ארום אונ פר מאגט ניט זאל ער ברייגגין צווייא טויבין פאר אקרבן זאגט ער וואס דען איז מיין קרבן זאגין זייא איין רינד זאגט ער אזו איז הארב איין מחשבה פון איין עבירה איך נעם אויף מיר איין נדר אז עס זאל ניט אויף גיין אויף מיין מחשבה קיין הרהור חטא פון דעם טאג אן פלעגט ער ביא טאג האנדלען אונ בייא נאכט פלעגט ער נאר אביסל שלאפין אונ דער נאך פלעגט ער רופין זיינע ברידער זייא זאלין מיט אים לערנען ביז טאג אונ ער איז גיווארין איין תלמיד חכם מען האט אים גירופין יהודה אחרא אמאל האט זיך צוא אים גיטראפין רבי ייסא סבא האט ער פאר אים צוא טיילט גאר זיין גוטש איין האלב האט ער אוועק גיגעבין צוא עניים אונ דיא אנדערע האלב האט ער אוועק גיגעבין צוא סוחרים זייא זאלין פון זיינט וועגן האנדלין

אונ ער האט זיך גיזעצט לערנען תורה:

פתח דער יהודה אחרא האט אן גיהויבין עם שטייט ויאמר שאול אל הקיני ווער איז דער קיני דאס זיינען דיא קינדער פון יתרו דער שווער פון משה אונ קיני איז טייטש נעסט דען זייא האבין זיך גימאכט איין

נעסט

געסט אין דער מדבר צוא לערנען דארט תורה אזו וויא דער פויגיל וואס הייסט דרור אזו וויא עס שטייט ודרור קן לה זייא האבן ניט בגערט צוא האנדלען סחורה נאר צוא מיען זיך אין דער תורה יום ולילה דרום האבן זייא אוועק גיצויגין פון יריחו אין דער מדבר אזו וויא עס שטייט ובני קני חותן משה נסעו מעיר התמרים דאס מיינט מען יריחו ואתה עשית חסד עם כל ישראל וואס פאר איין חסד האט יתרו גיטאן מיט דיא ישראל נאר וויל ער האט מהנה גיוועזן צוא משה ארייין נעמען אים אין הויז אריין אונ ווידער האבין מיר גילערינט וויל ער האט גימערט איין פרשה אין דער תורה ואתה תחזה וגו׳ נאר עס איז דאך קשה וויא קומט דאס אהער מען שמועסט דאקדא ווי שאול המלך האט מלחמה גהאלטן מיט עמלק נאך וואס דער ציילט ער דעם שבח פון יתרו · נאר דער תירוץ איז אזו שאול המלך האט גיזאגט בשעת דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האט זיך קיינער אנטקעגין זיי ניט גישטעלט מלחמה האלטין נאר עמלק איז גיוועזן דער ערשטער אונ דוא יתרו האשט גיטאן מיט דיא ישראל חסד אונ האשט מיט זייא גיהאט שלום איז ניט גלייך דוא זאלשט זיין צווישין זייא · אונ ניט דאס אליין האט יתרו גיטאן עס שטייט נאך ויקח יתרו חותן משה עולה וזבחים לאלהים אונ ווען עס שטייט וויטער ויבא אהרן וגו׳ לחם לאכול וגו׳ לפני האלהים לערנען מיר פון דאנען אפ אז איינער איז מקדיש איין קרבן מיט דעם גאנצין הארצין איז זיך הקב״ה מזמין צו אים אונ יתרו האט דאך מקריב גיוועזן קרבנות מיט זיין גאנצין הארצין אונ האט זיך מגייר גיוועזן דרום איז זיין קרבן זייער חשוב גיוועזן פאר הקב״ה דרום שטייט לפני האלהים קום אונ זעה אז איין עני בריינגט איין קרבן איז זייער חשוב פאר הקב״ה וייל ער איז מקריב צווייא קרבנות איינש דעם חלב ודם פון זיין נפש וגוף אונ דאש אנדער דעם קרבן ווארום ער האט דאך אליין ניט צוא עסין טוט ער פאסטין אונ פאר דעם געלט בריינגט ער איין קרבן שני תורים או שני בני יונה אודר איין צעהנטיל זעמיל מעל דרום איז אים הקב״ה תיכף מוחל זיינע זינד · אונ באותו שעה רופט הקב״ה אויש כי לא בזה ולא שקץ ענות עני זאגט דער יהודה אחרא דרום וויל דער קרבן עני איז בייא הקב״ה חשובער פון אלע דאס האט מיר גורם גיוועזן איך זאל זיין אין דעם חלק פון הקב״ה אונ דרום האב איך צוא טיילט מיינע נכסים צוא דיא עניים וייל זייא האבין מיר דאס גורם גיוועזן אונ אזו וויא עס דער היצט זיך אין זיין גוף דער חלב ודם אזו דער היצט זיך זיין מנחה אויף דעם מחבת ומרחשת · מיר האבין גילערינט אזו וויא דער יצר הרע האט אים דער היצט מיט זיין תאוה זיין חלב ודם מיט אלע אברים אזו האט ער גידארפט בריינגין דעם קרבן מיט זיין רצון נפשו ורוחו וואר״ום דער עיקר איז דאס באווילונג פון דעם הארץ וואל צוא דיא צדיקים דען זייא בריינגין אלע טאג איין קרבן צוא הקב״ה דער מיט וואס ער איז זיך מוסר נפש פאר אים פון דעסט וועגין איז איין קרבן פארט בעסר ווארום דורך דעם קרבן ווערין גיבענטשט אלע עולמות אונ זאגט וויטער גרוישע סודות · זאגט רבי ייסא צוא אים אשר חלקך וואל דיין חלק וואס דו האשט דער צו זוכה גיוועזן וואל צוא די וואס זיינען עוסק בתורה ווארום דר מיט זיינען זייא דבוק בהקב״ה אזו וויא עס שטייט ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים כולכם היום:

נפש כי תחטא רבי יוסי זאגט עס שטייט עד שיפוח היום ונסו הצללים אלך לי אל הר המור ואל גבעת הלבונה וויא אזו דארף איין מענטש נזהר זיין ער זאל ניט זינדיגין פאר הקב״ה דען אלע טאג גייט ארויש איין כרוז ער רופט אויש דער וועקט אייך אייערע הערצער איר בני עולם של המלך הקדוש דער וועקט אייער נשמה הקדושה וואס זיא איז אייך גיגעבין גיווארין ממקום קדוש העליון דען מיר האבין גילערינט בשעת הקב״ה מאכט אראפ נידערין דיא נשמה זיא זאל ארייין גיין אין גוף ארייין זיא זאל גיגעבין ווערין צוא דעם מענטשין אויף דער וועלט איז ער זיא מזהיר אונ איז איר מתרה מיט פיל תוכחות זיא זאל היטין תורה ומצות אונ ניט דאש אליין נאר מען פירט זיא דורך טויזינט מיט אכציג וועלטין זיך משתעשע זיין מיט איר אונ איר ווייזין דעם כבוד פון דיא וואס זיינען עוסק בתורה אונ דענשט מאל שטייט זיא פאר הקב״ה מיט איין לבוש חשוב אין דעם גישטאלט וואס זיא איז אן גיגרייט צוא זיין אויף דער וועלט אזו שטייט זיא דארט אין איין לבוש אור גדול וחשוב אונ זעהט אלע טאג דעם כבוד פון הקב״ה אונ ווערט גיקריינט מיט פיל קריינען אונ אז דיא צייט קומט זיא זאל שוין נידערין אויף דער וועלט וואנט זיא דרייסיג טאג אין גן עדן התחתון צוא זעהען דעם כבוד פון דיא צדיקים דער נאך גייט זיא ווידער ארויף אויף איר ארט למעלה דער נאך גייט זיא אראפ אויף דער וועלט אין גוף אריין אזו קריינט זיא הקב״ה מיט זיבין קריינען דער נאך גייט זיא אויף דער וועלט אונ זיצט אין דער פינצטערנעש אונ איז עוסק מיט פינצטערע זאכין אונ זינדיגט · אזו פאר וואונדערט זיך דיא תורה אויף איר אונ זאגט אזו וויא דוא האשט גיזעהען דעם כבוד וואס הקב״ה האט דיר גיגעבין אונ דאס גאנצקייט וואס הקב״ה האט דיך גאנץ גימאכט · היינט זאלשטו זינדיגין אונ זאגט איר אזו נפש דוא נפש כי תחטא דוא זאלשט זינדיגין בתמיה זאגט רבי יוסי דער פסוק ונסו הצללים גיט איין עצה צוא דעם נפש כי תחטא דאס ער זאל נזהר זיין פון צו זינדיגן אונ זאל זיך האלטין בקדושה ובטהרה איידער דער טאג פון דער וועלט וועט אוועק גיבלאזין ווערין אונ דער שטארקער טאג וועט קומען וואס מען וועט דיך תובע זיין לדין אוועק גיין פון דער וועלט ונסו הצללים איידער דיא שאטין פון דער וועלט וועט אנטלויפין זאגט רבי אלעזר איטליכער מענטש האט פאר זיך צווייא ערלייא מיני שאטין אגרוישן אונ איין קליינעם אונ ווען זייא זיינען ביידע בנאנד האט דער מענטש איין קיום אונ איין שטאנד אונ אז ער דארף שטארבין גייען פון אים אוועק די שאטין דרום שטייט עד שיפוח היום דען אז עס קומט דער יום המיתה נסו הצללים גייען זייא אוועק פון אים דרום זאל איטליכער מענטש זעהען מתקן זיין זיינע מעשים פאר הקב״ה אונ מתודה זיין אויף זייא דען הקב״ה איז איין רחום וחנון ער פאר נעמט דיא תשובה וואס מענטשין טוען פר אים אונ דאס זאל זיין עד שיפוח היום איידער דיא צייט קומט וואס דיא צללים אנטלויפין אבער דער טאג וואס דיא צללים גייען שוין אוועק איז גלייך וויא איינער זיצט אין איין תפיסה אונ קייטין אויף דעם האלז אונ גיבונדין מיט שטריק · עס איז פארט גירעכינט פאר תשובה נאר עס איז ניט גלייך וויא איינער שטייט נאך אין זיין כח אונ טוט תשובה דרום זאגט שלמה וזכור את בוראך בימי בחורותך עד אשר לא יבואו ימי הרעה דרום שטייט עד שיפוח היום איידער דער יום הדין הגדול קומט אן זאל דער מענטש רעכט מתקן זיין זיינע מעשים ווארום אז דיא צייט קומט אז דער מענטש זאל שטארבין פאר וואונדערט זיך הקב״ה אונ זאגט נפש כי תחטא פר וואס זאלשטו זינדיגין אמער ושמעה קול אלה דוא האשט דאך גישווארין בשבועה פאר מיין נאמען אז דוא זאלשט ניט לייקנען פאר מיר אונ איך האב דיר התראה גיטאן דוא זאלשט ניט זינדיגין והוא עד

און

אונ איך אליין האב דיר אן גיזאגט דוא זאלשט היטין מיינע מצות דרום איידער דער מענטש קומט תשובה טאן פאר הקב"ה שטייט או ראה או ידע דיא עבירות וואש ער ווייסט זיא וואל אונ זעהט זיא קלאר פאר זיך אם לא יגיד ווען ער ווערט אויף זיא ניט מתודה זיין פר הקב"ה · שטייט ווייטר אז ער גייט אוועק פון דער וועלט ונשא עונו מוז ער אליין ליידין דיא עבירות אויף זיך · נמצא ווער וועט קענען עפען איין מויל אונ וועם קענען בשטיין פאר הקב"ה דרום שטייט ונפש כי תחטא :

# פרשת צו

וידבר ה' אל משה לאמר צו וגו' לאמר זאת תורת העולה היא העולה וגו' על המזבח

העולה מיינט מען דיא שלעכטע מחשבה וואס קומט צוא דעם מענטשין ער זאל חלילה זינדיגין אונ אפ קערין פון דעם רעכטין וועג היא העולה דיא דאזיגע מחשבה וואס גייט אויף צוא אים זאל ער זיא פאר ברענען אין פייער דורך וועמען קען ער זיא פאר ברענען דורך דער שכינה וואס זיא הייסט אש אוכלה צוא פאר ברענען פון זיך דיא טומאה אונ זיך מטהר זיין דורך דער שכינה אזו וויא אויף דעם הימל אז מען איז מעביר איין שר איז מען אים מעביר דורך דעם נהר דינור איין טייך פון פייער אזו אויך דער קרבן האט מבער גיוועזן דעם רוח הטומאה וואס האט זיך בהעפט אין דעם מענטשן דורך זיינע שלעכטע גידאנקין אונ דיא טומאה ווערט אונטער טעניג אונ דיא קדושה איז עולה למעלה אונ ווערט גיקריינט דרום שטייט היא העולה דען דורך דעם קרבן גייט דיא קדושה ארויף אונ דיא טומאה ווערט אפ גישייד פון אים · רבי אחא הייבט אן עס שטייט והאש על המזבח תוקד בו לא תכבה ובער עליה הכהן עצים בבוקר בבוקר נאך וואס שטייט ובער עליה הכהן אלא מיר האבין גילערינט אז אמענטש קומט זינדיגין פאר זיין הערין אזו ציגט ער אן אין זיך איין פלאם פון דעם יצר הרע אונ ער איז דאך מצד הטומאה אזו רוט אויף אים דער רוח הטומאה אונ ווערט ניט בטל. פון אים נאר דורך דעם פייער פון דעם מזבח דען דאס פייער איז מבער אלע שלעכטע מינים פון דער וועלט אונ אז דער כהן האט אן גיריכט דעם אש המזבח מיט דעם האלץ האט ער דאך מכוין גיוועזן צוא פאר ברענען דאס אש פון דעם יצר הרע וואס איז מצד הטומאה דרום שטייט לא תכבה דאס פייער פון מזבח טאר קיינמאל ניט פאר לאשין ווערין כדי דער כח הטומאה זאל זיך ניט מתגבר זיין דרום האבין מיר גילערינט דער אש המזבח איז אזו אפיילו וואס דאס פר ברענט אנדער פייער דען דאס אש המזבח האט פר ברענט דעם אש הטומאה אונ דער כהן האט דאס מסדר גיוועזן אלע טאג · זאגט משה רבינו אש תמיד תוקד על המזבח מיינט מען דיא תורה דען בייא איר שטייט הלא כה דברי כאש נאום ה' · לא תכבה אז מען זינדיגט טוט דיא עבירה ניט פאר לעשין דעם זכות פון דער תורה אבער אזכות פון אמצוה פר לעשט זיא יוא דרום איז גיגליכין דיא תורה צוא איין גרוישין פלאם אונ איין מצוה נאר צוא איין ליכט אזו וויא עס שטייט כי נר מצוה ותורה אור אזו ווי אליכט פאר לעשט זיך אזו ווערט אמצוה אויך פאר לאשין דורך איין עבירה אונ ווער עס פאר לעשט מיט איין עבירה איין מצוה וואס זיא הייסט נר אזו ווערט זיין נשמה אויך פאר לאשין וואס זיא הייסט אויך נר ה' נשמת אדם אזו בלייבט דער גוף אין דער פינצטער אזו אויך דער וואס איז גורם אז דיא שכינה זאל אפ גיטאן ווערין פון דער וועלט דורך זיינע עבירות איז ער גורם איין פאר לעשונג אונ איין פינצטערניש צוא נאר דער וועלט אונ אויף דעם ארט וואו דיא שכינה איז גיוועזן רוט דיא קליפה אזו וויא עס שטייט ושפחה כי תירש גבירתה אונ דאס פאר לעשונג פון דר מצוה איז נאר בייא דיא עמי הארץ בייא זייא ווערט פר לאשין דיא מצוה בייא זייא ווערט מקוים ורשעים בחושך ידמו אבער צוא דיא תלמידי חכמים איז קיין פאר לעשונג קיין מאל ניט פאר האנדין זייא דער לייכטין זיא מי[illegible] רזי תורה מיט דיא סודות פון דער תורה אונ קבלה זייא דער לייכטין דיא שכינה זייא זיינען מקיים דיא תורה אונ דורך דעם רויך וואס גייט אויף פון זייער עסין פון דעם מויל דאס איז עשן המערכה גליך וויא עס איז ארויש גיגאנגען פון דעם מזבח דער רויך פון דער מערכה אונ ברייגגען אויף דיא שכינה אונ זיינען מקשר ומיחד אלע עולמות · ווייטר שטייען גרוישע סודות · אין זוהר בראשית זאגט רבי שמעון עס שטייט ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל קום אונ זעה דעם גרוישין כח פון דער תורה דען דער וואס איז עוסק בתורה האט ער קיין מורא ניט פאר קיין שום בשעפעניש פון דער וועלט אונ ניט פאר עליונים ותחתונים אונ ניט פאר קיין שום חלאים רעים דען ער איז אן גיהאלטין אין דעם עץ החיים ער לערינט תורה אלע טאג וואס זיא איז איין עץ חיים זיא גיט איין עצה צוא גיין אין רעכטין וועג אונ וויא אזו ער זאל תשובה טאן פאר הקב"ה מבטל צוא זיין אלע שלעכטע גזירות וואס איז אויף אים נגזר גיווארין אונ אפילו אז עס איז נגזר גיווארין אז דיא גזירה זאל שוין ניט בטל ווערין פון דעסט וועגין לאזט דיא תורה ניט זיא זאל אויף אים קומען דרום זאל אמענטש לערנען דיא תורה יום ולילה אונ זאל מקיים זיין והגית בו יומם ולילה אונ זאל זיך ניט אפ שיידין פון איר דען דער וואש שייד זיך אפ פון איר שייד ער זיך אפ פון דעם עץ החיים · קום אונ זעה איין עצה צוא דעם מענטשין אז ער גייט זיך לייגן שלאפין אויף דער נאכט זאל ער פריער אויף זיך מקבל זיין עול מלכות שמים מיט דעם גאנצין הארצין אונ זאל איבער ענטפערין זיין נשמה צו הקב"ה דרום זאגט מען בידך אפקיד רוחי וגו' אונ דורך דעם ווערט ער ניצול פון אלע בייזע מקטריגים אונ רוחות רעות אונ אין דער פריא אז ער שטייט אויף זאל ער לויבין זיין הערין וואס ער האט אים זיין פקדון צוא ריק אפ גיגעבין אונ דער נאך זאל ער גיין אין שול אונ זיך בוקין פאר דעם היכל מיט גרויש יראה אונ דער נאך זאל ער מתפלל זיין זיין תפלה אונ זאל נעמען איין עצה פון דיא אבות הקדושים וואש זייא האבין מתקן גיוועזן דיא תפלות פאר הקב"ה אונ זאל זאגין דעם פסוק ואני ברב חסדך אבא ביתך מכוין צוא זיין אנטקעגין דעם זכות פון אברהם אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך אנטקעגן דעם זכות פון יצחק דער נאך זאל ער זאגין מה טובו אוהליך יעקב אונ מיט דעם זאל ער אריין קומען אין שול אונ אז ער איז אזו מכוין טוט זיך הקב"ה מיט אים בארימען אונ זאגט דוא בישט מיין קנעכט וואס איך טוא מיך מיט דיר בארימען :

בתוספתא בזוהר בשלח זאגט ער אזו עס שטייט תביאמו ותטעמו וגו' דאש איז איין מצוה מען זאל בויען איין מקדש למטה אזו וויא עס איז דא אמקדש למעלה אזו וויא דער פסוק זאגט מכון לשבתך פעלת ה' מען זאל בויען איין מקדש למטה מען זאל דרינען מתפלל זיין אלע טאג צוא דינען דער מיט צוא הקב"ה דען דיא תפלה וואש מען איז מתפלל אין שול דאש איז איין עבודה וואש איז גוועזן אין בית המקדש אונ דיא שול זאל מען בויען זייער שיין אונ מתקן צוא זיין מיט אלע תקונים דען דאש בית הכנסת של מטה שטייט אנטקעגין דעם בית

הכנסת

הכנסת של מעלה אונ דאס בית המקדש של מטה שטייט אנטקעגן דעם בית המקדש של מעלה אזו אויך דער משכן וואס משה האט גימאכט אין דער מדבר איז גיוועזן בדמות של מעלה מיט אלע תקונים וואס אזו איז למעלה דרום גיהער מען מאכן דאס בית הכנסת בתכלית היופי אונ מיט דער תפלה זאל מען מתקן זיין דיא תקונים של מעלה אזו אויך מוז דרינען זיין פענצטער אזו וויא עס שטייט וכוין פתיחן ליה אזו ווי למעלה עס שטייט משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים אז דו וועסט זאגין אז מען איז מתפלל אין מיטן פעלד איז ליכטיגער עס איז ניט אזו דען עס מוז זיין איין בית אזו וויא עס איז למעלה אונ ווידער דיא תפלה אונ דער רוח מוזין ארויש גיין דורך איין איינג ארט אזו וויא דורך איין פענצטער צוא גיין בדרך הישר קיין ירושלים אויף דעם שטייט מן המצר קראתי יה ענני במרחב יה דער מענטש בדארף זיין רוח מיט זיין תפלה וואס גייען ארויש פון זיין מויל שיקין דורך איין איינג ארט זייא זאלין זיך ניט נייגין לימין ולשמאל אבער אין פעלד איז ניט אזו · אזו אויך בייא איין שופר גייט ארויש דאש קול פון איין איינג ארט צוא שפאלטין דיא הימלען אונ דער וועקין דעם רוח למעלה · אויב דוא וועשט פרעגין אמער בייא יצחק שטייט דאך ויצא יצחק לשוח בשדה איז ער דאך גיגאנגען אין פעלד ארייין תפלה טאן נאר יצחק איז גיוועזן אנגדער מענטש וואס עס איז ניט גיוועזן אויף דער גאנצער וועלט זיין גלייכין · אונ ווידער מען מיינט ניט ער האט מתפלל גיוועזן בשדה נאר שדה גייט אויף דער שכינה זיא הייסט שדה אשר ברכו ה' אזו וויא מען האט שוין מפורש גיוועזן · אין זוהר בלק שטייט רבי אבא הייבט אן עס שטייט תפלה לעני כי יעטוף וגו' מיר גפינען נאר בייא דרייא וואש עש שטייט בייא זייא תפלה תפלה למשה איש האלהים · תפלה לדוד · תפלה לעני אויב דוא וועשט פרעגין עש שטייט דאך תפלה לחבקוק איז דאך שוין פיר אלא דיא תפלה איז נאר וואש ער האט מודה ומשבח גיוועזן צוא השי"ת וואש ער האט אים אזעלכע ניסים גיטאן דען ער איז גיוועזן דער זון פון שונמית וואש אלישע הנביא האט אים לעבדיג גימאכט אבער בייא דיא דרייא תפלה למשה איש האלהים דאש זיין גלייכין איז ניט גיוועזן בייא קיין שום מענטשין תפלה לדוד זיין גלייכין איז ניט גיוועזן בייא קיין שום מלך אונ תפלה לעני דאש איז מער חשוב בייא הקב"ה פון תפלה למשה ותפלה לדוד דען דיא תפלה גייט ארייין פאר הקב"ה פריער פון אלע תפלות פון דער וועלט ווייל דער עני האט איין צוא בראכין הארץ אונ עש שטייט קרוב ה' לנשברי לב דער עני קריגט זיך אלע מאל מיט הקב"ה אונ הקב"ה הערט אים צוא אונ איז מקבל זיינע רייד אונ אז ער לאזט אויש זיין תפלה אזו עפינט הקב"ה אויף אלע פענצטער פון דעם הימל אונ אלע תפלות איז דער עני דוחה מיט זיין צוא בראכין הארץ עס זאל שטיין כי יתעטף וואלט טייטש גיוועזן ער טוט זיך איין וויקלען עס שטייט דאך אבער כי יעטוף איז טייטש ער טוט אנדערע ארום וויקלען דען ער וויקילט ארום אלע תפלות אונ לאזט זייא ניט ארויף גיין ביז זיין תפלה גייט פריער ארויף אונ הקב"ה זאגט אלע תפלות זאלין זיך זאמען ביז זיין תפלה וועט ארויף גיין פאר מיר ווייל דר עני איז מתרעם אונ מאכט אקריג אנטקעגין מיר דרום בגער איך ניט אז איין בית דין זאל אונז משפטין נייערט איך אליין וועל אים צוא הערין דרום שטייט ולפני ה' ישפוך שיחו אלע חילות השמים פרעגין אייגער דעם אנדערין וואס טוט הקב"ה מיט וואס איז ער עוסק זאגין זייא הקב"ה איז עוסק

אין זיין לוסט אונ מיט זיינע כלים דאס איז דער עני וואס ער איז מתפלל מיט טרערין אונ איז מתרעם פאר וואס עס גייט אים ניט גוט דער צוא האט הקב"ה זיין חשק אונ זיין תפלה איז איבער אלע תפלות דען משה האט מתפלל גיוועזן אונ זייא זיינען אויף גיהאלטין גיווארין כמה ימים · דוד האט גזעהן אז אלע פענצטער אונ טירין פון דעם הימל איז אן גיברייט אז זייא זאלין זיך אלע עפענען פאר דעם עני אונ עס איז ניט פאר האנדין קיין שום תפלה וואס הקב"ה זאל זיא גיך צוא הערין וויא דיא תפלה פון דעם עני דרום האט ער זיך אויך גימאכט פאר איין עני אונ האט אויש גיטאן דיא לבושי מלכות אונ האט זיך אנידער גיזעצט אויף דער ערד אזו וויא איין עני אונ האט גזאגט תפלה לדוד הטה וגו' כי עני ואביון אנכי איז טייטש נייג צוא מיר דיינע אוערין אונ ענטפער מיר ווארום איך בין איין עני האט אים הקב"ה גיזאגט דוד דוא ביסט דאך איין מלך אונ האשט צוא שאפין איבער מלכים תקיפים אונ לסוף מאכשטו זיך פאר איין עני ואביון מיד תיכף האט ער אום גיקערט זיין תפלה אין אנגדער אופן אונ זאגט שמרה נפשי כי חסיד אני דארפין מיר פאר שטיין אז דוד חאטשע ער איז גיוועזן איין מלך האט ער פון דעסט וועגין זיך גימאכט פאר איין עני מכח זיין נשמה ווייל ער האט קיין חיים ניט גיהאט נאר וואש דיא אבות אונ אדם האבין אים גיגעבין פון זייערע יארין זיבעציג יאר אזו וויא אויבן שטייט וויא אזו דארף שוין איטליכער מענטש וואש איז מתפלל זיך מאכין פאר איין עני ואביון צוא שטיין בלב נשבר ונדכה כדי זיין תפלה זאל ארייין גיין אין כלל פון אנדערע תפלות דען אלע וואס היטין דיא שערי תפלה קענען ניט פאר האלטין דיא תפלה פון דעם עני זיא גייט ארויף אן רשות אונ אז אמענטש איז מתפלל דארף ער צוא ברעכין זיין הארץ אזו וויא איין עני וועט זיין תפלה גלייך ארויף גיין אונ באגעגינט זיך מיט אנדערע תפלות פון דיא עניים אונ באהעפט זיך מיט זייא קומט זיא ארייין פאר הקב"ה אין כלל פון אלע תפלות נאך וואס האט זיך דוד פריער גימאכט פאר איין עני דער נאך פאר איין חסיד ווארום איין מענטש טאר זיך ניט מאכין פאר איין רשע אונ אויב דוא וועסט פרעגין ווערליג אז עס איז אזו גיהער זיך דער מענטש ווידער ניט ארויש ריידין זיין עבירה ווארום ער מאכט זיך דער מיט פאר איין רשע עס איז ניט אזו דען ווען ער איז מפורש זיינע זינד אונ איז אויף זיי מתודה הייסט ער איין חסיד ווארום ער ציהט פון זיך אראפ דעם צד הטומאה וואש ער איז בהעפט גיווארן אונ קומט זיך צוא בהעפטין אין דער רעכטע האנט פון הקב"ה וואש איז אויש גישטרעקט מקבל זיין דיא תשובה פון מענטשין אזו שטייט וימינך פשוטה לקבל שבים דרום גיהער אמענטש מתודה זיין אויף זיינע חטאים וועסטו מיינען הקב"ה איז אים ניט מקבל בתשובה ביז ער מוז ארויש ריידין זיינע חטאים אבער אזעלכע עבירות וואש עש איז פון דעם מענטשין פאר הוילין איז הקב"ה ניט מוחל מחמת ער האט זייא ניט ארויש גיזאגט עש איז ניט אזו נייערט ער דארף נאר מתודה זיין דיא עבירות וואס ער גידיינקט אונ ווען ער טוט דעם רצון פון הקב"ה אזו שלעפין זיך שוין נאך אפילו דיא עבירות וואס עס איז פון אים פאר הוילין אזו וויא מיר האבין גילערינט בייא הלכות ביעור חמץ דאס איז איין רמז אויף דעם יצר הרע וואס הייסט חמץ אז מען איז בודק חמץ אין איין שטוב דארף מען ניט בודק זיין אין אזעלכע ערטער וואס עס איז זייער הויך אדער גאר נידעריג

וואס

וואס קיין האנט קען אהין ניט גרייכין אזו אויך ביא נגעים אז דער כהן איז גיקומען צוא דעם מצורע שטייט לכל מראה עיני הכהן וויא אזו ער קען דיא נגע גלייך אן קוקין ער דארף זיך ניט ארום בייגין אדער זיין קאפ ארויף הייבין נייערט דיא נגע וואס גלייך אנטקעגין זיינע אויגין אזו אויך דער חוטא דארף נאר מתודה זיין וואס ער ווייסט אונ דיא אנדערע זיינען שוין נכלל אין דיא דאזיגע דרום האט זיך דוד גירעכינט צווישין דיא חסידים ער זאל ארויש ריידין זיינע זינד אונ האט זיך ווידער גימאכט אזו וויא איין קנעכט עס שטייט הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם ווידער שטייט הושע עבדך אתה אלהי אונ האט זיך ווידער גירעכינט צווישין דיא וואס זיינען זיך מוסר נפש אויף קידוש השם אזו האט ער גיזאגט שמח נפש עבדך כי אליך ה' נפשי אשא זאגט רבי אלעזר עס איז דאך ניט רעכט אויף הייבין דיא הענט נאר בתפלה ובתחנונים דרום הייב איך אויף מיינע הענט בתפלה אונ זאג וועלכער מענטש וואס שטעלט זיך מתפלל זיין פאר הקב"ה מיט די פיר מדריגות וואש אויבין איז גשטאנען מיט זיין גאנצין ווילין אזו וויא עס דארף צו זיין אזו וועט זיין תפלה בוודאי נתקבל אונ קערט זיך ניט אום לידיג פון הקב"ה נאר ער בעט זיך אויש וואס ער דארף אין ערשטין זאל ער זיך שטעלין אזו וויא איין עבד מסדר זיין דעם שבח פון הקב"ה מיט זמירות ושירות וואס מיר זאגין פאר שמונה עשרה דער נאך זאל ער שטיין אזו ווי איין עבד שטייט פאר זיין הארין מיט דער תפלת שמונה עשרה אונ נאך אלע תפלות זאל ער אוועק גיין אזו וויא איין עבד גייט אוועק פון זיין האר דרום האט דוד גיזאגט דריי מאל עבד הושע עבדך שמח נפש עבדך תנה עוזך לעבדך אנטקעגין דיא דרייא מאל וואש דער מענטש דארף זיך מאכין פאר איין עבד צו הקב"ה אויך מוז ער זיך רעכנן צווישין דיא וואס זיינען זיך מוסר נפש פון וועגין קידוש השם היינו מיט דעם יחוד פון שמע ישראל ווער עס איז זיך דאס מאל מכוין אונ איז זיך מוסר נפש בשעת מעשה אויף קידוש השם אין דער מחשבה איז גלייך וויא ער וואלט זיך בפועל ממש מוסר נפש גיוועזן אויף קידוש השם דער נאך זאל ער זיך מאכין פאר איין עני בשעת ער זאגט אמת ויציב אונ איז סומך גאולה לתפלה זאל ער שטיין בשעת שמונה עשרה מיט איין צוא בראכין הארץ וויא איין עני אונ זאל כולל זיין זיין מחשבה מיט עניים וואס שטייען מיט איין צוא בראכין הארץ דער נאך זאל ער זיך מאכין פאר איין חסיד בשעת ער זאגט שומע תפלה אונ זאל דארטין ארויש ריידין אלע זיינע זינד דען איין יחיד דארף דארטין מתוודה זיין כדי ער זאל זיך באהעפטין בימינו של הקב"ה הפשוטה לקבל שבים דען אזו היישט ער איין חסיד · אין דער צייט איז דער מענטש אין אלע פיר מדריגות וויא עש גיהער צוא זיין אונ נאלע דרייא מדריגות זיינען נכלל אין דער מדריגה פון עבד עש שטייט דרייא מאל עבד אויף דרייא ערשטער אונ זיינען אלין איינש אויף זייא זאגט דער פסוק הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם צום ערשטין מיט דיא שירות וזמירות וואש ער היישט איין עבד דער נאך אז ער איז זיך מוסר נפש אויף קידוש השם בשעת קריאת שמע אונ איז איין עני פאר שמונה עשרה דאש איז צווישין דעם ערשטין עבד אונ צווישין דעם אנדערין אונ איז איין חסיד בשעת שומע תפלה אונ דער דריטער עבד בשעת ער האט שוין אלץ מסדר גיוועזן אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט אין דער צייט אז דער מענטש שטייט אזו וויא דער סדר מיט דעם גאנצין הארצין איז דאש ביא הקב"ה זייער לרצון שפרייט ער אויף זיין רעכטע האנט אויף אים בשעת ער מאכט זיך נאך שמונה עשרה דאש דריטע מאל פאר איין עבד אונ הקב"ה זאגט אויף אים עבדי אתה דוא בישט מיין קנעכט אזו וויא דער פסוק זאגט ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר אונ זיין תפלה קערט זיך בוודאי ניט צוא ריק לידיג פון דאנען קענען מיר אפ לערנן דיא גרוישע מעלה פון דער תפלה אזו וויא דיא אנשי כנסת הגדולה האבין אלץ מתקן גיוועזן וועדליג דיא מעלה פון דיא עולמות עליונים דאש זיינען גרוישע סודות דרום זאל מען ניט משנה זיין דעם סדר אזו וויא עש שטייט אין דיא תפלות וועדליג זייער מדריגה למעלה מען זאל ניט זאגין דאש פריערינע שפעטער אונ שפעטערינע פריער נאר אזו וויא עש איז מסודר כסדר :

## פרשת שמיני

ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל רבי יצחק זאגט עש שטייט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו וגו' וואול צוא דיא ישראל וואש הקב"ה האט זייא גיגעבין דיא הייליגע תורה זיא איז דיא שמחה פון אלע זיינע שמחות די שעשוע פון הקב"ה אזו ווי עס שטייט ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום דיא תורה איז דער נאמען פון הקב"ה אונ מיט דער תורה האט ער באשאפין דיא וועלט אזו וויא עש שטייט ואהיה אצלו אמון לייענט ניט אמון איז טייטש איין דער ציהער נייערט אומן איז טייטש זיין כלי אומנות איז די תורה גוועזן צו דר וועלט באשאפין אונ מיט איר האט הקב"ה באשאפן דעם מענטשין אזו ווי עס שטייט נעשה אדם בצלמנו וגו' הקב"ה האט גיזאגט צו דר תורה מיר וועלין באשאפין אמענטשין זאגט דיא תורה ער וועט דיך אבער דער צערענען אונ אז דוא וועשט אים ניט מאריך אף זיין וועט ער קיין קיום ניט האבין זאגט הקב"ה איך אונ דוא וועלין אים אויף האלטין אויף דער וועלט דען איך הייש ניט אום זיסט ארך אפים נאר כדי איך זאל מאריך אף זיין צוא דיא רשעים רבי חייא זאגט דיא תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל פה מאכין איין קיום דעם מענטשין אויף דער וועלט אזו וויא עש שטייט נעשה אדם בצלמנו כדמותנו מיינט מען תורה שבכתב אונ תורה שבעל פה זיי היישן צלם ודמות אונ דרום הייבט זיך אן דיא תורה מיט דעם אות (ב) צו ווייזין פון וועגין צווייא תורות שבכתב ושבעל פה זיינע אלע בשאפין גוואורין זאגט רבי יצחק ווארום איז דיא (ב) פון איין זייט אפין אונ דיא אנדערע זייט איז פאר מאכט ווארום בשעת דער מענטש קומט זיך באהעפטין אין דער תורה איז זיא אפין אנטקעגין אים אונ מאכט מיט אים חברותא אונ בשעת ער פאר מאכט זיינע אויגין פון איר אונ גייט אין אנאנדער וועג אונ לערינט זיא ניט ווערט זיא פאר שטאפט אויף דער אנדערער זייט אזו וויא מיר האבן גלערינט עש שטייט אם תעזבני יום יומים אעזבך אז דוא וועשט מיך פר לאזן איין טאג וועל איך דיך פר לאזין צווייא טאג אונ עש גיפינט זיך שוין ניט קיין פתח ביז ער קומט זיך מתחבר זיין מיט דער תורה צוא בהעפטין זיך מיט איר פנים בפנים ער זאל שוין איר ניט פאר געסין דרום שטעלט זיך דיא תורה פאר דיא לייט אונ עפינט זייא איין טיר אונ זאגט צוא זייא אליכם אישים אקרא אונ ווידער שטייט בראש הומיות תקרא בפתחי שערים בעיר אמריה תאמר דרום הייבט זיך דיא תורה אן מיט דער (ב) ווייל זיא איז גיוועזן איין בית אונ איין רפואה צוא דער וועלט אונ דרום ווער עש איז עוסק אין דער תורה אונ לערינט זיא איז גלייך וויא ער איז עוסק אין שם הקודש אזו וויא מיר האבין גילערינט דיא תורה איז דורך שמות

 הקדושים

הקדושים · קום אונ זעה אלע וואש זיינען עוסק אין דר תורה בהעפטן זייא זיך אין השי"ת אונ ווערן גיקריינט מיט דער עטרה פון דער תורה או איז גילויבט למעלה ולמטה אונ הקב"ה גרייכט צוא אים זיין ימין ומכל שכן דיא וואש זיינען עוסק אין דער תורה בייא נאכט זייא זיינען זיך משתתף מיט דער שכינה אונ בהעפטין זיך אין איר אונ צוא מארגין קריינט זייא השי"ת מיט איין חוט של חסד דאס זייא זאלין דער קענט ווערין צוא דיא עליונים ותחתונים אונ אלע אין דער פריא בשעת דיא כנסת ישראל קומען פאר הקב"ה אים צוא זעהן אזו זינגען אלע צו אים אזו וויא עס שטייט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים ויריעו איז לשון צוא ברעכין דען זייא צוא ברעכין אלע כוחות הדינים אונ זייא ווערין צוא בראכין פאר דעם בוקר דען דענשט מאל דער וועקט זיך דער חסד פון אברהם וואס ער נאיז שולט אויף דער וועלט אלע אין דער פריא אזו וויא עש שטייט וישכם אברהם בבקר ויחבוש את חמורו מיט דעם האט ער גיבונדין דיא קליפות וואס זייא הייסין חמורים רבי אלעזר איז גיגאנגען אין וועג האט ער דער זעהן זיין עלטר פאטר רבי פנחס בשעת ער איז גיפארין אויף זיין אייזיל האט דאש אייזיל איין גישרייא גיטאן האט רבי פנחס גיזאגט אין דעם שרייען פאר שטייא איך אז איך וועל האבין אגרוישע שמחה דען ער האט בוודאי גיזעהן אז אנאנדער אייזיל גייט אנטקעגין וויא ער האט: אראפ גינידערט פון דעם בארג האט ער דער זעהן רבי אלעזר זאגט רבי פנחס בוודאי איצונד איז נשלם גיווארין מיין שמחה האט רבי אלעזר אראפ גינידרט צוא אים אונ האט אים גיקושט זאגט רבי פנחס צוא אים אויב דוא האשט אנאנדער וועג וואס דוא בא דארפשט אוועק גיין גייא דיר אונ אויב ניט וועלין מיר זיך מחבר זיין מיט אנאנדער אויף דעם ארט זאגט רבי אלעזר בוודאי בין איך גיקומען אנטקעגין דיר אונ ווייל איך האב דיך גיפונען וועל איך דיר נאך גיין אונ וועל זיך מיט דיר מחבר זיין פתח הייבט רבי פנחס אן יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים הקב"ה זאל דיך בענטשין פון ציון ווייל פון דארטין קומען אלע ברכות אויף דער וועלט אונ ירושלים ווערט גיבענטשט פון ציון אזו וויא עס שטייט כי שם צוה ה' את הברכה אונ פון ירושלים ווערט דיא גאנצע וועלט גיבענטשט וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך אין דיינע טעג זאל ניט גיזעהן ווערין קיין רעגין בוינין אזו וויא עס איז ניט גיזעהן גיווארן אין די טעג פון דיין פאטער וראה בנים לבניך זייא זאלין זיין חסידים ויראי חטא דען אז צדיקים זיינען אויף דער וועלט איז שלום אויף דער וועלט רבי אלעזר הייבט אן עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם דיא קינדער ווערין ניט גיקריינט נייערט מיט זייערע אבות אונ זאגט דרויף גרוישע סודות אזו וויא זיי זיינען גיגאנגען האט גיגרייכט דיא צייט פון תפלה האבין זייא אראפ גינידרט פון דיא אייזלען אונ האבין מתפלל גיוועזן אין מיטין דער תפלה איז גיקומען אשלאנג אונ האט זיך ארום גיוויקילט ארום דער פוס פון דעם אייזיל פון רבי פנחס האט דאס אייזיל צווייא מאל גישריען נאך דעם דאבנען זאגט רבי פנחס ווייל איך האב היינט גאנץ פריא גירעטין אויף דעם אייזיל אונ האב גיטראכט אין דברי תורה אונ ער האט מיך גיפירט אויף איין אום ריין ארט איבער דעם איז מען אים מצער זייא שטייען אויף זעהען זייא אז אשלאנג איז אויף זיין פוס זאגט רבי פנחס נחש נחש גייא אונ רינגיל אויש דיין קנופ אין איין לאך אריין אזו איז דער שלאנג אראפ גיפאלין פון דער פוס שטיקער חיים זאגט רבי אלעזר וויא גאר איז הקב"ה מדקדק מיט דיא צדיקים זאגט רבי פנחס בוודאי איז הקב"ה מדקדק מיט דיא צדיקים אונ היט זייא אונ באגערט אין זייא צו מערין זייא דיא קדושה אלע מאל העכער אונ דרום ווייל דער אייזיל האט ניט גיהיט מיין קדושה האט מען אים מצער גיוועזן אונ דער נחש איז גיוועזן איין שליח אונ הקב"ה האט כמה שלוחים אונ מיט אלע טוט ער שליחות אפילו מיט חיות אזו וויא עש שטייט ושלחתי בכם את חית השדה ושכלה אתכם זאגט רבי אלעזר טוט ער זיין שליחות דורך איין ישראל אויך זאגט רבי פנחס יוא היינו דורך איין רשע שטראפט ער איין צדיק אבער איין רשע ישראל שטראפט ער ניט דורך דעם אנדערין רשע ישראל נייערט אז ער איז זיך ניט מכוין אזו וויא דער פסוק זאגט ואשר לא צדה ער האט דאך ניט מכוין גיוועזן אז ער זאל דעם חבר הרגנן נייערט השי"ת האט אים צוא גישיקט אז ער זאל זיין חבר אום ברייגגען כדי זייא זאלין ביידע באצאלט ווערין אונ זאגט ווייטער גרוישע סודות אויך זאגט ער עס שטייט קח לך עגל בן בקר לחטאת ואיל לעולה כדי זייא זאלין האבין איין כפרה אויף זייער חטא אונ זאלין מושלם ווערין מיט אלדינג אין דעם טאג וואס דער משכן איז אויף גישטעלט גיווארין זיינען נשלם גיווארין אלע עליונים ותחתונים אונ עש איז גיוועזן שלום בייא אלע אונ ווען עס זאל ניט גיוועזן איבער שלאגן די מיתה פון נדב ואביהוא וואלט אזו איין שמחה אויף די ישראל ניט גיוועזן זינט זייא זיינען פון דער ים ארויס גיגאנגען אזו וויא דר טאג מען האט זייא מוחל גוועזן דעם חטא העגל אונ דיא כהנים ולוים וישראלים זיינען גירייניקט גיווארין אונ אלע מקטריגים זיינען גשטילט גווארין אונ האבן גשוועבט ארום זייא אונ האבן זייא גאר ניט גקענט טאן ביז דער צייט אז דער חטא האט גורם גיוועזן צוא נדב ואביהוא זייא האבן פאר מישט דיא שמחה אונ האבן גבראכט איין רוגז אויף דער וועלט אונ האבן גזינדיגט איינש זייא האבן קיין ווייבער ניט גנומען דרום זיינען זייא ניט ראוי גוועזן מקריב צוא זיין אונ זייא האבן דוחק את השעה גיוועזן דען זייער צייט איז נאך ניט גוועזן צוא דער עבודה אונ ווידער פון דעם בארג סיני אן איז נאך גיוועזן זייער דין אזו וויא עס שטייט ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו ואל אצילי בני ישראל לא שלח ידו ווייטער

שטייען גרוישע סודות :

וידבר ה' אל משה ואל אחרן לאמר זאת החיה אשר תאכלו ווארום שטייט דא אהרן ווייל ער איז תמיד מבדיל צווישין טמא וטהור אזו וויא עש שטייט להבדיל בין הטמא ובין הטהור רבי אבא הייבט אן עש שטייט מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע וגו' אונ ווידער שטייט שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו אזו איז דער פשט מי האיש ווער איז דער מענטש וואס ער באגערט אין עולם הבא וואס פון דארטין גייען ארויש אלע חיים אוהב ימים ער וויל זיך באהעפטין אין דיא ימים העליונים בקדושה זאל ער היטין זיין מויל פון אכילה ושתיה וואש איז אסור דען דאש איז מטמא זיין נפש אונ איז אים מרחיק פון דיא חיים עליונים אונ אויך זאל ער היטין זיין מויל פון צוא ריידין לשון הרע אונ נאך אזעלכע דיבורים וואס איז שלעכט ווארום דאש איז מרחיק פון דיא חיים עליונים אז ער זאל קיין חלק ניט האבן אין זייא דרום האט הקב"ה אן גזאגט צו די ישראל זאת החיה אשר תאכלו וגו' דאס זייא זאלין זיך היטין פון מאכלים אסורים כדי זיי זאלין זיך קענען באהעפטן אין דר קדושה אונ זאגט ווייטער סודות · דער זוהר אויך דיא גמרא אין ברכות זאגין אז דער פסוק והתקדשתם וגו' גייט אויף נטילת ידים מען באדארף צוא וואשין דיא הענט פאר דעם עסין אונ נאך דעם עסין מים אחרונים

אונ

אונ אין פרשה וישב זאגט רבי שמעון עס שטייט ארחץ בנקיון כפי דען עס איז ניט פאר האנדין קיין שום מענטש אויף דער וועלט וואש ער זאל ביא נאכט ניט פילין קיין טעם מיתה בשעת שלאף אונ דער רוח הטומאה רוט אויף דעם גוף אונ אז דיא נשמה קומט צוא ריק גייט דער רוח הטומאה אוועק פון אים אונ בלייבט אויף דיא הענט פון דעם מענטשין · דרום זאל דער מענטש נזהר זיין ער זאל ניט ארויף לייגין דיא הענט אויף די אויגין איידער ער האט זיך גוואשין ווארום ער קאן גיזוק ווערין אונ אז ער וואשט דיא הענט היישט ער איין קדוש ער מוז האבין צווייא כלים מיט איינער זאל ער זיך וואשין אין דער אנדרער כלי ארייין זיא זאל מקבל זיין די וואשעו מיט דער טומאה ווהמא דער מיט ווערט ער גהייליגט פון דער טומאה · דיא אויבערשטע כלי היישט ברוך אונ די אונטערשטע כלי היישט ארור · דרום גהער מען נזהר זיין מען זאל אויש גיסין די נעגיל וואסר אויף אזו איין ארט וואו מענטשין גייען ניט ווארום אויף דער וואסער [illegible]ען דיא קליפות קענען זייא מזיק זיין דיא מענטשין וואס טרעטין אויף דער וואסער · אונ אלע אין דער פריא איידער דער מענטש וואשט זיך היישט ער טמא אונ דער נאך אז ער וואשט זיך היישט ער טהור דרום זאל ער ניט נעמען דיא וואסער זיך צוא וואשין פון אזו איין מענטש וואס ער אליין האט זיך נאך ניט גיוואשין איז ער דאך נאך ניט טהור אונ עס שטייט דאך והזה הטהור על הטמא אונ מיט דער וואשער טאר מען קיין מלאכה ניט טאן נאר מען זאל זיא אויס גיסין אויף אזו איין ארט וואס קיין מענטשין גייען דארט ניט אונ מען טאר דיא וואשער ניט לאזין איבערן נעכטיגין אין שטוב ווארום עס קען חלילה דורך דעם שולט זיין דער דין · אונ הקב"ה וויל אונ בגער מטהר צוא זיין דיא ישראל זייא זאלין זיין הייליג אזו ווי עס שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וגו׳ :

# פרשת תזריע

וידבר ה׳ אל משה לאמר אשה כי תזריע וילדה זכר זאגט רבי אבא מיר האבין גילערינט אשה מזרעת תחלה יולדת זכר אמער מיר האבין דאך גילערינט אז הקב"ה איז גוזר אויף דער טיפה וואס זיא זאל זיין איין זכר אדער איין נקבה זאגט רבי יוסי וייל הקב"ה ווייסט וויא אזו עס וועט זיין דרום איז ער נאך פריער גוזר אויף דער טיפה וואס זיא זאל זיין · רבי אבא זאגט ווארום שטייט כי תזריע וילדה איז משמעזיא גיווינט תיכף עס וואלט גידארפט שטיין כי תזריע ותהר וילדה זאגט רבי יוסי דער שטייגער איז פון איין אשה זינט זיא ווערט מעוברת ביז זיא גיווינט דאס קינד האט זיא נאר אין איר מחשבה אונ אין איר מול זיא זאל גיווינען איין זכר אונ וואלט גיגערין זיא זאל אים שוין גיווינען דרום שטייט אשה כי תזריע וילדה זכר רבי חזקיה זאגט עס שטייט מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית וויא גרויש זיינען דיא מעשים פון הקב"ה אויף דער וועלט עס איז איין משל צוא איין מענטשין וואס ער נעמט אין זיין האנט עטליכע ערלייא מיני זאמין אונ זייט זייא מיט איין מאל דער נאך גייט עס ארויס איטליכש בזונדער אזו הקב"ה כביכול האט גזייט דיא וועלט מיט איין מאל אונ דער נאך איז איטליכש ארויס גיקומען מיט זיין זאמין · קום אונ זעה בשעת דער מענטש קומט זיך מזווג זיין אונ איז זיך מקדש מיט כוונה ורצון הקדושה · אזו גייט דער רוח אין איין צלם ודמות בדמות [illegible] אונ מיט דעם צלם ווערט ער בשאפין ארויס צוגיין אויף דר וועלט אזו וויא עס שטייט אך בצלם יתהלך איש אונ דער מענטש איז אין זיין צלם · דרום האט ער איין קיום אונ גייט אויף דער וועלט אונ שלמה המלך האט גיזאגט עד שיפוח היום ונסו הצללים · קום אונ זעה איין מענטש טאר ניט ארויס ווארפין איין כלי פון זיין הויז אונ זאל זאגין דאס איז פאר דעם צד הטומאה אדער פר דעם טייוול אדר דעסט גלייכין דען עס איז פאר האנדין אלערלייא מיני משחיתים וואש זיינען אן גיבאייט דיא זאך צוא נעמן אונ פון דר שעה איז שוין דרויף ניט שורה קיין ברכה וייל עש איז אין דער האנט פון דער טומאה ומכל שכן אז ער בייט אן איין זאך פון דעם צד הטוב צוא דער טומאה דען פון דער צייט וואש ער האט דאש אן גיבייט איז דאש שוין תיכף זייערש אונ אז עש קומט דיא טעג וואש ער דארף שטארבין אונ דער צלם אלהים גייט פון אים אוועק קומט דער רוח הטומאה וואש ער האט זיך אין אים מדבק גוועזן אונ נעמט דעם צלם אונ שטארקט זיך אין אים אונ דר צלם גייט פון אים אוועק אונ קערט זיך שוין ניט אום צוא אים · קום אונ זעה בשעת דיא נשמה דארף אראפ נידערין אויף דער וועלט קומט זיא פריער אין גן עדן התחתון אונ זעהט דעם כבוד פון דיא צדיקים וואש זייא זיינען דארט מסודר שורות שורות אונ דער נאך פירט מען זיא אין גיהנם זיא זאל דארט זעהען דיא רשעים וויא זייא שרייען ווי ווי אונ קיינער איז זיך איבער זייא ניט מרחם אונ אנטקעגין דעם ווייזט מען איר דאש זיא זאל ווישין דעם שכר ועונש אז זיא וועט זינדגין אונ דער צלם הקודש שטייט איבער איר ביז זיא קומט אויף דער וועלט אונ אז זיא קומט אויף דער וועלט קומט דער צלם צוא איר אונ בהעפט זיך מיט איר אונ ווערין מגודל ביא אנאנד אונ אין דעם צלם ווערין גיפונען דיא טעג פון דעם מענטשין אונ הייגן אן אין אים אזו ווי עס שטייט כי תמול אנחנו ולא נדע כי צל ימינו עלי ארץ דער צל אונ דיא טעג איז אלץ איינש אונ פון דעם טאג וואש די אשה ווערט מעוברת ביז זיא אנטווייגט דאש קינד ווייסט מען ניט אונ מען פאר שטייט ניט וויא אזו גרויש זיינען די מעשים פון הקב"ה אזו וויא עס שטייט מה רבו מעשיך ה׳ קום אונ זעה אלע רוחות וואש גייען ארויש אויף דער וועלט זיינען זכר אונ נקבה דער נאך צוא שיידן זייא זיך איטליכר אין זיין וועג איז דער מענטש זוכה באקומט ער זיין בת זוג וואש זייגען בנאנד ארויש גיגאנגען פון זייער ארט אונ זייגען זיך ווידער מזווג בנאנד אונ דרום שטייט תוצא הארץ נפש חיה למינה אונ ווען דער מענטש איז חלילה ניט זוכה אזו גיט מען אים אנדער בת זוג אונ האבין קינדער ניט אזו וויא עש דארף צוא זיין :

אדם כי היה בעור בשרו שאת או ספחת וגו׳ רבי חייא מיט רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג וויא זייא גייען בגעגינט זייא איין מענטש וואש האט פיל צרעת אויף זיין פנים אונ דאש פנים איז רויט מחמת דעם צרעת זאגט רבי חייא צו אים ווער בישטו זאגט ער איך בין איין יהודי זאגט רבי יוסי דער מענטש איז איין חוטא וייל דאש צרעת איז אים אויף דעם פנים דאש איז ניט קיין יסורים של אהבה · זאגט רבי חייא בוודאי איז עש אזו ווארום אז הקב"ה שטראפט איין מענטשין ניט מחמת קיין חטא נאר מחמת אהבה זייגען די יסורים צוא גידעקט זאגט רבי יוסי צו רבי חייא פון וואנען ווייסטו דאש זאגט רבי חייא עש שטייט טובה תוכחת מגולה מאהבה מסותרת ווען דיא שטראף איז מחמת אהבה איז דאש פאר בארגין פון די לייט דעשט גלייכין אז איינער וויל שטראפין זיין חבר זאל ער אים זאגין מוסר בסתר ניט פאר לייט כדי ער זאל ניט מבויש ווערין דאש היישט מאהבה אזו אויך אז הקב"ה וויל

שטראפין איין מענטשין שטראפט ער אים צום ערשטין אינווייניג אין דיא ביינער איז ער חוזר בתשובה איז גוט גייען דיא יסורים פון אים אוועק אונ אז ער איז ניט חוזר בתשובה שטראפט ער אים אויף דער הויט אונטער דיא קליידער ודאש הייסט נאך אויך יסורים של אהבה אונ אז ער איז נאך ניט חוזר בתשובה שטראפט ער אים אויפינטליך אויף זיין פנים כדי אלע מענטשין זאלין זעהען אז ער איז איין חוטא אונ ער איז ניט דער אוהב פון זיין האר זאגט דער מענטש צוא זייא איר זייט גיקומען איבער מיר מיט איין בונד אונ מיט איין עצה איר גיהערט זיין פון די מענטשין וואש זיינען בייא רבי שמעון בן יוחאי אין שטוב דאש זייא האבין פאר קיינם קיין מורא ניט ווען מיינע קינדער זאלין דא זיין וואלטין זייא זיך פאר מיר אן גינומען ווארום רעט איר אזו אויפינטליך אזעלכע רייד זאגט רבי חייא צוא אים די תורה הייסט אזו אין איר שטייט בראש הומיות תקרא וואלטין מיר זיך גיפארכטין פאר'דיר בדברי תורה וואלטין מיר זיך גישעמט פאר הקב"ה מיר זאלין לעולם הבא ניט פאר שעמט ווערין:

פתח דער מענטש הייבט אן עש שטייט מי אל כמוך נושא עון ועובר על פשע ער הייבט אויף זיינע הענט אונ וויינט דער וויל זיינען אן גיקומען זיינע קינדער זאגט דער קלענסטער עש איז דא איין סייעתא דשמיא ער הייבט אן עס שטייט יש צדיק אובד בצדקו ויש רשע מאריך ברעתו דס רוב ווערט גיכער פאר לארין איין צדיק אין זיין צדקות וויא איין רשע אין זיין רשעות וויא קומט עס זאל אזו זיין עס איז דא פיל רשעים אונ דער דין היינגט איבער זייא ווערט דער צדיק גענגש איבער זייא אזו וויא מיין פאטער איז גישטראפט גיווארין איבער די שטאט לייט דען זייא זיינן גיוועון אייטל חצופים אנטקעגין אים אונ ער האט אין זייא קיין התראה ניט גיטאן אונ האט זייא ניט גישטראפט אונ האט זייא קיין מאל ניט פאר שעמט אונ האט אונז גיזאגט עס שטייט לדוד אל תתחר במרעים וויל איך מיך ניט מיט זייא מתגרה זיין דרום איז ער גישטראפט גיווארין זאגט דער יהודי בוודאי בין איך איבר דעם גישטראפט גיווארין וויל איך האב רשות גיהאט צוא שטראפין זייא אונ איך האב דאס ניט גיטאן ניט בסתר אונ ניט בגלוי דרום בין איך אזו גישטראפט גיווארין הייבט אן דער אנדערער זון אונ זאגט ויפח באפיו נשמת חיים כל זמן אז די הייליגע נשמה איז בהעפט אין דעם מענטשין איז ער דער ליב האבר פון זיין הערין ער האט כמה שומרים וואס זייא היטין אים אפ פון אלע זייטין ער איז גיצייכינט למעלה ולמטה אונ דיא שכינה הקדושה איז שורה אויף אים אונ אז ער קערט זיך אפ פון דעם גוטין וועג אזו ווערט די קדושה אפ גיטאן פון אים אונ דיא נשמה הקדושה איז אין אים ניט בהעפט אונ עס דער וועקט זיך איין רוח מצד הנחש דאס איז דער שטן ער שוועבט אויף דער וועלט אונ רוט נאר אויף דעם ארט וואו דער רוח הקודש איז גיוועזן אונ איז אוועק גיגאנגען אהין קומט דער רוח הטומאה אונ איז דעם מענטשין מטמא אונ דער מענטש ווערט חסר אונ גיצייכינט אין זיין לייב אונ אין גשטאלט פון זיין פנים קום אונ זעה וויל דער נפש חיה איז איין הויכע מדריגה דען זיא הייסט רוח ממללא אזו וויא דער תרגום מאכט כלומר דער נפש קען ריידין פאר הקב"ה אונ קיינר קען איר ניט ווערין דרום זאגט דר פסוק נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה דען ווען זיינע לעפצין ריידין לשון הרע אדער אנדערע שלעכטע דבורים גייען דיא רייד ארויף אונ בשעת זייא גייען רופין אלע אויש גייט אוועק אויף איין זאט אונ קערט אפ פון דיא שלעכטע רייד פון דעם מענטשין ראמט אויס איין ארט צוא דעם וועג פון דעם נחש הרע אזו גייט דיא נשמה פון אים אוועק אונ קען ניט ריידין אזו וויא דער פסוק זאגט נאלמתי דומיה החשתי מטוב אונ דיא נשמה גייט ארויף בחרפה אונ אין גרוישע צרות אונ מען לאזט איר שוין קיין ארט ניט אזו וויא פריער וויל זיא האט מטמא גיוועזן איר מויל מיט דברים רעים דרום שטייט שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו עס שטייט נפשו דאס מיינט מען זיין נפש וואס פלעגט תמיד צוא ריידין איז דאס שטום גיווארין איבער דיא שלעכטע רייד אונ דער וועקט דער מיט דעם נחש הרע דען ער איז דער כח פון לשון הרע דען איטליכער בהעפט זיך אין וואס ער האלט זיך אין זיין שורש אונ אז דיא שלעכטע רייד גייען ארויף אין זייער וועג וואו אהין זייא בדארפין צוא גיין צוא דעם נחש וקליפות של מעלה דער וועקין זיך כמה רוחות פון דער וועלט אונ נידערין אראפ אונ זיינען אים ווידער מטמא אונ דעם רוח הקודש וואס ער האט גיהאט האט ער דאך שוין פאר לארין אונ איבער דעם ווערט ער מצורע אונ פאר שלאסין אונ אזו וויא דער עונש איז צוא דעם וואס רעט שלעכטץ אזו איז דער עונש צוא דעם וואס קען ריידין גוטע זאכין אונ רעט ניט דען ער איז פוגם אין דעם רוח ממללא ווארום ער איז אן גיברייט גיווארין צוא ריידין למעלה אונ למטה נאר בקדושה ומכל שכן אז ער זעהעט אז מענטשין גייען אין שלעכטין וועג אונ ער קען זייא ווערין אונ שטראפין אונ ער טוט דאס ניט דרום שטייט נאלמתי דומיה החשתי מטוב דרום וויל איך האב גשוויגין פון צו ריידין גוטץ דרום וכאבי נעכר בין איך בטריבט גיווארין מיט נגעים האבין רבי חייא ורבי יוסי אראפ גינידערט פון זייערע אייזלען אונ האבין אים גיקושט אונ האבין זיך מיט אים בהעפט אנאנצין וועג זאגט רבי חייא אויף זייא שטייט דער פסוק ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום רבי יצחק איז גיגאנגען קיין קפוטקיא צוא זיין פאטער האט ער גיזעהן וויא אמענטש טראגט איין גרוישע משא אויף זיין אקסיל זאגט רבי יצחק צוא אים וואס טראגשטו אונ וואו אהין טראגשטו דאס האט ער אים ניט גיענטפערט איז אים רבי יצחק נאך גיגאנגען אין איין הייל זעהט ער וויא ארויך גייט ארויש אונטער דער ערד פון דער הייל אונ דער מענטש גייט אריין אין איין לאך פון דארטין אין איין אנדער הייל אונ איז פאר הוילין גיווארן פון אים האט זיך רבי יצחק זייער גיפארכטין אונ איז ארויש גיגאנגען פון דר הייל אונ האט זיך גיזעצט אויבין אויף דער הייל דער וויל קומט אן רבי יהודה אונ רבי חזקיה דער ציילט ער זייא דיא מעשה זאגט רבי יהודה גילויבט איז השי"ת וואס ער האט דיך מציל גיוועזן דען דיא הייל איז פון דער שטאט טרוניא אין דער שטאט איז פול מצורעים אונ אלע שטאט לייט זיינען גרוישע מכשפים אונ גייען אין דער מדבר אונ נעמן שווארצע שלאנגין וואס זיינען עלטער פון צעהען יאר אונ טוען מיט זייא כישוף אונ אלע כשפים וואס זייא טוען איז אין דער הייל אזו וויא זייא גייען בגעגענען זייא איין מענטשין פרעגין זייא אים ווער בישטו זאגט ער איך בין איין יהודי אונ דאס איז מיין קינד אן גיקניפט אין איינזיל זאגין זייא וואש איז אים זאגט ער איך בין גיזעסין אין איין דארף אין איין שטוב דרייא יאר אונ איך האב דארט גאר ניט גיזעהען אונ מיין קינד האט גילערינט תורה אלע טאג בייא איין רבי אונ אז ער פלעגט קומען אהיים פלעגט ער חזרין זיין לערנען אונ היינט אז ער איז אהיים גיקומען פון זיין רבי נאך דעם אז ער האט איבער גחזרת זיין לערנן איז גיקומען איין רוח אונ האט אים

מזיק געוועזן דאס זיינע הענט אונ דיא אויגין אונ דאס מויל איז אים פאר קרימט געווארין אונ ער קען ניט ריידין דרום גייא איך אין דער מערה פון סגור טרוניא טאמער וועלין זייא אים טאן ארפואה זאגט רבי יהודה האסטו עפעס פריער ניט געהערט פון דעם הויז עס זאל אמאל דארפין איינער ניזוק ווערין זאגט ער יוא עס איז שוין לאנג דארפין איינער ניזוק געווארין אטייל לייט האבין גיזאגט עס איז ניט מחמת איין מזיק נאר עס איז איין חולאת בדרך מקרה אונ אטייל האבין גיזאגט אז עס איז פון דעם הויז אבער דער נאך זיינען שוין פיל לייט אין דעם הויז גיזעסין אונ עס האט קיינעם ניט גישאט זאגט רבי יהודה דאס איז מחמת ער איז עובר אויף דעם וואס דיא חכמים האבין גיזאגט הייבט רבי יהודה אן עס שטייט הוי בונה ביתו בלא צדק ווייא צוא דיא וואס בויען זייער הויז אן צדקה דארפין וואו דיא קדושה איז דא לויפין אוועק אלע רוחות ומזיקים פון דער וועלט עס איז ניט זייער ארט אונ דארפין וואו דיא טומאה איז שורה קומט דיא קדושה ניט אהין דען עס איז ניט איר ארט דרום דאס ארט וואס ער האט צום ערשטין בלייבט ער דער בייא אונ אז איין נגע איז אין איין שטוב מוז מען זיא מטהר זיין אונ אוועק ציהען דעם רוח הטומאה פון זיין ארט אונ דער נאך מוז מען צוא שטויסין דיא שטיינער אונ דאס האלץ אונ עס בויען ווידער מצד הקדושה מיט צדק אונ מאכין רוען דרויף דעם רוח הקודש דאס דער רוח הטומאה זאל שוין דער פאר מורא האבין אונ מען בדארף אפ שמירין מיט אנדער ליים אונ דער ווייטערן צווייא טפחים פון יענע ליים זאגט רבי יהודה לאמיר אים נאך גיין אונ זעהען וואס ער ועט טאן זאגט רבי יצחק עס איז צוא אונז אסור ווייל ער גייט צוא אזעלכע מענטשין וואס זיינען ווייט פון דער תורה ווען ער זאל גיין [illegible] איין ירא שמים איין רפואה צוא נעמען אזו וויא נעמן איז גיגאנגען צוא אלישע וואלטין מיר אים נאך גיגאנגען אבער אזו איז אסור גילויבט איז גאט וואס ער האט אונז מציל גיוועזן פון אים זאגט רבי יהודה מיר האבין דאך גילערנט מיט אלדינג מעג זיך אמענטש היילין [illegible] איין לינדן בוים פון איין עבודת אלילים זאגט רבי יצחק דאס איז בוודאי איין עבודת אלילים אונ ניט דאס אליין אמער עס שטייט דאך לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש קסם קסמים מעונן ומנחש זיינען זייא אוועק גיגאנגען זייער וועג אונ דער מענטש איז גיגאנגען אין דער מערה מיט זיין זון אונ עס איז אזו זיין סוף גיוועזן אז ער איז גיקומען צוא דער הייל האט ער גיוואלט זיין אייזיל אן בינדין איז ארויש גיגאנגען איין רויך פון פייער פון דער מערה אונ האט גישלאגין דעם זון אויף זיין קאפ אונ האט אים גיהרגת אונ דער פאטער איז ארויש גיגאנגען פון דער מערה האט ער אים גיפונען טויט האט ער גינומען דאס אייזיל מיט אים אונ איז ווידער אוועק גיגאנגען אהיים גיפינט אים ווידער רבי יהודה אונ רבי יצחק אונ רבי חזקיה וויינט ער פאר זייא אונ דער ציילט זייא דיא מעשה זאגט רבי יצחק איך האב דאך דיר פיל מאל גיזאגט אז אהין איז אסור צוא גיין גילויבט איז גאט דאס אלע זיינע מעשים זיינען אמת אונ אלע זיינע וועגין זיינען דין זכאין זיינען די צדיקים וואס זייא גייען בדרך אמת בעולם הזה ובעולם הבא זאגט רבי אלעזר אלע מעשים פון דעם מענטשין זאלין זיין [illegible] שמים דאס הייסט אויף אלדינג וואס ער טוט זאל ער זאגין לשם הקב"ה אונ איך טוא אלץ פון זיין דינסט וועגין צוא דינען אים אז ער וועט [illegible] טאן וועט דרויף ניט קענען קומען דער רוח הטומאה

דען ער איז אלע מאל אן גיברייט צוא דיא לייט אונ רוען אויף דער מעשה וואס דער מענטש טוט דרום האט גירוט דער רוח הטומאה אויף דיא בגדים ומכל שכן אז ער טוט דיא מעשה צוא דעם צד הטומאה דרום שטייט ונשמרת מכל דבר רע מען זאל זיך היטין מיט איין דיבור עס זאל חלילה ניט ארויש גיין קיין שלעכטץ רבי אלעזר איז גיגאנגען צוא זיין שווער אונ רבי אבא איז אויך מיט אים גיגאנגען זאגט רבי אבא מיר דארפין ריידין דברי תורה הייבט אן רבי אלעזר אונ זאגט עש שטייט אמרי נא אחותי את למען ייטב לי בעבורך איז דאך קשה אברהם אבינו איז דאך בוודאי גיוועזן איין ירא חטא אונ איין ליב האבער צוא הקב"ה זאל ער זאגין מען זאל מיר גוטץ טאן פון דיינט וועגין נאר חאטשע אברהם איז גיוועזן איין ירא חטא האט ער זיך ניט גיוואלט פאר לאזין אויף זיין זכות אונ הקב"ה האט אים אויך ניט גיוואלט אויש ציהען אין זיין זכות נייערט אין דעם זכות פון שרה ער זאל דורך איר בקומען פיל געלט פון אנדערע פעלקער דען דורך איין אשה איז איין מענטש זוכה צוא האבין פיל געלט אזו וויא עס שטייט בית והון נחלת אבות ומה' אשה משכלת וועד עס איז זוכה צוא איין אשה משכלת איז ער זוכה צוא אלע זאכין אויך שטייט בטח בה לב בעלה ושלל לא יחסר אזו אויך אברהם איז גיגאנגען נעמען דאס גוטץ פון אנדערע אומות אונ האט זיך נאר סומך גיוועזן אויף איר זכות אז זייא ביידע וועט מען גאר ניט קאנען טאן קיין שלעכץ אונ ווידער אברהם האט גיזעהען איין מלאך איז גיגאנגען פאר איר אונ האט אים גיזאגט פארכט זיך ניט הקב"ה האט מיך גישיקט אויש ציהען געלט פון אנדערע פעלקער אונ צוא היטין זיא פון אלדינג דרום האט אברהם נאר פאר זיך מורא גיהאט ווייל ער האט בייא זיך ניט גיזעהען קיין מלאך אונ פון אירנט וועגין האט ער זיך ניט גיפארכטין ווייל בייא איר איז גגאנגען איין מלאך האט אברהם גיזאגט זיא איז גיהיט אבער ניט איך דרום האט ער זיא גיבעטין אמרי נא אחותי את למען ייטב לי עש וואלט גידארפט שטיין למען ייטבו לי הייסט פיל מענטשין וועלין מיר גוטץ טאן אונ עס שטייט ייטב לי לשון יחיד דאס גייט אויף דעם מלאך וואס עס איז מיט איר גיגאנגען ער וועט מיט מיר גוטץ טאן בעולם הזה מיט געלט וחיתה נפשי בגללך מיינט מען בעולם הבא אז דוא וועסט ניט אפ קערין דיין וועג וועל איך האבין עולם הבא דורך דיר אבער אז איך וועל נאר האבין געלט אויף דער וועלט אונ דוא וועסט אפ קערין דיין וועג וועט מיין נפש ניט לעבין לעולם הבא דרום האלט דיך ריין כדי מיין נפש זאל לעבין לעולם הבא דורך דיר אונ דרום ווייל דער מלאך איז גיגאנגען צוא היטין זייא שטייט וינגע ה' את פרעה נגעים גדולים על דבר שרי אשת אברהם זיא האט גיהייסין דעם מלאך ער זאל שלאגין צוא פרעה האט ער זיא צוא גיהערט שרה האט דער מיט גיוויזין איין סימן צו אירע קינדער אז זיי וועלן זיין דר נאך אין מצרים אונ פרעה וועט גישלאגין ווערין מיט עשרה מכות :

# פרשת מצורע

וידבר יי אל משה לאמר זאת תהיה תורת המצורע רבי אבא זאגט עש שטייט גורו לכם מפני חרב גו' וויא אזו זאלין דיא לייט זיין גיווארינט צוא היטין זייער וועג אונ זיך פארכטין פאר הקב"ה מען זאל ניט ארפ נייגין חלילה מדרך הישר ניט עובר זיין אויף דער תורה אונ ניט פאר געסין אין איר דען דער וואס ער איז ניט עוסק בתורה הייסט

ער

ער איין נזוף איין מענטש וואס הקב"ה האט זיך אין אים אן גיבייזערט
אונ איז אויף אים ברוגז די שכינה רוט ניט אויף אים אונ די מלאכים
וואס זיינען ממונה זאלין אים היטין ווערין פון אים אפ גיטאן
אונ ניט דאס אליין נאר מען שרייט אויש פאר אים אונ מען
זאגט טוט אייך אפ פון דעם מענטשין ער האט ניט חס אויף
דעם כבוד פון זיין הארין וויא איז צוא אים דען ער ווערט פאר
לאזט פון אויבין אונ פון אונטין ער האט ניט קיין חלק
באורח החיים אבער ווען ער איז עוסק אין דער עבודה פון הקב"ה
אונ מיהט זיך אין דער תורה זיינען אן גיברייט פיל שומרים צו היטין
אים אונ דיא שכינה רוט אויף אים אונ אלע רופין אויש פאר אים
אונ זאגין גיט אפ כבוד צוא דעם גישטאלט פון דעם מלך גיט אפ
כבוד צוא דעם בן המלך ער איז גיהיט בעולם הזה ובעולם הבא וואל
איז זיין חלק · קום אונ זעה מיט דעם לשון הרע וואש דער נחש
האט גירעט צוא חוה האט ער גורם גיוועזן מיתה צוא איר אונ צוא
אדם אונ צוא דער גאנצער וועלט בייא לשון הרע שטייט לשונם חרב
חדה זייער צונג איז וויא איין שארפע שווערד אויך שטייט גורו לכם מפני
חרב פארכט אייך פר לשון הרע כי חמה עונות חרב דאש איז די שווערד פון
הקב"ה דען מיר האבין גילערינט הקב"ה האט איין שווערד וואש ער
שטראפט מיט איר דיא רשעים אזו וויא עש שטייט חרב לה' מלאה דם
למען תדעון שדין עש שטייט שדין מיט איין יוד דאש איז לשון דין דאש
הייסט איר זאלט ווישין אז מען ווערט אים אזו דן זיין אזו וויא דעם
וואש האט איין שווערד אין מויל אונ מען איז אים דן מיט דער חרב
פון הקב"ה וואס פאר לענד אלדינג אונ דרום שטייט זאת תהיה תורת
המצורע וואס ער האט אויש גיצויגין מיט זיין צונג איין רעדען מצורע
מאכט מוציא רע דאס איז לשון הרע · רבי אלעזר הייבט אן אונ זאגט
קום אונ זעה דיא לייט ווייסין ניט אונ הערין ניט אונ זעהען ניט דעם
רצון פון הקב"ה איין כרוז שרייט אויש אלע טאג פאר זיי אונ זייא פאר
נעמען אים ניט דען בשעת עס ווערט נאכט אונ דיא טויערין פון דעם
הימיל ווערין פאר מאכט דער וועקט זיך איין לאך פון דעם תהום רבה
אזו ווערין משחיתים גיפונען אויף דער וועלט אונ הקב"ה מאכט
פאלין איין שלאף אויף דער גאנצער וועלט אפילו אויף דיא דאזיגע
וואס עס איז אויף זייא איין התעוררות אונ חיים אונ משחיתים
שוועבין ארום אויף דער וועלט אונ זיינען מודיע אלע לייט
אין חלום זאכין אטייל איז אמת אונ אטייל איז שקר אונ אז עש
קומט האלבע נאכט דער וועקט זיך איין צפון ווינט אונ עש גייט
ארויש איין כרוז אונ הקב"ה גייט אריין אין גן עדן צוא פרייען זיך
דארטין מיט די צדיקים דען גייט ארויש איין פלאם פייער אונ שלאגט
דעם האן אונטער דיא פליגל הייבט ער אן צוא שרייען אונ וועקט
אויף דיא לייט פון זייער שלאף אונ קיינער דער וועקט זיך ניט אויף
שטיין לעבודת המקום · אונ אז עש ווערט טאג שרייט ווידער אויש
דר כרוז אונ אלע חיילות של מעלה טוען לויבין צו הקב"ה אזו ווי עס
שטייט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים אזו ווערן גיפינט פיל טויערין
אונ טירין אויף אלע זייטין אונ קיינער דער וועקט זיך אליין ניט צוא
דינען זיין הארין מיט וואש פאר איין פנים וועט ער שטיין פאר דעם
מלך עליון אז מען וועט זיך דער וועקין אים צו משפטין אונ מען וועט
אים בינדין מיט קייטין דען מען וועט דאך אויף אים קיין זכות ניט
גיפינען ער זאל ניצול ווערין דער פון דען שטייט אויף אים גישריבין

כצפרים הנאחזים בפח כהם יוקשים בני אדם אונ איידער דער מענטש גייט אוועק
פון דער וועלט ווערט ער גימשפט מיט כמה דינים איידער דער נפש
מיט דעם גוף צוא שיידין זיך אונ אין דער צייט וואס זייא דארפין זיך
צוא שיידין גייט דער נפש ארוים פון דעם גוף ביז ער זעהעט דיא
שכינה אונ מחמת גרויש שמחה וואס דיא נשמה האט פון דעם
וואס זיא זעהט דיא הייליגע שכינה גייט זיא ארויש פון דעם גוף
אנטקעגין דער הייליגע שכינה אונ אז ער איז איין צדיק אזו קניפט
זיא זיך אן אונ באהעפט זיך אין דער שכינה אויב חלילה ניט גייט
דיא שכינה אוועק פון אים אונ דער נפש בלייבט איבער אליין אונ
גייט ארום אונ קלאגט אויף איר אפ שיידונג פון דעם גוף דער נאך
ווערט זיא גימשפט מיט כמה דינים אין גיהנם דורך דעם מלאך
דומה אונ דער גוף ווערט נידון אין קבר ביז ער ווערט ערד אונ דער
נפש איז מקבל זיין דין אין גיהנם ביז ער איז מקבל אין גאנצן זיין דין
אונ דער נאך אז עש גרייכט שוין דער זמן זיא זאל שוין מקודש
אונ מטוהר ווערן אזו גייט זיא ארויש פון דעם גיהנם מתוקן אונ אפ
גיוואשין פון אירע זינד אזו וויא אייזן וואש ווערט גיגליט אין פייער
אונ קומט ארויש לויטער אונ מען ברייגט זיא אריין אין גן עדן למטה
דארט ווערט זיא ערשט גיוואשין מיט וואשער אונ בשמים אונ
קרייטעכער וואש איז דארטין דא אזו וויא עש שטייט מקוטרת מר ולבנה
דען גייען זייא מיט איר ארויף אונ זיא ווערט גינעהנט פר איין קרבן
אויף דעם מזבח אזו וויא עש שטייט זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו
והובא אל הכהן דאש מיינט מען דעם כהן עליון וואש ער איז מקריב
דיא נשמות אונ דורך דעם האט דיא נשמה איין תקנה אונ דער איז
וואש האט זיך ניט פיל מטמא גיוועזן בעולם הזה אבער דער וואש
האט זיך פיל מטמא גיוועזן שטייט מעות לא יוכל לתקון :

זאת תהיה תורת המצורע רבי יצחק הייבט אן וזרח השמש ובא השמש וגו'
דעם פסוק האבין מיר שוין מפורש גיוועזן אז דאש גייט אויף
דער נשמה פון דעם מענטשין דען כל זמן זיא איז בייא אים דען איז
וזרח השמש ובא השמש אונ אז זיא גייט ארויש פון אים בתשובה אונ איז
איין זכאי דען איז אל מקומו שואף זורח הוא שם דאס מיינט מען זיא קערט
זיך אום צוא איר ארט אזו וויא דער פסוק זאגט ובא השמש וטהר ואחר יאכל
מן הקדשים קום אונ זעה אלע חטאים איז הקב"ה מכפר אז מען טוט
תשובה חוץ לשון הרע אז מען רעט אויף זיין חבר דרום שטייט זאת
דאש דאזיגע זאל זיין דיא תורה פון איין מוציא שם רע דאש ער ווערט
מצורע · זאגט רבי חייא דער וואש רעט לשון הרע אויף זיין חבר איז
ער אלע זיינע חברים מטמא אז זיי רידין זיך אן אין אים דרויף בדארף
מען אים פאר שליסין ווארום דיא רייד גייען ארויף אונ זיינען מתעורר
איין רוח הטומאה אויף דיא מענטשין ווייל ער קומט זיך מטמא זיין
למטה איז מען אים מטמא פון אויבין ער הייבט אן איכה היתה לזונה קריה
נאמנה דיא וואס איז גיוועזן איין נאמן צוא איר הערין דאס איז ירושלים
איז זיא גיווארין צוא איין זונה מלאה משפט צדק ילין בה הקב"ה וואש ער
הייסט צדק ומשפט האט ער דרינען גירוט איצונד זיינן דרינען רוצחים
ווייל זייא האבן מעורר גיוועזן דעם רוח הטומאה דרום האט זיך הקב"ה
פון איר אפ גיטאן · ומה דאך ירושלים איז אזו איז שוין אבל שכן
אנדערע לייט רבי יהודה זאגט דער מדת הדין פון הקב"ה שטייט צוא
באצאלין צוא דיא וואס זיינען מוציא שם רע · ביום טהרתו והובא אל הכהן
פון דעם איז גדרונגען אז כל זמן ער זינדיגט ווערט זיין תפלה ניט אן

גנומען

גנומען ביז ער קומט זיך מטהר זיין אזו וויא עס שטייט ביום טהרתו והובא אל הכהן רבי יהודה מיט רבי יצחק זיינען גגאנגען אין וועג האבין זייא פריער מתפלל גיוועזן דער נאך הייבט רבי יהודה אן עס שטייט עץ חיים היא למחזיקים בה דאש איז די תורה וואס זיא איז איין שטארקר בוים דרום הייסט זיא עץ פאר וואס הייסט זיא תורה דאס איז לשון וויזין דען זיא ווייזט דיא זאכין וואס זיינען פאר הוילין אונ פאר שטאפט אונ זיא איז מגלה וואס מען האט ניט גוואוסט אונ זיא הייסט חיים ווייל דאס חיים פון אויבין הייבט אן אין איר אונ פון איר קומט דאס ארויס למחזיקים בה צו דיא וואס האלטן אין דער תורה דען דער וואס האט איין אחיזה אין דער תורה האט ער איין אחיזה למעלה ולמטה ותומכיה מאושר דיא דאזיגע וואס האלטן אונטער דיא לומדים אונ העלפן זייא פון זייער געלט אונ דורך דעם זיצין זייא אונ לערנען זיינען זייא זוכה אז נביאים גייען ארויס פון זייא ווייטער זייגען סודות :

רבי חזקיה איז גוועזן איין נאכט פאר רבי אלעזר זיינען זייא אויף געשטאנען האלבע נאכט צוא לערנען הייבט רבי אלעזר אן ביום טוב היה בטוב אין דער צייט אז הקב"ה שיקט חסד אויף דער וועלט גהער זיך דער מענטש ווייזין אויף דעם מארק פאר אלע דען ווען הקב"ה שיקט איין טובה אויף דער וועלט שיקט ער זיא פאר אלע אונ מערט דאס גוטץ אויף דער וועלט דרום זאל זיך דער מענטש יוא ווייזין אויף דער גאס פאר אלע אונ זאל אויך גוטץ טאן דען וועט רוען. אויף אים אס גוטץ פון אויבין וביום רעה ראה עס וואלט באדארפט שטיין היה ברעה אלא בשעת דער דין איז שולט אויף דער וועלט זאל זיך אמענטש ניט ווייזין אויף דער גאס אונ זאל אליין ניט גיין אויף דער גאס ווארום בשעת דער דין איז דא אויף דער וועלט רוט ער אויף אלע אונ ווער עס ווערט גוויזין אונ בגעגינט אין אים ווערט ער גמשפט מיט דעם דין דענטשט מאל ווערט מקוים דער פסוק ויש נספה בלא משפט דרום שטייט וביום רעה ראה זעה אונ זייא גהיט אונ זאלשט וויסין אז דער מדת הדין רוט אויף אלע דרום זאלסטו ניט ארויס גיין אויף דעם מארק כדי ער זא: דיך ניט טרעפין ווייל עס שטייט כי גם את זה לעומת זה עשה האלהים גאט האט בשאפן איינס אנטקגן דעם אנדרין אזו וויא אז עס איז איין טובה אויף דר וועלט רוט אויף אלע אזו אויך אז עס איז חלילה דר מדת הדין אויף דער וועלט רוט ער אויף אלע אונ אז ער בגעגינט אים טרעפט ער אים · קום אונ זעה אז דער מדת הדין איז שולט אויף דער וועלט איז פאר האנדן כמה שווערדין וואש זייא קומען פון דעם חרב העליון וואש אויף דעם חרב שטייט חרב לה' מלאה דם דאס זיינען דיא שלוחי דינים משחיתים זייא הייבן אויף זייער קאפ אונ זעהן אז דער חרב העליון איז רויט פון בלוט אויף אלע זייטן אזו דער וועקן זיך כמה משפטים אונ גבורות אזו וויא עס שטייט איש חרבו על ירכו אונ ווידער שטייט וחרבו שלופה בידו אונ דיא אלע ווערן גפונען צוא טאן דין אונ ווער עס באגעגינט אין זייא ווערט ער גיזוק דאס איז אין שטאט אדר ארום דער שטאט אויף דעם פעלד · רבי חזקיה הייבט אן שמעה ה' צדק זעה וויא אזו זיינען דיא כנסת ישראל גלויבט פאר הקב"ה דרום זאגט דוד שמעה ה' צדק הקשיבה רנתי איך קניפ מיך אן מיט דיא כנסת ישראל צוא זיין פאר דיר האזינה תפלתי בלא שפתי מרמה וואש מיינט מען בלא שפתי מרמה אלא מיר האבן גלערינט אז איטלעכש ווארט גייט ארויש פון דער וועלט גייען ארויף אונ שפאלטין הימלען אונ גייט וואו אהין עס גייט אונ דארטן ווערט דאס גפרובט איז דאס גוט אונ איין כשר ווארט ברייננגט מען עס ארײן פאר דעם מלך הקדוש צוא טאן זיין ווילין אונ אז ניט קערט מען עס אוועק אויף אנאנדער זייט צוא דער וועקן מיט דעם ווארט דעם צד הטומאה דרום שטייט ביא יוסף ענו בכבל רגלו וויא לאנג האבן זייא אים גפייניגט עד עת בא דברו וגו' ביז זיינע תפלות זיינען גפרובט גווארין למעלה אונ זיינע רייד זיינען גלייטערט גווארין דען עס שטייט ווייטר שלח מלך ויתירהו איז ער אין דעם טאג געפינט גווארין פון דער תפיסה וואול צו די צדיקים וואש זיינען עוסק אין דער תורה אונ קענען זיך מקשר זיין אין הקב"ה וכנסת ישראל אויף זייא שטייט ישמח אביך ואמך דאש איז הקב"ה ואמך דאש איז דיא כנסת ישראל ותגל יולדתך דאש איז דיין פאטער אונ מוטער וואש האבין דיך גיבראכט אויף דער וועלט זאגט רבי אלעזר איך מוז זאגין איין זאך וואש איך האב גילערינט ביא מיין פאטער פון דיא נגעים פון איין הויז דען ווען דער רוח הטומאה רוט אין שטוב אונ הקב"ה וויל עש זאל זיין ריין אזו שיקט ער איין נגע צרעת אין הויז דאש איז כדי איינש זאל מקטרג זיין דאש אנדערע דען דיא נגע הטמא גייט ניט אוועק ביז מען צו שטויסט דאש גאנצע הויז דיא שטיינר אונ דאש האלץ אונ דיא נגע ווארט ביז דיא טומאה גייט אוועק אזו ווערט טהור דאש ארט אונ אזו אויך וועלכער מענטש וואש ער איז טמא גיווארין אונ האט דער וועקט דעם רוח הטומאה אויף זיך אונ אויף דער וועלט דען ער רוט אויף אים אדער אויף דער וועלט אונ אז הקב"ה וויל ווידער מטהר זיין דיא וועלט אדער אים שיקט ער איין שטארקין מדת הדין דען ווערט ער גפונען אונ איז שורה אויף דעם רוח הטומאה אונ זיינן מקטרג איינער דעם אנדערן ביז ער גייט אוועק אונ דער דין הקשה גייט ניט אוועק ביז ער צוא שטויסט אים דיא ביינער מיט דיא גלידר דען ווערט אלץ טהור דרום האבין מיר גילערינט דער וואס וויל זיך מטמא זיין איז מען אים מטמא וויא צו אים וועקט דער רוח הטומאה איז אויף אים שורה אונ ווערט גפונען אויף אים דען זאל ער וויסן אז הקב"ה וויל אים מבער זיין פון דער וועלט וואול צוא דיא צדיקים וואס זייא זיינען היליג אונ ווערין גפונען בקדושה ובטהרה פאר דעם מלך עליון אונ אויף זייא איז שורה דער רוח הקדוש בעולם הזה ובעולם הבא :

## פרשת אחרי

וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן רבי יצחק זאגט עס שטייט עבדו את ה' ביראה וגילו ברעדה אונ ווידער שטייט עבדו את ה' בשמחה דיא צווייא פסוקים זיינען דאך ווידר אנאנדער נאר מיר האבן גלערינט אלע מצות וואס איין מענטש טוט צוא דינען הקב"ה זאל ער זעהן פריער קומען צוא יראת שמים ער זאל מורא. האבין פאר הקב"ה אונ דורך דער יראה וועט ער קענען טאן דיא מצות התורה דרום שטייט מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה וגילו ברעדה פון דאנען לערנען מיר אף אז איין מענטש טאר זיך ניט פיל פרייען אויף דער וועלט נאר תורה ומצות זאל מען טאן בשמחה דרום שטייט עבדו את בשמחה זאגט רבי יוסי עס שטייט אחרי מות שני בני אהרן עס וואלט גידארפט שטיין אחרי מות נדב ואביהוא וועלין מיר שוין אליין וויסין אז זייא זיינען בני אהרן נאר מיר האבין גילערינט דאס זייא זיינען נאך ניט גיוועזן אין זייער רשות נייערט אין זייער פאטערש רשות אונ דרום בקרבתם לפני ה' וימותו ווארום זייא האבין דוחק השעה גיוועזן פאר זייער פאטערס לעבין זאגט רבי חייא איך בין גינאנגען אין וועג צוא קומען פאר רבי שמעון

שמעון לערין בייא אים דיא פרשה פון פסח בין איך גיקומען צו איין בארג אונ עס איז אין אים גיוועזן גריבער דארטין זיינען גיזעסין צווייא מענטשין וויא איך בין צו גיגאנגען האב איך גיהערט איין קול פון די מענטשין זייא זאגין עס שטייט שיר מזמור לבני קרח גדול ה' ומהלל מאוד מיר האבין גילערינט פון רבי שמעון אז דער שיר איז גרעשער פון אנדרע שירים דרום שטייט שיר מזמור אזו אויך שיר השירים איז גיטאפילט אונ גרעשער פון אלע שירים · דעם מזמור האבין דיא בני קרח גיזונגען אויף דיא דאזיגע וואס זיצין אויף דער טיר פון דעם גיהנם · בין איך צו גיגאנגען צו זייא אונ פרעג זייא ווער זייט איר זאגין זייא צו מיר מיר זיינען סוחרים אונ צווייא מאל אין דער וואך שיידין מיר זיך אפ פון דעם ישוב אונ מיר זיינען עוסק בתורה ווארום אין דער היים האבין מיר ניט קיין מנוחה האב איך זייא גיזאגט וואול איז אייער חלק האבין זייא אן גיהויבין צו זאגין כל זמן דיא דיינים ווערין אפ גיטאן פון דער וועלט ווערט דער דין אויך אפ גיטאן אונ דיא מיתה פון צדיקים איז מכפר אויף דיא זינד פון דעם דור דרום לייענט מען דיא פרשה אחרי מות אום יום כפור עש זאל זיין איין כפרה אויף דיא זינד פון ישראל אונ הקב"ה האט גיזאגט זייט עוסק אין דעם וואס מען שמועסט פון מיתת הצדיקים ווערט פאר מיר גלייך זיין וויא איר זייט מקריב קרבנות דעם טאג עס זאל אויף אייך מכפר זיין דען מיר האבין גילערינט כל זמן אז דיא ישראל זיינען אין גלות קענען זייא דאך ניט מקריב זיין דיא שני שעירים פון יום כפור דרום זאלין זייא לייענען דיא פרשה פון אחרי מות וואש דארטין שטייט דיא מיתה פון דיא שני בני אהרן וועט דאש זיין איין כפרה אויף זייערע זינד דען נדב ואביהוא זיינען גלייך גוועזן צו דיא זיבעציג זקני סנהדרין וואש זיינען גיוועזן אין דער צייט פון משה דרום איז זייער מיתה מכפר אויף די ישראל דרום שטייט ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ה' דען עש איז ניט גיוועזן זייער גלייכין צווישין אלע ישראל :

תאנא מיר האבן גלערינט רבי יוסי זאגט אין יום הכפורים דארף מען לייענען דיא פרשה אחרי מות מכפר זיין אויף דיא ישראל ווייל זייער מיתה האט מכפר גוועזן אויף דיא ישראל פון דאגען לערנן מיר אפ אז עש קומען חלילה יסורים אויף דעם מענטשן איז דאש מכפר אויף זיינע זינד אונ ווער עש איז זיך מצער אויף מיתת הצדיקים איז מען אים מוחל זיינע זינד דרום לייענט מען דיא פרשה פון דיא בני אהרן אום יום כפור כדי דיא מענטשן זאלין הערין אונ וועלין זיך מצער זיין אויף זייער מיתה וועט מען זייא מכפר זיין זייערע זינד אונ ווער עש איז זיך מצער אדער ער וויינט אויף דעם איז הקב"ה מכריז אויף זייא אונ זאגט וסר עונך וחטאתך תכופר אונ ניט דאש אליין נאך מער ער איז זוכה זיינע קינדער זאלין ניט שטארבין בייא זיין לעבן אונ אויף אים איז גזאגט גווארין וסר עונך וחטאתך תכופר יראה זרע יאריך ימים וחפץ ה' בידו יצליח :

רבי שמעון האט גיזאגט עס שטייט כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא

זאגט רבי שמעון איך פאר וואונדר מיך אויף דיא מענטשן דאש זייא האבן אויגן אונ זעהען ניט זייא האבן אויערין אונ הערן ניט זייא האבן איין הארץ אונ טוען ניט קלערין אין רצון פון הקב"ה וויא אזו שלאפן זייא אונ דער וועקן זיך ניט איידער דער פינצטערער טאג וועט אויף זייא קומען אונ וועט זייא צו דעקן אונ דער האר פון זיין פקדון וועט אפ נעמען דין וחשבון פון זייא אונ אלע טאג שרייט מען אויש איין כרוז אויף זייא אונ זייערע נשמות זאגין אויף זייא עדות דיא תורה שרייט אויף זייא אונ זאגט עד מתי וגו' וויא לאנג נאך שוטים וועט איר ליב האבין דיא נארעשקייט פון דער טומאה גייט אונ שפייזט אייך מיט מיין שפייז אונ טרינקט מיין ויין עס וויל אבער קיינער ניט צו נייגין זייערע אויערין אונ צו בייגן זייער הארץ צו דער תורה קום אונ זעה דיא הינטערשטע דורות זיינען אן גיברייט אז דיא תורה זאל פון זייא פאר געסין ווערין אונ דיא חכמי לב וועלין איין גיטאן ווערין אונ עס וועט ניט זיין ווער עס זאל עפענען אונ פאר שליסין דיא תורה וויא צו דעם דור אונ פון היינט אן אונ ווייטער וועט שוין ניט זיין אזו איין דור וויא עס איז היינט ביז אין דער צייט אז משיח וועט קומען וועט זיך דער וועקין דיא ידיעה אויף דער וועלט אזו וויא עס שטייט כי כולם ידעו אותי מקטנם ועד גדולם ער זאגט ווייטער סודות מיר האבין גילערינט משה רבינו האט גיפרעגט צו הקב"ה ווען דיא ישראל וועלין זינדיגין אונ וועלין תשובה טאן דורך וואס וועלין זייא גיבענטשט ווערין זאגט הקב"ה צו אים וואס פרעגסטו מיך דבר אל אהרן אחיך דען אלע ברכות פון אויבין אונ פון אונטין זיינען איבער גיענטפערט גיווארין אין זיינע הענט :

כמעשה ארץ מצרים זאגט רבי אבא קום אונ זעה עש איז פאר האנדין צעהען מדריגות אין דער טומאה מעביר בנו ובתו באש קוסם קסמים מעונן ומנחש ומכשף וגו' דיא האבין איין אחיזה אין דער זוהמא פון דיא נעגיל ניין מדריגות זיינען אין מצרים אונ איין מדריגה איז אויף דער גאנצער וועלט אונ דיא מצרים האבין זיך אין זייא מטמא גיוועזן אונ דאש זיינען פיל מיני כישוף פון דארטין האבין דיא מצרים גיוואושט כישוף מער פון דער גאנצער וועלט אונ ווען זייא האבין גיוואלט טאן כישוף זיינען זייא ארויש גיגאנגען אויף דעם פעלד אויף דיא הויכע בערג אונ האבין גישאכטין אשעכטונג פאר דיא רוחות הטומאה אונ האבין גימאכט אגראבין אונ האבין ארום גירינגלט דעם גראבי מיט דעם בלוט פון דעם שעכטונג אונ דאש איבעריגע בלוט האבין זייא איין גיזאמילט אין דער גרוב אונ דאס פלייש פון דער בהמה האבין זייא דרויף אנידער גילייגט אונ אזו האבין זייא מקריב גיוועזן זייערע קרבנות צו דיא שדים אונ קליפות דער מיט האבין זייא זיך צו זייא מקרב גיוועזן אונ באוויליגט מיט אנאנדער אויף דיא בערג דיא ישראל זיינען גיוועזן בייא זייא אין גלות האבין זייא זיך דאס פון זייא אפ גילערינט אונ האבין אויך מקריב גיוועזן נאך די עבודות דרום שטייט כמעשה ארץ מצרים לא תעשו איר זאלט ניט טאן אזו וויא דיא מצרים האבין גיטאן אונ ווידער שטייט לא יזבחו עוד לשעירים זייא זאלין שוין ניט שעכטין צו דיא שדים וואס זייא האבין איין פנים אזו וויא איין ציקעלע :

תאנא מיר האבין גילערינט בשעת זייא האבין אזו מקריב גיוועזן אויף דעם פעלד האבין זיך איין גיזאמלט אלע מיני שדים אונ האבין זיך צו זייא באוויזין אזו ווי ציקעלעך מיט האר אונ האבין זייא מודיע גיוועזן וואש זייא האבין גיוואלט אונ דאש הינטערשטע פון דיא צעהען מדריגות איז דורש אל המתים דען מיר האבין גילערינט רבי יהודה זאגט דיא נשמות פון דיא רשעים זיינען דיא מזיקים אויף דער וועלט · זאגט רבי יוסי עס איז דאך פאר זייא איין טובה וואו איז זייער עונש פון דעם גיהנם וואס זייא דארפין לידין אויף זייערע זינד זאגט רבי חייא מיר האבין אזו גילערינט אז דיא נשמות

פון דיא רשעים גייען אוועק פון דער וועלט אזו זיינען כמה מלאכי חבלה אן גיברייט אריין צוא ברייננגען זייא אין גיהנם אריין מען זאל זייא משפטין אלע טאג דריי מאל דער נאך באהעפטין זיי זיך אין דיא מלאכי חבלה אונ גייען אונ שוועבין אויף דר וועלט אונ זיינען מטעה דיא רשעים וואס פון זייא איז שוין פאר שלאסין גיווארין דיא שערי תשובה דער נאך ברייננגט מען זייא ווייטער אין גיהנם אריין אזו פירט זיך מיט זייא אלע טאג אונ דער נאך אז זייא שוועבין אויף דער וועלט קומן זייא אין קבר אריין זעהען וויא די ווערים עסין דאש פלייש פון דעם גוף אונ זייא קלאגין דארט אויף אים · דיא מכשפים האבין גיקאנט טאן כישוף אויף דעם קבר · דען זייא פלעגין מאכין איין גישטאלט פון איין מענטשין אונ האבין פאר אים גשאכטין איין פויגיל דער נאך האבין זייא דעם פויגיל אריין גילאזט אין קבר אריין אונ האבין גימאכט כישוף אויף אלע פיר זייטין פון דעם קבר האבין זיך איין גזאמלט דיא משחיתים אונ האבין גיבראכט דעם נפש אין קבר אונ ער האט מיט זייא גירעט וואש זייא האבין גיוואלט · זאגט רבי יצחק וואול צוא דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא דען זייא זיינען אין גאנצין הייליג דער גוף מיט דעם נפש אונ מיט דעם רוח איז אלץ הייליג אונ זייער נשמה איז קודש קדשים · קום אונ זעה עס זיינען דרייא מדריגות באהעפט אין דעם גוף נפש רוח נשמה אונ דיא נשמה איז די אייבערשטע מדריגה דען רבי יוסי האט גזאגט איטליכר מענטש האט איין נפש אונ עס איז פאר האנדין איין נפש וואס איז גרעשער פון דעם אנדערין פון וואשער איין עולם ער איז אזו איז זיין נפש דען אין איטליכין עולם זיינען מדריגות פון נפש רוח ונשמה אונ ווען א מענטש האט זיין נפש אונ איז זוכה אונ לערינט תורה בקומט ער דיא מעלה פון רוח אזו וויא דער פסוק זאגט עד יערה עלינו רוח ממרום מען ליידיגט אויש אויף אים דיא מדריגה פון רוח איז ער זוכה אונ האלט רעכט דעם רוח אזו קריינט מען אים בכתר קודש עליון ער איז אלץ כולל דאש איז נשמת אלוה דאש איז דער חלק וואש ער הייסט נשמה תאנא מיר האבין גילערינט אין דיא סודי סודות פון שלמה המלך דרייא ארלייא וואנונג האט הקב"ה גימאכט צוא דיא צדיקים איינש דיא וואש האבין זוכה גיוועזן אונ זיינען נית פאר שניטין גיווארין פון דער וועלט מיט כרת אונ אז דיא וועלט איז בצער אונ בדארפין האבין רחמים אזו גייען דיא נפשות אונ בעטין החמים אונ זיינען מתפלל אויף זייא אונ זיינען מודיע צוא דיא אבות וואס ליגין אין דער מערת המכפלה אזו דער וועקין זיך דיא אבות אונ גייען אין גן עדן התחתון וואס איז אויף דער ערד אונ זיינען זיך משתף מיט אנדערע צדיקים וואס זיינען דארטין אונ זייא זיינען גוזר גזירות טובות אונ הקב"ה טוט זייער ווילין אונ האט חס אויף דער וועלט אונ דיא נפשות הצדיקים זיינען תמיד שכיח מגין צוא זיין אויף דיא לעבדיגע אונ דאס הייסט נפש אונ דער חלק הנפש ווערט קיין מאל נית פאר לענט אונ אפ גישניטין פון דער וועלט כדי זייא זאלין אלץ קענען ווישין אונ מגין צוא זיין אויף דער וועלט אונ דאס האבין גימיינט דיא חבריא וואס זייא האבין גיזאגט אז דיא מתים ווישין דעם צער פון דיא לעבעדיגע אבער אויף דיא רשעים שטייט ונכרתה הנפש ההוא מעמיה דאס אנדערע וואנונג איז גן עדן התחתון דרינען האט הקב"ה גימאכט טייערע חדרים עליונים אין דעם גשטאלט פון דעם עולם אונ פון עולם העליון אונ עש זיינען אזעלכע היכלות פון פיל ערלייא גשטאלט אונ אין דרינען איז פאר האנדין אילנות אונ עשבים אונ דארט זיינען דיא מענטשין גיקלייד אין דעם גישטאלט פון דער וועלט אונ אין גישטאלט פון עולם העליון · דאס דריטע וואנונג איז דער מדור העליון הקודש וואס ער הייסט צרור החיים דארטין זיינען זייא זיך מתענג אין דעם עונג העליון וואס דרויף שטייט אז תתענג על ה' דאס הייסט נשמה · אונ מיר האבין גילערינט אז דיא וועלט באדארף רחמים אונ דיא צדיקים פון דעם דור זיינען זוכה אז דער נפש וואס שוועבט אויף דער וועלט זאל אויף זייא מגין זיין אזו גייט דער נפש אונ איז מודיע דעם רוח אונ דער רוח גייט אונ שוועבט אונ איז מודיע צוא דער נשמה אונ דיא נשמה גייט אויף אונ בעט צוא הקב"ה אזו האט הקב"ה רחמנות אויף דער וועלט אונ נידערט אראפ דיא נשמה אונ איז דאס מודיע צוא דעם רוח אונ דער רוח נידערט אראפ אונ איז מודיע צום נפש אונ אלע שבת אונ ראש חודש זיינן זיך אלע דרייא מחבר אין איינעם אונ קומען זיך בוקין צום מלך הקדוש אונ דער נאך גייט ווידער איטליכער אויף זיין ארט דאס מיינט דער פסוק והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר להשתחות לפני אמר ה' אונ בשעת די וועלט באדארף האבין צוא רחמים אונ דיא לייט גייען אונ זיינען עס מודיע צוא דיא נפשות פון צדיקים אונ וואנען דארטין אויף זייער קבר אונ דיא לייט זיינען פרומע לייט אזו קענען זיך באהעפטין זייערע נפשות מיט דיא נפשות הצדיקים אונ זאמלען זיך אלע איין אונ שוועבין צוא דיא אבות קיין חברון אונ זיינען זיי מודיע פון דער וועלט אזו גייען זיי אין דעם טויער פון דעם גן עדן אונ זיינען דאס מודיע צוא דיא רוחות הצדיקים אונ דיא רוחות זיינען גיקריינט אין גן עדן אונ מלאכים הקדושים גייען צווישין זייא אונ אלע גייען אונ זיינען עס מודיע צוא דיא נשמות אונ דיא נשמות בעטין אויף דיא לעבעדיגע אזו האט הקב"ה חס אויף דער וועלט פון זייערט וועגין אויף דעם זאגט שלמה איך לויב דיא מענטשין וואס זיינען שוין לאנג גישטארבין מער פון דיא מענטשין וואס לעבין נאך · זאגט רבי חייא איך פאר וואונדער מיך אויב עס איז נאך דא איין מענטש אויף דער וועלט וואש ער זאל קענען מודיע זיין צוא דיא נפשות הצדיקים חוץ פון אונזער חבריא אבער ווייטער קען קיינער נית זאגט רבי אבא דער צער איז זייא מודיע דיא ספר תורה איז זייא מודיע ווארום אז עס איז נית דא קיינר וואס ער זאל מודיע זיין אזו ציהט מען אויש איין ספר תורה אויף דעם בית הקברות אזו זיינען זיך מתעורר דיא מתים אנטקעגין דער ספר תורה וואס זיא ווערט אנטפלעקט דען דער מלאך דומה איז זייא מודיע אזו שרייען אלע אויף דעם וואס די תורה איז אזו אנטפלעקט בחרפה זיינען דיא לייט חוזר בתשובה אונ וויינען בלב שלם פאר הקב"ה אזו זאמלען זייא זיך איין אונ זיינען עס מודיע צוא דיא אבות פון חברון גייען זייא אונ זיינען דאס מודיע צוא דיא רוחות אין גן עדן אונ דיא רוחות זיינען דאס מודיע דער נשמה אזו וויא אויבין איז גישטאנען אבער אז דיא לייט ציהען אויש דיא ספר תורה אונ טוען נית קיין תשובה זייא זאלין וויינען בלב שלום אויף דעם צער איז ווייא צוא זייא דען זייא זאגין ווער האט דאס גיטאן דאס זייא האבין דיא תורה אזו מבזה גיוועזן אונ אנטפלעקט אן תשובה · זייא זיינען נאך אויף זיך מעורר זייערע עונות דרום זאל מען דאש נית טאן אן תשובה אונ תענית אונ תפלה · רבי אבא זאגט תענית איז

איבער אלע דרייא אונ דאס באדארף זיין דווקא אין דעם טאג וואס מען ציהט ארויש דיא ספר תורה אונ בשעת דיא וועלט איז אין גרוישין צער אזו טוען זיך אלע באהעפטין מתפלל צו זיין פאר זייא :

תאנא מיר האבין גילערינט רבי יהודה האט גיזאגט אמאל זיינען גינאנגען רבי חזקיה אונ רבי ייסא אין וועג זיינען זייא גיקומען אין דער שטאט גוש חלב אונ דיא שטאט איז דעמאלט מאל גיוועזען חרוב האבין זייא זיך גיזעצט נאהונט בייא איין קבר אונ רבי ייסא האט בייא זיך גיהאט איין שטיק פון איין ספר תורה אפ גירעסין אזו וויא זייא זיינען גיזעסין האט דער קבר אן גיהויבין שטורימען אונ שרייען וויא וויא דאש דיא וועלט איז היינט בוודאי אין צער ווייל איין ספר איז אהער אנטפלעקט אונ פאר טריבין גיווארין אדער אפשר זיינען אהער די לעבעדיגע גיקומען צוא שפאטין פון אונז מבייש צו זיין אונז מיט דער תורה וואש זייא לערנען פרעגט אים רבי חזקיה ווער בישטו זאגט ער איך בין איין מת אונ דער וועק מיך מחמת דער ספר תורה דען אמאל איז גיוועזען די וועלט בצער זיינן גיקומן לעבעדיגע אהער צו דער וועקין אונז מיט אספר תורה אזו האב איך מיט מיינע חברים זיך מקדים גוועזען אונ מיר האבין עס מודיע גיוועזען צו דיא אבות אין חברון זיינען זיי גינאנגען אונ האבין עס מודיע גוועזען צו די רוחות פון צדיקים נאך דעם איז גיפונען גיווארין דיא ספר תורה פסול אונ זייא האבין משקר גיוועזען בשם המלך דען דיא תורה איז אין גאנצין שמות הקודש אונ עס איז גיפונען גיווארין איין איבעריגע ואו אין פסוק ושוסעת שסע שתי פרסות האבין דיא צדיקים גיזאגט ווייל זיי האבין משקר גיוועזען בשם המלך אונ מיר האבין זייא אום זיסט דער וועקט דר פאר האבין זייא מיך מיט מיין חבר דוחה גיוועזען פון דער ישיבה ביז איין אלטער מאן וואס איז גיוועזען צווישין זיי האט גיבראכט איין ספר תורה פון רב המנונא סבא אזו איז דער וועקט גיווארין רבי אלעזר ברבי שמעון וואס איז גיוועזען מיט אונז באגראבין איז ער גינאנגען אין גן עדן אונ האט מתפלל גיוועזען אזו זיינען זייא גיהיילט גיווארין אונ פון דעם טאג אן וואש מען האט צוא רבי אלעזר צוא גינומען פון דאנען אונ מען האט אים אויף גיבראכט צוא זיין פאטער אין זיין מערה אריין איז שוין קיינער ניט דא ער זאל זיך איין שטעלין צוא גיין צוא דיא אבות דען מיר פארכטין זיך שוין צוא גיין מיר זאלין ניט גישטראפט ווערין אזו וויא פריער אונ היינט זייט איר גיקומען צוא אונז מיט דער ספר תורה האב איך גימיינט ווייל דיא וועלט איז בצער דרום בין איך דער שראקין גיווארין אונ דער קבר האט גשטורימט ווייל איך האב גיטראכט ווער וועט גיין מודיע זיין צו דיא אבות קיין חברון אזו איז רבי ייסא אוועק גינאנגען מיט דער ספר תורה זאגט רבי חזקיה חס ושלום דיא וועלט איז ניט בצער אונ מיר זיינען חס ושלום ניט גיקומען צוא אייך מבייש צוא זיין זיינען רבי חזקיה ורבי ייסא אוועק גינאנגען אונ זאגין בוודאי אז קיין צדיקים איז ניט דא אויף דער וועלט שטייט די וועלט נאר פון וועגין די מתים זאגט רבי ייסא פאר וואס אז דיא וועלט בדארף האבין רעגין גייט מען צוא דיא מתים אמער עס שטייט דאך ודורש אל המתים זאגט רבי חזקיה צוא אים ביז אהער האשטו ניט גיזעהן דעם כנף פון דעם צפור פון דעם גן עדן ער האט אזו גיזאגט ודורש אל המתים דאס זיינען דיא רשעים זייא הייסין תמיד מתים אבער דיא וואש הייסין צדיקי אמת אויף דער וועלט אויף זייא האט שלמה גיזאגט ושבח אני את המתים שכבר מתו זייא זיינען שוין לאנג גישטארבין אבער היינט זיינען זייא לעבדיג אונ ווידער אז דיא רשעים קומען צוא זייערע מתים קומן זייא מיט כישוף צוא דער וועקין מגים רעים משחיתים אבער אז דיא צדיקים קומען צוא זייערע מתים קומען זייא מיט תשובה פאר הקב"ה אונ מיט איין צוא בראכין הארץ מיט תענית אונ זיינן מתפלל פר זייא פון זייערע נשמות וועגין כדי זייא זאלין בעטין פאר הקב"ה אונ הקב"ה האט חס אויף דער וועלט פון זייערט וועגין אונ אויף דעם האבין מיר גילערינט איין צדיק וואס ער ווערט נפטר פון דער וועלט ווערט ער ניט פאר לארין פון אלע עולמות אזו וויא עס שטייט על כן עלמות אהבוך לייען ניט עלמות נאר עולמות איז טייטש וועלטין דען ביי זיין לעבין איז ער נאר שכיח אין דרייא וועלטין אבער דער נאך איז ער שכיח אין אלע וועלטין וואל צוא זייער חלק :

תאנא מיר האבין גילערינט עס שטייט והיתה נפש ארוני צרורה בצרור החיים עס וואלט גידארפט שטיין נשמת אדוני דען די נשמות זיינען אויף דעם ארט צרור החיים נאר אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט וואול צוא דיא צדיקים וואס זייא זיינען אן גיקניפט איינש אין דעם אנדערין דער נפש אין דעם רוח דער רוח אין דער נשמה אונ דיא נשמה איז בהעפט אין הקב"ה ווערט גיפונען אז דר נפש איז אויך מקושר בצרור החיים זאגט רבי אלעזר מיר האבין גילערינט אז בייא איין ספר תורה בשעת מען איז זיא מטלטל פון איין שול אין דער אנדערער הײשט בייא איר גלות דרום טאר מען ניט מטלטל זיין קיין ספר תורה פון איין ארט אויף דעם אנדערין זאגט רבי אבא אז דיא שכינה איז פאר טריבין גיווארין איז אויך אזו גיוועזען ביז זיא האט גיזאגט מי יתנני במדבר מלון אורחים אין ערשטין פון איין שול אין דער אנדערער ביז דער נאך אויף דער גאס אונ דער נאך אין דר מדבר מלון אורחים זאגט רבי יהודה דיא בני בבל פארכטין זיך צוא טראגין איין ספר אפילו פון איין שול אין דער אנדערער מכל שכן אזו וויא אויבין שטייט :

תניא מיר האבין גילערינט רבי שמעון זאגט צוא דער חברייא כל זמן אז איך לעב וועלין דיא מענטשין ניט בדארפין מטלטל זיין איין ספר תורה אויף דער גאס ולבית הקברות דער וועקין דיא מתים זאלין מתפלל זיין דען מיין זכות אליין איז כדאי מגין זיין אויף דער וועלט ווארום דיא צדיקים זיינען מגין פר זייער לעבין אויף דעם דור ומכל שכן נאך זייער טויט וועט נאך מער מגין זיין וויא בייא זייער לעבן אזו וויא עס שטייט וגנותי על העיר הזאת להושיעה למעני ולמען דוד עבדי אונ אז דוד המלך האט גילעבט שטייט ניט איך וועל מגין זיין אויף דער וועלט פון וועגין דוד נייערט נאך זיין טויט שטייט ערשט אזו · זאגט רבי יהודה ווארום שטייט למעני ולמען דוד עבדי איז דאך משמע אז זייא זיינען ביידע גלייך נאר ווייל דוד המלך האט זוכה גוועזען זיך צו בהעפטן אין די דרייא אבות וואס זייא זיינען שלשה רגלי המרכבה אונ ער איז גיוועזען דער רגל רביעי במרכבה דרום איז אלץ איינש ברוך הוא לעלם ולעלמי עלמיא :

רבי אבא איז גינאנגען קיין קפוטקיא אונ רבי יוסי איז אויך גינאנגען מיט אים זעהען זייא אז איין מענטש גייט זייא אנטקעגין אונ האט איין צייכין אויף דעם פנים זאגט רבי אבא מיר דארפין אפ קערין אונזער וועג פון דעם מענטשין ווארום זיין פנים ווייזט אויס אז ער האט עובר גיוועזען אויף דיא עריות פון דער תורה זאגט רבי יוסי טאמער איז אים דר צייכין גיקומען קליינער הייד אונ אויף וועלכי עריות האט ער גיקאנט עובר זיין זאגט רבי אבא ער ווייזט אבער פארט אויס אז ער האט

האט

האט עובר גיוועזן אויף דיא עריות האט אים רבי אבא צוא גירופין אונ זאגט אים מיין קינד וואס פאר איין צייכן האשטו אויף דיין פנים זאגט ער צוא רבי אבא איך בעט אייך איר זאלט מיך שוין מער ניט שטראפין דען מיינע עבירות האבין מיר דאס גורם גיוועזן זאגט רבי אבא וויא אזו איז גיוועזן די מעשה זאגט ער איך בין איין מאל גיגאנגן אין וועג מיט מיין שוועסטער האבין מיר גינעכטיגט אויף איין הארבריג האב איך מיך אן גיטרונקין מיט וויין אונ האב מיט איר מזנה גיוועזן בייא נאכט אונ אז מיר זיינען אויף גישטאנען אין דער פריא האט זיך דער בעל הבית מיט איינעם גיקריגט בין איך אריין גיגאנגן צווישין זייא איך זאל זייא צוא שיידין האבין זייא מיך ביידע גישלאגין דער אויף איין זייט אונ דער אויף דער אנדערער זייט האבין זייא מיר גימאכט דיא מכה אויף דעם פנים איז דיא מכה גיגאנגען ביז דעם מוח בין איך גיוועזן מסוכן האט מיך בייא אונז איין רופא מציל גיוועזן פרעגין זייא אים ווער איז דער רופא זאגט דר מענטש ער הייסט רבי אלעזר זאגין זייא צוא אים וואס פאר איין רפואה האט ער דיר גיגעבין זאגט ער רפואת הנפש ער האט מיר גיהייסין תשובה טאן אלע טאג אונ פון דער צייט אן טוא איך תשובה אונ זעה אלע טאג אין איין שפיגיל מיין צייכן טוא איך וויינן פאר הקב"ה וואס ער איז דער האר פון דר גאנצער וועלט אונ מיט דיא טרערין פון די אויגן וואש איך אפ מיין פנים זאגט רבי אבא אויב עס איז ניט נגזר גיווארן אויף דיר אז קיין תשובה זאל דיר ניט העלפן וואלט איך דיר גמאכט אז דר צייכן זאל דיר אראפ פון דיין פנים דאס איך וועל אויף דיר לייענען וסר עונך וחטאתך תכופר זאגט רבי אבא צוא אים זאג מיר נאך דרייא מאל דעם פסוק האט ער דרייא מאל נאך גיזאגט צוא רבי אבא דעם פסוק אזו איז דער צייכן אראפ גיגאנגען פון זיין פנים זאגט רבי אבא הקב"ה האט דיר אפ גיטאן דעם צייכן ווייל דוא האשט רעכט תשובה גיטאן זאגט ער איך טוא איין נדר אז פון היינט אן אונ ווייטער זאל איך עוסק זיין בתורה יומם ולילה זאגט רבי אבא וויא אזו איז דיין נאמען זאגט ער אלעזר זאגט רבי אבא דיין נאמען האט דיר גורם גיוועזן וואש גאט האט דיר גיהאלפין וואהום אלעזר מאכט אל עזר האט אים רבי אבא גיבענטשט אונ האט אים אוועק גשיקט אמאל איז גיגאנגען רבי אבא צוא רבי שמעון איז ער גיקומען אין איין שטאט האט ער גיזעהען וויא איינער איז גיזעסין אונ האט גידרשית דעם פסוק איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת וויא גאר זייגען פאר נארעשט דיא מענטשין פון דער וועלט זיי זייגן ניט משגיח צו ווישין אויף וואש זייא האבין איין קיום אויף דער וועלט וואש איז זייא מעכב וואש זייא ווייסין ניט ווייל זייא זייגען ניט משתדל אונ עוסק בתורה זייא זאלין עוסק זיין בתורה וואלטין זייא גיוואושט דעם וועג דער פון וכסיל לא יבין את זאת דער נאר פאר שטייט עס ניט פאר וואש הקב"ה שטראפט דעם צדיק אויף דער וועלט אונ בפרוח רשעים כמו עשב דיא רשעים וואש זייגען עובר אויף דער תורה טוען בליען אזו וויא גראז אונ דוד המלך האט גיזאגט דאש איז נאר להשמדם עדי עד והקב"ה גיט זייא אויף דער וועלט גוטץ אונ עשירות כדי ער זאל זייא פאר טיליגן פון יענער וועלט דאש זייא וועלין זיין אזו וויא ערד אזו וויא עש שטייט ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגלי הצדיקים ער זאגט עש שטייט ויקם בי כחשי בפני יענה וואש מיינט דאש דער פסוק אלא וואול צוא דעם מענטשין וואש ער איז עוסק בתורה צוא ווישין זיא אונ צוא ווישין דעם וועג פון הקב"ה אונ ווער

עס איז עוסק בתורה איז גלייך וויא ער איז עוסק אין דעם נאמען פון הקב"ה ממש אזו וויא דער נאמען פון הקב"ה טוט משפט אונ דין אזו אויך איז דיא תורה׳ קום אונ זעה דער מענטש וואש איז עובר אויף דער תורה אזו גייט דיא תורה ארויף דער נאך נידערט זיא אראפ אונ מאכט דעם מענטשן איין צייכן אויף זיין פנים כדי דיא אייבערשטע אונ דיא אונטערשטע זאלין אים זעהען אונ זאלין אים שילטין׳ אונ מיר האבין גילערינט אלע דיא עיני ה׳ פאר וואש הייסין זייא עיני ה׳ ווייל זייא גייען אונ שוועבין אויף דער וועלט צוא ווישין דעם וועג פון דיא מענטשן אזו הייבן זייא אויף זייערע אויגן אונ זעהן אין זיין פנים שרייען זייא אלע אויף אים וויא וויא וויא איז צוא אים בעולם הזה וויא איז צו אים בעולם הבא קערט אייך אוועק פון אים דען דער רוח הטומאה רוט אויף אים דען ער איז גצייכינט כדי דר צייכן זאל אויף אים עדות זאגן אונ כל זמן דער צייכן שטייט אויף זיין פנים איז דאש פאר איין עדות אונ אז ער האט איין קינד איז דאס קינד אויש גצויגן אונ גנומן גווארן פון דער טומאה ניט פון דער קדושה אונ דאס זייגען דיא עזי פנים פון דעם דור דיא רשעים לאזט זייא הקב"ה גיין אויף דער וועלט אונ שטראפט זייא ניט כדי צוא פאר דארבן זייא פון יענער וועלט אונ מיר האבן גלערינט דער צדיק וואס איז עוסק בתורה יום ולילה איז הקב"ה אויף אים מושך איין חוט של חסד ער איז אים אן גיצייכנט אין זיין פנים אונ פאר דעם צייכן פארכטן זיך עליונים ותחתונים אבער חלילה אז איינער איז עובר אויף דער תורה איז ער גיצייכינט ברוח הטומאה אונ עס אנטלויפן פאר אים עליונים ותחתונים אונ רופין אוים קערט אייך אוועק פון אים דען ער האט עובר גוועזן אויף דער תורה אונ מצות פון זיין הארין הייא צוא אים וויא צו זיין נפש דר מענטש ציהט אויף זיך דעם רוח הטומאה אונ מאכט דאס יירשנן צוא זיינע קינדר דאס הקב"ה האט אין אים קיין חלק ניט אונ לאזט אים גיין כדי ער זאל ווערין פאר דארבן פון עולם הבא׳ זאגט רבי אבא צוא אים פון וועמן האשטו דאס גלערינט זאגט ער אזו האב איך גלערינט דאש די שלעכטע ירושה יירשנן ווידער זיינע קינדר אז ער טוט קיין תשובה ניט אבער קיין שום זאך קאן ניט שטיין אנטקעגין תשובה אונ דיא רפואה האט מען מיך גלערינט איין מאל דאס איך האב גהאט אצייכן אויף מיין פנים בין איך גיגאנגען אין וועג האט מיך בגעגינט איין צדיק אונ דורך אים איז מיר דער צייכן אראפ זאגט רבי אבא צו אים וויא אזו איז דיין נאמען זאגט ער אלעזר זאגט רבי אבא גילויבט איז הקב"ה אז איך האב דיך אזו זוכה גיוועזן צו זעהען וואול איז דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא זאגט רבי אבא צוא אים איך בין דר מענטש וואס איך האב דיך דענצט מאל בגעגינט האט ער זיך פאר שפרייט פאר רבי אבא אונ האט אים גרויש כבוד אפ גיגעבן אונ האט אים אריין גיבראכט אין זיין הויז אריין אונ האט גמאכט אגרוישע סעודה נאך דעם עשין האבן זייא גזאגט סודות זאגט ער צוא רבי אבא בריך רחמנא גלויבט איז הקב"ה וואס איך האב דאס פון דיר גיהערט אונ רבי אבא האט אויף אים גילייענט דעם פסוק ואתה שלום וביתך שלום :

## פרשת קדושים

וידבר ה׳ אל משה לאמר דבר אל כל עדת בני וגו׳ קדושים תהיו וגו׳ רבי אלעזר זאגט עס שטייט אל תהיו כסוס כפרד אין הבין איר זאלט ניט זיין אזו וויא איין פערד אדער איין מויל אייזיל וואס ער פאר שטייט ניט וויא

פיל מאל די תורה דער וועקט זיך וויא פיל מא[ל] שרייט זיא אונ הייבט אויף איר קול צוא דער וועקין אלע לייט פון אל[ע] זייטין אונ אלע לייט טוען שלאפין אונ בגערין ניט צוא זעהען אונ [ני]ט צוא ווישין מיט וואש פאר איין פנים וועלין זייא שטיין ליום הד[ין] העליון אז דער מלך העליון וועט פרעגין אויף דער בושה פון [דע]ר תורה וואש זיא האט גישריען צוא זייא אונ זייא האבן זיך ניט ג[ע]ערט צוא איר זייא זיינען פגום אונ חסר פון דעם נאמנות פון דעם [מ]לך עליון ווייא צוא זייא ווייא צוא זייער נפש דיא תורה שרייט צוא זייא אונ זאגט מי פתי יסור הנה חסר לב ואמרה לו וואש הייסט חסר לב אלא דער וואש איז ניט עוסק אין דער תורה האט ער ניט קיין נ[א]מנות הקדושה אונ איז פגום פון אלעמן דרום הייסט ער חסר לב דען מיר האבין גילערינט דער וואש איז ניט מקיים דיא תורה טאר מען זיך ניט מקרב זיין צוא אים אונ ניט האנדלען מיט אים קיין סחורה ומכל שכן ניט צוא גיין מיט אים אין וועג דען ער האט קיין נאמנות ניט אונ דרויף האבין מיר גילערינט דער וואש ער גייט אין וועג אונ איז ניט עוסק בדברי תורה איז ער מתחייב בנפשו אונ מכל שכן אז מען גייט מיט אזו אמענטש וואש ער גדיינקט ניט אין כבוד פון זיין הערין אונ זיין נפש דער האט בוודאי ניט חס אויף זיין נפש רבי יהודה זאגט דער וואס האט ניט חס אויף זיין נפש וויא אזו קען ער אויש ציהען איין כשרי נשמה צוא זיין זון דרום שטייט אל תהי כסוס כפרד אין הבין זכאין זיינען דיא צדיקים וואש זיינען עוסק בתורה דען זייא ווייסין דיא וועג פון הקב"ה אונ זיינן זיך מקדש בקדושת המלך עליון אונ זייא ווערין גפונען הייליג אויף דער וועלט אונ דרום ציהען זייא אראפ איין הייליגן רוח צוא זייערע קינדר אונ דיא קינדער הייסן בני המלך בני קדושים ווייא צוא דיא רשעים דען זייא זיינען אלע חצופים אונ דרום ירשינן זייערע קינדר איין נפש חצוף מצד הטומאה אזו וויא דער פסוק זאגט ונטמתם בם אז אמענטש קומט זיך מטמא זיין איז מען אים מטמא דרום זאגט דער פסוק זאלשט ניט זיין אזו וויא דיא פערד וואש זייא זיינען פול מיט זנות איז מער מטמא וויא אלדינג עס שטייט דא אין הבין אונ ווידער שטייט והכלבים עזי נפש לא ידעו שבעה והמה רועים לא ידעו הבין כלומר עס זיינען צוא אים אן גבריית דיא כלבים וואש זיינען עזי נפש והמה רועים זייא זיינען שרים ממונים צוא פירין אים אין גיהנם אריין דרום שטייט בייא זייא לא ידעו שבעה דיא ממונים זיינען קיין מאל ניט זאט פון צוא פירין אין גיהנם אזו וויא עס שטייט לעלוקה שתי בנות הב הב וגו' איש לבצעו וגו' דאס זיינן דיא וואס פירין דעם מענטשן אין גיהנם אריין ווייל ער איז נאר נאך גגאנגען נאך דעם געלט אונ איז ניט גגאנגען אין גאטס וועג אונ האבן זיך ניט הייליג גמאכט אין זייער זיווג אזו וויא עס געהער צוא זיין דרום שטייט קדושים תהיו כי קדוש אני ה' איר זאלט זיין הייליג אין דער קדושה וואס איר זייט באהעפט ווייל איך בין הייליג :

איש אמו ואביו תיראו אונ פריער שטייט קדושים תהיו דאש ווייזט אז אמענטש קומט זיך מקדש זיין מיט זיין ווייב פון וועמען איז מיין שבח דאס איז דיא קדושה פון דער מוטער דרום שטייט פריער אמו אונ דער נאך אביו · רבי יהודה זאגט עש איז גלייך אזו וויא בייא שמים וארץ שטייט אמאל פריער שמים אונ אמאל ארץ צוא ווייזין אז זייא זיינן ביידע גלייך באשאפן גווארן אזו דא אויך שטייט כבד את אביך אונ דער נאך ואת אמך אונ בייא מורא שטייט פריער אמו דער נאך אביו צוא ווייזן אז זייא זיינען ביידע גלייך · עס שטייט איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו צו ווייזן אויף דעם קדושת הזיווג דאס מען זאל זיך מקדש זיין אום שבת אזו וויא אויבן שטייט דען תשמרו איז טייטש ווארטן אזו וויא עס שטייט ואביו שמר את הדבר איז דאך טייטש ער האט גווארט דאס גייט אויף דיא וואס ווארטן מיט דעם קדושת הזיווג פון איין ליל שבת צו דער אנדערער :

אל תפנו אל האלילים רבי חייא הייבט אן עס שטייט אל תפן אל רשעו ואל חטאתו איז קשה נער קען עס זאגן צוא הקב"ה קער זיך ניט צוא זיין שלעכץ אונ צוא זיין זינד אמער עש שטייט דאך כי עיניו על דרכי איש אונ עש שטייט אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו דען הקדוש ברוך הוא זעהט אלע דרכים פון דעם מענטשין אפילו אז ער פאר בארגט זיך איז הקב"ה אין אלעמען משגיח אונ ברייננט אים צום משפט ודין סייא אויף גוטץ אונ סייא אויף שלעכץ אזו וויא עש שטייט יביא אלהים במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע ממילא וויא אזו האט משה גזאגט דוא זאלסט זיך ניט קערין צו זיין רשעות אלא מיר האבן גלערינט דאש אמענטש זאל זיך היטין אז ער זאל ניט זינדיגן פאר דעם מלך הקדוש · קום אונ זעה אמענשט אז ער טוט איין מצוה קומט דיא מצוה פאר הקב"ה אונ זאגט איך בין פון דעם מענטשן וואס ער האט מיך גמאכט אונ הקב"ה זעצט זיא פאר זיך צוא זעהן זיא אלע טאג אונ גוטץ צוא טאן צוא דעם מענטשן פון דער מצוה וועגן אבער אז אמענטש איז עובר איין עבירה אזו קומט דיא עבירה פאר הקב"ה אונ זאגט איך בין פון דעם מענטשן אונ הקב"ה שטעלט זיא פאר זיך ער זאל אויף איר משגיח זיין צוא פאר דארבן דורך איר דעם מענטשן אזו וויא עס שטייט וירא ה' ויגאץ מכעס בניו ובנותיו עס וואלט נאר באדארפט שטיין ויגאץ אונ ניט וירא אלא וירא ער זעט אין דער עבירה וואש זיא שטייט פאר אים דרום ויגאץ איז ער ברוגז אונ אז דער מענטש איז חוזר בתשובה שטייט גם ה' העביר חטאתך לא תמות הקב"ה האט שוין מעביר גוועזן דעם חטא וואש ער איז פאר אים גשטאנען כדי ער זאל שוין אין אים ניט קוקין אונ ער זאל שוין קענען דעם מענטשן גוטץ טאן דרום שטייט אל תפן דוא זאלשט זיך ניט קערין צוא זעהען זייער שלעכץ אונ דרום שטייט אויך נכחם עיניך לפני · אמאל איז גגאנגען רבי ייסא זעירא צוא רבי שמעון האט ער אים דער וואושט אז ער האט דעם פסוק גלערינט ויאמר האדם האשה אשר נתת עמדי פרעגט רבי ייסא פאר וואס שטייט ניט אשר נתת לי נייערט עש שטייט עמדי דאס איז טייטש מיט מיר איז משמע אז זיא איז באשאפן גווארן גלייך מיט מיר אמער עש שטייט אז השי"ת האט גזאגט לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו איז משמע אז אדם הראשון איז שוין גוועזן אויף דער וועלט האט השי"ת אים באשאפן איין ווייב זאגט רבי שמעון זיא איז באשאפן גווארין גלייך מיט אים נאר קיין עזר אונ קיין ווייב איז זיא אים נאך ניט גוועזן דען זיא איז גוועזן באהעפט אין אים דער נאך האט הקב"ה אראפ גנומען פון זיין זייט אונ האט זיא מתקן גוועזן אונ האט זיא גבראכט פאר אים דרום שטייט ניט אברא לו עזר איך וועל אים באשאפן איין ווייב נייערט עס שטייט אעשה לו איך וועל אים מתקן זיין ווייל זיא איז שוין לאנג באשאפן גוועזן נאר זיא איז גוועזן באהעפט אין אים ביז הקב"ה האט גווארפין אויף אים איין שלאף אונ האט אראפ גנומען דיא זייט אונ האט זיא מתקן גוועזן אונ האט זיא גבראכט פאר אדם פאר איין ווייב אונ מיר האבן גלערינט אז דאש שוינקייט פון אדם איז גוועזן אזו וויא דאש שוינקייט

פון

פון כסא וזהר קשר העליון אונ דאס שוינקייט פון חוה איז גוועזן אז קיין שום בריה האט ניט געקענט אריין קוקן אין איר צורה אפילו אדם האט ניט געקענט קוקן אין איר שוינקייט ביז זיא האבן גזינדיגט איז איר שוינקייט קלענער גווארין האט שוין אדם גיקענט קוקן אין איר שוינקייט אונ האט זיא דער קענט זיך מזווג זיין אזו וויא עס שטייט וידע אדם את אשתו איז טייטש ער האט שוין גוואושט אין איר שוינקייט מיר האבן גלערינט עס איז אסור צוא אמענטשן אז ער זאל קוקן אין דעם שוינקייט פון איין אשה כדי ער זאל חלילה ניט קומען צוא איין הרהור וועט ער דורך דעם קומען צוא איין עבירה אונ אזו פלעגט רבי שמעון טאן בשעת ער איז גגאנגען אין איין שטאט אונ די חבריא זיינען אים נאך גגאנגען אונ האט געזעהן שיינע ווייבר האט ער אראפ גנידערט זיינע אויגן אונ האט גזאגט אל תפנו אל האלילים אונ ווער עס קוקט אויף אשיינער אשה בייא טאג קומט ער צו איין הרהור בייא נאכט אונ נאך מער בשעת ער איז זיך מזווג אונ דער הרהור רע קומט אים אין דער מחשבה איז דיא קינדר וואס ער גווינט הייסן זיא אלהי מסכה אונ כל זמן דער הרהור איז אויף אים איז ער עובר אויף דעם פסוק • אלהי מסכה לא תעשו לכם :

תמן תנינן דארטן אין פרשת אחרי האבן מיר גלערינט הונדערט מיט דרייסיג יאר האט זיך אדם הראשון אפ גשייד פון זיין ווייב זינט קין האט גיהרגית צוא זיין ברודער הבל רבי יוסי זאגט פון דער שעה וואס איז נגזר גווארין מיתה אויף אים אונ אויף דער גאנצער וועלט האט ער זיך פורש גוועזן פון זיין ווייב אונ האט גזאגט נאך וואש טויג מיר קינדער האבן אז זיא וועלין שטארבן ונגע לא יקרב באהליך דאש מיינט מען דיא נגעי בני אדם זיא וועלן ניט גנעהענען אין דיין גצעלט מחמת דער מזוזה אויך האבן מיר גלערינט בשעת אדם האט גנידערט בדמות עליון ובצלם הקודש אז דיא תחתונים האבן אים דער זעהען האבן זיא אלע צוא אים גנעהענט אונ האבן אים גמאכט קיניגין איבער זיא בעולם הזה ויראו בני אלהים את בנות האדם כי טובות הנה אונ זיא האבן זיך אלע טועה גוועזן נאך זיא אונ איין רוח הזכר איז גקומען אויף דער וועלט פון דעם רוח פון צד קין ער האט גהייסן תובל קין אונ איין נקבה איז ארויש גקומען מיט אים זיא האט גהייסן נעמה אונ דיא בריות האבן זיך טועה גוועזן נאך איר אונ דער תובל קין האט אויף גבראכט כלי זיין פון הריגה אויף דער וועלט אונ דיא נעמה האט איר וואונונג בייא דעם ים הגדול זיא טוט קומען צו מענטשן אין חלום אונ זיא גייט אויף דער וועלט אונ זוכט אירע קינדער פון אמענטש אונ איז זיך מדבק צוא זייא אונ זיא גייט צוא דעם רוח זיא זאל זיך מאכין רוען אויף דיא קינדער אזו זייגען זיך מזדמן דרייא רוחות קדושים פאר איר אונ נעמען בייא איר צוא דעם רוח אונ לייגין אים אנידער פאר הקב"ה צוא איבער פארין אים פון איר דרום האט דיא תורה אן גיזאגט צוא דיא מענטשין והתקדשתם והייתם קדושים ווארום אז איין מענטש האלט זיך בקדושה פארכט ער זיך פאר אים ניט דען דיא מלאכים הקדושים וואש מיר האבן גזאגט היטן דאש קינד אז זיא זאל אים ניט מזיק זיין אזו וויא דער פסוק זאגט ונגע לא יקרב באהלך קיין נגעי בני אדם וועלין ניט גינעהענען צוא דיר ווייל הקב"ה גיבוט דיא מלאכים צוא היטין דיך אין אלע דיינע וועגין אונ ווידער שטייט כי בי חשק ואפלטהו אבער אז דער מענטש האלט זיך ניט הייליג אונ ציהט אויף זיך דעם רוח הטומאה אזו קומט זיא צוא דעם קינד ביז זיא איז

אים ממית אונ אז זיא איז אים ממית טוט זיא פאר אום ריינגין דעם רוח אונ ווערט אייביג ניט אפ גטאן פון אים • אויב דוא ווערשט פרעגין אז דאש קינד וואש זיא טייט אים אונ דיא דרייא מלאכים נעמען בייא איר צוא דעם רוח כדי זיא זאל אים ניט מטמא זיין זיינען זייא דאך ניט מצד הטומאה פאר וואש האט זיא איין שליטה זייא צוא הרגנען נאר דער מענטש וואש האט זיך ניט מקדש גיוועזן אבער ער האט זיך ניט מכוין גוועזן צוא מטמא זיין דרום קען זיא שולט זיין אויף דעם גוף אבר ניט אויף דעם רוח • פיל זיינען זוכה דיא צדיקים וואס זייא זיינען זיך מקדש בקדושת המלך • דיא אלע זאכין וואש שטייט דא האט שלמה המלך מגלה גוועזן ער האט דאש גיפונען אין ספר פון אשמדאי המלך דארטין ווערט גפונען טויזנט מיט פיר הונדערט אונ פינף מיני טומאה וואש איין מענטש איז זיך אין זייא מטמא ווייא צוא דיא לייט דאש זייא האבן פאר שטאפטע אויגן אונ זעהען ניט אונ וויישן ניט אונ הערן ניט אונ זיינען ניט משגיח אויף זיך וויא אזו זייא בלייבן אויף דער וועלט • אונ זייא האבן דאך איין גוטע רפואה דאס איז דיא תורה אזו וויא דער פסוק זאגט והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני ה' אלהיכם :

תנא מיר האבן גלערינט אז קין מיט הבל זיינען אפ גטאן גווארין פון דער וועלט האט אדם צוא ריק גנומען חוה צוא זיך אונ זייא זיינען גווארין אן גקלייד אין איין אנדערין רוח אונ האבן גוואונען שת אונ פון אים איז ארויש גקומען אלע דורות הצדיקים אויף דער וועלט אונ הקב"ה האט גמערט דעם חסד אויף דער וועלט :

לא תעשוק את רעך וגו' ביומו תתן שכרו ולא תבא עליו השמש כי עני הוא דוא זאלשט זעהען אז דיא זון זאל ניט אונטער גיין אידער דוא גישט אים אפ זיינע שכירות ווארום עס זאל חלילה דיין זון ניט אונטער גיין דוא וועסט איבער דעם שטארבין פאר דער צייט • פון דאנען לערנען מיר אפ אז איינער איז מחיה דעם נפש פון איין ארימאן האטשי דיא צייט איז שוין גקומען דער מענטש זאל שטארבן איז אים הקב"ה אויך מחיה זיין נפש אונ איז אים מוסיף יארין ווייל ער האט מחיה גוועזן דעם נפש פון דעם ארימאן קום אונ זעה דער וואש האלט איין דעם שכר פון דעם ארימאן איז גלייך וויא ער נעמט בייא אים צוא זיין נפש מיט דעם נפש פון זיינע בני בית ער דער קירצט זייער לעבין אזו איז אים הקב"ה אויך מקצר זיין נפש אונ זיינע יארין פון יענער וועלט דען דיא היץ פון זיין מויל וואש ער האט ניט געגעסין גייט ארויף פאר הקב"ה דער נאך אז ער גיט אים ניט אפ זיינע שכירות גייט ארויף דער נפש פון דעם ארימאן אונ פון זיינע בני בית אונ שפייען פאר הקב"ה דרום אפילו עס איז נגזר גווארין אויף דעם מענטשן כמה טובות אין כמה יארין ווערט דאס אפ גטאן פון אים אונ די גזרה טובה ווערט צו ריסן אונ זיין נפש גייט ניט ארויף למעלה דרום האט רבי אבא גזאגט רחמנא לישזבן הקב"ה וואס ער איז איין רחמן זאל אונז מציל זיין פון זייא אונ פאר זייער שעמונג • אונ דאש גייט אן אפילו דער פועל איז איין עושר אזו וויא עס שטייט ואליו הוא נושא את נפשו עס שטייט סתם נפשו איטליכין נפש אפילו פון איין עושר ומכל שכן פון איין עני • אונ דרום פלעגט רב המנונא אזו צוא טאן אז וויא באלד זיין פועל איז אוועק גיגאנגען פון דער ארבעט האט ער אים תיכף באצאלט • אונ האט אים גיזאגט נעם דיר אפ דיין נפש וואס דוא האסט מיר גיגעבין באהאלטין אונ אפילו דער פועל האט אים

גיזאגט

געזאגט לאז מיינע שכירות זיין ביי דיר איך דארף זיא ניט האט ער אים געזאגט מה דאך דיין גוף איז מיר ניט געגעבן געווארן פאר איין פקדון מכל שכן דיין נפש איז מיר בוודאי ניט געגעבן געווארן פאר איין פקדון דען דיין נפש איז נאר איין פקדון ביא הקב"ה אזו וויא עס שטייט בידך אפקיד רוחי זאגט רבי חייא וויא אזו איז דער דין אז ער ניט אנגדערין באהאלטין זיינע שכירות · זאגט רבי אלעזר אפילו דעם בעל הבית אליין אז ער האט אים געצאלט אונ דער נאך האט אים דער פועל געגעבן באהאלטין דיא שכירות איז אויך מותר אונ ער איז ניט עובר אויף לא תלין ווארום עש שטייט לא תלין פעולת שכיר אונ נאך שטייט ולא תבא עליו השמש אבער אז ער האט אים שוין אפ געגעבן הייסט שוין ניט פעולת שכיר · קום אונ זעה עס איז ניט פאר האנדין קיין טאג עס זאל דרויף ניט שולט זיין דער יום העליון אונ אז ער גיט ניט אפ דעם פועל זיין שכר מיט זיין נפש איז גלייך וויא ער וואלט פוגם אונ מחסר געוועזן אין דעם יום העליון דרום שטייט ביומו תתן שכרו אונ ווידער שטייט לא תבא עליו השמש אויך שטייט לא תלין דען זיין נפש גייט ניט ארויף אונ דעם נפש פון דעם עני מיט דיא בני בית גייען ארויף אזו וויא מיר האבין אויבין געזאגט :

לא תקלל חרש ולפני עור לא תתן מכשול דר פראסטער פשט איז אזו וויא דאס משמעות פון דעם פסוק אבר מיר האבין אין דער פרשה גילערינט אנדערע זאכין אונ איינש הייגגט אן אין דעם אנדערין · קום אונ זעה דער וואש ער שילט דעם חבר אין דיא אויגין אונ ער פאר שעמט אים איז גלייך וויא ער הרגית אים אונ דער פסוק זאגט אן לא תקלל חרש דוא זאלשט אים ניט שילטין אפילו ער איז ניט דער ביי ווארום אז ער שילט דעם חבר אזו גייט דאש ווארט ארויף דען עש איז ניט פאר האנדין איין דיבור עש זאל ניט זיין קיין קול דער ביי אונ דאש קול גייט ארויף אונ כמה רוחות וכחות הדינים בהעפטין זיך אין דעם קול אונ זיא זייגען זיך מתעורר אין דעם ארט וואש הייסט תהום רבה דען דארטין זייגען פאר האנדין כמה משחיתים אונ זייא דער וועקין זיך אלע אויף דעם מענטשין וואש לאזט ארויש איין שלעכט ווארט פון דעם מול דאש מיינט דער פסוק לא תקלל חרש אונ ולפני עור לא תתן מכשול מיינט מען אז איינער מאכט זינדיגין זיין חבר אדער ער שלאגט זיין גרוישין זון אדער ווען איינער איז נאך ניט ראוי צוא פסקנן שאלות אונ דינים אונ ער פסקנת איז ער עובר ולפני עור פאר איין בלינדין מענטשין לא תתן מכשול זאלשטו אים ניט מכשיל זיין לעולם הבא דען ער ווייסט ניט · אונ טוט איין עבירה דורך דיר אבער דער וואס גייט בדרך הישר אונ לערינט דיא תורה אזו וויא עס דארף צוא זיין דער האט איין חלק טוב בעולם הבא דען דאס ווארט וואס גייט פון זיין מויל גייט עס ארויף אונ כמה עליונים קדושים באהעפטין זיך אין דעם אונ עס גייט ארויף בדרך הישר אונ עס ווערט געקריינט בעטרות קדושים אונ עס ווערט געוואשין אין נהר פון עולם הבא וואס ער ציהט זיך פון דעם גן עדן עש איז גרוישע סודות אז קומט דיא תורה אויף דעם נהר אונ ווערט דארטין באהעפט אונ עס קומט אראפ איין אור עליון אונ ווערט גיקריינט אויף דעם מענטשין אין דעם דאזיגין טאג אבער ווער עס איז עוסק בתורה ניט אזו וויא עס איז רעכט עס זאל זיין בדרך אמת ובדרך הישר אזו אז דאס ווארט גייט ארויף קערט זיך איטליכער אפ פון דעם וועג זייא זאלין זיך ניט מחבר זיין אין דעם אונ אלע זייגען עס דוחה אוועק פון זיך עס קען קיין ארט ניט גיפינען אונ ווער האט דאס גורם געוועזן ווייל ער איז ניט גיגאנגען בדרך הישר דרום שטייט ולפני עור לא תתן מכשול אונ ווידער שטייט ויראת מאלהם אני ה' אונ ווער עס האט זייער חשק צוא לערנען תורה נאר ער האט ניט קיינער זאל מיט אים לערנען נאר מחמת גרויש חשק לערינט ער אליין אונ איז מגמגם דאס הייסט ער לערינט ניט רעכט נאר ער גרייזט זייער אזו גייט איטליכש ווארט ארויף אונ הקב"ה פרייט זיך דער מיט אונ איז דאס מקבל אונ פלאנצט עס ארום דעם נחל אזו ווערט דאס ערבי נחל אזו וויא עס שטייט באהבתה תשגה תמיד מחמת גרויש אהבה צוא דער תורה טוט ער גרייזין אין איר אונ פון דעסט וועגין איז דאס אן גינומען פאר הקב"ה אונ דוד המלך האט גיבעטין הורני ה' דרכך אהלך באמתך וייז מיר דיין רעכטין וועג אונ איך זאל לערנען דעם אמת פון דער תורה ונחני באורח מישור וגו' וואל צוא די וואס ווישן דעם וועג פון דער תורה אונ זיינען עוסק אין דער תורה בדרך הישר דען ווערט פון דער תורה גיפלאנצט איין עץ החיים למעלה אונ דרום שטייט תורת אמת היתה בפיהו איז דאך קשה איז דען פאר האנדין איין תורה וואש זיא איז ניט אמת אלא אזו וויא מיר האבין אויבין געזאגט אז מען זאל לערנען תורה מיט אמת אונ לשמה אבער ניט אזו וויא דער מענטש וואס ער פסקנת שאלות אונ דינים אונ ווייסט ניט צוא עס איז אמת דען ער קען נאך ניט רעכט · אונ פון דעסט וועגין זאל אמענטש לערנען פון אזו אמענטשין אויך דען חאטשע ער לערינט ניט בדרך אמת דען דורך דעם ווערט דיא תורה אויף אים דאך מעורר זיין ער זאל זיא לערנען לשמה · קום אונ זעה אמענטש באדארף לערנען תורה אפילו שלא לשמה דען דורך דעם וועט ער קומען לשמה :

לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך אז אמענטש האט ליב דעם אנדערין זאל ער אים שטראפין כדי ער זאל ניט גישטראפט ווערין דורך אים אזו וויא הקב"ה טוט אזו וויא עש שטייט כי את אשר יאהב ה' יוכיח וועמען הקב"ה האט ליב שטראפט ער אים אזו זאל דער מענטש אויך טאן פריער זאל ער אים שטראפין שטילער הייט איז ער מקבל איז גוט אונ אויב ניט זאל ער אים שטראפין צווישן זייגע ליב האבער אונ בשעת דער בית המקדש איז גישטאנען אונ עש איז גיוועזן איין כהן גדול פלעגט אזו זיין אז אמענטש האט גיטאן איין עבירה פלעגט אים הקב"ה געבין איין חולאת פלעגט ער שלאף ווערין כדי ער זאל תשובה טאן האט ער תשובה גיטאן איז גוט גיוועזן אונ אז ניט האט אים הקב"ה גישטראפט מיט זיין געלט אונ אין זייגע קינדער כדי איטליכר זאל ווישן אונ איטליכר זאל ריידן פון אים האט ער תשובה גיטאן איז געוועזן גוט אונ אז ניט האט ער אים שוין גילאזט גיין זיין וועג אזו אויך זאל אמענטש טאן בתחילה זאל ער אים שטראפן בסתר דרום שטייט הוכח דאש ערשטע מאל זאל ער אים אליין שטראפין דער נאך זאל ער אים שטראפין צווישן זייגע פריינט אונ חברים דרום שטייט תוכיח דער נאך זאל ער אים שטראפין אנטפלעקט פאר אלע דרום שטייט את עמיתך אונ אז ער הערט דיך נאך ניט זאלשטו אים לאזין גיין אונ ווען דער חבר איז אזו אמענטש אז חאטשע ער וועט אים שטראפין בסתר וועט ער אויך פאר שעמט ווערין זאל ער אפילו בסתר אויך ניט שטראפין נאר ער זאל מיט אים ריידן פון אנדערע זאכין אונ זאל אים זאגין אז אמענטש טוט אזו איין עבירה שטראפט מען אים אזו אונ אזו אונ דורך דעם וועט ער שוין אליין זיך

דער

דער מאנען און וועט תשובה טאן ולא תשא עליו חטא דען אפילו ער מוז אים שוין שטראפין בגלוי פאר לייטין זאל ער אויך אים ניט זאגין בפרהסיא די עבירה פאר אלע לייט ווארום ער וועט פאר שעמט ווערן נאר ער זאל אים אזו שטראפין אז ער זאל אליין דער פילין אז מען מיינט אים אבער ניט אויש שרייען זיין חטא בפירוש ווארום ער וועט מבויש ווערין דען הקב"ה האט חס אויף כבוד הבריות אפילו אויף רשעים אויך:

מפני שיבה תקום והדרת פני זקן דאס משמעות פון דעם פסוק איז אזו וויא דער פשוטער פשט איז און אויך האבין מיר גילערינט אז מען באדארף אויף שטיין פאר איין ספר תורה דען אזו האט רב המנונא גיטאן אז ער האט דער זעהן איין ספר תורה איז ער אויף גישטאנען און האט גיזאגט מפני שיבה תקום אז ער האט גיזעהען איין חומש איז ער אויף גישטאנען און האט אים גיטאן איין הידור און האט גזאגט והדרת פני זקן אזו אויך מוז מען אויף שטיין פאר איין תלמיד חכם דען ער איז אקיום פון דער קדושה עליונה און איז גלייך צוא דעם כח עליון רבי שמעון זאגט ער איז גלייך צוא תורה שבכתב ושבעל פה נאך האבין מיר גילערינט דעם פסוק בדרך דרש אזו מפני שיבה תקום דיא תורה זאגט אן דעם מענטשין ער זאל זיך דער וועקין און תשובה טאן כל זמן אז ער איז נאך יונג און האט כח מפני שיבה איידער ער ווערט אלט דען דענשט מאל האט ער שוין קיין כח ניט תשובה צוא טאן און אמענטש זאל ניט זאגין איך וועל נאך תשובה טאן בייערט ער זאל אין דר יוגינט תשובה טאן און דאס איז איין שיינקייט אויף זיין עלטער דרום שטייט והדרת פני זקן און אז ער טוט ערשט תשובה אויף דער עלטער איז דאס ניט קיין גרוישער שבח וייל ער האט שוין ממילא קיין כח ניט צוא טאן קיין עבירות נייערט דער עיקר שבח איז אמענטש טוט אין זיין יוגינט תשובה וואס ער האט נאך כח און תאווה צוא טאן עבירות און ער איז גובר דעם יצר הרע און דרויף זאגט שלמה המלך גם במעלליו יתנכר נער • וזכור את בוראך בימי בחורתיך גידיינק דיין בשעפער אין דיין יוגינט • זאגט רבי אלעזר וודאי איז דער וועג אן גיבריט פאר אונז און דאס איז דער דרך פון הקב"ה • ער הייבט אן עס שטייט כי יודע ה' דרך צדיקים ודרך רשעים תאבד גאט ברוך הוא וייסט דעם וועג פון דיא צדיקים און דער וועג פון רשעים ווערט פאר לארין דען הקב"ה גייט ניט מיט זייא נייערט מיט צדיקים צוא היטין זייא און גוטש טאן מיט זייא אבער בייא דיא רשעים שטייט ואורח לחברה עם פועלי עון און בייא דיא צדיקים שטייט ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום:

# פרשת אמור

ויאמר ה' אל משה אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו

רבי יהודה הייבט אן מה רב טובך אשר צפנת ליראך פעלת לחוסים בך נגד בני אדם וויא גאר גוט איז דער באהאלטענער אור וואס איז פאר בארגין צוא דיא צדיקים מששת ימי בראשית און ער האט עס ניט פאר מיטין פון דער וועלט דען דאס מאכט איין קיום אויף דער וועלט אלע טאג און עס שטייט אשר צפנת ליריאך דען מיר האבין גילערינט איין אור הגדול העליון האט הקב"ה באשאפין בשעת בריאת העולם דאס האט גילייכט מסוף העולם ועד סופו און הקב"ה האט גיזעהען אז עס וועט זיין רשעים אויף דער וועלט אזו האט ער דאש באהאלטין אזו וויא עס שטייט וימנע מרשעים אורם און דער אור איז אן גיבריט צוא דיא צדיקים לעתיד לבא אזו וויא עס שטייט וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה קום און זעה אז אמענטש איז שלאף און באדארף אוועק גיין פון דער וועלט אזו קומען צוא אים דרייא שלוחים און ער זעהט פיל זאכין וואס ער האט פריער ניט גיזעהען און דער טאג איז דער יום הדין הגדול והנורא העליון דאס דער מלך בגערט אפ צוא נעמען זיין פקדון דאס איז דיא נשמה וואל איז צוא דעם מענטשין וואס ער גיט אפ דעם פקדון דאס איז דיא נשמה אזו וויא מען האט זיא צוא אים גיגעבין בקדושה ובטהרה אבער אז זיין נשמה איז פאר שמירט גיווארין פון דעם טינוף הגוף דאס דער מענטש איז נאך גיגאנגען נאך תענוגים וואס וועט ער זאגין צוא זיין הערין פון זיין פקדון ער הייבט אויף זיינע אויגין און זעהט דעם מלאך המות ער שטייט פאר אים און אבלויזע שווערד איז אין זיין האנט און ער ווערט גישטראפט אין אלע זיינע אברים זיי ווערין איין גישרומפין עס איז ניט דא קיין שטארקערע יסורים וויא בשעת דער נפש שייד זיך אפ פון דעם גוף דען דאס איז דער שטארקסטער דין און ער שטארבט ניט ביז ער זעהט דיא שכינה און מחמת דעם גרוישין תענוג וואס דר נפש האט צוא דער שכינה גייט זיא ארויש אנטקעגן דער שכינה און אז דער נפש גייט ארויש בלייבט דער גוף אליין דרום שטייט לנפש לא יטמא בעמיו דען דאס איז זייער גילוסטיקייט זייא זאלין זיך באהעפטין אויף דעם ארט וואו דיא קדושה איז גיוועזן דרום וייל דיא כהנים האבין מער קדושה וויא אנדערע אזו וויא עש שטייט בייא זייא כי נזר אלהיו על ראשו דרום זיינען זייא אן גיזאגט גיווארין זייא זאלין זיך ניט מטמא זיין צוא דער טומאה פון איין גוף מת:

ושור או שה אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד פרעגט רבי יהודה פאר וואש זאל מען ניט מעגין קילין דיא בהמה מיט איר ולד אין איין טאג אויב דוא וועשט זאגין דאס איז מחמת דעם צער פון דער בהמה • לאז מען קילין איטליכש אין איין באזונדער חדר זייא זאלין זיך ניט זעהען אדער איינש שפעטר פון דעם אנדערין אבער אין דעם אייגענעם טאג • האט אים איינער פון דער חברייא גיזאגט קום און זעה מיר האבין גילערינט עש איז זייער גוט איין תענית צוא איין חלום אזו וויא איין פייער צוא שטעקליך פלאקס און דווקא אין דעם אייגינם טאג ניט אין דעם אנדערין דען עש איז ניט פאר האנדין איין טאג אויף דער וועלט וואש עש איז אויף אים ניט שולט זיין טאג למעלה און אז ער פאסט דעם טאג אויף איין חלום האבין מיר גילערינט אז דער טאג גייט ניט אוועק ביז ער איז מבטל דיא גזירה און אז ער לייגט אפ דעם תענית אויף אנגדער טאג דא איז שוין דיא ממשלה פון דעם אנדערין טאג און איין טאג גייט ניט אריין אין דעם גבול פון דעם אנדערין דרום מוז מען נאר פאסטין אין דעם טאג • אזו אויך זאל איין מענטש זיין ניהיט ער זאל ניט זינדיגין דען דעם טאג וואס ער זינדיגט האט למעלה אויף זיך אויך איין יום העליון וואס ער איז איבער אים און דעם טאג וואס ער זינדיגט ווערט ער פגום אנטקעגין דיא אנדערע טעג און מיר האבן גילערינט אז עס איז אלץ נאר נאך דעם התעוררות פון דעם מענטשן למטה אזו וויא ער איז זיך מתעורר למטה איז זיך מתעורר אויבין דער כח העליון איז זיך דער מענטש מעורר און טוט חסד אויף דער וועלט דער וועקט זיך אויבן אויך דער חסד און רוט אויף דעם טאג

טאג אונ ער ווערט גקריינט פון זיינט וועגין מיט חסד · אונ אז ער דער וועקט זיך אויף דער וועלט מיט רחמים דער וועקט ער אויבין דעם רחמים אויף דעם טאג אונ דער טאג ווערט גיקריינט מיט רחמים פון זיינט וועגין דרום איז דער טאג שוין זיין אפוטרופוס בשעת דער מענטש בדארף האבן חסד אדער רחמים איז דער טאג פאר אים אמליץ יושר אויבן · דעסט גלייכן פר קערט אז דער מענטש טוט חלילה אכזריות אויף דר וועלט אזו דר וועקט זיך אויבן אכזריות צוא פאר דארבין אים פון דער וועלט דען מיט דער מאס וואס דער מענטש מעסט זיך אויף דער וועלט מעסט מען אים צו ריק מיר האבן גלערינט אז דיא מדה פון אכזריות איז פאר מיטן פון דיא ישראל זייא דארפן צוא זיין רחמנים וואול צוא דיא מענטשין וואס ער טוט דא אויף דער וועלט גוטע מעשים דען איז פאר האנדין כמה שרים וואש זייא הייסין עיני ה׳ זייא זיינען משגיח אויף די מעשים פון די מענטשן דען מיט דיא מעשים פון אונטן דער וועקט ער זייא אויבן זיין גלייכן:

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה רבי אבא מיט רבי חייא זיינען גגאנגען אין וועג זאגט רבי חייא וואש מיינט דער פסוק מיט דעם ספירת העומר זאגט רבי אבא די חבריא האבן דאך שוין מפורש גוועין דעם טעם · אבער קום אונ זעה אז דיא ישראל זיינן גוועין אין מצרים זיינען זייא גוועין אין רשות פון דער טומאה אזו וויא איין אשה נדה אין איר טומאה אונ אז זייא האבן זיך מל גוועין אונ זיינן אריין גגאנגען בחלק הקדושה וואס הייסט ברית האט זיך דיא טומאה פון זיי אפ גטאן אזו וויא ביי איין אשה נדה דאס דר דם הערט אויף · בייא איר שטייט וספרה לה שבעת ימים זיא זאל אפ ציילין זיבין טעג איידער זיא ווערט טהור אזו דא אויך שטייט וספרתם לכם איר זאלט אייך ציילן כדי איר זאלט ווערן גריינקט במים עליונים אונ דער נאך וועט איר זיך בהעפטן צוא הקב״ה אונ וועט מקבל זיין דיא תורה דען אין חג השבועות האבן זיי זיך בהעפט צו הקב״ה מיט דר תורה · קום אונ זעה וועלכר מענטש וואס ער ציילט ניט קיין ספירה ער זאל זוכה זיין צו דער טהרה הייסט ער ניט טהור אונ איז ניט בכלל טהור אונ איז ניט כדאי האבן איין חלק אין דר תורה · אבער ווער עס ציילט די ספירה אונ האט ניט פר געסין איין מאל צו ציילן ספירה אזו אז עס קומט די נאכט פון שבועות זאל ער זיך משתדל זיין אין דער תורה אונ זיך בהעפטן אין איר אונ צוא היטן דיא טהרה עליונה וואס עס קומט אויף דער נאכט אונ מיר האבן גלערינט דיא נאכט פון שבועות זאל מען לערנן תורה שבעל פה אונ בייא טאג תורה שבכתב אונ זאל זיך בהעפטן אין זייא אזו ווערין זייא גפונען אויבן ביידע בנאנד דיא תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל פה אונ מען רופט אויש אויף אים ואני זאת בריתי אותם אמר ה׳ רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך וגו׳ אונ דרום האבן דיא חסידים הראשונים ניט גשלאפין דיא נאכט אונ האבן נאר גלערינט אין דער תורה אונ האבן גזאגט מיר וועלן ברייגגן אהייליגע ירושה צוא אונז אונ צוא אונזערע קינדער אין ביידע וועלטין · דען דיא נאכט ווערט דיא כנסת ישראל גקריינט זיא קומט זיך מחבר זיין מיט דעם מלך אונ דיא תורה וואש מען לערינט דיא נאכט ווערט גקריינט אויף איר קאפ · רבי שמעון האט אזו גזאגט צוא דער חבריא אז זייא זיינען גגאנגען לערנען דיא נאכט קומט מיר דארפן מתקן זיין דיא תכשיטן פון דער שכינה כדי זיא זאל מארגן זיין אויס גצירט מיט אירע תיקונים אזו וויא עס דארף צוא זיין · וואול צוא דער חבריא וואש זייא לערנען קבלה דען קיינער קען ניט מאכן דיא תכשיטן אזו וויא זייא קענן אשרי חלקם בעולם הזה ובעולם הבא ווייטער זיינען גרוישע סודות · זאגט דרויף רבי חייא ווען איך זאל ניט גוועין זוכה זיין אויף דער וועלט צוא הערן סודות נאר דאש אליין וואלט אויך גנוג גוועזן ווארט צוא דיא וואס לערנן תורה אונ ווייסן דעם וועג פון דעם מלך הקדוש דען זייער ווילין איז צו דער תורה אויף זייא זאגט דער פסוק כי בי חשק ואפלטהו אשגבהו וגו׳ אחלצהו ואכבדהו:

ולקחתם לכם ביום הראשון רבי שמעון זאגט עס שטייט כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו דאש מיינט מען איין מענטשן דאש הקב״ה האט אים גירופין זיין נאמן אזו וויא עס שטייט ויברא אלהים את האדם בצלמו אז דער מענטש טוט אמת ומשפט איז זיין נאמן אלהים אזו וויא עס שטייט אלהים לא תקלל מיר האבין גילערינט אין ספר פון שלמה המלך בשעת דער מענטש איז זיך מזווג שיקט הקב״ה אראפ איין גישטאלט וויא אזו ער זאל גיבארין ווערין · אונ ווען עס זאל זיין רשות צוא דיא אויגין זייא זאלן זעהן וואלט מען גיקאנט זעהן וויא אויף זיין קאפ שטייט גצייכינט דאש זעלביגע גשטאלט אזו וויא עס שטייט ויברא אלהים את האדם בצלמו דער צלם גייט פאר אים איידר ער קומט אויף דער וועלט אונ דער צלם איז פון אויבין בשעת דיא רוחות גייען ארויש פון זייער ארט פון אויבין דען איטלעכער רוח איז אן גבריית פון דעם מלאך הקדוש מיט דעם גשטאלט וויא ער איז דער נאך אויף דער וועלט אונ דער צלם פעדערט זיך פריער אליין אויף דער וועלט בשעת הזיווג אונ עס איז ניט פאר האנדין קיין שום זאך אויף דער וועלט וואש עס זאל אין דעם ניט זיין איין צלם אונ אז דער מענטש שטארבט גייען אלע טומאות אוועק פון אים אזו בלייבט זיין גוף איבר אליין אן דער טומאה חאטשי נאך זיין טויט איז ער זיך מטמא אבער פארט ניט אזו וויא פאר זיין לעבין אז דיא טומאה זאל קענען ווייטער מטמא זיין · קום אונ זעה כל זמן דיא צוויא צלמים זיינען בייא דעם מענטשן איז דער מענטש גיהיט אונ דער גוף האט איין קיום אונ דער רוח רוט אין אים אונ בשעת דיא צייט קומט ער זאל שטארבין גייען זייא אוועק פון אים אונ איינש ברייגגט ארויף דאש אנדערע אזו בלייבט דער מענטש אן שמירה אונ דרום שטייט עד שיפוח היום ונסו הצללים צלליס איז טייטש צווייא · קום אונ זעה ראש השנה איז איין יום הדין השי״ת זיצט אויף דעם כסא דין דן צוא זיין דיא וועלט אזו בדארף דער מענטש זיך דער וועקן מיט תשובה דען אין דעם טאג ווערין אלע קוויטלעך גשריבין אונ זיינען אן גבריית ארויש צוא גיין איז ער זוכה אונ טוט תשובה צוא רייסט מען זיין שלעכטן קוויטל · דער נאך גיט הקב״ה זמן ביז יום כפור טוט ער תשובה איז גוט אונ אויב ניט הייסט הקב״ה חתמנין דיא קוויטלך · ווייא צוא דעם וואש דיא תשובה איז פון אים אפ גיטאן איז ער נאך חוזר בתשובה היינגט נאך זיין דין ביז דעם הינטערשטין טאג סוכות דאש איז הושענא רבה דען שמיני עצרת גיהער שוין ניט צוא סוכות ער איז שוין אבזונדער יום טוב אונ דר גמר חתימה בדארף זיין דעם הינטערשטין טאג פון סוכות איז ער רעכט חוזר בתשובה אזו ווערין זייא צוא ריסין אדער מען האלט זייא אויף אבער אז ער איז חס ושלום ניט חוזר בתשובה אזו גיט מען דיא קוויטליך ארויש פון דעם בית המלך אונ מען גיט זייא אפ צוא דיא שלוחים דאש איז גלייך אזו וויא מען גיט ארויש דער פסק דין צוא דעם תליין ער זאל שוין טאן זיין דין אזו דא אויך דיא שלוחים מיינט מען דעם מלאך המות אונ די קוויטלך

סערין

קערין זיך שוין ניט אום צו ריק אין די נאכט וואס זיי נעמען די קוויטליך ווערין פון אים אפ גיטאן דיא צוויא צללים אונ אז דער מענטש זעהט דיא נאכט דעם צלם ניט אזו וויא אנדרע נעכט איז אסימן אז עש וועט קומן אויף אים איין דין אדער איין חולאת ר"ל אונ אין די ספרים הראשונים האבין מיר גיפונען אז די לבנה שטייט די נאכט לויטער אונ ער זעהט אויף זיין שאטין נאר זיין גוף אליין אונ דעם קאפ ניט איז אסימן אז ער מוז אוועק גיין פון דער וועלט אונ זיין ווייב אונ קינדער וועלין בלייבין לעבין אונ דאש איז נאר אז ער טוט ניט קיין תשובה אבער אז ער טוט תשובה וועט ער פאר זוכין דעם טעם פון דעם טויט אונ וועט בלייבין לעבין אונ אז ער זעהט נאר דעם קאפ אונ דער גוף איז ניט דא איז איין סימן אז זייא וועלין שטארבין אונ ער וועט בלייבין אונ דאש איז נאר אז זיינע קינדער זיינען נאך קליין אונ זיין ווייב איז אין זיין רשות אונ אז די פיס גייען אפ וועט אים נאך לויפין פיל קראנקייט אונ אז דיא הענט גייען אפ וועט נחסר ווערין זיינע מעשה ידיו אונ אז דער שטן לויפט אהין אונ אהער איז אויף אים גיזאגט גיווארין בבוקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בוקר מחמת דיא גרוישע צרות וואש וועלין זיין אויף אים • אבער דיא זכאין דיא חסידים זעהען אלע גליך וויא זייא בדארפין היינט שטארבין אונ טוען תשובה שלימה פאר זייער הערין אונ בדארפין ניט צוא קיין אנדערע זאכין זכאה איז זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא • קום אונ זעה עש שטייט כל הנקרא בשמי וויא גאר הויך זיינען דיא מעשים פון הקב"ה דאש דיא בריות דאש ער האט אונטין בשאפין האט ער זייא אן גיקניפט למעלה מיט זייערע כוחות אונ אז מען נעמט אונטין צוא מאן אמצוה דער וועקט מען דער מיט אויבין אזו וויא מיר האבין גיזאגט בייא דעם אזוב וען ארז אונ אטייל זאכין איז פאר האנדין וואש זייא זיינען זיך מתעורר אין דעם שם הקדוש היינו דיא פיר מינים פון לולב אתרוג הדס ערבה דאש מיט דער מצוה איז מען מעורר למעלה אין דעם שם הקודש אונ אויך בדיבור ובמעשה איז מען אלץ מעורר דעם כח פון אויבין דרום שטייט כל הנקרא בשמי אלע וואש ווערין אן גירופין מעורר צוא זיין מיין כבוד אויבין יצרתיו האב איך אים בשאפין צוא מאן דער מיט אמעשה אף עשיתיו מען זאל מעורר זיין דעם כח למעלה • ווייטער זיינען סודות פון דיא פיר מינים פון לולב :

# פרשת בהר

וידבר ה' אל משה בהר סיני וגו' כי תבואו אל הארץ רבי אלעזר הייבט אן זאת תורת העולה היא העולה וגו' קום אונ זעה אז דיא נאכט גייט אוועק אונ דיא טויערין ווערין צוא גיטאן אזו זיינען דיא דינים אונטין מתעורר אויף דער וועלט אונ דיא גאנצע וועלט שלאפט אונ אויף דעם מזבח של מטה שטייט אש תמיד תוקד ברענט דאש פייער האלבע נאכט דער וועקט זיך איין צפון ווינט אונ פון דעם מזבח של מטה גייט אפלאם אונ דיא טויערין ווערין גיעפינט אונ דיא כוחות הדינים ווערין איין גיזאמילט אין זייערע לעבער א[illegible]א טויערין פון דעם גן עדן ווערין אויך גיעפינט אונ דער פלאם גייט אונ שוועבט אונ ווערט צוא טיילט אויף פיל זייטין פון דער וועלט אונ דער פלאם גייט דעם האן אונטער זיין פליגיל אזו קרייט דער האן דענשט מאל איז הקב"ה צווישין דיא צדיקים אין גן עדן אונ דיא כנסת ישראל לויבט צוא הקב"ה ביז אין דער פריא דען אין דער פריא דער וועקט זיך דער

חסד פון אברהם אונ אלע דינים ווערין גישטעלט דרום ווערט איין חולה פרישר אנטקעגין טאג דען די דינים ווערין גישטעלט ווארום אלע דינים קומען מחמת דינים אויף דעם מענטשין • קום אונ זעה אז דיא ישראל זיינען ארויין גיגאנגען קיין ארץ ישראל זיינען ניט גיפונן גיווארין די דינים התחתונים אונ דיא שכינה האט גירוט אויף דיא כרובים דענשט מאל האט זיא גיהאט איין מנוחה מיט אלעמן דען חאטשע דיא ישראל האבין גיזינדיגט דאך האט מען ניט איבער גינעכטיגט ביז מען האט מקריב גיוועזן דעם תמיד של בין הערבים האט ער מכפר גיוועזן אויף דיא עבירות פון דעם טאג דרום האבין זיך אפ גיטאן אלע דינים אונ דיא עולה האט גיברענט אויף דעם מזבח דען האט דיא קדושה גיהאט איין מנוחה דרום שטייט כי תבואו אל הארץ ושבתה הארץ דאס גייט אויף דיא כנסת ישראל וואס זיא ווערט אן גרופן ארץ החיים ארץ חפץ דען וועט זיא זיין בשביתה ומנוחה צוא הקב"ה דרום שטייט ושבתה הארץ שבת לה' :

וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית רבי יהודה הייבט אן בטח בה' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה איטליכער מענטש זאל תמיד נזהר זיין אין זיין הערין אונ זאל בהעפטין זיין הארץ אין דער אמונה שלימה דאס הייסט ער זאל גאנץ זיין מיט הקב"ה אונ אז ער וועט גאנץ זיין וועט אים קיינער ניט קענען טאן קיין שלעכץ • קום אונ זעה מיר האבן גלערינט אז פון דער מעשה וואס דיא ישראל טוען אונטין זיינען זייא מתעורר אויבין מיר לערנען עס אפ פון ועשיתם אתם כביכול מיט אייער התעוררות פון אונטין טוט איר אלץ אויבן דרום שטייט בטח בה' ועשה טוב מעורר צוא זיין דעם כח פון דעם צדיק וואס ער הייסט טוב דאס דער מענטש רוט אויף דער ערד אונ מאכט אלע יחודים בעולמות עליונים אלץ דורך זיינע התעוררות התחתונים קום אונ זעה דיא בני אמונה דיא ציהן אויף זיך דעם טוב אלע טאג אז זייא גיבין צדקה אונ טראכטן ניט אויף זייער געלט וואס ווערט גמינערט נאר זייא האבן אמונה אין הקב"ה אז ער וועט זייא מער געבן אזו וויא עס שטייט יש מפזר ונוסף עוד אונ מיט דער צדקה איז ער מעורר למעלה אז מען איז אים משפיע טובה ווייל ער זאגט ניט אז איך וועל היינט אוועק געבין וואו וועל איך מארגין נעמן אונ הקב"ה גיט אים ברכות עד בלי די דרום שטייט וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית שטייט ווייטער וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית איך וועל אייך געבין איין ברכה אין דעם זעקסטין יאר אז דיא תבואה וועט וואקסן אויף דרייא יאר דאס זעקסטע אונ דאס זיבעטע וואס מען זייט גאר ניט אונ דאס אכטע איידער עס וועט אויף וואקסין • אונ רבי חייא אונ רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג זיינען זייא גיקומען צווישין גרוישע בערג זעהן זייא וויא צוויא לייט גייען אין דעם איז איינער גיקומען צוא זייא אונ זאגט צוא זייא איך בעט אייך גיט מיר ברויט צוא עסין אזו האט איינער פון דיא צוויא ארוים גינומען ברויט אונ האט אים גיגעבין אין גאנצין זיין ברויט וואס ער האט בדארפט האבין פון זיינט וועגין אונ האט אים אויך גיגעבין וואשער צוא טרינקין זאגט דער אנדערער צוא אים וואו וועשטו נעמן עסין דען איך וועל דיר פון מיין עסין ניט געבין זאגט ער וואס האט דאס צוא דיר איך בין דען גיגאנגען מיט דיר עסין אונ ער האט זיך גיזעצט לעבין דעם עני ביז דער עני האט אפ גגעסין אונ וואס עס איז איבער גיבליבין האט ער דעם עני מיט גיגעבין אונ דער עני איז אוועק גיגאנגען זאגט רבי חייא הקב"ה האט ניט גיוואלט אז מיר זאלין טאן דיא מצוה זאגט רבי יוסי טאמער איז אויף דעם

מענטשין איין גזר דין נגזר גיווארין דרום האט אים הקב"ה צו גישיקט דיא מצוה כדי ער זאל דורך דעם ניצול ווערין פון דער גזירה אזו זיינן זייא גינאנגען האבין זייא גיזעהן וויא דער מענטש איז מיד גיווארין אויף דעם וועג זאגט דער אנדערער צוא אים האב איך דען ניט גזאגט דוא זאלשט דיין ברויט ניט אוועק געבין זאגט רבי חייא צוא רבי יוסי מיר האבין דאך ברויט דארפין מיר אים געבין זאגט רבי יוסי דוא ווילשט בייא אים דעם זכות אוועק נעמען מיר וועלין גיין וועלין מיר זעהן דען איך זעה אין זיין פנים איין פלאם פון מיתה אונ הקב"ה האט דאש אים צוא גישיקט כדי ער זאל דורך דעם ניצול ווערין פון מיתה דער וייל זעהן זייא וויא דער מענטש האט זיך גיזעצט אונטער אבוים אונ איז אנשלאפן גיווארין אונ זיין חבר האט זיך גיזעצט וייט פון אים זאגט רבי יוסי מיר דארפין זיך זעצין וועלין מיר זעהן ווארום הקב"ה וועט אים בוודאי טאן איין נס דער וייל זעהן זייא וויא עס שטייט בייא אים איין פלאם פייער זאגט רבי חייא ווייא צוא דעם מענטשין ער וועט אצונד שטארבין זאגט רבי יוסי דער מענטש איז פיל זוכה דען הקב"ה וועט אים טאן איין נס דער וייל זעהן זייא וויא איין שלאנג נידערט אראפ פון דעם בוים אונ וויל דעם מענטשין הרגנן אזו קומט דאש פייער אונ האט דעם שלאנג פאר ברענט אונ דער פלאם האט ארום גירינגלט זיין קאפ אונ איז אוועק גיגאנגען זאגט רבי יוסי האב איך דיר דען ניט גיזאגט אז הקב"ה וועט אים טאן איין נס אונ דוא זאלשט זיין זכות ניט אוועק נעמען דער וייל האט זיך דער מענטש אויף גיכאפט פון זיין שלאף אונ וויל אוועק גיין, האבין אים רבי יוסי מיט רבי חייא אן גינומען אונ האבין אים גיגעבין עסין נאך דעם עסין האבין זייא אים גיוויזין דעם נס וואס הקב"ה האט מיט אים גיטאן זאגט רבי יוסי עס שטייט בטח בה' ועשה טוב וואול צוא דעם מענטשין וואס ער גיט צדקה אונ פאר זיכרט זיך אין הקב"ה דרום שטייט וצדקה תציל ממות ווארום דיא צדקה האט איין אחיזה אין דעם עץ החיים אונ דער עני איז בהעפט אין דעם אילן המות אונ מיט דער צדקה דער וועקט ער דעם עץ החיים מחייה זיין דעם עני וואס ער איז חשוב כמת דרום איז דאס אים אויך מציל פון דעם טויט :

# פרשת בחוקותי

אם בחוקותי תלכו דאש איז דיא תורה שבעל פה וואש אין דעם הייגען אן אלע דינים אונ עונשין אונ פקודין אונ משפטים תשמרו דאש איז תורה שבכתב אונ די צווייא תורות זיינען אלץ איינש זייא זיינען דער כלל פון דעם שם הקודש אונ ווער עס איז עובר אויף דער תורה איז גלייך וויא ער איז פוגם אין דעם שם הקודש פון הקב"ה ועשיתם אותם עס שטייט אתם אן איין וא"ו כביכול אז ער האלט די תורה איז גלייך וויא ער מאכט דעם שם אונ גלייך וויא ער האט ואלץ גימאכט דעשט גלייכין שטייט ויעש דוד שם איז קשה האט דען דוד גימאכט דעם שם נאר וייל ער איז גיגאנגען אין דעם וועג פון דער תורה ומצות אונ האט גיפירט דיא מלוכה אזו וויא עס דארף צוא זיין איז גיוועזן גלייך וויא ער האט גימאכט דעם שם כביכול אונ עס איז ניט גיוועזן קיין שום מלך אויף דער וועלט ער זאל אזו זוכה זיין וויא דוד המלך דען ווער איז אויף גישטאנען האלבע נאכט אונ האט זיך משמח גוועזן אונ האט גילערנט תורה ביז דער שם הקודש איז ארויף גיגאנגען בכסא הכבוד דאס איז גיוועזן ביז טאג דרום שטייט אם בחוקותי תלכו ועשיתם אותם אז איר וועט עוסק זיין מתקן זיין דעם שם הקודש מיט תורה שבכתב ושבעל פה ביחוד אחד וועלין בייא אייך דיא ברכות גיפונען ווערין מתוקן אזו וויא עש דארף צו זיין :

ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו איטליכער בזונדער וועט געבין זיין כח אויף אייך וייל איר האט גיהיט דעם שם הקודש אזו וויא עס שטייט ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט איז דאך קשה אז עס שטייט שוין ושמרו דרך ה' נאך וואס שטייט נאך לעשות צדקה ומשפט נאר דער וואס היט דעם דין פון דער תורה איז גלייך וויא ער האט גימאכט כביכול צדקה ומשפט דאס הייסט דער יחוד פון דעם שם הקודש · רבי שמעון וויינט אונ זאגט ווייא צו דיא מענטשין דען זייא ווייסין ניט אונ זיינען ניט משגיח אין דעם כבוד פון זייער האר ווארום ווער מאכט דען דעם שם הקודש דער וואש גיט צדקה צוא איין עני ווארום דער עני איז בהעפט אין דעם דין אונ זיין עסין איז פון דין ער האט ניט פון זיינעם גאר ניט ניירט וואס מען גיט אים אזו וויא דיא לבנה האט פון זיך גאר ניט קיין ליכט נאר וואס זיא נעמט פון דער זון · קום אונ זעה פאר וואס איז איין עני גלייך וויא איין מת וייל דאס ארט וואו ער איז בהעפט איז דאס אים גורם אונ ווער עס איז זיך מרחם איבער אים רוט אויף אים דר עץ החיים וואס ער הייסט צדקה אזו וויא עס שטייט וצדקה תציל ממות אונ דרום איז דיא צדקה גרעשער פון אלצדינג אזו וויא ער גיט פון אונטין צדקה צוא דעם עני אזו דער וועקט זיך פון אויבין אויך אזו איין גלייכן אונ ער דער וועקט צדק ומשפט אזו ווערט דער שם הקדוש ביחודו וואול צוא דעם מענטשין וואס ער איז זוכה צוא מאכין דעם שם הקודש אונ דאס איז דווקא ווען ער גיט צדקה לשמה דאס הייסט זיין כוונה איז נאר פון השי"ת וועגין ניט ער זאל זיך דער מיט בריסן אונ עס דארף נאר זיין בסתר אז קיינר זאל ניט ווישין דען איז ער גורם דאס דער שם ווערט גאנץ אזו ווי עס שטייט בצדקה תכונני דרום שטייט ועשיתם אותם ער איז מייחד הקב"ה מיט דיא כנסת ישראל :

ונתתי שלום בארץ רבי יוסי זאגט עס שטייט רגזו ואל תחטאו דעם פסוק האבן מיר שוין מפורש גיוועזן דאס דער מענטש זאל אן רייצין דעם יצר טוב איבער דעם יצר הרע אונ עס דארף אזו צו זיין אבער בשעת עס ווערט נאכט אונ דער מענטש לייגט זיך שלאפין דא דער וועקט זיך כמה בעלי דינים אונ די שלוחי הדין גייען ארוים אונ שוועבין אויף דער וועלט אין דער צייט דארף דר מענטש ציטערין אונ זיך פארכטן פאר הקב"ה דאס ער זאל ניט ארייין פאלין אין זייערע הענט חלילה זייא זאלין אויף אים ניט שולט זיין א"וג דער מענטש דארף זיך היטין ער זאל קיין שלעכין ניט ארוים לאזין פון זיין מויל כדי זייא זאלין זיך ניט דער וועקין אויף אים דרום שטייט אמרו בלבבכם על משכבכם ודומו סלה איר זאלט שווייגין פון אלע שלעכטע זאכין · קום אונ זעה בשעת דיא ישראל זיינען זוכה פאר הקב"ה שטייט ונתתי שלום בארץ איז זיך הקב"ה מחבר מיט דיא כנסת ישראל ושכבתם ואין מחריד איר וועט זיך לייגין אונ קיינער וועט אייך ניט דער שרעקין פאר וואס ווייל והשבתי חיה רעת מן הארץ דאס מיינט מען אגרת בת מחלת מיט איר חברותא די קליפות וועלן אויף אייך קיין שליטה ניט האבין ניט בייא נאכט אונ ניט בייא טאג · אונ דיא לייט וואש זיינען פון זייער צד וועלין אין אייך קיין שליטה ניט האבן דרום שטייט וחרב לא תעבור בארצכם רבי אבא זאגט וחרב לא תעבור בארצכם אפילו זייער חברותה וועט ניט איבער פארן והשבתי חיה רעה מן הארץ

הארץ דאש עס וועט ניט שולט זיין דיא וואס וועלין איבער פארין איבר איך חאטשע אפילו אן כלי זיין וועלין זייא ניט איבר פארין אויף אייך און דאס האט גידרשת יאשיהו המלך בשעת אז ער איז ניתפס גיווארן איבער דיא חטאים פון דיא ישראל אזו וויא עס שטייט רוח אפינו משיח ה' נלכד בשחיתותם אין דעם פסוק איז דאך קשה אמער מיר האבן דאך גילערנט אז דער ראש פון דעם דור איז איין צדיק ווערין אלע ניצול אין זיין זכות און יאשיהו המלך איז דאך גוועזן איין צדיק און איז זייער פרום גיוועזן פאר וואס איז ער נאך גישטראפט גיווארן איבער זייא נאר ווייל ער האט ניט גיוואלט גלייבין צוא ירמיהו הנביא דען ירמיהו האט אים גיזאגט אז דיא ישראל זיינען זייער ניט פרום ער זאל זייא שטראפין און יאשיהו האט אזו ניט גיטאן ער האט גימיינט אז זייא זיינען אויך פרום אזו וויא ער דרום איז ער ניתפס גיווארין איבער זייערע זינד:

אם בחוקותי תלכו רבי יוסי זאגט עס שטייט מוסר ה' בני אל תמאס ואל תקוץ וויא גאר זיינען דיא ישראל זייער גיליבט פר הקב"ה דאש ער שטראפט זייא כדי זייא זאלין גיין בדרך הישר זייא זאלין זיך ניט קערין לימין ושמאל אזו וויא עש שטייט כי את אשר יאהב ה' יוכיח וכאב את בן ירצה און וועמן הקב"ה האט אבער ניט זייער ליב קערט ער אוועק זיינע שטראף פון אים ער זאל אים ניט שטראפין אזו וויא עס שטייט אהבתי אתכם אמר ה' איך האב אייך ליב דרום האלט ער אויף זייא דיא רוט צוא שטראפין זייא אלע צייט · קום און זעה אז עש דער וועקט זיך דער דין צדק פון הקב"ה אזו דר וועקן זיך פיל שרי דינים מימין ומשמאל מיט פיל פייערדיגע ריטר פון פלאם פייער און גייען ארויס אויף דער וועלט צוא שלאגין דיא מענטשין און הינטער זייא איז פאר האנדין אנדערע ממונים פון פייער צוא שלאגין ניין און דרייסיג מלקות זייא שוועבין און נידערין צוא שלאגין די מענטשין דרום שטייט ויספתי ליסרה אתכם איך וועל מערן דעם מדת הדין אייך צו שטראפין נאר איר זאלט קענן ליידין נאר פון דעסט וועגין וועל איך אייך ניט פאר לענדין ווארום הקב"ה זאל חלילה גובה זיין פון דעם מענטשין וואס ער איז שולדיג אנטקעגין אים וואלט די וועלט קיין קיום ניט גיהאט אזו וויא עס שטייט אם עונות תשמר יה אדני מי יעמוד:

חסלת ספר ויקרא

# פרשת במדבר

וידבר ה' אל משה במדבר סיני וגו' רבי אבא הייבט אן עש שטייט ויברא אלהים את האדם וגו' בשעת הקב"ה האט בשאפין צוא אדם הראשון האט ער אים בשאפין בדמותו אין דעם גישטאלט פון דיא עליונים ותחתונים און ער איז גיוועזן כלול פון אלע בשעפניש און זיין שיינקייט האט גילויכטין מסוף עולם ועד סופו און אלע האבין זיך פאר אים גיפארכטין אזו וויא מיר האבין שוין דאש מפורש גיוועזן אויף אנאנדער ארט נאר עש איז דאך קשה אז עש שטייט שוין ויברא אלהים את האדם בצלמו נאך וואש בדארף ער נאך זאגין בצלם אלהים ברא אותו אלא ווייל ער איז גיוועזן כלול פון זכר ונקבה ער איז גיוועזן צווייא צורות דרום שטייט זכר ונקבה ברא אותם און ער האט גיזעהען מיט זיין חכמה למעלה ולמטה און דער נאך אז ער האט גיזינדיגט איז זיין ליכט גימינערט גיווארין און זיין חכמה איז אוועק גיגאנגען פון אים און ער האט שוין נאר גזעהען אויף דער וועלט גשמיות אבער ניט פון אויבין קיין רוחניות דער נאך האט ער גיהאט קינדער זיינען זייא גיוועזן אין גישטאלט פון דיא עליונים ותחתונים און זייא זיינען ביידע ניט גיבליבין ביז ער האט גיהאט איין זון שת פון אים איז דיא וועלט גיפלאנצט גיווארין און דיא וועלט איז אלץ ניט גאנץ גיוועזן אין רעכטין שטאנד ביז אברהם איז גיקומען ער האט זיא באנגריפט בצד ימין דאס איז דורך חסד גלייך וויא איינער פאלט און מען נעמט אים אן בצד ימין דער נאך איז גיקומען יצחק און האט זיא באנגריפט בצד שמאל האט זיא שוין גיהאט איין קיום דער נאך איז גיקומען יעקב ער האט ערשט גישטעלט דיא וועלט אויף ארעכטין שטאנד פון דעסט וועגין איז זיא נאך ניט גיפלאנצט גיווארין ביז ער האט גיוואונען דיא צוועלף שבטים און דער נאך איז נשלם גיווארין דיא שבעים נפש איז זיא ערשט גיפלאנצט גיווארין דאך איז זיא נאך ניט רעכט נשלם גיווארין ביז די ישראל זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני און האבין מקבל גיוועזן דיא תורה און דער משכן איז אויף גשטעלט גיווארין האט ערשט דיא וועלט ארעכטין קיום גיהאט און איז רעכט מיושב גיווארין און די עליונים ותחתונים זיינען מיושב גיווארין און אז דיא תורה מיט דעם משכן זיינען אויף גיריכט גיווארין האט הקב"ה באגערט צוא ציילין דיא חיילות · קום און זעה אלץ וואש מען וויל מיישב זיין אויף איין ארט קען עש ניט זיין מיושב נייערט מען זאל עש ציילין און מען זאל עס פון דעם מויל ארויש ריידין אזו אויך דיא תורה און דאש משכן האט הקב"ה באגערט צו ציילין דיא חיילות פון דער תורה און פון דעם משכן און אלע זיינען אלץ איינש זייא שיידין זיך ניט אפ פון אנאנדער אזו וויא אויבין און דרום שטייט במדבר סיני און באהל מועד איינש ווייזט אויף דער תורה און איינס אויף דעם משכן כדי ער זאל זייא כולל זיין אזו וויא אויבין איז דיא תורה מיט דעם משכן איינש באחד לחודש השני רבי יצחק הייבט אן ה' זכרנו יברך יברך את בית ישראל יברך את בית אהרן ה' זכרנו יברך דאס זיינען דיא מענטשין וואס זיינען גיציילט גיווארין אין דער מדבר און הקב"ה האט זיי גיבענטשט און האט מוסיף גיוועזן אויף זייא ברכות דען ווען איינער דער ציילט דעם שבח פון זיין חבר סייא ער לויבט אים מיט זיינע קינדר אדער מיט זיין געלט מוז ער אים בענטשין און מוסיף זיין אויף אים ברכות און דאש לערנען מיר אפ פון משה רבינו ער האט גיזאגט והנכם היום ככוכבי השמים לרוב שטייט דער נאך ה' אלהי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים דאס זיינען צווייא ערלייא ברכות איינש ה' אלהיכם הרבה אתכם די אנדערע ברכה ויברך אתכם כאשר דבר לכם צוא ווייזין איין ברכה איבר דער אנדערער און אז איינער דער ציילט דעם שבח פון זיין חבר און בענטשט אים ניט ווערט ער נתפס צום ערשטין און אז ער בענטשט אים · יוא ווערט ער אויך גיבענטשט מלמעלה און אז ער בענטשט אים מוז ער אים בענטשין בעין טוב און ניט בעין הרע און בייא אלע זאכין וויל הקב"ה האבין דאש ליבשאפט פון דעם הארצין ומה דאך ווער עס בענטשט דעם חבר וויל הקב"ה ער זאל אים בענטשין בעין טוב ובלב טוב ואהבת הלב איז שוין אכל שכן אז ער בענטשט צוא הקב"ה און דרום שטייט ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך קום און זעה דאש

קיין ברכה רוט ניט אויף אזו איין ארט וואו מען ציילט עש איז דוא ווערשט פרעגין אמאי האט מען דיא ישראל גיציילט אלא מען האט זייא ניט גיציילט ביז מען האט בייא זייא גינומען איין כופר נפש דאש הייסט איין אויש לייזונג אונ מען האט זייא פריער גיבענטשט דער נאך האט מען בייא זיי גינומען דעם כופר דער נאך האט מען זיי ווידר גיבענטשט נמצא זיינען דיא ישראל גיבענטשט גיווארין בתחלה ובסוף דרום האט קיין מות ניט שולט גיוועזן אין זייא אבער אז מען ציילט אן אברכה איז שולט דער טויט דריגען ווייל קיין ברכה רוט דארטין ניט אונ דיא ברכה גייט אוועק דער פון אזו איז דיא קללה אונ דער צד הטומאה שולט אונ קען מזיק זיין יברך את בית ישראל דאש זיינען דיא ווייבער וואס זייא זיינען ניט גיוועזן אין חשבון יברך את בית אהרן דאש זיינען דיא זכרים פון אהרן וואש זייא בענטשין דיא ישראל בעין טוב ובלב טוב ובאהבת הלב דאש הייסט בית אהרן אונ דער את איז מרבה דיא ווייבער פון אהרן זייא ווערין גיבענטשט מיט זייער ברכה יברך יראי ה' דאש זיינען דיא לוים וואש זייא פארכטין זיך פאר הקב"ה זייא ווערין אלע גיבענטש ווערין הקטנים עם הגדולים חאטשי זיי זיינען ניט גיקומען אין דער צאל ווערין זיי אלע גיבענטשט ווערין · קום אונ זעה דוא ווערסט ניט גיפינען קיין שום צאל זייא זאלין אזו גיבענטשט ווערין אזו וויא דיא דען דיא צאל איז נאר גיוועזן אז זייא זאלין גיבענטשט ווערין אונ משלים זיין דאס שלימות פון דיא עולמות עליונים ותחתונים דען דיא צאל איז גיוועזן פון אזו איין ארט למעלה וואש אלע ברכות קומען פון דארטין ארויש דרום שטייט באחד לחודש השני וואש דער חודש הייסט זיו דאש אלע לויטערקייט קומט פון אים ארויש דרום שטייט יברכך ה' מציון אונ ווידער שטייט כי שם צוה ה' את הברכה דאס איז אלץ איין זאך:

איש על דגלו רבי אלעזר הייבט אן שמחו את ירושלים וגילו בה כל מאהביה וגו' וויא גליבט איז דיא תורה פאר הקב"ה דען אויף איטליכין ארט וואו דברי תורה ווערט גיהערט קומט הקב"ה מיט אלע זיינע חיילות צוא הערין אונ צוא נעמען זיינע רייד אונ הקב"ה קומט צוא וואונען מיט אים אונ בענטשט אים אזו וויא עס שטייט בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך אונ אלע זיינע שונאים פאלין פאר אים · קום אונ זעה דיא מצות פון דער תורה זיינען נאר הויך למעלה קומט אמענטש אונ טוט אמצוה אזו שטעלט זיך דיא מצוה פאר הקב"ה אונ זאגט דער מענטש האט מיך גימאכט דען אזו וויא ער איז מעורר אונטין אזו דער וועקט ער למעלה אויך אונ מאכט שלום למעלה ולמטה אזו וויא דער פסוק זאגט או יחזק במעוזי יעשה שלום לי שלום יעשה לי איין שלום מיינט מען אונטין אונ איין שלום מיינט מען אויבין וואול צוא דעם מענטשין וואש ער טוט מצות התורה שמחו את ירושלים דרום ווייל הקב"ה האט ניט קיין חדוה ושמחה נאר אז דיא ישראל זיינען אין ארץ ישראל דען דארטין איז דער חיבור פון הקדוש ברוך הוא וכנסת ישראל דענשט מאל איז איין שמחה למעלה ולמטה אבער אז די ישראל זיינען ניט אין זייער לאנד באדארף זיך אמענטש ניט משמח זיין אונ צוא ווייזין אשמחה דרום שטייט שמחו את ירושלים וגילו בה עש שטייט בה דווקא אז זייא זיינען אין איר ניט אז זייא זיינען אין גלות רבי אבא האט אמאל גיזעהן אמענטש האט זיך משמח גיוועזן בייא איין שררה אין שטוב אין בבל האט ער אויף אים אגישרייא גיטאן אונ האט גיזאגט עש שטייט שמחו את ירושלים וגילו בה ווען ירושלים איז בשמחה זאלט איר אויך זיין בשמחה אבער ווען ירושלים איז בצער טאר מען זיך ניט משמח זיין אונ רבי אלעזר וואש ער טייטשט אזו דעם פסוק גייט ער נאך זיין טעם נאך ווארום ער האט גיפרעגט איין פסוק שטייט עבדו את ה' בשמחה מען באדארף דינען גאט בשמחה אונ איין פסוק שטייט עבדו את ה' ביראה זיינען דאך דיא פסוקים ווידר אנאנדר אלא בשעת דיא ישראל זיינען אין זייער לאנד איז בשמחה אונ בשעת זייא זיינען אין אפרעמד לאנד איז ביראה נאך אפשט איז עבדו את ה' ביראה יראה מיינט מען דיא כנסת ישראל אז זייא זיינען אין אפרעמד לאנד אין גלות פרעגט רבי יהודה עס שטייט דאך כי בשמחה תצאו איז דאך גידרונגען אז דיא כנסת ישראל הייסט שמחה זאגט רבי אלעזר בוודאי איז אזו אז דיא כנסת ישראל איז אין גלות אונ ליגט אויף דער ערד בשפלות ווערט זיא ניט גירופין שמחה ביז הקב"ה אליין וועט צוא איר קומען אונ וועט זיא אויף הייבין פון דער ערד אונ וועט איר זאגין התנערי מעפר קומי אורי אונ וועט זיך מחבר זיין מיט איר מיט אנאנדר דענטסט מאל וועט הייסין דיא רעכטע שמחה כי בשמחה תצאו דען וועט אנטקעגין איר גיין כמה חיילות צוא דער שמחת החתונה וואס הקב"ה וועט האבין מיט דיא ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה אונ ווידער שטייט כי הולך לפניכם ה' ומאספכם אלהי ישראל רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט גרוישע סודות אין דיא דגלים וואס דיא שבטים זיינען גיגאנגען ארום דעם משכן מיט פיר דגלים דאס איז גלייך וויא דיא מלאכים למעלה זיינען ארום דעם כסא הכבוד אונ דאס איז אלץ גיוועזן וויא דיא מרכבה עליונה דאש קען מען ניט ארויש שרייבין האט רבי פנחס זיין שווער דער הערט דיא סודות האט ער צוא רבי אלעזר גיקושט אונ האט גיוויינט אונ גילאכט אונ זאגט וואול דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא ער האט אן גיהויבין צוא זאגין עס שטייט ה' אורי וישעי ממי אירא ה' מעוז חיי ממי אפחד אז דער מענטש איז זוכה צוא זעהען אין דעם אור העליון פון הקב"ה אונ הקב"ה דער לייכט אויף אים זיין ליכטיקייט דען האט ער קיין מורא ניט פאר דיא עליונים אונ פאר דיא תחתונים אונ אז הקב"ה באגריפט אן אין מענטשין האט ער זיך שוין ניט צוא פארכטין בעולם הבא פאר אלע מדות הדינים אזו וויא עס שטייט ה' מעוז חיי ועליך יזרח ה' וכבודו אליך יראה אזו אויך אז איך בין באגריפט אין דיין פאטער רבי שמעון אונ אין דיר וויא אזו זאל איך מיך פארכטין בעולם הזה ובעולם הבא אויף דיר איז גיזאגט גיווארין דער פסוק ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך: ישמח אביך מיינט מען הקב"ה ואמך דאש איז דיא כנסת ישראל ותגל יולדתך דאש זיינען דיינע פאטער אונ מוטער וואש זייא האבין דיך גיוואונען עס שטייט בידך אפקיד רוחי פדית אותי ה' אל אמת זאגט רבי אלעזר איז דאך קשה איז דען אזו דער סדר אז אמענטש זאל געבין דעם מלך עפעס צוא באהאלטין נאר וואול צוא דעם מענטשין וואס ער גייט בדרך המלך הקדוש אונ זינדיגט ניט פאר אים · קום אונ זעה אז דיא נאכט קומט איז דער מדת הדין דאש וואש דער טויט איז אין אים באהעפט איז ער שולט אויף דער וועלט אונ דער עץ החיים גייט ארויף אונ ווייל בייא נאכט איז שולט דער כח פון דעם טויט דרום איז דיא גאנצע וועלט טועם טעם מיתה ווייל דער מדת הדין איז דאש גורם וואש ער איז דיא צייט שולט דרום זאל זיך דער מענטש פעדערין אונ געבין באהאלטין זיין נפש צוא דעם ארט פון דער קדושה בדרך פקדון גלייך

וויא

וויא איינער גיט איין פקדון באהאלטין צוא זיין חבר חאטשי ער איז אים שולדיג געלט פון דעסט וועגין האלט ער ניט איין דעם פקדון פאר דעם געלט וואס ער מאנט אים ווייל ער האט אים געגעבין בתורת פקדון אזו אויך ביא הקב"ה חאטשי דער מענטש האט גיזינדיגט אנטקעגין אים האלט ער ניט איין דיא נשמה פאר איין משכון ווייל ער גיט זיא אים פאר איין פקדון אונ וועלכער יהודי וואש זאגט ניט פאר דעם שלאף דעם פסוק איז ער ניט מבני אמונה דרום נעמט דער מדת הדין אלע נשמות צוא זיך אין דער צייט זיינען אלע נשמות טועם טעם מיתה אונ דער מדת הדין איז ניט כדאי אז ער זאל ווידער קערין דיא נשמה אין גוף אריין ביז עס ווערט טאג איז שוין דא דער עץ החיים וואש ער איז דורך רחמים דרום איז ער גורם מחיה זיין דיא מענטשין מיט זיין כח איטליכין מיט זיין נשמה אונ דער כח המות ווערט אפ גיטאן פון דער וועלט אויב דוא וועשט פרעגין עש איז דאך פאר האנדין פיל מענטשין וואש שטייען אויף אין מיטין דער נאכט וויא אזו נעמען זייא אפ זייער פקדון איידר דער עץ החיים איז שולט אויף דער וועלט נאר דאש טוט דער מדת הדין פרובין דעם מענטשין לראות היש משכיל דורש את אלהים אונ כדי איין מענטש זאל קיין תירוץ ניט האבין צוא זאגין אויב ער זאל גיוועזן האבין דיא נשמה וואלט ער אויף גישטאנען ביא נאכט לערנען · זאגט רבי יהודה דיא דרייא אבות זיינען אזו וויא איין סגול דעשט גלייכין דיא כהנים לוים וישראלים זיינען אויך וויא איין סגול אונ דאש איז אלטץ איין סוד דאש דיא אלע זיינען סגולה דאש היישט איין טייערער אוצר צוא הקב"ה אזו וויא עש שטייט והייתם לי סגולה מכל העמים

ער זאגט ווייטער סודות פון די דגלים :

רבי שמעון זאגט עש שטייט לדוד אליך ה' נפשי אשא וואש האט דוד גימיינט וואש ער האט גישטעלט דעם מזמור מיט איין א"ב · אונ ווידער אלע מזמורים וואש זיינען גיזאגט גיווארין מיט איין א"ב איז דא אין גאנצין דער א"ב אונ דער מזמור גייט אין אים אפ איין וא"ו · אונ ווידער פאר וואש זאגט מען דעם מזמור נאך שמונה עשרה אז מען פאלט תחנון · נאר דער טעם איז אז עש קומט דיא נאכט איז איטליכער טועם טעם מיתה דרום מוז מען זיך פעדערין צוא געבין די נשמה בפקדון להקב"ה אונ אז עש קומט אין דער פריא אונ מען גיט אים אפ זיין פקדון דיא נשמה דארף דער מענטש לויבין צוא הקב"ה וואס ער איז דער נאמן עליון דער נאך זאל ער גיין אין שול אריין אונ זיך קריינען מיט תפילין אונ זיך צוא דעקין מיט איין טלית אונ ציצית אונ זאל זיך אין ערשטין מטהר זיין מיט פרשת הקרבנות אונ איזהו מקומן · דער נאך אז ער איז אויף זיך מקבל עול מלכות שמים מיט פסוקי דזמרה פון ברוך שאמר אונ ווייטער דיא מזמורים וואס דוד המלך האט גיזאגט דאס איז דער סוד פון מלכות שמים אונ חאטשע דער עיקר איז דער דיבור וואס דער מענטש טוט ריידין מיט זיין מויל פון דעסט וועגין היינגט אלץ אן אין דער מעשה אין ערשטין איז ער מקיים מצות ציצית ותפילין דאס זיינען תפילין של יד וואס מען דארף זייא לייגין זיצינדיג אונ תפילין של ראש דארף מען אן טאן שטייענדיג דאס איז אנטקעגין דיא תפלות וואס מען דארף זייא זאגין זיצינדיג · אונ ווידער שמונה עשרה דארף מען זאגין שטייענדיג דען דיא תפלה איז גישטעלט גיווארין בדיבור ובמעשה כדי זייא זאלין ביידע זיין באהעפט · אבער אז מען איז חלילה פוגם אין דער מעשה פון ציצית אדער תפילין אזו האט דער דיבור פון דער תפלה קיין תיקון ניט אונ ער איז פגום למעלה ולמטה · דען דער מענטש מוז פריער גיזעהען ווערין מיט רעכטע מעשים דער נאך ווערט אן גינומען דער דיבור פון זיין תפלה אונ זיין תפלה איז גאנץ אונ רעכט וויא צוא דעם מענטשין וואס ער איז פוגם אין זיין תפלה וואס זיא איז דיא עבודה פון זיין האר אויך שטייט כי תבאו לראות פני וגו' גם כי תרבו תפלה אינני שומע איך טוא ניט פאר נעמען אייערע תפלות דען עס היינגט אלץ אן אין דיבור ומעשה אונ אז איין מענטש טוט רעכט תפלה מיט מעשה ודיבור ווערין דורך אים גיבענטשט דיא עליונים מיט דיא תחתונים אונ אז ער איז מתפלל שמונה עשרה זאל זיך אים אויש ווייזין וויא ער גייט אוועק פון דעם עולם החיים וואס דיא שמונה עשרה האט איין אחיזה אין דעם עולם · אונ אז ער גייט אויש שמונה עשרה זאל זיך אים אויש ווייזין אז ער איז גישטראפט אונ ער איז גישטארבין אונ איז אן גיהאלטין אין דעם מדת הדין דארטין וואו דיא מיתה האט איין אחיזה אונ אזו וויא איידער מען האט אים די נשמה אפ גיגעבן דרום מוז ער פאלין אויף זיין פנים אונ זאגין לדוד אליך ה' נפשי אשא אונ זאל זיך מוסר נפש זיין צוא דער מיתה ניט אזו ווי ביי נאכט וואס ער גיט נאר די נשמה פאר איין פקדון · אבער היינט אז ער האט שוין מתוודה גיוועזן אויף זיינע זינד אונ האט מתפלל גיוועזן אונ האט מקשר גיוועזן אלע עולמות מיט זיין דיבור ומעשה בדארף ער זיך היינט רעכט מוסר נפש זיין צו דער מיתה גלייך וויא ער וואלט גישטארבין דרום איז דער מזמור גישטעלט גווארין אויף דעם סדר א"ב אונ דרום איז אין אים ניט פאר האנדין דאש אות וא"ו ווייל זיא איז מרומז אויף דעם עץ החיים אונ דא איז ער זיך מוסר למיתה · אונ דיא כוונה דער פון פאר וואס ער דארף זיך מוסר זיין למיתה ווארום עש איז פאר האנדין פיל חטאים וואס דער מענטש האט דרויף קיין כפרה ניט ביז ער שטארבט אזו וויא עס שטייט ביי דיא בני עלי אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון אונ אז דער מענטש איז זיך מוסר נפש למיתה איז גלייך וויא ער וואלט באמת גישטארבין נאר ער זאל זיך באמת מוסר נפש זיין ניט אזו וויא ביי נאכט וואס ער האט זיא נאר גיגעבין פאר איין פקדון וויא דען נאר באמת ובלב שלום זאל ער זיך מוסר נפש זיין איז דאס אויף אים רעכט מכפר אזו וויא איין רעכטע מיתה איז מכפר אויף דיא זינד · וואול צו דעם מענטשין וואס ער קאן זיך רעכט מכוין זיין אין זיין תפלה דען איז זיך הקב"ה אויף אים מרחם אונ איז אים מכפר זיינע חטאים ווייא צוא דעם וואס ער בעט צוא הקב"ה מיט איין ווייט הארץ אזו וויא עס שטייט ויפתוהו כפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו אז ער זאגט לדוד אליך ה' נפשי אשא בייערט מיט איין שלעכט הארץ איז ער אויף זיך גורם ער זאל שטארבין פאר דער צייט בשעת אז עש דער וועקט זיך איין דין אויף דער וועלט דרום גיהער איטליכר מענטש זעהען צו בהעפטן זיין נפש ורצון אונ הקב"ה אונ זאל פאר אים ניט קומען מיט אפאלש הארץ דען עש שטייט דובר שקרים לא יכון לנגד עיני ומכל שכן אז ער קומט מייחד צו זיין דעם שם הקודש אונ איז ניט מייחד אזו וויא עש בדארף צו זיין דען גייט ארויש איין קול אונ זאגט לא יכון לנגד עיני ער איז ניט אן גיברייט אנטקעגין מיינע אויגין וואול צוא די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט ובאו וראו את כבודי אונ עש שטייט אך צדיקים יודו לשמך

איז

איז גיקומען רבי אלעזר אונ האט אים גיקושט זיינע הענט אונ זאגט ווען איך וואלט נאר גיקומען אויף דער וועלט דאש צוא הערין וואלט אויך גינוג גיוועזן זאגט רבי יהודה וואול איז אונזער חלק פון דיא ישראל דאס זייא זיינען זיך מדבק אין הקב"ה אזו וויא עס שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום אונ ווידער שטייט ועמך כולם צדיקים וגו' דער האר"י ז"ל שרייבט דער וואס קען ניט רעכט מכוין זיין דעם סוד פון תחנון מוסר צוא זיין זיין נפש אויף קידוש השם אין דעם קאפיטיל לדוד אליך ה' נפשי אשא איז אגרוישע סכנה אונ אזו אויך איז משמע אין זוהר דרום זאל ניט איטליכער מענטש זאגין דעם פסוק אונ אויך נאך אונזער מנהג וואס מען זאגט גאר דאס קאפיטל ה' אל באפך תוכיחני גיהער מען נאר מכוין זיין דיא פירוש המלות אונ דיא כוונה האבין דיא אנשי כנסת הגדולה גיוואושט אזו זאל מען טראכטין איז דאס גינוג פאר פראסטע לייט · אונ אין פרשת יתרו שטייט אז איינר טוט א מצוה אונ איז מכוין אין איר איז ער רעכט פארטיג פאר הקב"ה אונ אז ער איז זיך ניט מכוין חאטשע ער איז דאך איין זכאי דר מיט וואש ער טוט דיא מצוה אבער עש איז ניט אזו חשוב וויא איינער טוט דיא מצוה אונ איז זיך מכוין אין איר רעכט אונ זיין מחשבה איז פון זיין הערין וועגין דען איז ער אלץ מתקן אויבין אזו וויא עש גהער צו זיין דען הקב"ה בגערט פון דעם מענטשין זיין הארץ אונ זיין ווילין אונ חאטשע דיא מעשה איז ניט אזו וויא עש בדארף צוא זיין האט שוין דרויף דוד מתפלל גיוועזן ומעשה ידינו כוננה עלינו דאש הקב"ה זאל עס פארט אן נעמען דען איטליכער מענטש קען טאן דיא מצוה אזו וויא מען בדארף דרום זאגט ער ומעשה ידינו אונזערע מעשים וואס מיר טוען דיא מצוה חאטשע מיר טוען ניט אזו וויא עס בדארף צוא זיין פון דעסט וועגין כוננה עלינו זאלשטו אן ברייטין אויבין אזו וויא עס גיהער צוא זיין · אונ ווייל מיט דר מחשבה דער וועקט דר מענטש אין עולם המחשבה וואס איז גאנץ הויך דרום זאגט ער ויהי נועם ה' אלהינו עלינו דען דער עולם הייסט נועם ה' חאטשע מיר זיינען ניט משיגי מיט אונזער שכל אזו הויך זאלשטו אן ברייטין גלייך וויא מיר האבין רעכט מכוין גיוועזן אונ זאלשט מאכין אויף אונזער רוען דיא קדושה וואס הייסט נועם ה' זאגט רבי אלעזר וויא זיינען דיא לייט אזעלכע נארעשע דאס זיי ווייסין ניט אונ זיינען ניט משגיח אין דער תורה דען עס איז דרינען פאר האנדין כמה פאר בארגענע זאכין דאס מיט דעם וועג איז מען זוכה צוא זעהען דעם נועם ה' ווארום דער בייא שטייט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום וואש איז דער טעם דאש איז דאש ארט: וואש דיא תורה איז פון דארט ארויש גיקומען זאגט רבי חייא מיר האבין גילערינט בשעת הקב"ה האט גיגעבין דיא תורה צוא דיא ישראל איז גיקומען אזו איין אור גדול פון דעם נועם אונ האט גיקריינט צוא הקב"ה אונ פון דעם אור ווערין דער לייכט דאש לייכטונג פון אלע עולמות אונ אלע הימלין אויף דער צייט שטייט צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו אונ בשעת דאש בית המקדש איז גיבוט גיווארין איז הקב"ה גיקריינט גיווארין מיט דער עטרה אונ דענשט מאל איז הקב"ה גזעסין אויף זיין שטול אונ בשעת דער בהמ"ק איז חרוב גיווארין איז דיא קרוין פאר בארגין גיווארין :

אמר ר' אלעזר האט רבי אלעזר גיזאגט בשעת משה איז ארייין גגאנגען אין ענן אזו וויא עס שטייט ויבא משה בתוך הענן איז ער אין אים קגיזמען אזו וויא אמענטש גייט ארייין אין איין גרויש ארט אריין אזו האט אים באגעגינט איין גרושער מלאך ער הייסט קמ"ו דער מלאך איז ממונה אויף צוועלף טויזינט מלאכים שלוחים איז ער גקומען צו משה אונ האט אים גיוואלט איין שלינגען האט משה גיעפינט זיין מויל אונ האט דעם מאנט דעם שם פון מ"ב אותיות הקדושים וואס ער האט אים גלערנט פון הקב"ה בשעת ער האט זיך צו אים בוויזן אין סנה אזו האט זיך דר מלאך פון אים דר ווייטערט צוועלף טויזנט מייל אזו איז משה ווידער גיגאנגען אין ענן אונ זיינע אויגין זיינן אים גיוועזן וויא פייערדיגע קולין ביז עס האט אים נאך אנדערשער מלאך בגעגינט ער איז חשובר פון יענם ער היישט הדרנ"י ער איז העכר פון אלע מלאכים טויזינט מיט זעכציג רבוא מייל אונ זיין קול איז גיגאנגען אין צווייא הונדערט טויזנט הימלען די וואש זיינען ארום גירינגלט מיט אש לבן ווייש פייער אונ אז משה האט אים דער זעהן האט ער ניט גיקענט ריידין ער האט זיך גיוואלט ארויש ווארפין פון דעם ענן ארויש האט הקב"ה צו אים גיזאגט דוא בישט דאך דער משה וואס דוא האשט מיט מיר פיל גירעט עס האט גידויערט דרייא טאג דוא האשט גיוואלט ווישין דעם סוד פון דעם שם המפורש הקודש אונ היינט פארכשטו דיך פאר איינעם פון מיינע באדינער אז משה האט דער הערט דאס קול פון הקב"ה האט ער זיך גישטארקט אונ האט גיעפינט זיין מויל מיט דעם שם פון ע"ב אותיות אונ אז דער מלאך האט דער הערט דעם היליגין שם פון משה איז ער דער ציטערט גיווארין אונ האט גינעהענט צוא אים אונ האט אים גיזאגט אשרי חלקך וואל צוא דיין חלק משה דאס צוא דיר איז אנטפלעקט גיווארין וואס עש איז ניט אנטפלעקט גיווארן צוא דיא מלאכים עליונים קדושים אונ ער איז גיגאנגען מיט אים ביז ער איז גיקומען צו דעם שטארקין פייער פון דעם מלאך וואס ער הייסט סנד"ל אונ מיר האבין גילערינט דער מלאך איז העכר פון אלע מלאכים מיט פינף הונדערט יאר גאנג אונ ער שטייט אונטער דעם כסא הכבוד אונ איז קושר כתרים פון די תפלות פון דיא ישראל ובשעת דער כתר קומט ארויף בראש המלך הקדוש אונ ער איז מקבל אלע תפלות פון ישראל טוען אלע חיילות ומחנות ציטרן אונ ברומען אונ זאגין בריך יקרא דה' מאתר בית שכינתיה זאגט דער מלאך הדרנ"י צוא משה איך קען שוין ווייטער מיט דיר ניט גיין עש זאל מיך ניט פאר ברענגען דאש שטארקע פייער פון דעם מלאך סנד"ל באותו שעה איז משה דער ציטרט גיווארין ביז הקב"ה האט אים אן גינומען אונ האט אים גישטארקט אונ האט אים גיזעצט פאר זיך אונ האט מיט אים גילערינט דיא תורה אונ האט אים צוא גידעקט מיט דעם אור וואס ער הייסט נועם אזו איז דר פנים פון משה גילויכטין אין אלע הימלן אונ אלע חיילות השמים האבין גיציטרט פאר אים באותו שעה האט ער אראפ גינידערט מיט דער תורה אונ אז דיא ישראל האבין גיזינדיגט אונטין האט הקב"ה צוא גינומען פון משה טויזנט חלקים פון דעם אור העליון וואס הייסט נועם וואש משה האט גיהאט באותו שעה האבין אלע חיילות עליונים אונ מלאכים אים גיוואלט פאר ברענגען בשעת הקב"ה האט גיזאגט צוא משה לך רד כי שחת עמך איז משה זייער דער שראקין גיווארין אונ האט ניט גיקענט ריידין ביז ער האט פיל תפלה גיטאן פאר הקב"ה האט הקב"ה צוא אים גיזאגט משה שטארק דיך אין מיין כסא הכבוד אונ הקב"ה האט אן גישריען אין אלע חיילות ומלאכים אונ משה האט זיך גישטארקט אין דיא לוחות אונ האט זייא אראפ גינידערט אונטין אונ אויף

אים

אים שטייט עיר גבורים עלה חכם ויורד עוז מבטחה אונ פון דעם אור וואס עס איז אים גיבליבן נאך דיא טויזנט חלקים האט דער פון זיין פנים גילויכטן ומה דאך נאר פון דעם אור וואס עס איז אים גיבליבן האט זיין פנים אזו גילויכטן מען האט ניט גיקענט זעהען אין זיין פנים איז שוין אבל שכן דעם אור וואס מען האט אוועק גינומען פון אים זאגט רבי חייא ימינך ה' נאדרי בכח דאש איז דיא תורה וואס איז גיגעבן גיווארין מימין ימינך ה' תרעץ אויב דען עס איז ניט דא אזו אזאך וואס עש זאל צוא ברעכין דיא עובדי כוכבים אזו וויא דיא תורה דרום הייסט דיא תורה עוז דאס הייסט שטארקייט אזו וויא עס שטייט ה' עוז לעמו יתן אונ אז דיא ישראל זיינען ניט עוסק בתורה ווערט גישטארקט דער כח פון שלעכטע מלאכים אונ זייא זיינען שולט אויף דיא ישראל אונ דיא ישראל קענן גאר קיין קיום ניט האבין אונ דרום זיינען דיא ישראל פאר טריבין גיווארין אונ פאר שפרייט גיווארין אזו וויא דער פסוק זאגט על מה אבדה הארץ ויאמר ה' על עזבם את תורתי דען כל זמן דיא ישראל זיינען עוסק בתורה צוא ברעכין זייא דעם כח פון די מקטריגים דאש מיינט דער פסוק ימינך ה' תרעץ אויב דיא תורה וואש זיא היישט ימין ה' טוט צוא ברעכין דעם פיינט זאגט רבי אלעזר אוודאי איז אזו אזו ווי עס שטייט הקול קול יעקב כל זמן דאש קול פון יעקב ווערט גיהערט אין שול אונ אין בית המדרש מען לערינט תורה זיינען ניט שולט דיא מקטריגים אויף דיא ישראל אזו וויא מיר האבין גיזאגט אין פרשת חיי שרה · רבי אלעזר הייבט אן עס שטייט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך וויא גאר זיינען דיא מענטשן נארין זייא ווייסן ניט אונ זיינען ניט משתדל אין דער תורה דען דיא תורה איז דורך חיים אונ חרות אונ גאר טוב בעולם הזה ובעוה"ב זיא מאכט פרייא דעם מענטשן בעולם הזה ובעוה"ב אונ ער איז זוכה לאורך ימים עליונים ולשלמים אזו וויא דער פסוק זאגט את מספר ימיך אמלא אונ ווער עס איז משתדל אין איר קענן קיינער אין אים ניט שולט זיין אויב דוא ווערסט פרעגן פון רבי עקיבא מיט זיינע חברים אונ דיא אנדערע בני הגזרה זאג איך דיר דאס איז גיוועז איין גזרה מן השמים אונ אזו איז אויף גיגאנגען במחשבה פר הקב"ה דאס האט אזו גימוזט זיין דען דר מלאך המות האט אין זייא קיין שליטה ניט גיהאט אונ אויך וואלט זיך אדם הראשון גיוועזן באהעפט אין דער תורה וואס זיא הייסט עץ החיים וואלט ער ניט גורם גיוועזן קיין מיתה דאך אין אלע דורות וואס נאך אים אונ דרום אז הקב"ה האט גיגעבין דיא תורה צוא דיא ישראל שטייט חרות על הלוחות דאס הייסט זייא זאלין ניט גיוועזן זינדיגן אונ זאלין זיך ניט גיוועזן אפ לאזין פון דעם עץ החיים וואלטין זייא גיוועזן חירות פרייא פון דעם טויט אונ דרום זאגט הקב"ה אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם איך האב גימיינט איר וועט שוין זיין אזו וויא דיא מלאכים וואס זייא שטארבין ניט קיין מאל אכן אז איר האט אבער גיזינדיגט כאדם תמותון מוזט איר שטארבין אזו וויא אדם הראשון דרום ווער עש איז עוסק בתורה קען אין אים ניט שולט זיין דער נחש הרעה מיינט מען דעם מלאך המות וואס ער האט פאר פינצטערט דיא וועלט זאגט רבי יוסי פאר וואס איז משה רבינו גישטארבין ער האט דאך ניט גיזינדיגט זאגט ער משה איז בוודאי ניט גישטארבין דען דער מלאך המות האט אין אים קיין שליטה ניט גיהאט ער איז דורך אים ניט גישטארבין אונ ער האט אים ניט מטמא גיוועזן נאר ער איז באהעפט גיווארין אין דער שכינה אונ איז גיגאנגען לחיי העולם הבא ער הייסט חי אזו וויא עס שטייט ובניהו בן יהוידע בן איש חי רב פעלים מקבצאל אזו אויך אלע צדיקים וואס זיי דר קענען זייער האר זיינען אן גיברייט לחיי עולם צו לעבין אייביג אזו וויא עס שטייט כל הכתוב לחיים בירושלים דרום ווער עס לערינט תורה דער האט פרייא שאפט פון אלדינג אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט דאס מען פארשט אים ניט מען זאל אים דן זיין בעולם הבא ווארום ער איז איין צדיק ער האט ניט גיזינדיגט · קום אונ זעה אין דער תורה זיינען באהאלטין כמה סודות דרום שטייט יקרה היא מפנינים וויא פיל פאר בארגענע אוצרות איז אין דער תורה באהאלטין דרום אז דוד המלך האט דאס גיזעהען ברוח הקודש אונ האט אין איר גיזעהען כמה נפלאות וואונדערליכע זאכין האט ער גיבעטין צוא הקב"ה אונ האט גיזאגט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך אנטפלעק מיר מיינע אויגין וועל איך זעהען וואונדר פון דיין תורה :

בפרשת ויקרא שטייט רבי שמעון זאגט עס שטייט עשרה הכף בשקל הקודש ווארום שטייט צווייא מאל דאס ווארט עשרה נאר איין עשרה זיינען דיא צעהען מאמרות וואס מיט זייא איז די וועלט בשאפן גיווארין אונ מיט דעם אנדערין עשרה מיינט מען דיא צעהן דברות פון דער תורה דאס ווייזט מיר אז דיא צעהען מאמרות וואס מיט זייא איז דיא וועלט באשאפין גיווארין איז נאר גיוועזן פון דיא צעהען דברות אז דיא ישראל וועלין עוסק זיין בתורה וועט דיא וועלט האבן אקיום אונ אז חלילה זייא וועלין ניט עוסק זיין בתורה וועט דיא וועלט חרוב ווערין אזו וויא עס שטייט אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי קום אונ זעה אז דיא צעהען דברות זיינען פונקט אנטקעגין דיא צעהען מאמרות דר דיבור אנכי ה' אלהיך איז אנטקעגין דעם מאמר ויאמר אלהים יהי אור דען דיא אמונה ויחוד פון הקב"ה היישט אור אזו וויא עס שטייט ה' אורי וישעי ממי אירא דער אנדערך דיבור לא יהיה לך איז אנטקעגין דעם אנדערין מאמר יהי רקיע בתוך המים דאס זיינען דיא ישראל וואס זייער אחיזה איז אין דעם ארט וואס הייסט שמים אזו וויא עס שטייט ואתה תשמע מן השמים דאס איז איין סוד דען אמאל האט רבי יוסי גיפרעגט צוא רבי אלעזר אין וואס האבין דיא ישראל איין אחיזה האט ער אים גיענטפערט ויתן אותם אלהים ברקיע השמים דיא אחיזה פון דיא ישראל איז אין הקב"ה וואס ער הייסט שמים אונ דיא ישראל מאכין איין צווישין שייד פון מים למים צווישין השי"ת וואס ער הייסט מים חיים אונ צווישין דיא עבודת כוכבים וואס זיא הייסט בורות נשברים גריבער מיט פאר שטונקענע וואשער דער דיבור לא תשא איז אנטקעגן דעם מאמר יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד דען דער וואס שווערט פאלש מאכט ער איין צווישין שייד צווישין הקב"ה ושכינתיה דרום שטייט יקוו המים אל מקום אחד עס זאל זיין איין יחוד זכור את יום השבת איז אנטקעגין דעם מאמר תדשא הארץ דשא ווען ציהט דיא ארץ הקדושה אויש עשב מזריע זרע דאס מיינט מען דיא נשמות חיילות של מעלה דאס איז נאר בשבת דען ווערט זיא גיבענטשט אין דר צייט איז דער יחוד הקב"ה ושכינתיה וואס זיא הייסט ארץ חפץ לה' · כבד את אביך איז אנטקעגין יהי מאורות דיא תורה איז מרמז מיט דעם וואס זיא זאגט שמש וירח אויף קוב"ה ושכינתיה דען זייא הייסין דיא נעמען אזו וויא עס שטייט כי שמש ומגן ה' וירחך לא יאסף אונ ווייל עס איז אלץ איינש אן איין פירוד דרום שטייט יהי מאורות זיי זאלין זיין בייחד ביחוד לא תרצח איז אנטקעגן ישרצו המים נפש חיה דו זאלשט ניט הרגנן איין מענטשן וואס ער הייסט

נפש

נפש חיה איר זאלט זיך ניט גלייכין צו דיא פיש וואס איינער שלינגט איין דעם אנדערין לא תגנוב איז אנטקעגין הנה נתתי לכם את כל עשב איר זאלט נאר עסין וואס איך האב אייך גיגעבין אונ ניט קיין פרעמדש לא תענה איז אנטקעגין נעשה אדם בצלמנו ווער עס איז בצלם אין גישטאלט פון דעם מלך זאלשטו אים ניט פאלש עדות זאגין אונ ווער עס זאגט פאלשע עדות אויף זיין חבר איז גלייך וויא ער זאגט עדות חלילה אויף הקב"ה לא תחמוד איז אנטקעגין לא טוב היות האדם לבדו עס זאל זיך דיר ניט גלוסטין דעם בת זוג פון דיין חבר ווארום דוא האסט דאך דיין בת זוג דרום שטייט עשרה דאס זיינען דיא עשרת הדברות עשרה הכף איז אנטקעגין דיא צעהען מאמרות וואס דורך וויא איז דיא וועלט באשאפין גיווארין • רבי יצחק זאגט דיא פינף דברות וואס עש איז גישטאנען אויף איטליכין לוח איז איינש אנטקעגין דעם אנדערין אנכי איז אנטקעגין לא תרצח דען ווען איינער הרגת דעם אנדערין מאכט ער קלענער דעם צלם ודמות פון זיין הארין ווארום דער מענטש איז בצלם אלהים לא יהיה איז אנטקעגין לא תנאף ווער עש איז מזנה לייקינט ער אין הקב"ה דער צלם אלהים איז גיצייכינט אויף דעם מענטשין אונ אז ער איז מזנה איז ער משקר חלילה אין הקב"ה אזו וויא עס שטייט בה' בגדו כי בנים זרים ילדו • לא תשא איז אנטקעגין לא תגנוב ווארום איטליכר גנב איז אן גיברייט פאלש שווערן ווארום איינש ברייננט צו דעם אנדרן אזו ווי עס שטייט חולק עם גנב שונא נפשו אלה ישמע ולא יגיד : זכור את יום השבת איז אנטקעגין לא תענה ברעך עד שקר דען שבת איז איין עדות אויף הקב"ה אז ער האט דיא וועלט באשאפין אונ דער מענטש מוז עדות זאגין כי ששת ימים עשה וגו' אונ שבת איז דער כלל פון דער גאנצער תורה אונ ווער עש לייקינט חלילה אין שבת לייקינט ער אין דער גאנצער תורה כבד את אביך איז אנטקעגין לא תחמוד אז ער איז מזנה מיט דעם אנדרינש בת זוג אונ האט מיט איר אקינד האלט ער עורליך איין פרעמדין פאטער אונ זיין פאטער גיט ער ניט אפ קיין כבוד אונ דרום שטייט ביא כיבוד אב למען יאריכון ימיך על האדמה וגו' אויף דער ערד וואש הקב"ה האט דיר גיגעבין ניט דוא זאלשט גלוסטין שדהו עבדו וכל אשר לרעך וואש עש איז פאר האנדין ביא דיין חבר • זאגט רבי אלעזר אין די עשרת הדברות זיינען מרומז אלע מצות פון דר תורה גזירות ועונשין טהור וטמא שמים וארץ ים ותהום דען דיא תורה איז דער שם פון הקב"ה אזו וויא דער שם פון הקב"ה איז מיט צעהן מאמרות אזו אויך דיא תורה איז מיט צעהען מאמרות אונ דיא עשרת הדברות מיט דער תורה זיינען אלין דער שם של הקב"ה וואל צוא דעם מענטשין וואס ער איז זוכה צוא דער תורה איז ער זוכה צוא דעם שם הקודש פון הקב"ה זאגט רבי יוסי ער איז זוכה צוא הקב"ה ממש דען ער מיט זיין נאמען איז אלין איינש

בריך שמיה לעלם ולעלמי עלמיא :

רבי חייא הייבט אן אתי מלבנון כלה אתי מלבנון תבואי תשורי מראש אמנה וגו' דער פסוק גייט אויף דיא כנסת ישראל בשעת זייא זיינען גיקומען מקבל זיין דיא תורה האט הקב"ה צוא איר גיזאגט אתי מלבנון כלה דוא בישט מיט מיר גיקומען פון דעם גן עדן העליון אתי מלבנון תבואי דוא בישט גיקומען פון וועגין דיינע קינדער זאלין מקבל זיין דיא תורה תשורי מראש אמנה דוא זאלשט מקבל זיין איין מתנה פון דיינע קינדער וועגין וואס זייא זיינען אריין גיגאנגען בראש אמנה העליון אונ האבין גיזאגט כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע זייא זיינען גיוועזן אזו וויא דיא מלאכים עליונים וואס אויף זייא שטייט ברכו ה' מלאכיו גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו שטייט פריער עושי אונ דער נאך לשמוע אזו אויך דיא ישראל האבין פריער גיזאגט נעשה איידער זייא האבין גיזאגט נשמע : מראש שניר וחרמון דאס איז דער בארג סיני וואס זייא האבין גינעהענט צוא אים אונ זיינען גישטאנען אונטער דעם בארג אזו וויא עס שטייט ויתיצבו בתחתית ההר • ממעונות אריות דאס זיינען דיא בני שעיר דאס הקב"ה האט זייא גיזאגט זייא זאלין מקבל זיין דיא תורה אונ זייא האבין ניט גיוואלט מהררי נמרים דאס זיינען די בני ישמעאל אזו וויא עס שטייט ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קודש וואס מיינט מען דאס ואתה מרבבות קודש אלא אז הקב"ה האט גיוואלט געבין דיא תורה צוא דיא ישראל זיינען גיקומען חיילות מלאכים אונ האבין גיזאגט ה' אדוננו מה אדיר שמך בכל הארץ אשר תנה הודך על השמים אונ זייא האבין גיוואלט מען זאל זייא דיא תורה געבין האט הקב"ה גיזאגט צוא זייא איז דען פאר האנדין מיתה צווישן אייך אזו וויא דער פסוק זאגט אדם כי ימות באהל וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת איז דען דא איין חטא צווישן אייך אדער אגנבה אדער ווייבער וואש דיא תורה זאגט לא תנאף איז דען דא צווישן אייך שקר וואס דיא תורה באדארף אן זאגין לא תענה ברעך עד שקר איז דען דא צווישן אייך גילוסטיקייט וואס עס שטייט אין דער תורה לא תחמוד וואס ווילט איר דיא תורה מיד תיכף האבין זייא גיזאגט ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אונ האבין שוין ניט גיזאגט תנה הודך על השמים דרום שטייט ואתה מרבבות קודש דיא מלאכים הקדושים וואס זייא זיינען רבבות קודש האבין מסכים גיוועזן מען זאל געבין דיא תורה צוא דיא ישראל :

## להפטרה דיומא מפרשת כי תשא

תחלת דבר ה' בהושע והיה מספר בני ישראל וגו' הקב"ה האט ניט ליב אז מען זאל ריידין שלעכטש אויף דיא ישראל חאטשע זייא זינדיגין אונ וייל הושע האט אויף זייא גירעט שלעכץ דרום האט ער זייא דער נאך גיבענטשט מיט כמה ברכות והיה מספר בני ישראל כחול הים וגו' אונ ער האט זייא גיוואלט מחזיר בתשובה זיין פאר הקב"ה אונ אין פון דארטין ניט אוועק גיגאנגען ביז הקב"ה האט זייא מוחל גיוועזן זייערע זינד אונ זיינען גיווארין ריין פאר אים אזו אויך ביא אליהו שטייט ויבא וישב תחת רותם אחד וגו' ער האט אזו גיזאגט דו האשט גישיקט איין אשה צוא דיא ישראל זיא הייסט דבורה עש שטייט ביא איר והיא יושבת תחת תומר דבורה אונ תומר איז דיא אותיות פון רותם דרום שטייט דא רותם צוא מרמז זיין אויף דבורה וואש ביא איר שטייט תומר זיא האט דיא ישראל מחזיר למוטב גיוועזן אזו וויא דער פסוק זאגט עד שקמתי דבורה וגו' אונ איך האב שוין כמה מאל פאר זייא אויש גירופין אז זייא זאלין תשובה טאן אונ זייא פאלגין מיך ניט אזו האט זיך הקב"ה צוא אים אנפלעקט אונ זאגט צוא אים מה לך פה אליהו וואש טושטו דא אין דיא טעג פון משה בישטו גיוועזן איין מקטרג ומקנא פון וועגין דיא מענטשין ביא מעשה זמרי דען פנחס איז אליהו אונ דוא האשט מקנא גיוועזן פון מיינט וועגין פון וועגין אות ברית דרום האב איך גינומען דעם אות ברית מיט דעם ווילין פון משה אונ האב דיר אים גיגעבין ביז משה אליין האט גיזאגט הנני נותן לו את בריתי שלום אונ אז דער ברית איז דיינער איז ניט ראוי אז דוא זאלשט מקטרג זיין אונ זאגט כי עזבו בריתך בני ישראל דרום זאגט ער

מה לך פה פ"ה באטרעפט מילה וייל דוא האשט דרויף מקטרג גיוועזן דרום זאל זיך עש אום קערין ווידער צוא משה באותו שעה האט מען אוועק גינומען פון אים דיא מתנה וואש משה האט אים גיגעבין דרום שטייט וילך בכח האכילה החוא ארבעים יום עד הר האלהים ער איז גיגאנגען אהין צוא בעטין ווידר אויף דער מתנה פון דעם ברית וואש משה האט גירשית בהר האלהים האט משה גיזאגט דוא קענשט שוין פון מיר ניט מקבל זיין דיא מתנה גייא צוא דיא ישראל פון זייא וועשטו אים קענען ווידער נעמען צוא ריק האט ער אזו גיטאן אונ האט זייא איבר גיבעטין אונ האט שוין גירעט גוטש אויף זייא האט מען אים ווידר אפ גגעבין אונ ווידר גיפינען מיר כמה גוטש וואס הקב"ה האט גיטאן צו דיא ישראל חאטשי זייא זיינען שלעכט גיוועזן אונ האט פארט ניט גיוואלט מען זאל אויף זייא ריידין שלעכץ קום אונ זעה עס שטייט ואשלח לפניך משה אהרן ומרים אמער עס זיינען דאך גיוועזן כמה נביאים נאך משה עש וואלט באדארפט שטיין ואשלח לפניך משה אהרן ומרים אלעזר ופנחס יהושע אלישע אונ נאך אנדערע צדיקים נביאים ווארום זאגט ער נאר דיא דרייא אלא הקב"ה האט צוא זייא אזו גיזאגט מיינע קינדער מיין פאלק פאר וואש גידיינקט איר ניט אלע טובות וואש איך האב אייך גיטאן אז איך האב אייך גישיקט משה ואהרן ומרים עש איז איין משל צוא איין מלך ער האט אמדינה אונ שיקט צוא זייא גרוישע שרים והחשובים אז זייא זאלין דאש פאלק פירין אונ זייא מדריך זיין זיינען זייא דאך זייערע דיינים נדרום מוזין זייא געבין צו דיא דיינים עסין אונ וואש זייא באדארפין אונ איך האב אייך גיגעבין משה האט ער אייך גיפירט אונ אייערע קינדער אונ אייערע בהמות אונ האט זיך משתדל גיוועזן אין אייערע דינים אונ האט אייך גיגעבין דעם מן איך האב אייך גישיקט אהרן האט ער אייך גיבראכט דיא ענני כבוד צוא באדעקין אזו וויא דיא מלאכים אונ דיא ענגים האבין אייך גיוואשין אייערע קליידער מיט דעם טל היקר זייא זאלין ניט פאר פוילט ווערין אונ אייערע שיך זיינען תמיד נייא גיוועזן איך האב אייך גישיקט מרים האט זיא אייך גיבראכט דעם ברונים בארה של מרים איר זאלט דר פון טרינקן אונ אויך אייערע בהמות זייא האבין אייך גיגעבין פון זייער עסין אונ טרינקען אונ איר זייט גיזעסין בחופה של כבוד אונ איר האט זייא פון אייערין גאר ניט גיגעבין אונ ניט דאש אליין נאר זייא האבין אויף אייך תמיד משתדל גיוועזן אונ האבין תמיד מתפלל גיוועזן אויף אייך לטובה אונ איר האט זייא נאך גיזידילט זאגט רבי יוסי עש איז ניט דא אזו איין רחמן אונ אזו איין עניו וויא הקדוש ברוך הוא איז אזו וויא דער פסוק זאגט לא נפל דבר אחד מכל דברו איז דאך משמע אז אלע זיינע רייד זיינען מקוים גיווארין אפילו דאש שלעכץ וואש ער האט גיזאגט אז ער וועט אויף זייא ברענגען עש שטייט אבער מכל דברו הטוב איז גידרונגען אז דאש גוטץ איז מקוים גיווארין אבער ניט דאש שלעכץ חאטשי ער האט גימאכט אויף זייא איין מורא אונ האט אויף גיהויבין אויף זייא דיא רצועה איז גיקומען דיא שכינה אונ האט עש אויף גיהאלטין ער זאל זיא אויף זייא ניט אראפ נידערין פון וואמען לערנען מיר דאש אפ פון משה דען הקב"ה האט אים גיזאגט לך רד כי שחת עמך הקב"ה האט אויף זייא דיא רצועה אן גיהויבין אויף צוא הויבין אונ משה האט ניט גיוואושט זיין סדר האט ער גישוויגין אונ אז הקב"ה האט גיזעהען אז משה איז ניט מתפלל האט ער אים מרמז גיוועזן אונ האט אים גיזאגט ועתה הניחה לי לאז מיך גלייך וויא ער האט אים צוא גיהאלטין האט משה פאר שטאנען אז הקב"ה וויל אז ער זאל פאר זייא מתפלל זיין האט ער גיזאגט זכור לאברהם דאש איז דער יד ימין פון הקב"ה האט שוין הקב"ה ניט אראפ גינידערט דיא רצועה אויף זייא אויב דוא וועסט פרעגין אז דיא שכינה איז תמיד גיווינטליך אז זיא זאל אויף האלטין דיא רצועה פון דעם מלך וואו איז זיא דענסט מאל גיוועזן אונ זיא האט גילאזט אז משה זאל אויף האלטין דיא רצועה פאר וואש האט זיא אליין ניט אויף גיהאלטין אזו וויא תמיד זאגט רבי יוסי איך האב דאך דיא זאך גיזאגט נאר איך קען ניט ווישין די לויטערע זאך ביז מיר וועלין זיין פאר דעם היילגין ליכט רבי שמעון וויא זייא זיינען גיקומען פאר רבי שמעון האט ער דער זעהען איין סימן אין זייער פנים זאגט ער גייט אריין איר בני הקדושים גייט אריין ליב האבער פון דעם מלך אונ פון מיר גייט אריין איר ליב האבער איינער נאך דעם אנדערין דען רבי אבא זאגט אלע חברים אלע תלמידי חכמים וואש האבין זיך ניט ליב גיהאט זייא אוועק פון דער וועלט פאר זייער צייט אונ אלע חבירים וואש זיינען גיוועזן אין דער צייט פון רבי שמעון איז בייא זייא גיוועזן אהבה של נפש ורוח דרום איז גיוועזן דיא סודות אונ דיא טעג פון רבי שמעון אנפלעקט ווארום רבי שמעון האט גיזאגט אלע חברים בתורה וואש זיינען זיך ניט קיין ליב האבער זיינען זייא גורם דאס זייא גייען ניט בדרך הישר אונ מאכין איין חסרון אין דער תורה דען דיא תורה איז דורך אהבה ואחוה ואמת אזו וויא אברהם האט ליב גיהאט צוא יצחק אונ יצחק צוא אברהם אונ זייא ביידע צוא יעקב אונ יעקב צוא זייא ביידע אזו מוזין זיין דיא חברים אונ זאלין ניט מאכין קיין חסרון אונ אז רבי שמעון האט זייא דאש גיזאגט אז ער זעהט איין סימן אין זייער פנים האבין זייא גיזאגט וודאי רוט דער רוח נבואה אויף דעם בוצינא קדישא ווייגט רבי שמעון אונ זאגט וואש איז צוא אייך קשה ווארום האט דיא שכינה גילאזט דיא זאך צוא משה דאשואיז איינש פון דיא זאכין וואש מען האט מיר גיזאגט בסוד פון דעם ראש ישיבה פון דעם גן עדן אונ מען האט עש מיר מגלה גיוועזן שטילער הייד אונ מען האט עש מיר ניט גיהיישין אנפלעקין דען דאש איז אגרוישר סוד נאר וואס זאל איך מיט אייך טאן איר זייט בייא מיר ליב אזו וויא מיין לעבין מוז איך אייך דאש אנפלעקין אונ זאגט זיי אגרוישין סוד וואס מען קען עס ניט ארויס שרייבין נאר בדרך כלל וייל זיי האבין זייער הויך פוגם גיוועזן מיט דעם חטא העגל האט זיא שוין ניט באדארפט צו האלטין דיא רצועה דרום האט הקב"ה דאש גילאזט צו משה :

## מענין מגילת רות

בפרשת ויקהל רבי יהודה הייבט אן עיניך בשדה אשר יקצורון והלכת אחריהם הלא צויתי את הנערים לבלתי נגעך אין דעם פסוק בדארף מען פאר שטיין נאך וואש באדארף דיא תורה דאש צוא שטעלין • זאגט רבי יצחק אמאי עש איז דאך כמה פסוקים אין דער תורה וואש מען מיינט אז זייא זיינען גאר ניט אונ מיר זעהען דאך אז זייא זיינען גרוישע סודות • זאגט רבי יהודה דעם פסוק ווער עש זעהט אים אונ קוקט ניט רעכט אין אים אריין ווייזט זיך אים אויש אז דאש איז נאר אמעשה אין דברים בטלים אבער דער פסוק איז רעכט אונ איז


ברוח

ברוח הקודש גירעט גיווארין דען בועז דער שופט ישראל האט
גיזעהען איר גרויש ענוה דאש דיא צדקת האט ניט אויף גיהויבין אירע
אויגין צוא קוקין אויף אנאנדער ארט נאר אלין לעבין איר אונ זיא איז
ניט גיוועזן קיין עזות מצח דרום האט ער אירע אויגין גילויבט דען
עס איז פאר האנדין אויגין אז וואש זייא זעהען איז דרינען ניט שורה
קיין ברכה אבער וואס רות האט גיזעהין איז גיוועזן בעין טובה אונ אלץ
וואש זיא האט גיקליבין האט מצליח גיוועזן אונ עש איז גימערט גיווארין
אין פעלד אונ דער רוח הקודש האט אויף איר גירוט דרום זאגט
ער עיניך בשדה אשר יקצורון דיינע אויגין וויל זייא זיינען גיבענטשט אונ
דוא בישט גורם. אברכה דרום והלכת אחריהם מענשטו נאך גיין נאך זייא
אבער קיין אנדערע לייט האבין קיין רשות ניט צוא גיין נאך זייערע
אויגין אבער דוא מענשט גיין נאך דיינע אויגין וויל דוא בישט גורם
איין ברכה דבר אחר ער האט גיזעהען אז פון איר וועלין ארויס קומן עינים
עליונים הקדושים זייא זיינען דיא אויגין פון אלע מענטשין די אויגין זיינען
מלכים אזו וויא דאס פאלק גייט נאך דעם מלך מיט דיא מנהיגים אונ
הערין זיי צו אזו גייט נאך דער גוף נאך דיא אויגין אזו וויא עס שטייט
בייא תמר ותשב בפתח עינים זיא איז גיזעסין אין דער טיר וואו אלע מלכים
ושלטונין זיינען ארויש גיגאנגען דרום זאגט דער פסוק ואם לעיני העדה
נעשתה דאש זיינען דיא מלכים מיט דיא סנהדרין וואש זייא הייסין
עינים דרום זאגט בועז עיניך דיא מלכים מיט דיא גיוועלטיגער וואש
וועלין פון דיר ארויש קומען בשדה אין ציון וירושלים וואס זיא הייסט
שדה אזו וויא עס שטייט ציון שדה תחרש אויך שטייט כריח שדה אשר ברכו
ה׳ דאש איז דיא שכינה וואש איז דארטין · דען זייא וועלין גיוועלטיגין
אין ירושלים אשר יקצורון פון דארטין וועט מען שניידין דאש הייסט
זייא וועלין מקבל זיין דיא תורה אזו וויא עש שטייט כי מציון תצא
תורה · והלכת אחריהם מיט דיא מעשים טובים וואש איך וועל דיר זאגין
הלא צויתי את הנערים דאש איז אזו וויא דער איבישטער פשט איך האב
אן גיזאגט דיא יונגען זייא זאלין דיך ניט אן רירין דען איין אשה האט
איין גרינגע דעה · וצמית אונ אז דוא וועסט זיין דארשטיג ער האט
מיט איר גישמועסט איין שיין לשון דאש מיינט ער אז דוא וועשט
זיך וועלין באהעפטין צוא איין מאן והלכת אל הכלים זאלשטו גיין צוא דיא
צדיקים וואש זייא הייסין כלי ה׳ דאש זייא זיינען אן גיברייט זייא זאלין
ברייגען כלל העולם פאר איין מתנה צוא דעם מלך המשיח וויא איין
חשובי כלי אויך זיינען זייא דיא כלים פון הקב״ה וואס ער האט הנאה
פון זייא דען זיי זיינען אויף דער וועלט צו בראכענע כלים כדי זיי זאלין
קענען האלטין תורה ומצות דען הקב״ה ניצט מער ניט נאר מיט דעם
וואס ער איז בייא זיך וויא איין צו בראכענע כלי אונ אז דוא וועסט זיך
צוא זייא באהעפטין ושתית וגו׳ ווייטער שטייט אין פרשת עקב:
בפרשת לך לך שטייט מצאוני השומרים הסובבים בעיר · תנן מיר האבין
גילערינט אז די חלקים פון דער נשמה איז צו טיילט גיווארין
אויף פיר חלקים נפש רוח נשמה ונשמה לנשמה דאס הייסט חיה יחידה אלימלך
דאש ווייזט אויף דער העכשטער מדריגה וואש איז דער חלק חיה נעמי
הייסט דיא נשמה זיא איז פון דעם ארט למעלה וואש הייסט נועם ה׳
אלהינו מחלון הייסט רוח רות איז דער נפש כליון הייסט דער רוח הבהמה
דאש איז דער חלק פון דעם יצר הרע אזו איז אויך איין חלק פון דעם
בת זוג פון דעם יצר הרע הייסט ערפה פון איר קומען ארויס דאס עם
קשה עורף אונ ערב רב אז דער מענטש איז זוכה זיינען דיא אלע חלקים
פאר האנדין בייא אים אבער אז ער איז ניט זוכה שטייט ותצא מן המקום
ושתי כלותיה עמה ותאמר נעמי אל כלותיה הנה שבה יבמתך דיא נשמה איז ארויש
גיגאנגען פון אים אונ איר בלייבט דא וערפה שבה אל עמה ואל אלהיה מצד יצר
הרע אן ריידין צוא אירע מעשים:
תנן מיר האבין גילערינט הקב״ה האט גימאכט ירושלים של מעלה אין
גישטאלט פון ירושלים של מטה מיט מויערין אונ טויערין אונ
טירין וואס זיינען אין זייא אונ אויף דיא מויערין זיינען שומרים ממונים
וואש היטין דיא טירין פון דיא מויערין אזו וויא עש שטייט על חומותיך
ירושלים הפקדתי שומרים וגו׳ אונ מיכאל כהן גדול למעלה איז איין ממונה
איבער אלע שומרים אונ אז דיא נשמה וואש הייסט נעמי גייט ארויש
פון דער וועלט איז זיא זוכה גייט זיא ארייין בגן עדן התחתון וואש
ער איז אויף דער ערד דאש השי״ת האט אים גיפלאנצט צו די רוחות
הצדיקים אין דעם גישטאלט פון גן עדן העליון וואס דארטין זיינען
דיא נשמות הצדיקים פון דער וועלט אונ אז דיא נשמה גייט אוועק
פון דער וועלט גייט זיא אריין אין דער מערת המכפלה וואש דארטין
איז דיא טיר פון דעם גן עדן אזו באגעגינט זיא צוא אדם הראשון אונ
צו די אבות וואס זיינען דארטין איז זיא זוכה אזו פרייען זייא זיך מיט
איר אונ עפענן איר דיא טיר וואס איז אין גן עדן אריין. אונ זיא גייט
אריין גלייך אין גן עדן אונ אז חלילה ניט שטויסן זייא זיא ארויס אונ
זיא זאגט בשעת מעשה מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני פצעוני נשאו את
רדידי מעלי אונ איידער דיא נשמה איז גקומען אויף דער וועלט האט מען
איר גיגעבין איין ליכט אויף איר קאפ אזו וויא עס שטייט בהלו נרו עלי
ראשי אונ אז מען שטויסט זיא ארויס הייסט דיא נשמה נעמי ווער עס
זעהט זיא פאר וואונדערט זיך אויף איר אונ דער שרעקט זיך אונ זאגט
הזאת נעמי דאס איז דיא נשמה הקדושה וואס זיא האט פריער גלויכטין
אונ היינט איז זיא אזו פאר פינצטערט אונ איז נע ונד דאס הייסט זיא
האט ניט קיין ארט וואו אהין צוא גיין אונ זיא זאגט רופט מיך שוין ניט
נעמי נאר רופט מיך מרה דען איך בין גאר פיל אוועק גיגאנגען פון
אויבן אין גוף אריין אונ היינט וריקם השיבני ה׳ בין איך גיקומען אהער
ליידיג אן תורה ומצות אונ אן מעשים טובים מען האט מיך אריין
גיבראכט אין איין שלעכטין גוף פון איין רשע · אבער אז זיא איז זוכה
אזו קומט זיא אין גן עדן אריין אונ בהעפט זיך אין איר אלימלך דאש
איז דער חלק וואס הייסט חיה רוח ונפש השכליות אונ זיא טוט זיך דארט אן
קליידין אין דעם לבוש אונ אין דעם גישטאלט וויא דר גוף איז גיוועזן
אויף דער וועלט אונ איז דארט מקבל אלע תענוגים אונ אין דעם גן
עדן התחתון קליידין זייא זיך אן דעם אויר פון דארטין אזו וויא דיא
מלאכים עליונים אז זייא קומען אראפ אויף דער וועלט דען זיינען זייא
אויך פון דעם רוח אזו וויא עס שטייט עושה מלאכיו רוחות אזו אויך איז
דאך דער רוח בגן עדן של מעלה מתלבש אין דעם גישטאלט פון דעם
עולם אונ טוען דארט מקבל זיין אלע תענוגים אונ בגן עדן זיינען אלע
ציורים אין דעם גישטאלט פון דעם איבערשטין עולם אונ פון דעם
הינטערשטין עולם אויך · אונ דיא צדיקים האבין דארט אלע תענוגים
אונ אז עס קומט שבת וראש חודש טוען זייא זיך אויש פון דעם נפש
ורוח אונ גייען אויף אין גן עדן העליון אונ זיינען זיך דארט מתלבש
אין איין לבוש וואס ער איז אין אלערלייא גישטאלט מיט פיל אורות
עליונים אונ זיינען דארט נהנה מזיו השכינה אונ אז דער רוח וויל ארויף גיין
אין איר ארט וואס זיא איז פון דארט ארויש גקומען אזו וויא עס שטייט
ותחוח

והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה נעמט זיא מיכאל הכהן הגדול אונ איז זיא מקריב לריח ניחוח פאר הקב"ה אונ זיא איז דארט בתענוגים אין דעם צרור החיים וואס דרויף שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ דער נאך גייט זיא ווידער אראפ אין גן עדן התחתון אונ האט אלע תענוגים טאפיל פון פריער אונ איז זיך ווידער מתלבש אין איין מלבוש אונ גייט ארויף אין דיא ישיבות פון דעם גן עדן אונ לערינט דארט תורה אונ אז דער רוח גייט אוועק פון דער וועלט גייט זיא פריער אין דער מערת המכפלה אונ אדם הראשון מיט דיא אבות גיבין איר איין בוך פאר איין סימן מען זאל זיא לאזין גיין ווייטער אונ אז זיא קומט פאר דעם גן עדן בגעגינט זיא אין דיא כרובים אונ אין דעם להט החרב המתהפכת וואס זייא זיינען פאר דעם גן עדן לשמור את דרך עץ החיים ווען זיא איז זוכה זעהען זייא דעם בוך פון דיא אבות עפינט מען איר אויף דיא טיר זיא זאל גיין ווייטער אונ אז חלילה זיא איז ניט זוכה שטויסט מען זיא ארויש אונ זיא זיצט דארט אונ איז זיך דארט מתלבש אין דעם גישטאלט פון דער וועלט אונ אז מען נעמט ביי איר אוועק דעם בוך זאגט זיא מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני פצעוני נשאו את רדידי מעלי וגו' אונ דר נפש בלייבט ביא דעם גוף למטה אין דער ערד דרום שטייט אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל אונ אויף דעם האט מען גיזאגט אז דיא מתים ווייסין אויף יענר וועלט פון דעם כבוד הצדיקים אונ פון דער וועלט אונ ריידין איינש מיט דעם אנדערין עס שטייט בפרשת תרומה איין טעם דרויף ווארום דער נפש בלייבט אין גוף אונ בתיקון ל"א שטייט ותלכנה שתיהם דאס ווייזט אונז אויף דיא צוויא לוחות אונ אויף דיא צוויא תורות שבכתב אונ תורה שבעל פה זייא האבין אראפ גינדערט אויף דעם בארג סיני ותהום כל העיר מיינט מען דיא גאנצע וועלט האט גיציטערט אזו וויא עס שטייט וכל העם רואים את הקולות וגו' וירא העם וינועו אונ האבין גיזאגט הזאת נעמי דיא תורה וואס זיא הייסט זאת איז זייער גוט אונ זייער זיס אבער אז דיא לוחות זיינען צו בראכין גיווארין אזו וויא עס שטייט וישבר אותם תחת ההר זיינען דיא אותיות פון דער תורה ארויף גיפלויגן האט זיא גיזאגט אני מלאה הלכתי איך בין גאר פיל גיגאנגען אויף דעם בארג סיני אונ היינט וריקם השיבני בין איך ליידיג ארויף גיקומען - דבר אחר ותלכנה שתיהם דאש איז דער גוף מיט דעם נפש אונ ווען דער מענטש איז חוזר בתשובה האט דער נפש ליב דעם גוף אונ זאגט צוא אים באשר תמותי אמות ושם אקבר האטשע דוא וועשט שטארבין וועל איך בלייבין ביא דיר אין קבר אויף דעם שטייט בהתהלכך תנחה אותך דאש איז בעולם הבא בשכבך תשמור עליך דאש איז אין קבר היט דר נפש דעם גוף והקיצות זיא וועט דיך מאכין ווידער אויף שטיין לתחיית המתים אבער ווען ער טוט קיין תשובה ניט הייסט זיא ערפה ווייל זיא קערט אום דעם אקן צוא אים הייסט זיא גייט אוועק פון דעם גוף אזו ווערט ער פאר לארין פון ביידע וועלטין זאגט רבי שמעון נאך דיר זיינען דאך פיל קברים אום זיסט אז דער גוף וועט פאר לארין ווערין נאך וואש וועט דער נפש אויף שטיין לתחית המתים · אלא הקב"ה וועט בוודאי ניט פר דארבן זיין בשעפניש נאר אז הקב"ה וועט מבטל זיין דיא קליפות אונ עס וועט מקוים ווערין אויף דעם ס"מ ובת זוגו וואס אויף זייא שטייט כי שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה אז זייא וועלין פאר דארבין ווערין דענשט מאל וועט הקב"ה מחדש זיין דיא וועלט אזו וויא עס שטייט כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה אונ זייא וועלין האבין איין תיקון דען הקב"ה בגערט ניט זיין מעשה ידיו זאל פאר דארבין ווערין דער גוף מיט דעם נפש ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד :

## פרשת נשא

וידבר ה' אל משה לאמר נשא את ראש בני גרשון וגו' רבי אבא הייבט אן ואשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון ואין ברוחו רמיה דעם פסוק בדארף מען צוא פאר שטיין · קום אונ זעה תמיד אז דער זמן מנחה קומט הייבט זיך אן דר מדת הדין צוא דער וועקן אויף דער וועלט אונ אז עס ווערט נאכט דר וועקין זיך אלע שומרים וואס שטייען אין דרויסין ביא דיא טירין אונ זייא צוא שפרייטין זיך אויף דער וועלט אונ די גאנצע וועלט איז טועם איין טעם מיתה בשעת זייא שלאפין אונ אז עס קומט האלבע נאכט דען רופט מען אויס איין כרוז אויף דער וועלט אצונד איז דיא צייט מען זאל זיך דער וועקין מיט שירות ותשבחות דען ווערט גיפונען דער תענוג פון אלע · וואול צוא דיא מענטשין וואס ער שטייט אויף דיא צייט צוא לערנען תורה לשם יחוד קב"ה ושכינתיה ווייל דענטשט מאל איז איין עת רצון אונ ביא נאכט גייט דיא נשמה ארויף אונ מען פרעגט זיא אויף אירע מעשים וואס זיא האט אגאנצין טאג גיטאן אונ זיא אליין זאגט עדות אויף אלעמן אונ אלץ ווערט אויף גשריבין אפילו איטליכש ווארט וואס דר מענטש האט גירעט אגאנצין טאג גייט עס אלץ ארויף אונ שפאלט אלע הימלן אונ שטייט במקום המיוחד ביז דיא נשמה גייט ארויף אונ בהעפט עס אלץ פר הקב"ה אזו וויא דער פסוק זאגט משוכבת חיקך שמור פתחי פיך דרום שטייט אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון וואול צוא דעם מענטשין וואס עס ווערט אים ניט גירעכינט זיין עון ווען איז דאס ואין ברוחו רמיה אז זיין נשמה ורוח זיינען אויף אים קיין עדות ניט אפילו אויף זיין רוח פיו דענטשט מאל ווערט עס אויף אים ניט גירעכינט :

איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם וגו' קום אונ זעה עש שטייט וחבר הקיני נפרד מקין מבני חובב חותן משה דאש זיינען די קינדער פון יתרו ווארום הייסין זייא קיני דאש איז טייטש לשון נעסט ווייל זייא האבן זיך גמאכט איין נעסט אין דער מדבר צוא לערנען תורה אזו וויא איין עוף מאכט זיך איין נעסט אזו האבין זייא זיך אפ גישייד פון דיא מענטשין אין דער מדבר זכאה איז דער מענטש וואש ער איז זוכה צוא גיין אין דער תורה אונ צוא בהעפטין זיך אין איר וועג דען אז ער גייט אין וועג פון דער תורה ציהיט ער אויף זיך ארויף דעם רוח קדושה עליונה אזו וויא עש שטייט עד יערה עלינו רוח ממרום אונ אז ער איז מקיים דיא מצות התורה איז ער מקיים ביידע עולמות אזו וויא מיר האבין מפורש גיוועזן עש שטייט ועשיתם אותם לייען איך אתם גלייך וויא ער מאכט אלץ אונ יתרו איז פריער גיוועזן איין כומר לעבודת כוכבים אונ האט גידינט צו דעם צד הטומאה דער נאך האט ער זיך דער פון אפ גשייד אונ האט זיך מחבר גיוועזן אין הקב"ה דרום שטייט ובני קיני דאס זיינען דיא קינדער פון יתרו נפרד מקין זייא זיינען גיוועזן אפ גישייד פון דער טומאה וואס עס קומט מצד קין · אונ ווער עס איז עובר אויף דר תורה איז ער פוגם למעלה ולמטה צוא זיך אונ צוא גאר דער וועלט עס איז גלייך צו איין שיף מיט מענטשין אונ עס איז דא צווישין זייא איין שוטה מאכט ער אונטין איין לאך איז ער גורם איין רעה צוא זיך אונ צו אלע לייט וואס איז אין דער שיף דען זייא ווערין אלע דער טרונקין דרום שטייט איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם אפילו גאר איין איש אדער איין אשה וואס זיא וועט טאן איין עבירה הייגט דער חטא אן צוא אלע מענטשין · קום אונ זעה עס שטייט והמה כאדם עברו ברית אדם הראשון

האט עובר געווען איין מצוה האט ער גורם געווען מיתה צוא זיך אונ צו דער גאנצער וועלט אונ האט פוגם געווען למעלה ולמטה אונ זיין חטא איז נאך עד היום תולה ביז הקב"ה וועט מתקן זיין די וועלט אזו וויא זיא איז פריער געווען אונ וועט אפ טאן דעם פגם פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים דרום זאגט דער פסוק כי יעשו אז זייא וועלין טאן מכל חטאת האדם פון די זינד פון אדם הראשון ומעלה מעל בה' וואס ער האט פוגם געווען אין דער מדה פון ה' ער איז ארויש גגאנגען פון מדת הרחמים פון הקב"ה הרחמן יצילנו הקב"ה דער רחמן זאל אונז מציל זיין אויף דער וועלט פון דיא רשעים אונ פון זייער חטא שטארבין אויס כמה צדיקים פון זייערט וועגין חוץ וואש זייא זיינן גורם למעלה ולמטה רבי יצחק אונ רבי יהודה זיינן גיגאנגען פון אושא קיין לוד זאגט רבי יהודה לאמיר ריידין דברי תורה אונ לאמיר גיין הייבט ער אן עס שטייט ווען איינער וועט עפענן איין גרוב אדער ער וועט זיא פון תחלת אן גראבין אונ איינער וועט אין איר אריין פאלין אונ וועט ניזוק ווערין בעל הבור ישלם מוז דער בעל הבור בצאלן הייגט אז עס איז בייא דעם אזו על אחת כמה וכמה ווען איינער האט גורם געווען מיט זיינע חטאים צוא דער גאנצער וועלט איז שוין אכל שכן וויא אזו זיין עונש איז איך טוא מיך וואונדערין אז איינער איז גורם צוא דער וועלט שלעכץ דורך זיינע חטאים וויא אזו זאל אים העלפין תשובה אזו וויא דר פסוק זאגט איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם שטייט ווייטער והתודו את חטאתם והשיב וגו' אלא וודאי תשובה איז אזו גרויש אז מיט דער תשובה איז ער אלץ מתקן וואס ער האט פוגם געווען למעלה ולמטה זיך אונ צו דער גאנצער וועלט:

פתח רבי יהודה הייבט אן נאך אין דעם פסוק בצר לך ומצאוך את כל הדברים האלה. פון דאנען לערנן מיר אפ אז תשובה איז גרעשר פון אלץ איידער דער דין איז שולט אבער אז דער דין איז שוין שולט איז זיין כח זייער שטארק דער דין גייט שוין ניט אוועק ביז ער איז משלים זיין שליחות אונ אז ער טוט תשובה איז ער מתקן זיך אונ דיא גאנצע וועלט דרום שטייט בצר לך ומצאוך את כל הדברים האלה דער נאך שטייט ושב עד ה' אלהיך חאטשע הקב"ה שיקט דעם דין אויף דער וועלט וויל ער אויך אז מען זאל טאן תשובה כדי ער זאל מטיב זיין מיט זייא בעולם הזה ובעולם הבא אונ עס איז ניט דא קיין שום זאך אויף דער וועלט וואס זאל שטיין אנטקעגין תשובה אונ ער איז אויך גורם מיט זיין תשובה דאס דיא שכינה וואס זיא הייסט תשובה וועט זיך אום קערין אויף דעם ארט פון דעם גלות. אונ דיא תשובה איז אז ער איז זיך מוסר נפש אין דר תשובה צו השי"ת נעמט מען אן די תשובה אזו איז אלץ מתוקן ער אונ די גאנצע וועלט למעלה ולמטה אבר דר רשע איז מקלקל זיך אונ די גאנצע וועלט פון זיינט וועגין אוי לרשע ואוי לשכינו קום אונ זעה יונה איז אנטלאפן גיווארין אונ האט ניט גיוואלט גיין אין שליחות פון הקב"ה אונ כמה מענטשין וואס זיינען געווען מיט אים אין שיף זיינען אלע שיר דער טרונקען גיווארין אין ים ביז זייא האבין אים אריין גיווארפין אין ים זיינען זייא ניצול גיווארין דער נאך האט ער תשובה גיטאן אונ האט גירופין צוא הקב"ה אין זיין צרה אונ איז ניצול גיווארן אונ האט מציל געווען אין שטאט נינוה כמה חיילות דאס איז אלץ וויל ער האט גירופין צוא הקב"ה פון זיין צרה אזו וויא עש שטייט קראתי מצרה לי ויענני אונ ווידער שטייט מן המצר קראתי יה:

## רעיא מהימנא

רעיא מהימנא דאס האט גזאגט משה רבינו דר רועה נאמן צו רבי שמעון איש איש כי תשטה אשתו וגו' זאגט דר רעיא מהימנא צו אליהו הייב אן דוא אליהו מיט מיר אין די מצות דען דוא בישט מיר אלע מאל צו הילף דוא בישט דאך גיוועזן אויך צום ערשטין פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן מיין ברודר ואח לצרה יולד ער הייבט אן אונ זאגט בייא דער מצוה פון פרשת סוטה שטייט ועבר עליו רוח קנאה וקנא את אשתו דאס איז מרומז אויף דעם יצר הרע ס"מ ער איז זיך מקנא אין דער הייליגער נשמה וואס זיא איז גיגליכין צוא איין אשה וואס זיא איז שיין אין אירע מעשים אויף איר איז גיזאגט אשת חיל עטרת בעלה אונ ער מחמת זיין קנאה וויל ער זיא מטמא זיין אזו וויא ער האט גיטאן בייא אדם הראשון ער האט זיך מקנא געווען אין זיין ווייב ביז ער האט זיא איבער גירעט אונ האט זייא גורם געווען מיתה אונ דיא צייט וואס ער איז איבער איר שולט איז ער זיא מטמא אונ זיין ווילין איז צו פאר ברענעי דיא נשמה אין פייער פון דעם גיהנם וקנא את אשתו והיא נטמאה אונ דרום האבין מיר גילערינט ובת איש כהן דאס איז מיכאל כהן גדול כי תחל לזנות את אביה היא מחללת באש תשרף דאס דיא זוהמא אונ די טומאה פון איר ווערט אין גיהנם פאר ברענט אונ גילייטערט אזו וויא מען לייטערט זילבער אין איין טעסט ווערט דאך דאס פסולת פר ברענט אזו אויך די ישראל אז זיי זינדיגן ברענט זיי הקב"ה אין גיהנם ווערן זיי דארטין גלייטערט אזו וויא עס שטייט וצרפתיך כצרוף את הכסף וגו' ביז עס ווערט אין זיי מקוים אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו דען ווען די ישראל זיינען אויש גימישט מיט דעם ערב רב זיינען אלע מצד עץ הדעת טוב ורע זיס אונ ביטער אונ אז זייא מאכן זינדיגין דיא ישראל זיינען זייא אלע מצד הרע זייא זיינן וויא דיא מי מרה וואש זיינען ביטער געווען אונ הקב"ה האט גיהייסין אריין ווארפין איין האלץ אזו ווי עס שטייט ויורהו ה' עץ וישלך אל המים וימתקו המים אזו וויא בייא דער סוטה אז דר כהן האט אין דער וואשר אריין גיווארפין דעם שם הקודש וואס הייסט זיך אונ אז זיא איז טמא געווען זיינען דיא וואשר ביטער גיווארין אונ עס איז געווען וצבתה בטנה ונפלה ירכה איז זיא צו שפרונגען גווארן אונ אז זיא איז געווען ריין שטייט וימתקו המים זיינען זייא זיס גיווארין אונ זיא האט גיהאט איין בן זכר אזו איז זיא גיפרובט גיווארין דורך דער וואשער אזו אויך וועט הקב"ה פרובין דיא ישראל ביי דער גאולה אחרונה דרום שטייט יתבררו ויתלבנו ויתצרפו רבים אונ זיי וועלין ווערין מצד הטוב די וואס וועלין ביי שטיין אויף דעם נסיון אונ צוא דיא רשעים וועט מקוים ווערין ואל אדמת ישראל לא יבואו דאס הקב"ה וועט זייא אום ברייגגען שטייט ווייטער אבר והמשכילים יבינו די קלוגע וואס זיי זיינן גיהאלטין אין דעם עץ החיים האט אויף זיי דניאל גזאגט והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע די וואס וועלן קליגן אין דער תורה וואש ער האט איין אחיזה אין דעם עץ החיים זייא וועט מען ניט פרובין נייערט דיא וואש זיינען מצד עץ הדעת טוב ורע אונ די ישראל וועלין אין דעם פאר זוכין פון דעם עץ החיים אונ בזכות וואש זייא וועלין לערנען דיא תורה וועט דיא גאולה קומען מצד הרחמים אין דער צייט וועט אין זייא מקוים ווערין ה' בדד ינחנו אז גאט אליין וועט זייא פירין דאש קיין צד הרוגז וועט שוין ניט זיין צווישין דיא ישראל אונ בייא דער תורה הקדושה וואס הייגט איז דיא תורה הקדושה גישטעלט אין איין לבוש פון סיפורים וואס דריגען איז דא אסור ומותר

כשר ופסול טומאה וטהרה וואס מצד הטוב איז דאס כשר מותר טהור אונ מצד הרע איז דאס פסול אסור וטמא דאס איז ווייל דיא וועלט ווערט היינט גיפירט בדרך טוב ורע אבער לעתיד וועט דער אילן טוב ורע קיין שליטה ניט האבין אויף דיא ישראל דען זייער פרנסה וועט שוין זיין מצד עץ החיים דען וועט שוין אין דער תורה ניט זיין קיין מחלוקת מצד הרע אונ קיין קשיא מצד הטומאה ווארום מחמת דער שליטה פון טומאה ורע פאר שטייט מען ניט רעכט דיא תורה דרום איז פאר האנדין אין דער גמרא מחלוקת אונ קשיות דער פאר שטייט אזו אונ דר-אנדרר פאר שטייט אנדערש אבער בזמן הגאולה וועט מקוים ווערין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ דאש קיין טומאה וועט שוין ניט שולט זיין וועט שוין איטליכר די תורה רעכט פאר שטיין אונ דאש ערב רב מיצ"מ ווילין גאר ניט נחשב זיין גלייך וויא זיי וואלטין גאר אויף דר וועלט ניט גיוועזן זייא ווילין ניט פאר זוכין ופון דעם עץ החיים אויף זייא איז גיזאגט גיווארין דאש וועט זיין דער חילוק צווישין עולם הזה אונ ימות המשיח דאש קיין גלות וועט ניט זיין אבער אנדרע מעלות ווילין זייא ניט האבין וויא די לומדים אנטקעגין זייא איז דער משניות מיט איסור והיתר טומאה וטהרה ניט אנטקעגין דיא תלמידי חכמים דען זייא ווילין פאר שטיין דאש פנימית דאש איז אש טהור אונ ווילין מבוזה ווערין פאר דיא תלמידי חכמים זייא ווילין אנטקעגין זייא זיין וויא אור אנטקעגין חושך דען בייא ישראל שטייט וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים דער חמישים אין טייטש שער החמישים דאס דער יובל מאכט פון דארטין פרייא צוא פופציג יאר דארט איז דער עץ החיים וואש אלע פרייד קומט פון דארט ארויש דרום איז אויף זייא גזאגט גווארין המה יעלו בהר זייא ווילין ארויף גיין אויף דעם בארג סיני אויף זייא שטייט ויסע מלאך האלהים ההולך לפני מחנה ישראל אויך שטייט ואשא אתכם על כנפי נשרים דאש זיינען דיא ענני כבוד ואביא אתכם אלי אבער דער ערב רב זיינען ניט גיוועזן אין דיא ענני כבוד נייערט דיא ישראל אליין אויף זייא שטייט ובני ישראל יוצאים ביד רמה אזו ווילין דיא תלמידי חכמים ארויש גיין אין אלערלייא כבוד אונ וויא אזו עס איז גיזאגט גיווארין אויף דיא עמי הארצים פון דיא יהודים וואס זיינען מצד הטוב ויתיצבו בתחתית ההר אזו ווילין זייא שטיין אונטער דיא צדיקים גלייך וויא איין פערד אונטער זיין האר אונ וויא איין קנעכט אונטער זיין בעל הבית אונ אזו וויא הקב"ה האט צוא זייא גיזאגט בשעת זייא זיינען גשטאנען אונטער דעם בארג סיני וועט איר מקבל זיין די תורה איז גוט אונ אז ניט וועט איר דא בגראבין ווערין אזו אויך וועט הקב"ה זאגין צוא דיא עמי הארצים פון יהודים וואס זיינען מצד הטוב ווילט איר מקבל זיין אויף אייך דיא תלמידי חכמים גלייך וויא איין האר וואס רייט אויף זיין פערד אונ דער קנעכט בייא דינט אים איז גוט אונ אויב ניט וועט איר אלע דא אין גלות בגראבין ווערין אונ דאס ערב רב אזו וויא בייא מתן תורה שטייט וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק דאס זייא זיינען גישטאנען פון ווייטין אזו ווילין זייא לעתיד אויך ווייט זיין פון דער גאולה אונ ווילין זעהען דיא תלמידי חכמים זיינען אלע אין גרויש גוטש אונ גרויש כבוד אונ אז זייא ווילין ווייט זיין דער פון אונ אז זייא ווילין זיך אויך באהעפטין מיט זייא שטייט לא תגע בו יד כי סקל יסקל או ירה יירה אין דער צייט וועט מקוים ווערין דער פסוק ה' בדד ינחנו ואין עמו אל נכר אונ דניאל האט גיזאגט ורשעים בחושך ידמו דאס זיינען דיא ערב רב וואס זיינען נאך פון יציאת מצרים אונ אויף זייא האט דער נביא גיזאגט ואל אדמת ישראל לא יבואו אין זוהר פנחס שטייט ווייטער אויף דער צייט שטייט כה אמר ה' לרועים הפושעים בי דאש זיינען דיא מנהיגים אונ די פרנסי הדור פון דיא ישראל וואש זייא זיינען רשעים אויף זייא איז גיזאגט גיווארין דער פסוק הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדברה ונשפטתי אותם כאשר נשפטתי את אבותיכם דאש זייא ווילין אום קומען במכת חושך ע"כ איז דיא רייד פון משה זאגט רבי שמעון צוא אים דוא רועה נאמן איך בשווער דיך דוא זאלשט ריידין אויבין פון מיינט וועגין דאש הקב"ה זאל געבין רשות מגלה צוא זיין דיא תורה דאש מיט דעם וועל איך דיך אויש לייזין דוא בישט פאר שוועכט איבער דעם חטא פון דיא ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט אויף דיר והוא מחולל מפשעינו דרום וויל איך מיט דיר טאן טובות דורך דיין דיבור זאגט דער רועה נאמן משה צוא רבי שמעון דא בשווער איך דיך בייא דעם שם הקודש ה' דאש דוא זאלשט דיך ניט זאמן מיט דיין כח דען איך בין אין גרוישין צער איך קער מיך כה וכה הין אונ אהער וירא כי אין איש אונ עש איז קיינער ניט דא ער זאל מיר העלפין אויש ציהן מיך פון מיין צער מיט דער קבורה וואש עש שטייט אויף מיר גישריבין ויתן את רשעים קברו דאש זייא ווילין מיך ניט דער קענען דאש איך בין גיווארין צווישין דיא רשעים איך בין נחשב צווישין זייא וויא איין מת דיא תורה אונ דיא תלמידי חכמים זיינען נידריג מבוזה אונ דיא אנשי חיל יראי חטא מוזן ציהן מעיר לעיר אונ מען איז זיך איבער זייא ניט מרחם אונ דוא זאלשט ריידין פאר השי"ת בכל יכולתך צוא ווישן דעם דוחק פון דיא תלמידי חכמים

עד כאן רעיא מהימנא :

איש איש כי תשטה אשתו ומעלה מעל ווארום שטייט צווייא מאל דאש ווארט מעל אלא זיא פעלשט אין איר מאן אונ דיא כנסת ישראל אונ דרום ווייל דיא אשה איז מועל אין דער שכינה דרום שטייט והביא האיש את אשתו אל הכהן דען דער כהן איז דער שושבין אונ דער ליב האבער פון דער שכינה דרום מוז ער זיא דן-זיין דא קען מען פרעגין נאך וואש איז דאש גיוועזן בייא דעם כהן אמער מיר האבין דאך גילערינט אז בייא איין קרבן האט בדארפט אנדער קולין ניט דער כהן דרום ווייל דער כהן האט איין אחיזה אין חסד דרום טאר ער ניט טאן קיין דין אונ ער זאל קוילין דעם קרבן וואלט ער דאך גיטאן איין דין וואלט ער פוגם גיוועזן אין מדת החסד אונ פאר וואש בייא דער סוטה האט ער יוא גיטאן איין דין מיט דיא מים המאררים אלא דער כהן האט דאס גמוזט טאן ווייל ער איז חסד אונ שלום מאכין בין איש לאשתו ער מאכט שלום דורך דיא מים המאררים ווען זיא איז טהור אונ האט ניט חוטא גיוועזן שטייט ונקתה ונזרעה זרע האט זיא דער פאר איין בן זכר אונ דער כהן ווייזט אז ער האט זיא שלא כדין חושד גיוועזן אונ אז זיא האט יוא גיזינדיגט האט דער כהן איר דין ניט גיטאן נייערט דעם שם הקודש וואס ער האט אין דעם וואשער אריין גיטאן אונ דער כהן האט זיא פיל מאל גיפרעגט זיא זאל זיך מודה זיין כדי מען זאל דעם שם הקודש ניט אפ מעקין אין וואשער דרום אז זיא האט דיא וואשער גיטרונקען האט דער שם הקודש גיטאן אין איר דעם דין אבער ניט דער כהן אמר המעתיק דרום שטייט אין פסוק ובאו בה המים המאררים למרים דיא וואשער זיינען גוט אונ זיס גיוועזן נאר אין איר האט דער שם הקודש גימאכט אז זייא זיינען אין איר ביטער גיווארין ווייל זיא האט אין זייא פוגם גיוועזן :

רבי אלעזר הייבט אן אין דער פרשה ויבאו מרתה ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם איך פאר וואונדער מיך אין דער פרשה צוא פאר שטיין די פרשה רעכט ווארום בייא די וואשער פון מרה שטייט שם שם לו חוק ומשפט ושם נסהו אלא דער ענין פון דער סוטה איז גיוועזן אין מרה בייא דער וואשער דען דיא מצרים האבין גיזאגט אז דיא קינדער פון דיא ישראל זיינען פון זייא אונ אויך דיא ישראל האבין זייערע ווייבער חושד גיוועזן אז זייא האבין מזנה גיוועזן מיט דיא מצרים ביז הקב"ה האט זייא גיבראכט צוא דעם ארט מרה בודק צוא זיין זייא וויא איין סוטה מיט דער וואשער דרום שטייט ויצעק משה אל ה' זאגט הקב"ה צו משה וואס ווילסטו עס זיינען כמה מקטריגים ומשחיתים אויף זייא דרום וויל איך בודק זיין די ווייבער פון ישראל דרום שרייב אויף דעם שם הקודש אונ ווארף ארייין אין וואשער אריין וועל איך דער מיט בודק זיין אלע ווייבער אונ דיא מאנען וועלין דא ווארטין כדי עס זאל שוין קיין שם רע ניט זיין אויף מיינע קינדער אונ כל זמן אז איך וועל אלע ניט בודק זיין וועלן איך מיין נאמען אויף זייא ניט מאכין רוען מיד שטייט ויורהו ה' עץ דאס איז דער שם הקודש אונ ער האט אים אריין גיווארפין אין וואשער אריין אונ דעם שם וואס דער כהן האט בודק גיוועזן דיא סוטה דעם שם האט משה אין וואשער פון מרה אריין גיווארפן דרום שטייט שם שם לו חק ומשפט ושם נסהו דען דארטין האט מען גיטאן חוק ומשפט מיט דיא ווייבער אויב דו וועסט פרעגן דאס איז רעכט וואס מען האט בודק גיוועזן די ווייבער אבער נאך וואס האט מען דיזמאנן בודק גיוועזן דען די מאנען האבן דאך אויך גיטרונקן אלא מען האט זיי בודק גיוועזן אויב זיי האבן זיך ניט מטמא גיוועזן מיט די ווייבער פון מצרים דאס איז גיוועזן דיא גאנצע צייט וואס זייא זיינען דארטין גיוועזן אונ זייא זייען גיפונען גיווארין אלע זכאין צדיקים אונ מען האט גיזעהען אז דיא זרע ישראל זיינען קדושים דרום שטייט בייא דער וואשער ושם נסהו דארטין זיינען זייא גיפרובט גיווארין אונ אזו האט דער כהן בודק גיוועזן דיא סוטה מיט דעם שם הקודש אונ אז זיא איז ריין גיוועזן זיינען דיא וואשער אין איר זים גיווארין אונ האבין זיא גיריייניקט אונ זיינען אין איר גיוועזן ביז זיא איז מעוברת גיווארין אונ אז זיא איז מעוברת גיווארין האבין דיא וואשער אין איר דאש קינד שיין אונ ריין גימאכט דאש עש האט אין זיך קיין שום חסרון ניט גיהאט מכל מום שבעולם אונ אז זיא איז ניט ריין גיוועזן זיינען דיא וואשער אין איר פאר קערט גיווארין צוא אשלאנג אונ עש האט פון איר גישמעקט דיא טומאה אונ דיא זוהמא מיט וואס זיא האט מקלקל גיוועזן אונ גיזינדיגט איז זיא ווארין בגריפין אונ עש איז ווארין גיזעהן איר חרפה ובושה פאר אלע זכאה איז דער חלק פון ישראל דאש הקב"ה באגערט אין זייא אונ וויל זייא מטהר זיין :

רבי חזקיה הייבט אן אשתך כגפן פוריה דיא אשה איז גיגליכין צוא איין וויין שטאק אזו וויא איין וויין שטאק קען ניט מקבל זיין קיין הרכבה פון אנאנדער מין דאש היישט אז מען וויל איין זעצין איין צווייג אין אים מוז ער זיין נאר פון דעם מין אבער ניט פון אנאנדער מין בוים אזו איז אויך איין אשה באהעפט זיך נאר אין איר בת זוג אזו וויא איין טויב האלט זיך נאר אין איר בת זוג פוריה זיא בליט אונ ציהט אויש צווייגין אויף אלע זייטין דאש איז ביורכתי ביתך אין דיין הויז זיא זיצט נאר אין שטוב זיא גייט ניט אויף דער גאס כדי זיא זאל חס ושלום ניט קומען לידי מכשול אונ צוא איין חטא : בניך כשתילי זיתים אייערע קינדער וועלין זיין אזו וויא דאש פלאנצין פון איין אייל בירט בוים אזו וויא איין אייל בירט בוים איז שענער פון אלע בוימער דען סייא זומער אונ סייא ווינטער פאר לירט זיא ניט אירע בלעטער אונ זיא איז תמיד שענער פון אלע בוימר אזו וועלין אירע קינדער אויך זיין חשובער פון אלע אונ ניט דאש אליין נאר איר מאן וועט גיבענטש ווערין מיט אלע ברכות למעלה ולמטה מיט עושר אונ בנים ובני בנים אזו וויא דער פסוק זאגט הנה כי כן יבורך גבר ירא ה' אונ ווידער שטייט יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך וראה בנים לבניך שלום על ישראל :

איש כי יפליא לנדור רבי אלעזר הייבט אן מדוע באתי ואין איש וויא גאר זיינען גיליבט דיא ישראל פאר הקב"ה דען וואו זייא זיינען ווערט ער גיפונען מיט זיי אונ ווערט פון זיי ניט אפ גיטאן אזו ווי עש שטייט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם עש שטייט סתם מקדש דען אלע שולין פון דער וועלט היישין מקדש אזו וויא מיר האבין עש אויף אנאנדער ארט שוין מפורש גיוועזן אונ דיא שכינה פעדערט זיך נאך אין בית הכנסת וואול צוא דיא מענטשין וואש ווערין גירופין צום ערשטין אין שול דען זייא זיינען זיך מתקדש מיט דער שכינה צום ערשטין אונ דיא ערשטע צעהען דארפין מיט איין מאל ארייין גיין אין איין צייט ניט איינציג ווייס דען דיא צעהען מענטשין זיינען גלייך אזו וויא איינער דרום דארפין אלע אריין גיין אין איינעם אונ גלייך אזו וויא דער מענטש איז מיט איין מאל באשאפין גיווארין אזו וויא עש שטייט הוא עשך ויכוננך :

איש כי יפליא לנדור וואש מיינט מען כי יפליא דאש היישט ער וועט זיך אפ שיידין פון אנדערע לייט ער זאל זיין הייליג אין גישטאלט פון אויבין אונ צוא גיפונען ווערין גאנץ דען איין מענטש וואש ער קומט זיך מקדש ומטהר זיין איז מען אים פון אויבין מקדש ומטהר ער זאל זיין הייליג אונ ריין אונ מען פאר שפרייט אויף אים דיא אייבערשטע קדושה דאש השי"ת ווערט דורך אים גיהייליגט אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

# פרשת בהעלותך

וידבר ה' אל משה לאמר בהעלותך את הנרות וגו' רבי יהודה זאגט וואול איז דער חלק פון דיא ישראל דאש הקב"ה האט אין זייא באגערט בשעת יציאת מצרים אונ האט זייא דעמאלט גגעבין איין תורת אמת איין עץ חיים דאש דורך דער תורה ירשנין דיא ישראל חיים בעולם הזה ובעולם הבא דען דער וואש ער באהעפט זיך אונ איז עוסק אין דער תורה דער האט דאש לעבין אונ ווער עש שייד זיך אפ פון דער תורה דער שייד זיך אפ פון זיין לעבין דען זיא אונ אלע אירע רייד זיינען כולו חיים חיים הם למוצאיהם אויך שטייט רפאות תהי לשרך ער זאגט ווייטער סודות רבי אבא זאגט עס שטייט אשרי העם יודעי תרועה ה' באור פניך יהלכון וואול צוא זייא וואש הקב"ה האט זייא גיגעבין דיא הייליגע תורה אונ האט זיי גילערינט איר וועג זיי זאלין זיך אין איר באהעפטין צוא היטין דיא תורה ומצות דען דורך דעם איז ער זוכה לעולם הבא אונ האט זייא ארויש גיצויגין פון מצרים פון דעם רשות הטומאה אונ האט זייא מקרב גיוועזן צוא זיך זייא זאלין ווערין אן גיהאלטין אין זיין נאמען וואש ער איז שולט על עליונים ותחתונים אונ מחמת גרויש ליבשאפט האט ער זייא דעמאלט גירופין בני בכורי ישראל זייא זיינען אין

גישטאלט פון דער קדושה עליונה אונ האט צוא בראכין דיא כוחות הטומאה פון מצרים אונ האט אויף גיבונדין דיא קניפין וואש די מצרים האבין זייא פאר בונדין מיט כישוף אז זייא זאלין ניט קענען ארויס גיין פון מצרים דרום האט הקב"ה גיהרגית אלע בכורים פון מצרים מיט זייערע כוחות וממונים של מעלה אונ די מכה האט הקב"ה ניט גיוואלט טאן דורך איין מלאך אדער איין שרף ווארום קיין מלאך האט ניט גיקאנט ווישין וועלכער עש איז איין בכור אונ ווידער קיין מלאך האט ניט גיקענט אויף בינדין דאס פאר בינדונג וואס זיי האבן פאר בונדין דרום האט הקב"ה אליין גימוזט דאס טאן • קום אונ זעה דיא נאכט פון מכת בכורות האבין דיא מלאכים גיוואלט שירה זאגין אז זייער צייט פון שירה איז גיקומען האט הקב"ה צוא זייא גיזאגט היינט איז ניט דיא צייט איר זאלט שירה זאגין דען מיינע קינדער זאגין אונטין איין אנדער שירה אונ אז עש איז גיקומען האלבע נאכט האט זיך דער וועקט דער צפון ווינט אונ הקב"ה האט גיטאן נקמות אין מצרים אונ דיא ישראל האבין אונטין גיזאגט שירה והלל מיט אגרויש קול אין דער צייט זיינען זיי גיווארין פרייא פון אלדינג. אונ אלע מלאכים אונ חיילות האבן פאר נומען דאש קול פון דיא ישראל דער נאך אז זייא האבין זיך מל גיווען אונ זיינען גיצייכינט מיט דעם דם מילה אונ דם פסח אויף דעם אייבער שטידיל אונ אויף דיא צווייא מזוזות אונ אז דער משחית האט גיזעהען דעם צייכין האט ער אויף זייא קיין שליטה ניט גיהאט ווארום הקב"ה האט אויף זייא חס גיהאט אזו וויא עש שטייט ופסח ה' על הפתח אויב דוא וועסט פרעגין ווארום שטייט ולא יתן המשחית איז משמע דר משחית האט גישלאגין אמער הקב"ה אליין האט דאך גישלאגין די בכורים נארועש שטייט והי' הכה כל בכור שטייט והי' מיט איין ואו ווייזט דאש אז הקב"ה מיט זיין בית דין איז גיוועזן אין מצרים דרום האט מען גימוזט צייכענען אויף איטליכער שטוב מיט דעם דם פסח ומילה כדי דיא וואש זיינען גיוועזן מיט הקב"ה זאלין זייא ניט מזיק זיין ישראל דען בייא אלדינג דארף זיין מעשה מען זאל דורך דעם ניצול ווערין פון די מקטריגים אזו אויך אויף דעם מזבח איז אויך גיוועזן איין מעשה וואש מען האט אויף אים גישפריינגט דאש בלוט פון דעם קרבן כדי דיא מקטריגים זאלין ניט קענען מקטרג זיין דורך דער מעשה אבער אום ראש השנה וואש איז איין יום הדין אונ אלע בעלי לשון הרע דיא מקטריגים שטייען אלע אויף ישראל מקטרג צוא זיין דעמאלט דארף מען ניט טאן קיין מעשה נייערט מיט דבור תפלה ובקשה אונ מען מוז ווייזין התעוררות מיט דעם רוח ונפש דאש איז מיט דעם שופר אזו וויא מיר האבין שוין מפורש גיוועזן דאס מיט דעם שופר למטה דער וועקט מען דעם שופר גדול למעלה וואש אלע רחמים קומען ארויש פון אים וואש דער מיט ווערין צוא בראכין אלע בעלי דינים אונ מקטריגים אונ זייא האבין דעם טאג קיין שליטה ניט. אונ אז מען דער וועקט דעם רחמים פון אויבין אזו ווערין דער וועקט אלע אורות דיא ליכט לייכטין פון אלע זייטין אין דער צייט איז באור פני מלך חיים קום אונ זעה בשעת דער כהן גדול האט זיך מכוין גיוועזן אן צוא צינדין דיא מנורה אונ דער נאך האט ער מקטיר גיוועזן דיא קטורת הסמים אזו האט עש דער וועקט למעלה דאש אלע אורות זיינען דער לויכטין גיווארין אונ עס איז אלין מקושר גיווארין באנאנד אין דער צייט איז גיפונען גיווארין ששון ושמחה אין אלע עולמות אזו וויא עס שטייט שמן וקטורת ישמח לב דרום שטייט דאס לשון בהעלותך את הנרות עס וואלט גידארפט שטיין בהדלקתך לשון אן צינדין ניט לשון אויף ברייננגען נאר מיט דעם וואש ער האט אונטין אן גיצונדין דיא מנורה האט ער אויף גיבראכט דאס התעוררות אויבין דען עס איז אלץ גישטעלט גיווארין למטה אנטקעגין דעם משכן של מעלה דרום זאגט ער אל מול פני המנורה דיא מנורה של מעלה איז גישטעלט אנטקעגין דיא מנורה של מטה בשעת דער כהן האט זיא אן גיצונדין יאירו שבעת הנרות האט ער דער מיט דער לייכט דיא שבעה נרות מעלה :

רבי אלעזר מיט רבי יוסי ורבי יצחק זיינען גיגאנגען אין וועג זיינען זייא גיקומען צום הרי חושך וויא רבי אלעזר הייבט אויף זיינע אויגין האט ער דער זעהן די הויכע פינצטערע בערג זייא זיינען במורא גדול זאגט רבי אלעזר וואלט מיין פאטער דא גיוועזן וואלט איך מיך גאר ניט גיפארכטין אונ היינט אויך ווייל מיר זיינען דרייא מענטשין וועל איך מיך אויך ניט פארכטין פון צוא האבין דא איין דין זאגט ער צוא זייא וויא ליב זיינען דיא דברי תורה דען איטלעכש ווארט אין דער תורה איז גרוישע סודות ורזין עליונים אונ דיא תורה איז דער כלל העליון אונ מיר האבין גילערינט דיא תורה ווערט גידרשית מיט דרייצעהען מדות איינש פון זייא איז כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל ללמד לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא איין זאך וואס איז גיוועזן אין כלל פון אלע אונ עס איז ארויש גיגאנגען פון דעם כלל אויף איינע זאך ווייזט עס מיר אויף דעם גאנצין כלל אזו אויך דיא תורה איז איין כלל פיל סודות גדולות אונ תאמשי איין זאך איז ארויש גיגאנגען היינו עס שטייט איין סיפור המעשה אדער עפעס אנדערע רייד איז דאך דיא מעשה ארויש גיגאנגען פון דעם כלל פון דער תורה דען מענטשין מיינען דיא תורה דער ציילט זייא איין מעשה אונ ווייטער מיינט ניט דיא תורה נאר אזו וויא עש שטייט פאר אים • אונ באמת לא ללמד על עצמו יצא עס איז ניט ארויס גיגאנגען פון דעם כלל פון דער תורה וואס זיא איז אין גאנצין גרוישע סודות צוא ווייזין אויף זיך אליין דאס הייסט נאר דיא מעשה וואס ווערט דער ציילט ניט מער נאר עס קומט צו ווייזין על הכלל כולו יצא אויף דעם גאנצין כלל דאס זיי זיינען גרוישע סודות דהיינו עס שטייט אין פסוק ותנח התיבה בחודש השביעי בשבעה עשר יום לחודש על הרי אררט דא איז דר פסוק ארויש גיגאנגען פון דעם כלל פון דער תורה וואש זיא איז גרויסע סודות אונ דא דער ציילט זיא נאר איין מעשה בעלמא וואש קומט אונז ארויש וואו דיא תיבה האט גירוט אויף דיא בערג אדער אויף אנדערע בערג נאר דאש איז ארויס גיגאנגען פון דעם כלל ללמד על הכלל כולו יצא צוא לערנען אונז מיר זאלין גלייבין אזו וויא דיא גאנצע תורה איז דער כלל עליון סודות הגדולות אזו דאש איז אויך גרוישע סודות • פיל זוכה זיינען דיא ישראל מען האט זייא גיגעבין דיא תורה עליונה וואש זיא איז תורת אמת קום אונ זעה צוא איין שר איז אויך קיין כבוד ניט צוא ריידין אזעלכע פראסטע רייד ומכל שכן אויף צוא שרייבין על אחת כמה וכמה באלף אלפי אלפים הבדלות דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא דאש ער וואלט זיך גיקענט מאכין איין תורה פון פיל היילינע זאכין של מעלה ניט צוא שטעלין פראסטע רייד צוא מאכין דער פון איין תורה דהיינו דיא רייד פון הגר אונ פון עשו אונ פון לבן מיט יעקב דיא רייד פון בלעם אונ בלק אונ פון זמרי בן סלוא דעסט גלייכין אנדערע רייד אונ סיפורים וואס שטייען אין דער תורה אונ פאר וואס הייסט זיא תורת אמת תורת ה' תמימה

משיבת נפש עדות ה' פקודי ה' יראת ה' מצות ה וגו' אויך שטייט הנחמדים מזהב ומפז רב וויא גישיקט זיך דאש לשון זאל שטיין אויף אזעלכע סיפורי דברים נאר דיא תורה הקדושה היישט בוודאי רעכט תורת ה' תמימה אין איטליכין דיבור פון איר איז מרומז אנדערע סודות אזו וויא מיר האבין גיזאגט · קום אונ זעה דעם פסוק ותנח התיבה איז אזו גילערינט גיווארין דען דאס ווייזט אויף אנדערע זאכין אויך בחודש השביעי דאס איז ראש השנה דאס דענשט מאל דר וועקין זיך דינים אויף דר וועלט אונ הקב"ה זיצט על כסא דין צוא משפטין דיא וועלט אויף זייערע מעשים אונ דרום ווערט אן גירופין דער כסא דין תיבה דען דרינן איז אליך דא אזו וויא אין דער תיבה אזו אויך איז דרינען דא אלערלייא בריב פאר בארגין אין דעם אוצר המלך וואס דרינען איז פאר צייכינט אלע זאכין · אלע ספרים וואס ווערין גיעפינט זיינען פאר בארגן דרום ווערט דארט גאר ניט פאר געסין אונ דער כסא דין איז אן גיברייט אום ראש השנה וואס ער איז איין יום הדין דעם טאג ווערט דיא גאנצע וועלט דארט גידאכט דרום זאגט דער פסוק ותנח התבה דער כסא דין טוט רוען אום ראש השנה על הרי אררט דאס זיינען דיא אונטער לענער פון דעם כסא הדין דאס איז דיא שרי הדינים דיא שרים פון יללה ויבכה דאס איז לשון קלאגין דיא דער וועקין זיך אונ זיינען שכיח פר הקב"ה דעם טאג אונ אלע בעלי תריסין דאס היישט דיא וואס גייען מיט כלי זיין דער וועקין זיך דעם טאג אונ שטייען אלע פאר הקב"ה אונטער דעם כסא הדין צוא טאן דין אויף דער וועלט אונ דיא ישראל זיינען דעם טאג מתפלל תפלות מיט בקשות ותחנונים פאר הקב"ה אונ בלאזין שופר האט הקב"ה רחמנות אויף זייא אונ פאר קערט דעם דין צוא רחמים אונ אלע עליונים ותחתונים הייבין אן צוא שרייען אונ זאגין אשרי העם יודעי תרועה אונ דרום מוז מען האבין דעם טאג איין בעל תוקע וואס ער זאל ווישין דיא סודות פון דעם בלאזין וואס דיא כוונה דער פון איז אונ זאל קענען רעכט מבין זיין בתרועה אונ זאל זיין זאך טאן בחכמה אונ דרום שטייט אשרי העם יודעי תרועה אונ עס שטייט ניט שומעי תרועה וואס זייא הערין בלאזין נייערט יודעי תרועה וואס זייא ווייסין וואש דאס בלאזין בטייט דאס הייסט ער זאל קענען דער וועקין מיט זיין כוונה אויבן צוא פאר קערין דעם דין צוא רחמים דורך דעם בלאזין אזו וויא מיר האבין דאש מפורש גיוועזן אויף אנדער ארט · זייא גייען אזו אנאנצין טאג וויא עס איז שפעט גיווארין פאר נאכט קומען זייא אויף איין ארט אונ זעהן דארטן איין מערה זאגט רבי אלעזר לאז איינער פריער ארייון גיין אונ זעהן אויב דאס איז אזו איין ארט וואס עס איז אן גיברייט פאר אונז אלע אזו גייט ארייון רבי יוסי אונ זעהט אז דארט איז דא נאך איין היול אונ איין ליכט איז דארט אונ הערט איין קול עס זאגט בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות וגו' העלה נרותיה אונ זאגט דרויף גרוישע סודות וואס מען קען ניט ארויס שרייבין · רבי יוסי הערט עס אונ פרייט זיך זייער אונ דער ציילט דאס צוא רבי אלעזר זאגט רבי אלעזר מיר וועלין ארייון גיין דען הקב"ה האט אונז מקדים גיוועזן צוא טאן נסים היינטיגין טאג זיינען זייא ארייון גיגאנגען זעהן זייא דארט וויא צווייא לייט זיינען עוסק בתורה זאגט רבי אלעזר מה יקר חסדך אלהים ובצל כנפיך יחסיון זייא זיצין זיך אונ זיינען זיך אלע משמח זאגט רבי אלעזר וויא גאר ווירדיג זיינען די גינאד פון הקב"ה וואס איך האב דא היינט גיפונען ציגד אן דיא ליכט צוא דער לייכטין מיט דיין תורה הייבט רבי יוסי אן בהעלותך את הנרות עס איז גיטאן גיווארין צווייא מצות

אײנש נאך דעם אנדערין הדלקת נרות אונ קטורת דאס זיינען גרוישע סודות דאש מיט דעם התעוררות למטה איז דער לייכט גיווארין דיא שכינה מיט פיל ברכות בכל העולמות :

וידבר ה' אל משה במדבר סיני וגו' ויעשו את הפסח במועדו פרעגט רבי אבא מען האט דאך זייא שוין אן גיזאגט ביציאת מצרים אויף דעם פסח וואס בדארף מען זייא דא נאך אמאל אן זאגין אלא דא שטייט בשנה השנית ווייל דיא ישראל האבין גימיינט די מצוה פון פסח איז גאר גיוועזן אין מצרים אבער ניט לדורות דרום האט ער זייא דאס אנדערע יאר אן גיזאגט אויף לדורות אונ ער זאגט גרוישע סודות אויף בחודש השני זאגט רבי שמעון וויא צוא דיא לייט וואס זאגין אז דיא תורה איז נאר ספורי דברים פון פראסטע לייט דען אזעלכע תורות קען איטליכער מאכין מיט אגרעשערין שבח אונ דיא תורה וויל אונז דער ציילין וואש עס איז גיוועזן האבין דאך שרים ומלכים אויך ספורים אונ דברי הימים וואס האט זיך גיטאן פאר צייטין אם כן לאז מען דער פון מאכין איין תורה · אלא קום אונ זעה דער עולם העליון אונ דער עולם התחתון איז איינש אנטקעגין אנדערין דיא צדיקים אונטין זיינען אנטקעגין דיא מלאכים אויבן · בייא דיא מלאכים שטייט עושה מלאכיו רוחות דאס איז נאר למעלה אבער אז דער מלאך וויל אראפ גיין אין דעם עולם מוז ער זיך מתלבש זיין אין איין לבוש וואס איז אין גישטאלט פון דער וועלט אבער אן דעם לבוש קען ער ניט זיין אויף דער וועלט אונ דיא וועלט קען זייא ניט פאר נעמען אונ אזו איז בייא מלאכים איז שוין אכל שכן דיא תורה וואס מיט איר האט הקב"ה אלע עולמות בשאפין אונ אלע עולמות האבין נאר איין קיום דורך דער תורה דורך אירע גרוישע סודות אונ שמות הקדושים ממילא אז זיא האט בדארפט אראפ גיין אויף דער וועלט זיא זאל זיך ניט גיוועזן אן קליידין מיט דעם מלבוש פון דיא סיפורי מעשיות ודברים וואלט זיא דיא וועלט ניט גיקענט פר טראגין מחמת גרויס רוחניות דרום זיינען די סיפורים נאר דער לבוש פון איר אונ דער וואס מיינט אז דער פשוטער פשט איז די גאנצע תורה איז ער גינארט אזו וויא דער גוף פון דעם מענטשין איז גאר איין לבוש צוא זיין רוח אונ אז זיין רוח גייט ארויס איז אין זיין גוף גאר ניט דא קיין ממשות דען דיא מעלה פון דעם גוף איז נאר אז דער רוח איז מיט אים אזו אז ער מיינט אז דער לבוש פון דער תורה איז דער עיקר אונ עס איז-דרינען ניט דא קיין פנימיות האלט ער נאר חשוב דעם לבוש וואס ער איז אגוף ניט דיא סודות וואס זיי זיינען די נשמה דרום איז זיין עונש גרויש מדה כנגד מדה אזו בלייבט זיין גוף עפר ואפר דר לבוש אן דר נשמה דען דיא תורה איז גישטעלט מיט אברים אזו וויא דער מענטש אזו וויא עס שטייט אויבין אין פרשה בראשית דרום האט דוד המלך גיבעטין גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך דוא זאלשט אנטפלעקין מיינע אויגין זייא זאלין זעהן צו פאר שטיין וואס אונטער דעם לבוש פון דער תורה דאס איז דאס פנימיות דער פון למשל דיא תורה זאגט בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ צום ערשטין האט השי"ת בשאפין הימיל אונ ערד דאס איז נאר דר מלבוש פון דיא ספורי דברים אבר דאס פנימיות דער פון איז מרמז וויא הקב"ה האט בשאפין דיא מדריגות עליונות אונ די מדריגה היישט ראשית דיא מדריגה היישט אזו איין שם אונ חוץ דעם פנימיות איז דא נאך מער פנימיות היינו דיא צרופי שמות וואש זייא גייען ארויש פון דיא פסוקים היינו שם ע"ב אונ אנדערע שמות וואש גייען ארויש פון דער פרשה דעשט גלייכין ויצא יעקב מבאר שבע איז דער

פשוטר פשט נאר אסיפור יעקב איז ארויס גיגאנגען פון דער שטאט באר שבע צוא גיין קיין חרן אזו וויא דער אמת איז גיוועזן אבר דאס פנימיות דער פון איז גאר אנדערש עס איז למעלה אזעלכע שמות עולמות מדות הקדושות דאס איז איינש מיט דעם פסוק ונהר יצא מעדן להשקות את הגן דאס איז אלץ דיא עולמות עליונות דאס איינש האט אח[illegible]ה אין דעם אנדערין אונ דיא תורה רעט כפשוטו אזו וויא עס איז גיוועזן אבער זיא מיינט מען זאל פאר שטיין ווייטער וויא דאס אלץ גייט למעלה דרום שטייט כי לא דבר רק הוא דיא תורה איז ניט קיין ליידיגע זאך אונ אז דוא מיינשט אז זיא איז טא ליידיג מכם איז דאש נאר פון אייך ווייל איר פר שטייט ניט אונ דרום שטייט דאס לשון רק דאס מיינט מען עס איז נאר איין ג ף וואס איז ליידיג אן איין נשמה׳ קום אונ זעה דאס מלבוש ווערט גיזעהן צוא אלע אונ דער נפש רוח ונשמה זעהט מען ניט וואש פאר איין חשיבות איז אין דרינען אונ עס איז פאר האנדין אזעלכע לייט וואס זייא פאר שטייען אין גוף דיא שבע פנימיות פון דעם מענטשין נאך זיין נשמה נאך אזו וויא יתרו האט גיזאגט צוא משה ואתה תחזה מכל העם דוא ווערשט פאר שטיין אין הכמת הפרצוף אזו וויא עס שטייט אויבין אין פרשה יתרו אז מען קאן פאר שטיין אין דעם גוף פון דעם מענטשין אזו אויך דיא תורה האט איין גוף אונ עש איז פאר האנדין דברי תורה וואס זייא היישין גופי תורה וואס זייא זיינען זיך מתלבש אין דיא ספורים׳ אונ דיא נארין בגערין נאר צוא פאר שטיין דעם מלבוש פון דיא ספורי דברים אליין אונ ניט וואס אונטער דעם מלבוש אונ דיא וואש זיינען קליגער דיא זעהן צוא פאר שטיין דעם גוף וואש אונטער דעם מלבוש איז אונ דיא וואש זיינען נאך קליגער דיא זיינען עבדי מלך עליון דיא וואס זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני זייא זעהן נאר דיא נשמה דאש פנימית פון דער תורה דאס איז דער עיקר אלע סודות דאס איז דיא רעכטע תורה אונ לעולם הבא וועט מען פר שטיין דאש רעכטע פנימית דאס איז וויא איין נשמה צוא דער אנדערר נשמה אזו זיינען אלע מדריגות עליונות איינש צוא דעם אנדערין אונ אזו וויא איין מלבוש דאש דיא שמים מיט אלע חיילות של מעלה אונ אלע מדריגות זיינען נאר אזו וויא מלבושים צוא דעם כבוד פון הקב״ה אויך ביא דיא נשמות איז איינע צוא דער אנדערער איין לבוש דאש ניט איטליכער קען דאס פאר שטיין אונ איינש איז אן גיהאלטין אין דעם אנדערין׳ ווייא צוא דיא רשעים וואס זאגין אז דיא תורה איז נאר ספורי דברים אליין אונ בגערין נאר צוא לערנן דעם מלבוש אליין ניט מער׳ פיל זיינען זוכה דיא צדיקים וואש זיינען מסתכל אין דער תורה וויא עס דארף צוא זיין אזו וויא מען האלט טייערין וויין אין איין כלי אזו אויך ווערט די תורה דר קענט אונ גהאלטין דורך אירע מלבושים אונ ספורי דברים אונ דרום מוז מען פאר שטיין אז די מלבושים דעקין צו דאס פנימית וסודות התורה:

ויעשו בני ישראל את הפסח במועדו זאגט רבי יוסי פון דעם ווארט ויעשו לערנן מיר אפ אז איטליכער וואס טוט אונטין איין מצוה וויא עס דארף צוא זיין איז גלייך וויא ער וואלט גיטאן אויבין כביכול דען מיט דר מעשה למטה ווערט דער וועקט למעלה אזו וויא אויבין שטייט:

איש איש כי יהיה טמא לנפש ווארום שטייט מיר צווייא מאל איש נאר דאש ווייזט איין מענטשין אז עש קען זיין ער זאל מקבל זיין דיא נשמה הקדושה העליונה אונ זאל זיא מטמא זיין אונ ער איז דאס זיך גורם אז דיא שכינה מיט דער נשמה גייען אוועק פון אים אונ רוען ניט אויף אים דרום שטייט מיר צווייא מאל צוא ווייזין אז ער איז איין מענטש וואס איז ראוי אז עס זאל אויף אים רוען דיא קדושה עליונה אונ ער אליין האט זיא מטמא גיוועזן קען מען אויף אים ניט מאכין רוען דיא קדושה עליונה:

וביום הקים את המשכן כסה הענן וגו׳ רבי חייא זאגט עס שטייט פזר נתן לאביונים וצדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד דער פסוק ווייזט אונז ווער עש צוא שפרייט זיין געלט אויף צדקה אזו וויא עס שטייט יש מפזר ונוסף עוד ווער עס איז מפזר זיין געלט אויף צדקה ווערט אים גימערט נאך מער געלט אונ לעבין דרום ווייל דער עני איז חשוב וויא איין מת אונ ער איז אויף אים מושך דעם כח החיים מלמעלה דרום ווערט ער גיבענטשט אונ עש איז איין שמחה אין אלע עולמות דר כח הדין וואש איז שולט אין דעם עני ווערט אונטער טעניג דורך דער צדקה:

## פרשת שלח

וידבר ה׳ אל משה לאמר שלח לך אנשים רבי יהודה זאגט עס שטייט כצנת שלג ביום קציר ציר נאמן לשולחיו ונפש אדוניו ישיב דאש איז טייטש אזו וויא דיא קעלט פון שנייא איז גוט צוא דעם וואס שנייט תבואה אין פעלד ער האט דער פון גרויש הנאה אזו איז איין שליח נאמן צוא דעם וואש ער שיקט אים דאס זיינען גיוועזן פנחס מיט כלב וואס יהושע האט זייא גישיקט פר מרגלים ונפש אדוניו ישיב זייא האבין גורם גיוועזן אז די שכינה זאל רוען אויף דיא ישראל אונ האט זיך פון זייא ניט אפ גיטאן׳ אבער דיא אנדערע מרגלים וואס משה האט גישיקט האבין גורם גיוועזן איין בכיה לדורות דאס היישט איבער זייא איז דאס בית המקדש חרוב גיווארין נאך האבין זייא גורם גיוועזן דאש כמה אלפים ורבבות מישראל זיינען אויש גישטארבין אין דער מדבר אונ דיא שכינה האט זיך פון זייא אפ גיטאן:

רבי חזקיה מיט רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג זאגט רבי יוסי צוא רבי חזקיה איך זעה אין דיין פנים אז דו טושט עפעס טראכטין זאגט ער צוא אים בוודאי טראכט איך אין דעם פסוק וואס שלמה המלך האט גיזאגט כי מקרה האדם ומקרה הבהמה מקרה אחד להם כמות זה כן מות זה וגו׳ כי הכל הבל מיר האבין גילערינט אז אלע רייד פון שלמה זיינען בהאלטין מיט גרויש חכמה אונ לסוף קענען זיך דיא אפיקורסים טועה זיין אין דעם פסוק זאגט ער עס איז בוודאי רעכט מען זאל אין דעם קלערין וואס שלמה האט גימיינט דער ווייל האבין זייא גיזעהן וויא איינער איז צוא זייא גיקומען אונ בעט פון זייא איין טרונק וואשער ער איז זייער מיד פון דער היץ וואס דיא זון האט אים גיברענט זאגין זייא צוא אים ווער בישטו זאגט ער איך בין איין יהודי זאגין זייא צוא אים אפשר האשטו זיך גימיט אין דער תורה זאגט ער צוא זיי איידער איך זאל מיט אייך דא ריידין וועל איך בעסער ארויף גיין אויף דעם בארג טאן א טרונק וואשער ווארום איך בין זייער דארשטיג׳ נעמט רבי יוסי ארויש איין לאגיל מיט וואשער אונ זאגט אים טרינק דער ווייל דאס וואשער דער נאך וועלין מיר מיט דיר ארויף גיין אויף דעם בארג נאך וואשער טרינקען האט ער גיטרונקען דער נאך זיינען זייא מיט אים ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג אונ האבין דארטין גפונען איין לויטערין קוואל וואשער האבין זייא אן גיגאסין דעם לאגיל מיט וואסער אונ זעצין זיך דארטין אנידער זאגט ער צו זייא אצונד פרעגט מיך עפעס דען איך האב עוסק גיוועזן

בתורה דורך מיין זון אונ איך בין מיט אים גיגאנגען צוא זיין רבי זאגט רבי חזקיה אויב עס איז דורך דיין זון איז בוודאי זייער גוט נאר אונזער קשיא וואס מיר האבין גיפרעגט אויף דעם פסוק כי מקרה אדם וגו' מוזין מיר איין אנדערין פרעגין גיט דיך זאגט ער צו זייא איר מעגט מיר אויך זאגין דען איין מאל גיפינט מען איין פעריל מיט איין אבן טוב אין איין זעקיל פון איין ארומאן · האבין זייא אים גיזאגט דעם פסוק מיט דער קשיא זאגט ער צוא זייא מיט וואש זייט איר דען אפ גישייד פון אלע מענטשין אז איר ווייסט ניט דעם פשט זאגין זייא צוא אים זאג דוא אונז דעם פשט זאגט ער צוא זייא דעם פסוק האט שלמה ניט גיזאגט פון זיינט וועגין אזו וויא ער האט אלע פסוקים גיזאגט נייערט ער זאגט אז דיא טפשים מיט דיא נארין ריידן אזו דען זייא קוקין ניט אין דער תורה אונ זאגין אז דיא וועלט איז נאר במקרה דען חלילה הקב"ה איז ניט משגיח אויף אלדינג נייערט עס איז איין טרעפונג צוא דער בהמה אונ צוא דיא מענטשין אז שלמה האט דאס דער זעהען האט ער זייא אן גירופין מיט דעם נאמען בהמה ווייל זייא זיינען ניט פאר שטאנדיג זיינען זייא גלייך מיט איין בהמה אונ ריידין אזעלכע נארעשע רייד דרום זאגט ער פריער אמרתי אני בלבי איך האב מיר גטראכט על דברת בני אדם לברם דאס זייא זיינען ניט גלייך וויא אנדערע לייט וואס האבין אמונה אין הקב"ה אונ דיא נארין וועדליג זייער שכל זיינען זייא גלייך מיט בהמות דרום זאגט ער ולראות שהם המה בהמה להם זיי ווייזין אויש וויא די בהמות ווייל זיי זאגין עס איז אליץ במקרה עס איז איין טרעפונג צוא דער בהמה אונ צו די מענטשין עס איז אליץ גלייך ווייל זיי זיינען אין זייערע אויגן אליין ווי איין בהמה מחוסר אמונה ווייי צוא זיי ווייי צו זייער נפש עש וואלט זיי בעסר גוועזן זיי זאלן גאר אויף דר וועלט ניט גיקומען אויף זייער שטות ענטפערט שלמה ווייטער אונ זאגט מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היורדת היא למטה לארץ

ווער ווייסט דאש צווישין דיא נארין דען זייא ווייסין ניט דעם כבוד פון הקב"ה מלך עליון אונ דעם כבוד פון דער תורה ווייסין זייא אויך ניט אז זייא זאלין ווישין אז דער רוח פון דעם מענטשין גייט ארויף גאנץ הויך למקום הקודש מקום העליון צוא גישפייזט ווערין פון דעם אור העליון פון דעם מלאך הקודש צוא זיין בצרור החיים ער זאל גיפונען ווערין בייא הקב"ה אונ אז זיא איז זוכה ברייגנט זיא מיכאל כהן גדול ארויף פאר איין מתנה צוא הקב"ה פאר איין קרבן אבער דער רוח הבהמה נידערט אראפ אין דער ערד אין דעם ארט וואו זיא איז פריער גיוועזן אבער דער מענטש איז דאך בצלם אלהים אזו וויא עש שטייט כי בצלם אלהים עשה את האדם אויך שטייט נר אלהים נשמת אדם אונ וויא אזו זאלין דיא נארין זאגין אז עש איז איין רוח אונ זייא ווילין ניט דער קענען זייער מדריגה דאש זייא האבין איין רוח מלמעלה אויף זייא איז גיזאגט גיווארין יהיו כמוץ לפני רוח זייא וועלין זיין אזו וויא פלאווע וואס דער ווינט בלאזט זיא אוועק ומלאך ה' דוחה דער מלאך וואס איז ממונה אויף דיא נשמות זאל אים אראפ שטויסין אין דר מדריגה התחתונה פון דעם גיהנם ער זאל שוין ניט קענען ארויף קומען לדורי דורות אויף זייא שטייט יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם ברכי נפשי את ה' הללויה וויא רבי יוסי מיט רבי חזקיה האבין דער הערט דיא תורה פון דעם מענטשין זיינען זייא גיקומען אונ האבין אים גיקושט אויף זיין קאפ אונ זאגין אזו פיל תורה איז פאר האנדין אין דיר אונ מיר האבין דר פון גאר ניט גיוואושט · פיל זוכה איז דיא שעה וואס מיר האבין דיך באגעגינט זאגט ער צוא זייא ניט דאש אליין האט שלמה גיזאגט · ער האט נאך גיזאגט ווייטער זה רע בכל אשר נעשה תחת השמש כי מקרה אחד לכל ווער עש זאגט אזו וויא אויבין שטייט הייסט ער רע דאש ער האט קיין חלק ניט לעולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע · קום אונ זעה הקב"ה האט גיזאגט ובחרת בחיים למען תחיה דו זאלשט לעבין בעולם הזה ובעולם הבא אונ אז דיא רשעים זאגין אז איין מענטש מיט איין בהמה איז גאר גלייך וויא אזו קענען זייא האבין איין חלק לעולם הבא · זאגין זייא צוא אים אויב דוא ווילשט גייא מיט אונז בחברותא זאגט ער איך זאל אזו טאן וואלט מיך דיא תורה אן גירופין כסיל איין נאר · פאר וואש ווארום איך בין איין שליח · אונ שלמה המלך האט גיזאגט מקצה רגלים חמס שותה שולח דברים ביד כסיל נמצא וועל איך ווערין גירופין כסיל קום אונ זעה דיא מרגלים ווייל זייא זיינען ניט גיוועזן קיין בני אמונה ערליכע שלוחים · זיינען זייא גווארין מתחייב בנפשו בעולם הזה ובעולם הבא · האט ער זיי גיקושט אונ איז אוועק גיגאנגן אז זייא זיינען ווייטער גיגאנגען האבין זייא באגעגינט מענטשין גייען אנטקעגין האבין רבי יוסי מיט רבי חזקיה זייא גיפרעגט אויף דעם מענטשין ווער ער איז אונ וויא איז זיין נאמען זאגין זייא דאס איז רבי חגי איינער פון דער חבריא האבין די חבריא אים גישיקט ער זאל אפ זוכין רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין חבריא זאגט רבי יוסי וודאי איז דאס רבי חגי וואס ער האט כל ימיו ניט גיוואלט מען זאל ווישין וואס ער קען · אונ דרום האט ער אונז גיזאגט אז זיין זון האט אים מזכה גיוועזן אין דער תורה ער איז איין שליח נאמן זכאה איז ער זכאה איז דער וואס ער האט אים גיקושט · קום אונ זעה אליעזר עבד אברהם איז גיוועזן פון דיא קינדער פון כנען וואס בייא אים שטייט כנען בידו מאזני מרמה אונ עס שטייט ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו אונ ווייל ער איז גיוועזן איין שליח נאמן שטייט בייא אים בוא ברוך ה' אויב דוא וועסט מיינען דאס האט נאר לבן גירעט אבער דאס איז ניט גיוועזן משמים נאך וואס זאל דאס שטיין אין דער תורה אלא ער איז דאש מאל ארויש גיגאנגען פון דעם כלל פון ארור כנען אונ איז גיקומען לכלל ברוך אונ איז גיבענטשט גיווארין בשם הקב"ה אונ מיר האבין גילערינט אז איין מלאך איז גיקומען אונ ער האט אריין גיטאן אין מויל פון לבן דיא ווערטער בוא ברוך ה' דרום ווייל ער איז גיוועזן איין נאמן אין זיין שליחות צוא אברהם דרום איז ער גיקומען לכלל ברכה :

וישלח אותם משה וגו' כלם אנשים זייא זיינען גיוועזן באותו שעה זכאים אונ עלצטע פון דיא ישראל נייערט זייא האבין אין זיך אשלעכטע עצה גינומען אויף זיך זעלבערט זייא האבין גיזאגט ווען מיר וועלין אצונד אריין גיין קיין ארץ ישראל וועט אונז משה אפ זעצין פון אונזער נשיאות אונ וועט מאכין נייע עלצטע דרום האבין זייא גורם גיוועזן מיתה צוא זיך אונ צוא דיא אלע וואש האבין פאר נומען זייערי רייד אונ משה האט גיזעהן אז זייא וועלין ניט מצליח זיין זייער וועג דרום האט ער מוסיף גיוועזן דיא יוד צוא יהושע אונ האט אויף אים מתפלל גיוועזן אז ער זאל ניצול ווערין פון זייער שלעכטער עצה אונ אז כלב האט גיזעהען אז משה האט מתפלל גיוועזן פאר יהושע האט ער זיך פאר זייא גיהיט אונ האט זיך אריין גילאזט אין איין סכנה אריין צוא

גיין צוא דיא ענקים אחימן ששי ותלמי וואס זייא זיינען ארויש גיקומען פון דיא מלאכים וואש הקב"ה האט זייא אראפ גיווארפין אויף דער ערד אונ זיי האבין דא גיהאט דיא ריזין אונ כלב איז גיגאנגען קיין חברון אונ האט מתפלל גיוועזן אויף דיא קברי אבות אז ער זאל אויך ניצול ווערין פון זייער שלעכטער עצה · אונ משה האט אים אצונד גירופין יהושע אונ האט אים מקשר גיוועזן מיט דער שכינה זיא זאל מיט אים זיין אונ חאטשע פריער שטייט אויך ויאמר משה אל יהושע נאר דאס שרייבט נאר דיא תורה וייל ער האט נאך גיהייסין יהושע אבער מיט דעם אמת האט ער פריער גיהייסין הושע :

ויבאו עד נחל אשכול וגו' רבי יהודה הייבט אן כה אמר האל ה' בורא השמים וגו'

וויא גאר באדארף א מענטש זעהען בעבודת הקב"ה אונ וויא אזו בדארף מען תמיד נזהר זיין אין די רייד פון דר תורה דען דער וואס איז עוסק אין דער תורה איז גלייך וויא ער וואלט מקריב גיוועזן אלע קרבנות פון דער וועלט פאר הקב"ה אונ ניט דאס אליין נאר הקב"ה איז אים מכפר אלע זיינע עונות אונ גרייט אים אן פיל גוטץ לעולם הבא · רבי יהודה איז גיגאנגען מיט רבי אבא זאגט רבי יהודה איך וואלט דיך גיגערין גיפרעגט איין זאך אמער הקב"ה האט דאך גיוואוסט אז א מענטש וועט באדארפין שטארבין אונ ער אליין וועט אויף אים גוזר זיין דעם טויט ווארום האט ער אים באשאפין אונ דיא תורה איז דאך באשאפין גיווארין צוויי טויזנט יאר פאר דר וועלט עס שטייט דאך אין איר אדם כי ימות באהל איש כי ימות ויחי פלוני וימת היינט וואס זאל טאן דער מענטש וואס לערינט תורה ער מוז שטארבין גלייך מיט דעם מענטשין וואס לערינט ניט · זאגט רבי אבא דיא וועג פון הקב"ה אונ זיינע גזירות וואס ווילשטו זיך אין דרינען מיען אונ קלערין · וואס דוא מעגשט אונ האשט רשות צוא פרעגין פרעג אונ אין וואס דוא האסט קיין רשות ניט טארשטו ניט מהרהר זיין עס שטייט אל תתן את פיך לחטיא את בשרך דיא וועג וואס הקב"ה האט באהאלטין אין זיינע פאר בארגענע זאכין טאר מען ניט פרעגין זאגט רבי יהודה אמאי דיא גאנצע תורה איז דאך פאר הוילין אונ זיא איז דער שם הקודש העליון אונ ווער עס איז עוסק דרינען איז גלייך וויא ער איז עוסק אין שם הקודש העליון טאר מען דאך אין דער תורה אויך ניט פרעגין צו פאר שטיין זאגט רבי אבא די תורה איז פאר הוילין אונ איז אנטפלעקט אונ עס שטייט הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו דאס וואס איז אנטפלעקט איז צו אונז גיגעבין גיווארין רשות צו קלערין אין איר אונ ניט דאס וואס איז פאר הוילין דאס גיהער צו גאט ווער קען ווישין וואס עס איז פאר הוילין אונ בהאלטין אין זיין דעה ומכל שכן צוא פרעגין דרינען קום אונ זעה עש איז ניט גיגעבין גיווארין קיין רשות צוא קיין שום בריה צוא מגלה זיין סודות ודברים סתומים דיא זאכין וואס זיינען פאר הוילין מען זאל זייא מפורש זיין נייערט צוא דער היילגער ליכט רבי שמעון בן יוחאי דאס הקב"ה האט מסכים גיוועזן דורך אים אז ער זאל מגלה זיין סודות אונ נאר ער מעג מגלה זיין דרום וייל זיין דור איז גיצייכינט למעלה ולמטה דרום זיינען זיינע רייד אנטפלעקט עש וועט שוין אזו איין דור ניט זיין אזו וויא דער דור איז ביז משיח וועט קומען קום אונ זעה עש שטייט ויברא אלהים את האדם בצלמו בצלם אלהים ברא אותו דאש דער מענטש איז מיט אלץ גלייך וויא עש איז אויבין דער סוד פון דער פרשה איז ניט צו פאר שטיין גרוישע סודות עליונים חשובים קום אונ זעה הקב"ה איז זיך משבח מיט דער תורה אונ זאגט גייט אין מיינע וועגין זייט עוסק אין מיין דינשט דען וועל איך אייך ברייגגין אין גוטע אונ חשובי וועלטין אונ דיא מענטשין וואש פאר שטייען דאש ניט זאגט הקב"ה צוא זייא גייט איר אונ זעהעט דיא גילוסטיגע וועלטין זאגן זייא וויא אזו קענען מיר זאגט הקב"ה עלו זה בנגב זייט איר עוסק אין דער תורה וואש זיא איז גיגעבין גיווארין מצד ימין פון הקב"ה אזו וויא דר פסוק זאגט מימינו אש דת למו דרום זאגט ער עלו זה גלייך וויא מען וייזט איינעם עפעש כלומר דיא תורה שטייט פאר אייך דאס איר קענט אלץ ווישין אונ פאר שטיין דרינען וואש אלע עולמות איז וראיתם את הארץ מה היא איר זאלט זעהען אונ פארשטין דורך דער תורה וואש איך וועל אייך מאכין ארבין אונ אייך ברייגגען לעולם הבא איר וועט זעהן את העם היושב עליה דאס זיינן די וואס זיצין אין דר העכשטער מדריגה אין גן עדן איר זאלט זעהען החזק הוא הרפה אויב זייא האבין דאס אלץ זוכה גיוועזן וייל זייא האבין זיך גישטארקט אויף דעם יצר הרע אונ אויב עס איז מחמת דעם וואס זייא האבין גישלאפט פון אים אונ האבין אים ניט איין גינומען איר זאלט זעהען אויב זייא האבין זיך גישטארקט אין דער תורה אונ האבין זיא גילערינט יום ולילה דרום זיינען זיי דאס זוכה אונ אויב ניט מחמת דעם איר זאלט זעהען המעט היא אם רב אויב עס איז פאר האנדין פיל לייט וואס זיינען עוסק אין מיין עבודה אונ שטארקין זיך אין דער תורה דרום זיינען זייא זוכה צוא דעם אלעמען אונ אויב עס איז נאך דא אזעלכע לייט ווייניג אויך זאלט איר זעהען ומה הארץ השמנה היא אם רזה דורך דער תורה קענט איר ווישין אויב דיא זיצר פון דארטין האבין פיל טובות אונ אויב ניט אויך זאלט איר זעהן דורך דר תורה היש בה עץ אם אין אויב דארטין איז דער עץ החיים לעולם ולעולמי עולמי: אונ אויב דער צרור החיים ווערט דארטין גיפונען וואס פון אים קומען דיא נשמות הצדיקים אונ אויב ניט אזו זאגט אלץ הקב"ה צוא דיא לייט דאס זייא זאלין דורך דער תורה זעהען דעם גרויסין שכר דער פון :

ויעלו בנגב ויבא עד חברון דער תרגום מאכט אויף חרבו המים נגיבו מיא דאס איז לשון טרוקין דער פסוק זאגט אזו דיא מענטשין גייען מיט איין לבוש פון טריקענעש אונ עצלות ווען איינער טוט אנאך אום זיסט הייסט ער איין עצל אונ אזו אויך מיינען זייא אז זייא וועלין קיין שכר ניט האבין גייען זייא מיט טרויעריגע הערצער ער זעהט עשירות טוט ער נאר פון געלט וועגין בעולם הזה אבער דארטין מיינט ער אז קיין שכר איז גאר ניט דא דער נאך ויבא עד חברון אז ער קומט זיך מחבר זיין מיט דער תורה לערינט ער מקרא ומשנה אונ לערינט אין דער תורה אזו גיפינט ער דארטין ושם אחימן ששי ותלמי ער זעהט פיל פלוגתות אין דער גמרא טהור אסור מותר שכר ועונש דאס זיינען דיא וועג פון דער תורה אונ די דקדוקים וואס זייא זיינען נולד מצד הגבורות דאס פון דארטין איז דיא תורה גיגעבין גיווארין מפי הגבורה וחברון שבע שנים נבנתה דאס זיינען דיא שבעים פנים לתורה דיא תורה הייסט חברון וייל דער וואש לערינט זיא הייסט ער חבר אויך זיינען צווייא תורות תורה שבכתב ותורה שבעל פה אונ דיא תורה שבעל פה וואס איז פון דער תורה שבכתב איז איין חיבור מיט דער תורה שבכתב ווארום אלץ וואס שטייט אין תורה שבעל פה איז אלץ מרומז אין תורה שבכתב אונ זיא איז כולל אלע חכמות פון דער וועלט דרום זאגט ער לפני צוען מצרים אזו וויא דארטין שטייט ותרב חכמת שלמה מכל הכמת בני קדם דען די חכמה

פון דער תורה איז איבער אלע חכמות ויבואו עד נחל אשכול דאס זיינען די דברי אגדה אונ דרשות דיא היינגען מצד יחוד האמונה · ויכרתו משם זמורה וישאוהו במוט בשנים זייא לערנען פון דארטין ראשי פרקים ראשי תיבות די וואס זיינען בני אמונה פרייען זיך מיט דיא רייד אונ די רייד ווערין בייא זיי גיבענטשט אונ זייא פאר שטייען אלע חכמות פון דער תורה אונ זייא זעהען אז תאטשי מיר גיפינען איין פלוגתא דער זאגט עס איז מותר אונ דער זאגט עס איז אסור איז אלו ואלו דברי אלהים חיים זיינען דאך ביידע אמת מצד היחוד הפנימית דען דאס איז אלץ נאך זיין ארט אונ נאך זיין צייט דען דער וואס ער פאר שטייט רעכט זעהט ער אז ח"ו קיין פירוד איז ניט דא אין דער תורה אבער דיא וואס זיינען ניט קיין בני אמונה אונ לערנען ניט לשם שמים על פי האמת דיא מאכין חס ושלום איין פירוד אין דער אמונה דרום שטייט אויף זייא וישאוהו במוט בשנים אונ דרום זאגט ער במוט ווייל דיא טומאה הייסט מוט אזו וויא עס שטייט אל יתן למוט רגלך זומן הרמונים ומן התאנים זייא לייגין אויש דיא תורה אויף אפיקורסות לצד הפירוד וישובו מתור הארץ זייא קערין זיך אום אונ באהעפטין זיך לצד הרע אונ קערין אוועק פון דעם דרך הישר והאמת זיי זאגין וואס קומט אונז ארויס דער פון ביז אהער האבן מיר קיין גוטץ ניט גיהאט אויף דער וועלט מיר ארבעטן אונ מיען זיך אונ אונזער הויז איז ליידיג מיר האבן גרויסע חרפות פון דיא זיבין עממין אויב נאר פון עולם הבא וועגין אליין ווער איז זוכה צוא דעם אונ ווער קען קומען דער צוא עס וואלט אונז בעסער גיוועזן אז מיר זאלין זיך ניט מיען אין דרינען דרום האבין זייא דער פון חרטה ויספרו לו ויאמרו זייא זאגין עס איז אמת מיר האבן זיך שוין גימיט אונ מיר זיינען שוין מיד צוא ווישין פון דעם חלק עולם הבא עש איז יוא ארץ זבת חלב ודבש זייער גוט אזו וויא מיר האבן פאר שטאנען דורך דער תורה אבער ווער קען אהין קומען ווארום אפס כי עז העם דער וואס וויל האבין עולם הבא מוז ער פריער זיין אגרוישער עושר ער זאל קענען פיל צדקה געבין אונ גוטץ טאן אזו וויא עס שטייט ועשירים יענו עזות ער מוז האבין איין שיין הויז וואס עס זאל זיין פול מיט כל טוב וערים גדולות ובצורות בשמים עס זאל אים ניט אפ גיין מכל טוב אונ פון דעסט וועגין תאטשי ער האט שוין אלץ וגם ילידי הענק ראינו שם מוז ער ערשט האבין איין שטארקין גוף דען דיא תורה מאכט אים שלאף ער מוז זיין שטארק וויא איין לייב כדי ער זאל זיך קענען מיען אין דער תורה צוא ווישין אסור והיתר טמא טהור כשר פסול ווער קען דאס אלץ אויש שטיין עס איז פיל צוא לערנען אונ פיל צוא ווישין אונ אז דוא ווערסט וועלין זאגין מען קען פארט זוכה זיין דער צוא איז ערשט עמלק יושב בארץ הנגב דער יצר הרע דער מקטרג איז תמיד אין דעם מענטשין אונ ניט אזו ער אליין נאר החתי והאמורי אנדערע מקטריגים זיינען דארטין פיל אונ עס איז ניט מיגלעך אריין צוא קומען אויף יענער וועלט דען זייא מאכין אנגשטין אונ מורא אונ ווייל פריער זאגט ער אז דיא תורה הייסט נגב דאס איז טייטש טרוקין דרום זאגט די תורה אז דער עמלק דער יצר הרע האט איין שליטה אין דר תורה וואס זיא הייסט ארץ הנגב נאר ווען איז דאס איידער ער לערינט זיא אבער אז ער לערינט די תורה הייסט זיא תורה אור איז די תורה מגין אויף דעם מענטש פאר דעם יצר הרע אונ ווען דער יצר הרע קומט צוא אים זאל ער לויפין אין בית המדרש אריין אונ אז ער לערינט איז אויבן ניט פאר האנדין אויף אים קיין מקטרג ויניאו את לב בני ישראל אבער אזעלכע רייד טוען זיי אפ רידין אנדערע לייט דרום ווייל זיי זיינען מוציא שם רע אויף דיא אנשי אמונה וואס זאגין אם חפץ בנו ה׳ אז הקב"ה וואלט וועלין אין אונז ונתנה לנו וועט ער אונז לאזין זוכה זיין דער צוא אונ הקב"ה וועט אונז מצרף זיין אונזער גוטע מחשבה למעשה דען הקב"ה באגערט נאר פון דעם מענטשין דאס הארץ אונ אז ער האט דעם היילעגין צייכין וואס דרויף שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ זיינען דען אלע ישראל צדיקים נאר אז זיי זיינען גימלת אונ היטין דעם צייכין היישין זייא צדיקים דרום זיינען זייא זוכה צוא דעם ארץ החיים בעולם הבא ווען איר האט נאר אגוט הארץ צוא הקב"ה אך בה׳ אל תמרדו איר זאלט נאר ניט מורד זיין אין דער תורה דען דיא תורה באגערט ניט פון אייך קיין גאלד אונ זילבער ואתם אל תיראו את עם הארץ איר זאלט זיך ניט פארכטין פאר דיא מקטריגים אונ די רשעים זאגין אז מען לערינט ווערט מען שלאף אדרבה אז איין שלאפער מענטש לערינט תורה האט ער איין רפואה אזו וויא דער פסוק זאגט רפאות תהי לשרך ושקוי לעצמותיך אויך שטייט ולכל בשרו מרפא זיא היילט אלע קריינק אונ מאכט אים שטארק אונ דיא מקטריגים אליין רופין אויף אים אויש אונ זאגין ראמט אויס איין ארט פאר דעם מענטשין ער איז איין עבד מלך דרום פארכט אייך ניט פאר זייא כי לחמנו הם דען זייא אליין גרייטין אן זייערע שפייז צוא דיא וואס זיינען עוסק בתורה אזו וויא עס שטייט בייא אליהו ואת הערבים צויתי לכלכלך ווייטער שטייט והערבים מביאים לו לחם ובשר סר צלם מעליהם דאס איז דער שטארקער כח פון דעם דין הקשה איז אפ גיטאן דרום ווייל הקב"ה איז מיט אונז וה׳ אתנו דרום פארכט זיך ניט פאר קיינעם דען ווען מען לערינט תורה איז דער דין אין אים ניט שולט וואול איז דער חלק פון דעם וואש איז עוסק בתורה לשמה דען זייא זיינען מקושר אין הקדוש ברוך הוא ממש אונ זייא ווערין אן גירופין אחים להקדוש ברוך הוא אזו וויא דער פסוק זאגט למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך :

ויבואו עד נחל אשכול זאגט רבי אבא בשעת אז זייא האבין אפ גישניטין דעם אשכול האבין זייא אים ניט גיקאנט אויף הייבין ביז יהושע וכלב זיינען גיקומען האט ער זיך ערשט גילאזט נעמען דען האבן זייא אים אויף גיהויבין דרום שטייט וישאוהו במוט בשנים מיינט מען דיא צוויא יהושע וכלב זייא האבין דאך ניט גיזינדיגט האבין זייא גיוואוסט אז זייא וועלין אריין גיין קיין ארץ ישראל זיינען זייא גיקומען צוא דער פרי אונ האבין גיזאגט צוא איר דורך דיר וועלין מיר קענען קומען קיין ארץ ישראל אז דוא וועשט זיך לאזין נעמען אונ מיר וועלין אין דיר איין חלק האבין מיד תיכף האט זיא זיך גרינגער גימאכט אונ האט זיך שוין גילאזט נעמען · רבי יצחק זאגט וויא זייא זיינען גקומען צוא דיא ענקים האבין זייא נאר גיוויזן דעם שטעקין פון משה אזו זיינען זייא ניצול גיווארין דען משה רבינו האט זייא מיט גיגעבין זיין שטעקן דרום שטייט עלו זה אונ שטייט ואת המטה הזה דאש מיינט מען דעם שטעקין · רבי יהודה זאגט משה רבינו האט זייא מוסר גיוועזן דעם שם המפורש אונ אז דיא ענקים זיינען גיקומען צוא זייא זיינען זייא דורך דעם ניצול גיווארין · רבי יהודה זאגט דרייא נעמן האבין זייא נפילים ענקים רפאים אונ אלע האבין מאריך ימים גיוועזן צום ערשטין אז הקב"ה האט זייא אראפ גיווארפין פון דעם הימל האבין זייא גהייסין נפילים ווייל זייא זיינען אראפ גיפאלין אונ אז זייא האבין זיך בהעפט מיט דיא בנות האדם אונ האבין מיט זייא גיהאט קינדער האבין זייא גיהיישין ענקים דער נאך אז זייא האבין ארום גישוועבט אויף דער

וועלט

וועלט און זיינען שלאף געווארין פון דעם כח של מעלה האבין זייא · גיהייסין רפאים דאס איז לשון שלאף · רבי יצחק זאגט זיי האבין זיך ארויין גיווארפין אין ים הגדול ארויין זיינען זייא דער טרונקען געווארין אזו וויא עס שטייט והרשעים יחוללו מתחת מים זאגט רבי שמעון די ישראל זאלין גיוועזן ארויין קומען קיין ארץ ישראל מיט דעם סימן פון לשון הרע וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט דען דער כח פון לשון הרע איז אזו גרויס הקב"ה האט זייא אויף אלדינג מוחל גיוועזן חוץ אויף לשון הרע אונ דער כח איז אזו גרויס אז דיא דאזיגע וואש האבין גירעט לשון הרע זיינען גישטארבין אונ עס איז נגזר גיווארין אז זיי זאלין אלע ניט ארויין גיין קיין ארץ ישראל אונ עס איז נגזר גיווארין איין בכיה לדורות אז די צווייא בתי מקדשות זאלין חרוב ווערין דיא נאכט דען עס איז גיוועזן די נאכט פון תשעה באב האט הקב"ה גיזאגט ווייל איר וויינט היינט אום זיסט דער פאר וועלין די צווייא בתי מקדשות חרוב ווערין דיא נאכט וועט איר שוין וויינען באמת ווארום אז זייא האבין גירעט לשון הרע אויף ארץ ישראל איז גלייך וויא זייא וואלטין גירעט אויף הקב"ה אונ ווען עס זאל ניט גיוועזן זיין דיא תפלה פון משה וואס ער האט מתפלל גיוועזן וואלטין זייא אלע פאר דארבין גיווארין פון דער וועלט · רבי חייא זאגט זייא האבין גיזאגט וגם ארץ זבת חלב ודבש היא וזה פריה דען זייא האבין אפ גיריסין אקליין צווייגיל מיט פלאמען אונ האבין גיזאגט פון דיא פירות וועגין האבין מיר גיליטין אזו פיל צרות מיט מידיקייט אמער אין מצרים איז דאך דיא פירות גיוועזן צווייא מאל אזו גרויש אפס כי עז העם זייא האבין גיזאגט דען דער סדר איז אז דיא גבורים ליגין אין דרויסין פון דער שטאט מלחמה צוא האלטין זייא זאלין ניט לאזין קומען קיין שונא צוא דער שטאט אונ דיא דאזיגע זיינען נאר אין שטאט גבורים אונ תקיפים והערים בצורות ווען עס זאל זיך איין זאמלען אלע מלכים פון דער וועלט וואלטין זייא ניט גיקאנט קיין שום פגם מאכין אין זייא זאגט רבי יוסי פון דעם גאנצין לשון הרע וואס זייא האבין גירעט איז דאש ערגשטע גיוועזן וואס זייא האבין גיזאגט עמלק יושב בארץ הנגב עס איז איין משל ווען איינעם גיט איין שלאנג איין ביס אז מען וויל אים מאכין איין מורא זאגט מען אים אט בייס דער שלאנג צוא דיר אזו האבין זייא אויך גיטאן אונ האבין גיזאגט דער וואס האט זיך אונטער גינומען מלחמה צוא האלטין למעלה ולמטה ער מיט זיין גרוישין כח פון זיין שר ס"מ דער זיצט אין דרום זייט מיר תיכף ותשא כל העדה את קולם ויבכו העם בלילה ההוא אונ דיא נאכט איז גיוועזן תשעה באב דרום האט הקב"ה קובע גיוועזן מען זאל דיא נאכט תמיד וויינען · זאגט רבי יוסי זייא האבין זיך איין עצה גיהאלטין צוא ריידין לשון הרע אויף ארץ ישראל אונ אויף הקב"ה :

ועתה יגדל נא כח אדני כאשר וגו' רבי אבא ורבי יוסי זאגין דיא ישראל זיינען פיל זוכה דען הקב"ה האט אין זייא בגערט אונ האט זיך בארימט מיט זייא וואש זייא זיינען עוסק בתורה אונ איינער איז מקושר אין דעם אנדערין זייא טוען דעם ווילן פון זייער האר · קום אונ זעה אז הקב"ה האט דיא וועלט בשאפין האט ער זיא גימאכט אזו וויא איין מענטש וואש זיין הארץ איז דאך אין דער מיטן גוף דען דאש הארץ איז דער כח פון אלדינג אונ דאש הארץ ווערט גשטארקט אונ איז בגריפן אין מוח אונ איינש איז מקושר אין אנדערין אזו אויך האט הקב"ה מסדר גיוועזן דיא וועלט צום ערשטן האט ער מסדר גיוועזן דעם ים אוקינוס ער זאל ארום רינגלין דיא גאנצע וועלט דער נאך האט ער מסדר גיוועזן אז דיא שבעים אומות זאלין ארום רינגלן ירושלים דען ירושלים איז אין מיטן דעם ישוב פון דער וועלט אונ אין מיטן ירושלים איז דער הר הבית אונ דער הר הבית איז ארום דעם עזרת ישראל אונ דער עזרת ישראל איז ארום דעם לשכת הגזית וואו דיא סנהדרין זיינען גיזעסין אונ מיר האבין גילערינט אז אין דער עזרה האט קיינער ניט גיטארט זיצין נאר מלכי בית דוד אונ דער לשכת הגזית רינגילט ארום דעם אולם אונ דער אולם דעם מזבח אונ דער מזבח דעם היכל אונ דער היכל דאש בית קדשי הקדשים וואש דארטין איז גיוועזן דיא שכינה אונ דיא כרובים אונ דאש כפורת אונ דער ארון אונ דאש איז דאש הארץ פון דער גאנצער וועלט אונ פון דעם הארץ ווערין גישפייזט אלע לענדער אונ דאס הארץ למטה ווערט גישפייזט פון דעם מוח העליון דען דאס בית המקדש של מטה איז מכוון אנטקעגין דעם בית המקדש של מעלה אונ איינש איז מקושר אין דעם אנדערין אזו וויא עס שטייט מכון לשבתך וגו' דען אלץ וואש עס איז למטה איז אלץ אנטקעגין למעלה ווייטער זיינען גרוישע סודות אונ אזו מיינט ער ועתה יגדל נא כח ה' עס זאל גיגרייסט ווערין דער כח איינש פון דעם אנדערין דען אלע עולמות זיינען מקושר איינש אין דעם אנדערין דאס דער רחמים פון הקב"ה זאל זיך דער וועקין אויף זייא כאשר דברת לאמר דאס מען זאל ווייטער ווישין לדורי דורות אז מען איז חלילה אין איין צרה זאל מען זאגין ה' ארך אפים ורב חסד וגו' · פרעגט רבי יצחק פאר וואש אין דיא שלש עשרה מדות פון פרשת כי תשא שטייט ורב חסד ואמת אונ דא שטייט ניט ואמת זאגט ער ווייל זייא האבין גיזאגט שקר דרום האט זיך דער מדת אמת פון זייא אפ גיטאן במדה שאדם מודד מודדין לו אזו אויך די אלע מדות וואס דארט שטייט אונ דא ניט איז מחמת זייא האבין זיך פון זייא אפ גיטאן האט זייא משה היינט ניט גיקענט זאגין אזו וויא דארטין :

מעשה דינוקא זאגט דער מעתיק תחלת וועל איך דיר מודיע זיין אגרוישן כלל אז אין דיא ערשטע דורות איז גיוועזן אגרוישע ידיעה אין סודות התורה אונ זייא האבין זיך אפ גישייד פון מענטשין אונ האבין גיקענט מאכין איין יחוד פון צירופי שמות אונ כוונות אונ זיינען ארויין גיגאנגין אין גן עדן אונ אין היכלות וישיבות של מעלה אונ אויף דעם זאגט אויך די גמרא ארבעה נכנסו לפרדס דאש איז אזעלכע זאכין וואס מען קען דעם גוף העגין ניט ארויס שרייבין נאר בדרך כלל אזו אויך איז פיל מעשים אין דער גמרא אויך בייא רבה בר בר חנה שטייט כמה זאכין וואס ער האט גיזעהן בשעת ער איז גיגאנגען אין דער מדבר אין איין שיף · וואס זייא זיינען דער ווידער דעם שכל פון דעם מענטשין נאר מען בדארף גלייבין אז דאס איז גרוישע סודות אין מעשה מרכבה אונ אין מעשה בראשית נאר עס איז פאר שטעלט אין אזו איין לבוש אויך אזו איז דאס גישטאלט וואס עס שטייט אין דער אדרא וואס רבי שמעון מיט דער חבריא זיינען ארויין גיגאנגען אונ אזו איז דיא מעשה פון דעם סבא אין פרשת משפטים אונ אין פרשת בראשית פון דיא בעלי קבין אונ דעסט גלייבין זיינען פיל מעשיות אין זוהר אונ אין דער גמרא איך שרייב עש מען זאל חס ושלום דאש ניט פאר גרינג האלטין אונ מען זאל חס ושלום ניט שפעטין דער פון דען דיא זאכין שטייען ברומו של עולם · רבי שמעון מיט דער חבריא זיינען גיקומען אין איין הייל אונ האבין דארט גיפונען לייט וואש זייא האבין

קיין שום [illegible] איז אין זייא ניט געוועזן און דער נאך האבין זייא אויף [illegible] פון דעם יצר הרע זיינען זייא ווידער אן גיקליידט געווארן אין דעם גוף אזו ווייא פריער אין נשמות אזו וויא מיר האבין איצונד דאש איז מצד יצר הרע פרעמדע גופות אזו וויא עס שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב אונ דער ווייל הערן זייא וויא עס גייט ארויס איין קול אונ זאגט גייט אריין אונ זאמילט אייך איין דען אליאב שטייט אויף זיין שטאנד אונ אלע זייגען פר אים זייגען זייא אלע אוועק גיפלויגן אונ האבין שוין קיינעם ניט גיזעהן זייא זיינען נאר אליין איבער גיבליבין אונטער דיא ביימער פון דעם גן עדן דער ווייל האבין זייא ווידער דער זעהי איין אנדער טיר זיינען זייא אריין גגאנגען זעהן זייא דארט איין היכל גייען זיי אריין אונ זעצן זיך דארט אנידר האבין זיי דר זעהן דארטן צוויי יונגן זיי הויבן אויף דיא אויגן דער זעהן זייא איין משכן אונ עס איז גמאלט מיט אלערלייא ציורים אונ גוועבט מיט אלערלייא געשטאלט פון דר וועלט אונ דרויף איז פר שפרייט איין פאר האנג וואס ער האט גלייכט אונ גיפינקילט וואש דיא אויגן האבין דריגען ניט גיקאנט אריין קוקין אין איין ערך פון צווייא תחום שבת האבין זייא גיזעהען אין דעם משכן ביז דעם ארט וואש דער פרוכת איז פאר שפרייט גיוועזן ווייטער האבין זייא ניט גיקענט זעהן האבין זייא אראפ גינייגט זייערע אויגן אונ דער הערין איין קול זאגט סודות וואס מען קען ניט שרייבין אונ זאגט ווייטער ווער עס וועט קוקין אונ וועט זעהען זאל בלינד ווערין זיינע אויגין אונ ווער עס וועט ניט זעהען זאלין אים גיעפינט ווערין זיינע אויגין עס איז איין בוים פון שמונה עשר ווער עס בוקט זיך דער וועט זיין אויף גירעכט אונ וועט האבין איין קיום אונ ווער עס בוקט זיך ניט עסט אים אויף דער נחש הרע ווען ער גייט אריין צווישין דיא שני כרובים אינווייניג דעם וועט זיין ווילין גיין אונ ווער עס איז מעיין דרינען דעם ווערט זיין רצון אוועק גינומען דער קרבן פון דעם קינד איז גאנץ עס זאל ווערין גינעהענט מקובל צוא ווערין אזו האט דאס קול אויף גיהערט אונ הערין ניט מער זאגין דיא צווייא יונגען האט איר בייא אייך איין סימן זאגין זייא יוא אונ ציהען ארויס זייערע צווייא רויזין וואס זייא האבין בייא זיך גיהאט האבין זייא דאס גישמעקט אונ זאגין צוא זייא זעצט זיך אנידער ביז איר וועט הערין צווייא גרוישע סודות עליונים פון דיא ראשי ישיבות וואס דא זיינען אבער איר טארט זייא ניט מגלה זיין אונ זייא מוזין בייא אייך זיין בסוד זאגין זייא יוא זאגט רבי שמעון צוא זיינע חברים אלע דיא זאכין וואס איר האט דא גיזעהען אונ גיהערט שרייבט דאס אויף וויא זייא קומען דער צוא זאגט ער עס שטייט אמרתי אשמרה דרכי מחטוא בלשוני דאס הייסט איך דארף היטין מיין צונג ניט מגלה זיין אזעלכע הויכע סודות אונ איך האב גיפרעגט מיין עלטער פאטער פון וועגין דיא צווייא זאכין האט ער צוא מיר גיזאגט חיד דא שווער איך מיין קינד מיט דיא צווייא זאכין זיינען בונה עולמות ומחריב עולמות דער וואס ער איז מיט זייא משמש אז זייא האבין גיהערט דיא צווייא זאכין זאגין צוא זייא דיא צווייא יונגען גייט ארויש עס איז קיין רשות ניט דא צוא אייך איר זאלט מער הערין אזו האט איינר פון דיא צווייא יונגען ארויס גיצויגן איין עפיל אונ גיט זייא אונ זאגט שמעקט אים האבין זייא גישמעקט אונ זיינען ארויס גיגאנגען אונ אלץ וואס זייא האבין דארטין גיזעהען האבין זייא ניט פאר געסין וויא זייא גייען ארויש איז צוא זייא גיקומען צוא

גיין איין אנדערער ממונה אונ זאגט צוא זייא איר חברים רבי אלעאי האט מיך גישיקט צוא אייך אז איר זאלט ווארטין אויף דער מערה ער וועט אייך מודיע זיין סודות עליונים וואש ער האט נאך ניט גיוואוסט ער האט גינומען רשות פון דעם ראש ישיבה ער זאל אייך מגלה זיין זיינען זייא גיגאנגען מיט אים אונ זיינען גיקומען אויף דער מערה אונ ווארטין דארטין אויף אים דר ווייל האבין זיי איבער גיחזרת אלע רייד וואס זייא האבין דארטין גילערינט אונ גיזעהען אין דעם איז רבי אלעאי אן גיקומען אונ זיין פנים לייכט אזו וויא די זון זאגין זיי צו אים האסטו גיהערט חדושי תורה זאגט ער צוא זייא בוודאי האב איך גיהערט אונ עס איז מיר גיגעבין גיווארין רשות אייך מגלה זיין דיא רייד האבין זיך אלע אנידר גיזעצט אויף דער מערה זאגט ער צו זיי איר טייערע לייט דאס איר האט אזו פיל זוכה גיוועזן אז אייער האר האט אייך אזו פיל גיוויזין דאס געשטאלט פון דער וועלט אונ צו אייך איז גאר ניט קיין מורא אונ איין ציטערניש זאגין זייא בוודאי איז אזו אונ מיר האבין זיך אזו ווייט אריין גילאזט אז מיר הערין שוין ניט דעם דרך פון מענטשין אונ עס איז אונז אגרויס וואונדער אויף דעם אלדינג וואס מיר האבין גיזעהען אין דעם בארג זאגט ער צוא זייא די אלע בערג וואס איר האט דא גיזעהן דאס זיינען אלע ראשי ישיבות צוא דעם דור המדבר וואס זיינען דא אונ זייא זיינען איצונד זוכה וואס זייא האבין ניט זוכה גיוועזן בייא זייער לעבין אונ אלע ישיבות זאמלען זיך איין אלע ראש חודש אונ שבת ויום טוב צוא דעם בארג וואו אהרן הכהן ליגט דארטין דער וועקין זיך צוא אים אונ גייען אריין אין זיין ישיבה אונ באנייען זיך מיט דעם טל הטהור והקדוש שמן הקודש דער טל ציהט זיך אויף זייא אונ זיינען זיך אלע מיט אים מחדש בחידושי אהבה של מלך הקדוש ביז די ישיבה ווערט גירופין ישיבה של אהבה אונ דר מיט טוען אלע בני ישיבה ציהען אונ פליען בדרך נסתר ונעלם וואס איז זייער פאר הוילין אונ שוועבין אזו וויא דיא אדלערס אין דער ליכטיגער ישיבה פון משה רבינו אונ בלייבין אלע אין דרויסין נאר אהרן אליין גייט אריין צו אים אונ ווערין באלד אן גירופין מיט זייער נאמען אונ קיינער זעהט ניט דאס פנים פון משה רבינו דען איין מסוה הייסט איין פיר האנג איז פאר זיין פנים אונ ארום אים איז פאר האנגין שבע ענני כבוד אונ אהרן שטייט הינטער דר מחיצה פון משה די מחיצה איז מפסיק אונ ניט מפסיק דאס הייסט עס איז ניט קיין רעכטער הפסק צווישין זייא אונ אלע ראשי ישיבות זיינען אין דרויסין פון דעם פרוכת פון דעם פרגוד אונ דיא אנדערע זיינען אין דרויסין פון די ענני כבוד אונ זיי לייכטין אזו קלאר אונ לויטער אז מען קען דורך זייא ארויס זעהען די מסוה פון משה וואס עס איז פאר זיין פנים אונ דורך דער מסוה זעהט מען אליכט וואס לייכט מער פון אלע ליכט פון דער וועלט אונ דאס איז דאש פנים פון משה אונ זיין פנים ווערט ניט גיזעהען צוא קיינעם נייערט דאס ליכט וואס לייכט דורך דער מסוה אונ דורך דיא ענני כבוד משה זאגט דיא רייד סתם צוא אהרן אונ אהרן איז זייא ווייטער מפורש צוא דיא ראשי ישיבות אונ מיט וואס איז ער זייא מפורש מיט דיא מעיינות החכמה וואס זיינען פון אים פאר הוילין גיווארין בשעת אז עס איז גיקומען דיא צייט פון יהושע ער זאל אריין פירין דיא ישראל קיין ארץ ישראל אזו וויא עס שטייט ולא אוכל עוד לצאת ולבא דען עס איז פון אים פאר הוילין געווארין דיא מעיינות החכמה אונ איצונד איז ער זייא מפורש מיט גרויסע וואונדר אונ ער קערט זייא אום מיט קוואלין אונ אזו וויא בעך

וואסער קוועלין פון איר ארט אזו קוועלט איטליכס ווארט מיט פיל
סודות נפלאות אונ אלע נשים צדקניות פון דעם דור המדבר קומען אלע
צוא מרים אויך אין דער צייט וויא אויבין שטייט דען גייען אלע ארויף
וויא איין תמרות עשן אין דער מדבר אונ דער טאג ווערט גרופין יומא
והלולה יומא של שמחה דיא ווייבער קומען צוא מרים דיא נאכט פון שבת
ויום טוב אונ זייא ווייסין אלע זיך משתדל זיין בידיעות בורא עולם וואול
צוא דעם דור מער פון אלע דורות פון דער וועלט זייא גייען ארויס
פון דער ישיבה של מטה אונ פליהן ארויף אין דער ישיבה אין הימיל
אריין אונ דיא וואס זיינען נאך העכער פליהן העכר דאס הייסט ישיבה
של מעלה דעם חילוק פון דיא צווייא ישיבות וועסטו גיפינען אין
פרשת כי תצא אויף דעם דור המדבר איז גזאגט גוואורין אשרי העם
שככה לו שככה באטרעפט משה • אשרי העם שה' אלהיו :

פתח רבי אלעאי הייבט אן מגלה זיין סודות אין דעם פסוק תמים
תהיה עם ה' אלהיך ביז ער איז ארויס גיקומען אויף דעם פסוק במדבר
הזה יתמו דוא זאלסט ניט מיינען אז דר פסוק איז גיזאגט גיווארין חלילה
אויף שלעכץ נאר דאס איז אזו דער פשט זייא האבין גידארפט זיין
אין דער מדריגה פון תמים תהיה עם ה' אין ארץ ישראל אונ דעם סוד
וואס ער האט זייא מגלה גיוועזן אבר היינט האבין זייא נאר די מדריגה
אין דער מדבר ווייט פון דארטין ניט פנים לפנים וויא עס האט
גידארפט זיין אין ארץ ישראל ושם ימותו דאס זייא מוזין אלע טאג
ווידער שטארבין אונ תיכף אויף שטיין אן צוא קליידין אנדערע
מלבושים ליכטיגע אזו וויא איר האט גיזעהען דאס איז טייטש ושם
יתמו דער מיט ווערין זייא גאנץ דרום שטייט יתמו דאס איז לשון גאנץ
וואול זייער חלק אונ וואול איז אייער חלק וואס איר האט דאס זוכה
גיוועזן איר חברים קדושים אונ דיא צווייא מערות וואס איר האט
זייא ניט גיקענט גיפינען אונ זייא זיינען פון אייך פאר הולין גיווארין
דען אין דרינען גייען זייא ארויף צו דער ישיבה של משה אונ זיצין פון
ווייטין דרום שטייט ביים משה והאיש משה עניו מאוד מער פון אלע נביאים
האט רבי אלעאי זייא אן גינומען אונ פירט זייא אין דער ישיבה אריין
זינט זייא האבין אן גיהויבין צוא זעהען ביז דער צייט האט גיווערט
זיבין טאג דאס זייא האבין פאר זיך גאר ניט גיזעהען פון דער וועלט
זאגט רבי אלעאי איך וועל אייך זאגין דעם פשט פון דעם קול וואס
איר האט גיהערט דער וואס וועט ניט קלערין צוא ווישין מה למעלה ומה
למטה דער וועט זוכה זיין דיא תורה צוא פאר שטיין מיט אפענע אויגין
דאס הייסט עס וועט אים אלץ אנפלעקט ווערין דער נאך האט איר
גיהערט דער אילן פון שמונה עשרה דאס זיינען די אכצען חוליות פון
דער שדרה ביים דעם מענטשין אז ער בוקט זיך מיט זייא רעכט פאר
זיין הארין ביים מודים דער וועט זיין אויף גירייכט לתחית המתים דר
נאך האט איר גיהערט ווער עס גייט אריין צוא דיא שני כרובים וועט
זיין ווילין גיטאן ווערין מיינט מען אזו דער וואס גייט אריין אין שול
וועדליג צוויאטירין דיא ברייט דער נאך דאבינט ער אונ באהעפט
זיך אין זיין הערין דען ווערט זיין תפלה אן גינומען דער נאך ווער עס
איז מעיין דריטען אונ באגערט דאס זיינע בקשות זאלין מקוים ווערין
אזו ווערט זיין בקשה דער ווייטערט פון אים דר נאך האט איר גיהערט
דאס קרבן פון איין קינד דאס איז דער וואס ברייגגט זיין קינד מל זיין
אדער ער פירט אים צום רבי דאס איז איין רעכטער קרבן וואס ווערט
מקובל ווייטער איז חסר אין זוהר דער נאך שטייט וויא זייא ליגין

אין דער מערת המכפלה דער סדר איז אזו ווייבער לעבן אבער אונ
מאנען לעבין מאנען אדם צום ערשטין אונ לעבין אים [illegible] דער
נאך שרה אונ לעבין איר אברהם אונ לעבין אים יצחק אונ לעבין
אים רבקה אונ לאה לעבין איר אונ יעקב לעבין לאה נמצא ליגט
אדם פון איין זייט אונ יעקב פון דער אנדערער זייט אבער אין ספר
פון שלמה המלך שטייט אזו דער סדר אדם וחוה שרה אברהם יעקב
לאה רבקה יצחק נמצא איז אדם פון איין זייט אונ יצחק פון דער
אנדערער זייט עס איז אגרויסער סוד מען טאר עס ניט ארויס שרייבין
אונ אזו וויא זייא ליגין אזו וועלין זייא אויף שטיין צוא תחית המתים
לאה וועט זיך משמח זיין מיט משיח בן דוד אינוויניג וואס ער
קומט פון איר ארויש אונ רחל וואס זיא ליגט אין דרויסין חוץ פון
דער מערה וועט זיא זיך אויך משמח זיין אין דרויסין חוץ לירושלים
מיט משיח בן יוסף זייא זעהען ווייטער פיל מגדלות ושערים אונ צווישין
אלע איז איין מגדל פון אבן טוב ער גייט גאנץ הויך אונ ווערט
איצונד ניט גיזעהען ביז דער ראש ישיבה קומט אונ דרויף שטייט
גישריבין דער פסוק מגדל עוז שם ה' וגו' ער זאגט דרויף סודות אונ ער
איז אויך מפורש אויף דעם מגדול וואס ער שטייט אין בית הכנסת
וואס דרויף לייענט מען אין דער ספר תורה וואס זיא הייסט עוז וויא
מען נעמט זיא ארויס פון דעם ארון הקודש וואס דאס אלץ איז
פיל סודות אזו מוז דער מגדל האבין זעקס טרעפ מען מוז ארויף גיין
אונ דער חזן הכנסת מוז זיין איין צדיק אונ דער וואס ער ווערט
אויף גירופין צום לייענען מוז אויך זיין איין צדיק אונ איבער אלע איז
דער וואס ווערט אויף גירופין ששי פון דיא זיבין דרום שטייט בו ירוץ
צדיק וגו' ער ווערט גיגרייטש אונ גישטארקט ער איז מאריך ימים אונ
פארכט זיך ניט פאר דעם מלאך המות דאס ער קען אים ניט
מזיק זיין ווייטער זאגט ער פון דעם מגדל גרויסע סודות וואס מען
קען זייא ניט ארויס שרייבין זכאה איז דיין חלק וואס דוא האסט
זוכה גיוועזן צוא דיא הייליגע רייד וואס זייא זיינען פאר הולין פון
אלע זייטין מלמעלה ומלמטה מעולם הזה ומעולם הבא זאגט רבי
שמעון איין זאך וויל איך אייך פרעגין צוא ווסין אויב איר קענט מיר
מודיע זיין די ווייבר למעלה אויב זייא זיינען זוכה אויף צו גיין למעלה
אדער ניין זאגט ער רבי זעקס היכלות האט מען מיר גיוויזין למעלה
מיט כמה תענוגים ביז אין דעם פרוכת פון דעם גן עדן אין איין
היכל איז דרינען בתיה בת פרעה אונ כמה אלפים ורבבות ווייבער
וואס זיינען מיט איר זוכה איטליכע באזונדער האבין ערטער פון פיל
אורות וואס זייא לייכטין אונ האבין תענוגים אן דוחק אונ אלע טאג
דרייא מאל גייט ארויס איין כרוז אונ זאגט דא וועט אריין גיין דאס
גישטאלט פון משה נביא הנאמן אזו גייט ארויס אנטקעגין בתיה בת פרעה
צוא איין מחיצה וואש זיא האט אונ זעהט דאש גישטאלט פון
משה אזו בוקט זיא זיך צוא אים אונ זאגט וויא ווערדיג איז מיין
חלק דאש איך האב דער צויגין דאש ליכט אונ דאש איז איר
גרעסטער תענוג וואש זיא זעהט דאס גישטאלט פון משה רבינו
דער נאך גייט זיא ווידער אריין צו דיא ווייבר אונ זיינען דארטין עוסק
צוא לערנען במצות התורה אלע אין זייער גישטאלט וויא זייא זיינען
גיוועזן אויף דער וועלט אין מלבושים פון פיל אורות נאר זייא לייכטין
ניט אזו וויא דיא מלבושים פון מאנען דרום ווייל זייא האבין ניט
גיקענט מקיים זיין דיא מצות התורה אבער דארטין לערנען זייא אונ
זיינען

זיינען משתדל אין דער תורה און אין די טעמים פון דיא מצות און אלע ווייבער וואס זיצין מיט בתיה היישין נשים שאננות די זיינען זיך גאר ניט מצער אין דעם צער פון דעם גיהנם אין אנדערן היכל איז סרח בת אשר און מיט איר זיינען כמה אלפים ורבבות ווייבער דרייא מאל אין טאג רופט אויש איין כרוז פאר איר דא קומט דיא צורה פון יוסף הצדיק און זיא איז זיך משמח און גייט ארויש צוא איין מחיצה וואס זיא האט און זעהט דאס ליכטיקייט פון דעם גישטאלט פון יוסף הצדיק בוקט זיא זיך צוא אים און זאגט וויא ווערדיג איז דער טאג אז איך האב גיזאגט דיא בשורה צוא מיין עלטער פאטער יעקב אז יוסף לעבט דער נאך גייט זיא אריין ווידער צוא ריק צוא דיא ווייבער און זיינען משתדל אין לויבונג צוא לויבין גאט מיט זיין נאמען און איטליכע אשה בזונדער האט כמה שבחות און ערטער דער נאך קערין זייא זיך אום עוסק צוא זיין במצות התורה און אין אירע טעמים פון דיא מצות אין דריטין היכל איז יוכבד דיא מוטער פון משה נביא נאמן און כמה אלפים ורבבות ווייבער זיינען מיט איר אין דעם היכל ווערט קיין כרוז ניט אויש גרופין אזו וויא אין יענע היכלות נייערט דרייא מאל אין טאג זיינען זייא מודה ומשבח צוא הקב"ה זיא מיט אלע ווייבער וואש זיינען מיט איר און דיא שירת הים וואש זייא האבין גיזונגין אויף דעם ים זינגען זייא דארטין אלע טאג און זיא אליין זאגט פון ותקח מרים הנביאה את התוף בידה וגו' און אלע צדיקים וואש זיינען אין גן עדן הערין זייא צוא און פאר נעמען זייער זיס קול און אזו אויך כמה מלאכים קדושים און דורך דעם זיינען זייא מודה ומשבח צוא הקב"ה אין פערטין היכל איז דבורה הנביאה און אנדערע נשים צדקניות זיינען מיט איר מודה ומשבח ומזמר צוא הקב"ה דיא שירה וואס דבורה האט גיזאגט אויף דער וועלט אי רבי אי רבי ווער האט נאך גיזעהען אזו וויא דיא שמחה פון דיא נשים צדקניות און פון דיא צדיקים וואס זיי טוען צו הקב"ה נאר אינעוויינג פון דיא היכלות זיינען דא פיר פאר בארגענע היכלות פון דיא הייליגע אמהות שרה רבקה רחל לאה דאש דיא היכלות איז ניט קיין רשות זייא מגלה צוא זיין און קיינער קען זייא ניט זעהען רבי שמעון פרייט זיך זייער און זאגט ווען איך וואלט מיין ניט זוכה גיוועזן נאר דאס צוא הערין וואלט אויך גינוג גיוועזן אז איך זאל מיך משמח זיין דאס איך האב זוכה גיוועזן צוא הערין דיא רייד פון אמת פון יענער וועלט זאגט ער אי חסיד אי קדוש דוא זאלסט ווישין דיא שמחה פון דיא רייד וואס איז אויף יענער וועלט וואס דער ראש הישיבה האט גיזאגט וואלשטו זיך נאך מיין משמח גיוועזן זאגט רבי שמעון וואס פאר איין חידוש האשטו היינט גיהערט וואס דו בישט צוא מיר גיקומען זאגט ער דעם פסוק האט דער ראש ישיבה גידרשת הקב"ה האט גיזאגט צוא יעקב ויוסף ישית ידו על עיניך ווארום באדארף מען איין מת צוא מאכין דיא אויגין דרום וויל דאס אויג פון דעם מענטשין איז גיגליכין צוא דער גאנצער וועלט דאס וויים רינגילט ארום דאס מיטילשטע אזו וויא דער ים אוקינוס רינגילט ארום די גאנצע וועלט דאס מיטלשטע פון דעם אויג איז אנטקעגן דר מדבר און ישוב און דאס שווארצע פון דעם אויג איז אנטקעגן נקודת ציון דרום מאכט מען איין מת צו די אויגן צו ווייזן דאש די וועלט איז שוין פר הולין פון אים און פאר שטאפט דאש ער זעהט שוין ניט די וועלט פרעגט רבי שמעון אדרבה מען גיהער אים עפנען זיינע אויגן צו ווייזן

אז די וועלט איז ניט פאר לארן פון אים דען ער וועט אויף שטיין צוא תחיית המתים זאגט ער אי חסיד אי קדוש ווען מען זאל ניט פר שטאפין דעם גישטאלט פון דר וועלט וואלט ער ניט גקאנט האבן קיין חלק אין יענר וועלט דען יענע וועלט איז אלין דר היפוך פון דר וועלט דען ווען דר זמן פון תחיית המתים וועט זיין וועט פריער אלע זאכן פון דר וועלט פאר לארין ווערין און עש טאר ניט איבער בלייבין אפילו כחוט השערה און דורך דעם טל פון תחיית המתים וואש ער וועט מאכין נידערין אויף זייא דורך דעם טל וועלין אלע זוהמות פון דער וועלט פאר לארין ווערין און אלע מיאוסקייט פון דעם גוף פון עולם הזה וועט אפ גיטאן ווערין דער נאך וועט דער גוף זיין וויא איין טייג וואש דאש זויער טייג מאכט דאש אויף גיין און פון דעם וועט ער מחודש ווערין צוא איין נייער בריה דרום ווייזט מען אים אז ער וועט שוין ניט זיין אין דעם גישטאלט פון דעם גוף וואש איז אויף דער וועלט זאגט רבי שמעון דאש ווייש איך וואול אז איר זייט אויף יענער וועלט גיקלייד אין לבושי כבוד עש איז פיל אורות קדושים דאס זיינען גוף נקי וטהור וקדוש נאר איך פרעג דיך אויב עס קען זיין אז איינער זאל אויף דער וועלט אויך קענען זוכה זיין צוא איין גוף זך ונקי זאגט ער עש איז דא גיוועזן צווייא נערים וואס זייא האבן זיך מתלבש גיוועזן צווישין אונז אז זייא האבן שוין גילערינט זייער עונש אויף זייער חטא וואס מען באדארף ניט מגלה זיין האבין זייא דאס גיפרעגט דעם ראש ישיבה האט ער זייא גיענטפערט עס איז דאך אויף דער וועלט אויך גיוועזן אזו איין אופין עס שטייט ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות זיא האט זיך אן גיקלייד איין מלבוש פון עולם הבא דער לבוש מלכות דאס איז דער רוח הקודש פון מלכות שמים און אז זיא איז גיקומען פאר דעם רשע איז איר לבוש פון איר אפ גיטאן גיווארין אזו אויך ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות דער לבוש מלכות איז דאס גישטאלט פון דיא לבושי עולם הבא זאגט רבי שמעון וויא זיס זיינען דיא רייד וואול צוא מיין חלק דאס איך האב דאש גיהערט אז דיא צדיקים אויף יענער וועלט ווערין אן גיקלייד בלבוש מלכות און אזו איז בוודאי זאגט ער דער אויר פון דעם גן עדן וואס ווייעט פון דעם רוח הקודש דאס איז דיא לבושי מלכות וואס דיא צדיקים זיינען זיך מתלבש אין דעם גישטאלט וואש זיינען גיוועזן אויף דער וועלט דער נאך רוט דער רוח הקודש אויף זייער קאפ אויף איטליכין באזונדער און ווערט גיקריינט דער מיט פאר איין קרוין אויף זיין קאפ אזו איז מרדכי אויך גיוועזן דרום שטייט בלבוש מלכות אין גישטאלט פון יענר וועלט און דער נאך ועטרת זהב גדולה דאס איז דיא קרוין וואס איז אויף דיא קעפ פון צדיקים אויף יענער וועלט און דאס האבין דיא ישראל זוכה גיוועזן בשעת מתן תורה צוא דעם לבוש ביז זייא האבין דאס בבושה אפ גיטאן אז זייא האבין גיזינדיגט אזו וויא עש שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב דאש זייא האבין זיך אויש גיטאן פון דעם לבוש אזו שטייט ביי יהושע הכהן הגדול הסירו הבגדים הצואים מעליו דאש מען האט אים אויש גטאן פון די מאוסי קליידר אזו וויא עס שטייט וילבישהו בגדים און מען האט אים אן גיטאן בגדים און לבושים פון יענעם עולם און כל זמן דער גוף איז נאך אין קבר קען זיין רוח ניט אן טאן דיא לבושים דרום שטייט דארט מען זאל אים פריער צוא דעם ערשטין אפ טאן דיא לבושי צואה דאש איז דער גוף פון דער וועלט דער



נאך

נאך שטייט וילבישהו בגדים האט מען אים אן גיטאן מלבושים פון יענער וועלט אונ אז ער האט שוין דעם לבוש אן גיטאן שטייט שוין מלאך ה׳ עומד דאש איז די קרוין פון רוח הקודש אויף זיין קאפ דאש הייסט מלאך ה׳ ער שטייט אויף דיא קעפ פון דיא צדיקים דאש איז אלץ אז יענער גוף איז שוין ניט דא אין קבר ווארום כל זמן אז יענער גוף איז נאך פאר האנדין אין קבר קען דער רוח ניט מקבל זיין קיין אנדער לבוש אונ אז דער גוף איז שוין ניט פאר האנדין אין קבר אין דער צייט איז גרייט דער לבוש אן צוא קליידין דעם רוח אזו וויא דער יצר טוב מיט דעם יצר הרע דאש זייא קענען ניט זיין ביידע באנאנדער זאגט רבי שמעון איך פאר וואונדער זיך אז ביא יהושע כהן גדול שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו וואש קען שוין זיין ביא אנדערע מענטשין זאגין זייא צוא אים דוא בישט דאך איש חסיד וקדוש וויא זיינען דיא זאכין פאר בארגין אונ פאר הוילין זאגט רבי שמעון חאטשע אונזערע חכמים ווייסין פון די זאכין פון יענער וועלט אבער מיר ווייסין דאך ניט דען אז דער מענטש איז שוין גישטארבין אונ איז אויף יענער וועלט וואס האט דער שטן פאר איין תועלת דער פון וואס ער איז נאך דארטין אויף אים מקטרג ניט גינוג ער האט שוין דיא נשמה ביא אים צוא גינומען אונ האט אים ממית גיוועזן זאל ער נאך אויף אים מקטרג זיין אזו ווי עם שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו זאגט ער אי דוא חסיד וקדוש וואל איז דיין חלק קום אונ זעה דער גאנצער חשק אונ לושט פון דעם שטן איז נאר אז דער צדיק זאל ניט קענן אן טאן דעם לבוש הטהור והקדוש אונ דר גוף פון דעם מענטשן דאס איז דער חלק פון דעם שטן אונ זיין מעשה פון זיין כח הטומאה יצר הרע אונ איז אין דעם באהעפט היינט אז ער זעהעט דעם מלבוש פון דער וועלט דאס הייסט דער גוף איז שוין ניט נחשב ער איז שוין נדחה גיווארין דרום איז ער מקטרג דרויף דען ווען דער רוח ווערט זיך מתלבש זיין אין דעם לבוש הקדוש והטהור פון יענער וועלט מוז דאך תיכף בטל ווערין דער גוף וואס ער איז דיא מעשה ידיו פון דעם שטן אונ דאס וויל ער זייער ניט אונ ווידער כל זמן דער רוח האט נאך דעם לבוש ניט אן גיטאן קומט ער אלע מאל גיוואר ווערין צו דעם גוף אין קבר אונ רעט צו אים אונ דאס איז זיין חלק דרום איז דאס אים ניחא אבער אז ער זעהט אז ער טוט אן דעם לבוש הכבוד דען ווערט בטל דאס גישטאלט פון דעם יצר הרע אין יענעם גוף אונ האט שוין קיין ארט ניט מיט דעם גוף אים צוא גידיינקען ביז אייביג אויב דוא וועשט פרעגין מיר גייען דאך אלע תחלת הלילה פוקד זיין לבית הקברות דאס איז ניט אויף דעם גוף נייערט דער נפש כל זמן ער גייט נאקעט אן איין לבוש אזו לאנג אז דאס פלייש איז נאך פר האנדין אין קבר איז דער רוח אים פוקד אונ קומט צוא דעם נפש אונ דער נפש איז פוקד דעם גוף אבער אצונד אז קיין פלייש פון דעם גוף איז שוין נישט דא צוא דעם גוף זיינען מיר פוקד דעם נפש אונ ניט צוא דעם פלייש נייערט צו דעם נפש וואס ער ליגט נאך צווישין די ביינר דרום אלע תחלת הלילה איז דער רוח פוקד דעם נפש ווייל ער וויל אז דער גוף זאל נאך אקיום האבין כדי ער זאל קאנען איין קורבות האבין צוא דעם פלייש דרום איז דארטין דער שטן מקטרג ווייטער איז גרושע סודות וואס מען טאר זייא ניט שרייבן :

פתח האי ינוקא דער ינוקא הייבט אן אין דעם פסוק מגלה זיין גרושע סודות אזו שטייט אויף דער ראש ישיבה אונ קושט אים ער זאגט צוא אים חייך דא שווער איך אז דיא רייד זייגען גיזאגט גיווארין בישיבה של רקיע אונ אזו איז דאס דוא קדוש וחסיד וויא פיל שמחות על שמחות איז גימערט גיווארין מיט דעם קינד אין דער ישיבה זיבין אונ צוואנציג טעמים האט ער גיזאגט אין דער תורה אונ מיט זיבעציג כתרים האט מען זיין פאטער דעם טאג גיקריינט וואל דעם חלק וואס איז זוכה צוא לערנען תורה צוא זיין קינד זאגט רבי שמעון זיין פאטער אליין האט ניט זוכה גיוועזן מיט אים צוא לערנען זאגט ער זיין פאטער האט אים גילאזט לערנען אבער עס איז איין פאר בארגענע זאך ווארום דאס קינד איז גישטארבין נייערט וייל מען האט אים גידארפט דן זיין איז שוין אנטפלעקט גווארין זיין חטא אונ איז ניצול גיווארין פון דעם משפט דען זיין חטא איז גיוועזן דאש ער איז גיוועזן אגרוישער חריף אונ ער האט מיט זיינע חריפות אונ קושיות זיין רבי מבייש גיוועזן פאר אלע אונ האט ניט גיוואלט גיין צו אנדער רבי ער זאל אים רעכטמאכן זיין לערנען אונ איבער דעם איז דיא דעה פון זיין רבי שלאף גיווארין אונ האט זיך מצער גיוועזן אויף דעם דרום האט מען אים גיוואלט דן זיין מיט איין שווערין משפט אונ דרום חאטשע ער איז ניצול גיווארין פון דיא שרי הדינים וואס זיי האבין אים גיוואלט דן זיין איז ער דאך פון דעסט וועגין ניט ניצול גיווארין פון דעם גאנצין דין דען אלע ערשטע זיבין טאג איז ער דא ניט גיזעהען גיווארין רעכט מיט זיין גישטאלט ביז ער האט זיך גיוואשין מיט גרויש וויטאג דיא זיבין טעג ביז זיין גישטאלט איז ווידער מושלם גווארן אונ פאר וואס ער איז גישטארבן דארפשט דו ניט ווישין אי רבי אי רבי פיל זוכה איז דיין חלק ער זאגט ווייטער פון דיא מים חיים וואש זייא גייען ארויש פון דיא חדרים אונ זייגען זיך מתפשט אין דריגען אונ זייא גייען אין ים הגדול אונ עש ווערט אין דעם אן גיצייכינט איין דרך בלב ים אונ דער פון טרינקט דער לויתן אונ ווערט זאט אונ איז זיך משמח אונ גיקריינט מיט זיין גרוישקייט אונ אז נאך איין קוואל ווערט ארויש גיין פון דעם קוואל אונ ווערט זיך מתפשט זיין אונ ווערט גיין פאר בארגענער הייד אונטער דעם תהום אין ים האחרון וועלין אלע מים הזדונים אונ מים חזקים שלאף אונ אונטער גטאן ווערין דאש זייא זאלין ניט ארויש גיין משחית ומחבל זיין דיא מענטשין אונ דער סימן איז הנותן בים דרך ובמים עזים נתיבה אונ אין דער עזרה זייגען פאר האנדין צווייא כרובים זייא זייגען מעשה אומן של הקב״ה דאש קען קיינער ניט פאר שטיין אויף זייא שטייען די עליונים ותחתונים אונ אונטער זייא זייגען אן גיברייט כל ישראל צו שטיין דאש זייא וועלין ניט ארויש גיין פון זייערע פליגל זייא וועלין אזו גרויש ווערין אז כל ישראל וועלן ארונטר אונטער זייערע פליגל ווייטער איז חסר אין זוהר דער ראש ישיבה האט איבער דעם זוכה גיוועזן צוא דעם כבוד ווער קען זאגין דיא רייד וואש מען איז מחדש אלע טאג פאר דעם ראש ישיבה אי רבי אין אלע צייט אז דיא רוחות פון זכרים גייען ארויף למעלה אין דער צייט גייען ארויש אלע נקבות אונ זאמלען זיך איין צוא בתיה בת פרעה אין איר היכל אונ זייגען זיך דארט משמח מיט וויא פיל דברים משונים אונ פיר דארט גייען זייא אלע ארויש מיט בתיה אין היכל פון סרח בת אשר אונ זייגען זיך דארט אויך משמח מיט כמה דברים חדשים גם ישנים אונ פון דארט גייען זייא ארויש אונ גייען אין היכל פון יוכבד אונ אזו גייען זייא אין אלע היכלות אצונד רבי וויל איך דיר זאגין איין סוד קום אונ זעה

אין

אין איטליכער שמיטה ושמיטה גייט ארויש איין כרוז אונ רופט אויש איר זאמילט אייך איין אנשים ונשים אונ אלע בני אמונה אונ גייט ארויף דען זיינען זיך מתפשט אנשים ונשים אונ גייען ארויף אונ אלע קליינע קינדער די זייגינדיקע גייען ארייז אין דער ישיבה של רקיע אונ זיינען זיך דארט משמח בשמחה אונ דר שר וואש די שליסל פון הקב"ה איז בייא אים שטייט אויף אונ זאגט זייא כמה דברים חדשים גם ישנים אונ אלע זעהן שמחות וואס זייא האבין נאך אזעלכעש ניט גיזעהען דען גייען אלע אריין אינווייניג אונ וויא פיל פרוכת אונ היכלות פר בארגענע זיינען דארטין וואס זיי לייכטין פון דעם נועם וואס איז בעולם הבא אין דעם היכל וואס הייסט היכל אהבה פון הקב"ה דרויף שטייט לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו אונ דער נאך פליען דיא קינדער ארויף אונ אראפ איטליכר אויף זיין ארט אונ טוען זיך ווידער אן. אין די לבושים וואס זיינען זייערע פון פריערפיל זוכה איז דאס פאלק וואס זיי האפין צוא דיא טובות לעולם הבא זאגט רבי שמעון וויא גאר זיס זיינען דיא רייד וואס איך הער דא וואול איז מיין חלק וואס איך האב דאש אלץ זוכה גיוועזן צוא הערין אונ וואול איז דעם טאג וואס איך וועל אהער גיין זייא זאגין צוא אים רבי נאר דרייא טאג האבין מיר צייט בייא דיר צוא זיין ווייטער איז חסר אין זוהר עס הייבט זיך אן איין שמועות פון דעם יצר הרע ושטן הכסיל חובק את ידיו ואוכל את בשרו דאס איז דער שטן ער לייגט צום הויף דיא הענט פאר ביטערטער הייד אונ קלאגט אונ דער נאך עסט ער דאש פלייש מיט גוואלד דען דאס האט ער פון אלע זיינע טרחות אונ קטרוג וואש ער האט גיטאן אויף דעם מענטשין האט ער מער קיין הנאה ניט נאר פון דעם גוף דאש פלייש דאש איז זיינש דער נאך שפרינגט ער אונ פרייט זיך אזו וויא איין כסיל אן שכל אונ עסט נאר זיין פלייש אונ ווייטער האט ער קיין רשות ניט דאס ביטערונג איז למעלה ולמטה ווען דיא ישראל זיינען בצרה חלילה אונ זייא גיבין ניט קיין כח למעלה דורך זייערע מעשים טובים דענצט מאל איז כביכול איין צער צוא הקב"ה אפילו אויף דעם פלייש וואס איז מצד יצר הרע זייא זאלין איין שליטה האבין דען ער איז איין רחום וחנון אבער אויף דעם רוח ונשמה הקדושה וואס זייא זיינען פון הקב"ה קענן ניט שולט זיין דיא עליונים ותחתונים אונ דרום איז אלע בלבולים פון דעם שטן נאר ער זאל קענן שולט זיין אויף דעם רוח הקדושה אונ אויף דער נשמה אבער ער קען דאס ניט דער לאנגען קערט ער זיך אום אונ עסט זיין פלייש פון דעם גוף וואש דער גוף האט פון אים גיהאט איין הילף אויב דוא וועשט וועלין זאגין עש איז איין שמחה צוא דעם מלאך המות וואס ער איז ממית מענטשין עש איז ניט אזו נאר ער זעהט דאס איז דער רצון פון הקב"ה מאכט ער זיך גלייך וויא ער איז פרייליך צוא טאן דעם ווילין פון הקב"ה אזו וויא עס שטייט רוח סערה דאס איז דר שטן עושה דברו ער טוט דאס באפעלונג פון הקב"ה פרעגט רבי שמעון ער גייט דאך אונ שפרינגט פאר דיא נשים בשעת לויה זאגט ער אי חסיד וקדוש ער טוט דאס צוא ווייזין פאר דעם מלך אז ער האט אים ליב ברצון הלב אבער זיין נחת רוח איז מיט קלאג דרום שפרינגט ער אבער זיין מחשבה איז צו קלאגין זאגט רבי שמעון אז ער איז ווידער ניט גערין ממית זיין דיא מענטשין נאך וואס גייט ער ארויף דער מאנען די עונות פון מענטשין זאגט ער דרום ווייל ער איז איין זקן וכסיל ער מיינט ער וועט איין שליטה האבין אויף דעם רוח אונ זיין גאנצע שמחה אונ לוסט איז נאר פון דעסט

וועגין אבער צום סוף איז אז ער איז נאר שולט אויף דעם פלייש דאס אליין איז נאר זיינש אונ דרום שטייט ישוב עמלו בראשו ווייטער איז חסר אונ דר נאך זאגט ער גרוישע סודות אונ זאגט אז אלע ערבי שבתות אז דיא ישראל זיינען אונטין מקדש דעם שבת זאמלין זיך איין אלע מחנות למעלה אונ איין כרוז רופט אויש בריוט אן דיא הייליגע שטולין ווער זעהט גאר דיא שמחה וואס דא איז דרייא הונדערט אונ ניינציג הימלן וויפיל ממונים וויפיל גיוועלטיגער זאמלען זיך איין צוא זייער ארט אונ אז דיא ישראל אונטין זיינען מקדש דעם שבת אונ הקב"ה איז זיך מתעורר על קדושת שבת דען גייט ארוים איין ווינט פון דיא בלעטער פון דעם עץ החיים אין גן עדן אונ גייט ארויש אויף עולם הבא אונ דיא צווייגן טוען זיך שאקלען דען קומט איין רוח פון עולם הבא אונ דר עץ החיים איז זיך מתעורר אונ ציהט אוים נשמות קדושים אונ פאר שפרייט זייא אויף דער וועלט אונ נשמות גייען ווידר אריין אינע טוען דער וועקן דיא אנדערע דיא גייען ארייז אונ דיא גייען ארוים אונ דער עץ החיים איז בשמחה דען ווערין די צדיקים גקריינט מיט עטרות פון נשמות הקדושים אונ אלע זיינען בשמחה אונ גאנץ שבת האבין זייא מנוחת שמחה אזו אויך דיא צדיקים אלע אין גן עדן זיינען אלע עולה אונ זיינען זיך מתענג בתענוג עליון פון עולם הבא אונ אז שבת גייט אוועק אזו פליהן ווידער אלע נשמות פון צדיקים אוועק אונ זיינען ווידער עולה ארויף · קום זונ זעה אז דר שבת קומט אן נידערין אראפ נשמות יתירות מלמעלה צוא רוען אויף דעם עם הקודש אונ דיא נשמות הצדיקים פון גן עדן התחתון גייען אלע ארויף אין גן עדן העליון אונ מוצאי שבת גייען ווידר אלע נשמות וואס האבין גירוט אויף דיא ישראל ארויף אונ דיא נשמות הצדיקים גייען ווידער אראפ אין גן עדן התחתון אונ אז דיא נשמות יתירות גייען ארויף שטעלין זייא זיך אין זייער גישטאלט פאר דעם מלך הקדוש אונ ער פרעגט זייא וואס פאר איין חידוש האט איר גיהאט אויף יענער וועלט אין דער תורה וואול צוא דעם וואס איז מחדש אין דער תורה בשבת אזו זאגט עס די נשמה צו הקב"ה וואס פאר איין שמחה מאכט הקב"ה ער זאמילט איין דיא פמליא של מעלה אונ זאגט הערט צוא די חדושי תורה וואס דיא נשמה זאגט פון יענעם מענטשין אונ דיא רייד ווערין גישטעלט אין די ביידע ישיבות וואס זיינען למטה אונ הקב"ה למעלה חתמית דיא רייד · קום אונ זעה אז דער מענטש איז מחדש חידושי תורה אום שבת אונ דיא נשמה נידערט אראפ אונ איז עוסק אין זייא אונ איז דער מיט עולה פאר הקב"ה אזו הערין צוא דיא גאנצע פמליא של מעלה דיא רייד אונ דיא חיות הקודש זיינען זיך מתלבש אין מער פליגיל אונ אז הקב"ה פרעגט די נשמות אונ זיי ווייזן ניט דען שטייט בייא דיא חיות בעמדם תרפינה כנפיהם בעמדם איז טייטש שווייגין אז זייא שווייגין אין דברי תורה דען תרפינה כנפיהם ווערין שלאף זייערע פליגיל אונ פאר וואס הייסט שווייגין עמידה ווייל אז אמענטש רעט רירין זיך אין אים זיבין אברים אונ ריידין לב ראה וקנה לשון שינים שפתים בשר אונ אז מען שווייגט שטייען אלע אונ רירין זיך ניט דרום הייסט דאס עמידה ווארום רב המנונא סבא האט אן גיהויבן ישלח עזרך מקודש ומציון יסעדך מקודש מיינט מען קידוש ידים וואס מען וואשט זיך פאר דעם עסין ומציון יסעדך דאס מיינט מען די המוציא וואס דאס לעהגט אונטער דאס הארץ פון דעם מענטשין יזכור כל מנחותיך כל איז מרבה דיא מים אחרונים וואס מען וואשט זיך פאר דעם בענטשין ועולתך ידשנה סלה דאס

איז ברכת המזון בזימון ווען דוא וועשט אזו מאן יתן לך כלבבך וכל עצתך ימלא דען גיט מען דעם מענטשין וואס ער בגערט אונ אום שבת איז אזו דיא טייטש ישלח עזרך מקודש דאס מיינט מען דעם קידוש וואס מען מאכט פאר דעם עסין אויף דער זאך ווערין גיקריינט דיא צדיקים אין גן עדן פון איין שבת צום אנדערין · נאך הייבט ער אן על הר ציון גבוה גו' וועלכער איז דער הויכער בארג דאס מיינט מען דעם הר העברים וואס משה איז דארט נארין בהאלטין · דיא שכינה וועט דארט ארויף גיין אונ וועט מבשר זיין אויף דער וועלט אונ מיט איר וועט זיין דיא מוטער פון משיח בן דוד וואס ער הייסט מנחם בן עמיאל אונ זיין מוטער וועט מיט איר גיין אונ וועט אבשורה זאגין צוא ציון אונ דאס קול וועט גיהערט ווערין אויף דער גאנצער וועלט אונ צווייא מלכים וועלין זיך דער וועקין אויף דער וועלט מלחמה צוא האלטין אונ דער שם הקודש וועט ארויס גיין אויף דער וועלט וואס ער וועט מבשר זיין אונ וועט זאגין הנה ה' אלהים בחזק יבוא וזרועו מושלה לו הנה שכרו אתו ופעולתו לפניו הקב"ה וועט אוים רופין אין אלע זיינע פמליא של מעלה אונ וועט זאגין זאמילט אייך איין אונ טוט משפטין ווער עס האט זיך מוסר נפש גיוועזין אויף קידוש השם וואס איז זיין שכר אונ זייא וועלין זאגין אזו אונ אזו ווער עס האט גיליטין אין גלות כמה יסורים אונ איז גיזידילט גווארין וואס איז זיין שכר וועלין זייא זאגין אזו אונ אזו יווער עס איז גישטראפט גווארין אלע טאג פון מיינט וועגין וואס איז זיין שכר וועלין זייא זאגין אזו אונ אזו · אונ דער פסוק זאגט הנה שכרו אתו ופעולתו לפניו וואס איז טייטש ופעולתו נאר אזו וויא עס שטייט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך דאס מיינט מען דיא פעולה פון הקב"ה עס שטייט אשר צפנת דאס איז טייטש וואס דוא האשט בהאלטין איז דאך קשה נאך וואס האט ער בהאלטין פאר וועמען פארכט ער זיך דען פאר גניבה אדער פאר גזילה אלא גייא אונ זעה דיא מעשה רחמים וואס הקב"ה טוט מיט דעם וואס ער שלאגט זוגיט ער איין רפואה דען הקב"ה שלאגט מיט דער יד שמאל אונ איז ווידער מקרב מיט דער יד ימין אונ מיט דער שמאל וואס ער שלאגט וועט ער איין רפואה געבין צו דער וועלט מצפון תפתח הרעה צפון איז דער שמאל מיט דעם שלאגט ער פון דארטין גייען ארויש אלע דינים וגזירות קשות אונ דארטרוט ווידער אלע שכר טוב אונ אלע טובות וואס הקב"ה האט אן גיגרייט צוא דיא צדיקים לעולם הבא דען וועט הקב"ה רופין צו צפון אונ וועט זאגין צוא דיר האב איך גיגעבן כל הטובות וכל שכר טוב צוא מיינעקינדער וואס זייא האבין גיליטין כמה רעות אויף דר וועלט פון מיין קידוש השם וועגין גיב ארויס דעם שכר וואס איך האב בייא דיר בהאלטן אזו וויא עס שטייט אמר לצפון תני ולתימן אל תכלאי דאס איז טייטש צוא צפון וועט הקב"ה זאגין גיב אפ אונ צו דרום וועט ער זאגין דו זאלשט ניט פר מיידין דיא ברכות איז דאך קשה איז דען דער סדר אז דרום זאל פאר מיידן די ברכות אמער אלע ברכות קומען דאך פון דרום דאס איז דר יד ימין פון הקב"ה וואס אלע ברכות קומען פון אים וואס דען זאגט ער ולתימן אל תכלאי אלא באותו שעה וועט הקב"ה אויף וועקין צוא אברהם אונ וועט צוא אים זאגין שטייא אויף דען דיא צייט איז גקומען וואס איך לייז אוים דיינע קינדער אונ צוא געבן זייא שכר טוב אויף אלעמן וואס זייא האבן גליטין אונ דרום וויל אברהם האט אונז פאר קויפט אין גלות דען אזו האט ער זיך אויש גקליבן בברית בין הבתרים אז זיינע קינדר זאלן זיין אין גלות אזו ווי דר פסוק זאגט אם לא כי צורם מכרם דאס מיינט מען אברהם וואס ער הייסט צור

ער האט זייא פאר קויפט אין גלות דרום וועט זיך אברהם מאכין גלייך וויא ער וואלט גיגערין גיזעהען אז זייא זאלין נאך מער גישלאגין ווערן אונ גשטראפט ווערין אויף זייערע עבירות וועט הקב"ה זאגין איך פרשטייא דאך אז דו זאגשט עש נאר לפנים אבער ניט באמת דרום וועל איך אויך נאר זאגין לפנים דרום זאגט ער אומר לתימן איך וועל זאגן צו אברהם וואס ער איז צד ימין צד דרום אל תכלאי איך בין דיך גיקומן איבר בעטן אויף דיינע קינדר דו זאלשט ניט פר מיידן זייערע טובות אונ שכר טוב פון זיי דען זיי האבן שוין גנוג צרות גיליטן אויף זייערע זינד ולצפון תני גיב ארויש דעם שכר טוב אשר צפנת וואש דאס איז בצד צפון זייערע טובות ושכר טוב אונ דיא זאך וועט דיא שכינה זייא מבשר זיין · נאך מער וועט זיא זייא מבשר זיין דאס אנדערע מאל בשעת זיא וועט ארויף גיין אויף דעם הר גדול וועט זיא גיין פון דארטין מבשר זיין צוא דיא אבות דער נאך וועט זיא זיין אין ירושלים צוא זעהען איר חורבן אונ וועט גיין קיין ציון אונ דארטין וועט זיא ווידער קלאגין אזו וויא פריער אויף איר ארט מיט כבוד וואס דארטין איז צוא איר גיוועזן אונ דארטין וועט זיא שווערין אז זיא וועט ניט ארויס גיין ביז דיא ישראל וועלין זיין אין ארץ ישראל אונ חפצי בה דיא מוטער פון משיח וועט מבשר זיין אזו וויא צום ערשטין אונ וועט זאגן צהלי ורוני יושבת ציון כי גדול בקרבך קדוש ישראל וואס מיינט מען כי גדול בקרבך דאס איז הקב"ה ער וועט צוא איר קומען אויף ריכטין זיא פון דער ערד אונ וועט צוא איר זאגין התנערי מעפר קומי וגו' וודאי זיא איז ירושלים אונ הייסט ירושלים אונ מיט דעם אויך וועט זיין כמה שמחות על שמחות צוא דיא צדיקים אין גן עדן אונ דרום אויך וואול איז צוא דעם מענטשין וואס דיא נשמה זאגט דארטין עדות לפני המלך דיא חידושי תורה פון שבת וואס ער האט אונטין מחדש גיוועזן דאש הקב"ה אונ וגאר זיין פמליא של מעלה אונ אלע נשמות הצדיקים וואס זיינען אין גן עדן ווערין אלע גיקריינט מיט דער חדושי תורה נאך מער האב איך גיהערט דאס דיא הייליגע ליכט וואס זיא איז פול כבוד על כבוד ועטרות על עטרות טוט מען דארטין צוא דעם פאטער פון דעם מענטשין בשעת הקב"ה זאגט זאמילט אייך איין צוא הערין חדושים פון דער תורה פון דעם אונ דעם מענטשין וויפיל קושונג איז אויף זיין קאפ כמה צדיקים וואס טוען אים קריינען בשעת זייא נידערין אראפ וואול צו זייער חלק וואס זיינען משתדל אין דער תורה אום שבת מער וויא אנאנדער טאג ע"כ:

ויאמר ה' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם ועשו להם ציצית רבי חזקיה הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול וגו' זכאין זיינען דיא צדיקים וואס הקב"ה האט באגערט אין זייער כבוד אונ האט זייא גיגעבין דיא תורה הקדושה אונ דיא נביאים נאמנים וואס זייא האבין זייא גיפירט בדרך אמת · קום אונ זעה איטליכין נביא וואש הקב"ה האט אויף גישטעלט האט זיך הקב"ה צוא אים אנטפלעקט כמדריגות הקדושות העליונות אונ זייא האבין גיזעהען דאס גישטאלט פון דעם כביד המלך ממקום העליון אבער עס שטייט דאך בייא זייא מרחוק ה' נראה לי אבער קיינער איז ניט אזו נאהענט גיוועזן אזו וויא משה אשר חלקו מכל העולם דאס בייא אים שטייט פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות ער זאגט ווייטער סודות אונ דיא מעלות פון משה · קומט רבי אבא אונ קושט אים אונ זאגט וודאי האשטו רעכט גיזאגט אונ עס איז אזו וואול צוא דעם חלק פון משה מער פון אלע נביאים דאס

בשעת

בשעת ער איז נסתלק געווארין פון דער וועלט האט זיך קיינער ניט מתעסק געווען מיט אים נאר הקב"ה אליין האט אים אריין געבראכט אין זיין מחיצה אריין אבער אנדערע נביאים האבין געזעהען די שכינה דורך פיל מחיצות ויראני את יהושע הכהן הגדול ווארום איז יהושע געשטאנען פאר דעם מלאך מיט איין געריכטע קליידער ביז עש איז ארויס געגאנגען איין כרוז אונ האט געזאגט הסירו הבגדים הצואים מעליו מען זאל אים אויס טאן דיא אום ריינע קליידער זאגט רבי יצחק עס שטייט דא ועומד לפני המלאך וואס מיינט ער פאר דעם מלאך אלא ער האט אים דן געוועזן אונ ער איז געשטאנען בדין פאר אים אזו וויא עס שטייט ואל תאמר לפני המלאך כי שגגה הוא מיינט מען דאך דארטין פאר דעם מלאך וואס ער משפט אים אזו מיינט מען דא אויך אזו דען איטליכער מענטש וואש ער איז ניט זוכה אויף דער וועלט אן צוא קליידין זיך מיט מלבושים פון מצוה ווען ער שטארבט אזו שטייט ער אין איין פאר שמירטין לבוש אויף יענער וועלט · אונ שטייט דרויף צוא דעם משפט מען זאל אים דן זיין · קום אונ זעה וויא פיל לבושים זיינען אן געבריים אויף יענער וועלט אונ דער מענטש וואש עס איז ניט זוכה אן צוא טאן זיך אויף דער וועלט מיט לבושים פון מצות ווען ער קומט אויף יענער וועלט טוט מען אים אן אזו איין לבוש וואש ער זאל מיט דעם דער קענט ווערין פאר דיא שרים פון דעם גיהנם וויא צוא דעם וואש מען קליידט אים אן מיט דעם לבוש דען עס זיינען אן געבריים כמה בעלי מדות הדין אים צוא נעמען אונ מאכין אים נידערין אין גיהנם אריין אונ דרום האט שלמה המלך געזאגט בכל עת יהיו בגדיך לבנים דאש מיינט מען דער מענטש זאל נזהר זיין אויף דער וועלט אן צוא טאן מלבושי מצוה דהיינו ציצית אונ תפילין אונ דעשט גלייכין אזעלכע מלבושי מצוה כדי ער זאל אויף יענער וועלט אויך האבין אזעלכע ווייסע קלארע קליידער :

במדרש רות מהזוהר שטייט רבי נהוראי זאגט אין פרשת ציצית שטייט על כנפי בגדיהם לדורתם שטייט לדורתם חסר אן וואוין אזו אויך ביא שבת שטייט לעשות את השבת לדורתם אויך חסר · מיר האבין געלערנט מען האט מתקן געוועזן פרשת ציצית אין קריאת שמע אונ אין דער מזוזה וואש איז אין דער דירה פון דעם מענטשין שטייט ניט דיא פרשה פון ציצית מיט וואש ווערט נשלם דיא פרשת ציצית ביא דער מזוזה ווען אמענטש טוט זיך אן אין דיא ציצית אונ גייט ארויש פון דער טיר פון זיין שטוב איין געוויקלט אין ציצית אזו איז זיך הקב"ה משמח · אונ דר מלאך המשחית אנטלופט פון דארטין אזו ווערט דער מענטש ניצול מכל משחית ונזק דרום שטייט לדורתם חסר עש מאכט דירה תם דאש הייסט אז ער גייט ארויש גאנץ מיט דער מצוה האט אויף אים דער משחית קיין שליטה ניט עס שטייט מזוזות דאש מאכט זז מות דער משחית וואס הייסט מות איז ער זז אוועק געריקט פון אים אונ האט ניט קיין רשות צוא פאר דארבין אים אזו אויך ביא שבת שטייט לדורתם חסר ווארום אז עס קומט שבת דארף מען אן צינדין ליכט עס זאל זיין ליכטיג אונ גרייטין צוא דעם טיש אזו וויא דיא דירה פון איין חתן וואש ווארט אויף דער כלה ווארום שבת ווערט אן גערופין כלה דרום געהער מען זיא אריין נעמען אין איין שיינער דירה אזו וויא עס איז ראוי צוא איר דרום שטייט לעשות את השבת מען זאל אן גרייטין פון שבת וועגין לדורתם זיא אריין ברייגגען אין איין שיינער דירה

אונ אז זיא קומט אונ געפינט ניט קיין ליכט ברענען אונ געגרייט צוא דעם טיש אונ דיא דירה איז אויך ניט שיין זאגט דיא כלה שבת דיא דירה איז ניט מישראל ביני ובין בני ישראל עס איז אצווישין שייד צווישין מיר אונ צווישין דיא ישראל דרום שטייט לדורתם ביא שבת אונ ביא ציצית זאגט רבי נהוראי איך זאג עדות אז דער מענטש וואס גייט ארויס פון זיין טיר אן געקלייד מיט ציצית אונ תפילין צווישין דיא צוויא ביא שטידלעך פון דער טיר אזו איז זיך די שכינה צוא אים מזדמן אונ צוויא מלאכים איינער פון דער רעכטער זייט אונ איינער פון דער לינקער זייט בלייטין אים ביז אין שול אריין אונ בענטשין אים אונ דער מקטרג שטייט פון הינטין פאר דער טיר אונ מוז נאך זאגין אמן אויף דער ברכה · רבי יהודה זאגט וויא פיל עדות האט הקב"ה געמאכט צוא דעם מענטשין זייא זאלין אים עדות זאגין אונ אלע שטייען אנטקעגין אים זאלין אים אן זאגין ער זאל ניט זיין שטייט דער מענטש אויף אין דער פריא אונ ציהט אויס זיינע פיס ער זאל גיין זאגין זייא אים רגלי חסידיו ישמור שמור רגליך כאשר תלך פלס מעגל רגליך דוא זאלשט היטין דיינע פיס אז דוא וועשט גיין אין שול אריין אונ זאלשט איבער וועגין דיא טריט פון דיינע פיס עפינט ער אויף זיינע אויגין צוא זעהען אויף דער וועלט זאגין אים דיא עדות עיניך לנוכח יביטו דיינע אויגין זאלין זעהען וואש אנטקעגין דיר איז מיינט מען הקב"ה שטייט דיר אנטקעגין · עפינט ער אויף דאש מויל צו ריידין זאגין זייא אים נצור לשונך מרע היט דיין צונג פון צוא ריידין שלעכץ שטרעקט ער אויש דיא הענט עפעס צוא טאן זאגין זייא אים סור מרע ועשה טוב קער אפ פון שלעכץ אונ טוא בעשער גוטע מעשים · פאלגט ער דיא עדות איז אים גוט אונ אויב חלילה ער הערט ניט זייערע רייד שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו זאגין זייא אלע עדות לחוב חלילה ווען דר מענטש וויל עוסק זיין בעבודת הקב"ה זיינען פיל מליצים אויף אים פאר האנדין עדות צוא זאגין לזכות ולטובה אונ זיינען מליצים פאר אים ווען ער דארף זייא האבין אויך אין דער פריא מאכט ער וויא פיל ברכות ער לייגט תפלין אויף זיין קאפ אונ דער שם הקודש העליון איז אין אים בהעפט אונ געצייכינט אויף זיין קאפ אונ די רצועות היינגען פון ביידע זייטין אנטקעגין זיין הארץ דא זעהט ער דעם כבוד פון זיין האר שטרעקט ער אויס די האנט זעהט ער אז ער איז באהעפט אין דער קשר של תפילין פון דעם שם הקודש אונ זעהט דעם כבוד פון זיין האר בשעת ער טוט אן דעם טלית מיט דיא ציצית וואש היינגען אויף אלע פיר עקין פון דעם טלית ארום אים אזו וויא דיא וויין טרויבין היינגען ארום זייער צווייגיל · אזו ציצית איז איין מצוה אונ ווידר דיא כריכות וואס ער מאכט ניט ווייניגער פון זיבין כריכות ארום דער האנט אונ ניט מער פון דרייצעהן דאס זיינעו גרויסע סודות אז ער טוט אזו שטייען פאר אים פיר מלאכים עדות של אמת פון דעם מלך עליון וואס זייא היינגען אין דיא פיר כנפות אונ וויל דער טלית פון ציצית ווייזט אויף דער שכינה וואס איז דאס הארץ פון אלע וועלטין עליונים ותחתונים אונ עס שטייט עיני ה' אל צדיקים וגו' הקב"ה זאגט ווער עס וויל נאך גיין נאך מיין יראה זאל נאך גיין נאך מיינע עינים ולב אבער ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם נאך אייערע עינים ולב טארט איר ניט נאך גיין פאר וואש אשר אתם זונים אחריהם מיט אייער הארץ אונ מיט דיא אויגין טוט איר זינדיגן אונ וויל דיא מצוה פון ציצית ווייזט אויף דער שכינה וואס זיא האט געהרגית אלע

בכורים אין מצרים דרום שטייט דער בייא אני ה' אלהיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים זאגט רבי יוסי עס שטייט כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות ווארום שטייט כימי איז טייטש פיל טעג עס וואלט בדארפט שטיין כיום ווארום זייא זיינען דאך אין איין טאג ארויס גיגאנגען נאר דאש מיינט מען די כנסת ישראל וואס זיא ווערט אן גרופין ימים למעלה דען זיא ווערט דער פון גיבענטשט ווערין אז דיא גאולה אחרונה ווערט זיין עס שטייט ואמרתם ביום ההוא הודו לה' וגו' מודעת זאת בכל הארץ דאס זיא ווערט דר קענט ווערין דורך דער מצוה פון ציצית וואס דאס ווייזט אויף די כנסת ישראל זיא ווערט דער קענט ווערין אויף דער גאנצער וועלט דאס הקב"ה ווערט זייא ווייזין ניסים ואותות ומופתים אין דר צייט ווערט מקוים ווערין דער פסוק ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד אמן:

## פרשת קרח

ויקח קרח ער האט זיך גינומען איין שלעכטע עצה ווער עס לויפט נאך איין זאך וואס עס גיהער ניט צוא אים אזו לויפט דאס פון אים אוועק אונ ער קאן דאס ניט גרייכין אונ ניט דאס אליין נאר אפילו וואס ער האט נעמט מען אויך בייא אים אוועק · אזו אויך קרח איז נאך גילאפין וואס עס איז ניט זיינש האט מען זיין זאך אויך בייא אים צוא גינומען אונ עס איז· פון אים פאר לארין גיווארין אונ דאס האט ער ניט גיגרייכט קרח איז נאך גיגאנגען נאך מחלוקת דאס הייסט צוא טיילין דען דיא וועלט שטייט אויף שלום אונ ער האט זיא גיוואלט טיילין אונ האט גיקריגט אויף שלום דאס איז דער שם הקודש וואס הייסט שלום ווער עס קריגט דרויף ווערט ער פאר לארין פון אלע וועלטין · בשעת הקב"ה האט דיא וועלט באשאפין האט זיא קיין קיום ניט גיקאנט האבין ביז הקב"ה האט אויף איר גילאזט רוען דען שלום דאס איז דיא קדושה פון שבת דאס איז דער שלום פון עליונים ותחתונים אונ ווער עס קריגט דרויף ווערט ער פאר לארין פון אלע וועלטין אזו אויך צלפחד האט גיקריגט אויף שבת דער מיט וואס ער האט גיקליבין האלץ אום שבת איז ער אויך פאר לארין גיווארין דרום ווייל ער האט גיקריגט אויף דעם שלום פון דער וועלט זאגט רבי יוסי עס שטייט שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול דיא תורה הייסט שלום בייא איר שטייט וכל נתיבותיה שלום אונ קרח האט אויף דעם גיקריגט דרום איז ער גישטראפט גיווארין מלמעלה ומלמטה:

ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה רבי חייא זאגט עס שטייט חמת מלך מלאכי מות ואיש חכם יכפרנה וויא אזו דארפין זיך דיא מענטשין שטארקין זייא זאלין ניט זינדיגין אונ זאלין היטין זייערע מעשים דען אלע טאג גייען זייערע מעשים ארויף מיט איין וואג אונ מען גיט אויבן אויף דעם זייער גוט אכטונג זייא ווערין פאר שריבין אין איין בוך דרום גיהער דער מענטש זיך אפ היטין פון צוא זינדיגין דען אז דיא וועלט ווערט וויא פיל מאל גימשפט גייט אויף זיין רוגז פאר דעם מלך אונ דער מדת הדין טוט זיך אויף אים דער וועקין דרום שטייט חמת מלך מלאכי מות ואיש חכם יכפרנה בשעת דער מדת הדין מיט דיא שרי הדינים שטייען אויף מקטרג זיין אויף דער וועלט אונ דער רוגז איז אנטקעגין אים ווען עס גיפינט זיך אין דור איין צדיק וואס ער איז גיצייכינט למעלה פאר איין צדיק איז הקב"ה אויף אים משגיח מיט זיינע מעשים טובים ווערט תיכף דער רוגז גישטילט עס איז איין משל צוא איין הער וואס ער איז ברוגז אויף זיינע קנעכט שאפט ער דעם תליין ער זאל טאן זיין משפט דער ווייל קומט ארין זיין ליב האבער וואס דער הער האט אים זייער ליב· אונ שטעלט זיך אנידער פאר אים אז דער הער דער זעהט אים קריגט ער איין פריילך הארץ מיט איין פריילך פנים אנטקעגין אים אזו הייבט אן דער ליב האבער מיט אים צוא רידין אונ דער הער פרייט זיך זייער מיט אים דער ווייל קומט ארין דער תליין צוא טאן זיין משפט · בשעת דער ליב האבער זעהט אז דאש פנים פון דעם הער איז זייער פריילך אונ לוסטיג הייבט ער אן צו בעטין דעם הער אז ער זאל מוחל זיין דיא זינד פון זיינע קנעכט אזו הערט אים דער הער אויש אונ פאר נעמט זיינע רייד אונ איז זייא מוחל זייערע זינד דרום שטייט חמת מלך דער צארין פון דעם מלך זיינען מלאכי מות אבער ואיש חכם אז עס איז פאר האנדין איין חכם וצדיק יכפרנה טוט ער אפ ווישין דעם רוגז אונ ער ווערט גישטילט · אזו אויך אז משה האט גיזעהען אז עס איז פאר האנדין איין רוגז פאר הקב"ה מיד תיכף האט ער גיזאגט צוא אהרן קח את המחתה ברייננג דיא פייער פאן אונ זייא מקריב אין איר קטורת דרום ווייל אהרן איז גיוועזן דער ליב האבער פון השי"ת · אונ מען האט ניט מקטיר גיוועזן קיין קטורת נאר דורך אהרן דרום ווייל ער האט גימערט שלום אויף דער וועלט: וקטורת איז לשון קשר ער האט מייחד ומקשר גיוועזן אלע עולמות אונ דער מיט האט ער גימאכט איין שמחה בכל העולמות אזו וויא עש שטייט ושמן וקטורת ישמח לב דאס הייסט ואיש חכם יכפרנה ער האט גימאכט ריין אונ האט אפ גיווישט דעם רוגז פון הקב"ה אונ האט דער וועקט גרויש רחמים:

רבי אלעזר זאגט עש שטייט כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה כי אין מעשה וחשבון וגו' אלע רייד פון שלמה המלך זיינען זייער פאר בארגינע חכמות אונ פאר הוילין אונ אין דיא פסוקים איז משמע אז עש איז חס ושלום גאר מותר צוא טאן אלע שלעכטע מעשים: אמער אזו אחכם וויא שלמה איז גיוועזן מער פון דער גאנצער וועלט זאל ער אזו ריידין אלא דאש איז אלץ פיל חכמה אזו זאגט ער ווייל דער יצר טוב איז לצד ימין פון הקב"ה אונ דער יצר הרע איז לצד שמאל אונ עש שטייט ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך איז טייטש מיט דעם יצר טוב אונ מיט דעם יצר הרע דוא זאלשט פון דעם יצר הרע וואש ער איז שמאל זאלשטו מאכין איין ימין ער זאל ווערין איין יצר טוב אונ דיא לינקע האנט הייסט ידך אזו וויא עש שטייט בייא תפילין והיה לך לאות על ידך דאס איז דיא לינקע האנט אונ דיא רעכטע האנט הייסט כח אזו וויא עס שטייט ימינך ה' נאדרי בכח היינט זאגט אזו שלמה דער מענטש זאל נזהר זיין אז אלע מעשים זאלין זיין לצד ימין צוא דעם יצר טוב תמצא ידך דיין לינקע האנט זאל גיפונען ווערין צוא טאן בכחך עשה צוא דעם צד ימין וואס ער הייסט כח דען ווערט הקב"ה רוען בייא אים בעולם הזה אונ ווערט אים נעמען צוא זיך בעולם הבא אונ דער מענטש זאל ניט זאגין איך וועל ערשט תשובה טאן אז איך וועל קומן אויף יענר וועלט כי אין מעשה וגו' דען אז דר מענטש גייט שוין אוועק פון דר וועלט אן תשובה העלפט אים שוין דארטין ניט קיין חכמה אונ קיין דעת ווען מען איז אים דן דעם שטארקין דין אין גיהנם נייערט אז דער מענטש וויל ניצול ווערן אונ דר מלך הקדוש זאל אים דר לייכטן אונ זאל אים געבין איין חלק לעולם הבא זאל ער זיך משתדל זיין דרינען אויף דער וועלט אי דער ער שטארבט דאס זיינע מעשים טובים זאלין נכלל ווערין לצד ימין ויצר טוב אונ זייא זאלין זיין לשם שמים

דען

דען וועט ער האבין איין גוט חלק לעולם הבא אונ וועט ניצול ווערין פון דעם דין הקשה פון דעם גיהנם ד"א כי אין מעשה וחשבון בשאול אשר אתה וגו' עס איז אין גיהנם פיל וואנונג איינש איבער דעם אנדערין אונ דאס אונטרשטע וואנונג הייסט שאול אונ גאר דאס אונטרשטע הייסט אבדון דיא צווייא זיינען נאהונט איינש לעבין אנדערין ווער עס קומט אריין אין שאול קומט ער ווידער ארויף מען איז אים דארטין דן וויא עס קומט אים אונ גייט אויף אזו וויא עס שטייט מוריד שאול ויעל אבער ווער עס נידערט אין אבדון דער קען שוין אייביג ניט ארויף קומען אבער דער וואס האט אין זיך מעשים טובים אדער ער איז איין בעל חשבון דאס הייסט ער חשבינת זיך אלע מאל דיא מעשים וואס ער האט גיטאן אונ טוט תיכף תשובה דרויף דער וועט ניט אריין קומען אהין אזו וויא מיר האבין גילערינט דאס איטליכער מענטש אלע נאכט איידער ער לייגט זיך שלאפין זאל ער האבין איין חשבון אויף זיינע מעשים וואס ער האט אנאנצין טאג גיטאן אונ זאל בעטן גאט אויף זייא אונ זאל אויף זייא תשובה טאן ווארום ביא נאכט איז דער מדת הדין שולט אויף דער וועלט אונ איטליכער איז טועם טעם מיתה דרום גיהער איטליכער מענטש די צייט אחשבון האבין אונ מתודה זיין אזו וויא פאר דעם טויט דיא לייט היישין בעלי חשבון דיא מענטשין וועט מען נאר גדורך פירין דורך דעם גיהנם אזו וויא מען פירט דורך אלע נשמות אונ זייא זעהען אלע נשמות הרשעים שרייען איטליכער פון זיין וואנונג אונ זייא בלייבין איבין אונ ניט צווישין זייא בייערט זייא זיינען וואו אלע אורות זיינען אונ כמה תענוגים זיינען דארטין אונ הקב"ה קומט צוא דער מיען זיך מיט דיא צדיקים וואס זיינען אין גן עדן דאס איז וויל זייא זיינען גיוועזן בעלי חשבון תשובה צוא טאן אלע מאל אויף זייערע עבירות וואול צו זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא אויף זיי שטייט

אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך :

רבי שמעון הייבט אן והמה כאדם עברו ברית וגו' דוא אדם הראשון דעק

אויף די ערד פון דיינע אויגין דען הקב"ה האט צוא דיר גיבאטין איין מצוה אונ דוא האסט זיא ניט גיקענט מקיים זיין דרום וויל דוא בישט גיווארין באוויליגט אונ איבער גירעט צוא דעם נחש הרע ער האט דיך אפ גיקערט דער צוא אזו וויא עס שטייט והנחש היה ערום דרום בישטו איבער גירעט גיווארין אונ האסט גורם גיוועזן מיתה צוא דיר אונ צוא גאר דער וועלט צוא אלע קינדער וואס זיינען ארויש גיקומען פון דיר קום אונ זעה דער וואס לאזט זיך איבער ריידין צוא דעם נחש דאש איז דער יצר הרע דער ווערט פאר לארין אין איין רגע · קום אונ זעה איין ראיה פון דוד המלך ער איז גיוועזן אין דער העכשטער מדריגה אין דעם מקור פון דר קוועלינדיגע וואשער אונ אז ער איז נאך גיאגט גיווארין אונ איז אנטלאפין אין אפרעמד לאנד איז ער אראפ פון ארץ הקדושה למדריגה התחתונה איז ער פארט גישטאנען אין זיין שטאנד אונ איז ניט גיגאנגען אין דער צד הטומאה חס ושלום אונ האט זיך גיהיט פאר אים וואס שטייט ואולם חי ה' וחי נפשי כי כפשע ביני ובין המות דוד האט גישווארין צוא יהונתן אז ער איז אזו נאהונט גיוועזן פון דעם טויט דאס איז דיא קליפה וואס זיא הייסט מות אזו וויא איין טריט ער האט שוין אזו טיף גינידערט אין דער מדריגה התחתונה אז ער איז שוין אזו נאהונט גיוועזן אונ האט פארט ניט אראפ גינידערט צו איר אונ האט זיך אין איר ניט באהעפט וואול צו זיין חלק דער וואס קען זיך היטין פון דער צד הטומאה אונ פון אירע מדריגות דען דער יצר הרע הייסט נחש עקלתון שטן מלאך המות יצר הרע אזו וויא מיר האבין שוין גילערינט דער פון אז ער ווערט גירופין זיבין נעמען רע שטן טמא שונא אבן מכשול צפוני ערל דאס איז אנטקעגין דיא זיבין היכלות וואס זיינן מצד הטומאה אזו אויך איז אנטקעגין דיא זיבין נעמען צו דעם גיהנם וואו מען איז דן דיא רשעים בור שחת דומה טיט היון שאול צלמות ארץ תחתיות דיא זיבין נעמען פון דעם גיהנם זיינען אנטקעגין דיא זיבין נעמען פון דעם יצר הרע וויא מיר האבין שוין לאנג מפורש גיוועזן אזו וויא עס איז פאר האנדין מדריגות והיכלות לצד הקדושה אזו איז מדריגות והיכלות לצד הטומאה אלע זיינען שולט אונ ווערין גיפונען אויף דער וועלט בצד הטומאה לצד שמאל אונ זיבין היכלות אנטקעגין דיא זיבין נעמן פון דעם יצר הרע זייא שטייען דן צוא זיין אונ מטמא צוא זיין דיא רשעים וואש בהעפטין זיך אין זייא אונ היטין זיך ניט פון זייערע וועגין ווען זייא זיינען אויף דער וועלט דען דער וואש קומט זיך מטהר צוא זיין אויף דער וועלט מצד הטהרה איז מען אים מטהר אין דעם ארט וואש הייסט סוד של האמונה והיחוד דען עס זיינען כמה מדריגות אונ כמה ממונים וואש שטייען אלע מקרב צוא זיין דיא מענטשין צוא עבודת הקב"ה אונ מטהר צוא זיין זייא אונ ווער עש קומט זיך מטמא צוא זיין מיט דעם צד הטומאה וואש זיא איז טמא דען איז אויך פאר האנדין כמה מדריגות אונ כמה ממונים וואש שטייען אויף מטמא צוא זיין דעם מענטשן וואש ער איז זיך מקרב צוא זייא עש שטייט מי גבר יחיה ולא יראה מות ימלט נפשו מיד שאול ווער איז דער מענטש וואש ער איז בשאפין גיווארין אויף דער וועלט ער זאל ניט זעהען דעם טויט דאס איז דער יצר הרע דער מלאך המות דען דיא צייט וואס דער מענטש קומט חשבון אפ צוא געבין צוא זיין הערין איידער ער גייט אוועק פון דער וועלט זעהט ער אים דרום זאגט דער פסוק מי גבר יחיה ולא יראה מות אונ זאל ניט זעהען וואס הייסט מות אונ דיא זיבין היכלות וואס זייא זיינען דיא שבעה מדורי גיהנם ווערין גירופין שנים עשר חודש דען אזו וויא עס איז דא שנים עשר חודש בצד הקדושה והאמונה במדריגה העליונה אזו אויך זיינען שנים עשר חודש לצד הטומאה וואש דיא רשעים ווערין דארטין גימשפט מיט זייערע נשמות וואול צו די צדיקים וואס זיי היטין זיך אונ פאר מיידין זייערע פיס פון זייא אויף דער וועלט אונ גינעהענען ניט צוא זייערע טירין כדי זיי זאלין ניצול ווערין אויף יענער וועלט פון זייא :

היכל הראשון דאש ערשטע היכל פון דעם יצר הרע הייסט בור רק

דאש איז ליידיג פון אלדינג ווער עש קומט אין דעם אריין איז קיינער ניט דא ער זאל אים צוא האלטין נייערט מען מאכט אים פאלין ער האט דארט קיין אונטער לעגונג ניט צוא גוטש אין דעם היכל שטייט איין ממונה ער הייסט דומה ער שטייט למעלה ולמטה ער נעמט דיא נשמה אז זיא ווערט נדחה פון דעם היכל הקדוש דורך דעם ממונה וואס ער הייסט שהר"י אונ ער שטייט ביא דעם זעלביגין טיר פון דער צד הקדושה אונ דרום שטייט דומה דארטין צוא באגרייפין דיא נשמה אונ כמה מלאכי חבלה זיינען מיט אים אונ אונטער דעם ממונה איז דאך נאך איין ממונה ער האט אונטער זיך אלפים ורבבות אונ דער ממונה הייסט פתו"ת ער שטייט איבער צוא ריידין אלע לייט אונ קערט אים אפ זיינע אויגין אז ער זאל זעהען אויף אזו איין ארט וואס מען טאר ניט זעהען בכל מיני זנות

ומיני

ומיני ניאוף און אלע וואס זיינען אונטער אים שטייען לעבין אים און גייען פאר אים און נייטין אים אז ער זאל אפ קערין זיינע אויגין אויף וואס ער באדארף ניט צוא זעהען און זייא זיינען מעקלערש בייא אים צוא אלעם בייזין דער ממונה שטייט אויף דעם קבר בשעת מען איז דן דעם גוף און ער צוא ברעכט אים דיא אויגין ווייל ער האט זיי דר ווייטערט אז ער איז גיזעהן אויף דער וועלט און דיא אויגין זיינען דאך אין זיין רשות ווייל דער מענטש האט אים גיפאלגט און אויף דעם ארט ווערט נידון דיא נשמה ביז זיא גייט אריין צוא דעם ארט וואס הייסט בור דארט זיינען כמה נחשים ועקרבים זייא שטייען אלע און בגריפין דיא נשמה און זיינען זיא דן איינוויינינג פון דעם ארט איז נאך דא איין ממונה הטמא ער איז העכער פון דיא אלע ער הייסט גם נו"ם ער איז רויט אזו וויא איין רויז ער שטייט תמיד שלעכטץ טאן און צוא איבלין דען אז די תפלה פון דעם מענטשין איז ניט רעכט און זיא ווערט נדחה און קען ניט ארויף קומען אזו שטייט דער רוח און גייט ארויף און איז זיך משתתף ברוח הטומאה העליונה און דער מאנט דארט דיא זינד פון דעם מענטשין און דאש איז דער סימן ויבא גם השטן בתוכם עש שטייט ניט ויבא השטן עש שטייט גם השטן דאש איז מרבה דעם ממונה· און פון דעם דאזיגין היינגן נאך כמה מלאכי חבלה אנדערע ממונים זיי הייסין גרדיני"ן דרום ווייל זיי רייצן אן אויף דעם מענטשין און זיינען מקטריגים אויף זייא צוא ברייננגען אויף זייא דינים דיא זיינען ממונה צו בגערין איין שלעכטין דיבור וואש דער מענטש ציהיט אויש פון זיין מויל און דער נאך ציהיט ער תיכף אויש דברים קדושים ווייא צוא זייא ווייא צו: זייער לעבין דען זייא זיינען גורם צוא דיא מלאכי חבלה דיא גרדיני"ן זייא זאלין שולט זיין און פוגם זיין דעם מקום הקודש ווייא צוא זייא בעוה"ז ובעוה"ב· די ממונים נעמען דאש אום ריינעם ווארט וואש ער האט גיזאגט פאר דעם הייליגין ווארט און זיינען דער מיט מטמא דעם דיבור קודש און דער מענטש איז שוין ניט זוכה דרינען און דער מיט ווערט כביכול גישוועכט דער רוח פון דער קדושה· און איבער אים איז איין ממונה ער הייסט סס"ה און וויפיל מלאכי חבלה גרדינין נימוסין זיינען אונטער אים און דער ממונה נעמט דיא דברים רעים ער נעמט אויך דיא דאזיגע זאכין וואס דער מענטש טוט זייא אוועק פון זיינע הענט מיט כעס ברייננגט ער זייא ארויף און זאגט דאס איז דער קרבן וואס יענער מענטש האט צו אונז מקריב גיוועזן דען אלץ וואס עס איז בצד הקדושה בצד הימין איז פול נחת און ענוה און מנוחה· אבער מצד הטומאה איז אלץ רוגז וכעס און אז איינער ווארפט עפעס מצד רוגז וכעס דאש זיינען דיא אלע וואס נעמען און ברייננגען עס אויף און זיינען דיא זאך מקריב צוא דעם צד הטומאה און זאגן דאס איז דער קרבן פון דעם מענטשין און איין כרוז ווערט אויס גירופין אין אלע הימלען און זאגט ווייא צוא דעם מענטשין וואס ער האט אפ גיקערט נאך דעם אל זר און דינט צוא דעם אל אחר און דער נאך גייט ווידער ארויס איין כרוז דאס אנדער מאל און רופט אויס און זאגט אוי להם כי נדדו ממני וואול צו דעם מענטשין וואס ער טוט זיך היטין פון דעם וועג און קערט ניט אפ לימין ושמאל ער פאלט ניט אריין אין דער טיפער גרוב דאס מען קען שוין פון איר ניט ארויס קומען :

היכל השני דאס אנדרע היכל איז נאך מיין פינצטער חיא דאס ערשטע היכל וואס עס הייסט בור אנטקעגן דעם נאמן פון דעם יצר הרע וואס ער הייסט שטן און דאס אנדערע הייסט שחת אנטקעגן דעם נאמן וואס ער הייסט טמא אין דעם היכל איז פאר האנדן דרייא טירן אויף דרייא זייטן :

פתח הראשון די ערשטע טיר שטייט אין איר איין ממונה און אונטער אים איז כמה אלפים ורבבות ממונים ער איז ממונה אויף די לייט וואס זייא פאר דארבין זייער וועג וויא עס איז ניט דער סדר· און דער ממונה און מיט אים נאך כמה אלפים ורבבות זאמלין זיך איין דער נאך אז ער שטארבט זיינען זייא אים אלע מטמא דיא נשמה זייא נעמן און ברייננגין זיא אריין דן צוא זיין און דיא אלע כוחות הטומאה שטייען דארט דען בשעת ער האט זיך דער היצט צוא דער תאוה רוען זייא אויף אים זייא נעמען דעם חשק און ברייננגין עש אויף למעלה און שטארקין זיך דער מיט :

פתח השני אויף דר אנדערער טיר שטייט אויך איין ממונה ער איז ממונה אויף דיא וואש זייא זיינען אזו וויא בהמות אנאנדר· און אנדרע אסורים אדער אין דיא עריות פון דער תורה דער ממונה מיט כמה אלפים ורבבות מיט אים שטייען אלע אים מטמא זיין אזו וויא עש שטייט אויבין בייא דיא אנדערע· קום און זעה אלע דיא הרוגי ב"ד אדר דיא וואש זיינען שוין גשטראפט גווארן אויף זייערע עבירות דיא אלע זיינען שוין אויש גריסין פון דעם צד הטומאה און זייא האבין שוין קיין חלק ניט אין זייא און ניט אין דעם ממונה וואש ער הייסט כוס התרעלה ווארום זייא האבין שוין זייער עונש מקבל גיוועזן דען אלע וואש זייא האבן נאך ניט גטרונקין דעם כוס פון דעם בית דין דער נאך אז זיין נשמה גייט ארויס פון אים דען קומט דער ממונה און אלע וואש זיינען מיט אים בגרייפן דיא נשמה און דאס איז דער יום הדין והמר זייא זיינען דן דיא נשמה מיט כמה דינים משונים איינש פון דעם אנדערין אין דעם היכל שטייט איין רוח וואס ער איז ממונה אונטער אים פון דעם רוח חזק גייען ארויס דריי ביטערע טראפין זיי פאלן אין כוס התרעלה איינער הייסט חצץ און איינער הייסט סר תמות און איינער הייסט קובעת און דיא דרייא טראפין זאמלן זיך איין אין דעם כוס פון דארטן קומען זייא אויף דער שווערד פון דעם מלאך המות דאס דער מיט איז ער ממית דעם מענטשין :

פתח השלישי און ביי דער דריטער טיר שטייט אויך איין ממונה וואש ער איז ממונה אויף דיא וואש לייקענען אין דעם הייליגין צייכין און זיינען משחית דרכם איז דער ממונה און מיט דיא וואש זיינען מיט אים מצייר ציורים זייא מאלין אויש דיא נשים טמאות וואש ער האט זיך מיט זייא מטמא גיוועזן דיא זיינען אלע גיצייכינט פאר אים אז ער גייט ארויש פון דער וועלט און זייא זיינען דער נאך מטמא זיין רוח אין דעם היכל היינגען אן אלע סודות פון כישוף הרגנן דעם מענטש פאר דער צייט און אלע כישוף מאכער וואס זייא טוען זייער כישוף מוזין זיך דארטין מטמא זיין און דרום איז מען אים דארטין דן און דרום הייסט דר היכל שחת טמא און אין דעם היכל איז דא איין רוח וואס ער איז ממונה אונטער דעם רוח וואס שטייט פריער און כמה אלפים ורבבות זיינען אונטער אים און אלע שטייען אויף דער זייט בשעת דער רוח פון דעם מענטשין גייט אראפ מלמעלה פון דר צד הקדושה דען שטייען אלע כוחות הטומאה מיט דעם ממונה און באהעפטן זיך מיט אים און זיינען אים מודיע דברים כזבים ושקרים מיט אביסיל אמתי רייד דען אזו איז דער סדר פון איין שקרן מוז ער פריער עפעס

אזגין

זאגין אמת כדי מען זאל אים גלייבין אויף זיינע שקרים דער נאך זיינען זיך מתפשט דיא תחתונים צוא דיא תחתונים וואס זייא האבין ניט קיין קיום אונ זיינען מודיע דער וועלט זאכין לכמה צדיקים אונ אלע זיינען אין דער מדריגה למטה פון דעם היכל גייען ארויש צווייא רוחות אונ זייא פאר שטעלין זיך איין מאל אין גישטאלט פון נשים אונ אפט זיינען זייא אין גישטאלט פון מאנזבלין אונ שוועבין אויף דער וועלט אונ קומען צוא דיא מענטשין אין חלום זאלין אים מטמא זיין זייא היישין רוחות תחתונים למטה זייא ווערין פון צווייא פלאם פייער דען אז דיא רוחות של מעלה וואס זיינען אין דעם היכל גייען גייט ארויש פון זיי צווייא פלאם פייער אונ דער פון ווערין דיא צווייא רוחות התחתונים אונ דאס איז אלץ בייא דער טיר פון דער טומאה וואול צוא די צדיקים וואס זייא פאר מיידין זיך פון די טירין אונ ווערין גיהיט פון זייא אויף זייא שטייט לשמרך מאשה זרה:

היכל השלישי איז נאך מער פינצטער וויא דיא ערשטע עס איז ניט פאר האנדין קיין שום ליכט דאס היכל הייסט דומה קעגין דעם נאמן פון דעם יצר הרע וואס ער הייסט שונא אין דעם היכל זיינען פיר טירין אונ איין ממונה שטייט בייא דער ערשטער טיר אונ ער שטייט אין דעם שטארקייט פון דעם רוגז פון דער וועלט ווען דער דין רוט אויף דער וועלט נעמט ער אלע מיני כלי זיין אונ לייגט זייא אנידער בייא דיא טויערין פון דר שול ער איז דער מכשול פון דער וועלט אזו שטייט דרך רשעים באפילה לא ידעו במה יכשלו דער ממונה שטייט אויף דיא וועגין אונ זעהט ווער עס גייט אליין אין וועג אונ אז ער בגעגינט אים קען ער אים מזיק זיין אונ איבלין זיין מויל · דיא אנדערע טיר שטייט בייא איר איין אנדערער ממונה ער שטייט צוא נעמען דיא בריבלעך פון דיא דיינים אונ אונטער אים זיינען כמה מלאכי חבלה וואס זייא האבין אויף איין שליטה צוא נעמן דיא קוויטלעך פון דיא דיינים אונ ער שטייט אויף דער טיר צו נעמן דעם פסק דין וואס ער ווערט נגזר למעלה אונ נידערט אראפ אונטין צוא דיא טירין פון חשך צוא דעם וואס הייסט שחת אונ צוא דעם וואס הייסט בור אונ דארט זיינען פאר האנדין כמה אלפים ורבבות ממונים וואס זיינען שולט אויף דער וועלט צוא טאן דעם משפט אזו ווערט נשלם דער דין מיט דעם פסק:

פתח השלישי איז איין אנדערער ממונה ער איז שולט אויף חלאים אונ ווייטאג אונ אויף אלע שלאפקייט וואס הייסט אש של עצמות פון אים גייען ארויס כמה אלפים ורבבות וואס זיינען אויך מיט אים ממונה אויף דיא חלאים אונ ווייטאג וואס מיר האבן אויבין גיזאגט · פתח הרביעי איז איין ממונה וואש ער איז ווארין בשאפין בשעת מען האט דיא לבנה קלענער גימאכט אין פערטין טאג אזו וויא עש שטייט יהי מאורות ברקיע השמים ער הייסט אסכרה ער שטייט אויף דיא קליינע קינדער ער זאל זייא ממית זיין ער ווייזט זיך צוא זייא אונ לאכט אונ שפעט מיט זייא ביז ער איז זייא ממית אזו וויא איין אשה וואש זייגט דאש קינד אונ שפילט זיך מיט אים אונ איז אים ממית · אין דער מיטן פון דעם היכל שטייט איין רוח ער איז ממונה איבער אלע וואש שטארבין פון דרייצעהן יאר ביז צוואנציג ער איז זייא ממית אונ ער איז מצד הנחש וויא מיר האבין אויבין גיזאגט ער שטייט מיט אים אונ גייט אים נאך דרום הייסט דער מלאך המות טוב מאוד אזו וויא עש שטייט והנה טוב מאוד אזו וויא מיר האבין שוין מפורש גיוועזן דער פון פון זיי זיינען זיך מתפשט אונ עש גייען ארויש צווייא רוחות אף וחימה דיא זיינען ממונה אויף דיא וואש הערין איין גזיפה היישט איין אן שרייאונג אין דיא וואש מיען זיך אין דער תורה אונ זיינען דרויף ניט מקנא זייא נעמען זיך ניט אן פאר דיא תלמידי חכמים אונ אויף דיא וואש שפעטין אין דיא רייד פון דער תורה אדער אין דיא רייד פון דיא רבנן דען פון דיא אף וחימה גייען ארויש כמה אלפים ורבבות אונ גייען ארויש צוא רוען אויף די מענטשין וואש זיינען עוסק בתורה ובמצות אונ אויף דיא וואש גייען בעסק מצוה כדי זייא זאלין זיין טרויעריג אונ זאלין זיך ניט משמח זיין מיט זייערע גוטע מעשים אונ פאר דיא צווייא האט זיך משה גיפארכטין בשעת דיא ישראל האבין גיזינדיגט אונ ער האט אראפ גינידערט פון דעם בארג סיני אזו וויא עש שטייט כי יגורתי מפני האף והחמה אונטער זייא איז פאר האנדין איין רוח וואש ער איז ממונה אויף דיא בעלי לשון הרע אז דער מענטש דער וועקט זיך מיט לשון הרע אזו רוט אויף אים דער רוח הטומאה ער רוט אויף דעם התעוררות פון לשון הרע וואש עש איז צווישן מענטשין אונ ער גייט ארויף אונ איז גורם מיט דעם לשון הרע מיתה וחרב והריגה בעולם ווייא צוא דיא מענטשין וואש זיינען זיך מתעורר צו דעם חלק הרע אונ היטין ניט זייער מויל מיט דעם צונג זייא זינדיגן אונ ווייסין ניט אז אין דעם התעוררת של מטה הייגנט אן דאש התעוררות למעלה הן לטוב והן לרע קום אונ זעה אז דאש התעוררות פון לשון הרע דער וועקט זיך פון אונטין ברייינגט דאש אויף דעם נחש עקלתון מיט דעם נחש בריח מיט זיינע שופין אונ שטעלט זייא אויף אונ זייא דער וועקין זיך פון דעם קאפ ביז דיא פיס דען דער וועקט זיך דער גאנצער גוף מיט זיינע שופין דאש זיינען דיא מלאכי חבלה וואש שטייען אין דרויסין אונ אלע נעמען צו די רייד פון דעם לשון הרע אונ דער וועקין זיך צוא דעם נחש בריח דען איז ער זיך אין גאנצין מתעורר פון דער קאפ ביז אין די פיס אונ אלע היכלות וואש מיר האבין אויבין גיזאגט אונ אלע קשקשים דאש היישט זיינע שופין מיט דער הויט ווערט אפ גיצויגן אונ צוא שפרייט זיך אונ נידערין אראפ למטה אונ דער גוף גייט ארוף למעלה אונ דער וועקט זיך צוא זיין איין רכילות שרייבער אונ איין מקטרג למעלה קום אונ זעה בייא אלע נחשים דער וועלט ווערט דיא הויט ניט אפ גיצויגן נייערט אין דר צייט אז עש דר וועקט זיך למטה דאש לשון הרע אזו איז זיך דער רוח רעה מתעורר למעלה אונ ציהט אפ זיין הויט מיט די שופין דאש זיינען די משחיתים נידערין אראפ אונ דער גוף גייט ארויף אונ דאש אפ ציהונג איז אים שווערער פון אלדינג דרום ווייל ער שייד זיך אפ פון זיין זיווג וואלט דער גוף בייא אנאנדער גיוועזן מיט דער הויט מיט איין חבור וואלט דיא וועלט ניט גיקענט סובל זיין אונ אלץ איז פון דעם התעוררות פון לשון הרע של מטה אונ אז דיא נחשים למטה ווערין אפ גיצויגן פון זייערע הויט גייט ארויש זייער אגרויש קול פון זייא אונ דאש קול איז מעורר כמה נחשים וואש שטייען אין דעם ארט וואש היישט בור דען דארט זיינען כמה נחשים די אלע זיינען מעורר צו זאגין דאש רכילות צו דעם נחש הגדול זייא גייען ארויף צו דר וועקין דעם קטרוג אונ אלץ איז פון דעם התעוררות פון לשון הרע פון אונטין אזו אויך אין דעם גישטאלט איז ווער עש איז עוסק בתורה זיינן דא כמה וכמה וואש זייא היישין לשון הקודש זיי בהעפטן זיך אויבין צו דעם ארט וואס היישט לשון הקודש איין לשון פון דעם קודש של מעלה אונ כמה קדושים וואס זיינען זיך מתעורר פון אלע זייטין וואול צוא דיא צדיקים אונ צוא

זייער חלק דאס זיי זיינן גורם התעוררות למעלה ולמטה בקדושה דרום שטייט והתקדשתם והייתם קדושים · והתקדשתם דאס זיינען די מים ראשונים והייתם קדושים דאס זיינען די מים אחרונים פאר דעם בענטשן וואס מען וואסט זיך נאך דעם עסין אפ צו טאן די טומאה פון דער קדושה דאס איז אויף די הענט וואול צוא זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא :

היכל רביעי הייסט חובה דאס איז דער טיט היון אנטקעגין דעם נאמען פון דעם יצר הרע וואס ער הייסט אבן מכשול אונ עס איז אלץ איינס ער הייסט חובה ווייל דארטן שטייען אלע חובות פון דער וועלט דארטן איז די וואג פון חובות וואס דער מענטש זינדיגט מכריע צו זיין אויף די זכיות דען אז די לייט זינדיגן נעמן אלע גרדיני נימוסין די מלאכי חבלה די חובות אונ לייגן זייא אריין אין דעם היכל חובה אונ ווידער צוא אלע זכיות פון דער וועלט איז פאר האנדן מלאכים הקדושים וואס זיינען ממונה אויף די זכיות אונ זייא נעמען זייא אונ לייגן זיי אנידער אין דעם פערטן היכל וואס ער הייסט היכל זכות ער איז אנטקעגן דעם פערטן היכל פון דער טומאה וואס ער הייסט היכל חובה אין דעם היכל זכות שטייען אלע זכיות אין דעם היכל חובה שטייען אלע חובות אונ זייא וועגן די חובות אנטקעגן די זכיות אום ראש השנה אזו וויא דער פסוק זאגט כי גם את זה לעומת זה עשה אלהים אום ראש השנה זיינען זיך מתחבר די צווייא זכות אונ חוב חיים ומות אונ מען וועגט זייא זיינען די זכיות מכריע ווערט דער מענטש אן גישריבן צוא דעם צד וואס הייסט חיים דען די צווייא זייטן שטייען אום ראש השנה דער אין דער זייט אונ דער אין דער זייט איז דער מענטש זוכה, אונ די זכיות וועגן איבער ווערט ער אן גישריבן לחיים דען דער צד הקדושה באגריפט אין אים אונ זאגט דער איז מיינער אזו ווערט ער פאר שריבן אז ער איז זיינער אבער אז די חובות וועגן איבר דאס היישט דער צד אחר הטמא וואס ער הייסט חובה באגריפט אין אים דער מות אונ זאגט דאס איז מיינער אונ מיינער זאל עס זיין אזו ווערט ער אן גישריבן אז ער איז זיינער · דאס איז וואס מיר האבן גילערינט אז אום ראש השנה ווערט דער מענטש אן גישריבן לחיים אדער למות אז ער איז אן גישריבן מצד הקדושה ווערט ער אן גישריבן לחיים אונ ווערט דארטן באהעפט איז ער באגריפין אין דער טומאה איז ער דארטן באהעפט למות דרום שטייט הן לחיים והן למות אדער ער ווערט צוא גיצויגן צוא דער זייט אדער צוא דער זייט כל זמן ער איז באהעפט אין דער קדושה אונ ער שטייט בצד הקדושה זיינען אין אים באהעפט אלע קדושות מיט אלע טהרות ער רופט צוא הקב"ה אונ ער ענטפערט אים אויף אים שטייט יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדהו אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי אונ כל זמן ער שטייט בצד הטומאה זיינען זיך אין אים מדבק אלע טומאות אונ אלע שלעכץ אונ אלע חובות ער שרייט אונ קיינער וויל אים ניט צוא הערין ער איז ווייט פון הקב"ה אויף אים שטייט רחוק מרשעים ישועה אונ עש שטייט גם כי תרבו תפלה אינני שומע דאש היכל איז איין ארט צוא אלע וואש זייא היישין אלהים אחרים אונ זיינען שולט אפ צוא ריידין דעם מענטשין אז ער זאל נאך גיין נאך תענוגי עולם הזה אונ צוא נאך גיין נאך זנות אונ ניאוף אין דעם היכל ווערט גיזעהען איין רוח קושי איין שטארקער ער איז איבר אלע היישט ער אויך אל אזו וויא דר צד הקדושה היישט אל אזו היישט ער אויך אל נכר דער רוח איז מפתה צוא די מענטשין וואש לערנען תורה אדער זייא שטייען אין בית המדרש ברייגנט ער זייא אריין אין דער מחשבה כמה הרהורים אונ זאגט צוא אים וואש שטייסטו דא עש איז בעסער צוא גיין אין דער חבורה וואש זייא זיינען מושל אונ גיוועלטיגין אונ הערשין איבער לייט אונ גייען נאך נאך תאוות אונ נאך נשים יפות אונ זיינען זיך מתענג בתענוגים של עולם אונ אז דער מענטש לאזט זיך איבר ריידין אזו ציהען זיך אלע נאך נאך אים עס איז פאר האנדין פיל וואש שטייען העכער פון אים אונ זייא אלע זיינען אים מטמא בעולם הזה ובעולם הבא זייא היישין צואה רותחת אזו וויא דער פסוק זאגט צא תאמר לו דאש זיינען די מדריגות וואש שטייען תמיד אים מטמא צוא זיין אין מיטין דעם היכל איז פאר האנדין איין אנדער רוח וואש ער היישט נגע אונ פון דעם גייט ארויש אנאנדערער וואש היישט נגע צרעת ער שטייט תמיד מטמא צוא זיין אלע בעלי לשון הרע מער פון אלע וואש זיינען אים מטמא אונ דער נגע העליון איז ממונה אז עש קומט שבת אונ דער טיש פון דעם מענטשין איז ניט מסודר אזו וויא עש באדארף צוא זיין אונ ער איז מבזה דעם עונג פון שבת איז ער מיט אלע גרדוני נימוסין משחיתים וואש זיינען מיט אים שטייען זייא דארטין אונ אלע זאגין ינקש נושה לכל אשר לו יבוזו זרים יגיעו אל יהי לו מושך חסד ואל יהי חונן ליתומיו וגו' ויאהב קללה ותבואהו וגו' אין דער נאכט פון שבת אז דער טיש ווערט איבער גיענטפערט צום צד הרע וטמא אזו ווערט דער צד הרע גישטארקט אז דער מענטש ווערט איבער גיענטפערט אין זייערע הענט ווייל ער איז גיוועזן חסר פון דער צד הקדושה צד האמונה דרום ווערט ער נמסר ביד הטומאה אונ אזו אויך איז בייא אלע סעודות פון יום טוב · אין דעם היכל איז דער היפוך פון בני חיי ומזוני זייא שטייען דארטין גאר שלעכץ צוא טאן אונ אין דעם היכל וואש איז אנטקעגין וואש היישט זכות דאש הייליגע שטייען דארטין אויך ניט קיין בני חיי ומזוני נייערט גאך העכער אויף דעם ארט וואש היישט מזל העליון דרום האבין די חכמים גיזאגט בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא אלא במזלא תליא מלתא דען זיי הייגען ניט אין היכל זכות נאר גאנץ הויך במזל העליון אבר אין דעם היכל חוב איז יוא דא פאר קערט דער פון ניט קיין קינדער אונ ניט קיין לעבין אונ ניט קיין מזונות ווען עש קומען די קינדער פון דעם מענטשין צו דעם היכל אזו שטייען נחשים צוא פאר דארבין אונ פאר לענדין זייא אונ פון דארטין גייט ארויש דער קטרוג אויף די קליינע קינדער אונ אויך שטייענדי דארטן מזונות מעביר צו זיין דרום היישט דר היכל חובה אונ פון דארטין גייט ארויש איין רוח הטומאה ער היישט ארור אונ מיט אים זיינען כמה אלפים ורבבות אונ אלע היישין אוררי יום אזו וויא דער פסוק זאגט יקבוהו אוררי יום זייא שטייען אלע צוא נעמען דעם דבור קללה וואש דער מענטש שילט זיך אליין בשעת כעס שטייען זייא אונ זיינען זיך מתעורר צוא דעם נחש וואש ער היישט לויתן נחש עקלתון בריח צוא מעורר זיין אונ ברייגגען קללות אויף דער וועלט אזו וויא עש שטייט יקבוהו אוררי יום אונ די אוררי יום זיינען שולט אויף פגעים אויף די אויגין בליק אונ שעות פון דעם טאג אונ זייא נעמען די רייד וואש דער מענטש שילט זיך אליין בשעת כעס אדר בשבועה · אונ מיט דעם דיבור איז ער מעורר דעם אויבערשטין נחש העקלתון וואש ער היישט לויתן אים אויף צוא שטעלין צוא פאר דארבין די וועלט דרום האט איוב אין זיין צער גישאלטין דעם טאג אונ האט ניט גיוואלט שילטין זיין גוף דרום שטייט צום ערשטין בייא

איוב ויקלל את יומו און דער נאך שטייט יקבוהו אוררי יום רחמנא ליצלן הקב"ה וואש ער איז איין רחמן זאל אונז מציל זיין פון אלע דבר רע ומצד הרע און פון זייער שטארקייט :

היכל החמישי הייסט שאול אנטקעגין דעם נאמען פון דעם יצר הרע דאש איז דער סוד פון ערלה אין דעם היכל איז נאר איין טיר און איין ממונה איז דרינען דער ממונה איז גיזעצט תמיד מעורר צוא זיין איין קיטרוג אויפדער וועלט און דער רוח הייסט איכה דרום ווייל דער נאמן פון דעם היכל הייסט איכה דער סימן איז ואיבה אשית בינך ובין האשה אין דעם היכל שטייט איין רוח וואש איז שולט אויף אלע און ער הייסט שודד דאש איז דער שוד ושבר און פון דעם היכל זיינען יונק דיא אלע פאר וויסטע און פאר דארבער בחורבנות און פון דיא גייען ארו"יש אלע הרוגי חרב ותמח זייא גייען נאך דעם להט החרב המתהפכת אלין צוא פאר דארבין און אז דער איז שולט אויף דער וועלט אזו ווערט גיפונען דער רוח וואש ער הייסט שוד און נאך איין רוח מיט אים וואש ער הייסט כפן דיא גייען און ווערין גיפונען אויף דער וועלט אנטקעגין די לייט דרום שטייט לשוד ולכפן תשחק און ער מאכט איין קיטרוג צוא דיא מענטשין וואש זייא גייען' אויף דיא הויכע בערג און ער פאר ווישט און איז מחריב אלין דער נאך קערט ער זיך ארום און טוט רויבין און פאר ווישטין צו דיא לייט און זייא שטארבין דורך דעם שלאפקייט און ווען דיא לייט עסין ווערין זייא ניט זאט דרום ווייל זייא זיינען שולט אויף דער וועלט און אין דער צייט אז איינער טוט חסד מיט דעם אנדערין און גיט אים עסין איז ער כדאי אז ער זאל דוחה זיין דיא צווייא רוחות לחוץ אז זייא זאלין ניט שולט זיין אויף דער וועלט און אז דיא ישראל טוען ניט קיין חסד מיט דיא לייט אזו ווערין דיא צווייא רוחות מבושם און ווערין גישטארקט אויף דיא ישראל דען דריבער ווערט דער צד הטומאה גישטארקט און דיא ישראל ווערין חס ושלום אונטער גיטאן און אז דיא ישראל טוען יוא חסד אזו ווערט דר צד הקליפות גישלאפט און דר צד הקדושה גישטארקט און איבער אלע איז איין ממונה וואש ער הייסט גזר דיניא ער איז ממונה אויף דיא אלע וואש היטין ניט דיא שני ערלה פון איין בוים דאש איז דיא ערשטע דרייא יאר און אויך איז ער ממונה אויף דיא וואש זייא זיינען ניט מל זייערע קינדער צוא דער צייט און דרום האט דער נחש גיוואלט הרגינן דעם זון פון משה ביז צפורה האט אים מל גיוועזן אזו וויא עש שטייט ותקח צפורה צר ותכרת את ערלת בנה און דער ממונה האט צוא שאפין אויף דיא וואש פאר דארבין זייער וועג זייא האבין ניט חס אויף דעם כבוד פון זייער האר אפ צוא היטין דעם היליגין צייכין וואש אין זייער גוף דער ממונה מאכט זיי נידערין אין גיהנם ארײן אין דעם ארט וואש הייסט שאול ואבדון און ער ווערט דארטין גימשפט אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט אין דער מיטן פון דעם היכל שטייט איין רוח און פאר בארגט זיך אויף דיא פרשת דרכים וואו דיא וועגין צו שיידין זיך צו זעהן אלע וואש זיינען עובר אויף דער תורה און מאכט איין שנאה צוא ווישין עליונים ותחתונים דען דער גאנצער היכל איז איבה פיינד שאפט צוא מאכין און ער מיט דיא אנדרע ממונים שטייען אלע און ווייזן אפרייליך פנים צוא מענטשין כדי זייא זאלין קענען דורך דעם איבער רידין אפ צוא קערין מדרך האמת און זאל זייא נאך גיין און דער נאך זיינען זייא אליין אים ממית ער זאל פאר לארין ווערין פון ביידע וועלטין אזו וויא עש שטייט ואחריתה מרה כלענה חדה כחרב פיות דער רוח איז שטויב פון פייער וואש קיין פירות קען פון אים ניט ארויש קומען אויף דער וועלט און ער איז ניט עפר של קודש דאש הייסט היליגע ערד וואש פון איר קומט ארויש פירות און הייסט עפרות זהב נייערט ער איז מעפר שריפת החטאת און דער סימן איז ער קומט פון צווייא זייטין איינש ווייל ער איז כולל אין דעם חטאת וואש ער איז דער כח פון דעם נחש החזק וואש ער הייסט חטאת און דאש אנדרע דער מענטש וואש ער טוט איין עבירה שטארקט ער חלילה צוא דעם עפר ער זאל האבין איין שליטה אויף דער וועלט און ער איז נכלל אין דיא מי המרים המאררים און דרום וועלכע אשה איין סוטה וואש זיא האט מזנה גיוועזן און האט אפ גיקערט פון איר מאן זיא זאל טאן דיא מעשה פון דער קליפה וואש זיא הייסט אויך אשת זנונים האט מען איר גיגעבין טרינקען דיא וואשער מיט דער ערד וואש עש איז גיוועזן מקרקע המשכן עש איז אלין ברמז עליון וואול דעם חלק פון דיא ישראל וואש הקב"ה האט זייא מטהר גיוועזן מיט דיא מים טהורים עליונים אזו וויא עש שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מים טהורים האבין מיר אויבין גיזאגט דען דיא מים ראשונים וואש איין מענטש וואשט זיך פאר דעם עסין הייסין מצוה און דיא מים אחרונים וואש נאך דעם עסין הייסין חובה ווארום יענע וואשער זיינען מצד הקדושה הייסין זייא מצוה און דיא וואשער זיינען מצד הקליפות הייסין זייא חובה דען מיט דער וואשער וואש מען וואשט זיך פאר דעם בענטשין דער מיט נעמען אפ דיא קליפות זייער חלק וואש זייא הייסין חובה דאש זייא זיינען אפ גיטאן פון דער קדושה און פון דיא הענט און קענען ניט מקטרג זיין דרום שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם :

היכל הששי דער היכל איז איבער אלע היכלות וואש שטייען דא פריער דער היכל האט פיר טירין איין טיר הייסט מות דיא אנדערע הייסט רע דיא דריטע הייסט צלמות דיא פערטע הייסט אופל און דיא פיר טירין זיינען תמיד אן גיגרייט שלעכץ צוא טאן זייא זיינען דער כלל פון אלע און אז אלע באהעפטין זיך באנאנד אין דעם היכל ארײן אזו ווערט ער איין בית חבר אזו וויא עש שטייט מאשת מדנים ובית חבר דער היכל איז נאר אן גיגרייט אויף שלעכץ אויף דעם היכל זאגט דער פסוק ונעתרות נשיקות שונא דען דער היכל שטייט נאר אן צוא רײדין דעם מענטשין צוא אלע תאוות רעות און צוא אלע תענוגי הגוף פון עולם הזה · און דורך די תענוגים ווערט דער מענטש פאר טריבין פון עולם הבא און אויף דעם היכל זאגט דער פסוק נופת תטופנה שפתי זרה אין דעם היכל שטייט איין רוח וואש ער איז ממונה אויף דיא אלע וואש זיינען למטה און ער איז דער כולל פון אלע רוחות · דער היכל איז גיצירט מיט שיינע צירונג מיין פון אלע היכלות אין דעם היכל ווערין גיפאנגין דיא פים פון דיא טפשים אויף דעם היכל שטייט אל תחמוד יפיה בלבבך ואל תקחך בעפעפיך אין דעם היכל הייננין אלע תענוגים פון דר וועלט און אלע תאוות פון דיא טפשים וואש זייא זיינען חסרי לב דען ווערין גינעהענט זיינע פים צוא דעם היכל וואש ער איז דער כלל פון אלע היכלות התחתונים דען שטייט והנה אשה לקראתו שית זונה ונצורת לב דאש ווארט שית מיינט מען דאש זעקסטע היכל דארטין שטייט די זונה איבער צוא רײדין דיא טפשים מיט דיא נארין צוא טאן שלעכטץ · זיא שטייט אין דעם היכל און נידערט אראפ מפתה זיין און רייצט זייא אן צוא שלעכטץ און דער נאך גייט זיא ארויף צוא נעמען רשות זיא זאל האבין שליטה אויף

זיין נשמה דען עס שטייט ותחזיקה בו ונשקה לו זיא נעמט איהם אן אונ קושט איהם אונ דיא אלע נשיקות איז נאר מטמא זיין דעם מענטשין נאך איר שלעכץ נאך דען דאס איז דאס דביקות פון אלע נשיקות פון אלע וואס זיינען לפי שעה זייער זיס אבער ביא זייער סוף שטייט ואחריתה כלענה וועלכער מענטש וואס ער לאזט זיך איבער ריידין אויף דער וועלט צוא שלעכטץ דער נאך אז עס קומט דיא צייט ער זאל שטארבין אזו שטעלט זיא זיך איבער איהם אונ ווערט אנטפלעקט צוא איהם אין איין גוף פון פייער אונ שארפע שווערד איז אין אירע הענט אונ דרייא טראפין זיינען אויף איר אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט אונ איין טיפה איז פון דיא מים מרורים אונ בשעת אז זיא ווארפט ארייין דעם טראפין אין דעם מויל פון דעם מענטשין אזו גייט דער טראפין ארייין אין דיא גידערים דען ווערט דיא נשמה מבולבל דער טראפין גייט אונ שוועבט אין גוף אונ רייסט ארויש דיא נשמה פון איר ארט אונ לאזט איר ניט קיין ארט אין דעם גוף זיא זאל דארטין זיצין אונ. דאס איז מרה כלענה אונ מאכט איר ביטער וויל בשעת זיא איז גיוועזן אויף דער וועלט איז זיא נאה גיגאנגען נאך זיסע זאכין אונ תענוגים אונ דער נאך ווארפט זיא איר ווידער ארייין איין טראפין אזו גייט שוין ארויש דיא נשמה אונ דער מענטש שטארבט דען אז דער צד הטומאה איז שולט אזו לויפט ארויש דיא הייליגע נשמה דער נאך ווארפט זיא איר ווידער ארייין איין טראפין אזו ווערט דאש פנים געל אונ גרין אונ דרום אזו וויא ער האט זיך בהעפט בעולם הזה אין דיא נשיקין הרעים דאש קושין פון זנות אזו אויך איז זיא שולט אויף דער נשמה אונ זיא גייט זייער שווער ארויש פון דעם גוף אזו וויא עש איז שווער צו שלעפין אגראבין שטריק דורך איין איינגער לאך גייט ער דאך זייער איינג אזו שווער גייט דיא נשמה ארויש פון דעם גוף דאס הייסט נשיקה מצד הטומאה · אבער דיא נשיקה פון איין צדיק איז פון דער שכינה גייט דיא נשמה זייער גרינג ארויש פון דעם גוף אזו וויא עס איז גרינג ארויש נעמען איין האר פון דער מילך איז זיא זייער גרינג אזו גייט דיא נשמה זייער גרינג ארויש · עס שטייט העיזה פניה ותאמר לו דען אין דעם היכל שטייען אלע מקטריגים אונ אלע שלוחים רעים וואס זייא ווערין גיפונען ביא דעם מענטשין אונ פון דאנען גייט ארויש אלע די וואס ווייזין חלומות צוא דיא מענטשין זייא ווייזין אזעלכע שקרים וואס! ווערט ניט מקוים ווערין נייערט צוא פאר מישין אונ מבלבל זיין זייער דעה זבחי שלמים עלי איך ווייש דוא בישט גימינערט פון גוטץ וועל איך זיך מיט דיר בהעפטין מיט תענוגי עולם לכה נרוה דודים מיר וועלין גיין בנאנד וויל דוא בישט אצונד נאך גאר יונג ווען דוא וועשט דיר אצונד ניט אן טאן קיין תענוגים וועשט דוא שוין אויף דער עלטער ניט קענען זיך אן טאן תענוגים פאר וואש כי אין האיש בביתו דער יצר טוב איז נאך נישט פאר האנדין ביא דיר עש איז נאך ניט זיין צייט ער קומט ערשט צוא דרייצעהן יאר אונ איך בין מיט דיר פון דעם טאג אן וואש דוא בישט גיבארין גיווארין אזו שטייט לפתח חטאת רבץ אונ היינט בישטו נאך יונג איז דיא צייט זאלשט דיר אן טאן תענוגים זאגט. ווייטער דער פסוק ליום הכסא יבא לביתו ווען גייט ער איהם אנטקעגין נאר ליום הדין דאס איז ראש השנה וואס דער טאג הייסט בכסא ליום חגנו ווען דער מענטש וויל זיך תענוג אן טאן זאגט ער עס איז נאך ווייט צוא דעם יום הדין אבער אז דער דין קומט רוען אויף דער וועלט אזו קומט דער דין אויף איהם צוא משפטין אונ מקטרג זיין אויף איהם מען זאל איהם שטראפין וואל צוא דיא צדיקים וואס זייא ווייסין דעם הייליגין וועג אונ גייען אין איהם זייא קערין ניט לימין ולשמאל וואול צו זייא בעולם הזה ובעולם הבא :

היכל השביעי דאס זיבעטע היכל איז גיגליכן אזו וויא הייבין וואס דער ויין שטייט אויף זייא אזו איז דאס זיבעטע היכל פון די קליפות דאס עס שטייט אונטער דיא קדושות וואס הייסט יין ישמח דאש דיא קדושה דער פרייט עס דיא הארץ · אבער דאס איז אליך פאר קערט פון דעם אונ וויל זיא איז נאהונט צוא דער קדושה זיינען אין דעם פיל מענטשין נכשל גיווארין וואס זייא האבין זיך באהעפט אין זייער ויין טרויבין זייא הייסין ענבי רוש אשכלות מררות ביטערע ויין טרויבין עס שטייט ביא נח אז ער איז גיווארין שיכור מיט דיא ויין טרויבין פון דעם היכל עס איז ניט פאר האנדין קיין שום מענטש ער זאל אהין ארייין גיין אונ טרינקען פון דעם ויין עס זאל איהם ניט גורם זיין מיתה מחמת דער טומאה וואס איז אין איהם פאר האנדין אונ פון דעם ויין האט חוה גיגעבין טרינקען צוא אדם הראשון אונ זייא האבין זיך דארטין מטמא גיוועזן אונ דערומיט האבין זייא גורם גיוועזן מיתה צוא זיך אונ צוא דער גאנצער וועלט וואס נאך זייא · אין דעם היכל שטייען אלע אום רייניע נשמות וואס זיי האבין זיך דארטין באהעפט אונ האבין אפ גיקערט פון דעם רעכטין וועג נאך גיין נאך זנות אונ האבין זיך דער ווייטערט מדרך האמת אונ אזו וויא ער האט זיך מטמא גיוועזן אונ האט זיך באהעפט אין דער טומאה פון זנות אזו אויך גייט ארויש פון דעם היכל איין רוח הטומאה איהם מטמא צוא זיין אונ דאס קינד וואס גייט ארויש דער פון הייסט ער ממזר וויל ער קומט מצד הטומאה אונ אלע זאגין אויף איהם עדות אז ער איז איין ממזר מחמת זיינע שלעכטע מעשים וואס ער האט פון דעם צד הטומאה · דאס זיבעטע היכל הייסט ארץ תחתיות דארטין איז איין רוח וואס ער הייסט צפוני דרום שטייט ואת הצפוני ארחיק מעליכם פון דארטין גייען ארויש אלע רוחות וואס זייא שוועבין אויף דער וועלט שולט צו זיין אויף אלע שלעכטע מעשים אונ עס גייען ארויש בליצין פונקען פלאמען פייער אונ ווערין באלד פאר לאשין זייא קומען פון דעם תהום רבה דאס איז פון דעם היכל דרויף שטייט משפטיך תהום רבה דאס זיינען אזעלכע רוחות וואס זייא קענען זיך ניט מתלבש זיין וויא אנדערע רוחות וואס זיי קליידן זיך אן אין איין גשמיות אבר די ווערין נאר גיזעהען אונ תיכף בלייבין זייא ניט נאך דיא רוחות איז דא נאך רוחות וואס זייא שוועבין אויף דער וועלט צוא טאן נסים צוא די לייט דען זייא זיינען ניט אזו משונף וויא יענע · ביז אהער זיינען דיא זיבין היכלות וואס זייא זיינען מצד הטומאה מצד הנחש וואול צוא דעם חלק וואס ער ווערט ניצול דער פון אונ פון זייער איבער ריידין אז מען זאל חלילה ניט נאך גיין נאך זייא דען זייא ווארפין איין גיפט אין דעם מענטשין דאס ער מוז שטארבין פון אלע זייטין זאל מען זיך היטין פר זיי מלמעלה ומלמטה דען ווער עס ווערט ניצול פון דעם קאפ פון דעם שלאנג דער ווערט ניצול פון דעם עק ווען זיא בייגט איין איר קאפ הרגת זיא מיט דעם עק כלומר זיא זעהט אז זיא זאל דעם מענטשין בקומען מיט אלערלייא כוחות הטומאה וואס עס איז אין איר בגריפין דרום זיינען אטייל לייט כשרים אונ פיל מעשים טובים אונ אין אטייל זאכין ווערין זייא נכשל וויל דער נחש בקומט זייא אין

דיא זאכין אונ פון דעסט וועגין האט דאך דער נחש קיין רשות ניט צו טאן איין עונש ביז מען הײשט אים פון אויבין דרום מוז זיך דער מענטש היטין אין אלע וועגין ער זאל ניט זינדיגין פאר הקב"ה כדי מען זאל אים למעלה ניט הײשין אז ער זאל אים בייסין אונ ממית זיין אזו וויא עס שטייט אם ישוך הנחש בלא לחש דאש הײשט ער טוט ניט אן רשות : עס שטייט וייצר ה' אלהים את האדם עפר מן האדמה דער מענטש הײסט עפר אונ בייא דעם נחש שטייט ועפר תאכל כל ימי חייך דאס דער נחש עסט דעם עפר פון דעם מענטשין דרום שטייט כי עפר אתה ואל עפר תשוב ביז הקב"ה וועט דער וועקין דעם רוח הקדושה אונ: וועט מבער זיין דיא טומאה פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים אונ הקב"ה וועט ווידער אויף ריכטין דעם מענטשין וואס ער הײסט עפר אז ער זאל שוין מטהר זיין זיך אויף דר וועלט אזו וויא עס שטייט הקיצו ורננו שוכני עפר :

ועבד הלוי הוא וגו' עבודת אהל מועד. רבי אבא הייבט אן היושב על חוג הארץ קום אונ זעה אז הקב"ה האט דיא וועלט באשאפין האט ער זיא באשאפין מיט דער תורה אונ האט זיא געגרונד פעסט אונ פון דעסט וועגין איז זיא ניט רעכט נגמר געווארין ביז אדם איז ארויש גיקומען מיט גאר זיין שלימות אונ דר טאג שבת איז גיהייליגט געווארין איז זיא ערשט רעכט מתוקן געווארין דענשט מאל איז נשלם געווארין דיא עליונים ותחתונים אונ עס איז גיוועזן איין שמחה בכל העולמות אונ בשעת דער שבת האט באדארפט אריין גיין זיינען באשאפין געווארין די שדים ורוחות אונ וויא זייער גוף האט באדארפט באשאפין ווערין איז געווארין שבת זיינען זיא שוין ניט באשאפין געווארין איז דאס געווארין פגום דען איין זאך איז נאך נחסר דריגען דאס זייא זיינען ניט גאנץ געווארין אונ אז דיא עולמות זיינען מקודש געווארין אונ דיא ישראל זיינען נשלם געווארין אין זייערע מדריגות אזו איז דיא וועלט נשלם געווארין פון איר חסרון אונ דיא לוים האבין מיט זייער עבודה דעם משכן מתקן גוועזן דר מיט וואס זיי האבין גיטראגין דעם ארון האבין זייא מתקן גיוועזן דיא זייט פון צפון ווארום אז הקב"ה האט באשאפין דיא וועלט האט ער דרייא זייטין פאר מאכט אונ צפון זייט האט ער גילאזט אפין דרום שטייט ועבד הלוי הוא דער לוי האט מיט זיין עבודה מתקן גיוועזן די זייט פון צפון דרום ווייל די לוים זיינען גוועזן בגריפין אין דעם צד למעלה אין זייער שורש אזו איז אלץ מתוקן געווארין אונ לעתיד איז הקב"ה אן גיברייט אלץ מתקן צו זיין פון דיא צדיקים וועגין צוא דער לייכטין דיא לבנה אזו וויא דיא זון אזו וויא עס שטייט והיה אור הלבנה כאור החמה אונ עס שטייט לא יבוא עוד שמשך וגו' :

## רעיא מהימנא

כל פטר רחם זאגט משה דער רועה נאמן צוא זייא דיא מצוה פון פדיון פטר חמור איז דער מענטש זאל זיך אויש לייזין אויף דער וועלט פון דעם עונש פון גיהנם פון יענער וועלט דרום שטייט הן כל אלה יפעל אל פעמים ושלש עם גבר אונ דרום ווייל דיא ישראל האבין זיך ניט אויש גילייזט מיט דער תורה וואש זיא הײשט כסף דאש איז טייטש גלוסטין ווייל זייא האבין ניט גיגלוסט לעולם הבא דרום זיינען זייא פאר טריבין געווארין אין גלות נאך דרייא מאל דען דער גלות איז גלייך אזו וויא גילגול אונ זייא וועלין אצונד ניט אויש גילייזט ווערין נאר מיט דער תורה אזו וויא איין בכור ווערט אויש גילייזט מיט כסף חמשת שקלים אזו הײשט די תורה כסף חמשה חומשי תורה דאש דורך דר תורה איז מען זוכה צוא דער לוסט אונ חשק לעולם הבא אזו קומען דיא רבנן אונ בענטשין אים אונ זאגין צוא אים דוא רועה נאמן הקב"ה וועט דיך אויש לייזין אונ כל ישראל דורך דיין זכות אונ ער וועט דיך מיט זייא משמח זיין אונ זייא מיט דיר אונ אין פרשת פנחס שטייט ווען איין צדיק איז זיך מטלטל פון איין ארט אויף דעם אנדערין אונ פון איין שטוב אין דער אנדערער איז גלייך וויא ער וואלט גיוועזן פיל מאל אין גלגול דרום שטייט ועושה חסד לאלפים לאוהביו ביז ער איז זוכה צוא קומען גאנץ לעולם הבא זאגט שלמה ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו דער נאך איז מען זייא דן אין גיהנם דארטין זיינען דרייא משחיתים משחית אף וחמה אבער ווען ער איז חוזר בתשובה איז מען אים מכפר אזו וויא גלות איז מכפר עון דרום שטייט אז דיא צדיקים זיינען ניט חוזר לעפרם דאס הײשט אז זייא זיינען זיך שוין מתקן קומען זייא שוין ניט אין אנדער גוף אריין וואס ער הײשט עפר :

## פרשת חוקת

וידבר ה' אל משה לאמר זאת חקת התורה רבי יוסי הייבט אן וזאת התורה אשר שם משה קום אונ זעה דיא דברי תורה זיינען הייליג אונ זיס אזו וויא עס שטייט הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ווער עס איז עוסק בתורה איז גלייך וויא ער שטייט אויף דעם בארג סיני אונ איז מקבל דיא תורה אזו וויא עס שטייט היום הזה נהית לעם ווייטער זיינען סודות רבי שמעון מיט רבי אלעזר מיט רבי יצחק זיינען גיוועזן בייא רבי פינחס בן יאיר זאגט רבי פינחס צוא רבי שמעון איך בעט דיך ווייל דו בישט אזו חשוב למעלה אונ דוא האשט רשות צו מגלה זיין סודות וואס קיינער האט דער צוא קיין זכות ניט דרום אנפלעק מיר עפעש איין זאך אין דער פרשה זאת חוקת התורה זאגט רבי שמעון צוא איין זון רבי אלעזר שטייא אויף אין דיין שטאנד אונ זאג איין זאך אין דער פרשה אונ דער נאך קאזין דיא חברייא זאגין שטייט רבי אלעזר אויף אונ הייבט אן עס שטייט וזאת לפנים בישראל על הגאולה ועל התמורה לקיים כל דבר שלף איש נעלו ונתן לרעהו אין דעם פסוק מוז מען מסתכל זיין מען זאל אים רעכט פאר שטיין דען אז דיא קדמונים האבין גימאכט אזו איין הסכמה אויף דער וועלט אז מען זאל מיט איין שוך קונה זיין איין זאך ווארום האט מען עס דר נאך מבטל גוועזן אמער ווען אייגער איז מבטל איין זאך פון דער תורה איז גלייך וויא ער מאכט חרוב די וועלט אלא דאס איז בדין תורה ובסוד עליון גימאכט גווארין אונ דרום ווייל די ערשטע זיינען גיוועזן חסידים אונ צדיקים איז די זאך בייא זיי גיוועזן אנפלעקט איין קנין צוא טאן מיט דעם שוך אונ אז עס איז גימערט געווארין דיא רשעים אויף דער וועלט איז גימאכט געווארין דיא זאך אנדערש כדי מען זאל זעהן אז דיא זאך וואס איז גישטעלט געווארין על פי סוד זאל זיין פאר הוילין דער פסוק זאגט אל תקרב הלום של נעליך מעל רגליך דאש האט הקב"ה גימיינט אז ער זאל זיך פורש זיין פון זיין ווייב וואס זיא הײשט נעל אונ זאל זיך בהעפטין אין דער שכינה אז זיא זאל תמיד זיין בייא אים דער נעל ווייזט אז ער זאל זיך אפ שיידין פון דער וועלט וואס ער גייט אוועק אונ זאל זיך בהעפטין אין אנדערין עולם דרום האט ער גיזאגט של נעליך ציא אפ פון זיך דיא מעשים פון עולם הזה דרום אלץ וואס איין מת גיט צוא איין מענטשין אין חלום איז גוט

אונ אז ער נעמט עפש איז ניט גוט אונ אז ער נעמט צוא איין שוך ווייזט ער אים אז ער וועט אוועק גיין פון דער וועלט מיט זיינע פיס צוא גיין אויף יענר וועלט אונ דאש איז אז איין מת טוט דאש אבער אז איין לעבידיגער ציהט אפ איין שוך אונ גיט אים צו זיין חבר ער זאל דער מיט עפעס מקיים זיין אזו טוט ער עש בגזירת עליון אונ דער טעם פון דער חליצה איז אויך בסוד עליון אונ אלץ איז איין שורש דער פון · קום אונ זעה אז איינער שטארבט אן קינדער אזו קען זיין רוח ניט ארויף קומען ער איז נטרד אונ נע ונד אויף דער וועלט אונ ער גיפינט ניט קיין ארט דרום האט הקב"ה ווידער חס גיהאט אויף אים אז ער זאל ווידער קומען אויף דער וועלט אין איין אנדער גוף מתקן צוא זיין אזו וויא דר פסוק זאגט ואדם אונ די נשמה אל עפר ישוב קומט ווידער אין איין אנדער גוף עפר ארויין מחמת דער ברודער דער יבם נעמט דיא יבמה דעם ברודערש ווייב אונ דאש קינד וואס ער האט מיט איר דאס איז דיא נשמה פון זיין ברודר וואש איז גישטארבין אזו האט ער איין תקון אונ אז ער וויל זיא ניט מייבם זיין מוז ער אן בינדין איין שוך אויף דעם פוס אונ זיא זאל אים אפ בינדין אונ אראפ ציהן פון זיין פוס אונ זאל נעמען דעם שוך צוא זיך פון דעם מת וועגן צוא ווייזין אז דיא נשמה קומט אויף איר ארט על מנוחתו בכבוד צוא דער שכינה אונ זיא דארף דעם שוך אייןווארף געבן אויף דער ערד צוא ווייזין אז אצונד איז גשטילט גיווארן דער גוף פון דעם מת ער וועט שון האבין מנוחה ווייל זיין רוח איז שוין ארויף גינומען גיווארין למעלה אויף זיין ארט אונ הקדוש ברוך הוא האט אויף אים חס גיהאט אונ דענמאלט קען ער שוין קומען אין איין הויכן עולם · אונ דאש וואש זיא ווארפט דעם שוך צו דער ערד ווייזט דאס אז דער מת וועט שון מער ניט גיבארין ווערין נאך איין מאל אין איין אנדערן גוף ער קערט זיך אום צוא זיין ערשטער ערד פון וואנען ער איז פון דארט גינומען גיווארין דענמעג שון דיא אשה נעמען איין אנדער מאן אונ מיט אים האבן קינדער קום אונ זעה ווער עס וויל איין זאך מקיים זיין אז עס זאל האבן אקיום נעמט ער זיין שוך אונ גיט צוא זיין חבר ער זאל דער מיט מקיים זיין עס זאל האבן איין קיום ער זאל שון קיין חרטה ניט האבן דרום זאגט דער פסוק וזאת לפנים בישראל דאס איז נוהג גוועזן פאר צייטן בייא דיא ישראל דאס זייא זיינען גוועזן צדיקים אונ האבן מקיים גוועזן אלע זאכן זיי זאלן האבן אקיום דור[illegible] שוך אבער היינט האבן זייא דיא זאך איבער גשטעלט מיט אנ[illegible]ער גשטאלט מקבל קנין צוא זיין מיט איין מאנטל אדער איין קלייד דאש איז אלץ גרוישע סודות בקצור גשריבן בדרך נגלה אונ דרום שטייט וזאת התעודה בישראל דאס הייסט אקיום בישראל מיט דעם קיום עליון אונ דאס אין חקת התורה איז אלץ איינש ווייטער קען מען ניט שטעלן עס איז גרוישע סודות:

יאסף אהרן רבי חייא זאגט עס שטייט ושבח אני את המתים מן החיים דעם פסוק האבן מיר שון מפורש גוועזן · קום אונ זעה אלע מעשים פון הקב"ה זיינען בדין אמת אונ עש איז אלץ נאך זיין רצון אונ קיינר קען אים ניט ווערין זאגין צוא אים וואש טושטו עש איז דאך קשה וויא אזו האט שלמה גיזאגט איך לויב די מתים מער פון די לעבדיגע אמער דאש ווארט חי הייסט דאך איין צדיק אזו שטייט ובניהו בן יהוידע בן איש חי דער וואש גייט בדרך אמת הייסט ער חי אונ איין רשע הייסט מת ווארום האט ער דא גיזאגט אז דיא מתים זיינען בעסר פון דיא לעבדיגע גאר אלע רייד פון שלמה זיינען גיוועזן מיט חכמה ווען עש וואלט גאר גישטאנען ושבח אני את המתים ניט מער וואלט איך אזו גימיינט וויא מיר האבן גזאגט איז איין קשיא אויף שלמה שטייט דאך אבער שכבר מתו מיינט ער אזעלכע מענטשין וואש זייא זיינען שוין איין מאל גישטארבין אונ האבין שוין מקבל גיוועזן זייער עונש אויף יענער וועלט אונ זיינען נאך איין מאל גיבארין גיווארין דיא דאזיגע רופט ער אן מתים ווייל זייא זיינען שוין איין מאל גישטארבין חאטשע היינט לעבן זייא רופט ער זייא דאך אן מתים אויף דיא האט ער גזאגט איך לויב דיא מתים שכבר מתו וואס זייא זיינען שוין איין מאל גשטארבין אונ האבין שוין מקבל גיוועזן זייער עונש די וועלן שוין בוודאי קומן לעולם הבא, דרום לויב איך זייא בעסער מן החיים פון דיא לעבדיגע וואש זיינן קיין מאל ניט גשטארבן אונ די וויישט מען ניט אויב זיי וועלן קומען לעולם הבא קום אונ זעה דיא צדיקים זיינע זוכה מקושר צוא זיין בצרור החיים זייא וועלין זוכה זיין צוא זעהען דעם גרוישין כבוד פון דעם מלך הכבוד אזו שטייט לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו אונ זייער תענוג איז למעלה העכער פון דיא הייליגע מלאכים אין דעם ארט וואס הייסט עדן העליון וואס דיא עליונים ותחתונים זיינען דארט ניט זוכה צוא זעהן אזו שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ דיא וואס זיינען ניט אזו זוכה האבן זייער ארט נידעריגר איטליכר וועדליג זיין מדריגה נאך זיינע מעשים זייא זיינען ניט זוכה צוא זעהן דעם עדן העליון נייערט דעם עדן התחתון אונ דער עדן שטייט אויף דעם עדן התחתון דער חילוק איז צווישין זייא כיתרון האור מן החשך דער אונטערשטער עדן הייסט איין גן צוא דעם אייבערשטין עדן אונ דער אייבערשטער איז איין עדן צו דעם עדן התחתון אונ דיא וואס זיינען נאר אין גן עדן התחתון אזו האבן זייא הנאה אלע ראשי חדשים אונ שבת פון דעם עדן התחתון אזו שטייט והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו אונ דער אונטערשטער עדן הייסט עדנה לשון נקבה אונ דער אייבערשטער הייסט עדן לשון זכר דרום זאגט שלמה ושבח אני את המתים מן החיים אשר המה חיים עדנה דיא מתים וואס זיינען שוין גשטארבן איין מאל אדר צווייא מאל אונ האבן זיך שוין מתקן גיוועזן אזו וויא זילבר וואס ווערט עטליכע מאל גלייטרט אין פייער אונ דיא פסולת גייט דער פון אוועק אזו אויך דיא נשמה איז שוין אויף יענער וועלט אונ האט שוין מקבל גוועזן איר עונש אונ איז שוין לויטער איז איר בעסער מן החיים אשר המה חיים עדנה פון די וואש זיינען אין עדנה דאס הייסט דער עדן התחתון וטוב משניהם אונ עס איז נאך בעסער פון דיא ביידע את אשר עדן לא היה דאס זיין רוח איז נאך אין זיין בשטאנד ער דארף ניט אראפ גיין מקבל זיין איין עונש ער ווערט גשפייזט פון דעם מזון עליון דאש איז למעלה עס איז נאך בעסער פון אלצדינג ווער עס איז נאך ניט אנטפלעקט גיווארן אונ אפ גשייד גווארן פון זיין ארט אונ אלע דיא רייד פון שלמה זיינען פיל פר שטעלט מיט חכמה וואול צוא דעם וואס ער היט דיא מצות פון דער תורה אונ איז אין איר עוסק יומם ולילה דער איז אן גהאלטן אונ איז נהנה במדריגה עליונה מער פון אלע מענטשן · קום אונ זעה בשעת הקב"ה האט גזאגט צוא משה יאסף אהרן אל עמיו איז שלאף גווארן דער כח פון משה דען משה איז גוועזן וויא איין גוף אונ אהרן איז גוועזן זיין רעכטע האנט אונ אז ער האט גזעהען אז זיין רעכטע האנט גייט פון אים אוועק איז שלאף גווארן זיין גאנצער גוף ווייל דיא רעכטע האנט איז פון אים אפ גבראכן גווארן האט אים הקב"ה גזאגט קח את אהרן

ואת

ואת אלעזר בנו אז דיא רעכטע האנט גייט פון דיר אוועק וועל איך דיר געבן איין אנדערע רעכטע האנט דאס איז זיין זון אלעזר דאך איז דאס ניט גוועזן בשלימות אזו וויא ביי זיין פאטער ווארום אז אהרן איז גשטארבן האבן זיך אפ גטאן דיא ענני כבוד אונ בזכות משה זיינען זייא ווידער גקומען אבער ניט בזכות אלעזר :

ויעש משה כאשר צוה ה' לעיני כל העדה נאך וואש איז דאס גוועזן פאר דער גאנצער עדה נאר וייל אהרן איז גוועזן גליבט צוא דער גאנצר עדה מער וויא אנדערר וועלין זייא זאגין ער איז גאר ניט גשטארבין דרום האט דאס גמוזט גטאן ווערין פר דער גאנצער עדה לעיני כל ישראל ער האט אים איין גרעט מיט גוטע רייד אויף דעם בארג אז כל ישראל זאלין זעהן וויא משה האט אויס גטאן דיא קליידער פון אהרן אונ האט זייא אן גטאן צוא זיין זון אלעזר אונ פאר וואס האט זיך אהרן אליין ניט אויס גטאן דיא קליידער נאר וייל משה אליין האט זייא אים אן גטאן אז ער איז גווארן איין כהן גדול אזו וויא עס שטייט וילבש משה את אהרן את בגדיו דרום האט ער זייא אליין ווידער פון אים אויס גטאן פון אוישן ווייניג אונ הקב"ה האט אים אויס גצויגן פון אינווייניג זיין נשמה וואס ער האט אים גגעבן אונ כל זמן אז משה האט אים ניט אויס גטאן דיא קליידער פון דרויסן האט הקב"ה ביא אים ניט צוא גנומען דיא נשמה פון אינווייניג · וואול דעם חלק פון די צדיקים דאס הקב"ה בגערט אין זייער חלק אונ וויל זייער כבוד ער האט אן גבריית צוא אהרן איין בעטיל מיט איין מנורה פון גאלד וואס זיא האט גלייכט אנטקעגן דער מנורה וואס ער האט גצונדין אין משכן צווייא מאל אין טאג דער נאך איז דיא פי המערה פר שטאפט גווארן זיינען משה מיט אלעזר ארויס גגאנגען · רבי יהודה זאגט דיא פי המערה איז גוועזן פריער אפין כדי אז כל ישראל זאלן זעהן אז אהרן ליגט אין זיין בעטיל אונ דאס ליכט פון דער מנורה ברענט פאר אים אונ דאס בעטיל איז ארויס אונ ארין גגאנגען אונ איין וואלקין איז איבער אים גשטאנען דען האבין שוין ישראל גוואוסט אז אהרן איז גשטארבן אונ האבין גזעהן אז דיא ענני כבוד זיינען אפ גיטאן גיווארין דרום שטייט ויראו בני ישראל דאש איז טייטש זייא זיינען ווארין ארויש גזעהן דען דיא ענגים וואש עש איז גיוועזן ארום זייא זיינען אוועק גיגאנגען דרום האבין אויף אים גיוויינט כל בית ישראל מאנזבילין אונ ווייבער מיט דיא קינדער ווארום זייא האבין אים אלע ליב גיהאט · רבי שמעון זאגט דיא דרייא מתים עליונים משה אהרן ומרים ווארום זיינען זייא ניט בגראבן גווארן ביא אנדער נייערט איטליכער אויף איין בזונדער ארט נאר אויף אלע ערטער וואו דיא ישראל זיינען גיוועזן במקום סכנה איז דארפין איינער פון זייא גישטארבין ער זאל אויף זייא מגין זיין אונ דורך זייער זכות זיינען זייא ניצול גיווארין · פיל זוכה איז דער חלק פון דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא חאטשי זייא זיינען במקום העליון אונ זייער זכות איז מגין צוא דיא ישראל לדורי דורות אויף דער וועלט דען בשעת מען איז גוזר איין גזירה אויף דיא ישראל אונ זייא טוען תשובה אזו רופט הקב"ה צוא דיא צדיקים וואש שטייען פאר אים למעלה אונ איז מודיע אז זייא זאלין מבטל זיין דיא גזירה וויל הקב"ה האט רחמנות אויף דיא ישראל פיל זוכה זיינען די צדיקים דאש אויף זייא איז גיזאגט גיווארין ונחך ה' תמיד והשביע בצחצחות נפשך ועצמותיך יחליץ וגו' :

וידבר העם באלהים ובמשה רבי יצחק זאגט עש שטייט ותלבש אסתר מלכות מגלת אסתר איז גיזאגט גיווארין ברוח הקודש דרום שטייט דיא מגלה צווישן דיא כתובים ויהי ביום השלישי עש איז שוין גיוועזן דעם דריטין טאג וואש זיא האט גיפאסט אונ איר גוף איז שלאף גיווארין דען איז זיא גישטאנען מיט איר רוח אן איין גוף ותלבש אסתר מלכות דען האט זיא אן גיטאן חשובי קליידער פון מלכות וואלט דאך גידארפט שטיין ותלבש בגדי מלכות נאר דער פסוק מיינט זיא האט זיך אן גיקלייד מיט מלכות שמים הקדושה דאש איז דיא שכינה אונ האט זוכה גיוועזן צוא רוח הקודש פאר וואש איז דאש אלץ גיוועזן ווייל זיא האט אפ גיהיט איר מויל פון ריידין אזו וויא עש שטייט אין אסתר מגדת אונ מיר האבין גילערינט דער וואש היט אפ זיין מויל מיט זיין צונג ער זאל ניט ריידין קיין שלעכין דער איז זוכה אן גיקלייד צוא ווערין ברוח הקודש אונ ווער עש קערט חלילה אפ מיט זיין מויל צוא ריידין לשון הרע אונ אנדערע שלעכטע רייד דא קומען די אייגענע בייזע רייד אויף אים אליין אונ עש קומט אויף אים נגעים אדער צרעת וואש ברענען אים וויא איין גיפט פון אשלאנג אזו וויא מיר האבין שוין מפורש גיוועזן דעם פסוק וידבר העם באלהים ובמשה זייא האבין גירעט בייז אויף הקב"ה אונ אויף משה אונ האבין גזאגט למה העליתנו ממצרים זייא האבין ביידע גלייך גימאכט מיט דעם זאגין נאך וואש האט איר אונז אויש גיצויגין פון מצרים דרום איז אויף זיי אן גשיקט גווארין די ברענענדיגע שלאנגען וואש האבן זייא פאר ברענט אזו וויא איין פייער עש האט גגרייכט פון דעם מויל ביז אין דיא גידערים ארין אונ זייא זיינען גשטארבין אזו וויא עש שטייט וישלח ה' בעם את הנחשים השרפים רבי חייא זאגט עש זיינען גקומען אזעלכע נחשים וואש זייא האבן גמאכט מיט זייער מויל אונ פלאמען פייער איז גוועזן אין זייער מויל אונ האבן זיי גביסין אונ פייער ארין גווארפן אין זייא דא זיינען זייערע גדערים פאר ברענט גווארין אונ זיינען גשטארבין דיא רייד זיינען פיל סודות פאר וואש עש איז אזו גוועזן :

ומשם בארה הוא הבאר ווארום הייסט ער אמאל באר אונ אמאל בארה ער זאגט דרויף גרוישע סודות הוא הבאר אשר אמר ה' למשה אסוף את העם דען דער באר איז ניט אפ גטאן גווארין פון זייא אויב דוא וועשט פרעגין וויא אזו האבן זייא אלע גיקענט שעפין דער פון · אלא דער באר האט זיך צוא טיילט אויף צוועלף טייל נחלים אונ קוואלין זייען דער פילט גווארין אונ זיינען גגאנגען אויף אלע זייטן אונ אז דיא יש[...]ל האבן גרוט אונ האבן באגערט וואשער האבן דיא ישראל זיך גשטעלט לעבן באר אונ האבן גזאגט שירה אונ האבן אזו גזאגט עלי באר ענו לה ברייננ אויף דיין וואשער צוא אלע זייטן אין דעם שבח פון דעם באר האבן זיי אזו גזאגט באר חפרוה שרים כרוה נדיבי העם זיי האבן גזאגט אמת דען דיא אבות האבן אים גגראבן אזו וויא עש שטייט אויף אנאנדער ארט פון דאגען לערנען מיר אפ ווער עש וויל מעורר זיין דברים עליונים סייא במעשה אונ סייא בדיבור ווען ער טוט דיא מעשה אדער מיט דעם דיבור ניט אזו וויא עש באדארף צוא זיין העלפט עש אים גאר ניט אונ ער איז גאר ניט מעורר · דיא גאנצע וועלט גייען אין שול ארין מעורר צוא זיין דבורים עליונים אבער עש איז גאר ווייניג וואש ווייסן רעכט מעורר צוא זיין אונ הקדוש ברוך הוא איז נאהענט צוא אלע אבער צוא דעם וואש ער קען אים ניט רופן רעכט איז ער ניש נאהענט אזו וויא דר פסוק זאגט קרוב ה' לכל קוראיו וואש באדארף ער נאך ווייטער זאגן-לכל אשר יקראהו באמת נאר מען מוז ווישן אים רעכט

אן

אן צוא רופן אונ צוא דעם איז ער נאהענט אזו איך דיא ישראל האבן גזאגט דברי אמת אונ דער מיט האבן זייא מעורר גוועזן צוא דעם באר דאש זיא האט אויף גבראכט איר וואשער צוא אן טרינקען כל ישראל אונ כל זמן אז זייא האבן ניט גרעט דיא רייד זיינען זייא ניט אויף גגאנגען זאגט רבי שמעון דא וועל איך אייך מגלה זיין איין זאך ווער עש וויל מסדר זיין דיא מעשה ודברים אזו וויא עש באדארף צוא זיין איז ער בוודאי מעורר צוא הקב"ה ער זאל מושך זיין דברים עליונים ער זאל זיך צוא זייא מקשר זיין אונ אויב עש איז ניט אזו וויא מען באדארף איז ער זיך ניט מקשר צו זיי · איז דאך דיא קשיא אז עש איז אזו אז דיא גאנצע וועלט מוז ווישן ער זאל מסדר זיין במעשה ובדבור אם כן וואש איז דיא מעלה פון דיא צדיקים וואש זייא ווייסן דעם עיקר הדברים אונ דיא מעשה אונ ווייסן מכוין צוא זיין זייער הארץ מער וויא אנאנדערער · אלא דער חילוק איז דיא ווייסן ניט דעם שורש ועיקר אונ דיא רעכטע מעשה דער פון נייערט נאר דעם סידור אליין וואש עש שטייט פאר אים אן איין רעכטער כוונה דיא ציהן אויף זיך כביכול מאחוריו פון דעם הינטער דעם אקסיל פון הקב"ה אונ דאש איז ניט קיין רעכטע שמירה אויף אים אבר דיא וואס ווייסן רעכט אונ זיינען מכוין רעכט זייער הארץ אונ זייער מחשבה אזו זיינען זייא מוציא דיא ברכות פון דעם ארט וואס הייסט מחשבה עליונה אונ משורש הברכה למעלה בדרך הישר ציהען זייא אראפ וויא עס גיהער צוא זיין ביז עס ווערן גיבענטשט דיא עליונים ותחתונים אונ דער שם הקודש ווערט גיבענטשט דורך זייא וואול צוא זייער חלק וואס הקב"ה איז נאהענט צוא זייא אונ איז אן גיברייט אנטקעגין זייא אונ אז זייא רופין אים בשעת זייא זיינען בצרה העלפט ער זייא בעולם הזה ובעולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט כי בי חשק ואפלטהו אשגבהו כי ידע שמי יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדהו :

ויאמר ה' אל משה אל תירא אותו צווייא מאל אין דער תורה שטייט אותו מיט איין ואו אבער אין דער גאנצער תורה שטייט אלץ אתו אן איין ואו נאר איין אותו איז דא ביא עוג אונ איינער שטייט ביא אבדה עד דרוש אחיך אותו אלא אזו וויא דארטין איז טייטש דוא זאלשט אים ניט אפ געבין דיא אבדה סיידין דוא זאלשט אים נאך פארשטין אויב דער האט דיא אבדה פאר לארין דרום שטייט אותו דוא זאלשט רעכט חוקר ודורש זיין אזו דא דער עוג מלך הבשן איז גוועזן פון דיא הויז לייט פון אברהם אונ עש שטייט וכל אנשי ביתו נמולו אתו האט אברהם אים אויך מל גיוועזן אונ אז עוג האט גזעהען אז דיא ישראל גנעהענען צוא אים האט ער גזאגט זייא האבן דעם זכות פון דעם אות דאס איז מילה איך האב דעם זכות פריער אויף מיר אונ ער האט זיך פאר זיכערט אויף דעם אות אז דער זכות וועט אים העלפין דרום האט זיך משה זייער גיפארכטין ווארום וויא איז מיגלעך אוים צוא רייסין דעם אות וואש אברהם אבינו האט אים גיצייכינט ער האט אזו גזאגט אברהם איז גוועזן מצד הימין אונ מיין ימין דאש איז אהרן איז שוין גשטארבין אונ מען קען אים אנדערש ניט ביא קומען נאר מיט דעם ימין אזו וויא עס שטייט ימינך ה' תרעץ אויב דרום זאגט הקב"ה צוא אים אל תירא אותו דוא זאלשט זיך ניט פארכטין פאר זיין אות מען באדארף קיין ימין צוא אים ניט האבן כי בידך נתתי אותו מיט דיין יד שמאל קענסטו אים אוים רייסין דען ער האט פוגם גיוועזן דעם אות מכל שכן דיין יד שמאל וועט אים מיט זיינע קינדער בוודאי פאר לירין פון דער וועלט חאטשי ער איז איין גבור אזו וויא דער פסוק זאגט אותו ואת בנו ואת כל עמו זיינען אלע גפאלין אין דער האנט פון משה וואול צוא דיא ישראל וואס משה דער נביא נאמן איז גוועזן צווישן זייא דאס פון זיינט וועגין האט זייא הקב"ה גטאן אלע נסים אונ חאטשי אברהם האט מל גוועזן אין גאנצין זיין בני בית האט פארט הקב"ה כורת ברית גיוועזן נאר מיט אים אונ מיט די קינדער פון אברהם אזו וויא דער פסוק זאגט זרעך אחריך לדורותם וגו' אונ ווידר שטייט ואני זאת בריתי אותם אמר ה' וגו' :

# פרשת בלק

וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמרי וואס האט בלק גיזעהען וואס ער זאגט וירא אלא ער האט גיזעהען בחלין חחכמה אזו וויא עס שטייט וישקף אבימלך בעד החלון מיינט מען אויך אזו דען עס איז פאר האנדין איין חלון וואס דריגען רועין אלע חכמות אונ דריגען האט ער גיזעהען וואס ער האט גיזעהען אין דעם עק פון דיא כוכבים אונ בלק האט גיזעהען איין בן צפור דען בלק האט גיקענט כמה מיני כישוף קום אונ זעה בשעת דיא ישראל האבין חרוב גימאכט דאס לאנד פון סיחון איז אויבין במלכות שמים ארויש גיגאנגען איין כרוז זאמילט אייך איין גבורים שלטונים איבער אלע אומות אונ זעהט וויא מלכות אמורי איז הרוב גווארין באותו שעה האבן זיך דיא ממונים איין גזאמילט אונ האבן גוואלט אום קערין צוא ריק דאס מלכות אזו וויא עס איז גוועזן אונ אז זייא האבן דער זעהען דעם כח פון משה האבן זייא זיך אום גיקערט אהינטער אזו וויא דער פסוק זאגט על כן יאמרו המושלים דאס זיינען דיא ממונים האבן זיך איין גיזאמילט אונ האבן גזאגט בואו חשבון ווער איז דאס וואס ער האט חרוב גימאכט תבנה ותכונן מיר וועלין מאכן אז עס זאל ווערין גיבויט אזו וויא פריער אונ אז זייא האבן גזעהען דיא גבורה פון משה אונ דאס פלאם פון זיין מלכות האבן זייא גזאגט כי אש יצאה מחשבון להבה מקרית סיחון זייא האבן גזעהען אז עס איז ניט מיגלעך מען זאל עש אום קערין אזו וויא פריער האבן זייא גזאגט אוי לך מואב וגו' :

ויאמר מואב אל זקני מדין וגו' רבי חייא הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה' והשטן עומד על ימינו לשטנו וויא גאר זייער בדארף זיין אמענטש גיהיט אז ער זאל גיין בדרך אמת דען אלע וועגין פון דעם מענטשין זיינען אלע מיט אצאל אונ דיא שומרים שטייען אונ די עדות זיינען אן גיברייט אונ באגערין איין דין אמת אונ דיא דיינים שטייען מקבל צוא זיין דיא עדות אונ דיא וואס טענין דיא טענות ווייסין ניט וואס מען וועט זייא פסקינין לימין אדער לשמאל דיא אלע רוחות וואס גייען ארוים פון דיא לייט דיא מקטריגים דיא שטייען פאר זייא אונ ברוזין גייען הן לטוב והן לרע וויא עס ווערט גיפסקית דען מיר האבן גלערינט בכמה דינים ווערט דער מענטש גימשפט אויף דער וועלט פאר זיין לעבין אדער דער נאך דען אלע זאכין זיינען בדין אונ הקב"ה איז אלע מאל ברחמים אונ זיין רחמים איז איבער אלע אונ ער וויל דעם מענטשין ניט דן זיין נאך זיינע מעשים נאך אזו וויא דוד האט גזאגט אם עונות תשמר יה אדני מי יעמוד קום אונ זעה יהושע בן יהוצדק איז גוועזן אגרויסער צדיק אונ איין כהן גדול ער איז גגאנגען לפני ולפנים אונ האט דארטין משמש גוועזן בכהונה גדולה נאך דעם אז מען האט אים ארין גיבראכט לישיבה של רקיע האבן זיך איין

גיזאמילט דיא בני ישיבה דן זיין דין דען אזו איז דער סדר פון דער ישיבה של רקיע אז זייא גייען אריין לדין גייט ארויש איין כרוז אונ זאגט אלע בני ישיבה גייט אריין אין חדר הנסתר אונ דאש בית דין קומען צוא אנאנדער אונ דער רוח פון דעם מענטשין קומט פאר זייא דורך צווייא ממונים אז ער קומט אריין גיגעהענט ער צוא איין פייערדיגע זייל וואש דארטין שטייט חסד אונ אלע וואס זיינען מחדש חידושים אין דער תורה ווערט דרויף אן גישריבין בייא דער בני הישיבה אונ דיא בני ישיבה קומען צוא זעהען דיא רייד. אונ דיא צווייא ממונים גייען ארויש אונ ברייגגען אים צוא זייא מיד זעהן זייא איז דאס רעכט אזו וויא עס באדארף צוא זיין איז וואול צוא אים כמה עטרות פון אור וואס פינקלען קריינען אים דיא בני הישיבה אונ אויב ניט אוי לאותו בושה מען שטויסט אים ארויש רחמנא יצילנו עס איז ווידער פאר האנדין אנדערע וואס מען ברייגגט אים אריין ווען הקב"ה איז מחולק מיט דער בני הישיבה אונ ער זאגט מאן מוכח ווער וועט מכריע זיין צווישין אונז דער אונ דער מענטש אזו איז ער מכריע דיא זאך וואש זייא זייגען מחולק אונ עס איז ווידער פאר האנדין אנדערע וואס זייא גייען אויף לדין אויס צוא קלערין ער זאל אים מאכין קלאר׃ זאגט רבי יוסי נאך דעם נאך ווערט דאך אמענטש נפטר ניט אין זיין צייט אונ אז ער שטארבט ווארום ווערט ער דארטין גימישפט נאך אמאל זאגט ער׳ אזו האבן מיר גילערינט אונ גיהערט דאש ער ווערט בוודאי אפ גיטאן פון דער וועלט על פי דין נאר איידער מען לאזט אים אריין אין דער מחיצה פון דיא צדיקים ברייגגט מען אים פריער אויף לדין פאר דער מתיבתא דרקיע דארטן שטייט דר ממונה של גיהנם מקטרג צוא זיין זכאה איז דער מענטש וואס ער איז דארטן זוכה בדין אונ אז ער איז דארטין ניט זוכה בדין נעמט אים דר ממונה פון דעם גיהנם ארויש אונ ווארפט אים אונ שליידערט אים אזו וויא מען שליידערט איין שטיין אזו וויא עס שטייט ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע אונ ער ווארפט אים אין גיהנם אריין ער זאל דארטין מקבל זיין דעם עונש אזו וויא ער האט פאר דינט אונ עס איז גיפסקת גווארן אויף אים קום אונ זעה עס שטייט ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני המלאך בשעת ער איז נפטר גווארן פון דער וועלט האט מען אים גבראכט פאר דעם ראש ישיבה וואס ער איז העכער איבער אלע דיינים דרום שטייט עומד לפני מלאך ה׳ דאס איז דער מלאך מט"ט ושטן עומד על ימינו דאס איז דער ממונה איבער די נפשות אריין ברייגגען זייא אין גיהנם אריין דאס איז זיין חשק אונ זיין לוסט מען זאל אים תמיד געבין נפשות ער שרייט תמיד הב הב גיב מיר דיא לייט אין גיהנם אריין שטייט ער לשטנו צו דער מאגען אים זיינע עבירות ויאמר ה׳ אל השטן נאך וואס שטייט צווייא מאל יגער ה׳ בך השטן ויגער ה׳ בך וגו׳ נאר איינש איז איין אן שרייאונג צוא דעם מלאך דומה אונ דאש אנדערע איז צוא דעם וואש ער גייט ארויש פון דעם גיהנם תמיד מקטרג זיין אויף דיא מענטשין קום אונ זעה דער שטן העליון דער נידערט אראפ אין גישטאלט וויא איין אקס אונ אלע דיא נפשות אונ רוחות פון דיא רשעים וואש זייא ווערין גימשפט אין גיהנם אריין אזו עסט ער זייא אפ כלחך השור וויא איין אקס עסט אפ דאש גראז אלע רוחות אין איין מאל אין איין רגע אונ נידערט זייא אראפ אונ גיט זייא אפ אין דער האנט פון דעם מלאך דומה נאך דעם אז ער האט זייא איין גישלונגען דרום האט בלק גיזאגט עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחך השור הירוע וואש ער שטייט איין שלינגין אונ אפ צוא עסין דיא רוחות פון דער גאנצער וועלט את ירק השדה דאש זיינען דיא רוחות פון דיא מענטשין וואש קומען אזו וויא גראז פון דעם שדה העליונה זאגט רבי יוסי ווען דעם איז דאך בלק גיוועזען אגרוישער חכם אז ער האט דאס אלץ גיוואוסט זאגט רבי חייא בוודאי האט ער אלץ גימוזט ווישין אלע דיא וועגין פון דעם שור דען ער זאל ניט גיוועזען רעכט ווישין זיינע עסקים וואלט ער זיינע חרשים וכשפים ניט גיקענט טאן זאגט רבי יוסי בוודאי האסטו רעכט גזאגט׃ אונ דער כח פון דעם אייגענעם אקס איז אז מען רופט אויבין אויש אויף דער תבואה וויא אזו זיא זאל גראטין מיט איר וואקסן דען אלע טאג רופט מען אויש אויף די רוחות פון די מענטשין וויא זייא זאלן זיין דאס זיינען דיא טעג פון חודש ניסן אונ פון חודש תשרי אזו וויא מיר האבין דאס אויף איין אנדער ארט גוט מפורש גיוועזען׃

וישלח מלאכים אל בלעם וגו׳ עש איז פאר האנדין אין דעם פסוק אכט אונ צוואנציג ווערטער אנטקעגין די אכט אונ צוואנציג מדריגות פון כישוף וקסם פון דעם צפור וואש ער האט גימאכט דא איז דאך אקשיא ווי איז ער גווען אזו איין נאר אז ער האט זיך גוואלט בהעפטין מיט בלעם האט ער אים פריער גידארפט משחד זיין אונ איבער בעטין אונ דער נאך זאל ער דאס פון אים באגערן ניט ער זאל תיכף זאגן הנה עם יצא ממצרים וגו׳ לכה ארה לי וגו׳ זאגט רבי יוסי פון דאנען לערנען מיר אפ אז בלק האט גוואוסט אז דער רצון אונ דער חשק פון דעם רשע איז ער זאל טאן פיל שלעכץ דרום האט בלק גטאן כישוף מיט קסמים וחרשים אונ האט גימאכט דעם צפור ער האט גיוואוסט דיא מדריגה פון משה וויא גאר הויך זיא איז חשוב האט ער אזו לאנג חורש בחרשים גיוועזען מיט כישוף ביז ער האט פאר שטאנען אז די מדריגה פון בלעם אין דער טומאה איז אנטקעגין דער מדריגה פון משה אין דר קדושה מיד תיכף האט ער גשיקט צו בלעם בן בעור מפתורה ווארום הייסט דאס ארט פתורה אזו וויא עס שטייט מפתור ארם נהרים נאר דארטין רופט מען אן איין טיש פתורה אונ דרום וויל זייא זייגען גיוועזען פון די בתי עבודת כוכבים העורכים לגד שולחן זיי האבין אן גיריכט איין טיש מיט עסין אונ טרינקען צוא דר צד הטומאה אונ האבין גימאכט מיט כישוף אונ גיווישע קטורת פאר דעם טיש אזו האבין זיך דארט איין גיזאמילט אלע רוחות הטומאה אונ האבין זייא מודיע גיוועזען וואש זיי האבן גיוואלט אונ אלע מיני חרשים אונ כישוף פון דער וועלט איז גימאכט גיווארין אויף דעם טיש דרום הייסט דיא שטאט פתורה דאש איז טייטש איין טיש׃

פתח ער הייבט אן עש שטייט ועשית שולחן עצי שטים אויך שטייט ונתתה על השולחן לחם פנים אלע כלי קודש וואש זייגן גוועזן אין בית המקדש וואש מען האט דורך זייא אראפ גיצויגן דעם רוח הקודש פון אויבן אראפ אזו האט דער רשע מסדר גוועזן צו דעם צד הטומאה איין טיש מיט ברויט וואש ער הייסט לחם כגואל דען עש איז אלץ איינש אנטקעגין דעם אנדערין אונ דיא קליפה איז אנטקעגין דער קדושה אזו וויא מיר האבין שוין מפורש גוועזן אונ שלמה המלך האט גזאגט כי מה האדם שיבא אחרי המלך את אשר כבר עשהו קום אונ זעה וויל דיא ישראל האבן אויף דעם בארג סיני גזאגט דאש ווארט נעשה דרום פארכטין זייא זיך ניט פאר אלע עשיות וואש מען טוט זייא מיט מעשה כשפים אונ

קיין שום קסמים וחרשין קען זייא ניט טאן קיין שלעכץ איינש מחמת דעם ווארט נעשה אונ דאש אנדערע אז הקב"ה האט אויש גצוגן דיא ישראל פון מצרים האט ער פאר זייא צוא בראכן אלע מיני כשפים וחרשין וקסמים אז זייא זאלין ניט קענען אויף זייא קיין שליטה האבין אין דער צייט אז בלק איז גיקומען האט ער דאש אלץ גיוואוסט דרום האט ער גישיקט צו בלעם בן בעור פתורה וואס דארף ער זאגן פתורה נאר ער האט אן גיגרייט דארטין אזו איין טיש צו גיוואר ווערין דורך דיא רוחות ושדים איין עצה וואס מען זאל טאן אז מען זאל קענען באקומען דיא ישראל דרום האט ער גישיקט צוא בלעם אונ זאגט אים הנה עם יצא ממצרים דאס הייסט איין אנדער פאלק קען מען טאן שלעכץ מיט כישוף אבער זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים דאס הקב"ה האט פאר זייא צוא בראכין אלע מיני כישוף זייא זאלין אויף זייא קיין שליטה ניט האבין דרום שיק איך צו דיר דוא זאלשט געבן דער צוא איין עצה:

וירא בלק בן צפור פאר וואס שטייט ביא אים דער נאמען פון זיין פאטער מער וויא ביא אנדערע מלכים זאגט רבי אליעזר עס שטייט צפור מצאה בית דאס איז יתרו ודרור קן לה דאס זיינען זיינע קינדער וואס זייא זיינען גיזעסן בלשכת הגזית צוא לערנן תורה אונ האבין גפסקת אלע דיני תורה נאך וואס שטייט מצאה בית ווארום בתחלה האבן זייא זיך ארויש גצויגן אונ האבין זיך דער ווייטרט פון דעם פעטקייט אונ דאס זיסקייט פון דער שטאט יריחו אונ זיינען אוועק גיגאנגען אין דער מדבר אריין כדי זייא זאלן דארטין לערנען תורה מיט מנוחה אונ אז הקב"ה האט גזעהען אז זייער חשק איז נאר צוא לערנען תורה האט ער זייא פון דארטן ארויש גצויגן אונ האט זייא אנידער גיזעצט אין לשכת הגזית דרום שטייט מצאה בית אונ יתרו האט אויך אזו גטאן ער האט אוועק גיווארפן דיא עבודת כוכבים אונ איז גקומען מיט זיינע קינדער צוא באהעפטן זיך אין דיא ישראל אונ אלע אומות האבן אים דריבער מנדה גוועזן אונ נאך גיאגט אונ בלק איז גיוועזן פון זיינע קנדער ער האט אוועק גילאזט דעם פאטערש וועג אונ אז דיא זקני מואב וזקני מדין האבין דאס גזעהן אז ער איז פריער גיוועזן מיט יתרו אין איינעם זייא האבן ביידע גדינט עבודת כוכבים האט זיך יתרו בהעפט אין דער שכינה אונ בלק האט זיך פון זייא אפ גישייד דרום האבין זייא אים היינט גימאכט פאר איין מלך ניט פריער דרום שטייט בן צפור ווארום דורך דעם האבין זייא אים גימאכט פאר איין מלך ווייל ער איז גיוועזן דער זון פון יתרו וואס ער הייסט צפור אבער אן דעם איז ער ניט ראוי גיוועזן צוא זיין איין מלך:

ועתה לכה נא ארה לי את העם הזה נאך וואס שטייט ועתה דאס הייסט דיא שעה איז מיר בגליקט מצליח זיין וואס איך וועל טאן ער האט עפעס גזעהן אבער ניט רעכט ווארום ער האט גזעהן אז דורך אים וועט אין דער שטאט שטים גיהרגת ווערין כמה אלפים מישראל האט ער גזאגט בוודאי איז מיר מיין מזל בגליקט צוא טאן וואס איך וויל אונ נאך וואס שטייט ועתה לכה עס וואלט גידארפט שטיין ועתה לך נאר ער האט גיזאגט מיר וועלן האבן אשליטה אויף דער קדושה וואש זיא היישט כה דען דיא קדושה שוועבט אויף זייא מיט אירע פליגל דיא קדושה האט גישלאגין דיא בכורים אין מצרים אזו שטייט כה אמר ה' כחצות הלילה ביז אהער איז קיינער ניט גוועזן אויף דער וועלט ער זאל ביא קומען דעם כה אונ זאל אויף אים שולט זיין נאר אצונד שטייט אונזער מזל וועלין מיר זיך האלטן איין עצה אויף דער קדושה וואש זיא היישט כה אזו וויא עש שטייט ואנכי אקרה כה מיר וועלן אויש רייסן דעם כה פון זיין ארט אונ זיינן ביידע גיוועזן בעצה רעה על ה' ועל משיחו אבר זייא האבין ניט גוואוסט אז דר כה וועט זייא אויש רייסן פון דער וועלט:

כי עצום הוא ממנו וואס מיינט ער דער מיט גלייך וויא ער האט שוין מיט זייא מלחמה גיהאלטן אונ האט גזעהן אז זייא זיינען שטארקר פון זייא נאר דער רשע איז אגרוישר חכם גיוועזן ער האט גיזעהן אז דוד המלך עליו השלום וועט ארויש קומען פון רות המואביה וואס ער איז גוועזן שטארק וויא איין לייב אונ וועט שטארק מנצח זיין דיא אומה דיא מואבים ביז ער וועט זיי איין נעמען דרום זאגט ער אלשון יחיד כי עצום הוא עם וועט. פון זייא ארויש קומן איין מלכות וואס ער וועט אונז מנצח זיין דרום זאגט ער ממנו אונ דרום זאגט ער אולי אוכל טאמר וועל איך קענן נכה בו מיר זאלן אים שלאגן איז דאך קשה פריער זאגט ער אלשון יחיד אונ דער נאך איין לשון רבים נאר ער האט אזו גיזאגט מיר וועלין זיך באהעפטן צוא שלאגין דיא האנט פון דעם לייב וואס ער וועט פון אונז ארויש קומען כדי ער זאל ניט ארויש גיין אויף דער וועלט אונ זאל ניט ארויש טרייבין דיא מואבים פון זייער שטאט:

ארה לי וואש איז טייטש ארה זאגט רבי אבא דער רשע האט צו בלעם גזאגט מיט צווייא לשונות ארה אונ קבה אונ דער חילוק צווישן דיא ביידע איז ארה מיינט ער קלייב צוא נויף פיל גראזין אונ די קעפ פון דיא שלאנגן אונ לייג זייא אין איין טאפ אריין מיט כישוף אונ דר מיט זאלשטו טאן צוא זייא כישוף אונ דער נאך אז בלק האט דער זעהען אז דער כח פון בלעם איז נאר מיט זיין מויל האט ער אים גזאגט קבה לי דוא זאלסט זייא שילטן האט ער גזאגט איך וועל אויש וואשין דעם טאפ פון מואב אזו וויא עש שטייט מואב סיר רחצי דאש מיינט ער דעם טאפ פון מואב וועט ער אויש וואשין אונ וואש מיינט ער ווייטר על אדום אשליך נעלי נאר דאש האט ער אויך גירעט פון ווייטין אזו וויא עש שטייט ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן האדום עשו האט גזאגט איך וועל עפנען מיין מויל אונ יעקב זאל אים די עדשים אריין ווארפן צוא איין שלינגן זאגט דוד איך וועל ווארפן מיין שוך צוא פאר שטאפן זיין מויל עלי פלשת התרועעי דאס האט ער אויך גיזעהן פון ווייטין ער האט גיזעהן אז דר צד הרע פון דיא פלשתים דיא קליפה מוז גיבראכין ווערין אונ דווקא מיט תרועה אזו וויא עס שטייט וכי תבואו מלחמה בארצכם והרעותם צוא ברעכין זייער כח מיט תרועה דרום זאגט דוד עלי פלשת התרועעי דעם כח פ[illegible] דיא פלשתים וועל איך צוא ברעכין מיט תרועה דען אזו איז ראוי צוא זיין צד הטומאה זאגט רבי שמעון תיפח רוחיה עס זאל אויש גבלאזן ווערן דער רוח פון בלק אין גיהנם אונ דיא ביינר פון בלעם זאלן דארטן צוא מאלין ווערן מיט זיין רוח וואשער איין עצה רעה זייא האבין גיהאלטין אויש צוא רייסן דיא קדושה פון ב"ה אונ צוא ברייננגען דעם צד הרע בפה ובמעשה מיט קבה וארה דר רשע האט אזו גיזאגט דיא ערשטע האבין זיך משתדל גוועזן דריגן אבר זיי האבן ניט גקענט דער דור הפלגה האבן גיטאן זייערע זאכין במעשה איז זייער פה חסר גוואורן פון זייא דען זייער לשון איז מבולבל גיווארין דרום האבין זייא ניט גיקענט אבר דא איז דיין לשון דיר שארף פה איז אן גיגרייט מיט צווייא

ארלייא

עהלייא זאכין את אשר תברך מבורך ואשר תאור יואר סייא דוא בענטשט ווערט מקוים אונ סייא דוא שילשט ווערט מקוים עס הייגט אלץ אן אין דיר ווערכין צד דוא ווילשט אויף ברייגנען מיט דיין מויל סייא דיא קדושה אויף בענטשין אונ סייא דיא טומאה אויף שילטין ווערט אלץ מקוים ווערין אבער ער האט ניט גיוואוסט אז הקב"ה איז מסיר שפה לנאמנים עס שטייט אלץ אין רשות פון הקב"ה דעם דור הפלגה האט ער זייער לשון מבלבל גיוועזן אזו וויא דער פסוק זאגט אשר לא ישמעו איש את שפת רעהו וטעם זקנים יקח דאס איז דער טעם פון בלק מיט בלעם דאש זייא זיינען ביידע גוועזן מיט איין עצה אויף שלעכין דען זייא האבין ביידע אויף גיבראכט קרבנות אזו וויא עס שטייט ויעל בלק ובלעם אונ דיא מזבחות האט בלק אליין מסדר גוועזן אונ צום סוף האט זיך דער רשע בלעם בארימט פאר הקב"ה את שבע המזבחות ערכתי ואעל פר ואיל במזבח אונ דער מאנט ניט בלק זאגט הקב"ה צוא אים דוא רשע איך וייס אלץ וואול אלא דוא באדארפסט גאר ניט ריידין נייערט וכה תדבר · וטעם זקנים יקח אבער זייער טעם אונ זייער עצה האט הקב"ה צו גנומען דאס זיי האבין ניט גקענט שולט זיין מיט זייער כישוף וידברו אליו דברי בלק די רייד זיינען גוועזן אנטפלעקט אונ ניט בהאלטין דען ער איז גוועזן איין חסר אונ איין בעל מום אין דרייא ערטער ער איז גוועזן אחסר עין אונ אחסר אוזן אונ אחסר רגל ער איז גוועזן קרום אונ בלינד אונ טויב ער איז גוועזן אן גבריית צו דער קליפה דען מען מוז דוקא זיין איין בעל מום אונ בלק מיט בלעם האבין זיך איין חברותא רעה גמאכט דאש זייערע נעמען איז צוא בייא קומין דיא ישראל עמלק האט גזאגט מיין נאמען מאכט עם לק איין פאלק וועל איך שלאגן אזו וויא איין נחש שלאגט מיט דעם עק בלק האט גזאגט מיין נאמן מאכט בא לק ער איז גקומען אונ האט זייא גשלאגן אזו וויא זיין ווילן איז גוועזן בלעם האט גזאגט מיין נאמען מ[illegible] בל עם עש איז גאר קיין פאלק ניט אויך האבין זייא קיין רועה ני[illegible] זייערע נעמען זיינען גורם מיר זאלן זיי פאר לענדין פון דער וועלט אבער הקב"ה האט אנדערש פאר טייטשט זייערע נעמען בייא בלק איז דיא אותיות ב"ל אונ בייא בלעם ב"ל מאכט דאס כלב"ל בלייבט איבער פון בלעם ע"ם אונ בייא בלק איין ק' מאכט דאס עמ"ק הקב"ה האט מבלבל גוועזן זייער טיפע מחשבה אז זייא זאלין ניט קענען שולט זיין אויף דער וועלט זאגט רבי שמעון צוא רבי אלעזר דוא זאגשט ווערכט:

ויאמר מי האנשים האלה עמך דאס האט ניט גיפרעגט הקב"ה חס ושלום נייערט זיין מדריגות הטומאה וואש ער האט טאקע ניט גיוואוסט דרום האט ער אים גיפרעגט חאטשי די חברייא זאגין הקב"ה אליין האט אים מטעה גיוועזן אזו וויא עס האט זיך גיטראפין בייא אדם וקין אונ אזו וויא מיר האבין שוין דאש מפורש גיוועזן אין מדרש איין כותי האט גיפרעגט צוא רבי אלעזר איך זעה אגרעשערין כח מדריגה בייא בלעם וויא בייא משה דען בייא משה שטייט ויקרא אל משה הקב"ה האט צו משה צו זיך גירופין אונ בייא בלעם שטייט ויקר אלהים אל בלעם ער איז צוא אים גיקומען זאגט רבי אלעזר עס איז אמשל צוא איין גרויסן הער ער זיצט אין זיין פאלאץ אויף זיין שטול דער נויל קומט איין מצורע פאר זיין טיר אונ רופט פרעגט דער גרויסר הער ווער רופט עש אונ ווער קלאפט עש אין דער טיר זאגט מען דער אונ דער מצורע קלאפט ער וויל אריין גיין זאגט דער גרויסער הער לאז ער ניט אריין גיין נאר איך וייש וואול אז איך וועל אים ארויש שיקן זיין בקשה דורך איין שליח ווערט ער עש גאר ניט אכטין אונ ווערט אריין גיין אונ ווערט פאר אום ריינגין מיין היכל עש איז בעסער איך זאל אליין ארויש גיין צוא אים אונ וועל אים מאכין איין מורא אז ער זאל ניט אריין גיין אין מיין היכל ער זאל אים ניט פאר אום ריינגן אונ זאל חלילה ניט מטמא זיין מיין קינד אונ ער זאל ניט טמא ווערן דורך אים אזו גייט ארויש דער גרויסער הער אונ זאגט צוא אים הער צוא מצורע דוא זאלשט חלילה זיך ניט דער וועגין אריין צו גיין אונ מקרב זיין צו מיין זון דוא זאלשט פאר מיידין דיינע פיס פון מיין זון זאלשט ניט גיין אין זיין וועג אונ אז דוא וועסט דרויף עובר זיין וועל איך היישין דיין גוף צוא שניידין אויף שטיקער אבער ווען דער ליב האבער קלאפט אן בייא דעם גרויסין הער פרעגט דער גרויסער הער ווער איז דאש זאגט מען אז דאס איז דיין ליב האבער יענער זאגט דער גרויסער הער מיין אוהב כנפשי עס איז אים קיין כבוד ניט אז אנאנדער זאל אים היישין אריין גיין נייערט איך אליין גהער אים צוא פירין שרייט דער גרויסער הער מיין אוהב כנפשי גייא אריין ער שאפט מען זאל ריין מאכין דעם היכל ער זאל דארטין ריידין מיט אים לא תלך עמהם לא תאיר את העם כי ברוך הוא דוא באדארפשט גאר ניט גיין הן לטוב והן לרע ווארום דוא ביסט טמא ויאמר בלעם אל האלהים בלק מלך מואב שלח אלי אז ער האט שוין גזאגט בלק בן צפור נאך וואס האט ער נאך גידארפט זאגין מלך מואב אלא זעה דיא גאוה פון דעם רשע דער פסוק זאגט מלך למואב בעת ההוא איז משמע ער איז ניט ראוי גוועזן צוא זיין איין מלך נאר מען האט אים גמאכט לפי שעה פאר איין מלך אזו וויא אויבין שטייט אונ ער האט זיך בארימט גלייך וויא ער איז איין חשובר מלך דער העכסטער מלך פון דער וועלט האט צוא אים גישיקט:

פתח רבי אלעזר הייבט אן עמי זכר נא מה יעץ בלק מלך מואב ומה ענה אותו בלעם בן בעור ער זאגט עמי וויא גאר שטארק איז הקב"ה איין רחמן צוא זיינע קינדער חאטשי זייא זינדיגין פאר אים זיינען דאך זיינע רייד אזו וויא אפאטער צוא זיינע קינדער אז דאס קינד זינדיגט אזו שלאגט ער אים אונ אז ער האט נאך קיין חרטה ניט אזו שרייט ער אן אויף אים אונ זאגט אים אז ער ווערט אים נאך שלאגין ווארום דער פאטער טראכט זיך אז איך וועל אים נאך שלאגין אזו ווערט אים זיין קאפ וויא טאן אונ זיין ווייטאג איז דאך בייא מיר אגרויס צער זאל איך אויף אים זייער שטארק אן שרייען אזו ווערט אים פאר ענדערט ווערין זיין פנים וויא דען איך וועל אים גיין בעטין מיט גוטע רייד כדי ער זאל זיך מצער זיין אזו אויך בתחילה האט הקב"ה דיא ישראל גישלאגין האבין דיא ישראל נאך ניט חוזר גיוועזן האט ער אין זייא אן גישריען זיינען זייא נאך ניט חוזר אזו זאגט ער איך זעה איבער דער מכה וואס איך האב אויף זייא גישיקט טוט זייא וויא דער קאפ אונ זיינען זיך מצער אזו איז דאך מיר אויך איין צער אזו וויא עש שטייט בכל צרתם לו צר אז איך וועל ווידער אין זייא אן שרייען ווערט זייער פנים פאר ענדערט ווערין אז מען ווערט זייא גאר ניט דער קענען אזו וויא דער פסוק זאגט חשך כשחור תארם לא נכרו בחוצות אז מען זעהט זייא דער קענט מען זייא ניט איך וועל ריידין מיט זייא בתחנונים עמי מה עשיתי לך ומה הלאיתיך מיין פאלק איך האב דיך גילאזט שולט זיין אויף דיא בני היכלא דאס זיינען דיא מלאכים האב איך דיר דען גישאן אנדרע מעשים זייא דוא מיין עדות מה הלאיתיך וואס האב איך דיך מטריח

גיוועזן עמי מיין ליב פאלק זכר נא איך בעט דיך גידיינק נאר וואס בלק האט אויף דיר עצות גיהאלטין אונ וואס בלעם האט אים גיענטפערט איצונד באדארף מען זעהען וואס איז דען גיוועזן דיא עצה פון בלק אונ דיא תורה האלט עס נאר פאר נישט נייערט נאר בלעם אזו וויא דער פסוק זאגט ארמי אובד אבי ווייטער איז חסר אין זוהר:

ויקם בבוקר ויחבוש את אתונו ער האט אליין אן גיזאטילט זיין אייזיל כדי צוא טאן זיין ווילין אונ דעם ווילין פון בלק אונ נית דעם ווילין פון הקב"ה דרום ויחר אף אלהים כי הולך הוא דאס ער האט זיך אויש גיצויגן פון דעם רשות פון הקב"ה ווארום הקב"ה האט אים גיזאגט ואפס את הדבר וגו' קים אונ זעה עס איז אזו צום ערשטין האט ער אים גיגעבין רשות אונ האט אים גיזאגט קום לך אתם אונ איצונד שטייט שוין ויחר אף אלהים ער איז גיוועזן ברוגז אמאי ער גייט אלא דער פסוק פאר ענטפערט עס אליין ויחר אף אלהים פאר וואס כי הולך הוא הוא ווייזט מיר ער איז גיגאנגען צוא טאן זיין ווילין אליין נית וויא הקב"ה האט אים גיזאגט אזו וויא איך וועל דיר הייסין זאלשטו טאן זאגט הקב"ה צוא אים דוא רשע דוא ריכסט זיך אונ ביסט זיך מזרז ארויס צו גיין מיט דיין כלי זיין פון מיין רשות דא שווער איך אז דוא מיט דיין אתון וואס דוא מאכשט מיט דיין כישוף וועט איר אלע זיין אין מיין רשות מיד ויתיצב מלאך ה' לשטן לו וואס שטייט מלאך ה' זאגט רבי אבא ער איז ארויש גגאנגען פון זיין אומנות אין אנאנדער אומנות דען ער איז גיוועזן איין מלאך הרחמים דרום האט רבי שמעון גיזאגט דיא רשעים פאר קערין דעם רחמים לדין דרום שטייט דא מלאך ה' דאס איז טייטש רחמים לשטן לו ער איז גיווארן פאר איין שטן צוא אים צוא טאן דין רבי אלעזר זאגט ער האט נית משנה גוועזן ער איז נית ארויס גגאנגען פון זיין אומנות אלא ווייל דער מלאך איז גיוועזן מצד הרחמים איז ער אנטקעגין אים גישטאנען ער זאל מקלקל זיין אלע זיינע פעולות אונ זיין ווילין פאר שטערין דרום זאגט ער לשטן לו:

תנא מיר האבין גילערינט רבי שמעון זאגט וויא איז בלעם אחכם גוועזן אונ אכישוף מאכער מער פון דער גאנצער וועלט אמער הקב"ה האט צוא אים גיזאגט ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה אלץ וואס איך וועל דיר הייסין זאלסטו טאן אונ ער האט זיך גינומען איין עצה ארויס צוא גיין פון זיין רשות ער האט גיזעהען אין זיינע חרשים וכישוף וויא אזו ער וועט קענין דיא ישראל באקומען האט ער מער נית גפוגען נאר דורך זיין אתון דרום שטייט ויחבוש את אתונו ער האט אים אן גלאדין מיט אלע חרשים אונ כישוף וואס ער האט נאר גקענט האט ער אלץ כולל גיוועזן צוא טאן דורך דעם אתון צוא שילטין דיא ישראל מיד באלד ויחר אף אלהים איז הקב"ה ברוגז גיווארין כי הולך הוא ער גייט צוא טאן זיין ווילין אונ נית מיין ווילין וואס טוט הקב"ה האט ער מקדים גיוועזן איין מלאך הרחמים ער זאל גיין אנטקעגין אים אונ זאל אלץ פאר שטערין אלע זיינע כשפים וואס ער האט אן גישטעלט דרום ביז אהער שטייט נית דער שם ה' וואס איז רחמים ווייל ער איז נית גזעהען גווארין מיט זיינע כשפים אונ איצונד אז ער האט אן גיברייט דאס אייזיל מיט אלע מיני כישוף אונ כוחות הדינים צוא שילטין דיא ישראל האט הקב"ה גישיקט דעם מלאך הרחמים אנטקעגין אים ער זאל אוועק פירין דם אייזיל פון דעם וועג דרום שטייט ותט האתון מן הדרך הקב"ה האט צו אים גזאגט דוא רשע האסט דיך אן גגרייט מיט אלע מיני טומאה צו פלוכין מיינע קינדער איך שיק אנטקעגין דיר איין מלאך הרחמים ער זאל דיר פר שטערין דיין מחשבה מיט דייני מעשים:

ותרא האתון את מלאך ה' פרעגט רבי יצחק וויא קומט דאס אזו איין חכם וויא בלעם איז גיוועזן זאל ער נית זעהען דעם מלאך זאגט רבי יוסי חס ושלום דער איז נית ווערט אן קוקין איין הייליגין מלאך זאגט רבי יצחק עס שטייט דאך נופל וגלוי עינים זאגט רבי יוסי איך האב דער פון נית גיהערט אונ קען אויף דעם גאר נית זאגין זאגט רבי יצחק איך האב דרויף אזו גיהערט ווען ער האט גידארפט צוא זעהען איז ער גיפאלין נופל ורואה אונ אצונד האט ער נית גידארפט צו זעהען זאגט רבי יוסי איז דאך בלעם גיוועזן אין איין העכערער מדריגה פון אלע נביאים נאמנים פון דער וועלט דער מיט וואש ער איז גיוועזן גלוי עינים ער האט גיזעהען דעם כבוד פון הקב"ה אונ רבי שמעון האט דאך גיזאגט אז בלעם האט מיט זיינע כשפים נאר גיוואושט אין די מדריגות התחתונים וואש זיינען אונטין בטומאה אזו וויא עש שטייט ואת בלעם בן בעור הקוסם דער פסוק רופט אים נאר קוסם וויא גישיקט זיך דאש אז פון דעם כישוף זאל ער זעהען דעם כבוד פון הקב"ה נאך מיין האט רבי שמעון גיזאגט פון דעם איינם מאל וואש ער האט גיזעהען זיינען אים דיא אויגין פאר קרימט גיווארין אונ דוא זאגשט אז ער האט גיזעהען אין כבוד פון הקב"ה מיט אפנע אויגין זאגט רבי יצחק מיין זאך אונ דיין זאך מוז האבין איין לויטערקייט דיא סודות התורה זיינען בוודאי גאנץ הויך וואש דיא וועלט קען דאס נית פאר שטיין אונ דרום טאר מען נית צוא פעדערין זיך מיט דברי תורה איי דר מען הערט דאס רעכט אונ מען ווייסט קלאר דיא זאך. זיינען זייא גקומען צוא רבי שמעון אונ פרעגין אים דיא זאך:

פתח הייבט רבי שמעון אן עס שטייט מה אנוש כי תזכרנו דעם פסוק האט מען שוין מפורש גוועזן אז דאס האבין דיא שרים עליונים גזאגט בשעת הקב"ה האט גוואלט באשאפן דעם מענטשן האט ער גרופין כתות כתות פון מלאכים אונ האט זייא גיזעצט פאר זיך אונ זאגט צוא זייא איך וועל באשאפין איין מענטש זאגן זייא פאר אים אדם ביקר בל ילין דער מענטש וועט אפילו איין נאכט נית זיין אין זיין כבוד האט הקב"ה אויס גישטרעקט זיין פינגער אונ האט זייא פר ברענט דער נאך האט ער אנדערע כתות אנידער גזעצט אונ זאגט זיי אויך איך וויל באשאפין איין מענטשן האבין זייא גזאגט מה אנוש כי תזכרנו וואס איז דער מענטש חשוב אז דוא זאלשט אים נאר דער מאנען אונ וואס פאר איין טבע וועט ער האבין אונ וויא אזו וועט ער זיין האט הקב"ה צוא זייא גיזאגט דער מענטש וועט זיין אין אונזער גישטאלט בצלמנו כדמותנו זיין חכמה וועט זיין מער פון אייער חכמה אונ דער נאך אז הקב"ה האט באשאפין דעם מענטשן אונ ער האט גזינדיגט איז אויף אים ארויס גגאנגען זיין משפט איז גיקומען עז"ה ועזא"ל אונ האבין גזאגט רבונו של עולם מיר האבין פאר דיר איין פתחון פה דען דעם מענטשן וואס דוא האשט באשאפין האט ער גיזינדיגט זאגט הקב"ה ווען איר זאלט זיין אויף אזו איין וועלט וואלט איר נאך ערגר גוועזן פון זיי וואש האט זייא הקב"ה גיטאן ער האט זייא אראפ גווארפין פון דעם הימיל פון זייער מדריגה זאגט רבי שמעון אצונד וועלן מיר אן הייבן אונזערע רייד דאס וואס בלעם האט גזאגט נופל וגלוי עינים עס קען דאך נית זיין אז בלעם זאל זיך נאר ברימען אדער ער זאל זאגן שקר וואלט דאך די תורה חלילה דאס נית גשריבן אונ אז עס איז ווידער אמת וויא קומט דס אז ער זאל זיין אין איין העכערער מדריגה פון אלע נביאי אמת אונ

ווידער

ווידער די קדושה רוט דאך נאר אויף אזו אמענטשין וואס ער איז דער
צוא ראוי אונ אצונד וועלן מיר זיך אום קערין צוא דיא ערשטע רייד
בשעת הקב"ה האט די צווייא מלאכים אראפ גווארפן פון דעם הימיל
האבן זייא גזינדיגט דארף מען דאך פאר שטיין עס שטייט דאך עושה
מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט זייא זיינען ניט וויא מענטשן זייא זיינען דאך
גוועזן מלאכים וויא קומט צוא זייא זינד נאר קום אונ זעה אלע דיא
מלאכים עליונים האבן ניט קיין קיום אונ קענן ניט בשטיין נייערט באור
העליון וואס ער לייכט אויף זייא אונ איז זייא מקיים אונ ווען דער אור
זאל זיך פון זייא אפ טאן וואלטן זייא קיין קיום ניט גקענט האבן ומכל
שכן אז ער האט זייא אראפ גווארפן אויף דער וועלט אונ האט זיין
אור פון זייא צוא גנומען אזו איז זייער גשטאלט נשתנה גווארן אונ
אז זייא האבן אראפ גנידערט האט אין זייא שולט גוועזן דער אויר פון
דער וועלט זיינען זייא פאר ענדערט גווארין אין איין אנדער מדריגה
קום אונ זעה דער מן וואס האט גנידערט צו דיא ישראל אין דר מדבר
איז גוועזן פון אגאנץ הויכע מדריגה אונ איידר ער האט אראפ גנידערט
האט ער גלייכט אין אלע עולמות אונ פון אים זיינען גשפייזט גווארן
אלע מדריגות אונ אלע מלאכים עליונים אונ אז ער איז גקומען אויף
דעם אויר פון דער וועלט איז ער פאר גרעבט גווארן אזו וויא פאר
גליווערטע וואשער אונ עס איז נשתנה גווארן אזו וויא עש שטייט והמן
כזרע גד הוא ניט מער איז דאך שוין איין כל שכן אז די מלאכים האבן
אראפ גנידערט אין דעם אויר פון דר וועלט האט ער אין זיי שולט גוועזן
אז זייא זיינען פאר ענדערט גווארן פון זייער ערשטער מדריגה וואש
זייא זיינען פריער גוועזן וואס האט הקב"ה גטאן וויא ער האט גזעהן אז
זייא זיינען מטעה די גאנצע וועלט האט ער זיי גבונדין מיט אייזערנע
קייטין אונטער דיא הרי חושך אין גאנצין טיפעניש פון דיא בערג האט
ער זיי אריין גווארפן אונ האט אים בדעקט דאס פנים מיט פינצטרניש
אין דער צייט אז ער האט זייא אריין גווארפן האט עז"א דער צערינט
פאר הקב"ה האט ער אים אראפ גווארפן אין טיפעניש ביז אין האלז אונ
אקין אונ דיא מענטשן וואס ווייסין זייער ארט קומען זייא אהין אזו
לערנען זייא דיא מענטשין כישוף ונחש וקסם אונ דיא הרי חושך היישין
הררי קדם דרום ווייל דער חשך האט זיך גפעדערט פר דעם ליכטיקייט
לבן אונ בלעם האבן זיך פון זיי גלערינט כישוף אונ דאס האט בלעם
גזאגט מן ארם ינחני בלק מהררי קדם קום אונ זעה בלעם האט זיך בארימט
מיט דעם ארט ער זאגט נאום שומע אמרי אל דאס האט ער גמיינט דיא
צווייא מלאכים וואס מען האט זייא אראפ גיווארפן דאס זיינען דיא
לייט פון דיא עליונים וואס זייא האבן פון דעם פריער גיוואושט אז
זייא זיינען גוועזן בעולם הקודש דרום זאגט ער אמרי אל אונ זאגט ניט קול אל
דאס איז אשטייגער וויא איינער קומט פון איין דרשה פרעגט מען אים
פון וואנען קומשטו זאגט ער איך קום פון צו הערין די רייד פון הקב"ה
אזו דא מיינט ער אויך דיא צווייא מלאכים דען ער האט מכוין גוועזן
דיא שעה ווען דינים היינגין אויף דער וועלט אשר מחזה שדי יחזה וועמען
מיינט ער דאס עס היישט נופל וגלוי עינים נופל איז עז"א וואש הקב"ה
האט אים אריין גיווארפן אין דער טיפעניש אונ איין פינצטערניש האט
צוא גידעקט זיין פנים דרום היישט ער נופל איין מאל איז ער אראפ
גיפאלין פון דעם הימיל אונ דער נאך אין דער טיפעניש אבער דער
אנדערער מלאך היישט גלוי עינים ווייל אויף אים האט ניט בדעקט דר
חושך ווייל ער האט ניט דער צערינט אנטקעגן הקב"ה אזו וויא יענר

אונ בלעם רופט זייא מחזה שדי יחזה דאס זיינען דיא צווייא נופל וגלוי עינים
אין דער צייט איז ניט גוועזן קיין שום מענטש ער זאל בייא זייא זיין
נאר בלעם אליין ער איז אלע מאל גוועזן בייא זייא אויף דיא בערג
דרום זאגט ער מהררי קדם מיינט ער דיא הרי חשך · זאגט רבי שמעון
איך האב שוין דיא זאך כמה מאל גיזאגט אונ דיא חברים קוקן אויף
דעם נאר ניט דאס הקב"ה כביכול איז ניט שורה נייערט במקום הקדוש
אזו איין ארט וואס עס איז ראוי ער זאל דרויף רוען דרום האט הקב"ה
אן גזאגט לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש וגו' אונ וויא אזו קען ער זיך
בהעפטין מיט דיא צדיקים דאס איז דער חלק פון ישראל וואס הקב"ה
האט זייא גיהייליגט ער זאל רוען צווישין זייא דרום זאגט ער כי ה' אלהיך
מתהלך בקרב מחניך והיה מחניך קדוש אויך שטייט והייתם קדושים אל תטמאו בכל אלה
ואקיץ בם דאס איך קען צוא זייא ניט גנעהנין נאר צוא די ישראל וואול
איז זייער חלק אונ וואול איז צוא דיא הייליגע נביאים דאס זייא זיינען
הייליג אונ זייער חלק איז צוא משמש זיין בקדושה עליונה :

ותרא האתון את מלאך ה' וחרבו שלופה בידו איז דאך קשה איז דען דר מלאך
גיקומען צוא דעם אייזיל ער איז דאך נאר גיקומען אנטקעגין
בלעם מיט איין אויס גשטרעקטע שווערד פאר וואס האט דאש אייזיל
גיזעהן דעם מלאך אונ בלעם האט אים ניט גזעהן נאר צוא אליץ איז
דר מלאך הרחמים אן גבריית גוועזן ער איז גוועזן אן גיבריית אנטקעגן
דעם אייזיל וואס בלעם האט אים אן גשטעלט מיט גרויש כישוף אויך
איז ער אן גבריית גוועזן אנטקעגן בלעם ער זאל גשטראפט ווערן כדי
ער זאל ניט גיין אין קיין אנדער וועג נאר וואו אהין הקב"ה וועט אים
היישין זאגט רבי יוסי אצונד איז דאך קשה אז דיא רייד פון בלעם
זיינען ווידער גאר גוועזן פון דיא מדריגות התחתונים פון דיא קליפות
ווארום שטייט ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה זאגט רבי יצחק חס
ושלום הקב"ה האט מיט אים גאר ניט גרעט נייערט דער מלאך האט
מיט אים גרעט פון דיא ישראל ווענן נאר וואס דען שטייט ויבא אלהים
אל בלעם מיר האבן גלערינט אז אלהים איז אויך אמלאך וואס ער קומט
מצד הדין הקשה אפט רופט מען אמלאך בשם עליון :

ותט האתון מן הדרך דאס אייזיל האט אפ גקערט פון דעם וועג וואס בלעם
האט אים אן גשטעלט אנטקעגן דיא ישראל נאר וויא אזו האט
דאס בלעם גוואושט ווארום ער האט זיך תיכף אין וועג גשטעלט צו
טאן מיט דעם אייזיל דיא זאכן וואס עס איז אנטקעגן דיא ישראל אזו
האט ער גזעהן אז ער וויל ניט גיין אנטקעגן די ישראל דרום שטייט
ויך את האתון במקל האט ער אים תיכף אן גשטעלט מיט כוחות הדינים
קשים דרום שטייט ניט במקלו מיט זיין שטעקן נאר במקל מיינט מען ער
האט אים מלביש גוועזן מיט דינים קשים וחזקים קום אונ זעה די שטארקע
חכמה פון דעם רשע דען ער האט גהאט גרויש חשק ער זאל מיט זיין
גרויס חכמה ארויס גיין מרשות עליון שלעכץ טאן צוא דיא ישראל
כדי ער זאל דורך דעם גרויס ווערן אין דער גאנצער וועלט :

ויוסף מלאך ה' עבור ויעמוד במקום צר דער מלאך האט אים פר שטעלט אלע
וועגן האט זיא ניט גקאנט גפינן קיין שום וועג ביז זיא האט גמוזט
זיך אנידער לייגן אונטער אים ותרבץ תחת בלעם וגו' ויפתח ה' את פי האתון דאש
איז איינש פון די זאכין וואס זיינען בשאפן גווארן בערב שבת בין השמשות ·
זאגט רבי יצחק בייא וועמען זיינען דיא רייד פון דעם אייזיל חשוב
גוועזן דאס היישט נאך וואס האבן דיא רייד גיטויגט צוא בלעם אדער
צוא דעם אייזיל אדער צוא דיא ישראל זאגט רבי יוסי די רייד האבן

אים גמאכט אגרוישע חרפה אנטקעגן דיא שרים וואס זיינען מיט אים גגאנגען זייא האבן פון אים גשפעט בשעת זיי זיינען גקומען צו בלק האבן זייא צוא אים גזאגט צוא דעם שוטה האשטו אונז גישיקט מיט אזו פיל כבוד עס איז דאך אין אים קיין שום ממשות ניט פאר האנדין איז ער דורך די רייד פון דעם אייזיל זייער מבוזה גווארין פון זיין כבוד זאגט רבי חייא דאס אייזיל זאל ניט גיוועון ריידין וואלט בלעם ניט אפ גלאזט זיין זאך אונ דורך דיא רייד איז זיין כח צוא בראכין גווארין רבי אבא זאגט פאר וואס ביא קרח שטייט ותפתח הארץ אונ דא שטייט ויפתח ה' את פי האתון פאר וואס שטייט ניט דארט אויך ויפתח ה' את פי הארץ נאר דארט האט משה גוזר גיוועזן אויף דער ערד האט זיא מקיים גוועזן דיא רייד פון משה אזו וויא ער האט איר גזאגט ופצתה האדמה את פיה עס איז ניט שיין אז עס זאל שטיין אז הקב"ה האט גטאן דיא ציווי פון משה נייערט דיא ערד האט גטאן אזו וויא ער האט גשאפט אבר דא גיפינן מיר ניט ווער עס האט אויף איר גוזר גוועזן נייערט עס איז גיוועזן דער ווילן פון הקב"ה אונ ווי אזו ער האט גוואלט אזו איז גוועזן דרום שטייט ויפתח ה' את פי האתון ווייל פון אים איז דער רצון גוועזן רבי יהודה זאגט איך האב מסתכל גיוועזן אין דיא רייד פון דעם אתון עס ווערט גזעהען אז עס קומט גאר ניט ארויס דער פון נאר ווייל הקב"ה האט איר געפינט איר מויל אזו גהערין זיין דיא רייד דברי חכמה אויב דוא וועשט זאגן דיא חברייא האבן דאך גזאגט אז דיא שרים האבין אים גפרעגט וואו איז דיין פערד האט ער זייא גיענטפערט עס פאסעט זיך אין פעלד דרום האט דער אתון גיזאגט איך בין דאך דיין אייזיל פון תמיד אונ דוא האשט מער ניט אונ דוא בישט איין ליגנער איז דאך דיא קשיא האט זיא דאך גדארפט אן הויבן הלא אנכי אתונך ווארום האט זיא אן גהויבן מה עשיתי לך לערנן מיר אפ אז עס איז ניט דא קיין כח אין קיין בהמה עס זאל רעדן אויף איר איין דיעה שלמה קום אונ זעה בלעם האט ניט גקענט בשטיין אנטקעגן דער דעה טפשות פון דעם אתון ומכל שכן אויף דעם דעת עליון ותאמר האתון לבלעם כה עשיתי לך איז דען ביא מיר אין רשות צוא טאן גוטש אדער ביז איך גייא נאר וואו אז מען פירט מיך חאטשע בלעם האט זיא אן גלאדין מיט מעשה כשפים ויאמר בלעם לאתון כי התעללת בי זעה וואס פאר איין טיפש ער איז גיוועזן ער וואלט גוועזן בדארפט לאכין פון איר אונ ער האט נאך אירע רייד אן גנומען אונ האט איר דרויף גענטפערט דען האבין דיא שרים גלאכט פון אים זייא האבין גזעהן אז ער איז אגרוישער שוטה דרום איז ער ביא זייא זייער מבוזה גווארין ער זאגט צום אתון לו יש חרב בידי זאגין זייא וואש איז דאס פאר איין שוטה ער וויל אגאנצע אומה פאר לענדין מיט זיין מויל אונ צוא זיין אייזיל בדארף ער האבן איין שווערד מיר לערנען אפ אז א בהמה גהער נאר צוא איר זאך עס גיהער ניט צוא איר עס זאל רעון אויף איר אנדער רוח אז עס וועט קשה זיין צוא אמענטשין פאר וואס זאלן די בהמות ניט קענן ריידן אזו וויא מענטשן זאל ער זעהן דעם אתון פון בלעם אז הקב"ה האט אים גיעפינט זיין מויל וואס האט ער גרעט ווארום ריידן איז נאר שיין פאר אמענטשין ווייטער איז

חסר אין זוהר :

ויהי בבוקר ויקח בלק את בלעם זאגט רבי יצחק בלק איז גיוועזן אגרעשערר מכשף פון בלעם נאר ער האט ניט גקאנט מכוין זיין דיא שעה וואס מען קאן שילטין אזו וויא בלעם דרום ויקח בלק את בלעם בלק האט אלץ אן גריכט אונ האט אים גפירט צוא אלמען ויעלהו במות בעל וואש מיינט מען במות בעל אלא ער האט גזעהן אין זיינע כשפים דורך וואגן ער וועט זייא קענן ביא קומען דען זייא וועלן מאכין במות צוא דער עבודת כוכבים וואש הייסט בעל אזו וויא דער פסוק זאגט וילכו אחרי הבעלים דרום שטייט ויעלהו במות בעל ער האט אים גיוויזין אז דורך דעם קען מען זייא ביא קומן וירא משם קצה העם ער האט גזעהן אז די קצינים אונ חשובים מיט זייער גרוישין הער וועלין דינגען דעם בעל אזו וויא דער פסוק זאגט ויקראו בשם הבעל אונ אויך ביא זייער מלך אחאב שטייט ויקראו בשם שם ה' הוא האלהים אונ בלעם אז ער האט דאס דער זעהען האט ער גיזאגט צו בלק בנה לי בזה שבעה מזבחות ער האט גיזעהען אז זייער מדריגה איז למעלה משבע כוחות עש איז א משל איין גרוישער הער האט איין ליב האבער אונ אז איינער וויל זיך מיט אים קריגין האט ער מורא פאר דעם גרוישין הער גייט ער אונ ברייננגט איין מתנה צום גרוישין הער וויא דער גרוישר הער זעהט דיא מתנה זאגט ער וויא קומשטו צוא מיר מיט דער מתנה אלא כדי דוא זאלשט שלעכץ טאן צוא מיין אוהב הייסט ער דיא מתנה ווארפין פאר דיא הינט אזו אויך בלעם האט גיבראכט דיא קרבנות פאר הקדוש ברוך הוא כדי ער זאל קענען שלעכץ טאן צוא דיא ישראל זאגט הקדוש ברוך הוא רשע וויא קומשטו צוא מיר נאר פון וועגין דיא ישראל דיין קרבן גיהער פאר די כלבים · זאגט רבי שמעון קום אונ זעה דעם גנאי דעם אוב ווערדיגין רשע דען עש גיפינט זיך ניט אין דר גאנצר פרשה עש זאל שטיין ויאמר ה' אל בלעם אדער וידבר ה' נייערט וישם ה' דבר בפי בלעם גלייך וויא איינער טוט אן זיין אייזיל איין צאם ער זאל זיך ניט קענען רירין אהין אונ אהער אזו אויך וישם ה' דבר בפי בלעם הקב"ה זאגט צוא אים דוא רשע איך וויל ניט אפילו דוא זאלסט זייא בענטשין לא מעוקצך ולא מדובשך נייערט גייא צוא בלק אונ אז דו וועסט וועלין עפנען דיין מויל וועסטו ניט זיין אין דיין רשות אונ ניט אין דיין מויל הייגנט אן דאס ריידין אונ אפילו ניט דאש בענטשין נייערט מיין קדושה וועט זייא בענטשין וואס זיא הייסט כ"ה תברכו את בני ישראל דרום שטייט ושוב אל בלק אבער וכה תדבר מיין קדושה פון כה תברכו וועט זייא בענטשין אונ וועט ריידין פון דיין מויל אונ וויא ער איז גיקומן צו בלק אונ בלק האט גיהערט דיא ברכות וואס בלעם בענטשט די ישראל האט ער גימיינט ער בענטשט זייא מיט זיין ווילין האט ער גיזאגט לקוב אויבי קראתיך איך האב דיך גירופין אז דוא זאלשט זייא שילטין צום סוף בענטשטו זייא נאך זאגט בלעם נעם נאר דיינע כשפים אין דיין האנט דען מען קען מיט דיא כשפים אויף האלטין דיא קדושה אונ אויש רייסין פון זייא דיא ברכות דרום זאגט ער התיצב כה על עולתך מיט דיין כישוף וועסטו קענען דיא קדושה מעכב זיין ואנכי אקרה כה אונ איך וועל דיא קדושה אויש רייסין פון דיא רייד אין ברכות זאגט הקב"ה צוא אים דוא רשע איך וועל דיך אויש רייסין שוב אל בלק וכה תדבר מיין קדושה כ"ה מוז ריידין וויא דער רשע האט דאש גזעהען אז עש העלפט אים גאר ניט זאגט ער הנה ברך לקחתי וברך לא אשיבנה כלומר דיא ברכות פון דער קדושה כה קען איך ניט אום קערין איך זאל זייא עוקר זיין אז זיא זאל זייא ניט בענטשין זאגט בלעם הן עם כלביא יקום וויא קען מען דיא ישראל עפעש טאן אז זייא זיינען אזו שטארק דען תיכף וויא זייא שטייען אויף פון דעם בעט זיינען זייא זיך תיכף מתגבר וויא איין לייב צוא דינען זייער הערין זייא הייבין אן תיכף צוא זאגין שירות ותשבחות

צוא הקב"ה אונ זייא לערנען אגאנצין טאג תורה ווילן זייא זיך
לייגין שלאפין איז ער פריער מקדש דעם שם העליון אונ לייענט
קריאת שמע אונ איז אויף זיך מקבל דעם עול מלכות שמים
למעלה ולמטה עס זיינען בייא נאכט שולט כמה מלאכי חבלה
וכמה מיני משחיתים אונ אז זייא עפענען זייער מויל אונ לייענען
קריאת שמע אזו ווערין אלע מזיקים ומשחיתים פאר זייא גיבונדין
ממילא ווייא אזו קען מען זייא עפעס טאן הן עם כלביא יקום זייא זיינען
אן גיבריים אויף צוא שטיין כאריה ווייא איין לייב וואש ער איז איין
גבור חיל דער סדר פון אלייב איז ער לייגט זיך אונ לאזט איבער
שפייז אפער זייא לא ישכב עד יאכל טרף י' ר"א הן עם כלביא יקום זייא טוען
אויף שטיין מקריב זיין קרבנות אויף דעם מזבח אונ מיר האבין
גילערינט בשעת דער קרבן איז פר ברענט גיווארין האט זיך גיוויזין
אויף דעם מזבח אזו ווי אפייערדיגר לייב ער הייסט אריא"ל ער האט
פאר ברענט דעם קרבן אונ אז די ישראל זיינען ניט גוט גיוועזן האט
זיך דאש פייער גיוויזין אזו ווייא דאש גישטאלט פון איין הונט וואש
ער הוערט דרויף דען האבין די ישראל גיוואושט אז זייא בדארפין
תשובה טאן לא ישכב עד יאכל טרף דאש זיינען די קרבנות פון דער נאכט
היינו עולות אונ איבער די קרבנות האלט הקב"ה מלחמה מיט זייערע
שונאים רבי אלעזר זאגט לא ישכב עד יאכל טרף איטליכער מענטש וואס
ער גייט בקצות הקב"ה לייגט ער זיך ניט ביז ער הרגת ... די מזיקים
עלף הונדערט מיט פינף אונ צוואנציג וואס זייא רוען בייא אים י רבי
אבא זאגט טויזנט זיינען בייא דער לינקער זייט אזו ווייא עס שטייט
יפול מצדך אלף מיט וואס ווערן זייא פאלן זאגט דער פסוק יעלזו חסידים
בכבוד ירננו על משכבותם רוממות אל בגרונם דרום זאגט ער לא ישכב עד יאכל טרף
דאס איז לעשות בהם משפט כתוב וגו' זאגט רבי חזקיה אנטקעגין די דרייא
מאל וואס ער האט דעם אתון גשלאגן אונ האט אים אן גילאדין מיט
כישוף זיינען די ישראל דרייא מאל גבענטשט גיווארן אונ אנטקעגין
די דרייא מאל זיינען זיי זוכה צוא זעהן פני ה' דרייא מאל אין יאר עולה
רגל זיין דרום שטייט הכית את אתונך זה שלש רגלים דאש איז מרמז אויף
די דרייא רגלים וואש די ישראל זיינען עולה רגל :

וירא בלעם כי טוב בעיני ה' לברך וגו' ער זעהט אז זיין כישוף העלפט גאר
ניט אונ קיין שום רוגז איז ניט דא למעלה ולא הלך כפעם בפעם לקראת
נחשים האט ער זיך שוין אפ גישייד פון די כשפים ער האט זיך שוין
גוואלט מתעורר זיין מיט אנאנדער רוח צוא בענטשין די ישראל י
זאגט רבי יהודה עס שטייט דא אויך ותהי עליו רוח אלהים אונ עס שטייט
ניט רוח ה' אלא ער האט זיך ניט מתעורר גיוועזן בקדושה נייערט מיט
כוחות הטומאה וואס זייא זיינען אונטער דער קדושה הייסן אויך
אלהים אחרים זאגט רבי יוסי אז רוח אלהים מיינט מען ניט די קדושה
וואָרום שטייט ניט ביז אהער רוח אלהים נאר דא זאגט רבי אלעזר אזו
האב איך גילערינט קום אונ זעה עס שטייט טוב עין הוא יבורך לייען
יבורך איין טוב עין גיהער צו בענטשין אמענטשין אונ בלעם איז גוועזן
איין רע עין וואס זיין גלייכין איז ניט גוועזן אויף אוועלט ער האט איין
קוק גיטאן איז די זאך גשאלטן גיווארין אונ דרום האט מען גיזאגט אז
איינער פירט זיין קינד אויף דעם מארק אונ ער חייל מען זאל אים
קיין עין הרע ניט געבין זאל ער איבער דעקן מיט איין מאנטיל זיין
קאפ דאס קיין שלעכט אויג זאל אויף אים ניט קוקין אונ שולט זיין אזו
אויך בלעם האט דא גיזעהען אז זיינע כשפים העלפין אים גאר ניט

שלעכט צוא טאן צוא די ישראל האט ער גיוואלט אויף זייא אקוק
טאן מיט זיין שלעכט אויג ווייל ווייא ער זעהט ווערט דאס גישאלטין
דרום שטייט וישת אל המדבר פניו די טומאה פון דר מדבר זאל אים העלפין
שלעכץ טאן די ישראל זעה וואס עס שטייט וישא בלעם את עיניו וירא את
ישראל שוכן לשבטיו באותו שעה אז הקב"ה זאל ניט גיוועזן מקדים זיין צו
זייא איין רפואה וואלט ער זייא חס ושלום גיוועזן פאר לענט אונ פאר
דארין מיט זיין עין הרע וואס האט הקב"ה גיטאן איין רפואה באותו
שעה שטייט ותהי עליו רוח אלהים דאס מיינט מען אויף די ישראל האט
גירוט דער רוח אלהים אזו ווייא איינער פאר שפרייט איין מאנטיל
אויף זיין קינד מען זאל אים קיין עין הרע ניט געבין אונ עליו גייט
ניט אויף בלעם נייערט אויף די ישראל אונ אז ער האט דאס דער
זעהן האט ער תיכף גיזאגט מה טובו אוהליך יעקב קום אונ זעה אז איינער
וויל געבין דעם אנדערין איין עין הרע אזו גיהער ער אים ניט טאן
נייערט ער זאל אים פריער לויבין אז ער איז זייער שיין אונ דער מיט
איז שולט די עין הרע אזו אויך זאגט דא בלעם מה טובו אוהליך יעקב
ווייא שיין זיינען זייא ווייא פיל שיינע פלאנצונג איז גיפלאנצט
צווישין זייא מי יתן אז זייא זאלין זיין גיפלאנצט אין מיין משכן דען
זייא זיינען גלייך ווי דאס פלאנצונג וואס הקב"ה האט גיפלאנצט אין
גן עדן יזל מים מדליו עס איז ניט גיפונען אזו איין נטיעה אין דער תורה
ווייא זייער רואונג וזרעו במים רבים עס זאל זיך ניט מערין אונ גרוישין
דער רוח הקודש זאגט הקב"ה צוא אים רשע דיינע אויגן קען זייא שוין
גאר ניט טאן ווייל די קדושה איז פאר שפרייט איבער זייא דען זאגט
ער אל מוציאם ממצרים אל איז טייטש שטארק כלומר דער חוזק העליון
איז באגריפין אין זייא אונ ווידער כתועפת ראם לו זייא זיינען זייער הויך
אז קיינער קען ניט שטארקן זיין האנט צוא גרייכין צוא זייא פאר
גרויש הויכקייט פון זייער מדריגה העליונה דאס איז ווען זייא זיינען
פרום זיינן זייא אין זייער מדריגה אונ שטארק אין זייערע מצות אונ
אזו ווי אלייב ליגט אויף זיין שפייז קען דאך אים קיינער ניט אוועק רירין
פון זיין ארט אזו אויך זייא כרע שכב כארי וכלביא זאגט רבי אלעזר עס
גיפינט זיך ניט אויף דער גאנצער וועלט אזו אחכם להרע ווי בלעם
איז גיוועזן דען בשעת די ישראל זיינען גיוועזן אין מצרים האט זייא
דער רשע גימאכט מיט כישוף אונ האט זייא פאר בונדין אז זיי זאלין
חלילה ניט קענען ארויש פון דער עבודה ולסוף האט דאס אים ניט
גיהאלפין דרום זאגט ער דא ווייא אזו קען איך זייא אצונד בייז טאן י
איך האב דאך אליין גימאכט זייא זאלין ניט קענען ארויש פון מצרים
אונ פון דעסט וועגין אל מוציאם ממצרים האט זייא השי"ת ארויש גיצויגן פון
דארטין דרום וועלין שוין אלע חכמים ומכשפים פון דר וועלט זייא
ניט קענען קיין שלעכץ טאן :

רבי יוסי זאגט עש שטייט ויעל משם בית אל והוא עולה בדרך וגו' ונערים קטנים
וגו' ויאמרו עלה קרח עלה קרח זייא האבין אלישע הנביא זייער מבזה
גיוועזן אונ האבין אים גזאגט גייא אויף דוא אפ גיפליקטער זאגין
אונזערע חכמים דאש זיינען גיוועזן אויש מנוערים אויש גלערטע פון מצות אונ
תורה אונ פון דער אמונה די רשעים זיינען חייב גיוועזן בדין עולם
הזה ועולם הבא אונ עש שטייט ויצאו מן העיר דאש זייא זיינען ארויש
גיגאנגען פון דעם סוד היחוד עש שטייט ווייטר ויפן אחריו ויראם אלישע האט
זייא נאך גיקוקט אויב זיי וועלין חוזר בתשובה זיין אונ אויב עש וועט
פון זייא ארויש קומען רעכטע קינדער ויראם ער האט געזעהן אז זייער
מוטער

מוטער איז מיט זייא מעוברת געווארין באיסור ויקללם בשם ה׳ האט ער זייא גישאלטין מיט דעם שם ה׳ ותצאן דובים ותבקענה מהם ארבעים ושנים ילדים דיא בערין האבין פון זיי גיהרגת צוויי אונ פערציג קינדער אנטקעגין דיא צווייא אונ פערציג קרבנות וואס בלק האט מקריב גיוועזן :

# פרשת פינחס

וידבר ה׳ אל משה לאמר פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן רבי אלעזר זאגט עס שטייט שמע בני מוסר אביך דאס איז הקב״ה ואל תטוש תורת אמך דאס זיינען דיא כנסת ישראל מוסר אביך מיינט מען דיא תורה וואס אין איר איז פאר האנדין כמה תוכחות אונ מוסר אונ עונשים אזו וויא עס שטייט מוסר ה׳ בני אל תמאס דען דער וואס איז עוסק בתורה בעולם הזה איז ער זוכה אז מען עפינט אים אויף פיל טויערין אונ כמה אורות לעולם הבא בשעת ער גייט אוועק פון דער וועלט פעדערט זיך דיא תורה פאר אים אונ גייט צוא אלע שומרים פון דיא טויערין אונ זאגט אונ רופט אויש פתחו שערים ויבא גוי צדיק גרייט אן איין ארט צוא דעם מענטשין עבד המלך דען עס איז ניט פאר האנדין קיין גרעשערע שמחה פאר הקב״ה אזו וויא דער וואס איז עוסק בתורה ומכל שכן אז איינער שטייט נאך אויף בייא נאכט לערנען תורה דען אלע צדיקים הערין צוא זיין קול אונ הקב״ה איז צווישין זיי אזו ווי עס שטייט היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני וואס מיינט מען היושבת בגנים דאש זיינען דיא כנסת ישראל וואש זיא איז בגלות חברים מקשיבים לקולך דאש זיינען דיא מחנות עליונים הערין אלע צוא דיין קול ושבח אין גלות · קום אונ זעה ווער עש שטארקט זיך אין דער שכינה זאל ער זיך שטארקין מיט אזעלכע זאכין וואש האבין אין איר איין אחיזה דאש ער זאל חלילה ניט משקר ופוגם זיין מיט דעם הייליגן צייכין וואש ער איז אן גיהאלטין אין דער שכינה אונ זיא היט אים אונ גיט אים שלום ומכל שכן ווער עש איז זיך נאך מקנא אויף דעם וואש ער איז דרויף עובר אזו וויא פינחס האט גיטאן ווארום דיא ישראל וואלטין חלילה גיוועזן פאר לענט גיווארין איבער דעם וואש זייא האבין גילייקינט אין דעם הייליגן צייכין אונ האבין אים פאר שוועכט זייא האבין אים פוגם גיוועזן אונ פינחס האט זייא מציל גוועזן אזו וויא עס שטייט פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי זאגט רבי שמעון נאך וואס שטייט צווייא מאל בן אלעזר בן אהרן הכהן נאר איצונד האט ער באקומן דיא צווייא נשמות פון נדב ואביהוא דרום שטייט פינחס בן אלעזר איז ער איצונד גיווארין בן אהרן הכהן ווייל ער האט באקומן די נשמות פון זיינע צווייא קינדער רבי שמעון איז גזעסין אונ האט עוסק גיוועזן אין דר פרשת פינחס איז צוא אים גקומען זיין זון רבי אלעזר אונ זאגט וויא קומען דיא נשמות נדב ואביהוא אין פינחס אריין אויב דוא וועסט זאגן ער איז ערשט געבארין גיווארין נאך זייער טויט אמער ער איז דאך נאך פריער גיוועזן איין סגן הכהן זאגט רבי שמעון צוא אים מיין קינד איך וועל דיר זאגין דעם תוך פון דר זאך בשעת נדב ואביהוא זיינען גשטארבין האבן זייערע נשמות ניט גקענט ארויף קומען תחת כנפי השכינה ווייל זייא זיינען גשטארבין אן קינדער אזו וויא עס שטייט ובנים לא היו להם אונ ווער עס האט ניט קיין קינדער איז ער ממעט הדמות של מעלה אונ דרום זיינען זיי ניט ראוי גוועזן משמש זיין בכהונה גדולה · ובשעת אז פינחס האט זיך מקנא גוועזן אויף דעם וואס דיא ישראל האבין פאר שוועכט דעם הייליגן צייכין אונ איז ארייין גנאנגען צווישן אלע חיילות אונ האט מיט זיין כלי זיין גשטאכין זמרי מיט כזבי ער האט זייא ביידע ארויש גטראגין אויף דער שפיז פאר אלע ישראל אונ דער שבט שמעון האבן זיך אלע איין גזאמילט אויף אים איז אים פאר פחד דיא נשמה ארויש גפלויגין אזו האבן זיך אין אים באהעפט דיא צווייא נשמות פון נדב ואביהוא וואס זיינען גוועזן נע ונד אן איין לבוש אזו איז אין אים ווידער ארייין זיין נשמה זיא איז נכלל גווארין מיט דיא צווייא נשמות אונ האבן זיך אין אים גישטארקט דען ער האט איצונד מרויח גוועזן ער זאל זוכה זיין צו זיין איין כהן גדול וואס ער איז פריער דר צו ניט ראוי גוועזן דרום זאגט איוב זכר נא מי הוא נקי אבד דר ריינער צדיק אויב ער האט פאר לארין זיין נשמה בשעת זיא איז פון אים ארויס גפלויגין ואיפה ישרים נכחדו דא זיינען דיא רעכט פארטיגע בני אהרן איז פון זייא ניט פאר מיטין גווארין זייא זאלין איצונד באקומן וואס זייא האבן פריער פאר לארין דען זייא האבן זוכה גוועזן צוא דער כהונה גדולה דורך פנחס דרום שטייט פנחס בן אלעזר איז ער פריער גוועזן אונ היינט איז ער גווארין בן אהרן הכהן דען ער האט באקומען די נשמה פון דיא קינדער פון אהרן :

ויאמר ה׳ אל משה קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה׳ נגד השמש פאר וואש איז זייא גקומען אזו איין משפט זאגט רבי יהודה ווייל זייא האבן גזינדיגט בגלוי ובפרהסיא דרום האט מען זייא דן גוועזן בגלוי · זאגט רבי שמעון פון דאנען לערנען מיר אפ וויא אזו דער מענטש זאל זיין חטא מתקן זיין מיט תשובת המשקל והגדר אזו וויא ער האט גזינדיגט מוז אזו זיין דער תיקון מיט דר תשובה דען זייא האבן פוגם גוועזן אין דעם הייליגן צייכן וואס ער ווערט אן גרופין שמש דרום האט מען זייא דן גוועזן אנטקעגין דעם שמש אונ אז איינער טוט תשובה נאר ער איז ניט רעכט מתקן אין דעם גשטאלט וויא ער האט גזינדיגט האט ער ניט קיין רעכטין תיקון ד״א ואיפה ישרים נכחדו מיינט מען דיא מענטשן וואס האבין רעכט פארטיגע מעשים פאר זייער הארין אונ זיינען מקנא לשמו הגדול זאלין מקדש זיין שמו ברבים אזו אויבן צווישן דיא שרי מעלה איז מען אים אויך מקדש אונ הקב״ה ווערט דר קענט צווישין אלע מיט זיין צוא נאמען אבר ישראל וואס זייא דער קענען אים ווערט ער צוא זייא דער קענט מיט זיין רעכטין נאמען דען אלע נעמען זיינען נאר צוא נעמען צוא דעם שם ה׳ אזו אויך איטלעכר מלאך האט זיין נאמען ער זאל דער קענט ווערין מיט דעם שם המלך שלו אבער דיא ישראל דער קענען אים מיט דעם רעכטין נאמען זאגט ר׳ שמעון וועלכר מענטש וואס איז ניט מתקן וואס ער האט פריער גזינדיגט איז גלייך וויא ער וואלט משקר גיוועזן אין דעם חותם המלך אונ איך לייען אויף אים דעם פסוק ומצא אבדה וכחש בה ונשבע על שקר דאס מיינט מען ער האט גיפונען איין אבידה דיא הייליגע נשמה אונ ער לייקנט אין איר איז אים בעסר ער זאל ניט גיוועזן גיבארין מיר האבין גילערנט איין צדיק גמור ווערט ניט נדחה פאר איין רשע אונ דער רשע קען אים קיין שלעכין ניט טאן אבר איין צדיק שאינו גמור ווערט נדחה פאר איין רשע וועלכער הייסט איין צדיק גמור דער וואש האט ניט איין פאר קרימטע נשמה דאס הייסט ער האט אין יענעם גלגול גזינדיגט נאר ער האט איין ריינע נשמה אונ ער פאר זוכט אלץ מיט זיין חלק ער בויט הייזער אונ שלעסער אונ מויערין אלץ אין זיין חלק ונחלה אבר איין צדיק שאינו גמור הייסט ער בויט אין אפרעמדר נחלה דאס הייסט ער טוט מצות ומעשים טובים אונ ווייסט ניט אויב זייא זיינע

הייסט ער אצדיק שאינו גמור מחמת דיא נשמה איז ניט ריין דער ווערט נדחה פאר אין רשע גלייך וויא איינער שטעלט אויף אגרוישין בנין אונ דער יסוד איז קרום אונ איין גיזונקען איז דער בנין ניט גאנץ בין ער איז רעכט מתקן דעם יסוד אזו אויך דר מענטש וואס זיין בנין פון תורה אונ מצות איז אלץ גוט נאר דער יסוד הייסט דיא נשמה איז ניט ריין הייסט ער איין צדיק שאינו גמור אזו אויך פנחס האט ניט זוכה גיוועזן צו דער כהונה גדולה ביז ער האט מקנא גיוועזן לשם הקודש אונ האט אלץ רעכט מתקן גיוועזן וואס ער האט פריער מקלקל גיוועזן:

רבי יהודה הייבט אן לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני וגו׳ הבוטח אליך עס וואלט גיהערט שטיין הבוטח בך איך פאר זיכער מיך אין דיר אבער היינט אז עס שטייט הבוטח אליך איז טייטש ד.ד האט פאר זיכערט צוא הקב״ה דאס הקב״ה כביכול זאל פאר זיכערט זיין אין אים דאס ער וועט אויף שטיין אלע חצות לילה צוא לויבין הקב״ה אזו וויא עס שטייט חצות לילה אקום להודות לך עס שטייט אקום איך וועל אויף שטיין מיך מקדש זיין אין דיר ער זאגט שמרה נפשי היט מיין נפש אז זיא וועט פון מיר אוועק גיין דען ווען דער נפש גייט אוועק פון דעם מענטשין צוא ירשינן עולם הבא אז דער נפש איז זוכה גייען כמה חיילות עליונים אנטקעגין אונ היטין זיא אונ זייא ברייננגען זיא ארויף אלע ראש חודש אונ שבת צוא מקשר זיין זיא אין דער שכינה אבער ווען זיא איז ניט זוכה אזו קומען כמה משחיתים איר אנטקעגין אונ זיינען זיא דוחה ווייא צוא דעם נפש דאס זיא ווערט גיווארפין אזו וויא אשטיין אין אשליידער דרום האט דוד גיבעטין אז הקב״ה זאל אים היטין זיין נפש אונ זיא זאל מקובל ווערין פאר הקב״ה כי חסיד אני וויא אזו האט ער זיך אליין גירופין חסיד אלא ווער עס היט זיין ברית קודש פון זנות דער הייסט איין צדיק וחסיד ער יירשית עולם הבא דרום שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ דאס מיינט מען ארץ החיים לעולם הבא:

רבי חייא הייבט אן עדות ביהוסף שמו וגו׳ שפת לא ידעתי אשמע יוסף האט גקענט שבעים לשונות דען גבריאל האט מיט אים גלערינט ובשעת אז דאס ווייב פון פוטיפר האט אים תובע גיוועזן לזנות האט ער זיך גימאכט גלייך ווי ער האט ניט פר שטאנען איר לשון דער נאך האט זיא אים אן גיכאפט בייא זיין קלייד אונ דער רוח הקודש שרייט אנטקעגין אים לשמרך מאשה רעה מנכריה אמריה החליקה אונ וויל ער האט גיהיט דעם ברית האט ער זיך באהעפט אין דער שכינה דרום האט אים הקב״ה מוכיף גיוועזן איין אות פון זיין נאמען דרום שטייט עדות ביהוסף אונ אזו אויך פנחס אז ער האט מקנא גיוועזן אויף דעם ברית האט ער אים אויך מוסיף גיוועזן איין אות דרום הייסט ער פינחס מיט איין יוד רבי יוסי זאגט ווער עס איז מכבד דעם שם הקודש פון זיין הערין אונ טוט אים ווערדיגין בעולם הזה אונ היט דעם היילגין צייכין איז ער זוכה אז הקב״ה טוט אים ווערדיגין איבר אלע דאס ווייסין מיר פון יוסף ווייל ער האט גיהיט דעם ברית אזו וויא עס שטייט וירכב אותו במרכבת המשנה אשר לו אונ עס שטייט ונתון אותו על כל ארץ מצרים אונ ניט דאס אליין נאר דר ים איז אויך גישפאלטין גיווארין פאר זיין ארון אזו וויא דר פסוק זאגט הים ראה וינוס ווייל בייא אים שטייט וינס ויצא החוצה פנחס האט אויך זוכה גיוועזן בעולם הזה ובעולם הבא · אונ האט לייננגער גילעבט פון אלע יוצאי מצרים אונ האט זוכה גיוועזן לכהונת עולם ער מיט זיינע קינדער נאך אים אויב דוא וועסט פרעגין ער איז דאך פריער אויך גיוועזן איין כהן פאר מעשה זמרי · עס איז אזו דען דיא וואס זאגין אז פנחס איז פריער ניט גיוועזן קיין כהן נאר איצונד איז ער ערשט גיווארין אונ זייא לערנען דאס אפ ווייל עס שטייט בייא מעשה זמרי והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהנת עולם תחת אשר קנא איז משמע ער האט ערשט זוכה גיוועזן צוא זיין אכהן איז בוודאי רעכט אונ נאך דעם וואס ער זאגט אז ער איז פריער אויך גיוועזן איין כהן איז אזו דער פשט · קום אונ זעה דער כהן וואס ער הרגית איין נפש ווערט ער פסול צוא דער כהונה דען זיין מדריגה וואס ער האט אין איר איין אחיזה ווערט נפגם אונ פסול צוא אים ממילא איז דאך פנחס מצד הדין פסול גיוועזן צו דער כהונה ווייל ער האט גיהרגית צוא זמרי נאר ער האט מקנא גיוועזן צוא הקב״ה איז ער מייחס דיא כהונה אויף אייביג צוא אים אונ צוא זיינע קינדער לדורי דורות · רבי אלעזר הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה׳ עס שטייט ווייטער ויהושע היה לבוש בגדים צואים ועומד לפני המלאך דער מלאך איז דומה שר של גיהנם אונ דר וואס גייט אין דיא פאר שמירטע קליידער פירט ער אים אין גיהנם דרום האט ער אים אויך גיוואלט פירין אין גיהנם ביז עס איז גיקומען איין קול הסירו הבגדים הצואים מעליו מען זאל אפ טאן פון אים דיא בגדים צואים וואס זייא ווערין פון דיא שלעכטע מעשים פון דעם מענטשין דרום שטייט ראה העברתי מעליך עונך והלבש אותך מחלצות אונ האט אים אן גיטאן טייערע קליידער וואס דורך זייא קען ער זעהן דיא פני השכינה דעם כבוד פון זיין הערין אזו פנחס איז ניט אפ גיטאן גיווארין פון דער וועלט ביז עס איז צוא אים מתוקן גיווארין אנדערע קליידער וואס דער רוח האט פון זייא הנאה לעולם הבא אונ אין איין שעה האט ער אוים גיטאן זיינע לבושים אונ האט אן גיטאן דיא טייערע לבושים מקיים צו זיין הנני נותן לו את בריתי שלום ווייטער זאגט ער סודות עס איז גימאלט אז צדיקים זאלין זיין זייער ארום אזו וויא מיר גיפינען בייא רבי אלעזר בן פדת אונ רבי חנינא בן דוסא אזו אויך איוב איז גיוועזן איין צדיק אונ האט גיליטין גרויסע יסורים דרום ווייל ער איז גיוועזן איין זון פון איין יבמה דען אז איינער איז מייבם זיין ברודרס ווייב קומט אין דעם זון וואס ער האט מיט איר דיא נשמה פון דעם מת ער ווערט איצונד מתוקן וואס ער האט פריער מקלקל גיוועזן דאס איז איין צדיק ורע לו אונ דיא וואס זייא פאר שטייען ניט זאגין זייא אז דרום איז איין צדיק אמאל ניט גוט ווייל בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא נייערט עס גיוועגט זיך נאר אין מזל אבער עס איז ניט אזו דען מיר זעהען דאך בייא אברהם דען זיין מזל האט אוים גיוויזין אז ער זאל קיין קינדר ניט האבין האט אים הקב״ה ארויס גיצויגין פון זיין מזל אזו וויא עס שטייט ויצא אותו החוצה דען פאר מתן תורה איז אלץ גיוועגט גיוועזן אין מזל אפילו בני חיי ומזוני אבער אז דיא ישראל האבין דיא תורה מקבל גיוועזן זיינען זייא ניט אונטערין מזל דרום ווייל אברהם האט גיהאט דיא ה׳ אין זיין נאמען דאס ווייזט אויף חמשה חומשי תורה וואס זיינע קינדער וועלין מקבל זיין דרום האט ער אים גיגעבין אלע הימלען אונ אלע מזלות אז זייא זאלין זיין אונטער אים אונ אז ער וועט לערנן תורה לשמה ער זאל זיא מקיים זיין דר איז ניט אונטער די מזלות אבר ווען ער לערינט די תורה ניט אויף דעם תנאי ער זאל זיא מקיים זיין איז ער יוא אונטער דיא מזלות מכל שכן די עמי הארצים דאס זייא זיינען גיגליכין צו די בהמות דאס אויף זייא שטייט ארור שוכב עם כל בהמה דאס פון זייא איז בטל גיווארין דער כח המזלות ווייטער שטייט פון דעם סוד הגלגול כדי די מלאכים זאלין אים ניט דר קענען מוז מען אים מאכין שינוי השם ושינוי המקום ושינוי מעשה אזו וויא


אברהם

אברהם האט ניט זוכה געווען צוא האבין קינדער ביז ער האט משנה געווען זיין מקום אזו וויא עס שטייט לך לך מארצך און שינוי השם לא יקרא עוד את שמך אברם און שינוי מעשה דאס הייסט מען מוז די ערשטע מעשים רעים אוועק ווארפין און מען מוז טאן מעשים טובים אזו אויך ווען הקב"ה שיקט אראפ די נשמה פון אויבן און ברייננגט זיא אראפ אויף דר וועלט זאגט דער פסוק משנה פניו ותשלחהו דען ווען דער משחית וואס הייסט עברה בגעגינט אים און ער איז שוין פאר ענדערט אין זיין פנים פון פריער פרעגן אים דיא אנדערע משחיתים דאס איז דער חוטא ענטפערט ער דאש ער שוין ניט ווייל ער איז שוין ניט אין יענעם בנין ער איז שוין גאר אין אנדער בנין אזו בייא איין נגע אין שטוב שטייט ועפר אחר יקח וטח את הבית אזו איז ער שוין אין אנדער גוף וגידין ובשר ועצמות און דער ערשטער גוף וואס ער איז געווען מיט איין נגע צרעת איז צוא שטויסין אין דער ערד אזו האט ער היינט איין תיקון עס איז איין משל אבוים וואס מאכט ניט קיין פיל פירות נעמט מען דיא צווייגן און מען איז זייא מרכיב אין אנדער בוים אזו מאכט ער שוין פירות אזו גיהער אויך אמענטש צו טאן אז ער זיצט אין איין שטאט וואס רשעים זיצין דארטן און דורך זיי קען ער ניט האלטן די תורה ומצות און ער איז ניט מצליח בתורה מוז ער אוועקגיין פון דארט אויף אנדער ארט וואו עס זיצין רעכטע לייט וואס האלטן תורה ומצות וואס דאס הייסט עץ חיים היא למחזיקים בה און דער מענטש הייסט עץ כי האדם עץ השדה און דיא מצות הייסן פירות שטייט ווייטער רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא אזו איין למדן וואס ער איז ניט קיין מאכל ער האט ניט קיין מצות ומעשים טובים וואס זייא הייסן פירות אותו תשחית וכרת דעם זאלסטו פאר שניידין פון עולם הזה און פאר דארבין פון עוה"ב דרום מוז ער אוועק גיין פון דעם ארט אין אזו איין ארט וואו צדיקים זיינען דריינען דרום זאגין די חכמים ולא המדרש עיקר אלא המעשה ער זאגט ווייטר פון איוב ער האט גמוזט ליידין יסורים מחמת דיא זינד פון זיין דור און אזו אויך אלע צדיקים וואל צוא דעם חלק פון דעם צדיק וואס ער קען מנצח זיין דעם מקטרג מיט דעם איז ער מציל דעם גאנצין דור און ווערט איין רועה נאמן ומנהיג הדור דרום האט משה זוכה געווען צוא זיין איין רועה נאמן אויף די ישראל דאס זייא זיינען ניט פר לארן געווארן בעולם הזה און ער האט זייא מנהיג געווען בתורה ומעשים טובים און אזו אויך וועט ער אויף זייא שולט זיין בעולם הבא אין דעם קומט ארוין צוא זייא משה דער רועה נאמן ער פרעגט ווען דיא וועלט איז בצרה נעמט הקדוש ברוך הוא צוא דעם צדיק אזו וויא איינער אז ער איז שלאף לאזט אים דער רופא בלוט פון איין אדער פון זיין רעכטע האנט פאר וואס לאזט ער אים ניט פון זיין לינקע האנט זיא איז דאך מער נאהונט צום הארצין · זאגט רבי אבא צו רבי יוסי איך וועל דיר זאגין וואש עס האט זיך גיטראפין מיט דר הייליגר ליכט רבי שמעון · אמאל בין איך מיט אים גיגאנגען אין דער טאל פון איין שטאט און מיר האבן עוסק געווען בתורה דעם גאנצן טאג און מחמת עס איז זייער שטארק געווען די היץ פון דר זון האבן מיר זיך גיזעצט אין איין לאך פון איין פעלזין זאג איך צוא אים וואש איז דאס אז אלע מאל וואש רשעים זיינען דא אויף דער וועלט און דער דין איז דא אויף דער וועלט אזו ווערין דיא צדיקים גישלאגין אזו וויא מיר האבין גילערינט אז דיא צדיקים ווערין גיחאפט אין דער זינד פון דעם דור פאר וואש איז דאש זאל איך זאגין דאש איז

מחמת זייא האבין דיא רשעים ניט גשטראפט עס איז דאך דא כמה מוכיחים און דיא רשעים זיינען עש ניט מקבל עש מוז זיין זייא שטארבן כדי עש זאל ניט בלייבן קיין מגין אויף זייא דען כל זמן זייא לעבין קען קיין דין ניט קומען אויף די רשעים ווייל זייא זיינען מגין עש איז דאך אבער ניט קיין שמחה אויף זייא אז זייא שטארבין זאגט רבי שמעון בוודאי ווערין זייא נתפס אין דיא זינד פון דעם דור און זייא זיינען מכפר אויף דר וועלט פון וואנען ווייסן מיר דאש פון די אברים פון דעם גוף אז זיי זיינען שלאף און עש איז אויף זייא איין צרה אזו שלאגט מען בלוט צוא דעם חולה אין איין אבר אזו ווערט גיהיילט דער גאנצער גוף אזו אויך דיא גאנצע וועלט איז גלייך וויא אברים און ווען דער מדת הדין איז שורה אזו נעמט הקב"ה צוא איין צדיק שלאגט ער איין אבר און דורך דעם ציהט ער אויש דיא רפואה צוא דער גאנצער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט והוא מחולל מפשענו מדוכא מעונותינו ובחבורתו נרפא לנו ווען ער מאכט איין בייל צוא איין אבר ווערין אלע גיהיילט און איז מכפר אויף דעם דור און דאש איז דער סוד פון צדיק ורע לו און דער צד אחר דער שטן איז מקטרג אויף אים אזו איז דער דין שולט אויף דעם צדיק און דער צדיק איז דער פאר זוכה לגדולה עליונה בעולם הזה ובעולם הבא און צדיק וטוב לו איז אז הקב"ה בגערט אים ניט צוא נעמען פאר דער וועלט האב איך אים ווידער גיפרעגט ווען עס זאל נאר אזו זיין צוא איין צדיק וואלט רעכט געווען עס איז דאך אבער דא פיל צדיקים וואס זיינען שלאף מיט צרעת און צרות און דיא האבין פיל טובות אויף דר וועלט זאגט ער מיט איינעם אדער מיט צווייא יסורים איז טאקע גינוג אזו וויא מען שלאגט בלוט צוא איין חולה פון איין האנט ווערט דער גאנצער גוף גיהיילט אזו אויך איז גינוג איין צדיק אבער ווען דאס שלאפקייט שטארקט זיך און ווערט גרעשער אזו מוז מען שלאגין פון דר אנדערער האנט אויך אזו אז עס איז דא פיל עונות אין דור אזו ווערין זייא אלע גישלאגין כדי צוא מאכין איין רפואה צום גאנצין דור אבער אז עס איז ניט דא קיין פיל רשעים אזו איז גינוג איין צדיק ער זאל נתפס ווערין בעון הדור דען עס דארף ניט דיא גאנצע וועלט גישלאגין ווערין אבער אז דאס דור ווערט גיהיילט מיט תשובה ווערין די צדיקים אויך גיהיילט אין איין מאל איז פאר האנדין אז דער צדיק איז כל ימיו קראנג ער זאל מגין זיין אויף דעם דור און אז ער שטארבט ווערין אלע גיהאלפן און האבן איין כפרה דער נאך זיינען מיר אויף גשטאנען און זיינען ווייטער גיגאנגען און עס איז זייער אהיישער טאג געווען און דאש שטארקייט פון דער זון איז גרויש געווען און עש איז אונז זייער שלעכט גיוועזן ביז מיר האבין דער זעהען בוימער אזו האבין מיר זיך גזעצט אין איין שאטין פון איין בוים הייבט אן רבי אבא עש שטייט שירו לה' שיר חדש תהלתו בקצה הארץ וויא גאר זיינען דיא צדיקים גילויבט פאר הקב"ה דען זיי זיינען פון דר קדושה פון הקב"ה למעלה וואש הייסט ישראל און אלע זייערע שמחות איז נאר צו מאכין איין יחוד ביי אלע זאכין לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה דען מיר האבן אזו גלערנט אלע שמחות וואס די ישראל האבן און זיינען זיך ניט משתף צו הקב"ה איז דאס ניט קיין שמחה און דער ס"מ מיט זיין חברותא זיינען אן גיבריט מקטרג צוא זיין אויף דער שמחה און עש ווערט איין בכיה און הקב"ה איז זיך ניט משתף צוא דעם צער אבער אז דער מענטש איז משתף אין זיין שמחה צוא הקב"ה ושכינתיה ווען דער מקטרג קומט מקטרג צוא זיין

אויף

אויף דער שמחה אונ מאכט דער פון איין צער איז זיך הקב"ה כביכול משתתף אין זיין צער אזו וויא עס שטייט בכל צרתם לו צר עמו אנכי בצרה פון וואנען ווייסין מיר דאס אז מען דארף משתתף זיין צו הקב"ה בשעת שמחה ווארום עס שטייט ישמח ישראל בעושיו עס וואלט גידארפט צוא שטיין בעושו אין זיין באשעפר וואס דען שטייט בעושיו לשון רבים נאר דיא שמחה פון דיא ישראל איז נאר מיט דיא וואס זייא האבין אין אים איין חלק דאס איז הקב"ה מיט זיין פאטער אונ מוטער אונ חאטשע די פאטער אונ מוטער זיינען שוין גישטארבין נעמט זייא הקב"ה ארויש פון דעם ג"ע אונ ברייננגט זייא מיט זיך זייא זאלין זיין אויף דר שמחה אונ אויף דעם שטייט נעשה אדם בצלמנו מיר וועלין מאכין בשותפות דען מיר האבין גילערינט דרייא בעלי מלאכות האט הקב"ה גימאכט ער זאל פון זייא אויש ציהען דיא גאנצע וועלט דאס זיינען שמים וארץ ומים אונ איטליכער האט איין טאג משמש גיוועזן דעם ערשטין טאג האבין די הימלען אויש גיצויגין זייער אומנות אזו וויא עס שטייט ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור דעם אנדרן טאג האט די וואשר אויש גצויגן אומנות אזו וויא עס שטייט יהי רקיע בתוך המים דיא וואשער זאל זיך ניט גיוועזן צוא טיילין האלב ארויף אונ האלב אראפ וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט דעם דריטין טאג האט דיא ערד אויש גיצויגן איר אומנות אזו וויא עס שטייט תדשא הארץ דשא דעם פערטין טאג איז ווידער גיוועזן דיא הימלען יהי מאורות ברקיע השמים דעם פינפטין טאג איז ווידער גיוועזן דיא וואשער ישרצו המים שרץ דעם זעקסטין טאג איז ווידער גיוועזן דיא ערד תוצא הארץ נפש חיה אז דיא דרייא זיינען שוין פארטיג גיווארין זאגט הקב"ה איך האב צוא מאכין איין אומנות צוא באשאפין איין מענטשין אזו איז דרייא שותפים אין דעם מענטשין הקב"ה מיט זיין פאטער אונ מוטער דער פאטער גיט זיין חלק פון שמים ומים דיא מוטער גיט איר חלק פון דער ארץ אונ הקב"ה איז זיין שותף צוא זייא אונ גיט אים דיא נשמה דרום שטייט ישמח ישראל בעושיו איז לשון רבים מיינט ער דיא דרייא שותפים אונ אז זייגע פאטער אונ מוטער זיינען שוין גישטארבין גייט הקב"ה אריין אין גן עדן אונ נעמט זייא ארויס זייא זאלין זיך משמח זיין אין דער שמחה פון זייער קינד אונ דיא מענטשין ווייסין דאס אלץ ניט אבער בייא איין צרה חלילה איז הקב"ה ניט מודיע צוא דיא פאטער אונ מוטער אזו וויא עס שטייט בצר לי אקרא ה' ואל אלהי אשוע רבי אבא מיט רבי יוסי זיינען גיזעסין אין איין שאטין פון איין בוים אונ האבין דארט מגלה גיוועזן סודות התורה דער וויל האבין זייא דער זעהען וויא אין הויז גייט ארויס אזו וויא איין גישטאלט פון איין מענטשין איז רבי אבא גיפאלין אויף זיין פנים זאגט רבי יוסי איך גידיינק איין מאל האב איך אויף דעם ארט גזעהען רבי פנחס בן יאיר דאס ער האט גזאגט סודות אין פרשת פנחס אויף דעם פסוק פנחס בן אלעזר ווייל פריער איז דער ברית גיוועזן נאר צוא משה דרום אז פנחס האט מקנא גיוועזן אויף דעם ברית האט משה רבינו אליין גימוזט זאגין צוא אים הנני נותן לו את בריתו שלום דרום שטייט לכן אמור לו דוא אליין זאלסט צוא אים זאגין אבער פון דעסט וועגין איז פון משה גאר ניט אוועק גינומען גיווארן עס איז גלייך גוועזן וויא מען צינד אן איין ליכט פון דם אנדרן ווערט דאך דאס ערשטע גאר ניט נחסר אין דעם קומט דער צל אונ זעצט זיך אנידער אונ קושט אים אונ זייא הערין אז איין קול שרייעט ראמט אויש איין ארט רבי פנחס בן יאיר איז דא בייא אייך

דען מיר האבין גילערינט בשעת די צדיקים זיינען מחדש דברי תורה פון אזו איין צדיק וועגין וואש ער איז שוין אויף יענם עולם אזו איז זיין נשמה פוקד דאש ארט אונ קומט צוא זייא ער זאגט וואול איז מיין חלק וואש איך האב זוכה גוועזן צו זיין בחברותא פון דעם צל הקודש אונ זאגט ווייטער פון רבי פנחס וועגין דברי תורה דער פסוק זאגט כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה וגו' איטליכער מענטש דארף זעהען צוא טאן מעשים טובים כל זמן דיא ליכט ברענט אים אויף זיין קאפ דאס הייסט כל זמן דיא נשמה איז אין דעם גוף וואס זיא איז דער כח של מעלה אזו וויא משה רבינו האט גיזאגט ועתה יגדל נא כח ה' אזו זאל ער טאן דעם ווילין פון זיין האר כל אשר תמצא ידך לעשות וואס דוא קענשט טאן בכחך כל זמן דער כח לייכט אין דיר עשה טוא אויף דעם כח האבין מיר גילערינט כל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כוחו ער מוז דער וועקין דעם כח של מעלה אונ מיט דעם כח זאל ער צוא ברעכין דיא קליפות דען בייא דעם כח איז דיא מעשה דאש הייסט אויף דער וועלט קענשטו טאן במעשה וחשבון אבער אז דוא שטארבשט אין מעשה וחשבון בשאול אשר אתה הולך שמה דארט קען מען שוין ניט טאן קיין תשובה · פרעגט ער וואש זאגט שלמה בשאול אשר אתה הולך שמה גייט דען איטליכער מענטש אין גיהנם אריין זאגט ער בוודאי איז אזו אז איטלעכער מענטש מוז גיין אין גיהנם אריין נאר עש איז פאר האנדן אזעלכע וואש גייען תיכף ארויש אזו וויא עש שטייט מוריד שאול ויעל חוץ די רשעים וואש זיינען גישטארבן אן איין הרהור תשובה די גייען ניט ארויש אבער אפילו צדיקים גמורים מוזין אריין גיין לפי שעה אונ מען נעמט זייא תיכף ארויש פון דארט אונ דיא צדיקים ברייננגין ארויף דיא רשעים וואש זייא האבין מהרהר בתשובה גיוועזן פאר דעם טויט אונ זיינען גישטארבן אונ האבין קיין תשובה ניט גיטאן דאס איז גישריבין בקיצור · זאגט רבי אבא גידיינק איין זאך וואש איך האב גיהערט פון דר הייליגער ליכט רבי שמעון ער האט דאס גיהערט פון רבי אליעזר עס איז איין מאל צו אים גיקומן איין אפיקורס אונ זאגט אלטער דריי שאלות האב איך דיך צוא פרעגין איינש איז וואס איר זאגט אז מען וועט אייך בויען איין בית המקדש אמער מיר גיפינען דאך ניט אין דר תורה עס זאל זיין איין בית שלישי ורביעי דאס וואס האט גידארפט גיבויט ווערין איז שוין גיבויט גיווארין אונ ווייטער דארף שוין מער ניט זיין דען עס שטייט נאר אין פסוק שני בתי ישראל אויך שטייט גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון דיא אנדערע שאלה איז דאס וואס איר זאגט אז איר זייט זייער נאהונט למלך עליון אמער דער סדר פון דער וועלט איז דאך ווער עס איז נאהונט צוא דעם מלך איז ער תמיד בשמחה אונ איר זייט תמיד אין צער אונ אין מורא ודוחק ויגון די דריטע שאלה איז איר עסט ניט קיין נבלות וטריפות כדי איר זאלט זיין גיזונט אונ שטארק אין אייערע גופים אונ לסוף זייט איר תמיד שלאף מיט חלאים רעים אונ צו בראכין מן הסתם זייט איר אזו איין פאלק וואס הקב"ה האט אייך פיינט · אלטער אלטער זאג מיר ניט קיין שום תירוץ ווארום איך וועל דיך גאר ניט הערין אונ וועל ניט פאר נעמען דיינע רייד · הייבט רבי אלעזר אויף זיינע אויגין אונ האט אויף אים איין קוק גיטאן איז פון אים גיווארין איין הויפין בייגער דאס הייסט ער איז תיכף גישטארבין אז דער רוגז איז פון אים גישטילט גיווארין האט ער אום גיקערט זיין קאפ אונ האט גיוויינט אונ זאגט

ה' ארונגו מה אדיר שמך בכל הארץ עש איז ניט פר האנדן קיין שום ווארט וואש עש זאל ניט ארויש גיין מפיו של הקב"ה · די אלע זאכין וואס דר רשע האט מיך גיפרעגט האב איך דאש גיפרעגט צוא אליהו האט ער מיר גיענטפערט מען האט דאש מסדר גיוועזן בישיבה של רקיע פאר הקב"ה בשעת דיא ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האט הקב"ה גיוואלט אז זייא זאלין זיין אויף דער ערד אזו וויא די מלאכים קדושים למעלה אונ האט זייא אליין גיוואלט בויען איין בית המקדש אונ האט זייא גיוואלט פלאנצין איין היילינג פלאנצונג אין גישטאלט פון אייבן אזו וויא עש שטייט תביאמו ותטעמו בהר נחלתך דוא זאלשט זייא אליין ברייננגען אונ פלאנצין בהר נחלתך אין וואס פאר איין ארט מכון לשבתך פעלת ה' מיט דעם בית המקדש וואס דוא האסט אליין גימאכט ניט קיין אנדערער דאס איז דער בית ראשון מקדש ה' כוננו ידיך דאס מיינט מען דעם בית שני דיינע הענט האבין אליין גימאכט די ביידע בתי מקדשים · אבער דער נאך אז דיא ישראל האבין גיזינדיגט אין דער מדבר אונ זיינען דארטין גישטארבין האט הקב"ה זייערע קינדער גיבראכט קיין ארץ ישראל זייא האבין זיך אבער שוין אפ גילערינט צוא טאן שלעכטע מעשים האבין זייא שוין קיין זכות ניט גיהאט אז הקב"ה זאל זייא אליין בויען דעם בית המקדש מיט זיינע הענט דרום האט דער בית המקדש גימוזט גיבויט ווערין דורך הענט פון מענטשין דרום האט ער קיין קיום ניט גיקענט האבין וויל ער איז גיוועזן מעשה בני אדם קען ער קיין קיום ניט האבין דרום האט דוד גזאגט אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו דען עס וועט קיין קיום ניט האבין אזו אויך אין דיא טעג פון עזרא בימי בית שני האט אויך דער חטא גורם גוועזן האבין זייא אויך אליין גימוזט בויען דרום האט ער אויך קיין קיום ניט גיהאט אונ ביז אהער איז נאך אפילו ניט גיוועזן דער בנין הראשון וואס הקב"ה אליין באדארף בויען ביז לעתיד שטייט בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס ער וועט אליין בויען אונ ניט קיין אנדערר אונ אויף דעם בנין טוען מיר האפין אונ עס וועט שוין ניט זיין קיין בנין בשר ודם נייערט הקב"ה אליין וועט אראפ נידערין ביידע בתי מקדשות מיט איין מאל דער בית ראשון וועט זיין מכוסה אונ דער בית שני וועט זיין אנטפלעקט אז דיא גאנצע וועלט וועלין זעהען דאס אומנות פון הקב"ה בשמחה שלימה וברצון הלב דרום וועט מען זעהען דיא ענני כבוד אונ דיא ענני כבוד וועלין אויף ברייננגען דאס בית ראשון ביז דעם הימל אונ דאס האפין מיר אונ אפילו ירושלים וועט ניט זיין קיין מעשה ידי אדם אזו וויא דער פסוק זאגט ואני אהיה לה נאם ה' חומת אש סביב אונ אז דיא שטאט וועט זיין אזו מכל שכן דער בית אליין וואס ער איז זיין וואונונג אונ אזו האט גיזאלט זיין תיכף אז דיא ישראל זיינען פון מצרים ארויש גיגאנגען נאר זייא האבין גיזינדיגט האט דאס הקב"ה אפ גיטאן ביז דער גאולה אחרונה · אויף דער אנדערער שאלה איז דער תירוץ אזו מיר זיינען בוודאי נאהונט צום מלך עליון דען הקדוש ברוך הוא האט אונז גימאכט פאר איין הארץ אזו וויא דאס הארץ איז מחזיק צוא אלע אברים דרום איז דאס הארץ אין מיטין דעם גוף אזו זיינען דיא ישראל גיוועזן דען זייא זיינען דאס הארץ דרום זיינען זייא אין מיטין דער וועלט גיוועזן דאס איז ארץ ישראל דאס הארץ איז ווייך אונ שלאף אונ ער איז דער קיום פון אלע אברים קיין שום אבר ווייסט ניט פון צרות ויגון אונ צער נייערט דאש הארץ דארטין איז דער קיום אונ שכל אונ פאר שטאנד

דאס הארץ איז אלין מקבל שכל פון דעם מוח אבער אנדערע אברים ווייסין ניט דער פון אונ דרום וויל דיא ישראל זיינען גיוועזן דאס הארץ זיינען זייא נאהונט גיוועזן צום מלך הקב"ה אזו וויא דאש הארץ צום מוח · אונ אויף דער דריטער שאלה איז אזו דער תירוץ ישראל עסין ניט קיין נבלות וטריפות שרצים ורמשים אונ זיינען שלאף דען אזו איז דאש הארץ איז ווייך אונ שלאף דען ווען דער מענטש עשט אזו האבין דער פון הנאה אלע אברים אונ אז דאש עשין קומט אין מאגן אריין אזו ווערט דאש צו טיילט אונ דאש לוטערע אונ דאש בעשטע איז מקבל דאש הארץ דרום ווערין גישטארקט אלע אברים דער פון אונ דאש הארץ איז פון אלע מומים ריין ועש האט גאר קיין מום ניט אזו האט הקב"ה גינומען דיא וואש זיינען גאר ריין אן אמום אזו וויא דער פסוק זאגט כולך יפה רעיתי ומום אין בך אזו קושט רבי יוסי זיינע הענט פאר גרויש שמחה אונ זאגט אלמלי ווען איך וואלט נאר גיקומען אויף דער וועלט נאר דאש צוא הערין וואלט שוין אויך גינוג גיוועזן :

ושם איש ישראל המוכה אשר הוכה ווארום שטייט ניט אשר הכה פינחס וואש פינחס האט אים גיהרגת אלא מחמת עס איז ניט שיין אז א כהן זאל הרגנן אנפש דען דורך דעם ווערט ער פסול לכהונה דרום שטייט סתם אשר הוכה אונ עס שטייט ניט ווער עס האט אים גישלאגין · רבי שמעון איז גיגאנגען פון קפוטקיא קיין לוד אונ רבי יהודה איז אויך מיט אים גיגאנגען וויא זייא גייען בגעגענין זייא רבי פינחס בן יאיר אונ צווייא מענטשין גייען מיט אים האט זיך גישטעלט דאס אייזיל פון רבי פינחס זייא טרייבין עס אונ ער וויל ניט גיין זאגט רבי פינחס לאזט אים שטיין דען ער שמעקט אז פנים חדשות קומען צוא אונז אדער איין נס וועט צו אונז גטאן ווערין ווי זיי שטייען קומט ארויש רבי שמעון פון אונטער דעם בארג זאגט רבי פינחס האב איך דען ניט גיזאגט ער שמעקט איין פנים חדשות האט רבי פינחס אראפ גינידערט פון דעם אייזיל אונ האט גיהאלזט זיין איידים רבי שמעון אונ ווינט אונ זאגט איך האב גיזעהען אין חלום אז דיא שכינה איז צוא מיר גיקומען אונ האט מיר גיגעבין אוצרות ומתנות היינט איז צוא מיר דער חלום מקוים גיווארין דרום בין איך זייער אין שמחה זאגט רבי שמעון פון דיא טריט פון דיין אייזיל זעה איך אז דוא בישט היינט בשמחה שלימה זאגט רבי פנחס לאמיר זיך זעצין אויף איין ארט דען דיא תורה באדארף האבין לויטערקייט האבן זיי גיפונען איין קוואל וואשער אונ איין בוים איז דער בייא האבין זייא זיך גיזעצט זאגט רבי פינחס איך זעה אז לתחיית המתים וועט הקב"ה מאכין גאר אנאנדער דרך וויא עס איז היינט דאס ערשטע וועט דענשט מאל זיין דאש הינטערשטע מיר זעהען דיא מתים וואש הקב"ה האט לעבעדיג גמאכט דורך יחזקאל הנביא שטייט ותקרבון עצם אל עצמו צום ערשטין זיינען צוא אנאנדער גיקומען דיא בייגער דער נאך שטייט וראיתי והנה עליהם גיד ובשר דער נאך שטייט ויקרם עליהם עור מלמעלה דער נאך איז ערשט ארין גיגאנגען אין זייא איין רוח וואש ער איז גיווארין אויש גיצויגין פון זייא צום ערשטין דא איז ער דארט גוועזן צום הינטערשטין דען צום ערשטין גייט ארויש פון דעם מענטשין דר רוח דער נאך ווערט פאר פוילט דאש עור דער נאך דאש בשר דער נאך דיא בייגער · זאגט רבי שמעון אין דעם האבין זיך שוין מקשה גיוועזן דיא עמודי עולם דאס הייסט דיא גרוישע חכמים אבער דיא

בייגער

בייגער וואס זיינען לעבעדיג געווארין דורך יחזקאל איז געוועזן מיט זיי ניסים ואותות משונים וואס הקב"ה האט מיט זייא גיטאן · קום אונ זעה עס שטייט זכור נא כי כחומר עשיתני ואל עפר תשיבני דער נאך שטייט הלא כחלב תתיכני וכגבינה תקפיאני עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תסוככני דאס מיינט ער לעתיד וועט אזו זיין הקב"ה וועט נעמען איין ביינדיל וואס בלייבט איבער פון דעם גוף אונ וועט עס קנעטין אזו וויא אטייג אין מילך דער נאך וועט עס פאר גליווערט ווערין אזו וויא קעז דער נאך וועט ער ציהען דרויף איין עור ובשר דער נאך שטייט חיים וחסד עשית עמדי דאס איז דער רוח החיים עס שטייט חיים וחסד עשית עמדי ופקודתך שמרה נפשי ורוחי ווארום שטייט ניט תעשה עמדי אז עס גייט אויף תחיית המתים וואלט דאך באדארפט שטיין וואס דו וועסט טאן מיט מיר אלא חיים וחסד האשטו מיט מיר גיטאן בעולם הזה דאש דוא האשט מיר גיגעבין איין רוח חיים אבער ופקודתך אז דוא וועשט מיך גדיינקין לעתיד אזו וויא צום ערשטין שמרה רוחי דען דיא נשמות פון דיא צדיקים ווערין גיהיט תחת כסא הכבוד אונ דיא שכינה היט זייא ווידער צוא קערין אין זייער גוף ארין לתחיית המתים דען אלע נשמות זיינען בייא איר בפקדון אזו וויא דער פסוק זאגט בידך אפקיד רוחי אזו האט דוד אויך גיזאגט שמרה נפשי כי חסיד אני זאגט דער רעיא מהימנא דאס איז משה רבינו גרוישע סודות שמרה נפשי כי חסיד אני חאטשע מען האט גיזאגט אין דער גמרא אז דוד האט אזו גזאגט בין איך דען ניט קיין חסיד אלע מלכי מזרח ומערב שלאפין ביז דרייא שעה אויף דעם טאג אונ איך שטייא אויף חצות לילה איך זאל דיך לויבין אונ ווידער מיינע הענט זיינען פאר שמירט בשפיר ושליא לטהר אשה לבעלה מיד איז גיקומען איין צפרדע צוא דוד כלומר דער ממונה פון צפרדעים אונ האט גזאגט צוא אים וואס בארימשטו דיך חצות לילה אקום להודות לך אמאי איך שחייג אגאנצע נאכט ניט פון צוא לויבין הקב"ה אונ איך זינג פאר אים זאגט דוד ווייא צוא דיר ממונה פון צפרדעים דוא פאר שטיישט ניט וואס איך זאג איך האב ניט גיזאגט כי חסיד אני נאר וויל דיא רבנן האבן גיזאגט ולא עם הארץ חסיד דיא תורה איז גיגעבין געווארין מימין של הקב"ה וואס הייסט חסד אונ דר וואס לערינט תורה הייסט ער חסיד דרום האב איך אזו גזאגט צוא הקב"ה שמרה נפשי וגו' דוא זאלשט מיך ניט דן זיין וויא דיא עמי הארצים וואש בייא זייא שטייט ולא עם הארץ חסיד אויב דוא וועשט זאגין עס איז דאך דא עמי הארצים וואש זייא טוען יוא חסד אלא אזו האבין זייא גיזאגט וועלכעש הייסט רעכטער חסד המתחסד עם קונו אז מען טוט חסד מיט השי"ת אזו ווי דוד האט גיטאן ער האט מחבר גוועזן דיא תורה של מעלה מיט השי"ת אונ אז דער מענטש שטארבט שטייט אויף זיין נפש בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך דאס מיינט מען לתחיית המתים זיא וועט אים אויף ריכטין אבער וואס איז דער שכר פון דער נשמה לעולם הבא אלא הקב"ה קלייד זיא אן אין איין ענן הכבוד אין גישטאלט וויא איין גוף מיט מ"ח איברים זיא וועט ארייין גיין אין איין מרא"ה וואס האט איז דער צאל רמ"ח אורות דרום שטייט עם יהיה נבאכם ה' במראה אליו אתודע וגו' אונ כרובים גייען ארויף אונ אראפ אונ זאגין גיט כבוד צו דער צורה אונ גישטאלט פון דעם מלך אונ תרי"ג מלאכים ברייגגן ארויף דיא נשמה אין איר גישטאלט אונ אלע זיינען כנפיהם פרודות מקיים צוא זיין ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי אין דעם גישטאלט וויא זייא זיינען פון מצרים ארויש גיגאנגען מיט ענני כבוד אונ מיט אלערלייא כבוד אזו איז אויך דיא נשמה אז זיא גייט ארויש פון דעם גוף וואס ער איז אטפה סרוחה ארייין צוא גיין אין גן עדן התחתון ועליון אונ דרום שטייט ישמחו השמים ותגל הארץ אונ דענסט מאל וועט מקוים ווערין ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך פריער האט דיא נשמה ניט זוכה געוועזן צוא זעהען דיא שכינה אבער דער נאך זיינען זיי רואה פני השכינה אונ דורך די אלע מראות האט משה רבינו זוכה געוועזן ער איז געוועזן רבן של נביאים ורבן של מלאכי השרת:

בכה רבי פנחס וויינט אונ זאגט איך האב דאך גיזאגט אז דיא שכינה האט מיר גיגעבין מתנות טובות וואל צוא מיין חלק אז איך האב דאס זוכה געוועזן צוא הערין אונ צוא זעהען אונ זכאה איז דער דור אז דוא בישט בייא זייא אין דור זאגט רבי שמעון זכאה איז דער דור אז דוא מיט דיין חסידות ווערשט גיפונען בייא זייא וויא זייא זיצן אזו אונ פרייען זיך קומט אן רבי אלעזר דער זון פון רבי שמעון זאגט רבי שמעון רבי אלעזר מיין זון זיץ אונ זאג דיין פסוק הייבט ער אן ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים אמאל גיפינען מיר דאס לשון פגיעה בייא איין טובה אונ אמאל בייא איין רעה אונ אמאל בייא איין תפלה אונ בשעת יעקב איז גיגאנגען קיין חרן האט ער מתקן געוועזן תפלת ערבית אויף דעם ארט וואס איז ראוי געוועזן צו מתקן זיין ויאמר יעקב כאשר ראם מחנה אלהים זה ער האט גיזעהען דיא מלאכים פון נאכט אונ מלאכים פון בייא טאג דרום האט ער זייא גירופין מחנים צווייא מחנות אונ איצונד האב איך דא אויך גיזעהען מחנות קדושים וואל צו מיין חלק וואס איך האב זוכה געוועזן אהער צוא קומען הייבט רבי אלעזר אן מיר האבין גילערינט ווער עס זאגט תהלה לדוד דרייא מאל אלע טאג איז ער איין בן עולם הבא פאר וואס איז דאס זאל איך זאגין דאס איז דער טעם וויל פרנסה אונ מזון שטייט דארטין דאס איז דאך אבער נאר צווייא מאל אין טאג אזו וויא דער פסוק זאגט בתת ה' לכם בערב בשר לאכול ולחם בבוקר נאך וואס באדארף מען דאס דרייא מאל זאגין אלא צווייא מאל איז פון וועגין מזון צוא דער גאנצער וועלט אונ איין מאל איז צוא געבין כח צוא דעם ארט וואס איז פותח יד ומשביע לכל חי רצון נאך איין טעם איז צווייא מאל איז פון וועגין פרנסה אונ איין מאל איז נאר פון שיר ושבח וועגן דאס איז צווישין די שירות ותשבחות וזמירות פון דוד דאס איז ווען מען זאגט דיא הללויה איז ניט ראוי צוא בעטין אויף פרנסה נייערט נאך דער תפלה דען פון אונזר תפלה האט כביכול הנאה וויא פון אכילה כלפי מעלה וואס הקב"ה זאגט דרויף אכלתי יערי עם דבשי דען דער סדר איז צום ערשטין עסט דער מלך דער נאך זיינע קנעכט דרום שטייט באתי לגני אחותי כלה אריתי מורי עם בשמי אכלתי יערי עם דבשי שתיתי ייני עם חלבי דאס זאגט כביכול הקב"ה דער נאך שטייט אכלו רעים שתו ושכרו דודים אכלתי יערי דאס איז דיא תפלה מיושב דאס איז יוצר אור והאופנים וחיות הקודש זייא הייסין אלע אילנות ונטיעים פון דעם יער הלבנון של מעלה עם דבשי דאס איז קריאת שמע דאס איז אזו זיס וויא נופת צופים ומתוקים שתיתי ייני עם חלבי דאס איז תפלה מעומד מיינט מען שמונה עשרה שתיתי ייני זיינען דיא ערשטע דרייא ברכות פון שמונה עשרה ביז אהער איז דיא אכילה פון דעם מלך הכבוד כביכול ווייטער איז אכלו רעים של מעלה שתו ושכרו דודים של מטה דרום איז ער מחויב צו זאגין נאך אמאל תהלה לדוד נאך שמונה עשרה דאס איז אין דער פריא איין מאל אונ דאס אנדערע מאל פאר מנחה איידער דיא שווערע

דינים הייבין אן שולט זיין אויף דער וועלט לייכטין נאך דיא אורות של מעלה אונ דרום זאל ער זאגין תהלה לדוד פון וועגין פרנסה דען דער נאך אז דיא דינים זיינען שוין שולט איז ניט דיא צייט מתפלל זיין אויף פרנסה ווארום דאס איז מצד החסד אזו איז גיקומען רבי פנחס אונ האט אים גיקושט מיר האבין דאס גישריבין בדרך נגלה כדי מען זאל וויסין אונ זעהען דעם גרויסין סוד פון דיא תפלות אין וואס פאר איין הויכע מדריגה זייא זיינען דיא אנשי כנסת הגדולה האבין דאס אלץ מסדר גיוועזן על פי סוד וועדליג דיא עולמות נאך אונ מען טאר ניט פארקערין דעם סדר אדער אריין שטעלין אנדערע תפלות ווארום מען איז חלילה משנה ומפסיק דיא צנורות אונ זיינע תפלות ווערט אלץ מקלקל ווארום דער מענטש מיט זיינע אברים איז גישטעלט גיווארין אנטקעגין אויבין דאס איז פיל סודות אונ אז דער מענטש עסט נעמט דער לעבער אלץ צוא אין זיך אריין גוטץ אדער שלעכץ פון דעם גיט ער אפ דאס לויטערע אין הארץ אריין אונ עשו איז גיגליכין צוא דעם לעבער דרום שטייט והוא אדמוני פול מיט בלוט אונ זיין שר למעלה איז מתקן דיא רעכטע אכילה פאר יצחק אונ זאגט יקום אבי ויאכל מציד בנו דען דאס הארץ איז יצחק וואס ער איז מצד הקדושה אז דיא ישראל זיינען גיוועזן אין ארץ ישראל זיינען זייא גישפייזט גיווארין פון דער שכינה אזו איז אויך גיוועזן ביא איין קרבן אזו וויא דאש הארץ לאזט צוא דעם לעבער דאש פסולת וטנוף ולכלוך אזו אויך אלע שלעכטע מעשים אונ זינד פון דיא ישראל האט מען גיגעבין אויף דעם שעיר לעזאזל פון יום כפור אזו וויא עס שטייט ונשא השעיר עליו את כל עונותם ער האט אויף זיך גינומען אלע עונות פון יעקב איש תם אונ דאס איבריגע פסולת נעמט דיא מילץ אין זיך אריין דאס איז לילית אונ דער כבוד איז דער ס"מ מיט דעם ווערין דיא הערצער פון דיא ישראל לויטער אונ קלאר פון עונות דאס הקב"ה איז זייא מוחל אום יום כפור אונ פון דיא קרבנות זיינען דיא חיילות של מעלה אויך נהנה אבער דער חלק פון הקב"ה איז נאר דער רצון הלב אונ אז דער מענטש צוא ברעכט זיין הארץ אזו וויא עש שטייט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה אזו וויא איין ערדינע כלי איז נאר איר טהרה פון דער טומאה מיט דעם וואס מען צוא ברעכט זיא אזו אויך איז דער מענטש הקב"ה באגערט נאר דיא גוטע מחשבה אונ דעם רצון הלב אז דיא ישראל זיינען גיוועז גוט אונ פרום פלעגט קומען איין פייער פון אויבין וויא פון איין לייב אונ האט פאר ברענט זייערע קרבנות אבר אז זיי האבין גיזינדיגט איז ער שוין גיקומען בדמות כלב אונ האט מקבל גיוועזן דעם קרבן אזו אויך דיא נשמה אז דער מענטש איז זוכה ווען ער שטארבט קומט איר אנטקעגין דער מלאך ארי"ה דאס הייסט מיכאל אונ נעמט זיא צוא זיך אונ ברייננט זיא פאר איין קרבן צוא הקב"ה אבר חלילה אז ער איז ניט זוכה קומט דער ס"מ בדמות כלב אונ נעמט זיא צוא זיך דרום האט דוד המלך גיבעטין הצילה מחרב נפשי מיד כלב יחידתי זיין נפש זאל ניצול ווערין פון דעם כלב :

רבי שמעון הייבט אויף זיין קול אונ זאגט וויא ירושלים עיר הקודש דאס אלע טובות זיינען פון דיר פאר לארין גיווארין דיא גרויסע שרים וממונים של מעלה איז זייער גישטאלט אויך קלענער גיווארין כביכול האבין דיא חבריא אן גיהויבין צוא וויינען אונ זאגין וויא רבי אז דוא וועסט אפ גיטאן ווערין פון דער וועלט ווער וועט אונז מגלה זיין רזין סתימין טיפע פאר הוילענע סודות אזו וויא מיר האבין גיהערט פון דיר עס איז ניט גיהערט גיווארין אזעלכע זאכין פון שלמה המלך ביז איצונד וואול צוא דעם דור וואס זייא הערין דיא רייד מיט דיא סודות אונ וואול צוא דעם דור וואס דוא ביסט צווישין זייא אונ וויא צוא דעם דור וואס זייא וועלין בלייבין יתומים פון דיר · הייבט אן רבי שמעון אונ זאגט שמע ישראל וגו' שטייט אין דעם פסוק איין גרויסן עיי"ן מיט איין גרויסן דל"ת מאכט דאס עד דרום שטייט עד ה' בכם בלייבט איבער פון שמע ש"ם אונ פון אחד א"ח דאס מאכט אשמח אנכי אשמח בה' : בה' ממש רב המנונא סבא זאגט ווער עס איז מייחד אלע טאג דעם יחוד איז אים אן גיברייט דיא שמחה מלמעלה · רבי שמעון וויינט אונ לאכט אונ זאגט איך וועל נאך מגלה זיין דען עס איז איצונד איין עת רצון אונ עס וועט שוין ניט זיין אזו איין דור ער זאל האבין רשות מגלה צוא זיין אזעלכע סודות ביז אין דעם דור וואס משיח וועט קומען :

השיב את חמתי מעל בני ישראל איז דאך קשה אז ער האט ווידער אום גיקערט דעם צארין פון הקב"ה פאר וואס זיינען גישטארבין פון דיא ישראל פיר אונ צוואנציג טויזינט מענטשין אזו שטייט דאך ויהיו המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף נאר דאס איז דיא לויטערע זאך דען חס ושלום עש איז פון דיא ישראל אפילו איינער ניט גישטארבין נייערט דער שבט שמעון האבין זיך פאר מישט מיט דעם ערב רב די זכרים מיט זייערע נקבות אונ דאס ערב רב האבין זיך מגייר גוועזן אונ האבין גינומען טעכטער ביא דעם שבט שמעון אונ האבין מיט זייא גיהאט קינדער זיינען אטייל אויס גישטארבין פון ערב רב בשעת מעשה העגל אונ אטייל אין אנדערע מיתות אונ דיא איבעריגע זיינען גישטארבין אין דער מגפה דרום שטייט ויהיו המתים במגפה אונ עס שטייט ניט אשר מתו נייערט המתים וואס זייא זיינען שוין לאנג גישטארבין אבער פון דיא ישראל איז קיינער ניט גישטארבין דען זייא האבין זיך גיהיט אונ דרום זיינען זייא ווידער גיציילט גיווארין דען עס איז פון זיי אפילו איינער ניט נחסר גיווארין דרום שטייט ולא כליתי את בני ישראל דיא ישראל זיינען ניט פאר לענט גיווארין נאר דאס ערב רב זיינען פאר לענט גיווארין אזו אויך שטייט השיב את חמתי מעל בני ישראל נאר פון זייא האט ער אום גיקערט דעם גרים צארין אבער ניט פון דעם ערב רב אזו אויך ביא דעם עגל שטייט ויפול מן העם עס איז נאר גיפאלין פון דעם ערב רב ניט פון דיא ישראל דרום שטייט ויקהל משה את כל עדת בני ישראל זאגט רבי אלעזר עס וואלט בוודאי זייער רעכט גיוועזן עס שטייט דאך אבער ויצמד ישראל לבעל פעור אונ מיר האבין גילערינט אז פיל פון דיא ישראל האבין זיך באהעפט לבעל פעור אזו וויא איין העפטיל דאס איז איין מין תכשיט באהעפט זיך אין דעם מענטשין זאגט רבי שמעון עס איז בוודאי אזו איך זאג נאר דיא ישראל זיינען ניצול גיווארין פון דעם טויט אונ זאג ניט אז זייא זיינען ניצול גיווארין פון דעם חטא זאגט רבי אבא עס שטייט דאך קח את כל ראשי העם והוקע אותם זיינען זיי דאך ניט ניצול גיווארין פון מיתה זאגט רבי שמעון עס שטייט דאך אויך עס ניט ישראל דאס ערב רב הייסט עם אבער קום אונ זעה עס שטייט ויצמד ישראל לבעל פעור אבר זייא האבין אים ניט גידינט דער פסוק ווייזט אויך אזו עס שטייט ויאכלו וישתו אונ עס שטייט ניט וישתו ישראל עס שטייט ויצמד ישראל לבעל פעור עס וואלט גידארפט שטיין בבעל פעור נאר זייא האבין זיך ניט מכוין גיוועזן אים צוא דינען נייערט זייא האבין אים גיגעבין איין צירונג אונ כח אן דעת אונ אן כוונה דען דיא עבודה פון

דעם

דעם בעל פעור איז גיוועזן מען זאל זיך פאר איר אויף דעקן אונ מוציא זיין צואה אונ פון דעם האט זיא הנאה גיהאט אונ איז גישטארקט גיווארן אבער דיא ישראל האבן דאס גיזעהען האבין זייא גיזאגט צא תאמר לו דאס איז דאך איר איין זלזול ובזיון האבין זייא אויך אזו גיטאן נאר אן דעת אונ אן דעם ווילין דרום האט פנחס מכפר גיוועזן אויף זיי אונ האט פון זייא מבטל גיוועזן די מגפה דרום שטייט ויכפר על בני ישראל :

רבי אבא איז גיזעסן פאר רבי שמעון איז רבי שמעון אויף גישטאנען האלבע נאכט לערנען תורה איז רבי אלעזר אונ רבי אבא אויך מיט אים אויף גישטאנען האט רבי שמעון אן גהויבן צוא זאגין עס שטייט כאיל תערוג על אפיקי מים וגו' דעם פסוק האבין שוין דיא חברייא מפורש גיוועזן וואול צוא דיא צדיקים וואש הקב"ה האט זייא גיגעבין היילגע נשמות פון איין היילינ ארט כדי זייא זאלין טאן זיינע מצות אונ זיך מיען אין דער תורה דען דער וואש עש איז זיך משתעשע אין דער תורה דר האט פאר קיינעם קיין מורא ניט עש שטייט לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי איך זאל זיך ניט גוועזן מיען אין דר תורה וואלט איך גוועזן פאר פאלין גיווארין דורך מיינע שונאים אונ דאס הייסט וואש מיר האבין גילערינט אז הקב"ה קומט זיך משתעשע זיין מיט דיא צדיקים אין גן עדן דאס הייסט ער פרייט זיך מיט זייא וואל צוא דיא צדיקים דאס בייא זייא שטייט אז תתענג על ה' הקב"ה טוט זייא דעם ענג וואס הייסט על ה' אין דעם נחל עליון דרויף שטייט והשביע בצחצחות נפשך דס הקב"ה אליין איז זיך אין דעם משתעשע פון דעם נחל עליון דאס זיינען גרויסע סודות אונ אורות עליונים וואס מען קען ניט ארויש שרייבין · קום אונ זעה דער נפש מיט דעם רוח זיינען תמיד באנאנד אונ דער מענטש מוז ליב האבין צוא הקב"ה אזו וויא עס שטייט ואהבת את ה' אלהיך וגו' אזו וויא דאס ליב שאפט פון דעם נפש ורוח וויא זייא זיינען באהעפט אין דעם גוף אונ דער גוף האט זייא ליב אזו מוז זיך דער מענטש באהעפטין ליב צוא האבין להקב"ה דרום שטייט נפשי אויתך בלילה מיין נפש אונ מיין רוח טוט דיך פארשטין צוא באהעפטין זיך אין דיר מיט גרויש אהבה בלילה דאש פאר גרויש ליבשאפט צוא הקב"ה מוז דער מענטש אויף שטיין אלע נאכט עוסק זיין בתורה ביז עס ווערט טאג אזו ווערט אויף גיצויגין איין חוט של חסד וואול צוא דעם מענטשין וואס ער האט מיט דער אהבה ליב צוא הקב"ה אונ שטייט אויף האלבע נאכט צו לערנען תורה אונ אזו זיינען דיא צדיקים אמת וואס הקב"ה האט זייא ליב דען דיא גאנצע וועלט האט איין קיום פון זייערט וועגין :

תאנא מיר האבין גילערינט דער צדיק וואש בהעפט זיך מיט זיין נפש ורוח למעלה צו הקב"ה באהבה אזו וויא עש דארף צוא זיין האט ער איין שליטה אויף דער וועלט אונ אלץ וואש ער איז גוזר אויף דער וועלט מוז מקוים ווערין אונ דאש לערנען מיר אפ פון אליהו ער האט גיזאגט חי ה' אשר עמדתי לפניו אם יהיה השנים האלה טל ומטר כי אם לפי דברי · קום אונ זעה בשעת דיא נשמות קדושות ווערין אויש גיצוגן מלמעלה למטה מיחוד קב"ה ושכינתיה זיינען זייא קליין דאש זייא שטייען למעלה פאר הקב"ה אונ דער רצון המלך איז משתכל צוא זיין אין זיי בשעת הקב"ה האט גיוויזט זיין רוח האט ער גיוויזט אין אלע חילות השמים זיינען זיי אלע בשאפין גווארן אין זייער שטאנד אזו וויא עס שטייט וברוח פיו כל צבאם אזעלכע נשמות איז פאר האנדין וואס זייא בלייבן אויבן פאר הקב"ה ביז ער נידערט זייא אראפ אונ אזעלכע נשמות זיינען מיום שנברא העולם אונ אז זייער צייט קומט גייען זייא אראפ אין איין גוף אריין אונ עס איז פאר האנדן אזעלכע נשמות וואס זייא זיינען שולט למעלה ולמטה דרום האט אליהו גזאגט חי ה' אשר עמדתי לפניו עס שטייט עמדתי איז טייטש וואס איך בין שוין לאנג גישטאנען דער נאך איז אליהו ווידר ארויף אויף זיין ארט אבער אנדערע נשמות קענן ניט קומען אויף זייער ארט ביז זייא שטארבן פריער דרום וויל זייא זיינען פריער ניט גשטאנען פאר הקב"ה אונ דרום איז אליהו גווארן איין מלאך אונ איין שליח אויבן :

יפקוד ה' אלהי הרוחות לכל בשר וגו' רבי אבא הייבט אן הגידה לי שאהבה נפשי אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן דעם פסוק האבן די חבריא מפורש גוועזן אויף משה בשעת ער האט בדארפט שטארבן האט ער גזאגט יפקוד ה' אונ מיר האבן גלערינט אז דער פסוק איז גזאגט גווארן אויף גלות דאס דיא כנסת ישראל זאגן צוא הקב"ה דען ווען די כנסת ישראל זיינען ניט אין גלות זיינען דיא ברכות בכל העולמות אונ אלץ איז בשלימות ובשמחה אונ דיא ברכות ושפע זיינען פול אונ פיל אויף אלע ערטער אבער אז זייא זיינען אין גלות טוט הקב"ה שרייען אזו וויא דער פסוק זאגט שאוג ישאג על נוהו ער טוט שרייען אויף זיין וואנונג אונ זאגט אוי שהחרבתי את ביתי נאך וואס האב איך פר ברענט מיין היכל אונ האב פאר טריבן מיינע קינדער אין גלות דען זאגט דיא כנסת ישראל צוא הקב"ה הגידה לי שאהבה נפשי דוא בישט מיין אהבת נפש דאס אלע מיני אהבה איז צוא דיר איכה תרעה זייא וועלן שוין ניט זיין אלע ברכות אונ שפע אונ שמח'ת שלמה אהיה כעוטיה פאר וואס זאל איך זיין אום גוואנדין אן ברכות על עדרי חבריך דאס זיינען דיא בני אבות המרכבה הקדושה למעלה · ענטפערט איר הקב"ה דאס זיינען פיל פאר בארגענע זאכין וואס מען קען ניט ווישין אבער איך גיב דיר איין עצה דוא יפה בנשים · צאי לך בעקבי הצאן האלט זיך צווישין צדיקים וואס זיי האלטן זיך נידעריג אזו וויא די טריט פון דעם מענטשין פון זיי וועסטו איין קיום האבן פון דעסט וועגן זאג איך דיר ורעי את גדיותיך דאס זיינען דיא יונגע ציקעליך דיא קליינע קינדער על משכנות הרועים די וואס לערנן זייער תורה בייא איין רבי דורך זייער זכות האשטו איין קיום דאס די וועלט שטייט אויף דעם הבל פון דיא קינדער ווען צדיקים אונ קליינע קינדער וואס זייא לערנען תורה בייא זייער רבי זיינען דא האט אלץ איין קיום ווען עס איז דא צדיקים אונ דער דור זינדיגט ווערין זייא נתפס בעון הדור . צום ערשטין דאש הקב"ה נעמט זייא פון דער וועלט חאטשע זייא האבין גאר ניט גיזינדיגט · אונ ניט דאס אליין נייערט דיא שכינה איז אויך אין גלות דרום זאגט דער פסוק אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם יחטא איז טייטש מינערין אונ גיבראכין אזו וויא עס שטייט בייא בת שבע והייתי אני ובני שלמה חטאים ממילא מיינט אזו דער פסוק אם הכהן המשיח דאס איז הקב"ה אז ער ווערט כביכול בחסרון דען אז דיא ישראל זיינען אין גלות ווערט קיין ברכות ניט גיפונען דאס איז נאר לאשמת העם איבער דיא זינד פון דעם פאלק ישראל :

צו את בני ישראל ואמרת אליהם את קרבני לחמי עם שטייט החפץ לה' בעולות וזבחים

הקב"ה וויל ניט אז דער מענטש זאל זינדיגין אונ זאל ברייננן דרויף קרבנות נייערט אזו איין קרבן וואס מע ברייננט אן איין חטא דאש הייסט איין קרבן שלם דאש איז אקרבן שלמים אונ אתודה חאטשע עש איז מכפר אויף עבירות · רבי חייא איז גיגאנגען צוא זעהען רבי אלעזר האט אים בגעגינט רבי חגאי פרעגט ער אים וואו אהין גייט

דער

דער הער זאגט ער רבי חייא צו זעהען רבי אלעזר זאגט רבי חגאי איך וועל אויך גיינמיט דיר זאגט רבי חייא אויב דו קענשט מסביר זיין איין סברא וואש דוא וועשט הערין מעגשטו גיין און אויב ניט קער זיך אום זאגט ער זארגט. ט מיין הער איך האב שוין גיהערט פיל סודות התורה אונ איך קען וואול פאר שטיין הייבט אן רבי חגאי את קרבני לחמי לאשי את קרבני דאס איז דר קרבן בשר מכפר צוא זיין אויף דעם בשר פון דעם מענטשן · בשר איז מכפר אויף בשר אונ אזו האב איך גהערט ווען דר מענטש האט גזינדיגט וואס האט די בהמה גזינדיגט אז מען זאל זיא ברייננגן פר איין קרבן כפרה אלא הקב"ה האט בשאפן דעם רוח פון מענטשן אונ דעם רוח פון בהמות עס איז אגרוישר חילוק צווישין זייא אונ דרום איז רוח האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היורדת למטה איידער אדם הראשון האט גיזינדיגט שטייט ויאמר אלהים הנה נתתי לכם כל עשב זורע זרע אונ קיין פלייש האט ער ניט גטארט עסין נאר גראז אונ אז אדם האט גזינדיגט אונ דער יצר הרע איז גקומען אין זיין גוף אונ אין אלע זיינע תולדות האט הקב"ה גטאן דין דער נאך איז גקומען נח האט ער גזעהן אז דער גוף איז גבויט גווארן ממקום יצר הרע האט ער מקריב גוועזן איין קרבן שטייט וירח ה' את ריח הניחוח אונ עס שטייט כי יצר לב האדם רע מנעוריו זאגט הקב"ה פון היינט אן ווייל דער גוף איז גבויט גווארן פון דעם יצר הרע געהער דער גוף נהנה זיין אזו וויא עס איז ראוי ער זאל יוא מעגן עסן פלייש דרום האט הקב"ה גזאגט צוא נח כירק עשב נתתי לכם את כל אזו וויא גראז אזו מעגט איר עסין פלייש ממילא היינט אז זייא עסן פלייש האט דאך זיין בשר ודם הנאה פון דעם פלייש אונ וואקסט אונ מערט זיך דער פון אונ ווערט פאר מישט מיט דעם פלייש אונ דורך דעם זינדיגט ער דרום זאגט הקב"ה דיא כפרה זאל זיין פלייש פאר פלייש אונ בלוט פאר בלוט אזו וויא דער פסוק זאגט כי הדם הוא בנפש יכפר · עס שטייט את קרבני דאש איז טייטש מיין קרבן אונ ווידער שטייט את קרבנכם אייער קרבן אלא קרבני מיינט מען קרבן שלמים זייא קומען אויף שלום ניט אויף קיין חטאים דאס גיהער צוא הקב"ה אונ קרבנכם איז חטאת ואשמות דאש קומט אויף אייערע חטאים לחמי דאס איז זיין לחם ריח דאש איז קטורת ניחוח וואש דער כהן מאכט ברצון פון דעם שם הקודש וועגין אונ דער לוי האט גיזונגין שיר ושבח אויף דעם קרבן במועדו אין דער צייט ווערין גיפונען פיל ברכות למעלה ולמטה פיל יחוד אונ די קליפות ווערן אפ גישייד אונ פאר שפרייט אונ הקב"ה בלייבט איין יחיד ומיוחד דורך דעם קומט רבי חייא אונ קושט אים אונ זאגט דוא בישט יוא ראוי צוא זעהען רבי אלעזר ער זאגט ווייטער סודות ווארום האט הקב"ה גיגעבין דאש מלכות צוא יהודה מער פון אלע ברידער אלא ווייל אין נאמן פון יהודה איז דער גאנצער שם הקודש אונ דיא ד' דאש מאכט דוד דאש ער האט זיך מער מקשר גיווען אין דעם שם פון דער גאנצער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט ובקשו את ה' אלהיהם ואת דוד מלכם זייא גייען ארין צוא רבי אלעזר אונ זעצין זיך אנידער לעבין אים שווייגט רבי אלעזר שטיל אונ זייא שווייגין אויך אזו גייט ארין רבי אלעזר אין זיין חדר הערט ער איין קול זאגט גייא ארין אונ זאג זייא וואס זייא באגערין זייא זיינען רעכט ווערדיגע לייט ער גייט ארין צוא זייא אונ זאגט טאמער האט איר עפעס גיהערט זאגט מיר זאגין זייא מיר האפין אונ ווארטין דער לייכט ווערין פון דעם לויטרן אור עליון אונ מיר וועלין פאר שטיין וואס דער הער וועט זאגין זאגט ער זייא גרוישע סודות אין דעם קומט איין פייער אונ רינגילט אים ארום אונ זייא בלייבין חוץ דעם פייער האבין זייא גיהערט איין קול זאגט הביאני המלך חדריו עש פאלט אויף זייא אגרויש ציטרניש אונ זאגין מיר זיינען ניט ראוי דער צוא לאמיר אוועק גיין זייא בלייבן דארט אגאנץ טאג אונ קענען אים ניט זעהען זאגין זייא עש איז ניט דער רצון פון הקב"ה מיר זאלין אים זעהען גייען זייא אוועק הייבט אן רבי חייא ברכו ה' מלאכיו גבורי כח הקב"ה האט גגעבן די תורה הקדושה צוא דיא וואש זיינען אלע גיוועזן אויף דעם בארג סיני מיט איין רצון אונ האבין גיפעדרט נעשה פאר נשמע דענטשט מאל האט הקב"ה גירופין צוא דער פמליא של מעלה אונ זאגט צוא זייא ביז אהער זייט איר בייא מיר גיוועזן יחידים אויף דער וועלט אונ פון היינט אן זיינען מיינע קינדער וואס איז אויף דער ערד אייערע חברים איר האט שוין קיין רשות ניט היילינגן מיין נאמען ביז מיינע קינדער וועלין זיך צו אייך מחבר זיין אונ איר זאלט אלע זיין חכמים מקדש זיין מיין הייליגן נאמען דרום ווייל זיי האבין גיזאגט נעשה ונשמע אזו וויא איר פעדרט אייער עשיה פאר אייער שמיעה אזו וויא עס שטייט ברכו ה' מלאכיו גבורי כח עושי דברו שטייט פריער עושי זייא טוען אונ דער נאך שטייט לשמוע בקול דברו נאך איין פשט איז מלאכיו דאס זיינען דיא צדיקים בארץ זייא זיינען אזו חשוב פאר הקב"ה אזו וויא דיא מלאכים ברקיע דרום ווייל זייא זיינען גבורי כח דאס זייא זיינען זיך מתגבר אויף דעם יצר הרע וויא איין גבור אנטקעגן זיין שונא: לשמוע בקול דברו זייא זיינען זוכה גוועזן צוא הערין איין קול מלמעלה ווען זייא בדארפין עס ווער קאן שטיין מיט דיא קדושים עליונים בייא אנדער וואול צוא דיא וואס קענען בייא זייא: שטיין זכאין זיינען דיא וואס קענען ניצול ווערין פאר זייא דיא השגחה פון הקב"ה איז בייא זיי אלע טאג דרום שטייט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך אונ עס שטייט אשרי אדם עוז לו בך רבי אבא הייבט אן זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה דעם פסוק האט מען שוין מפורש גיוועזן דאש דער רצון פון הקב"ה איז ניט אז דער מענטש זאל ברייננגין איין קרבן אליין אויף זיינע חטאים נייערט איין צוא בראכענעם רוח אונ דיא מענטשין ווייסין ניט וואס זייא זאגין אונ אזו האב איך גיהערט פון דער הייליגער ליכט רבי שמעון ווען אמענטש קומט זיך מטמא זיין מיט זינד אזו ציהט ער אויף זיך איין רוח הטומאה אונ ער איז זיך מתגאה אויף דעם מענטשין אונ איז שולט ומושל אויף אים מיט וואס ער וויל אבער דער מענטש בדארף זיך שטארקין אויף דעם צד הטומאה אונ זיך מטהר זיין אונ צוא ברעכין דעם רוח פון גאוה אונ בזמן אז דער בית המקדש איז גישטאנען האט ער גיבראכט איין קרבן אונ האט אים מקריב גוועזן איז אים גיוועזן דער קרבן לרצון ווען ער האט נאר רעכט חכמה גיהאט אונ האט צוא בראכין דעם רוח הטומאה אבער אז ער האט ניט צוא בראכין זיין רוח הטומאה איז דער קרבן גאר קיין קרבן ניט גיוועזן אונ איז ווארין גיווארפין פאר דיא הינט דען דער קרבן איז גיט צוא הקב"ה נייערט צוא דיא כלבים עזי נפש וואס זייא האבין גאוה דרום שטייט זבחי אלהים רוח נשברה ווען הייסט ער איין רעכטער קרבן אז ער האט דעם רוח הטומאה צוא בראכין אונ דיא גאוה איז שוין ניט שולט אויף אים אונ ווער עס צוא ברעכט זיא רעכט אזו וויא עס שטייט רוח הולך ולא ישב דער מענטש איז בטוח אז ער וועט זיך שוין ניט אום קערין צוא אים אייביג ווייטער שטייט לב נשבר ונדכה דער מענטש וואס האלט

האלט זיך ניט בגאוה אונ טוט זיך ניט אן תענוגי עולם הזה אלהים לא תבזה פאר שעמט אים ניט הקב"ה אונ איז בייא אים בכבוד ווייטר זאגט רבי שמעון גרויסע סודות אונ די טעמים פון קרבנות אזו זיינען גיקומן רבי אלעזר מיט רבי אבא אונ מיט דער איבעריגע חברייא אונ פאר שפרייטן זיך פאר אים זאגט רבי אבא ווען הקב"ה זאל ניט גיוועזן געבין דיא תורה אויף דעם בארג סיני נאר הקב"ה זאל גיוועזן זאגין אז דאש איז דיא תורה אונ דיא סודות פון בר יוחאי וואלט שוין גינוג גיוועןאויף דער וועלט וייא צוא דער צייט וואש דוא וועשט אפ גיטאן ווערין פון דער וועלט ווער וועט לייכטין דיא ליכט פון דער תורה פון דער צייט וואש דוא וועשט אפ גיטאן ווערין וועט אלץ פר פינצטערט ווערין דען עש וועט שוין אזו איין דור ניט זיין ביז משיח וועט קומען:

עשירית האיפה סולת דאס איז אנטקעגין די ישראל אונ דרום איז אויף דיא פינף מיני תבואה ניט פאר האנדין קיין ממונה נאר הקב"ה כביכול אליין דרום ווער עס איז מזלזל מיט ברויט אונ חארפט עס אויף דער ערד אזו יאגט אים נאך ארימקייט אונ דרויף איז שוין פאר האנדין איין ממונה ער זאל אים נאך יאגין ביז ער ברייננגט אויף אים ארימקייט איידר ער גייט אוועק פון דער וועלט אונ אויף אים שטייט נודד הוא ללחם איה ער איז פאר וואגילט אונ נע ונד פון איין ארט אויף דעם אנדערין אונ קיינער איז זיך איבער אים ניט מרחם דרום וייל ער האט מבזה גיוועזן די קדושה וואס זיא הייסט לחם סולת זאגט דער רעיא מהימנא צוא זייא אויף דעם ווער עס איז מזלזל אין דיא שטיקליך ברויט אונ ווארפט זייא וואו אהין ער דארף ניט ומכל שכן ווער עס איז מזלזל אין דיא ברעקליך פון דעם מוח וואש דאש איז דיא זרע אונ ער ווארפט זיא אויף דער ערד וואו ער דארף ניט אזו וויא עש שטייט בייא דעם דור המבול כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ אודער ער ווארפט זייא בנדה שפחה זונה ומכל שכן ווער עס איז מזלזל אין דיא ברעקליך פון דער תורה דאס זיינען דיא סודות כל המשתמש בתגא חלף ומכל שכן ווער עס איז מוסר דברי תורה סתרי אותיות קבלה ממעשה בראשית שמות הקדושים צוא דעם וואס עס איז צוא אים ניט ראוי איז אויף זייא שולט דער יצר הרע אשה זונה וגו' עד ככר לחם ווייטער זיינען סודות אונ אביסיל וועלן מיר שטעלן דאס וואס עש איז בדרך נגלה דער רעיא מהימנא זאגט צעהן זאכין איז פאר האנדין אין תקונים וואס דער מענטש זאל זיך נוהג זיין בשולחן של שבת תיקון אחד ער זאל אן גרייטין דעם טיש פון שבת גלייך וויא ער וואלט גידארפט עסין פאר דעם מלך אזו וויא עס שטייט זה השולחן אשר לפני ה' דאס אנדערע איז נטילת ידים ער זאל וואשין דיא הענט פאר דעם עסין וועדליג דעם שיעור וואס דיא רבנן האבין גיהייסין ביז דיא פינף קשרים דאס אין איטליכער האנט איז פאר האנדין פערצין גלידער איז אין ביידע הענט אכט אונ צוואנציג גלידער דאס ווייזט אויף גרוישע סודות אונ דיא צעהען פינגער זיינען אנטקעגין די עשרה מאמרות אונ עשרת הדברות אונ דיא גלידער זיינען אנטקעגין דיא כ"ח אותיות וואס מיט זייא איז דיא וועלט בשאפין גוואורן דאס דריטע איז כוס של ברכה אין דעם אליין איז פאר האנדין צעהן זאכין איינש איז הדחה מען זאל דעם כוס אויש שווענקן פון דרויסין אונ דאס אנדערע איז שטיפה פון אינעווייניג אזו וויא דער כוס ווערט ריין אונ לויטר דורך דער וואסער אזו אויך ווערט דיא נשמה ניט ריין נאר דורך דער תורה וואס זיא הייסט מים אונ דרויף האט רבן גמליאל גיזאגט איין תלמיד חכם וואס ער איז אינעווייניג ניט ריין זאל ער ניט אריין גיין אין בית המדרש ניט וויא אנדערע מענטשין וואס ריידן אחד בפה ואחד בלב נייערט ער דארף זיין אזו ווי דער שם הקודש איז גלייך מבחוץ ובפנים אונ דער מענטש הייסט איין זון צוא הקב"ה דאש איז דער טעם וטהרו וקדשו עש מוז זיין טהרה בפנים וקדושה בחוץ דער איז מצד עץ החיים אבער ווער עש איז ניט גלייך דאש מויל מיט דעם הארץ דער איז מצד עץ הדעת טוב ורע דאש דריטע איז עטור דער טיש זאל זיין גיקריינט מיט תלמידי חכמים וואש זייא ריידין דברי תורה ניט אזו וויא בייא איין עם הארץ דאש אויף זיין טיש איז גזאגט גיווארן כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום דאש פערטע איז עיטוף ער מוז זיך בייא דעם טיש ארום וויקלן זיין קאפ דען דיא מארי מתניתין האבן גיזאגט עש איז אסור צו איין תלמיד חכם ער זאל גיין בגילוי הראש דען דיא שכינה איז מלא כל הארץ כבודו מכל שכן בשעת ברכה אונ ווען ער דער מאנט איין שם זאל ער ניט זיין בגילוי הראש דאס פינפטע איז חי דער ווין טאר ניט זיין גימישט דאס ווייזט אויף יינה של תורה דאס דיא תורה ווערט גדרשת מיט שבעים פנים וויא פיל דיא צאל פון יין בטרעפט אונ ווער עש איז אין דעם עוסק הייסט ער חי דאס זעקסטע איז מלא ער דארף זיין גאנץ פול אזו מוז דר מענטש אויך זיין פול מיט דער תורה אונ גאנץ אזו וויא יעקב איז גיוועזן איש תם ושלם אונ דיא נשמה מוז אויך זיין גאנץ אן איין פגם דען אז דער מענטש זינדיגט חלילה מאכט ער איין פגם אין זיין נשמה דען אזו וויא אין דעם גוף איז פאר האנדין רמ"ח אברים ושס"ה גידים אזו האט דיא נשמה אויך רמ"ח אברים ווערין זייא דער לייכט פון דיא רמ"ח מצות עשה אונ שס"ה גידין הערין דר לייכט פון דיא שס"ה לא תעשה אונ אז ער זינדיגט אזו ווערט דיא נשמה נחסר דעם אבר וואס דער חטא האט אין דעם איין אחיזה הייסט זיא איין בעל מום קען זיא שוין מיכאל ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח עליון עס שטייט כל אשר בו מום לא יקרב דרום מוז ער זיין גאנץ דאס זיבעטע איז מקבלו בשתי ידיו ער מוז בתחלה נעמן דעם כוס מיט ביידע הענט וואס אין זייא זיינען פאר האנדין צעהען פינגער אנטקעגין דיא צוויא לוחות וואס אויף איטליכן איז גיוועזן פינף דברות דרום מוז ער נעמען תחלת מיט ביידע הענט דער נאך זאל ער אים האלטין מיט דער רעכטער האנט אליין אזו וויא דיא תורה איז גיגעבין גיווארן מימינו של הקב"ה דרום זאגין מיר ושני לוחות אבנים הוריד בידו וגו' אונ עש שטייט ניט בידיו דרום שטייט מימינו אש דת למו דאס אכטע איז ונותן עיניו בו ער זאל קוקין אויף דעם כוס דאס איז מרמז אויף ארץ ישראל וואס בייא איר שטייט עיני ה' אלהיך בה ער מוז געבין זיינע אויגין אין דעם ווין ווארום יין בטרעפט צוויי אונ זיבציג דאס זיינען אנטקעגין דיא זיבעציג סנהדרין מיט משה ואהרן זיינען צווייא אונ זיבעציג דאס ניינטע איז ומגביה טפח ער זאל דעם כוס אויף הייבין פון דעם טיש איין טפח דאס צעהענטע איז ומשגרו לאשתו ער זאל פון דעם כוס של ברכה שיקין צוא זיין וייב כדי זיא זאל גיבענטשט ווערין דאס זיינען דיא צעהען זאכין פון דעם דריטין תיקון מהשולחן של שבת דעם פערטין תיקון איז מען זאל זאגין דברי תורה אזו וויא אויבין איז גישטאנען דאס פינפטע האבין דיא מארי מתניתין מפורש גיוועזן ער זאל מאריך בשולחן זיין כדי ארומע לייט זאלין אריין קומען וועט ער זייא געבין פון זיין עסין דען דורך דער צדקה איז ער מאריך ימים בעולם הזה ובעולם הבא אזו וויא



עם

עס שטייט כי הוא חייך ואורך ימיך מיינט מען עולם הזה מיינט מען בעולם הבא דאס זעקסטע איז ער זאל ניט זיין ביא דעם טיש קיין פרעסער אזו וויא עשו האט גיזאגט הלעיטני נא שיט מיך אן מיט דעם רויטין ארבעז וועל איך אים גאר ניט קייען נאר איך וועל אים אזו אראפ שלינגען אזו אויך ווער עס לאזט ארויש פון זיין מויל דברי תורה אדר תפלה זאל ער רעכט ארויש ריידין איטליכש ווארט ער זאל ניט איין שלינגען דיא ווערטער דען זיי ווערין חסרים אונ דיא ווערטער גייען ארויף אונ מאכין דארטין איין רושם למעלה דרום איז ניט רעכט זיי זאלין זיין חסרים אונ ווידער טאמער וועט זיך פעדערין דר קנה פאר דעם וושט קאן ער קומען צוא איין סכנה דאס זיבעטע איז מים אחרונים מען זאל די הענט וואשין נאך דעם עסין פאר דעם בענטשין דער טעם דער פון שטייט אויף איין אנדער ארט אין זוהר כדי מען זאל ניט בענטשין מיט אום ריינע הענט פון דעם עסין דען דער צד הטומאה האט הנאה פון אזעלכע הענט וואס זיינען ניט ריין דרום מוז מען זייא וואשין מען זאל אים אפ געבין זיין חלק אונ מען טוט אים אפ פון דער קדושה אונ אז ניט איז ער חס ושלום מבלבל די סעודה דאס אכטע איז מען מוז האבין דרייא מענטשין מען זאל בענטשין מזומן ווארום דיא תורה איז אויך גידריט תורה נביאים כתובים אויך איז פר האנדין כהנים לוים וישראלים אונ מיט דעם כוס ווערט דער שם מלא דרום זאגט דוד כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא אונ דרום איז דער נייניטער תיקון אז דער שיעור פון דעם כוס איז איין רביעית הלוג דאס דער מיט ווערט דער שם מלא אזו וויא דיא מקובלים פאר שטייען דעם סוד פון דעם דאס צעהענטע איז אז ביא דעם טיש זיינען פאר האנדין צעהען מענטשין דארף מען זאגין נברך לאלהינו דען דער כוס איז אויך כולל פון עשרה מאמרות אונ עשרת הדברות אונ דער מענטש דארף זייער נזהר זיין ער זאל ניט ארויש ווארפין זייגען רייד אויף אזו איין ארט וואס מען דארף ניט דאס איז גישריבין גיווארין בקיצור וואס דער רעיא מהימנא דאס הייסט משה רבינו האט גיזאגט :

תלת דרייא זאכין איז פאר האנדין וואס זייא זייגען זיך אליין גורם שלעכץ צווייא פון זייא זייגען בעולם הזה אונ דאס דריטע איז בעולם הבא איינש איז ווער עס שילט זיך אליין דען מיר האבין גילערינט עס איז פאר האנדין איין ממונה דרויף גיזעצט גיווארין אז בשעת דער מענטש שילט זיך אליין מיט איין קללה קומט דר ממונה מיט נאך אנדערע זיבציג וואס אונטער אים אונ נעמען די קללה אונ זאגין אויף איר אמן דער נאך נעמען זייא זיא ארויף למעלה אונ זייגען אים דן אונ יאגין אים גאך ביז ער ברייננגט אויף אים זיין אייגענע קללה דען מיר דארפין זעהען ווער איז גרעשער פון משה רבינו וייל ער האט גיזאגט ואם אין מחני נא וגו׳ חאטשע ער האט דאך גיזאגט פון דיא ישראל וועגין אונ חאטשע הקב״ה האט אים גיטאן זיין ווילין אונ האט אים מוחל גיוועזן אונ משה רבינו האט דאך נאר גיזאגט אז דוא וועסט זייא ניט מוחל זיין זאלשטו מיך אויש מעקין פון דיין ספר פון דעסט וועגין איז פארט דיא קללה מקוים גיווארין אז אין גאנץ פרשת תצוה ווערט ניט דער מאנט דער נאמען פון משה רבינו ער איז פון דארטין אויש גימעקט גיווארין אויך ווער איז גרעשער פון דוד המלך פון דעסט וועגין האט ער גיזאגט איך היט אפ מיין מויל ווייל דער רשע דער ממונה איז אנטקעגין מיר וואס ער איז גיזעצט צוא נעמען אזעלכע רייד אונ זאל מיט זייא שלעכץ טאן דעם מענטשין דרום היט איך מיין מויל מיט דעם צונג ניט צוא ריידין איבעריגע רייד דאס אנדערע איז ווער עס ווארפט שטיקלעך ברויט אויף דער ערד אזו וויא מיר האבין אויבין גיזאגט דיא צווייא זייגען גורם שלעכץ אויף דער וועלט בעולם הזה · דאס דריטע איז וואס ער איז זיך גורם איין רעה בעולם הבא איז דאס ווער עס צינד אן איין ליכט במוצאי שבת איידער דיא ישראל האבין גיזאגט אין שול ויהי נועם ואתה קדוש · דער דאזיגער מענטש איז זיך גורם שלעכץ בעולם הבא ווייל ער איז מחלל שבת אונ איז גורם אז דאס פייער פון דעם גיהנם הייבט אן צוא ברענען פאר דער צייט עס איז פאר האנדין איין בזונדער ארט אין גיהנם צוא דיא וואס זייגען מחלל שבת אונ אז ער צינד אן דאס ליכט במוצאי שבת פאר דער צייט איז דרויף פאר האנדין איין ממונה אין גיהנם אונ צינד אן דאס דאזיגע ארט אונ זאגט דאס ארט איז פון וועגין דעם מענטשין וואס ער האט זיך גיפעדערט מיט ליכט אן צינדין אונ אלע רשעים פון דעם גיהנם העלפין אן צינדין דאס ארט אונ דער ממונה שרייט אונ זאגט הנה ה׳ מטלטלך טלטלה גבר אונ דיא רשעים פון דעם גיהנם זאגן כדור אל ארץ רחבת ידים שמה תמות דאס קומט אים ווייל ער האט אונז גורם גוועזן צו ברענען דם גיהנם פר דער צייט דאס זיינן די דרייא וואס זייגן זיך אליין גורם שלעכץ זאגט דער רעיא מהימנא משה צוא זייא דיא רייד זייגען פאר הוילין אונ כתום דא מוז מען עפענען פאר דער חבריא דען ווער עס פאר הוילט פון זייא סודות התורה איז זייא מצער דען צוא דיא רשעים איז דאס גרוישע ליכט פון דיא סודות פינצטער אין זייערע אויגין עס איז אמשל צו איין אוצר אז אפרעמדר גראבט צוא גיפינען אים קערט ער זיך אום בחרפה ובושה אבער צוא דעם וואס ער גיהער לייכט ער אים אונ ער גיפינט אים אזו אויך גיהער מען צוא דער חבריא מגלה זיין סודות התורה ער זאגט גרוישע סודות :

רבי חייא הייבט אן בארבעה עשר יום לחודש פסח לה׳ איז קשה ווארום האט מען גינומען איין שה פאר אקרבן פסח נאך מער איז קשה עס שטייט כי תועבת מצרים כל רועה צאן ווארום האט יוסף גיהייסין צוא זייגע ברידער אז זייא זאלין זאגין צוא פרעה אז זייא זייגען רועה צאן אמאל איז ער דאך גיוועז איין מלך איבער מצרים אונ איין אב צוא פרעה זאל ער מאכין אז מען זאל זייגע ברידער פיינט האבין אלא תועבת מצרים הייסט דיא עבודת כוכבים פון זייא איז גיוועזן איין לעמעלע אונ אפילו דער וואש האט זיא אליין גיפאסעט האט ער אויך זיי גיהאלטן פאר איין אפ גאט · קום אונ זעה דיא חכמה פון יוסף ער האט גיזאגט אז דאש בעסטע לאנד פון מצרים איז רעמסס דאש לאנד האבין דיא מצרים אפ גישייד פון זייער עבודת כוכבים וועגין זייא זאלין דארטין האבין תענוגים דרום האט יוסף גיזאגט איך וועל זייא מאכין רועי צאן וו״לין זייא דיא מצרים חשוב האלטין אזו וויא זייער עבודת כוכבים זאגט רבי יוסי מיר האבין דאך גילערינט אזו וויא הקב״ה באצאלט עונש צוא דיא וואס דינען עבודת כוכבים אזו צאלט ער צוא דער עבודת כוכבים אליין ממילא וויא האט יוסף גימאכט אז מען זאל חס ושלום האלטין זייגע ברידער פאר עבודת כוכבים זאגט רבי חייא יוסף האט גימאכט אז זייגע ברידער זאלין גיוועלטיגין אויף דיא עבודת כוכבים פון מצרים אונ זאלין שלאגין דיא שאף מיט דעם

שטעקין מען זאל זיא מאכין אונטער טעניג אנטקעגין זיא יוסף האט גיטראכט אז זיא וועלין שולט זיין אויף זייערע עבודת כוכבים מכל שכן אויף זיא אליין וועלין זיא בוודאי שולט זיין דרום האט ער זיא גיזעצט במיטב הארץ אונ האט זיא גימאכט גיוועלטיגין איבר דעם גאנצין לאנד אונ דרום האט זיי הקב"ה גיהייסין נעמן אין צעהען טאג אין חודש דעם שה זייער עבודת כוכבים אונ מען מוז זיי אן בינדן אז זיא זאלין זיין תפוס דרייא טאג אונ דעם פערטין טאג ציהט איטם אויש צום דין אונ זאמלט איך איין אונ בשעת דיא מצרים האבין דער הערט דאס קול פון זייערע עבודת כוכבים אז זיא איז תפוס בתפיסה של ישראל אונ זיא האבין עס ניט גיקענט מציל זיין האבין זיא גיוויינט אונ עס איז ביא זיא אזו שווער גיוועזן גליך וויא מען וואלט זיא אליין גיבונדין למיתה אונ דעם פערטין טאג האבין זיא עס גישאכטין פאר זיא אונ דאס איז ערגער גיוועזן ביא זיא מער פון אלע מכות ונגעים אונ דער נאך האט מען עס גיבראטין אונ מען האט עס דן גיזען מיט פייער אזו וויא עש שטייט פסילי אלהיהם תשרפון באש אונ מען זאל עס עסין דווקא צלי אונ ניט גיקאכט דרום ווייל מען וואלט עס ניט אן גיזעהען אין דעם טאפ דרום האט עס באדארפט בראטין כדי מען זאל עס אן זעהען ביא דעם פייער אונ עס זאל שמעקין אונ דער טאפ זאל זיין על כרעיו מען זאל ניט מיינען עס איז איין חיה נייערט זיא זאלין עס דער קענין אז עס איז איין לעגיל אונ ווידער זיא זאלין עס ניט עסין סיידן אז זיא זייגען שוין זאט דהינו תרפה ובזיון אונ אויך ועצם לא תשברו בו מען זאל ניט צו ברעכין דיא ביינער פון איהם נייערט מען זאל זיא ארויש ווארפין אויף דער גאס אונ דיא מצרים האבין עס ניט גיקענט מציל זיין דרום שטייט ובאלהיהם עשה ה' שפטים שפטים פיל משפטים אונ דינים וואס מען האט גיטאן אין זייערע אפ גאטין בשעת נעמען אונ בשעת עסין ומקלכם בידכם מיט שטעקין אבער ניט קיין שווערד אונ קיין כלי מלחמה · ווייטער זייגען סודות · עס שטייט חמץ אונ עס שטייט מחמצת דאס זייגען דיא צווייא קליפות ס"ם מיט דער לילית זיין בת זוג וואס איז רגליה יורדות מות דרום איז דאס ווארט חמץ צווישין מ"ת וואס איז אין ווארט מחמצת דאש ערשטע אות אונ דאש הינטערשטע אות איז מ"ת דרום ווער עש עסט חמץ אום פסח פעדערט אים דיא מיתה בעולם הזה ובעולם הבא דען עש שטייט ונכרתה הנפש ההוא אונ דרום איז מען מדקדק אום פסח אויף איין משהו חמץ מער פון אנדערע אסורים ווייל דיא אותיות חמץ איז נאר מער פון דיא אותיות מצה נאר איין משהו דען דיא ח איז צו גיצויגין דאש פיסיל אונ דיא ה איז ניט צו גיצויגין דרום מוז מען נזהר זיין פון איין משהו חמץ עש זאל ניט ווערין פון דער ה איין ח ווען עש מאכין חמץ אבער דורך דער מצה איז ער מבריח אלע קליפות ומקטרגים אזו וויא דער שם שד"י פאר טרייבט אלע מזיקים אזו אויך מצה איז לשון קריג דאש זיא קריגט אויף דיא קליפות אונ פאר טרייבט זיי:

## פרשת מטות

וידבר ה' אל משה לאמר נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים עש איז גיוועזן איין טאג וואש דיא גאנצע חברייא איז גיזעסין אונ האבין זיך שטארק מפלפל גיוועזן אין דער תורה אונ דארטין איז גיוועזן רבי אלעזר אונ רבי אבא ורבי חייא ורבי יוסי אונ דיא איבעריגע חברייא זיא זאגין עש שטייט דאך אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה דרום ווייל פון זיא האט באדארפט ארויש גיין רות המואביה אונ נעמי העמונית איז דאך קשה אמאי האט הקב"ה גיהייסין פאר לענדין דיא מדינים עש איז דאך פון זיא ארויש גיקומען צפורה אשת משה אונ יתרו מיט זיינע קינדער זיא זייגען אלע גיוועזן צדיקי אמת איז דאך מכל שכן אז מען זאל זיא גאר ניט טאן אונ ווידער משה איז דאך מגודל גיווארין אין מדין וויא אזו האט הקב"ה צוא אים גיזאגט נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים איז דען איין משוא פנים אין דער זאך עש איז דאך מער ראוי צוא העלפין מדין איידער מואב · זאגט רבי שמעון עש איז ניט גליך אז איינער וויל ערשט קלייבין פייגין פון דעם בוים היט ער אים אבער אז ער האט שוין אויף גיקליבין היט ער אים שוין ניט אזו דא אויך ביא מואב זייגען נאך דיא צדיקים ניט ארויש גיקומען באדארף מען זיא היטין אבער ביא מדין זייגען שוין דיא צדיקים ארויש גיקומען דרום זאגט הקב"ה צוא משה צרור את המדינים דער בוים ווערט שוין קיין פייגין ניט טראגין דרום גיהער מען אים פאר ברענגען · רבי אלעזר איז גיגאנגין צוא זעהען זיין שווער רבי יוסי ברבי שמעון בן לקוניא זייגען מיט אים גיגאנגען רבי אבא ורבי יוסי ורבי חייא · זאגט רבי אבא וואש מיינט דער פסוק ויאמר ה' אלי אל תצר את מואב אונ עש שטייט וקרבת אל מול בני עמון אמער זיי זייגען דאך ביידע גליך גיוועזן אז מען טאר זיא ניט טאן אונ מיר האבין גילערינט אז דיא ישראל האבין זיך גיוויזין צוא דיא בני מואב האבין זיא זיך אנטקעגין זיא גיוויזין מיט אלע כלי מלחמה אונ האבין זיך מיט זיא מתגרה גיוועזן אונ אנטקעגין דיא בני עמון האבין זיא זיך גיוויזין אן כלי זיין אונ האבין זיך ניט גיטארט רייצין מיט זיי · אונ דא אין פסוק זייגען זיא ביידע גליך · זאגט רבי אלעזר מיר האבין דאך גילערינט ווייל דיא ערשטע טאכטער פון לוט האט גירופין איר זון מיט חציפות מואב דאש איז טייטש איך האב גיוואנען פון מיין פאטער דרום האט מען אנטקעגין אים אויך גיטאן חציפות אבער דיא אנדערע האט אים גירופין בן עמי זיא האט באהאלטין אונ פאר דעקט איר מעשה דרום האט מען אנטקעגין זיא אויך ניט גיטארט ווייזין קיין חציפות נייערט מען האט זיך גיוויזין צוא זיא אזו וויא גוטע ברידער · אזו וויא זיא גייען דר מאנט זיך רבי אלעזר אז רבי יצחק מיט רבי יהודה האבין דער ציילט זיין פאטער פון דעם ינוקא דאש קליין קינד פון פינף יאר האט רבי אלעזר אויף זיך גינומען אז ער זאל גיין זעהען דאש גרוישע אור פון דעם קינד איז ער אראפ גיגאנגען פון דעם וועג דרייא מייל · אונ איז גיקומען צוא דעם ארט פון דעם ינוקא אונ זיא זייגען טאקע אין דער שכונה פון דעם ינוקא איין גישפאנען אונ בשעת זיא זייגען אן גיקומען האט מען אן גיריכט דעם טיש צוא דעם ינוקא ער זאל עסין וויא ער האט זיא דער זעהען איז ער ארויש גיגאנגען אנטקעגין זיא אונ זאגט גייט אריין איר חסידים גייט אריין איר וואש איר זייט דאש פלאצין פון דער וועלט דאש דיא עליונים ותחתונים קומען איך משבח זיין אונ אפילו דיא פיש פון דעם ים הגדול גייען ארויש צוא איך אזו קימט רבי אלעזר אונ קושט אים אויף זיין קאפ אונ קערט זיך אום אונ קושט אים אויף זיין מויל אונ זאגט דאש ערשטע קושין איז גיוועזן אויף דיא דגים וואש זיא לאזין דאש וואסער אונ גייען אויף דער יבשה אונ דאש אנדערע קושין איז אויף דיא ביצי דגים וואש זיא האבין גילאזט איין גוטע פרי אויף דער וועלט ·

זאגט דער ינוקא אין איערע מלבושים אין דעם ריח פון זייא זעה איך אז עמון ומואב איז דאך אין אייך מתגרה כלומר איר האט גפרעגט דיא קשיא וואש אויבין שטייט אויף עמון ומואב וויא אזו זייט איר ניצול גיווארין פון זייא איר האט דאך קיין כלי מלחמה ניט אין איערע הענט ווען איר זאלט האבין כלי מלחמה וואלט איר גיגאנגען זיכערלך אן מורא · רבי אלעזר מיט דער חברייא פאר וואונדערין זיך זייער זאגט רבי אבא זכאה איז אונזר חלק וואש מיר האבין דאש זוכה גיוועזן צוא זעהען · זייא האבין אן גיגרייט דעם טיש אזו וויא פריער זאגט דער ינוקא צוא זייא איר חכמים איר באגערט לחם עינג צו עסין אויף אזו איין טיש וואש איז אן כלי מלחמה וכלי זיין דער עיקר שולחן וואש איז עולה למעלה איז נאר אזו איין טיש וואש איז דרויף איין מלחמה אונ אז ניט איז ער ניט עולה לרצון זאגט רבי אלעזר צוא אים בני החביב האהוב הקדוש דוא הייליגער גיליבטער קינד אזו וויל איך · דען מיט כלי מלחמה האבין מיר עוסק גיוועזן אונ מיר ווייסין וואול מלחמה צוא האלטין מיט חרב קשת וברומח ואבנים דקירטא אונ דוא בישט נאך איין יונג קינד דוא ווייסט נאך ניט אונ דוא האשט נאך ניט גיזעהען וויא אזו מען האלט מיט זייא מלחמה · דאש קינד פרייט זיך זייער אונ זאגט וודאי האב איך ניט גיזעהען אבער עש שטייט דאך אל יתהלל חוגר כמפתח עש זאל זיך ניט לויבין דער וואש טוט אן זיין שווערד אין זיין זייט · זייא ריכטין אן דעם טיש מיט ברויט אונ מיט אלץ וואש מען באדארף זאגט רבי אלעזר וויא גאר שמחה איז אין מיין הארץ מיט דעם ינוקא אונ כמה חידושים וועט באנייט ווערין אויף דעם טיש אונ איך האב גיזאגט אז כמה הייליגע קולות קלינגען אין דעם קינד כלומר כמה סודות איז פאר האנגין אין אים וואש קלינגען פון אים זאגט דער ינוקא ווער עש באגערט צוא עסין ברויט דורך דעם חרב זאל עסין פרייט זיך רבי אלעזר אונ גינעהענט זיך צום ינוקא אונ זאגט אים וויל דוא לויבשט זיך זאלשטו נעמען צום ערשטין דיין כלי מלחמה אין דער האנט איך האב גימיינט אז עש וועט ערשט זיין נאך דעם עסין אבער איצונד ווער עש באגערט זאל נעמען זיין כלי מלחמה אין דער האנט זאגט רבי אלעזר צוא דעם ינוקא נאך אמאל צוא דיר איז ראוי דוא זאלשט נעמען דיין כלי מלחמה אונ צוא ווייזין זייא וואש דוא האשט אונ קענשט · הייבט אן דער ינוקא אונ זאגט עש שטייט והיה באכלכם מלחם הארץ תרימו תרומה לה' דער פסוק איז גזאגט גווארין אויף תנופה אונ וואש הייסט תנופה · אויב דוא ווערסט וועלין זאגין וויל דער כהן הייבט דאש אויף למעלה הייסט דאש תנופה · וואש קומט מיר דען דער פון ארויש ציא דער כהן הייבט דאש ארויף אדער אראפ · אונ דאש איז גאר תרומה חאטשי מיר דרשינן אז דאש ווארט תרומה מאכט תרי ממאה דאש הייסט מען דארף אפ שיידין צווייא פון הונדערט אונ עש איז אזו דיא הלכה אבער דאש ווארט תנופה איז אגרוישר סוד החכמה אלהי אונ איר חסידים קדושים איר זייט הערין וואש קענען האלטין מלחמה מיט שפיזין איר האט אבער ניט משמש גיוועזן צוא רבי שמעיה חסיד איר זאלט ווישן וואש דאש ווארט תנופה באטייט אונ וואש הייסט חטה אונ וואש הייסט שעורה דען דאש ווארט תנופה איז צווייא ווערטער תנו פה גיט מיט איער מויל כבוד לה' אלהיכם דעם סוד וואש הייסט פה למעלה מאכן איין יחוד צוא הקב"ה דרום מוז מען דאש מויל אויף הייבן צוא ווייזן דאש דער עיקר שבח איז למעלה למלך עליון אז מען

גיט אים אפ כבוד איז דענסט מאל פה דאש איז בקיצור גשריבן גווארן פיל סודות דרך נגלה וויל דער פשוטר פשט איז אויך רעכט מען דארף לויבין צוא הקב"ה מיט דעם מויל חטה באטרעפט צווייא אונ צוואנציג דאש איז אנטקעגין דיא כ"ב אותיות התורה זאגט רבי אלעזר בריך רחמנא גילויבט איז השי"ת דער רחמן וואש ער האט מיך אהער גשיקט זאגט דער ינוקא דער עיקר סעודה אויף דם טיש איז נאר לחם ויין אונ דיא איבעריגע מאכלים ציהען זיך שוין נאך זייא דרום האט דיא תורה גבעטין אונ זאגט לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי איך בעט אייך וויל דיא תורה האט אייך אן גבריים צוא איר אכילה לחם ויין אונ באגערט פון אייך איר זאלט עסין איר לחם ויין דארפט איר צוא ליב טאן ממלא זיין איר רצון זאגן זייא בוודאי איז אזו האבין זייא זיך גזעצט עסין אונ זיינען זיך מיט אים זייער משמח אונ האבין זיך פאר זאמט ביא דער סעודה הייבט ער אן צוא זאגן עש שטייט ויאמר מואב אל זקני מדין ווארום שטייט ניט אז דיא זקני מואב האבין גזאגט צוא דיא זקני מדין נאר דיא יונגע האבין גנומען איין עצה פון די אלטע אונ די אלטע האבין זיך נאך זייא נאך גצויגין האבין דיא זקני מדין צוא זייא גזאגט מיר האבין צווישן אונז מגדל גוועז אשלעכטן גידול דאש הייסט זייער רבי משה איז ביא אונז מגודל גווארין אין מדין דאש הייסט יתרו האט אים מגדל גוועזן אין זיין הויז אונ האט אים גגעבין זיין טאכטער פאר איין ווייב אונ ניט דאש אליין ער האט אים נאך גגעבין געלט אויך · אונ האט אים גשיקט פאר לענדן דאש גאנצע לאנד מצרים אונ דער יתרו מיט זיין גאנץ הויז גזינד האבין צוא גהערט זיינע רייד ווען מיר זאלין קענען זייער רבי אויש רייסן מיד תיכף וואלט דאש גאנצע פאלק אויש גריסין גווארין פון דער וועלט אונ דיא גאנצע עצה פון פעור איז אלץ גוועזן פון דיא זקני מדין עש איז אלץ גוועזן מען זאל משה מאכן זינדיגן אונ מחמת דער עצה האבין זייא גשיקט רופין בלעם אן זייא האבין גזעהען אז בלעם קען זייא אויך ניט העלפן האבין זייא זיך אנאנדער עצה רעה גהאלטין פון זיך זעלבערט זייא זאלן מפקיר זיין זייערע ווייבר מיט זייערע טעכטער נאך מער פון מואב דען אויף דיא ווייבער פון מדין שטייט הן הנה היו לבני ישראל אונ עש איז אלץ ארויש גקומען פון מדין זייא זיינען גגאנגען אונ האבין גנומען איין עצה פון דעם עלצטין פון מדין ער זאל זיין טאכטער פון מדין מפקיר זיין לזנות זייא האבין אלץ גמיינט אז משה וועט אריין פאלן אין זייערע הענט ארין דורך איר דען זייא האבין גזעהען אז איין ראש ישראל וועט אריין פאלן אין זייער נעץ אריין אבער זייא האבין ניט רעכט גזעהען זייא האבין דיא כזבי בת נשיא מדין אן גטאן בכל מיני כישוף כדי זיא זאל צוא זיך באקומען דעם ראש פון דיא ישראל אבער הקב"ה האט פאר קערט זייער חכמה זייא האבין דיא כזבי מפקיר גוועזן לזנות אונ האבין איר אן גזאגט זיא זאל קיינעם ניט וועלין צוא הערין לזנות נאר צוא משה אליין האט זיא זייא גפרעגט וויא אזו וועל איך ווישן וועלכער איז דער משה זאגין זייא צוא איר אז דוא וועשט זעהען אזעלכין וואש אלע שטייען פאר אים אזו וויא פאר איין נשיא מיט דעם זאלשטו מזנה זיין ניט מיט קיין אנדרין אונ אז עש איז גיקומען זמרי בן סלוא נשיא בית אב לשמעוני אונ פאר אים זיינען גישטאנען פיר אונ צוואנציג טויזנט וויל ער איז גיוועזן זייער נשיא האט זיא גימיינט אז דאש איז משה האט זיא מיט אים מזנה גיוועזן אונ אז דיא אלע זיינע מענטשין האבין דאש פון אים גיזעהען האבין זייא

איך

אויך אזו גיטאן אבער דער עיקר עצה איז גיוועזן פון דיא זקני מדין דרום האט הקב"ה גיזאגט צוא משה נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים צוא דיר איז דאש ראוי זאלשט דאש טאן צוא מדין אונ צוא מואב וועל איך ווארטין ביז עש וועט פון זייא ארויש קומען דיא מרגליות טובה דאש מיינט מען רות המואביה וואש פון איר וועט דוד המלך ארויש קומען ער ווערט זיך ערשט נוקם זיין פון מואב אונ עש איז אזו גוועזן מדין זיינען גישטראפט גיווארין דורך משה רבינו אונ מואב איז גישטראפט גיווארין דורך דוד המלך דרום זאגט דוד מואב סיר רחצי איך וועל אויש וואשין דעם טאפ פון מואב · קום אונ זעה דעם חטא פון מדין זייא האבין ניט גירוט אונ האבין ניט אפ גילאזט דיא זאך ביז זייא האבין גיזעהען נאך אלע דורות אז יהושע איז גישטארבין אונ אלע זקנים וואש דורך זייא זיינען גישעהן גרוישע נסים זיינען שוין אויך ניט גיוועזן אויף דער וועלט האבין זייא גיזאגט אצונד איז דיא צייט מיר זאלין זיך נוקם זיין אין דיא ישראל זיינען זייא גיקומען צוא עמלק אונ זאגין אים דו גהערשט גידיינקין וואש דיא ישראל האבין דיר גיטאן אונ זייער רבי משה מיט זיין תלמיד יהושע האבין אונז פאר לענד פון דער וועלט היינט אז זייא האבין שוין גיט קיינער זאל אויף זייא מגין זיין איז דיא צייט אז מיר מיט אייך זאלין אויף זייא גיין מלחמה האלטין אזו וויא עש שטייט מדין ועמלק ובני קדם עש איז קיינר ניט גיוועזן ער זאל שלעכט טאן צוא דיא ישראל אזו וויא עמלק אבר הקב"ה וועט זיך אין אים נוקם זיין נקמות עולם לא תשכח זאגין דיא חברייא בוודאי איז אזו היבט ער אן נאך שטייט ויאמר ה' אלי אל תצר את מואב איז דאך קשה וואש דארף דיא תורה שטעלין דאש ווארט אלי צוא מיר האט ער גיזאגט אמער דיא גאנצע תורה האט דאך הקב"ה גיזאגט צוא משה נאר דאש ווארט אלי ווייזט מיר אז הקב"ה פאר ווערט מיר איך זאל זיך ניט נוקם זיין אין דיא מואבים ווייל רות המואביה וועט פון זייא ארויש קומען וויא דען עש וועט פון זייא אליין ארויש קומען איינער וואש ער וועט זיך פון זייא נוקם זיין דאש איז דוד המלך וואש ער וועט ארויש קומען פון רות דרום זאגט ער אלי נאר איך טאר מיט זייא קיין מלחמה ניט האלטין אבער אנדערר מעג מיט זייא מלחמה האלטין אויב דוא ווערשט פרעגין ווידער אז עש שטייט אלי האבין דאך יהושע מיט די זקנים גימענט מיט זייא מלחמה האלטין נאר ווייל זייא קומען ארויש פון דעם בית דין פון משה אונ וואש עש איז איבר גיענטפערט גיווארין צוא משה איז צוא זייא אויך אסור גוועזן אונ ווידער עש איז נאך ניט גיקומען דיא צייט פון דער מרגליות טובה דען רות המואביה איז ערשט גיבארין גיווארין אין דיא טעג פון דיא שופטים זיא איז דאך גיוועזן די טאכטער פון עגלון מלך מואב וואש אהוד האט אים גיהרגית האט זיא אלימלך גינומען צוא זיך פאר איין שנור אונ זיא האט זיך דאך ניט מגייר גיוועזן ערשט דער נאך האט זיא גיזאגט צוא נעמי עמך עמי ואלהיך אלהי אונ נעמה העמונית איז ערשט גיוועזן אין דער צייט פון שלמה המלך וואש זיא האט שלמה המלך גינומען פאר איין ווייב דרום האבין יהושע מיט דיא זקנים זיך ניט גיקאנט נוקם זיין אין מואב ביז דוד המלך איז גיקומען אונ האט זיך אין זייא נוקם גוועזן אזו וויא מיר האבין גיזאגט אין די אלע וואש האבין בייז גיטאן צוא דיא ישראל האט הקב"ה אין זייא גיטאן נקמות אונ נוטר שנאה גיוועזן אבער אז עש בדארפט עפיס גוטין ארויש קומען פון זייא איז זייא הקב"ה מאריך אף ביז דאש חלק הטוב גייט ארויש

פון זייא דער נאך איז ער זיך אין זייא נוקם זיין נקמה · זאגט רבי אלעזר עש איז בוודאי אזו דאש איז דר פון די לויטרי זאך · זאגט דאש קינד היינט איר חברייא גרייט אן אייער כלי מלחמה אונ הייבט אן מלחמה האלטין הייבט אן רבי אלעזר אונ זאגט עש שטייט ברכו ה' מלאכיו גבורי כח דוד המלך האט אן גיברייט אלע צבא השמים כוכבים ומזלות אויך אנדערע חיילות אונ האט משתף גיוועזן צו זייא זיין נשמה אונ מיט דעם נפש האט ער גומר גיוועזן אונ גיחתמית אונ האט אויש גילאזט אלע ברכות אונ האט גיזאגט ברכי נפשי את ה' דען אלץ ווערט נכלל אין דעם נפש פון דוד איידער דיא ישראל זיינען גיקומען האבין דיא מלאכים משלים גיוועזן דיא עשיה דרום שטייט עושה דברו בייא דיא מלאכים אבער אז דיא ישראל זיינען גיקומען צוא דעם בארג סיני אונ האבין גיזאגט נעשה ונשמע האבין זייא צו גינומען בייא די מלאכי השרת זייער מדריגה איז שוין בייא דיא ישראל אליין דיא מדריגה · זאגט דאש קינד היט זיך אונ זייא מצליח האבין זייא דען נאר דעם שבח אליין צוא גינומען מער ניט זאגט רבי אלעזר דעם שבח האב איך גיפונען אונ ניט קיין אנדרע זאגט דאש קינד ווייל דיין שווערד וויל דיר ניט מצליח זיין דאש הייסט דוא זאגשט ניט אזו וויא מען דארף גיב אים צוא איין אנדרין וואש קען רעכט מלחמה האלטין דען דער שבח עליון וואש איז ניט איבער גיענטפערט גיווארין נאר צו דיא מלאכים אליין דאש איז קדושה איז צוא זייא אסור מקדש זיין פאר דיא ישראל אז דיא ישראל זיינען מקדש אונ זאגן דרייא מאל קדוש דער נאך זיינען זייא מקדש למעלה אזו וויא עש שטייט וקרא זה אל זה דען גייט אויף דיא קדושה פון דרייא עולמות דרום שטייט וקרא זה אין איינש אל זה איז צווייא ואמר איז דרייא דיא דרייא עולמות זיינען אנטקעגין דיא דרייא קדושות אונ דרום איז דאש דער שבח פון דיא ישראל וואש זייא האבין צוא גינומען דיא קדושה למטה · זאגט רבי אלעזר עש איז בוודאי אזו אונ אזו האט מען דאש מפורש גיוועזן דען דיא דרייא קדושות זיינען נמסר גיווארין למטה צוא דיא ישראל אונ פון דעם פסוק לערינט מען עש אפ עם שטייט והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני ה' והתקדשתם איז איינש והייתם קדושים איז צווייא כי קדוש אני ה' איז דרייא ער זאגט ווייטער גרויסע סודות אונ זאגט דעם סוד פון ברכו את ה' אונ דרום טאר מען דעם חבר ניט געבין קיין שלום פאר דעם דאוונען דען ער ציהט אויף זיך דעם כח הטומאה ווארום איין מענטש גיהער פריער אויף זיך מושך זיין די שכינה · זאגט דאש קינד אצונד זעה איך אז דער כח פון דיין האנט איז שלאף צוא שלאגן מיט איין שווערד אונ מיט איין שפיז אצונד איז ניט דיא צייט צוא ווארטין נאר צוא שלאגין מיט דעם שליידער איין שטיין נאך דעם אנדרין דאש זיינען גרוישע סודות · האבין זיך רבי אלעזר מיט רבי אבא אונ מיט דר גאנצער חברייא זייער גיפרייט אונ דאש קינד זאגט ווידער גרוישע סודות אויף דעם פסוק שחורה אני ונאוה זיינען גיקומען די חברייא אונ האבין אים גיקושט זאגט רבי אלעזר ווען יחזקאל הנביא זאל דאש גיוועזן זאגין וואלט עש גיוועזן אוואונדער אויף דער וועלט האט אים רבי אלעזר גינומען אונ האט אים נאך איין מאל גיקושט זאגט דאש קינד איך וויל בענטשין זאגין זייא בענטש אונ צוא דיר איז שיין דוא זאלשט בענטשין זאגט ער כמה אותיות הקדושים כמה ברכות איז צוא אייך אן גיברייט ווייל איר האט ניט פאר מיטן פון מיר דאש בענטשין · ער הייבט אן צוא זאגין עש שטייט מונע בר יקבוהו לאום וברכות

לראש משביר דער פסוק איז אין תורה אזו וויא דער פשוטר פשט אבער
מיר האבין גילערינט איטליכער מענטש איז מחויב צו בענטשין אונ
ווער עש קען אליין ניט בענטשין זאל זיין ווייב אדער זייניע קינדער
בענטשין · אונ מיר האבין גילערינט עש זאל קומען איין קללה אויף
דעם מענטשין וואש ער דארף אז זיין ווייב אונ קינדער זאלין פאר
אים בענטשין אונ אפילו ער קאן אליין דאש טאן איז ער מחויב
גיוויינען זיין קינד דער מיט אים צוא געבין איין כוס של ברכה צוא
בענטשין אונ ווער עש פאר מייד פון זיין קינד ער גיוויינט אים ניט
מיט מצות ווערט ער פאר פלוכט פון הקב"ה ושכינתיה וואש זיא
היישט אם הבנים ווייל ער האט אים פאר מיטן צוא בענטשין צוא המלך
הקדוש דאש קינד זאגט איך בין איין בן יחיד ביא מיין מוטער גיט
מיר דעם כוס של ברכה ווער איך בענטשין להקב"ה המלך הקדוש
וואש ער האט אייך גימאכט טרעפין אין מיין מנטערש הויז אזעלכע
אנשים יראי אלהים גאנץ גרוישע לייט וואש איך האב פאר זיא גירעט
דברים הזקים שטארק היילגע רייד אונ האב דאש זוכה גיוועזן דרום וויל
איך בענטשין · נאר פריער וועל איך פאר ענטפערין דעם פסוק מונע בר
אזו וויא עש דארף צוא זיין האט ער אויף אים גיזאגט גרוישע סודות
מכאן ואילך פון היינט אן אונ ווייטער איר חבריא בריט אייך אן וועלין
מיר בענטשין האבין זיא אים גיגעבין דעם כוס של ברכה אונ האט
גיבענטש · זיינען דיא גאנצע חבריא גיוועזן זייער בשמחה ובחדוה
דען פון דער חתונה פון רבי אלעזר איז ניט גיוועזן אזו איין שמחה
צווישין דער חבריא אזו וויא דעם טאג אונ זיא האבין גיבענשט דעם
ינוקא מיט גרויש שמחה וברצון הלב · יזאגט דער ינוקא איר זאלט
זיך ניט אפ שיידין פון מיר נייערט מיט דברי תורה אונ אזו האבין
מיר גילערינט עש שטייט והי' הולך לפניהם יומם כו' אונ זאגט ווייטער
גרוישע סודות האבין זיא אים גיקושט אונ האבין אים גיבענשט אונ
זיינען אוועק גיגאנגין זייער וועג דער נאך זיינען זיא גיקומען פאר
רבי שמעון אונ האבין אים דער צייילט דיא גאנצע זאך האט ער זיך
זייער פאר וואונדרט אונ זאגט דיא זאך איז זייער גוט נאר ער ווערט
ניט לאנג לעבין ער וועט ניט מפורסם ווערין מיט זיין נאמען ווארום
איין קליין שטיקל האלץ וואש ברענט אין אים דאש פייער זייער
שטארק ווערט עש גיך פאר ברענט אונ גייט באלד אויש אונ ווידער
איך האב דאך אייך גיזאגט פון וואנען דאש ליכט קומט ארויש רבי
שמעון הייבט אן אונ זאגט עש שטייט גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך
וועלכער מענטש איז איין גבור בארצדער וואש איז איין גבור בתורה
אונ איין גבור ביצירה דער היישט איין גבור בארץ עש גייט ארויש זיין
ליכט אונ עש ציהט זיך פון אים ארויש איין גרויש ציהונג מיט
ליכטיקייט דען איז דור ישרים יבורך זאגט רבי אבא מיר זעהען דאך אז
קליינע קינדער זאגין איין מאל דברים עליונים גאנץ הויכע זאכין אונ דער
נאך בלייבין זיא ראשים אויף דר וועלט אונ זיינען מאריך ימים זאגט
רבי שמעון אזו איין קינד וואש ער זאגט איין זאך אדער צווייא אן
כוונה זאל מען מובטח זיין אין אים אז ער וועט זוכה זיין צוא לערנען
תורה צוא דיא ישראל · אבער אזעלכער וואש זיין ליכט שטייט שוין
אין איין רעכטין שטאנד מיט איין דעה שלמה מיט כוונה דער איז ניט
אזו וויא יענער ער קאן ניט מאריך ימים זיין אונ ווידער דען הקב"ה
האט לוסט צוא שמעקין אזו איין עפיל נעמט ער אים צוא זיך פיל
זוכה איז זיין חלק מיט אייער חלק איר צדיקים דאש אויף אייך האט

דער פסוק גיזאגט ויספה פ ית יהודה הנשארת שורש למטה ועשה פרי למעלה
שורש למטה מיינט מען זיין פאטער וואש ער איז שון אוועק גינאנגין
פון דער וועלט איז ער שורש למטה אין דער ישיבה פון מט"ט וואש
זיא היישט כתיבתא דרקיע ועשה פרי למעלה מיינט מען די ישיבה פון
הקב"ה וואש פאר איין גוטקייט איז דער שורש אונ דיא פרי אונ ווען
הקב"ה זאל צו זיא ניט האבין קיין לוסט לריח ניחוח פאר איין גישמאקין
ריח וואלט קיין שום מקטרג ניט גיקאנט אויף זיא מקטרג זיין ער זאל
זיא עפים שלעכטיץ טאן נאר פון דעסט וועגין בעט איך אז עש זאל
זיין דער ווילן פאר הקב"ה אז זיין מוטער זאל אין אים קיין צער ניט
האבין אונ עש איז אזו גיוועזן אזו וויא רבי שמעון האט גיזאגט וואול
איז דער חלק פון דיא צדיקים ווייל זיא היטין דעם היילגין צייכין
דרום זיינען זיא זוכה צוא היילגע אונ גוטע קינדער אונ דורך זיא
זיינען זיא זוכה לארץ עליונה אזו וויא עש שטייט ועמך כולם צדיקים וגו' :
ואת בלעם בן בעור הרגו בחרב זאגט רבי אלעזר פון וואנען קומט דער בלעם
זאל דארטין זיין אונ ווער האט אים גיהרגית זאגט רבי יצחק
פנחס מיט זיין חבריא האבין אים גיהרגית אזו וויא עש שטייט
הרגו על חלליהם אונ ווען עש זאל ניט גיוועזן זיין דער ציץ הקודש אונ
דיא תפלה פון פינחס וואלט מען אים ניט גיקענט מאכין אראפ
פאלין דרום שטייט על חלליהם זיא זיינען אראפ גיפאלין אויף דיא
חללים אויך שטייט ואת בלעם בן בעור הקוסם הרגו בחרב זאגט רבי אלעזר
דאס ווייש איך אליין וואול זאגט רבי שמעון מיין קינד רבי אלעזר
דיא גאנצע מעשה פון בלעם האבין דיא חבריא זייער טיף מפורש
גיוועזן עש שטייט ולא קם נביא עוד בישראל כמשה דאש היישט נאר ביא
דיא ישראל איז ניט גיוועזן נאך אזו איין נביא וויא משה רבינו אבער
ביא דיא אומות העולם איז גיוועזן אזו איין נביא וויא משה אונ דאש
מיינט מען בלעם איז גיוועזן וואש זיין גלייכן איז ניט גיוועזן אזו וויא משה
רבינו איז אין דער קדושה ניט גיוועזן זיין גלייכן בכל ישראל ממילא אז
בלעם איז גיוועזן אין אזו איין הויכע מדריגה פון דער טומאה אונ אזו
איין חכם וואש ער האט זיך באריהמט מיט זיין כח אונ האט גזאגט ואנכי
אקרה כה איך וועל אויש רייסן דיא קדושה וואש זיא היישט כה וויא אזו
האט מען אים גיקאנט הרגנן נאר אין דעם ספר פון שלמה המלך שטייט
אז עש איז פאר האנדן דרייא סימנים · סימנין לעבירה · ווען אייגער איז
איין בעל עבירה איז איין סימן ירקון איז זיין פנים געל אונ גרין סימן
לשטות ווען אייגער איז איין שוטה איז איין סימן מרבה דברים ער רעט
פיל רייד ווייזט דאש אז ער איז איין שוטה סימן לשאינו יודע דער סימן אז
ער ווייש ניט אונ קען גאר ניט התפארות אז ער באריהמט זיך זייער אונ
דיא אלע דרייא סימנים זיינען גוועזן אין דעם רשע אויב דוא וועשט
וועלן פרעגן עש שטייט דאך יהללך זר איין פרעמדער זאל דיך לויבן ולא
אונ אז איין פרעמדער לויבט דיך ניט פיך זאלסטו דיך אליין לויבן וואש
דען זאגשטו ווער עש באריהמט זיך דער ווייש גאר ניט נאר עש איז ניט
אזו דער פשט פון דעם פסוק נאר דאש איז דיא רעכטע טייטש יהללך זר
אפרעמדער זאל דיך לויבן ולא אבער ניט אז דוא קומשט אין איין פרעמדער
שטאט אריין וואש מען קען דיך ניט זאג איך דיר פיך מעגשטו זיך
אליין לויבן היישט עפין אויף דיין מויל צוא ריידן דברי תורה אונ
זאלשט מודיע זיין דברי אמת אין דער תורה דען וועט דיין מויל מודיע
זיין וואש דוא בישט ווארום דער עיקר דער קענט מען דעם מענטשין
פון זיין מויל אונ דער בלעם האט גיגנבית דיא דעה פון מענטשין פון

נאר

נאר קליינע זאכן האט ער דער פון געמאכט גאנץ גרויסע זאכן מיט פיל רייד אונ וואס ער האט גזאגט איז אלץ געוועזן מצד הטומאה ער האט גזאגט אמת נאר ער האט זיך באריהמט בדרך נסתר מען זאל מיינען אז דאס איז אלץ פון דער קדושה ער האט גזאגט נאום שומע אמרי אל ויודע דעת עליון ווער עס האט דאס געהערט האט מען גימיינט אז ער איז גרעסער פון אלע נביאים וואס זיינען געוועזן אויף דער וועלט אונ דאך איז דאס אמת ווארום אין דער צד הטומאה איז ער גרעסער געוועזן פון אלע דרום האט ער גזאגט שומע אמרי אל דען ער האט זיך באהעפט אין דעם אל אחר וואס עס שטייט כי לא תשתחוה לאל אחר אבער ביי הקב"ה שטייט האל תמים דרכו הקב"ה ווערט אן גירופין האל מיט איין ה"א אונ ער האט גזאגט אמרי אל ויודע דעת עליון דאס איז די גאנץ אויבערשטע מדריגה אין דער טומאה דאס איז דער רב החובל דער שיף מייסטער דארטין איז געוועזן זיין מדריגה אונ דער רשע האט סתם גזאגט ויודע דעת עליון מען זאל מיינען חס ושלום אז דאס איז דעת הקדושה אונ ער האט נאר גימיינט ער האט איין אחיזה אין דער העכסטער מדריגה פון דער טומאה ער האט אוועק גיגנבית דעם שכל פון מענטשין מיט זיינע רייד מען האט איין טעות גיהאט אין זיינע רייד מען האט גמיינט אז ער זאגט דאס אלץ אויף דער קדושה אויך האט ער גיזאגט אשר מחזה שדי יחזה ווער עס האט דאס געהערט האט ער גמיינט אז ער זעהט אין אזו איין מדריגה וואס קיין שום נביא האט דאס ניט גזעהן אונ דער אמת האט ער נאר גימיינט עס גייט ארויס איין צווייג פון דיא צווייגין וואס דאס הייסט מחזה דאס מיינט ער עז"א ועזא"ל וואס זיא זיינען נופל וגלוי עינים דיא דאזיגע האט ער גיזעהען וואס זיא זיינען ארויס גיקומען פון דער קדושה וואס זיא הייסט שדי זייא זיינען גישטראפט גיווארין האט מען זייא אראפ גיווארפין פון דעם הימיל אזו וויא מיר האבין אויבין גזאגט אזו וויא עס שטייט ומול כחזה אל מחזה נאר פון וואנען קומט בלעם אהער אמער עס שטייט דאך ער האט גיזאגט ועתה הנני הולך לעמי ער איז דאך אוועק גיגאנגען פון מדין אונ איז שוין דארטין ניט געוועזן וויא אזו האבין זייא אים דארטין גיהרגית נאר וויא דער רשע האט גיזעהען אז דורך זיין עצה זיינען פון דיא ישראל גיפאלין פיר אונ צוואנציג טויזינט האט ער שוין ניט גיוואלט אוועק גיין ער האט זיך פאר זאמט אונ האט גימאנט מען זאל אים דער פאר באצאלין דער וועיל וויא ער האט גיווארט פון וועגין דעם שכר איז גיקומען פנחס מיט זיין חיל וויא ער האט זייא דער זעהען איז ער גיפלויגין אין דער לופטין אזו וויא זיינע צוויא זין יונים וימברוס האבין גיטאן בשעת מעשה העגל דאס זייא האבין מיט זייער כישוף גמאכט דאס עגל אזו וויא עס שטייט ויפול מן העם ביום ההוא כשלשת אלפי איש אזו וויא דרייא טויזינט מענטשין איז דאך קשה עס איז דאך פאר האנדין אין דר תורה גרעסערע חשבונות שטייט ארויס מיט דר גאנצער צאל אונ דא שטייט ניט דיא גאנצע צאל נאר כשלשת אלפי איש אלא דאס מיינט מען דיא צוויא זין פון בלעם וואס זיא זיינען גרויס געוועזן אזו וויא דרייא טויזינט מענטשין אונ דער בלעם האט וואול גיוואוסט אלע מיני כישוף האט ער גינומען דיא חרשים מיט דעם כישוף וואס זיינע קינדער פלעגין טאן אונ איז גיפלויגין אין דער לופטין וויא פינחס האט דאס דער זעהען אז א מענטש שוועבט אין דער לופטין אונ ווערט אלע מאל פאר הוילין ער ווערט ניט גיזעהען האט ער גישריען מיט איין קול צוא זיין חיל אונ זאגט צוא זייא אפשר איז פאר האנדין איינער

צווישין אייך וואס ווייסט צוא פליהען נאך דעם רשע דען דאס איז בוודאי דער בלעם פליהט אין דער לופטין איז דארטין געוועזן איינער פון שבט דן ער האט גיהיישין צליה איז ער אויף גישטאנען אונ האט גינומען דעם כח וממשלה וואס איז שולט איבער אלע מיני כשפים אונ איז אים נאך גיפלויגין וויא דער רשע האט אים דער זעהען איז ער איבער גיפארין אויף אנאנדער וועג אונ האט גישפאלטין פינף אוירים אויף דעם וועג אונ איז פון אים פאר הוילין גיווארין אין דער צייט איז דער צליה געוועזן מסוכן אונ האט גיהאט גרויס צער ער האט ניט גיוואוסט וואס ער זאל טאן אזו האט פנחס אויף גיהויבין זיין קול אונ האט גישריען דוא שאטין פון דעם נחש וואס ער הערשט איבער אלע נחשים פאר קער דיינע האר דאס הייסט דיא כוחות פון דעם ס"מ ונחש וואס זיינען איבער אלע נחשים וואס זייא האבין פאר שטעלט צוא בלעם מען זאל אים ניט זעהען אזו האט פנחס גישריען דער צל הקודש זאל מבטל זיין דעם צל הטומאה דורך צליה דאס דער רשע זאל ניט קענען ווערן פאר הוילין דרום פאר קער דיינע כוחות זאל בטל ווערן פאר אים מיד האט דער צליה דר זעהן אין וואסר אוועג ער איז· איז ער צוא אים גיקומען האבין זייא ביידע אראפ גנידערט פאר פנחס · קום אונ זעה עס שטייט ביי דעם רשע וילך שפי דאס איז איין מדריגה עליונה איין נחש זכר איז ער נאך גיגאנגען אבער צליה האט גינומען דעם כח פון איין נחש זכר ונקבה אונ מיט דעם האט ער שולט געוועזן אויף אים דרום ווייל ער האט גינומען דיא מדריגה וואס איז אויף אים שולט דאס איז שפי פון דעם האט ער מכניע געוועזן דעם כח פון דעם נחש וואס בלעם האט גהאט דרום שטייט יהי דן נחש עלי דרך דאס איז שמשון הגבור שפיפון עלי אורח דאס איז צליה וואס ער האט שולט געוועזן אויף דעם וועג וואס בלעם הרשע האט זיך גימאכט וואס ער איז גיפלויגין אין דער לופטין הנושך עקבי סוס דאס איז עירה וואס ער איז געוועזן מיט דוד המלך אונ ער האט גוויזין פיל גבורות ער איז אויך געוועזן פון שבט דן אויף אים שטייט ויעקור דוד את כל הרכב · ויפול רוכבו אחור דאס איז שריה וואס ער וועט קומען מיט משיח בן אפרים ער איז אויך פון שבט דן אונ אז ער וועט אויף שטיין אזו וועט מען האבין איין האפנונג צוא דר גאולה דרום זאגט ווייטר דער פסוק לישועתך קויתי ה' אונ אז בלעם האט אראפ גנידערט פאר פינחס זאגט פינחס צו אים רשע כמה שלעכטע זאכין האסטו גטאן אויף דעם הייליגן פאלק זאגט פנחס צוא צליה זייא אים ממית נאר ניט מיט דעם שם דען ער איז ניט ראוי מען זאל אויף אים דער מאנען דעם שם הקודש העליון כדי זיין נשמה זאל ניט ארויס גיין אונ נכלל ווערן במדריגת הקדושים אזו וועט אין אים מקוים ווערן וואס ער האט אויף זיך גזאגט תמות נפשי מות ישרים באותו שעה האט ער אים אן גטאן כמה מיני מיתות אונ ער איז דאך ניט גשטארבין ביז ער האט גנומען איין שווערד וואס דרויף איז גמאכט גווארין איין נחש אויף דער זייט אונ איין נחש אויף דער אנדערער זייט ער זאגט מיט זיינעם זיי אים ממית אונ מיט זיינעם איז ער גשטארבין דען ער האט אים גיהרגית אונ אזו איז דער סדר פון דעם צד הטומאה דר וואס גייט נאך מעשה טומאה אזו שטארבט ער דורך דעם אונ דער מיט גייט אים אויס זיין נשמה אונ אין דעם ווערט זיין נשמה נכלל אונ אזו איז בלעם אויך גשטארבין מען איז אים דן אויף יענער וועלט מיט גרוישע דינים אונ ער איז זיין טאג צוא קבורה ניט גיקומען אונ זיינע ביינער זיינען אים פאר פוילט גווארין אונ עס איז

גווארין

גווארין פון זייא שלאנגען אפילו דיא ווערים וואש האבן גגעסין זיין פלייש זיינען אויך גווארין שלאנגן · מכאן והלאה מיין זון אלעזר וואש הקב"ה האט מיט אים גטאן זיינען גרוישע סודות וואש מען קען ניט מגלה זיין נאר ווייל די חבריא זיינן דא ווישין זיי גרוישע סודות האב איך איך דאש מגלה גווען אונ דאש איבעריגע איז פון דיא סתומין פון דיא פאר בארגענע זאכין פון דר וועלט אונ דיא לייט ווישן גאר ניט דיא נפלאות סתומים עליונים · אויף דעם רשע אונ אויף זיין גלייכן איז גזאגט גווארין ושם רשעים ירקב זכאין זיינען דיא צדיקי אמת אויף זייא שטייט גשריבין אך צדיקים יודו לשמך וגו' :

רבי אבא זאגט מיר האבן גלערינט אז איבער עלף זאכין קומען נגעים אונ דאש זיינען דיא עלף זאכין · עבודת כוכבים · קללות השם · גילוי עריות · גניבה · לשון הרע · עדות שקר · המקלל את הדיין · שבועת שוא · אונ ווער עש גייט אויף דעם תחום פון זיין חבר · אונ ווער עש טראכט שלעכץ אויף זיין חבר אונ ווער עש מאכט קריג צווישן לייט · אונ אטייל זאגן אויף עין הרע קומט אויך נגעים · אונ דער זוהר ברייננט אויף אלע ראיות פון פסוקים · דער פלשתי האט מקלל השם גווען האט אים דוד גזאגט היום הזה יסגירך אזו וויא ביא נגעים שטייט והסגיר הכהן אזו מיינט ער דא אויך נגעים · דער פלשתי איז גווען איין קרוב מיט דוד דען ער איז גווען דער זון פון ערפה אונ אז דער פלשתי האט גשאלטין צוא דוד אזו וויא עש שטייט ויקלל הפלשתי את דוד באלהיו האט אין אים דוד גקוקט מיט איין עין הרע אונ וויא דוד האט גקוקט בעין הרע האט זיך דרויף גצויגין צרעת אזו אויך אז דוד האט גקוקט אויף יואב בעין הרע אזו וויא עש שטייט ולא יכרת מבית יואב זב ומצורע אזו אויך ביא דעם פלשתי וויא באלד דוד האט אויף אים אשלעכטין קוק גטאן שטייט תיכף ותטבע האבן במצחו האט זיך באהעפט צרעת אין זיין שטערין אונ דאש אויג פון בלעם איז פאר קערט גווען פון דעם אויג פון דוד דען דאש אויג פון דוד איז גוועבט גווען מיט אלערלייא גשטאלט עש איז אזו איין שיין אויג ניט גזעהען גיווארן אלערלייא גשטאלט פון דער וועלט האט דרינען גפינקלט אונ אלץ מיט פיל רחמים צוא דעם וואש איז גווען איין ירא שמים אזו וויא עש שטייט יראיך יראוני וישמחו זייא פרייען זיך אז זייא זעהען מיך אונ אלע רשעים האבין זיך דער פאר גפארכטין אבער דאש אויג פון בלעם איז גווען איין עין רעה צוא אלע וואו אהין ער האט אקוק גיטאן האט ער עש פאר דארבן אזו וויא אפלאם פייער עש איז נאך אזו אשלעכט אויג ניט גווען אויף דער גאנצער וועלט דר היפוך פון דוד המלך זאגט רבי אבא בוודאי דיא אלע זאכין זיינען גווען ביא בלעם נאר גילוי עריות וואו גיפינען מיר אלא עש שטייט הן הנה היו לבני ישראל בדבר בלעם למסור מעל כה' איז עבודת כוכבים אונ גילוי עריות אויך עדות שקר דען ער האט גזאגט ויודע דעת עליון אונ ער האט אפילו ניט גוואושט דיא דעה פון זיין בהמה ער האט גשאלטין דעם דיין דען ער האט גזאגט לכה איעצך ער האט אפ גקערט פון דעם דין אונ האט גרעט אויף זייא בייז ער איז גגאנגען אין תחום פון זיין חבר ער האט גזאגט ואעל פר ואיל במזבח אונ דאש האט צו אים ניט גהערט ער האט גמאכט קריג צווישן אחים דאש זיינען ישראל מיט הקב"ה אונ עין הרע איז אין דער גאנצר וועלט ניט גווען אזו וויא זיין שלעכט אויג מקלל השם ווארום ער האט גזאגט ואנכי אקרה כה אונ אלץ איז אין אים גווען :

רבי יוסי הייבט אן אל תלחם לחם רע עין דאס איז בלעם דער רע עין וואס ער האט געבענטשט וואס הקב"ה האט ניט באגערט עס שטייט ואל תתאיו למטעמותיו דאס איז בלק דאס הקב"ה האט ניט באגערט זיינע עולות קום אונ זעה עס שטייט וירא בלק וואס האט ער גיזעהען ער האט גזעהן מיט זיין חכמה אז ער מיט אלע פינף מלכי מדין וועלין פאלין אין דר האנט פון דיא ישראל דרום האט ער מקדים גיווען צוא בלעם וואס זיין כח איז גיווען מיט זיין מויל אזו וויא דיא ישראל וואס זייער כח איז נאר מיט דעם מויל אונ בלעם האט נאך דער צוא גילוסט מיין פון בלק אונ דיא ידיעה וואס בלעם האט גיוואוסט איז נאר גיווען ביא נאכט דען דער כח פון דיא קליפות איז נאר ביא נאכט אין דעם ערשטין משמר איז חמור נוער דרום האט ער גיהאט איין אייזיל ער זאל זיין מיט דעם אייזיל בתחלת הלילה אויב דוא וועסט פרעגין עס שטייט דאך ויבא אלהים אל בלעם לילה עס איז גיווען זיין שר אזו אויך שטייט ויבא אלהים אל לבן הארמי בחלום הלילה מיינט מען אויך זיין שר דרום האט בלעם גיזאגט צו דיא שלוחים פון בלק לינו פה הלילה אז דער ממונה איז גקומען צו אים האט בלעם גרעט מיט אים זיינע רייד אזו האט גרוט אויף אים דר זעלביגר רוח אונ האט אים מודיע גווען דורך דעם אתון עס איז קשה אז ער האט אים שוין איין מאל גיזאגט לא תלך עמהם ווארום האט ער אים ווידער גיפרעגט אלא מיר האבין גילערינט אויף דעם וועג וואס אמענטש וויל גיין פירט מען אים פון אויבין צום ערשטין האט השי"ת ניט גיהייסין ער זאל גיין אז ער האט גיזעהען אז זיין רצון איז יוא צוא גיין דרום זאגט ער אים קום לך אתם ואך את הדבר וגו' דיא דאזיגע נאכט האט בלעם גיטראכט וואו איז מיין כבוד אז איך מוז אן גיבונדין זיין אין אנדערין אונ איך קען ניט טאן מיין ווילין אונ אגאנצע נאכט האט ער גקוקט אין זיינע כשפים אונ האט ניט גפונען קיין שום צד אז ער זאל זיין אין זיין רשות נייערט מצד פון זיין אתון רבי יצחק זאגט צווישן דיא קליפות זיינען מצד ימין צעהען חמורים אונ מצד שמאל צעהען אתונות אונ דאס האט יוסף מרמז גיווען ולאביו שלח כזאת עשרה חמורים וגו' אונ דאס איז וואס דיא תורה האט אן גיזאגט ולא תחרוש בשור וחמור יחדו מצד ימין איז דער נחש אונ מצד שמאל ווערט גיפונען דער אתון מיט קוסם קסמים זאגט בלעם כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל עס קען קיין שום כישוף אונ קיין שום קליפה אויף זיי ניט שולט זיין הן מצד ימין והן מצד שמאל ווארום ה' אלהיו עמו רבי יצחק מיט רבי יוסי זיינען גיגאנגען אין וועג פון טבריה קיין לוד זאגט רבי יצחק איך פאר וואונדער מיך אויף בלעם הרשע דאס אלע זיינע מעשים וואס זיינען גיווען מצד הטומאה אונ אזו האבין מיר גילערינט איין סוד דאס אלע נחשים זיינען אן גיקניפט אונ גייען ארויש פון דעם נחש הקדמוני דאס זיא איז דער עיקר כח המטמאה וואס ער איז מזוהם דרום אלע נחשים וכישוף פון דער וועלט ווערט אן גירופין בשם נחש ווייל אלע גייען פון איר ארויש אונ ווער עס ציהט זיך נאך דעם ווערט ער טמא אונ ניט דאס אליין נאר ער מוז זיך אליין פריער מטמא זיין ווייל ער וויל אויף זיך מושך זיין דיא טומאה דען מיר האבין גילערינט הבא לטהר מסייעין לו והבא לטמא פותחין לו ביא דר קדושה העלפט מען אים אונ מען זאגט ובחרת בחיים אונ ביא דער טומאה עפינט מען אים נאר אויף ער זאל אריין גיין דרום שטייט לא הלך כפעם בפעם לקראת נחשים דען גאר זיין כישוף איז אים נאר גיקומען פון דיא נחשים זאגט רבי יוסי ווארום ווערט גיפונען אלע חרשים וקסמים ביא דיא נשים זאגט רבי יצחק אזו האבין מיר

גילערינט

גילערינט אז דער נחש הקדמוני האט גיווארפין איין זוהמא דאס היישט איין טומאה איז איר גיקומען מצד הנחש זאגט רבי יוסי עס איז בוודאי אזו האט ער אים גיקושט אונ זאגט איך האב שוין כמה מאל גיפרעגט דיא זאך אונ האב ניט זוכה גיוועזן ביז אצונד זאגט רבי יצחק דיא אלע מעשים וואס בלעם האט גיוואוסט פון וועמען האט ער דאס גילערינט זאגט רבי יוסי זיין פאטר בעור האט אים אביסיל גילערינט נאר דער עיקר פון אלע מיני כשפים וחרשים האט ער דאס גילערינט פון דיא בני הררי קדם וואס זייא זיינען אין דעם לאנד קדם וואס דארטין זיינן דיא מלאכים עו"א ועזא"ל וואס הקב"ה האט זייא אראפ גיווארפין פון דעם הימיל זייא זיינען צוא גיבונדין מיט אייזערנע קייטין זייא זיינען מודיע צוא די מענטשן אלע מיני חרשים וכשפים וקסמים אונ פון זייא האט בלעם גיוואוסט אלע מיני כשפים אזו וויא עס שטייט מן ארם ינחני בלק מלך מואב מהררי קדם זאגט רבי יוסי דאס וואס דוא זאגשט ווייל דער נחש האט אריין גיווארפין איין זוהמא נאר בשעת דיא ישראל זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני האט זיך פון זייא אפ גיטאן דיא זוהמא פון דעם נחש בשעת דיא ישראל האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל האט זיך דיא זוהמא צוא זייא ווידער אום גיקערט אזו וויא פריער דעסט גלייכין איין אשה אין אירע אומריינע טעג איז זיא איין נדה דארף זיך איין מענטש פאר איר היטין ווייל זיא איז בהעפט אין דיא טומאה אונ דיא זאך וואש זיא רירט אן ווערט דאש טמא אונ מכל שכן ווער עס באהעפט זיך אין איר חלילה׳ וכאין זיינען דיא ישראל וואש הקב"ה האט זייא גיגעבין דיא תורה אונ האט זייא אן גיזאגט ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב וגו׳ האט ער אים ווידר גיפרעגט ווער עס איז מסתכל אין דיא צפצופי עופות ווארום היישט דאש איין ניחוש האט ער אים גיזאגט ווייל דאש קומט אויך פון דעם נחש ווארום דער רוח טומאה רוט אויף דיא עופות דרום איז דאס עוף מיט דעם צפצוף מודיע אלע זאכן אונ אלע רוחות הטומאה זיינן באהעפט אין נחש עס איז ניט פר האנדין קיין שום מענטש ער זאל פון אים גיצול ווערין דען ער ווערט בייא אלע גיפונען ביז לעתיד לבא וועט הקב"ה מעביר זיין דעם רוח הטומאה מיט אלע רוחות רעות פון דער וועלט אזו וויא עס שטייט בלע המות לנצח ומחה ה׳ אלהים דמעה מעל פנים אויך שטייט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ אמן:

## פרשת מסעי

אלה מסעי בני ישראל רבי חזקיה זאגט עס שטייט מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים הלא ה׳ זו חטאנו לו וגו׳ קום אונ זעה פון דר צייט אן וואס דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין זיינען דיא ברכות ניט שורה אויף דער וועלט זייא זיינען פאר מיטין גיווארין כביכול מלמעלה ולמטה אונ דיא מדריגות התחתונים דיא קליפות האבין אשליטה אויף דער וועלט דאס האבין די ישראל אליין גורם גיוועזן מיט זייערע חטאים ׳ אין דעם פסוק איז דאך קשה פריער שטייט מי נתן למשיסה יעקב איז משמע וויא איינער פרעגט ווער האט דאס גיגעבין אז דיא ישראל זאלין אזו גירויבט ווערין וויא אזו גישיקט זיך ווייטער דער פסוק וואס ער זאגט הלא ה׳ זו חטאנו לו דאס האט הקב"ה גיטאן ווייל מיר האבין צוא אים גיזינדיגט עס וואלט דאך גיהערט צוא שטיין חטאו לו זייא האבין צוא איהם גיזינדיגט דען אז עש שטייט שוין מיר האבין צוא אים גיזינדיגט וואלט גידארפט שטיין ולא אבינו הלוך מיר האבין ניט גיוואלט גיין אין זיינע וועגין נאך וואס שטייט ולא אבו זייא האבין ניט גיוואלט נאר אזו איז דר פשט פון דעם פסוק ווארום פון דער צייט אן וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ דער היכל איז פאר ברענט גיווארין אין פייער אונ דיא ישראל זיינען פאר טריבין גיווארין אין גלות אריין האט זיך דיא שכינה גיוואלט נעקר ווערין פון איר ארט אונ גיין מיט דיא ישראל אין גלות אריין האט זיא גיזאגט איך וועל פריער גיין אין מיין הויז אונ צוא מיין היכל אונ וועל דארטין פוקד זיין מיין ארט אונ דאס ארט פון דיא כהנים ולוים דאש זייא האבין דארטין פריער גיוואוינט אונ אז זיא איז דארטין גיקומען האט זיא אן גיהויבין כביכול צוא שרייען איז דאס קול גיהערט גיווארין למעלה ולמטה אזו וויא עס שטייט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה דאס מיינט מען דיא שכינה האט כביכול גיוויינט אויף אירע קינדער דער נאך אז זיא איז גיגאנגען מיט דיא ישראל אין גלות בבל אריין אונ האט גיזעהען זייער גרויש דוחק וצער וויא דיא אנשי בבל האבין זייא אין גלות גיטרעטין מיט זייערע פיס האט די שכינה גיזאגט דעם פסוק מי נתן למשיסה יעקב וישראל ווער האט דאס גימאכט אזימען זאל זייא רויבין אונ טרעטין האבין דיא ישראל גיענטפערט הלא ה׳ זו חטאנו לו דאס האט הקב"ה גיטאן וואס מיר האבין צוא אים גיזינדיגט האט זיא צוא זיי ווידער גיזאגט לא אבו בדרכיו הלוך וואלט איר אבער גיוועזן גיהיט דיא תורה וואלט איר ניט פאר טריבין גיווארין אין גלות אריין אונ בשעת דיא גאולה וועט זיין וועט דיא שכינה אין ערשטין ארויש גיין אונ וועט גיין אין בית המקדש אריין דען דאש בית המקדש וועט פריער גיבויט ווערין פאר קיבוץ גליות אזו וויא עס שטייט פריער בונה ירושלים ה׳ דער נאך שטייט ערשט נדחי ישראל יכנס אונ אז הקב"ה וועט זאגין צוא דיא ישראל התנערי מעפר קומי טרייסיל זיך אפ פון דער ערד אונ שטייא ׳ אויף וועט דיא כנסת ישראל זאגין וואו אהין זאל איך גיין דען מיין הויז איז חרוב גיווארין מיין היכל איז פאר ברענט גיווארין אין פייער וועט הקב"ה צוא איר זאגין שובי ירושלים קער זיך אום קיין ירושלים ווארום זיא איז שוין גיבויט גיווארין אונ מען האט שוין אלץ צו דיר אן גבבריט דר נאך וועלן זיך ערשט איין זאמלן אלע נדחי ישראל וואס זיינען פר שטוסן גיווארן אין פרעמדע לענדער אין דער צייט וועט מקוים ווערין וואס ווייטער שטייט הרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם דאס הייסט תחיית המתים אויך שטייט ואת רוחי אתן וגו׳ רבי שמעון איז גיגאנגען אין וועג אונ מיט אים איז גיוועזן זיין זון רבי אלעזר אונ רבי יוסי מיט רבי חייא זאגט רבי אלעזר צו זיין פאטר דר וועג איז פר אונז אן גיבבריט מיר וועלין הערין דברי תורה הייבט אן רבי שמעון צוא זאגין עס שטייט אין קהלת גם בדרך כשהסכל הולך לבו חסר ואמר לכל סכל היא ווען איין מענטש וויל זיין וועג אן ריכטן פר הקב"ה זאל ער זיך מתייעץ זיין אונ זאל מתפלל זיין להקב"ה אזו ווי עס שטייט צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו אונ אז ער טוט אזו ווערט דיא שכינה פון אים ניט אפ גישייד אבער ווער עס האט ניט קיין רעכט אמונה אין הקב"ה דער טוט ניט אזו אויף אים זאגט דער פסוק וגם בדרך כשהסכל הולך לבו חסר אין וואס פאר איין וועג דער נאר גייט איז בייא אים גימינערט דאס הארץ ווער איז דאס הארץ פון דיא ישראל דאס איז הקב"ה וואס ער הייסט דאס הארץ פון די ישראל אזו וויא עס שטייט צור לבבי וחלקי ה׳ לעולם דיא שכינה איז בייא אים חסר ווייל ער האט

זיך מיט איר ניט מתיעץ געוועזן איידער ער איז ארויש גיגאנגען אין וועג ארײַן אונ בשעת ער גייט אין וועג לערינט ער קיין תורה אויך ניט דרום גייט איט אף דאס הארץ דאס הייסט הקב"ה איז ווייט פון אים אונ אפילו ער הערט פון איין אנדערין דברי תורה קען ער ניט פאר נעמען אונ לאכט דער פון אונ זאגט עס איז איין נארעשקייט צו לערנען תורה ואמר לכל סכל הוא ער זאגט עס איז אלץ נארעשקייט אזו וויא איין מאל האט איינער גיפרעגט אויף דער מצוה פון מילה אונ זאגט דאס איז ניט קיין רעכטע מצוה עס גהער דאך ניט אן מיט דר אמונה· האט רבי ייסא סבא דאס דער הערט האט ער אויף אים אקוק גיטאן מיט זיינע אויגן איז פון אים תיכף גיווארין איין הויפן מיט ביינער אבער אונז איז דער וועג אן גיברייט מיט דער הילף פון הקב"ה דרום וועלין מיר זאגין דברי תורה:

פתח ער הייבט אן אונ זאגט דוד המלך עליו השלום האט גזאגט הורני ה' דרכך אהלך באמתך יחד לבבי ליראה שמך איז דאך קשה וויא אזו האט דוד המלך גיבעטין צו הקב"ה ער זאל אים ווייזין דעם וועג פון יראת שמים ער זאל זיין איין צדיק אמער מיר האבן דאך גילערינט אז אלע זאכין פון דעם מענטשן זיינען אין די הענט פון הקב"ה חוץ פון דעם אז דער מענטש זאל זיין איין צדיק אדער איין רשע דאס איז ביי דעם מענטשין אין דיא הענט זאגט רבי שמעון דוד המלך האט אזו גיזאגט וויז מיר דיין וועג אונ אנפלעק מיר נאר אים· איך זאל ווישן אז דאש איז דר גוטער וועג אונ ווי באלד דו וועשט מיר נאר עפנן מיינע אוגן איך זאל פר שטיין דר נאך וועל איך שוין אליין גיין אין וועג פון יראת שמים אונ וועל שוין ניט אפ קערן לימין ושמאל יחד לבבי באהעפט אין מיר דאס הארץ איך זאל מיר פר דיר פארכטן רעכט צו היטין מיינע וועגין אין דר יראה וואס איך בין אין איר בהעפט מכח מיין נשמה דרום שטייט יחד לבבי מיט צווייא ביתי"ן קום אונ זעה איטליכר מענטש וואס פארכט זיך פאר הקב"ה רוט אויף אים דיא קדושה אזו וויא עס דארף צוא זיין אבער דער וואש האט ניט קיין יראה רוט אויף אים ניט דיא קדושה אונ ער האט ניט קיין חלק לעולם הבא נאך מער עש שטייט ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום וואול צו די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא דאש הקב"ה בגערט אין זייער כבוד אונ האט צוא זייא בהאלטין דיא ליכט וואש עש איז בשאפין גיווארין בששת ימי בראשית דרום שטייט הולך ואור עש גייט אויף איין ליכט אונ עש ווערט דער פון ניט נחסר אבער ביי דיא רשעים שטייט דרך רשעים באפילה לא ידעו במה יכשלו דיא רשעים גייען אויף דער וועלט אין קרומען וועג אונ בגערין ניט צוא זעהען אז הקב"ה וועט אין זייא טאן איין משפט זייא וועלין גיין אין גיהנם ארײַן אונ וועלין שרייען ווייא ווייא וואש מיר האבין בעולם הזה ניט גנייגט אונזרע אויערין צוא פאר נעמען מוסר אונ יראת הקב"ה אזו וועלין זייא אלע טאג שרייען אונ קיינער וועט זייא ניט קענען העלפין דען ווער עש גרייט זיך ניט אן בערב שבת האט ער אויף שבת עסין ער בשבת ניט צוא עסין דען דיא וועלט הייסט ערב שבת אונ יענע וועלט הייסט שבת דרום האט הקב"ה אן גיברייט צוא דיא צדיקים זייער שכר אויף יענר וועלט אונ זייא גיבין אזו איין חלק וואש קיין שום אויג האט אין דעם קיין שליטה ניט אפילו קיין נביא האט ניט גיקאנט משיג זיין זייער שכר דרויף שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ אויף דיא רשעים שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי וגו' אויך שטייט ועסות רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגלי הצדיקים זייא וועלין זיין אזו וויא אש אונטער דיא פיס פון דיא צדיקים מען זאל אויף זייא טרעטין וואול צוא דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט אך צדיקים יודו לשמך וגו' אויך שטייט ועמך כלם צדיקים וגו' רבי חזקיה זאגט עש שטייט משא גיא חזיון וגו' קום אונ זעה דיא חבריא האבין גיזאגט בשעת חורבן בית המקדש זיינען אלע כהנים ארויף גיגאנגען אויף די דעכער אונ האבין גינומען דיא שליסיל פון דיא טויערן פון דעם בית המקדש אונ האבין גיווארפין צוא דעם הימל אונ האבין גיזאגט ביז אהער זיינען מיר גוועזן גבאים דריבר אצונד נעם דיר צוא דיינש אבער קום אונ זעה דיא שכינה הייסט גיא חזיון דען דאש גאנצע נביאות פון דיא נביאים איז נאר גיוועזן פון איר דען דיא שכינה איז דאס ליכט וואש פון איר ווערין גזעהן אלע מאורות העליונים אונ דאש גשטאלט מה לך איפה כי עלית כולך לגגות דען אז דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין איז דיא שכינה גיקומען אויף אלע אירע ערטער וואש זיא איז גיוועזן צום ערשטן אונ האט גיוויינט אויף איר וואונונג וואש עש איז חרוב גיווארין אונ אויף דיא ישראל וואש זיינען גיגאנגין אין גלות אונ אויף אלע צדיקים וחסידים וואש זיינען דארט פאר לארין גיווארין אזו וויא דער פסוק זאגט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה אונ מיט איר האבין גוויינט אלע חיילות ומרכבות זיא זאגט מיינע קינדער זיינען אין גלות אונ דער בית המקדש איז פאר ברענט גיווארין וואש זאל איך דא טאן תשואות מלאה עיר הומיה קריה עליזה על כן אמרתי שעו מני אמרר בבכי דיא שטאט איז פול מיט ברומונג אונ ווישטונג דרום זאגט דער פסוק כה אמר ה' מנעי קולך מבכי פאר מייד דיין קול פון צוא וויינען קום אונ זעה פון דעם טאג וואש דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז ניט דא קיין טאג וואש עש זאל ניט זיין דרינען קיין קללות דען אז דער בית המקדש איז גשטאנען האבין דיא ישראל גיטאן די עבודה אונ מקריב גיוועזן קרבנות האט זיך דיא שכינה פון זייא ניט אפ גטאן וויא איין מוטער הוערט אויף דיא קינדער דען זיינען אלע עולמות דער לייכט גיווארין אונ עש זיינען גיוועזן ברכות למעלה ולמטה אונ עש איז ניט גוועזן קיין טאג וואס עש איז ניט גוועזן קיין ברכות ושמחה אונ די ישראל זיינען גזעסין בטוח אונ די וועלט איז גשפייזט גווארין פון זייערט וועגין אונ היינט איז אלץ להיפוך ביז הקב"ה וועט דיא כנסת ישראל אויף ריכטין מעפר אונ וועט דיא וועלט משמח זיין מיט אלימן אזו וויא דער פסוק זאגט והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי אונ אזו וויא אז זייא זיינען גיגאנגען אין גלות שטייט בכה תבכה בלילה אזו אז זייא וועלין דער לייזט ווערין שטייט בבכי יבואו ובתחנונים אובילם אזו וויא פריער איז גוועזן מיט גיוויין אזו וועלין זייא דער נאך זיך ווידר קערין מיט גיוויין פאר גרויש שמחה:

רבי אבא הייבט אן ויקם יונה לברוח תרשישה מלפני ה' ווייא צוא דעם וואש ער וויל זיך פאר בארגן פאר הקב"ה דאש ביי אים שטייט הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאום ה' וויא אזו האט יונה גיוואלט אנטלופן פאר אים אלא עש שטייט יונתי בחגוי הסלע יונתי דאש איז ישראל בחגוי הסלע דאש איז ירושלים אזו וויא איין שטיין איז הויך אונ שטארק אזו איז ירושלים העכר גיוועזן אונ שטארקער גיוועזן פאר אלע בסתר המדריגה דאש איז דאש בית המקדש דאש ווארט פון קדשי קדשים איז דאש הארץ פון דער גאנצער וועלט אונ אזו וויא אין דעם הארצין איז דאש נפש דאש חיות פון דעם גאנצין גוף אזו איז דיא שכינה וואש זיא

אין

איז דאש חיות פון דער גאנצער וועלט איז דארט גיוועזן בסתר המדריגה
פאר בארגן וויא איין אשה איז פר בארגן אין איר הויז אזו איז אויך
דיא שכינה דארט אלץ גיוועזן אונ אז כל ישראל זיינען דארט גוועזן
איז אלץ מתוקן גיוועזן אונ כביכול דער כסא הכבוד איז גאנץ גוועזן
אונ מיט זייערע עבירות האבן זייא גישפאלטין אלע אוירים אונ זיא
איז אויף גיגאנגען למעלה דען דאש לאנד איז נאר מתוקן גוועזן צוא
דיא ישראל אליין אונ דרום אלע נביאים וואש זיינען דענטשט מאל
גיוועזן האבין זייא גנומן די נבואה פון איר ארט דאש איז ארץ ישראל
אונ דרום איז יונה אנטלאפין גיווארין פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ
כדי די נבואה זאל אויף אים ניט רוען אונ ער זאל ניט גיין בשליחות
הקב"ה קיין נינוה אויב דוא וועשט פרעגן ווארום האט זיך די נבואה
בוויזן צוא יחזקאל אויף דעם נהר כבר דאש איז נאר גיוועזן לפי שעה
פון וועגין דיא ישראל אזו וויא עש שטייט אויבין אין פרשת שמות
אונ ווידער עש שטייט על נהר כבר דאש איז טייטש איין טייך וואש
ער איז פריער גיוועזן פון דיא פיר טייכן וואש גייען ארויס פון דעם
גן עדן אונ פון דעם טאג אן וואש דיא וועלט איז בשאפין גיווארין איז
דיא שכינה דארט אלע מאל אזו וויא דער פסוק זאגט ונהר יוצא מעדן
להשקות את הגן ומשם יפרד וגו' והנהר הרביעי הוא פרת אונ דער טייך איז
גיוועזן דער פרת:

רבי אלעזר ורבי יוסי זיינען גיזעסין איין נאכט אונ האבין גלערינט אונ
אז עש איז גיקומען האלבע נאכט האט דער האן גיקרייט האבין
זייא גימאכט דיא ברכה אשר נתן לשכוי בינה וגו' זאגט רבי אלעזר אצונד
איז דר זמן וואש הקב"ה גייט אריין אין גן עדן ער זאל זיך משתעשע
זיין מיט דיא צדיקים זאגט רבי יוסי נאך וואש איז ער זיך משתעשע
ווייגט רבי אלעזר אונ זאגט קום אונ זעה אצונד מאכט הקב"ה ציטרין
דרייא הונדערט מיט ניינציג הימלן אזו וויא דיא צאל פון שמים אונ
טרעט אין זייא אונ וויינט אויף חורבן בית המקדש אונ מאכט כביכול
נידערין צוויא טרערין אין ים הגדול אריין אונ דער מאנט זיך אין
זיינע קינדער פון דעם גיוויין דען דיא נאכט איז גיטיילט אויף דרייא
חלקים דען דיא נאכט ווערט תמיד גרעכינט צוועלף שעה חאטשע
טבת איז זיא לייננר אונ תמוז איז זיא קירצער פון דעסט וועגין ווערט
זיא תמיד גירעכינט גלייך אונ די צוועלף שעה פון דער נאכט ווערט
גיטיילט אויף דרייא חלקים אונ דיא חיילות פון די מלאכים הקדושים
ווערין אויך גיטיילט אויף דרייא חלקים איטליכער חלק זאגט אין איין
חלק נאכט שירה דאש ערשטע חיל זיינען ממונה אין דיא ערשטע
פיר שעה צוא לויבין זייער הערין וואש זאגין זייא לה' הארץ ומלואה וגו'
כי הוא על ימים יסדה וגו' מי יעלה בהר ה' נקי כפים ובר לבב ווארום זאגין זייא
דאש ווייל אז דיא נאכט איז זיך מתפשט אויף דער וועלט איז דיא
גאנצע וועלט טועם טעם מיתה אונ זייערע נשמות גייען ארויף אזו
שטייען דיא מלאכים אונ זאגין מי יעלה בהר ה' דאש איז למעלה דער
הר הבית ומי יקום במקום קדשו דאש איז עזרת ישראל דען דא איז אלץ
גיוועזן אין גשטאלט פון אויבן דען עש איז פאר האנדין אין איטליכן
רקיע ממונים ושרים וואש זייא שטייען ווען דיא נשמות ווילן ארויף
גיין אונ זיינען ניט ראוי אזו שטויסין דיא מלאכים זייא ארויש אזו
גייען זייא שוועבין אויף דער וועלט אזו איז פאר האנדן כמה מלאכי
חבלה וואש זייא נעמן זייא אונ זיינען צוא זייא מודיע דברים שקרים

אונ אמאל דברי אמת וואש עש וועט קומען לזמן קרוב אבער אז די
נשמות הצדיקים גייען אונ שוועבין למעלה אזו עפינט מען זייא דיא
טירן אונ זייא גייען אריין אין דעם ארט וואש הייסט הר ה' אזו וויא
עש איז דא גיוועזן פאר דעם בית המקדש דער הר הבית אונ פון
דארט גייען זייא ארויף צוא דעם ארט וואש הייסט מקום קדשו דארט
ווערין גיזעהן אלע נשמות פאר הקב"ה אזו וויא אונטין איז גיוועזן אין
בית המקדש עזרת ישראל ובשעת אז דיא נשמות שטייען דארטין
דען איז אן גיבערייט דארט דיא שמחה פון הקב"ה מיט זייא אין דעם
ארט וואו עש הייסט קודש קדשים אונ דארט זיינען גיצייכינט אלע
זייערע מעשים אונ זייערע זכיות דאש אנדערע חיל איז ממונה אויף
דיא אנדערע פיר שעה פון דער נאכט אונ זאגין ניט קיין שירה נייערט
צוויא שעה דען ווערט האלבע נאכט אזו גייט הקב"ה אין גן עדן
אריין אונ דיא מלאכים זיינען דיא אבילי ציון וואש זייא וויינען אויף
חורבן בית המקדש אז עש הייבין זיך אן דיא פיר שעה זאגין זייא
על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון דיא האבין גוויינט מיט דיא
ישראל דען ווען עש שטייט גם בכינו דאש איז טייטש מיר האבין אויך
גיוויינט מיט דיא מלאכים אונ עש שטייט הן אראלם צעקו חוצה וואש
איז טייטש חוצה דאש איז בבל דאש אלע מלאכים האבין זייא בלייט
ביז בבל אונ האבין דארט גיוויינט מיט זייא זיי הייבין אן על נהרות בבל
אונ לאזין אויש זכור ה' לבני אדום את יום ירושלים דען טוט זיך הקב"ה מעורר
זיין אין זיין מדריגה אונ טרעט אין הימל אזו ווערין דער ציטערט
צוועלף טויזינט עולמות זייא שרייען אונ וויינען אזו וויא דער פסוק
זאגט ה' ממרום ישאג שאוג ישאג על נוהו אונ ער דער מאנט זיך אין דיא
ישראל אונ נידערט צוויא טרערין אין ים הגדול דען איז זיך מעורר
איין פלאם פייער אונ איין ווינט פון צפון זייט טרעט אין דעם פלאם
אונ גייט אונ שוועבט אויף דער וועלט באותו שעה גייט דער פלאם אונ
שלאגט אין דעם פליגל פון דעם האן אזו הייבט ער אן צו קרייען אונ
הקב"ה כביכול גייט אין גן עדן ער זאל זיך משתעשע זיין מיט די צדיקים
בשעת הקב"ה גייט אין גן עדן אזו הייבין אן אלע בוימר אין גן עדן
אונ אויך אלע נשמות הצדיקים צוא זאגין שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי
עולם ויבא מלך הכבוד וגו' מי הוא זה מלך הכבוד ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה ובשעת
אז דיא נשמות הצדיקים גייען ווידער אראפ אין זייער גוף אריין דען
שטארקין זיך אין זייא אלע דיא מלאכים אונ זאגן הנה ברכו את ה' כל עבדי
ה' העומדים בבית ה' בלילות דאש דריטע חיל איז ממונה אין די הינטערשטע
פיר שעה פון דער נאכט ביז עש ווערט טאג זייא זיינען משבח צוא
זייער הערין אונ מיר האבין גילערינט אז עש ווערט טאג אזו זיינען
די אלע כוכבים ומזלות אונ אלע מלאכים עליונים וואש זיינען שולט
בייא טאג זיינען אלע משבח צוא זייער הערן אונ זאגן שירה אזו וויא
דער פסוק זאגט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים בשעת אז דיא זון
קערט זיך אום אין איר גלגל הייבט זיא אן זינגן מיט איין קול דיא
דאזיגע שירה הודו לה' קראו בשמו וגו' זמרו לו וגו' שירו לו שיר חדש וגו' אונ דיא
ישראל לויבין אויך צו השי"ת מיט איר אין איינעם אזו שטייט ייראוך עם
שמש זאגט רבי אלעזר ווען דיא מענטשין זאלין ניט האבין קיין פאר
שטאפטע הערצער אונ בלינדע אויגין וואלטן זייא ניט גקענט בשטיין
איבער דעם זיס קול פון דעם גלגל חמה בשעת זיא גייט אונ
לויבט צוא הקב"ה וויא זייא שמועסין אזו דברי תורה איז דער וייל

טאג גיווארין זייגן זייא אויף גישטאנען אונ זיינען גיקומען פאר רבי שמעון · דאש איבעריגע שטייט אין פרשת ויקהל רבי אלעזר איז גיגאנגין צוא זיין שווער אבי יוסי ברבי שמעון בן לקוניא וויא זיין שווער האט אים דער זעהען האט ער אים אן גיגרייט אשיין בעטיל מיט בעט גיוואנט זאגט זיין שווער צוא אים האשטו עפים גיהערט פון דיין פאטער רבי שמעון אויף דעם פסוק וואש עש שטייט עשה ה׳ אשר זמם וגו׳ צוה מימי קדם זאגט רבי אלעזר דיא חבריא האבן דאך שוין גיזאגט אז בצע אמרתו איז טייטש ער האט צוא ריסן זיין קלייד וואש דאש איז זיין כבוד אונ זיין עטרה אונ דאש איז זיין תיקון גיוועזן אונ אז דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין האט ער דאש צוא ריסן · זאגט אים זיין שווער עש איז מיר קשה נאך וואש שטייט עשה ה׳ אשר זמם דאש איז דאך טייטש השי״ת האט גיטאן וואש ער האט פריער גטראכט וויא אזו קען איין קינד באשטיין אויף דעם וואש זיין פאטער דער מלך טראכט אויף אים שלעכץ נאך איידער ער זינדיגט זאגט רבי אלעזר עש איז איין משל צו איין עשיר וואש ער האט איין טייערע אונ איין חשובי כלי האט ער זיך אלע טאג זייער גפארכטין זיא זאל חלילה ניט צוא בראכן ווערן האט דער עשיר אלע טאג אליין אויף איר אכטונג גיגעבין צוא גוואר ווערן וואש עש טוט זיך מיט איר ווארום זיא איז בייא אים זייער חשוב גוועזן אמאל איז גקומען זיין זון אונ האט אים זייער דער צערינט האט דער עשיר מחמת כעס גנומען דיא כלי אונ האט זיא צוא בראכן דאש מיינט דער פסוק עשה ה׳ אשר זמם קום אונ זעה זינט דאש בית המקדש איז גבויט גווארין האט הקב״ה תמיד אין אים מסתכל גוועזן ווארום ער איז בייא אים זייער חשוב גוועזן אונ האט זיך זייער גפארכטן אז די ישראל זאלן חלילה ניט זינדיגן וועט איבער דעם דער בית המקדש חרוב ווערין אונ ווען ער איז גיקומען אין בית המקדש אריין האט ער אן גיטאן דאש קלייד דער נאך אז דיא ישראל האבין גיזינדיגט אונ האבין דער צערינט פאר הקב״ה האט ער דעם בית המקדש חרוב גימאכט אונ האט צוא ריסן דאש קלייד וואש ער איז גיגאנגען אן גיטאן דאש מיינט דער פסוק עשה ה׳ אשר זמם דאש דאזיגע וואש עש איז תמיד גיוועזן איין חשוב קלייד אונ איין עטרה אויף זיין קאפ האט ער דאש היינט צוא ריסן אויף דער צייט שטייט ויקרא ה׳ אלהים צבאות לבכי ולמספד הן אראלם צעקו חוצה איז כביכול גיוועזן אין עצבות פאר הקדוש ברוך הוא פון אויסין וויייניג אונ פון אינוויייניג. דאש איז נאר גוועזן בשעת דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין אבער איין אנדער מאל אלע דורות ווען עם ווערין פאר לארין דיא רשעים וואס לייקענען אין אים איז ער זייער צוא פרידין אזו וויא עם שטייט באבוד רשעים רנה אויב דוא וועסט פרעגין מיר גיפינען דאך אז דיא רשעים ווערין פאר לארין איז ניט פאר האנדין קיין שמחה פאר הקב״ה דען דרום האט הקדוש ברוך הוא ניט גילאזט דיא מלאכים זאלין זאגין שירה בשעת קריעת ים סוף דרום שטייט ולא קרב זה אל זה נאר ווען זייער מאס איז שוין פאר פול אונ עש קומט שוין דיא צייט וואש ער האט זייא אפ גיגעבין צוא ווארטין טאמער וועלין זייא תשובה טאן אונ זייא האבין קיין תשובה ניט גיטאן דעמאלט אז ער מאכט זייא פאר לירין איז פאר אים איין שמחה אבער אז ער שטראפט דיא רשעים פאר דער צייט איז פאר אים ניט קיין שמחה פאר האנדין אונ עם טוט אים זייער באנק אז זייא ווערין פאר לארין אזו וויא עש שטייט כי לא שלם עון האמורי עד הנה איז דאך קשה אז עש איז נאך זייער צייט ניט גיוועזן ווארום האט ער גיטאן אין זייא איין משפט נאר זייא האבין זיך אליין דאש גורם גיוועזן אונ השם יתברך טוט ניט אין זייא קיין משפט פאר דער צייט נייערט אז זייא זיינען זיך משתתף ביז טאן דרום האט הקב״ה גיטאן אין זייא איין משפט פאר דער צייט אונ עש טוט אים דרויף באנק דרום האט הקב״ה ניט גיוואלט ליידין דיא מלאכים זאלין זאגין שירה בשעת קריעת ים סוף אזו אויך אין דיטעג פון יהושפט שטייט הודו לה׳ כל״ח אונ עם שטייט ניט כי טוב ווייל זייא זיינען גישטראפט גיווארין פאר זייער צייט אבער אז הקב״ה ווארט זייא אצייט זייא זאלין תשובה טאן אונ זייא טוען ניט קיין תשובה דעמאלט אז ער מאכט זייא פאר לירין איז פאר אים איין שמחה חוץ בשעת חורבן בית המקדש שטייט ויקרא ה׳ אלהים לבכי ולמספד חאטשי עם איז שוין גיוועזן נאך דער צייט אונ זייא האבין קיין תשובה ניט גיטאן האט ער זיך פארט ניט גיפרייט אונ האט זיך מצער גיוועזן אויף דעם פאר לירונג פון דיא רשעי ישראל איבער דעם כבוד התורה מחמת זייא האבין דיא תורה מקבל גיוועזן דרום איז ניט גיוועזן קיין שמחה פאר אים הן למעלה הן למטה:

רבי יצחק איז גיקומען צוא איין בארג האט ער גיזעהען וויא איין מענטש איז גשלאפין לעבן איין בוים וויא ער איז דארטן גזעסין האט ער דער זעהן אז דיא ערד האט אן גיהויבין צוא ציטערין אונ דער בוים איז צוא בראכין גיווארין אונ איז אום גיפאלין אין איין גרוב פון ערד אונ דיא ערד איז ארויף אונ אראפ גיגאנגען מחמת דעם ציטערניש האט זיך דער מענטש אויף גיחאפט אונ האט גישריען אנטקעגין רבי יצחק יודאי יודאי וויין אונ שרייא דען איצונד האט מען אויף דעם הימיל אויף גישטעלט איין ממונה ער זאל אין אייך האבין איין שליטה ער איז אן גיברייט אייך צוא טאן פיל שלעכץ אונ דאש ציטערניש פון דער ערד איז נאר גיוועזן פון אייערט וועגין דען תמיד ווען דיא ערד ציטערט איז נאר דרום ווייל מען שטעלט אויף אייך איין ממונה ער זאל אייך שלעכץ טאן · האט זיך רבי יצחק זייער פאר וואונדערט אונ איז דער שראקין גיווארין זאגט רבי יצחק עם שטייט תחת שלש רגזה ארץ פון דרייא זאכין וועגין קומט אויף דער ערד איין ציטערניש איז איינש פון זייא תחת עבד כי ימלוך אז מען מאכט איין נייעם ממונה אויף דעם ארט פון דעם האר אונ מען מאכט אים שולט זיין ומכל שכן אז מען מאכט אים אויף דיא ישראל חלילה ציטערט זייער דיא ערד:

רבי חמא איז גיגאנגען צוא רבי אלעזר האט ער אים גיטראפין וויא ער איז גיזעסין אונ האלט דיא האנט אין מויל אונ איז גוועזן זייער טרויעריג פרעגט אים רבי חמא אין וואש איז דער האר עוסק זאגט ער איך בין עוסק אין דעם פסוק באור פני מלך חיים אז דער האר איז טרויעריג ומכל שכן אז ער טוט נאך וויינען אונ שרייען וואס טוען דעמאלט דיא קנעכט אזו וויא עם שטייט הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון חוצה הייסט ווייל דער האר איז איגוויינינג אונ זייא זיינען אין דרויסין מלאכי שלום וואו איז דען פאר האנדין מלאכים וואס זייא זיינען ניט קיין שלום זאגט ער צוא אים מיר גיפינען אז עם איז אזו · קום אונ זעה עם איז פאר האנדין מלאכים ושרים פון דעם דין הקשה אונ עם איז פאר האנדין שרים פון דין אליין אונ עם איז ניט קשה

אונ

און עס איז פאר האנדין שרים וואש זיינען פון דין ורחמים און ווידער
מלאכים פון כולו רחמים גאר אן דין די היישין מלאכי שלום אויף
די וואס זיינען למטה שטייט אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם אויך
שטייט ונמקו כל צבא השמים זאגט ער נאך דעם נאך אז די ממונים
זעהען אז זייער האר איז טרויעריג ווארום זאלין זיא די קינדר אן
טאן צער · זאגט רבי אלעזר זיא מוזין טאן וואש מען הייסט זיא און
מען גיט זיא כח זיא זאלין טאן דעם ווילין פון זייער האר אויך איז
פאר האנדין אזעלכע וואס זיא לויפין און זיינען מוריד צוויא טרערין
אין ים הגדול איין צוא זינקען אזו וויא דער פסוק זאגט משפטיך תהום רבה
און די עליונים זיינען זיך מתגלגל אראפ און די תחתונים ווערין
צוא שפאלטין אינ נידערין אין צווייא הונדערט מיט אכט און פערציג
מדריגות אזו וויא עש שטייט אריה שאג מי לא יירא בלעם האט גיזאגט
איך זעה אז די גאולה וועט ניט גיך זיין נאר אין סוף פון די טעג
דען עס זיינען די זעקס טויזנט יאר פון דער וועלט אנטקעגין די
ששת ימי בראשית ער האט גיזעהען אז דער חורבן וועט באלד זיין
באלף הרביעי דאש אלע אונזרע ליכט זיינען פאר לאשין גיווארין דען
דער בית המקדש איז גיוועזין דער אור פון דער וועלט איז דאש חרוב
גיווארין און די זון מיט דער לבנה מיט די שטערן מזלות איז
זייער ליכט באהאלטין גיווארין אזו וויא אין דעם פערטין טאג פון
בריאת עולם אזו וויא עס שטייט יהי מארת ברקיע השמים דאש אין דער
צייט איז די לבנה קלענער גיווארין רבי שמעון האט זייער גיוויינט
און זאגט וויא וויא לאנג וועט זיך נאך דער גלות אוועק ציהן
ווער וועט דאס קענען סובל זיין זאגט ער צוא אים אי רבי אי רבי
דוא זאלסט וויסין וואש פאר איין בלבול האט הקב"ה גימאכט
אין אלע הימלען בשעת גזרה אז ער האט אונז מוסר גיוועזן אין דער
האנט פון דער שפחה די לילית הרשעה דאש די ישראל ווערין קומין
אין גלות בבל בשעת מען האט אפ גישריבין דעם גזר דין און איז
גחתמת גיווארין מיט דעם חותם המלך האט הקב"ה גירופין צוא אלע
חיילות השמים און האט גירופין צוא גבריאל וואש ער איז דער
שרייבער למעלה און דער קסת הסופר איז אין זיינע לענדן און זאגט צוא
אים האלט נאך אויף די בריבליך מיט די פתקים איידער זיא ווערין
גחתמית ווערין מען זאל ביז טאן מיינע קינדער ביז איך וועל אויף
זיא וויינען און וועל מאכן איין הספד און קלאגן אויף זיי דא בשווער
איך אייך אלע חיילות השמים דאש איר זאלט מיך לאזין וויינען און
איר זאלט אייך ניט איילין מיך צוא טרייסטן אזו וויא דער פסוק זאגט
על כן אמרתי שעו מני אמרר בבכי און ווידער שטייט אל תאיצו לנחמני על שבר
בת עמי הקב"ה האט גיטרעטין אין דעם הימל וואש הייסט ערבות און
האט אין אים גימאכט פענצטער און האט אזו גיזאגט בני בני מיינע
גיליבטע קינדער פון מיינע גידערים איך האב אייך דער צויגין און
האב אייך גיטראגין וויא איין פאטער טראגט זיינע קינדער און איך
האב צו אייך גילערנט מיין יראה און האב אייך גימאכט גוועלטיגן ·
האט איר גיזינדיגט פאר מיר בכמה חטאים האב איך אייך מוחל
גיוועזן דען איר זייט גיוועזן מיינע ליבע קינדער מיינע
קינדער איך וועל רופין צוא אלע פיר זייטין פון דער וועלט און וועל
זיא בשווערין אויף אייך · מזרח מזרח איך בשווער דיך ווען מיינע
קינדער וועלין צוא דיר פאר טריבן ווערין זאלשטו זעהען זייער
צורה און גישטאלט איז פאר ענדערט גווארן און זיינען שווארץ גווארין

און דוא זאלשט קלאגין און וויינען אויף זיא און דוא זאלשט זיא
היטין · מיינע קינדער מיינע קינדער דאש איר זייט בייא מיר אין
הוז גיוועזן אין דעם כח פון אייער מוטער מיט פיל תענוגים און איר
האט אויף מיר ניט משגיח גיוועזן · מיינע קינדער וואש זאל איך אייך
טאן איך האב שוין גוזר גיוועזן איין גזירה בשבועה · איך וועל זיין
מיט אייך אין גלות · משה רעיא מהימנא דוא בישט גאר ניט משגיח
אויף מיינע קינדער וואש איך האב אין דיין האנט מוסר גוועזן · מזרח
מזרח דער וועק דיך צוא משה און איר זאלט וויינען און קלאגין אויף
מיינע קינדער · איין אבלות והספד מאכט אייך און איך זאל הערין
און זאל מיט אייך גיזעצט זיין פון אבילות · מיינע קינדער מיינע קינדר
וואש זיינען מיינע גיליבטע פון מיין נפש וויא אזו זאלט איר גיין מיט
אייזערנע קייטין גיבונדין אייערע הענט אהינטער איר קינדר איר זייט
אויף גיצויגין גיווארין מיט פיל תענוגים איר זייט חשובר גיוועזן פון
גין גאלד · מיינע קינדער מיינע קינדער איר הייליגע חסידים אייער
פלייש פון אייער לייב איז גיווארפין גווארין בשעת חורבן בית המקדש
אויף די מארקין און אין די גאסין · מיינע קינדער מיינע קינדער
וויא אויף אייך · און איבער דעם האט ער צוא ריסין זיינע קליידער
אזו וויא דער פסוק זאגט בצע אמרתו צפון צפון ווען מיינע קינדער
וועלין אין דיר פאר שפרייט ווערין בשווער איך דיך אז דוא זאלשט
זעהען וויא זייער גישטאלט איז שווארץ גיווארין און זייערע הענט
איז צוא בראכין גיווארין דרום בשווער איך דיך דוא זאלשט זיך דער
וועקין צוא אברהם מיין ליב האבער און זאלשט אים דער מאנען די
עקידה פון זיין זון און היינט גייען זיינע קינדער אין גלות און זיא
פאלין בחרב און איר זאלט ניט מודיע זיין צוא יעקב דאש ער זאל ניט
פאר קערין די וועלט אין איין רגע · מערב מערב דער וועק דיך
צוא דעם גישרייא פון די דער שלאגינע און די גרויש מלחמות
פון מיינע קינדער דער וועק דיך צוא דער כנסת ישראל וואש זיא איז
מיין גליבטע יונתי תמתי וואו די קינדער גייען און וואו זייא זיינען פאר
שפרייט לכמה רוחות העולם אחותי רעיתי יפתי וואש זיא איז צוא מיר
מיין גליבטע וואש וועלין נעביך טאן די קינדער מרכבה הקדושה דיינע
פליגל וואש זיינען פאר שפרייט צוא אלע פיר זייטין פון דער וועלט
בשווער איך דיך דוא זאלשט מיט זייא גיין און זאלשט זייא צוא דעקין
מיט דיינע פליגלין צוא אלע פיר זייטין פון דער וועלט און אויב
וועלין זייא חס ושלום פאר [illegible]רין ווערין פון דער וועלט זאגט אליהו
צוא רבי שמעון רבי וואש זאל איך דיר זאגין באותו שעה וויא פון
הימיל האט זיך אויף גיהויבין איין קול מיט גיוויין אזו זיינען דער
ציטערט גיווארין אכצין וועלטין דען איר קול איז ווארן גיהערט אזו
וויא דער פסוק זאגט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה
דענשט מאל שטייט ויקרא ה' אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד ווער
האט נאר גיזעהען אין אלע רקיעים דעם הספד וואש דארטין איז
גיוועזן וויא זייא האבין אויש גיטאן זייערע טייערע מלבושים ביז
אלע חיילות השמים האבין גימיינט אז אלע עולמות זיינען פאר
קערט גיווארן · זאגט הקב"ה צו רחל מיין ליבע טאכטער דוא גיהערשט
צוא גיין מיט זייא צוא באשיצין זיי און צוא וויינען מיט מיינע קינדר
זאגט רחל רבונו של עולם איך וויל ניט נאך גיין דען איך האב זייא
דער צויגין און האב זייא מגדל גיוועזן און האב זייא מתקן גיוועזן
וויא אזו וועל איך קענען צוא זעהען אז די שונאים וועלין זייא פאר
דאריבן

דארבין אונ דוא וועסט אין זייא פאר געסין דארטין דען האט הקב"ה צוא איר גישווארין אז ער וועט זייא ווידער אויף ריכטין אונ וועט ווידער איין זאמלען צוא דיא ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט כה אמר ה' מנעי קולך מבכי וגו' ויש תקוה לאחריתך ושבו בנים לגבולם אונ אז זיא איז ארויש גיגאנגען פון הקב"ה אזו האבין אלע חיילות השמים אן גיהויבין זאגין דיא קינה איכה יועם זהב אונ דיא קינה דרך אלף בית האט הקב"ה אליין גיזאגט דער נאך זיינען גיחתמת גיווארין אלע קוויטליך פון דעם גזר דין זאגט אליהו היינט וועלין מיר שמועסין פון דעם פסוק אראנו ולא עתה דאס גייט אויף הקב"ה ווען ער וועט ווידער קומען פוקד זיין די כנסת ישראל זאגט בלעם עס וועט טאקע זיין אבער ולא עתה ניט אזו גיך ושורנו איך טוא קוקין אז עס וועט זיין אבער ולא קרוב ניט נאהנט נייערט לזמן רחוק דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל ער זאגט דרויף גרוישע סודות זאגט אליהו צוא רבי שמעון אי רבי אי רבי עס איז שווער דיא זאך אונ אלאנגע צייט איידער דיא גאולה וועט זיין וויא פיל צרות על צרות זיינען אן גיברייט צוא זיין אונ וויא אזו דיא חיות רעות וועלין אויף זייא שולט זיין אונ זייא וועלין זייא אלע מאל וועלין פאר ברענען ווען דיא זון וועט שיינען בייא טאג אונ עס וועט זיין אזו איין יאר וואס יובל אונ שמיטה וועט זיין אין איין יאר דען אלע זיבין יאר איז שמיטה אונ זיבין שמיטות איז ניין אונ פערציג יאר אונ דאס פופציגסטע יאר איז יובל אין דער צייט איז אן גיברייט צוא דער וועקין זיך איין קול פון דעם העכשטין הימל איין קול וואס איז טרויעריג אונ פר ביטערט ואס איז נאך אזו ניט גיוועזן מיום שנברא העולם אונ דאס קול וועט זיין גאנץ דין אונ שטיל מיט ביטערקייט אונ טרויערקייט אונ דאס קול וועט אראפ נידערין אונ עס וועט ווידער ארויף גיין אונ עס וועט ווידער אראפ נידערין ביז עס וועט אזו רייידן מין ליבע אילת דאס מיינט מען דיא כנסת ישראל וואס זיינען גיגליכין צוא איין אינד דוא בישט אזו לאנג פון מיר פאר געסין גיווארין איין באשטאנדיגע ליבשאפט איז גיוועזן צווישין מיר אונ דיר איך טוא גידיינקען אז דיין חותם פון דיין גישטאלט איז מיר גיוועזן אויף מיין הארצין אונ איין חותם אויף מיין ארום אזו וויא דער פסוק זאגט שימני כחותם על לבך כחותם על זרועך כי עזה כמות אהבה אזו שטארק איז גיוועזן אין מיר דיא אהבה אז דער פלאם פון דער אהבה האט אין מיר גיברענט באותו שעה וועט זיין דרייא גישרייען איינש נאך דעם אנדערין אזו וועלין דער ציטערט ווערין אלע רקיעים אונ אלע עולמות ביז דיא דרייא קולות וועלין גיהערט ווערין צוא דעם תנין הגדול וואס אין ים אזו וויא דער פסוק זאגט ביום ההוא יפקוד ה' בחרבו הקשה וגו' דאס זיינען גרוישע סודות ער וועט לויפין פיר הונדערט טויזינט מייל אין איין אנדער דג ארייין ביז מען וועט אים אויף ברייינגען למתיבתא דרקיע אונ מען וועט אים לאזין צוא זיין ארט וואס ער איז תפוס גיוועזן באותו שעה וועלין זיך דער וועקין אויף דיא ישראל כמה צרות איינע נאך דער אנדערע מיט גרויש דוחק אונ מחמת גרויש

דוחק וועלין זייא שרייען איין גישרייא נאך דעם אנדערין אונ וועלין וויינען איינש נאך דעם אנדערין אונ הקב"ה וועט זייא רופין אונ וועט זאגין חברותא יונתי תמתי דיא וואס זיצין נאר בגנים אונ זיינען ניט גיזעהן גיווארין נאר בסתר המדריגה אין איר וואונונג אזו וויא דער פסוק זאגט כל כבודה בת מלך פנימה אונ היינט זיצין זייא אנפלעקט אויף דיא גאסין אונ אויף דיא מארקין מיין אילה דא זיינען דא אלע רבנן פון דיא צווייא ישיבות של מעלה צוא פאר נעמען דיין קול מאך מיר עש הערין דען מיין גלוסטיקייט איז צוא הערין דיין קול עס איז שוין כמה צייטין וואס איך האב ניט גיהערט דיין קול דענסט מאל וועט זין דיא גאנצע וועלט פאר מישט אזו וועלין גיין ביידע ישיבות של מעלה מיט דער שכינה צוא דעם קבר פון משה רעיא מהימנא אונ וועלין שרייען דרייא קולות בשעת דיא זון וועט אונטער גיין פון דער וועלט אזו וועט זיך זיין קבר עפענען וועלין דיא בני ישיבה וועלין אריין גיין וועלין זייא קיין רשות ניט האבין וועלין זייא אלע אוועק גיין אויף זייער ארט אונ דיא שכינה אליין וועט אריין גיין אונ אז זיא וועט אריין צוא משה וועט ער זיצין אונ וועט זיך מיען אין דער תורה אונ איין ליכט איז פאר אים אונ כמה הייליגע רוחות פון דעם תמיד איז ארום אים אונ אז משה וועט זייא זעהן אריין גיין וועט ער אויף שטיין אזו וועט זיא זיך משתעשע זיין מיט אים אונ דאס קול וועט זיך דער וועקין אין דער הויך פון דיא הימלען אזו וועט זיך דער וועקין משיח אין דר נאכט אונ וועט זיין מיט זיי אונ וועט אין דר מערה פונ משה איבער חזרין דיא תורה אגאנצע נאכט אונ אז דער עמוד השחר וועט אויף גיין וועט משיח ווידער באהאלטין ווערין אזו וועט מער ניט בלייבין אין דר מערה נאר משה מיט דר שכינה אונ אין דעם טאג פון שבועות וועט דיא שכינה ארויף גיין אויף דעם בארג סיני אונ וועט לאזין הערין דרייא קולות איין קול אנטקעגין אברהם אונ איין קול אנטקעגין יצחק אונ איין קול אנטקעגין משה מיט יעקב אזו וויא דר פסוק זאגט על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימי בכח קולך אל תיראי אזו וועלין זיך דער וועקין דיא אבות פון דער מערה אונ וועלין ארויש גיין צוא דער שכינה אונ מחמת דעם קול וועלין אין ארץ ישראל פיל רשעים שטארבין אין דעם טאג וועלין אויף גיין תפלות פון ישראל צוא דעם מלך הקדוש אונ דיא אבות וועלין קומען אויף דעם בארג סיני מיט משה אונ ער וועט ארויס גיין אונ דיא אבות וועלין זעהען צוא משה אונ משה וועט זייא זעהן אונ זייא וועלין אלע אריין גיין אין דער מערה פון משה אונ משיח וועט זיך דער וועקין צוא זייא אונ זייא וועלין זיך דארטין אלע מתחבר זיין באותו יום וועלין זיך דער וועקין די עשרת השבטים מלחמה צוא האלטין לארבע פינות העולם מיט משיח וואס ער וועט אויף זייא גיזאלבט ווערין דורך דעם כהן צדק אונ שבעה רועים נאמנים מיט אים:

חסלת ספר במדבר

# פרשת דברים

אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל רבי יצחק מיט רבי יהודה זיינען גיגאנגען אין וועג זיינען זייא גיקומען צוא אזו איין ארט וואס היימט כפר סכנין דארטין האט גיוויינט רב המנונא סבא זיינען זייא איין גישטאנען בייא אים אין שטוב ער איז אליין ניט גיוועזן ווארום

ער

ער איז שוין נפטר געווארין איז דארטין אין שטוב געוועזן זיינס אקליין קינד פון פינף יאר ער איז געוועזן בייא זיין רבי אז ער איז אהיים גיקומען זאגט אים דיא מוטער זייא זיך מקרב צוא דיא חכמים זייא זיינען חשובי לייט דוא וועשט פון זייא גיבענטשט ווערין האט ער גיוואלט צוא גיין צוא זייא אונ איז צוא ריק גילאפין אונ זאגט צוא דער מוטער איך וויל זיך צוא זייא ניט מקרב זיין ווייל זייא האבין היינט ניט גילייענט קיין קריאת שמע אונ אזו האט מען מיט מיר גילערינט ווער עש לייענט ניט קיין קריאת שמע איז ער דעם טאג בנדוי וויא זייא האבין דאש דער הערט האבין זייא זיך זייער פאר וואונדערט אונ האבין אויף גיהויבין זייערע הענט אונ האבין אים גיבענטשט אונ זאגין עש איז בוודאי אזו נייערט מיר האבין דעם טאג עוסק געוועזן במצות חתן וכלה זייא האבין ניט גיהאט וואס זייא דארפין צוא דער חתונה זייא זיינען געוועזן זייער ארום האבין זייא דורך דעם ניט גקאנט חתונה האבין אונ קיינער האט זיך ניט גיהאט מתעסק זיין מיט זייא האבין מיר גימוזט זיך מתעסק זיין אין דער מצוה דורך דעם האבין מיר קיין צייט ניט גהאט לייענן קריאת שמע דען מיר האבין גילערינט ווער עס איז עוסק אין איין מצוה איז ער פטור פון דער אנדערער מצוה · זאגין זייא צוא אים וויא אזו האשטו דאש גיוואוסט אז מיר האבין היינט ניט גילייענט קיין קריאת שמע זאגט דאש קינד צוא זייא איך האב דער קענט אין דעם ריח פון אייערע קליידער האבין זייא זיך זייער פאר וואונדערט דער נאך האבין זייא זיך גיוואשין צוא דעם עסין אונ האבין גימאכט איין ברכה איבער דעם ברויט · אונ דיא הענט פון רבי יהודה זיינען געוועזן פאר שמירט אונ האט איין ברכה גימאכט אידער ער האט זיך גיוואשין זאגט [illegible] צוא זייא איר זאלט זיין דיא תלמידים פון רבי שמעיה חסיד [illegible] איר ניט גידארפט מיט פאר שמירטע הענט איין ברכה מאכין ווארום דרויף איז מען חייב מיתה הייבט אן דאס קינד צוא זאגין עס שטייט בבואם אל אוהל מועד ירחצו מים ולא ימותו פון דעם פסוק לערנען מיר אפ ווער עס האט אויף זיך ניט חס אונ ווערט גיזעהען פאר דעם מלך מיט ניט קיין ריינע הענט איז ער חייב מיתה ווארום דיא פינגער פון דעם מענטשין זיינען מרמז אויף גרוישע זאכין ער זאגט ווייטער גרויסע סודות אונ דרום ווייל דיא פינגער זיינען מרמז אויף גרויסע סודות דרום מוז זיין אלע ברכות פון דיא כהנים דורך דיא פינגער אונ אז מען לויבט צוא הקב"ה מוזין דיא פינגער ריין זיין אונ דורך דעם ווערט הקב"ה גיבענטשט פון דעם הייליגין פאלק אונ איר זייט אזעלכע גרוישע חכמים פאר וואש גיט איר דרויף ניט אכטונג אונ איר האט ניט משמש געוועזן צוא רבי שמעיה חסיד דען ער האט גיזאגט אלע זאכין וואש זיינען [illegible] ריין נאר פאר שמירט מיט טינוף ולכלוך דאש איז מצד הטומאה דען דער צד הטומאה ווערט נאר גישפייזט פון אום ריינע זאכין אונ דרום איז איין חוב צוא וואשין דיא הענט מיט מים אחרונים פאר דעם בענטשין ווארום דיא קליפה הייסט חובה דרום איז דיא וואסער איין חוב וויא זייא הערן דיא רייד פאר וואונדערן זייא זיך אונ קענען ניט ריידין זאגט רבי יהודה צוא אים מיין קינד ווער איז דיין פאטער אונ וויא אזו איז זיין נאמען האט דאש קינד אביסיל שטיל גישוויגין ער איז צוא גיגאנגען צוא דער מוטער אונ האט זיא גיקושט אונ זאגט צוא איר דיא חכמים פרעגין מיך אויף מיין פאטער זאל איך זייא זאגין ווער ער איז זאגט זיא צוא אים מיין קינד האסטו זייא בודק געוועזן וואש זייא זיינען זאגט ער איך האב בודק געוועזן אבער איך האב אין זייא גאר ניט גפונען וויא אזו עס דארף צוא זיין האט אים דיא מוטער עפעס גיזאגט שטילער הייד דער נאך איז ער צוא זייא גיגאנגען אונ זאגט איר פרעגט מיך אויף מיין פאטער ער איז שוין גישטארבין אונ אלע צייט אז דיא הייליגע חסידים גייען אין וועג ארויין גייט ער זייא נאך גלייך וויא ער איז איין סוחר איינער פון זייא אונ ווען איר זאלט זיין רעכטע לייט קדושים עליונים וויא אזו וואלט איר אים ניט גיפינען אויף דעם וועג בתחלה האב איך אין אייך גיזעהען ניט קיין רעכטע זאכין אונ איצונד זעה איך נאך מער אין אייך דען מיין פאטער ווערט נאר גיזעהען צוא דעם וואש ער האט אויף זיך דעם עול התורה אזו וויא איין חמור דאש הייסט ער איז איין חמור דאורייתא ווארום איין תלמיד חכם הייסט חמור דאש מאכט חכם מופלג ורב רבנן צוא אזעלכע מענטשין באווייזט ער זיך ניט צוא איין אנדערין אונ ווייל איר האט ניט זוכה געוועזן ער זאל זיך צוא אייך באווייזין דרום וועל איך אייך ניט זאגין ווער ער איז זאגט רבי יהודה צוא רבי יצחק מיר דאכט אז ער איז ניט קיין מענטש זייא האבין גיגעסין אונ דאש קינד זאגט דברי תורה אונ חידושי התורה וויא זייא האבין אפ גיגעסין זאגין זייא צוא אים גיב אונז איין כוס וועלין מיר בענטשין · זאגט ער איר זאגט רעכט דען דער שם הקדוש ווערט ניט גיבענטשט נייערט מיט הזמנה גלייך וויא מען גרייט אן איין ארט צוא איין זאך אזו מוז מען פריער מאכין איין הזמנה דאס הייסט מען זאל זאגין מיר ווילין בענטשין ער הייבט אן צוא זאגין עש שטייט אברכה את ה' בכל עת וואש האט דוד המלך דער מיט גימיינט וואש ער האט גיזאגט אברכה נאר ער האט גיזעהען אז מען מוז האבין איין הזמנה דרום זאגט ער אברכה הייסט דאס הזמנה אזו איר זאגט אויך רעכט הב ונברך דען אז איין מענטש זיצט בייא דעם טיש רוט דארטין דיא שכינה אונ דער צד הקליפה שטייט אויך דארטין ווען דער מענטש גרייט זיך אן צוא דעם בענטשין להקדוש ברוך הוא אזו ווערט דער צד הטומאה נדחה אונ אונטער טעניג פאר דער צד הקדושה ער איז ניט אין דעם כלל ווייל דער מענטש באגערט דער צד הקדושה מיט דער הזמנה אבער אז דער מענטש גרייט זיך ניט אן צוא בענטשין להקב"ה אזו איז זיך דער צד הטומאה משמח ער שפרינגט צוא זיין בייא אים ער זאל האבין איין חלק אין דער ברכה או[illegible]וא וועשט פרעגין פאר וואש בייא אנדערע ברכות דארף מען ניט האבין קיין הזמנה נאר בייא דעם בענטשין · קום אונ זעה עס איז בוודאי אזו ווען איין מענטש מאכט איין ברכה אויף איין פרי הייסט די פרי איין הזמנה אונ אז מען מאכט איבער איר איין ברכה אזו האט שוין דער צד הטומאה קיין חלק ניט אין דעם דען דיא פרי וואס זיא איז אין דעם רשות פון צד הטומאה מאכט מען דאך איבער איר ניט קיין ברכה דהיינו ווען זיא איז נאך ערלה איז זיא ברשות הטומאה וואש זיא הייסט ערלה דרום שטייט דער בייא ולא יאכל דאש מען זאל קיין ברכה ניט מאכין כדי דער צד הטומאה זאל ניט גיבענטשט ווערין ווייל זיא איז נאך אין איר רשות אבער דר נאך אז זיא גייט ארויש פון איר רשות אזו ווערט זיא גיגעסין אונ מען מאכט איבער איר אברכה הייסט דאש דיא הזמנה אונ דער צד הטומאה האט שוין אין דעם קיין חלק ניט אויב דוא וועשט פרעגין פאר וואש זאל דער כוס פון דעם בענטשין אויך ניט הייסין איין

הזמנה מען זאל ניט דארפין זאגין הב ונברך נאר ווייל בתחלה אז ער האט גימאכט בורא פרי הגפן אויף דם כוס אין מיטין עסין האט דאש גיהיישן איין הזמנה אונ היינט ביא דעם אנדרין כוס צוא דעם בענטשין דארף מען האבין איין אנדערע הזמנה ווייל דער כוס איז צוא הקב"ה ניט אזו וויא דער ערשטער כוס וואש ער איז נאר גיוועזן אויף צוא טרינקין אונ דער כוס פון דעם ברכת המזון איז כדי מען זאל מיט אים ציהען היילינע ברכות פון הקב"ה אונ דרום דארף מען האבין איין הזמנה מיט דעם מויל חאטשע דיא ווערטער נברך שאכלנו משלו היישט איין הזמנה אין איין ברכה אבער דיא הזמנה פון ברכת המזון דארף מען האבין דורך איר זאל מען ציהן ברכות פון דעם עולם עליון וואש אלע ברכות קומען פון דארט ארויש וואש ער איז פאר בארגין דרום ביא דיא ברכות זאגט מען ברוך אתה גיבענטשט בישט דוא דאש זאגט מען לנוכח וויא מען שמועסט איינער אנטקעגין דעם אנדערין אבער דא זאגט מען נברך שאכלנו משלו גיבענטשט איז גאט וואש מיר האבין גיגעסין פון זיינעם זאגט מען דאש בדרך נסתר פאר בארגין אזו וויא מען שמועשט פון דעם אנדרן הינטער דיא אויגין דאש דארט איז מער ניט קיין הזמנה נייערט מיט דעם כוס של ברכת המזון דאש דורך דעם ציהט מען אראפ דיא ברכות דאש גיוועגט זיך אלץ אין וועלכין עולם אונ וואש פאר איין קדושה וואש הקב"ה איז זיך מתלבש זאגט רבי יהודה וואול צוא אונזר חלק פון אייביג אן ביז היינטיגן טאג האבין מיר ניט גיהערט אזעלכע גרוישע זאכין בוודאי איז אזו וויא איך האב גיזאגט אז דאש קינד איז גאר ניט קיין מענטש זאגט ער צוא אים דוא בן המלאך מיין ליב קינד אונ האט אים גפרעגט איין קשיא אויף דעם סוד וואש ער האט פריער גזאגט · זאגט דאש קינד דאש איז אמת וואש מיר האבן אויבין גזאגט אז דער מענטש ווערט דר קענט דורך זיין מויל ווער ער איזוי נאר ווייל איר פאר שטייט ניט וועל איך אייך זאגין דעם סוד :

פתח ער האט אן גיהויבן צוא זאגין עס שטייט החכם עיניו בראשו ביא דעם חכם זיינען זיינע אויגין אין זיין קאפ איז דאך דיא קשיא וואו האט דען איטליכער מענטש זיינע אויגין אין זיין גוף אדער אין די הענט ניט אין זיין קאפ וואס פאר איין חילוק מאכט דא שלמה צווישן איין חכם אונ צווישין אנדערע מענטשין אמער זייא זיינען מיט דער זאך ביידע גלייך נאר אזו מיינט דער פסוק דען מיר האבין גילערינט עס איז רעכט דער מענטש זאל ניט גיין ד' אמות בגילוי הראש ווארום די שכינה רוט אויף זיין קאפ אונ דער וואש עס איז איין חכם זעהט ער אלע מאל ווער עס איז אויף זיין קאפ דאש איז דיא שכינה אונ אז זיינע אויגין זיינען נאר צוא זעהען די ליכט וואש לייכט אויף זיין קאפ אזו מוז ער האבין צו דער ליכט בוימיל דען דר גוף פון דעם מענטשין איז גיגליכין צוא איין קניטיל וואש דער פלאם ברענט דרויף דרום שרייבט שלמה אונ זאגט ושמן על ראשך אל יחסר עס זאל זיך ניט אויש לאזין קיין ביימיל פון דעם ליכט וואס אויף דיין קאפ ווארום דיא ליכט וועט אויש גיין דרום מוז דער מענטש האבין צוא דער ליכט פון זיין קאפ בוימיל דאס איז מצות ומעשים טובים דען דורך דעם ברענט זיין ליכט אויף דעם קאפ דרום זאגט ער החכם דר וואס איז קלוג עיניו בראשו דער איז תמיד משגיח אויף זיין קאפ אז דיא ליכט זאל ברענען אונ דרום זאגט ער אויף זיין קאפ אונ ניט אויף קיין אנדער ארט ווייל דיא דיא שכינה רוט אויף זיין קאפ אונ איר זייט דאך בוודאי חכמים אונ דיא שכינה רוט אויף אייער קאפ וויא האט איר ניט משגיח גיוועזן אין דעם אונ זאגט זייא גרוישע סודות אזו קומען זייא אונ קושין אים רבי יהודה ווינט אונ זאגט וואל צוא דיר רבי שמעון וואל צוא דיין חלק אונ וואל צוא דיין דור אז אין דיין דור זיינען אפילו דיא קינדער גרוישע חכמים אזו קומט זיין מוטער אונ זאגט רבותי איך בעט אייך קוקט ניט אויף מיין זון נאר בעין יפה זאגין זייא צוא איר וואל צוא דיין חלק דוא רעכט ווערדיגע אשה כשרה ברורה אויש דער ווילט איז דיין דגל מער פון אלע ווייבער פון דער וועלט זאגט דאס קינד איך פארכט מיך ניט פאר קיין עין הרע איך בין איין זון פון אגרוישין פיש אונ דיא פיש האבין קיין מורא ניט פאר קיין עין הרע עס שטייט וידגו לרוב בקרב הארץ וואס שטייט לרוב נאר צוא גרוישין זיי איבר דעם אויג אונ אזו וויא דיא פיש וואס דיא וואשער דעקין זייא צוא האבן קיין מורא ניט פר קיין עין הרע אזו האב איך אויך קיין מורא ניט זאגין זייא צוא אים דוא בן מלאך ה' עס איז חס ושלום ביא אונז קיין שלעכט אויג ניט דא אונ מיר קומען ניט מצד עין הרע אונ הקב"ה טוט דיך באדעקין מיט זיינע פליגיל · הייבט אן דאס קינד המלאך הגואל אותי וגו' אונ זאגט דרויף גרוישע סודות · זייא קושין אים אזו וויא פריער זייא זאגין מיר וועלין בענטשין זאגט ער איך וועל בענטשין דען אלץ וואס איר האט ביז אהער גיהערט איז אלץ פון מיר אזו וועל איך אין מיר מקיים זיין טוב עין הוא יבורך לייען ניט יבורך נייערט יברך ער זאל בענטשין כי נתן מלחמו לדל דרום ווייל ער האט גיגעבין זיין ברויט דאש איז דיא תורה וואס זיא היישט לחם · אונ איר האט מיין ברויט ניגעסין דאס איז דיא אכילה ושתיה של תורה דרום גיהער איך צוא בענטשין · זאגט רבי יהודה. דוא גיליבט קינד פון הקב"ה מיר האבין דאך גילערנט בעל הבית בוצע ואורח מברך דער בעל הבית באדארף צוא מאכין המוציא אונ דער אורח באדארף צוא בענטשין ברכת המזון זאגט ער איך בין ניט קיין בעל הבית אונ איר זייט אויך ניט קיין אורחים איך וויל נאר מקיים זיין דעם פסוק וואס איך האב גיזאגט דען איך בין איין טוב עין ווייל איך האב ביז אהער גיזאגט תורה אונ איר האט דאס פון מיר ניט באגערט נאר עס איז גיוועזן מחמת איך בין איין טוב עין האט איר מיין אכילה גיגעסין · דאס קינד נעמט דעם כוס של ברכה אונ בענטשט אונ דיא הענט ציטערין. אים ער קען ניט האלטין דעם כוס אין זיינע הענט אונ אז ער איז גיקומען צוא על הארץ ועל המזון האט ער גיזאגט כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא אזו איז גיבליבין דער כוס שטיין אין זיין רעכטער האנט · נאך דעם אז ער האט גיבענטשט האט ער גיזאגט יהי רצון עס זאל זיין דער ווילין פון הקב"ה אז צו איטליכין פון זיי זאל זיך ציהען חיים פון דעם מלך וואס אלע חיים היינגען אין אים · דער נאך האט ער פאר מאכט זיינע אויגין אויף איין רגע אונ דער נאך האט ער זייא גיעפינט אונ זאגט חברייא שלום עליכם פון דעם הערין וואס אלע שלום זיינען זיינע · זייא פאר וואונדערין זיך אונ וויינען אונ בענטשין אים זייא האבן דארטין איבר גינעכטיגט דיא גאנצע נאכט אונ האבין זיך גיפעדערט גאנץ פריא אונ זיינען אוועק גיגאנגען אונ זיינען גיקומען צוא רבי שמעון אונ דער ציילין אים דיא גאנצע מעשה · ער פאר וואונדערט זיך זייער אונ זאגט ער איז דער זון פון איין שטארקן פעלזין אונ ער איז ראוי דער צוא אונ נאך מער דער פון ער איז דער זון פון רב המנונא סבא אזו ווערט רבי אלעזר דער ציטערט אונ זאגט איך נעם אויף מיר צוא

גיין

גיין זעהען דאס ליכט וואס דארטין ברענט זאגט רבי שמעון ער קען
ניט לאנג לעבין אויף דער וועלט דען אין אים איז דברים עליונים
אורות אונ גרויסע סודות וואס זיין פאטער האט אויף אים גיצויגין
אונ האט אים הער ליכט אונ דער סוד האט זיך ניט מתפשט גיוועזן
צווישין דיא חכמים · אונ וויא דיא חברייא מיט רבי אלעזר זיינען
גיקומען צוא אים וועסטו גפינען אין פרשת מטות :

ואשימם בראשיכם רבי יוסי הייבט אן כה אמר ה' קול ברמה נשמע וגו' אין דעם
טאג וואס דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ די ישראל
זיינען גגאנגען אין גלות אונ האבן גיטראגן מיל שטיינער אויף זייערע
העלזר אונ די הענט אהינטער גיבונדן אונ די כנסת ישראל האט אראפ
גינידערט צוא פאר טריבין ווערין מיט זייא אונ בשעת זיא האט
אראפ גינידערט האט זיא גזאגט איך וועל פריער גיין אונ וועל פריער
וויינען אויף מיין וואנונג אונ אויף מיינע קינדער אונ אז זיא איז
גיקומען אונ האט גיזעהען אז דאס היכל איז פאר ברענט אונ כמה
חסידים זיינען אום גיקומען האט זיא זייער שטארק גיוויינט אזו האבן
דאס דער פילט די עליונים ותחתונים האט דיא וועלט גיוואלט חרוב
ווערין ביז עס זיינען גיקומען אנטקעגין איר כמה חיילות ואוכלוסין
זייא מנחם זיין האט זיא ניט גיוואלט מקבל זיין קיין תנחומים אזו
וויא דער פסוק זאגט מאנה להנחם דער נאך איז זיא ארויש גיגאנגען
פון דעם בית המקדש אונ איז גיגאנגען ארום ארץ ישראל דער נאך
איז זיא ארויש גיגאנגען אין דער מדבר אונ איז דארטין גיווען דרייא
טאג אונ האט גפירט איר מחנות וחיילות אונ האט גלייענט איכה ישבה בדד
העיר רבתי עם היתה כאלמנה · רבי יוסי ורבי חייא וויינען אונ זאגין דיא
ישראל זיינען ניט פאר טריבין גיווארין אונ דאס בית המקדש איז ניט
חרוב גיווארין ביז אלע האבין גיזינדיגט דיא ראשים האבין צום
ערשטין גיזינדיגט אונ דאס איבעריגע פאלק האבין גיקוקט אויף זייא
אונ האבין אויך גיזינדיגט אזו וויא עס שטייט אז דיא ראשי העם
זינדיגין ציהט זיך נאך דאס גאנצע פאלק נאך זייא · זאגט רבי חייא
עס שטייט ואם כל עדת ישראל ישגו וויא קומט עס אז כל ישראל זאלין
זינדיגין זאגט ווייטער דער פסוק ונעלם מעיני העדה דיא ראשים וואס זיי
הייסין עיני העדה אזו וויא דער גוף גייט נאך נאך די אויגן אזו גייט
דאס פאלק נאך נאך דיא ראשים אז זייא זינדיגין ציהען זיך אלע נאך
נאך זייא · אזו אויך דא שטייט ואשמם אן איין יו"ד דען אז זייא שולדין
דאס איז גורם בראשיכם מחמת דיא ראשים · אנדער פשט איז ואשימם
בראשיכם דיא תורה ווייזט אונז אז דער צדיק ווערט גיהאפט מחמת
דיא זינד פון דעם דור אז דאס פאלק זינדיגט נעמט הקב"ה צוא דעם
צדיק פאר איין כפרה אויף דעם דור דרום זאגט ער ואשימם אייערע
חטאים קומען בראשיכם אויף אייערע ראשים דאס זיינען ד"א צדיקים
דיא ראשי הדור זייא מוזין פון אייערט וועגין גישטראפט ווערין אויב
דוא וועסט פרעגין נעמט דען הקב"ה צוא דיא צדיקים פון דער
וועלט פאר זייער צייט אז זיי זינדיגין ניט קום אונ זעה בשעת ירבעם
איז נאך קליין גיוועזן אונ האט נאך ניט גיזינדיגט האט הקב"ה גיזאגט
צום מלאך המות גייא אונ ברייננ מיר ירבעם בן נבט · באותו שעה
האבין דיא מלאכי השרות גזאגט ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ ווארום
ווילשטו אים נעמען לאז אים · דיין נאמען ווערט דאך בשיינט דורך
איין צדיק אונ אויך דורך זיין זכות באקומען מיר אויך שפע דען דורך
דעם צדיק קומט איין ברכה אין אלע עולמות האט הקב"ה גיזאגט

איך וועל אים לאזין לעבין אונ וועל טאן אייער ווילן דער נאך אז
ער איז ארויש גיגאנגען לתרבות רעה אונ האט גימאכט שני עגלי זהב
אונ האט אליין גיזינדיגט אונ האט גימאכט זינדיגין דיא ישראל זאגט
הקב"ה זעט דאס אלע שפע וברכות וואס ער האט אייך גורם גיווען
פריער מיט זיינע מעשים טובים היינט וועט אויף אייך זיין פיל טומאה
ווזוהמא פון אים עס וואלט בעסר גיווען איר זאלט מיך גיווען לאזן אים
צוא נעמען פון דר וועלט כל זמן ער איז נאך גיווען איין צדיק אזו וואלט
מיט אים דער מלאך מט"ט גילערינט בישיבה של רקיע · באותו שעה
האבין אלע גיזאגט צדיק אתה ה' וישר משפטיך דרום גייט הקב"ה אין זיין
גארטין ללקוט שושנים צוא קלייבין אזעלכע רויזין וואס זייא שמעקן
נאך דרום ווייל ער ווייסט וועלכער עס וועט זינדיגין דער נאך
נעמט ער אים תיכף צוא דרום שטייט ללקוט דען ער ווייסט וועלכע
אויש צו קלייבין :

רבי שמעון הייבט אן אונ זאגט עש שטייט את הכל ראיתי בימי הבלי יש
צדיק אובד בצדקו ויש רשע מאריך ברעתו איז דאך דיא קשיא אזו
אגרויסער חכם וויא שלמה המלך עליו השלום איז גיווען וואש
קען ער דער מיט מיינען דען מיר זעהען דאך אז דער וועג פון הקב"ה
איז דאך ניט אזו עס שטייט דאך לתת לאנוש כדרכיו וכפדי מעלליו השי"ת
באצאלט איטליכן מענטשין וועדליג זיינע מעשים נאך וואש דען זאגט
שלמה אז עס איז נאר פאר קערט · נאר שלמה המלך האט גימיינט
צווייא ערלייא זאכין דען מיר האבין גילערינט ווען דיא דינים פון
הקב"ה דער וועקין זיך מעיין ומשגיח זיין אויף דער וועלט אזו וויא
עס שטייט עיני ה' משוטטות בכל הארץ דא"ש זיינען דיא מלאכים וואש
זייא הייסין עיני ה' זייא גיבין אכטונג אויף דער וועלט וואס איטליכער
מענטש טוט שלעכטע מעשים חלילה אונ אז זייא גיפינען רשעים
ווערט דער צדיק פון דעם דור נתפס דורך זייערע זינד אונ צוא זייא
איז הקב"ה מאריך אף טאמער ווען זייא תשובה טאן דרום זאגט
שלמה המלך עליו השלום יש צדיק אובד בצדקו ווייל ער איז איין צדיק
ווערט ער פאר לארין בעון הדור דרום האבין מיר גילערינט אייביג
זאל איין מענטש ניט וואונען אין איין ארט וואס דיא מענטשן זיינען
רשעים נייערט ער זאל וואונען אויף אזו איין ארט וואס דיא מענטשן
זיינען אנשי מעשה ווארום דער וואס וואונט צווישן רשעים ווערט ער
נתפס דורך זייערע זינד אונ אז ער וואונט צווישן צדיקים באקומט
ער גוטץ אין זייער זכות · דען רב חסדא האט פריער גוואונט צווישן
דיא אנשי קפוטקיא האט ער דארטין גהאט גרויש דוחק אין דער
פרנסה אונ פיל קראנקייט איז אויף אים גיקומען ווארום זייא זיינען
גווען ניט קיין ערלעכע לייט דער נאך אז ער האט זיך ארין גצויגן
צווישן די מארי תריסין פון צפורי דאש זיינען דיא תלמידי חכמים
וואס הייסן בעלי תריסין ווייל זייא טראגן אויף זיך דעם יאך פון דער
תורה אונ האלטן מלחמה אנטקעגן דעם שטן מיט זייער חברותא אז
ער איז שוין גקומן אויף דעם ארט האט ער שוין זוכה גווען צוא האבן
פיל עשירות אונ נאך כמה טובות האט ער דארטן באקומען אונ פיל
תורה דעמאלט האט ער גזאגט איך האב דאש אלץ זוכה גווען ווייל
איך בין היינט צווישן אזעלכע מענטשן וואס הקב"ה האט אויף זייא
השגחה מען זאל זייא גוטץ טאן איז מיר אויך גוט צווישן זייא :

רבי אלעזר הייבט אן אונ זאגט עס שטייט יש הבל אשר נעשה על הארץ אשר
יש צדיקים וגו' ויש רשעים שמגיע אליהם וגו' אמרתי שגם זה הבל שלמה המלך

 האט

האט גמאכט דאש ספר פון קהלת אונ האט גשטעלט שבעה הבלים וואש דיא וועלט שטייט דרויף דאש זיינן די שבעה עמודי עולם דען דאש ווארט הבל איז ניט טייטש קיין נארעשקייט נייערט אזו וויא אויבן שטייט אין פרשת בראשית אשר נעשה על הארץ דער כח אונ דאש שטארקייט איז אלץ דורך דיא נשמות הצדיקים וואש זייא ווערן אויש גקליבן פון דער וועלט זייא זיינען נאך צדיקים אונ איידער זייא זינדיגן אזו נעמט זייא הקב"ה אוועק פון דער וועלט אזו וויא מיר גפינען ביא חנוך שטייט ואיננו כי לקח אותו אלהים הקב"ה האט גזאגט וויל ער איז נאך איין צדיק וועל איך אים צוא נעמען פון דער וועלט אונ וועל זיך מיט אים משתעשע זיין אונ אזו איז אויך ביא אנדערע צדיקים יסודי עולם דען מיר האבן גלערינט איבער צווייא זאכן ווערן צדיקים אפ גטאן פון דר וועלט פר זייער צייט איינס איז אז דר דור איז זינדיג ווערן דיא צדיקים נתפס איבער זייערע זינד אונ שטארבן פאר דער צייט דאס אנדערע ווען הקב"ה זעהט דען עס איז פאר אים גלוי וידוע אז דער צדיק וועט דער נאך זינדיגן דרום נעמט ער אים צוא פאר דער צייט דרום זאגט שלמה המלך עליו השלום אשר יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים וואס דער מדת הדין איז פוגע אין זייא גלייך וויא זייא וואלטן גוועזן רשעים:

רבי יוסי בר יעקב איש כפר אונו בשעת אז רבי עקיבא מיט זיינע חברים זיינען נהרג גוואורן במיתות משונות האט ער גפרעגט צוא רבי מאיר וואו גפינען מיר דאש אין דער גאנצער תורה אז זייא זאלין ליידן אזו איין מיתה זאגט רבי מאיר צוא אים וואש איז דיר קשה דאש האט דאך שון לאנג שלמה המלך עליו השלום גזאגט אשר יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים דאס דער מדת הדין איז אין זייא שולט גלייך וויא זייא וואלטן גוועזן רשעים אונ עש איז פאר האנדן רשעים וואס זייא זיצן במנוחה והשקט בשלוה ובשלום אויף דער וועלט אונ קיין דין גרייכט צוא זייא גאר ניט גלייך וויא זייא וואלטן גוועזן גרוישע צדיקים אונ דרום איז דאש אזו ווייל הקב"ה ווייסט וואל זייא וועלן תשובה טאן אין אצייט ארום אדער עש וועט פון זייא ארויש קומען גוטע קינדער זרע אמת אויף דער וועלט אזו וויא מיר גיפינען ביא תרח דער פאטער פון אברהם אבינו איז גוועזן איין רשע האט אים הקב"ה גלאזט לעבן אויף דער וועלט כדי עש זאל פון אים ארויש קומן אברהם אבינו וואש ער איז גוועזן אגרוישער צדיק אויך פון אחז המלך איז ארויס גיקומען יחזקיה המלך וואש ער איז גוועזן אגרוישער צדיק דעשט גלייכן גפינען מיר ביא אנדרע רשעים אויף דער וועלט:

ד"א איין אנדער פשט איז אויף דעם פסוק יש הבל אשר נעשה על הארץ די ברכות וואס קומן אויף דער וועלט פון דעם הבל הקודש איז אלץ פון דיא מעשה הצדיקים וואש עש קומט זייא צוא דער האנט כמעשה הרשעים דהיינו ווען עש קומט צוא זייא איין זונה אזו וויא מיר גיפינען ביא יוסף הצדיק אדער וויא עש איז גוועזן ביא אנדערע צדיקים אדער עש קומט צוא זייא דעשט גלייכן פון אנדערע מעשה הרשעים אונ זייא ביא שטייען אויף דעם נסיון זייא זיינען אין זייער קיום אונ האלטן איין דעם יצר הרע ניט צוא זינדיגן מחמת זייא האבן מורא פאר הקב"ה ווילן זיי זיך ניט מטמא זיין אונ מכח דעם ווערט דיא ערד גשטארקט פון ברכות ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים מיינט מען אז עש קומט דעם רשע צוא דער האנט ער זאל טאן איין מצוה אונ ער איז אין איר זוכה ער זאל זיא מקיים זיין דאס הייסט כמעשה הצדיקים האט רבי עקיבא אויף זייא גזאגט דעם פסוק ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים אזו אויך איז גוועזן איין רשע אין גאס פון רבי חייא האט ער אמאל ביא נאכט באגעגינט איין אשה תאס זיא איז גנאנגען גוואר ווערין צוא איר טאכטער האט ער זיך אויף איר גשטארקט האט זיא אים גיזאגט איך בעט דיך זאלסט ניט דער צערעגען דיין האר אונ זינדיג ניט האט ער זיא אפ גלאזט אונ האט ניט גיזינדיגט פאר פחד השי"ת דאש הייסט ויש רשעים וגו' אמרתי שגם זה הבל אזו וויא עש ווערט גישטארקט דיא קדושה פון דעם הבל העליון דורך דיא צדיקים וואש קומט צוא זייא איין מעשה פון רשעים אונ זייא זינדיגן ניט אזו אויך ווערט גישטארקט דיא קדושה פון דיא רשעים וואש עש קומט זייא כמעשה הצדיקים אונ זייא טוען עס דען הקב"ה האט באשאפין אויף דער וועלט צדיקים מיט רשעים אזו וויא זיין כבוד ווערט גגרייסט פון מעשה הצדיקים אזו ווערט ער גגרייסט פון דיא רשעים אז זיי טוען גוטע מעשים אזו וויא די מעשה הצדיקים אזו וויא עש שטייט את הכל עשה יפה בעתו ווייא צוא דיא רשעים וואס טוען שלעכץ אונ שטארקין זיך מיט זייערע זינד וויא עס שטייט אוי לרשע רע יש צדיק אובד בצדקו שלמה המלך ע"ה האט אלץ גזעהן מיט זיין גרויסר חכמה וואס ער האט גהאט פון הקב"ה אונ אזו מיינט ער דעם פשט פון דעם פסוק ווען דיא כנסת ישראל זיינען גוועזן אין גלות פרס אזו איז ניט גוועזן קיין שפע וברכה אויף דער וועלט פון אויבן אזו וויא עש שטייט הצדיק אבד דער צדיק ווערט פאר לארין לארץ מצדקתו מיינט מען דיא שכינה אין דער צייט איז בעולם הזה דער רשע מיינט מען דעם ס"מ וואס ער הייסט רשע מאריך ברעתו ער לייגגערט אין זיין שלעכץ בהשקט ושלוה אונ ברעתו מיינט מען מיט זיין אשה רעה וואש זיא הייסט לילית אשת זנונים דער נחש החזקה דען ווייל דיא קדושה איז גשלאפט גווארין איז ער גישטארקט מיט זיין שלעכץ מחמת אונזערע עבירות דען קומט אויף אים שקט ושלוה ביז הקב"ה וועט דיא כנסת ישראל אויף ריכטין פון דער ערד אויף שטעלין דיא סוכת דוד הנופלת וועט אלץ רעכט ווערן:

וגם יד ה' היתה בם לתומם מקרב המחנה עד תומם ער זאגט יהי שם ה' מבורך וגו' זיין נאמען זאל זיין גבענטשט דען דיא חכמה אונ דיא גבורה איז דאך גאר זיינע ניט פון אנאנדערין ער פאר ענדערט די צייטן אונ אלע זמנים זיינען אין זיין רשות ער האט ארויס גיצויגין זיין פאלק פון מצרים ווייל זייא זיינען דאס חלק פון יעקב זייער חלק איז אין דעם וואש ער האט באשאפן עס איז פאר האנדין איין הימיל איבער אלע הימלען וואש ער איז גאר נסתר ונעלם אונ דארטין זיינען גרויסע פענצטער אונ איין פענצטער איז גאר פאר הוילן ער איז שולט איבר אלע פענצטער ער הייסט חלון זהרא דארטין גייט ארויש איין שטערין דיא חכמים רופין אים אן י"ד דאש מיט זיין כח גיוועלטיגט יהודה אויף דער וועלט ער האט איין חלק אין דעם שטערן דען דיא שבטי ישראל האבין זייער חלק נאר אין הקב"ה נייערט דער שבט יהודה איז שולט אויף דעם שטערין וואס הייסט י"ד אונ דער שטערין האט אויף אים קיין שליטה ניט אונ בשעת שבט יהודה האבין אפ גקערט זייער וועג פון הקב"ה אונ האבין גיזינדיגט זיינען זייא נאך גיגאנגען צוא וויסין דעם חלון מיט דעם כוכב אונ האבין גזאגט אז דער כוכב י"ד איז מנצח וועלין מיר אים דינען דאש האט יעקב גימיינט וואש ער האט גיזאגט יהודה אתה יודוך אחיך ידך בעורף אויביך מחמת דער כוכב טוט יאגין

אונ

אונ שלאגין זיינע פיינט דרום זיינעז זייא אים נאך גיגאנגען אונ האבן אים גימאכט פאר איין עבודת כוכבים דרום שטייט ויעש יהודה הרע בעיני ה' אונ דרום הייסט דער כוכב יו"ד וויל אז ער גייט ארויש איז ער אזו וויא איין האנט מיט פינף פינגער אונ לייכט אונ פינקילט אין דעם חלון · אלע מכשפים אונ חרשים וואש טוען כישוף פארכטין זיך פאר דעם שטורים דרום וויל ווען דער כוכב איז שולט ווערין אלע כשפים אונ חרשים אונ קסמים מבולבל אונ עס איז ניט מצליח בייא זייא אויב דוא וועשט פרעגין אז דער רקיע איז אזו פאר הוילין פון וואנען ווייסין זייא ווען דער כוכב איז שולט אלא זייא האבין איין סימן פון אנדערע שטערין וואש זייא ווייסין אין זייא ווען דער כוכב למעלה איז שולט · אונ דרום איז פאר האנדין צייטין וואש דיא מכשפים קענען טאן זייער כישוף אונ אזעלכע צייטן וואש זייא קענען ניט אונ האבין קיין הצלחה ניט אונ דרום ווערין אלע מאל דיא מכשפים וחרשים ווינציגער פון דער וועלט וויל זייא זעהען אז צוא צייטין האט זייער כישוף קיין הצלחה ניט דרום האלטין זייא דער פון ניט אונ ווארפין עס אוועק · דער אנדערער חלון הייסט חלון טיפ"ר דען טופר איז טייטש נעגיל ער האט איין גישטאלט וויא איין נאגיל אונ פון דארטין גייט ארויס איין כוכב וואש ער הייסט צפעון דען ער איז מושל ושליט מיט אגרויסין כח אונ האט איין ראש וזנב וויא אשלאנג וואש ער הייסט צפעון · פון דעם חלון גייען ארויש זעקס הונדערט טויזנט רבבות רוחות וואש זיינען שולט אויף דיא נעגיל פון מענטשין וואש מען ווארפט זייא אראפ אנטפלעקט דען דער מיט טוען דיא מכשפים כישוף בשעת דער שטערין איז שולט אונ דער מ"ט איז ער גורם מיתה צוא דער גאנצער וועלט אונ דעם כישוף וואש מען טוט איז עולה ומצליח אין זייערע הענט · דער חלון השלישי הייסט חלון נוגה דארט איז איין כוכב ער הייסט גזרין אונ ווען דער כוכב איז שולט אויף דער וועלט איז דיא וועלט בדין מיט כמה גזירות ועונשין אונ אלע טאג ווערין מתחדש גזירות אויף דער וועלט איידר איינר לאזט זיך אויש איז שולט דיא אנדערע אונ דער כוכב האט נאך קיין רעכטע שליטה ניט גיהאט אויף דער וועלט נייערט נאהענט לימות המשיח וועט דער חלון מיט דעם כוכב שולט זיין וועט זיך מתחדש זיין מיני רעות איינע נאך דער אנדערע אונ ישראל וועלין זיין בצרה · דר נאך וועט זייא הקב"ה דער לייכטן דעם אור היום דען וועט געפינט ווערין דער חלון השביעי אויף דער גאנצער וועלט אונ דער כוכב איז דער כוכב פון יעקב אונ דער כוכב וועט לייכטין פערציג טאג אונ פערציג נעכט אונ משיח וועט אנפלעקט ווערין אונ צוא אים וועלן זיך איין זאמלען אלע דען וועט מקוים ווערין דער פסוק שורש ישי עומד לנס עמים אליו גוים ידרושו והיתה מנוחתו כבוד :

## להפטרה

כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי זאגט רבי שמעון ווער עש איז משתדל בתורה האלבע נאכט ביז טאג אז עש ווערט טאג איז מען אויף אים מושך איין חוט של חסד אונ ווען ער איז מסתכל אין הימל רוט אויף אים דער אור השכלי אונ ער ווערט גקריינט דרינעז אונ אלע בריות פארכטין זיך פאר אים אזו ווערט דער מענטש גרופן איין בן צוא הקב"ה דער איז בן היכל המלך אונ קיינער קען אים ניט ווערין ארייין צוא גיין בהיכל המלך אויף אים זאגט דער פסוק קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת וואש שטייט באמת וויל ער ווייסט וואול וויא

אזו מיחד זיין דעם שם הקודש כראוי דער איז מקיים אויף דער וועלט מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ איין שם אחד אונ דרום וועלכער כהן וואש ווייסט ניט רעכט מייחד זיין דעם שם הקודש איז זיין עבודה קיין עבודה ניט דען אלע עבודות עליונים ותחתונים הייגן אן אין דעם כהן דרום מוז ער זיין רצון ולב מכוין זיין דאש דורך זיין כונה פון דר עבודה ווערן גיבענטשט עליונים ותחתונים עס שטייט כי תבואו לראות פני ומי בקש זאת מידכם רמוס חצרי עש וואלט בדארפט שטיין לראות וואש שטייט לר[..]ות דאש איז טייטש צוא ווערין גיזעהען וויל איטליכער מענטש וואש ער קומט מייחד זיין דעם שם הקודש אונ איז ניט רעכט מכוין מיט זיין לב ורצון ויראה אז די עליונים ותחתונים זאלן גבענטשט ווערין אזו ווארפט מען זיין תפלה ארויש אונ אלע רופין אויף אים לרעה דרום זאגט הקב"ה כי תבואו לראות פני אז איר וועט קומען צוא ווערין גיזעהען ווארום דאש פנים פון דעם מלך עליון קען מען ניט זעהען דען עש איז פאר בארגין אונ ארום איז חושך אזו וויא דער פסוק זאגט ישת חושך סתרו אונ ווער עש קען רעכט מכוין זיין אלע יחודים אזו ווערט דאש חושך גישפאלטין אונ דאש פני מלך ווערט גיזעהען אונ גלייכטין צוא אלע אזו ווערין גיבענטשט דיא עליונים ותחתונים דען ווערט גיפונען ברכות בכל העולמות אבער אז מען איז ניט מכוין ברצון הלב שלם וביראה זאגט הקב"ה מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי ווער בגערט פון אייך איר זאלט טרעטין אין מיין מק"ם קדושה אריין אונ נאך וואש קומט איר צוא מיר עש זיינען דאך ניט דא קיין ברכות אויף דער וועלט אונ ניט דאש אליין נאר אפילו דיא דינים זיינען זיך מתעורר אין אים רבי שמעון אז ער האט גירייכט צוא דעם פסוק השיב אחור ימינו מפני אויב האט ער גיוויינט אונ גיזאגט וויא איז דאש מיגליך אלא וויל ער האט מקדים גיוועזן דעם מדת הדין צו נידערין אויף דער וועלט אונ האט דעם ימין איבער גלאזט אויף אנדער ארט דרום האט דער פיינט שולט גיוועזן אונ חרוב גימאכט דעם בית המקדש אונ די כנסת ישראל איז אין גלות אבר לעתיד לבא שטייט גילי מאוד בת ציון וגו' · רבי חייא הייבט אן בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך וגו' קום אונ זעה וויא אמענטש בדארף נזהר זיין פון זינד אונ נזהר זיין מיט זיינע מעשים פאר הקדוש ברוך הוא דען עש זיינען כמה שלוחים אונ כמה ממונים אויף דער וועלט וואש זייא שוועבין אויף דער וועלט אונ זעהען דיא מעשה בני אדם אונ זאגן עדות אויף אים אונ עש ווערט אלץ אן גשריבן בספר · אונ אלע עבירות וואש אמענטש איז זיך דר מיט מטמא בעולם הזה ובעולם הבא איז ניט אזו גרויש וויא מען פאר אום רייניקט דעם היילינגן צייכין אזו וויא דער פסוק זאגט כי לא חפץ רשע אתה לא יגורך רע אונ דרום קומט דיא נשמה ניט אין דעם פרגוד דאש איז דיא מחיצה למעלה וואש אלע נשמות קומען אהין אונ איז ניט זוכה צוא זעהען דיא פני השכינה דרום שטייט ידיכם דמים מלאו וואול צוא דעם מענטשין וואש ער פארכט זיך פאר זיין הערין אונ היט זיך פון דעם שלעכטין וועג אונ איז זיך מטהר משתדל צו זיין ביראת השי"ת · קום אונ זעה עש שטייט בבוקר זרע זרעך אז דער מענטש איז נאך יונג אונ זיין כח איז נאך שטארק גיהער ער זיך משתדל זיין קינדער צוא האבין מיט איין אשה הגונה וואש זיא איז צוא אים ראוי דרום שטייט בבוקר זרע זרעך דענסט מאל איז דיא רעכטע צייט דער צוא אזו וויא דער פסוק זאגט כחיצים ביד גבור כן בני הנעורים וויל דיא קינדער פון דיין יוגינט קענען לערנען רעכט דיא תורה אזו האט ער איין שכר טוב לעולם הבא

אזו וויא דער פסוק זאגט אשרי הגבר אשר מלא אשפתו מהם לא יבושו כי ידברו את אויבים בשער ער וועט ניט פאר שעמט ווערין לעולם הבא ווען דיא הערין פון מדת הדין וועלין קומען אויף אים מקטרג צוא זיין דען עש איז ניט דא קיין גרעשערער שכר וויא אז מען לערינט זיין קינד יראת הקב"ה אונ דיא דרכי תורה דרום שטייט בייא אברהם כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו לעשות צדקה ומשפט דרום שטייט אים דער זכות לעולם הבא אנטקעגין דיא שערי הדינים דרום זאגט דער פסוק בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך דאש זיינען דיא ימי הזקנה דאש דער מענטש זאגט איך האב שון מקיים גיוועזן דיא מצוה פון פריה ורביה אונ איך האב שון אויך גיוואונען גנוג קינדער אדער איך האב שון לאנג משתדל גיוועזן אונ איך האב ניט גיקענט האבין אונ אצונד בין איך אלט בגער איך שון ניט דרום זאגט דער פסוק ולערב אל תנח ידך ער זאל ווייטער משתדל זיין מוליד זיין בעולם הזה ווארום כי אינך יודע איזה יכשר דוא ווייסט דאך ניט ווערכע עש וועלין גוט זיין דיא דאזיגע אדער די אז דוא זאלשט דורך זייא האבין איין קיום לעולם הבא · אונ אויף דעם שטייט הנה נחלת ה' בנים דאש איז דער צרור פון דיא נשמות לעולם הבא אונ ווער איז מזכה דעם מענטשין לעולם הבא צוא דער נחלה וואש זיא היישט נחלת ה' דאש זיינען דיא קינדער פון דעם מענטשין · דרום וואול צוא דעם מענטשין וואש ער איז זוכה צוא האבין קינדער אונ לערינט זייא דעם וועג פון דר תורה אזו וויא הקב"ה האט גהיישן:

## פרשת ואתחנן

ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר וגו' רבי יוסי הייבט אן ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל אל ה' קום אונ זעה וויא שטארק איז דער כח פון דער תורה אונ וויא זיא איז שטארקער פון אלדינג דען איטליכער וואש איז עוסק בתורה פארכט ער זיך ניט מן העליונים ומן התחתונים אונ פאר אלע מיני שלעכץ פון דער וועלט ווייל ער איז בגריפן אין דעם עץ החיים אונ דיא תורה לערינט אים איין עצה תשובה צו טאן פאר זיין הערין מבטל צוא זיין פון אים איין גזירה רעה אפילו עש איז גגזר גיווארין אויף אים ער זאל שטארבין ווערט דאש אלץ בטל אונ אפ גיטאן פון אים דען דיא עצה פון דעם מענטשין בעולם הזה איז נאר ער זאל עוסק זיין בתורה יומם ולילה אונ זאל זיך ניט אפ טאן פון איר אזו וויא עש שטייט והגית בו יומם ולילה אונ אז ער שייד זיך אפ פון איר איז גלייך וויא ער שייד זיך אפ פון דעם עץ החיים קום אונ זעה דיא עצה פון דעם מענטשין איז אז ער גייט צום בעט בייא נאכט שלאפין מוז ער מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים בלב שלם אונ זאל זיך מקדים זיין צוא מוסר זיין נפש פאר איין פקדון צוא הקב"ה דען אין דער צייט פילט דיא גאנצע וועלט איין טעם מיתה ווייל דער אילן המות איז שולט אין דער צייט אונ אז מען גיט די נשמה בתורת פקדון קומט זיא ווידער צוא ריק אין גוף אריין דרום זאגט מען בידך אפקיד רוחי פדית אותי ה' אל אמת אין האלבע נאכט אז עש דער וועקט זיך דער רוח צפון אזו גייט הקב"ה אין גן עדן אריין ער זאל זיך משתעשע זיין מיט דיא נשמות הצדיקים דען זיינען זיך מתחבין כל בני השכינה אונ אלע בני היכלא צוא לויבין צוא דעם מלך הקדוש דענשט מאל ווערין אלע רוחות ווידער אום גקערט אין זייערע גופים אונ דאס רוב וועלט חאפין זיך אויף דיא שעה · אונ דיא וואש זיינען בני היכלא זיינען עוסק בתורה ביז טאג אונ זיינען זיך משתף מיט דער כנסת ישראל אונ דיא וואש היישן בנים למקום דיא שטייען אויף אין דער פריא אונ מאכין ריין זייער גוף מען זאל מיט אים עוסק זיין צו זאגין שירות ותשבחות צום מלך אליין אונ אין שול אריין צו גיין אונ מטהר צו זיין זיך פריער מיט די קרבנות אונ דר נאך מיט שירות ותשבחות וואש דוד האט גיזאגט אונ ער מוז אן תפילין אויף זיין קאפ אונ ציצית אין זיין קלייד דאש איז דער טלית גדול אונ זאגט תהלה לדוד אונ איז מתפלל שמונה עשרה אונ שמונה עשרה גיהער מען צוא שטיין אזו וויא דיא מלאכים שטייען אזו איז ער זיך מתחבר צוא זייא וואש זייא היישן עומדים אזו וויא דער פסוק זאגט ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה אונ זאל זיין רצון מכוין זיין פאר זיין הערן אונ זאל בעטין זיין בקשה · קום אונ זעה בשעת דער מענטש שטייט אויף האלבע נאכט עוסק זיין אין דער תורה רופט אויש איין כרוז הנה ברכו את ה' כל עבדי ה' העומדים בבית ה' בלילות אונ אצונד אז ער איז מתפלל פאר זיין הערין רופט אויש דער איינענער כרוז ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה דר נאך אז ער האט שון אויש גילאזט זיין שמונה עשרה גיהער ער זיך מוסר נפש זיין בשעת ער פאלט תחנון גלייך וויא ער איז שון גשטארבין ובשעת אז ער איז מתפלל אזו דיא אלע רייד וואש גייען ארויש פון זיין מויל אין דער תפלה זיינען אלע עולה למעלה אונ שפאלטין דיא הימלען אונ גרייכין וואו אהין זייא בדארפין קומען אונ דער פון ווערט איין עטרה בראשו של מלך אזו וויא דיא רבנן האבין עש שון מפורש גיוועזן די תפלה פון דעם מענטשין גיהער צוא זיין בתחנונים מיר לערנען עש אפ פון משה עש שטייט ואתחנן אל ה' קום אונ זעה וועלכער עש איז מתפלל בדארף ער מכוין זיין ביידע פים אין איינעם אונ צו דעקין זיין קאפ אונ זיינע אויגין ער זאל ניט זעהען דיא שכינה וואש זיא שטייט פאר אים אונ צו שטיין באימה וביראה גלייך וויא פר איין מלך אונ אין ספר פון רב המנונא סבא שטייט ווער עש עפינט זיינע אויגין בשעת תפלה אדער ער נידערט זייא ניט אראפ אויף דער ערד אזו איז ער אויף זיך מקדים דעם מלאך המות אז זיין נשמה בדארף ארויש גיין בשעת טויט קען ער ניט זעהען דעם אור השכינה אונ שטארבט ניט בנשיקה ווייל ער איז מזלזל אין דער שכינה דער פאר איז זיא ווידער אין אים מזלזל בשעת ער בדארף צוא איר אזו וויא עש שטייט כי מכבדי אכבד ובוזי יקלו אויב דוא וועשט פרעגין וויא אזו קען ער זעהען דיא שכינה בשעת תפלה אלא ער זאל וויסין דיא שכינה שטייט בוודאי אנטקעגין אים דרום חאטשע ער זעהט זיא ניט גיהער ער שטיין באימה וביראה אונ ניט צוא עפענען דיא אויגין גלייך וויא ער וואלט גזעהן אז זיא שטייט פאר אים אזו וויא דער פסוק זאגט בייא חזקיהו ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל ווייל דארטין איז דיא שכינה דרום בדארף קיין צווישן שייד ניט זיין צווישן אים אונ צווישן דר וואנט אונ ווער עש שטייט בתפלה גיהער ער זיך פריער מסדר זיין דעם שבח פון זיין האר אונ דער נאך צוא בעטין זיין בקשה דען אזו אויך האט משה גטאן פריער האט ער גזאגט דעם שבח פון הקב"ה אתה החלות להראות את עבדך את גדלך וגו' אונ דער נאך האט ער גיבעטין אעברה נא ואראה את הארץ דאש איז ערשט גיוועזן זיין שאלה ובקשה פון הקב"ה:

ואתם הדבקים בה' אלהיכם רבי יוסי זאגט אשרי העם שככה לו וואול צוא דעם פאלק וואש הקב"ה האט זייא אויש דער ווילט אונ האט זייא גבענטשט מיט זיין ברכה כברכת שמו אזו וויא דער פסוק זאגט כי הם זרע ברך ה' ממש קום אונ זעה דיא ישראל האט ער בגריפן צוא זיין

גורל

גורל אונ האט זייא גיגעבין דיא תורה הקדושה כדי זייא זאלין זיין בגריפין אין זיין נאמען דרום זאגט ער ואתם הדבקים בה' אונ ניט אין איין ממונה וויא מען האט שוין מפורש גוועזן אין כמה ערטער · וידבר ה' אליכם מתוך האש זאגט רבי אלעזר דרויף גרוישע סודות אונ זיין עלטער פאטר רבי פנחס הערט דאש אזו קושט ער אים אונ וויינט מחמת שמחה אונ לאכט אונ זאגט דוא גור אריה עש קען קיינער ניט בשטיין אנטקעגין דיר מיט דיין פאטער רבי שמעון וואול צוא דעם חלק פון די צדיקים אונ זכאה איז מיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא וואש איך האב דער צוא זוכה גיוועזן צוא זעהען אזו איין אידים מיט אזו איין אייניקיל אונ דרויף שטייט יראו צדיקים וישמחו רבי אלעזר הייבט אן קרב אתה ושמע את כל אשר יאמר ה' אלהינו ואת תדבר אלינו קום אונ זעה בשעת הקב"ה האט גיגעבין דיא תורה צוא דיא ישראל האבין זייא גיהערט דאש קול פון דער גרעשטער מדריגה דאש אלע קולות זיינען נכלל דרינען אונ מחמת גרויש מורא האבין זיך דיא ישראל דער ווייטערט דר פון אונ האבין גיזאגט צוא משה ואת תדבר אלינו מיר ווילין ניט הערין פון דעם אויברשטין שטארקייט פון דער העכשטער מדריגה נייערט פון אזו איין ארט וואש עש איז ניט אזו שטארק אונ איז שלאף אין דער מדריגה אזו וויא אנקיבה דרום האבין זייא גיזאגט ואת תדבר דאס איז לשון נקבה אונ עס שטייט ניט ואתה דען זייא האבין שלאף גימאכט דעם כח של מעלה כביכול דען זייא זאלין גיוועזן בלייבין בייא דער ערשטער מדריגה וואלט דיא וועלט ניט גיקענט חרוב ווערין אונ זייא וואלטין גיהאט איין קיום לדורי דורות דרום האט הקב"ה גיזאגט איך האב אייך גיוואלט מקיים זיין במקום עליון אונ אייך מדבק זיין בחיים אונ איר האט ניט גיוואלט דרום לך אמור להם שבו לכם לאהליכם זייא זאלין זיך איטליכער ווידער קערין צוא זייערע נקיבות אונ זאלין זיך צוא זייא באהעפטין אונ זייא זאלין שוין ניט האבין דיא מדריגה וויא עס האט גיזאלט פריער זיין אונ ווייל דיא ישראל האבין עס נאר גיטאן מחמת מורא דרום איז אויף זייא גיזאגט גיווארין כי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים פון דאנען לערנען מיר אפ אז איינער טוט אזאך אונ זיין הארץ אונ זיין מחשבה איז ניט לצד הרע האטשע דיא זאך אליין איז ניט גוט נאר ווייל זיין כוונה איז ניט גיוועזן צוא קיין שלעכץ איז אים הקב"ה ניט דן אונ קיין עונש איז ניט שורה אויף אים אבער משה איז גיבליבין בייא זיין מדריגה אזו וויא עס שטייט ואתה פה עמוד עמדי פון דאנען לערינט מען אפ אז משה האט זיך נאר פורש גיוועזן פון זיין ווייב אונ איז אויף גיגאנגען צוא איין גרוישער מדריגה וואל צוא דעם חלק פון משה נביא הנאמן דאס ער האט זוכה גיוועזן וואס קיין שום מענטש האט דער צוא ניט זוכה גיוועזן צוא אזו איין גרוישער מדריגה עליונה דרום שטייט כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא ער האט זיך באהעפט אין דער שכינה · רבי יהודה זאגט איטליכער מענטש באדארף זיין מיט אלע זיינע מעשים צוא הקב"ה אונ ער גייט נאך נאך זיין טעם ער האט גיזאגט ווער עס גייט אין וועג זאל ער זיך מכוין זיין צוא דרייא ערלייא זאכין צוא תפלה אונ צוא דורן אונ צוא מלחמה אונ חאטשע תפלה איז גרעשער פון אלעמען פון דעסט וועגין איז נאך גרעסער אז צווייא חברים אדער דרייא וואס גייען אין וועג אונ רידין דברי תורה דיא פארכטין זיך ניט פאר קיין שום זאך ווייל דיא שכינה איז בשותפות אזו וויא דיא מעשה רבי אלעזר ורבי חייא זיינען אמאל גיגאנגען אין וועג זאגט רבי אלעזר עס שטייט ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם האבין זייא דען פריער ניט גיהאט אויף זייער לייב קיין הויט זאגט ער יוא עס איז גיוועזן איין גוט קלייד דען פאר זייער חטא זיינען זיי גיוועזן בדמות עליון ניט אין גישטאלט פון דיא תחתונים דען דאס אור עליון האט זייא ארום גירינגילט אזו וויא היינט רינגילט ארום איין הויט אזו איז גיוועזן איין כתנות אור מיט איין א' דאס איז טייטש ליכטיקייט אונ אז זייא האבין גיזינדיגט האט מען בייא זייא צו גינומען דעם כתנות אור אונ זי נען אן גיקלייד גיווארין מיט איין כתנות עור אין איין הויט אונ אין איין גישטאלט פון דיא תחתונים דער נאך שטייט ותפקחנה עיני שניהם זייערע אויגין זיינען ווארין גיעפינט צוא זעהען דיא זאכין אין דעם ציור דפוס פון דער וועלט פון דיא הנהגות התחתונים וואס זייא האבין פריער גאר ניט משגיח גיוועזן עס שטייט והולכתי עורים בדרך לא ידעו הקב"ה איז אן גיברייט צוא עפענען דיא אויגין וואס זיינען ניט קלוג גיוועזן זייא זאלין מסתכל זיין בחכמה עליונה אונ זיי וועלין זיך באהעפטין אין דעם וואס זיינען ניט גיוועזן באהעפט אויף דער וועלט כדי זייא זאלין רעכט דער קענען זייער הערין זכאין זיינען דיא צדיקים וואס זיינען זוכה צוא דער דאזיגער חכמה דען אזו איין חכמה וויא דיא דאזיגע איז עס ניט דא אונ אזו איין ידיעה ודביקות וויא די דאזיגע ידיעה ודביקות עס וועט אלץ חכמה וידיעה ודביקות זיין מער וויא פריער אזו וויא זיי גייען אזו זיינן נאך גיגאנגן נאך זייא גזלנים זייא בגזלנן האט רבי אלעזר אויף זייא אקוק גיטאן איז גיקומען צווייא ווילדע שלאנגען אונ האבין זייא גיהרגת זאגט רבי אלעזר גילויבט איז הקב"ה דער רחמן וואס ער האט אונז מציל גיוועזן ער לייענט דרויף דעם פסוק בלכתך לא יצור צעדך ואם תרוץ לא תכשל אין דיין גיין וועט ניט איינג זיין דיין טריט אונ אפילו אז דוא וועסט לויפין וועסמו ניט גישטרוכילט ווערין אונ עס שטייט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך אונ ווידער שטייט כי בי חשק ואפלטהו :

שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד דיא מצוה איז מייחד צוא זיין דעם נאמען פון הקב"ה אלע טאג דען אזו וויא מען איז אים מייחד למטה אזו איז מען אים מייחד למעלה דרום ווערט גיפונען אז הקב"ה איז איין יחיד למעלה ולמטה דר וואס איז מייחד צו הקב"ה דער באדארף טאן זיין לב ורצון צוא דעם יחוד אונ זאל מחבר זיין אלע זיינע גלידער מיט זיין מחשבה מיט זיין גאנצין הארצין וגוף צו ריידין דאס אלץ זאל זיין בחבור אחד אין דעם יחוד דען עס זיינען רמ"ח ווערטער אין קריאת שמע אנטקעגין דיא רמ"ח אברים פון דעם מענטשין למטה אזו אויך למעלה איז אנטקעגין דיא רמ"ח אורות רמ"ח מלאכים אונ דער מיט וואס ער מאכט איין חיבור למטה אזו ווערט למעלה אויך איין יחוד אין דיא רמ"ח אורות של מעלה אזו איז ער מחבר אלע אין איינעם ביחוד אחד דען בשעת אז ער קומט מייחד זיין דעם יחוד פון שמע ישראל וגו' אזו שטייען אלע חיילות השמים שורות שורות צו ווערין אן גיברייט מיט דעם יחוד צוא זיין בסוד אחד ביחוד אחד אזו ווערין אלע מתוקן אין זייער תיקון אזו וויא עס גיהער צו זיין באותו שעה שטייט איין ממונה וואס ער איז ממונה אויף רמ"ח עולמות אונ אלע הייסין אברים ער שטייט אונ האפט אויף דעם יחוד אזו איז ער ממונה ללקוט שושנים ער קלייבט אלע צוא אנאנדער אונ זייא ווערין איין יחוד אונ איין חיבור אזו ווערין דיא עליונים ותחתונים אלץ איין יחוד דען איז ה' אחד ושמו אחד מען קען דאס אזו פיל ניט ארויש שרייבין מחמת דיא גרוישע

סודות נאר מיר שרייבין עס בדרך כלל מען זאל ווישין וויא דער יחוד פון קריאת שמע איז אזו חשוב דיא רמ"ח ווערטער איז אנטקעגין דיא רמ"ח עולמות אונ דער מלאך איז ממונה צוא מאכין איין יחוד פון אלע אונ איין חיבור אזו וויא דער מענטש איז נכלל רמ"ח אברים אין גוף נמצא אז ער היפט איבער איין ווארט איז ער מחריב העולם דער מיט דרום האבין אונזערע חכמים אן גיזאגט מען זאל מדקדק זיין אין קריאת שמע אונ דער פאר טוט מען אים קילין דעם גיהנם· זאגט רבי שמעון מיין קינד אלע מצות האבין איין אחיזה אין דיא אורות הקדושים למעלה אונ ווער עס טוט עס לשם יחוד הקב"ה ושכינתיה איז אים הקב"ה מזווג מיט זיין בת זוג לעולם הבא אזו אויך בייא אקרבן באדארף זיין לשם יחוד אונ ווער עס מאכט צוא הקב"ה אין בית המקדש רוען דרינגען מאכט אים הקב"ה איין בית לעולם הבא וואס איז קודש קדשים אונ ווער עס מאכט אים אויף דער וועלט איין סוכה אזו באדעקט אים הקב"ה לעולם הבא אונ איז מגין אויף אים אז ער גייט אוועק פון דער וועלט איז ער אויף אים מגין פון דיא חבלה אונ ווער עס בענטשט צוא הקב"ה אונ איז אים מקדש אין זיין תפלה אויף דער וועלט בענטשט אים הקב"ה אויף יענער וועלט אונ איז אים מקדש אונ אזו וויא דא טאר מען ניט זאגין איין דבר שבקדושה ווייניגער פון צעהען מענטשין אזו מאכט אים הקב"ה צעהען חופות אין גן עדן אונ דיא קדושה פאר הקב"ה איז אויך צעהען דרייא מאל קדוש אונ צווייא ברכות פאר קריאת שמע אין דער פריא אונ איינע נאך קריאת שמע אונ אויף דער נאכט צווייא ברכות פאר קריאת שמע אונ צווייא דער נאך· וואל צוא דעם מענטשין וואס ער טוט רעכט דעם ווילין פון הקב"ה דאס קין מויל קען גאר ניט ארויש ריידין דעם שכר וואס ער האט אויף יענער וועלט דאס איז לדורי דורות דער מענטש טוט דעם ווילין פון הקב"ה אויף דער וועלט לפי שעה אונ בויט אים דער מיט איין בנין דער פאר בויט אים הקב"ה אויף יענער וועלט לדורי דורות אונ ווייל דיא אברים פון דעם מענטשין זיינען אלין וויא דיא נשמה רמ"ח אברים אנטקעגין רמ"ח מצות עשה אונ שס"ה גידין אנטקעגין שס"ה מצות לא תעשה דרום איז וואל צו דעם מענטשין וואס ער האלט זיינע אברים בסדרה אונ איז מקיים דיא מצות וואס זייא זיינען אנטקעגין די אברים דער פאר רוט הקב"ה אויף אים אונ איז אים ממליך אויף איטליכין אבר דאס עס איז ניט פאר האנדין קיין שום אבר וואס דיא קדושה זאל אויף אים ניט רוען אבר ווען איינש איז חסר אזו רוט דארטין ניט הקב"ה אונ איבר דעם אבר מוז ער נאך איין מאל מגולגל ווערין ביז ער ווערט מושלם אין גאנצין מיט זיינע אברים דען אזו הייסט ער צלם אלהים אבער אז אפילו איין אבר גייט אים אפ הייסט ער ניט בצלם הקב"ה· אין זוהר חדש פרשה לך לך שטייט ווען דיא נשמה וואס זיא הייסט אברם דארף אראפ גיין אויף דער וועלט איז זיא פריער אין איין מקום קדושה אין גישאלט פון דיא אורות פון דעם גן עדן העליון ובצורת הקדושה פון דעם עולם התחתון ווען עס קומט דיא צייט זיא זאל אראפ גיין אין גוף אריין גייען מיט איר צווייא מלאכים דער יצר טוב מיט דעם יצר הרע אונ זאגין צוא איר לך לך מארצך גייא ארויש פון דעם גן עדן התחתון וממבית אביך אונ פון דעם גן עדן העליון אל הארץ אשר אראך דאס הייסט דיא נידעריגע וועלט אזו ווייזט מען איר דעם גאנצין גן עדן אונ אלע חדרים מיט דיא היכלות עליונים אונ אויך איטליכין חלק פון אלע

צדיקים וואס איטליכער האט פאר זיך זעלבערט אונ נאך צווייא אונ פערציג היכלות וואס זייא זיינען פון אלערלייא אורות צוא דיא וואס לייענען רעכט קריאת שמע וויא עס באדארף צוא זיין דען עס איז פר האנדין צווייא אונ פערציג ווערטער אין דער ערשטער פרשה זייא ווייזין אויף פיל סודות אונ שמות הקדושים אונ ווידער צווייא אונ זיבעציג שמות אנטקעגין דיא צווייא אונ זיבעציג ווערטער פון והיה ביז ושמתם אונ ווידער פופציג היכלות פון דער איבעריגע פרשה אונ ווידער ע"ב היכלות אנטקעגין דיא כוונה פון פרשת ציצית· דען פרעגט דיא נשמה פאר וואס איז מען זוכה דער צוא· זאגין דיא מלאכים וואס גייען מיט איר דאס איז בזכות נעשה מיר ווען טאן מעשים טובים ונשמע אונ מיר וועלין הערין צוא לערנען תורה דען פירין זייא זיא ארויש אונ גייען מיט איר אין גיהנם אריין אונ ווייזין איר אלע חדרים אין דעם להט החרב המתהפכת אונ דיא משחיתים וואס הייסין כלבים עזי נפש לא ידעו שבעה פרעגט זיא זייא ווער זיינען דיא דאזיגע זאגין זייא צוא איר דאס זיינען מ"ב היכלות וואס זיינען חושך אונ אין דרינען זיינען פאר האנדין פיל מענטשין מיט קייטין אויף זייער האלז זיינען גיבונדין דיא הענט מיט דיא פיס אונ שרייען אלין וויא וויא· וויא צוא אונז וואס מיר זיינען נאך גיגאנגען נאך הבלי עולם אונ מיר האבין ניט גילייענט קיין קריאת שמע בכוונה מיט מ"ב שמות הקדושים וואס מיר האבין דאס ניט גילערינט ווייא צוא אונז וויא צוא אונזער נפש אונ דארטין איז איבער זייא איין ממונה דער נאך פירט מען זיא אויך אין אנדערע ע"ב פענצטער וואס דארטין איז פיל לעבער אונ דיא פיס פון דיא רשעים שטעקין אין דיא לעבער אונ שרייען ווייא וויא צוא אונזערע פיס וואס זיינען נאך גיגאנגען בהבלי עולם אונ זיינען ניט גיגאנגען אין שול אריין אונ האבין ניט באגערט צוא ווישין דיא כוונה פון קריאת שמע וואס דיא פופציג ווערטער זיינען מרמז אויף דיא פופציג שמות הקדושים· דער נאך פירט מען זיא ווידער אין ע"ב חדרים וואס דארטין זיינען גיבונדין זייערע הענט אין דיא לעבער פון דיא בייא שטידלען אונ שרייען וויא צוא אונז וויא צוא אונזער הענט וואס האבין ניט גילייגט קיין תפילין אונ מען ווייזט איר אויש אלע חדרים פון דעם גיהנם אונ מען זאגט איר אז אלע מענטשין פון דער גאנצער וועלט מוזין אהער אריין גיין אפילו דער וואס ער איז גאר פרייא פון איין עונש אזו וויא עס שטייט קטון וגדול שם הוא ועבד חפשי מאדוניו נאר וועלכר מענטש וואס ווייסט מכוין זיין קריאת שמע מיט דיא ווערטער וועדליג דיא שמות הקדושים אויף אים זאגט דער פסוק אשגבהו כי ידע שמי יקראני ואענהו דער ווערט פטור פון דעם גיהנם· קום אונ זעה וועלכער מענטש וואס האט מעשים טובים ווען ער טוט איין מצוה גייט זיא ארויף אונ שטעלט זיך פאר השי"ת אונ זאגט איך בין פון דעם מענטשין ער האט מיך בשאפין אזו גיט אים הקב"ה איין מלאך ער זאל אים העלפין פון דעם חשך של גיהנם אזו אויך פאר איטליכן ווארט וואס ער לערינט אין דער תורה גיט מען אים איין מלאך וואש ער העלפט אים דרום שטייט והגית בו יומם ולילה למען תשמור וגו' אז תצליח את דרכיך ווען דוא וועסט לערנען תורה יומם ולילה אונ וועשט מקיים זיין וואש דארטין שטייט אז דוא וועשט שטארבין וועשטו דיך דיך ניט פארכטין פאר דעם גיהנם ווארום הקב"ה וועט זיין מיט דיר אונ וועט דיך באשיצין זאלשט קענען דורך גיין די אלע ערטר אונ

זאלסט

זאלסט פר קיינעם קיין מורא נוט האבין אבר חלילה אז דו וועסט ניט לערנען תורה אונ וועסט ניט היטין דיא מצות וועט זיך הקדוש ברוך הוא אפ טאן פון דיר אונ דיא מלאכים וועלין דיך ניט היטין אזו וויא עש שטייט ואם תלכו עמי בקרי וגו׳ נאך דעם אז מען ווייזט איר דיא אלע זאכין זאגט צוא איר דעם מלאך הטוב השי״ת האט מיר גיהייסין מיט דיר גיין אויף דער וועלט אונ דעם יצר הרע האט ער אויך גיהייסין מיט דיר גיין דרום שווער מיר אז דוא וועשט מקיים זיין כל התורה כולה ללמוד וללמד לשמור ולעשות אזו שווערט אים דיא נשמה אז זיא וועט דאס אלץ מקיים זיין דער נאך זאגט ער צוא איר לך לך מארצך גייא אריין אין דעם גוף השפל אריין אונ אז דאס קינד דארף גבארין ווערין שטארקט זיך דער מלאך אין זיין האלז אזו פאר געסט ער דיא גאנצע תורה אונ מאכט אים איין צייכין אויף זיין מויל ער זאל ניט פאר געסין דיא שבועה וואס ער האט אים באשווארין • אונ דרום אז ער איז מקיים זיין שבועה טוט מען אים אזו וויא ער האט גיזעהן אויב ער טוט נאך מער גיט מען אים נאך איין גרעשערין שכר אונ עש רוט אויף אים דער שם הקודש אונ אויב ניט חס ושלום אזו איז זיך דער שם הקודש מסלק פון אים אונ זאגט אים ערום יצאת מבטן אמך וערום תשוב שמה דאס הייסט וויל דר שם הקודש קען זיך אין אים ניט מתלבש זיין איז ער גאר נאקעט דרום זאגט הקב״ה ראה נתתי לפניך היום את החיים וגו׳ החיים איז דער שם הקודש ואת המות ואת הרע דאס זיינען צווייא מקטרגים רשעים טמאים מצד הנחש :

פתח ינוקא דאש קינד הייבט אן צוא זאגין עש שטייט עמי מה עשיתי לך איך האב זייא גיהיישין גיין אין שול אריין אונ זאלין אויף מיר עדות זאגין אז איך בין אחד שמע ישראל וגו׳ דאש איר זאלט אויף מיר מעיד זיין אויף מיין אחדות דיא מ״ב ווערטער וואש זיינען אין קריאת שמע אין דער ערשטר פרשה אונ ע״ב אין דער פרשה והיה אם שמוע ביז ושמתם איז ווידער פופציג ווערטער ביז צוא דעם סוף אונ ווידר ע״ב פון ויאמר דאס זיינען מיט דיא צוועלף ווערטר פון שמע וברוך סך הכל זיינען זייא רמ״ח תיבות אנטקעגין דיא רמ״ח אברים פון דעם מענטשין אונ וועלכר מענטש וואס לייענט רעכט קריאת שמע וויא עס דארף צוא זיין איז איטליכש ווארט משפיע אונ דער לייכט אורות אונ גיט כח אין איטליכין אבר וואס עס איז אנטקעגין דיא ווערטער אונ שמות • אבר אז מען לייענט ניט קיין קריאת שמע ביא טאג אונ ביא נאכט דען ווערט איטליכש אבר דער פילט פון דעם רוח רעה אונ פון אלע חלאים פון דער וועלט :

פקודא דיא מצוה איז צוא מאכין איין מזוזה אויף דער טיר דאש דער מענטש זאל זיין גיהיט פון הקב״ה ווען ער גייט אריין אונ ארויש פון דער שטוב אזו וויא עש שטייט ה׳ ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם דען דער מענטש ווערט ניט גיהיט דורך קיין שום זאך נאר דורך הקב״ה דער מענטש זיצט ביא זיך אין שטוב אונ הקב״ה היט אים פון דרויסין • נאך איין טעם איז אויף דער מצוה פון מזוזה כדי דער מענטש זאל ניט פאר געסין אונ זאל גידיינקען אין הקב״ה תמיד אזו וויא עס שטייט ביא מצות ציצית וראיתם אותו וזכרתם וגו׳ אז דער מענטש זעהעט אויף זיך דיא ציצית דער מאנט ער זיך אין אלע תרי״ג מצות אזו וויא דיא צאל פון ציצית באטרעפט מיט דיא אכט פעדים אונ דיא פינף קניפין וואס עס איז פאר האנדין ביא דיא ציצית טרעפט דאס אן תרי״ג זעקס הונדערט מיט דרייצעהן • אין דעם ספר

פון שלמה המלך האבין מיר גיפונען אז עס איז פאר האנדין איין שד וואס ער רוט ביא דער לינקער זייט פון דער טיר ער האט רשות דעם מענטשין מזיק זיין אונ בשעת דער מענטש וויל אריין גיין אין שטוב אריין אונ זעהט דעם שם הקודש פון דער מזוזה אונ פאר געסט אים ניט אזוא קען ער אים קיין שלעכץ ניט טאן אויב דו וועסט פרעגין אבער אז דער מענטש גייט ארויש פון זיין שטוב קומט דאך אויש דר שם אין דער רעכטער זייט אונ דיא מזוזה אין דער לינקער זייט וויא ארום ווערט ער גיהיט נאר אלע זאכן זיינען אלץ ווערליג הקב״ה האט זייא גימאכט דאס אלע זאכין גייט איטליכש מין נאך זיין מין דען הקב״ה האט ביא דעם מענטשין גישטעלט צווייא מלאכים דעם יצר טוב פון דער רעכטער זייט אונ דער יצר הרע פון דער לינקער זייט דרום בשעת דער מענטש גייט ארויש פון דער טיר הייבט דער שד אויף זיינע אויגין אונ זעהט אויף דער לינקער זייט דעם יצר הרע גייט ער צו אים אונ דארטין איז דאך דר שם הקודש קען ער שוין אויף אים ניט מקטרג זיין אונ קען אים ניט טאן קיין שלעכץ דרום גיהער דער מענטש נזהר זיין אז עס זאל ניט זיין קיין שום טינוף אדער מיסט לעבן דער טיר אויך זאל ער דארטין ניט שטעלין קיין כלי מיט אום ריינע וואשר איין טעם איז ער איז מבזה דעם שם הקודש אונ ווידר כדי דער מזיק זאל קיין רשות ניט האבן אים מזיק צוא זיין דרום דארף מען אין דעם נזהר זיין וועט דער שם הקודש ניט פאר מיטן ווערן פון דער טיר • ווען דער מענטש מאכט איין מזוזה ביא דער טיר בשעת דער מענטש גייט אריין מוזין דער שד מיט דעם יצר הרע מיט גוואלד אים היטן אונ זאגין זה השער לה׳ וגו׳ אבער ווען דער מענטש האט ניט קיין מזוזה ביא דער טיר זיינן דיא צוויי אן גיבריט זייא הויבן אויף זייערע הענט אויף זיין קאפ בשעת ער גייט אריין אונ זאגין ווייא צוא דעם מענטשין וואס ער איז ארויש פון זיין הארינש רשות ער האט ניט ווערעס זאל אים היטן רחמנא לישזבן השי״ זאל אונז מציל זיין פון זיי:

רבי שמעון זאגט בשעת דער מענטש איז זיך מקדים אין דער פריא אונ לייגט תפילין אויף זיין קאפ אונ אויף זיינע הענט מיט דעם קשר תפילין של יד אונ וויקלט זיך איין אין דעם טלית מיט ציצית אונ אז ער וויל ארויש גיין פון דער שטוב באגעגינט ער נאך ביא דר טיר דיא מזוזה וואש איז גיצייכינט מיט דעם שם הקודש באהעפטן זיך מיט פיר מלאכים הקדושים אונ גייען מיט אים פון דער טיר ביז אין דער שול אריין אונ רופן אויש פאר אים תני כבוד לצורתו של מלך גיט אפ כבוד צוא דעם גישטאלט פון דעם מלך גיט אפ כבוד צוא דעם בן מלך דער חשובר פרצוף פון דעם מלך אונ דער רוח הקודש רוט אויף אים אונ רופט אויף אים אויש ישראל אשר בך אתפאר דען גייט ארויף דער רוח הקודש אונ זאגט אויף אים עדות פאר הקב״ה וואס ער הייסט המלך הקדוש אונ אלע דיא בני היכלא וואס ווערן פאר אים דער קענט שרייבין דאס אויף אזו וויא עס שטייט ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה׳ ולחושבי שמו ולחושבי איז טייטש לשון מלאכה דיא וואס טוען איין מלאכה צוא זיין נאמען מיט אלע זאכן איין מלאכה פון די תפילין אונ דיא בתים מיט די רצועות די מלאכה פון ציצית מיט אירע פעדים אונ מיט דעם פאדים פון תכלת דיא מלאכה פון מזוזה אויף דער טיר דיא הייסין ולחושבי שמו זייא מאכין זיין נאמען אונ ניט דאש אליין נאר הקב״ה איז זיך מיט אים מתפאר אונ רופט אויש אין אלע עולמות זעהט וואס פאר איין בריה איך האב בשאפין אין מיין וועלט • אבער דער

וואס

וואס גייט ארויש פון דער שטוב אין דער פריא אונ האט ניט קיין תפילין אויף זיין קאפ אונ ציצית אין זיין קלייד אונ קומט אין שול אריין אונ זאגט אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך אזו זאגט הקב"ה וואו איז מיין מורא ער זאגט גאר פאלש עדות קום אונ זעה וויא דער מענטש דארף גזהר זיין צוא היטין דעם וועג אונ צוא טאן דיא עבודה פון זיין האר כדי ער זאל זוכה זיין לחיי עלמא דען עס איז פאר האנדין תחת כסא פון דעם המלך הקדוש מדורים עליונים. אונ בייא דעם ארט איז מקשר דער סוד פון דער מזוזה ניצול צו ווערן פון דיא אלע בעלי דינים וואס זיינען אן גיברייט צוא דער וועקן זיך אויף דעם מענטשין בעולם הבא· אויך אין דעם גשטאלט וואו עס איז דר סדר פון מזוזה למעלה אזו אויך האט הקב"ה גיגעבין צוא די ישראל די מצוה אין דר תורה כדי זיי זאלן אין דעם עוסק זיין אונ דורך דעם זאלן זייא ניצול ווערן בעולם הזה פון כמה דינים ומקטריגים וואס זייא זיינען אן גברייט מקטרג זיין אויף דעם מענטשן אלע טאג · זאגט רבי חייא וועלכער מענטש וואס וויל זיך רעכט היטן אין זיינע וועגן זאל ער ניט טרעטין אויף אום ריינע וואשר וואס מען גיסט אויש פאר דער טיר דען דארטין רוט איין שד צווישן די צוויא זייטן פון דער טיר אונ זיין פנים איז אנטקעגן דער טיר ער זעהט אלץ וואס מען טוט אין שטוב דרום דארף דער מענטש גזהר זיין ניט גיסין וואשער צווישן צוויי טירין זאגט רבי יצחק אבער לויטערע וואשער מעג מען אויש גיסין פאר דער טיר נאר ער זאל זיא ניט גיסין דרך בזיון דען ער האט רשות מזיק צו זיין אז ער טוט נאר אקוק אויף דער שטוב ווערט זיא גפלוכט ער האט אונטער זיך שס"ה משרתים אנטקעגין די שס"ה טעג פון דעם יאר אלע טאג האט ער אן אנדער משרת וואס ער האט דעם טאג איין שליטה אונ אלע גייען ארויש מיט דעם מענטשן בשעת ער עפינט דיא טיר ארויש גיין פון דער שטוב · זאגט רבי אלעזר הקב"ה האט מתקן גיוועזן דעם שם הקודש למעלה דאס איז דיא תורה וואס אין איר איז פאר האנדן פיל שמות הקדושים אונ ווער עס איז עוסק בתורה איז ער עוסק בשמות הקדושים אונ ווערט גיהיט פון אלע שס"ה משרתים וואס אויבין שטייען קום אונ זעה איין מענטש מוז אויף צייכענען אויף דער טיר דעם שם הקודש דאס איז דער שם אמונה וסוד היחוד פון אלע זאכין דען אין דעם ארט וואו דער שם הקודש איז דארטין האבין דיא קליפות ומקטריגים קיין שליטה ניט מקטרג זיין אויף דעם מענטשן אזו וויא עש שטייט לא תאונה אליך רעה וגו' דען עש איז אלץ אין גישטאלט וויא עש איז למעלה דער שומר הפתח פון דער קדושה הייסט מזוזה דארטין איז דער עבד נאמן מט"ט וואש פאר אים אנטלופין אלע מיני קליפות זייא קענען ניט גינעהנען צוא דער קדושה אזו אויך דער שם שד"י איז בחוץ אונ הוי"ה בפנים דען דער וואש איז נזהר אין מצות מזוזה קענען דיא אלע בעלי מקטריגים ניט גיפונען ווערין דארטין :

רבי אבא איז גיגאנגין צוא זעהען רבי שמעון האט אים בגעגינט רבי יצחק זאגט ער צוא אים פון וואנען קומט דער הער צוא גיין זאגט ער צוא אים מיר האבין גילערינט אז עש איז איין חיוב אויף דעם מענטשין ער זאל מקבל זיין פני השכינה אלע ראש חודש ושבת דאש מיינט מען דאש פנים פון זיין רבי ומכל שכן פון רבי שמעון בן יוחאי דאש הייליגע ליכט גיהער דיא גאנצע וועלט מקבל זיין דאש הייליגע פנים זאגט רבי יצחק איך וועל מיך מיט דיר אום קערין אונ וועל מקבל זיין פני השכינה צוא פאר זוכין פון דיא דברים על נים וואש דוא פאר זוכשט פון אים הייבט אן רבי אבא צוא זאגין עש שטייט שיר המעלות אליך נשאתי את עיני היושבי בשמים דעם שיר האט דער רוח הקודש גיזאגט אויף דיא ישראל בגלות בבל מושך זיין ברכות כמקור עמוק וואש פון דארטין קומען ארויש דיא ברכות הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם דאש זיינען די שרים של מעלה וואש זיי ווערן נאר גישפייזט פון דעם איבר בלייבונג כעיני שפחה אל יד גבירתה דאש איז די שפחה וואש הקב"ה האט אויש גיהרגית איר חיל אין מצרים אזו וויא עש שטייט מבכור השפחה זיא האט ניט קיין אנדער שפייז נאר פון איר הארנטע דאש איז ארץ ישראל אונ פון דער שפחה גייען ארויש כמה מקטריגים אויף דיא ישראל אונ הקב"ה האט זייא גימאכט איין שמירה אזו וויא איין פאטער מאכט צוא זיין קינד ער זאל אים אפ היטן פון שלעכץ אזו זאגט הקב"ה צוא די ישראל עש איז פאר האנדין כמה מקטריגים אנטקעגין אייך איז דיא עצה איר זאלט עוסק זיין בתורה אונ מיין עבודה מיך צוא דינען וועל איך אייך היטן פון דרוסן אונ איר וועט זיך זיצן אין אייערע הייזער אונ וועט שלאפן אויף אייער בעט קום אונ זעה בשעת דיא קליפות גינעהנען צוא דער טיר פון דעם מענטשן הייבן זיי אויף זייער קאפ אונ דער זעהען דעם שם שד"י איז גיצייכנט אין דרושין וואש דער שם איז שולט אויף אלע פארכטין זייא זיך פאר אים אונ לויפין אוועק אונ קענען ניט גינעהנען צוא דער טיר פון דעם מענטשין זאגט רבי יצחק לאז מען נאר שרייבן דעם שם אליין נאך וואש שרייבט מען דיא גאנצע פרשה זאגט רבי אבא דער שם ווערט ניט גיקריינט נייערט מיט דיא אותיות פון דער פרשה דען ווערט דער שם גיקריינט אונ דער מלך גייט ארוים מיט גאר זיין חיל דען פארכטין זיך אלע קליפות אונ זנטלופן פאר אים קום אונ זעה והי"ה איז דער צירוף פון דעם שם הקדוש דרום איז דער שם פון דרוסן אנטקעגן דעם ווארט והיה אינווייניג דאס דער מענטש זאל גהיט ווערן מכל צד פון אינווייניג אונ פון דרויסן זאגט רבי אבא וויא פיל חיילות קדושים זיינען אן גברייט בשעת דער מענטש מאכט איין מזוזה רופין אלע ארוים אונ זאגן זה השער לה' צדיקים וגו' וואול איז דער חלק פון די צדיקים דען עס ווערט דער קענט אז זייא דינן למלך הקדוש דיא ישראל זיינן גצייכינט פון אים אין גוף זיינען זייא גצייכנט מיט דער מילה אונ אן דיא קליידער מיט ציצית אין קאפ מיט תפילין אפילו אין זייערע שיך זיינען זייא גצייכינט מיט מצות חליצה אין פעלד מיט דער זריעה אין שטוב מיט דער מזוזה זייא זיינען גצייכנט אויף אלע זייטן זאגט רבי אבא וואס מיינט דר פסוק אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארות וגו' אותי עזבו מיינט מען דער וואס לייקנט אין דעם הייליגן צייכן זייא מאכן טונקל דעם באר מים חיים לוטערע וואשר וואס גייען ארוים פון דעם לבנון פון דארט ווערן גשפייזט עליונים ותחתונים אונ ווער עס איז משקר אין דעם הייליגן צייכן איז ער פוגם אין דעם באר מים חיים אונ אויף אים ווערט גלייענט דער פסוק כי הוציא שם רע על בתולת ישראל אזו וויא רבי שמעון האט גזאגט אז מען איז מוציא שם רע אויף זיין ערשט ווייב איז גלייך וויא ער וואלט מוציא שם רע גוועזן אויף דיא כנסת ישראל דרום שטייט סתם כי הוציא וגו' על בתולת ישראל ער זאגט ווייטער גרוישע סודות אונ לסוף איז ער ווידער מזהיר אויף מצות מזוזה דען עס איז פאר האנדן שס"ה שדים וואס איטליכער איז שולט אין זיין טאג זיינען זייא מקטרג אויף דעם מענטשן למעלה ולמטה בייא טאג זיינן זיי מקטרג אונ בייא נאכט זיינען זייא אויך מצער אין חלום גייט ער ארוים זיינן

זייא מקטרג גייט ער אריין לייגן זייא זייערע הענט אויף זיין אקסיל אונ זאגן וויא איז צוא דעם מענטשן וואס ער איז ארויס גגאנגען פון זיין הארנש רשות וייא איז אים בעולם הזה ובעולם הבא דרום געהערן דיא צדיקים זיין גהיט מיט אלשדינג מיט דעם צייכן פון זייער הער דען ווערן אלע שדים דער שראקן פאר זייא אונ ווערן גהיט בעולם הזה ובעולם הבא וואול צוא דעם חלק פון דיא צדיקים אויף זייא שטייט ועמך כולם צדיקים וגו׳ :

ואהבת את ה׳ אלהיך רבי יוסי הייבט אן אונ זאגט ווס שטייט ועתה מה לי פה וגו׳ כי לקח עמי חנם וגו׳ קום אונ זעה דאס ליבשאפט פון הקב״ה צוא דיא ישראל חאטשע דיא רשעים האבין גורם גיוועזן מיט זייערע חטאים אז ער זאל ווערין אפ גיטאן פון זייא אונ זייא זיינען פאר שפרייט גיווארין אויף דער וועלט פון דעסט וועגין נעמט ער זיך אן פאר זייא · קום אונ זעה בשעת די ישראל זיינען גיוועזן אין זייער לאנד זיינען זייא גיוועזן נאהענט צוא הקב״ה אונ ער האט זיך מיט זייא משתעשע גיוועזן אונ ברימט הייגט אז זייא האבין גיזינדיגט איז זיך שוין הקב״ה מיט זייא ניט משתעשע אונ שרייט נאך ועתה מה לי פה וואש האב איך דא אצונד צוא טאן פון דער צייט וואש דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין איז ניט פר האנדין קיין שמחה פר הקב״ה אזו וויא עס שטייט אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם דאס איז אלץ מחמת ליבשאפט וואס ער האט ליב צוא די ישראל אזו וויא עס שטייט אהבתי אתכם אמר ה׳ דרום זאגט דער פסוק ואהבת את ה׳ אלהיך דוא זאלשט ליב האבין צוא הקב״ה אונ זאלשט זיך מקשר זיין אים דינן בעבודת עליון דען עס איז ניט פר האנדין קיין גרעשערע עבודה וויא איז פון רעכטער אהבה בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך דרום שטייט ביי אלע בכל ווארום דער מענטש האט צווייא הערצער לב טוב ולב רע אזו אויך מיינט ער בכל נפשך אויף דיא צווייא נפש הבהמיות ונפש השכליות אויך [illegible] ער בכל מאודך דיא צווייא ערלייא געלטין עס איז פאר האנדין אזו איין געלט וואש ער פאר דינט דאס מיט זיין יגיע כפו אונ מיט גרויש טרחא אונ ווידער איז פאר האנדין געלט וואס ער לייגט דער צוא גאר ניט קיין טרחא דהיינו עס פאלט אים ירושה אונ דעסט גלייכין וואס אן טרחא דרום שטייט ביי איטליכין בכל צוא ווייזין אז מיט אלצדינג זאל מען ליב האבין צוא הקב״ה אונ ווער עס האט ליב צוא הקב״ה ווערט ער גיקריינט מיט חסד אזו וויא אברהם אבינו עליו השלום האט ניט קיין חס גיהאט אויף זיין געלט מיט דעם גוף אונ ניט אויף זיין ווייב אונ קינדער אלץ פון הקב״ה וועגין מחמת ליבשאפט ער איז גשטאנן אויף דיא וועגין נאך זוכין אורחים זייא אריין ברייגגין אין שטוב אריין צוא געבין זייא עסין אונ טרינקין אונ דרום איז ער גיקריינט גווארין מיט גרויש חסד פון הקב״ה אזו וויא עש שטייט חסד לאברהם אונ דאש ניט אליין נאר אלע עולמות זיינען גיבענטש גיווארין אין זיין זכות אזו שטייט ותסידיך יברכוכה מאכט דאש יברכו כ״ה דיא ברכה פון הקב״ה וואש זיא הייסט כ״ה אזו וויא עש שטייט ביי דיא כהנים כה תברכו וואש פון דארטין ווערן אלע גיבענטשט דאש איז אלץ גוועזן ווייל ער האט ליב גיהאט צוא הקב״ה האט ער גיגרייכט דעם דאזיגן חסד איין מאל איז רבי יוסי שלאף גיוועזן זיינען צוא אים גיגאנגין רבי אבא מיט רבי יהודה ורבי יצחק מבקר חולה זיין האבין זייא גזעהען וויא ער איז גפאלין אויף זיין פנים אונ שלאפט אז ער האט זיך אויף גיחאפט זעהען זייא וויא זיין פנים איז זייער פרייליך זאגט רבי אבא צוא אים דוא האשט גוויש גזעהען עפש אנייע זאך דרום איז דיין פנים פרייליך זאגט רבי יוסי צוא אים עס איז בוודאי אזו דען אצונד איז מיין נפש ארויף גגאנגען למעלה האב איך גזעהען דעם כבוד פון די וואס זיינען זיך מוסר נפש פון קידוש השם וועגן מען ברייננגט זייא אריין אין דרייצעהן טייכן פון ריינעם אפרסמון דאס זיינען גרוישע סודות דארט איז זיך הקב״ה מיט זייא משתעשע אונ איך האב אויך גזעהן אזעלכע זאכן וואש איך האב ניט קיין רשות צו זאגן בשעת איך האב דר זעהן דעם גרוישן כבוד האב איך גפרעגט צו וועמען איז דאס אזו איין כבוד האט מען מיר גזאגט דאס איז צוא דיא וואס זייא האבן ליב גהאט צו הקב״ה אויף דער וועלט אונ מחמת איך האב דאס גזעהן איז מיר דר לייכטן גווארן מיין לב ונפש דרום האב איך איין פרייליך פנים זאגט רבי אבא צוא אים וואול איז דיין חלק דיא תורה זאגט אויף זיי עדות אז זייא האבן גרוישן שכר עס שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו וואול איז דער חלק פון דיא וואס האבן ליב צוא זייער האר זייער שכר האט ניט קיין שיעור אויף יענר וועלט זאגט רבי יצחק עס איז פאר האנדן פיל מדריגות אונ חדרים צוא דיא צדיקים בעולם הבא אונ דיא העכשטע מדריגה איז פון די וואס דינן להקב״ה מכח אהבה דען זייער וואוננג איז גרעשער פון אלע דרום ווייל זייא האבן דער מיט גקריינט להקב״ה :

רבי אחא מיט רבי אלעזר האבן איין מאל בנאנד גנעכטיגט עס איז גקומען נאך האלבע נאכט זיינען זייא אויף גשטאנן לערנן האט רבי אלעזר אן גהויבן צוא זאגן עס שטייט כי הוא חייך ואורך ימיך קום אונ זעה אלע תנאים וואס הקב״ה האט גהאט מיט דיא ישראל בשעת אז זייא זיינען אריין גגאנגען קיין ארץ ישראל איז אלץ גוועזן פון וועגין דער תורה דען דיא שכינה רוט נאר אויף דער וועלט מחמת דער תורה אזו וויא דיא תורה שבכתב ווערט ניט דער קענט נאר דורך דר תורה שבעל פה אזו אויך ווערט דיא שכינה ניט דער קענט זיא זאל זיין מיושב למעלה ולמטה נאר דורך דער תורה דאס מיינט דר פסוק כי הוא חייך ואורך ימיך לשבת על האדמה אונ דרום אז דיא ישראל האבן פאר לאזט דיא תורה זיינען זייא פאר לארן גווארן אזו וויא עס שטייט על מה אבדה הארץ על אשר עזבו את תורתי דאס מיינט מען שארה כסותה ועונתה לא יגרע דען דיא שפייז אונ דער מלבוש איז דאס בהעפטונג פון דער תורה איז נאר אין דיא ישראל ואם שלש אלה לא יעשה לה אז ער וועט איר ניט טאן דיא דרייא זאכן שטייט ווייטער ויצאה חנם אין כסף גייט זיא אום זיסט אין גלות ארין האבן זייא אזו עוסק גוועזן בתורה ביז טאג אונ זיינען אוועק גגאנגען. ווייטער דער ווייל האבן זייא דער זעהען איין מענטש וואס דער קאפ איז אים גוועזן פול מיט וואונדן האבן זייא צוא אים גנעהנט אונ זעהן אז ער שאקלט מיט דיא לעפצין אונ קיין קול האבן זייא ניט גהערט זאגט רבי אלעזר ער גיהער זיך בלאטן מיט זיין האר דאס היישט ער איז מתפלל האבן זייא זיך אויך גשטעלט מתפלל זיין אונ דער מענטש איז אלץ גשטאנען אין זיין שטאנד אויף איין ארט נאך זייער מתפלל זיין זיינען זייא אוועק גגאנגען ווייטער אונ דער מענטש איז פון זייא אנטלאפן גווארן זאגט רבי אלעזר אודער דער מענטש איז איין טיפש איין שוטה אודער זיינע וועגן זיינען ניט רעכט אן גבריים צוא גוטן זאגט רבי אלעזר מיר דארפן עוסק זיין בתורה הייבט ער אן צוא זאגן עס שטייט כבוד חכמים ינחלו וכסילים מרים קלון וואול צוא דעם וואס ער איז עוסק בתורה איידער ער הייבט אן ווייטער עפס

צוא ריידן האט דער מענטש גנעהנט צוא זייא זאגט רבי אלעזר מיר טארן ניט מפסיק זיין מדברי תורה דען איטליכער מענטש וואס עש איז עוסק בתורה איז ער זוכה צו ירשנן דיא ירושה עליונה אונ דעם כבוד פון דעם המלך הקדוש אונ דער כבוד. דער הוכט אים בעולם הזה אונ עס גייט פון אים ניט אוועק אונ למעלה איז אויף אים פאר האנדן כמה מליצי יושר וואס זיינען אויף אים מלמד זכות פאר דעם מלך הקדוש אבער אז דער מענטש איז חלילה ניט עוסק בתורה אונ גייט ניט אין דעם וועג פון זיין האר אזו שוועבט דער מקטרג אין דר לופטן אונ גייט נאך ניט ארויס אויף דער וועלט ער ווארט טאמר וועט ער תשובה טאן אונ אז ער זעהט אז דר מענטש טוט ניט קיין תשובה אונ בגערט ניט עוסק זיין בתורה אזו גייט ער ארוף אונ איז אויף אים מלמד חוב דרום זאגט דער פסוק וכסילים מרים קלון זיינען זייא אריין גגאנגען אין איין מערה דער מענטש איז זייא נאך גגאנגען אונ הייבט זייא אן צוא זאגן גרוישע סודות עס שטייט ושננתם לבניך דער מענטש דארף שטראפן זיין קינד מיט דער תורה ער זאל ניט זיין קיין טפש ודברת בם ער זאל זיך רעכט פירן אין דעם גוטן וועג אונ זאל ניט אפ קערן לימין ושמאל בשבתך בביתך מען זאל זיך רעכט פירן אין דר היים מיט זיין הויז גזינד זייא זאלן זיך פון אים אפ לערנן אלע זיינע מעשים זאלן זיין בדרך התקון ער זאל זייא רעכט פירן אונ זאל אויף זייא ניט ווארפן קיין גרוישע מורא ובלכתך בדרך ער זאל זיין וועג אן ריכטן מיט דברי תורה אונ זאל זיך אן ברייטן צוא דרייא זאכן אזו וויא יעקב אבינו עליו השלום האט זיך אן גגרייט לדורון ולתפלה ולמלחמה אונ דאש העכשטע פון דיא אלע איז דברי תורה ובשכבך בשעת ער לייגט זיך שלאפן זאל ער זיך נוהג זיין במורא פאר זיין האר ער זאל אנטקעגין אים ניט זיין קיין חצוף אונ זאל ווישן אז מלא כל הארץ כבודו דער כבוד פון הקדוש ברוך הוא איז פול אויף דר גאנצער וועלט ווען ער לייגט זיך אונ איז זיך ניט נוהג בקדושה נאר מיט חוצפה אזו טוט ער דאך דאס פאר זיין האר ווארום דיא שכינה איז אויף אלע ערטער ובקומך אונ אז ער שטייט אויף פון דעם שלאף דארף ער צוא לויבן צו הקב"ה וואס ער האט אים ווידער גקערט דיא נשמה חאטשע ער האט פאר אים גזינדיגט האט ער אים פארט ווידער גקערט דיא נשמה אין זיין גוף אריין דער מענטש זאגט ווייטער גרוישע סודות בשעת זייא זיינען גקומען פאר רבי שמעון וויא ער האט זייא דער זעהן זאגט ער צוא זייא דיא שכינה איז פאר האנדן בייא אונז דרום דארפן מיר מחזיק טובה זיין צוא דער שכינה אונ הייבט אן צוא זאגן עס שטייט הן עוד היום גדול לא עת האסף המקנה השקו חצאן ולכו רעו דעם פסוק האבין דיא רבנן מפורש גוועזן אויף דיא ישראל דאס הקב"ה האט אויף זייא גוזר גוועזן זייא זאלין זיין נאר איין טאג אין גלות אזו וויא עס שטייט נתנני שוממה כל היום דוה נאר דער איינער טאג פון הקב"ה הייסט טוזינט יאר אונ ווען דיא ישראל וועלן תשובה טאן פאר הקב"ה וועלן זייא קומען קיין ארץ ישראל בזכות התורה והתשובה אונ וועלן ווידר איין גזאמלט ווערן קיין ירושלים אונ אז זיי וועלן קיין תשובה ניט טאן זאגט הקב"ה הן עוד היום גדול דר טאג וועט נאך זיין גרויש לא עת האסף המקנה עס איז נאך קיין צייט ניט איין צו זאמלן די ישראל אן זכות אונ אן מעשים טובים אבר איין רפואה איז צוא זיי השקו הצאן ולכו רעו זייט משתדל במים של תורה אונ טרינקט אייך אן מיט דער תורה ולכו רעו דענשט מאל וועל איך אייך ברייננן למקום המנוחה אל ארץ חמדה צוא אייער ירושה קיין ארץ ישראל ער זאגט ווייטער גרוישע סודות פון דער גאולה אונ פון דעם קץ של משיח וואול צוא דיא לייט וואס וועלן זוכה זיין צוא זעהען דיא גאולה אונ זכאה איז דער חלק וואס וועט ניט זעהען דען דיא צדיקים וועלן קענן ליידן דיא חבלי של משיח אונ וועלין בלייבן בייא דער אמונה אבער דיא שלעכטע וועלין ניט קענען דער ליידין דיא צרות דרום איז פאר זייא בעסער אז זייא זאלן גאר ניט זעהן דיא צייט עש שטייט ושב ה' אלהיך את שבותך וגו' ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו רבי חייא הייבט אן לכן אנשי לבב שמעו לי חלילה לאל מרשע כי פועל אדם ישלם לו קום אונ זעה אז הקב"ה האט בשאפן די וועלט האט ער זיא בשאפין מיט דין אונ אויף דין שטייט דיא וועלט אונ אלע מעשים איז אלץ בדין נאר הקב"ה האט גוואלט דיא וועלט זאל האבין איין קיום אונ זאל ניט פאר לארין ווערין האט ער פאר שפרייט איבער דעם דין זיין רחמים דאש דיא רחמים האלטין דעם דין כדיי די וועלט זאל ניט פאר דארבין ווערין אויב דוא וועשט זאגין אז הקב"ה טוט אמאל אזאך אן דין דען איין צדיק האט צרות אויף דער וועלט דאש איז נאר מחמת אהבה הקב"ה האט ליב דעם צדיק אונ וויל אים מקרב זיין צוא זיך אזו שלאגט ער אים זיין גוף אונ צוא ברעכט אים דען איז שוין דיא נשמה שולט אונ דער מיט איז ער מקרב באהבה צוא זיך אבער ווען דער גוף איז שטארק איז דיא נשמה שלאף אזו איז ער דער שונא פון הקב"ה דאס ער באגערט ניט אין אים אונ ער איז מצליח אין אלע זיינע וועגן דאס איז כדיי ער זאל אים באצאלן זיינע טובות אונ צדקה אויף דער וועלט כדיי ער זאל שוין ניט האבן קיין שכר אויף יענער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו ער בצאלט זיינע פיינט אויף דער וועלט כדיי ער זאל אים מאכין פאר לירין פון יענער וועלט דרום וועלכער צדיק עש איז אים צוא בראכין זיין הארץ איז ער דער אוהב פון הקב"ה נאר. בתנאי אז ער האט נאר קיין שום חטא ניט אז ער זאל בדארפין גענש ווערין הייגט בדארף מען רעכט פאר שטיין דיא זאך איינש מיר גיפינען דאך אז דיא שכינה רוט ניט אויף אמענטשן נאר אז ער איז פריילעך אבער דארטין וואו עס איז ניט דא קיין שמחה רוט ער ניט אזו וויא דער פסוק זאגט בייא אלישע ועתה קחו לי מנגן והיה כנגן המנגן ותהי עליו רוח אלהים אונ אזו אויך כל זמן יעקב איז טרויעריג גוועזן אויף יוסף האט די שכינה אויף אים ניט גרוט אונ דער צדיק איז דאך תמיד זיין הארץ צו בראכן אונ מיט גרוים ווייטאג וויא אזו קען דיא שכינה אויף אים רוען עס איז דאך בייא אים גאר ניט דא קיין חדוה ושמחה אונ ווידר מיר זעהן דאך כמה צדיקים וואס זיינען גוועזן ליב האבער פון הקב"ה אונ זיינען ניט גוועזן בצער ויסורים ווארום זאל ניט זיין גלייך דיא צדיקים וויא דיא אויב דוא וועסט זאגן אזו וויא דיא חכמים זאגן אין דער גמרא דער צדיק וואס איז בצער איז איין צדיק בן רשע אונ דער וואס איז בשלוה איז איין צדיק בן צדיק אמער מיר זעהען דאך כמה צדיקים וואס זיינען גוועזן בן צדיקים אונ זייא האבן פארט גהאט יסורים אלא דאס איז אגרויסער ס ד דאס כל מעשיו של הקב"ה זיינען באמת וזכיות אזו וויא דער פסוק זאגט כי פועל אדם ישלם לו ווייטער זיינען סודות :

## פרשת עקב

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה וגו' אין פרשת ואתחנן שטייט כי הארץ אשר אתה בא שמה לרשתה לא כארץ מצרים היא עש שטייט אויך וואס

משפחת

משפחת מצרים לא תעלה ולא באה ולא עליהם תהיה המגפה ווארום איז מצרים מער פון אלע אומות דען עש שטייט דאך אויך אויף אלע ולא עליהם יהיה הגשם אז זייא וועלן ניט קומען אויף חג הסוכות וועלן זייא ניט האבן קיין רעגן אלא די מצרים וועלן האבן די מגפה אבער דער רעגן איז בייא זייא קיין קללה ניט וויל זייא באדארפן ניט קיין רעגן דרום זיינען זייא ניט אין דעם כלל פון דעם רעגן אזו וויא עס שטייט כי הארץ אשר אתה בא שמה לרשתה לא כארץ מצרים הוא דען אין מצרים גייט אויף דער נילוס אונ טרינקט אן די פעלדר אבער ארץ ישראל ווערט אן גטרונקען פון מטר השמים אזו וויא עס באדארף צוא זיין אונ אז די ישראל האבן דארטן עוסק גוועזן אין דער תורה האבן זייא גהאט רעגן אונ ווער עס פאר מייד זיך פון דער תורה איז גליך וויא ער פאר מייד זיך פון אלע גוטס פון דער וועלט רבי אלעזר מיט רבי יוסי זיינען גשטאנען איין טאג אונ האבן עוסק גוועזן אין דער תורה זאגט רבי אלעזר עס שטייט ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם לא תחסר כל בה ווארום שטייט צווייא מאל בה אלא השי"ת האט צוא טיילט די גאנצע וועלט צוא ממונים אונ שלוחים זייא זאלן דריבער זיין אבער ארץ ישראל האט השי"ת צוא זיך גנומען אונ האט עש ניט איבער געגעבן צוא קיין שום שליח ומושל אונ ארץ ישראל עסט מיט רייכקייט דרום שטייט תאכל בה אין ארץ ישראל איז ניט אזו וויא בייא אלע בה אין איר רוט די אמונה שלימה בה אין איר רוט די ברכה עליונה אונ ניט אין איין אנדער ארט קום אונ זעה עש שטייט כגן ה' כארץ מצרים דאש איז ארץ מצרים אונ ארץ סדום אזו וויא אין גן עדן התחתון דארף מען ניט אן טרינקען דען ער האט זיין גינייגונג אזו אויך סדום אונ מצרים דען דער נילוס טרינקט אן מצרים אונ מען באדארף ניט קיין רעגן אונ אזו אויך סדום אזו וויא דער פסוק זאגט כי כלה משקה :

ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלהיך וגו' די מצוה איז צוא בענטשן צוא הקב"ה אויף אלעמען וואש ער האט גגעסן אדר הנאה גהאט פון דער וועלט אונ אז ער בענטשט ניט אזו הייסט ער איין גזלן צוא הקב"ה אזו וויא דער פסוק זאגט גוזל אביו ואמו ער גזילת צוא הקב"ה אונ צוא די כנסת ישראל וואס זייא הייסן אביו ואמו אזו וויא די חכמים האבן עס מפורש גוועזן אין דער גמרא דען די ברכות וואש דער מענטש מאכט ציהען זייא חיים פון דעם מקור החיים פון דעם אילן החיים דען ווערן אלע עולמות גבענטשט אונ אלע מדריגות דרום גהער דער מענטש טאן זיין רצון אונ די ברכות וויא עש באדארף צוא זיין אונ אז ער מאכט די ברכה נעמט ער זיין חלק צום ערשטן פאר אלע עולמות למטה אונ דער שם הקודש ווערט גבענטשט אונ ער רוט אויף זיין חלק צום ערשטן אזו וויא דער פסוק זאגט בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך אונ אז די ברכות גייען ארויף דורך אים איז ניט דא קיין פתח אונ קיין ממונה למעלה וואש עש זאל זיך ניט עפענען אונ זאל ניט אים שרייען אין אלע הימלען דאש איז די מתנה פון דעם מלך וואס דער מענטש שיקט אים דאש איז די מתנה פון זיין קיום אזו וויא עס באדארף צוא זיין אונ וואס איז די רעכטע ברכה מיט דעם קיום אז מען ענטפערט דרויף אמן דאש איז דער קיום פון דער ברכה אונ אז די ברכה גייט ארויף אזו זיינען אן גבריים די מדריגות עליונים צוא דער לייכטן די אורות וואס זייא האבן ביז אהער ניט גלייכט אזו וויא עס באדארף צוא זיין דען דורך די ברכות ווערן זייא רעכט דער לייכט ומכל שכן איז איין ברכה פון איין רבים די זיינען מבורך ומעוטר מיט הייליגע קרוינן מיט דעם אור פון אמן אמן איז דער גאנצער קשר פון דעם יחוד וקדושה פון זיין הערן אונ מען קריינט די ברכות בעטרות עליונים וויא עס באדארף צוא זיין אונ הקב"ה באגערט אין די וואש זייא בענטשן צוא הקב"ה אויף זייא שטייט כי מכבדי אכבד דאש איז די וואס בענטשן צוא הקב"ה ובוזי יקלו די וואש בענטשן ניט צוא הקב"ה אונ פאר מיידן די ברכות פון זייער מויל די וועלן פאר שעמט ווערן אין דעם קומט צוא אים דער סבא אונ זאגט דוא רועה נאמן זיי מתקן דעם טיש פון דיין הערן אין זיין קדושה פון אלערלייא זעגעפטיקייט מקריב זיין צוא אים אזו וויא עס שטייט זה השלחן אשר לפני ה' דען ביז איצונד זיינען זיך אלע מתענג פון דעם שלחן המלך אזו וויא עס שטייט לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי לחם הייסט תורה שבכתב אונ יין איז תורה שבעל פה אונ דארטן זיינען כמה טעמי תורה וואס זיינען זיסער מכל מאכלי מלך דער וויל שטייט אויף דער רועה נאמן משה רבינו :

פתח ער הייבט אן צוא זאגן עס שטייט ועשית שולחן עצי שטים קום אונ זעה וואס פאר איין מנהג טוב ויפה וואש האבין זיך נוהג גוועזן די בעלי סעודה פון דעם מלך צוא ווייזן אז זייא זיינען מבני שולחן המלך דער ערשטר תיקון איז אז מען זעצט דעם גרעשטן פון די לייט צום ערשטן דעם אנדערן לעבן אים אונ דעם דריטן לעבן דעם אנדערן זייא זיינען מרומז אנטקעגן די דרייא אבות אונ אנטקעגן די כהנים לוים וישראלים אונ ווייטער האט שוין ניט קיין סדר נאר דער וואס זעצט זיך פריער איז ער זוכה אין דעם ארט דער אנדערער תיקון איז אז דער בעל הבית זאל מאכן המוציא בעין יפה אונ אז ער איז גומר די ברכה זאל ער ערשט צוא ברעכן דאס ברויט די רבנן האבן גזאגט די מענטשן וואס זיצן בייא דעם טיש טארין ניט עסן אידער דער בעל הבית עסט זיין המוציא צוא דעם ערשטן אונ דער בעל הבית טאר ניט עסן ביז אלע זאלין ענטפערין אמן אונ דאס בענטשן גיהער צוא דעם אורח כדי ער זאל בענטשן דעם בעל הבית דער וויל קומט ארויין דער בוצינא קדישא דאש הייסט רבי שמעון בן יוחאי וואש ער איז איין הייליגע ליכט אונ זאגט רעיא מהימנא איין מאל בין איך גינאנגען מיט דער חבריא אין וועג זיינען מיר גקומען אויף איין הארבעריג איז דארטן גוועזן איין קליין קינד האט ער אונז אן גיגרייט איין טיש מיט איין מנורה ער איז גוועזן אן גיריכט מכל מיני מאכל ומשתה דאש הייסט פון אלערלייא סודות גלייך וויא ער וואלט אלט גיוועזן צוואנציג יאר אונ ער איז נאר אלט גיוועזן פינף יאר אונ דער ציילט אים די גאנצע מעשה וויא ער האט גזאגט ער וועט מלחמה האלטן מיט איין שווערד אזו וויא אויבן שטייט די גאנצע זאך באריכות דער נאך האט ער מפורש גוועזן די צעהען זאכין וואש זייא דארפן זיין בסעודה של שבת איינש איז נטילת ידים דאס אנדערע ער זאל האבן לחם משנה צווייא חלות צוא דער המוציא דאש דריטע ער דארף עסן דרייא סעודות אונ זאל מוסיף זיין מחול על הקודש דאס פערטע ער זאל אן צינדין ליכט בייא דעם טיש אזו וויא די חכמים זאגן שלחן בצפון ומנורה בדרום אונ בייא שבת איז דער מענטש מחויב בייא אלדינג מוסיף זיין מחול על הקודש הן באכילה ושתיה והן במלבושים והן בהסיבה ווארום פאר צייטן איז גוועזן איין מנהג מען זאל עסן אן גלעהענט אויף

זאל ער זיך אן טאן טייערע קליידער אזו וויא מען גרייט זיך אן גיין אנטקעגין איין כלה. בשעת זיא גייט צוא דער חופה אזו שבת הייסט אויך כלה זיא איז שבת מלכתא דרום פלעגין די רבנן פרייטיג פאר נאכט ארויש גיין פון דער שטאט אנטקעגין שבת אונ האבן גזאגט בואי כלה בואי כלה אונ מען דארף אויף דעם טיש זאגין שירות ותשבחות מקבל זיין דיא שכינה אונ קדושת שבת בשמחה וטוב לבב אונ דער מיט מאכט מען איין גרויסין תיקון צוא דער שכינה אונ דיא שפחה לילית בלייבט זיצן אין דער פינצטער ורעב ובכי והספד אין שווארצע קליידר אזו וויא איין אלמנה דען אז מיר דער הייכן דיא קדושה ווערט זיא נידעריג אונ בליל שבת איז שולט דאס מזל שבתאי אונ דער וואש איז חלילה אויף זיך מושך דעם כח פון דר טומאה דארף ער זיין ביגון ואנחה וצער אונ ניט עסין קיין פלייש אונ ניט טרינקען קיין וויין ווארום דאס מאכט דעם מענטשן פריילך אונ דארף זיך אן טאן אין שווארצע קליידער אזו בלייבט ער אין דער טומאה אבער דיא קדושה איז פאר קערט מיר דארפן ווייזן אז מיר זייען ניט אונטער קיין מזל נייערט תחת רשות הקב"ה בעצמו דרום איז דיא מצוה פון שבת דווקא זיך פרייען מיט אלע זאכן אונ ווער עס איז חלילה אום שבת טרויעריג גיט ער איין כח צו דער לילית אונ איז מחלל שבת ער איז עובר אויף דעם פסוק לא תבערו אש ביום השבת דאש אש מיינט מען אש זרה דיא לילית דען שבת איז מצד השכינה ויצר טוב אונ דער וואס רוט אום שבת ווערט ער גיקריינט מיט זיבין שמות הקדושים מיט פיל חיילות פון דיא חיות הקודש אונ דער מלך הקדוש גייט אים אנטקעגין מיט כמה חיילות דען בלייבט דער יצר הרע אונ דיא שפחה רעה וויא איין אלמנה פאר פינצטערט אן איין מאן אונ פאר צייטן אז זייא האבן גידינט עבודת כוכבים שטייט ביי זייא מזבחים ומקטרים למלכת השמים למזלות אשר לא צויתי דיא עבודה איז גוועזן צוא דער שפחה רעה וואש זיא איז שולט בלילי רביעית ובלילי שבתות זייא פלעגין שבת ביי נאכט אן טאן אויף זיך שווארצע קליידר אונ האבן גנומען איטלעכר אין דיא הענט שווארצע ליכט אונ מאכן איין הספד אין דער פינצטער כדי זייא זאלן זיך משתתף זיין מיט דער שפחה רעה דארטן וואו זיא רוט כי גם את זה לעמת זה עשה האלהים אונ מיט דעם וואס זייא האבן צוא איר גידינט האבין זייא גורם גיוועזן חורבן בית המקדש בעונותינו הרבים דען איז גיזאגט גיווארין אויף דער שכינה איכה ישבה בדד היתה כאלמנה אונ דרום טאר מען ניט אום תשעה באב אן צינדן פיל ליכט מען זאל מאכין איין הספד אונ זיצן אזו וויא איין אבל זיך משתתף זיין מיט דיא כנסת ישראל אין גלות דען מיר האבין בעונותינו הרבים איר גורם גיוועזן דעם צער דער פינפטער תיקון הסעודה איז מען זאל זאגין איבער דעם כוס ויכולו השמים דער זעקסטער תיקון איז מען זאל ביי דעם טיש זאגין דברי תורה דאש זיבעטע מען זאל ניט גיך אוועק גיין פון דעם טיש כדי דער וייל וועלן קומען ארומע לייט וועט ער זייא מחיה זיין · דאש אכטע מען זאל זיך וואשין מיט מים אחרונים דאש ניינטע איז איין כוס פון דעם בענטשין · דאש צעהנטע איז דאש בענטשין אליין אונ דאש דארף מען אלץ מתקן זיין לכבוד השכינה אין פרשת פנחס שטייט אויך דער פון איינש איז נטילת ידים ווארום מיט אום ריינע הענט טאר מען ניט מאכין קיין ברכה אונ אז זייא זיינען אבער ריין זיינען זייא ראוי מושך זיין דיא ברכה דען דיא ברכה רוט נאר אויף איין מקום טהרה דער כהן איז איין איש חסד הייסט דאש טהרה דרום רוט אויף אים דיא ברכה אונ ביי אים שטייט כה תברכו את בני ישראל האבין דיא חכמים מפורש גיוועזן וועלכער כהן וואש בענטשט דיא ישראל ווערט ער אליין אויך גיבענטשט אונ ווען ער בענטשט ניט ווערט ער ניט גיבענטשט אונ דיא חכמי המשניות זאגן אז מען זאגט איין ברכה אונ מען דער מאנט ניט קיין שם ומלכות דאש הייסט מען זאל זאגין ה' אלהינו מלך העולם הייסט זיא ניט קיין ברכה אויך דאש וואשין דיא הענט דארף צוא זיין אויף אלע פערצין גלידער פון דיא הענט דאש בטייט אויף גרוישע סודות דרום דארף מען רעכט נזהר זיין אין נטילת ידים דען דיא שכינה רוט אויף אים ניט ביז ער טוט פון זיך אפ דיא זוהמא בישא דיא שפחה רעה וואש רוט אז ף אום ריינע הענט דרום טאר מען קיין ברכה ניט מאכין ביז מען וואשט זייא אונ מען איז זייא מטהר עש זאל אויף זייא רוען דיא קדושה דען די עמי הארצים דרום העלפט זייא ניט קיין טבילה ווארום זייא טויבלין זיך אונ האלטין אין דיא הענט איין שרץ דאש איז דיא שפחה רעה אונ זייערע הענט זיינען פול מיט גזל זייא גזלינן צוא הקב"ה אונ עסין אן איין ברכה זייא ווייסין ניט וויא אזו איין ברכה צוא מאכין אונ ווייסין ניט אויף וואש דיא ברכות זיינען מרמז. אונ וואש די זוהמא איז · דאש האט אלץ גיזאגט משה דער רעיא מהימנא · בשעת דיא חכמים מיט מיר האבין דער הערט דיא אלע סודות האבין מיר זיך ניט גיקענט אויף האלטין אונ ווארטין ער זאל אויש זאגין אלע צעהען זאכין פון דער ברכה אונ מיר האבין זיך פאר אים פאר שפרייט אונ מיר האבן גזאגט בוודאי דאס איז ניט קיין מענטש ווער עס זאגט אזעלכע זאכן נייערט דוא ביסט גלייך וויא דיא פיר מחיצות פון דעם גן עדן דען דער מענטש וואס איז זוכה צוא גיין אין דיא מחיצות פון דיא קינדער ווערט ער איין תינוק אונ אז ער גייט אין דר מחיצה פון דיא נערים ווערט ער איין נער ובמחיצות בחורים ווערט ער איין בחור ובמחיצות הזקנים ווערט ער איין זקן דרום איז אויף דיר גיזאגט גיווארין ממכון שבתו השגיח וגו' דאס איז ר"ת מש"ה אונ אויף דיר איז גיזאגט גיווארין בשגם הוא בשר בשג"ם בטרעפט דיא צאל פון משה דוא ביסט גיוועזן בדור המבול אויך ביסטו אין איטליכין דור וויא איין ראד וואש דרייט זיך איבער דוא ביסט גיוועזן וויא פיל מאל אין פיל גישטאלט אונ ביסט ניט אנטפלעקט גיווארין ביז אין דור פון מתן תורה דאס דורך דיר איז דיא תורה גיגעבין גיווארין דוא ביסט גלייך צוא דער זון אז עס קומט ביי נאכט אונ זיא ווערט איין גיטאן אזו לייכט דיא לבנה מיט דיא ששים רבוא שטערן אזו ביסטו אויך איין גיטאן גיווארן פון דער וועלט לייכשטו אין דיא ששים רבוא ישראל פון דער וועלט וואס אין איטלעכין דור דאס האט קהלת גימיינט דור הולך ודור בא אזו וויא דיא רבנן האבין גיזאגט עס איז ניט פאר האנדין ווינציגער פון ששים רבוא אויך האבין זייא גיטייטשט דור שהולך דאס דור וואס איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט הוא דור שבא דאס איז דער דור וואס קומט מקיים צוא זיין מה שהיה הוא שיהיה היינט דוא רעיא מהימנא זאג אונז ווייטער סודות אונ זייא משלים דיא צעהען זאכין פון דעם טיש זאגט דער רועה נאמן משה רבינו דוא הייליגע ליכט רבי שמעון וואל צוא דיין חלק וואס הקדוש ברוך הוא האט צוא דיר מגלה גיוועזן אזעלכע סודות וואס עס איז ניט אנפלעקט גיווארין צוא קיין נביא וחוזה:

תניינא דער אנדערער תיקון פון שבת איז מען זאל מאכן המוציא

איבער

איבער צווייא חלות דאס הייסט לחם משנה וואס זייא זיינען סמן אויף די צווייא לוחות התורה וואס זיינען גגעבן גיווארן בשבת דען אום דינסטאג וואס עס שטייט צווייא מאל כי טוב איז דיא תורה גישאפין גיווארין אונ אום שבת האט זיא אראפ גינידערט אונ חאטשע זיי האבן גיזאגט אז דיא שדים זיינען ממונה אויף זוגות דאס הייסט מען טאר ניט עסין אדער טרינקען איין פאר צווייא עפיל צווייא ניס צווייא כוסות דאס איז אלץ איין סכנה עס איז אבער הלכה למשה מסיני אז שלוחי מצוה ווערן ניט גזוק דרום האט הקב"ה גזאגט פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים דרום זאל מען מאכן צוויי חלות אום שבת דען אום שבת נידערן אראפ אלע רוחות ונשמות ונפשות אונ קיין שום שטן ומזיק איז ניט שולט אום שבת אפילו דער גיהנם ברענט ניט אום שבת דרום שטייט לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת דאס איז אש נכרי אבער אש של קדושה דהיינו קרבנות האט מען יוא גיברענט: תליתאה דער דריטער תיקון איז צוא עסין דרייא סעודות אום שבת דען דיא דרייא סעודות זיינען משלים צוא דיא זיבין ברכות פון שבת ווערט צעהען דען איז ער משלים אלע מדריגות הקדושה אונ דער ענג חאטשער האט אום שבת איז ער דער פאר זוכה צוא ג"הר ע"דן ג"ן אונ וועלכער עס קען מקיים זיין אונ איז ניט מקיים ווערט פון דעם ענ"ג נג"ע אונ הקב"ה האט גיזאגט לוו עלי ואני פורע אנטלייט אויף מיר אונ איך וועל בצאלן אז תתענג על ה׳ : רביעאה איז צוא דער לייכטן דעם טיש מיט אמנורה מיט ליכט דען דער טיש פון הקב"ה מוז אזו זיין תמישאה איין כוס מיט דעם יין מלא פון דער תורה אונ מיט ויכולו השמים אונ ער מעיד אויף מעשה בראשית שתיתאה מען זאל זאגן דברי תורה אויף דעם טיש פון שבת דרום מוז א תלמיד חכם אן בייטן צוא זיך נאך איין תלמיד חכם ער זאל מיט אים עוסק זיין בתורה שביעאה ער זאל מאריך זיין מיט זיין עסין פון וועגן עניים דרום ווער עס איז מאריך ביא זיין טיש איז מען אים מאריך זיינע יאר אונ טעג דען צדקה איז מציל פון דעם טויט ווייל איין עני איז חשוב וויא איין מת אונ ער איז אים מחיה דרום איז הקב"ה אים אויך מחיה אונ אונזרע חכמים האבין גיזאגט אז הקב"ה האט ניט גיפונען קיין בעסערע מדה צוא דיא ישראל פון עניות · האבן זייא גפרעגט אמער עס איז דאך פאר האנדין תתק"ג מיני מיתות אויף דער וועלט אזו ווי די צאל פון תוצאו"ת אונ דאס גרעסטע איז עניות פאר וואס האט הקב"ה אויש גיקליבין צוא דיא ישראל ארימקייט ענטפערן אמייל דען אלע פאר ציימיגע היידן אז עס פלעגט זייא גיין שלעכט פלעגין זייא שילטן זייערע אפ גאט אבר די ישראל אפילו אז עס איז זיי שלעכט לויבן זיי אויך השי"ת אונ דרום מיט דער מדה וועלן זייא דער לעבן משיח אזו ווי דר פסוק זאגט ואת עם עני תושיע אונ אפילו אז איינר איז איין עושר נאר ער האט צער ויסורים הייסט ער איין עני אונ מכל שכן ווער עס איז איין עני אונ גייט פון איין ארט אויף דעם אנדערן · אונ איז אויך איין עני פון דעם שכל · רבי חייא איז גינאנגען צו רבי שמעון קיין טבריא אונ מיט אים איז גיוועזן רבי יעקב בר אידי אונ רבי ייסא וויא זייא גייען זאגט רבי ייסא צוא רבי חייא זאג מיר דעם פסוק ולבני הברזילי הגלעדי תעשה חסד והיו באוכלי שולחנך איז דען דאש דער גאנצר תענוג אז ער וועט עסין ביא זיין טיש אונ מער ניט אונ ווידער עש איז דאך ניט קיין כבוד פאר דעם מלך אז אנדער זאל עסין מיט אים נאר דער מלך בדארף אליין עסין אונ די שרים עסין בזונדער אראפ

זאגט רבי חייא איך האב דרויף גאר ניט גיהערט אונ וויל אליין איך ניט זאגין זאגט ער צוא רבי יעקב טאמר האשטו עפיש גיהערט דרויף זאגט רבי יעקב איר זייט אלע טאג פון דעם ראש שמן העליון אונ דוא האשט ניט גיהערט ומכל שכן איך כלומר איר לערינט אלע טאג תורה פון רבי שמעון אונ איך ניט זאגט ער צוא רבי ייסא אונ דוא האשט דרויף עפיש ניט גיהערט זאגט ער חאטשע איך בין יונג אונ בין ערשט צוא אייך גיקומען אונ פריער האב איך ניט זוכה גיוועזן צוא אייך פון דעסט וועגין האב איך גיהערט דער פון · ער הייבט אן נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו וואש האט דוד גזעהען וואש ער האט דעם הלל הגדול אויש גלאזט מיט דעם פסוק ער זאגט דרויף גרוישע סודות ובדרך כלל זאגט ער דוד האט גיגעסין אין דער צייט וואש דער מלך עסט נאר בזונדער אונ דיא קנעכט עסין נאך דעם מלך דאש איז אגרוישער סוד וואש מען טאר עש ניט שרייבן אזו קומט רבי חייא אונ קושט אים אויף זיין קאפ אונ זאגט צוא אים דוא בישט נאך יונג אונ עש איז שוין אין דיין הארץ דיא חכמה עליונה דער ווייל האבין זייא דער זעהען רבי חזקיה גייט זאגט רבי חייא ודאי אין דער חברותא וועט זיך הקב"ה מחבר זיין מיט אונז דען דא וועלין זיך מתחדש זיין דברים וחדושים פון דר תורה זייא זעצין זיך עסין זאגין זייא איטליכער זאל זאגין דברי תורה אויף דער סעודה זאגט רבי יוסי עס איז אפילו איין סעודת ארעי נאר פון דעסט וועגן הייסט דאס איין סעודה אונ ניט דאס אליין וואס דאס הייסט איין סעודה נאר הקב"ה האט נאך הנאה דער פון דרום שטייט זה השולחן אשר לפני ה׳ דען דיא דברי תורה וועלין ארום רינגלען דאס ארט :

פתח רבי חייא הייבט אן עס שטייט ואכלת ושבעת וברכת את ה׳ אלהיך באדארף דען דר מענטש נאר בענטשין גאט אז ער עסט זיך אן אונ פילט אן זיין בויך אונ פריער ניט אלא אז דער מענטש עסט אפילו נאר איין כזית נאר ער האט בדיעה צוא מאכין דאס פאר איין עיקר אכילה מוז ער שוין בענטשן אונ עס הייסט שוין ושבעת אזו ווי דר פסוק זאגט פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון ווארום שטייט ניט לכל חי אכילה אלא ס׳ גיווענט זיך דער עיקר אין זיין רצון אז ער האט במחשבה צוא מאכין דאס פאר איין עיקר אכילה הייסט עס שוין שביעה אונ דארף שוין בענטשין דרויף צוא הקב"ה צוא מאכין חדוה וששון למעלה רבי חזקיה הייבט אן דעם פסוק נאך אים ואכלת ושבעת פון דאנען איז גידרונגען אז צוא איין שיכור איז מותר צוא בענטשין ברכת המזון דען ביא תפלה איז דער דין אז איין שיכור איז אסור צוא דאווענען דען דיא תפלה איז עולה למעלה במקום עולם הבא דארטין א"ז ניט פאר האנדין קיין אכילה ושתיה נאר דיא צדיקים זיצין אונ קרוינען זיינען אויף זייערע קעפ אבער דאס בענטשין דר וועקט אזו איין מדריגה וואס פון דר מדריגה קומט אראפ אויף דר וועלט מזון ושפע דרום דארף מען דארטין ווייזן זעטיקייט אונ שמחה כדי מען זאל דער וועקן דיא מדריגה דרום שטייט ואכלת דאס הייסט עסין ושבעת הייסט טרינקען דאס איז אלץ על הארץ הטובה דאס מיינט מען די קדושה וואס זיא הייסט ארץ חפץ דארטין דארף מען ווייזן שמחה אונ זעטיקייט דרום הייסט עס ארץ טובה אזו וויא עס שטייט ונשבע לחם ונהיה טובים :

פתח רבי יוסי הייבט אן צוא זאגין עש שטייט ועשית שלחן עצי שטים דוא זאלשט מאכן איין טיש פון עצי שטים דר טיש איז גשטאנן

אינעוויניג

אינעווייניג אין בית המקדש אונ ווייל פון דעם טיש איז ארויש גגאנגן
שפייז צוא דער גאנצער וועלט דרום האט דער טיש ניט גטארט זיין
ליידיג אפילו איין רגע עש האט אויף אים גימוזט ליגן דר לחם הפנים
תמיד כדי דיא ברכות זאלן פון אים גצוגין ווערן אויף אלע טישן פון
דער וועלט אונ דרום אויך בשעת דער מענטש בענטשט דארף ער
עפים איבער לאזין אויף דעם טיש כדי ער זאל ניט זיין ליידיג דען די
ברכה של מעלה רוט ניט אויף איין ליידיג ארט אזו וויא עש שטייט
הגידי לי מה יש לך בבית אלישע האט גיפרעגט די שונמית אויב זיא האט
עפים אין שטוב עש זאל אויף דעם שורה זיין דיא ברכה אזו וויא מיר
האבין דאש לאנג מפורש גיוועז אונ אזו איין טיש וואש אויף
אים ווערט ניט גזאגט קיין דברי תורה זאגט אויף אים דער פסוק
כי כל שולחנות מלאו קיא צואה בלי מקום מען טאר ניט אויף אזו איין טיש
בענטשין דען עש איז פאר האנדין צווייא ערלייא טישן איינער
איז אין דער קדושה וואש ער איז צוא הקב"ה ער שטייט תמיד
מען זאל אויף אים לערנען תורה אונ אויף דעם טיש ווערין נשלם די
אותיות התורה מיט דער תורה וואש מען זאגט אויף אים ווערט ער
נשלם מיט דעם רעכטין תיקון זרוף שטייט אין פסוק זה השלחן אשר לפני
ה' אונ ווידער איז פאר האנדין איין טיש וואס האט קיין חלק ניט אין
דער תורה אונ ניט אין דער קדושה דער טיש הייסט קי צואה ווארום
ער איז בלי מקום ווייל ער האט ניט קיין חלק אין דער קדושה וואס
זיא הייסט מקום דאס איז דיא שכינה וואס אויף איר שטייט ויפגע במקום
אבר אז מען לערינט דברי תורה אויף דעם טיש נעמט אים הקב"ה
צוא זיין חלק אונ ניט דאס אליין נאר עס איז פאר האנדין איין מלאך
הממונה הגדול סור"י ער נעמט אלע דברי תורה וואס עס ווערט גזאגט
אויף דעם טיש אונ מאכט איין גישטאלט אזו וויא דער טיש איז אונ
דיא אלע דברי תורה וואס מען האט גזאגט אויף דעם טיש גייען אונ
ווערן פאר שפרייט פאר הקב"ה דער המלך הקדוש דרום שטייט זה
השולחן אשר לפני ה' דאס ער ווערט פאר אים גיקריינט אונ דער טיש
שטייט ער זאל מטהר זיין מענטשין פון זייערע עבירות וואל איז צוא
דעם מענטשין וואס אויף זיין טיש ווערין גיטאן צווייא ערלייא זאכין
מען האט אויף אים גיזאגט דברי תורה אונ מען האט פון דר סעודה
גיגעבין צוא ארימע לייט זאלין זיך אויך אן זעטין דען עס זיינען אן
גיברייט צווייא מלאכים קדושים איינער פון דער רעכטער האנט
אונ איינער פון דער לינקער האנט איינער זאגט דאס איז דער טיש
פון דעם המלך הקדוש וואס דר מענטש האט פאר אים מס"ר גיוועזן
עס זאל זיין דער ווילין פון השי"ת אז דער טיש זאל תמיד זיין מיט
ברכות עליונים אונ הקב"ה זאל דרויף לאזין רינען שמן משחה קודש
דאס זיינען סודות עליונים אונ דער אנדערער זאגט דאס איז דער
טיש פון דעם מלך הקדוש וואס דער מענטש האט פאר אים מסדר
גיוועזן דאס איז דער טיש וואס דיא עליונים ותחתונים ווילין פון אים
גבענטשט ווערין עס זאל זיין דער ווילין פאר השי"ת אז דער טיש
זאל זיין מסודר פאר הקב"ה בעולם הזה ובעולם הבא רבי אבא האט
גיזאגט דען פאר צייטין איז גיוועזן איין מנהג אז צוא דעם עסין האט
מען גיבראכט קליינע טישלעך איטליכין איין בזונדערין טישיל אונ
בשעת מען פלעגט אים ברייגען דאס טישיל האט דער מענטש עש
צוא גידעקט אונ האט גזאגט ברייגגט אויף דאס טישיל בצניעות עס
זאל ניט זיין בחרפה פאר דיא שלוחים של מלך ווארום דער טיש פון

דעם מענטשין איז אים מזכה בעולם הבא אונ דורך אים איז ער זוכה
צוא מגין זיין אויף דער וועלט אונ איז זוכה צוא ווערין דער קענט פר
הקב"ה לטובה אונ עס ווערט אים גימערט כח וגדולה צו אלדינג וואס
ער דארף ווא"ל איז זיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא:

רבי יעקב הייבט אן עש שטייט ויהי כל יודעו מאתמול שלשום וגו' הגם שאול
בנביאים וואס איז דאס זייא גיוועזן אזו אגרוישער חדוש אז שאול
האט נביאות גיזאגט ער איז דאך נאך פריער גיוועזן אויש דער ווילט
פון אלע ישראל אזו וויא עס שטייט הראיתם אשר בחר בו ה' בחר איז דאך
דיא טייטש ער איז שוין לאנג אויש דער ווילט גיווארין פאר וואס
האבין זייא אצונד אזו זיך פאר וואונדערט · נאר בשעת אז הקב"ה האט
אים אויש דער ווילט איז דאס נאר גיוועזן פאר איין מלך ניט פאר
קיין נביא דען צוא דיא ביידע מעלות האט קיין שום מענטש ניט זוכה
גיוועזן נאר משה רבינו נאמן עליון האט אליין דער צוא זוכה גיוועזן ניט
קיין אנדערער מענטש דרום האבין זייא זיך פאר וואונדערט אויף
אים ער זאל זוכה זיין צוא דיא ביידע מעלות · אונ אויב דוא וועשט
פרעגין שמואל הנביא האט דאך אויך זוכה גיוועזן צו די ביידע מעלות
זאג איך דיר עש איז ניט אזו שמואל איז נאר גיוועזן איין נביא נאמן
אבער קיין מלך איז ער ניט גיוועזן אזו וויא עס שטייט וידע כל ישראל
מדן ועד באר שבע כי נאמן שמואל לנביא ער האט נאר גימשפט דיא ישראל
אזו וויא עס שטייט וישפט את ישראל דרום אז שאול המלך האט גיזאגט
נביאות האבין זייא זיך אויף אים זייער פאר וואונדערט נאר דיא
קשיא איז דאך ווי קומט דאס באמת ער זאל זוכה זיין צוא דיא ביידע
ער איז דאך שוין אין דער צייט גיוועזן איין מלך וויא אזו האט ער
גיקענט זאגין נביאות זאג איך דיר ער האט דאך ניט גיהאט ביידע
אין איינעם צייערט ווייל הקב"ה האט אים גגעבן דיא מלוכה אונ האט
אויף אים גמאכט רוען דעם רוח הקודש אז דורך דעם זאל דאס מלכות
זיין מיושב האט ער דורך דעם רוח הקודש גיזאגט נביאות אבער אז
הקב"ה האט דער נאך בייא אים אפ גינומען דיא מלוכה איז ער שוין
ניט גיוועזן קיין נביא נייערט ער האט גיהאט איין שכל פון התעוררות
ותבונה ער זאל אמת משפטין דאס דארף איין מלך צוא האבין אונ
ווייל ער איז בשעת מעשה גיוועזן צווישן דיא נביאים האט אויף אים
אויך גירוט דיא נבואה אונ אז ער האט זיך פון זייא אפ גישייד איז
ער שוין ניט גיוועזן קיין נביא · זאגט רבי יעקב ווער האט מיר גיגעבין
איין התעוררות פון איין רוח הקודש אז איך זאל זיין צווישן די נביאים
נאמנים דיא תלמידים פון רבי שמעון בן יוחאי וואס דיא עליונים
ותחתונים ציטערין פאר אים מכל שכן איך זאל זיין צווישן איך ער
הייבט אן צוא זאגין עס שטייט ועשית שולחן אויף דעם שולחן האט מען
ארויף גילייגט דעם לחם הפנים מיר דארפין פאר שטיין וועלכעש איז
בעסער ציא דר טיש צו דם ברויט איז דר עיקר אויב דוא וועשט זאגין
זייא זיינען ביידע אלץ איינש · קען אזו ניט זיין ווארום דער שולחן
איז אויף זיך מקבל דאס לחם עס זאל אויף אים ליגין איז דאך דער
שולחן למטה אונ דאס לחם איז למעלה · נאר פון דעסט וועגין איז
פארט דער שולחן דער עיקר ווארום ער איז מקבל ברכות ומזון פון
אויבין אונ פון דעם שורש השולחן קומט דיא פרנסה אויף דר גאנצר
וועלט אונ דר לחם איז גליך גיוועז וויא איין פרי וואס זיא וואקסט אויף
איין בוים איז דאך דר בוים דר עיקר ווארום ווען ניט דערבוים וואלט
דאך דיא פרי ניט גיהאט קיין שורש עפעס צוא וואקסין אזו אויך דר
שלחן

שלחן האט איש ניצויגין מזונות אויף דער גאנצער וועלט אונ דרום האט מען דעם לחם הפנים אויף גיגעסין משבת לשבת צוא וויזין אז דער מזון עליון קומט ארויש פון דעם טיש אונ מיט דעם וואש דיא כהנים האבין אראפ גינומען דעם לחם הפנים אלע שבת זיינען גיבענטשט גיווארין אלע מזונות וואס מען האט גיגעסין אונ גיטרונקען דאס דער יצר הרע האט שוין ניט גיקענט מקטרג זיין דען דורך אכילה ושתיה איז דאך שכיח דער יצר הרע ביא דעם מענטשין אונ איז אויף אים מקטרג אבער דורך דעם וואש דיא כהנים האבין אויף גיגעסין אלע שבת דעם לחם הפנים איז זייער עסין גבענטשט גווארין דאס דער צד הרע האט ניט גקענט מקטרג זיין פון צוא דינען להקב"ה בלב שלם אונ דיא כהנים האבין זיך גדארפט אפ היטן אז זייער טיש זאל זיין מיט איין ריינעם גוף מער פון דער גאנצר וועלט · דרום גהער זיך דער מענטש צום ערשטן ריין מאכן זיין גוף פאר דעם עסין כדי אז דאס עסין וואס עס איז פון דעם שולחן הטהור זאל חלילה ניט אן גרופן ווערין קיא צואה וואס דאס איז מצד הקליפות ווארום דיא טומאה דארף ניט האבין קיין חלק פון דעם שלחן אשר לפני ה' ערשט נאך דעם עסין דארף מען געבין איין חלק דער תמצית לצד הקליפות דאס מיינט מען מים אחרונים דיא זוהמא דעם שווייס פון דיא הענט דער חלק איז ראוי צוא אים אונ דרום זיינען דיא מים אחרונים חובה מען מאכט איבער זייא קיין ברכה ניט ווארום בצד הקליפות איז ניט פאר האנדן קיין ברכה דרום זאל דער מענטש נזהר זיין ער זאל חלילה ניט געבין פון זיין עסין וואס דאס קומט ארויס פון דעם שולחן הטהור צוא דעם קיא צואה לצד הטומאה דאס הייסט ער זאל פריער רייניגען זיין גוף וועט זיא שוין קיין חלק ניט האבין אין דעם עסין ומכל שכן עס איז נאך זייער גיזונט צוא דעם גוף אז ער זאל האבין נקיות פאר דעם עסין:

רבי יוסי מיט רבי חייא זיינען גינאנגען אין וועג אונ איין סוחר איז זייא נאך גגאנגען זאגט רבי יוסי צוא רבי חייא מיר דארפן עוסק זיין בדברי תורה דען הקב"ה גייט פאר אונז דרום איז דיא צייט אים צוא מאכן איין תקון פתח רבי חייא הייבט אן צוא זאגן עס שטייט עת לעשות לה' הפרו תורתך דעם פסוק האבין שוין דיא רבנן מפורש גוועין אונ איך זאג עת לעשות לה' איז דיא טייטש כל זמן דיא תורה האט איין קיום אויף דער וועלט אונ דיא מענטשן זיינען אין איר עוסק כביכול איז הקב"ה משגיח אויף זיינע מעשה ידיו אונ איז זיך משמח מיט אלע עולמות אויף דער הימיל מיט דער ערד זיינען אין זייער שטאנד אונ ניט דאס אליין נאר הקב"ה זאמילט איין דיא גאנצע הייליגע פמליא של מעלה אונ זאגט צוא זייא זעהט וויא איך האב איין הייליגע פאלק דאס דיא תורה ווערט גקריינט פון זייערט וועגן זעהט מיין מעשה ידי איר האט גזאגט מה אנוש כי תזכרנו דאס דער מענטש זאל ניט באשאפן ווערן ובשעת אז דיא ישראל זיינען זיך מבטל פון דברי תורה כביכול מאכן זייא שלאף זיין כח דרום שטייט עת לעשות לה' דיא בני עולם דיא צדיקים זאלן זיך מתאמץ זיין צוא טאן מעשים טובים אונ זיך מיען אין דער תורה כדי כביכול הקב"ה מיט זיין פמליא זאלין גשטארקט ווערין דורך דיא צדיקים דען הפרו תורתך זייא האבן פאר שטערט דיין תורה אונ האבן זיא ניט גלערינט וויא עס גהער צוא זיין זאגט דער סוחר וואש ער איז הינטן נאך גגאנגען איך בעט אייך איך האב איין שאלה צוא פרעגן זאגט רבי יוסי פרעג דיין שאלה זאגט ער ווערליג דוא זאגשט באדארף אזו צוא שטיין יש לעשות אדער נעשה וואס שטייט עת זאגט רבי יוסי אין פיל זאכן איז דר וועג פר אונז אן גבריים איינש ביז אהער זיינן מיר גוועין צוויא אונ היינט זיינען מיר דרייא אונ דיא שכינה איז נכלל אין אונז אונ ווידער איך האב גמיינט דוא בישט איין עץ יבש היינט זעה איך אז דוא בישט איין צווייג האפטיגר איל בירט דוא האשט רעכט גפרעגט נאר חייל דוא האשט אן גיהויבן זאג דוא פתח ער הייבט אן עת לעשות לה' עס איז איין עת איין מדריגה אין דער קדושה דאס מען זאל ליב האבן עת לאהוב אונ ווידער איז איין עת אין דער טומאה דאש איז עת לשנוא מען זאל זיא פיינט האבן אין דער קדושה איז איין עת רצון דאס הייסט עת לאהוב אזו וויא עס שטייט ואהבת את ה' אלהיך אונ אין דער טומאה איז איין עת דאס איז לילית זיא באטרעפט אזו וויא דיא צאל פון ע"ת דרום שטייט דבר אל אהרן אחיך ואל יבא בכל עת אל הקודש ניט מיט אלע עת זאל ער זיך מקרב זיין צוא דער קדושה אונ אז דיא ישראל זיינען עוסק אין דער תורה איז דער עת פון דער קדושה מתוקן אין רעכטין תיקון וויא דער עת באדארף צוא זיין אבער אז דיא ישראל זיינען ניט עוסק אין דער תורה איז כביכול דער עת ניט מתוקן אזו וויא עס באדארף צוא זיין אונ ניט בשלימות אין איר אור דרום שטייט עת לעשות לה' ווייל מיר האבן מפיר ומבטל גוועין דיין תורה דרום איז עת לעשות דאש איז טייטש לשון פאר ריכטן אזו וויא עס שטייט אשר ברא אלהים לעשות ער האט גוואלט באשאפן ד א שדים איין גוף אונ זייא גומר זיין אזו דא לעשות מיינט מען אויך מתקן צוא זיין אויף דעם שלימות דיא קדושה צוא הקב"ה אזו קומען רבי יוסי ורבי חייא אונ קושין אים אויף זיין קאפ זאגט רבי יוסי עש איז ניט רעכט אז דוא זאלסט אונז נאך גיין · זכאה איז דער וועג אז מיר האבין זוכה גוועין צוא הערן אזעלכעש זכאה איז דער דור וואס רבי שמעון איז דרינען דאש אפילו צווישין דיא בערג ווערט אויך גפונען חכמה פון זיינט וועגן רבי חייא אונ רבי יוסי גדערן אראפ פון זייערע אייזלען אונ גייען אלע דרייא אין איינעם פתח דער סוחר הייבט אן ואני תפלתי לך יי עת רצון ער זאגט דרויף גרויסע סודות דר נאך זאגט ער אויב דוא וועסט פרעגן פאר וואס האט מען מתקן גוועין דעם פסוק צוא זאגן שבת צוא מנחה פאר וואס ניט אין וואכינדיגע מנחה ווייל דיא מנחה פון שבת איז ניט גלייך צוא דער מנחה פון וואך ווארום אין דער וואכן בשעת מנחה איז דער דין שולט אויף דער וועלט אבער אום שבת אז עס קומט דער זמן מנחה אונ דיא כוחות הדינים ווילן שולט זיין אזו קומט איין אור גדול פון אויבן אונ טרייבט זייא אוועק אונ זייא ווערן בטל דרום איז דענטשט מאל איין עת רצון אונ איין שמחה אין אלע עולמות · משה רבינו איז נפטר גיווארין פון דער וועלט בשעת מנחה פון שבת בשעת דער עת רצון איז גוועין למעלה אונ למטה איז גוועין איין צער עס איז צוא גישלאסין גיווארין אלע טירין פון דעם בית המדרש כדי מען זאל גידיינקען אין משה רועה נאמן דאש דיא תורה איז בטל גיווארין פון זיינט וועגין דען באותו זמן איז בטל גווארין דער בית המדרש פון משה אונ מכל שכן דיא איבעריגע דען דער וואס האט גזעהען אז דער בית המדרש פון משה איז פאר מאכט האבין שוין אלע פאר מאכט זייערע בתי מדרשים דרום מוזן אלע מצדיק הדין זיין דיא צייט בדרך שבח אין דער תפילה דרום זאגט מען צדקתך דרייא זיינען גשטארבן שבת צוא מנחה אונ אלע דרייא זיינען נכלל אין משה · איינער איז משה נביא

נאמן

נאמן עליון אונ דער אנדערער איז יוסף הצדיק אונ דער דריטער איז דוד המלך דרום זאגט מען דרייא מאל צדקתך דאס איז גלייך ווי דרייא צידוק הדין איינש איז אנטקעגן יוסף הצדיק ער איז געווען פריער פון אלע דרום זאגט מען צדקתך כהררי אל ער איז אליין געווען אזו וויא דיא הויכע בערג אונ אויף משה נביא הנאמן זאגט מען וצדקתך אלהים עד מרום אשר עשית גדולות אונ אויף דוד זאגט מען צדקתך צדק לעולם ותורתך אמת ווייל עס איז איין גטאן געווארן דיא תורה שבכתב דורך משה אונ די תורה שבעל פה דורך דוד דרום זיינען דיא צייט פאר שלאסן געווארן אלע ספרי תורה אונ אלע שערים פון דער גאנצער וועלט · בשעת יוסף איז נפטר געווארן איז פאר טריקנט געווארן דיא מעיינות ומקורות החכמה פון די מים העליונים אונ אלע שבטים זיינען געפאלן בגלות האבן דיא עליונים גזאגט צדקתך כהררי אל משפטיך תהום רבה אונ בשעת משה איז נפטר געווארן איז פאר פינצטערט געווארן דיא שמש בצהרים אונ דיא תורה שבכתב האט פר שלאסן איר ליכט דאס הייסט די אספקלריא המאירה אונ בשעת דוד איז נפטר געווארן האט דיא לבנה איין גטאן איר ליכט אונ פון דר צייט אן איז פאר בארגן געווארן דיא ליכט פון דער תורה שבעל פה אונ עס האט זיך גמערט מחלוקת אין דיא משניות אונ דיא חכמים זיינען מחולק אין דיא דינים דען פריער איז אלץ מפורש געווען אזו וויא עס בדארף צוא זיין אונ פון דער צייט זיינען אלע שטארקע הערצער פאר מישט געווארן דרום איז געווארן דיא חומרא פון דעם תענית וואש די חכמים האבן גמאכט תענית צדיקים ווען די צדיקים זיינען גשטארבן אזו אויך האבן זייא גוזר געווען אויף דעם וואס איז איין גטאן געווארן די תורה שבכתב ושבעל פה · דרום איז שוין אבל שבן אז מען גהער צוא שליסן דיא טירן פון דיא בתי מדרשים פון דער תורה דרום זאגט מען דיא דרייא פסוקים אויף דעם ארט פון צידוק הדין · רבי יוסי מיט רבי חייא פרייען זיך זייער אונ זאגן זכאה איז אונזער חלק אין דעם וועג וואס מיר האבן גהערט אזעלכע חידושים · דער סוחר הייבט ווידער אן החכמה תעוז לחכם מעשרה שליטים אשר היו בעיר דאס איז משה בשעת ער איז ארויף גגאנגען אויף דעם בארג סיני מקבל צוא זיין די תורה זיינען דער ציטערט געווארן אלע הימלן אונ אלע חיילות עליונים זייא האבן גזאגט רבונו של עולם אלע אונזערע שמחות איז נאר אין דער תורה אונ דוא ווילשט זיא אראפ נידערן אויף דער ערד האבן זייא זיך איין גזאמלט אויף משה צוא פאר ברענן אים מיט זייער פייער אזו האט זיך משה גשטארקט אונ האט זייא געענטפערט איין תשובה וואס שטייט דען אין דיא עשרת הדברות אשר הוצאתיך מארץ מצרים זייט איר דען געווען אין מצרים אדער גשיקט זיך דען ביי אייך כבד ולא תרצח ולא תנאף אונ דיא איבעריגע אזו האט ער זיך גשטארקט מעשרה שליטים פון דיא צעהען דברות וואס זייא הייסן עשרה שליטים אונ ער האט זייא דער מיט מנצח געווען אזו אויך החכמה תעוז לחכם ווער עס איז עוסק אין דער תורה איז זיא מגין אויף אים אונ שטארקט אים בשעת ער בדארף · אונ פון וואשער איין ארט קומט אים דאס שטארקייט זאגט דער פסוק מעשרה שליטים דאס זיינען דיא צעהען דברות וואס זייא שטייען אין דער תורה דאס זיינען מושלים עליונים דאס איין מענטש איז גשטארקט דריגען בעולם הזה ובעולם הבא אלע רזין פון דער וועלט אונ אלע מצות אונ אלע חכמות של מעלה ושל מטה איז אלץ אין דער תורה וואול איז צוא דיא וואס זיינען עוסק אין דער תורה צו זיין גשטארקט אין איר לעולם הבא · זייא פרייען זיך זייער אויף זייגע רייד אז זייא זיינען גקומען צוא איין בארג זאגט רבי חייא צוא דעם סוחר וויא אזו איז דיין נאמען זאגט ער חנן זאגט רבי חייא יחנך הקב"ה וישמע קולך אז דוא וועשט צוא אים בדארפן זאל ער דיך לייט זעליגן אונ דיין קול מקבל זיין זאגט רבי יוסי דיא זון איז שוין נידעריג עס ווערט שפעט אונ אונטער דעם בארג איז פאר האנדן איין דארף עס הייסט כפר חנן וועלן מיר דארט נעכטיגן פון דיין כבוד וועגן וואס דוא הייסט אויך חנן זיינען זייא גקומען אין דעם דארף אריין אויף איין הארבעריג · האט מען זייא דארט גגרייט צוא דעם טיש מיט אלע מיני מאכלים זאגט רבי חייא דר טיש איז בוודאי בדמות עליון של עולם הבא דרום דארף מען אים קריינען מיט דברי תורה הייבט אן רבי יוסי צו זאגן עס שטייט ואכלת ושבעת וברכת וגו' על הארץ הטובה אשר נתן לך פון דעם פסוק איז דאך משמע אז נאר אין ארץ ישראל דארף מען בענטשן נאך דעם עסן אבער אין חוץ לארץ איז מען פטור פון צוא בענטשן נאר דער פשט איז אזו בשעת אז הקב"ה האט דיא וועלט בשאפן האט ער זיא צוא טיילט אויף איין זייט ישוב אונ אויף דער אנדערער זייט מדבר אונ דעם ישוב אליין האט ער אויך גטיילט אונ האט אים גמאכט רינגלען ארום דער נקודה האמצעי דאס איז ארץ ישראל וואש זיא איז אין מיטן ישוב פון דער וועלט אונ דער מיטן ארץ ישראל איז ירושלים אונ דר מיטן ירושלים איז דאס בית קדשי הקדשים אונ דורך דעם ארט נידערן אראפ מלמעלה אלע טובות אונ אלע פרנסות ושפע פון דעם גאנצן ישוב · דיא מדבר האט ער אויך גטיילט אונ האט ניט גפונען קיין גרעשער וויסטינעש וויא דאס חלק מדבר וואס דיא ישראל זיינען דארט דורך גגאנגען אזו וויא עס שטייט המוליכך במדבר הגדול והנורא אין דר מדבר האבן די קליפות איין שליטה וואס זייא הייסן נחש שרף ועקרב וצמאון דיא ישראל האבן גמוזט דארט דורך גיין פערציג יאר כדי זייא זאלן צוא ברעכן דעם כח פון דיא קליפות · אונ וואלטן דיא ישראל געווען צדיקים אין דער גאנצער צייט וואס זייא זיינען גגאנגען אין דער מדבר וואלט געווען צוא בראכן געווארן דער גאנצער כח פון די קליפות אונ וואלטן זייא מעביר געווען נאר ווייל זייא האבן גזינדיגט האט זיך גשטארקט דיא צד הקליפות אונ די ישראל זיינען בעולם הזה געפאלן אונטער זייער רשות אויב דוא וועשט פרעגן משה רבינו איז דאך געווען גרעשער פון דער גאנצער וועלט פאר וואס איז ער אויך געפאלן אין דער מדבר · נאר דער אמת איז אז משה רבינו איז חס ושלום ניט געווען אונטער דעם רשות פון דער מדבר · ער ליגט נאר אויף דעם הר העברים איז טייטש לשון קריג דיא מושלים עליונים האבן זיך איבר אים גקריגט אונ דר בארג איז ניט איבר געענטפערט געווארן אין זייערע הענט ביז משה רבינו איז גקומען האט אים הקב"ה איבר געענטפערט אין זיינע הענט וואס ער איז געווען מצד הקדושה האט ער אויף אים שולט געווען אונ איז דארט בגראבן געווארן · אונ מיט זיין קבורה האט זיך קיינער ניט מתעסק געווען נאר הקב"ה כביכול אליין אזו שטייט ויקבור אותו בגי אונ שטייט ניט ווער עס האט אים דארט בגראבן דעשט גלייכן שטייט ויקרא אל משה שטייט אויך ניט ווער עס האט אים גרופן נאר אזו וויא דארט איז דאך ידוע צו דיא חכמים ווער עס האט אים גרופן אזו דא אויך ביי דער קבורה פון משה האט זיך נאר הקב"ה כביכול בעצמו מיט אים עוסק געווען דרום האט קיינער קיין שליטה ניט גהאט אין דעם בארג נאר משה רבינו אליין וואס ער ליגט דארט אונ דרום איז דארט געווען זיין קבורה כדי דיא וועלט זאל ווישן אז דיא

מתי מדבר וועלן איף שטיין תחית המתים ווארום דורך אים וועלן זייא אלע זיין אין התעוררות פון עולם הבא · אויב דוא ווערסט פרעגן אז אין דער מדבר איז אזו איין גרוישע טומאה פר וואס האט הקב"ה גהייסן דעם שעיר המשתלח שיקן צו דעם בארג וואש היישט עזאזל ווארום האט ער אים נים גהייסן אוועק שיקן אין דיא בערג פון דער מדבר נאר ווייל דיא ישראל זיינען דארט גוועזן פערציג יאר איז צוא בראכן גווארן דער כח פון דר טומאה פון דארט אונ איז נדחה גווארן עס זאל גשטארקט ווערן איר כח איף אזו איין ארט וואס קיין שום מענטש איז דארט קיין מאל נים גוועזן אונ דער בארג עזאזל איז איין הויכער בארג אונ אונטער דיא טיפניש פון דיא בערג וואש קיין שום מענטש איז דארט נאך נים גיוועזן אונ אויף אזו איין ארט האט ער מער שליטה צוא עסן זיין שפייז וואש מען האט אים דארט גיבראכט דאש דר מיט האט ער שוין נים גיקאנט מקטרג זיין אויף זייא אבר אין דעם ישוב דארטין וואו מענטשין וואונען ווערט דיא גאנצע וועלט גשפייזט אונ גבענטשט נאר פון דער מיטלשטער נקודה דאס היישט קודש קדשים פון דעם בית המקדש · חאטשע היינט איז דאך דער בית המקדש חרוב דאך האט זיך זיין זכות נים אויס גלאזט אונ פון דארט ווערט דיא ישראל גישפייזט דרום חאטשע דיא ישראל זיינען אין חוץ לארץ פון דעסט וועגן איז זייער שפייז נאר בזכות ארץ ישראל אונ דרום שטייט על הארץ הטובה אשר נתן לך דאש מיינט מען דיא טובה קומט פון דארט ארויש ווער עש זיצט בייא זיין טיש אונ איז זיך מתענג בתענוגים גיהער ער צו גידיינקן אונ זיך צוא זארגן אויף דער קדושה פון דעם ארץ הקדושה אונ אויף דעם היכל המלך וואש עש איז אצונד בעונותינו הרבים חרוב גיווארן אונ בשעת ער מאכט איין שמחה אונ דער מאנט זיך אונ איז טרויערג אויף חורבן בית המקדש איז דאס אן גנומען פאר הקב"ה אונ עס ווערט אים גרעכינט גלייך וויא ער האט אן גבריים אונ האט גבוים דאס בית המקדש מיט אלע חורבות פון דעם בהמ"ק וואול איז צו זיין חלק:

רבי חייא מיט רבי אבא זיינן גוועזן אויף איין הארבריג אז עס איז גקומן האלבע נאכט זיינען זייא אויף גשטאנען לערנען תורה איז דעם בעל הבית טאכטער אויך אויף גשטאנען אונ האט זיי אן גצונדן איין ליכט אונ האט זיך גשטעלט הינטר זייא צוא הערן דברי תורה הייבט רבי אבא אן צו זאגן עס שטייט כי נר מצוה ותורה אור · נר מצוה מיינט מען ווער עס איז עוסק אונ טוט מצות התורה אויף דער וועלט אזו גיט מען אים פאר איטליכער מצוה איין ליכט לעולם הבא ותורה אור מיינט מען נאר ווער עס לערינט דיא תורה אליין איז ער זוכה צוא דעם אור וואס דיא ליכט ווערט פון אים אן גיצונדן דען דאס ליכט אן דעם אור איז גאר נים ווערט איף קען נים זיין קיין ליכט אן איין אור איינש דארף האבן צוא דעם אנדרין דרום דארף מען מתקן זיין במעשה דאש נר מען זאל עוסק זיין בתורה צוא דר לייכטין דאס אור אויף דעם ליכט · וואול צו דעם מענטשין וואס ער איז עוסק בתורה ובמצות צו באהעפטן אור ונר ווייטער שטייט ודרך חיים תוכחת מוסר דען מיט וואס דער מענטש איז אויף זיך מקבל אז צוא קערין פון דעם שלעכטין וועג צו גיין בדרך הטוב דאש ברענגט אים לעולם הבא ודרך חיים דעם וואס שטראפט זיין חבר ער זאל גיין אין דעם וועג פון הקדוש ברוך הוא איז צוא אים איין דרך חיים לעולם הבא דבר אחר נאך איין פשט איז כי נר מצוה נר מצוה מיינט מען די תורה שבעל פה וואס מען דארף זיא תמיד מתקן זיין זיא זאל ווערן דער לייכט מיט דער תורה שבכתב דען דיא תורה שבעל פה האט נים קיין אנדערער תיקון אונ קיין אור נאר דורך דער תורה שבכתב אזו . וויא דיא לבנה האט נים מער קיין ליכט נאר וואס זיא איז מקבל פון דער זון · דער ווייל האט רבי אבא אכטונג געגבין הינטער זיך האט ער דער זעהן וויא דעם בעל הבית טאכטער שטייט הינטר אים זאגט ער נר מצוה מיינט מען דיא מצוה וואס דיא ווייבר האבן אין דעם זוכה גוועזן דאס זיינען דיא ליכט פון שבת חאטשע די ווייבר זיינען נים זוכה צוא דר תורה זיינן דאך זייערע מאנען זוכה לתורה אונ דר לייכטן דאס ליכט פון זייערע נשים וואס זייא זיינען מתקן דיא מצוה פון דעם נר אונ די מאנזבילן דער לייכטן דאס ליכט מיט זייער אור פון דר תורה וויא דיא אשה האט דאס דער הערט האט זיא אן גיהויבן צוא וויינען דער ווייל איז איר פאטער דער בעל הבית אויף גשטאנען אונ גייט צוא זייא דער זעהט ער וויא זיין טאכטער שטייט אונ וויינט פרעגט ער זיא וואס וויינשטו דער ציילט אים רבי אבא דיא גאנצע מעשה אזו האט דער פאטער אויך אן גהויבן צוא וויינען זאגט רבי אבא עש ווייזט אויס דיין איידים איר מאן איז נים קיין למדן ער האט נים זוכה גוועזן צוא דער תורה זאגט דער בעל הבית צוא זייא בוודאי איז אזו אונ אויף דעם ווין איך מיט מיין טאכטער תמיד נאר וויא קומט דאס ער זאל זיין מיין איידים · ווייל איך האב אים איין מאל גיזעהען וויא ער איז ארויס גשפרונגין פון דעם בודים ער זאל הערין קדושה מיט דעם קהל דרום איז מיר גפעלין אים צוא געבין מיין טאכטער איך האב מיך פון דעם משער גיוועזן אז ער גיהער זיין איין אדם גדול בתורה חאטשע ער איז נאך איין יונגער מאן אונ איך האב אים פריער נים גיקענט אונ אצונד זעה איך אז ער קען אפילו נים בענטשין קיין ברכת המזון זאגט רבי אבא צו דעם בעל הבית פאר בייט אים אויף איין אנדרין לאז ער איר גט געבין אונ איר גיב איין אנדער מאן איין למדן אדער אפשר וועט ער מיט איר האבין איין קינד וואש ער וועט זיין איין תלמיד חכם דער ווייל האט זיך איר מאן אויף גחאפט אונ שפרינגט ארייין צווישן זייא אונ האט זיך אנידער גיזעצט האט רבי אבא אויף אים אכטונג גיגעבין אונ זאגט איך זעה אז פון אים אדער פון זיין קינד וועט ארויש גיין איין אור תורה האט דער יונג אן גהויבן צוא לאכין אונ זאגט רבותי איך וועל פאר איך זאגין איין זאך פון דער תורה הייבט ער אן צוא זאגין עש שטייט צעיר אני לימים ואתם ישישים על כן זחלתי ואירא מחות דעי אתכם אין דעם פסוק האבין זיך דער וועקט דיא עמודי עולם אבער מיר דארפן דאך פאר שטיין דען אליהוא בן ברכאל הבוזי איז דאך גוועזן ממשפחת רם אונזרע חכמים זאגין ער איז גוועזן מזרע אברהם אונ עש איז רעכט אזו אבער ער איז גוועזן איין כהן ממשפחת יחזקאל בן בוזי הכהן ווארום דא שטייט אליהוא בן ברכאל הבוזי אונ דארט שטייט יחזקאל בן בוזי הכהן אויב דוא ווערשט זאגין ממשפחת הבוזי איז טייטש איין מבוזה משפחה דרום שטייט ממשפחת רם ער איז גוועזן פון אהויכער משפחה פון אלע פאר וואש האט ער גיהייסן הבוזי ווייל ער האט זיך מבזה גיוועזן פר דעם וואס איז בעסער פון אים דרום הייסט ער בשם אדם דאס ער איז מושל אויף אלע דאס קיין אנדער מענטש ווערט אזו נים גירופין צעיר אני לימים עס וואלט באדארפט שטיין ימים נאר אזו מיינט ער צעיר אני איך האב מיך קליין גימאכט לימים פאר אזעלכין וואס ער איז עלטער פון מיר איך האב מיך גיטראכט ימים ידברו ורוב שנים יודיעו חכמה דיא

אלטע לייט זאלין ריידין אונ מודיע זיין חכמה אונ ווייל איך בין יונג
בדארף איך שווייגין אונ ניט ריידין קיין חכמה אין דער תורה על כן
זחלתי ואירא מחות דעי אתכם איך האב מיך גיפארכטין צו ווייזין מיין דעה
אכן רוח הוא באנוש ונשמת שדי תבינם דען ווייל איך בין יונג האב איך גוואלט
שווייגין ביז היינט אונ היינט איז שוין אויש גיגאנגען צוויא חדשים
אז איך בין דא דרום וועל איך שוין אן הייבין בתורה פתח ער הייבט
אן כי נר מצוה ותורה אור אונ זאגט דרויף גרוישע סודות אונ הייבט אן
צו לאכין אונ זאגט רזין עליונים אונ זאגט ביז אהער איז מתוקן
גיווארין דער אור מיט נר אין איינעם אונ אצונד רבותי איך בין פון
בבל איך בין דער זון פון רבי ספרא אונ איך האב ניט זוכה גיוועזן
אים צו דער קענען אונ בין אזו פאר טריבין גיווארין ביז אהער
אזו האב איך מיך גיפארכטין ווייל דיא מענטשין פון דאנען זיינען
לייבין אין דער תורה האב איך אויף מיר גינומען אז איך זאל ניט
ריידין קיין דברי תורה פאר קיין מענטשין ביז צוויא חדשים אונ
היינט זיינען זייא שוין אויש גיגאנגען וואל צו מיין חלק וואס איך
האב מיך היינט צו אייך מחבר גוועזן הייבט רבי יוסי אויף זיין קול
אונ וויינט זייא שטייען אלע אויף אונ קושין אים אויף זיין קאפ זאגט
רבי יוסי וואל צו אונזער חלק וואס מיר האבין זוכה גיוועזן דאס צו
הערין ער זאגט רבותי איך האב גיזעהען דעם צער פון מיין שווער
מיט זיין טאכטער דען זיי האבין זיך מצער גיוועזן וואס איך קען ניט
קיין ברכת המזון האב איך גיזאגט איידער איך וועל קענען ברכת
המזון וועל איך מיך ניט מחבר זיין מיט מיין ווייב חאטשע איך וואלט
דאס גיקענט טאן אן איין חטא. האב איך אבער ניט גיוואלט עובר
זיין אויף זייער דעה ווייל איך האב קיין דברי תורה ניט גיטארט
ריידין דיא צוויא חדשים זייא זיינען זיך זייער משמח רבי יוסי ורבי
חייא ורבי אבא אונ דער שווער מיט זיין טאכטער אונ זייא וויינען פר
גרויש שמחה זאגט רבי יוסי צו אים ווייל דוא האסט אן גיהויבין
דער לייכט אונז דעם טאג וואל צו אונזער חלק אין דעם וועג פתח
ער הייבט בברכת המזון איין פסוק זאגט ואכלת לפני ה׳ אלהיך אונ
איין פסוק זאגט ושמחת לפני ה׳ אלהיך דיא פסוקים זיינען רעכט ווען דיא
ישראל זיינען גיוועזן לפני ה׳ אבער היינט וואו איז דאס מקום צו
עסין לפני ה׳ אונ זיך פרייען פר גאט אלא עס איז אזו בתחלה אז דר
מענטש זעצט זיך עסין אזו מאכט ער ברכת המוציא איבער דעם
ברויט אונ זאגט המוציא מיט איין ה׳ דאס איז די שכינה אז דר מענטש
מאכט די ברכה קומט די שכינה פר אים אונ דאס וואס שטייט ואכלת
לפני ה׳ אלהיך מיינט מען ער זאל זאגין בייא דער טיש דברי תורה
ווייל הקב״ה קומט פאר אים דרום שטייט זה השלחן אשר לפני ה׳ אונ
דארטין זאגט ער ואכלת לפני ה׳ אלהיך מיט דער תורה איז ער מייחד יחוד
קודשא בריך הוא ושכינתיה דרום שטייט לפני ה׳ אונ ווייל דער מענטש
שטייט פאר זיין הערין אזו מוז ער געבין דעם ארימאן אונ אז ער
גיט אים צו עסין איז גלייך וויא ער עסט פאר דעם מלך הקדוש אונ
דער וואס עסט פר דעם מלך הקדוש באדארף ניט זיין קיין כלעו דאש
הייסט איין פרעסר אזו וויא עס שטייט בייא עשו הלעיטני נא אזו גיהער
צו זיין אזו וויא עס שטייט ובטן רשעים תחסר דרום שטייט ואכלת לפני ה׳
אלהיך דוא זאלסט עסין פאר הקב״ה ניט פאר דעם צד הטומאה אויך
באדארף מען נזהר זיין פון דברים בטלים בייא דעם טיש אונ ער מוז
עוסק בדברי תורה זיין אונ דורך דר תורה גיט ער איין כח כביכול צו

זיי הערין ושמחת לפני ה׳ אלהיך דאש איז דער כוס של ברכה ווען דער
מענטש בענטשט אויף דעם כוס של ברכה בדארף ער זיך פרייען
אונ מוז ווייזין שמחה וטוב לב אונ ניט קיין טרויערקייט אז ער נעמט
דעם כוס של ברכה צו בענטשין שטייט בייא אים הקב״ה אזו גהער
זיך דער מענטש מתעטף זיין זיין קאפ בשמחה פאר הקב״ה אונ צו
בענטשין איבער דעם כוס מיט דרייא מענטשין אונ צו זאגין נברך
שאכלנו משלו ובטובו חיינו אונ זאל ניט זאגין ובטובו דער נאך זאל ער זאגין
הזן את העולם כולו בטובו וגו׳ אונ ער שפייזט צדיקים אונ רשעים מצד החסד
דרום זאגט ער הזן את הכל אונ ווייל דאש איז אלץ מצד הימין דרום
טאר מען ניט אן רירין מיט דר לינקער האנט אין דעם כוס צו העלפן
אים ארויף נעמען אויף דער רעכטער האנט אונ בייא ברכת הארץ
מוז ער זאגין ברית ותורה על בריתך שחתמת בבשרנו ועל תורתך שלמדתנו דרום
זיינען דיא ווייבער פטור פון ברכת המזון ווייל זייא האבין ניט קיין
ברית ותורה אונ ווער עס בענטשט נעמט ער דיא ברכה פאר אלע
אונ ווערט גיבענטשט אין דעם כלל פון ברכת המזון אונ ער האט
אריכות ימים אונ ווער עס נעמט איין כוס ברכת המזון אונ בענטשט
אויף אים שטייט כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא ער ווערט גיבענטשט פון
דעם יד ימין וואס ער הייסט ישועות הושיעה ימינך ועני ער ווערט
גיהאלפין פון אלע מקטריגים פון דר וועלט דער ווייל איז גיווארין
טאג שטייען זייא אלע אויף אונ בענטשין אים זאגט רבי יוסי בוודאי
איז היינט ערשט דר חתונה טאג מיר וועלין ניט אוועק גיין פון דאנען
ביז ער וועט ערשט איין רעכטע חתונה מאכין אויף דער גאנצער
שטאט דיא חתונה וואס הקב״ה באגערט זייא בענטשין זיין ווייב מיט
כמה ברכות אונ דער פאטער האט גירופין אלע שטאט לייט צוא זיך
אויף דער שמחה אונ זייא האבין גירופין דיא חתן וכלה אונ האבין
זיך מיט זייא גיפרייט אגאנצין טאג אונ ער איז זיך משמח מיט זייא
בדברי תורה ער הייבט אן ועשית את הקרשים למשכן עצי שטים עומדים ער
זאגט דרויף גרוישע סודות אונ דעם סוד פון שבע ברכות וואס
מען מאכט בייא איין חתן וכלה וואל צוא דיא צדיקים וואס זיי זיינען
אין אלע זאכין איין דוגמא וואס עס איז למעלה זייא זיינען זיך משמח
אגאנצין טאג בדברי תורה אונ דיא גאנצע שטאט האבין אים גימאכט
פאר איין ראש איבער זייא דעם אנדערין טאג שטייען אויף רבי יוסי
ורבי חייא ורבי אבא אונ בענטשין זייא אונ זיינען אוועק גיגאנגען
זייער וועג אז זייא זיינען גיקומען פאר רבי שמעון הייבט ער אויף
זיינע אויגין אונ טוט אויף זייא איין קוק זאגט ער איך זעה אויף אייך
אז איר זייט גיוועזן צוויא טאג מיט איין נאכט אין דעם משכן פון איין
נער אונ דר נער האט אייך גילערינט רזין עליונים אין דר תורה וואול
צו אייער חלק מיינע קינדר זיי דר ציילן אים די גאנצע מעשה זאגט ער
וואול צו אייער חלק אונ צו מיין חלק דען איך גדיינק אז אמאל איז מיט
מיר גגאנגען אין וועג רבי ספרא זיין פאטר האב איך אים גבענטשט אז
ער זאל האבן איין זון אז ער זאל זיין איין לייב אין דר תורה נאר איך
האב אים ניט גבענטשט אז ער זאל זוכה זיין פר זיין לעבין וואול צוא
אייער חלק וכל בניך למודי ה׳ ידבר אחר וכל בניך למודי ה׳ זיינען דען אלע קינדר
פון ישראל גילערינט פון הקב״ה דיא תורה יוא עש איז אזו דען בשעת
דיא קינדער מיען זיך אין דער תורה אזו קומט דיא שכינה אונ
גיט צוא זייא כח צוא לערנען אין דער תורה דען וואלט ניט גיוועזן די
סיוע פון הקב״ה וואלטין דיא קינדער עש ניט גיקענט סובל זיין הבי

שמעון

שמעון איז געווען שכיח אויף דעם טויער פון לוד אונ רבי חייא איז אויך געזעסן מיט אים בנגינט זייא איין קינד זאגט דאש קינד דען היינטיגן טאג הייבט זיך אן דאש התעוררות זאגט רבי חייא פון וואנען ווייסט דאש קינד זאגט רבי שמעון עש קומט צוא צייטן איין נבואה צוא איין קינד וואש עש ווערט ניט אנפעלקט צוא קיין נביא זאגט דאש קינד איז דען איין תמיה אז א קינד זאל נביאות זאגן עש איז דאך איין פסוק וכל בניך למודי ה' אונ דיא נבואה הייסט למודי ה' דרום איז דיא נבואה ביא דיא קינדער דאש ביא זייא שטייט וכל בניך למודי ה' דרום קומט פון זייא דיא נבואה קומט רבי שמעון אונ קושט אים. אונ זאגט איך האב נאך אין פיינע טעג דאש ניט געהערט ראו כי ה' נתן לכם השבת וגו' זאגט רבי יהודה אלע זעקס טעג ווערין געבענטשט פון דעם זיבטן טאג אונ איטליכער טאג גיט ברכות וואש ער האט מקבל געוועזן דרום זאגט משה ביא דעם מן איש אל יותר ממנו עד בוקר כדי ער זאל ניט געבן אונ מוסיף זיין פון איין טאג אויף דעם אנדרן טאג דען איטליכער טאג איז אליין שולט אין זיין טאג אונ ניט אין דעם אנדרין טאג אלע פינף טעג זיינען נאר שולט אויף דעם וואש זייא האבין מקבל געוועזן איטליכער אין זיין טאג אונ דער זעקסטער טאג ווערט אין אים מער געפונען. דרום שטייט יום הששי מיט דעם ה"א וואס עס שטייט ניט ביא אלע טעג צוא ווייזן אז ער איז גרעסער פון אלע פינף טעג דען אין דעם זעקסטין טאג גרייט ער אן איין טיש לשם יחוד וגו' אויף שבת דרום איז אין דעם זעקסטין טאג צווייא חלקים מען זאל קלייבן דעם מן אויף שבת אויך דרום זאל מען פרייטיג פר נאכט גרייטן צו דעם טיש כדי עס זאל אויף אים שורה זיין די ברכה און קיין ברכה איז ניט שורה אויף איין ליידיג ארט. ראו כי ה' נתן לכם השבת שבת איז דיא מיטש עס איז אזו איין טאג וואס אין אים רוען אלע זעקס טעג רבי יצחק זאגט עס שטייט ויברך אלהים את יום השביעי אויך ביא דעם מן שטייט ששת ימים תלקטוהו וביום השביעי שבת לא יהיה בו איז דאך קשה ווען עס געפינט זיך ניט קיין מן אום שבת וואס הייסט דאס פאר איין ברכה נאר מיר האבין אזו געלערנט אלע ברכות של מעלה ושל מטה הייגנען אלע אין דעם זיבעטן טאג דרום איז קיין מן ניט געגאנגען אום שבת דען פון דעם טאג ווערן געבענטשט אלע זעקס טעג אונ איטליכער טאג גיט זיין שפייז למטה איטליכער אין זיין טאג אליין פון דער ברכה וואס זייא ווערין געבענטשט פון שבת דרום ווער עס איז אין דער מדריגה פון אמונה דארף ער אן ריכטן דעם טיש פרייטיג צוא נאכט כדי אלע זעקס טעג זאל זיין טיש געבענטשט ווערין ווארום בליל שבת קומט דיא ברכה וואס פון איר ווערין געבענטשט אלע זעקס טעג פון דער וואך אונ דיא ברכה קען ניט רוען אויף איין ליידיגן טיש דרום געהער מען גרייטן דעם טיש בליל שבת מיט לחם ומזון זאגט רבי יצחק אפילו שבת אין דר פרי געהער מען אויך גרייטן דעם טיש מיט די אלע זאכן רבי יהודה זאגט מען דארף זיך מענג זיין אין דעם טאג מען זאל עסן דרייא סעודות כדי עס זאל געפונען ווערין זעטיקייט אויף דער וועלט אונ ווער עס מינערט איין סעודה פון דיא דרייא סעודות ווייזט ער דער מיט אז עס איז חלילה איין פגם למעלה אונ זיין עונש איז פאר דעם גאנץ גרויש דרום דארף מען גרייטן דעם טיש דריי מאל כדי דער טיש זאל ניט זיין ליידיג אונ דיא ברכה זאל אויף אים רוען צוא אלע זעקס טעג ווארום אין דער זאך הייגנט אן דיא גאנצע אמונה של מעלה זאגט רבי שמעון ווער עש איז משלים דיא דרייא סעודות

אום שבת אזו גייט ארויש איין קול אונ רופט אויש אויף אים דעם פסוק אז תתענג על ה' דאס איז דיא ערשטע ברכה והרכבתיך על במתי ארץ דאש איז דיא אנדרע ברכה והאכלתיך נחלת יעקב אביך דאש איז די דריטע ברכה אונ מען דארף זיך מתענג זיין אונ משמח זיין אין דיא אלע דרייא סעודות דען דאש איז די גאנצע שלימות היחוד והאמונה דרום איז שבת גרעשער פון אלע חגים וזמנים אונ דרום וייל עש ווערט אלץ געפונען אום שבת דרום שטייט אין ויכולו דרייא מאל יום השביעי· ויכל אלהים ביום השביעי· וישבות ביום השביעי· ויברך אלהים את יום השביעי קום אונ זעה מיט דיא דרייא סעודות פון שבת ווערין דיא ישראל דער קענט אז זיי זיינען בני האמונה אונ ווער עש מינערט איין סעודה פון די דרייא סעודות דער ווייזט חלילה איין חסרון למעלה אונ ווייזט אז ער איז ניט מבני היכלי של מלך אונ מען שטראפט אים מיט דר חומרא פון דרייא מיני דיני גיהנם· קום אונ זעה אז עש קומען אנדרע ימים טובים טאר זיך דער מענטש אליין ניט פרייען נאר ער זאל דיא ארימע לייט אויך דער פרייען מיט עסן אונ טרינקען אונ אז ער איז זיך אליין משמח אונ דעם עני האט ער ניט משמח געוועזן איז זייער גרויש זיין עונש אונ אויף אים שטייט דר פסוק וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם אבער ביא דער שמחה פון שבת האטשע ער האט זיך אליין משמח געוועזן אונ ניט צו קיין אנדרין איז זיין עונש ניט זייער גרויש אזו וויא ביי אלע ימים טובים דרום שטייט וזריתי פרש חגיכם אונ עס שטייט ניט פרש שבתכם אויך שטייט חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי אבער דער נאמען פון שבת שטייט ניט דר מאנט אין פסוק אונ דרום שטייט ביא שבת ביני ובין בני ישראל דרום וייל דיא גאנצע אמונה געפונט זיך נאר אום שבת אונ דרום אז עש קומט דער טאג פון שבת באקומט דער מענטש איין נשמה יתירה דאס הייסט איין נשמה עליונה וואס אין איר זיינען אלע שלימות אונ דיא ליכט פון עולם הבא דרום הייסט דער טאג שבת דען אין אים איז דער נאמען פון הקב"ה וואס ער איז דער נשלם מכל צד· זאגט רבי יוסי בוודאי איז אזו וויא צוא דעם מענטשן וואס ער איז ניט משלים די שמחה פון דעם מלך הקדוש אונ וואס איז זיין שמחה אין די דרייא סעודות פון דער אמונה דאס דיא סעודות פון אברהם יצחק יעקב זיינן נכלל דרינען אין דעם טאג ווערן דיא אבות גקריינט וואס דאס גלייכן איז ניט פאר האנדן אין אנדערע ימים טובים אין דעם טאג האבן דיא רשעים מנוחה פון דעם גיהנם אין דעם טאג זיינען אלע דינים אונטער טעניג אונ קענן זיך ניט דר וועקן אין דעם טאג ווערט די תורה גקריינט מיט עטרות שלימות עס ווערט געהערט איין שמחה אין צווייא הונדרט אונ פופציג וועלטין· קום אונ זעה אלע זעקס טעג פון דער וואך אז עס קומט דיא צייט פון מנחה דאוונען האט דער שטארקער דין איין שליטה אונ אלע דינים דער וועקן זיך· אונ אז עס קומט שבת פאר נאכט די צייט פון מנחה ווערט געפונען איין רצון פון אלע רצונות אונ הקב"ה אנטפלעקט זיין רצון דרום ווערין אלע דינים אונטער טעניג אזו ווערט געפונען איין רצון מיט איין חדוה ושמחה אין אלע עולמות אונ משה רבינו דער נביא נאמן הקודש איז נסתלק געווארין פון דער וועלט אין דער צייט פון דעם רצון צוא ווייזן אז ער איז ניט בדין אפ גטאן געווארין· אונ זיין נשמה איז אים אויש גאנגען אין דעם רצון פון הקב"ה אונ איז אין אים פאר בארגן געווארין דרום שטייט ולא ידע איש את קבורתו אזו וויא דער רצון פון הקדוש ברוך הוא איז פאר בארגן פון אלע פאר בארגנעש אונ דיא עליונים ותחתונים ווייסן איב

גיט וואו ער איז אזו אויך דיא נשמה פון משה איז פאר בארגן גוואהרין אין דער צייט פון דעם רצון וואש ער ווערט אנטפלעקט בשעת עס קומט דיא צייט פון מנחה של שבת · אונ דאס מיינט אויך דער פסוק ולא ידע איש את קבורתו ער איז פאר בארגן מכל טמירי דעלמא פון אלע פאר בארגעניש פון דער וועלט אונ קיין דין איז אין אים ניט שולט וואול איז דער חלק פון משה רבינו עליו השלום :

תנא מיר האבן גלערינט אז עס קומט דער טאג פון שבת ווערט דיא תורה גקריינט מיט אלערלייא מצות אונ מיט אלע גזירות ועונשין מיט דיא זיבעציג פנים של אור וואש זייא לייכטין אין דער תורה פון אלע זייטין אונ דיא שערים ווערין געפינט פון אלע זייטין · אונ אלע ווערין דער לויכטן פון דעם אויבערשטין אור וואש עש קומט אויף דעם עדן העליון וואש לאזט זיך ניט אויש אונ איין כרוז רופט אויש אונ זאגט וואכט אייך אויף איר קדושים עליונים וואכט אייך אויף איר ישראל טוט אייך דער וועקין איין שמחה אנטקעגין אייער האר דער וועקט אייך מיט איין גאנצער שמחה זייט אן גיברייט מיט דרייא שמחות מיט דיא דרייא אבות ברייט אייך אן אנטקעגן דער אמונה פון דער שמחה וואש זיא איז גרעשער פון אלע שמחות וואול איז דר חלק פון דיא ישראל בעולם הזה ובעולם הבא אויף דעם שטייט כי אות הוא ביני ובין בני ישראל דאש איז איין צייכין צווישן מיר אונ צווישין אייך ישראל · מיר האבין גילערינט אז אין דעם טאג זיינען זיך אלע נשמות הצדיקים מתענג בתענוגים פון דעם גרוישן פאר הוילעגע ליכט פון אויבן אונ איין ריח עליון פאר שפרייט זיך אין אלע וועלטין אונ צוא דיא אלע וואש היטן די מצות התורה אונ רוען בשבת מיט ארעכטער מנוחה אונ עש ווערט פאר געסין פון אלע דיא שווערע דינים אונ דיא שווערע ארבייט אזו וויא עש שטייט ביום הניח ה' לך מעצבך ומרגזך ומן העבודה הקשה דרום איז שבת גלייך אין איין וואג אנטקעגין דער תורה אונ ווער עס היט רעכט שבת איז גלייך וויא ער וואלט גהיט דיא גאנצע תורה אויך שטייט שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע דער וואס היט רעכט שבת איז גלייך וויא ער וואלט גהיט דיא גאנצע תורה ער האט ניט גטאן קיין שום שלעכץ · רבי יהודה איז אמאל גוועזן מיט רבי שמעון אין וועג האט ער אים גפרעגט וואס מיינט דער פסוק וואס עס שטייט כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי וגו' ונתתי להם בביתי ובחומותי יד וגו' זאגט רבי שמעון צו אים דוא רייטשט אויף דעם אייזיל אונ ווילסט הערן דברי תורה בינד פריער אן דיין אייזיל אונ גייא אראפ צוא הערן דברי תורה כדי דוא זאלסט רעכט קענען פאר שטיין אונ מכוין זיין וואס איך וועל דיר זאגן זאגט רבי יהודה צוא אים איך בין פון דיינט וועגן גקומן אהער אונ מיט דיר וועלן מיר זוכה זיין צוא זעהן פני השכינה דרום זאג מיר דברי תורה זאגט רבי שמעון דיא רבנן האבן דאס ניט רעכט מפורש גוועזן אונ איך וועל דיר זאגן דעם פסוק כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי גייט אויף דיא תלמידי חכמים וואס זייא האלטין זיך אויף אגאנצע וואך זיי זאלן זיך ניט מזווג זיין מיט קיין אשה נייערט פון איין שבת צוא דעם אנדערן דרום ציהן זייא אראפ הייליגע נשמות צוא זייערע קינדער מיחוד קדושה עליונה וויל אין דער צייט איז דער רעכטער יחוד אונ ווען דער דין איז שולט אויף דער וועלט אזו זעהט הקב"ה אין זייא אונ איז זיך מרחם אויף דער וועלט אויף דעם שטייט כולה זרע אמת דאס איז דער חותם הקודש השלם אזו וויא דער פסוק זאגט תתן אמת ליעקב אונ הקב"ה הייסט אמת אונ ער זאגט דרויף גרויסע סודות · אונ וויא רבי שמעון זאגט דאס צוא רבי יהודה אזו האט ער דרויף זייער גיוויינט אונ זאגט ווייא צוא דער וועלט וואס זייער דרך אונ זייערע מעשים איז אזו וויא דיא בהמות אונ ווייסן ניט אונ זיינען ניט משתדל אין דער תורה אונ אין דיא סודות עס איז בעסער אז זייא זאלן גאר ניט באשאפין ווערן ווייא צוא דער וועלט אז דער הער וועט שטארבן ווער וועט מגלה זיין סודות אונ ווער וועט אזו וויסין אונ מסתכל זיין אין דער תורה · זאגט רבי שמעון צוא אים דא שווער איך בייא דיין לעבן אז דיא גאנצע וועלט איז נישט נייערט דיא חכמים וואס זייא זיינען משתדל אין דער תורה אונ וויישין דיא סודות פון דער תורה עש איז בוודאי רעכט וואש דיא חכמים האבין גוזר גיוועזן אויף דיא עמי הארצים וואס זייא פאר דארבין זייער וועג אונ ווייסן ניט בין ימין לשמאל זיינען זייא אזו וויא דיא בהמות :

בזוהר חדש איז ער מאריך אין דיא סודות פון שבת איידער שבת קומט אן גייט ארויש איין קול שופר אויבן אונ דאס קול איז דער חלק פון דער קדושה דען דיא קדושה פון שבת איז ניט ביז דאס קול רופט אויש אז עס איז שבת אונ דער מלאך ווערט גיקריינט מיט חשובי קרוינן פון פיל אותות עליונים באותו שעה דער וועקן זיך צווייא רוחות הקדושים עליונים איינר מצד ימין איז מיכאל ומצד שמאל איז גבריאל אונ זייא זיינען שולט איבר ששים רבוא חיילות וואס זייא זיינען אן גבריט צוא איטליכן איינר מימין אונ איינר משמאל ווייטר שטייט גרויסע סודות וויא אזו דער טיש בדארף זיין שיין אן גריכט דער פון האבן הנאה די עליונים דרום גהער זיך דער מענטש משמח זיין אום שבת אונ רעכט אן ריכטן זיין טיש משמח צו זיין דיא עליונים ותחתונים אז דר מענטש קומט בליל שבת פון דר שול זיינן מיט אים צוויי מלאכים איינר מימין אונ איינר משמאל אונ דיא שכינה רוט איבר אלע אזו וויא איין מוטר איבר די קינדר באותו שעה ווערט מקוים יפול מצדך אלף ורבבה מימינך אליך לא יגש דאס איז אלץ ווען דער מענטש קומט אהיים בשמחה אונ איז מקבל דיא מלאכים בשמחה באותו שעה זאגט דיא שכינה דער איז איין ישראל אשר בך אתפאר מיט דיר טוא איך מיך בארימען אונ אויב ניט גייען דיא מלאכים מיט דער שכינה פון אים אוועק אונ דער יצר הרע קומט מיט זיינע חיילות אונ זיינען זיך מחבר מיט אים אונ זאגט דער איז מיינער אונ פון מיינע חיילות מיד תיכף רוט ער אויף אים אונ איז אים מטמא · אונ בייא איטליכן מאן אונ ווייב איז דער שם י"ה אונ זייער נאמען ער הייסט אי"ש אונ זיא הייסט אש"ה אזו גייט דער שם י"ה אוועק פון זייא בלייבט איבער א"ש א"ש אונ זייער מאכל איז טמא אויף אים איז גזאגט ואל תתאיו למטעמותיו מען זאל קיין הנאה ניט האבן פון דעם רע עין אונ אויף זיין טיש איז גזאגט גוואורן כי כל שולחנות מלאו קיא צואה זייער טיש איז פול מיט צואה דאס איז דער יצר הרע וואס ער איז טמא דרום ווער עס קומט זיך מטהר זיין העלפט מען אים וויל ער זיך מטמא זיין עפינט מען אים אלע טומאות · קום אונ זעה עס גייען מיט דעם מענטשן מלאכים קדושים אונ מלאכים טמאים וואו ער גייט זיינען זייא מיט אים איז ער פרום זיינען מיט אים דיא מלאכים קדושים אונ היטן אים אזו וויא דער פסוק זאגט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך אונ אויב ניט טוען זייא זיך אפ פון אים אונ דיא מלאכים טמאים פירן אים אין גיהנם אונ באותו שעה אז ער רופט צוא הקב"ה ענטפערט מען אים ניט אונ עס איז אויף אים שולט חלאים רעים אונ דר רוח הטומאה

אונ

אונ זיין [?] איז פאר אים ווירדיקט · רבי יוסי הייבט אן ויאכל בועז וישת וייטב לבו וואס מיינט מען וייטב לבו ער האט געבענטשט אויף זיין עסין דען דער וואס בענטשט אויף זיין עסין איז ער מטיב מיט זיין הארץ דאס אויף אים איז גזאגט לך אכול לבי אונ עס שטייט צור לבבי וחלקי דאס הארץ קריגט ברכות למעלה דורך דעם ברכת המזון אונ דאס ברכת המזון איז גוואר פאר הקב"ה ווייל עס איז מברך צו הקב"ה אויף זיין וועטיקייט אזוי מוז ער מברך זיין זיין הארץ ברצון ובשמחה אונ טאר ניט זיין פרויעריג אונ אזוי וויא ער גיט די ברכה בשמחה ועין טוב אזוי גיט מען אים אויך בעין טוב דרום טאר ניט זיין קיין טרויעריקייט נייערט בשמחה ובדברי תורה אונ זאל טאן זיין הארץ מיט דעם ברכת המזון צוא געבן די ברכות וואס ער [?] דען דיא ארבע המרכבות וואס זייא זייגען שולחן [?] דורות די ווערן געשפייזט פון דעם ברכת המזון אונ ווערן גקרייגט אונ זיינען נהנה דער פון דרום שטייט טוב עין הוא יבורך דרום זאל ער בענטשין בשמחה דען פון דער ברכה ושמחה נתן מלחמו לדל ער איז מושך ברכות צוא אלע צדדים וואס ער באדארף · קום אונ זעה בועז איז גווען איין טוב עין אונ ניט קיין עזות מצח דרום שטייט ויבא לשכב בקצה הערמה דאס ווייזט אגרויסע זאך דאס דער וואס בענטשט ברכת המזון [?] ער צוא זיין בשמחה ובטוב לב אזוי אז ער גייט אוועק פון דער וועלט איז אים אן גברייט איין מקום חשוב למעלה בגן עדן אין די היכלות הקדושים דרום שטייט דא בקצה הערמה אונ דארטן שטייט בטנך ערמת חטים דאס ווייזט אויף די היכלות הקדושים וואס זיינן קודש קדשים דרום שטייט ווייל ער האט געבענטשט ויבא לשכב ווען זיין [?] דאס הייסט זיין פטירה איז אזוי קומט ער בקצה הערמה איז דער מענטש וואס היט די מצות פון זיין הערן אונ היט שבת דען עס איז ניט דא קיין שום מצוה אין דער תורה וואס עס זאל דרינגען ניט הייגען רזין וסודות עליונים אונ אורות עליונים אונ די מענטשן ווייסן גאר ניט אונ זיינען ניט משגיח אויף דעם כבוד פון זייער הערן זכאין זיינען דיא צדיקים וואס זיינען משתדל אין דער תורה [?] זיינען זייא בעולם הזה ובעולם הבא :

ותאמר ציון עזבני ה' [?] עולה וגו' רבי יצחק איז גיגאנגען אין וועג [?] צוא רבי חייא זאגט רבי חייא עס שטייט התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה וגו' וואס מיינט דער פסוק זאגט רבי יצחק קום אונ זעה אזוי האט רבי אלעזר גזאגט פון וועגן זיין פאטער רבי שמעון דיא ישראל זאגן פאר הקב"ה פון דעם טאג וואס מיר זיינן גפאלין אין גלות בבל אריין האט אונז הקב"ה פאר געסין דרום זאגט דער [?] ותאמר ציון עזבני ה' וה' שכחני זאגט דיא שכינה התשכח אשה עולה פאר געסט [?] אין איר קינד אונ דיא ישראל זיינען דאך [?] מיינע [?] וויא דער פסוק זאגט [?] אתם לה' אלהיכם ווער פאר געסט זיין זרע מרחם בן בטנה וועל איך דען [?] זיין זרע אמת פר געסין אזוי וויא דער פסוק זאגט ואנכי נטעתיך שורק כלה זרע אמת · גם אלה תשכחנה [?] איר וועט פר געסין דעם אלה דאס אין אלה תולדות השמים והארץ אבער ואנכי לא אשכחך וועל איך דיך פארט ניט פאר געסין פון דאנען לערנען מיר אז הקב"ה פאר געסט ניט אין דיא ישראל · ער האט נאך מער גזאגט התשכח אשה עולה הקב"ה זאגט אז דיא ישראל זיינען בגריפין אין זיין נאמען אונ אזוי וויא ער פאר געסט ניט אין זיין נאמען אזוי אויך פאר געסט ער ניט אין דיא ישראל אונ ער זאגט דרויף

אגרוישין סוד אזוי וועט רבי חייא דער ציטערט אונ זאגט וודאי איז אזוי גיבענטשט איז הקב"ה וואס איך האב דיך בגעגינט אונ הייש דיא זאך ווער עס האט דאש גיזאגט קום אונ זעה באותו יום אז איך האב דאס גיהערט בין איך גילאפין פיר מייל אונ איך האב ניט גיקענט גפינן ווער עס האט דאס גזאגט זאגט רבי יצחק דרום בין איך גגאנגען אין דר מערה וואש רבי אלעזר האט דארט גרוט אונ ער האט עש מיר גזאגט האט רבי חייא אויף אים גלייענט אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח:

# פרשת ראה

בנים אתם לה' אלהיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה וגו' אין פרשת לך לך איז ער מאריך דאש דיא נשמות הצדיקים זיינען די פירות פון הקב"ה אונ דרום הייסין זייא בנים צוא הקב"ה אונ דיא פירות בליען אויף דער וועלט זייא זיינען דער קיום פון דער וועלט אונ פון דער תורה אונ דרום גייען אלע נאכט אויף דיא נשמות הצדיקים אונ האלבע נאכט קומט הקב"ה מיט דיא נשמות הצדיקים אין גן עדן אונ איז זיך משתעשע מיט זייא אונ מיט דיא נשמות הצדיקים וואס זיינען שוין אויף יענער וועלט אונ דער עולם העליון מוז האבין דאש התעוררות פון דעם עולם אונ אז דיא נשמות הצדיקים גייען אויף פון דעם עולם אזוי זיינען זייא זיך מתלבש אין לבושי כבוד פון פיל אורות עליונים אונ הקב"ה איז זיך משתעשע מיט זייא אונ גלוסט צוא זייא ווייל זייא זיינען דיא פירות ומעשה ידיו אזוי וויא דער פסוק זאגט בנים אתם לה' אלהיכם רבי אלעזר זאגט הקב"ה האט זייא גירופין ישראל אחים ורעים וואס פאר איין ברכה האט ער זייא גיגעבן דאס זייא זאלין זיין אונטער זיין האנט אונ ער וועט זיין זייער שומר אונ דורפט זייא מיינע גיליבטע קינדער מער פון אלע עליונים אונ זאגט בנים אתם לה' אלהיכם ווייל דער שם הקודש ווערט נשלם אין זייער חותם אות ברית אז זייא זיינען זיך מל דען אין דער צורה פון דעם מענטשין זיינען נאר צוויי אותיות די שין מיט דער דלית אונ אז דער מענטש איז זיך מל ווערט אנטפלעקט דאס אות יו"ד אזוי ווערט נשלם דער שם שד"י דרום הייסין זייא בנים לה' קדושים אונ אז זייא זיינען [?] מטמא דעם הייליגן צייכן אונ זיינען אים מכניס ברשות אחר גייט אוועק דיא קדושה פון דעם חותם אונ עס איז גלייך ווי ער וואלט מחריב עולם גיוועזן דען ער איז מטמא דעם הייליגן צייכן וואס דער מיט ווערט גשלם דר שם הקודש די נשמות הצדיקים זיינען אין איין העכערער מדריגה פון אלע חיילות ומחנות של מעלה אויב דוא וועשט פרעגין נאך וואס קומען זייא אראפ אויף דר וועלט אונ ווערין אפ גיטאן פון זייער הויכע מדריגה עס איז איין משל צוא איין מלך וואס האט זיין זון אוועק גישיקט אין איין דארף אריין מען זאל אים דארט אויף ציהען אונ זאל דארט מגודל ווערין ביז ער וועט גרויס ווערין אונ וועט שוין זיך קענען לערנען דיא וועגין אונ נמוסי המלכות דער נאך וויא דער מלך האט גיהערט אז דער זון איז שוין גרויס גיווארין אונ דיא אהבה פון דעם מלך איז דאך זייער גרויס צו זיין זון אזוי האט ער נאך אים גישיקט זיין מוטער דיא מלכה זיא זאל אים אהיים ברייננגין האט זיא אים גיבראכט אונ דער מלך האט זיך מיט אים זייער גיפרייט אזוי אויך דיא נשמה פון דעם צדיק זיא קומט מיחוד קב"ה ושכינתיה שיקט ער דיא נשמה אין דעם דארף אריין דאש הייסט אויף דער וועלט זיא זאל דארט מגודל ווערין אונ זאלין לערנן

אויף

אויף דער וועלט דיא נמוסים פון דעם מלך עליון מיט אלע זיינע זאכן אונ אז דער מלך דער הערט אז דאס קינד איז שוין גרויש עס איז שוין צייט ער זאל קומען פאר דעם מלך עליון אין זיין היכל אריין אונ פאר גרויש ליבשאפט קומט די שכינה בעצמו נאך אים זיא זאל אים אהיים נעמן אונ ער שטארבט ניט ביז ער זעהט פריער דיא שכינה אונ זיא ברייננגט אים צוא דעם מלך עליון אונ זיצט שוין תמיד דארטין פון דעסט וועגין איז דער סדר פון דעם דארף אז דר בן המלך גייט ארוס פון דעם דארף שרייען זיא אונ וויינען וואס דער בן המלך שייד זיך אפ פון זייא אונ אז עס גיפינט זיך צווישין זייא איינער אין קלוגער זאגט ער צוא זייא וואש וויינט איר ווייסט איר דען ניט אז דער בן המלך האט שוין מער ניט גידארפט זיין בייא אייך ער איז שוין ראוי צוא זיין בייא זיין פאטער אזו אויך משה רבינו איז גוועזן אין קלוגער האט ער גיזעהען אז דיא דארפש לייט האבין גיוויינט בשעת איין צדיק איז גשטארבין האט ער זייא גיזאגט בנים אתם לה׳ אלהיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת קום אונ זעה דיא צדיקים זאלין ווישין דיא דאזיגע זאך וואלטין זייא זיך זייער גיפרייט בשעת עס קומט זייער צייט זייא זאלין אוועק גיין פון דער וועלט איז דען דאס בייא זייא אקלייגער כבוד אז דיא שכינה קומט אליין צוא גיין נעמען די נשמה אונ זיא אריין פירן בהיכל המלך ער זאל זיך אלע טאג משמח זיין דען הקב״ה איז דאך מער ניט משתעשע נייערט מיט דיא נשמות הצדיקים :

כי לי בני ישראל עבדים מיר זיינען מחויב צוא דינען להקב״ה בעבודת המקדש אונ אלץ וואס הייסט עבודה אונ מיט דער תפלה וואש זיא הייסט עבודה אונ מען זאל זיך משתדל זיין במצות התורה וואס דאס אלץ הייסט עבודה אזו וויא איין עבד וואש דינט צוא זיין האר איז ער דאך מחויב אלץ צו טאן וואס ער דארף אונ עס גיהער צוא אים וואס עס איז אויף אים מוטל צו באדינען זיין האר דען די ישראל הייסן עבדים אזו וויא עס שטייט כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי וגו׳ זייא זיינען מיינע קנעכט וויל איך האב זייא אויש גצויגן פון מצרים זיינען זייא מחויב מיך צוא דינען אזו וויא איין קנעכט דינט צו זיין האר וואס ער האט אים אויס גליזט פון דעם טויט אונ פון אלע בייז פון דער וועלט אויך הייסין זייא ווידער בנים אתם לה׳ אלהיכם זייא זיינען קינדער צוא הקב״ה אונ ווען הייסט דער מענטש איין עבד אז דער מענטש דער קענט אונ דינט להקב״ה בדרך כלל דאס ער טוט דאס בפעל פון זיין האר תאמשע ער ווייסט גאר ניט נאך וואס מען דארף דאס נאר ער דינט בדרך כלל וואס מען הייסט אים ער האט קיין כח ניט צוא זוכין באוצרות המלך אין דיא סודות פון זיין האר נאר עש איז גאר אן שכל דער הייסט איין עבד צוא הקב״ה אבער דר מענטש וואש דינט צוא הקב״ה בדרך פרט אונ דער קענט אים רעכט צוא דינען מיט גרויש שכל אונ פאר שטיין אוי וואש איטליכע זאך איז מרמז דער הייסט איין גליבטער זון פון דעם מלך אזו וויא איין זון פון דעם מלך זעהעט אויש אלע אוצרות המלך אונ ווייסט אלע סודות פון זיין פאטער אזו דער מענטש אויך וואש פאר שטייט דיא סודות פון הקב״ה הייסט ער אין דער מדריגה פון בן אונ תאמשע ער הייסט שוין איין זון צוא הקב״ה אזו וויא עש שטייט בני בכורי ישראל זאל ער זיך פארט ניט אויש ציהן מכלל עבד צוא דינען להקב״ה מיט אלע מיני עבודות פון איין עבד אונ צוא ווישן אלע סודות התורה אונ זאל

פארט זיין וויא איין עבד צוא דינען מיט אלע בפעל וואס מען האט אים גיבאטן וואול איז דער חלק פון דעם זון וואס ער איז זוכה צוא ווישן די סודות אונ דיא אוצרות פון זיין פאטער אזו וויא איין בן יחיד וואס דער פאטער האט אים גיגעבן רשות ער זאל גוועלטיגן אין דיא אוצרות אונ דאס איז דר כבוד וואס ער גוועלטיגט אונ איז זיך משתדל אין דר תורה מיט אירע סודות דאס אלע חיילות השמים אונ מלאכים קענן אים ניט ווערן ער זאל אלע שעה אריין גיין צוא זיין פאטר וואול איז זיין חלק אין אלע וועלטן עס איז פאר האנדין פיל עבודות וואש ער דארף ביידע אין איינעם טאן איין עבד אונ איין בן דאס ער זאל כלל זיין פון דיא ביידע דאס איז דיא עבודה פון דער שמונה עשרה דארף ער מתפלל זיין צוא זיין וויא איין עבד דער מיט איז ער מתקן אלע עולמות צוא בהעפטן זיך מיט זיין כוונה אונ דיא סודות פון דער תפלה אונ דער מיט איז ער מתקן דעם סוד פון דער גאנצער אמונה אויף אזו איין מענטשן רופט אים הקב״ה כביכול אונ אלע חיילות ומחנות פון אלע עולמות אונ אין אלע הימלען זייט נזהר אין דעם מענטשן וואס ער איז דער נאמן המלך וואס אלע אוצרות זיינען אין זיין האנט וואול צוא אים בעולם הזה ובעולם הבא אונ פון דער צייט ווערט ער דער קענט אונ גיצייכנט בכל העולמות אונ בשעת אז ער דארף עפעס מיט זייא משמש זיין זיינען זייא שוין אין אים נזהר אונ הערין צוא זיינע רייד אונ דיא ביידע מדריגות גיפינען מיר אין דעם פסוק ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר עבדי אתה הייסט מדריגת עבד אונ ישראל איז דיא מדריגה פון בן אונ אז זיי ביידע זיינען אין איינעם דען איז אשר בך אתפאר הייסט ער איין רעכטער מענטש :

ראשית בכורי אדמתך תביא בית ה׳ אלהיך לא תבשל גדי בחלב אמו דער זוהר איז אין דעם זייער מאריך אונ זאגט אז דאס איז אלץ כדי די ישראל זאלין ניט גורם זיין דורך זייערע חטאים אז שלעכטע זאלין האבן איין יניקה פון דער קדושה דען דער ווערן זיך דיא כחות הדינים אונ דיא טומאה איז גובר דרום זיינן זיך די ישראל מקדים אונ ברייננגן בכורים ובשעת זייא ברייננגין דיא בכורים דארפין זייא אן הייבין צוא זאגין ארמי אובד אבי לבן הארמי האט גוואלט מיט זיין כישוף מאכן פאר לירן אונזער פאטער יעקב מיט זיינע קינדער אונ הקב״ה האט זייא מציל גיוועזן דאס דיא טומאה זאל אין זייא קיין שליטה ניט האבין דרום האט הקב״ה אן גיזאגט צוא די ישראל אין דער תורה ראשית בכורי אדמתך תביא וגו׳ לא תבשל גדי בחלב אמו דאס דיא טומאה זאל ניט האבין קיין אחיזה אין דער קדושה וואדום איין ציקעלע ווייזט מיר אויף דעם כח הדין דרום טאר מען ניט עסן בשר בחלב פרייש מיט מילך אין איינעם כדי מען זאל דער ווייטערין דיא טומאה פון דעם מקדש העליון דאש אלצדינג גיוועזט זיך נאר ווערליג דיא מענטשין דער וועקן זיך אויף דער וועלט אזו ווערט ליטאן למעלה קום אונ זעה ווען דיא ישראל זיינן חלילה ניט ערליך אונ זינדיגין שטייט אין פסוק אויף זייא עמי נוגשיו מעולל ונשים משלו בו דאס מיינט מען דיא צווייא נשים זונות קליפות מהלה ולילית האבין אויף זייא איין שליטה אין דעם ספר פון שלמה המלך האט מען גיפונען ווער עס עסט בשר בחלב אין איינעם אדער אין איין שעה אדער אין איין סעודה אזו ווייזט אויבן אויס וויא איין ציקעלע ווערט גיבראטן מיט דער פעל אונ דאס איז אויף אים מקטרג פערציג טעג פאר דעם מדת הדין אונ זיין חברותא טמאה איז זיך צו אים מקרב אונ דער וועקן דינים אויף דער וועלט אונ ווען ער גיווינט איין קינד

אין

אין דיא [illegible]ערציג טאג אזו ניט מעגן אנשטאט אנשמה מצד אחר אונ זיא איז
גי[illegible] הקדושה דרום שטייט והתקדשתם והייתם קדושים וויל דר מענטש
זיך מטהר זיין העלפט מען אים ער זאל זיין טהור וויל ער חלילה זיך
מ[טמ]א זיין עפינט מען אים אויך איין פתח ער זאל טמא ווערן אויך
שטייט ונטמתם בם [illegible] [illegible] טייטש לשון פאר שטאפונג דאס דיא
טומאה [illegible] זיין הארץ ער זאל קיין רשות ניט האבן זיך
מטהר זיין צו דיא ער קען זיך רייניגן פון אנדרע טומאות אונ נאך
מער ער פארפט זיך פר אלע חיות [illegible] וייל ער ווייזט זיי אוס ווי איין
ציקלע אונ איין ציקלע איז [illegible] די איינן פון די קליפות וואס זיי
הייסן שעירים [illegible] ווערט פון אים אפ גטאן רבי ייסא
האט [illegible] אין הבדל מיט מילך אדר מיט קעז וייל בשר
עוף בחלב איז ניט [illegible] בתורה האט רבי שמעון צו אים גזאגט דוא
פישט אסור צו [illegible] דער מענטש מאר ניט עפנען
איין פתח צו דיא מיני טומאה פק זאגט צו איין נזיר וואש ער
מאר ניט טרינקן קיין וויין גייא ארום דעם וויין גארטין פון דרוסין
אונ זאלשט צו [illegible] וואדום ער דארף זיך דר הייטרין
בכל [illegible] איז איין חומרא אונ ווער עש
איז עפים מתיר שטייט אויף אים והשקר את הנזירים יין אונ שטייט לא
תאכל כל תועבה עש שטייט דאש מארט כל דאש ווייזט אז אלין איז אסור :
תאנא מיר האבין גילערינט ווארום האבין חנניא מישאל ועזריה זוכה
גיוועזן צו אזעלכע נסים ניצול צו ווערן פון דעם קאלך אויבן
וייל זיא האבין זיך [illegible] מיט איין אכילה וואש זיא איז
אסור זאגט [illegible] ויישם דניאל אל לבו אשר לא יתגאל בפת בג
המלך האבין מיר גילערינט בסוד המשנית דאש דיא אכילה פון
נבוכדנצר הרשע איז גיוועזן בשר בחלב אונ דניאל האט זיך דער
פון גיהיט אונ מען האט אים [illegible] אין דער לייבן גרוב אזו
איז ער גאנץ גוועזן בצלם אלהים אונ זיין צלם איז ניט נשתנה גווארין
צו אנדער [illegible] דרום האבין זיך דיא לייבן גיפארכטין פאר
אים אונ האבין [illegible] מיט גוועדען דער וואש ער האט איין צלם
אלהים האט אויף זייא [illegible] ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ
אונ דער רשע [illegible] דאס מלכות איז אפ גטאן גווארן פון אים אונ
זיין וואנונג איז גיוועזן מיט די חיות פון דעם וואלד אזו איז אפ גיטאן
גיווארין פון אים דער צלם פון מענטשין אונ דיא חיות זיינען גיקומען
צו אים אונ האבין גיזעהען אז זיין פנים איז גלייך צו זייערין אזו
האבין זיא [illegible] אים מזנה גיוועזן אונ פיל מאל האבין דיא חיות אים
גי[illegible] עס [illegible] הקב"ה האט דאך אויף אים גוזר גיוועזן דעם
עונש דאס [illegible] והוא במלכים יתקלס דאס אלע מלכים וועלן זיך
מיט אים רייכן [illegible] טרפה דיא דאזיגע גאנצע צייט קם אונ
זעת עס שטייט ולמקצת ימים עשרה נראה מראיהם טוב דאס הייסט זייא זייגען
גווארן אן גטאן אין דעם צלם [illegible] דאס עס איז פון זייא ניט אפ
גי[illegible]ווארן אונ פון דער אנדערע [illegible] גי[illegible]ווארן ווער האט
דאס [illegible] וייל זייא האבן זיך ניט פאר אום [illegible] מיט דיא
אכילות [illegible] אנדרע זכאות איז דאס חלק פון די ישראל גוועזן דאס
[illegible] זייא שטייט ואנשי קודש תהיון לי :
כי עם קדוש אתה לה' אלהיך רבי יהודה הייבט אן והחכמה מאין תמצא בתחלה
האט הקב"ה גזאגט צו זייא ואתם תהיון לי ממלכת כהנים וגוי קדוש ער
האט ניט אפ גיטאן זיין גרויש אהבה פון זייא ביז ער האט זייא
גירופין גוי קדוש ער האט נאך מער ניט אפ גטאן די אהבה ביז ער האט
זייא גרופין כי עם קדוש אתה נאך מער ער האט זיי גירופין ואנשי קודש תהיון
לי אלע מאל מער ווייא פריער דער נאך האט ער זייא נאך אהעכרע
מדריגה גרופין קודש ישראל לה' ראשית תבואתה אין דער חכמה וואס זיא
הייסט ראשית חכמה יראת ה' אונ דרום וייל זייא זייגען גוועזן גירופין
קודש דאס איז דאס שלימות פון אלעמן דרום שטייט ובשר בשדה טריפה
לא תאכלו וייל דיא ישראל זייגען גאר גאנץ דרום זאלין זייא קיין פאר
צוקטע ניט עסין דען דאס איז בגריפן בצד [illegible] גייערט לכלב
תשליכון אותו צו דיא כלבים עזי נפש וואס זייגען מצד הדין האט מער פון
אלע אונ דרום בייא נבילה וואס דר ישראל האט עס ניט פסול גמאכט
שטייט לא תאכלו כל נבילה לגר אשר בשעריך תתננה ואכלה כי עם קדוש אתה אין ניט
אזו אחומרא ווייא בייא טריפה וואס איין חיה האט צו ריסין · אבר
א טריפה איז אגרישע קליפה פון דיא כלבים עזי נפש · שטייט ואנשי
קודש תהיון לי ובשר בשדה טריפה לא תאכלו שטייט שוין עם לשון קודש ניט
קדוש אזו ווייא ישראל הייסין אין דער תורה קודש קודש ישראל לה'
ראשית תבואתה אזו זייא בייא קודש שטייט וכל זר לא יאכל קודש אזו שטייט
בייא זייא כל אוכליו יאשמו : רבי יצחק האט גיפרעגט צו רבי שמעון
אז דו זאגשט אז קודש איז אהעכרע מדריגה פון קדוש עס שטייט דאך
קדוש קדוש קדוש ה' צבאות אונ דאס איז דאך דאס גאנצע שלימות פון גאר
דער קדושה וואדום שטייט קדוש אונ ניט קודש זאגט רבי שמעון ווען
דיא אלע דריי מאל קדוש קומען זיך צו נוף בייא אנאנדער ווערט איין
בית ער הייסט קודש דאס איז דער כלל פון דיא דרייא מאל קדוש
אונ דרום איז דיא מדריגה פון קודש דער כלל פון אלעמען אונ ווען די
ישראל זייגען גיוועזן גכלל באמונה שלימה האבין זיי גיהייסן קודש
דער כלל פון אלעמן דרום שטייט קדוש ישראל לה' ראשית תבואתה ואנשי
קודש תהיון לי · איין שר הצבא האט גפרעגט צו רבי אבא עס שטייט
ובשר בשדה טריפה לא תאכלו וואס דען שטייט טרף נתן ליראיו עס וואלט
באדארפט שטיין טרף נתן לכלבים זאגט רבי אבא צו אים שטייט דען
טריפה נתן ליראיו [illegible] דאך טרף · איבר דוא ווייסט זאגין טרף אונ
טריפה איז [illegible] טרף די מצוה פון טריפה
אז [illegible] זאל דיא ניש עסין נתן ליראיו האט ער עס געגעבן צו זייגע יראים די
וואס האבין מורא פאר אים :
תאנא מיר האבין גילערינט וייל די ישראל זייגען גיווארין גירופין
בתורה קודש דרום פאר איינער דעם אנדערין ניט רופין קיין
מיאוסין נאמען אונ אים ניט ג[illegible] קיין צוא נאמען דען דער עונש דער
פון איז גאנץ גרויש [illegible] שבן מיט אנדרע זאכין וואס איז איין גנאי
צום חבר תאנא מיר האבין גילערינט עס שטייט נצור לשונך מרע וואס
איז טייטש מרע אלא פון וועגין לשון הרע נידערין ארטס חלאים אויף
דער וועלט · זאגט רבי יוסי דער וואס רופט דעם חבר מיט אזו אזאך
וואס עס איז ניט דא אין אים אונ איז אים מגנה אזו ווערט ער אויך
נתפס אין אזו אזאך וואס עס איז ניט דא אין אים · דען רבי חזקיה
האט גיזאגט אסליכער וואס רופט דעם חבר רשע נידערט מען אים
אין גיהנם אונ מען איז אים דן בכל מיני יסורים ועונשים · עס איז
גיוועזן איין מענטש וואס האט גישאלטין זיין חבר איז דורך גיגאנגען
רבי יוסי דער בייא אונ האט עס גיהערט זאגט ער דוא האסט גיטאן
אזו ווייא איין רשע איז ער גיקומען פאר רבי יהודה האט רבי יוסי
גיזאגט איך האב אים ניט גירופין רשע נייערט אזו ווייא ארשע האט

רבי

רבי יהודה עס גפרעגט צו רבי אלעזר זאגט ער דרויף איז ער ניט חייב
ווארום עס שטייט היה ה' כאויב ניט קיין פיינט נייערט וויא איין פיינט
ווארום אויב עס איז ניט אזו ער זאל חלילה גיוועזן זיין צוא די ישראל
איין פיינט וואלט פון זייא גאר ניט גיבליבן איין שורש אויף דער
וועלט אזו אויך היתה כאלמנה אזו וויא איין אלמנה אונ ניט קיין אלמנה
נייערט אזו וויא איין אשה וואס איר מאן איז אוועק גיגאנגען למדינת
הים אונ זיא ווארט אויף אים אזו אויך ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם אונ
ער האט ניט גיזעהען קיין מראה חס ושלום · זאגט רבי אבא זכאין
זיינן די ישראל וואס אויף זיי שטייט קדוש ישראל לה' ראשית וגו' אונ דרום
כל אובליו יאשמו:

לא תאכל כל תועבה רבי יהודה הייבט אן חישאג אריה ביער וטרף אין לו קום
אונ זעה וויא דיא מענטשין בדארפין משגיח זיין בעבודת הקב"ה
דען דער וואש איז עוסק ומשגיח בעבודת הקב"ה איז זיין מוראואונ
אימה אויף אלע בשעפניש דען הקב"ה האט איטליכע בריה בשאפין
בדמותו וויא עש איז צוא אים ראוי גיוועזן דער נאך האט ער בשאפין
דעם מענטשין בדמות עליון אונ מיט דעם גישטאלט האט ער אים
גימאכט שולט זיין איבער אלע דען בכל זמן אז דיא בריות הייבין
אויף זייער קאפ אונ זעהען דעם מענטשין בדמות עליון בצלם אלהים
אזו פארכטין זייא זיך אונ ווערין פאר וואגילט פאר אים אזו וויא עש
שטייט ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ אונ ווען איז דאס אז די בריות
זעהען אין אים דעם דמות עליון אונ דיא נשמה איז אין אים אונ זיין
גישטאלט איז ניט נשתנה אזו היא עס איז גיוועזן צום ערשטין אבער
אז אמענטש גייט ניט בדרך התורה אזו ווערט דאס הייליגע גשטאלט
פון אים צוא גינומען אזו קענען דיא חיות השדה ועופות השמים אין
אים שולט זיין ווייל ער האט שוין ניט דעם צלם אלהים קום אונ זעה אז
מען האט גיווארפין דניאל אין דעם לייבין גרוב איז זיין צלם ניט פאר
ענדערט גיווארין ווייל ער האט זיך גישטארקט אין הקדוש ברוך הוא
אזו וויא איין לייב דרום איז ער ניצול גיווארין פון זייא זאגט רבי
חזקיה אז עס איז יוא אזו ווארום שטייט אלהי שלח מלאכה ויסגר פום אריותא ולא
חבלוני איז דאך משמע אז הקב"ה האט גישיקט מלאכים ער האט צו
גישלאסין דאס מויל פון דיא לייבין אונ דרום איז ער ניט גיזוק ווארין
זאגט רבי יהודה דאס גישטאלט פון דעם מענטשין וואס ער איז איין
צדיק איז דאש איין מלאך ממש ער האט צוא גשלאסן זייער מויל כדי
ער זאל ניט גיזוק ווערין אונ דרום שטייט הקב"ה האט גשיקט דעם
מלאך וואש בייא אים אין דיא הענט איז אלע צורות אונ ער האט
גשטארקט אין דניאל זיין דמות וצלם דאש זייא האבין אים גיקענט
מאן דרום זאל איטליכער מענטש היטן זיין וועג אז ער זאל ניט זינדיגן
פאר זיין הערין כדי זיין צלם אלהים ודמות אדם זאל האבן איין קיום ·
קום אונ זעה יחזקאל האט גיהיט זיין מויל פון מאכלות אסורות אזו ווי
דער פסוק זאגט לא בא בפי דבר פיגול עס איז ניט גיקומען קיין אום
הערדיג פלייש אין מיין מויל אריין דרום האט ער זוכה גיוועזן ער זאל
ווערין גירופין אדם אויך בייא דניאל שטייט וישם דניאל על לבו אשר לא
יתגאל בפת בג המלך ער האט זיך ניט פר אום ווערדיגט מיט דעם ברויט
פון דעם מלך דרום האט ער זוכה גיוועזן אז זיין גישטאלט איז ניט
פאר ענדערט גיווארין פון אים ער איז גיבליבן אין זיין גישטאלט
פון איין רעכטין מענטשין אזו וויא עס שטייט ואפול על פני ויאמר אלי בן
אדם דען אלע בריות פון דער וועלט פארכטין זיך פאר דעם גישטאלט
פון איין אדם ער האט שליטה איבער אלע בריאים זאגט רבי יוסי
דרום זאל דר מענטש נזהר זיין אונ זאל ניט אפ קערן פון דעם רעכטין
וועג לימין ושמאל אונ פון דעסט וועגין איז דער מענטש מחויב בודק
זיין אלע טאג זיינע עבירות דען אז עס קומט אין דער פריא בשעת
דער מענטש שטיט אויף פון זיין בעט שטייען היכף פאר אים צווייא
עדות אונ דעם גאנצין טאג גייען זייא מיט אים אבטונג געבין וואס ער
טוט אויף דר וועלט בשעת ער ענפינט ער דיא אויגין זאגין זיי עיניך
לנכח יביטו ועפעפיך יישירו נגדך דיינע אויגין זאלן נאר זעהן רעכט פארטיגע
זאכין ריכט ער אן זיינע פיס גייען זאגין די עדות פלס מעגל רגליך זאלשט
איבער וועגין דיא שטעג פון דיינע פיס נאר צוא גיין אין רעכט
פארטיגן וועג דרום זאל זיך דער מענטש היטן אלע טאג פר זיינע
עבירות אונ אז עש ווערט נאכט אזו איז דער מענטש מחויב מסתכל
אונ בודק זיין וואש ער האט אגאנצין טאג גיטאן טאמער וועט ער גפינען
אזעלכע מעשים וואש ער דארף דרויף תשובה טאן צוא הקב"ה דרום
דארף ער תמיד אין דרינען עוסק זיין אזו וויא עש שטייט וחטאתי נגדי
תמיד מיינע עבירות זיינען תמיד אנטקעגין מיר כדי איך זאל תשובה
טאן אויף זייא קום אונ זעה בשעת דיא ישראל זיינען גיוועזן אין ארץ
הקדושה איז קיין שום חטא בייא זייא ניט גיבליבן גיווארין ווארום דיא
קרבנות פון דעם בית המקדש האבין אויף אלדינג מכפר גיוועזן אלע
טאג אבער אצונד אז די ישראל זיינען פאר טריבן גיווארין האבן זייא
שוין מער קיין סמיכה ניט עש זאל אויף זיי מכפר זיין נאר דורך תורה
ומעשים טובים אונ דער וואש גייט חלילה ניט אין רעכטין וועג איז ער
גורם איין ירידה בבית צוא דער שכינה אזו וויא עש שטייט ישפילנה
ישפילה עד ארץ אבער ווער עש איז עוסק בתורה ומעשים טובים איז ער
גורם אז דיא כנסת ישראל ווערט דער הויבן וואול איז דער חלק פון
דיא וואש זיינען עוסק בתורה יום ולילה:

עשר תעשר וגו' פתוח תפתח את ידך וגו' רבי יהודה הייבט אן צוא זאגין עש
שטייט הלא פרוס לרעב לחמך קום אונ זעה וואל צוא דעם חלק
פון דעם מענטשין וואס הקב"ה איז אים מזכה מיט איין ארימאן ער
זאל צוא אים קומען ער זאל אים מתנות זיין מיט עסין אונ טרינקען דען
דאס איז דיא ריכטיגע מתנה פון הקב"ה אונ ווער עס איז מקבל דיא
מתנה בסבר פנים יפות מיט איין פריילעך פנים איז וואל צוא זיין חלק
דען דער וואס עס איז זיך מרחם אויף איין ארימאן אונ דער קוויקט
אים זיין נפש איז הקב"ה אויף אים מעלה גלייך וויא ער האט אים
בשאפין אונ דרום ווייל אברהם אבינו האט רחמנות גיהאט אויף דר
גאנצער וועלט ער איז גיווען איין מכנים אורח צו געבין עסן אונ טרינקען
האט אים הקב"ה גירעכנט גלייך וויא ער האט זייא בשאפין אזו וויא
עס שטייט ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ דאס מיינט דער פסוק פרוס
לרעב לחמך פרוס איז טייטש ער זאל פאר שנייטין איין טישטעך אויף
דעם טיש דער ארימאן זאל דרויף עסין ד"א ער זאל אים אפ שניידן
ברויט כדי ער זאל זיך ניט שעמען אז ער וועט דיך אליין אפ שניידן
איין שטיקיל ברויט אונ פרוס איז טייטש שטיקר זאלסט אים אפ שניידן
שטיקלך ברויט אונ אנדער לייגן פאר אים בעין יפה ומבלב עש
שטייט לחמך אונ עס שטייט ניט סתם לחם דען עס דארף זיין דיין ברויט
ניט גיגנבית אדר גיגזילת אונ אז ער גיט פון אזו איין ברויט צוא איין
ארימאן איז ער ניט מקבל קיין שכר עס איז וויא צוא אים ער דער
מאנט דער מיט זיינע עבירות דרום שטייט אויך בייא תרומה קחו מאתכם

תרומות

תרומת ה' פון אייער געלט אליין ניט פון אום רעכט געלט:

רבי יוסי הייבט אן עס שטייט אם שלמים וכן רבים וכן נגוזו ועבר ועניתך לא אענך עוד ווען דאש פאלק האבין שלום אונ עש איז בייא זייא ניט פאר האנדן קיין מחלוקת האט הקב"ה אויף זייא רחמנות אונ קיין דין האט אויף זייא קיין שליטה ניט חאטשע זייא דינגען עבודת כוכבים ווען זיי האבין נאר שלום צווישן זיך האט דער מקטרג אויף זייא קיין רשות ניט שלעכן טאן אזו וויא עש שטייט חבור עצבים אפרים הנח לו אויך שטייט ווייטר וכן נגוזו ועבר עש וואלט גדארפט שטיין ונגוזו אונ עס שטייט וכן נאר צדקה הייסט שלום אזו וויא עש שטייט והיה מעשה הצדקה שלום אונ ווער עש מערט צוא געבין צדקה מערט ער שלום למעלה ולמטה נגוזו זייא שערין זייער געלט אונ גיבין צדקה עס שטייט ווייטער ועבר ער פירט איבער פון זיך אלע דינים זייא זאלין אויף אים קיין שליטה ניט האבין נאר חיים ושלום:

רבי יהודה הייבט אן צוא זאגין עש שטייט אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' דעם פסוק האבין דיא חכמים גיזאגט אז עס גייט אויף איין מענטשין וואש ער ליגט קראנק אויף זיין בעט אזו הייסט דאש בייא אים וויא איין תפיסה דער קאפ איז גישלאסין מיט איין קייט דיא פיס זיינען אים גיבונדין אונ כמה בעלי דינים היטן אים פון אלע זייטין אלע זיינע גלידער זיינען אים זייער אייננג דאש עסין איז פון אים אפ גיטאן עש גלוסט זיך אים ניט צוא עסין אין דער צייט זעצט מען אויף איין אפוטרופס ער זאל אויף אים מלמד זכות זיין · וואול איז דער חלק פון דעם מענטשין וואש איז זוכה אז דער אפוטרופס גייט פאר דעם בית דין של מעלה אונ קען אויף אים לערנען איין דרך הצלה וויא ארום ער זאל ניצול ווערין פון דעם דין וואש עש איז אויף אים גיצוגן גווארן אזו וויא עס שטייט אשרי משכיל אל דל וואש ער לערינט אים דעם דרך החיים ער זאל תשובה טאן פאר זיין הארן דען מאכט ער איין אפוטרופים אויף אים למעלה וואש איז זיין שכר ביום רעה ימלטהו ה' בשעת דער מדת הדין האט איין שליטה ווערט ער ניצול דער פון ר"א אשרי משכיל אל דל איז טייטש וויא גאר איז שטארק דער שכר פון דעם ארומאן פאר הקב"ה זאגט רבי חייא איך פאר וואונדר מיך אויף דעם פסוק עש שטייט כי שומע אל אביונים ה' הקב"ה הערט צו דעם גבעט פון דיא אביונים איז משמע נאר זייער גבעט הערט ער צוא ניט קיין אנדער גבעט וויא גישיקט זיך דאש זאגט רבי שמעון ווייל די אביונים זיינען זייער נאהונט צוא הקב"ה ווארום עש שטייט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה איין תפלה מיט איין צוא בראכין הארץ פאר שעמט מען זיא ניט נאר זיא קומט פר הקדוש ברוך הוא אונ ווער האט נאך אזו איין צוא בראכין הארץ וויא איין ארימאן דיא גאנצע וועלט ווערט גזעהן פאר הקב"ה מיט דעם גוף ונפש אונ דר ארימאן ווערט נאר גזעהן מיט זיין נפש אונ הקב"ה איז מער נאהענט צום נפש וויא צו דעם גוף מער וויא צוא אנדערע מענטשין פון דר וועלט · עס איז גוועזן איין מעשה מיט איין ארימאן וואס ער איז גוועזן אין דער גאס פון רבי יוסי וואש קיינער האט אויף אים קיין השגחה ניט גהאט מען זאל אים מחיה זיין אונ ער אליין האט זיך זייער גשעמט פאר לייט צוא זאגן מען זאל אים געבן צדקה · איין מאל איז ער קראנק גווארן איז רבי יוסי צוא אים אריין גיגאנגען מבקר חולה זיין דער הערט ער איין קול וואס זאגט סיקלא סיקלא דאש איז דאש ארט פון דיא נשמות וואס גייען אוועק פון דער וועלט פאר דער צייט קומען זייא אין דעם ארט אריין אונ דאש קול זאגט צוא דעם ארט דוא זאלשט ווישן אז עס קומט צו דיר איין נפש וואש וועט שטארבין פאר דר צייט ווייא איז צו די שטאט לייט וואס עס איז ניט פאר האנדן קיין שום מענטש צווישן זייא ער זאל אים קענען מחיה זיין מיט עסין אונ טרינקען · איז רבי יוסי צו אים צו גגאנגן אונ האט אים דר לאנגט איין טרונק וואסר פון דארע פייגין דורך איין רעריל האט ער אים אריין גגאסן אין מויל אריין וויא ער האט אים דעם טרונק גגעבין האט ער באלד באקומען דעם שוויים אין זיין פנים אונ זיין אטום האט זיך צוא אים ווידער גקערט אונ רבי יוסי איז אוועק גגאנגען דער נאך איז ער ווידער גקומען צוא אים זאגט דער מענטש צוא אים רבי דא שווער איך אז מיין נפש איז שוין גוועזן אויש גינאנגען פון מיר אונ איז גקומען פאר דעם כסא הכבוד האט זיא גוואלט דארטן בלייבן נייערט הקב"ה האט דיך גוואלט מזכה זיין אונ מען האט אויש גירופין רבי יוסי איז אן גיברייט אז זיין רוח וועט אויף גיין אונ וועט אן גיקניפט ווערין אין איין חדר הקודש וואש דיא חכמים זיינען אן גיברייט צוא דער וועקין אויף דער וועלט אונ מחמת זייער תורה וועט דאש חדר זיין צוא דיר מיט דער ליכט פון דער אידרא קדישא אונ עש איז אן גברייט דרייא שטולן צוא דיר מיט דיינע חברים אונ פון דער צייט אן האט מען שוין אויף דעם ארימאן גגעבן השגחה מען זאל אים געבן וואס ער דארף אויך האט זיך גטראפן איין ארימאן איז דורך גגאנגען פאר רבי יצחק אונ רבי יצחק האט נאר גהאט איין האלבע מעה כסף זאגט דר ארימאן צוא רבי יצחק זייא מחיה מיך מיט מיינע קינדער אונ מיין הויז גיזינד זאגט רבי יצחק צוא אים וויא אזו קען איך מחייה זיין אייערע נפשות אז איך האב נאר בייא מיר איין האלבע מעה כסף זאגט דער ארימאן איך האב אויך איין האלבע מעה אונ מיט דער גאנצער מעה וועל איך שוין קענען מחיה זיין מיין הויז גיזינד האט ער אים גגעבן דיא האלבע מעה האט מען דער נאך גוויזין צוא רבי יצחק אין חלום וויא ער פארט בייא דעם בארטן פון דעם ים הגדול אונ מען האט אים גוואלט אריין ווארפן דער ווייל האט ער דער זעהען צוא רבי שמעון האט ער צוא רבי שמעון אויש גשטרעקט דיא האנט ער זאל אים ארויש נעמען איז גקומען דער ארימאן אונ האט אים מציל גוועזן אונ האט אים אפ גגעבין צוא רבי שמעון אין דער האנט אריין אונ בשעת ער האט זיך אויף גיכאפט פון דעם שלאף איז אים אריין גיפאלין דער פסוק אין זיין מויל אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' דבר אחר דיא טייטש פון דעם פסוק איז אזו קום אונ זעה אזו איין ארימאן וואס ער האט ניט פון זיין געלט עפעס צוא עסין אונ באגערט ניט פון קיינעם קיין פרנסה ער וויל זיין בדוחק ניט אנטפלעקט פאר קיין שום מענטשין ובשעת דוחק האט ער תרעומות אנטקעגין הקב"ה אונ זאגט בין איך דען אזו איין זינדיגער מענטש מער פון אלע לייט איינעם גיבשט דוא גרויס עשירות אין זיין הויז אונ איך האב ניט אפילו קיין פרוטה פאר עפעס צוא קויפין עסין אונ טרינקען אדער איין מלבוש דער ווייל קומט איינער אונ גיט אים צדקה ווערט בטל זיין תרעומות האט דאך דער מענטש גמאכט שלום צווישן הקב"ה מיט דעם ארימאן איז ער פיל זוכה לעולם הבא דרום שטייט יעשה שלום לי שלום יעשה לי עס שטייט צווייא מאל שלום ווארום דיא צדקה הייסט שלום אונ אויך מאכט זיא שלום צווישן הקב"ה מיט דעם ארימאן

אויב דוא ווערסט פרעגין וויא טאר איין מענטש מתרעם זיין אויף דיא מדות פון הקב"ה · קום אונ זעה חאטשי ער איז איין עני אונ רעט אנטקעגן הקב"ה מיט קריג רעכינט אים הקב"ה ניט פאר קיין חטא אונ איז אויף אים ניט ברוגז ווייל ער איז ניט ביי זיין דעה מיר לערנען [illegible]אס אפ פון איוב בשעת הקדוש ברוך הוא האט גיזאגט צום שטן הנו בידך רק את נפשו שמור באותו שעה איז איוב ארוים פון זיין שכל אונ האט גיזאגט צוא הקדוש ברוך הוא הכי טוב לך כי תעשוק איז דאש רעכט וואס דוא טושט מיין פאטער אונ מוטער האבן מיר באשאפן איין גוף אונ דוא האשט זיך מיט זייא משתף גיוועזן אונ האשט מיר גגעבין איין נשמה דרום זאגשטו אן רק את נפשו שמור דיא נשמה זאל ער היטין אונ מיין גוף פון מיין פאטער אונ מוטער שטראפסטו מיט יסורים אונ גישט אים אין דיא הענט פון דעם שטן חאטשי איוב האט דאך גירעט ניט רעכט נאר ווייל עש איז גיוועזן מחמת צער איז הקב"ה ניט ברוגז גיוועזן אונ זאגט כי לא בדעת ידבר איוב ער רעט דאס אן דעת · דבר אחר אנאנדער פשט איז אשרי משכיל אל דל איין דל הייסט דער וואס שטארבט אן קינדער ווען זיין נשמה גייט ארויש זאגט אויף אים דער פסוק יד ליד לא ינקה רע אונ ווען עס בלייבט איבער איין קינד אונ איינער איז אים מחזיק אונ לערינט מיט אים תורה יעשה שלום לי דרום ביום רע ימלטהו ה' קום אונ זעה אמענטש איז גיגאנגען מיט צווייא חכמים צווישין דיא הויכע בערג האבן זייא גזעהען גרוישע שפאלטן אונ עס גייט ארויש איין רויך אונ פייער פון דיא שפאלטן אזו הערט ער וויא איינער שרייט ווייא ווייא זאגט ער דאס איז בוודאי איין ארט פון דעם גיהנם איז ער דארטן אנטשלאפן גווארין האט ער גזעהען בחלום וויא איינער קלייבט אויף דערנער אויף זיין אקסיל אונ צווייא ממונים פון דעם גיהנם האבן אויף אים אונטער גצונדן דיא דערנער אונ ער איז פאר ברענט גווארין אונ ער האט זייער גשריען אונ זייא האבן אים גזאגט דוא האשט פאר לאזט צוא הקב"ה מיט דיא מלאכים וואס האבן דיך גיהיט בעולם הזה ובעולם הבא אונ האסט גיטאן דעם ווילין פון דיא רשעים וואש זייא זיינען גיגליכין צוא דערנער וואס זייא זיינען מצד שמאל ונחש דרום זאל דיך דיא דערנער פאר ברענען זאגט דער יהודי צוא דעם מענטשין ווער בישטו זאגט ער איך בין איין יהודי רשע אונ דיא ממונים פון דעם גיהנם דער מאנען מיך ניט מיין נאמען אונ דרייא מאל זיינען זייא מיך דן בייא טאג אונ צווייא מאל בייא נאכט זאגט דער יהודי טאמר ווייסטו דעם נאמען פון דיין שטאט זאגט ער איך האב גיוואונט אין גליל העליון זאגט דער יהודי האשטו גאר ניט גילאזט קיין קינד זאגט ער איך האב יוא גילאזט איין קינד אונ איך בין גיוועזן איין קצב אונ איך האב פיל מעשים רעים גיטאן האט מען מיר צום ערשטין דן גיוועזן מיין מויל אונ מיינע פיס אונ דיא הענט אונ דער מלאך וואס ער איז ממונה אויף דיא קברים האט צוא מיר אזו גיזאגט בשעת ער האט מיך דן גיוועזן ווייא צוא דעם וואש ער האט גישווארין מקיים זיין דיא תורה אונ האט זיא ניט מקיים גיוועזן אונ האט פאלש גישווארין ווייא צוא דער האנט וואס האט קיין מאל קיין תפילין ניט גילייגט ווייא צוא דיא הענט וואס זייא האבין משמש גיוועזן בהבלי עולם ווייא צוא דיא פיס וואש זיינען גיגאנגען בהבלי עולם בשעת מען האט מיך גישלאגין מכת מרדות האב איך אלץ מודה גיוועזן וואס איך האב גיטאן אונ עש איז גיקומען מיין נשמה מיט איר מלאך וואש איז איבער איר גיזעצט אונ האבין גיגעבין איין כתב אונ דארטן איז גישטאנען אלץ וואס איך האב גיטאן אונ מיין נשמה מיט דעם מלאך האבין דרויף עדות גיזאגט האבין זייא גיזאגט על פי שנים עדים או שלשה יומת המת אונ דרום שטייט משוכבת חיקך שמור פתחי פיך דאס מיינט מען דיא נשמה זאגט עדות בשעת טויט דער יהודי האט זיך אויף גיחאפט פון דעם שלאף אונ איז גיגאנגען קיין גליל העליון אונ האט נאך גיפרעגט אויב עס איז דארטן דא איין קינד פון דעם קצב וואס ער איז גישטארבין דעם אונ דעם טאג זאגין זייא דאס קינד וואס דוא פרעגשט דרויף איז אזו איין רשע וויא זיין פאטער איז גיוועזן ער גייט אויך אין שעכט הויז אונ אזו זאל אים זיין וויא צוא זיין פאטער ער גייט אריין אין בית המדרש הערט ער וויא אקינד זאגט דעם פסוק אם תבקשו כסף וגו' איז ער אריין גיגאנגען אין שעכט הויז האט ער גיזעהען וויא דאס קינד שפילט זיך מיט דיא יונגען זאגט ער צוא אים מיין קינד קום מיט מיר איז ער גיגאנגען האט ער אים אן גיקלייד אונ גייט מיט אים צום רבי אונ דער רבי האט מיט אים גילערינט תורה אז ער האט שוין גיקענט בעסער פון אלע קינדער האט ער גימאכט אז ער זאל זאגין דיא הפטורה אין שול אונ ער האט מתפלל גיוועזן פאר דעם עמוד אונ ער האט אזו לאנג גילערינט ביז מען האט אים שוין גירופין רבי איז דער פאטער פון דעם קינד וואס מען האט אים דן גיוועזן איז ער צוא אים גיקומען צוא חלום אונ זאגט צוא דעם יהודי רבי אזו וויא דוא האשט מיך מנחם גיוועזן אזו זאל הקב"ה דיך מנחם זיין דען בשעת מיין קינד האט גיזאגט דיא הפטורה בקהל בין איך פרייא גיווארן פון דעם דין אונ בשעת ער האט מתפלל גיוועזן פר דעם עמוד אונ האט גיזאגט קדוש האט מען צוא ריסן מיין גזר דין אין גאנצין ובשעת אז ער איז גיווארן איין למדן האט מען מיר גגעבן איין חלק אין גן עדן אונ דאס איז וואס מען זאגט חלק לעולם הבא דאס איז דער חלק וואס איטליכער צדיק האט פאר זיך אונ מען האט מיך אויף גבראכט מיט דיא צדיקים אין זייער ישיבה ובשעת ער איז נאך אגרעשערר חכם גיווארן אז מען האט אים שוין גרופין רבי האט מען מיך גיקריינט מיט דער קרוין פון צדיקים וואס זייא ווערן דער מיט גקריינט אונ מען האט מיר גגעבן אכילה ושתיה דאס הייסט וואס מען איז נהנה מזיו השכינה אונ דאס איז וואס אונזערע חכמים זאגין אז בעולם הבא זיצן דיא צדיקים אונ איטליכער האט א קרוין אויף זיין קאפ אונ זיינען נהנה מזיו השכינה אונ פון דיינט וועגן רבי האב איך זוכה גיוועזן צוא דעם גרוישין כבוד זכאה איז דיין חלק דאש דער פאר האשטו אגרוישין חשובין חלק לעולם הבא אונ ווער איז אזכאי דער וואש לאזט איבער איין זון איין תלמיד חכם אויף דער וועלט :

רבי אבא הייבט אן יש רעה חולה ראיתי תחת השמש וויא זיינען די לייט פאר שטאפטע הערצער וואש זייא זיינען ניט משתדל אין דער תורה שלמה זאגט יש רעה חולה איז דען פאר האנדן איין רעה וואש זיא איז ניט קיין חולה אלא מיר האבין גילערינט אז מצד שמאל גייט ארויש כמה כוחות הדינים מקטריגים אונ אז זייא גייען ארויש פון נוקבא דתהומא רבא וואו אלע קליפות זיינען אזו זיינען זייא זיך מחבר מיט אננדער אונ שפאלטן דיא אוירים אונ שוועבן אויף דער וועלט אונ גינעהען צוא דיא לייט אונ איטליכער הייסט רעה אזו וויא דער פסוק זאגט לא תאונה אליך רעה אונ ווען זייא קומען מיט בלבולים זיינען זייא

גליך

גליך וויא איין חולה דרום ווייל זייא מאכן דיא לייט צו קמצנים אויף זייער געלט אונ אז דער גבאי צדקה קומט שלאגט ער אים אין זיין האנט אונ לאזט אים ניט געבין פון זיין געלט אונ אז עש קומען עניים שלאגט ער אים אין זיין האנט אונ זאגט אים גיב ניט פון דיין האנט קיין געלט ווייל ער אים געבן עסין לאזט ער אים אויך ניט אונ דאש טוט ער אליץ כדי זיין געלט זאל גיהיט זיין צוא אנדרן אונ פון דעם טאג וואש דער שר רעה רוט אויף אים איז ער אחולה אזו וויא איין קראנקר וואש ער קען ניט עסין אונ טרינקען דרום איז דאש איין חולה רעה דרום זאגט שלמה המלך מיט זיין חכמה איש אשר יתן לו האלהים עושר וכבוד ולא ישליטנו האלהים לאכול ממנו גם זה רעה חולה איז קשה וואש שטייט ולא ישליטנו האלהים גאט מאכט אים דרויף ניט גיוועלטיגין איז דאך ניט אין זיין רשות אלא עש זאל שטיין ולא יעזבנו האלהים ער לאזט אים ניט וואלשטו אזו גיזאגט אבער ולא ישליטנו דרום ווייל ער האט גזעצט דרויף דעם רעה אונ ער האט איין אחיזה אין דעם אזו לאזט אים הקב"ה ניט אז ער זאל אים צוא ברעכין הינטער זיך. אונ דרום אז דר רעה האט דרינן איין אחיזה זיינן אלע זיינע וועגן ווי אקראנקר ער האט ניט קיין מאכט צוא גינעהענען צוא זיין געלט ער גיט גאר ניט אויס דער פון ביז ער גייט אוועק פון דער וועלט אונ עס קומט דר הער פון דם געלט אונ מען גיט עס אים אפ דרום שרייבט שלמה המלך עושר שמור לבעליו לרעתו ווער עס זיינען דיא בעלים פון דעם געלט דער ירשת עס אונ ווארום איז ער זוכה דער צו ווייל דער ערשטער האט גגלויבט דעם רעה אונ האט אים גיפאלגט דרום שטייט לרעהו ווייל דער רעה האט גיהאט ביז אהער דריבער צוא שאפין דרום איז דאש עשירות גיהיט גיוועזן צום אנדערין:

שלש פעמים בשנה וגו' איש כמתנת ידו כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך זאגט רבי שמעון ווער עס פרייט זיך אין דיא ימים טובים אליין אונ גייט ניט צוא קיין עני היישט ער איין רע עין אונ דער שונא איז אויף אים אזו לאנג מקטרג ביז ער איז אים מעביר פון דער וועלט אונ ברייגט אויף אים כמה צרות וואס דען איז דער חלק פון הקב"ה אז ער גיט צו דעם עני ווערליג זיין פאר מעג איז כדי ער זאל זיך אויך משמח זיין דען דיא צייט קומט הקב"ה צוא זעהן זיינע עניים דיא צוא בראכענע כלים אונ אז ער זעהט אז זייא האבן זיך ניט מיט עפס משמח זיין אונ קיינער איז זיי ניט משמח אזו גייט ער ארויף אונ וויל חרוב מאכן די וועלט · אזו קומען דיא ישיבה פאר הקב"ה אונ זאגין רבונו של עולם דו ווערשט דאך אן גרופן רחום וחנון זייא מגלגל דיין דר בארימקייט אויף דיינע קינדער זאגט הקב"ה צוא זייא די וועלט ווייסט דאך וואול אז איך האב די וועלט בשאפן מיט חסד זיא זאל דורך דעם איין קיום האבן אזו וויא עס שטייט עולם חסד יבנה אונ אויף דעם שטייט די גאנצע וועלט אזו זאגן די מלאכים דער מענטש האט דאך גגעסן אונ גטרונקן אונ פאר מאג צו טאן גוטש מיט ארימע לייט אונ גיט זייא פארט גאר ניט מיד תיכף קומט דער מקטרג אונ נעמט רשות ער זאל דעם מענטשן נאך יאגן צוא טאן שלעכץ · דען וואו איז נאך גוועזן אזו איין מכנים אורח וויא אברהם אבינו אונ אז ער האט גמאכט איין סעודה אזו וויא עס שטייט ויגדל הילד ויגמל אז ער האט אנטוויינט צוא יצחק אונ האט גרופן אלע גרוישע לייט מיט אלע שרים אויף דער סעודה אונ מיר האבן גלערינט בשעת דער מענטש מאכט איין שמחה קומט דר מקטרג אונ זעהט אויב דער מענטש האט גטאן חסד מיט ארימע לייט אונ זייא זיינן אין זיין הויז גייט ער אוועק אונ אויב ער האט ניט גרופן קיין ארימע לייט אויף דער סעודה אונ זייא האבן פון אים גאר ניט נהנה גיוועזן מען האט זייא פריער אויך ניט גרופן מען זאל זייא מחיה זיין מיט עסין אונ טרינקין גייט ער ארויף אונ איז אויף דעם מענטשן זייער מקטרג ווערט ער גשטראפט דער פאר אונ אז אברהם האט גמאכט דיא סעודה האט זיך דער שטן גשטעלט אויף דער טיר אזו וויא איין ארימאן אונ עס האט קיינער אויף אים ניט אכטונג גיגעבן דען אברהם האט דער לאנגט צוא דעם טיש וואס בייא אים זיינען גזעסן מלכים ושרים אונ אונזר מוטר שרה האט אן גזייגט אלע קינדר פון דיא שרות וואס זיינען גקומען אויף דער סעודה זייא האבן בכוונה ניט גיבראכט זייערע אן זייגערינש צוא פרובין שרה אויב זיא קען זייגן קינדער ווארום זייא האבן דאך ניט גגלייבט אז שרה האט גהאט איין זון אויף דער עלטער צוא ניינציג יאר דרום שטייט מי מלל לאברהם הניקה בנים שרה שטייט בנים פיל קינדער דען זיא האט פיל קינדער פון דייא שרות אן גזייגט אונ איבער דעם האט זיא אויך קיין השגחה ניט גהאט ווער עס שטייט ביי דר טיר מען זאל אים געבן עסין אונ טרינקן מיד תיכף וויא דער שטן האט דאס דער זעהן אז מען גיט אויף אים גאר ניט אכטונג איז ער ארויף גגאנגען אונ האט מקטרג גוועזן פאר הקב"ה אונ זאגט רבונו של עולם דוא האשט גזאגט אברהם אוהבי ער איז דיין ליב האבער וואס ער היט דיינע מצות לסוף האט ער גמאכט איין סעודה אונ האט קיין רחמנות ניט גהאט דער פון געבן צוא די ארימע לייט ער זאל זיי מחיה זיין אונ האט נאך ניט מקריב גוועזן אפילו איין טויב זיא זאל זיין לריח ניחוח פאר דיר אונ זיין ווייב שרה זאגט נאך צחוק עשה לי אלהים דוא האשט פון איר איין גשפעט גמאכט דער מיט וואס דוא האשט איר גגעבן איין קינד אויף דער עלטער זאגט הקב"ה צוא אים עס איז בוודאי ניט פאר האנדן אויף דער וועלט נאך אזו איין צדיק וויא אברהם דער שטן האט אבר ניט אפ גלאזט זיין קטרוג אונ האט אזו לאנג מקטרג גוועזן ביז ער האט מבלבל גוועזן דיא גאנצע סעודה מיט גאר דיא שמחה ביז הקב"ה האט גהיישן צוא אברהם ער זאל מקריב זיין דעם זון יצחק פאר אקרבן עולה אונ אויף שרה איז גגזר גווארן זיא זאל שטארבן איבער דעם צער וואש זיא וועט דער שראקן ווערן איבער דיא עקידה פון יצחק דאס האט אלץ גורם גוועזן ווייל זייא האבן ניט מהנה גוועזן פון דער סעודה צוא די ארימע לייט · היינט דארפן מיר פאר שטיין ומה דאך אברהם אבינו מיט זיין גרויש צדקות איז אים דער סוף אזו אויש גגאנגען איבער דער עבירה איז דאך שוין אכל שכן צוא אנדערע פראסטע מענטשן וואס פאר איין עונש קען זייא דער פאר גרייכן · ווייא צוא די מענטשן פון דר וועלט וואס זייא גבין ניט אכטונג אז דיא גאנצע וועלט האט מער קיין קיום ניט נאר דורך דער תורה דרום זאגט דער פסוק שלש פעמים בשנה דרייא מאל אין יאר זאלשטו גוויזן ווערן אין ירושלים אונ פריער שטייט והיית אך שמח מען זאל זיך פרייען אז עס קומט יום טוב אונ מען זאל צוא דיא קינדער פון הקב"ה דאס היישן ארימע לייט אפ געבן זייער חלק איש כמתנת ידו ווערליג דאס פאר מעג פון איטליכן מענטשן כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך אזו וויא דיא ברכה וואס דוא האשט בקומען פון הקב"ה אונ אויב חלילה דוא וועסט דאס ניט מקיים זיין שטייט תיכף אין דער אנדערער סדרה שופטים ושוטרים דער שוטר דאס מיינט מען דעם שטן אזו וויא אויבין שטייט כמה פעמים וועט ער ברייגן אויף דיר שופטים

ער וועט דער וועקן דיינע עבירות אונ דינים מקטרג זיין אויף דיר אונ דאס וועשטו דיר אליין גורם זיין דרום שטייט תתן לו וועשטו אליין אויף דיר געבין · דרום זאל איטליכער מענטש נזהר זיין אז ער מאכט איין שמחה זאל ער דיא ארימע לייט אויך משמח זיין מיט עסין אונ טרינקין ווערליג זיין פאר מעג דער פאר וועט ער געבענטשט ווערין פון הקב״ה מיט אלע ברכות וכל טוב אמן :

# פרשת שופטים

לא יקום עד אחד באיש על פי שנים עדים או שלשה עדים וגו׳ דיא מצוה איז גזאגט גיווארין אויף דעם מענטשין וואס ווייסט איין עדות צוא זיין חבר זאל ער גיין צוא דעם בית דין אונ זאגין דאס עדות כדי ער זאל ניט שאדין האבין דורך אים קיין געלט אונ עס איז ניט פאר האנדין קיין שום עדות ווינציגער פון צוויא עדות דרום שטייט על פי שנים עדים דרום האבין דיא חכמים גיזאגט ווער זיינען דיא עדות פון דעם מענטשין פר הקב״ה אויף אלע זיינע מעשים · דיא ווענט פון זיין שטוב זאגין אליין אויף אים עדות אונ ניט דאש אליין נאר דיא קורות ביתו זאגין אויך עדות אונ ווער זיינען דיא קורות ביתו דאס זיינען דיא קורות לבו זיינע מחשבות פון זיין הארץ זאגן אלע עדות אזו וויא עס שטייט ביי חזקיה המלך ויסב חזקיהו פניו אל הקיר האבין דיא רבנן גזאגט חזקיה האט מתפלל גיוועזן פר הקב״ה מקירות לבו אנשי ביתו וועלן אויך אויף אים עדות זאגן דאס מיינט מען דיא רמ״ח אברים פון דעם מענטשין זאגין עדות אויף אלע זיינע מעשים אזו וויא דיא חכמים האבין גיזאגט אז ביא דעם רשע זיינען זיינע עבירות אויס גקריצט אויף זיינע ביינר אזו אויך ביי איין צדיק זיינען זיינע זכיות אויס גקריצט אויף זיינע ביינר זייא זאלין אויף אים מלמד זכות זיין דרום האט דוד המלך גיזאגט כל עצמותי תאמרנה אלע מיינע ביינער טוען לויבין צוא הקב״ה אונ זאגין אויף מיר עדות דרום האבין מיר גילערינט אז דיא קורות ביתו פון דעם מענטשין זיינן זיינע עדות דאס מיינט מען דיא ביינר וואס זייא ליגין אויף דעם מוח פון דעם מענטשין אזו וויא איין באלקין ליגט אויף דער שטוב דען דר מוח איז אזו וויא וואשר דרויף שטייט המקרה במים עליותיו דאס איז טייטש לשון באלקין · אונ ווארום איז גאר דיא עבירות אויש גקריצט אויף די ביינר אונ ניט אויף דעם פלייש ווייל דיא ביינר זיינען וויים זעהט זיך דרויף בעסער אן איין כתב איידער וויא אויף איין אנדער זאך אזו אויך איז דיא תורה אינווייניג וויים אונ פון דרויסן איז זיא שווארץ אונ ניט דאס אליין נאר דער גוף מיט דיא ביינער וועלן לעתיד אויף שטיין לתחיית המתים אונ דרום איז אלץ אויס גיקריצט אויף דיא ביינער צוא ווייזין אז זייא וועלין האבין איין זכיה וועלין זייא אויף שטיין לתחיית המתים · עש איז פאר האנדין נאך צווייא עדות אויף דעם מענטשין עין רואה ואוזן שומעת דיא אויגין מיט דיא אויערן זיינען אויך צווייא עדות אונ דאש בית דין שרייבט אלץ אויף אין איין בוך אונ איז דן דעם מענטשין אויף אלצדינג אונ דיא זון מיט דער לבנה זיינען אויך צווייא עדות אזו וויא דיא חכמים זאגין עס שטייט תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגינו בכסה איז טייטש צוא גידעקט דאס מיינט מען אז עס קומט ראש השנה אזו קומט דער ס״מ פאר הקב״ה אונ באגערט מען זאל משפטין דיא ישראל הייסט הקב״ה ברייגען עדות אויף זיינע רייד אזו ברייננט ער דיא זון אונ וויל נאך פרעגין דיא לבנה אויך בהאלט זיא זיך פאר אים אונ גייט ארויף אויף דעם ארט וואס דרויף איז גיזאגט גיווארין במכוסה ממך אל תחקור עס איז זייער איין הויך ארט זיא בעט דארטין רחמים אויף דיא ישראל דרום שטייט בכסה דאס מיינט מען די לבנה ווערט פאר דעקט אויף איין ארט וואס ער קען זיא ניט גיפינען :

כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עליה רבי פנחס איז גיגאנגען זיך זעהען מיט זיין טאכטער וואס זיא איז גיוועזן דיא מוטער פון רבי אלעזר זיא איז זייער קראנק גיוועזן האט ער גירייטין אויף איין אייזיל אונ דיא חברים זיינען נאך גיגאנגען צוא פוס האט ער באגעגינט צווייא ערביים פרעגט ער זייא האט זיך אייך איין מאל ניט גיטראפין איר זאלט הערין איין קול אויף דעם פעלד זאגין זייא צוא אים עס איז איין מאל גיוועזן גזלנים וואס פלעגין בגזלנן אלע עוברי דרכים · איין מאל האבין זייא באגעגינט איין חבורה פון יהודים אונ האבין זייא גיוואלט הרגנן דער ווייל האט דאש אייזיל פון דיא יהודים אן גיהויבין צוא שרייען עס איז אזו גיוועזן צווייא מאל האט דאש אייזיל גישריען איז גיקומען אפלאם פייער מיט דעם קול אונ האט דיא גזלנים פאר ברענט זיינען דיא יהודים ניצול גיווארין זאגט רבי פנחס צוא זייא ערביים מיט דער זאך וואש איר האט ערשט דער ציילט זייט איר ניצול גיווארין פון אנדערע גזלנים וואס האבין אויף אייך גילויערט · הייבט אן רבי פנחס צוא וויינען אונ זאגט רבונו של עולם דיא יהודים האשטו גיטאן איין נס פון מיינט וועגין אונ איך האב גאר ניט גוואושט ער הייבט אן צוא זאגין עש שטייט לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו וויא פיל טובות וואש הקב״ה טוט מיט דיא מענטשין אונ זייא ווייסין גאר ניט פון זייא נייערט הקדוש ברוך הוא אליין ווייסט · איין מענטש גייט אין וועג אונ גזלנים לויערין אויף אים זייא זאלין אים הרגנען אזו באקומען זייא איין אנדערין אונ הרגנין אים לייזט ער אויש יענעם מענטשין פון דעם טויט אונ דער מענטש ווייסט גאר ניט פון דער טובה וואש הקב״ה האט מיט אים גיטאן נאר הקב״ה אליין ווייסט דער פון דרום שטייט לעושה נפלאות גדולות לבדו קיינער ווייסט ניט דיא נפלאות חוץ פון הקב״ה אליין זאגט רבי פנחס צוא דער חבריא חבריא איך האב גיפרעגט די ערבים זיינן דאך תמיד עוסק אין פעלד אויב זייא האבין גיהערט דאס קול פון דיא חברים וואש זיינען עוסק בתורה דען רבי שמעון מיט רבי אלעזר מיט דער גאנצער חבריא גייען פאר אונז אונ זייא ווייסין דער פון ניט אז מיר קומען אן צוא זייא אונ דריבער האב איך גיפרעגט צוא דיא ערבים אויף זייא ווארום איך ווייש אז דאש קול פון רבי שמעון מאכט ציטערין דיא בערג מיט דיא פעלדער האבין זייא מיר מגלה גוועזן וואס איך האב ניט גיוואושט אזו וויא זייא גייען קערין זיך ווידער דיא ערבים אום אונ זאגין סבא סבא דוא האשט אונז גיפרעגט אויב מיר האבין פון לאנג ניט גיהערט איין קול אונ אויף היינט האשטו אונז גאר ניט גיפרעגט דען מיר האבין היינט גיזעהען איין גרוישע תמיה איינע איבער דער אנדערער מיר האבין גיזעהען פינף מענטשין זיינען גיזעסין אונ איין אלטער צווישן זייא האבין מיר גיזעהן עופות השמים האבין זיך איין גזאמלט אונ האבין פאר שפרייט זייערע פליגיל אויף זייער קאפ די עופות זיינן אוועק גיגאנגן אונ אנדערע זיינען אן גיקומען אונ האבין גימאכט איבר זייער קאפ איין שאטין אונ דער שאטין איז ניט אוועק פון זייער קאפ אונ דער זקן האט גירעט אונ זייא אלע האבין אים צוא גיהערט

זאגט

זאגט רבי פנחס ערבים ערבים אויף דעם האב איך אייך גיפרעגט יהי רצון איר זאלט גיין אייער וועג אונ אייער וועג זאל אייך זיין אן גיברייט אין אלעמען וואס איר בדארפט צווייא זאכין האט איר מיר גיזאגט איך בין זיך מיט זייא משמח זייא גייען אוועק זאגין דיא חבריא צוא רבי פנחס וויא אזו וועלין מיר ווישין דאס ארט וואו רבי שמעון רוט זאגט רבי פנחס לאזט גיין צוא מיין אייזיל אליין זיא וויש אליין דעם וועג האבין זייא דאס אייזיל ניט גיפירט נייערט זייא האבין עס גילאזט אליין גיין אונ דאס אייזיל איז ארויש גיגאנגען פון דעם וועג צווייא תחום שבת האט דאס אייזיל אן גיהויבין צוא שרייען דרייא מאל האט רבי פנחס אראפ גינידערט אונ זאגט צוא דער חבריא מיר וועלין זיך אן ברייטין צוא מקבל זיין דאס היילגע לויטערע פנים דען איצונד גייען זייא ארויש אנטקעגין אונז דער ווייל האט רבי שמעון דער הערט דאס קול פון דעם אייזיל זאגט רבי שמעון צוא דער חבריא וואס זיינען מיט אים גיגאנגען לאמיר אויף שטיין דען דאס קול פון דעם אייזיל פון דעם זקן החסיד האט זיך דער וועקט צוא אונז אזו איז רבי שמעון מיט דער חברייא אויף גישטאנען הייבט רבי שמעון אן שירו לה' שיר חדש כי נפלאות עשה דעם מזמור האבין דיא פרות פון דיא פלשתים וואש האבין גיפירט דעם ארון שירה גיזאגט זייא האבין גיזעהן כמה שרים וכמה מדריגות וואס עס איז צוא זייא אנטקעגין גיקומען האבין דיא קיא גיזאגט שירו לה' שיר חדש וגו' ווארום בייא דער שירה פון משה שטייט שירה לשון נקיבה אונ דא שטייט שיר לשון זכר אלא בייא משה איז נאר דער ארון אליין גיגאנגען מיט דער כנסת ישראל מיט אירע חיילות אונ ניט מער אבער דא איז גיגאנגען דער ארון מיט דעם וואס עס איז דרינען באהלטין דאס איז דיא לוחות דרום שטייט לשון זכר כי נפלאות עשה ער האט גיטאן נפלאות אין דיא פלשתים · ומה דאך דיא פרות זיינען דאך ניט גיוויינטליך גיוועזן מיט ניסים נאר דיא שעה האבין זייא גיזאגט שירה מכל שכן דער אייזיל פון דעם זקן וואס ער איז גיוויינטליך מיט ניסים זאגט בוודאי שירה ער זאגט ווייטער גרויסע סודות דער ווייל האט ער דער זעהן רבי פנחס קומט אן זיינען זייא גיקומען צוא אים האט רבי פנחס גיקושט צוא רבי שמעון אונ זאגט דא האב איך גיקושט דיא היילגע מויל וואס איז מבושם מיט אלערלייא בשמים פון דעם גן של מעלה זייא זיינען זיך זייער משמח מיט אנאנדער אונ זיצין וויא זייא זיצין אזו זיינען אלע עופות וואס זייא האבין איין צל גימאכט אוועק גיפלויגין אונ צו שפרייט גיווארין אזו הייבט אויף רבי שמעון זיין קול אונ זאגט איר עופות השמים פאר וואס זייט איר ניט משגיח אין דעם כבוד פון אייער האר וואס ער איז דא אזו זיינען זיי אלע גיבליבין שטיין אויף זייער ארט זייא זיינען ניט אוועק גיפלויגין אבער ניט צוא גנאנגען זאגט רבי פנחס זאג זייא אז זייא זאלין צוא ריק גיין אויף זייער ארט דען מען גיט זייא ניט קיין רשות אוועק צוא גיין ווייל דוא האסט גוזר גיוועזן זאגט רבי שמעון איך ווייס אז הקב"ה וויל אונז טאן ניסים עופות גייט אייך אייער וועג אונ זאגט צוא אייער ממונה וואס איז ממונה איבער אייך אז בייז אהער זייט איר גיוועזן אין זיין רשות אונ איצונד זייט איר שוין ניט אין זיין רשות נאר איך לייג דאס אפ אויף אנאנדער זמן זיינען זייא אלע אוועק גיפלויגין דער ווייל זעהן זייא אז דרייא בוימער זיינען מתפשט זייערע צווייגן אויף דרייא זייטין איבער זיי אונ איין קוואל ברונים וואסר טוט קוועלין פאר זייא אזו פרייען זיך דיא נאנצע חבריא אונ רבי שמעון זאגט צוא רבי פנחס אגרוישין צער האבין דיא עופות גיהאט ביז אהער אונ איין צער בעלי חיים באגערין מיר ניט דען עס שטייט ורחמיו על כל מעשיו זאגט רבי פנחס איך האב זייא דאך ניט מטריח גיוועזן נאר אז הקב"ה גיט איין מתנה צוא אונז קענען מיר עס ניט מדחה זיין זייא זיצין אונטער דיא בוימער אונ טרינקען וואסר אונ רבי פנחס זאגט גרויסע סודות :

פתח ער הייבט אן כי תצור אל עיר ימים רבים וויא גוט זיינען דיא וועגן פון דער תורה דען אין איטליכין ווארט איז דא כמה גוטע עצות צוא דיא לייט עס איז ניט דא קיין ווארט אין דער תורה עש זאל דרינען ניט זיין כמה אורות וואס לייכטין בכל צד דער פסוק איז לפי פשוטו אונ אין דרינען איז דיא חכמה עליונה מזהיר צוא זיין וואס עס באדארף וואל צוא דעם חלק וואס איז עוסק בתורה אזו וויא דער פסוק זאגט ובתורתו יהגה יומם ולילה דען דער וואס איז עוסק אין דער תורה איז ער ניט וויא איין עץ יבש נייערט וויא איין בוים וואס ער שטייט בייא וואסער איז דא אין אים שרשים אונ מוח אונ קליפין אונ צווייגן אונ בלעטער אונ פירות אונ בליאונג דיא זיבין מינים זיינען עולה לשבעים אזו אויך דיא דברי תורה דיא פשיטות פון דעם פסוק אונ דיא דרשות אונ רמז איז דרינען מרומז חכמה גימטריאות רזין טמירין רזין סתימין איינס איבער דעם אנדערן פסול וכשר · טמא וטהור · אסור ומותר אונ דער נאך זיינען זיך מתפשט דיא צווייגן לכל צד קום אונ זעה וויא גלויבט זיינן זייא פאר הקב"ה דיא וואס זיינן משתדל אין דער תורה דען אפילו אין דער צייט אז דער דין איז שולט אויף דער וועלט אונ הקב"ה האט גיגעבין רשות דעם משחית צו פאר דארבין זאגט אים הקב"ה אן אויף די וואס זיינן זיך משתדל אין דער תורה אונ אזו זאגט זייא הקב"ה כי תצור אל עיר ווען דוא וועשט באלעגערן איין שטאט מחמת זייערע חטאים וואס זייא האבן פאר מיר גיזינדיגט אונ זייא זיינען חייב בדין ימים רבים דאס איז דרייא טאג אזו וויא עס שטייט ואשה כי תזוב זוב דמה ימים רבים איז דאך דר טייטש דרייא טעג אזו דא מיינט מען אויך ווען ווערט דער קענט אז עש איז איין מארד אין שטאט אז עס איז דרייא טעג דורך אנאנדער זאגט הקב"ה צום משחית איך זאג דיר אז אויף מיין הויז גיזינד לא תשחית את עצה דער תלמיד חכם וואס ער איז איין אילן החיים וואס ער טראגט פירות ער איז איין בעל עצה ער גיט איין עצה צוא דער שטאט אז זייא זאלין ניצול ווערין פון דעם דין אונ לערינט צוא זייא דיא רעכטע וועג דרום זאג איך דיר אז דוא זאלסט אים ניט פאר דארבן לנדוח עליו גרזן צוא שטויסן אויף אים דעם דין כי ממנו תאכל עסט דען דער מלאך המות פון אים אלא עס איז פאר האנדן איין מדריגה בייא הקב"ה וואש ווערט גשפייזט פון דער תורה דאש פון איר גייען ארויס אלע רוחות החזקות והקדושים דען עש איז קיין גרעשערע הנאה ניט דא צוא דעם רוח הקודש אזו וויא דיא תורה פון דעם תלמיד חכם הזכאי כביכול ער איז מפרנס דיא מדריגה מער פון אלע קרבנות פון דער וועלט דען בייא קרבנות שטייט אכלתי יערי עם דבשי אכלו רעים דאס זאגט הקב"ה כביכול אויף דער הנאה פון קרבנות אונ זינט דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין זיינען דאך דיא קרבנות בטל גיווארין אזו האט הקב"ה קיין גרעסערן נחת רוח ניט נאר פון דער תורה לערנן דרום זאגט ער כי ממנו תאכל דען דער תלמיד חכם איז מעורר איין מזון ושפע למעלה צוא אלע

דרום זייא נזהר אין אים ואותו לא תכרות דוא זאלשט אים ניט פאר שניידן כי האדם עץ השדה דאס איז דער וואס ער ווערט דער קענט למעלה ולמטה עץ השדה דער אילן הגדול פון דעם שדה אשר ברכו ה׳ דאס איז דיא קדושה וואס הייסט שדה דאס פון דארטין קומען אלע נשמות וואס זייא זיינען אזו וויא עשב השדה דאס אלץ זאגט אן הקב״ה צו דעם מלאך המות המשחית אויף דעם תלמיד חכם דרום זיינען זייא זכאים דיא וואס זיינען עוסק אין דער תורה זייא זיינען אילנות גדולות בעולם הזה זעהט וואס הקב״ה האט אונז גטאן ער האט אונז גפלאנצט דיא בוימער זכאה איז דער וועג פאר אונז אונ ניט איין בוים נאר דרייא בוימער וואס זייא שפרייטן דיא צווייגן לכל צד יהי רצון דאס דיא בוימער אונ דער קוואל ברונים זאל שוין פון דאנען ניט אפ גטאן ווערן אונ עד היום הזה שטייען זיי נאך דארטן די לייט רופן זייא נציבי דרבי פנחס בן יאיר דאס איז דאס פלאנצונג פון רבי פנחס בן יאיר :

איש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו זאגט רבי יוסי ווייא צוא דיא לייט וואס זייא זיינען ניט מסתכל אין דער תורה ווייא צוא זייא ווען הקב״ה וועט זייא תובע זיין בדין אויף זייערע מעשים אונ דער גוף מיט דעם נפש וועלן ביידע שטיין אפ געבין דין וחשבון אויף זייערע מעשים דעם טאג וואס דער נפש שייד זיך אפ פון דעם גוף איז איין יום הדין דיא סופרים זיינען פיל אונ דיא בעלי דינים שטייען אין דעם טאג שטייט דער נחש ער זאל אים בייסן אונ אלע זיינע אברים טוען ציטערן אויף אים אונ בשעת דיא נשמה שייד זיך אפ פון דעם גוף גייט זיא ארום אונ שוועבט אונ ווייסט ניט אין וועלכן וועג זיא זאל גיין אונ צו וועלכן ארט זיא וועט קומען ווייא צוא דעם דאזיגן טאג דען ער איז איין יום של רוגז ונאצה דרום געהער איטליכר מענטש צוא גדיינקען דעם טאג פון זיין שטארבן אונ מען וועט אים דן זיין פאר דעם מלך הקדוש אונ מען וועט אים אריין לייגן אין קבר אריין אונטער דער ערד ער זאל פאר פולט ווערן אונ דיא נשמה וועט זיך פון אים אפ שיידן אונ מיר האבין גילערינט אז תמיד דארף דער מענטש אן רייצן דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע גייט דער יצר הרע תיכף פון אים אוועק איז גוט אונ אז ניט זאל ער עוסק זיין בתורה גייט ער נאך ניט אוועק פון אים זאל ער אים דער מאנען דעם יום המיתה איז דאך דיא קשיא דער יצר הרע איז דאך אליין דר מלאך המות וואש האט ער זיך צוא פארכטין פאר דעם יום המיתה אדרבה פון דעם יום המיתה האט ער נאך שמחה אונ דרום רעט ער איבר דעם מענטשן צוא זינדגן כדי ער זאל אים דורך דעם ממית זיין נאר דער פשט איז אזו דער מענטש זאל זיך אליין דער מאנען דעם יום המיתה וועט דר יצר הרע פון אים אוועק גיין דען דער יצר הרע האט מער קיין שליטה ניט נאר דארטין וואו עס איז פאר האנדין שמחה מיט גאוה אבער ווען דער מענטש האט איין צוא בראכין הארץ שייד ער זיך אפ פון אים קום אונ זעה דער יצר טוב האט ליב דיא שמחה פון תורה אונ דער יצר הרע האט ליב די שמחה פון וויין אונ פון ניאוף מיט גאוה דרום גיהער דער מענטש אלע מאל ציטערן פאר דעם יום הדין הגדול דעם טאג האט ער קיין אנדער מגין ניט נאר די מצות ומעשים טובים וואס ער האט גיטאן אויף דער וועלט קים אונ זעה עס שטייט בייא דיא ברידער פון יוסף ויראו האנשים כי הובאו בית יוסף זייא זיינען דאך גיוועזן אזעלכע שטארקע גבורים אונ איין קליין קינד האט זייא אריין גיפירט צוא יוסף אין שטוב אריין האבין זייא זיך גיפארכטין איז דאך שוין אכל שכן ווען הקב״ה אליין וועט פירין דעם מענטשן צום משפט דארף ער זיך בוודאי זייער שרעקין דרום גיהער איטליכער מענטש נזהר זיין אויף דער וועלט זיך צוא שטארקין אונ זאל איין בטחון האבן אין הקב״ה חאטשע ער האט גיזינדיגט אז ער וועט אבער טאן תשובה שלימה וועט אים הקב״ה פאר געבין דיא זינד אונ ווען ער שטארקט זיך אין הקב״ה איז גלייך וויא ער האט גאר ניט גיזינדיגט די שבטים ווייל זייא האבין גיזינדיגט מיט דעם וואס זייא האבן יוסף פאר קופט דרום האבין זייא זיך גיפארכטין אבער ווען זייא זאלין ניט גיוועזן זינדיגין וואלטין זייא קיין שום מורא ניט גיהאט דען דיא עבירות פון דעם מענטשין צוא ברעכין דיא כוחות מיט דעם הארץ פון דעם מענטשין אונ ער האט קיין כח ניט זיך צוא שטארקן איבער דעם יצר הרע דרום שטייט מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו דער מענטש וואס פארכט זיך פאר זיינע עבירות טאר ניט גיין אין דער מלחמה אריין אונ אז ער איז גיגאנגען מוז ער זיך אום קערין אהיים פון דער מלחמה קום אונ זעה די עבירה פון די שבטים איז גצייכינט גוועזן לדורי דורות דען עש ווערט פון הקב״ה ניט פאר געסן קיין שום זאך וואש דר מענטש טוט אויף דר וועלט מען ווארט אים כמה דורות ביז ער ווערט בצאלט אזו וויא אים קומט אזו גיפינן מיר ביי חזקיה המלך ווייל ער האט גוויזין די לוחות צו די שלוחים פון דעם מלך מרודך בלאדן אונ ער האט דאש ניט גמעגט טאן האט הקב״ה גשיקט צוא אים ישעיהו הנביא אונ האט אים גזאגט דער פאר הנה ימים באים ונשא כל אשר בביתך ואשר אצרו אבותיך עד היום הזה עס וועט זיין איין צייט אז מען וועט אוועק טראגן אלע אוצרות פון דיין שטוב זעה וואש דאש האט גורם גוועזן ווייל ער האט מגלה גוועזן אזו איין זאך וואש זיא איז גיוועזן פאר הוילן דער פאר האט דער צד אחר שולט גיוועזן אין אזו איין ארט וואש ער האט ביז אהער קיין שליטה ניט גיהאט דען אויף איין בהאלטנע זאך האט די טומאה קיין שליטה ניט אונ דרויף רוט די ברכה אונ אז ער האט זייא גוויזין האט ער דאש אנטפלעקט האבן זייא שוין גיהאט דרויף איין שליטה דרום שטייט כי מכבדיה הזילוה ווארום האבין זייא זיא פאר שעמט כי ראו ערותה ווייל חזקיה האט זייא גוויזן אזו איין זאך וואש ווערט ניט גזעהן נאר ווייל חזקיה איז גוועזן אגרוישר צדיק איז ער ניט גשטראפט גווארן אין זיינע צייטין אזו וויא עס שטייט כי יהיה שלום ואמת בימי אין מיינע יארין וועט זיין שלום ואמת איך וועל ניט גישטראפט ווערין דער פאר אזו אויך ביי דיא שבטים האט זייער משפט גיווארט ביז ער האט גפונן איין שעה מען זאל זייא בצאלין דרום ווער עס פילט זיך אין עבירות זאל ער זיך אלע מאל פארכטין אזו וויא דער פסוק זאגט ופחדת לילה ויומם דרום שטייט איש הירא ורך הלבב דער וואס פארכט זיך פר זיינע עבירות ילך וישוב לביתו זאל ער בצייטין תשובה טאן איידער דר יום הדין הגדול קומט אן ער זאל גיין לביתו אויף יענער וועלט כדי ער זאל קענען קומען לשלום :

ולקחו זקני העיר ההוא עגלת בקר רבי חייא זאגט עס שטייט ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה׳ והשטן עומד על ימינו לשטנו אין דעם פסוק באדארף מען אכטונג געבין יהושע הכהן הגדול מיינט מען יהושע בן יהוצדק לפני מלאך ה׳ דאס איז איין ארט וואס אלע נשמות הצדיקים זיינען דארטין בצרור החיים והשטן דאס איז דער יצר הרע וואס ער שוועבט ארום אויף דער וועלט צוא נעמען די נשמות אונ איש ציהען

דיא

די רוחות דאס איז גיוועזן בשעת נבוכדנצר האט איר ארין גיווארפין אין פייער מיט דיא נביאי השקר האט דער שטן מקטרג גיוועזן ער זאל אויך פאר ברענט ווערין מיט זייא דען דער יצר הרע איז נאר מקטרג בשעת הסכנה דען האט ער רשות צוא טאן איין דין אפילו מען הייסט אים ניט אזו וויא עס שטייט ויש נספה בלא משפט איינער ווערט איין גיטאן אזו אן משפטים לששנו מיינט מען ער האט גיזאגט אדער אלע זאלין פאר ברענט ווערין אדר אלע זאלין ניצול ווערין דען בשעת מען גיט אים רשות איז ער ניט מבחין בין טוב לרע ציא איז דער מענטש איין צדיק אדער איין רשע דרום אז עס ווערט חלילה אין דר שטאט גיטאן איין משפט זאל דער מענטש אנטלויפין כדי ער זאל ניט נתפס ווערין מכל שכן דא איז דאך גיוועזן אלע דרייא אין איינעם איז ער בוודאי גיוועזן אין איין סכנה ער זאל פאר ברענט ווערן אדער זייא זאלין אלע ניצול ווערין דען הקב"ה טוט ניט קיין נס אויף דער העלפט אדר איין האלבע משפט נאר אדר דורך דין אדר דורך איין נס אין גאנצין זאגט רבי יוסי טרעפט זיך דען ניט אז עס זאל גיטאן ווערין האלב פון דין אונ האלב זאל זיין דורך איין נס אזו וויא ביא קריעת ים סוף האט דאך הקב"ה גיטאן איין נס צוא דיא ישראל אונ איין דין צוא די מצרים זייא זיינען דר טרונקן גווארין זאגט רבי חייא דאש איז באמת זייער שווער גיוועזן ווארום למעלה ווערט ניט גטאן קיין שום זאך נאר בשלימות אדער איין נס אין גאנצין אדער דין דרום האט דער שטן מקטרג גוועזן אז יהושע זאל אויך פאר ברענט ווערן ביז דר מלאך ה' האט אים גזאגט יגער ה' בך השטן אויב דוא וועשט פרעגין וויא גישיקט זיך הקב"ה זאל אים זאגין יגער ה' קום אונ זעה עש שטייט ביא משה ביא דעם סנה וירא מלאך ה' אונ דער נאך שטייט וירא ה' דען דער מלאך ווערט אן גרופין בשם רבו דרום האט דר מלאך ה' גזאגט יגער ה' הקב"ה זאל אין דיר אן שרייען אונ האט ניט גזאגט הנני גוער איך שרייא אן אין דיר רבי שמעון איז גזעסן אונ האט עוסק גוועזן אין דעם פסוק ולקחו זקני העיר ההוא עגלת בקר וערפו שם את העגלה בנחל דער דין איז ביא דער עגלה ערופה מען זאל איר אפ האקין דעם קאפ מיט איין האק זאגט רבי אלעזר נאך וואש דארף מען אזו צוא טאן הייבט אן רבי שמעון צוא וויינען אונ זאגט ווייא איז צוא דער וועלט וואס גייען נאך דעם יצר הרע אונ דיא וועלט קען דער פון ניט ניצול ווערין ביז דער מלך המשיח וועט קומען אויף דער צייט שטייט בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ אין דר צייט וועט דער יצר הרע בטל ווערין אבער אצונד שטייט ער אויף דער וועלט צוא נעמען זייערע נשמות· קום אונ זעה עס שטייט כי ימצא חלל באדמה וגו' דען אלע נשמות פון דער וועלט ווערין צוא גינומען דורך דעם מלאך המות אויב דוא וועסט וועלין מיינען אז דער חלל איז אים דיא נשמה אויש גיגאנגען דורך דעם מלאך המות עס איז ניט אזו נייערט דורך דעם מענטשין וואס האט אים גיהרגת איז אים די נשמה ארויס גגאנגען פאר דר צייט דרום שטייט ולארץ לא יכופר אונ ניט גינוג אז דער יצר הרע שטייט תמיד מקטרג צו זיין מכל שכן אז מען נעמט ביא אים צוא דיא זאך וואס ער האט באדארפט טאן אונ נעמען דיא נשמה אונ ער האט אים גיגזילת וועט ער בוודאי אויף אים מקטרג זיין דרום האט השי"ת חס גיהאט אויף זיינע קינדער אונ האט גיהייסין מקריב זיין איין עגלה ערופה צוא באווליגין דער מיט אונ מתקן זיין דרום זאגין דיא זקנים ידינו לא שפכו את הדם הזה מיר האבין ניט גורם גוועזן דאס שפיכות דמי"ם דער מיט קען ער שוין אויף זייא ניט מקטרג זיין אונ אויף אלעמען האט השי"ת גיגעבין איין עצה צוא דיא לייט אז קיין קיטרוג זאל אויף זייא ניט זיין דעסט גלייכין אום ראש השנה ויום כפור אז דר דין איז שולט אויף דר וועלט אזו שטייט דער מקטרג מקטרג צוא זיין אזו מוזין דיא ישראל מעורר זיין מיט דעם שופר אונ מיט דעם קול השופר דער וועקין זייא ביז עס גייט ארויף ביז דעם מקום פון דעם כסא הכבוד פון דין אונ דער וועקט דעם רחמים אונ דורך דעם ווערט דער מקטרג מבולבל דען ער וויל מעורר זיין דין אונ דיא ישראל דער וועקין רחמים דען ווערט זיין כח שלאף אונ ער קען גאר ניט טאן אונ השי"ת איז דן דיא וועלט מיט רחמים · קום אונ זעה עס שטייט בכסה ליום חגנו בכסה איז טייטש דיא לבנה ווערט צוא גידעקט דען איז דער נחש הרעה שולט אונ קען מזיק זיין דיא וועלט אונ אז מיר זיינען מעורר מיט דעם קול השופר דעם רחמים אזו גייט דיא לבנה אונ פארט איבר דעם נחש אזו ווערט ער מבולבל גלייך וויא איינער שטייט אויף פון איין שלאף אונ אום יום כפור מוז מען אים אן טאן איין נחת רוח מיט דעם שעיר לעזאזל וואס מען גיט אים דורך דעם ווערט ער נאך איין מליץ יושר פאר ישראל אבער אום ראש השנה ווערט ער פאר מישט ער קען גאר ניט טאן דען ער זעהט דיא התעוררות פון רחמים גייען ארויף מלמטה אונ דער וועקין דאס התעוררות מלמעלה דען איז השי"ת דן די וועלט מיט רחמים אונ ווערט גיפונגען צוא זייא אין דיא צעהען טעג פון ראש השנה ביז יום כפור מקבל צוא זיין אלע וואס וועלין תשובה טאן אונ דרום האט הקב"ה צוא זייא אן גיזאגט צוא טאן איין מעשה דאס דער שטן זאל אויף זייא ניט קענען שולט זיין אונ ניט ברייגען אויף זייא קיין דין אזו וויא דאס רחמנות איז פון איין פאטער אויף זיינע קינדער אונ אלץ הייננט אן אין דיבור ומעשה מתעורר צוא זיין למעלה אזו וויא מען האט מפורש גיוועזן :

# פרשת כי תצא

כי תצא למלחמה על אויביך וראית בשביה ·אשת יפת תואר וגו' רבי אלעזר איז גגאנגען אין וועג אונ רבי חייא איז אויך גוועזן מיט אים זאגט רבי חייא עש שטייט וראית בשביה אשת יפת תואר ווארום האט עש דיא תורה מתיר גוועזן אמער עש שטייט דאך לא תתחתן בם זאגט רבי אלעזר דרום איז זיא מותר ווייל איידער מען האט זייא איין גנומען זיינען זייא נאך אין זייער רשות איז עש אסור אבער אז מען נעמט זייא שוין איין איז מותר קום אונ זעה מען האט דענטשט מאל ניט גפונען קיין אשה כשירה צווישן דיא ז' עממין דרום האט דיא תורה גישטעלט לעבין בן סורר ומורה דעם דין פון יפת תואר דען דער וואש האט גינומען איין יפת תואר דער האט מיט איר איין בן סורר ומורה ווייל ביא איר איז שווער דיא טומאה זאל אוועק גיין דרום שטייט ביא דיא ווייבער פון מדין וכל איש יודעת איש למשכב וגו' וואל צוא דעם מענטשין וואס ער היט זיין היליגין צייכין דען דורך דעם באהעפט ער זיך אין השי"ת מכל שכן אז ער איז נאך זוכה במצות התורה אזו שטארקט הקב"ה זיין רעכטע האנט אנטקעגין אים אונ באהעפט זיך אין הקב"ה אונ דרום שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם בנים אתם לה' אלהיכם :

בזוהר חדש שטייט כי תצא למלחמה על אויביך רבי שמעון הייבט אן זנח ישראל טוב אויב ירדפו זנח ישראל טוב דאס איז דער יצר טוב וואס

שלמה

שלמה המלך האט אים גירופין טוב אזו וויא עס שטייט טוב ילד מסכן וחכם אויב ירדפו דער פיינט וואס ער יאגט נאך דעם מענטשין דאס איז דער יצר הרע וואס שלמה האט אים גירופין שונא ער האט פיל געמן אונ שלמה זאגט אם רעב שונאך אז דער שונא דער יצר הרע איז הונגריג דיך מחטיא זיין האכילהו לחם גיב אים צו עסין די היילינע תורה וואס זיא הייסט לחם אזו וויא דער פסוק זאגט לכו לחמו בלחמי דרום זאל ער לערנען תורה דאס צוא בריעכט דעם כח פון דעם יצר הרע דרום שטייט והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך דאס איז דער יצר הרע וואס מיר מוזין אנטקעגין אים מלחמה האלטין מיט דער תורה אזו ווערט ער איבער גיענטפערט צום מענטשין אין דיא הענט דרום שטייט ונתנו ה' אלהיך בידך ושבית שביו זאגט רבי שמעון וויא אויף דעם תחת עבד כי ימלוך ונבל כי ישבע לחם דאס איז ווען דער מענטש זינדיגט איז דער יצר טוב גיפאנגין ביא דעם יצר הרע אונ דיא אברים פון דעם גוף זיינען אלע בצער אונ דער יצר הרע איז איבר אים איין מלך אבער אז דוא וועשט לערנן תורה ושבית שביו וועשטו פון אים פאנגען זיין שביה דאס איז דער יצר טוב וראית בשביה אשה יפת תואר דאש איז דיא נשמה אזו וויא דער פסוק זאגט אשה יראת ה' היא תתהלל דען אלע טאג האלטין מלחמה דיא חיילות פון דער נשמה מיט דיא חיילות פון דעם יצר הרע אונ דיא אברים פון דעם גוף זיינן תמיד בצער צווישן דער נשמה אונ יצר הרע והבאתה אל תוך ביתך דען זיא איז שוין גיהאט אוועק גישיקט גיווארין אונ דיא שפחה האט גירשת איר הערין אונ היינט האשטו זיא ווידער בקומען אין דיין הויז אריין אזו בדארף ער זיא מיט תשובה ממהר זיין אונ זאל זיא ריינגין פון דער זוהמא וואש דער נחש האט אין איר גיווארפין ווייל זיא איז אין זיין רשות גיוועזן וגלחת את ראשה ועשתה את צפרניה דאס זיינען דיא זוהמא והסירה את שמלה שביה דוא זאלשט פון איר אפ טאן דיא מלבושי טומאה אונ די מיני טומאה פון דעם חטא העגל דען בשעת מתן תורה האבין זייא מקבל גיוועזן דיא לבושי קדושה אונ אז זייא האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל האט מען דאס פון זייא אוועק גינומען אזו וויא עס שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב ׳ ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים דאס איז דער חודש אלול דאס דער מענטש גיהער וויינן אויף זיינע עבירות אונ תשובה טאן אויף זייא דען אין דעם חודש איז משה ארויף גיגאנגען נאך דעם חטא העגל צו בעטין אויף דיא ישראל פאר הקב"ה ער זאל זייא מוחל זיין זייער חטא :

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה ותפשו בו אביו ואמו וגו' זאגט רבי אלעזר איך פר וואונדער מיך דרויף אויך האבין מיר אזו גילערינט בשעת הקב"ה האט גיזאגט צוא משה די פרשה פון בן סורר ומורה האט משה גזאגט רבונו של עולם איז דאס דען מיגליך אז א פאטער וועט אזו טאן צו זיין זון זאגט הקב"ה איך הער וואס דוא זאגשט שרייב אויף אונ זייא מקבל שכר דוא ווייסט אבער איך ווייש מער אז דוא וועשט דרשנן דעם פסוק וועשטו גפינען באותו שעה האט הקב"ה מרמז גיוועזן צוא דעם שר יפ"ו דער שר פון דער תורה זאגט ער צו משה איך וועל דיר דרשנן די פרשה וואש זיא מיינט כי יהיה לאיש דאש איז הקב"ה וואש ער הייסט ה' איש מלחמה ׳ בן סורר ומרה דאש זיינען דיא ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט כי כפרה סוררה סרר ישראל ׳ איננו שומע בקול אביו ער הערט ניט אין דעם קול פון הקב"ה ויסרו אותו אזו וויא דער פסוק זאגט וישלח ה' ביד כל נביא וחוזה זייא זאלין זייא שטראפין ולא ישמע אליהם אזו וויא דער פסוק זאגט ולא ישמע אל ה' והוציאו אותו דען דער עיקר ויסוד איז דיא אכילה ושתיה ורגמוהו כל אנשי עירו באבנים דאש זיינען דיא בני בבל גיוועזן וואש האבין גישליידערט די ישראל מיט שטיינער אונ האבין צוא בראכין זייערע טויערין אז משה האט דאש דר הערט האט ער אן גישריבן די פרשה אם לא תדעי לך היפה בנשים דוא רעכט ווערדיגע פון דיא ישראל אז דוא ווילסט צאי לך בעקבי הצאן דאש זיינען דיא שולין אונ בתי מדרשים ורעי את גדיותיך דאש זיינען דיא קליינע קינדער פון דעם רבי וואש זייא האבין נאך קיין חטא ניט על משכנות הרועים דאש זיינען דיא מלמדים אונ ראשי ישיבות :

רבי אלעזר מיט זיין חברייא זיינען גגאנגען אין וועג דער ווייל איז גיקומען צו פליהן איין טויב צו רבי אלעזר זאגט ער צו איר דוא טויב בישט דאך תמיד כשר אונ רעכט פארטיג אין דיין שליחות גייא צוא מיין שווער רבי יוסי בן לקוניא אונ זאג אים אז איך מיט דער גאנצער חברייא קומען אן צוא אים איין נס וועט דיר גישעהן אין דרייא טעג אונ זאלשט גאר קיין מורא ניט האבין דען מיר גייען צוא אים בשמחה דער נאך זאגט ער איך בין מיך ניט זייער משמח אונ עש טוט מיר זייער באנק אויף איין רמון מלא וואש עש איז גיגעבין גיווארין אויף זיין ארט הייסט אויך יוסי אזו איז די טויב אוועק גפליגן פון זייא אונ דיא חברייא זיינען אוועק גיגאנגען פון דעם ארט זאגט רבי אבא צוא רבי אלעזר איך פאר וואונדער מיך זייער אויף דער מעשה פון דער טויב זאגט ער צוא אים דיא טויב איז גיקומען צו מיר מיט איין שליחות אונ זאגט אז מיין שווער רבי יוסי בן לקוניא ליגט שלאף אונ פון אירע רייד ווייש איך אז ער איז ניצול גיווארין אונ אויף זיין ארט האט מען גיגעבין איין אנדערין רבי יוסי מפקיען וויא זייא גייען אזו קומט איין ראב אונ שטעלט זיך פאר זייא אונ שרייט מיט גרויש כח זאגט רבי אלעזר צו דעם שלעכין בישטו אן גיבריייט מודיע זיין גייא דיר דיין וועג איך ווייש פריער פון דיר אז ער איז גשטארבן זאגט רבי אלעזר צוא דער חברייא מיר וועלין גומל חסד זיין מיט דעם פולן רמון הייסט רבי יוסי מפקיען דען ער איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט אונ עס איז קיינער ניט ראוי מיט אים זיך מתעסק זיין ער איז נאהונט צוא אונזער וועג זיינען זייא אראפ גיגאנגען פון דעם וועג אונ זיינען גגאנגען אין דעם ארט אריין איז זייא דיא גאנצע שטאט אנטקעגין גגאנגען אונ דיא חברייא זיינען גקומען אין דעם הויז פון דעם רבי יוסי מפקיען אונ ער האט גלאזט איין קליין קינד בשעת דר פאטער איז גשטארבן האט דאס קינד קיינעם ניט גלאזט צו גנעהענען צוא דעם בעט נאר ער אליין האט גנעהענט אונ האט זיך גלייגט אויף אים ער האט בהעפט זיין מויל מיט דעם פאטערש מויל אונ האט גוויינט ער האט אן גהויבין צוא שרייען רבש"ע עס שטייט אין דיין תורה כי יקרא קן צפור לפניך בדרך בכל עץ וגומר שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך רבונו של עולם זייא דוא אליין מקיים דיין תורה מיין פאטער אונ מוטער האבן גלאזט צווייא קינדער מיך מיט איין קליינע שוועסטער האשטו גזאלט אונז צוא נעמן פון דער וועלט אונ זייא לאזן מקיים צוא זיין שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך רבונו של עולם אויב דוא וועשט זאגן עס שטייט דאך את האם דיא מוטער אבער ניט דר פאטער עס איז דאך אלץ איינש פאטער אונ מוטער אונ ווידער דוא האשט שוין אונזער מוטער לאנג צוא גנומען האט אונזער פאטער אונז צוא גדעקט מיר זאלין קענן לעבן אויף דער וועלט היינט האבן מיר ניט קיין פאטר אונ

ניט

ניט קיין מוטער וואש ווען מיר טאן וואו איז דער דין פון דער תנה
ער האט אזו גזאגט אונ האט זייער גוויינט האבן רבי אלעזר מיט דעם
חברייא אויך מיט אים גוויינט ווי ער שרייט אונ וויינט הייבט אן
רבי אלעזר צו זאגן עס שטייט שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר וויא
רבי אלעזר לאזט אויש דעם פסוק איז אראפ איין פייערדיגע זייל אונ
האט גימאכט איין צווישן שייד צווישן דעם מת רבי יוסי אונ צווישן
דיא מענטשין וואס זיינן דארט גישטאנען אונ דאס קינד האט בהעפט
זיין מויל מיט זיין פאטערש מויל אונ האט זיך ניט אב גשייד פון אים
זאגט רבי אלעזר אדער הקב"ה וויל דא טאן איין נס אדער ער וויל ניט
מיר זאלין זיך מיט אים מתעסק זיין נאר דיא רייד מיט דעם גוויין אונ
דאס שרייען פון דעם קינד קען איך ניט סובל זיין וויא זייא זיצן אזו
הערין זייא איין קול וואס האט גיזאגט פיל זוכה בישטו רבי יוסי דיא
רייד פון דעם קליינעם ציקלע מיט זיינע טרערין זיינען ארויף גגאנגען
פאר דעם כסא המלך אונ האבן גימשפט דעם דין אונ הקדוש ברוך
הוא האט פאר אים מוסר גיוועזן דרייצעהען מענטשין צו דעם מלאך
המות אונ דיר האט מען מוסיף גיוועזן אויף דיין לעבין צווייא אונ
צוואנציג יאר ביז דא וועשט דיין גאנץ ציקעלע דאס ליבע קינד
ברייננן צו הקב"ה לערנען תורה אונ רבי אלעזר מיט דער חברייא
שטייען אויף אונ לאזין ניט קיין שום מענטשין שטיין אין שטוב מיד
תיכף האבן זייא דער זעהען אז דער עמוד אש האט זיך אפ ניטאן
אונ רבי יוסי האט געפינט זיינע אויגן אונ דאס קינד האט נאך גהאלטן
זיין מויל בהעפט צו זיין פאטערש מויל זאגט רבי אלעזר וואול
איז אונזער חלק וואס מיר האבן זוכה גיוועזן צו זעהן עין בעין תחית
המתים דינען זייא גיגאנגען צו אים אונ דאס קינד איז חליש גיבליבין
זאגין זייא צו אים וואול איז דיין חלק רבי יוסי בריך רחמנא גילויבט איז
השי"ת וואש ער האט אונז אזו איין נס גיטאן דורך דיא טרערין פון
דיין קליין קינד אונ מען האט דיר גימערט לעבידיגע יארין זיי האבן
גינומען דאש קינד אונ האבן אים גיקושט אונ האבן גיוויינט מחמת
גרויש שמחה זייא האבן דאס קינד ארין גינומען אין איין אנדער
הויז אונ האבן אים תיכף ניט גיזאגט אז דער פאטער איז לעבידיג
גיווארין דער נאך האבן זייא אים אויש גיזאגט אונ האבן זיך דארט
זייער גיפרייט דרייא טאג האבן זיי מיט דעם רבי יוסי מחדש גיוועזן
פיל חדושים אין דער תורה זאגט רבי יוסי מען האט מיר גיט גגעבין
קיין רשות מגלה זיין וואס איך האב גיזעהען אויף יענער וועלט ביז
נאך צוועלף יאר אבער דרייא הונדערט מיט פינף אונ זיבציג טרערין
וואס מיין קינד האט פאר גאסין זיינען אלע ארין גיגאנגען בחשבון
פאר דעם מלך הקדוש אונ דא שוור איך פאר אייך חברייא בשעת
מיין קינד האט אן גיהויבן דעם דאזיגן פסוק אונ האט גזאגט די רייד
זיינען דר ציטערט גיווארין צוויי הונדערט שטולין בישיבה של רקיע אונ
אלע זיינן גשטאנן פר דעם מלך הקדוש אונ האבן גבעטן אויף מיר איז
הקב"ה דר פילט גווארן מיט רחמנות אויף מיר אונ עס איז אים גפעלן
די רייד פון מיין קינד אונ וויא ער האט זיך מוסר נפש גיוועזן פון מיינט
וועגין אונ עס איז גישטאנען איין אפוטרופס אונ האט גזאגט רבונו של
עולם עס שטייט דאך מפי עוללים ויונקים יסדת עוז למען צורריך להשבית אויב ומתנקם
לאז אים בייא שטיין דער זכות פון זיין תורה אונ דער זכות פון זיין
קליין קינד וואס ער האט זיך אזו מוסר נפש גיוועזן פון זיין פאטערש
וועגין אזו האט הקב"ה גירופין צו דעם מלאך המות אונ האט אים
גיגעבין ערבות אנדערע דרייצעהען מענטשין אונ האט מיך ווידער
אום גיקערט אין דער וועלט ארין אויף צווייא אונ צוואנציג יאר אונ
הקב"ה האט גיזעהען אז איר זייט צדיקי אמת דרום איז דר נס גשעהן
פאר אייערע אויגן הייבט אן רבי יוסי צו זאגן עס שטייט ה' ממית
ומחיה מוריד שאול ויעל אין דעם פסוק דארף מען מסתכל זיין וויא אזו זאגט
ער ה' ממית איז דען הקב"ה ממית אמער זיין נאמען איז דאך איין לעבן
צו אלע אונ קיין מיתה גישיקט זיך ניט צו זאגן בייא אים וועשטו
וועלין זאגן ווייל אז הקב"ה איז מיט דעם מענטשין אזו קען דר מקטרג
אים ניט ממית זיין אונ אז הקב"ה טוט זיך אפ פון אים אזו קען דער
מקטרג צו טרעטין אונ ממית זיין עס איז ניט אזו נאר אזו איז דער
פשט ה' ממית הקב"ה איז ממית דיא טומאה מיט דער קליפה דען אז
דיא טומאה דער זעהט דאס לויטערקייט פון כבוד הקב"ה מיד תיכף
פאר דער שרעקעניש איז זיא מת פון דר וועלט אונ השי"ת איז תיכף
מחיה דעם רוח הקודש פון די מענטשין וואס ער קומט מצד הקדושה
אונ איז אים מקיים אין רעכטין שטאנד דאס אלץ טוט השי"ת אין איין
צייט דעם איז ער ממית אונ דעם איז ער מחיה מוריד שאול ויעל ער מאכט
נידערין דעם רוח הקודש אין גיהנם ארין וואס ער הייסט שאול דארט
ווערט ער גירייניקט אונ ברייננט אים ווידר ארויף אין ג"ע ארין אויף
דעם ארט וואו ער דארף אונ איר חברייא זאלט דאס ווישין אז בשעת
איך בין אוועק גיגאנגען פון דער וועלט איז מיין רוח ארויף גיגאנגען
אונ ביז השי"ת האט זיא ניט מחיה גיוועזן איז מיין גוף גוועזן גשטארבן
אונ בשעת מיין קינד האט אן גיהויבן צו ריידין איז אים די נשמה
אויש גיגאנגען אונ האט בגעגינט מיין נשמה וויא זיא איז ארויש
גיגאנגען פון דר טבילה פון דעם גיהנם אונ זיא איז ארין גיגאנגן אויף
אזו איין ארט וואו מען האט זיא דארט גמשפט אונ מען האט איר מוסיף
גיוועזן צווייא אונ צוואנציג יאר פון וועגן דיא רייד אונ דיא טרערין פון
מיין קינד פון היינט אן אונ ווייטער דארף איך עוסק זיין בתורה אזו
וויא איך האב גיזעהן דען ווייל איך האב אזעלכעש גיזעהן טאר איך
שוין ניט עוסק זיין אין דיא הבלי עולם ער הייבט אן עס שטייט יסור
יסרני יה ולמות לא נתנני דוד המלך האט דאס גיזאגט אז עס איז איבער
גיפארין אויף אים אלצדינג בעולם הזה דאש ער איז אנטלאפין אין
אפרעמד לאנד קיין ארץ פלשתים אונ פון אלימען האט אים השי"ת
גיהאלפין דרום זאגט דוד דוא האשט מיך גישטראפט אויף מיינע
זינד היינט בין איך שוין ריין דען איך האב מקבל גיוועזן מיין עונש
בעולם הזה ריין צו מאכין מיך בעולם הבא דרום זאגט ער יסור
יסרני יה דוא האשט מיך גישטראפט אויף דער וועלט ולמות לא נתנני דוא
האשט מיר ניט איבער גילאזט מיינע חטאים אויף נאך דעם טויט אזו
איך אויך השי"ת האט מיך ריין גמאכט אויף דער וועלט כדי איך זאל
ניט קומן בחרפה לעולם הבא:

פתח דאש קינד הייבט אן אבינו מת במדבר והוא לא היה בתוך העדה וגו' אבינו
מת איז דען זייער פאטער אליין גשטארבן אין דר מדבר עש זיינן
דאך גשטארבן כמה רבבות אלא כמה מענטשין קריגן אין דעם איינר
זאגט זייער פאטער איז גיוועזן איין מקושש עצים ער האט גיקליבן האלץ
אום שבת דרום איז ער גישטארבין דרום שטייט בחטאו מת אונ אטייל
זאגין אנדערש נאר דעם טאג וואס מיין פאטער איז קראנק גיווארין
האט ער מיך גילערינט אונ איך האב גיזעהען וואס איך האב גזעהן
דאש מיין פאטער האט מיר אן גיזאגט אז איך זאל עס ניט מגלה

זיין אלא זייער פאטער איז געוועזן צלפחד אגרוישער מאן פון דעם שבט יוסף אונ ווייל ער איז ע״כ געוועזן קיין גרוישער למדן דרום איז ער קיין נשיא ניט געוועזן אונ ער האט ניט געהיט זיין מול אנטקעגן משה צוא ריידין אויף אים דרום שטייט וימת עם רב מישראל ער איז קיין למדן ניט געוועזן נייערט איין רב משפחה אונ ווייל ער האט גירעט אנטקעגין משה זאגט ער מת במדבר דאס איז לשון דיבור ווייל ער האט גירעט אנטקעגין משה האבין דיא טעכטער גימיינט אז ער איז אים איין שוגג דרום האבין זייא געבראכט זייער רייד צוא משה מיט אלעזר מיט די נשיאים פון דאנען לערנען מיר אפ אז איינער פארכט זיך פאר איין דיין ער זאל אים ניט רעכט פסקנן זאל ער אויף אים מוסיף זיין נאך דיינים דען וועט ער זיך פארכטין פאר זייא צוא פאר קרימען דעם דין אבער זייא האבין ניט גוואושט אז משה איז אגרוישער עניו מכל אדם אונ אז משה האט געזעהן אז זייא זעצין דיא נשיאים צום דין האט ער זיך גאר אפ גיטאן דרום ויקרב משה את משפטן לפני ה׳ אבער אנדרע דיינים איז ניט אזוי חאטשע מען איז מוסיף אנדערע דיינים צוא זייא שיידין זייא זיך פארט ניט אפ דיא היישין עזי פנים זייא האבין ניט די ענוה פון משה וואול צו דעם חלק פון משה:

רבי אלעזר מיט דער חבריא פרייען זיך זייער זאגט רבי יוסי איך בעט אייך איר זאלט אים חס ושלום קיין עין הרע ניט געבין דען ער איז נאך ניט אלט קיין פינף יאר זאגט רבי אלעזר פארכט זיך חס ושלום ניט פאר אונזר עין הרע דען מיר קוקין אויף אים בעין טובה אונ דאש וואש דוא זאגשט פינף יאר דאס איז דיא פינף יאר אשר אין חריש וקציר ער זאל ניט פאר שניטן ווערין פון דער וועלט זאגט רבי אלעזר צוא רבי אבא מיר וועלין דא זיצין אלע זיבן טאג דען ביז זיבן טאג איז דאש בית נאך ניט מיושב דען ווייל בייא איטליכן וואש ער שטארבט גייט דיא נשמה אוועק אלע זיבן טאג פאר דעם טויט אונ איז ניט מיושב אויף איר ארט אונ היינט איז זיא ווידער אין גוף אריין גיגאנגין איז זיא נאך ניט רעכט מיושב אויף איר ארט זיבן טאג זאגט רבי אבא צוא אים מיר האבין דאך גילערנט פתוח תפתח את ידך לאחיך לעניך ולאביונך פון דעם לערנען מיר אפ אז זיין פריינט איז בילכער פון אפרעמדין דרום שטייט פריער לאחיך אונ דר נאך לעניך אונ דער נאך לאביונך אונ דיין שוועהר רבי יוסי בן לקוניא ליגט אויך שלאף לאמיר צוא אים גיין גומל חסד זיין זאגט רבי אלעזר וודאי איז רעכט אזוי נאר אז מיר וועלין צוא ריק גיין וועלין מיר זיך אום קערין אהער אונ די גאנצע צייט וואס מיר וועלן גיין אהין אונ אהער וועלין מיר אליץ זעהען תחיית המתים זייא קושין דעם ינוקא אונ בענטשין אים אונ גייען אוועק זאגט רבי אלעזר איך פאר וואונדער מיך אויף דיא קינדער פון דעם דור וויא שטארק איז זייער כח זאגט רבי אבא וואול צוא דעם חלק פון דעם סבא פון דעם דור דאס איז רבי שמעון דען אין זיינע צייטין וויל הקב״ה מתקן זיין דיא צווייא ישיבות אונ מאכין איין ישיבה גדולה עליונה וויא עס געהער צוא זיין דען עס וועט שוין אזוי איין דור ניט זיין ביז משיח וועט קומען:

## פרשת כי תבא

והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה׳ אלהיך נתן לך נחלה ווען דיא נשמה קומט ארויף אין איר לאנד וואס דאס איז דער עולם המנוחה ונחלה וארץ החיים של מעלה ולקחת מראשית כל פרי האדמה אשר תביא מארצך דאס זייגען די מעשים וואס זייא הייסין פרי צדיק עץ חיים אלע מעשים טובים וואס ער האט גיטאן אויף דער וועלט ברייננגט ער מיט זיך ושמת בטנא דאס איז ער באדארף מסדר זיין לערנען ומעשים טובים איידער ער שטארבט אונ זאמלט דאס איין בטנ״א דאס באטרעפט בכל״י ובאת אל הכהן דאס איז מיכאל כהן גדול וואס ער איז משמש למעלה אויף דעם מזבח של מעלה ער איז דרוף מקריב דיא נשמות הצדיקים ולקח הכהן נעמט מיכאל אים מיט זיינע מצות והניחו לפני מזבח ה׳ אלהיך וענית ואמרת ארמי אובד אבי דאס איז דער יצר הרע ער האט פאר לארין צוא אדם הראשון אונ דורך אים איז נגזר געווארין מיתה צוא אלע דורות וירד מצרימה דיא נשמה האט אראפ גינידערט אויף דער וועלט וואש עס זיינן פיל מצרים אונ מדיחים וואש זיי ריידן אן דעם מענטשין ער זאל זינדיגן ויגר שם במתי מעט דאש אין דער יוגינט האב איך קיין פיל מצות ניט גיהאט אבער דער נאך ויהי שם לגוי גדול עצום ורב גדול בתורה אונ גדול במצות ומעשים טובים אונ איבער דעם וירעו אותנו המצרים האבין זיך דיא משחיתים אויף אונז נאך מער גישטארקט דען דער וואש איז גרעשער האט ער אגרוישין יצר הרע ויתנו עלינו עבודה קשה מחמת דיא תאוות וואש דער גוף האט לוסט צוא זייא אז מיר האבין געזעהן אז דר יצר הרע שטארקט זיך אויף אונז ונצעק אל ה׳ האבין מיר גישריען צוא גאט ער זאל אונז העלפין וישמע ה׳ את קולנו האט אונז גאט געהאלפין ויוציאנו ממצרים ער האט אונז אויש גיצויגין פון דיא מצרים די בליידיגר אונ מסטינים דאש זיינען דיא פיר יסודות פון דעם גוף וואש זיי האבין לוסט צוא דיא תאוות עולם הזה אונ דאש איז איין צער פאר דער נשמה האט אונז הקב״ה אויש גילייזט פון זייא דרום זאגט ער פיר זאכין ביד חזקה ובזרוע נטויה ובאותות ובמופתים ובמורא גדול דאש איז גלוי שכינה דען איטליכער איידער ער שטארבט זעהט ער דיא שכינה אזוי וויא דער פסוק זאגט כי לא יראני האדם וחי אז ער לעבט קען ער ניט זעהען דיא שכינה אבער אז ער שטארבט זעהעט ער יוא ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת דאש איז ארץ החיים בעולם הבא וואש מיר האבין איצונד זוכה גוועזן ועתה הנה הבאתי וגו׳ ושמחת דוא וועשט זיך דארט משמח זיין מיט דעם גרוישין שכר וואש דוא וועשט דארטין זעהען אזוי וויא עש שטייט מה רב טובך אשר צפנת ליראך. ולביתך צוא דיין גוף דען אז דער גוף איז בטוח אין קבר וועשטו זיך משמח זיין מיט דעם גוף והלוי דאש איז דער יצר טוב והגר דאש איז דער יצר הרע דען דורך דעם יצר הרע איז ער דאש אליץ זוכה אונ האט אזוי אגרוישין שכר דרום זיינען זיך אלע מיט אים משמח אונ אין זוהר פרשת ויקהל שטייט רבי אבא זאגט עש שטייט ויאמר ה׳ לדג ווען האט הקב״ה גירעט מיט דעם פיש אלא בשעת ימי בראשית אין פינפטין טאג זיינען די פיש בשאפין גיווארין האט הקב״ה גיבאטין צום פיש איין צוא שלינגין צוא יונה אונ יונה זאל בייא אים זיין דרייא טאג אזוי אויך אלע נסים וואס הקב״ה האט גיטאן האט ער אליץ אויש גנומען בששת ימי בראשית איין תנאי אז עש זאל אין דער צייט געשעהען דער נס אונ אזוי אויך איז איין רמז פון דעם דג מיט יונה אויף דיא מעשים פון דיא לייט:

יונה וואש ער האט גינידערט אין דר שיף איז אליץ ארמז אויף דר נשמה זיא נידערט אויף דער וועלט אין גוף אריין אונ אז זיא ווערט בחברותא מיט דעם גוף הייסט זיא יונה גלייך וויא עש שטייט לא תונו איש את עמיתו דען גייט דער מענטש אויף דער וועלט אזוי וויא איין שיף גייט בים הגדול אונ ער בדיינקט זיך אז ער בדארף צוא בראכין ווערין

דרום הישט ער אניה דאש איז לשון קלאגין אזו וויא עש שטייט תאניה
ואניה אונ דער מענטש כל זמן ער איז אויף דער וועלט זינדיגט ער אונ
מיינט ער וועט ניצול ווערין אונ וועט אנטלויפין פון גאט ניצול צו ווערן
פאר זיינע עונשים אונ ער איז גאר ניט משגיח אויף יענער וועלט ער
זאל טאן מעשים טובים דען שטייט ויטל ה' רוח סערה על הים ער ווארפט
אויף אים אגזירה קשה וחזקה דען דער שטן שטייט פאר אים אונ
בגערט אלע מאל דין ומשפט אויף דיא חטאים ער מאכט שטורימן די
שיף ער איז מזכיר דיא חטאים פון דעם מענטשין צוא פאנגן אים אין
זיינע הענט ער איז אזו לאנג מקטרג ביז ער פאלט ארין אין זיינע
הענט דרום שטייט ויונה ירד אל ירכתי הספינה וישכב וירדם דיא נשמה נידרט
ארין אין דיא ניישין פון דעם גוף זיא האט שון קיין קיום ניט אין דעם
גוף אזו וויא פריער וישכב ער ווערט קראנק וירדם חאטשע ער ליגט שון
דער וועקט ער זיך פארט ניט ער זאל תשובה טאן שטייט ווייטר ויקרב
אליו רב החובל דער וועקט זיך צוא אים דער יצר טוב ער איז אזו וויא איין
שיף מייסטער וואש ער פירט דיא שיף אין רעכטין וועג אזו פירט דער
יצר טוב דעם מענטשין ויקרב אליו אונ גנעהענט צוא אים דען ביז אהער
האט ער אים מרחיק גוועזן אונ היינט איז ער זיך שון מקרב צוא אים
אונ זאגט אים מה לך נרדם וואש שלאפשטו דו אונ דער וועקשט זיך ניט
תשובה צוא טאן קום קרא אל אלהיך רוף צוא דיין גאט דען מען בריינגט
דיך אויף לדין אויף אלע דיינע מעשים וואש דוא האשט גטאן אויף דער
וועלט דרום דארפשטו תשובה טאן אויף דיינע זינד טאמער וועט
זיך הקב"ה איבער דיר דער בארימן ולא נאבד מיר ביידע דער יצר טוב
מיט דעם יצר הרע זאלן ניט פר לארין ווערין אזו וויא אויבין שטייט
צום ערשטין זאגן דיא צוא אים מה מלאכתך גדיינק נאר וואש פאר איין
מלאכות דוא האשט גטאן אויף דער וועלט מיט דיינע עבירות ומאין תבא
בדיינק זיך פון וואנען דוא קומשט ארויש פון איין טיפה סרוחה דרום
געהערשטו זיך מכניע זיין פאר דיין הארן אונ זאלשט זיך ניט האלטן
בגאוה אונ תשובה צוא טאן וועה נאר מה ארצך פון וואנען דוא בישט
בשאפין גווארין פון דער ערד דער נאך זאגט ער אים ואי מזה עם אתה
פון וואש פאר איין פאלק דוא קומשט ארויש אויב דוא האשט עפיס
זכות אבות זיא זאלין אויף דיר מגין זיין פאר דעם בית דין של מעלה
ויטל ה' רוח סערה על הים דאש מיינט מען דעם יצר הרע וואש ער
הישט רוח סערה ער זאל מקטרג זיין צוא טאן איין משפט אזו קומען
פיל מלמדי חוב אונ פיל מלמדי זכות אונ אז דער מענטש איז
ניט זוכה שטייט ויחתרו האנשים להשיב אל היבשה ולא יכולו דיא וואש
האבין מלמד זכות גיוועזן אויף אים אונ האבין גיוואלט אים ווידער
ברייגנען אל היבשה דאש הייסט דיא וועלט ער זאל בלייבין לעבין
ולא יכולו האבין זיא ניט גיקענט ווארום כי הים הולך וסוער עליהם דער גזר
דין שטארקט זיך זייער אויף אים אזו נידערין אראפ דרייא ממונים
שלוחים איינר שרייבט אויף אלע זיינע מצות ומעשים טובים אונ אלע
זיינע עבירות וואש ער האט גיטאן אויף דער וועלט אונ איינער מאכט
דעם חשבון פון זיינע טעג וויא פיל ער האט גילעבט אונ איינער וואס
איז מיט אים גיגאנגען במעי אמו אונ דער גזר דין ווערט גשטילט ביז
דער צייט וואס ער שטארבט וישאו את יונה מען טראגט אים ארויש פון
זיין שטוב אויף דעם בית הקברות איז ער איין צדיק רופט מען אויש
אויף אים ניט אפ כבוד צוא דעם גשטאלט פון דעם מלך יבא שלום ינוחו
על משכבותם לאז ער גיין אין גן עדן ארין איז ער אבער איין רשע רופט

מען אויש וויא צו דעם מענטשין עש זאלט אים בעסער גוועזן ער זאל
ניט גיוועזן גבארין ווערין דען עש שטייט ויטילו אל הים ויעמוד הים מזעפו אז
מען בריינגט אים אין קבר ארין וואש דארט איז דער מקום הדין
ווערט שוין דער רוח סערה גשטילט פון זיין צארן דער מיט וואש
ער האט אים גבראכט למיתה אונ דער קבר שלינגט אים איין וואש
שטייט ווייטער ויהי יונה במעי הדגה שלשה ימים דאש זיינן די ערשטע דרייא
טעג וואש דיא גידערים אין דער בויך ווערט אים צוא שפאלטין אונ דר
טינוף ווערט פאר קערט אויף זיין פנים אונ זאגט צוא אים נעם דיר צו
וואש דוא האשט אין מיר ארין גלייגט דוא האשט אלע טאג גיגעסין
אונ גטרונקן אונ צו קיין ארומאן האשטו ניט גגעבן אונ אלע דיינע טעג
זיינען גוועזן גלייך וויא ימים טובים אונ דיא עניים זיינען הונגריג גוועזן
דרום נעם דיר אפ וואש דוא האשט אין מיר גיגעבין אזו שטייט וזריתי
פרש על פניכם פרש חגיכם נאך דיא דרייא טעג איז מען דעם מענטשין דן
אויף זיינע אויגין מיט דיא הענט אונ דיא פיס ביז דרייסיג טאג איז מען
דן דעם גוף מיט דעם נפש בנאנד אזו וויא אונזרע חכמים האבין גיזאגט
איין משל פון איין בלינדן מיט איין הינקינדן וואש זיינן גוועזן שומרים
איז מען מרכיב דעם חיגר על הסומא אונ דרום אלע דרייסיג טאג
ווערט נאך דיא נשמה גפייגט אויף דער וועלט זיא גייט נאך ניט ארויף
צוא איר ארט אזו וויא איין אשה אז זיא איז ניט ריין טאר זיא ניט
צווישן מענטשין אזו אויך איז די נשמה אלע דרייסיג טאג דער נאך
גייט דיא נשמה ארויף אונ דער גוף ווערט פאר פוילט אין דער ערד ביז
דער צייט וואס הקב"ה וועט מחיה מתים זיין אונ עס וועט זיך דר וועקן
איין קול צווישן דיא קברים אונ וועט זאגן הקיצו ורננו שכני עפר כי טל
אורות טליך וארץ רפאים תפיל ווען וועט דאס זיין אז דער מלאך המות וועט
אפ גטאן ווערן פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט בלע המות לנצח
ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים וחרפת עמו יסיר מעל הארץ דען עס שטייט ויאמר
ה' לדג ויקיא את יונה אל היבשה דאס קול וועט זיך דר וועקין צווישן די קברים
אונ ער וועט זאגן צו דעם קבר וואס ער הייסט דג ער זאל אויס שפייען
דיא מתים אזו וועלן אלע קברים אויס שפייען זייערע מתים אזו וויא
דער פסוק זאגט וארץ רפאים תפיל דיא ערד וועט ארויס ווארפן פון זיך דיא
מתים וואס הייסן רפאים ווייל זייא זיינען מקבל איין רפואה אונ וועלן
גהיילט ווערן איין ביין מיט דעם אנדערין דרום הייסין זייא רפאים
אויב דוא וועסט פרעגן עס שטייט דאך בייא דיא רשעים רפאים בל יקומו
זייא וועלן ניט אויף שטיין נאר דר אמת דיא גאנצע וועלט וועלן גהיילט
ווערן דיא ביינר בבית הקברות נאר אטייל וועלן אויף שטיין אונ אטייל
וועלן בלייבן ליגין אויף זייא שטייט רפאים רפאים חאטשי זייא וועלן
גהיילט ווערן בל יקומו וועלין זייא פארט ניט אויף שטיין וואול איז דער
חלק פון דיא ישראל וואש בייא זייא שטייט נבלתי יקומון אונ אזו
וויא דער פיש וואש האט איין גישלונגען צוא יונה איז ער באלד
גיפייגערט אונ נאך דרייא טעג איז ער ווידער לעבעדיג גיווארין אונ
האט צוא יונה אויס גישפויגין אזו אויך דיא ערד הייסט איצונד מת
אונ לעתיד וועט זיא נאך געבין חיות צוא אנדערע אונ אזו אויך איז
ארץ ישראל אן גיברייט צום ערשטין זיך דער וועקין אויש ציהען
דיא מתים אונ דער נאך דיא ערד פון חוצה לארץ זיבין דינים
גייען איבער אויף דעם מענטשין בשעת אז ער גייט אוועק פון דער
וועלט איינש איז דער דין העליון בשעת אז דער רוח גייט ארויש
פון דעם גוף דער אנדערער דין בשעת זיינע רייד אונ זיינע מעשים

גייען פאר אים אונ רופין אויף אים אויש אזו וויא אויבין איז גישטאנען דער דריטער דין בשעת אז מען לייגט אים אריין אין קבר אריין דער פערטער איז חיבוט הקבר דער פינפטער אז דיא ווערים עסין זיין פלייש דער זעקסטער איז דינה של גיהנם דער זיבעטער דין איז אז דער רוח שוועבט ארום אויף דער וועלט אונ גיפינט ניט קיין מקום מנוחה ביז ער קומט אפ אויף זיינע מעשים דרום געהער איטליכער מענטש זעהן בודק זיין זיינע מעשים אונ זאל אויף זייא תשובה טאן פאר זיין הארין אונ אז דוד המלך האט גיזעהען דיא אלע דינים וואס קומען אויף דעם מענטשין האט ער זיך מקדים גיוועזן אונ זאגט ברכי נפשי את ה' מיין נפש לויב צוא השי"ת כל זמן דוא ביסט נאך אין דעם גוף איידער דוא גייסט ארויס פון דער וועלט וכל קרבי את שם קדשי דאס זיינען דיא אברים פון דעם גוף וואס זייא זיינען בשותפות מיט דעם רוח ווייל איר זייט נאך באנאנד זייט אייך מקדים צוא בענטשין דעם שם הקודש איידער עס קומט דיא צייט וואס איר וועט ניט קענען תשובה טאן אונ לויבין צוא השי"ת דרום שטייט ברכי נפשי את ה' הללויה אין זוהר חדש שטייט דיא חכמים האבין איין מאל גיפרעגט צוא רבי שמעון אויב צווישין דיא קללות פון משנה תורה איז פאר האנדין עפעס נחמות אדער עס איז צווישין זייא גאר ניט פאר האנדין קיין שום נחמות דען רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זון רבי אלעזר זיינען אנטלאפין גיווארין אי[illegible] מדבר אריין ווייל ער האט אויף זיך גיהאט איין בלבול זיינען זייא גיקומען אין איין היל אריין איז זייא גישעהען איין נס עס האט ארויס גישפראצט איין בויקסערין בוים מיט איין קוואל וואסער פון דעם האבין זייא גיהאט זייער עסין אונ טרינקען אונ אליהו פלעגט צוא זייא קומען צווייא מאל אין טאג אונ האט מיט זייא גילערינט אונ קיינער האט דער פון ניט גיוואוסט איין מאל האט זיך גיטראפין דיא חכמים פון דעם בית המדרש האבין זיך מפלפל גיוועזן אונ האבן גיזאגט אז דיא קללות פון פרשת בחוקותי זיינען אנטקעגין חורבן בית ראשון אונ דיא קללות פון משנה תורה זיינען אנטקעגין בית שני ווארום אין דיא ערשטע קללות שטייען גוטע הבטחות אונ דאס ליבשאפט פון הקב"ה צוא דיא ישראל אזו וויא עס שטייט וזכרתי את בריתי וגו' ואף גם זאת וגו' אונ אין די קללות פון משנה תורה שטייען גאר ניט קיין שום גוטע הבטחה אונ קיין שום נחמה שטייט דארטין ניט דער מאנט אזו וויא ביא דיא ערשטע קללות וואס באטייט דאס האט קיינער ניט גוואוסט דרויף צו זאגן קיין תירוץ שטייט אויף רבי יהודה בר אלעאי אונ זאגט מיר דארפין קלאגין וואס רבי שמעון בן יוחאי איז גימינערט גיווארין פון אונז דאס קיינער ווייסט ניט וואו ער איז אונ אפילו דער וואס ווייסט זיין ארט טאר ניט אויש זאגין וואו ער איז עס איז גיקומען דעם אנדערין טאג שטייט רבי יוסי פאר רבי יהודה האט ער גזעהן עופות פליהן אונ איין טוב איז זייא נאך גפלויגן אזו האט ער זיך גישטעלט אויף זיינע פיס אונ זאגט צו דר טויב יונה יונה דוא באגלייבטע דוא ביסט דאך גנאנגען אין שליחות פון נח בימי דור המבול אונ האסט בנאמנות גיטאן דיין שליחות אונ דיא כנסת ישראל זיינן אויך צו דיר גיגליכן עס איז שיין צוא דיר צו טאן שליחות דרום זאלסטו מיר אויך טאן מיין שליחות צוא גיין צוא רבי שמעון אונ מיר מודיע זיין וואו ער איז · אונ נעם דאס בריביל מיד תיכף איז זיא אראפ גנאנגען צוא אים אונ האט גינומען דאס בריביל אונ איז גקומען צוא רבי שמעון אין זיין היל אונ האט אים אפ גגעבין דאס בריביל · רבי שמעון לייענט עס אונ ער מיט זיין זון רבי אלעזר וויינן אונ זאגט איך וויין וואס איך בין אפ גישייד גיווארין פון די חכמים אונ ווידר וויין איך ווען זיי ווייסין דאס ניט וואס וועלן שוין טאן די דורות וואס וועלן זיין נאך אונז · דער ווייל איז גיקומען צוא זייא אליהו אונ זעהט וויא זיי וויינען זאגט ער איך בין אן גיברייט צו גיין אין אנאנדר שליחות נאר הקב"ה האט מיך גישיקט דיינע טרערין שטילן ער זאגט אוי רבי אוי רבי מען האט איצונד ניט בדארפט מגלה זיין די רייד צוא די צדיקים נייערט הקב"ה האט אזו גזאגט אונ גילערינט אין דיא ערשטע קללות שטייען צווייא אונ דרייסיג פסוקים אנטקעגין דיא ל"ב נתיבות פון דר תורה אונ אין דער אנדערר תוכחה שטייען דרייא אונ פופציג פסוקים אנטקגין די נ"ג פרשיות פון דר תורה · אין גלות בית ראשון האבין די ישראל עובר גוועזן דיא ל"ב שבילין וואס זיינן פאר הוילין אונ פאר בארגן דרום האט הקב"ה מגלה גוועזן זייערע עבירות אונ זייער קץ אבער דיא תוכחה פון משנה תורה איז אנטקעגין בית שני וואס דיא ישראל האבין עובר גיוועזן אויף די נ"ג פרשיות פון דער תורה וואש זיינען אנטפלעקט דרום איז זייער חטא פאר שטאפט אונ פאר הוילן גיווארין דרום שטייען ניט קיין נחמות טובות אזו וויא אין יענער תוכחה · דער ווייל איז גיקומען אווינט אונ האט צוא אליהו אפ גישייד פון רבי שמעון אונ אליהו איז ארויף גיגאנגען אין איין גלגל של אש אונ רבי שמעון בלייבט אליין אונ וויינט אונ וויל ארויש לויפין פון דער מערה דער ווייל קומט ווידער אליהו אונ זאגט שטייא אויף רבי שמעון וואול צוא דיין חלק דען הקב"ה באגערט אין דיין כבוד דוא ווערסט אין דער תוכחה אויך גיפינען נחמות אונ הבטחות · קום אונ זעה איין פאטר אז ער האט ליב זיין זון חאטשי ער שילט אים אדער ער שלאגט אים איז פארט זיין רחמנות אויף אים אזו אויך הקב"ה חאטשי ער האט זייא גישאלטין זיינן דאך פארט זיינע רייד פול מיט רחמנות זייא ווערין אן גיזעהען וויא עס איז דורך קללות אונ צום סוף זיינען זייא גרויסע טובות דיא קללות זיינען מיט רחמנות ניט אזו וויא ביא דער ערשטער תוכחה זיינן פיל דינים קשים אבר דא איז דין מיט רחמים · גלייך אזו וויא איין פאטער וואס ער איז זיך מרחם אויף זיין קינד אז ער וויל אים שלאגן אזו הייבט ער אויף דיא רצועה אין דער הויך אונ מאכט אגרוישין פחד אבער ער גיט אים קליינע שלעק מיט גרויס רחמנות אונ דיא גרעסטע קללה פון דער תוכחה איז גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת יעלם עליך עד השמדך יעלם איז לשון פאר הוילין הקדוש ברוך הוא וועט פאר הוילין פון דיר דיא קללות אונ וועט זייא מבטל זיין אין נוקבא דתהום רבא דארטין וואו אלע קללות רוען זייא זאלין ניט קענען ארויש אונ זייא וועלין דארטין זיין פאר בונדין אונ פאר דעקט עד השמדך מהם ביז ער וועט דיך פאר טיליגין פון זייא דאס זייא וועלין ניט זיין לעולם ולעולמי עולמים דען הקב"ה האט גישווארין ער זאל די ישראל ניט פאר דארבין אונ זייער גדעכעניש זאל בלייבין אייביג אזו וויא דר פסוק זאגט כן יעמד זרעכם ושמכם אונ אויך שטייט חי אני אם ימדו שמים ממעל אונ ווייל השי"ת האט גישווארין אז ער וועט זייא ניט פאר דארבין דרום וועלין אלע מכות אונ חלאים פאר בארגין זיין אלע קללות וועלן פאר דארבין ווערין פון דער וועלט דרום לאזט זיך אויש והשיבך ה' מצרים באניות בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה והתמכרתם שם לאויביך

לעבדים ולשפחות ואין קונה דאס זיינען אלע הבטחות אונ נחמות וואש הקב"ה האט אן גיברייט צוא טאן צו דיא ישראל והשיבך ה' מצרים באניות דאס זיינען דיא הבטחות צוא טאן ניסים ונפלאות אונ אזו וויא עס איז גיוועזן גרויש שמחה אונ שירה אזו וועט ווידער זיין אונ אלץ היינגט אן אין תשובה אזו וויא דער פסוק זאגט למען תשכילו את כל אשר תעשון וועד עס האט איין הארץ זאל ער ווישין אונ פאר שטיין תשובה צוא טאן צוא זיין הערין זאגט רבי שמעון אין דער תוכחה איז אנטפלעקט גיווארן די גאולה פון ישראל אונ וואו מען מיינט עס איז אגרויסע קללה איז דארטן גאר אברכה והיו חייך תלואים לך מנגד ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך פלומר דוא וועסט דיר אליין ניט גלויבין אין דיין לעבין עס וועט דיר איין ספק זיין אויף דיין לעבין מחמת מורא אבער עס וועט דיר גאר ניט שאטין אונ דיין לעבין וועט ארעכט באשטאנד האבין דאס האט אלץ רבי שמעון פאר נאכט אויף גישריבין אונ האט דאס בריביל גיגעבין אין דעם מויל פון דער טויב דען זיא האט אלץ גיווארט דרויף אונ זיא איז ווידער גיקומען פאר רבי יוסי זאגט ער דוא יונה דוא בישט תמיד אשליח נאמן ער לייענט אויף איר ותבא אליו היונה לעת ערב והנה עלה זית טרף בפיה ער האט גינומען דאס בריביל אונ איז גיקומען צוא דיא חכמים אונ ווייזט דאס זיא פאר וואונדרין זיך זייער דרויף רבי יהודה וויינט אונ זאגט חאטשי מיר זיינען ניט בייא אים טוען מיר זיך פארט מתעורר זיין פון אים אונ לערנען פון אים זכאה איז דאס נפש פון רבי שמעון בן יוחאי דאס הקב"ה טוט אים ניסים אונ ער איז גוזר אונ הקב"ה איז מקיים אונ לעתיד וועט ער זיין דער ראש פון דיא צדיקים וואס וועלין זיין אין גן עדן אונ וועלין מקבל זיין פני השכינה אונ וועלין זעהען הקב"ה אונ וועלין זיך משתעשע זיין מיט אים אונ רבי שמעון וועט צוא זיא זאגין באו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו :

## פרשת נצבים

אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלהיכם וגו' רעיא מהימנא בחודש השביע באחד לחודש דיא מצוה איז מען זאל בלאזין שופר אום ראש השנה דען ער איז איין יום הדין אזו וויא מיר האבין מפורש גיוועזן תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו דאס איז דיא לבנה איז פאר דעקט אונ דיא מקטריגים שטארקין זיך אונ דר מקטרג פאר שליסט אלע טירין בייא דעם מלך מען זאל טאן דין ומשפט אויף דיא מענטשין דען ער האט אים דרויף רשות גיגעבין ער זאל פעדערין אלע דינים פון דער וועלט אונ האט אים אפ גיגעבין איין טאג ער זאל ברייננגען אלע עבירות פון דיא לייט אונ הקב"ה האט דאס גיטאן כדי דיא וועלט זאל מורא האבין פאר אים אונ דאס איז והאלהים עשה שיראו מלפניו דען דיא מענטשין זאלין פאר גאט קיין מורא ניט האבין פאר דעם עונש אז דער מקטרג זאל ניט ברייננגען אלע עבירות וואלטין זייא אלע שלעכץ גיטאן דרום זאגט ער והאלהים עשה גאט האט באשאפין דעם יצר הרע דעם מקטרג כדי שייראו מלפניו מען זאל זיך פאר אים פארכטין אונ הקדוש ברוך הוא האט אים אן גיגרייט מיט איין שארפע שווערד אויף דער וועלט אזו וויא איין שר האט בייא זיך איין תליין וואס ער טוט איין דין אויף דיא לייט אזו אויך איז ער ממית אונ שטראפט זייא אזו וויא דער דין גייט ארויש מלמעלה אונ ער האט רשות מזכיר צוא זיין דער האט אזו גיטאן אונ דער אזו אונ ער האט רשות צוא שליסין דיא טירין למעלה ביז מען וועט אים טאן איין דין ומשפט למעלה אונ דאש בית דין האט ניט קיין רשות אים דוחה צוא זיין דען עש שטייט כי ה' אוהב משפט ער וויל אז דיא וועלט זאל שטיין בדין אונ מען זאל ווישין אז עש איז דא איין דין אונ איין דיין אויף דער וועלט אונ אום ראש השנה האט ער רשות צוא פאר שליסן דיא טירין פון דעם מלך אונ דיא לבנה ווערט פאר דעקט איינוויינג ביז עש ווערט נגזר דער דין אויף דער גאנצער וועלט חאטשע עש איז אלטין אנטפלעקט פאר הקב"ה פון דעסט וועגין בגערט ער אז עש זאל אלץ זיין על פי דין דרום האט ער מתקן גיוועזן איין כסא דין דעם טאג אונ דער מקטרג קומט אונ בגערט דין אויף די מעשה בני אדם איטליכין זיינע מעשים וואס ער האט גיטאן אונ עס קומען עדות אונ זאגין אלע מעשים פון דעם מענטשין אונ זייא הייסין עיני ה' משוטטת בכל הארץ דיא מלאכים שוועבין אויף דר גאנצער וועלט אונ זעהן אלע מעשה בני אדם ווייא צוא דיא לייט דען זייא זעהן ניט אז דיא עיני ה' שטייען בייא זייא אונ זעהן אלץ אונ זאגין דאס אויבין אונ דר מקטרג בגערט מען זאל טאן איין משפט אונ זאגט דער האט אזו גיטאן אונ דר האט אזו גטאן אונ זייא זאגין אים עדות אונ כל זמן הקב"ה פרעגט זייא ניט זאגין זייא ניט קיין עדות אונ וואש זייא זאגין ווערט אלץ פר שריבין פאר דעם מלך עס איז פאר האנדין אויבן איין היכל וואס ער איז פול מיט ווייס פייער עס איז דאך אלץ מתגלגל אונ פלאמט מיט פונקין פייער עס הערט קיין מאל ניט אויף אין דעם היכל איז ווידער פאר האנדין איין היכל מיט שווארץ פייער אונ פאר דעם מלך שטייען בשעת הדין צווייא שרייבערס בשעת דיא עדות זאגין עדות נעמען זייא פון דעם ווייש פייער אונ שרייבן דרויף מיט שווארץ פייער אונ דער מלך הקדוש לייגט אפ דעם משפט אויף איין שפעטערער צייט טאמער וועט ער דער וייל טאן תשובה טוט ער תשובה צוא רייסט מען דעם גזר דין אונ אויב חלילה ער טוט קיין תשובה ניט אונ דער מלמד חוב שטייט אלץ פר דעם מלך מקטרג זיין דען גייט ארויש איין כרוז אונ רופט פב"פ האט דאס אונ דאש גיטאן וועד עס האט עפס אויף אים איין זכות זאל קומען אונ זאגן איז דא איין מלמד זכות אויף אים איז גוט אונ אז ניט גיט מען תיכף דעם גזר דין צו דעם מקטרג דעם שטן אין די הענט אריין אונ חאטשע הקב"ה ווייסט דאך אלצדינג פון דעסט וועגין טוט ער דיא אלע זאכין כדי דער מענטש זאל ניט האבין קיין פתחון פה אז הקב"ה טוט חס ושלום איין אום רעכטן משפט אויב דוא וועסט פרעגין פון וואנען ווייסין מיר די אלע זאכין זאג איך דיר עס איז אזו נמסר גיווארין צו דיא חכמים אונ אפילו וועלכער מענטש עס ווייסט דאס ניט זאל ער זעהן וויא אזו עס פירט זיך בנגלה בבית דין של מטה אזו אויך פירט זיך למעלה במקום הנסתר דען הקב"ה האט אלץ בשאפין אויף דער וועלט למטה אין דעם גישטאלט וויא עס איז אויבן אונ הקב"ה האט ליב משפט אזו וויא עס שטייט אני ה' אוהב משפט דאך איז דיא אהבה מנצח דעם משפט דען די אהבה פון זיינע קינדר איז גרעשער וויא דיא אהבה פון דעם משפט נאר וייל דער מקטרג קומט אונ בגערט משפט אויף זייא דארפין דיא אלע זאכן גיטאן ווערן אונ דרום האם הקב"ה גיהייסין דיא ישראל זייא זאלין שופר בלאזין אום ראש השנה מען זאל מיט דעם קול פון אונטין דער וועקין דעם רחמים למעלה :

בזוהר בלק שטייט דער פסוק וישא עיניו וירא את הנשים ואת הילדים ויאמר מי אלה לך איז גזאגט גיווארין בסוד החכמה עס גייט אויף יום כפור דאס דיא גאנצע וועלט שטייט בדין פאר הקב"ה ער זאל זייא פאר געבין זייערע עבירות אונ דער ס"מ דער מקטרג שטייט אנצוקלאגן צוא פאר ליהן זייא איבער זייערע עבירות אזו שיקן זייא אים איין מתנה דעם שעיר המשתלח דרום זאגט יעקב אכפרה פניו במנחה ההולכת לפניו אונ אז ער איז שוין מקבל דיא מתנה הייבט ער אויף זיינע אויגן אונ זעהט אלע ישראל שטייען אונ פאסטן זייא גייען אן שיך דיא ווייבער מיט דיא קינדער פיינגן זיך אונ פאסטן אויך אונ זיינען זיך אין דעם טאג זייער מטהר פרעגט ער מי אלה לך ווי גהער דאס צו אייך קליינע קינדער איר האט דאך ניט גיזינדיגט אזו וויא דיא גרוישע פאר וואש פייניגט איר זיך ויאמר ענטפערט אים דער רוח הקודש אשר חנן אלהים את עבדך דען דיא קליינע קינדער וואס זייא האבין ניט גיזינדיגט האט זייא הקב"ה מוסר גיוועהן צוא דעם ממונה וואס ער ברייגגט זייא אום פון דר וועלט מיט אסכרה אן איין שום עבירה אזו וויא עס שטייט ומיד עושקיהם כח דרום זאגט ער אים דאש זיינען די קליינע קינדער וואס הקב"ה האט גילייט זעליגט צוא דיין קנעכט דעם ממונה ער זאל זייא צוא נעמן פאר דער צייט וויא ער דער הערט דיא רייד גייט ער ארויף פאר הקב"ה אונ זאגט רבש"ע אלע דיינע וועגן זיינען דאך דין אונ אמת חאטשע דער דין רוט אויף דיא ישראל וואס האבין גיזינדיגט דיא קליינע קינדער זייא האבן דאך פאר דיר גאר ניט גיזינדיגט פאר וואס האשטו זייא מוסר גיוועהן למיתה אן איין שום עבירה אזו פאר נעמט הקב"ה זיינע רייד אונ איז זיך מרחם אויף זייא אונ דער מקטרג איז דאך מתקנא אין זיין ממונה וואס איז אונטער אים אונ זאגט מיר גיט הקב"ה גרוישע מענטשין וואס האבין שוין גיזינדגט אונ דוא האשט איין שליטה אפילו אויף דיא קליינע קינדער וואס האבין נאך קיין שום עבירה ניט גיטאן בישטו דען גרעשער פון מיר מיד תיכף וויל ער זייא אויס ציהן פון זיין האנט ער זאל איבער זייא קיין ממשלה ניט האבין דרום איז זיך דער רוח הקודש מקדים אונ זאגט אים הילדים אשר חנן אלהים את עבדך דיין קנעכט זאל האבן אזו איין גרוישע ממשלה ער דארף ניט בעסר זיין פון דיר אונ בשעת דיא תפלות קומען אין דעם טאג פאר הקב"ה אזו וויא עס שטייט והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים אזו לאנג מאכין זייא זיך קליין ביז זייא קומען עד גשתו עד אחיו דאס זיי גייען אריין למדת הרחמים דאש איז דער אור וואש לייכט ביום הכפורים דען איז דער רחמים שולט אונ איז מכפר זייערע זינד דרום שטייט כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם וגו׳ :

רבי אלעזר מיט דער חבריא זיינען גיגאנגען אין וועג אונ עס איז גיוועזן זייער איין הייסר טאג דיא זון האט זייער גיברענט דער ווייל זיינן זייא גיקומען צו איין פעלד זעהן זייא אז דאס פעלד איז פול מיט שיינע קרייטעכער אונ זייער ריינע וואשער אויף אלע זייטן מיט פיל ביימר האבין זייא זיך דארט אנידער גיזעצט זאגט רבי אלעזר וואס פאר איין שיין ארט דאס איז עס איז גוט אויף דעם ארט זיך אפ צוא רוען וויא זייא זיצין אזו קומט איין גרוישער שלאנג מיט שטארק כח אונ לויפט דורך פאר זיי וויא רבי אלעזר האט אים דער זעהן זאגט ער צוא דעם שלאנג דוא נחש קער אפ פון דיין וועג דען דער מענטש האט שוין גיטאן תשובה אונ האט חרטה אויף זיין עבירה וואס ער האט גיטאן ער ווערט שוין ווייטער דאס ניט טאן האבין זיך דיא חבריא זייער פאר

וואונדערט פרעגט אים רבי אבא וואש איז דאש זאגט רבי אלעזר שווייגט איר שטיל זאגט ער נאך איין מאל נחש נחש נאך דעם אז מען האט דיר גיגעבין רשות אויף דעם מענטשין האט ער חרטה גיהאט אונ האט אויף זיך מקבל גיוועזן אז ער ווערט דאס שוין קיין מאל ניט טאן דיא עבירה דרום קער זיך אפ פון דיין וועג אזו איז דער שלאנג גבליבן שטיין אין זיין שטאנד אונ האט זיך ניט אוועק גיקערט פון זיין ארט וויא רבי אלעזר האט דאש גזעהן זאגט ער נחש נחש איך וייש חאול וואס דוא ווילשט גייא אוועק פון דיין וועג דא איז פאר האנדין איין רשע וואס ער האט גיטאן שלעכץ ער שלאפט ביא דער הייל גייא צו אים אונ זייא אים ממית מיד תיכף איז דער נחש צוא ריק גיגאנגען אונ שפרינגט אונ לויפט פאר זייא זאגט רבי אלעזר ווען איך זאל מיך דא ניט גיוועזן בטראכטין וואלט דער שלאנג גיוועזן גיטאן פיל שלעכץ דען איין יהודי האט איין מאל גיטאן איין עבירה אונ האט תיכף חרטה גיהאט אונ איידער ער האט גיטאן תשובה האט מען פון אויבין גיגעבן רשות צוא דעם שלאנג ער זאל אים הרגנן דער ווייל האט דר מענטש גטאן תשובה אויף דר עבירה אונ האט אויף זיך מקבל גוועזן ער זאל שוין דיא עבירה ווייטער ניט טאן אונ דרום איז ער ניצול גווארן זאגין דיא חבריא צוא אים וויא אזו האשטו דאס אלץ גיוואושט זאגט רבי אלעזר מיין פאטער רבי שמעון האט מיר מוסר גוועזן איין סימן אונ דורך דעם סימן האב איך זאלין דאש פר שטאנן זאגן זיי צו אים אלץ איז רעכט אבער וויא אזו האשטו גיוואושט אז דר מענטש האט שוין תשובה גטאן זאגט רבי אלעזר דען בשעת דר שלאנג איז גלאפין מיט גרויש איילניש אונ מיט גרויש רוגז איז איין רוח פר אים גילאפין אונ האט גירופין דעם שלאנג אונ זאגט קער זיך אום פון דיין וועג דען דר מענטש האט שוין תשובה גיטאן אונ דער נחש הרע האט ניט גוואלט הערין ווייל מען האט אים שוין אפ גיגעבין אין דער האנט צוא טאן וואש ער וויל ביז מען זאל אים געבין איין אנדרן מענטשן אויף זיין ארט דען ווייל דער מענטש איז שוין חייב מיתה גווארין דורך אים חאטשע ער האט שוין תשובה גטאן מוז דר שלאנג טאן זיין שליחות דען אזו איז דער סדר פון דעם צד הטומאה דער נחש עליון ונחש תחתון אז מען גיט זייא רשות אויף עפס איין זאך קערט ער זיך צוא ריק ניט אום ביז ער טוט זיין דין הרע וואס מען האט אים רשות גגעבן אדער מען גיט אים איין אנדערין אויף דעם מענטשינש ארט נפש תחת נפש איין רשע פאר דעם אנדערין זאגין זייא צוא אים וויא אזו האשטו גיוואושט אז דער רשע ליגט דארט אויף דעם ארט לעבין דר הייל זאגט רבי אלעזר בשעת דער רוח איז גיגאנגען נאך דעם שלאנג זיא זאל זיך אום קערין צוא ריק האט ער אזו אויש גירופין דען דער מענטש האט חרטה גיהאט אויף זיין עבירה אונ האט תשובה גיטאן אונ דער רשע איז אן גיברייט אויף דעם ארט מען זאל אים הרגנן פר דעם מענטשין זאגט רבי אלעזר צוא דער חבריא קומט וועלן מיר גיין זעהען ציא דער נחש האט גיטאן זיין שליחות זיינען זייא אויף גישטאנען אונ גינעהענן צו איין שטיין זעהן זייא איין רשע ליגט גהרגנת אונ דער שלאנג האט זיך פריער ארום גיוויקילט אויף דעם האלז דער נאך איז ער ארויף אויף זיינע פים אונ האט זיך פון אים ניט אפ גישייד אונ זיי האבין ביי אים גיפונען איין ביי נארטיל מיט רענדליך וואס ער האט אוועק גיגזילת פון איינעם אונ האט אים נאך גישלאגן זאגט אבי אלעזר גלויבט איז השם יתברך וואס ער האט פיל שלוחים

צוא שטראפן האבן זיא זיך ווידער אום גיקערט אויף זייער ארט אין
דעם פעלד אריין וואו זיא זיינען פריער גיזעסין :
פתח רבי אלעזר הייבט אן צו זאגן עס שטייט אין פסוק מאשר יקרת בעיני
נכבדת ואני אהבתיך ואתן אדם תחתיך ולאומים תחת נפשך ווארום שטייט
מאשר יקרת איז משמע דוא האשט זיך אליין גימאכט טייער אין מיינע
אויגין עס וואלט גידארפט שטיין מאשר יקר דוא בישט ממילא טייער
אין מיינע אויגין נאר דאס גייט אויף דעם מענטשין וואס ער זינדיגט
פאר הקב"ה ער פר מיאוסט זיך אין זיינע אויגין אונ ווערט פר שעמט ·
דר נאך אז ער טוט תשובה אזו ווערט ער אליין פון זיך זעלברט זייער
טייער אונ השי"ת זאגט אויף אים מאשר יקרת בעיני דוא האשט זיך אליין
טייער גימאכט אויף מיינע אויגין נכבדת ואני אהבתיך דרום טוא איך דיך
ערליך האלטין אונ האב דיך ליב דען עס איז ניט דא אזו איין אהבה
פון הקב"ה וויא ער האט ליב צוא דעם וואש ער האט פריער חרפה
גיהאט אונ דער נאך האט ער תשובה גיטאן אבער וואש זאל איך
טאן איידער דוא האשט תשובה גיטאן האב איך גיגעבין רשות צוא
דעם נחש של מעלה ער זאל טאן אין דיר איין דין נאר דאש איז
די עצה האטשע איך האב אים שוין גגעבן רשות ואתן אדם תחתיך דאש
מיינט מען דעם אדם של מעלה ס"מ וואש ער הייסט אדם בליעל וואש
פון אים קומט למטה דער נחש התחתון צוא טאן איר שליחות ולאומים
תחת נפשך וועל איך געבין פאר דיר · אזו וויא זיא זיצן קומט דער
מענטש וואש דער רשע האט אים גישלאגין אונ האט אים באגזילת
אונ האט ביא אים צוא גינומן דעם ביא גארטיל געלט אונ ער
קומט נאר מיד מחמת דעם לויפן אונ מחמת גרויש היץ גייט ער
אין פעלד אונ זעצט זיך אונטער איין בויב אונ בעט צוא הקב"ה אונ
איז אויף זיך מצדיק דעם דין אונ זאגט רבונו של עולם איך האב
ניט קיין צער פון מיינט וועגין אונ פון מיין גוף וועגין אונ בין
מיך ניט מצער וועגין מיין געלט דען אלץ וואש דוא האשט מיר
גיטאן איז אלץ בדין נאר עש איז מיר שלעכט וועגן מיין אלטין
פאטער אונ מוטער מיט וואש וועל איך זיא מפרנס זיין איבער
אלימן איז מיר שלעכט עש איז צווישן די געלט גיוועזן איין ביטל מיט
געלט פון איין ארימאן ער האט בדארפט דער מיט חתונה מאכין זיין
ארימע טאכטער וואש וועל איך היינט טאן אויף דעם טוט מיר ווייא
מיין הארץ ער זיצט אונ וויינט אונ זאגט משפטי ה' אמת צדקו יחדיו דיא
דינים אונ משפטים פון גאט זיינען אמת בשעת הקב"ה וויל טאן איין
דין שטייען כמה מלאכים פון דער זייט אונ פון דער זייט פון הקב"ה
אונ זיא האבין איין וויכוח איינער מיט דעם אנדרן פאר הקב"ה ביז
זיא זיינען אלע מסכים אין דעם דין דרום איז משפטי ה' אמת ווען איז
דאס אמת אז צדקו יחדו אז דאש בית דין של מעלה האבין אויך מצדיק
גיוועזן דרום רבונו של עולם אויף דעם אלימן ווין איך ניט נייערט אויף
דעם געלט פון דעם עני אונ אויף מיין פאטר אונ מוטער אז רבי אלעזר
מיט דר חבריא האבין דאש גהערט אזו גייען זיא צוא אים אונ נעמן
אים אן אז ער זאל צוא זיא גיין זאגט רבי אלעזר צוא אים פארכט דיך
ניט דוא צדיק אמת ווען דוא וואלסט ניט זיין קיין רעכטער צדיק וואלט
דיר הקב"ה ניט גיטאן אזו איין נס צום ערשטן נעם אפ דיין געלט אונ
דער נאך גייא אונ זעה וואש פאר איין נס האט הקב"ה צוא דיר גטאן
פון דיינט וועגין ער גייט מיט זיא אהין אונ זעהט וויא דער גזלן ליגט

אונ דער נחש־טוט אלץ אזו וויא פריער ער גייט פון איין ארט אויף
דעם אנדערן ער פאר שפרייט זיך פאר זיא אויף דער ערד אונ לויבט
צוא הקב"ה אונ שטייט אויף אונ קושט דיא הענט פון רבי אלעזר מיט
דער חבריא אונ זאגט צוא זיא היינט ווייש איך אז הקב"ה האט מיר
דעם נס גטאן אין אייער זכות רבנן אונ וועגין מיין אלטע פאטער אונ
מוטער אונ עפינט אויף דעם ביא גארטיל אונ ווייזט זיא דאש בינדל
געלט פון דעם ארימאן אונ ווייזט זיא די שלעק אונ וואונדין וואס דער
רשע האט גימאכט אים האט רבי אלעזר אויף אים מתפלל גיוועזן איז
ער באלד גיהיילט גוואורין זיא גייען ווידער צוא דעם רשע אונ זעהען
דער נחש טוט אלץ אזו וויא פריער זאגט רבי אלעזר נחש נחש אלץ
וואש דוא האשט גטאן האשטו שיין אונ רעכט גיטאן אונ האסט גיוויזן
דיין כח וגבורה דער מיט אונ האסט אין אים אגרוישע נקמה גיטאן
אזו וויא מיר האבין שוין גיזעהען דרייא מאל אבער פון היינט אונ
ווייטער גייא אונ פאר בארג זיך אין דיין הייל אונ איך בין אויף דיר
גוזר אז דוא זאלשט שוין ווייטער ניט מזיק זיין די לייט אויף דר וועלט
אזו האט זיך דער נחש אפ גישייד אונ האט אראפ גיבויגין זיין קאפ
אונ איז אוועק גיגאנגען זאגט רבי אלעזר צוא דעם יהודי קום אונ
זעה נאך פון דיין שונא דען ער האט נאך איין ביטיל מיט רענדליך
ביא זיך נעם דאס צוא אבער זיינע קליידער לאז אים אונ נעם
זיא ניט אונ גייא צוא דעם אונ דעם מענטשין אונ אויף דעם ארט
וועסטו אים גיפינען אונ זיין ווייב איז אים גישטארבין גייא צוא אים
אונ גיב אים אפ דעם ביטיל מיט געלט דען דער מענטש האט איין
זון ער הייסט שמעון ער איז גיגאנגען מיט סחורה אויף דעם ים האט
דער זון פון דעם גזלן וואס ער איז אויך גיוועזן אין דער שיף ביא אים
דאס געלט צוא גינומען אונ האט עס אפ גיגעבין צוא זיין פאטער
דעם רשע דרום גיב דאס אפ צוא זיין פאטר ער זאל דאס האלטן ביז
זיין זון וועט קומען וועט ער לויבין צוא הקב"ה וואס ער האט אים אום
גיקערט דיא אבידה אזו האט דר יהודה גיטאן ער האט גינומען דעם
ביטיל געלט אונ בוקט זיך פאר רבי אלעזר אונ קושט אים זיינע
הענט די חבריא פאר וואונדרין זיך זייער זאגט רבי אבא אלץ וואס
מיר האבין גיזעהען אין דעם וועג איז פיל וואונדער אונ אצונד
איז נאך מער תמיה על תמיה וויא אזו האסטו גיוואוסט מיט דעם ביטיל
געלט וועמעש ער איז זאגט רבי אלעזר דיא זאך איז ניט בסימן אונ
ניט בחכמה נאר מכח מיין רוח ונשמה האב איך דאס גוואוסט אונ איך
האב דאס גיזעהען גליך וויא איך וואלט עס מיט מיינע אויגין רעכט
גיזעהען זיא פאר וואונדערין זיך זייער זיא גייען אלע אונ דר יהודי
אויך מיט זיא ביז זיא קומען צוא זיין שווער זיא גיפינען אים אז
ער איז עוסק בתורה ער בענטשט צוא רבי אלעזר מיט דער חבריא
אונ זיינען זייער פרייליך ער הייבט אן רפאני ה' וארפא וואס שטייט נאך
וארפא אלא אלע רפואות פון דר וועלט זיינען ביד הקב"ה נאר אטייל
זיינען איבער גיענטפערט ביד שליח ממילא דיא רפואות זיינען אויך
וואל נאר צוא צייטין קומען ווידער דיא שלאפקייט אבער דיא רפואה
וואס הקב"ה היילט דיא רפואה בלייבט אויף אייביג דען זיין רפואה
איז ארעכטע רפואה דרום זאגט ער רפאני ה' וארפא ווען דוא גאט וועסט
מיך היילין בין איך רעכט גיהיילט עס וועט שוין קיין מאל ניט קומן
דאס שלאפקייט אבער אצונד איר חבריא הקב"ה אליין האט מיך
גהיילט

גהיילט ער האט זיך אליין מיט מיר מתעסק גיוועזן אונ זיי דר ציילין
אים דיא גאנצע מעשה ער וויינט אונ איז זיך משמח אונ זאגט
גרוישע סודות :

# פרשת וילך

ויאמר ה׳ אל משה הן קרבו ימיך למות׳ תאנא מיר האבין גלערינט רבי יהודה
זאגט וויא צו דער וועלט וואש זייא זעהען ניט אונ הערין ניט
אונ זיינען ניט מסתכל אונ ווייסן ניט דען אלע טאג ווערט גהערט
איין כרוז אין צוויא הונדערט מיט פופציג וועלטין ובשעת אז דיא
טעג פון דעם מענטשין ווערין גינעהענט אז ער זאל שטארבין דער
טאג היישט יום ה׳ צוא ווידער קערין זיין רוח צוא אים זכאין זיינען דיא
צדיקים דען הקב״ה בגערט זיין רוח ווידר צו זיך מקבל זיין דען בשעה
וואש הקב״ה וויל ווידער צו זיך מקבל זיין דעם רוח איז ער איין זכאי
שטייט והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה איז ער ניט קיין זכאי וויא צוא
דעם זעלבינגן רוח דען ער מוז גוואשן ווערין אין פייער פון דעם גיהנם
ער זאל דארט גרייניקט ווערין אונ זאל זיך דער נאך קענען בהעפטן
אין הקב״ה ווערט ער דארטין אויך נאך ניט מתוקן אזו וויא עס שטייט
ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע איז דער רוח זוכה איז אים אן גיברייט
כמה טובות לעולם הבא אזו וויא עס שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך
זאגט רבי יוסי אז די טעג פון דעם טויט גינעהען אזו פריער דרייסיג
טאג איז מען מכריז אויף דער וועלט אונ אפילו דיא פויגל פון דעם
הימיל רופין אויש אז ער וועט שטארבן איז ער איין צדיק רופט מען
אויש פריער דרייסיג טעג אין גן עדן אזו וויא מיר האבין גילערינט
אלע דרייסיג טעג גייט די נשמה פון אים ארויש אונ זעהט איר ארט
אין גן עדן אונ דער מענטש ווייסט ניט אונ איז ניט שולט אויף זיין
נשמה אזו וויא ביז אהער אזו וויא דער פסוק זאגט אין אדם שליט ברוח
לכלוא את הרוח זאגט רבי יהודה אז עס הויבין זיך אן דיא דרייסיג טעג
אזו ווערט דר צלם פון דער נשמה פאר פינצטערט אונ זיין גישטאלט
ווערט פאר מיטן :

רבי יצחק איז גיזעסין איין טאג אויף דער טיר פון רבי יהודה אונ איז
גיוועזן זייער טרויעריג ׳ רבי יהודה גייט ארויש אונ זעהט וויא ער
זיצט פאר דער טיר זייער טרויעריג מיין וויא תמיד פרעגט ער אים
וואס איז דאס זאגט רבי יצחק איך בין גיקומען צוא דיר איך באגער
פון דיר דריי זאכין איינש אז דוא וועסט זאגין דברי תורה אונ וועסט
דער מאנען דיא רייד וואס איך האב גיזאגט זאלסטו זייא זאגין פון
מיינט וועגין אונ דאס אנדערע דוא זאלשט מזכה זיין מיין זון יוסף
בתורה דוא זאלשט מיט אים לערנען אונ דאס דריטע דוא זאלסט
גיין אויף מיין קבר זיבין טאג אונ זאלשט אויף מיר מתפלל זיין זאגט
רבי יהודה צוא אים פון וואנען ווייסטו אז דוא וועסט שטארבין
זאגט רבי יצחק מיין נשמה ווערט פון מיר אפ גיטאן אלע נאכט אונ
לייכט מיר ניט בחלום אזו וויא תמיד אונ ווידער תמיד אז איך בין
מתפלל אונ גרייך צו שומע תפלה זעה איך אויף דר וואנט מיין צל אונ
היינט זעה איך ניט דען איין כרוז רופט אויש אך בצלם יתהלך איש כל
זמן דער צלם איז נאך אויף דעם מענטשין אזו גייט ער ארום אויף דר
וועלט אונ דער רוח האלט זיך אין אים אבער אז דער מענטש דארף
אוועק גיין פון דער וועלט אזו גייט פריער דער צלם פון אים אוועק
זאגט רבי יהודה פון דעם פסוק איז אויך אזו גידרונגען עס שטייט כי
צל ימינו עלי ארץ זאגט רבי יהודה איך וועל דיר דאס אלץ צוא
ליב טאן נאר איך באגער פון דיר אז דוא זאלשט מיר אויף יענער
וועלט אויש קלייבין איין ארט לעבין דיר אזו וויא מיר זיינען אויף
דער וועלט איינש לעבין אנדערין האט רבי יצחק אן גיהויבין צוא
וויינען אונ זאגט איך בעט דיך שייד זיך ניט אפ פון מיר עטליכע טעג
זיינען זייא ביידע גגאנגען צוא רבי שמעון אונ האבן אים גיפונען אז ער
איז עוסק בתורה האט רבי שמעון אויף גיהייבין זיינע אויגין האט
ער גיזעהען וויא דער מלאך המות לויפט אונ שפרינגט פאר אים
איז רבי שמעון אויף גישטאנען אונ נעמט אים אן מיט זיין האנט אונ
זאגט איך בין גוזר ווער עס איז גיוויינטליך צוא מיר ארײן גיין זאל
אצונד אויך ארײן גיין אונ ווער עס איז ניט גיוויינטליך ארײן צוא
קומען צוא מיר זאל אצונד אויך ניט ארײן גיין איז רבי יצחק מיט
רבי יהודה ארײן גיגאנגען אונ דער מלאך המות איז גיבליבין שטיין
אויף דער גאס האט רבי שמעון גיזעהען אז עס האט נאך ניט
גיגרייכט דיא צייט נייערט ערשט אכט שעה אויף דעם טאג איז דיא
צייט ער זאל שטארבן האט אים רבי שמעון אנידר גזעצט פר זיך אונ
לערינט מיט אים תורה אונ זאגט צו זיין זון רבי אלעזר זעץ זיך אנידר
אויף דר טיר אונ וועמן דו וועסט זעהן זאלסטו מיט אים ניט ריידן אונ
וועןאיינר וועט וועלן ארײן גיין זאלסטו אים בשווערן ער זאל ניט ארײן
גיין זאגט רבי שמעון צו רבי יצחק האשטו היינט גזעהן דאש גשטאלט
פון דיין פאטער דען מיר האבין גילערינט אז עש קומט דיא צייט פון
דעם מענטשן ער זאל שטארבן אזו ווערט בייא אים גפונען זיין פאטר
מיט זיינע קרובים אונ ער דער קענט זייא אונ אלע דיא וואש וועלן
זיין אויף יענער וועלט מיט אים אין איין חדר ומדריגה ווייזן זייא זיך
אלע פאר אים אונ זאמלען זיך איין אונ גייען מיט זיין נשמה ביז זיא
קומט אויף דעם ארט וואש עש איז ראוי צוא איר זאגט רבי יצחק איך
האב נאך קיינעם ניט גזעהן אין דעם שטייט אויף רבי שמעון אונ זאגט
רבונו של עולם רבי יצחק איז צוא אונז דער קענט אונ איז פון דיא
שבעה עינים דאש זיינען דיא זיבן חברים וואש זיינען גיוועזן אין דער
אידרא אונ איך האב אים צוא מיר מקרב גוועזן בעט איך דיר ער זאל
בלייבן לעבין דער ווייל איז ארויש גיגאנגען איין קול אונ זאגט דאש
ליכט פון דעם האר דאש מיינט מען דיא נשמה פון רבי יצחק האט
גינעהענט אונטר דיא פליגל פון רבי שמעון ער איז שוין בייא דיר אין
דער האנט ער זאל זיין מיט דיר אויף דער וועלט אונ דוא זאלשט אים
מיט זיך ברייננן לעולם הבא אין דער צייט אז דוא וועשט קומען צוא
רוען אויף דיין ארט זאגט רבי שמעון בוודאי זאל אזו זיין דער ווייל
האט רבי אלעזר גיזעהען וויא דער מלאך המות איז אוועק גנאנגען
אונ זאגט דארט וואו רבי שמעון איז שכיח האט דער ממונה פון דעם
טויט קיין שליטה ניט איין עונש צוא טאן זאגט רבי שמעון צו זיין זון
רבי אלעזר גייא ארײן אונ האלט אן אין רבי יצחק דען איך זעה
אין אים אז ער פארכט זיך זייער איז רבי אלעזר ארײן גיגאנגען אונ
האט אים צוא גיהאלטין אונ רבי שמעון האט אום גיקערט זיין פנים
אונ איז עוסק בתורה דער ווייל איז רבי יצחק אנטשלאפין גיווארין
זעהט ער וויא זיין פאטער קומט צוא אים אונ זאגט מיין קינד וואל
איז דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא דען דו זיצט צווישן די בלעטר

פון

פון דעם עץ החיים אין גן עדן וואס ער איז אגרוישער אונ אשטארקער בוים אויף ביידע וועלטן דאס איז דער היליגער רבי שמעון וואס ער האלט דיך אין זיינע צווייגין. זאגט ער צו זיין פאטר וויא אזו בין איך חשוב אויף יענער וועלט זאגט ער צוא אים עס איז שוין דריי טאג וואס מען ראמט אויס אז מען גרייט אן איין חדר פון דיינט וועגין אונ דיא פענצטער זיינן דארטן אפין דיר צו לייכטן פון אלע פיר זייטין פון דר וועלט איך האב דאס ארט גיזעהען אונ האב מיך זייער משמח גיוועזן אונ האב גיזאגט וואל איז דיין חלק מיין קינד נאר דאס איז זייער ניט גוט וואס דיין קינד האט נאך ניט זוכה גיוועזן צוא לערנען תורה אבער אצונד זיינען אן גיברייט עס זאלין קומען צוא דיר צוועלף צדיקים פון דער חבריא אונ בשעת מיר זיינען ארויש גיגאנגען האט זיך דער חעסט איין קול אין אלע וועלטן אונ זאגט וועלכער פון אייך חבריא וואס עס איז גיקריינט גיווארן זאל זיך אום קערן אויף זיין ארט דען פון וועגין רבי שמעון וואס ער האט גיבעטין איין גיבעט אונ עס איז אים גיגעבין גיווארין זיין בקשה אונ ניט דאס אליין נאר עס ווערט גיקריינט זיבעציג עטר פון זיינט וועגין אונ איטליכעש ארט איז גיעפינט [illegible] אונ פון דארטן ווערין זיי גיעפינט צוא הקב"ה אונ אזעלכע אורחות וואס האבין קיין סוף ניט וואס זייא זיינען פאר הילין אונ באהאלטין וואס דוד המלך האט אויף זייא גבעטין לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו דען זיין מדריגה איז אויך דארטן גיוועזן זאגט רבי יצחק צוא זיין פאטער וויא לאנג האב איך נאך צוא לעבין אויף דער וועלט זאגט אים דער פאטער מיר האבין קיין רשות ניט צוא זאגין נאר דאס חייש איך אז אויף דער גרוישער שמחה וואס עס איז אן גיברייט אין גן עדן צוא רבי שמעון אויף דער שמחה וועסטו גרייטין דיא טישין אזו זיא עס שטייט צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו דער ווייל האט זיך רבי יצחק אויף גיכאפט אונ לאכט אונ זיין פנים שוט זייער לייכטן האט רבי שמעון דאס דער זעהן זאגט ער צו אים דוא האסט בוודאי געהערט אנייע זאך זאגט רבי יצחק עס איז בוודאי אזו אונ האט אים דר ציילט וואס זיין פאטר האט אים גיזאגט:

תאנא מיר האבן גילערינט פון דעם טאג אונ ווייטער האט רבי יצחק גיהאלטן זיין זון לעבין זיך אונ האט זיך אליין מיט אים גימיט אין דער תורה אונ אז ער איז גיקומען פאר רבי שמעון האט ער אים גלאזט שטיין אין דרויסן אונ איז אליין אריין גיגאנגען אונ איז פאר אים גיזעסין אונ האט גילייענט דעם פסוק וואס חזקיה המלך האט גיזאגט ה' עשקה לי ערבני השית האט מיך פאר צוקט אונ האט מיך מציל גיוועזן פון דעם מלאך המות:

תאנא מיר האבין גילערינט אז עס קומט דעם טאג וואש דער מענטש דארף שטארבין אזו שטייען בדין דיא פיר זייטין פון דער וועלט דען דער מענטש האט פון אלע פיר זייטין פיר יסודות מים אש רוח עפר שטייען זייא אונ דער וועקן דיא דינים פון אלע פיר זייטין פון דער וועלט אונ דיא פיר יסודות קריגין זיך דען זייא דארפין זיך צוא שיידין אונ איטליכער וויל זיך אן שיידין צו זיין ארט אונ איין כרוז ווערט גיהערט אין צוויא הונדערט אונ צוועציג וועלטין אונ רופט אויס איז ער איין צדיק פרייען זיך אלע וועלטין אונ קומען אים אנטקעגין אונ אז ניט איז וויא צו דעם מענטשין וויא צוא זיין חלק:

תאנא מיר האבין גילערינט אין דער צייט אז דער כרוז גייט אונ רופט אויש אזו גייט ארויס איין פלאם פייער לצד צפון ואונ גייט אונ ברענט אין נהר דינור אונ פאר שפרייט זיך אין אלע פיר זייטין פון דער וועלט אונ פאר ברענט דיא נשמות פון דיא רשעים דער פלאם גייט ארויף אונ נידערט אראפ אונ גרייכט אונטער דיא פליגיל פון איין שווארצין האן אונ קלאפט אים אזו הייבט אן דער האן צוא שרייען דרייא מאל. דאש ערשטע מאל שרייט ער דעם פסוק הנה יום בא בוער כתנור דאס אנדערע מאל שרייט ער דעם פסוק כי הנה יוצר הרים וגו' ומגיד לאדם מה שיחו. אין דער צייט זיצט דער מענטש אונ גיט אפ דין וחשבון אויף זיינע מעשים ער זאגט אליין עדות אונ איז מודה אויף אלדינג. דאס דריטע מאל שרייט ער דעם פסוק מי לא יראך מלך הגוים כי לך יאתה זאגט רבי יוסי פאר וואס דווקא איין שווארצר האן זאגט רבי יהודה אלדינג וואס הקב"ה האט בשאפין אויף דער וועלט איז אלץ מרומז אויף גרויש חכמה אזו וויא דער פסוק זאגט מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית אונ ווייל זייא זיינען בשאפין גיווארין מיט חכמה דרום ווייזין זייא אויף גרויש חכמה אזו אויך בשעת דער משפט דעם וועקט זיך אויף דעם מענטשין אזו קרייט תיכף דער האן אונ קיינער ווייסט ניט נאר דער מענטש אליין וואס ליגט שלאף דען מיר האבין גילערינט בשעת דער מענטש ליגט שלאף אונ דער משפט דער וועקט זיך אויף אים ער זאל אוועק גיין פון דער וועלט אזו דער וועקט זיך אויף אים איין רוח עליון וואס עס איז בייא אים ניט גיוועזן ווייל זיין לעבין ער זעהט היינט מער וויא תמיד אונ אז ער זעהט אים גייט ער ערשט אוועק פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט תוסף רוחם יגועון ואל עפרם ישובון אויך שטייט כי לא יראני האדם וחי כל זמן אז ער לעבט קען ער ניט זעהען דיא שכינה אבער אז ער דארף שטארבין איז ער זוכה צוא זעהען דיא שכינה אויך זעהט ער זיינע קרובים מיט זיין גאנצר חברייא פון יענער וועלט אונ ער דער קענט זייא אלע אין דעם גישטאלט וויא זייא זיינען גיוועזן אויף דער וועלט. איז דער מענטש זוכה זיינען זייא זיך מיט אים משמח אונ זיינען אים מקדים בשלום איז ער חלילה ניט זוכה קומען צוא אים רשעים וואס מען איז זייא אלע טאג מטריד בגיהנם אונ זיינען אלע טרויעריג זייא הייבין אן מיט דעם ווארט וויי אונ לאזין דער מיט אויש ער הייבט אויף זיינע אויגין אונ זעהט איין פלאם פייער גייט ארויס אזו הייבט ער אן צוא שרייען וויי אונ בשעת דיא נשמה גייט ארויס פון דעם מענטשין אזו גייען אלע קרובים אונ דיא חברייא פון יענעם עולם מיט זיין נשמה אונ ווייזין אים דאס ארט פון עונג אונ דאס ארט פון עונש אז ער איז איין צדיק זעהט ער זיין ארט אונ גייט ארויף אונ איז זיך דארטין מתענג מיט דעם גרויסין תענוג פון עולם הבא אונ אז ער איז ניט זוכה בלייבט זיין נשמה אויף דער וועלט ביז דער גוף ווערט פאר בארגין אין דער ערד דער נאך קומן כמה בעלי דינים אונ מלאכי חבלה אונ נעמען דיא נשמה אונ ברייננגען זיא צום מלאך דומה אונ ער ברייננט דיא נשמה אין גיהנם זאגט רבי יהודה דיא ערשטע זיבין טעג גייט דיא נשמה פון דעם קבר צום הויז אונ פון דעם הויז צום קבר אונ קלאגט אויף דעם גוף אזו וויא דער פסוק זאגט. אך בשרו

עליו יכאב ונפשו עליו תאבל זיא זיצט אין שטוב אונ זעהט וויא אלע טרויערין אונ קלאגין · נאך זיבין טעג איז דער גוף וואו ער איז אונ דיא נשמה גייט ארויף אונ זיא גייט אריין אין דער מערת המכפלה אונ זעהט וואס זיא זעהט אונ גייט ארויף ביז זיא קומט צום גן עדן אונ קומט צוא דיא כרובים אונ צוא דעם להט החרב המתהפכת פון דעם גן עדן של מטה איז זיא זוכה גייט זיא אריין זאגט רבי חייא וואש מיינט דער פסוק בלע המות לנצח זאגט רבי יוסי ווען הקב"ה ווערט דער וועקין זיין ימין ווערט אפ גיטאן ווערין דער טויט פון דער וועלט אונ דער ימין ווערט זיך ניט דער וועקין ביז דיא ישראל וועלין זיך דער וועקין מיט דער תורה שבכתב וואס זיא איז דער ימין פון הקדוש ברוך הוא אזו וויא עס שטייט מימינו אש דת למו באותו זמן ווערט מקוים ווערין ימין ה' עושה חיל לא אמות כי אחיה וגו':

תאנא מיר האבין גילערינט דער צדיק וואס הקב"ה בגערט אין אים גייט ארויש דרייסיג טעג פריער איין כרוז אין גן עדן צווישין דיא צדיקים אונ אלע זיינען זיך משמח אונ אלע צדיקים קרוינען דאס ארט וואש עש איז צוא אים אן גיברייט ביז ער קומט אהין איז ער איין רשע אזו רופט אויס איין כרוז אין גיהנם דרייסיג טעג אונ אלע רשעים זיינן טרויעריג אונ אלע שרייען וויא דען עס דר וועקט זיך ערשט פון זיינט ווענין איין נייער דין אין גיהנם וויא צוא דעם רשע דען גמול ידיו ישלם לו דיא מעשים פון זיינע הענט צאלין אים וויא צוא דעם רשע דען ער מאכט זיך אליין פאר איין רע דען אלע גייען ארויף פון דעם גיהינם אונ ער איז ניט עולה אז ער איז אזו איין רשע אז ער ווערט שוין אן גירופין רע ניט רשע איוב דוא ווערסט פרעגין עס איז דאך דא אזעלכע רשעים וואס הרגינין לייט: קום אונ זעה אלע גייען אויף פון דעם גיהנם דען זייא זיינען ניט ממית זייערע קינדער אבער דער רע איז ממית זיינע קינדער בייא אנדערע רשעים שטייט ניט וירע בעיני ה' אשר עשה אזו וויא בייא דעם חטא דרום שטייט ושחת ארצה ווייל ער האט משחית זרעו גיוועזן זאגט רבי יהודה עס איז ניט דא קיין שום עבירה אויף דער וועלט עס זאל ניט האבין קיין תשובה נייערט דער חטא אונ עס איז ניט דא קיין שום רשע וואס ער זעהט ניט פאר זיין טויט דיא שכינה נאר דער ובפרשת נח זאגט רבי שמעון ער מוז טאן גרויס תשובה זכאין זיינען דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ דאס מיינט מען דעם ארץ החיים וואש דיא צדיקים וועלין יירשנן בעולם הבא זאגט רבי יהודה אזו וויא עס שטייט אתהלך לפני ה' בארצות החיים דאס איז דיא ארצות וואש דער פון שפראצין אלע תענוגים אונ חיים בעולם הזה ובעולם הבא ובזוהר חדש פרשת נח זאגט ער דרום הייסט דאס ארצות דאש איז לשון רצון דען דער ווילין פון צדיקים איז תמיד דער צוא דאס דארטין איז דאס איביג לעבין דרום הייסט דאס ארצות החיים רבי יהודה הייבט אן החרשים שמעו והעורים הביטו לראות החרשים שמעו דאס זיינען דיא לייט וואס ווילין ניט פאר נעמען קיין דברי תורה אונ עפענען ניט זייערע אויערין צוא הערין דיא גיבאט פון זייער הערין והעורים דאס זיינען דיא מענטשין וואס זייאו זעהען ניט אויף וואש זייא האבין איין קיום דען אלע טאג גייט ארויש איין כרוז אונ שרייט אונ קיינער קערט זיך ניט דער צוא דען מיר האבין גילערינט דעם טאג וואש דער מענטש באדארף שטארבין שטייען אלע טעג אין זייער שטאנד זייא שוועבין אויף דער וועלט אונ זיינען מזהיר דעם מענטשין אונ אז ער זינדיגט אזו גייט דער טאג ארויף אונ זאגט עדות וואש ער האט גיטאן אונ ער שטייט אין דרויסין אזו לאנג ביז ער טוט תשובה איז דער מענטש זוכה קומט דער טאג אויף זיין ארט אונ אז ער איז ניט זוכה אזו נידערט דער טאג אראפ אונ איז מתקן דעם דמות פון דעם מענטשין צוא שלעכין טאן צוא אים אונ וואונט מיט אים אין זיין הויז · איז ער זוכה איז זייער וואוננג זייער גוט אונ אז ער איז ניט זוכה איז זייער וואוננג קרע חס ושלום: אונ אלע טעג ווערין גיציילט אונ דיא טעג קומען ניט אריין אין חשבון וויא צוא דעם מענטשין וואש ער מינערט דיא טעג פון דעם מלך הקדוש אונ האט זייא ניט גילאזט גיקרוינט ווערין לעולם הבא אונ גינעהענען צום מלך הקדוש · קום אונ זעה אז דיא טעג גינעהענען פאר דעם מלך הקדוש בשעת אז דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט אזו ווערין דיא טעג איין לבוש יקר צוא דער נשמה אבער אז עס איז דא טעג וואס ער האט אין זייא גיזינדיגט אזו איז וויא צוא אים דען זיין לבוש איז חסר אונ עס איז ניט אין גאנצין ומכל שכן אז ער האט פיל עונות אזו ווערט ער ניט האבין צוא זיין נשמה קיין מלבוש אויף יענער וועלט וויא צוא זיין נשמה מען איז אים דן אין גיהנם כפל אויף זיינע טעג וואס ער האט חסר גימאכט זכאין זיינען דיא צדיקים לעולם הבא מיר האבין גילערינט עס שטייט וידעו כי ערומים הם זייא האבין ממש גיוואוסט דען זייער לבוש חשוב ויקר פון דיא טעג איז גימינערט גיווארין דען איין טאג איז אפ גיגאנגען פון זייא אזו וויא עס שטייט גלמי ראו עיניך ועל ספרך כולם יכתבו ימים יוצרו ולא אחד בהם נאר איין טאג איז אפ גיגאנגען ביז אדם הראשון האט תשובה גיטאן האט אים הקב"ה מקבל גיוועזן אונ האט אים גימאכט אנדרע מלבושים יקרים אונ ניט פון דיא טעג אזו וויא עס שטייט ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם אבער אברהם האט זוכה גיוועזן צוא אלע דען בייא אים שטייט ואברהם זקן בא בימים אז ער איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט האט ער זיך אין דיא טעג אן גיקלייד דרום שטייט בא בימים ער איז גיקומען מיט אלע טעג לעולם הבא · וויא עס שטייט בייא איוב ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה דאס עס איז אים קיין מלבוש ניט איבער גיבליבין ער זאל ווערין דרינען אן גיקלייד:

תניא מיר האבין גילערינט זכאין זיינען דיא צדיקים דאש זייערע טעג זיינען זכאי אונ בלייבין לעולם הבא זכאי אונ פון זייערע טעג ווערט איין לבוש יקר אונ מיט דעם לבוש זיינען זייא אן גיברייט אויף צוא שטיין לתחיית המתים אזו וויא עש שטייט ויתיצבו כמו לבוש ווייא צוא דיא רשעים דען זייערע טעג זיינען חסר אונ זייא האבין זיך ניט מיט וואש צוא דעקין זיך לעולם הבא:

תאנא מיר האבין גילערינט אלע דיא וואש ווערין אן גיקלייד מיט זייערע טעג דיא ווערין גיקריינט מיט דער קרוין פון די אבות פון דעם טייך וואש גייט ארויש פון דעם עדן אזו וויא עש שטייט ועצמותיך יחליץ והיית כגן רוה וכמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו דאש איז דער נהר וואש גייט ארויש פון דעם עדן העליון אונ דיא רשעים וואש זיינען

זיינען ניט זוכה אן גיקלייד צוא ווערין אין דעם מלבוש פון דיא טעג שטייט אויף זייא והיה כערער בערבה וגו' זאגט רבי יצחק זכאה איז דער חלק פון יעקב דאס ער איז פאר זיבערט גיוועזן אן גיקלייד צוא ווערין מיט דעם קלייד פון דיא אבות אזו וויא עס שטייט ושכבתי עם אבותי זאגט רבי יהודה עס שטייט וירח את ריח בגדיו ויברכהו ווארום שטייט בגדיו עס איז דאך פאר ניט גיוועזן זיינע קליידער עס איז דאך גיוועזן בגדי עשו אלא בגדיו מיינט מען דיא קליידער פון עולם הבא דרום שטייט ראה ריח בני כריח שדה שדה מיינט מען עולם הבא דרום זאגט יצחק אז דוא האשט זוכה גיוועזן צוא אזעלכע מלבושים וועל איך דיך בענטשין דרום שטייט ויברכהו ויתן לך האלהים מטל השמים דאס איז דאש ארט וואס שטייט אויבן דרויף גרוישע סודות די מדריגה פון משה וואש די אבות ווערן דר מיט גיקרוינט דאס איז אלץ וייל ער האט גשמעקט זיינע קליידער פון זיינע טעג לעולם הבא :

תאנא מיר האבין גילערינט טויזנט מיט פינף הונדערט רוחות גייען אלע טאג ארויס פון דעם גן עדן דאס דר מיט ווערין גיקרוינט דיא טייערע לבושים פון דיא טעג פון דיא מענטשין זאגט רבי יהודה וויפיל קליידער האט דער מענטש אויף יענם עולם זאגט רבי אלעזר עס זיינען דרייא מלבושים איינש קלייד זיך אן דער רוח וואס ער איז בגן עדן התחתון אונ איינש איין טייערש וואש דיא נשמה קלייד זיך אן בתוך צרור החיים אונ איין לבוש וואס שטייט אין דרויסין וואס דער נפש טוט זיך אן אונ שוועבט אויף דער וועלט אונ אלע ראש חודש ושבת איז ער זיך מתחבר מיט דעם רוח וואס ער איז אין גן עדן התחתון מיט דעם ריח בשמים פון דעם גן עדן אונ פון דארטין גייען זייא ביידע אונ ווערן מקושר מיט דער נשמה וואס זיא איז בצרור החיים וואול צוא דעם חלק פון דיא צדיקים :

## פרשת האזינו

האזינו השמים רבי חייא הייבט אן זכאה איז דער חלק פון משה מער פון אלע קוים אונ זעה ישעיה הנביא האט גזאגט שמעו שמים והאזיני ארץ דרום וייל ער איז גיוועזן ווייט פון דעם מלך האט ער גיזאגט צוא דעם הימיל שמעו הער צוא פון ווייטין אבער משה רבינו איז גיוועזן נאהונט האט ער גיזאגט האזינו פאר נעמט :

תאנא בשעת ישעיה האט גיזאגט שמעו שמים זיינען גיקומען מלאכים בעלי דינים אונ האבין אום גיוואלט צוא שפאלטין זיין קאפ עס איז ארויס גיגאנגען איין קול ווער וויל שטורעמן דיא וועלט ביז ער האט גיזאגט איך זאג דאס ניט נאר כי פי ה' דבר השי"ת האט אזו גיזאגט אבער ביי משה שטייט האזינו השמים ואדברה איך וועל ריידין ניט קיין אנדערער אונ איך וועל היידין אן מורא ותשמע הארץ אמרי פי דיא ערד זאל הערין דיא ריידין פון מיין מויל אונ ניט פון קיין אנדערין וואול צוא זיין חלק כי שם ה' אקרא ער האט מגלה גיוועזן דעם שם ה' פון דאנען לערנען מיר אפ וועלכער וואס ער ווייסט דיא חכמה עליונה אז דער טאג קומט ער זאל שטארבין דארף ער מגלה זיין דיא חכמה צוא דיא וואס זיינען בעלי רוח הקודש מיר לערנען דאס אפ פון משה רבינו ער זאגט ועתה כתבו לכם את השירה הזאת אונ אז ער וויל ניט מגלה זיין שטייט אויף אים אל תמנע טוב מבעליו דוא זאלשט ניט פאר מיידין דיא תורה וואס זיא הייסט טוב פון זיין האר בהיות לאל ידך לעשות

אײדער דוא ווערשט אפ גיטאן פון דער וועלט :

זכור ימות עולם וגו' שאל אביך ויגדך פרעג צוא השי"ת וועט ער דיר זאגין ימצאהו בארץ מדבר ובתהו יליל ישימון פון דער וויסטעניש דאש הייסט פון דיא קליפות ארוים תרח אבי אברהם ואבי נחור ואקח את אביכם את אברהם וגו' אונ ער האט זייא אליין גיפירט אונ האט זיך ניט אפ גישייד אונ פירט זייא מיט רחמים כנשר יעיר קנו וויא איין אדלער איז איין רחמן אויף זיינע קינדער דרום זאגט ער ה' בדד ינחנו ואין עמו וגו' ער אליין פירט זייא אזו וויא משה האט גיזאגט אם אין פניך הולכים אל תעלינו מזה אויך שטייט כי יעקב בחר לו יה ישראל לסגולתו אונ ווידער שטייט כי לא יטוש ה' את עמו בעבור שמו הגדול ער פאר לאזט זייא ניט וייל זייא זיינען מקושר אין זיין גרוישין נאמען דרום לאזט ער זייא ניט אפ פון זיך וואו זייא זיינען איז ער אויך מיט זייא ימצאהו בארץ מדבר ובתהו יליל ישימון דיא קריינק וואס ווערין גיפונען אויף אים ער איז גלייך וויא דר מלך האט גהייסן איינם שטראפן אויב דו וועסט זאגן וייל הקב"ה האט אים גשטראפט דארף מען אים שוין ניט העלפין דער פון עש איז ניט אזו דוד המלך האט גיזאגט אשרי משכיל אל דל ווער איז דער דל דער וואש ליגט שלאף אונ איינער איז איין רופא נאמן אונ איז זיך משתדל אים צוא העלפין אזו בענטשט אים השי"ת אונ אז דער רופא גיפינט אים בארץ מדבר איז זיין שלאפקייט ובתהו יליל ישימון דען דורך דער קריינק ווערט ער פאר וויסט פון אלדינג וואש זאל דער רופא טאן יסובבנהו זאל ער אים ממציא זיין טובות אונ רפואות ער זאל קענען אים היילין דיא קריינק יבוננהו ער מוז גוט פאר שטיין וואש פאר איין קריינק דאש איז דען אז ער פאר שטייט ניט דיא קריינק וויא אזו קען ער אים טאן איין רפואה אונ ער זאל זעהען אז דיא קריינק זאל זיך ניט שטארקין אויף אים וויא דען יצרנהו כאישון עינו ער זאל אים היטן צוא געבין אזעלכע רפואות וואש ער דארף ער זאל זיך ניט טועה זיין ווארום אז ער איז זיך חס ושלום טועה אונ דער מענטש שטארבט רעכינט אים הקב"ה גלייך וויא ער וואלט אים ממית גיוועזן דען השי"ת איז דן דעם מענטשין הן אויף טויט אונ הן אויף עונש ער זאל האבין יסורים אונ זאל אן ווערן פיל געלט דורך דעם אזו ווערט ער שלאף אונ קען ניט גיהיילט ווערין ביז עש קאסט אים דיא קריינק וויא פיל עש איז אויף אים נגזר גיווארין אונ אז עש ווערט נגזר ער זאל שטארבין ער זאל אפילו אוועק געבין דאש גאנצע געלט פון דער וועלט קען ער דער פון ניט פטור ווערין דרום דארף דער רופא חכם זיך משתדל זיין אין אים בטראכטין אים אויב ער קען אים היילין זיין גוף איז גוט אונ אז ניט זאל ער אים היילין דיא נשמה זאגט רבי אלעזר מיר האט גיזאגט איין טייעא דאש הייסט איין סוחר אז ער האט גיהערט פון זיין פאטער אז אין זיינע צייטין איז גיוועזן איין רופא אז ער האט נאר דער זעהען איין חולה האט ער שוין דער קענט ווער עש וועט לעבין אונ ווער עס וועט שטארבין מענטשין האבין אויף אים גיזאגט ער איז אגרוישער צדיק אונ אז דער חולה איז גיוועזן איין ארומאן האט ער אים גיהיילט פאר זיינע הוצאות דען זייא האבין אויף אים גזאגט עש איז ניט פאר האנדין אזו איין חכם אויף דר וועלט זיין גלייכין אונ דער סוחר האט מיר גיזאגט ער האט גיירשת איין ספר פון זיין פאטער אונ דער ספר איז מיוסד אויף סודות התורה אונ אויף אלע רפואות עס איז אין אים גישטאנען

דיא שפראך וואס בלעם הרשע האט פאר שפראכין איין חולה איז דער חולה פון דעם גיזונד גיווארין אונ ער האט אלץ פועל גיוועזן פון דעם ספר ער האט גיזאגט דאס איז מותר דאס איז אסור אונ ווער עס איז איין ירא שמים אויך האט ער גיזאגט עס איז פאר האנדין אזעלכע רפואות וואס היינגין אן אין דער שפראך פון דעם מויל וואס זייא זיינען מצד הנחש אונ מצד הקסם אונ פון אלע וואס מען טאר זיי ניט טאן במעשה אויך האט ער דארט גפונען אויך אזעלכע קריינק וואס מענטשין ווייסין פון זייא דארף מען אזו זאגין אויף דיא ממונים וואס זיינען דרויף גיזעצט אונ עס איז אונז גיוועזן איין גרוישע תמיה רבי אלעזר מיט דער גאנצער חבורה האבין זיך זייער גיפרייט אונ מיר האבין זיך זייער גיפרייט אונ מיר האבין גילערינט רבי אלעזר זאגט דעם ספר האב איך בייא מיר גיהאלטין צוועלף חדשים אונ האב אין אים גיפונען סודות עליונים אונ אז איך בין גיקומען צוא די סודות וואס בלעם האט גיטאן האב איך מיך זייער פאר וואונדערט אמאל האב איך גישפראכין אויף איין ארט זיינען דיא אותיות ארויף אונ אראפ ביז מען האט מיר גיוויזין אין חלום נאך וואס גיישט דוא ארין אין אזו איין תחום וואס עס גיהער ניט צוא דיר אונ דוא דארפשט דאס ניט האב איך מיך אויף גיחאפט אונ עס האט מיר: באנק גיטאן אויף דיא סודות וואס דארט איז גיוועזן האב איך גישיקט צוא דעם יהודי וואס ער הייסט רבי יוסי ברבי יהודה אונ האב אים אפ גיגעבן זיין ספר אונ צווישין דיא סודות פון בלעם האב איך גיפונען דיא נעמען פון דיא מלאכים וואס בלק האט גישיקט צוא בלעם אבער זייא זיינען ניט מסודר אויף זייער תיקון וויא עס דארף צוא זיין נאר דיא רפואות שטייען דארט מסודר ומיוסד מיט חסידות אונ תפלות ובקשות צוא השי"ת וועשטו ווערין מיינען ער האט גימאכט דיא רפואות מיט שמות וסודות חס ושלום נייערט ער האט גיזאגט סודות פון דער תורה אונ פון דעם סוד האט ער ארויש גיצויגין דיא רפואות דאס איז אזעלכע זאכין וואס איך האב פאר מיין לעבין ניט גיזעהען האב איך גיזאגט גילויבט איז השי"ת וואס ער האט קלוג גימאכט דיא מענטשין מיט דער חכמה עליונה אונ פון דיא זאכין פון בלעם האב איך גיזעהען אז קיינער איז ניט גיוועזן אזו איין חכם בחרשים ובכשפים אזו וויא בלעם האב איך גיזאגט בריך רחמנא וואס ער האט מבטל גיוועזן דעם כישוף פון דער וועלט כדי דיא מענטשן זאלין זיך ניט טועה זיין אין דעם חס ושלום אפ צוא קערן פון יראת השי"ת ויתעלה שמו אמן:

רבי פנחס מיט רבי יצחק מיט רבי חייא זיינען גיזעסין בייא נאכט אונ האבין גילערינט אין דעם פסוק למנצח על שושן עדות מכתם לדוד ללמד וויא זייא זיצין קומט אראפ איין אדלער אונ נעמט איין רויז פון צווישין זייא אונ איז אוועק גיגאנגען זאגין זייא מיר דארפין גיין אונזער וועג זיינען זייא אוועק גיגאנגען וויא עש איז טאג גיווארין הייבט רבי חייא אויף זיינע אויגין אונ זעהט וויא דיא שטערין לויפין הין אונ הער זאגט ער איך האב שוין וויא פיל מאל גיפרע..ט וואש דאס בטייט זאגט רבי פנחס דיא חבריא ווייסין וואול וואש דיא שטערין בווייזין דאש הקב"ה האט בשאפין דיא שטערין קליינע אונ גרוישע אונ זייא אלע לויבין צוא הקב"ה אזו וויא עש שטייט מונה מספר לכוכבים אונ אז עש קומט זייער צייט צוא זאגין שירה רופט זייא הקב"ה בייא זייער נאמען אזו וויא עש שטייט לכולם בשם יקרא אזו טוען זייא לויפין הין אונ הער צו גיין לויבין זייער האר אזו וויא עס שטייט שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה דער ווייל איז רעכט טאג גיווארין זיינען זייא גלייך אוועק גיגאנגען וויא זייא גייען קומט אגרוישער אדלער אונ שטעלט זיך אנידער אונ רינגלט זייא ארום אונ ארום זאגט רבי פנחס בוודאי איז אצונד איין עת רצון דאס אצונד ווערין גיעפינט דיא שערי רחמים צוא אלע קראנקע אונ עס איז דיא צייט פון רפואה צוא זייא דען דער אדלער איז איין סימן פון רחמים צוא זייא ער הייבט אן צוא זאגין כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף עס איז ניט פאר האנדין קיין בעל רחמנות אויף דער וועלט אזו וויא איין אדלער אונ ווייל אצונד איז שעת רחמים דרום איז ער גיקומען צוא אונז אזו וויא עס שטייט ה' בוקר תשמע קולי דען גאנץ פריא איז דיא צייט פון רחמים מקבל זיין דיא תפלות:

תאנא מיר האבין גילערינט דעם טאג וואס רבי שמעון האט גידארפט אוועק גיין פון דער וועלט האבין זיך איין גיזאמילט דיא גאנצע חבריא אונ רבי שמעון האט פאר דער גאנצער חבריא מסדר גיוועזן זיינע רייד אונ פאר אים איז גיוועזן זיין זון רבי אלעזר מיט רבי אבא אונ דיא איבעריגע חבריא אונ דיא שטוב איז גיווארין פול מיט מענטשין האט רבי שמעון אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזעהען וויא דיא שטוב איז פול מיט מענטשין האט ער אן גיהויבין צוא וויינען אונ זאגט איין אנדער מאל אז איך בין קראנק גיווארין אונ רבי פנחס בן יאיר איז גיוועזן פאר מיר אונ איידער איך האב מיר אויס גיקליבין איין ארט אין גן עדן האבין זייא אויף מיר גיווארט אונ אז איך בין צוא ריק גיקומען האט איין פייער ארום גירינגלט פאר מיר אונ עס איז קיין מאל ניט אפ גישייד גיווארין אונ קיין מענטש איז ניט ארין גיגאנגען נאר ברשות אונ היינט זעה איך אז דאס פייער איז ניט דא אונ דיא שטוב איז פול דער ווייל האט רבי שמעון אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזעהען וואס ער האט גיזעהען אונ אפייער האט ארום גירינגלט דאס הויז זיינען אלע ארויס גיגאנגען עס איז נאר גיבליבין זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא מיט דער איבעריגער חבריא זיצין אין דרויסין זאגט רבי שמעון צוא זיין זון רבי אלעזר גייא ארויס אונ זעה אויב רבי יצחק איז דא ווייל איך האב ערב גיוועזן פאר אים אזו וויא אויבן שטייט אין פרשת וילך זאג אים ער זאל מסדר זיין זיינע דברים אונ זאל זיך זעצין בייא מיר וואול צוא זיין חלק שטייט רבי שמעון אויף אונ זעצט זיך אונ לאכט אונ זאגט וואו זיינען דיא חבריא שטייט רבי אלעזר אויף אונ האט ארין גירופין דיא גאנצע חבריא זייא זעצין זיך פאר רבי שמעון ער הייבט אויף זיינע הענט אונ איז מתפלל אונ איז זיך משמח אונ זאגט דיא זעלביגע חבריא וואס זיינען גיוועזן מיט מיר אין יענער אידרא קדישא דיא זאלין אלע זיין דא זיינען אלע ארויס גיגאנגען עס איז נאר גיבליבין זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא ורבי יהודה ורבי יוסי ברבי יעקב ורבי חייא דער ווייל קומט ארין רבי יצחק זאגט רבי שמעון וויא גאר שיין איז דיין חלק וויא פיל שמחה וועט דיר גימערט ווערין דער טאג אונ רבי אבא האט זיך גיזעצט אונטער זיין אקסיל אונ רבי אלעזר פאר אים זאגט רבי שמעון אצונד איז איין עת רצון דרום וויל איך ארין גיין לעולם הבא אן חרפה אונ דיא הייליגע רייד וואס זייא זיינען נאך ניט אנטפלעקט גיווארין ביז אהער וועל איך זיי היינט אנטפלעקין פאר

פאר דער שכינה זיא זאל ניט זאגין אז איך בין אפ גיטאן גיווארין פון דער וועלט בחסרון אונ ביז אהער זייגען אלע מיינע רייד פאר בארגין גיוועזן אין מיין הארץ אבער אצונד וויל איך זייא מגלה זיין מיט דיא סודות צוא גיין לעולם הבא אונ אזו בין איך מסדר צוא אייך רבי אבא זאל אלץ שרייבין וואס איך וועל מגלה זיין אונ רבי אלעזר מיין זון זאל זיך דרינען סיען אונ דיא אנדערע חבריא זאלין נאר טראכטין אין הארצין איז רבי אבא אויף גישטאנען פון אונטער זיין אקסיל אונ רבי אלעזר האט זיך דארטין גיזעצט זאגט רבי שמעון שטייא אויף מיין קינד אויף דעם ארט באדארף אנגדערער צוא זיצין איז רבי אלעזר אויף גישטאנען אונ רבי שמעון איז ארום גינאנגען אונ דער נאך האט ער זיך גיזעצט :

פתח ער הייבט אן לא המתים יהללויה עס איז בודאי אזו ווייל השי"ת איז איין חי אונ ער איז צווישין די חיים אונ ניט צווישין די מתים אונ דער סוף פסוק זאגט ולא כל יורדי דומה אונ ניט דיא רשעים וואס זייגען אין דיא הענט פון דומה אין גיהנם אבער צדיקים הייסין חיים השי"ת באגערט אין זייער כבוד זאגט רבי שמעון וויא גאר איז פאר ענדערט דיא שעה פון דער ערשטער אידרא דען דארטין איז אראפ גיקומען השם יתברך מיט זיין מרכבה אליין אבער אצונד איז השם יתברך גיקומען מיט דיא צדיקים וואס זייגען אין גן עדן וואס דארטין איז דאס ניט גיוועזן אונ השם יתברך באגערט אין דעם כבוד פון צדיקים מיין ווי אין זיין כבוד אזו וויא מיר גפינען בייא ירבעם אז ער האט גידינט עבודת כוכבים אונ האט מקטיר גיוועזן צוא איר האט ער אים גאר ניט גטאן אונ אז ער האט אויש גשטרעקט זיין האנט אנטקעגין דעם נביא איז זיין האנט פאר טריקנט גיווארין אזו וויא עס שטייט ותיבש ידו אונ אצונד בגערט השם יתברך אין דעם כבוד פון דיא צדיקים אונ אלע קומען מיט אים ער זאגט דא איז רב המנונא סבא אונ מיט אים זייגען זיבעציג צדיקים אויש גקריצט אונ אנטפלעקט איטליכער מיט עטרות זייא גיקומען צוא דער שמחה פון דיא סודות וואס ווערט אצונד אנטפלעקט ווערין ווי ער זיצט אזו זאגט ער דא קומט רבי פנחס בן יאיר גרייט אים אן איין ארט דיא חבריא וואס זייגען דארטין גיוועזן ווארין דער שראקין זייגען זייא אויף גישטאנען אונ האבין זיך גזעצט נידריגער אראפ אין שטוב אונ רבי אלעזר מיט רבי אבא זיצן פר רבי שמעון זאגט רבי שמעון אז מיר זייגען גיוועזן אין יענער אידרא האבין אלע גזאגט סודות אונ איך מיט זיי אונ היינט וועל איך אליין זאגן אונ איר אלע הערט צוא מיינע רייד אונ דיא עליונים ותחתונים העלין אויך צוא הערין וואול צוא מיין חלק היינטיגין טאג :

פתח רבי שמעון הייבט אן אני לדודי ועלי תשוקתו אלע מיינע טעג בין איך גיקניפט גיווארין בעולם הזה אונ בין גוועזן מקושר אין הקב"ה מיט איין קשר דרום אצונד אויך ועלי תשוקתו איז זיין גילוסטיקייט אויף מיר דאס ער אונ דיא חברותא הקדושה קומען צוא הערין אין דער שמחה פון דיא דברים סתומים אונ דעם שבח פון הקב"ה וואס ער איז נסתר ונעלם מעיני כל חי דער נאך איז רבי שמעון מפורש דיא מעלות אונ שבח פון הקב"ה דר נאך זאגט ער די רייד וואס איך האב מגלה גיוועזן איז ניט גגעבין גיווארין נאר צוא דיא קדושים עליונים וואס זייא גייען ארין במעשה מרכבה סודות עליונים אונ ווייסין דיא דברים פון הקב"ה אונ קענין זיך פון זייא ניט אפ לימין ולשמאל אזו וויא דער פסוק זאגט כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם וואל צוא דעם מענטשין וואס ער איז זוכה צוא ווישין דיא וועג פון השי"ת אונ קערט ניט אפ פון זייא אונ זאגט גרוישע סודות דער נאך זאגט ער עס איז גלוי וידוע פאר הקב"ה אז איך האב דאס ניט גיטאן פון מיין כבוד וועגין אדער פון מיין פאטערש כבוד וועגין נאר פון וועגין איך זאל ניט אריין גיין בחרפה פאר זיין היכל אונ איך האב גיזעהען אז הקב"ה מיט אלע צדיקים וואס זייגען דא זייגען אלע מסכים מיט מיר דען איך זעה אז אלע זייגען זיך משמח מיט מיין שמחה אזו ווי איין חתונה אונ אלע זייגען אן גבריט לעולם הבא אין מיין שמחה וואל צוא מיין חלק · זאגט רבי אבא אז דיא היילגע ליכט רבי שמעון האט אויש גילאזט דיא דברים האט ער אויף גיהויבין דיא הענט אונ וויינט אונ דער נאך האט ער גילאכט ער האט גיוואלט איין זאך מגלה זיין אונ זאגט אויף דער זאך האב איך מיך מצער גיוועזן כל ימי אונ אצונד וויל מען מיר קיין רשות ניט געבין אז איך זאל דאס מגלה זיין · ער טוט זיך שטארקין אונ האט זיך גיזעצט אונ רעט מיט דיא לעפצין אונ האט זיך גיבוקט דרייא מאל אונ קיין מענטש האט ניט גיקענט זעהען אין זיין ארט מכל שכן אויף אים אליין אונ ער זאגט מויל מויל דוא האסט זוכה גיוועזן צוא דעם אלים דיין קוואל איז ניט פאר טרונקען גיווארין דיין קוואל גייט אויף אונ הערט ניט אויף · אויף דיר איז גיזאגט גיווארין דער פסוק ונהר יוצא מעדן אונ עש שטייט כמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו אצונד בין איך אויף מיר מעיד אז כל ימי וואס איך בין גיוועזן אויף דער וועלט האב איך אלץ גילוסט צוא זעהען דעם טאג דען דער טאג איז גיקריינט גיווארין אונ אצונד באגער איך מגלה זיין דברים פאר הקב"ה דען אלע זייגען גיקריינט אויף מיין קאפ :

אמר רבי שמעון רבי שמעון זאגט כל ימי האב איך מסתכל גיוועזן אין דעם פסוק בה' תתהלל נפשי ישמעו ענוים וישמחו אונ אצונד איז מקוים גיווארין אויף מיר דער פסוק בוודאי דאס מיין נפש טוט לויבין צוא השם יתברך אונ איז אין אים בגריפין אין אים טוט זיא פלאמען אין אים איז זיא באהעפט אונ מיט דעם השתדלות וואס זיא איז משתדל צוא אים ווען זיא עולה זיין אויף איר ארט ישמעו ענוים וישמחו אלע צדיקים אונ זכאין וואס זייגען גיוועזן מיט הקב"ה דיא אלע הערין אונ פרייען זיך אצונד איז דא דיא ישיבה הקדושה אונ דרום שטייט אויך גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדו ער זאגט גרוישע סודות אונ זאגט אלע דיא רייד האב איך אויף גיהאלטין ביז דעם היינטיגין טאג דער מיט צוא גיקריינט ווערין צוא הקב"ה אונ זאגט ווייטער סודות כי שם צוה ה' את הברכה חיים זאגט רבי אבא אז דיא היילגע ליכט רבי שמעון האט נאר אויש גילאזט דאס ווארט חיים זייגען זיינע רייד גישטילט גיווארין אונ איך האב זייא גישריבין אונ ווייטער האב איך שוין ניט גיוואוסט וואס צוא שרייבין האב איך אויף גיהויבין מיין קאפ דען דאס ליכט איז זייער גרויש גיוועזן אונ איך האב גאר ניט גיקענט זעהען אין דעם בין איך זייער דער שראקין גיווארין אונ דער ציטערט גיווארין אונ האב גיהערט איין קול עס האט גיזאגט אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך דער נאך האב איך ווידער גיהערט איין קול וואס האט גיזאגט חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים עולם ועד דעם גאנצין טאג האט זיך ניט אפ גיטאן דאס פייער פון דעם הויז אונ עס

האט

האט קיינער ניט געקענט צוא אים קומען מחמת גרויש ליכטיקייט און פייער וואס איז געוועזן ארום אים דעם גאנצן טאג ביז איך גפאלין אויף דער ערד און האב געשריען דער נאך אז דאס פייער איז אוועק האב איך געזעהן אז דער בוצינא קדישא דיא היילגע ליכט רבי שמעון קודש קדשים איז אפ געטאן געווארין פון דערי וועלט ער איז געלעגין און זיין פנים לייכט מיט גלאנצקייט שטייט אויף זיין זון רבי אלעזר און נעמט זיינע הענט און קושט אים און איך האב געקושט דיא ערד וואס אונטער זיינע פיס דיא חבריא הייבין אן צוא וויינען און האבן ניט געקענט ריידין און רבי אלעזר זיין זון פאלט דרייא מאל און קען ניט עפענען זיין מויל דער נאך הייבט ער אן אבא אבא אצונד פאר וואגלען דיא חיות און דיא פויגלען טוען שוועבין און ווערין איין געטאן ביום הגדול און דיא חבריא טרינקען בלוט שטייט אויף רבי חייא און זאגט ביז אצונד האט דער. בוצינא קדישא אויף אונז משתדל געוועזן און היינט איז ניט קיין צייט נאר מען זאל זיך מיט אים משתדל זיין אין זיין כבוד זייגען אויף געשטאנען רבי אלעזר מיט רבי אבא עס איז געווארין דאס הויז פול מיט געשמאקין ריח זייא האבין אים אויף געבראכט אויף איין מטה און קיינער האט אים ניט משמש געוועזן נייערט רבי אלעזר מיט רבי אבא עס איז געווארין איין וויכוח צווישין דיא שטעט וואס ארום אים איטליכער האט געוואלט ער זאל בייא זייא ליגין און דיא מטה איז ארויש געגאנגען אין דער לופטין און ארום אים האט געפלאמט אגרויש פייער און זייא האבין געהערט איין קול וואס האט געשריען זאמילט אייך איין צוא דער הייל דער נאך איז ווידער ארויש געגאנגען איין קול און האט געשריען דאש איז דער מענטש וואס ער האט געמאכט שטורימען דיא ערד און האט געמאכט ציטערין דיא ממלכות וויא פיל דינים ווערין היינטיגין טאג געשטילט פון וועגין רבי שמעון בן יוחאי וואל צוא זיין חלק למעלה ולמטה כמה אוצרות עליונים וואס זייגען געהיט און פאר בארגין פון זיינט וועגין אויף אים איז געזאגט געווארין דער פסוק ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין:

# פרשת וזאת הברכה

**ויאמר** ה׳ מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן וגו׳ דער פסוק זאגט ה׳ בצאתך משעיר בצעדך משדה אדום ארץ רעשה בשעת הקב״ה האט געוואלט געבין דיא תורה צוא דיא ישראל איז ער פריער געגאנגין צוא דיא בני שעיר זייא זאלין זיא מקבל זיין האבין זייא ניט געוואלט אזו וויא עש שטייט וזרח משעיר למו דער נאך איז ער געגאנגען צוא דיא בני ישמעאל האבין זייא אויך ניט געוואלט דרום שטייט הופיע מהר פארן דאש מיינט מען דיא בני ישמעאל אז זייא האבין שוין אלע ניט געוואלט האט ער זיך אום געקערט צוא דיא ישראל איז דאך דיא קשיא צוא וועלכין נביא פון זייא האט ער זיך באוויזן אויב דוא ווילשט זאגין ער האט זיך צוא זייא אנפלעקט מיר געפינען דאש נאר ניט נייערט ער האט זיך באוויזן צוא דיא ישראל דורך משה רבינו און ווידער איז קשה עש וואלט גדארפט שטיין ה׳ לסיני בא וזרח לשעיר למו הופיע להר פארן דען וואלט דיא טייטש געוועזן ער איז גקומען צוא שעיר און צוא פארן האט ער גווארט ביז רבי שמעון איז גקומען האט ער אים געפרעגט זאגט ער צוא אים אויף דער שאלה איז אזו געזאגט געווארין ה׳ מסיני בא פון דעם בארג סיני איז ער אנפלעקט געווארין אויף זייא וזרח משעיר דורך דעם וואס דיא בני שעיר האבין ניט געוואלט מקבל זיין דיא תורה דורך דעם האט הקב״ה דער לייכט און האט מוסיף געוועזן אויף דיא ישראל דיא היילגע ליכט אזו מיינט מען אויך מהר פארן דרום שטייט מהר שעיר מהר פארן און דאס וואש דוא האשט געפרעגט דורך וועלכין נביא האט ער זיך צוא זייא אנטפלעקט דאס איז אגרוישער סוד און דר נאך זאגט ער ער האט גירופין צוא דעם ס״מ און האט אים געפרעגט אויב ער וויל מקבל זיין דיא תורה ענטפערט ער וואס שטייט אין דער תורה אזו האט אים הקב״ה גיזאגט אלע עשרת הדברות וויא באלד ער האט אים גזאגט עס שטייט לא תרצח ענטפערט ער און הייבט אים אן צוא בעטין און זאגט רבש״ע ווען דוא ווילשט מיר דיא תורה געבין און ווילשט בייא מיר צוא נעמען מיין ממשלה עס וועט פון מיר אלץ בטל ווערין דען מיין ממשלה איז דאך נאר מלחמה האלטין און דער סדר פין איין מלחמה מען זאל הרגנן מענטשין און איך בין מושל איבר דעם כוכב וואס הייסט מאדים און ער האט געוואלט איין רכילות מקטרג זיין אויף דיא ישראל זאגט ער רבונו של עולם אויב עס איז דיר גיחא עס איז פאר האנדין דיא בני יעקב צוא זייא איז ראוי דיא תורה ער האט נאר גימיינט אז דיא ישראל וועלין מקבל זיין דיא תורה וועלין זייא ניט קענען קיין קיום האבין און הקב״ה וועט זייא מעביר זיין פון דער וועלט וועלין זייא קיין שליטה ניט האבן זאגט הקב״ה ווייל דוא ווילשט אין איר ניט האבין קיין חלק דרום שייד זיך אפ פון איר און זייא זיך פון איר גאר מעביר זאגט ער עש געפעלט מיר זיך אפ שיידין פון איר אין גאנצין זאגט ווידער הקב״ה צוא אים ווייל עש איז אזו גיב מיר איין עצה וואס איך זאל טאן צוא דיא בני יעקב זייא זאלין וועלין מקבל זיין דיא תורה זאגט ער רבונו של עולם מען דארף זייא משחד זיין נעם דיא ליכט פון דיא חיילות השמים און גיב זיא צוא זייא דורך דעם וועלין זייא מקבל זיין דיא תורה און מיין ליכט וועל איך געבין צוא דעם ערשטין דער ס״מ האט פון זיך אפ גיצויגין דיא ליכט דאס הייסט דיא קדושה וואש האט בדעקט אויף אים און האט זיא אפ גיגעבין צוא הקדוש ברוך הוא ער זאל זיא געבין צוא דיא ישראל דרום שטייט וזרח משעיר למו ער האט גימאכט צוא דיא ישראל שיינען דיא ליכט פון שעיר דאס איז דער ס״מ אזו וויא עס שטייט ונשא השעיר עליו דער נאך איז ער גיגאנגען צוא דיא בני ישמעאל האט הקדוש ברוך הוא גירופין צוא זיין שר וואס הייסט רה״ב און זאגט צוא אים ווילסטו מקבל זיין דיא תורה זאגט ער וואס שטייט אין איר האט ער אים גיזאגט עש שטייט לא תנאף האט ער גיזאגט וויי וויא צוא מיר הקדוש ברוך הוא וויל צוא מיר מאכין ירשינין דיא בייזע ירושה דען עס וועט ווערין פון מיר אפ גיטאן מיין ממשלה דען איך האב בייא מיר דיא ברכה פון דיא פיש וואס בייא זייא שטייט פרו ורבו אויך שטייט בייא מיר והוא יהיה פרא אדם ער האט אן גיהויבין צוא בעטין פאר הקדוש ברוך הוא און זאגט רבונו של עולם אברהם האט דאך גיהאט צווייא קינדער יצחק מיט ישמעאל גיב דיא תורה צוא דיא בני יצחק זיא איז ראוי צוא זייא זאגט הקדוש ברוך הוא צוא אים איך קען צוא זייא ניט געבין דען דוא בישט דער בכור איז דאך צוא דיר ראוי דיא תורה הייבט ער אן בעטין צוא הקדוש ברוך הוא און זאגט רבונו של עולם

עולם מיין בכורה שיינק איך זייא. און דעם אור וואש איך האב גירשית פון אברהם מחמת מיין בכורה שיינק איך אויך צוא זייא האט השי"ת אזו גיטאן אזו וויא עס שטייט הופיע מהר פארן אזו האט הקדוש ברוך הוא אויך גירופין צוא אלע שרים וממונים איבר אנדרע פעלקער האבין זייא אלע אויך גיענטפערט אז מען זאל דיא תורה געבין צוא דיא ישראל און אלע האבין גיגעבין מתנות צוא דיא ישראל אלין כדי זייא זאלין מרוצה ווערין מקבל זיין דיא תורה עש איז איין משל צוא איין רופא וואס האט גיהאט איין כלי מיט סם חיים ווער עס עסט דער פון בלייבט ער לעבין האט ער דאס גיוואלט געבין צוא זיין זון ער האט אבער גיהאט בייא זיך אין שטוב בייזע קנעכט האט ער מורא גיהאט פאר זייא זייא זאלין זיך אין אים ניט מתקנא זיין וואס ער גיט אים אזו אגרויסע מתנה וועלין זייא אים הרגינין האט ער גינומען אביסיל סם המות און רופט זייני קנעכט און זאגט צוא זייא איר זייט מייני נאמנים בבן וועל איך אייך געבין דיא כלי באהאלטין פרעגין זייא אים וואש איז אין דער כלי זאגט ער אין איר איז סם המות טראכטין זייא זיך ווען ער זאל דאס געבין צוא זיין זון וועט ער בוודאי שטארבין וועלין מיר אין גאנצין ירשינין דאש גוטץ פון דעם בעל הבית זאגין זייא צוא זייער האר דיא כלי איז מער ניט ראוי נאר צוא דיין זון און אויב ער וועט דאס ניט וועלין נעם דאס געלט וואס דוא בישט אונז שולדיג שכירות און גיב אים שוחד כדי ער זאל דיא כלי מקבל זיין אזו אויך דער רופא חכם איז הקדוש ברוך הוא ער האט גיוואוסט אז ער וועט געבין דיא ישראל דיא תורה און וועט דיא ממונים ניט מודיע זיין וועלין דיא ישראל קיין מנוחה ניט האבין דרום האט ער אזו גיטאן און אזו גימאכט אז זייא זאלין נאך געבין מתנות צוא דיא ישראל כדי זייא זאלין מקבל זיין דיא תורה און אלע מתנות האט משה רבינו למעלה צוא גינומען ער זאל זייא געבין צוא דיא ישראל אזו וויא עש שטייט עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם אזו האבין דיא ישראל גירשית דיא תורה אן קריג און אן קטרוג בריך הוא ובריך שמיה לעלם ולעלמי עלמיא קום און זעה דיא מתנות זיינען גיוועזן צירונג צוא דיא ישראל און דרום בשעת מתן תורה האבין זייא גיהאט חירות פון דעם מלאך המות ער מיט דעם צד הטומאה האבין אין זייא ניט שולט גיוועזן און ניט גינוג וואש זייא האבין זיא מקבל גיוועזן אן קטרוג נאר זייא האבין נאך מקבל גיוועזן מתנות און אז זייא האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב איז פון דיא מתנות באדם גאר ניט גיבליבן בייא זייא נייערט דער שבי וואש עש שטייט עלית למרום שבית שבי אז זייא האבין אבער דער נאך ווידער גיזינדיגט שטייט וישמע הכנעני מלך ערד וילחם בישראל וישב ממנו שבי : רבי יוסי זאגט בשעת הקב"ה האט מחזיר גיוועזן דיא תורה און מען האט זיא ניט גיוואלט נעמען האט דיא וועלט גיציטערט און האט זיך גישראקין און האט זיך גיוואלט אום קערין צוא תוהו ובוהו דען הקדוש ברוך הוא האט אתנאי אויש גינומען בשעת בריאת העולם אז מען וועט ניט מקבל זיין דיא תורה וועט דיא וועלט ווידער חרוב ווערין דרום האט זיא גימיינט אז קיינער וועט שוין ניט וועלן מקבל זיין דיא תורה דרום ארץ יראה אבער אז דיא ישראל האבין גיזאגט נעשה ונשמע מיד תיכף איז זיא גישטילט גיווארין דרום שטייט משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה פריער האבין דיא הימיל און ערד מורא גיהאט אבר דער נאך ושקטה איז זיא גישטילט גיווארין :

וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך רבי אלעזר זאגט איטליכער כהן ולוי אידער זייא זיינען גיקומען טאן זייער עבודה האט מען זייא פריער בודק גיוועזן אויב זייא זיינען רעכט בקי אין זייערע דינים און אזו איז אויך גיוועזן בייא דיא סנהדרין וואש זייא האבין בן גיוועזן דינים און אז דיא כהנים זיינען בקי גיוועזן האט מען זייא אריין גילאזט אין בית המקדש צוא טאן דיא עבודה און אז ניט איז ער דער צוא ניט גיקומען אזו וויא דער פסוק זאגט וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך זאגט ער דער נאך ווארום האט אהרן זוכה גיוועזן צוא דיא אורים ותומים און צוא טאן דיא עבודה דרום אשר נסיתו במסה ווייל ער איז גיפרובט גיווארין האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו וגו' און אז ער איז וואול גיפעלין אין דיא מדריגות דען עש שטייט ווייטער יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל ישימו קטורה באפך וגו' ער קען שטיל מאכין דעם רוגז און דעם מדת הדין און שלום מאכין אויף דער וועלט וכליל על מזבחך דאש דער מדת הדין ווערט משותף מיט רחמים אזו ווערין אלע ברכות גיפונען אין אלע עולמות דרום שטייט ווייטער ברך ה' חילו ופועל ידיו תרצה :

וימת שם משה רבי שמעון זאגט משה איז ניט גישטארבין אויב דוא וועשט פרעגין עש שטייט דאך אבער וימת שם משה עש איז אזו בייא אלע צדיקים שטייט נאר דאש ווארט מיתה אנטקעגין אונז זייא ווערין אפ גיטאן פון אונז למטה דען דער וואש איז בשלימות אז דיא אמונה הקדושה היינגט אן אין אים איז בייא אים ניט דא קיין מיתה ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי אתך אני זאגט רבי יהודה ווען עש שטייט כי אתך אני איך בין מיט דיר · לערנען מיר אפ אז ער מוז לעבין וואול צוא דעם חלק וואש דער האר זאגט אים איך בין מיט דיר ניט דוא בישט מיט מיר נייערט איך בין מיט דיר דען זיין הער קומט צוא אים וואונען מיט אים זאגט רבי שמעון רבי יהודה האט רעכט גיזאגט עש שטייט ושב יעקב שקט ושאנן ואין מחריד ושב יעקב ער וועט זיך ווידער קערין למעלה צוא דעם ארט וואו ער איז גינומען גיווארין ושקט בעולם הזה ושאנן בעולם הבא ואין מחריד ער איז ניט דער שראקין גיווארין פאר דעם מלאך המות איז דער פון משמע עש איז דאש אלין גיוועזן בייא אים · זאגט רבי יצחק מען האט דאך אין דער גמרא גידרונגין פון דעם פסוק אז ער איז ניט גישטארבין ווייל עש שטייט ואת זרעך אזו וויא זיינע קינדער לעבין דאך אזו ער איז נאך אויך בחיים ער לעבט נאך · וחיים ושלום עלינו ועל כל ישראל אמן :

סליק ספר דברים